STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11187

KLEOPATRA, ODER, DER KAMPF UM MILLYARDEN

John Paley

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11187-2

9780657111878T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

קְלֶעאָפַּאטְרַא

— אָדער —

דער קאמפף אום דיא מיללִיארדען

— פון —

יאהאן פאליי

1טעם קאפּיטעל. •

פערלאָרענעס גליק.

ארם אין ארם, וויא צוויי קעפּ מיט איין קערפּער וואנדערט א פּאאר דורך דעם שעהנעם פּארק. אין פּארק איז שטיל און דונקעל. פון דיא צווייגען בלאָזט א זיסער ווינטעלע, וועלכער שפּיעלט זיך מיט דיא שעהנע לאָקען פון דער יונגער פּרויענצימער און אין דיא פולע באַקען פון דעם יונגען מאַן.

— מרים דוא ווילסט זיך אומקעהרען?

— יאַ, מיין ליבער, עס איז שפּעט און מיין טאַנטע דארף קיין זאך ניט וויסען.

— נעוויס ניט. וויא דארף זיא דאָס וויסען? איך בין איין ארמער נעשעפּטס מאַן און דוא ביזט דאָך דיא רייכע גרעפין!

— אָה, פראַנץ, וויא לאַנג נאָך ועסט דוא אזוי שלעכט זיין!

דיא יונגע פרויענצימער האָט יעצט פּרובירט ארויסצונעהמען איהר האַנד פון זיין ארם. ער האָט זיא אָבער אָנגעכאַפּט פאר ביידע הענד און האָט זיך געשטעלט גלייך נעגען איהר.

— מרים זאָג, ליעבסט דוא מיך? געדענק מרים, ווען דוא ועסט מיך פערבייטען אויף א צווייטען, וועל איך עס ניט איבערלעבען. זאָג מיר נאָך אמאָל, אז דוא ליעבסט מיך, אז דוא ועסט דיין הערץ און דיין האַנד קיין אַנדערען שענקען!

ער האָט זיא יעצט אָנגעקוקט און זיא האָט געענטפערט מיט א ווארימען בליק. איין עדעלע ריינע ליעבע האָט געשטראַהלט פון איהרע וואונדערבארע, טיעף בלויע אויגען.

— אויב איך האָב דיך ליעב! — איז פון איהרע ראָזע ליפּען נעקומען. — אָה, מיין פראַנץ!

זיא האָט איהרע ווייכע הענד אַרומגעוואָרפען אַרום זיין נאַקען און האָט צוגעדריקט איהר גאָלד בלאָנדען קאָפּ צו זיין ברוסט. ער האָט איינגעבויגען זיין קאָפּ און ביידענס ליפּען האָבען זיך צוזאַמענגעשלאָסען אין אַ לאַנגען, הייסען קוס.

דיא פּאאר פּאָלק, וועלכע מיר האָבען דאָ בעגעגענד האָבען זיך בעקענט ערסט צוריק מיט איינינע וואָכען. זיי האָבען זיך בעגעגענד אין טהעאַטער. ביידע האָבען געהערט דיא געטליכע מוזיק און ביידענס אויגען האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפּען. אַם שלוס פון אַקט איז פראַנץ איהר ענטקעגען געקומען. איהר פּראָגראַם איז אַרויסגעפאַלען פון איהר האַנד און פראַנץ האט עס פאַר איהר אויפגעהויבען. מיט אַ ציטערדיגע האַנד, מיט אַ צומישטען בליק, און מיט געפאַרבטע באַקען, וועלכע האָבען אָנגעזאָגט דעם ערסטען געפיהל פון ליעבע, האָט זיא דעם פּראָגראַם פון איהם צוגענומען.

נאָך דעם האָבען זיי זיך שוין געזעהן עפטער. ביידע האבען געזוכט געלעגענהייטען און ביידע האָבען עס געפונען. ער האט זיך פאַר איהר פאָרגעשטעלט אלס „פראַנץ שטאַנד“ און זיא האָט איהם געגעבען איהר קאַרטע, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען „מרים, גרעפין פאָן מעהרען“. זיא האט איהם באַלד געבעטען ער זאָל זיא עפטער זעהן און ער האָט איהר וואונש ערפילט. דיא צוויי האָבען געפיהלט אז זיי ליעבען איינע דיא אַנדערע און האָבען ענדליך זיך אין ליעבע ערקלערט. היינטע איז שוין ניט דער ערסטער קוס וואָס פאַלט צווישען דיעזען שעהנעם פּאאר.

— און ווען פּאָהרסט דוא נאָך מינכען ? — האט מרים געפרעגט נאכדעם וויא זייערע ליפּען האָבען זיך צושיידעט.

— אום איינס אוהר נאָך האַלבע נאַכט, מיט דעם קוריער צוג.

— מיר וועלען זיך דאָרט באַלד זעהן, אין וועלכען האָטעל ועסט דוא פערפּאָהרען ?

— אין קיין האָטעל, נור אין דעם באַנק געשעפט פון אַרנאָלד מילנער.—האָט ער געענטפערט.

דאָס איז זעלטען ! — האט דיא יונגע דאַמע געזאָגט און האָט זיך אַ ווײַלע פערטראַכט. — האט מען דיך אַהין רעקאָמינדירט ?

— מיט דיעזער שטעלע איז אַ מערקווירדיגע זאַך,—האָט פראַנץ געענטפערט.
— ניט לאַנג צוריק איז געקומען אַ רייכער מאַן און האט מיך געפרעגט אויב איך יויל אַריינטרעטען אין אַ באַנק געשעפט. — איך האב געענטפערט יאַ. ער האָט מיר דאַן ערצעהלט דאָס ער האט געקענט מיין פאָטער און דארום וויל ער מיך פערזאָרגען, און ער האָט מיר געהייסען קומען אין צוויי וואָכען שפּעטער נאָך מינכען

אין ארנאָלד מילנער׳ס באַנק געשעפט. אָבער זאג מיר געליעבטע, ווען קען איך דיך זעהן אין מינבין!

— דאָס ווייס איך נאָך ניט. איך וועל עס דיר שרייבען.

זיא האט איהם יעצט ווידער אָנגעקוקט מיט איהרע שעהנע אויגען. נאָך א קוס, נאָך א וואָרט און נאָך א קוס. ענדליך האָבען זיי זיך צו זעגענד און צו שיידעט.

מרים, גרעפין פאָן מעהרען איז באַלד אריין אין פאַלאסט פון גארטען. איהר טאַנטע, דיא גרעפין סאפיע פאָן גאָלדערן איז געזעסען אין איהר זאַאל ווערענד מרים איז אריין געקומען.

— וויא לאַנג דוא האָסט שפּאַצירט, קינד! — האָט דיא טאַנטע געזאָגט.

— פערצייע, ליעבע טאַנטע! — האט דיא שעהנע מרים מיט א שמייכעל געבעטען. — דרויסען איז יעצט אזוי שעהן!

— מיין קינד, — האָט דיא טאַנטע געזאָגט. — איך וויל מיט דיר ניט ריידען שטום לשון. איך וויל דיר אָפען זאָגען וואָס איך דענק.

— וואָס דענקט איהר ליעבע טאַנטע? — האָט מרים געפרעגט נייגיעריג.

— איך דענק אז דוא ביזט פערליבט!

— טאַנטע!

מרים האט געמאַכט א מינע גלייך וויא זיא וואָלט זיין בעליידיגט, אָבער איהר שטימע האט געציטערט.

— דוא קענסט זיך ניט לייקענען! — האט גרעפין פאָן גאָלדערן געזאָגט פריינדליך — זייט דיא לעצטע צייט ביזט דוא א גאַנץ אַנדערע. אָה שטיל, שטיל קינד! איך פערשטעה שוין אַזעלכע זאכען. איך האָב צו דיר ניט. דוא ביזט אין דיא יאָהרען ווען דוא דאַרפסט ליעבען. אָבער ווער איז דער גליקליכער? דוא געהסט אָבער אין געהיים מיין קינד און דאָס געפעהלט מיר ניט! פערגעס ניט דאס מיין ברודער, דיין פאָטער, וועט מיך האַלטען פעראַנטוואָרטליך ווען... עה, נו, וואָס וויינסט דוא? איך בין זיכער אז גאַנץ שלעכט איז עס דאָך ניט. אויב דיין געליבטער איז קיין גראַף איז ער א שעהנער אָפיצער און דער צו נאָך א הערר „פאָן“, נור אָהן געלד. אָבער וואָס מאַכט דאָס אויס, דיין טאַנטע וועט שוין איבערריידען מיט דעם שטריינגען פאטער און אַלעס וועט זיין וויא געוואונשען.

— אָבער מיין פאטער איז דאך אזוי גוט! — האט מרים געוואָנט צו זאָגען— ער וויל איך זאל זיין גליקליך.

— יא, מרים, דיין פאטער ליעבט דיך גלייך וויא דוא וואלסט געוועזן — —

די גרעפין פאן גאלדערן האט דא פערביסען די ליפען.

— גלייך וויא איך וואלט געווען? וואס מיינען זיא טאנטע דערמיט?

— מיין קינד, מיין ליעבעס קינד. איך האב דיר עטוואס מיטצוטהיילען. איך האב ערשט ערהאלטען א בריעף פון דיין פאטער. אך, איך קען דיר ניט זאגען, איך וועל דיר בעסער פארלעזען וואס אין דעם בריעף שטעהט.

מרים האט געפיהלט גלייך וויא זיא ווערט ערשטיקט.

— וואס זאלען דאס אלעס בעדייטען? וואס פאר א געהיימנים ליענט אין דעם בריעף?

זיא האט אנגעקוקט איהר טאנטע, וועלכע איז צוגעגאנגען צום שרייב־טיש, האט ארויסגענומען א בריעף און האט איהם שטומערהייד איבערגעגעבען צו דער צוטומעלטער מרים.

מרים האט גענומען דעם בריעף און האט איהם אנגעפאנגען לעזען. איהרע אויגען זיינען געווארען שפיציג, איהרע באקען בלייך. זיא האט אבער געלייענט ווייטער און ווייטער, און וואס מעהר זיא האט געלייענט אלץ בלאסער איז זיא געווארען.

ענדליך איז דאס פאפיער ארויסגעפאלען פון איהר האנד און זיא האט גענומען זינקען צום באדען.

— מיין קינד, דוא ווילסט פאלען אין אונמאכט! — האט די אלטע גרעפין ארויסגעשריען און האט זיא צוגעהאלטען.

מרים האט אביסעל געוואנגט, דאן האט זיא געזאגט:

— עס איז שוין אלעס פאראיבער. איך האב ערפאהרען דאס ערגסטע און.... און.... און איך האב עס איבערגעטראגען.

זיא איז יעצט געשטאנען מיט צוזאמענגעפרעסטע ליפען און פערוואלקענדע אויגען. זיא האט אין דיעזער ווילע פיעל, זעהר פיעל פערלארען.

— שטארק דיך מיין קינד! — האט די גרעפין סאפיע פאן גאלדערן געזאגט — ס איז נאך ניט אזוי שלעכט וויא דוא דענקסט. האסט דוא אויך געלעזען וואס דיין פאטער שרייבט...

— מיין פאטער?

— זיי דאך פערנינפטיג. האסט דוא ניט געלעזען וואס ער שרייבט דאס צואוגען — — —

— איך טראג דעם נאמען גרעפין פאן מעהרען מיט אונרעכט! — האט מרים יעצט אויסגעבראכען מיט טרעהרען — איך בין יעצט פיעל ניעדריגער פאר דאס ארמסטע קינד! איך בין א קינד אהן א נאמען, אה, וויא ביטער!....

— אָבער מיין ברודער וויל דיך אדאָפּטירען, מרים!

— און ווען ער זאל עס טהאן? דיעזער נאמען געהערט ניט צו מיר פון געבורט! איך האב קיין נאמען. אה, שיקזאל, שיקזאל! זאגט מיר גוטע גרעפין איז אם וועניגסטען דיא גרעפין געוועזן מיין מוטער? — האט מרים געפרעגט און האט פערבראָכען איהרע הענד.

— דוא מיינסט וואהרשיינליך, מיין ברודערס פערשטאָרבענע ווייב, ניט דיא יעצטיגע? מיין קינד איך ווייס עס ניט!

— און מיין פאטער? ווער וואר ער?

— איך קען דיר לײדער קיין ערקלעהרונג געבען, ליעבע מרים. דוא האסט דאך אליין געלעזען. מעהר ווייס איך אליין אויך ניט. זיי רוהיג מיין ליעבלינג, דיין פאָטער וואס האט דיך ביז יעצט ערצאָגען וויל דיך יעצט אדאָפּטירען.

— אבער וואס פאר א צוזאמענהאנג האט דיא גאנצע געשיכטע מיט זיין מארגעדיגען געבורטס טאג? — האט מרים געפרעגט און טרעהרען האבען געפלויצט פון איהרע אויגען.

— ער ווערט מאָרגען פופציג יאָהר, דאס איז דיא העכסטע צייט צום אדאָפּטירען.

מרים האט יעצט ווידער גענומען דעם בריעף און האט געלעזען וואס זיא האט פריהער ניט געענדיגט:

— „אפט פאלט אויף מיר ארויף א שרעק, דאס איך וועל דעם מאָרגעדיגען טאָג ניט איבערלעבען. וויא שרעקליך וואלט עס געוועזן פאר מרים'ן! מען וואלט פון איהר אלעס צוגענומען, דען מיין פרוי וועט גאנץ זיכער ערפאהרען דיא געהיימנים. עס איז פיעל בעסער מרים זאל אלעס בעצייטענס ערפאהרען. בעוויז דוא, ליעבע שוועסטער, דיין פריינדשאפט צו מיר און ערצעהל איהר אלעס. מארגען נאכמיטאג ערווארט איך אייך ביידען אין מיין הויז. מרים זאל מארגען ערפאהרען דאס איהר אייגענער פאטער האט זיא ניט געקענט ליעבען בעסער וויא איך — —“

מרים האט מעהר ניט געקענט לעזען און אויך דיא אלטע גרעפין האט מעהר ניט געקענט זעהן איהרע לײדען. זיי האבען זיך ביידע צושיידעט. מרים איז אוועק אין איהר שלאָפצימער, און האט זיך געשליידערט אויף איהר בעט. זיא האט איינגעגראָבען איהר געזיכט אין קישען און האט זיך צו־וויינט אויפ'ן קול. איהר גאנצער קערפּער האט געציטערט פון שמערץ.

זיא האט געליטען וויא קיין פערזאן אין דער גאנצער וועלט. פון נעכטען ביז הייטע איז זיא אין איין אנדער וועלט.

זיא איז א יתומה! — — — ניין, ווען זיא וואלט געווען א יתומה וואלט זיא געקענט זוכען טרויסט אויף איהרע עלטערנס קברים. זיא איז אונגליקליכער פון א יתומה. זיא קען ניט איהר פאָטער, זיא קען ניט איהר מוטער. זיא ווייס אויך ניט וויא זייער נאמען איז געווען, און ווייס אויך ניט וויא אזוי זיא זאל עס אויסגעפינען.

פלוצלינ איז געקומען דיא אונגליקליכע נאכריכט צו איהר. פלוצלינג איז זיא ארונטערגעפאלען פון הויכען טראָהן אין טיעפסטען עלענד. אך אונגליקליכע וואס זיא איז! מעהר וויא וויינען קען זיא ניט.

זיא וויינט און וויינט. און וועהרענד זיא וויינט הערט זיא אין דער שטילער נאכט דעם פייפען פון לאקאמאטיוו.... דאס געהט אפ דער קוריער צוג. מיט דיעזען צוג פאהרט פראַנץ נאך מיַכעו זוכען א נייע היים. אה, וויא שנעל אלעס בייט זיך אום! צוריק מיט א פּאאר שטונדען האט פראַנץ געקלאגט אויף דעם וואס ער איז ניעדעריגער פון איהר אין פאמיליען טיטעל. און יעצט? אה, יעצט איז זיא קלענער פון איהם, זיא איז.... זיא איז.... זיא איז.... אה, זיא קען דעם העסליכען ווארט ניט ארויפלאזען אויף איהרע געדאנקען.

— אה,—האט זיא זיך געטראכט— איך בין ארם, איך בין אהן עלטערן, איך בין איהם ניט ווערטה. פראַנץ, פראַנץ, ווען דוא וואלסט וויסען וויא עלענד איך בין....

וועהרענד זיא האט אזוי געוויינט האט דיא גלאקע פון הויז גענומען קלינגען. מרים האט זיך צוגעהערט צום קלאנג. זיא האט דערהערט טריט, דיא טהיר ווערט אויפגעשלאסען, צוגעמאכט, און דאן איז אלעס שטיל. פלוצלונג האט זיא דערהערט א געשריי.

מרים האט גענומען ציטערן וויא א בלאט. זיא האט פערשטאנען אז עטוואס האט געמוזט פאסירען. זיא האט געוואלט לויפען זעהן, נאכפראגען. אבער איידער זיא האט זיך געריהרט האט זיא דערהערט קלעפ אויף איהר טהיר.

— גנעדיגע גרעפין? — האט דיא הויז-האלטערין פון דרויסען געזאגט — דיא גרעפין פאָן גאלדערן פרעגט אויב איהר שלאפט.

מרים האט ניט געענטפערט. זיא האט זיך באלד אויפגעשטעלט און איז אוועקגעלאפען צו דער גרעפין, וועלכע איז ארומגעלאפען איבער איהר צימער מיט פערבראָכענע הענד.

— טאַנטע, וואס האלט איהר אין האנד?.... א טעלעגראַמע?

די‌א אלטע גרעפין האט זיך א ווארף געטהאן אויף מרים׳ס האלז און האט אויסגעשריען מיט געוויין:

— אה, מרים, מיין גוטער ברודער און דיין ליעבער פאטער איז טויט!

קאפיטעל 2.

דער קאמפף פאנגט אן.

עס איז נאכט. אויפ׳ן וואגזאל רוישט יעצט. דער קוריער צוג נאך מינכען דארף אבגעהן.

פראנץ שטאנד געהט ארום איבער׳ן וואקזאל הין און צוריק. ער איז פער־טראכט און בעמערקט ניט דאס אונטער איין זייל שטעהט א פרויענצימער און קוקט איהם אן מיט פייערדיגע אויגען. אפט מאכט דיעזע יונגע פרוי אזא בעוועגונג גלייך וויא זיא וויל אויף איהם ארויפשפרינגען, אבער זיא טוהט עס ניט. איהר שטאלץ און איהר ווילען זיינען שטארקער פון איהר ליידענשאפט.

דער לעצטער סיגנאל איז געגעבען געווארען און פראנץ איז אריין אין זיין וואגאן. באלד וויא דער צוג האט פערלאסען דעם וואגזאל אזוי איז דיא יונגע פרוי־ענצימער אויך אוועק.

דיעזע יונגע פרוי וואר איינפאך געקליידעט און האט אויסגעזעהן וויא איין ארבייטער מיידעל. זיא וואר שטארק אויפגערעגט. זיא איז געפלויגען שנעל דורך׳ן שטאדט און איז פערביי געגאנגען דעם פארק און דעם פאלאסט וואו מרים געפינט זיך יעצט.

— הא! — האט דיעזעס מיידעל אויסגערופען און האט געמאכט מיט איהר האנד צום פענסטער פון פאלאסט. — דארט געפינט זיך דיא אונמענשליכע גרעפין וואס האט פון מיר גערויבט זיין הארץ. איך וועל דיך אמאל בעגעגענען דוא ניפטיגע פרוי. איך וועל זיך מיט דיר רעכענען! —

וועהרענד זיי האט אזוי גערעדט און איז ווייטער געגאנגען האט זיא איבערגע־נומען א מאנספערזאן, וועלכער האט זיא אנגענומען ביין האנד און האט געפרעגט.

— אננא, דאס ביזט דוא?

אננא האט דעם מאן אין דער פינסטערער נאכט ניט ערקענט.

— ווער זייט איהר? — האט זיא איהם געפרעגט.

— איך מיין אז איהר קענט מיך! — האט דער מאן געענטפערט. — ארטהור מענצעל איז מיין נאמען. איך האב אייך דא בעגעגענט, ווייל איך וויל אייך זאגען איהר זאלט מעהר ניט וויינען. איהר קענט גליקליך זיין!

— איהר האט עס מיר שוין אמאל געזאגט. — האט אננא גענטפערט. — איך וויל אבער מיין עהרע ניט פערקויפען.

— איך וויל ניט אייער עהרע. איך וויל אייער ראכע. איך וויל איהר זאלט זיך רעכענען מיט פראנץ שטאנד.

— איך זאל זיך רעכענען מיט איהם? — האט אננא געפרעגט און האט געציטערט. — איך ליעב איהם!

— הא, הא, הא! — האט מענצעל געלאכט. — פראנץ שטאנד האט אייך פערראטהען. אויב איהר האט איהם ווירקליך געליעבט, מוזט איהר איהם יעצט האסען. איהר מוזט אויך האסען דיא פרויענצימער וואס האט איהם פון אייך גערויבט.

— אה, דיעזער גרעפין וואלט איך ערמארדעט? — האט אננא מיט כעס געזאגט.

— ערמארדען איז גראדע ניט נויטהיג. — האט דער מאן איהר געזאגט אין אויער. — אבער פערניכטען, ריכטען צום גרונד. פערפאלגען איהם און זיא, דאס וואלט געווען דיא ראכע פאר דעם בעטרוג.

— וויא קען איך דאס? — האט אננא געפרעגט.

— דורך מיין הילפע!

— וואס זאל איך טאהן?

— איך וויל אייך ערקלעהרען, — האט מענצעל איהר געזאגט אין אויער. — האט איהר געליעבט דיעזען פראנץ שטאנד?

— יא. — האט אננא שטיל גענטפערט?

— וויא אזוי זייט איהר צוזאמענגעקומען? — האט מענצעל געפרעגט און האט זיא אבגעצויגען ווייט פון וועג.

— עס וואר זא. מיין מוטער וואהנט אין זעלבען הויז וואו פראנץ שטאנד האט געוואהנט. איך בין אמאל אוועק טאנצען און האב פערגעסען מיין שליסעל. מיין מוטער איז גראדע געווען פעררייזט. איך בין א לאנגע צייט געשטאנען ביים טהיר, וייל איך האב אויך ניט געהאט דעם שליסעל צום טויער.

— און דאן איז פראנץ אנגעקומען? — האט מענצעל געפרעגט.

— יא.

— ער האט אייך נאטירליך אריינגעלאזען אין הויז. אבער איהר האט דאך ניט געהאט קיין שליסעל צו אייער וואהנונג, וואו האט איהר דיא נאכט פערבראכט? — האט מענצעל פארטגעזעצט צו פרעגען.

אננא האָט געשוויגען.

— נון?

— בּיי איהם! — האָט זיא געענטפערט אזוי שטיל דאָס מען האט קוים געהערט.

— בּיי פראַנץ? אין זיין צימער?

— ער האָט נור איין צימער.

— אה, יעצט קען איך מיר שוין פארשטעלען!...

— הערר מענצעל, איך פּראָטעסטיר.

— אָך, וואס זייט איהר אזוי בּייז, איהר זאָגט דאָך אליין.

— יא, איך בּין אין זיין צימער געוועזן. — האט אננא בּייז געזאָגט. — אָבער דאָס איז אַלעס. גלויבּט איהר דען איך בּין אזא פערדאָרבּענע.

— אָבער וויא האט ער זיך בּענומען?

— זעהר אנשטענדיג, און ווייל ער וואָר אזוי אנשטענדיג און האט מיר קיין מינע ניט געמאַכט דערפאַר האבּ איך זיך אין איהם פערליבּט.

— האָט ער אייך אויך געליעבּט?

— מיר זיינען איינינע מאָל געגאַנגען שפּאַצירען. אָבער פּלוצלונג האט ער אנגעפאַנגען מיך אויסווייכען. אה, איך וויים ער וואָלט געוועזן מיינער, ווען ניט דיא פערפלוכטע גרעפין.

— יא, זיא איז רייך. — האָט מענצעל אריינגערעדט. — איך וויל אָבער אייך אויך רייך מאַכען. ווילט איהר פערדינען א פיערטעל מילליאָן מארק?

אננא איז געבּליעבּען שטעהן. זיא האָט געהערט אזא סומע וועלכע זיא האָט גאָר ניט געקענט בּעגרייפען.

— איך פערשטעהע ניט וואס איהר מיינט? — האָט זיא צו איהם געזאָגט.

— איך וועל אייך ערקלעהרען. — האָט מענצעל געענטפערט און האָט זיך צוגעבּויגען צו ריידען אין איהר אויער: — איהר וועט קריגען א פיערטעל מילליאָן מארק; מיט דיעזען געלד קענט איהר לעבּען גליקליך און קענט אויך קויפען פראַנץ'ס ליעבּע, און ווען איהר ווילט קענט איהר קויפען נאָך א צעהן געליבּטע. און פאר דיעזער גרויסער סומע פאָדער איך פון אייך גאָר נישט, זעהר ווענינ, ניט מעהר וויא צו זאָגען עטוואס עדות.

— אלס עדות פאר'ן געריכט?

— יא.

— און איך זאָל זאָגען א ליעגען?

— יע, יע. ווען איהר ווילט ניט דארף מען ניט! — האט מענצעל געענטפערט.

— זאגט מיר נור וואס זאל איך זאגען, ווענען וואס האנדעלט עס זיך? — האט אננא נייגיעריג געבעטען.

מענצעל האט זיך געשטעלט הארט ביי איהר אויער און האט גערעדט און גערעדט. אננא איז ביסלעכוויים געווארען ערנסטער און ערנסטער. ווען ער האט געענדיגט האט זיא געפרעגט:

— איז עס אמת, דאס דיעזער קלאפ וועט טרעפען אין איהר קאפ, דאס זיא וועט דאדורך געהן צו גרונדע?

— גאנץ געוויס. אייער קלאהרער פערשטאנד דארף דאך אייך זאגען, אז דאס איז דער איינציגער מיטעל און דיא איינציגע געלעגענהייט. דערצו ווערט איהר נאך רייך.

— און ווען מען וועט מיך פרעגען פון וואנען האב איך דאס געלד?

— דאן זאגט איינפאך דיא ווארהייט.

— וויא?

יעצט האט ער ווידער אריינגערעדט איניגע ווערטער אין איהר אויער.

— אבער דאס איז דאך א ליגען? — האט אננא מיט שרעק געפרעגט.

— באה, וואס קימערט עס אייך.

אננא האט א ווייל געשוויגען און האט געטראכט. ענדליך האט זיא געזאגט:

— צופריעדען! עס זאל געשעהן וויא איהר ווילט. איך בין אייערע!

מענצעל האט יעצט אנגענומען איהר האנד און האט איהר אריינגעדריקט איינינע גאלד שטיקער און זייביידע האבען זיך צוזעגענד. אננא איז אוועקגעלאפען איהר וועג און מענצעל זיין וועג.

וויא מענצעל איז געקומען צו זיך אין הויז האט ער אנגעפאנגען צו לויפען איבער'ן צימער און האט זיך געריבען דיא הענד פאר פרייד.

— אה, איך בין זיכער — האט ער גערעדט מיט טריאומף. — איך בין זיכער דאס אננא און אטא וועלען טאהן וואס מען פערלאנגט פון זיי און דיא מיליאנען געהערען מיר! מיר אליין!

— איהר האט א טעות! — האט פלוצלונג איינער אויסגעשריען אין זיינע אויערען.

ערשראקען איז מענצעל אויפגעשפרונגען פון ארט. וועך קען עס צו איהם ריידען? ער האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן וויא פון אונטער דעם פאר-

חאנג געהט ארויס אַ גלח, פון קליינעם וואוקס, מיט אַ געלבליכען, גלאַטען געזיכט, אָהן אַ באָרד און אָהן וואָנצעס.

איינינע סעקונדען האָט גענומען איידער מענצעל איז געקומען צו זיך און האָט געקענט פרעגען:

— ווער זייט איהר? וויא קומט איהר אַהער?

— דאָס איז מיין זאַך. איך בין געקומען צו דער ריכטיגער צייט. — האָט דער גלח געענטפערט. — איהר וועט אַלעס ערפאַהרען. האט נור א ביסעל צייט. יעצט וויל איך מיט אייך נור אַביסעל ריידין וועגען דיא מילליאָנען. הערר מענצעל איהר דאַרפט וויסען דאס איך האַב אַזאַ צוואה, וועלכע איז אַזוי גילטיג וויא אייערע. איך זאָג אייך דאַרום, דאס דיא מיליאָנען געהערען ניט אייך, זיי געהערען צו דער גרעפין מרים פאָן מעהרען און צו פראַנץ שטאַנד, נור אַזוי וויא דיא צוויי חלום׳ן נאָך ניט אַז זיי ערוואַרטעט אַזאַ גרויסער פערמעגען, דאַרום געהערען דיא מיליאָנען ניט צו אייך אַליין.

— זאָנדערן? — האט מענצעל געפרעגט אויפגערעגט.

— זאָנדערן צו אונז ביידען? — האט דער גלח געענטפערט און האָט זיך פערנייגט.

3טעם קאַפיטעל.

אַ געהיימער מאָרד.

אין איינע פון דיא פאַראַדנע מינכענער גאַסען שטעהט א פאַלאַסט. ער איז ניט צו גרויס, אָבער זעהר עלעגאַנט פון דרויסען און פירסטליך בעפוצט פון אינווער־דיג. הינטער דעם פאַלאַסט ציהט זיך א פאַרק. איין טהייל פון פאַרק איז בעפלאַנצט מיט טהייערע פריכטע און בלומען, וועהרענד דער צווייטער טהייל ציהט זיך אוועק ווייט, ווייט ביז דעם אָרט, וואו דיא איזאַר רוישט און שטיפט מיט איהרע שעהנע וועללען.

אין דיעזען פאַלאַסט האט מרים פערבראַכט איהרע קינדערשע יאָהרען. קיינער האט ניט געוואוסט דעם סוד פון איהר אבשטאַמונג, קיינער האט גאר ניט געאהנט דאס איהר אבשטאַמונג איז אַ געהיימנים. צוריק מיט אכטצעהן יאהר איז דער גראַן פאָן מעהרען געקומען פון איטאַליען, וואו ער האט זיך זעהר לאַנג אויפגעהאַלט־ אַליין איז ער נאָך איטאַליען אוועק, אבער צוריק איז ער געקומען מיט אַ ווייב און מיט אַ קינד, וועלכע איז אַלעמען בעקאַנט געוועזן מיט׳ן נאָמען מרים.

איין זאַך איז נור געוועזן אויפפאַלענד. דיא פרוי, וועלכע דער גראַף האט

געבראכט פון איטאליען איז געווען איין עכטע איטאליענערין, וועהרענד דאס קינד מרים איז געווען איין עכטער דייטשער טיפּ. זיא האט ניט אויסגעזעהען עהנליך צו איהר מוטער.

דעם גראף'ס ערסטע פרוי איז געשטאָרבען ווען מרים וואר עטוואס עלטער ווי"א איין יאהר. דער גראף איז דער קליינער מרים געווען א פאָטער און א מוטער, און זיא האט איהם אויך געליעבט וויא א פאטער און א מוטער צוזאמען. ווען מרים איז אויפגעוואקסען איז זיא זעהר אפט געשטאנען פאר איהר מוטערס בילד, אבער איהר איז גאר ניט איינגעפאלען צו בעמערקען, דאס צווישען זיי ביידען גיבט קיין עהנליכקייט. „דאס בילד איז ניט געלונגען". האט דער גראף אמאל געזאגט און דאס איז פאר איהר געווען א גוטע ערקלעהרונג.

דער גראף איז ניט גאנץ לאנג געבליעבען איין אלמן. ער האט געהייראטה איין אלמנה, וועלכע האט איהם באלד געשאנקען א טאָכטער.

אָנפאנגס איז דער גראף געווען גליקליך מיט זיין צווייטע ווייב, אבער שפּע־טער, ליידער צו שפעט, האט ער אויסגעפונען דאס זיין צווייטע ווייב לאָרא איז ניט וואס ער האט ערוואַרטעט, דאס זיא ליעבט ניט זיין מרים וויא ער האט גע־וואלט און האט געהאפט. דאך האט ער געדולדיג פערטראגען, ווייל לאָרא, האט פערשטאנען וויא צו פאנגען זיין הערץ און האט געוואוסט וויא צו האלטען איהם אין איהרע הענד. דער גראף האט אימער גערעכענט דאס זיין צווייטע ווייב ווייס ניט דיא געהיימנים פון מרים'ס געבורט.

הייטע זיינען דיא פאהנען פון דעם גראף'ס פאלאסט אראָבגעלאזען און זיינען איינגעוויקעלט אין שווארצען זייד. אונדייטליכע אונבעשטעטיגטע נייעס האבען זיך איבער'ן שטאדט פערברייטעט. דיא בעריכטע ווארען ניט קלאהר און ניט פער־שטענדליך. יעדען אויגענבליק האט מען געהערט עטוואס אַנדערש, און צעהנדליגע מענשען האבען זיך דארום פערזאמעלט ארום פאלאסט נאכצופרעגען און אויסצוגע־פינען דיא וואהרהייט.

אלס דיא נייגיעריגע זיינען געשטאנען ארום טויער איז צום פאלאסט צוגעלאָ־פען א פאאר געשפאנטע פערד, וועלכע זיינען געקומען פון וואגזאל. דיא פערד זיינען געבליעבען שטעהן פאר דעם טויער פון פאלאסט און א יונגע דאמע איז פון וואָגען ארויסגעשפרונגען. דיא יונגע דאמע וואר שעהן, עלעגאנט, אָבער געבראָכען אין מוטה און אין גייסט. איהר געזיכט וואר בלייך, איהרע אויגען האבען אויסגעזעהן וויא פערשוואלען.

דער טויער האט זיך געעפענט, און דיא יונגע דאמע איז אריינגעלאפען אין

הויף און האט זיך געלאזט לויפען צום פאלאסט. זיא האט באלד ערגרייכט דיא טרעפ און איז מיט שנעלע בעוועגונגען ארויף צום ערסטען עטאזש. אויפ'ן ערסטען עטאזש האט א יונגעס מעדכען זיא איבערגענומען. דיעזעס מיידעל וואר העדוויג, דיא טאָכטער פון גראף'ס צווייטע פרוי, מרים'ס שטיף־שוועסטער. דיא יונגע דאמע, וועלכע איז ערסט אָנגעקומען פון באהנהאָף וואר מרים.

וויא העדוויג האט איהר שטיף־שוועסטער דערזעהן איז זיא געבליעבען שטעהן און האט קיין וואָרט ניט געקענט ריידען. מרים האט אבער ניט געקענט שווייגען. באלד וויא זיא האט דערזעהן דיא ערסטע פערזאָן פון דער פאמיליע איז זיא צו איהר צוגעלאפען און האט געזאגט:

— וואו ליעגט דער.... דער פאטער?

— דוא קענסט איהם ניט זעהן! — האט העדוויג געענטפערט.

— ניט זעהן?.... וואס מיינסטו דוא דערמיט?....

— דוא קענסט איהם ניט זעהן. דיא לייטע פון געריכט און פון דער פאָליציי זיינען יעצט ארום איהם און —

איידער העדוויג האט געענדיגט איז א דיענער ערשינען און האט געזאגט:

— פ־ייליין העדוויג, דער פראָקוראָ האט אייך גערופען.

העדוויגס געזיכט איז געוואָרען בלייך. איהר גאנצער קערפער האט גענומען ציטערן. זיא האט זיך מיט שוועריגקייטען אבגעקעהרט פון איהר שטיפ־שוועסטער און איז אוועק נאך דעם דיענער.

מרים איז געבליעבען שטעהן וויא פערשטיינערט. איהר הערץ האט געהאלטען ביי'ן פלאטצען.

— וואס זאל דאס אלעס בעדייטען? — האט זיא זיך געפרעגט — וואס איז דא געשעהן? איז דען ווענינ דיא קאטאסטראָפע, איז דא פיעללייכט אָבגעשפיעלט געוואָרען א טראגעדיע, וועלכע איך קען ניט פערשטעהן און קען ניט בעגרייפען?

זיא מוז עס אָבער זאָפאָרט וויסען זיא קען אין צווייפעל ניט לעבען. איהר שוועסטער קען זיא יעצט ניט זעהן, איהר שטיפמוטער איז וואהרשיינליך אויך ניט צום שפרעכען. אבער וויסען מוז זיא דאך!

זיא איז אראָפגעלאפען פון דיא טרעפ און האט זיך געלאָזט געהן אין גאָרטען מיט דער האָפנונג צו בעגעגענען א דיענער וועלכער וועט איהר אלעס אויפקלעהרען. זיא איז געגאנגען איבער דיא בייטע און דורך דיא צווייגען, זיא האט קיין זאך ניט געאָכטעט ביז זיא האט בעגעגענט א מאן אין ארבייטער קליידער.

— גריסט אייך גאט גרעפין! — האט דער ארבייטער געזאגט און האט אראפ־גענומען זיין הוט אזוי שנעל וויא ער האט זיא דערזעהן.

— איך זוך אייך קלעמענס! — האט מרים געענטפערט און האט איהם גע־רייכט איהר האנד — איך זוך אייך, איך וויל וויסען וואס איז דא געשעהן. דיעזע נאכט האב איך ערהאלטען דיא שרעקליכע דעפעשע.

קלעמענס דער אלטער גערטנער און דעם גראף׳ס פערטרויטער דיענער האט זיך געווישט דיא אויגען.

— יא, יא, עס איז זעהר שרעקליך! — האט ער געענטפערט מיט א וויי־נענדער שטימע. — האט איהר שוין אייער פאטער געזעהן?

— מען האט מיך צו איהם ניט צוגעלאזען. — האט מרים געענטפערט און האט אויך געוויינט.

— אך גרעפין, דא מוז עטוואס שרעקליכעס זיין! — האט דער דינער אין א שטילען טאן געזאגט. — ווייסט איהר דאס א קאמיסיאן פון געריכט זיטצט שוין איבער זיין קערפער? קומט נור מיט מיר גרעפין, היער קענען מיר ניט ריידען.

דיא צוויי זיינען אריין טיעפער אין פארק.

— פון וואס איז מיין פאטער געשטארבען? האט מרים געפרעגט.

— פון גיפט!

מרים איז באלד געפאלען צו דער ערד. זיא האט אנגעכאפט דעם גערטנערס הענד און האט איהם אנגעקוקט מיט שרעקליכע אויגען.

— פון גיפט? — האט זיא איבערגעפרעגט. — ערצעהלט מיר פריינד. ער־צעהלט מיר אלעס, איך האב א רעכט צו פרעגען.

— איך האב אייך ניט פיעל צו ערצעהלען. — האט דער גערטנער געענטפערט.

— נעסטערען וואר וו... אבער איהר וועט עס פערשווייגען, איהר וועט עס ניט ערצעהלען?

— ווארום?

— ווייל זאגסט קען איך עס אייך ניט זאגען. גיט מיר אייער עהרענווארט, אייער שבועה אז איהר וועט עס קיינעם ניט ערצעהלען.

מרים׳ס נייגיערדע וואר צו גרויס. זיא האט איהם באלד געגעבען איהר הייליג־סטען פערשפרעכען.

— איהר ווייסט דאך אז דער גראף וואר אימער זעהר פריינדליך צו מיר, ער האט מיר אלעס פערטרויט. — האט דער אלטער גערטנער אנגעפאנגען צו ער־צעהלען. — נון געסטערען בין איך געגאנגען צום גראף, אלס איך בין געקומען צום

טהיר האב איך דערהערט א קריעג צווישען דעם גראף און דער גרעפין. זיי האבען זיך שטארק געקריגט, איך האב אבער קייןווארט פון זייער הייסען געשפרעך ניט פערשטאנען. אלס איך בין שפעטער צום גראף אריין האט ער מיך געפרעגט אויב איך האב עטוואס געהערט איך האב געענטפערט דיא ווארהייט. דער גראף האט זיך דאן צו מיר געווענדעט און האט מיך געבעטען דאס עס מעג טרעפען וואס עס איז, איך זאל אלץ שווייגען און ניט ערצעהלען וואס איך האב געהערט. אה גרעפין דא מוז זיין א פורכטבארע געהיימניס, דען אין מיין גאנצען לעבען האב איך דעם גראף ניט געזעהן וויא ער האט נעכטען אויסגעזעהן. ער וואר בלייך, ער וואר צומישט ער וואר אין גאנצען אויסער זיך!

— און ווען איז מיין פאטער געשטארבען? — האט מרים געפרעגט.

— אין דער נאכט. עס וואר אומגעפעהר איינס אוהר, ווען מען האט מיך פון שלאף אויפגעריסען. איך בין באלד געלאפען צום גראף׳ס צימער און דיא גרעפין איז מיר געקומען ענטקעגען. זיא האט געהאלטען א טיכעל ביי דיא אויגען און האט געמאכט א קול וויא מיט א געוויין. ווען איך האב איהר געפרעגט וואס איז געשעהן, האט זיא צו מיר געזאגט:

— קלעמענס טעלעגראפיר זא פארט דער גרעפין פאן גאלדערן דאס איהר ברודער איז געשטארבען. רוף אויך א דאקטאר.

— דאקטאר וואלף? — האט מרים געפרעגט.

— יא. איך וואר ווען ער האט דעם טויטען בעטראכט. איהר ווייסט דאס דאקטאר וואלף איז דער געריכטס דאקטאר.

— און וואס האט ער געזאגט?

— דאס דער גראף איז געשטארבען פון איין אוינאטירליכען טויט און דאס ער איז געצוואונגען צו פערשליסען דעם גראף׳ס צימערען. דיא גרעפין האט פראטעסטירט. זיא האט געוואלט דורכאויס זיטצען ביי דעם טויטען און זיא האט ערקלעהרט דאס זיא גלויבט ניט אין איין אוננארטירליכען טויט אבער דאקטאר וואלף איז געבליעבען ביי זיין בעשלוס, און ניט לאנג צוריק איז אנגעקומען א קאמיסיאן פון געריכט. אה זעהט איהר גרעפין, דארט געהן זיי דיא קאמיסארען. זיי זוכען עטוואס.

און ווירקליך, איינינע שווארץ געקליידעטע העררען זיינען אריין אין גארטען און האבען אונטערזוכט דעם ארט וואו עס האט זיך געפונען דיא פענסטער פון דעם צימער אין וועלכען דער גראף איז געשטארבען.

דיא גרעפין און דער גערטנער זיינען צוגעגאנגען צו דער קאמיסיאן. וויא זיי

זיי האבען דיא גרעפין דערזעהן האבען זיי געצויגען זייער הוט, און איינער פון זיי איז צו דער פרייליין צוגעגאנגען און האט זיך פערנייגט:

— גרעפין פאן מעהרען? — האט ער געפרעגט.

מרים האט זיך פערנייגט.

איך בין דער פראקוראר דאקטאר גייבעל. — האט ער העפליך געזאגט. — דיא אומשטענדען צווינגען אונז ליידער .צו בעלעסטיגען דיעזען טרויעריגען ארט מיט אונזער אמט. זיא וועלען זא גוט זיין און ענטפערען אונז איינינע פראגען, וועלכע איך בין געצוואונגען צו שטעלען.

אין מרים'ס אויגען האט יעצט געבליצט א פייער. נאך האלט מען זיא פאר דער גרעפין פאן מעהרען, און פאר דערפאר דארף זיא אויך דאנקבאר זיין דעם טוידטען וואהלטהעטער

— ווילט איהר מיך פרעגען היער אויפ'ן פרייען פלאץ? — האט זיא געפרעגט.

— יא. איהר דארפט פערשטעהן דאס מיר זיינען אהער געקומען ניט א מזיסט האט איהר שוין געשפ־אבען מיט אייער פאמיליע?

— ניין. מיין שוועסטער האט מיר געזאגט דאס איך קען מיין פאטער יעצט ניט זעהן, און איידער זיא האט מיר עטוואס ערקלערט האט מען זיא אבגערופען צו אייך איך וויים זעהר וועניג וואס דא האט פאסירט, ווייל איך וואר אבוועזענד צוויי מאנאטען.

— דא ליעגט פאר א מארד, א מארד דורך גיפט! — האט דער פראקורא־ געזאגט.

— שרעקליך! — האט מרים אויסגעשריען און האט פערדעקט איהרע אויגען.

— ווייסט איהר פיללייכט ווער וואָרען דעם גראף'ס פיינדע?

— איך וויים ניט

— דענקט איהר פיעללייכט דאס איינער האט געהאט איין אינטערעסע דער גראף זאל שנעל שטארבען?

מרים איז געבליבען שטעהן ביי דיעזער פראגע. איין אנטווארט איז געלעגען אויף איהרע ליפען. זיא האט געטראכט פון דעם בריעף וואס דער גראף האט געשריבען צו זיין שוועסטער. אבער דער אלטער גערטנער האט זיא אנגעקוקט און זיא האט בעשלאסען דאס זיא דארף ניט און דאס זיא זאל ניט ריידען. זיא האט באלד פערשטאנען וואס דא האט זיך אבגעשפיעלט. אבוואהל דאס וואר ניט זיכער גענוג, אבער דאך האט מען עס געקענט רעכענען, און דער געדאנק אליין וואר א

שוידערהאפטער. אָבער וויא זאָל זיא דאס זאָגען? דיא פרוי וועלכע האט געהאט א גרויסע אינטערעסע אין דעם גראף׳ס טויט טראָגט דעם גראף׳ס נאָמען און דיעזער נאָמען איז ביי מרים׳ן הייליג, צו הייליג זיא זאָל איהם לאָזען בעפלעקט ווערען... ניין, ניין, זיא דארף ניט און זיא טאָהר ניט זאָגען וואָס זיא דענקט.

אזוי האט מרים אין זיך געטראַכט און האָט ענדליך געענטפערט:

— איך ווייס ניט!

— הייטע האט בעדארפט זיין דעם גראף׳ס געבורטסטאָג, דענקט איהר דאָס עס וואר איינעם׳ס אינטערעסע דער גראף זאָל דיעזען טאג ניט איבערלעבען? — האט דער פראָקוראָר געפרעגט.

מירם׳ס הערץ איז באלד צערשפרונגען. זיא האט געוואוסט וואס דער געבורטסטאג האָט פאר איהר בעדארפט ברענגען. זיא האט אָבער געענטפערט:

— ניין. איך ווייס ניט פון אזעלכע פערזאָנען.

זיא האָט עס געזאָגט מיט א פעסטער שטימע און אין דיעזען מאָמענט מיט דיעזע ווערטער האט זיא ארויסגערופען איהר אייגענעם אונגליק.

4טעם קאפיטעל.

פ ע ר ה אַ פ ט ע ט.

וועהערעדנ דער פראָקרוראָר האט פערהערט דיא פערצווייפעלטע מרים, האבען דיא אַנדערע העררען פון דער קאָמיסיאָן אונטערזוכט דער גאַנצען גארטען אַרום דעם פענסטער.

— האט איהר עטוואס ענטדעקט? — האט דער פראָקוראָר געפרעגט נאכרעם וויא ער האט געענדיגט צו פערהערען דאָס פריילין.

— ניט פיעל, — האט איינער פון דער קאָמיסיאָן געענטפערט — ניט פיעל, דאָך עטוואָס איז עס.

— אָה, און וואָס איז עס, הערר פאָליציי-ראטה?

— ביי דיעזער וואַנד געפינען זיך אין איינינע ערטער צייכענס וועלכע פיהרען צום שטערבע צימער. היער אונטען אין דער ערד זעהן מיר זיכער פוס-טריט. היער האַרט ביי דעם וואנד זעהט מען וויא דער אַבזאַטץ האט זיך איינגעגראָבען טיעף אין דעם זאַמד, און היער זעהט מען אָבגעפאַלענעם קאַלך. און דאס האבען מיר געפונען אויף דער ערד. — דערביי האט ער איבערגעגעבען איין געוויסען געגענשטאנד.

— דאָס איז אַ וויכטיגע זאַך, דאָך יעצט וויל איך נאָכגעהן נאָך דיא פּוס־טריט. — האט דער פּאָליציי־ראטה ווידער געזאָגט. אויב דער מערדער איז דורך דיעזען וועג אריין אין צימער, דאס קען מען ניט וויסען. יעדענפאלס איז עס קלאָהר דאָס ער האט דעם צימער פערלאסען דורך׳ן פענסטער.

דיא קאָמיסיאָן איז יעצט געגאַנגען מיט דיא פוס־טריט ביז זיי האבען ערדייכט אַ טהיר אין גארטען. דער ערסטער בליק האט בעוויזען דאס אימיצער איז פון דרויסען איבער דיעזער טהיר אריין אין גארטען, וויל דיא אויבערסטע סטאַבעטען ווארען צובראָכען. אין דער ערד ארום טהיר האט מען געזעהן טיפע פוס טריט, וואָס ווייזען, אז איינער איז פון אויבען ארונטערגעשפּרונגען. אויך האט מען דעם שלאָס געפונען איבערגעדרעהט און צוקראַצט.

— ווער האט דעם שליסעל צו דיעזער טהיר? — האט דער פּראָקוראָר דעם גערטנער געפרעגט.

— איך זעלבסט.

— ווער איז דורך דיעזער טהיר צום לעצטען מאָל געגאַנגען?

— דיא גנעדיגע מאַדאַם, דיא גרעפין.

— ווען וואר עס?

— נעסטערען פאר נאכט, אומגעפעהר זעקס אוהר.

— ווען איז זיא צוריקגעקומען?

— אין אַ האלבע שטונדע שפּעטער.

— ווארען דאַן דיעזע טריט?

— ניין.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

— וויל באלד וויא דיא גרעפין איז געקומען האב איך דיא בלומען ווידער ־יעגאָסען און האב אלעס צוריק פערקעהרט און פערגלעט.

— שליסט אויף דיא טהיר! — האט דער פּראָקוראָר בעפאהלען.

— דער גערטנער האט דעם בעפעהל געוואָלט ערפילען, אָבער דער שלאָס ־ואַר פערדאָרבען.

— וואס איז מיט דעם שלאס געשעהן? | האט דער פּראָקוראָר געפרעגט.

— נאָך מיין מיינונג האט איינער געוואלט עפענען דעם שלאָס מיט אַ ־ונגעפאסטען שליסעל, דער שליסעל האט אבער נור געריהרט דיא ערסטע פעדער ־ון האט דאדורך דעם שלאָס פערדאָרבען. — האט דער גערטנער געענטפערט.

— נעהמט אַרונטער דעם שלאָס!

דאס איז באלד געשעהן. דער פראָקוראָר האט דעם שלאָס און דעם שליסעל גענומען צו זיך. אויף זיין בעפעהל איז דער גערטנער פיז־בליבען אין גארטען, וועהרענד ער מיט די איבעריגע פון קאָמיסיאָן האבען געזוכט נייע שפורען.

די פוס־טריט האט זיי געפיהרט ביז דער שמאָלער גאס וואו מען האט געזעהן דעם אָרט וואו פיער רעדער זיינען געשטאנען. עס וואר דייטליך צו זעהן דאס די רעדער האבען זיך היער אָבגעשטעלט און האבען זיך נאכדעם אויסגעדרעהט. אויסער די צייכענס פון די רעדער האט מען אין דעם ווייכען זאמד אויך געזעהן דעם אָרט וואו א לאנגע פיער עקיגע זאך איז געשטאנען. אויף יעדען עק האט מען געזעהן דעם דריק פון דריי קנעפ.

עס וואר קיין ספק, אז אויף דיעזען אָרט איז געשטאנען א קופערט, וועלכער האט געלאזט א ריכטיגען צייכען אויף די ווייכע ערד.

די קאָמיסיאָן האט גענומען א מאָס פון דעם פלאטץ וואס דער קופערט האט פערנומען, אויך פון די ברייט וואס דער וואָגען האט געהאט, און זיי זיינען אוועק ווייטער נאך די שפורען. די שפורען פון די רעדער האבען געפיהרט אין א גלייכער ליניע ביי דעם טייך איזאר און זיי האבען זיך געענדיגט גראדע ביי א האָטעל, וועלכער האט געטראָגען דעם נאמען „גאָלדענער שטערן“.

דער פראָקוראָר האט יעצט פערלאסען די קאמיסיאָן, וועלכע איז אריין אין האָטעל און האט געפרעגט אויף׳ן איינענטימער.

דער איינענטהימער וואר אָבער ניט אנוועזענד.

— ווייזט מיר אייער בוך ? — האט דער פאליציי ראטה געפאָדערט.

— דאס האָט דער ווירטה פערשלאָסען. — האט די קעלנערין געענטפערט.

— איז די ווירטין דאָ ?

— מיין הערר איז ניט פערהייראטהעט,—האט די קעלנערין געענטפערט. — איך פיהר דאָ די ווירטשאפט. איך קאָך, איך באק, איך בעדיען די געסט.

— אָה, זעהר פיעל.

— וואר היער א מאן מיט א קופערט ?

— דאס קען זיין.

— איז ער געקומען צופאהרען אין א וואָגען ?

— יא, יא, איך עראינער מיך. דיעזער מאן איז ביי אונז געבליבען איבער נאכט.

— וואָהנט ער נאָך היער ?

— יא.

— וויא זעהט ער אויס ?

— יונג, געוויקסיג, בלאנדע האאר און בלויע אויגען.

— וויא הייסט ער ?

— דאס ווייס איך ניט ; מיר שיינט אז ער טרעט איין אין א באנק געשעפט.

— פיהרט אונז צו זיין צימער.

— איך קען אבער פון דאנען ניט אוועקגעהן. — האט דיא קעלנערין געענטפערט.

— מיר זיינען פון דער פאליציי און איך בעפעהל עס ! — האט דער פאליציי־ראטה געזאגט.

— גוט, גוט, איך וועל אייך פיהרען.

— וויא הייסט איהר ? — האט דער פאליציי ראטה געפרעגט.

— פעפי ! — האט דיא קעלנערין געענטפערט מיט א חנ׳דעלע.

זיי זיינען אלע ארויף אין אויבערסטען צימער. גלייך ביין אריינגאנג האט דער פאליציי־ראטה דערזעהן א גרויען לעדערנעם קופערט. ער האט דעם קופערט געמאסטען, און עס שטימט מיט דעם אבדרוק אין דעם זאמד. אויך דיא קנעפ ווארען דיעזעלבע גרויס. אין דיעזען אויגענבליק איז דער ווירטה ארויפגעקומען.

— וויא הייסט דער מאן, וועלכער בעוואהנט דיעזען צימער ? — האט דער פאליציי־ראטה געפרעגט.

— פראנץ שטאנד. — האט דער האטעל בעזיצער געענטפערט.

— וואו איז ער יעצט ?

— אין באנק געשעפט. ער זאגט אז ער איז דארט אנגעשטעלט.

— וויא הייסט דער באנק געשעפט ?

— ארנאלד מילנער. איך קען דיעזען מילנער און דארום געדענק איך דעם נאמען. אבער ווארום פרעגט איהר עס דען ?

— וועט פראנץ שטאנד אהער ווידער קומען ?

— געוויס, ער האט דעם צימער גענומען אויף אכט טאג.

— איז דאס זיין קופערט?

— נאטירליך.

— קענט איהר פיעללייכט דעם קוטשער וואס האט דיעזען גאסט צו אייך געבראכט ?

— עס וואר א דראשקע. איך קען דעם קוטשער זעהר גוט. זיין נאמען איז טרונאט, אה, ער מאכט היער אפט א שנעפסעל.

— האט דער קוטשער עטוואס ערצעהלט ?

— פון וואס? — האט דער האָטעל בעזיצער נעפרעגט.

— פון גאסט.

— ניין. ער האט מיר קיין זאך ערצעהלט.

— וועלכען נומער האט דיא דראָשקע?

— נומער צוויי הונדערט זיבעצהן.

דער פאָליציייר־אטה האט דעם האָטעל בעזיצער נאך אייניגע פראגען געשטעלט און איז מיט דער קאָמיסיאָן אוועק. דעם קופערט האט ער מיטגענומען, און ביי'ן טהיר פון האָטעל האט ער געלאָזט שטעהן א פאָליציי בעאַמטען.

באלד וויא דער פאָליציי־ראטה איז געקומען אין זיין סטאציאָן האט ער צו זיך געלאָזט רופען דעם קוטשער טרוגאָט, פון נומער 217. טרוגאָט האט ערצעהלט דאס אום צעהן אוהר אבענדס האט איהם א יונגער הערר בעדונגען ער זאָל מיט איהם פאָהרען פון וואָקזאל.

— וואוהין זאָלט איהר פאָהרען? — האט דער פאָליציי־ראטה נעפרעגט.

— נאך דער שמאָלער גאס, וועלכע געהט פערביי דעם גראף'ס גארטען.

— ווייסט איהר וויא דיעזער הערר האט אויסגעזעהן?

— ער וואר יונג, געוויקסיג, בלאָנד און מיט בלויע אויגען.

— פיעללייכט איז עס דיעזער הערר? — דערביי האט דער פאָליציי־ראטה געוויזען א בילד וועלכען ער האט געפונען אין קופערט.

— דער אלטער טרוגאָט האט דאס בילד בעטראכט און האט געענטפערט:

— יא דאס איז דערזעלבער. ער איז עס, ער איז עס מיט דיא ביינער.

— וואו האט זיך דער וואגען אבגעשטעלט?

— אויף דער שמאָלער גאס.

דער קוטשער האט דאָ אבגעמאָלט דעם אָרט וואו ער איז געבליבען שטעהן. דאס וואר דער זעלבער אָרט וואו דיא שפורען זיינען ענטדעקט געוואָרען. דאן האט ער ערצעהלט, דאס דער יונגער מאן איז אראָפּ פון וואָגען און האט זיך ערגעץ וואו געזאמט, אומגעפעהר א האלבע שטונדע. נאך דער האלבער שטונדע איז ער צוריק געקומען און האט געהייסען פאהרען צום „גאָלדענעם שטערן".

— האט דער מאן געהאט א קופערט? — האט דער פאָליציי־ראטה געפרעגט.

— יא.

— וויא האט ער אויסגעזעהן?

— האט איהר געזעהן אויב ער האט דעם קופערט מיטגענומען אלס ער איז פון וואגען ארויס.

— ניין.

— האט איהר געזעהן ווען ער האט דעם קופערט אריינגענומען אין האטעל?

— ניין.

— האט איהר איהם נאָ... עהאלפען ארויס קריכען פון וואָגען.

— איך האב עס געוואָלט, אָבער ער האט מיך אריינגעשיקט אין שענק און האט מיר געהייסען טרינקען אויף זיין רעכענונג.

דער קוטשער איז יעצט ענטלאסען געוואָרען און דער פּאָליצײ-ראַטה איז באַלד ווידער אוועק פערהערען דיא גרעפין פאָן מעהרען.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט דאס פון דעם ערמאָרדעטענס צימער פעהלט א דונקעלער קופערט, און א געוויסע סומע געלד און פערשיעדענע פּאַפּירען און גאָלד שטיקער, וועלכע האָבען צוזאמען בעטראָפען דיא סומע פון פופציג טויזענד מארק.

דער ערמאָרדערטער האט אימער געפיהרט א בוך איבער זיין געלד אויך איבער דעם נומער פון דיא פּאַפּירען געלד, און דארום וואר עס ניט שווער צו וויסען וויא פיעל געלד עס פעהלט און אויך וועלכעס געלד דאָרט פעהלט.

דער פּאָליצײ-ראַטה האט דעם קופערט גענומען צו דער גרעפין און האט איהר געפרעגט אויב ער איז איהר מאַן'ס. דיא אלמנה האט געענטפערט אז דאס איז ניט דער קופערט.

— אין דער צייט ווען דיא פערהאנדלונג איז פאָרגעגאַנגען האט א זשאנדאר זיך געמאָלדען צום פּאָליצײ-ראַטה.

— וואס פאַר א נייעס האט איהר געבראַכט? — האט דער פּאָליצײ-ראַטה געפרעגט.

— מען האט אין איזאר געפונען א קופערט.

— האט איהר איהם אהער געבראַכט?

אנשטאט איין אנטוואָרט איז דער זשאנדאר ארויס און איז באַלד צוריק גע-קומען מיט א קופערט.

— וואו האט מען איהם געפונען?

— ניט ווייט פון דיעזען פּאַלאסט.

— גרעפין, ערקענט איהר דיעזען קופערט?

דיא גרעפין האט געוואָרפען א בליק אויף דעם קופערט, דאַן האט זיא פערדעקט איהרע אויגען מיט איהר זיידענע טוך און האט גזואָגט שלוכצענדיג:

— יא. איך ערקען איהם. עס איז מיין מאַן׳ס קופערט.

דער פּאָליציי ראַטה האט פּרובירט מעסטען דיזען קופערט און זיין מאָס האט אויך געשטימט מיט דעם אָבדרוק וואס מען האט געפונען אין זאמד.

— גנעדיגע פרוי. — האט ער געזאָגט, אַלס דיא גרעפין איז געקומען צו זיך. — דאס געגנב׳טע געלד האבען מיר שוין געפונען, און צוואָר אין יענעם קופערט, וועלכען מיר האבען צוגענומען פון האָטעל. עס איז יעצט קיין צווייפעל אז דער רויבער, וועלכער איז אויך אַ מערדער האט דאס געלד אריינגעלעגט אין זיין קופער, וועהרענד דיזען האט ער אריינגעוואָרפען אין איזאר. קענט איהר דיזען יונגען מאַן?

דערביי האט ער איהר געצייגט דאָס בילד, וועלכען ער האט פריהער געצייגט דעם קוטשער.

— ניין. איך קען איהם ניט!

— דאַן ערלויבט מיר איך זאָל עס פרעגען ביי אייער טאָכטער.

העדוויג און מרים זיינען ערשיינען. העדוויג האט דאס בילד ניט ערקענט. אָבער מרים האט אַ לאַנגע ווײלע געקוקט אויף דאָס בילד. איהר גאַנצער קערפּער האט געציטערט, איהר געזיכט איז געוואָרען בלאַסער פון טויט און פון איהר הערצען האט זיך ארויסגעריסען א געשריי. זיא האט דאס בילד געקענט!

5טעם קאַפּיטעל.

היימאַטהס־לאָז.

מרים איז געזעסען איינע אליין אין איהר צימער. עס וואר שוין אבענד אין דרויסען. דיא נאַטור אין דרויסען וואר וואָלקענדיג און חשך׳דיג וויא אין הערצען פון דער אונגליקליכער מרים. פון דעם אוינענבליק וואס זיא האט געזעהן דאס בילד פון איהר פאָטער׳ס מערדער האט זיא ניט געוואוסט אויב זיא טרוימט אדער זיא איז וואך. וויא איז דאס אלעס מעגליך? וואס פאר א קייט פון אונגליק האט עס זיך צוזאמענגעשלאסען דאס דער שיקזאל האט זיך אין איין צייט אויסגעגאָסען אויף איהר און אויף איהר געליעבטען? דער פּאָליציי־ראַטה האט איהר אויפגעפאָדערט צו זאָגען דעם נאָמען פון דעם וואָס זיין בילד האט זיא אזוי ערשראָקען און דאַן האט ער איהר דערצעהלט דאס פראַנץ שטאַנד איז אויף שטארקע בעווייזע פער־דעכטיגט אין דעם מאָרד, און דאס מען האט אויך אין זיין קופער געפונען דאס גערויבטע געלד. דיעזע אנקינדיגונג איז פאר איהר געוועזען וויא אַ דאנערשלאג. זיא האט דאס אלעס נאר ניט געקענט בעגרייפען.

אלעס זיא איז אזוי געזעסען איז איהר שטיפשוועסטער העדוויג אריין אין איהר צימער.

— מאמא ווינשט מיט דיר צו ריידען — האט העדוויג גאנץ קאלט געזאגט און האט זיך צוריק געווענדעט צום טהיר. מרים האט זיא אבער צוריקגעהאלטען.

— העדוויג, — האט זיא געזאגט מיט א ציטערענדער שטימע — איך ווייס דאס מיר זיינען קיין מאל ניט געוועזן דיא פריינדינען, וועלכע שוועסטער דארפען זיין. און.... דאס וואר אויך נאטירליך.... אבער דאך בעט איך דיך.... ערצעהל מיר פון פאטער׳ס טוידט.

העדוויג איז אנפאנגס בלאס געווארען. דאך באלד האט זיא זיך געשטארקט און אין א רוהיגען טאן האט זיא געזאגט:

— רייד ניט פון פאטער. זיין טוידט וועט ניט געשוויעגען ווערען. און דוא.... דוא קענסט דאך דעם מערדער!

מרים האט דיא לעצטע ווערטער מעהר ניט געענפערט. העדוויג האט דעם צימער שנעל פערלאסען. א קליינע ווייל איז מרים געבליעבען שטעהען וויא א פערשלאגענע, דאן איז זיא אוועק צו דער גרעפין, וועלכע איז געזעסען אליין אין זאאל.

— זעץ דיך מרים, — האט דיא גרעפין געזאגט אין א טאן וועלכען זיא האט געוואלט מאכען זעהר וויך — איך האב דיך געשיקט רופען אום דיר עטוואס וויכטיגעס מיטצוטהיילען. דיין פאטער, אדער ריכטיגער געזאגט, דער מאן, וועלכען דוא האסט גערופען פאטער.

מרים האט זיך האסטיג אויפגעשטעלט און איז צוגעגאנגען צו דער גרעפין.

— מאדאם! — האט זיא געזאגט — איך ווייס שוין אלעס.

— דאס דער גראף איז ניט דיין פאטער?

— איך ווייס עס?

— זייט ווען?

— זייט נעכטען.

— אה, איך פערשטעה, פון וואנען דוא ווייסט עס! עס טהוט מיר לייד דאס איך מוז ריידען שלעכטעס נעגען גראף, אבער ער האט מיך אויף דאס שענדליכסטע בעטראגען, און מיר שיינט, דאס זיין שוועסטער, גרעפין גאלדערן האט דיעזען בעטרוג אונטערשטיצט!

מרים׳ס אויגען האבען געבליצט. איהר בוזים האט זיך בעוועגט שטארקער. דיא בלייכע ליפען האבען געציטערט. זיא האט געוואלט ריידען אבער דיא געוואלטיגע אויפרעגונג האט עס ניט דערלאזען. ענדליך האט זיא געשטאמעלט:

— גרעפין, ווארום בעליידיגט איהר מיין וואהלטהעער? איז עס נאך ניט גענוג װאס ער...... איז ערמארדעט?!

פון דער גרעפינ׳ס געזיכט איז דאס בלוט אנטלאָפען. זיא האט זיך קוים גע האלטען אויף איהר שטוהל, אָבער דאס האט ניט זעהר לאנג אָנגעהאלטען. אין איינינע סעקונדען איז זיא געוואָרען ווידער שטאָלץ, ווידער ענטשלאָסען.

— עס איז ניט פאר דיר צו ווערען דיא פערטהיידיגערין פון מיין מאן! — האט דיא גרעפין מיט פעראכטונג געזאָגט — איך האב געהערט זעהר זעלטענע זאכען. דער מערדער פראנץ שטאנד קומט פון אויסבורג, און צווישען אייך איז א גאנצע ליעבע! יא, יא, ווען אין דיינע אָדערן וואָלט געפליסט דאס בלוט פון גראף פאן מעהרען וואלט עס אנדערש געווען, אָבער א ממזר......

מרים איז פערציטערט געוואָרען. זיא איז שיער ניט געפאלען אונטער דעם לאסט פון דער שאנדע. זיא האט געעפענט איהר מויל און האט געוואלט שליידערן א שרעקליכע אנקלאגע אין דער גרעפינ׳ס געזיכט. זיא האט זיך אבער טראַינערט אויף דעם אלטען גערטנער, און אויף דעם גוטען, עדלען טוידטען גראף, וועלכער האט גאנץ הייליג פערלאנגט דאס דיעזעס זאל בלייבען א געהיים און דארום האט זיא געשוויעגען. זיא האט געשוויעגען מיט פערביסענע ליפען און א פערוואונדעטעם הערץ.

— גרעפין, איהר האט רעכט! — האט זיא ענדליך געזאגט — איך בין א קינד אהן א נאָמען. איך האב אין דיעזען הויז ניט וואס צו טהאן.

— דוא ווילסט אוועקגעהן?

— איך מוז!

— דאן קען איך דיך ניט האלטען. קיין טעסטאמענט איז ניט געבליעבען. מיין מאן האט וועהרענד זיין לעבען אויף דיר פערבראכט גרויסע סומען. ער האט דיר געגעבען איין ערציהונג, וועלכער האט געקאסט א פערמעגען, און דיעזע ערציהונג האט דיך פערזיכערט מיט ברויט. א יונגעס און דערצו קיין העסליכע מיידעל געפינט שוין איהר ברויט, ווען זיא וויל נור ארבייטען. דוא האסט צירונג וועלכע זיינען ווערטה טויזענדע, מיין מאן האט אזעלכע ציהרונג אונזער כשר קינד ניט געגעבען.

— העדוויג קען דיעזע ציערונג האבען. איך נעהם קיין זאך ניט מיט, אויסער וואס איך האב אונבעדינגט נויטהיג.

דיא גרעפין האט געזעהן, אז דא קען זיא ניט פערליערען צו זיין פריינדליך.

— ניין, ניין דאס האב איך ניט געמיינט. האלט אלעס וואס געהערט צו דיר דערמיט קענסט דוא זיך זיכערען פון נויט. איך גלויב דאס מיין שוועגערין וועט דיר אויך עטוואָס שטיצע געבען.

— גענוג גרעפין, איך נעהם קיין אונטערשטיצונג!

— דאס איז זעהר שעהן געזאגט! מערקווירדיג, וואס ניעדעריגער דער מענש איז, אלס שטאָלצער און פרעכער איז ער! אנשטאט מיר צו דאנקען, ענטפערט זיא מיר מיט אזא שטאָלץ! אָה, ווען מיין מאן וואלט יעצט געלעבט, וויא גערן וואלט איך איהם פערצייעט פאר דעם אונרעכט וואס ער האט דיך ערצויגען, און האט דיך גענעהרט און געקליידעט! עס איז דאך הימעל שרייענד דאס א ממזר זאל אזוי לאנג גערעכענט ווערען פאר מיין קינד'ס שוועסטער. גרויסער גאט, ווארום האסט דוא פון מיר צוגענומען מיין מאן, איך וואָלט דאך יעצט גאנץ אנדערש געהאנדעלט!

וועהרענד דיא גרעפין האט אזוי גערעדט און האט זיך געמאבט ווייגענדיג איז מרים צוגעגאנגען צום טיהר.

— דוא געהסט אוועק?

— יא, גרעפין. איך פערלאסע דיעזע הויז, לעבט וואחל.

— נאך הייטע? אין מיטען נאכט? בלייב דאך ביז מאָרגען.

— ניין, איך געה הייטע.

— און וואוהין?

— איך געה זוכען דעם מערדער פון מיין ערציהער. פראנץ שטאנד איז ניט דער מערדער, דאס זאג איך נאך אמאל. לעבט וואל, גרעפין.

מרים איז גלייך ארויס פון זאאל, איז שנעל אוועק אין איהר צימער, אוו האט צוזאמענגעלעגט גאנץ נויטהיגע זאכען, אָבער וועלכע האָבען קיין ווערטה ניט געהאט. זיא האָט געוואָרפין איהר לעצטען בליק אויף דעם צימער וואו זיא האט פערבראכט אזוי פיעל גליקליכע יאָהרען און איז באלד אוועק צום צימער וואו עס איז געלעגען דיא לייכע פון דעם מאן, וועלכען זיא האט גערופען פאטער.

זיא האט געמוזט געהן פאָרביי דעם צימער, אין וועלכען דער גראף האט געפונען זיין טויט. א שוידער איז דורכגעלאָפען איהר קערפער ווען זיא האט דערזעהן דעם רויטען זיגעל פון דער פאָליציי אויף'ן טהיר. הינטער דיעזער טהיר איז דער פערברעכען געשעהן, דאָרט האט דער גראף אויסגעהויכט זיין אטהעם פון דעם שרעקליכען גיפט.

דער צימער אין וועלכען דער טויטער קערפער איז געלעגען וואר הארט צום צימער וואו דער מאָרד איז געשעהן, אָבער קיין טהיר האט דיא צוויי צימער פערבונדען. מרים איז אין דעם צימער אריין און איז געגאנגען צום אָרט וואו דער טויטער איז געלעגען. זיינע אויגען און זיין מויל ווארען בעדעקט מיט ווייסע בלעטער און אין זיינע הענד, וועלכע ווארען פערלעגט אויף זיין ברוסט האבען געשטעקט איינינע פאַר בלומען, וועלכע דער גערטנער האט געבראכט.

פרים'ס אויגען ווארען פייכט, טרעהרען נאך טרעהרען האבען זיך געקייקעלט ווי פערעל איבער איהרע באקען, וועהרענד איהר טרויעריגער בליק איז געפאלען אויף'ן טויטענס געזיכט. זיא האט פאר איהם געזונקען אויף דיא קניע און האט איינגעגראבען איהר געזיכט אין זיין בעט. שטארקער און שטארקער איז געווארען איהר געוויין און פון שמערץ און אונגליק האט זיא געשטאמעלט:

— מיין פאטער! מיין גוטער איינציגער פריינד, אה, וואס האסט דוא זיי געטאהן וואס זיי האבען דיך טרמארדעט! — וויא האסט דוא מיך אימער געליבט! וויא האסט דוא נאך געסטערען, ווען דיא פורכט פאר'ן טויט האט דיין זעלע נעקוועלט, געזארגט פאר מיר. יעצט ביזט דוא פון מיר אוועק, פון מיר דיין מרים וועלכע דוא האסט אזוי געליבט. אה פאטער, פאטער!

איינינע שטונדען זיינען אזוי אוועק און זיא איז אלץ געשטאנען אויף דיא קניע און האט געוויינט פאר דעם טויטען קערפער. דאס געוויין האט געבראכט ערלייכטערונג אין איהר הערצען און דארום האט זיא ניט געוואוסט ווען זיא זאל אויפהערען צו וויינען.

אין דרויסען וואר שטארק פינסטער און נור צייטענווייס איז דיא נאכט בעלויכטען געווארען פון א בליטץ. גאנץ ווייט האט געמוזט זיין א שטורם, דען קיין דאנער האט מען ניט געהערט.

דער זייגער פון דער קירכע האט מיט לייכטע קלעפ אנגעקינדיגט דיא 12טע שטונדע. איין נייער טאג איז אנגעקומען. מרים האט יעצט גענומען אבשיעד פון איהר וואהלטהעטער.

— רוהע זאנפט! רוה אין פרידען, — האט זיא געמורמעלט און האט גע־מאכט א שריט צום טהיר. אבער איידער זיא האט נאך דיא טהיר עררייכט האט זיא דערהערט א גערויש. דער גערויש איז געקומען פון דער וואנד, נעבען וועלכער דער גראף איז געלעגען מיט'ן געזיכט. דער גערויש האט זיא ערשראקען. זיא האט געוואלט אויסשרייען, אבער דיא שרעק האט פערשטיקט איהר שטימע. זיא האט זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט און האט ניט געקענט בעוועגען איהר צונג. עטוואס אונגעהויערעס איז איהר פארגעקומען.

מיט שטארע אויגען האט מרים געקוקט אויף דער וואנד, וואו עס איז גע־שטאנען א גרויסער הילצענער שראנק. דער גרויש אין וואנד, וואו דער שראנק איז געשטאנען איז געווארען לויטער און שטארקער און ענדליך האט זיא דערזעהן וויא דיא טהיר פון שראנק האט זיך געעפענט און דאס געשטאלט פון א פרויענצימער האט זיך בעוויעזען.

וויא איינע וואס וויל זיך בעהאלטען פון א געפאהר איז מרים געבליעבען שטעהן אונטער דיא פאלמען, וועלכע זיינען אריינגעשטעלט געווארען אין צימער און מיט שרעק און אוננעהויערער ערוואַרטונג האט זיא געהיט יעדע בעוועגונג פון דיעזער מערקווירדיגער ערשיינונג.

דאס געשטאַלט איז ענדליך ארויס פון שראַנק. עס וואר א פּרויענצימער וועלכע איז אַמאָל געוועזן זעהר שעהן, נור יעצט איז איהר געזיכט צורונצעלט פון פיעלע ליידען.

וויא מיט אונזיכטבּארע פליגלען האט דיעזע פרויענצימער געשוועבּט צום אָרט וואו דער טויטער איז געלעגען, ענדליך האט זיא זיך צום טויטען צו געבויגען, איהרע ליפּען האבען געמורמעלט ווערטער וועלכע מרים האט ניט פערשטאַנען און דאן האט זיא צוגעפּרעסט א קוס צום טויטענס שטערן.

— רוהע זאנפט, מיין איינציגער! — האט געקלונגען אין מרים׳ס אויערען אזוי זיס דאס מרים האט געמיינט אז זיא הערט דיא שטימע פון הימלישע געטער. דיא געהיימע פרוי האט נאך אַמאָל געקוסט דעם טויטען און איז באַלד אוועק צוריק צום שראַנק אזוי שטיל און אזוי שנעל וויא זיא איז געקומען.

מרים האט געזעהן וויא דיא געהיימע פרוי האט געעפענט דיא טהיר פון שראַנק, איז אין איהם אריין, דאן האט וויעדער גערוישט אין וואנד אייניגע סעקונ־דען און ענדליך איז אלעס וויעדער געוואָרען שטיל.

— וואס פאר א געהיימניס געהט דא פאָר? — האט מרים זיך געפרעגט און האט נאָך אלץ געקוקט אויפ׳ן שראַנק. דיא פרוי איז פאר איהר גאנץ אונבעקאנט און עס איז קיין צווייפעל דאס קיינער אין הויז האט דיעזע פרוי געקענט.

אבער ווער איז דיעזע פרוי? וואס פאר א פערבינדונג האט זיא מיט דעם גראף?

דיעזע געדאנקען האבען איהר קאָפּ צושפּאַלטען. באַלד אבער האט זיא זיך ערא‌ינערט איהר אייגענע לאַגע און איהר לעצטען בעשלוס צו פערלאַסען דיעזען הויז.

זיא מוז זאָפאָרט געהן. לענגער קען זיא דא ניט בלייבען. זיא האט דער גרע־פין געזאָגט דאס זיא וויל ניט ווארטען ביז מאָרגען, און איהר וואָרט מוז זיא האַלטען. אבער וואוהין זאל זיא געהן?

דיעזע פראגע האט זיא זיך יעצט צום ערסטען מאָל געשטעלט און האט אליין אויך ניט געוואוסט וואוהין צו געהן. זיא האט אָבער געמוזט אַוועקגעהן פון דעם הויז, וואו מען האט זיא נאך נעכטען בעטראכט אלס גרעפין און הייטע האט מען זיא גערופען ממזר, און מען האט איהר אָנגעבאָטען נדבות וויא א בעטלערין,

וויא א פרעמדער. זיא מוז אויך געהן אום אויפצוזוכען דעם מערדער פון איהר ער־ציהער און אום צו בעווייזען דאס איהר געליעבטער איז אונשולדיג.

נאך א בליק האט זיא געוואָרפען אויפ׳ן טוידטען. נאך א טרעהר האט זיא איבער זיין קערפּער פערגאסען און איז ארויס פון הויז.

דער שטורם איז דערווייל געקומען. בליצען האבען געצוקט איבער׳ן גאנצען הימעל, דאנערען האט געקראכט וויא הארמאטען און א שלאגס רעגען איז געפאלען פון הימעל. מרים האט דאס אלעס ניט געאכטעט. זיא האט אָנגעשטעלט איהר רעגען־שירם און איז געלאָפען צום טויער. ערסט ווען זיא איז געקומען צום טויער האט זיא זיך עראינערט, אז ער איז פערשלאָסען.

— קלעמענס האט דעם שליסעל, ער וועט מיר עפענען, — האט זיא זיך געקלעהרט.

איידער זיא האט זיך אומגעווענדעט צו געהן זוכען דעם גערטנער האט זיא דערהערט שריט און האט דערזעהן דיא געשטאלט פון א מאן.

— גנעדיגעס פריילייז? — האט דער מאן געזאגט.

א בליץ האָט בעלויכטען זיין געזיכט און מרים האט אין איהם דערקענט דעם העררן ראדאָוו, דער הויז־פערוואלטער, וועלכער איז אויף זיין פּאסטען, זייט דער גראף האט געהייראטהעט זיין צווייטער פרוי.

א זעלטענע־ר געפיהל איז אריינגעפאלען אין מרים׳ס הערץ. זיא האט דיעזען מאן זעהר אָפט געזעהן, אבער הייטע האט ער איהר געוויעזען א געוויסע עהנליכקייט וועלכע האט אָנגעפילט איהר הארץ מיט שרעק און האס.

אבער יעצט וואר ניט דיא צייט דערפון צו דענקען, יעצט מוז זיא זאָפארט ארויסגעהען אין דער אָפענער וועלט.

— ביטע עפענט מיר דיא טהיר, הערר ראדאָוו, — האט זיא צו איהם געזאגט.

— איהר ווילט אוועקגעהען אין דיעזען וועטער? — האט דער הויז־פערוואלטער מיט איין ערשראָקענעם טאָן געפרעגט.

— יא.

— ווילט איהר געהן צו פוס, אָדער איהר בעפעהלט צו שפּאנען דיא פערד?

— איהר האלט מיך איין אומזיסט, — האט מרים איהם אונטערבראָכען — ביטע עפענט מיר דיא טהיר.

— איך מוז טהאן וואס איהר פערלאנגט. — האט ראדאָוו מיט א זיפץ געענטפערט.

ווען מרים וואלט יעצט געקענט זעהן זיין געזיכט, וואָלט זיא באלד בעמערקט

דיא טייפעלשע פריידע אין זיין הערצען. ראדאָוו האט געעפענט דיא טהיר, און באלד חיא מרים איז ארויס האט ער זיא צוריק פערשלאָסען.

אויפ'ן צווייטען זייט טהיר איז מרים געבליעבען שטעהן. וואוהין זאל זיא זיך ווענדען? האט זיא זיך אליין נעפרעגט.

— אָה גאָטט געסטערען וואר איך נאָך א רייכע גרעפין און הייטע בין איך אָהן א היים און א נאמען.

טרעהרען האבען זיך געגאָסען פון איהרע אויגען, און מינוטען לאַנג איז זיא געשטאַנען און האט ניט געוואוסט וואוהין זיא זאָל זיך קעהרען. זיא האט אויפ־געהערט צו וויינען, וויל זיא האט געמוזט האבען איהרע גדאנקען צו בעשליסען פאר זיך א וועג.

ענדליך האט זיא בעשלאָסען צו פאָהרען צוריק צו דער גרעפין פאן גאלדערן. דיעזע גרעפין איז זאָגאר ניט מעהר איהר טאַנטע, זיא איז יעצט צו איהר א גאַנץ פרעמדע, אָבער דאך, דיא אַלטע גרעפין פאן גאלדערן איז א גוטע פרוי. נאָך נעכטען האט זיא זיי גערופען מיין קינד און מיין ליבלינג, און ווען מרים האט זיך מיט איהר געזעגענד אום צו פאהרען נאך מינכען, האט יענע אַלטע גרעפין געזאָגט:

— פערצווייפעל ניט מיין קינד. ווען דוא קענסט מעהר ניט זיין, דיא טאָכטער פון מיין ברודער ביזט דוא דאך ניט פערלאסען, דען איך מרים בלייב דיר דאס זעלבע וואס איך בין צו דיר געווען און זאָגאר נאָך מיין טויט......

ביי דיעזע ווערטער האט זיך דיא גרעפין צו־וויינט. מרים האט זיך יעצט עראינערט און האט גענומען האָפען אויף דער פרוי.

און יעצט האט זיך מרים אויך עראינערט דאס דיא אַלטע גרעפין דארף קומען מיט דעם שפעטען אבענד צוג, צו נעהמען אבשיעד פון איהר טויטען ברודער.

דער קוריער צוג קומט אָן אום צוויי אוהר. יעצט איז ערסט איינס. מרים האט זיך בעשלאָסען צו געהן צום וואָקזאל און דאָרט צו ערוואַרטען דיא גרעפין סאָפיא פאָן גאָלדערן.

מרים האט זיך געלאָזט געהן צום וואָקזאל. איהרע גדאנקען האבען זיך געמישט. זיא האט בעשלאָסען זיא זאָל פון דער גרעפין קיינע אומזיסטע נדבות ניט אננעהמען. זיא זאָל איהר ברויט פערדינען דורך ארבייט. זיא וויל נור האבען דיער גרעפינס פריינדשאפט, דער גרעפינס ראטה.

איהרע גדאנקען זיינען אויך איבערגעגאנגען צו איהר געליבטען. וואס טוהט ער יעצט? איז ער שוין פערהאפטעט, אָדער פיעללייכט האט ער פרהיצייטיג

ערפאהרען דיא געפאהר און ער האט זיך גערעטעט דערמיט, וואס ער איז אנטלאָפען?

שווער זעהר שווער ווארען איהרע געדאנקען. זיא האט ניט בעמערקט דאס זיא איז שוין נאָהענט צום באהנהאָף.

פלוצלונג האט זיא פאר זיך דערזעהן א גרויסע מענגע מענשען וועלכע לויפען אהין און צוריק. זיא הערט וויא פיעלע פון זיי זיפצען, קרעכטצען און וויינען.

זיא האט אויפגעהויבען איהרע אויגען און האט זיך דערזעהן ביי'ן באהנהאָף. וואס זאל אָבער דיעזע אויפרעגונג בעדייטען?

מיט א קלאפּעדיגעם הערץ איז מרים אריין אין באהנהאָף און איז צוגעגאנגען צו א בעאמטען, מיט דער פראגע:

— מיין העדר, איהר וועט אזוי —

— איך האב גאָר קיין צייט! — האט דער בעאמטער געענטפערט און האט געוואלט אוועקגעהן.

— נור איין פראגע, — האט מרים געזאגט און האט דעם בעאמטען צוגעהאלטען.

— נו?

— איז דער קוריער צוג שוין אנגעקומען?

— פון אויסבורג?

— יא.

דער בעאמטער האט אויף מרים'ן געוואָרפען א שטארקען בליק. ער האט יעצט דערזעהן, אז ער האט פאר זיך א פאָרנעהמע דאמע.

— ערווארט איהר יעמאנדען מיט דעם קוריער צוג, גנעדיגעס פריילין? — האט ער געפרעגט.

— יא, איך ערווארט א דאמע.

דער בעאמטער איז געבליעבען אין פערלעגענהייט. עס האט געשיינט, אז איהם פעהלט דער רעכטער וואָרט. ענדליך האט ער געזאגט:

— ערשרעקט אייך נים. עס איז איין גרויסעס אונגליק געשעהן.

— איין אונגליק? — האט מרים ערשראָקען אויסגערופען -- אום גאָטעס ווילע זאגט מיר וואס איז געשעהן.

— א צוזאמענשטויס. דער קוריער צוג האט זיך צוזאמענגעשטאָסען מיט א פראכט־צוג. פיעלע זיינען פעראונגליקט געוואָרען.

— וואו איז עס געשעהן?

— אין פאסינ.

— און ווען קומט אָן דער צוג?

— באלד. מיר האבען געשיקט א לאָקאָמאָטיוו מיט הילפע. דער סיגנאל איז שוין דא באלד וועט ער אנקומען.

און ווירקליך באלד איז דער באהן אָנגעקומען. דער בעאמטער האט מירם'ן פערלאסען, און מרים איז געבליבען שטעהן מיט שטארע אויגען.

דער צוג האט זיך אָבגעשטעלט און מרים איז געלאָפען זעהן די פאסאזשירען. קרעכצען און יאמער-געשרייען האט געקלונגען אין איהרע אויערען.

מרים האָט געוואָלט צולויפען צו די וואגאָנען אום צו זעהן אויב די גרעפין פאָן גאלדערן איז אָנגעקומען. די פאָליצייי האט אָבער אָבגעשלאָסען דעם וועג און האט קיינעם ניט צוגעלאָזען ביז מען האט אראפגעטראגען די פערוואונדעטע אין גרויסען זאאל, וועלכער איז פערוואנדעלט געוואָרען אין א לאזארעט (האָספיטאָל).

אין איינינע מינוטען שפעטער האט מען איהר ערלויבט אריינצוגעהן צו די פערוואונדעטע. ביי'ן טהיר האט מען זיא אָבגעשטעלט און מען האט זיא געפרעגט וועד זיא איז.

— גרעפין פאָן מעהרען, — האט זיא געענטפערט, אָבער גלייך וויא זיא האט דעם נאָמען ארויסגערעדט אזוי האט עס איהר געקלונגען אין די אויערן, דאס זיא זאָגט א ליעגען.

— וועמען זוכט איהר? — האט דער בעאמטער געפרעגט.

— די גרעפין פאָן גאלדערן.

— פון אויסבורג?

— יא.

— זיא איז דא ניטא.

— זאָ איז זיא ניט פערוואונדעט? — האט מרים געפרעגט און שרעק און האָפנונג האבען זיך געמישט אין איהר הערצען.

— דאס קען איך אייך ניט זאָגען. פיעלע פאסאזשירען האבען געמוזט בלייבען אין פאסינ. באלד וועט קומען א צווייטער צוג מיט די גערעטעטע. פיעללייכט קומט די גרעפין מיט יענעם צוג.

א האלבע שטונדע איז פאָראיבער ביז דער צווייטער צוג איז אָנגעקומען. זעהר וועניג פאסאזשירען זיינען פון דיעזען צוג ארויס. גרעפין פאָן גאלדערן איז צווישען די געפעהרליך פערוואונדעטע.

— וואס זאל זיא יעצט אנפאנגען צו טהאן?

זיא וואָלט יעצט געלאָפען נאך אויסבורג אבער דער ערסטער צוג געהט אָפּ אום זעקס אוהר פריה, אום 7 אוהר קומט ערסט דער צוג נאך אויסבורג. זאל זיא גאנצע פינף שטונדען ווארטען אום צו ערפאהרען דעם שיקזאל פון איהר איינציגער בעשיצערין? ניין, דאס איז צולאנג, זיא האט בעשלאָסען צו דעפּעשירען.

דער טעלעגראַפיסט איז געווען פאָלשטענדיג בעלאַנערט. מרים האט זיך ניט געקענט דורכשפּארען דיא גרויסע מאסע פון פאָלק. זיא האט געמוזט ווארטען ביז דיא רייהע וועט צו איהר קומען.

ווען דיא רייהע איז צו איהר געקומען האט זיא אבגעשיקט צוויי דעפּעשען. איינע צום סטאנציאנס בעאַמטען פון פאסיג און דיא צווייטע צו פראַנציסקאַ, דיא קאַמער־דיענערין פון דער גרעפין. איןביידע דעפּעשען האט זיא געבעטען מען זאָל איהר צוריק דעפּעשירען אין דעם מינכענער באהן־האָף.

פורכט און האפענונג האבען געקעמפּפט אין איהר זעעלע דיא גאנצע צייט וואס זיא האט געווארט אויפ'ן אנטוואָרט. לאַנג זעהר לאַנג וואר פאר איהר דיא צייט. ענדליך זיינען דיא אנטוואָרטען געקומען.

האסטיג האט מרים דיא טעלעגראַמען אויפגעעפענט.

„דיא גרעפין איז ערסט געבראכט געוואָרען.—פראַנציסקאַ“.

מרים'ס האַנד האט געציטערט. דיא גרעפין שווער פערוואונדעט אָדער.. דיעזע דעפּעשע קען ביידע זאכען בעדייטען און מיט ציטערענדע פינגער האט זיא אויפגעבראָכען דיא צווייטע.

— „פרוי פאָן גאלדערן איז טויד. אָבגעשיקט נאך אויסבורג. סטאציאָנס בעאַמטער“.

אזוי האט זיך געלעזען דיא צווייטע דעפּעשע און מרים'ן האט אויסגעזעהן וויא אַ גאנצער בארג איז ארויפגעפאלען אויף איהר הארצען.

— טוידט! — האט זיא געמורמעלט און האט געשווידערט וויא אין אַ פיעבער — טוידט!

6טעס קאַפּיטעל.

פאר דעם אונטערזוכונגס־ריכטער (סליעדאָוואַטעל).

מיט אַ בלייכער געזיכט, דיא אויגען צו דער ערד און דיא רעכטע האַנד ביי דער ברוסט שטעהט פראַנץ שטאַנד פאר'ן אונטערזוכונגס־ריכטער, וועלכער קוקט איהם דורך מיט שפּיציגע אויגען.

— ווילט איהר ניט מודה זיין, פראַנץ שטאַנד? איהר מוזט דאך אליין צוגעבען דאס אלע בעווייזע זיינען געגען אייך.

פראַנץ האט געזיפצט.

— און אויף דיעזע גרינדע קענט איהר מיך פעראורטהיילען ? — האט ער פער־צווייפעלט געפרעגט.

דער אונטערזוכונגס ריכטער, האט געצויגען דיא אַקסלען.

— דאס בלייבט פאר דיא געשוואָרענע, וועלכע וועלען קירצליך צוזאמענקומען. פריהער פון אלעם האַנדעלט זיך וועגען דעם, וואס איהר זאָגט דאס איהר זייט דא־מאלס אין שטאָדט ניט געוועןץ דער גראַף איז ערמאָרדעט געוואָרען צווישען עלף און צוועלף. וואו זייט איהר דיעזע גאנצע צ״יט געוועןֹ ?

— אין אויסבורג.

— מען האט אייך אָבער געזעהן אין מינכען ?

— דאס איז ניט וואהר. דאס קען ניט וואהר זיין, — האט פראַנץ אויסגעשריען.

— איהר ווייסט, אַז דער קוטשער האט אייך ערקענט אלס דעם זעלבען פּאסאַזשיר, וואס האט אייך געבראכט נאך צעהן אוהר פון באהן ביז צום גראַף׳ס שלאָס. אויסער איהם האבען זיך נאך איינינע צייגען געמאלדען. מען וועט זיי אייך שטעלען אויג אין אויג.

— און דאך איז עס ניט וואַהר. אלעס איז לוג און טרוג. איך שווער דאס איך וואַר צו דיעזער צייט אין אויסבורג.

— גראַדע דיעזע בעהויפּטונג פערשטאַרקט דעם פערדאַכט, — האט דער אונ־טערזוכונגס ריכטער אין א שאַרפען טאָן געענטפערט — אויב איהר זייט אונשולדיג אין דעם מאָרד דאַרפט איהר ניט לייקענע דאס אין דער צייט וואס דער מאָרד איז געשעהן זייט איהר שוין געוועזן אין מינכען.

— אום איינס אוהר מיט דעם קוריער צוג.

— איהר האט נעכטען פריה געוואָלט אַננעהמען אייער שטעלע ?

— יאָ.

— האט איהר בעוויזע דאס איהר זייט מיט דעם קוריער־צוג געפאָהרען. קענט איהר עס בעווייזען ?

פראַנץ האט זעהר שווער געאַטהעמט.

ער האט עס געקענט בעווייזען מיט זיין געליעבטער מרים, אָבער דאס האט איהם זיין הערץ ניט ערלויבט. ער האט ניט געקאָנט פערראַטהען איהר הייליגע ליעבע צו איהם און ארויסגעבען דער וועלט דעם סוד פון זייערע הערצער. דערצו האט ער גערכט דאס מרים׳ס בעשטעטיגונג וועט איהם ווייניג העלפען. ער האט דאך איהר נור געזאגט דאס ער וועט פאָהרען מיט דעם קוריער צוג. זיא האט דאך אָבער ניט

געקענט שווערען פון איינענער ערפאהרונג דאס ער איז ווירקליך מיט יענעם צוג געפאהרען.

— נון? — האט דער אונטערזוכונגס ריכטער געפרעגט.

— איך האב קיינע בעווייזע, — האב ער שטיל געענטפערט.

— און דאך בלייבט איהר ביי אייערע בעהויפטונגען?

— יא.

— זייט איהר פערפאהרען אין האטעל „גאלדענער שטערן“?

— ניין.

— וואס דען האט איהר געטהאן?

— איך בין אריין אין „מאקסעמיליאן קאפע“ און בין דארט פערבליעבען.

— וויא לאנג?

— ביי זעקס אוהר.

— זייט איהר ניט געוועזן מיעד?

— איך וואר זעהר אויפגערעגט.

— פון וואס? — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער שארף געפרעגט.

דער געפאנגענער איז געווארען בלייך. ער האט נעפיהלט דאס ער האט נענעבען איין אנטווארט, וועלכער קען פאר איהם זיין געפעהרליך. גאנץ לאנגזאם האט ער געענטפערט.

— פאר מיר וואר אלעס נאך פרעמד, נאך איבערראשענד, דיא נייע שטעלע און דיא נייע פערהעלטניסע אין וועלכע איך דארף איינטרעטען.

— זא, זייט איהר דיא גאנצע צייט אין קאפע־הויז געוועזן וואך?

— יא.

— וואס האט איהר שפעטער נעטהאן?

— אום זעקס אוהר בין איך אוועק אין באהנהאף און האב אין וואש־צימער מיך ארומגעוואשען.

— ווען האט איהר אייער נייע שטעלע בעטראטען?

— אום אכט אוהר.

— פון באהנהאף ביז מיהלנערס באנק האט מען נור איין פערטעל שטונדע צוגעהן, וואו האט איהר דיא גאנצע צייט פערבראכט?

— איך האב שפאצירט איבער'ן שטאדט.

— דער עלטסטער פון באנק זאגט, דאס דעם גאנצען טאג זייט איהר זעהר אונרוהיג נעוועזן. ניט איהר דאס צו?

— יא.

— און איהר בעהויפּטעט דאָס איהר זייט אין „גאָלדענעם שטערען" ניט געווען.

— יא.

— איהר האָט זיך דאָרט ניט אָנגעמעלדעט אויף אכט טאָג? איהר האָט דעם איינגענטהימער ניט געזאָגט דאס איהר טרעט איין אין מיהלנערס באַנק?

— ניין.

— וויא ערקלערט איהר אבער, דאס וועהרענד דעם מאָרד זייט איהר געווען אין מינכען און אין אויסבורג?

— איך האָב קיין ערקלערונג. — האָט ער געענטפערט מיט א זיפץ. — איך קען נור אימער זאָגען, דאס אין דער צייט וואס דער מאָרד איז געשעהן בין איך אין מינכען ניט געווען.

— איהר האָט דיעזען קופערט אלס אייער איינענטהום אנערקענט, בלייבט איהר דערביי, אָדער דאס וואר איין אירטהום?

— ניין. דער קופערט געהערט מיר.

— איהר אליין האָט איהם געבראכט אין „גאָלדענעם שטערן?"

— דאָס איז ניט וואהר.

— זאָנדערען?

דער געפאנגענער האָט פערצווייפעלט גענומען קוקען ארום זיך ער האָט געפיהלט וויא דער נעטץ דרעהט זיך אלץ פעסטער און פעסטער ארום איהם און ער האָט קיין וועג, קיין פערשטאנד, וויא אזוי ער זאָל ערקלערען דיעזען שרעקליכען רעטזעל.

— וויא אזוי איז אייער קופערט געקומען אין האָטעל?

— איך וויים עס ניט. מען האָט איהם פון מיר געגנב'ט.

— אָה! — האָט דער אונטערזוכונגס-ריכטער געשמייכעלט. — געוויס וועהרענד איהר זייט געזעסען אין קאַפע מאַקסימיליאן?

— ניין אין אויסבורג, איך וויים אליין ניט דיא ריכטיגע צייט. ערסט צוריק מיט איינינע טעג האָב איך בעמערקט דאס דער קופערט פעהלט מיר.

— און וואו האַלט איהר אייערע זאַכען?

— אין אויסבורג, ביי מיין ווירטהין. זיי זיינען פערפּאַקט, און זיינען יעצט אָהן א צווייפעל אויפ'ן וועג.

— וואר אייער קופערט, ווען מען האָט איהם געגנב'ט, א לעדיגער?

— ניין, ער וואר אנגעפאקט.

— וואר דארט אייער פאטאגראפיע ?

— עס קען זיין.

— אבער אין אייער קופערט האטמען געפונען א גרויסע סומע געלד, ביינאהע פונפציג טויזענד מארק.

— איך וייס ניט דערפון.

— עס איז דאסזעלבע געלד וואס איז גערויבט געווארען פון גראף פאן מעהרען. ווילט איהר נאך אלץ לייקענען ?

פראנץ האט ניט געענטפערט. אין זיין קאפף האט זיך אלעס געדרעהט, ער האט זיך געפיהלט נאהענט צום וואהנזין. דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט געבלעטערט אין דיא פאפיערען וואס ווארען אויפ'ן טיש און האט געמאכט פערשיעדענע נאטיצען.

— איהר זייט געוועזן ביי עמיל וואלטערס אין אויסבורג ? וואלטערס האט אין אפאטהעקע ? איהר האט אהן צווייפעל אויסשטודירט דיא פערשיעדענע גיפטען.

— יא. — האט פראנץ געענטפערט.

— איהר האט גאנץ בעזאנדערע פלייסיגקייטען געוויעזען צו דיעזען שטודיום ?

— דאס איז וואהר.

— אייער פריהעריגער ווירטה איז הייטע פריה פערהערט געווארען אין אויסבורג. ער האט ערצעהלט, דאס איהר האט זעהר אפט געמאכט עקספערימענטע מיט דיא גיפט פון פפלאנצען. איהר האט אמאל פערגיפטעט א קאטץ מיט קורארע. ווארום האט איהר עס געטאהן ?

— אויס ליעבע צו דער וויסענשאפט. איך האב געוואלט זעהן וואס פאר א ווירקונג דיעזער גיפט האט.

— איהר זייט קיין פריינד פון לעבעדיגע בעשעפענישע ?

— יענע קאטץ וואר קראנק, מען האט זיא זא וויא זא בעדארפט טויטען.

— האט איהר נאך אזעלכע פראבעס געמאכט ?

— יא. אויף געהאפטע מייז.

— איהר האט אויך שטודירט ספעציעל ביכער איבער דיא ווירקונג פון קורארע ?

— יא.

— ווארען דיא גיפט אין דער אפאטהעקע פערשלאסען ?

— ניין.

— זאָ האָט איהר געקענט געהמען גיפט ווען איהר האָט געוואָלט. ווען האָט איהר צום לעצטען מאל גענומען קוראַרע צו זיך?

— דאס געדענק איך ניט.

— עראינערט אייך נאָר. פיעללייכט איידער איהר זייט אָבגעפאָהרען נאָך מינכען?

פראַנץ האָט זיך ערשראָקען. וועלכען צוועק האָט דער ריכטער מיט דיעזע פראַגען? ביז יעצט איז ער נור פערדעכטיגט געוואָרען אין רויב. איז דאָס מעגליך דאס זיין ליעבע צו דער וויסענשאפט ווענען גיפט זאָל מען יעצט בענוצען צו מאכען איהם פאר א מערדער?

— נעגען וואס פרעגט איהר דאס? — האט ער דעם אונטערזוכונגס־ריכטער געפרעגט.

— דער גראַף פון מעהרען איז געשטאָרבען פון קוראַרע גיפט. — האט דער ריכטער לאַנגזאם געענטפערט, אבער דער געפאַנגענער האט געפיהלט וויא זיין גאַנ־צעם בלוט ווערט קאַלט.

— האָט איהר ביי זיך געהאַט קוראַרע גיפט ווען איהר האָט אויסבורג פער־לאַסען? — האָט דער ריכטער ווידער געפרעגט.

— ניין.

— זאָגט איהר דיא וואהרהייט?

— יאָ, איך זאָג דיא וואהרהייט.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט זיך אויפגעהויבען און האט פון שראַנק ארויסגענומען א קליינע פלעשעלע.

קענט איהר דיעזע פלעשעלע? צו וועמען געהערט זיא?

— מיר! — האט פראַנץ געמורמעלט און איז בלייך געווארען.

— און דיעזעס גיפט פלעשעלע איז אייער אנקלעגער! — האט דער אונטער־זוכונגס־ריכטער געדאָנערט. — עס איז געלעגען בעהאַלטען אין דעם אַלטען קופערט, וועלכער איז געגנב'ט געוואָרען פון דעם ערמאָרדעטען גראף. דעם קופערט האָט מען געפונען אין דעם מייך איזאר. האַלט!

ביי דעם לעצטען וואָרט איז דער ריכטער צוגעשפרונגען צום געפאַנגענעם, וועלכער האט אנגעפאַנגען צו פאַלען אהנמעכטיג. פראַנץ איז אבער ניט געפאַלען צו דער ערד. ער האט זיך אָנגעשפאַרט ביי'ן טיש, און נאָכדעם וויא מען האט איהם געגעבען קאַלטעס וואסער איז ער ווידער געקומען צו זיך.

וויא פראַנץ איז ווידער געבליעבען שטעהן אויף דיא פיס, האט דער אונ־טערזוכונגס־ריכטער צו איהם געזאָגט:

— מיינע ווערטער האבען אייך צערשמעטערט. איהר פיהלט יעצט אליין, דאס אזעלכע אייזערנע בעווייזע וועט איהר מיט אייערע ליעגענס ניט קענען בע־שטרייטען. ווילט איהר ענדליך אַנערקענען אייער שולד?

— איך בין אונשולדיג, הערר ריכטער, און זאָגאר ווען דיא בעווייזע זאלען נאך שטאַרקער זיין.

דער געפאנגענער האט עס געשפראָכען מיט א פעסטער שטימע. אבער וועהרענד ער האט עס געשפראָכען האט ער געפיהלט דאס זיין אַטהעם דיענט איהם ניט מעהר.

— אין אַ געוויסען טאג וועט איהר אַנערקענען, דאס אייער איינציגע רעטונג ליעגט אין אייער געשטענדניס. עס וועט אבער צו שפעט זיין. זאָגט מיר נור, האָט איהר געקענט דעם גראַף פאָן מעהרען?

— ניין!

— אויך קיינעם ניט פון זיין פאַמיליע?

— קיינעם ניט. — האט פראַנץ געענטפערט לאַנגזאַם און האט דערביי גע־טראַכט פון מרים.

— ווארום זאָגט איהר ניט דיא וואהרהייט. איהר קענט דאך זיין טאָכטער מרים?

פראַנץ האט פערדעקט זיין געזיכט מיטביידע הענד און פון זיין ברוסט האט זיך ארויסגעריסען א שטאַרקער זיפץ. דאס געהיימניס, וועלכע ער האט פערשלאָ־סען אין דעם טיעפסטען ווינקעל פון זיין הערצען, וואר מעהר קיין געהיימניס.

— הערר ריכטער, — האט ער אויסגערופען אונטער טרערען. — ווען איך האב דאס פערלייקענט איז עס נור אויס רייגער עהרע פאר דער דאמע. איך האָב ניט געוואָלט זיא זאָל אין מיין שיקזאל פערמישט ווערען.

— האט איהר געוואוסט דאס דיא גרעפין איז רייך?

— איך האָב עס גערעכענט. גערעדט האָבען מיר דערפון ניט.

— ווען האט איהר מיט דער גרעפין צום לעצטען מאל געשפראָכען?

— פאָרגעסטערן אבענד.

— אויפ'ן באהנהאָף?

— ניין, אין איהר טאַנטעס פארק

— אום וויפיעל אוהר?

— אומגעפעהר האלב ניין.

— האט זיא אייך געזאגט, וואו דעם גראף׳ס וואהנונג געפינט זיך?

— יא.

— האט זיא אייך אויך געשילדערט דעם גאנצען געגענד?

— יא.

— ווייל איהר האט עס אויסגעפרעגט?

— דאס קען זיין.

— איך האב אייך יעצט צו ערקלערען, דאס געגען אייך וועט ערהאבען ווערען די קלאגע פון מארד און רויב. דיא בעווייזע פערמעהרען זיך מעהר און מעהר. עס ווערט אנגענומען דאס איהר האט זיך בעפריינדעט מיט דער גרעפין, אום איהר זאלט פון איהר אויסגעפינען אלע איינצעלהייטען פון דעם גראף׳ס וואהנונג. איהר זייט צום גראף׳ס הויז צוגעפאהרען מיט דער דראשקע, איהר זייט אין זיין הויז אריין דורך דאס פענסטער. פיעללייכט אנפאנגס נור אום צו רויבען, אבער דאס גיפט האט איהר יעדענפאלס מיט זיך גענומען... אט ווער קומט?

א דיענער האט אנגעקלאפט אין טהיר און האט געמאלדען דיא גרעפין פאן מעהרען.

— פיהרט דיעזען ארעסטאנט אב און לאזט אריין דיא דאמע.

דאס איז באלד געשעהן. דיא גרעפין האט פערבראכט אומגעפעהר א האל־בע שטונדע, ווען זיא איז צוריק אוועק, איז אויף איהר געזיכט געלעגען א שמייכעל פון טריומף.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט נאך אמאל דורכגעלעזען דעם פראטאקאל און האט ענדליך געזאגט צו זיך אליין:

— זא איז עס! מרים איז גאר קיין גרעפין, און זיא האט עס געוואוסט, זיא האט עס גאנץ געווים ערצעהלט איהר געליעבטען. אהה, יעצט האב איך דעם שליע־סעל צו דער געהיימניס. ער האט געוואלט טויטען דעם גראף, אום קיינער זאל ניט ערפאהרען, דאס זיין געליעבטע איז קיין גרעפין און האט קיין אנשפריכע אויף דעם גראף׳ס גיטער. דאס וואלט איהם אויך געלונגען, ווען דעם גראף׳ס פרוי וואלט ניט דורך א צופאל ערפאהרען, וואס איהר שטיפטאכטער איז. אהה, יעצט פערשטעה איך דעם צוועק פון דעם מארד. פראנץ שטאנד האט געוואלט דעם גראף׳ס לעבען, ניט דעם גראף׳ס געלד. דאס געלד האט ער גענומען נור און דער פערדאכט זאל אויף איהם ניט פאלען.

נאך דיעזען געדאנק האט דער אונטערזוכונגס ריכטער אנגעקלונגען. א דינער איז באלד ערשינען.

— פראנץ שטאנד דארף געשלאָסען ווערען אין קייטען און געהאלטען ווערען אין דער מערדער אבטהיילונג! — האט ער דעם דינער בעפעהלען.

7טעס קאַפּיטעל.

דער נייער וועג.

— טויט! טויט!

א געשריי פון פערצווייפלונג האט עס זיך ארויסגעריסען פון מרים׳ס ליפּען, ווען זיא האט דיא דעפּעשען דורכגעלעזען.

איהר לעצטער פריינד איז טויט! דיא פּערזאָן וואס איז צו איהר געווען נעהענטער וויא יעדער איינער אין דער וועלט, דיא פּערזאָן וואס האט איהר בעשיצט, געטרויסט, און ערמוטהיגט דיא לעבּט ניט מעהר? א שרעקליכער שיקזאל האט איהר געטראָפען.

א לאנגע צייט האט מרים געוויינט און האט געבראָכען דיא הענד און געקלאַפּט אין הארצען.

דער טאג האט גענומען איינברעכען. מרים האט נאך אלץ געוויינט, און געזאָרגט, און איז צו קיינע קלאָהרע געדאנקען ניט געקענט קומען. זיא האט פּרובירט געהן איבער׳ן זאאל, האט זיך צוגעקוקט צום גרויסען טומעל און גערויש אין וואָקזאל אָבער איהרע געדאנקען וואָרען נאָך אלץ פערוואָלקענט און צומישט. זיא האָט געוואוסט אז מיט וויינען קען זיא גאָר נישט מאַכען, זיא מוז האנדלען. זיא וואר אליין אין דער וועלט, און מוז זיך אויפהאלטען מיט אייגענער קראַפט. אָבער צו ערסט מוז זיא פאָהרען נאָך אויסבורג. זיא וויל זעהן דיא טויטע פרוי וועלכע איז איהר געווען אזוי טהייער. אָבער נאַכדעם מוז זיא זוכען ארבייט ניט ווייט פון מינכען, וואו איהר הערץ איז יעצט געבונדען, וואו איהר געליעבטער איז יעצט א געפאַנגענער פאר וועלכען זיא וויל קעמפּפען און ליידען.

ניט פיהלענדיג זעלבּסט וואס זיא טהוט, וויא איינע וואס געהט ארום אין א חלום, איז זיא איינגעשטיגען אין דעם צוג נאָך אויסבורג און האט ענדליך ערדרייכט דיא שטאדט, וועלכע זיא האט ערסט פאָרגעסטערען פערלאסען.

אלס זיא איז אַרויס פון וואגאָן און איז ארויף אויף דער פּלאַטפּאָרמע האט זיא דערזעהן דעם קוטשער פון דער פערשטאָרבענער גרעפין. ער איז צו איהר צוגעגאַנגען און מיט דעם גאַנצען רעספּעקט צו א גרעפין האט ער געזאָגט:

— גנעדיגע גרעפין, דיא פערד וואַרטען אויף אייך.

מרים איז פערציטערט געוואָרען. מען האלט זיא נאך אלץ פאר דער גרעפין פאן מעהרען... נאטירליך, קיינער ווייס נאך ניט דאס געהיימניס, אָבער איהר איז יעצט פאָרגעקומען דיא פראגע: אויב זיא זאָל 'אָפאָרט ארויסגעבען דיא געהיימניס, אָדער זיא זאָל נאך וואַרטען.

— האט מען מיך היער ערווארטעט ?

— יא, גנעדיגע גרעפין.

— ווער האָט אייך אהער געשיקט?

— פראַנציסקא, דער גרעפינס קאַמערדינערין. זיא האָט גערעכענט דאס אייערע גנאדען וועלען זיכער קומען מיט דיעזען צוג. — דער קוטשער האט געעפענט דיא קאַרעטע און האט זיך געשטעלט פערטיג צו בעדינען איהר צום איינשטייגען.

— איך פאָהר ניט מיט אייך ?

— וויא ?... גרעפין......

— רופט מיך ניט גרעפין. זאָגט פראַנציסקא דאס איך וועל באַלד קומען.

— דער קוטשער האט ניט געוואגט עטוואס מעהר צו פרעגען. ער איז ארויף אויף זיין פּלאַטץ און איז אָבגעפאָהרען.

מיט שנעלע טריט איז מרים אוועק צו דער גרעפינס פּאַלאַסט. דיא טהיר פון פּאַרק וואר אָפען. מרים איז אריין אין פּאַרק, אין דעם זעלבען פּארק וואו זיא איז צוריק מיט צוויי טעג ארומגעגאנגען געארמט מיט איהר געליבטען פראַנץ און האט פאַנטאַזירט פון איהר ליעבע.

מרים האט לאַנג ניט געקענט טראַכטען פון דער ענדערונג וואס דיא צוויי טעג האבען געבראַכט, דען פראַנציסקא איז איהר געקומען ענטקעגען.

מרים האט אימער געהאט א ליעבע און א פריינדשאַפט צו פראַנציסקא'ן און פראַנציסקא האט דיעזע פריינדשאַפט געענטפערט מיט ווארימע געפיהלען פון טריישאַפט.

פראַנציסקא איז געווען פון א גוטע, אָבער פון א גאַנץ ארימע פאַמיליע. אה, זיא האט געדענקט דאס ווען זיא איז געווען א קליינעס מעדכען האט מען פאר איהר אויך געהאַלטען א קאַמער פרוי, אָבער דער שיקזאַל האט איהר הויז פערפאָלגט. דער גאַנצער פערמעגען איז צורונען וויא א שנעע אין הייסען זאָמער, און פראַנציסקא וואר געצוואונגען צו פערדינען איהר ברויט.

וויא פראַנציסקא האט מרים'ן דערזעהן איז זיא ענטקעגען געלאָפען:

— וואס פאר איין אונגליק! — האט זיא מיט א וויינענדער שטימע געזאָגט—

איהר בעדויערט א טאנטע, וועלכע האט אייך אזוי הייס געליבט און איך א גוטע זעהר גוטע הערדין!

מרים האט געקעמפפט מיט איהרע טרעהרען, אבער אומזאנסט, זיי האבען זיך געגאסען וויא וואסער.

— וואו ליעגט דיא טויטע? — האט מרים געפרעגט נאכדעם וויא זיא האט זיך שטארק אויסגעוויינט.

— אין דעם בלומען־צימער. איהר מוזט וואהרשיינליך וויסען, דאס דיא גרעפין וועט בעערדיגט ווערען אין מינכען. מארגען וועט מען זיא אהין איבער פיהרען.

מרים איז אוועק צו דער טויטער. אהנע ווערטער האט זיא אנגעקוקט דאס געזיכט, וועלכע האט צו איהר אזוי פיעל פריינדשאפט געוויזען. לאנג, זעהר לאנג איז מרים געזעסען ביי דער טויטער און האט געגאסען טרעהרען. ענדליך האט זיא זיך פון דער טויטער געזעגענט.

נאך אין דעם זעלבען טאג האט מרים פראנציסקא׳ן פערטרויט אלעס וואס עס איז געשעהן, און יעצט האט זיך זא פארט בעוויזען דאס פראנציסקא האט געהאט א ווירקליכע פריינדשאפט צו דער אונגליקליכער.

מיט זעלטענעם טאקט און פערשטאנד האט זיא דער אונגליקליכער געטרויסט און האט זיך ערקלעהרט בערייט צו העלפען דער עלענדער מיט אלעס וואס איהר איז נור מעגליך.

אזוי זיינען איינינע טעג פאראיבער. דיא טויטע גרעפין איז אבגעפיהרט געווארען נאך מינכען, זיא איז בעערדיגט געווארען צוזאמען מיט איהר ברודער. דער גרעפינס גאנצער וואהנונג איז פערשלאסען און פערזיגעלט געווארען בלויז פראנציסקא׳ס צימער איז געבליבען אפען און מרים האט דארום געמוזט וואהנען אין דיעזע צימער ביז זיא וועט קענען געפינען עטוואס בעשעפטיגונג צו ערנעהרען זיך אין דער וועלט.

נאך איינינע טעג האבען דיא צוויי פריינדינען געפלאנט און געזוכט ענדליך האט פראנציסקא געזאגט:

— איך וויים יא עטוואס, אבער...

— זאגט נור, פאר מיר גיט עס קיין אבער. — האט מרים געבעטען.

— זייט איהר ענטשלאסען צו טהאן יעדע ארבייט!

— יעדע.

— אויך אלס פאבריקען ארבייטערין?

מרים האט געשוידערט. אין דעם אויגענבליק איז איהר דורכגעלאָפען דער גרויסער אונטערשיעד פון אַ מאָל און יעצט, דאָך האט זיא געענטפערט:

— אויך דאס וועל איך אננעהמען.

— דאַן האב איך פאר אייך ארבייט. דער בוכהאַלטער איז מיין געליבטער. עס איז ביי אונז שוין וויא בעשטימט... ווען איהר ווילט וועל איך אייך מיט איהם בעקאַנט מאַכען און ער וועט אייך פערזאָרגען מיט ארבייט אין זיין געשעפט.

— גוט איך וועל מיט אייך געהן.

פראַנציסקא איז באַלד אַוועק צו איהר געליבטען, וועלכער האט געהייסען דאס מעדכען צו קומען צו דער ארבייט, און אין איין האַלבע שטונדע שפּעטער איז מרים אָנגעקומען אלס ארבייטערין אין דער דרוקעריי פון סימאַן אונד זאָהן.

8טעם קאַפּיטעל.

אַ נ נ אַ.

אין דער אויסבורגישע דרוקעריי פון סימאַן אונד זאָהן ארבייטען פּיעלע פּערסען, וועלכע ווערען בעדינט פון יונגע מיידלאַך. אונטער דיעזע מיידלאַך האט זיך אויך געפונען אננאַ סיבעל, וועלכע מיר האבען ערקענט אין דעם צווייטען קאַ־פּיטעל פון דיעזער געשיכטע. זיא איז געשטאַנען איבער אַ מאַשין און האט געלעגט איין בויגען נאָכ'ן צווייטען מיט דערזעלבער שנעלינקייט און דערזעלבער פּינקטליכ־קייט וויא זיא האט אימער געטהאָן. דאָך וואַר זיא יעצט אַ גאַנץ אַנדערע, איהרע אויגען האבען אויסגעזעהן פערשלאָפען און איהר געזיכט פערטרויערט. אלע איהרע קאָלעגינען אין דער דרוקעריי האבען געזעהן דאס אננא איז אויפגערעגט.

— וואס איז געשעהן מיט אננאַ? — האט אַ בלאָנדע מיידעל געפרעגט ביי דער צווייטער פרוי וואס איז געשטאַנען נעבען איהר.

וואס וויים איך? איהר וואָהנט דאָך ניט ווייט פון איהר, גרעטע — האט דיא פרוי געענטפערט.

—פיעללייכט האט זיא זיך צוקריעגט מיט איהר געליעבטען? — האט גרעטע געפרעגט.

— ווער איז דען איהר געליבטער?

— אה, איהר ווייסט ניט? ניט לאַנג צוריק האט זיא אנגעפאַנגען ארומצוגעהן מיט דעם יונגען אפּאטהעקער, פראַנץ שטאַנד. אַ שעהנער יונגער מאַן. — האט גרעטע ערצעהלט.

אננאַ האט געהערט דיעזען געשפּרעך, אָבער זיא האט זיך געהיט ארויסצורייד[illegible]

א וואָרט. זיא האט זיך אויך געהאלטען שטאָלץ דאס איהרע פריינדינען האבען ניט געוואגט צו בעלעסטיגען זיא מיט א פראַגע.

אלס דער אבענד איז געקומען האט אַננאַ גענומען דאס קערבעלע אין וועל־כער זיא האט געבראכט איהר מיטאג און איז אוועק אָהנע צו זעגנען זיך מיט איהרע פריינדינען.

— גרעטע, האט איהר געזעהן ? — האט אלביני געפרענט אין דער שטיל.

— וואָס ?

— דיא גאלד שטיקער. אננא האט ערסט געעפענט איהר טאשען בוך און פון איהם איז ארויסגעפאַלען אַ צוואַנציג גאלד שטיק. איך האב עס גאַנץ גענוי געזעהן, עס וואר א צוואַנציג גאָלד שטיק.

— נו איז וואָס ? אַננאַ מוז זיין זעהר קארג ווען זיא קען אזוי פיעל געלד אָבשפּאָרען. — האט גרעטע געזאָגט.

— מאַכט זיך ניט נאַרריש. וויא קומט אַננאַ צו שפּאָרען געלד ! — האט אלבינא געזאגט. — איך זעה דען ניט פון וואַנען זיא האט דאס געלד ? דער יונגער הערר סימאָן....

— אך לאָזט דאך צורוה. איהר דארפט זיך שעהמען צו דענקען זא וואס פון א יונגעם מעדכען. איך קען אַננאַ'ן ניט צו גוט, אָבער....

— אָבער איך קען זיא ! איהר וועט זעהן, וואס עס וועט זיך אויסלאָזען. איך גלויב נאך דאס דער יונגער הערר וועט זיא הייראטהען. הא, האַ, האַ, ! — האט אלבינא ניפטיג געזאָגט.

אננא איז דערווייל געקומען צו איהר היים. זיא האט מיט איהר מוטער, וועלכע האט פערדיענט זעהר וועניג פון זאָקען שטריקען, גאַנץ וועניג גערעדט. דיא מוטער, וועלכע וואר אבהעננינ פון אַננאַ'ס פערדיענסט האט ניט געוואַגט איהר טאָכטער פיעלע פראַגען צו שטעלען.

באלד וויא אננא האט אָבגעגעסען איהר אבענד מאהלצייט איז זיא אריין אין איהר קליינעם צימער און האט פערשפּארט דיא טהיר. זיא איז צוגעגאַנגען צום קאמאָד, האט אויפגעשלאסען איין קאסטען, וואו עס האבען זיך געפונען פערשיעדענע זאכען און האט פון דאָרט ארויסגענומען א קליינעם פּעקעלע.

אננא האט אויפגעבונדען דעם פּעקעלע און מיט גרויסער פאָרזיכטיגקייט האט זיא פון דארט ארויסגענומען איינינע גאָלדשטיקע און האט זיי געצעהלט. דאן האט זיא ארויסגענומען פון איהר טאַשע נאך איינע גאלד שטיקע און האט עס צוזאַמענגעלעגט.

— וויא נאַרריש איך בין, צו טראַגען מיט זיך אזוי פיעל נאָלד! — האט זיא צו זיך אליין גערעדט — האב איך דען ניט געזעהן וויא דיא לאַנגע, דאָררע אלבינע האט מיך דורכגעשטאָכען פאר דאָס געלד?

אַננאַ האָט דאס געלד ווידער פערבונדען און האט עס ווידער בעהאלטען אין קאמאד. דאַן האט זיא זיך גענומען צום פוטצען. זיא האט צורעכט געמאַכט איהרע האאר, האט אנגעטהאן איהרע שעהנע קליידער, איהר נייען הוט און האנדשוה און איז אוועק פון הויז.

זיא איז דורכגעגאַנגען איינינע גאסען ביז זיא האט עררייכט דיא פראָמאנאדע. דאַן האט זיא זיך געלאָזט שפּאַצירען הין און צוריק, וואַרטענדיג אויף איינעם, וועלכער האט איהר דא בעדאַרפט טרעפען.

ענדליך האט זיא זיך דערוואַרט. הערר מענצעל איז איהר ענטגעגען געקומען.

— איך האב נאַכריכטען פון מינכען? — האט מענצעל איהר געזאָגט אין אויער.

— גוטע? — האט זיא געפרעגט.

— איך זאל עס דענקען. פראַנץ שטאַנד איז פערהאַפטעט!

— אַך גאָט! — האט אַננאַ געזאגט — דער ארמער מענש איז דאך אונשולדיג!

— קימערט זיך ניט וועגען דעם. איך האב דאך אייך געזאגט דאס עס געהט איהם ניט אום לעבען. איך אליין וועל שוין זאָרגען ער זאָל אנטלויפען און דאַן — —

— דאַן לויף איך מיט איהם! — האט אַננאַ אויסגערופען — אה, מיר וועלען גליקליך זיין!

— איהר קענט טהאן וואס איהר ווילט, איך דענק אַבער דאס ווען איהר וועט בעזיצען אַ פיערטעל מיליאָן וועט איהר אַנדערש דענקען.

מענצעל האט דאַן אַ לאַנגע צייט צו איהר געשפּראָכען אין אַ גאַנץ שטילען טאָן און האט איהר אויסגעמאָלען אַ גלענצענדען צוקונפט, וועלכע נור דיא פאַנטאַזיע קען שאַפען. אַננאַ איז פון זיינע ווערטער אזוי בעגייסטערט געוואָרען דאס זיא האט גענומען ריידען צו זיך אליין גלייך וויא זיא וואָלט שוין געווען אין דעם צושטאַנד וועלכען ער האט פאר איהר פאָרגעשטעלט.

— נון? — האט דער פערפיהרער געפרעגט — וועט איהר עס טהאן?

— יאָ, יאָ, אלעס וואָס איהר פאָדערט.

— דאַן איז דאס רעכט. יעצט הערט וואָס איהר האט צו טהאן. פערגעסט ניט דאס דיעזער פראַנץ האט אייך פערלאַסען צוליעב אַ גרעפין, איין מעדכען וועלכע איז דערמיט שטאָלץ וואָס זיא האט אין איהר לעבען ניט געאַרבייט און גיט אויס אויף אַ הוט פיעל מעהר וויא איהר פערדיענט אין אַ וואָך.

מענצעל האט יעצט געטראָפען דעם ריכטיגען פּונקט. אננאַ'ס געזיכט האט געברענט פון פיבער.

ער האט אָבער נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו שפּרעכען. מיט אַ לייזער שטימע האט ער זיין גאַנצען פּלאַן פאר אננאַ'ן ערקלערט און אננאַ האט פאָלשטענדיג פערשטאַנען וואס ער וויל.

— וויים יעמאַנד דאס מיר קענען זיך?

— ניין.

— דאס איז גוט. קיינער דארף עס אויך ניט וויסען. שפּעטער וועל איך שוין זעהן דאס איהר זאָלט קענען ענטדעקען פון וואַנען איהר נעהמט דאס געלד, אום איהר זאָלט קענען לעבען וויא אייך פּאַסט. ווילט איהר נאָך געלד?

— יאַ.

מענצעל האט געלאַכט מיט פערגניגען. אננאַ'ס ליעבע צו געלד איז איהם געפעהלען געוואָרען.

— איך האב ביי זיך ניט זעהר פיעל געלד, בלויז דריי הונדערט מארק. אָבער איך קען אייך געבען דריי טויזענד, ווען איהר ווילט נור יעצט מיט מיר געהן.

אין אננאַ'ס אויגען האט זיך צוברענט אַ פייער.

— יאַ. — האט זיא אויסגערופען. — איך געה מיט אייך!

אייניגע טעג זיינען אזוי פאַראיבער. יעדען אבענד איז אננאַ געגאַנגען בעגעגנען דעם מאַן, מענצעל, וועלכער האט איהר געגעבען פערשיעדענע אינסטרוקציאָנען.

הייטע איז זיא געקומען מיט פערוויינטע אויגען אין געשעפט. זיא האט אויסגעזעהן זעהר בלייך און האט קוים וואס געמאַכט איהר ארבייט.

איהרע קאָלעגינען האבען זיא אנגעקוקט מיט מיטלייד. זיי האבען געוואוסט דאס זיא איז אזוי אונרוהיג, אָדער עס האט זיי געשיינט, אז זיי וויסען. דעם פריהערינען אבענד האבען זיי אין דיא צייטונגען געלעזען דאס פראַנץ שטאַנד איז פערהאַפט אונטער דעם שטאַרקען פערדאַכט דאס ער האט ערמאָרדעט און בערויבט דעם גראַף פאָן מעהרען.

דיא ארבייטערינען אין דער דרוקעריי האבען געוואוסט דאס זיא ליעבט דיעזען פראַנץ שטאַנד, דאס פראַנץ איז מיט איהר אייניגע מאל געגאַנגען שפּאַצירען.

אננאַ איז אזוי געשטאַנען ביי איהר ארבייט ביז דער פּרינציפּאַל איז אריין

אין דעם ארבייטס זאאל. וויא ער איז נור אריבער דעם שוועל איז אננא צו איהם צוגעגאנגען און האט געזאָגט:

— הערר פּרינציפּאל, איך פערלאנג איהר זאָלט מיר הייטע ערלויבען צו פערלאסען דיא ארבייט.

— ווארום?

— איך מוז פאָהרען נאך מינכען.

— נון ווען איהר מוזט קענט איהר פיר הייטע פריי זיין.

אננא האט זיך פערנייגט און האט באלד אנגעטהאן איהר הוט צו פערלאסען דיא דרוקעריי. אָבער איידער זיא איז נאך פערטיג געווארען צום געהן האט פּאסירט עטוואס, וואס, אננא האט אין איהר גאנצען לעבען ניט ערווארטעט.

דער פאָרמאן איז אריין אין ארבייטס זאאל, און נאך איהם איז נעגאנגען איין יונגעס שווארץ געקליידעט מעדכען.

דער פאָרמאן האט זיך געווענדעט צום מאשינען מייסטער און האט געזאגט:

— דיעזעס מעדכען איז היער אנגענומען. זיא וועט שפּעטער אריינטרעטען אין דער זעצעריי. פאָרלויפיג זאָל זיא ארבייטען ביי דיא מאשינען.

— קענט איהר דיעזע ארבייט? — האט דער מאשיניסט דער נייער ארבייטערין געפרעגט.

— ניין. — האט זיא אין דער שטיל געענטפערט.

— וואו האט איהר ביז יעצט געארבייט?

דאס מיידעל האט אהיבשע ווײלע געשוויגען. ענדליך האט זיא געענטפערט:

— עס איז דיא ערסטע שטעלע, וועלכע איך נעהם אָן.

אלע מיידלעך פון דער דרוקעריי האבען דאס נייע מעדכען מיט נייגיעריגע אויגען אָנגעקוקט. זיי האבען דייטליך געזעהן דאס דיעזעס מעדכען איז נאך קיין מאָל אין אזא אָרט ניט געוועזן. ווער קען זיא אָבער זיין? וואהרשיינליך איין אריס-טאָקראַטישע. איינינע האבען אויף איהר מיטלייד געהאט, איינינע האבען אין הארצען פון איהר געשפּאָט. אָבער איינע האט עמפּפונדען א בעזאָנדערען געפיהל איבער דיעזער מיידעל, א געפיהל פון פריידע, נקמה און טייפלישען האס. דיעזע איינע וואר אננא, וועלכע האט דיא נייע ארבייטערין ערקענט. אלס דיא גרעפין מרים פאן מעהרען.

— וויא הייסט איהר? — האט דער מאשיניסט דער נייער ארבייטערין געפרעגט נאכדעם וויא דער פאָרמאן האט זיך ענטפערענט.

מרים איז נעפאלען אין א פערלעגענהייט. וועלכען, נאמען זאָל זיא זאָגען?

דער נאמען גרעפין פאַן מעהרען איז נים איהרער און איין אַנדערען האט זיא אויך נים.

— מטהרען. — האט זיא ענדליך געזאַגט.

— אייער פאַרנאַמען? אונזערע ארבייטערינען ווערען געוועהנליך גערופען ביי דעם פאַרנאַמען.

— מרים.

— איהר וועט אייער פלאַץ האבען ביי דיעזער טאַשינע. — אַננאַ!

דער מאַשיניסט האט אויסגערופען אַננאַ׳ס נאַמען. אַננאַ איז געשטאַנען און האט גאַנץ שאַרף אַנגעקוקט מרים׳ס געזיכט, גלייך וויא זיא וואָלט וועלען קאַפּירען מרים׳ס מינעס, מרים׳ס בליקען, מרים׳ס גאַנצען אויסזעהן. וויא דער מאַשיניסט האט גערופען איהר נאַמען האט זיא זיך אויפגעכאַפּט וויא פון שלאָף.

— אַננאַ, איהר וועט דיא נייע ארבייטערין מוזען ווייזען דיא ארבייט. — האט ער צו איהר געזאַגט.

— איך פאָהר הייטע אב! — האט אַננאַ געענטפערט.

— דאס געהט נים!

— איך מוז פאהרען נאך מינכען! — האט אַננאַ געשריען. — דער פּרינציפּאַל האט מיר ערלויבט.

— ווען דער פּרינציפּאַל האט ערלויבט געהט עס מיר נים אָן.

נאָך דיעזע ווערטער האט ער זיך וויעדער געוועגדעט צו מרים׳ן און האט איהר געוויזען וויא זיא זאָל ארבייטען. מרים האט דיא ארבייט פערשטאַנען פיעל שנעלער וויא זיא האט אליין ערווארטעט.

דערווייל האט אַננאַ פערלאַסען דעם זאאַל. מיט פערוואונדערונג האבען אלע ארבייטערינען איהר נאכגעקוקט. וואס דארף אַננאַ אין מינכען.

— האָט איהר בעמערקט? — האט דיא לאַנגע אלבינע געפרעגט איהר קאַלעגין גרעטע. — אַננאַ פאהרט נאך מינכען!

— דאס האב איך געהערט.

— און דאָרט זיצט איהר געוועזענער געליעבטער, פראַנץ שטאַנד, איך האָב עס אליין געלעזען, ער האט ערמאָרדעט א גראף! ארמער פראַנץ!

— איך האב איהם איינינע מאָל געזעהן, איך גלויב נים דאס ער איז פעהיג צו טוידטען א מענשען.

דיא צוויי ארבייטערינען האבען זעהר שטיל גערעדט, דאך וואר עס גע

Mij

לויט, דאס מרים האט יעדען ווארט געקענט הערען און פערשטעהן. זיא איז גרעטען געוועזען דאנקבאר פאר איהר מיינונג; עס גיבט דאך איין מענש, וועלכער גלויבט ניט אין פראנץ'ס שולד, אבער דאך איז איהר בעפאלען א שמערצליכער געפיהל, וועלכער האט איהר גענומען שרעקליך פלאָגען.

אלבינע האט גערעדט פון פראנץ'ן אלס אננאַ'ס געליעבטען!....

יעצט איז אננא ווידער אריין אין פאבריק און האט צו מרים'ן געוואָרפען א פינסטערן און ביטערן בליק. מרים איז פערציטערט געוואָרען. פון דיעזען בליק האט זיא זיך איבערצייגט דאס אלבינע האט געזאגט דיא וואהרהייט, דאס איין אנדער פרויענצימער האט שוין איהר געליעבטענס הערץ בעזעסען, וועהרענד זיא האט געגלויבט דאס זיא איז דיא איינציגע וועמען פראנץ האט זיין הערץ געשאָנקען. מרים האט געפיהלט גלייך וויא איהר הערץ וואָלט יעצט געפלאצט.

פראנץ האט זיא בעטראָגען! ער האט געזאגט אַ ליעגען ווען ער האט געזאָגט דאס זיא איז זיין ערסטע און איינציגע געליעבטע! ער האט שוין פריהער געקוסט איין אנדער פרויענצימער, זיין ערסטע ליעבע און זיין ערסטער קוס האט געהערט צו יענער מערכען, וועלכע קוקט אויף איהר מיט האס. אָה, וויא טרויעריג דיעזער גע-דאנק איז!

גרעטע, האט פיר דער נייער ארבייטערין געפיהלט אַ בעזאָנדערע סימפאטהיע. זיא האט געזעהן דאס דיא נייע מיידעל איז ניט געוואָהנט צו דער ארבייט. זיא איז דארום צו איהר צוגעגאנגען און האט איהר געוויעזען איינינע זאכען.

— איהר זייט אין טרויער? — האט זיא געפרעגט און האט בעטראכט דיא שווארצע קלייד און דעם שווארצען באנד, וועלכען מרים האט געטראָגען.

— יא, — האט מרים געענטפערט שטיל.

— זיינען אייערע עלטערן געשטאָרבען?

מרים האט גענייגט איהר קאָפּ און האט אונטערדריקט איהרע טרעהרין.

— וויא איך זעה זייט איהר ניט געוואָהנט צו אזא ארבייט, — האט גרעטע אין א שטילען טאָן געזאָגט — אָבער פערליערט ניט דעם מוטה, איך וועל אייך העלפען מיט אלע מיינע קרעפטען. נאך אלעמען איז דיא ארבייט דער בעסטער מיטעל צו פערטרייבען דעם שמערץ. זייט איהר גאַנץ אליין אין דער וועלט?

— גאַנץ אליין.

— דאָס איז טרויעריג, זעהר טרויעריג. איך האָב וועניגסטענס א מוטער, מיין פאָטער איז געשטאָרבען ווען איך בין נאָך געוועזען א קליין קינד. איהר דארפט מיין מוטער קענען. זיא איז זעהר גוט.

מרים האט צוזאמענגעדריקט איהרע ליפען, אום צו אונטערדריקען איהר געשריי, וועלכער האט זיך געריסען פון איהר הארצען. אלע שמערצען, וועלכע זיא האט אין דיא לעצטע פּאָאר טעג געליטען זיינען יעצט פאר איהר צוזאמען געקומען. זיא האט זיך עראינערט אָן דעם גוטען גראף, וואס האָט זיא געהאלטען וויא זיין אייגען קינד, אָן דער גוטער גרעפין, וועלכע האָט איהר פערשפּראָכען מוטערליעבע און ענדליך אָן איהר געליעבטען, וועלכער האָט זיא בעלאָגען און בעטראָגען.

יעצט איז אַננאַ צוגעגאנגען. זיא האָט זאָגאר שוין בעדארפט פערלאסען דיא פאַבריק, אָבער עס האָט איהר געצויגען צו דאס מיידעל, וועלכע האט גערויבט איהר געליעבטען.

אַננאַ האָט זיך געשטעלט גראדע געגען מרים'ס געזיכט און האט זיא אָנגעקוקט מיט אלערליי גרימאסען.

— נא זעהט איהר ניט, וויא איהר לייגט דאָס פּאפּיער פערקעהרט ? — האָט אַננאַ מיט שפּאָט געפרעגט. — איך בין דאך נייגיעריג צו וויסען, אויב איהר וועט אמאָל אויסלערנען דיעזע ארבייט ! א גרויסער קונסט פּאפּיער צו לעגען, חא, חא, חא, קינדער קענען עס אויסלערנען אין פינף מינוטען.

מרים האָט ניט געענטפערט. איהרע טהרערען זיינען געשטאנען אין איהרע אויגען און דאס גאנצע בלוט אין איהר הערצען.

ענדליך איז געקומען דיא מיטאגס-שטונדע. מרים האט געזעהן וויא איהרע קאָלעגינען נעהמען דאס עסען, וועלכען זיי האָבען מיטגעבראכט פון הויז, און קאפּע, וועלכען זיי האָבען אריינגעבראכט פון דעם נאָהענטען קאפּע-הויז און עסען זייער מיטאג מיט אַפּעטיט. זיא האָט ניט געהאט וואָס צו עסען, אָבער זיא האט קיין הונגער אויך ניט געפיהלט. זיא וואר זאַט מיט איהרע שמערצען.

גרעטע איז יעצט ווידער צו איהר צוגעגאנגען.

— איהר האט א שטונדע צייט פיר אייער מיטאג. ווען איהר ווילט מיט מיר געהן עסען זייט איהר ווילקאָמען. מיר נעהמען מיט אונזער עסען, און איך ראָטה אייך פאר דער צוקונפט דאסזעלבע צו טאהן, דען נאכדעם וויא מען שטעהט אָב איינינע שטונדען איז מען צו פריעדען, ווען מען קען זיך זעטצען עפּעס עסען.

מרים האָט איהר בעדאנקט און איז אוועק. זיא איז ארויס פון דער דרוקעריי און איז אוועק צום פּארק פון דער פערשטאָרבענער גרעפין אום דאָרט אויס צו וויינען איהר הערץ.

באלד וויא זיא איז אריין אין פּארק האָט זיא בעגעגענט איהר פריינדין פראַנציסקאַ, דיא געוועזענע קאמערדינערין פון דער פערשטאָרבענער גרעפין.

— גוט וואס איהר זייט אהער געקומען. איך האב אייך געוואָלט זוכען ? — האט פראַנציסקאַ געזאָגט.

— איז דען עטוואס געשעהן ? — האט פּרים געפרעגט מיט שרעק.

— יאַ, מיין ברודער האט מיר טעלעגראַפירט, דאס ער ליעגט קראַנק, ווער וויים, ווען איך וועל זיך קענען אומקעהרען נאָך אויסבורג און איך וויל אייך זאגען אדיע, אָבער איידער איך פאָהר אַוועק וויל איך וויסען, אויב איך קען אייך מיט עטוואָס דינען. האָט איהר שוין אַ וואָהנונג ?

— נאָך ניט !

— ווילט איהר אָננעהמען מיין וואָהנונג ?

— ניין ! ניעמאָלס. איך וויל ניט זיין אין דער גרעפין'ס הויז. וויא זיא איז געשטאָרבען, איז פאר מיר איהר גאנצעס הויז אָבגעשטאָרבען.

— אָבער איהר וועט דאָך מוזען מעלדען אייער נאָמען אין דער פּאָליציי ? איהר קענט דאָך ניט לעבען אין דער וועלט אהן אַ נאָמען ?

— אָבער קיינער קען דאָך מיך ניט צווינגען איך זאָל פיהרען אַ נאָמען, וועלכער געהערט ניט צו מיר.

פראַנציסקאַ האָט זיך יעצט צו־ווינט אויף מרים'ס שיקזאַל. אין דיעזען אוי־גענבליק איז איהר פאָרגעקומען דער גרויסער אונטערשיעד פון דער גרעפין מרים פאָן מעהרען ביז דער פאַבריקען ארבייטערין, וועלכע האָט גאָר קיין נאָמען. פראַנ־ציסקאַ האָט געפיהלט וויא שלעכט דאס איז צו זיין אזוי עלענד וויא מרים איז, דען זיא אַליין איז געבאָרען געוואָרען אין גלענצענדע פערהעלטניסע און האָט זיך ערצוי־גען אין רייכטהום, יעצט מוז זיא געבעך אויך אַרבייטען וויא אַ דינסט פאר איהר שטיקעל ברויט, און לעבען פערוואָגעלט און פערוואָרפען.

— איך מוז אייך יעצט אדיע זאָגען ! — האט פראַנציסקאַ ענדליך געזאָגט.— איך מוז נאָך זעהן מיין פריינד. אָך וויא ביטער מיר איז צו שיידען זיך פון איהם !

— איך האָפּפע דאָס איהר וועט זיך קירצליך ווידערזעהן.

— ניט אזוי שנעל, אָבער איך וועל שוין זעהן, ער זאָל קומען אין רעגענסבורג, דאָרט וואו מיין ברודער ליעגט קראַנק. ווען איהר ווינשט, וועל איך אייך שרייבען.

— אָה, איך בעט אייך, שרייבט מיר. מיר דאַרפען בלייבען פריינדע.

דיא צוויי ארמע מעדכען האָבען זיך הערצליך צושענענד. מרים איז געבליעבען שטעהן און האט נאָכגעקוקט איהר לעצטע און איהר איינציגע פריינדין, וועלכע געהט יעצט פון איהר אויך אוועק. יעצט בלייבט זיא גאנץ עלענד, יאָ, דיא עלענדסטע אין דער גרויסער וועלט !

9טעם קאפיטעל.

דיא ציינין.

מיט שנעלע שריט איז אננא ענדליך ארויס פון דער דרוקעריי און איז אוועק צום באהן.

זיא האט דעם צוג עררייכט צו דער ריכטיגער צייט, און נאך א קורצער רייזע איז זיא אנגעקומען אין מינכען, דיא רעזידענץ־שטאדט פון באיערן.

וועהרענד זיא איז געוועזן אין וואגען, האט איהר געקלאפט דאס הערץ, ווארום זיא האט זיך אריינגעלאזט אין א בונד מיט דעם שלעכטען מענשען מענצעל. זיא האט געפיהלט, אז זיא פאהרט יעצט אויספיהרען א געפעהרליכע און שרעקליכע ארבייט. אבער האסס, אייפערזוכט און דיא דורסט נאך ראכע ווארען שטארק גענוג צו בעקעמפפען דיעזע געפיהלע אין איהר הערצען.

זיא האט שוין אויפגעהערט צו ליעבען איהר פראנץ שטאנד. זיא האט גע־פיהלט אז איהר הערץ איז פוסט פון ליעבע. דאס וואס זיא האט יעצט וועגען איהם געפיהלט וואר האס און צארען. ווארום ער האט זיך געוועהלט איין אנדערע, א שטאלצע האכמוטהיגע גרעפין און האט פערגעסען דיא איינפאכע ארבייטער מעדכען.

אה, דיעזע גרעפין איז יעצט אויך איין איינפאכע ארבייטערין. איהר נאמען איז יעצט מרים מעהרען. אבער ווער ווייס צו וועלכען צוועק דיא גרעפין האט אוועקגעווארפען איהרע רייכע פאלאסטען, איהרע פרעהליכע פערגניגענס און איז אריין אין א דרוקעריי אום צו פערדינען איהר ברויט אלס ארבייטער מעדכען?

אננא האט נאטירליך ניט געוואוסט דיא פאמיליענפערהעלטנים פון דיעזער גרעפין, און זיא האט ביי זיך גערעכענט דאס מרים'ס מוטער, דיא גרעפין פון מעהרען האט ארויסגעיאגט איהר טאכטער פון הויז, וויל מען האט ערפאהרען איהר ליעבע צום מערדער. דאס איז אויך געוועזן דער גלייכסטער געדאנק, וועלכען אננא האט זיך געקענט אריין נעהמען אין קאפ אום צו פערשטעהן וויא אזוי מרים קומט אין דער דרוקעריי.

דיעזען געדאנק האט זיא געהאלטען פעסט. זיא האט דערפון געהאט פערגניגען. דען פארלויפיג האט זיא דיא ראכע וואס דיא גרעפין איז געווארען גלייך צו איהר, און דאס זיא האט דעם פערגניגען צו זיין דיא עלטערע ארבייטערין אין דער דרוקעריי, און קען דארום ערגערען דער גרעפין־טאכטער, וואס האט גערויבט איהר שעהנעם געליבטען אך וויא פיעל נאדלען וועט זיא קענען געבען דער גרעפין, וואס פאר א געלעגענהייט זיא האט עס יעצט צו נעהמען א פאלשטענדיגע ראכע!

מיט דיזע געדאנקען איז זיא אנגעקומען אין מינכען. זיא האט באלד ביי'ן וואקזאל גענומען א דראשקע און איז אבגעפאהרען גלייך צום געריכטס הויז.

פאהרענדיג האט זיא צוזאמענגעקליבען איהרע געדאנקען. זיא האט געוואלט זיכער זיין דאס זיא האט דיא איינגעשטודירטע ראלע ניט פערגעסען.

וויא זיא איז געקומען צום געריכטס-הויז האט זיא דאך אנגעפאנגען צו ציטער־רען. איהר הערץ האט געקלאפט און איהר בלוט האט געקאכט אין אלע אדערען. לאנגזאם, וויא מיט בליי בעגאסען איז זיא ארוף דיא הויכע טרעפ פון דער אלטער געביידע.

א דינער האט זיא ביי'ן שוועל אבגעשטעלט און האט געפרעגט וואס זיא דארף.

— איך וויל רעדען מיט דעם אונטערזוכונגס ריכטער. — האט זיא געענטפערט. דער דינער האט זיא באלד אריינגעפיהרט צום ריכטער.

דער אונטערזוכעונגס ריכטער וואר א מאן פון מיטעלע יאהרען. ער האט אויסגעזעהן אינטעליגענט און פלייסיג. זיין נאמען וואר דאקטאר אדאם. ער האט דאס מיידעל בעטראכט דורך זיינע ברילען און האט איהר ענדליך געפרעגט:

— וויא איז אייער נאמען?

— אננא סיבעל. — האט אננא געענטפערט מיט א ציטערדיגען טאן.

— אין וועלכער אנגעלעגענהייט ווילט איהר מיט מיר ריידען? — האט ער געפרעגט.

וועגען פראנץ שטאנד! — האט אננא געענטפערט און האט זיך געווישט דיא אויגען.

— האט איהר מיר וואס אנצוצייגען.

— ער איז אונשולדיג! — האט אננא געזאגט שלוכצענדיג.

— איהר קענט איהם?

— א, איך קען איהם, ער וואר אימער אזוי ליעב און אזוי גוט צו מיר. ער האט מיט מיר געוואלט הייראטהען, נור איהם האט געפעהלט דיא נויטהיגע סומע דערצו.

דער אונטערזוכונגס ריכטער איז געבליעבען זיצען איבערראשט.

— האט איהם דען געפעהלט געלד? — האט ער געפרעגט — וואו איז זיין געהאלט?

— יא, דאס וואר אבער וועניג. דערצו האט ער געוואלט זיך בעזארגען מיט

א זעלבסטשטענדיגען געשעפט, און דערצו דארף מען דאך האבען טויזענדע, פלעגט ער מיר אפט זאגען.

— האט ער זיך געוואלט בעזעצען אין אויסבורג?

— אה, ניין, מיין פראנץ האט געוואלט פאהרען נאך אינדיען. דארט האט ער געוואלט איינריכטען א פאבריק. אה, מיין גאט, וויא שעהן מיר האבען אויסגע־פארבט אונזער צוקונפט און וויא טרויעריג עס האט זיך אלעס געענדיגט!

אננא האט אנגעפאנגען אויפ'ס נייע צו וויינען.

— איהר זייט געוועזן זיין געליעבטע?

— יא.

— ער האט אייך געוואלט הייראטהען?

— געוויס.

— וויא לאנג קענט איהר איהם?

— אומגעפעהר א יאהר.

— ווייסט איהר אויב ער האט געהאט א פערקעהר מיט אנדערע דאמען?

אננא איז געווארען רויטה וויא פייער. דיעזע פראגע האט איהר געטראפען אויף איהר וואונד אין הערצען. און זיא האט מעהר ניט געקעמפפט מיט איהר איי־גענעם געוויסען.

— אך, הערר ריכטער! — האט זיא געענטפערט — איך האב עס ניט לאנג ערפאהרען. א גרעפין האט איהם עפעס איינגעטהאן. אבער געליעבט האט ער דיא גרעפין ניט דאס וויים איך גענוי. פראנץ איז איין עהרליכער מאן, ער וועט ניט אוועקווארפען איין ארמעס מיידעל צוליעב א רייכע גרעפין.

— וועלכע גרעפין מיינט איהר?

— דיא גרעפין מרים פאן מעהרען:

— קענט איהר דיעזע דאמע?

— איך האב זיא פריהער געקענט פון וויטען. איך האב זיא נור געזעהן אלס גרעפין. גערעדט האב איך אבער הייטע מיט איהר צום ערסטען מאל. אה, ריכטער, נאט האט זיך פאר מיר אנגענומען, מרים פאן מעהרען איז יעצט איין ארבייטער מיידעל וויא איך.

— וואס זאגט איהר? — האט דער ריכטער איבערראשט געפרעגט.

— וואס איהר הערט. זיא איז געקומען אין אונזער דרוקעריי און האט זיך קוים איינגעבעטען מען זאל איהר געבען ארבייט. איהר נאמען האט זיא געגעבען

אלס מרים מעהרען. אָבער זיא וועט דאָרט לאנג ניט בלייבען. זיא ווייס נור וויא מען ניט אוים געלד, ניט וויא מען ארבייט.

— צו וועלכען צוועק זייט איהר אהער געקומען ? — האָט דער ריכטער געפרעגט.

— איך בין אייך געקומען ערצעהלען, דאס מיין פראַנץ איז אונשולדיג. איך בין אייך געקומען בעטען, איהר זאָלט איהם פריי לאָזען, ווייל איך זאָג אייך, אז ער איז אונשולדיג.

— האָט איהר בעווייזע ?

— געווים. איך האָב אליין מיין פראַנץ געזעהן ווען ער איז אָבגעפאָהרען נאָך מינכען. ער האָט מיר געזאָגט איך זאָל ניט וויינען, ווייל ער וועט באַלד צוריק קומען און מיר וועלען הייראַטהען. אָה, ער איז זעהר גוט, מיין פראַנץ.

— ווען האָט איהר איהם בעגלייט צום באַהן. ענטפערט פינקטליך, עס איז א וויכטיגע פראַגע. — האָט דער ריכטער זיא געוואַרנט.

— גראַדע צוריק מיט אכט טאָג.

— אום וויאפיעל אוהר ?

אננא איז דאָ געבליעבען שטיל אויף א ווײלע. דאָס וואר דיא וויכטיגסטע אנטוואָרט. זאָל זיא זאָגען דיא וואהרהייט, אדער דעם ליגען ? איהר געוויסען האט דאָ אביסעל געפּלאגט, אבער האס און אייפערזוכט האָבען געזיעגט גענען ליעבע און געוויסען און זיא האָט ענדליך געענטפערט :

— אום ניין אוהר.

— ווייסט איהר דאָס גענוי ?

— גאַנץ געווים. איך ווייס ניט דיא מינוט, אבער איך בין זיכער, אז פראַנץ איז אָבגעפאָהרען מיט דעם ניין אוהר צוג.

— ניט מיט דעם קוריער צוג, וואס געהט אום איינס אוהר ?

— ניין.

— עראינערט אייך ריכטיג, ווייל איהר וועט דארויף דארפען שווערען.

— איך קען דארויף שווערען. נו, הערר ריכטער, וועט איהר יעצט מיין פראַנץ פריישפּרעכען ?

— אָבער פראַנץ שווערט, אז ער איז געפאָהרען מיט דעם קוריער צוג ?

— מיין גאָט !—האָט אננא אויסגערופען מיט א געמאַכטער איבעררַאשונג,— דאס איז דאָך א ליגען !

— ער זאָגט אויך, דאס קיינער האט איהם צום באַהן בעגלייט !

— דאָס זאָגט ער ! אָה, אָה !

— ער זאָגט, דאס ער האָט נור גענומען אבשיעד פון דער גרעפין, ווייטער האט ער קיינעם ניט געזעהן!

— דאס איז ניט וואהר, הערר ריכטער! — האָט אננא געשריען, גלייך וויא איהר עהרע וואָלט דאָ בעליידיגט געוואָרען. — עס איז ניט וואהר. איך וואר דיא איינציגע וואס האָט איהם בעגלייט.

— אויב איהר זאָגט דיא וואהרהייט, האָט איהר גראָדע בעשטעטיגט דיא שולד פון אייער געליעבטען. — האט דער ריכטער איהר ערקלערט.

— איז דאָס מעגליך! אָה, וואס האב איך געטהאן. הערר ריכטער, דאס האב איך ניט געוואָלט טהאן.

ווערענד זיא האָט דאס געזאגט, האט זיא צוגעדריקט איהרע הענד צום הארצען און האט גענומען שוידערען. דאס וואר אבער קיין געמאכטע מימיק. עס האט איהר ווירקליך געגריפען ביי׳ן הערצען צו הערען פון ריכטער דאס זיא האָט בעשטעטיגט איהר געליעבטען׳ס שולד. דאס האט אָבער לאנג ניט געהאלטען. באלד זיינען איהר אריינגעפאלען אין דיא געדאנקען, אלעס וואס מענצעל האט איהר ערקלערט און פאָרגעשטעלט און זיא איז געבליעבען ביי איהר בעשלוס און זיא איז געבליעבען שטעהן פאר׳ן ריכטער, פערטיג צו ענדיגען איהר ארבייט.

— זייט איהר אמאל געוועזן אין פראנץ׳ס וואָהנונג? — האט דער ריכטער געפרעגט.

— יא. — האט זיא געענטפערט.

— קענט איהר זיינע זאכען.

— געוויס.

— קענט איהר דיעזען קופערט?

— נאטירליך.

— האָט פראנץ דיעזען קופערט געהאט אויפ׳ן וואגזאל?

— געוויס.

— זייט פאָרזיכטיג מיט אייערע אנטוואָרטען, ווייל דאס זיינען וויכטיגע פראַגען. — האט ער פיעללייכט געהאט איין אנדער קופערט?

— ניין. — האט אננא געענטפערט בעשטימט,

— פון וואנען ווייסט איהר דאָס אזוי גענוי?

— ווייל ער האט נור דיעזען קופערט געהאט אויפ׳ן וואגזאל, און ווען ער האָט געקויפט דעם בילעט, האב איך דיעזען קופערט פאר איהם צוגעהאלטען.

— האט ער אייך אמאָל ערצעהלט, דאָס מען האט בײ איהם אזא קופערט געשטאהלען?

— ניין. קיין מאל.

— האט איהר געוואוסט, דאס אייער פראנץ מאכט עקספערימענטען מיט גיפט?

— יא. אָה, האב איך דערפאַר מורא געהאט; איך האב אימער געזאָגט, אז דאס קען אויף איהם ברענגען איין אונגליק.

— האט ער מיט אייך אמאָל געשפּראָכען וועגען א סאָרט גיפט, וועלכען מען רופט קוראַרע?

— יא, יאַ. ער האָט מיר געזאָגט, דאס איינינע טראָפּען דערפון קען טויטען א מענשען איינס און צוויי. אָבער ווארום פרעגט איהר מיך דאס?

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט איהר ניט געענטפערט. ער האט יעצט אונטערבראָכען דיא אונטערזובונג און האט נור פערצייכענט איהר אדרעסע און האט איהר אָנגעזאָגט, דאס זיא זאָל זיין פערטיג צו ערשיינען אין עפענטליכען גע־ריכט, וואו איהרע אויסזאגען זיינען זעהר וויכטיג.

אננא האט געענדיגט איהר ערסטע ארבייט, און איז מיט וואנקענדע שריט ארויס פון געריכט. ווען זיא איז געווען אין גאס, האָט זיא פערבראָכען איהרע הענד, און האט זיך געפרעגט:

— וואָס האב איך געטאָהן?!

איינינע טריט פון געריכטהויז, האָט אננא צוגערופען א דראָשקע און האָט געהייסען מען זאָל זיא פיהרען נאך דאכאו, א פאָרשטאָדט פון מינכען, און מען זאל זיא אראָפּלאָזען ביי'ן הויז נומער 115. דיא דראָשקע האָט זיא געבראכט צום געווינשטען אָרט. זיא האָט פרובירט עפענען דיא טהיר פון דיעזען הויז, וועלכע איז געשטאנען אליין אויף א לעדיגער דאָרפס־גאס. דיא טהיר וואר פעסטגעשלאָסען. זיא האָט אָנגעקלונגען און באלד האָט זיך געעפענט דיא טהיר, און א שטארקע האנד האָט זיא אָנגענומען און אריינגעצויגען אין הויז. באלד האט זיך דיא טהיר ווידער פערהאַקט און פערשלאָסען.

אננא האט געקוקט מיט גרויסע אויגען אויף דעם מאן, וועלכער האט דיא טהיר פער־שלאסען.

— וואס קוקט איהר מיך אן? ערקענט איהר מיך ניט? — האט דער מאן געפרעגט.

— אָה, הערר מענצעל ?! — האָט אננאַ אויסגערופען, און האט זיך אליין ניט געגלויבט.

— ווער דען בין איך ?

— אָבער מיין גאָט, איהר טראגט דאך יעצט איין גאָנץ אנדער באָרד ?
מענצעל האט געלאַכט.

— אָה אננאַ, אזעלכע וואונדערבארע זאַכען וועט איהר זעהן גענוג, און איהר וועט זיך צו זיי געוואָהנען. אבער וואס איז געשעהן אין געריכט. ערצעהלט עס מיר גלייך דאָ אין קאָרידאָר. איהר קענט דאַן ווידער געהן אייער וועג.
אננאַ האט איהם באַלד אלעס ערצעהלט.

— האט דער ריכטער ניט געפיהלט עטוואס פערדעכטיגעס ? — האָט מענצעל געפרעגט.

— איך גלויב אז ניט. איך האב מיין ראָלע זעהר גוט געשפּיעלט.

— האט איהר געזאָגט, דאָס פראַנץ איז געפאָהרען מיט דעם 9 אוהר צוג? האט איהר עס געזאָגט אזוי קלאָהר דאס מען קען דאַרין מעהר ניט צווייפלען?

— איך האָב עס געזאָגט אויף זיכער.

— דאס איז גוט. איהר וועט עס מוזען איבערזאָגען אין געריכט, און איהר וועט עס מוזען בעשווערען.

— איך וויים. — האט אננאַ געמורמעלט. — צוליעב מיין ראכע בין איך צו אלעס פעהיג.

— פערגעסט אויך ניט דעם פיערטעל מילליאָן ! — האט מענצעל איהר אונטערגעזאָגט.

אין אננאַ׳ס אויגען איז געוואָרען ליכט. אלע פאַנטאַסטישע בילדער, וועלכע מענצעל האט איהר אמאל פאָרגעשטעלט, זיינען יעצט געשטאַנען פאר איהרע אויגען.

— יאַ, — האט זיא געזאָגט. — איך וויל רייך זיין, רייך און גליקליך.

— נאַטירליך, ווען איהר וועט טהאָן אייער פפליכט.— האט מענצעל געזאָגט.

— איך וועל שוין טהאָן מיין פפליכט אין גאַנצען. פערגעסט איהר נור ניט, וואס מיר האָבען אָבגערעדט. ווען איהר גיט מיר ניט דעם פיערטעל מילליאָן, זייט איהר א פערלאָרענער !

— מענצעל האט א שארפען קוק געטהאָן אין אננאַ׳ס געזיכט. אזעלכע רייד האט ער פון איהר ניט ערווארטעט. ער האט זיך יעצט איבערציינגט, דאָס ער האָט

זיך אָבגענאַרט, ווען ער האט געמיינט אז ער האָט צו טהאָן מיט א מיידעל וואָס האט קיין אייגענעם ווילען און איז לייכטזיניג, און גלויבט יעדען אויפ'ן וואָרט. ער האט יעצט געהערט, אז ער האָט צו טהאָן מיט א פּערזאָן, וועלכע קען דראָהען און בעשטעהן אויף דיא בעדינגונגען.

מענצעל האט מיט איהר וויטער גערעדט און האָט איהר פערזיכערט, דאס ער וועט האַלטען וואָרט, דאן האָט זיך אננאַ מיט איהם אבגעזעגענט און איז אוועק.

זיא איז גלייך אוועק געפאָהרען צום באַהנהאָף און האט זיך אריינגעזעצט אין באַהן וואָס געהט נאך אויסבורג.

אַלס זיא איז אין אויסבורג אָנגעקומען און איז ארויס פון וואַגאָן, איז זיא איבערראשט געוואָרען צו זעהן, וויא א רייך געקליידעטער מאַן שטייגט ארויס פון דער ערסטער קלאַסע, און דיעזער מאַן וואר קיין אנדערער וויא מענצעל.

מענצעל האָט איהר געגעבען א צייכען זיא זאָל צו איהם ניט ריידען, און זיא האָט עס אויך געטהאָן.

עס וואר שוין דונקעל. דיא נאַכט האט געהאלטען ביי'ן אָנקומען. אננא איז דארום אוועק גלייך אהיים.

דיעזען אבענד איז זיא מעהר ניט אויסגעגאנגען. איהר מוטער האט ניט געוואוסט פון אלעס וואס מיט איהר קינד איז געשעהן. זיא האט ניט געוואוסט פון אננא'ס ליעבע צו פראנץ שטאנד, און האט אויך ניט געוואוסט פון אננא'ס ראכע, דען אננא האָט זיך געהאלטען ווייט פון איהר מוטער.

— פאר'ן שלאָף האט אננא נאך אמאָל איבערגעצעהלט דיא גאָלדשטיקע, וואס מענצעל האט איהר געגעבען. זיא האט פאנטאזירט פון דעם פיערטעל מיל־ליאָן, וועלכען מענצעל וועט איהר נאך געבען, און זיא איז איינגעשלאָפען מיט דיעזער פאנטאזיע.

אין חלום האט זיך איהר אבער פאָרגעשטעלט דיא שרעקליכקייט פון איהר פערברעכען. פראנץ איז פאר איהר פאָרגעקומען וויא א געפאנגענער, וועלכער שילט דאס מעדכען, וואס האט אויף איהם געבראכט דעם טויט, פאר דיא לופטשלעסער וואָס א שלעכטער מענש האט איהר פערשפּראָכען.

ווען זיא איז אויפגעשטאנען אין דער פריה, ווארען איהרע באקען בלייך און איהרע אויגען רויטה, נור ווען זיא איז געקומען אין דער דרוקעריי און האט דערזעהן דיא גרעפין מרים פאָן מעהרען שטעהענדיג ביי דער מאשינע, און ארבייט גלייך

מיט איהר זיינען איהרע באַקען וויעדער רויטה געוואָרען און ריא אויגען האבען חיע־דער געגלאַנצט. דער געפיהל פון ראכע וואר שטארקער פון אלע אנדערע געפיה־לען אין איהר פרויען־הערץ.

10טעס קאַפּיטעל.

דער טעסטאַמענט.

אַרטהור מענצעל איז גלייך פון באַהנהאָף אוועק נאָך זיין וואהנונג.

ער האָט זיך באַלד געזעצט ביי זיין שרייב טיש, און האט גענומען דורכקוקען א בארג פאַפּירען.

פון אלע פאַפּירען האט ער ארויסגענומען צוויי דאָקומענטען און האט זיי פערגליכען איינע מיט דיא אנדערע.

איין דאָקומענט איז א טעסטאַמענט, דער צווייטער איז א שטאַם־בוים, א פאַפּיר וויא דיא געבורטען פון איין פאַמיליע ווערען פערצייכענט אין פיעלע דורות.

דער שטאַם־בוים איז ניט לאַנג פערטיג געוואָרען, ווייל ער זעהט נאָך אויס נייע, ווערהענד דער טעסטאַמענט איז אויף אלטען פאַפּיר און איז כמעט באַלד אונלעזבאַר.

ווערהענד ער האָט דיא דאָקומענט אונטערזוכט האט מענצעל צו זיך אליין גערעדט:

— דער שטאַם־בוים איז ריכטיג און דיא לעצטע דורות זיינען דאָ אויך פאַ־ראַן. אָבער עס מוז זיי אויסגעהן א ביטערער סוף, אויב איך קען ניט ווערען דער לעצטער.

— דריי הונדערט מיליאָן! — האט ער ווייטער צו זיך גערעדט. — צוריק מיט הונדערט יאָהר איז זעקס מיליאָן דאָלאר אוועקגעלעגט געוואָרען אויף פּראָצענט, און הייטע איז עס מיט דער פּראָצענט און פּראָצענט פון דעם פּראָצענט געוואָרען דיא סומע פון דריי הונדערט מיליאָן, און דיעזען גרויסען פערמעגען זאָלען ירשנ'ן מרים און פראַנץ שטאַנד? אה ניעמאלס!

— אָה, ווען דיעזע צוויי וואָלטען געוואוסט אז זיי זיינען פערוואנדטע או, דארפען ערבען אזא גרויסען רייכטהום, לויט נאָך אלע גערעכטע? גערעכטע? וואס רעד איך דאָ? מאַכט איז גערעכטיגקייט, און דיא מאַכט האב איך! פערדאמט וואָס איז דאָס?

מענצעל איז פון זיין שטוהל אויפגעשפּרונגען און האט זיך איינגעהערט. זיין געזיכט איז געווארען בלאַס, זיין גאַנצע געשטאַלט האט געציטערט.

גאַנץ דייטליך האט ער געהערט וויא דיא פאָדערסטע טהיר ווערט אויפגע־שלאָסען און צוריק פערשלאָסען. דאן האט ער געהערט פעסטע טריט פון א מאן וועלכע קומען נעהענטער צו איהם.

ענדליך האט זיך געעפענט דיא טהיר פון זיין צימער און א קליינער מענשעלע איז אריין אין צימער.

דיעזער מענשעלע האט געטראָגען א לאנגען ראָק, א ווייסען האלז באנד און א ברייטען און טיעפען הוט זאָ דאס מען האט ניט געקענט זעהן וואס פאר א האאר ער האט. אויף זיין געזיכט האט מען געזעהן דאס ער איז ניט גאנץ יונג, אָבער אין זיינע אויגען האט געברענט אזא פייער וועלכען מענצעל האט ניט גע־קענט בייצטעהן.

— דיאבעל! — האט מענצעל פאר כעס געמורמולט.

דער בעזוכער האט גאנץ שטיל געלאכט.

— איהר זייט גערעכט מיין פריינד, — האט דער מענשעלע געזאָגט. — אָבער פריהער פאר אלעס וויל איך מיך צו זעצען אה, איהר האָט דאָרט דיא דאָקומענ־טען זעהר גוט, איך בין גראדע וועגען דעם געקומען.

פריהער פון אלעס זאָגט מיר וויא קומט איהר אהער? — האט מענצע־ געפרעגט.

דורך דיא טהירע. — האט דער פרעמד גאנץ קאלט געענטפערט.

— האט איהר דיא טהירען אויפגעשלאָסען?

— נאַטירליך, זיי וואַרען ניט אָפען האב איך זיי געמוזט אויפשליסען.

— אָבער וויא קומט איהר האָבען שליסלען צו מיין וואָהנונג? בין איך זיכער דאס איהר קומט ניט אריין ווען איך בין ניטאָ? — האט מענצעל געשריען.

— געוויס זייט איהר ניט זיכער. — האט דער פרעמדער רוהיג געענטפערט

— וואָס ווילט איהר אין מיין הויז?

— אביסעל ריידען, מיין פריינד, ריידען פון דיא מילליאָנען, וועלכע איהר ווילט ארויסרייסען פון דיא ריכטיגע יורשים, אָבער וועלכע איהר וועט מוזען

טהיילען; איהר האט מיר אָבער נאך ניט געזאָגט וואָרום איך זאָל אייך געבען א טהייל? — האט מענצעל איהם געזאָגט.

— אה, איהר מוזט מיר געבען, איהר מוזט.

— ווער זייט איהר דען?

— רופט מיך דניאל.

— און מיט וואָס קענט איהר מיר בעווייזען דאס איך מוז?

— דערמיט וואָס איך וויים וואָס איהר געהט טהאָן.

מענצעל האט זיך געביסען די ליפען. דיא אנטוואָרט איז געוועזן א ריכטיגע און דארום א מעכטיגע. דאָך האט ער זיך נאך ניט געוואָלט לאָזען געפאנגען.

— וויא האט איהר עס אויסגעשפּיאָנירט? — האט ער איהם געפרעגט.

— רופט מיך שפּיאָן, רופט מך וואָס איהר ווילט. איין זאך דארפט איהר וויסען, ווען מיר זיינען שותפים זייט איהר זיכער מיט אייער חלק, זיינען מיר נעגנער פערלירט איהר אין גאנצען.

— דענקט איהר דאָס ווען איך וועל פערלירען וועט איהר געווינען? — האט מענצעל געפרעגט.

— איהר דרעהט זיך וויא א וואָרם! — האט דניאל געזאָגט אין א שארפען טאָן. — און וואָרם צוטרעט מען, דאס דארפט איהר ניט פערגעסען. יעדענפאלס מעגט איהר וויסען דאָס איך האב אויך א טעסטאמענט, מיינע איז דיא צווייטע, וועהרענד דיא דריטע ליעגט אין ארכיוו פון דער באנק אָף ענגלאנד, און אום אייך נאך עטוואָס צו זאָגען, וועל איך אייך בעקאַנט מאכען דאס אייך פעהלט נאָך א צווייג אויפ׳ן שטאם-בוים, דאָס איז דער בעוויז פון מרים׳ס אָבשטאמונג. דיעזען בעוויז האב איך, איך, הערר מענצעל, איך!

איינינע מינוטען נאָך דיעזער ערקלעהרונג איז אין צימער געוועזן שטיל. מענצעל איז געזעסען ביי זיין טיש מיט איין אראָבגעלאָזענעם קאָפּ ער האט זיך איבערציינגט דאָס ער איז אבהענגיג אָן דיעזען דניאל, דאָס ער קען גאָר ניט האנדלען אָהן זיין הילפע.

דניאל האָט איהם זעהר שארף בעטראכט.

— האָט איהר נאָך עטוואס צו פרעגען מיין הערר? — האָט ער צו איהם געזאָגט. — ניין, איהר האָט קיין פראגע, זאָ קענען מיר דאָך אונזער ארבייט צוזאמען אנפאנגען. נאָמיר נור דורכלעזען דעם טעסטאמענט.

ניט ווילענדיג אבער וויא געצוואונגען האט מענצעל צוגעשטעלט א שטוהל

פאר דעם אונגעבעטענעם גאסט, דניאל האט זיך געזעצט, האט גענומען דעם טעסטאמענט אין זיין האנד און האט געלעזען אויף'ן קול.

עס וואר פאלגענדעס:

„מיין פערמעגען 6,027.212 דאלאר זאל ליעגען אויף פראצענט און דער פראצענט זאל ווייטער ליעגען אויף פראצענט דע פראצענט, ביז עס װעלען פאר־איבער הונדערט און איין יאהר און די סומע וועט פערגרעסערט ווערען און פער־מעה־ט ווערען ביז דריי הונדערט מילליאן דאלאר.

„ווען דיעזע סומע וועט עררייכט ווערען זאל מען עס אויסצאהלען דעם בערעכטיגטען יורש.

„דיא בערעכטיגטע יורשים זאלען זיין אין ערשטע ליניע, דיא דירעקטע קינדער פון מיין ברודער, דער געהיימראטה יוסטוס פאן בראנד, ווען נאטט וועט איהם בענשען מיט קינדער.

„ווען מיין ברודער לאזט קיינע קינדער זאלען דיא יורשים פון דער צווייטער ליניע זיין דיא קינדער פון מיין פעטער גאטלאב ליבערעכט שענעבארען, און זאל דיעזעס בעוויזען, דאס אין דער קריעג און פיינדשאפט וועלבע עקסיסטירט צווישען אונז בין איך דער אונגערעכטער....

היער האט זיך דער פארלעזער אבגעשטעלש און האט גאנץ שטרענג אנגע־קוקט מענצעלים פערקרימטע געזיכט.

— בעהויפטעט איהר אבצושטאמען פון דיעזען גאטלאב ליבערעכט שענע־בארען? — האט ער איהם געפרעגט.

— יא.

— קענט איהר דאס בעווייזען?

— געוויס.

— מיט וואס?

— נאטירליך, דורך געבורטס־שיינע און אבשטאמונגס בריעף, — האט מענ־צעל געענטפערט.

— דאס איז זעהר שעהן. אבער וואס טהוט איהר ווען פון דער צווייטער ליניע איז דא נאך א קינד? — האט דניאל געפרעגט.

— דאס איז אבער ניט מעגליך! — האט מענצעל אויסגעשריען.

— דאס מיינט איהר, אבער איך מיין אנדערש; אבער לאמיר צוערשט איבער־לעזען דיא בעדינגונגען, ווען דיא ערבשאפט ווערט אויסגעצאהלט, — האט דניאל געזאגט און האט ווייטער געלעזען:

„נאך הונדערט און איין יאהר פון הייטע זאל דיא גאנצע סומע אויסגעצאהלט ווערען דיא לעבעדיגע קינדער, וואס וועלען אבשטאמען פון מיין ברודער; אבער נור דאן ווען דיעזע יורשים צייגען זיך ווירדיג צו ערבען מיין פערמעגען. ווען זיי שטעהן אין דער וועלט רייןּ, אהן זינד און אהן שטראפען פון געריכט. ווען פון מיין ברודער בלייבט קיין דירעקטער דור, אדער ווען זיינע נאכגעקומענע קינדער זיינען ניט ווירדיג. דאן זאל דיא גאנצע סומע איבערגעהן צו דעם דור, וואס וועט ארויסקומען פון מיין פעטער, און זיי זאלען דערצו בערעכטיגט ווערן אונטער דיעזעלבע בעדינגונגען.

ווען מיין פעטער'ס קינדער אדער קינדס קינדער זיינען אויך ניט ווירדיג, לויט דיא בעדינגונגען וואס זיינען אויבען אויסגערעכענט, דא געהט מיין גאנצער פערמע־נען פאר פערשיעדענע וואהלטהאטען, וועלכע איך רעכען אויס אין א בעזונדער שריפט, וואס איך האב אויך איינגעלעגט אין דער באנק אף ענגלאנד.

— „דיעזער פאל, אז דאס געלד זאל פערטהיילט ווערען אויף וואהלטהאט זאל אויך גילטיג זיין, ווען אין צוואנציג יאהר איידער דאס געלד דארף אויסגעצאהלט ווערען איז איינער פון דיא צוויי נאכגעקומענע דורות געשטארבען דורך א גוואלד־זאמען טוידט".

וויא עס וואר שוין אויבען ערמאנערט איז דיעזער טעסטאמענט געווען אויפגע־שריבען אין דריי עקזעמפלארען. איין עקזעמפלאר איז דעפאנירט געווארען אין דער באנק אף ענגלאנד, דיא אנדערע צוויי זיינען אבגעגעבען געווארען צו דיא צוויי ליניען, וועלכע זיינען בערעכטיגט אויף דעם פערמעגען.

— יעצט דארפען מיר אויסגעפינען ווער זיינען אונזערע געגנער,— האט דניאל אין איין ערנסטען טאן געזאגט נאכדעם וויא ער האט דעם טעסטאמענט דורכגעלע־זען — אונזערע צוויי געגנער זיינען מרים און פראנץ שטאנד. פראנץ געפינט זיך יעצט אין געפענגניס.

— וועגען רויב און מארד! — האט מענצעל געזאגט.

— ער איז אבער אונשולדיג!

— דאס ווייס איך ניט!

— אה, דערצעהלט מיר קיין ליעגען. איך ווייס דאס איהר און דער אמת'ער מערדער האבען איין האנד. דער אמת'ער מערדער וועט נאך אויך וועלען א טהייל פון דעם פערמעגען.

מענצעל האט איהם אנגעקוקט וויא מען קוקט אן א טייפעל.

— וואס האט איהר זיך ערשראקען? — האט דניאל געפרעגט — דענקט איהר

דאס איך ווייס ניט אייערע פלענער. אָה, דאס וואלט פאר מיר געווען זעהר שלעכט. וואס אנבעלאנגט ווענען פראנץ שטאנד דארפט איהר ניט פערגעסען, דאס ארב ער שטארבט פון א גוואלדזאמען טוידט איז דיא ירושה פון אונז אלעמען פערלארען.

— אָה, דאס איז גאר ניט, מען וועט איהם בעגנאדיגען.

— דאס קען זיין. אבער דאן קומט מרים אלס דיא ערבין.

— זיא איז אָבער אונווירדיג. זיא האט זיך אריינגעלאָזען אין ליעבעס אח אויסער דעם — —

נון?

— נון, זיא ארבייט יעצט אין א דרוקעריי. זיא איז ארם און עלענד. פער־שטעהט איהר מיך!

— זיא איז אָבער זעהר עהרליך.

— מענצעל האט געלאכט.

— א מיידעל איז ארם און איז שעהן זאָל בלייבען עהרליך? הא, הא, הא! ניין, מיין הערר, איך קען דאס לעבען פיעל בעסער.

— נו, דאס לאָז איך איבער פאר אייך, — האָט דניאל געזאגט — איהר האט שוין אזוי פיעל אויפגעטהאן, וואהרשיינליך וועט איהר שוין זעהן דאס מיידעל זאָל זינקען אין טיעפסטען זומפ.

— געוויס, וועל איך דאָס זעהן, און זאָגאר באלד!

— וואס שנעלער איז בעסער. מרים׳ס עלטערין זיינען טוידט, מיר דארפען אלזאָ קיין מורא ניט האָבען פאר דיעזער ליניע. יעצט קומען אן דער רייהע דיא קינ־דער וואָס שטאמען פון פעטער גאטלאב ליעבערעכט שענעבארען.

— פון דיעזער ליניע גיבט נור איין איינציגער אין לעבען און דיעזער איינער בין איך!

דניאל האט דעם שפרעכענדען דורכגעקוקט, דאן האט ער געזאגט אין א לאנגזאמען, שטילען טאָן:

— זעהר רעכט, דיעזער זייט איהר!

מענצעל איז געוואָרען רויטה וויא פייער.

— גלויבט איהר עס פיעללייכט ניט? — האט ער געפרעגט.

— פיעללייכט!

— וואָס מיינט איהר דערמיט?

— איך מיין דאס איך ווייס אייער געהיימניס, — האט דניאל גאנץ רוהיג געענטפערט.

מענצעל האט אראפגעלאזען זיין קאפ. זיין ברוסט האט געאטהעמט זעהר שנעל און עס וואהר גאנץ דייטליך צו זעהן, דאס ער קעמפפט א קאמפף, געגען זיך אליין.

— הערר דניאל, — האט ער ענדליך גאנץ שווער געזאגט — איהר רעדט פון א געהיימניס. וואס מיינט איהר דערמיט?

— דאס ווייסט איהר אזוי גוט וויא איך.

— געוויס ניט.

— זאגט קיין ליגען מיין הערר! איהר שפעקולירט צופיעל ווען איהר גלויבט, אז איהר קענט מיך נאררען. איך ווייס אייער פערגאנגעיהייט, איך ווייס, וועלכע מיטעל איהר האט אנגעווענדעט אום דעם טעסטאמענט צו קריעגען. געדענקט גוט הערר מענצעל וואס איך זאג אייך. ווען איהר זייט מיט מיר, קענט איהר אייער ציעל עררייכען, נאטירליך אונטער דיא בעדינגונגען, וועלכע איך וועל אייך פארשרייבען. ווילט איהר אבער ארבייטען אהן מיר, אדער פיעללייכט געגען מיר, זייט איהר פערלארען.

מענצעל איז געבליעבען איבערראשט, אבער גאנץ שנעל האט ער זיך געפאסט.

— איך פערשטעה אייך גוט, הערר דניאל. אבער אויך איהר קענט אהן מיר נאר נישט מאכען, דען ווען איהר וואלט עס געקענט וואלט איהר ניט געזוכט קיין פריינדשאפט מיט מיר. מיר זיינען אלזא גלייכע בריעדער און גלייכע פריצים!

— דאס פערשטעהט זיך!

— איהר האט גערעדט פון בעדינגונגען!

— דיא בעדינגונגען וועט איהר שוין ערפאהרען. פיר הייטע איז דאס גענוג. גוטע נאכט.

— האלט, מיין הערר, פריהער גיט מיר מיין שליסעל.

— דעם שליסעל דארף איך. גוטע נאכט!

דניאל האט צו איהם אלעס גערעדט אין אזא פעסטען און ענטשלאסענעם טאן דאס מענצעל האט ניט געוואגט געגען איהם אויפצוטרעטען. מענצעל איז ערסט וויעדער געקומען צו זיך ווען ער האט געהערט, דאס זיין גענאסע פערשליעסט דיא לעצטע טהיר.

11טעם קאפיטעל.

נייע געהיימניסע.

ריא גרעפין פאן מעהרען איז ארומגעגאנגען שטארק פערטרויערט, בעזאנדערס טרויעריג איז זיא געווען דיעזען טאג, ווייל הייטע ווערט בעערדיגט דער ערמאָרדעטער גראף פאָן מעהרען.

זעהר וועניג לייטע זיינען געקומען צו דער בעערדיגונג, דען דער גראף האט געהאט זעהר וועניג פריינדע און בעקאנטע.

פון געריכט איז געקומען דער ריכטער מיט דעם פּראָטאָקאָל־סעקרעטער, וויא אויך דעם גראף׳ס אדוואָקאט, העדר הארטינג. דיא גרעפין פאן מעהרען און איהר טאָכטער, האָבען בייגעוואָהנט דיא געזעצליכע פערהאנדלונג.

ריא פערהאנדלונג איז געווען זעהר איינפאך, זיא איז בעשטאנען נור דארין, וואס דעם גראף׳ס אדוואָקאט האט ערקלערט. דאס אָבוואָהל דער גראף האט איינינע מאָל געשפּראָכען פון א טעסטאמענט, דאָך האָט ער קיינע ניט געלאָזען.

דער ריכטער האט אויך ערקלעהרט דאָס דער גראף האט קיין טעסטאמענט ניט דעפּאנירט אין געריכט און דיא גרעפין האט ענדליך אויך בעריכטעט דאס זיא וויים פון קיין טעסטאמענט.

יעצט האט דאס געריכט אויפגעבראָכען דעם זיעגעל פון גראף׳ס שרייב צימער און האט דאָרט געמאכט א קליינע אונטערזוכונג. אין גראף׳ס שרייב טיש וואר קיין טעסטאמענט און אויך קיין אנדער וויכטיגער דאָקומענט. דען דער גראף האט געהאט דיא געוואהנהייט צו פערברענען אלע בריעף נאכדעם וויא ער האט זיי דורכגעלעזען.

יעצט האט דער ריכטער גאנץ אָפיציעל ערקלעהרט דאס דיא גרעפין העדוויג פון מעהרען איז דיא איינציגע ערבין פון גראף׳ס גאנצען פערמעגען, אויסער דעם טהייל וואס קומט דער אלמנה און אויסער וואס דער גראף האט פאר זיין לעבען אָבגעשריבען צו זיין פרוי.

— אָה, וויא דיא פערהאנדלונג האט מיך פערמאטערט! האט דיא גרעפין געזאָגט באלד וויא דער ריכטער מיט זיין סעקרעטער זיינען אוועק. — גאָטט זיי דאנק וואָס דאס איז שוין פאָראיבער.

— דוא ביזט הייטע געווען זעהר אונרוהיג, מאמא? — האט העדוויג געזאָגט.

— אונרוהיג? וואס מיינסט דוא דערמיט? — האט דיא אלמנה געפרעגט.

— וויא זאָל איך מיינען. זייט מיין פאטער איז געשטאָרבען ביזט דוא א גאנץ אנדערע.

— איז דאָס אַ וואונדער ?

העדוויג האט געשוויגען.

דיא גרעפין האט עטוואָס פערדעכטיגט איהר טאָכטערס בעמערקונג. זיא האט זיא אָנגעקוקט גאַנץ שאַרף און האט זיא געפרעגט :

— דוא ביזט נעכטען און הייטע געוועזן אין שטאדט. האסט דוא עטוואס געהערט וועגען מרים'ן ?

— מרים איז אין אויסבורג.

— פון וואנען ווייסט דוא דאָס ?

— פראַנציסקאָ, וועלכע וואר דער טאַנטעס קאַמערמעדכען איז געפאָרען נאָך רעגענסבורג. אין מינכען האט זיא זיך אָבגעשטעלט אום עטוואס איינצוקויפען. איך האב זיא צופעליג בעגעגענד...

— און האסט ביי איהר געפרעגט וועגען מרים'ן ?

— יאָ.

— דוא האסט עס ניט בעדאַרפט טהאָן. נור דאָך וואָס טוהט מרים.

— זיא איז אוועק אין אַ דרוקעריי אלס ארבייטס מעדכען.

דיא גרעפין האט זיך צולאכט.

— דאס פּאסט איהר זעהר גוט. איך וואָלט זעהר געוואָלט וויסען ווער איהר מוטער איז געוועזן, קיין רעכטע זאַך איז זיא נאַטירליך ניט געוועזן. איך האב זיא קיין מאָל ניט געקענט ליידען און איך רעכען דאס דוא האסט זיא אויך ניט געליעבט.

— מיר האבען ניט הארמאנירט.

— נאַטירליך. נור גענוג פון איהר צו ריידען. דוא מיין קינד ביזט יעצט דיא ערבין פון אַ גרויסען פערמעגען.

— דענקסט דוא מוטער דאָס איך פרעה מיך דערמיט ?

— אויב דוא פרעהסט זיך ניט יעצט, וועסט דוא זיך פרעהען שפּעטער ווען דוא......

זיא איז דאָ געבליבען שטעהן גלייך וויא זיא וואָלט מורא געהאט ווייטער צו ריידען.

— יאָ מוטער. — האט העדוויג געזאָגט — ווען איך דענק דאס מיין פאָטער איז אזוי גוט און דאס ער האָט גראַדע דיעזע נאכט געמוזט שטארבען פון גיפט... אה, עס בעפאַלט מיך אַ קעלט. דוא ביזט דאָך געוועזן אין נעריכט מאַמאַ ?

— יאָ, מיין קינד. ווארום פרעגסט דוא דען דאס ?

— האָסט דוא פעיללייכט געזאָגט דעם ריכטער דאס מרים איז ניט מיין שטיפשוועסטער ?

— נאַטירליך, האב איך עס געזאָגט !

— און דאס מיין פאָטערס אונערוואַרטעטער טויט האט איהם פערהינדערט צו אַדאפּטירען דיעזען קינד ?

דיא גרעפין האט זיך ערשראָקען.

— קינד, וואס פּלוידערסט דוא !

— אה, איך פלוידער ניט ! — האט העדוויג אין איין קאַלטען רוהיגען טאָן געזאָגט. — איהר האָט זיך געקריעגט. איך האב אלעס געהערט וואס דוא מיט דעם פאָטער האבען אין שטרייט געשפּראָכען, ווען מיין פאָטער וואָלט ניט ערמאָר־דערט געוואָרען וואָלט ער אויף מאָרגען, אין זיין געבורטסטאג אדאפּטירט מרים׳ן פאר זיין קינד.

— דוא ביזט פון זינען !

— איך בין ביי מיין פערשטאַנד, מוטער !

נוא, און דוא וואָלסט געווען צופריעדען, צו טהיילען זיך מיט מרים׳ן דיין פאָטערס פערמעגען ?

העדוויג האט געצויגען איהרע אַקסלען.

— ווארום ניט ? מיר וואָלטען געבליבען דיעזעלבע פריינד, איך וואָלט גע־האט גענוג אויף מיין חלק. אָבער זאָג מיר מוטער, האסט דוא דעם אונטערזוכענגס ריכטער ערצעהלט, וואס דער פאָטער האט געוואָלט טהאָן.

— וואס ווילסט דוא מיט דעם אונטערזוכונגס ריכטער ! — האט דיא גרעפין געשריען. — ווארום האב עס איהם בעדארפט זאגען ? וואס געהט עס איהם אָן.

— איך רעכען אַז איהם דארף אלעס אינטערעסירען ווען דוא האסט עס ניט געטאהן, וועל איך עס טהאן.

— ביזט דוא משוגע ? ! איך פערוועהר עס דיר צו טהאָן ! איך וועל דיר אמאָל ערקלערען דיא אורזאכע, דערווייל אָבער טאָהר קיינער ניט וויסען פון דעם געשפּרעך וואס איך האב געהאָט מיט דיין פאטער.

דיא גרעפין האט דיעזען מאָל געשפּראָכען אזוי הארט און אזוי בייז, דאס העדוויג האָט עס אָנגענומען פאר דעם לעצטען בעפעהל.

— נו, ווען דוא בעפעהלסט, וועל איך עס ניט ערצעהלען, אבער איך ווינש דוא זאָלסט עס מיר ערקלעהרען. — האָט העדוויג געענטפערט.

— איך וועל עס טהאָן, אָבער יעצט לאָז מיך אליין, איך בין זעהר נערוועז.

העדוויג האט געוואוסט איהר מוטער'ס נערוועזיטעט. זיא האָט פערביסען דיא ליפּען און איז ארויסגעגאנגען.

דיא גרעפין האָט באלד אריינגערופען א דיענער און האט איהם געשיקט נאָך איהר הויז־פערוואלטער.

דער הויז־פערוואלטער איז באלד געקומען און האָט זיך גאנץ העפליך פער־נייגט פאר זיין ווירטהין.

— איך האָב מיט אייך צו רעדען וויכטיגע געשעפטען, קומט מיט מיר אין מיין זאאל. — האט דיא גרעפין צו איהם געזאָגט.

דער הויז־פערוואלטער איז איהר נאכגעגאנגען.

וויא זיי זיינען געקומען אין זאאל, האט דער הויז־פערוואלטער ראדאוו צוגע־ריגעלט דיא טהיר און האָט זיך געשטעלט פאר זיין ווירטהין.

— פרוי גרעפין, איך בין בערייט צו דיענען,

— וואצו דיא קאָמעדיע! — האט דיא אלמנה געזאגט. — היער זיינען מיר גאנץ אליין און קיינער קען אונז דאָ ניט הערען.

— וואָס האט איהר מיר צו זאָגען, לאָרא? — האט ער געפרעגט און האט זיך נעבען איהר געזעצט.

— מיר שטעהען אין א געפאהר! — האט זיא קורץ געענטפערט.

— פון וועמען?

— פון אונזער... פון אונזער העדוויג. — האט דיא גרעפין אין דער שטיל געזאָגט.

— איז דאס מעגליך? העדוויג זאָל פאר אונז זיין א געפאהר?

דיא גרעפין האָט גענייגט מיט איהר קאָפּף.

— פערשטעהט איהר פאול, וואָס דאָס בעדייט?

— וואס איז אבער דיא געפאהר? — האט ער געפרעגט.

— איך האָב ערסט מיט העדוויג'ען געשפּראָכען, און איך מוז אייך זאָגען, דאס זיא קען אונזער גאנצע שפּיעל פערדארבען.

— וואס איז דאס אזוינס?

— העדוויג גלויבט ניט, דאס פראנץ שטאנד איז שולדיג אין דעם מאָרד.

— נו איז וואָס? זיא איז דאָך ניט דער ריכטער.

— זיא האט אבער געוואָלט געהן צום ריכטער, און האט געוואלט ערצעהלען דעם געשפּרעך, וואס איך האָב געהאט מיט דעם גראף פאר זיין טויט.

— וואָס זאגט איהר ? ווייס דען העדוויג פון יענעם געשפרעך ?

— יא. זיא האט עס געהערט.

— אה, דאס קען ווירקליך זיין זעהר געפעהרליך !

— איך האב עס איהר פערוועהרט, אבער וועט זיא דען פאָלגען מיין געבאָט ?

— מען מוז זיא צווינגען צו פאָלגען.

דיא גרעפין האט געזיפצט.

— דאס וועט זיין זעהר שווער. דער גראַף האָט אלעס געפאָלגט, אבער זיא......

דער פערוואַלטער האט ארויסגעלאָזען א קללה.

— דאס איז דער סוף, וויאפיעל מאל האָב איך זיך בעדארפט ערניעדריגען, אלס דער דיענער אין דיעזען הויז, וועהרענד מיין הערץ האט געריסען אין שטיקער.

— שטיל פאול !

— היער הערט אונז קיינער ניט. דאס בעסטע איז אָבער......

— וואָס איז אַם בעסטען ? — האט דיא גרעפין מיט נייגיערינקייט געפרעגט.— וואס ווילט איהר דען טהאָן ?

— איך מיין אז דאס בעסטע איז, מיר זאָלען העדוויג פערטרויען דאס געהיימניס.

— וואס רעדט איהר ? דאס איז אונמעגליך, וואס וועט העדוויג פון מיר דענקען ?

— נון, איין מאל פאַר אלע מאָל מוז זיא דאך וויסען. — האט דער פערוואַלטער געזאָגט.

— אָה, ווען איך ערמאינער מיך אויף דעם, פאַנג איך אָן צו שוידערען. וואס וועט דיעזעס יונגעס קינד פון מיר דענקען ? וויא קען זיא עס בעגרייפען און זאָל מיך ניט פערארטהיילען. און דאן, וואס פאר א שמערצען וועט זיא ליידען. זיא איז ביי זיך זיכער, אז זיא איז א גראַף׳ס א טאָכטער !

— דאס איז א קלייניגקייט. אויב איהר פאַטער איז קיין גראַף, איז איהר מוטער א גרעפין ! — האט ראדאוו געענטפערט. זיא מוז עס ערפאהרען, און ערסט דאן וועט זיא זיך איבערצייגען, אז וואס עס איז געשעהן, וואר פאר איהרע אינטערעסען.

נאך דיעזען געשפרעך האט דיא גרעפין און איהר הויז-פערוואלטער נאָך גוט וואס געשפראָכען גאנץ שטיל און דער הויז-פערוואלטער איז ענדליך אוועק.

12טעס קאפיטעל.

צוויי מענשען מיט איין אויסזעהען.

אויף דעם בעפעהל פון איהר מוטער, דיא גרעפין, איז העדוויג אריין צו זיך אין צימער. זיא האט זיך אריינגעזעצט אין איהר שטוהל און האט גענומען נאכדענקען וועגען איהר מוטער׳ס רייד.

דער מוטער׳ס בעפעהל, זיא זאל ניט געהן צום אונטערזוכונגס-ריכטער, איז איהר געווארען זעהר אויפפאלענד. עס האט אין איהר ערוועקט א פערדאכט, וועלכער וואר איהר נאך ניט קלאהר און נאך ניט דייטליך, דאך וואר ער שארף גענוג, אום זיא צו מאכען שוידערען.

זיא האט ביי זיך בעשלאסען, דאס דער פאקט, אז איהר פאטער האט געוואלט מרים׳ן אדאפטירען, נור דער טויט האט עס איהם פערהינדערט, אונד דער פאקט, דאס איהר מוטער הייסט איהר דעריבער שווייגען, בעווייזען, אז דאס וואלט געווען זעהר וויכטיג פאר דעם אונטערזוכונגס-ריכטער.

העדוויג האט זיך אויך פארגעשטעלט דיא גרויסע שרעק, וואס איהר מוטער האט געוויזען, ווען זיא האט איהר מיטגעטהיילט, דאס זיא האט געהערט איהר געשפרעך מיט איהר פאטער דיא נאכט פון זיין טויט.

אין העדוויג׳ס קאפ האט יעצט גערוישט און געקאכט. הונדערטע געדאנקען, איינס ערגער פון דיא אנדערע, האבען אין איהר געשטורמט. גאנץ אומזיסט האט זיא זיך בעמיהט צו מאכען דיעזע געדאנקען אין איין ארדנונג.

ענדליך האט זיא זיך אויפגעהויבען, האט נאס געמאכט איהר טוך אין קאלטעס וואסער און האט זיא צוגעלעגט צו איהר קאפ. דאס מיטעל האט געווירקט. זיא האט גענומען פיהלען, דאס זיא קען יעצט פיעל קלעהרער און ריינער דענקען. יעצט האט זיא זיך ווידער געזעצט דענקען און צוזאמען קלייבען אלעס, וואס זיא געדענקט זייט דער נאכט ווען דער מארד איז געשעהן. דיעזע עראינערונגען האט זיא גענומען שטעלען אין דער רייהע איינע נאך דיא אנדערע, אום פון זיי ארויס צו נעהמען א בעשלוס.

זיא האט זיך יעצט עראינערט אויף דער פראגע, וואס דער אונטער-זוכונגס-ריכטער האט איהר מוטער געשטעלט, אויב זיא ווייס איין פערזאן, וואס האט געקענט האבען איין אינטערעסע אין דעם גראף׳ס טויט.

דאס איז איהר יעצט געווארען אויפפאלענד. דיא גרעסטע אינטערעסע האט אין דעם איהר מוטער אליין.

הערוויג האט זיך אליין דערשראָקען פאר דיעזען געדאנק, און זיא האט מורא געהאט דיעזען געדאנק צו לאזען געהן זיין וועג. זיא האט געשווידערט, דען אָבוואהל זיא האט ניט געקענט קומען צו א קלאָרען בעשלוס, דאָך האט זיא גענומען פיהלען אז דא שפּיעלען זיך אָב געהיימניסע, אין וועלכע די גרעפין אליין שפּיעלט א הויפּט ראָלע.

יעצט האט זיא גענומען פיהלען נאך עטוואס. די ליעבע, וועלכע זיא האט צו איהר מוטער געהאט, דיעזע ליעבע פאנגט אָן צו ווערען קעלטער. עטוואס אונזיכטבּארעס איז צווישען איהר און איהר מוטער אריינגעפאלען.

דער אבענד איז אָנגעקומען. הערוויג איז ניט ארויס פון איהר צימער. זיא האָט נור געעפענט די פענסטער, וועלכע איז געווען געגען דעם צימער, אין וועלכען דער גראף האט זיין לעצטען אטהעם אויסגעהויכט.

די לופט פון פּארק איז איהר געקומען ענטגעגען. הערוויג האט וויא א דורסטיגע געטרונקען דעם הויך פון די בלומען אין דעם קיהלען אבענד-ווינד, וועלכער האט געבלאָזען אין איהר געזיכט.

די פריהעריגע געדאנקען זיינען פערשוואונדען אין איין אנדער געדאנק, איין פיעל אנגענעהמענער איז אין איהר קאָפּף געקומען.

— הייטע אבענד, — האט זיא צו זיך אליין געזאָגט. — אָה, וויא פרעה איך מיך......

הערוויג האט אונגעדולדיג ערווארטעט עטוואס אנגענעהמעס. ענדליך האָט זיך די טהיר געעפענט און איהר קאמערמעדכען איז אריינגעקומען.

פּאולינע, הערוו ג'ס קאמערמעדכען, איז געווען בלויז זיבעצעהן יאָהר אלט, זיא האט געהאט ברוינעס האאר, ברענענדע אויגען און א קלוגעס געזיכט.

נאָך אלס קינד איז פּאולינע געווען הערוויג'ס בעדינערין און דאדורך האָט זיא זיך איינגעוואָהנט צו ליעבען און צו זיין געטריי דיעזער פריילין און צו האסען די עלטערע פריילין מרים, וועלכע האָט קיין ליעבע געהאט צו הערוויג.

פּאולינע האט געהאט די מעלה צו פערשוויינען, וואס מען דארף ניט אויספּלוידערען.

יעצט איז זיא צוגעגאנגען צו איהר ווירטהין, וועלכע האט זיא ערווארטעט.

— הער נור, פּאולינע. — האָט הערוויג צו איהר געזאָגט. — מיר שיינט, דאס דוא האָסט פערלאנגט איינינע פרייע טעג.

— יאָ, גנעדיגעס פריילין.

— דוא ווייסט דאָך אבער, אז מיר זיינען יעצט אין טרויער, און מיין מאמא וועט דיר דיעזע פרייהייט יעצט ניט וועלען שענקען.

— אָה, ווען איהר זאָלט איהר בעטען, וועט זיא דאס אייך בעווילינגען. איהר ווייסט דאָך, פריילײן העדוויג, וועגען וואס עס האנדעלט זיך ?

— נון, יא, דיין געליעבטער נעהמט יעצט אויף זיין פרייהייט.

פאולינע האָט געשאָקעלט איהר קאָפּ.

— געהט ער נאָך הויזע צו זיינע עלטערען ?

— דאס גראדע ניט, מיר ווילען א ביסעל בערייזען בערלין.

— און דאָרט זיך אמוזירען ? — האט העדוויג מיט אויסגעשטעלטע אויגען געפרעגט. — דוא ווילסט זיין מיט איהם אליין ? ביזט דוא זיכער, אז ער וועט דיך חייראטהען ?

— יא. ער וועט מיך געוויס הייראטהען, און דארום בעט איך אייך, איהר זאָלט פון מיינטוועגען רעדען א גוט וואָרט מיט אייער מוטער.

— גאנץ רעכט. איך וועל דיר קריעגען דיין פרייהייט, אָבער דערפאר מוזט דוא מיר הייטע טהאָן א געפאלען. — האָט העדוויג געזאָגט.

— טויזענד פאר איינעם !

— דוא וועסט מיר לייהען דיין מאנטעל און זאָלסט בלייבען זיטצען פערשלאָסען אין מיין צימער. אויב איינער קומט, זאָ זאלסט דוא מיט א פערשטעלטער שטימע ענטפערען, דאָס דוא קענסט קיינעם ניט אויפנעהמען.

— און וואס וועל איך טהאָן, ווען מען וועט מיך פרעגען, וואו בין איך דיא גאנצע צייט געוועז, וואָס זאָל איך דאן זאָגען ? — האָט פאולינע געפרעגט.

— דאָס איז דאָך, וואָס איך בעט דיר. דוא זאָג, דאָס דוא ביזט א ווײלע אויסגעגאנגען, מען וועט דיך א ביסעל שילטען, נו וואָס איז דען דארין?

פאולינע האָט יערסט יעצט פערשטאנען, וואָס איהר ווירטהין האָט פערלאנגט.

— יעצט פערשטעה איך אייך, גנעדיגעס פריילײן ! מיר ווילען זיך הייטע פערבייטען דיא ראָלען. איהר קענט זיך אויף מיר פערלאזען, איך וועל מיין ראָלע אויספיהרען וויא א קינסטלערין.

איינינע מינוטען שפעטער, האָט העדוויג אָנגעטהאָן פאולינע'ס מאנטעל און האָט אין גאנצען פערשטעלט איהר געשטאלט. דאן האָט זיא איהר קאמערמעדכען איינגעשלאָסען אין איהר צימער און איז אוועק.

זיא איז געגאנגען אויף דיא שפּיטץ פינגער, אום קיינער זאָל זיא ניט הערע־באָלד האָט זיא זיך געפונען אין פארק.

העדוויג איז געגאנגען שנעל צווישען דיא בלומען בייטען. דער אלטער גערט־נער האט דאמאלס בעגאסען דיא בלומען, ער וואר אבער צו פיעל פערטהאן אין זיין ארבייט אום צו בעמערקען דיא יונגע גרעפין. העדוויג האט דאס געוואוסט. זיא האט אויך געוואוסט אז ער איז אביסעל טויב און קורציכטיג. זיא איז איהם שנעל פערבייגעלאפען און איז געגאנגען ביז זיא האט באלד עררייכט דעם ענדע פון פארק.

זיא איז דא געבליבען שטעהן און האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען. קיינער וואר צו זעהן. העדוויג האט גענומען פייפען א קליינע, שטילע מעלאדי.

דיעזער סיגנאל האט באלד ארויסגערופען א יונגען מאן, וועלכער איז געלעגע אונטער א בוים. דער יונגער מאן איז באלד צוגעלאפען צו דער יונגער גרעפין.

גוטען אבענד העדוויג. אה איך ווארט דא שוין אזוי לאנג.

דער יונגער מאן האט זיא באלד ארומגענומען און האט זיא אנגעפאנגען צו קוסען און אויך פיהרען ווייטער אין פארק.

— וואו הין פיהרסט דוא מיך, אטטא ? האט זיא איהם געפרעגט

— אין פאוויליאן.

— ניין, ניין, איך געה ניט אהין !

— — אה. קום דאך געליבטע , דארט קענען מיר זיך קוסין, האלזען און דארט זיינען מיר זיכער.

— אבער איך פירכטע... דוא ביזט אימער אזוי... און מיר וועלען זיי גאנץ אליין.....

ער האט ארומגענומען איהר טאליע, האט זיא צוגעדריקט צו זיך און האט זיא גענומען קוסען אין מויל. זיא האט געענטפערט אויף דיעזע קיסע און וויא אהן איין אייגענעם ווילען האט זיא זיך געלאזט פיהרען אין דעם פאוויליאן.

— דוא ציטערסט העדוויג ! — האט ער אין דער שטיל געזאגט — קום מיר וועלען זיך זעצען, איך האב דיך שוין אזוי לאנג ניט געזעהן !!

— עס איז ניט געגאנגען !

— ווען דוא ווילסט וויסען, וויא עס ציהט מיך צו דיר, איך האב אהן דיר קיין רוהיגע שטונדע ניט געהאט.

— אטטא, ליעבער אטטא, ווען מיין מוטער זאל דאס וויסען ! — האט העד־וויג געזאגט און האט זיך פון איהם אבגערוקט.

— דיין מוטער וויים עס ניט און זיא דארף עס אויך ניט וויסען. וואס איז אבער געליבטע, וואס ווייכסט דוא מיך אויס? ווילסט ניט איך זאל דיך קוסען?

חערוויג האָט איהם אָנגעקוקט. איהר אויג וואָר פערשלייערט און איהר שטימע האט געפיבערט, אַלס זיא האט איהם געענטפערט:

— ניין, ניין, קום מיך ניט מעהר. ניין, ניין, איך דארף עס ניט ערלויבען... דיא מוטער....

מעהר האט זיא אָבער ניט געשפּראָכען. דיא ליידענשאפט האָט בעהערשט איהר ווילען. זיא האט זיך געוואָרפען אויף זיין ברוסט וויא א בעטרונקענע און האט געפיבערט פון אויפרעגונג.

פייע־דיגע קוסען פון זיין מויל האָבען זיא נאָך מעהר בערוישט. און טרוימענ־דיג, בעטרונקען פון ליעבע און פערגעסען פון לייידענשאפט איז זיא געוואָרען זיינע.

א שטונדע שפּעטער זיינען זיי נאָך אלץ געזעסען אין פּאווילאָן. ביידע האבען קיין וואָרט ניט געשפּראָכען.

העדוויג האט געקוקט אויף איהר געליבטען, וועלכער איז געזעסען אונטער דעם שיין פון דער לבנה. איהרע באַקען וועלכע וואַרען פריהער רויטה פון דער פייערדיגער ליידענשאפט זיינען יעצט געווען בלאַס דער בוזים וועלכער האט זיך פריהער געהויבע ארויף און אראָב וויא דער שטורמדיגער ים איז יעצט גאַנץ לאַנגזאַם געשטיגען ארויף און אראָב.

— וואָס איז דיר העדוויג? — האט אָטטאָ געפרעגט.

— דוא פרעגסט נאָך? — האט זיא איהם האלב בייז געענטפ:רט. — איז דיעזע שטונדע פאַר דיר ניט גענוג הייליג דאָס זיא פערדיענט מען זאָל וועגען איהר אביסעל נאַכדענקען?

אָטטאָ האָט זיא אָנגעקוקט. העדוויג איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אזוי ערנסט וויא יעצט. ער האט זיא געוואָלט ארומנעהמען ביי איהר טאַליע, אָבער זיא האט זיך געוועהרט און דער אויסדרוק פון איהר געזיכט איז געוואָרען איין זעהר ערנסטער.

— לאָז דאָס אב! — האט זיא געזאגט — איך בין יעצט צו ערנסט. זאָג מיר נור אָטטא קענסט דוא מיין מוטער?

— דיעזע פראַגע איז געקומען גאָר אונערוואַרטעט. ער האט זיא דארום אָנגע־קוקט מיט גרויסע אויגען.

— איך מיין אויב דוא האסט מיין מוטער שוין געזעהן, אויב דוא האָסט מיט איהר געשפּראָכען?

— וויא קומסט דוא צו דיעזע פראַגען?

— קימערט דיך וויא איך קום דערצו. ענטפער מיר.

— ניין! — האט ער געענטפערט און זיין שטימע האט געציטערט.

— קענסט דוא מיר דארויף שווערען? — האט העדוויג געפרעגט.

— אבער העדוויג איך פערשטעהע דיך ניט, וואס זיינען דאס פאר א פראגען? וואס מאכט עס אויס אויב איך קען דיא גרעפין אדער ניט?

— עס ליעגט שוין זעהר פיעל דאראן.

— גלויבסט דוא מיר ניט אויפ'ן ווארט?

— איך וויל דוא זאלסט שווערען.

אטטא איז געוואָרען אונרוהיג. העדווינס וואונש וואר פערדעכטיג, און אטטא האט געהאט נענוג אורזאכען צו פירכטען פאר יעדען פערדאכט.

— ווילסט דוא מיר שווערען דאס דוא קענסט ניט מיין מוטער?

— איך וועל עס שווערען.

אטטא האט איהר דארויף געשוואָרען און האט זיא נאכדעם געפרעגט:

— נו, יעצט ביזט דוא שוין צופריעדען?

— יא, — האט העדוויג געענטפערט און איז געוואָרען אביסעל רוהיגער — דאך יעצט וויל איך האבען איין אנדער פראגע: זאג מיר גלויבסט דוא, אז פראנץ שטאנד האט ערמאָרדעט מיין פאָטער?

— איך קען עס ניט אורטהיילען. דאס דארפען דיא ריכטער בעשטימען.

— פראנץ לייקענט זיך.

— דאס טהוט יעדער פערברעכער.

— זאג מיר נור אטטא, וואו ביזט דוא געווען אין דער נאכט ווען דער מארד איז געשעהן?

— דאס איז דאך א מערקווירדיגע פראגע! — האט אטטא אויסגערופען.

— אבער דיעזע פראגע האט איין אנדערער דיך געקענט פרעגען. זאג מיר נור, וואו ביזט דוא יענע נאכט געווען? — האט העדוויג צודרינגליך געפרעגט.

— דאס מוז איך זיך ערסט ערגאינערן. ווארט נור, יא, יא, איך בין געווען אין מיין וואָהנונג.

— פון וועלכער צייט!

— אומגעפעהר צוועלף אוהר. יא, איך עראינער מיך יעצט. איך האב מיך עלינגט צוועלף און בין אויף מאָרגען אויפגעשטאנען פריהער וויא געוועהנליך.

— ווייסט דוא דאס אויף זיכער?

— גאנץ זיכער.

— האסט דוא אויך עדות?

— געוויס מיין ווירטהין.

— אָה, איך דאנק דיר גאָט דערפאַר! — האט העדוויג אויסגערופען מיט פריידע — יעצט וועל איך דיר אויך זאָגען ווארום איך פרעג עס דיר. אָטטאָ, ליעבער אָטטאָ, דוא האסט א גלייכען אין דער וועלט. דוא האָסט א מענשען וואס איז עבט וויא דוא. מעי קען גלויבען, אז דוא קענסט זיין אין צוויי ערטער אין איין צייט.

— איך? — האט אָטטאָ געפרעגט.

— יא, דיין גלייכען קען פאר דיר ווערען זעהר געפעהרליך.

— ווער איז דאס אזא מאַן?

— דאָס איז פראַנץ שטאַנד.

— אונמעגליך! — האָט געקלונגען הייזעריג פון זיין שטימע — איך בין עהנליך צו פראַנץ שטאַנד?

— פונקט וויא צוויי טראָפּען וואסער, דער גאנצער אונטערשיעד איז אין דיא האאר. דיינע האאר איז אביסעל דונקעלער.

— אָבער פון וואנען ווייסט דוא דאָס? קענסט דוא איהם?

— פּערזענליך קען איך איהם ניט. איך האב נור זיין בילד געזעהן. דער פּאָליציי־ראַטה האט מיר געוויעזען דאס בילד און האט מיך געפרעגט אויב איך קען איהם.

— און דוא? וואָס האסט דוא געזאָגט?

— איך בין געוואָרען א פערציטערטע, ווען איך האב אין דאס בילד געזעהן דיין געזיכט, אָטטאָ, איך האב מיך אָבער געפאסט און האב גאנץ רוהיג געענטפערט דאס איך וויס ניט וועמעס בילד דאָס איז.

— דוא ביזט דאך א קלוגעס מעדכען? — האט זיך ארויסגעהאפּט פון אָטטאָ׳ס ליפּען, אָבער באַלד האט ער זיך פערהאַפּט און האט געזאגט: — אבער וואָס קימערט עס מיך צו וועמען איך בין עהנליך.

— דאך ראַטה איך דיר דוא זאָלסט זיין פאָרזיכטיג.

— וואָרום? — האָט אָטטאָ געזאָגט מיט א געמאַכטער ברייטקייט — ווער וועט עס וואגען — —

— זיי ניט צו שטאָלץ און צו מוטהיג! פערגעס ניט דאס דוא ביזט ניט מעהר א מענש פאר זיך אליין. דוא דארפסט געדענקען דאס דוא ביזט יעצט פערבונדען מיט מיר אויף אייביג..... אָטטאָ, איך האָב דיר אלעס געאָפּפערט, ווייל דוא ביזט מיר אַלעס אין דער וועלט. אָה, אָטטאָ..... מיין אָטטאָ....

זיא האָט איהם ווידער ארומגענומען און ביידע האבען זיך ווידער פערלאָרען אין ליעבע און קיסע.

ענדליך האט זיך העדוויג אויסגעריסען פון זיינע הענד און האט געזאָגט;

— מיר מוזען זיך שיידען. אָה, גאָט, עס שלאָגט שוין עלף און איך האב פערגעסען צו נעהמען דעם הויז שליסעל!

— ווער שליסט צו דאס הויז? — האט אָטטאָ געפרעגט.

— דער פערוואלטער.

— קענסט דוא ניט געבען א צייכען צו דיין קאמער־מעדכען.

— ניין, דאס קען איך ניט. אָה, איך וויים ניט וואָס מען טהוט?

— וואַרט איך וועל עס נאכדענקען, עס דארף דאך זיין א לייטער צום צווייטען עטאזש....

— ניין, ניין, איך וועל איבער דעם לייטער ניט קריכען, — האט העדוויג געענטפערט.

אָטטאָ האט געוואלט עטוואָס זאָגען, אָבער ער האט זיך פערכאַפּט און מען האט געקענט בעמערקען דאס ער האט זיך געערגערט אויף זיין אונפאָרזיכטיגקייט צו רעדען פון לייטער. העדוויג האט עס אָבער ניט בעמערקט.

— עס בלייבט מיר נור איין מיטעל, — האָט זיא געזאָגט.

— וועלכען?

— איך וועל וועקען דעם גערטנער, איך וועל איהם זאָגען דאס איך בין איינגעשלאָפען אונטער א בוים.

— ווענען דעם אלטען קלעמענס?

— דוא קענסט איהם? — האט העדוויג געפרעגט איבערראשט.

— דוא אליין האָסט דאך וועגען איהם ערצעהלט. ניין, דער גערטנער קען זיך נאך אויסטויסען.

— אָבער וואָס זאָל איך טהאָן?

— איך האב א פּלאַן. — האט אָטטאָ נאָך א קורצען דענקען געזאָגט. — איך וועל זיך אריינמאכען אין זיין הייזעל און וועל פון דאָרט ארויסגנב'נען דעם שליסעל.

— אָבער ווען ער כאַפּט דיך?

— האָב קיין זאָרג, איך בין פאָרזיכטיג, זאָג מיר נור, וואו האלט קלעמענס דעם שליסעל.

— אויף'ן וואנד, עס הענגען דארט פערשיעדענע שליסלען, דער גרעסערער איז פון הויז טהיר. — האט העדוויג ערצעהלט.

— דאן קום.

אטטא האט זיא ארויסגעפיהרט פון פאוויליאן, אלס זיי זיינען געקומען ניט ווייט פון קליינעם הייזעל וואו דער גערטנער שלאפט, האט אטטא געזאגט:

— געה פארווערטס, מיט דיעזען וועג, איך וועל דא זעהן ארויסקריעגען דעם שליסעל.

העדוויג איז אוועק, און אטטא איז געבליבען ארום דאס הייזעל. נאך איינינע מינוטען האט ער אנגעיאגט זיין געליעבטע און האט געהאלטען דעם שליסעל אין האנד.

— האסט דוא איהם? — האט העדוויג געפרעגט.

— מיר שיינט אז איך האב דעם ריכטיגען.

— גיב איהם אהער איך וועל אליין אויפשליסען.

— איך מוז אבער דעם שליסעל צוריק ברענגען אויף זיין ארט.

— דאס וועט אבער זיין צו געפעהרליך. — האט העדוויג געזאגט. — מארגען גאנץ פריה וועל איך אליין אוועגלעגען דעם שליסעל אויף זיין ארט, און קיינער וועט עס ניט בעמערקען.

אטטא וואר אבער אונצופריעדען מיט דעם פלאן.

— ניין, ניין. איך טראג אוועק דעם שליסעל אויף זיין ארט. דער אלטער שלאפט פעסט, ער וועט מיך געוויס ניט בעמערקען.

איידער העדוויג האט צייט געהאט צו ענטפערען האט ער שוין דיא טהיר געעפענט און האט דיא גרעפין אריינגעלאזט אין קארידאר.

— גוטע נאכט, געליבטע. שלאף געשמאק. ווען זעהן מיר זיך ווידער?

— איך וועל עס דיר שרייבען.

דיא צוויי האבען זיך צוקוסט און צושיידעט. העדוויג איז אוועק און אטטא האט צוגעשלאסען דיא טהיר, און האט זיך געלאזט געהן פון פארק.

אלס ער איז געגאנגען פאר דעם גערטנערס וואהנונג האט ער געשמייכעלט.

— וויא גוט! — האט ער געמורמעלט, — וואס מיר איז דיעזער געדאנק אריינגעפאלען אין קאפ. העדוויג דארף ניט וויסען דאס איך האב איין אייגענעם שליסעל צום טיהר.

נאך דיעזע ווערטער האט ער זיך געלאָזט ווייטער געהן, ביז ער האט ערזייכט דעם טויער. דאָרט האט ער אויפגעזוכט א ניעדעריגען אָרט און איז איבערגעקראָכען דעם צוים, אזוי געשיקט וויא א געלעהרטער אין דער ארבייט.

13טעם קאפּיטעל.

אָפּגעזאָגט פון דער ירושה.

מרים׳ס לעבען אין דער דרוקעריי איז געווען א ביטערער. איהרע הענד וואָרען ניט געוואָהנט צו דער ארבייט, און גאַנץ אָפט האט זיא בעדארפט אויסשטעהן בעליידיגונגען, ווארום זיא א־בייט ניט גענוג שנעל און ווארום דיא ארבייט איז ניט גאַנץ גוט. דערצו האט זיא אויך בעמערקט דאס דיא איבעריגע ארבייטס מעדכען זיינען צו איהר ניט זעהר פריינדליך.

זיא וואר פיעל שעהנער אלס דיא אַנדערע מיידלעך. אין איהר גאַנצען וועזען איז געלעגען עטוואס פאָרנעהמעס, וועלכעס האט געפעהלט דיא איבעריגע ארביי־טערינען. זיא האָט זיך קיין מאָל ניט בעטהייליגט אין זייערע געשפּרעכען און שטיפערייען און דארום האבען זיא אלע געהאלטען פאר שטאָלץ און איינגעבילדעט.

אַננא האט בעזאָנדערס פערשטאַנען וויא צו פערביטערען מרים׳ן דאס לעבען. אננא האט ניט געוואוסט אַז מרים האַלט זיא פאר איינער וואס האט געהאט צו טהאן מיט איהר געליעבטען און דארום האט זיא געזוכט נאָך מעהר צו פייניגען מרים׳ס זעעלע יעדע געלעגענהייט וואס האט זיך איהר געמאַכט צו זידלען, צו בע־ליידיגען און צו קרימען דער ארמער מרים האט זיא ניט אויסגעלאָזט און בענוצט, און זיא וואָלט געוויס נאָך פיעל ווייטער געגאנגען, ווען ניט גרעטע, דיא ארבייטס מיידעל וועלכע האט בעשיצט דער עלענדער מרים, וויא איהר אייגענע שוועסטער.

גרעטע האט באַלד פערשטאַנען דאס מרים איז איין קינד פון פאָרנעהמע עלטערען, נור דער שיקזאל האט זיא געטריבען אין פאַבריק; דיא גוטע גרעטע האט מיט איהר דארום זעהר פיעל סימפּאטהיזירט און זיא האט אויך אויסגעווירקט ביי דעם דרוקעריי בעזיצער ער זאָל דיא נייע ארבעטערין שטעלען ביי איהר מאַשינע א דאָס זיא האט יעצט געהאט דיא געלעגענהייט צו לערנען מרים׳ן דיא ארבייט.

מרים האט עס איהר דערפאר געדאַנקט פון הארצען. זיא האט זיך אויך עפיהלט צוגעבונדען צו דער גוטער גרעטע, וועלכע האט זיך אין גאַנצען אבגעזונ־ערט פון דיא איבעריגע מיידלעך. גרעטעס בעוועגונגען, גרעטעס אויסשפּראַכע אבען איהר געצייגט דאס אויך גרעטע האט אמאָל געהאט בעסערע טעג.

הייטע וואר מרים זעהר אונרוהיג זיא האט זיך בעדארפט מעלדען אין דער יציי און איהר איז נאטירליך ניט געווען קיין אנדער וועג אויסער צו זאגען דיא פאלע ווארהייט. צו איהר גליק איז זיא געווען בעקאנט מיט איינעם פון דיא העכערע בעאמטע און איהם האט זיא איהר גאנצען צושטאנד געשילדערט.

און יעצט ווילט איהר זיך רופען גאנץ איינפאך מרים מעהרען? האט דער בעאמטער נעפרעגט.

— יא.

— זייט איהר זיכער, דאס איהר זייט ניט דעם גראף׳ס טאכטער? — האט דער בעאמטער נעפרענט.

— גאנץ זיכער, איך בין יעצט געצוואונגען מיין ברויט צו פערדיענען, און איך בעט אייך, מאכט מיר קיינע שוויערינקייטען וועגען מיין נאמען. גרעפין קען איך מעהר ניט הייסען, אבער איך וויל דאך טראגען דעם נאמען פון דעם מאן, וואס האט מיך ערצויגען וויא זיין קינד. איך וויל הייסען מרים מעהרען.

— דאס איז פון אייך זעהר שעהן. מיר וואונדערט אבער, ווארום איהר נעהט אין פאבריק. איז דען ניט מעגליך, דאס א מיידעל מיט אייער בילדונג, זאל קענען געפינען וואס צו טהאן פאר איהר ברויט אויסער דיא פאבריק?

— איז דיא פאבריק א שאנדע?

— ניין. אבער זאגט אליין, פיהלט איהר זיך גוט ביי דער ארבייט?

— פארלויפיג ניט, אבער ביסלעכווייז וועל איך מיך געוואהנען צום נייעם לעבען. טויזענדע מיידלעך עסען דעם זעלבען ברויט און שיינען דאך געזונד און שטארק.

— ווארום זוכט איהר ניט א שטעלע אלס גובערנאנטין?

— ווייל איך וויל ארבייטען, אבע ניט דיענען.

— אה, איהר זייט שטאלץ!

— יא!

דיעזער „יא“ האט געקלונגען אזוי פעסט, דאס דער בעאמטער האט מעהר ניט געוואגט צו פרעגען.

— איך וועל טהאן וויא איהר ווילט. אויף אייער קארטע וועל איך שרייבען „מרים מעהרען,“ אבער אין בוך מוז איך שרייבען אייער גאנצען נאמען, נעמליך: „מרים, גרעפין פאן מעהרען, ווייל איהר זייט נאך א גרעפין, ביז איין העכערע גע־ריכט האט ניט ענטשיעדען דאס איהר זייט ניט.

מרים האָט לייכטער אבגעאטהעמט. זיא האט ביז יעצט געפירכטעט, דיא פאָליציי ווערט איהר צווינגען צו פיהרען דעם נאָמען גרעפין. יעצט איז זיא דאָס איבערגעקומען, אבער דעם געשפּרעך וואס זיא האט געהאַט מיט דעם בעאַמטען, האָט זיא ניט געקענט פערגעסען. עס האָט אויפגעריסען איהרע וואונדען, וועלכע וואַרען נאָך ניט פערהיילט. זיא האָט זיך געשטעלט ביי דער ארבייט מיט איין אראָבגעלאָזענעם קאָפּ און האָט זיך אָפט אזוי פערטראַכט, דאס גרעטע האט זיא בעדאַרפט אויפמינטערען.

דיעזער טאג וואר דער לעצטער פון דער וואָך. מרים האט ערהאַלטען איהר ערסטען לאָהן. עס וואַרען בלויז איינינע מארק, דאָך וואר זיא צופריעדען.

עס וואר דאָך דאס ערסטע געלד, וואס זיא האט פערדיענט. יא, פערדיענט דורך עהרליכע און שווערע ארבייט, און דער פאַבריקאנט האט איהר געזאָגט, דאס ווען זיא וועט אריינגעהן אין דער זעצעריי וועט זיא פערדיענען דריי און פיער מאָל אזוי פיעל.

— וויא איז דאס מעגליך? — האָט מרים גאנץ נאַאיוו געפרעגט.

— דאָס זעצען פאָדערט מעהר פערשטאַנד, און דאַרום ווערט דערפאַר בעסער געצאָהלט.

ארויסגעהענדיג פון דער דרוקעריי, האָט גרעטע בעגלייט איהר קאַמעראַדין, און האָט זיא אויך איינגעלאַדען צו א קליינעם שפּאַציער=גאַנג.

מרים האָט דיא איינלאַדונג אָנגענומען. ווען זיי וואַרען ווייט פון פאַבריק האָט גרעטע געזאָגט:

— איהר זייט היער בלויז איינינע טעג, און וויא מיר שיינט האָט איהר שוין א ביטערע פיינדין.

— אננאַ? — האָט מרים געפרעגט.

— קענט איהר זיא?

— איך האָב זיא היער געזעהן צום ערסטען מאָל!

— און דאָך איז זיא אייער פיינדין. איך קען דאס גאר ניט בעגרייפען.

— איך קען עס אָבער יא בעגרייפען! — האט מרים געזאָגט און האָט זיך געווישט דיא טרעהרען.

— איך קען זיך יא עטוואס פאָרשטעלען. — האט גרעטע מיט מיטלייד געזאָגט. — געווים איז דאָ עטוואס ליעבעס געשיכטען.

מרים איז איין ווילע געבליעבען שטעהען. זיא האָט געוואָלט פּראָטעסטירען

געגען דער פערמוטהונג, דאס זיא און אננא האָבען איין ליעבעס געשיכטע. אבער באלד איז זיא געוואָרען אנדערש, און עס האט זיך איהר פערגלוסט אויסצורעדען איהר הערץ פאר איהר פריינדין. און זיא האט עס אויך געטהאָן. זיא האָט פאר גרעטען ערצעהלט איהר גאַנצע לעבענס געשיכטע.

גרעטע וואר דערפון זעהר שטארק גערירהרט. דיא גאַנצע ערצעהלונג האט פאר איהר געשיינט אוננאַטירליך, אונגלויבליך. אויף איהרע ליפּען האבען געשוועבט איינינע פראַגען. זיא האָט ניט געוואָלט גלויבען, דאס מרים איז ניט מעהר דעם גראָף׳ס טאָכטער, נור דאס קינד פון אונבעוואוסטע עלטערען. זיא האָט אויך ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי אלעס האָט זיך אזוי שנעל אומגעענדערט. נור אלס זיא האָט געזעהן, דאס מרים קימערט זיך ניט דאס צו ערקלערען, זאָנדערען זיא רעדט אלץ וועגען פראַנץ שטאַנד, און וויא זיא גלויבט אין זיין אונשולד, האָט גרעטע באלד פערשטאַנען, דאס זיא קען איהר פריינדין נור דערמיט טרייסטען, ווען זיא וועט ערקלערען איהר איבערצייגונג, דאס פראַנץ וועט ארויס אונשולדיג פון געריכט.

גרעטע האָט עס איהר פערזיכערט, און האָט צו איהר נאָך ווייטער געזאָגט:

— וועגען אננא סיבעל קען איך אייך נור דאָס זאגען: אננא האסט אייך און זוכט אייך צו ערגערען, אָבער דאָך איז זיא אייער געגנאָסין, דערמיט וואָס זיא וועט זיכער אָנווענדען אלע קרעפטען צו בעווייזען, אז פראַנץ איז אונשולדיג.

— קען דאס אננא טהאָן? ווייס זיא עטוואס וואס קען זיין אונשולד בעווייזען?

— דאס ווייס איך ניט. איך ווייס נור, אז זיא איז געוועזן אין מינכען און האט געשפּראָכען מיט דעם אונטערזוכונגס־ריכטער.

מרים האָט ביי דיעזער נאַכריכט גענומען פיהלען, גלייך וויא א גרויסע געוויכט וואָלט געפאַלען אויף איהר ברוסט. אננא איז געוועזן ביי׳ן אונטערזוכונגס־ריכטער. האט זיא ווירקליך געזאָגט עטוואס צו גונסטען פון פראַנץ שטאַנד? דאָך יא, אנדערש קען דאך ניט זיין... אָבער דאָך האָט איהר דאס הערץ געשראָקען און אין דיא שלייפען האט גענומען קלאַפּען.

מרים האט מעהר קיין וואָרט ניט גערעדט, ביז זיי זיינען געקומען ביז גרעטעס וואָהנונג.

— ווילט איהר מיך בעזוכען, פריילין מעהרען? איך האב מיין מוטער שוין ערצעהלט וועגען אייך. — האָט גרעטע געבעטען.

— ניט הייטע. איך בין הייטע אזוי אויפגערעגט און אונרוהיג, דאס איך וואָלט שוין גערען געוועזן אוועק צו לעגען מיין קאָפּ. גוטע נאַכט, פריינדין.

דיא צווי פריינדינען האבען זיך צוזעגענט און מרים האט אויפגעזוכט איהר קליינעס, ארמעס וואהנונג, וועלכען פראנציסקא האט איהר פערשאפט.

אויפ'ן טיש זיינען געלעגען איינציגע בריעף. איינער איז געווען פון מינכען.

מרים האט דיעזען בריעף געעפענט פריהער. דער אינהאלט פון דיעזען בריעף איז געווען א קורצער, אבער דיא איינציגע ווערטער ווארען גענוג צו מאכען איהר גע־זיכט בלייך וויא קרייד.

דער בריעף האט פאלגענדעס ענטהאלטען:

„אן פריילוין מרים מעהרען.

„מיט דעם אויפטראג פון מיין העררין, גרעפין פאן מעהרען, טהייל איך אייך מיט, דאס מיין זעליגער העררר האט קיין טעסטאמענט געלאזען, און האט פאר אייך קיין זאך ניט בעשטימט. דאך מיין העררין האט מיר איבערגעגעבען איין טויזענד מארק, אלס איינע און דיא לעצטע שטיצע פאר אייך, דיעזע טויזענד מארק קענט איהר פון מיר ערהאלטען, ווען איהר ווערט זיך שריפטליך פער־פפליכטען זאפארט אנצונעהמען איין אנדער נאמען, ווייל דער נאמען „מעהרען" געהערט ניט צו אייך און פאסט אויך ניט פאר אייך.

פאול ראדאוו.

— דאס איז שענדליך! — האט מרים געמורמעלט, און האט דעם בריעף צוקנייטשט אין איהרע הענד. — וואס פאר א שלעכטעס האב איך דיעזער פרוי גע־טהאן, וואס זיא זוכט מיך צו אונטערדריקען און צו בעליידיגען? עס שיינט, דאס איך מוז אויסטרינקען דעם בעכער פון ליידען ביז'ן דעק. אה, מיין ערציהער, וויא ביזט דוא געווען גוט צו מיר, וויא האסט דוא מיך געליעבט, און יעצט פערוועהרט מען מיר זאגאר דיין נאמען צו טראגען!

מרים האט זיך געווארפען אויף איהר בעט און האט געוויינט און האט גע־קלאגט. זיא האט אזוי לאנג געוויינט, ביז דיא ווירטהין איז אריין אין איהר צימער, און האט איהר ערצעהלט, דאס א מאן, וועלכער זעהט אויס וויא איין אדוואקאט, האט אויף איהר געפרעגט.

— האט ער זיין נאמען ניט געזאגט?

— ניין. ער האט געזאגט, דאס ער וועט אייך שרייבען. האט איהר נאך דיא בריעף ניט געזעהן, זיי ווארען צוויי.

מרים האט זיך אויפגעהויבען צו זעהן דעם בריעף. וויא זיא איז צוגעגאנגען צום טיש, האט זיא ווידער דערזעהן ראדאוו'ס בריעף.

— איך וועל זאפארט אנטווארטען. — האט זיא געמורמעלט. — זאלען זיי

ניט גלויבען, דאס איך בין א שוואכעס מעדכען, וועלכער מען קען בעליידיגען און ערניעדריגען פאר אומזיסט.

זיא האט זיך באלד געזעצט ביי'ן טיש, און האט אויפגעשריעבען פאלגענדעס:

„געעהרטע פרוי גרעפין.

„דורך אייער הויז־פערוואלטער, האָט איהר מיר אָנגעבאָטען א סומע געלד, אָבער אונטער אזא בעדינגונג, וועלכע איך וועל ניעמאלס אָננעהמען. נור ווען דיעזע בעדינגונג וואָלט ניט געוועז, וואָלט איך דיעזעס געלד אויך ניט אָנגענומען, ווייל איך וייס, דאס איך בין אזוי פיעל שולדיג צו דעם אָנדענקען פון מיין טרייען ערציהער, דאס איך זאָל מיך ניט ערניעדריגען אָנצונעהמען נדבות.

מרים מעהרען.“

דיעזען בריעף האָט מרים פערשלאָסען אין א קאָנווערט, און האָט עס אָבגעשיקט צו דער גרעפין. עס איז איהר געוואָרען עטוואָס לייכטער אויפ'ן הערצען. זיא האָט געפיהלט, דאס זיא האָט איהר עהרע פערטהיידיגט.

וויא זיא האָט דיעזען בריעף אָבגעשיקט, האָט זיא גענומען דעם צווייטען בריעף. עס וואר א בריעף פון דעם אדוואָקאָט פון דער פערשטאָרבענער גרעפין סאָפיא פאָן גאָלדערען, און האָט ענטהאַלטען דעם בעדויערען, דאס דיא גרעפין האָט קיין טעסטאמענט ניט איבערגעלאָזען, און דארום דארף דער גאנצער מערמעגען איבערגעהן צו דער געזעצליכער ערבין, העדוויג פאָן מעהרען.

מרים האט זאָגאר ניט ערווארטעט קיין ירושה פון דער גרעפין. זיא האָט געוואוסט, דאס זיא איז עלענד און אליין, דאָך האָט דיא גרעפין איהר אימער געוואָנט, דאס זיא וועט זיא ניט פערגעסען איהר גאנצען לעבען, און אויך ניט פאר איהר טויט. יעצט האט זיא ערהאלטען דיא לעצטע נאכריכט, און אין איהרע אויערען האט עס געקלאפט וויא מיט פויקען דער שרעקליכער געדאנק:

„ענטזאגט דיא ירושה!“

14טעס קאפיטעל.

אַ בליק צוריק.

אין פיערטען שטאָק אין א נטגיידע אין דער נייהויז שטראסע, זעהען מיר דעם נעהיימניספאָלען דניאל, מענצעל'ס קאמעראד זיצענדיג איבער א בוך ביי א שרייבטיש. דער אינהאלט פון דיעזען בוך, דיא האנדשריפט און זאָגאר דיא בלעטער האָבען דיעזען מאן שטארק אינטערעסירט, דען ער האט ניט צוגענומען אן אויג פון דער נוטער האנדשריפט, וועלכע האט גאָר ניט אויסגעזעהן וויא דיא שריפט פון א פרויענצימער. אָבער דאָך איז דאס געוועז דער טאגע־בוך פון א פרוי.

— עס איז א גליק וואס איך האָב דיעזען בוך בעקומען, — האט דניאל צו זיך געזאָגט — יעצט פערשטעהע איך ווארום דאס געלד איז אוועקגעלעגט געוואָרען אין דיא באנק אָף ענגלאנד. עס איז ניט שלעכט... דיעזע אירענע, דיעזע קעניגליכע טאָכטער האָט גייסט.... זיא האט אויפגעשריעבען א גאנצען בוך. איך וויל לעזען ווייטער.

און דניאל האט געלעזען:

— אום גאָטעס ווילען, האָב רחמנות מיט מיר! צווינג מיך ניט צו דער הייראטה, עס וועט מיר ברעכען דאס הערץ!

שטיל, פערשטיקט פון טרעהרען און געוויין האבען דיעזע ווערטער געקלונגען פון א יונגער, קוים זיבעצעהן יעהריגער מיידעל. אין דרויסען האט געריסען א שטורמווינד און האט געוואָרפען דיא וועללען פון מעער צו דיא פעלזען וואנד פון דעם „הארס קאסטעל". דער גערויש פון ווינד האט פערטויבט דעם געוויין פון דיעזער מעדכען און אויך דעם קורצען געלעכטער פון א פרוי, וועלכע איז געשטאנען מיט א פינסטערען און קאלטען געזיכט.

מען האט זיא גערופען דיא „פינסטערע פרוי" און אויך מיט רעכט, דען זייט פיעלע, פיעלע יאהר האט מען אויף איהר שעהנעם געזיכט קיין פריינדליכע מינע ניט געזעהן, ווען איהרע ליפען האבען זיך שוין אמאָל געעפענט פאר א שמייכעל, וואר עס א שמייפעל פון הארטקייט און קאלטקייט.

זיא וואר געקליידעט אין שווארצען, און אלס זיא האָט געשמייכעלט איז אירענע נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרען.

יעצט איז דיא „פינסטערע פרוי" ארומגעגאנגען איבערן צימער הין און צוריק. זיא איז ענדליך געבליעבען שטעהן פאר אירענעס געזיכט און האט אין א פעסטען טאן געזאָגט:

— עס איז שוין דיא העכסטע צייט צו מאכען אן ענדע צו דיינע ראָמאנטישע פאנטאזיען און דאס קען נור איין פאָלשטענדענדיגער מאן... א מאן וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט אין הייסע, בלוטיגע שטרייטען.... א'קאנעל וועט דיין מאן זיין.

דאָס מעדכען האט אויסגעשריען:

— וויא! א'קאָנעל זאל מיין מאן זיין?

— און ווארום ניט?

— ער דער רויבער? דער מערדער?

— וואס שרעקסט דוא זיך אזוי נארישעס מעדכען. ער איז א מערדער? וואָס

פערשטעהסט דוא אונטער דיעזען וואָרט? דוא רופסט איהם רויבער? יא, נו, קוק זיך אליין אָן און זאָג פון וואנען קומען דיעזע טהייערע זאכען, וועלכע דוא וועסט אמאָל ירשנ'ן? פרעג נור אלע ים־רייזענדע, דיא וואס פיהרען געשעפטס־שיפען און זיי וועלען דיר אלע זאָגען דאס דיא פינסטערע פרוי פון „הארס קאָסטעל" האט זיי אלעמען בערויבט! דיעזער ים, וואס שפיעלט מיט זיינע וועלען ארום דיעזען שלאָס, דער געהערט מיר, און אלעס וואָס אויף איהם בעוועגט זיך איז אויך מיינס! דיעזער שלאָס האט אמאָל געהערט צו א שטאָלצער משפחה, צו דיא עסעקס. מיינע פאָר־עלטערין האבען גאנצע הונדערטע יאָהרען מיט זיי געקעמפפט, אָבער איך האב עס פון זיי עראָבערט, יא, איך דיא פינסטערע פרוי פון הארס קאסטעל. אלע האבען פאר מיר געפירכטעט, ווילסט דוא שוואכעס מעדכען זיין דיא ערסטע וואָס וועט ניט פאָלגען מיין בעפעהל? ניין אירענע, דאס וועט ניט געהן. געה שוין נאך דיין צימער.

נאך דיעזע ווערטער האט זיך דיא „פינסטערע פרוי" געווענדעט צום פענסטער.

אירענע האט אנגעפאנגען צו וויינען. איהר צארטעס ועזען איז ערשיטערט געוואָרע א הר פערליבטעס הערץ האט אָנגעפאנגען צו ברעכען, זיא איז געפאלען צו דער ערד און איז געבליעבען אין אונמאכט.

דיא „פינסטערע פרוי" האט זיך געמאכט גלייך וויא זיא האט דאס אלעס ניט געזעהן. זיא איז געשטאנען ביי'ן פענסטער און האט געקוקט אויף דעם שטורמדיגען ימער, וועלכער האט זיך געוואָרפען ארום דעם שלאָס. דיעזער שלאָס, וועלכער האט זיך געפונען אם ברעג ים פון שאָטלאנד איז זייט הונדערטע יאָהרען באָמבאדירט געוואָרען פון דיא שטורמדיגע וועללען און איז אויסגעשטאנען יעדען שטורם, פונקט וויא זיין יעצטיגע הערין, וועלכע האט בעזיעגט אלע איהרע פיינדע.

וועהרענד דיא פרוי איז געשטאנען און האט געקוקט אויף דעם שטורם האָבען איהרע ליפען געמורמעלט:

— מיין שיף.... וואס איז מיט מיין שיף? וויא קען איך ערווארטען דיא וויכ־טיגע נאכריכט וועלכע דער קאפיטאן דארף מיר ברענגען.

ענדליך האט זיא זיך אבגעקעהרט פון פענסטער. זיא האט דערזעהן דיא אונמעכ־טיגע אירענע ליעגענדיג אויף דער ערד, אָבער זיא האט זיך וועגען איהר ניט געקי־מערט. זיא האט זיא געלאָזט ליעגען און איז אוועק מיט איהר קאלטען שמייכעל פון צימער.

אין פאָדערסטען צימער זיינען געזעסען איינינע מעדכען, וועלכע האבען גע־ארבייט דיא פרוי פון הארס קאסטעל איז צו זיי צוגעגאנגען און האט זיא בעפאָהלען

זיי זאָלען אויפהייבען דיא אונמעכטיגע פון דער ערד און זאָלען זיא אריינטראָגען אין איהר צימער. דאן איז זיא ווייטער געגאַנגען.

אויפ׳ן וועג האט זיא צו זיך געזאָגט:

— זיא וויל מיך ניט פאָלגען. דאס האב איך ערוואַרטעט. אבער וואָס קימערט עס מיך? זיא מוז זיין פרוי ווערען, און דאַן, שטאָלצע קעניגין, איז מיין ראכע געענ־דיגט. דוא האָסט גערויבט מיין געליעבטען, דערפאר וועל איך דיין קינד פערהיי־ראַטהען מיט אַ רויבער. יאַ, איך בין אלט און בין געוואָרען העסליך, אבער נאך גליהט דאס הערץ אין מיין ברוסט, נאך שלאָגט זיא ראַש און שטורמדיג ווען איך עראינער מיך אָן דיר. יעצט געה איך ערווארטען דעם קאפּיטאַן. איך רעכען, אז ער ברענגט מיר וויכטיגע נאַכריכטען פון מיין פערדערבערין.

זיא איז אריין אין האָף און האט געהיט דעם וועג פון ים. ענדליך האט זיך געעפענט דער טויער און איין גרויסער געזונדער מאַן איז אריינגעקומען.

— טאָם! — האט דיא פינסטערע פרוי אויסגערופען אין אַ פרעהליכען טאָן און טאָם איז צו איהר צוגעגאַנגען. זיא האט איהם באַלד אויפגענומען מיט דער קורצער פראַגע:

— נון?

— אָלל רייט!

דאָס וואר אלעס וואָס טאָם האט געענטפערט און דיא פרוי איז באַלד ארויס פון טויער און איז צוגעגאַנגען צום ברעג, וואו אַ קליינע שיפעל וואַר צוגעבונדען. און אין דיעזען שיפעל האט זיך גאר נישט געפונען אויסער דעם מאַסט, דער שטייער און צוויי שמאָלע בענק. דאָס שיפעל וואַר רויטה־געפארבט און מיט שווארצע, גרויסע בוכשטאַבען איז אויף איהר געשטאַנען דער נאָמען „דיאַבעל" (טייפעל).

— זיינען דיא איבעריגע לייטע דאָ? — האט דיא „פינסטערע פרוי" געפרעגט.

— יאַ, זיי קאָמען.

אין אַ ווײלע שפּעטער זיינען אָנגעקומען זעקס שטאַרקע און בעוואָפענטע מענער. דיא „פינסטערע פרוי" האט זיי געגעבען אַ צייכען און אַלע האבען זיך אריינגעזעצט אין דיעזען שיפעל. טאָם איז נאָך זיי אריין און צולעצטע האט זיך אריינגעזעצט דיא פרוי.

אָהנע עטוואס צו ריידען האבען זיי דאָס שיפעל אָבגעבונדען און האבען אָנגעפאַנגען דיא רייזע אויף לעבען און טויט.

אלע אכט פערזאָן האָבען גערודערט מיט אלע קרעפטען ביז זיי האבען דער־זעהן פון ווייטען א שיף מיט דריי מאַסטען. זיי האבען יעצט גערודערט צו דיעזען שיף.

וויא זיי זיינען געקומען נאָהענט צום גרויסען שיף האָט דיא „פינסטערע פרוי“ געגעבען א סיגנאַל און דיא שיף איז געבליבען שטעהן. דיא אַנקער זיינען פער־וואָרפען געוואָרען, און דער ים וועלכער איז געוואָרען פיעל רוהיגער, ווייל דער שטורם האט שוין אויפגעהערט און דער טאג האט זיך גענומען ווייזען האט דעם שיף געלאָזט שטעהן רוהיג אויפ׳ן אָרט.

דער „דיאבעל“ האָט זיך אָבגעשטעלט ביי׳ן שיף. דיא שיפכלייטע זיינען אראָבגעלאָזט געווארען און דיא פרוי האט אָנגעפאנגען צו קריכען אויפ׳ן לייטער זיא האט זיך געהאלטען פעסט מיט ביידע הענד און האט זיך שוין געפונען אויפ׳ן מיטען וועג. אָבער פלוצלונג איז א גרויסע וועלע אָנגעקומען און האט גענומען יינגען דעם שיף צו איין זייט.

דער „דיאבעל“ איז מיט גרויס מיהע אנטלאָפען פון דער געפאהר פערטרונקען צו ווערען אונטער דער וואנד פון דער גרויסער שיף, אָבער דיא „פינסטערע פרוי“ איז מיט איהר גאַנצען קערפער אריין אין וואסער.

באלד אָבער האט זיך דיא גרויסע שיף ווידער אויסגעגלייכט, און דאַן האט מען דערזעהן וויא דיא „פינסטערע פרוי“ האלט זיך אלץ פעסט אָן דעם לייטער. פון איהרע קליידער האט נור גערונען דאס וואַסער און פון איהרע ליפען האט זיך געהערט דער ענגלישער:

„גאָד דעם“ !

איינינע מענער־הענד זיינען אויסגעשטרעקט געווארען צו איהר הילפע און באלד האט זיא זיך געפונען אויפ׳ן שיף.

דיא מאַנשאַפט אויף׳ן שיף וואר זעהר שטארק בעשעפטיגט, נור איין מאַן איז צו איהר צוגעגאנגען. דיא ערשיינונג פון דיעזען מאַן וואר אזוי, דאָס יעדער איינער האט זיך פאר איהם געקענט ערשרעקען. ער וואר גרויס און גראָב און געזונד. מעהר וויא איין אויג האט ער ניט געהאט און דיעזער אויג האט אויך געקוקט בייז און ניפטיג.

דאס וואר דער קאַפּיטאַן. ווען ער איז ניט געוועזען האט מען איהם גערופען „דער איין אויג“. וועה איז אָבער דעם וואס האט זיך מיט דיעזען נאמען אויסגע־רעדט ווען דער קאַפּיטאַן האט עס געהערט. מיט דעם לעבען האט ער בעדאַרפט

בעצאָהלען פאר זיין אונפארזיכטיגקייט. זיין אמת'ער נאמען איז געווען מאַליטאס, ווייל ער איז געווען א שפּאניער פון געבורט.

באַלד וויא ער איז צוגעגאנגען צו דער פרוי האט ער אראָבגענומען זיין הוט און האט איז ענגליש געזאָגט :

— ווילקאמען מאדאם.

— ברייננסט דוא לייטע ? — האט דיא פרוי נייגעריג געפרעגט.

— יא.

— פיהר מיך צו זיי.

— אויך צו איהם ? — האט דער קאפּיטאן געפרעגט.

— נאַטירליך.

— דאַן קאָמט.

דער קאפּיטאן האט זיא געפיהרט איבער דעם שיף, צווישען אלערליי געפּעק און פעסער און אויך דורך פערשיעדענע קאיוטען ענדליך האט ער זיך אָבגעשטעלט ביי איין אייזערנע טהיר, וועלכע וואר פעסט פערשלאָסען.

— געפינט ער זיך דאָ ? — האָט דיא „פינסטערע פרוי" געפרעגט.

— יא.

— וואו האסט דוא זיך דעם לעצטען מאָל אָבגעשטעלט ?

— אין וועגעדיג.

— דארט האסט דוא איהם געקראָגען ?

— יאָ.

— איז ער געגאַנגען מיט'ן אייגענעם ווילען ?

דער קאַפּיטאַן האט זיך פערקרימט.

— מיט'ן אייגענעם ? אָה, ניין, פיער שטארקע מענער האבען איהם אהער בעדאַרפט ברענגען.

— פיער מענער ? — האט דיא פרוי מיט שרעק געפרעגט. — ווארען זיי פון אונזערע לייטע ?

— יא.

— ווען זיי וועלען ערצעהלען ?

— זיי זיינען שטום.

— האָסט דוא געשפּראָכען מיט דעם מאָנאך ?

— יא ער לעבט יעצט פון אייער געלד הערליך און צופריעדען.

— יעצט שליס אויף.

דער קאַפּיטאַן האָט אויפגעשלאָסען דיא טהיר. א פינסטערע לאָך איז באַלד ערשיענען.

דער קאַפּיטאַן האט דאן געבראַכט א ליכט און האָט בעלויכטען דיא פינ־סטערניס. ביי׳ן שיין פון ליכט האט דיא פרוי פון „הארם קאַסטעל״ געזעהן א מאַן ליעגענדיג אויף דער ערד. ער וואַר רייך געקליידעט. זיינע פיס און זיינע הענד וואַרען געשלאַסען אין אייזערנע קעטען.

זיין פיינע אַריסטאָקראַטישע געזיכט, וואַר פול מיט ליידען, זיינע אויגען וואַרען האַלב געעפענט, און איין דונקלער פייער, האט פון זיי געשפּריצט.

איבער זיינע צוזאַמענגעצויגענע ליפּען האט זיך געצויגען א שוואַרצער שנור־באָרד, אויך דיא האאר אויף זיין קאָפּ וואַר פעך־שוואַרץ.

דער צימער אין וועלכען דער געפאַנגענער האט זיך געפונען, וואַר אזוי קליין, דאס ער האָט זיך אין איהם קוים געקענט בעוועגען.

גלייך וויא דער שיין פון דאס ליכט איז אויף איהם געפאַלען, האט ער זיך א טרייסעל געטהאָן און האָט געעפענט זיינע אויגען.

— וואס קוועלט איהר מיך נאך! — האט ער געזאָגט מיט א קלינגענדע שטימע. — אָה, ווארום בין איך ליבערסט ניט אומגעקומען אין מיין עלענד, איידער אריינצופאַלען אין אייער האַנד. ווער זייט איהר? — — אָה, אנגעליקא! אנגעליקאַ!

ער איז פּלוצלינג געבליעבען שטיל, דען ערסט יעצט האט ער דערזעהן דאס געזיכט פון דער פינסטערער פרוי פון „הארם קאַסטעל.״

— וועך, ווער ביזט דוא? — האט ער דיעזער טייפעלשער פרוי געפרעגט.

— שוויינ, וויטאָרע!

דער געפאַנגענער האט גענומען נאך מעהר ציטערען. דיעזע שרעקליכע פרוי רופט איהם ביי זיין נאָמען. אלזא ער איז איהר ניט פרעמד!

— איך וועל זיך מיט דיר זעהען! — האט דיא פרוי פון „הארם קאַסטעל״ געזאָגט, און האט אַרויסגענומען א קליינע פלעשעלע פון איהר בוזים. דיעזע פלע־שעלע האט זיא געעפענט און האט זיא צוגעלעגט צו זיין נאָז. וויטאָרע, וועלכער וואר געשמידט און צוגעשלאָסען צום וואַנד האט זיך ניט געקענט וועהרען. עס האָט לאַנג ניט גענומען, און ער האָט פערוואָרפען זיין קאָפּ אויף א זייט און איז געבליע־בען בעוואוסטלאָז.

— שנעל א זאַק!

דיא פרוי האט דאס בעפאָהלען און דער קאַפּיטאַן האט באַלד געבראַכט א

גרויסען זאק. מען האט דיזען זאק איבערגעצויגען אויפ'ן געפאנגענעם, און סע האט איהם פעסט פערבונדען.

— צוויי מאן פון דיאבעל! — האט דיא פרוי געפאדערט.

דער קאפיטאן איז אוועק אויפ'ן דעק און האט זיך אומגעקעהרט מיט צוויי מאן, אויפ'ן בעפעהל פון דער פינסטערער פרוי איז דער זאק מיט דעם מאן גע־בראכט געווארען אויפ'ן דיאבעל.

דאס אלעס איז געשעהן זעהר שנעל. דיא פרוי פון הארם קאסטעל האט גאר ניט געהאט נויטהיג א סך צו קאמאנדירען. איין מינע, איין מאך פון איהר האנד, ווער גענוג אויסצופיהרען יעדען פערלאנג.

— מיר זעהען זיך נאך דיעזע נאכט,—האט דיא פרוי צום קאפיטאן געזאגט.— האסט דוא מיר נאך עטוואס צו בעריכטען?

— ניכטס.

דיא פינסטערע פרוי איז יעצט אראבגעקראכען פון לייטער, איז אריין אין איהר שיפעל און האט געגעבען א צייכען צום רודערען.

וויא זיי זיינען געקומען צום ברעג, איז דער געפאנגענער ארויסגעטראגען גע־ווארען פון שיף און מען האט איהם געבראכט אין א צימער, וואו מען האט דעם זאק פון איהם אראפ גענומען.

דיא „פינסטערע פרוי" האט אומגעביטען איהרע קליידער און האט זיך גע־נומען צו דער ארבייט, צו ברענגען דיעזען מאן צוריק צו זיין בעוואוסטזיין. דאס איז איהר אויך געלונגען.

ווען וויטארע האט דיא אויגען געעפענט און איז צו זיך געקומען, האט ער זיך דערזעהן אין א וויכען שטוהל און אין איין איינפאכען צימער. וויא ער האט אבער דערזעהען דיא פינסטערע פרוי, איז ער אויפגעשפרונגען פון שטוהל און האט געפרעגט:

— וואו בין איך, און ווער זייט איהר?

— איהר זייט אין מיין מאכט! — האט דיא פרוי געענטפערט אין איטאליע־ניש. — ווער איך בין, ווילט איהר וויסען? יא, מען רופט מיך דיא פינסטערע פרוי פון הארם קאסטעל. איהר געפינט זיך יעצט אין מיין שלאס.

— הארם קאסטעל? — האט דער געפאנגענער אויסגעשריען. — אה, איך וויים יעצט וואו איך בין. איך וויים יעצט אויך, וואס איהר ווילט פון מיר. איך האב אייך א מאל געזעהען אין לאנדאן!

— זעהר ריכטיג.

— איהר האט געזוכט איין אינסטרומענט געגען דער קעניגין עליזאבעטא.

— יא. — האט דיא פינסטערע פרוי אויסגערופען. — דיעזער אינסטרומענט זיים איהר וויטאָרע!

וויטאָרע האט געמאַכט א שריט צו דער פרוי. דיא קעטען, וועלכע זיינען נאך געווען אויף זיינע ארמען און זיינע פיס האבען געקלונגען.

— וויא, איך זאָל זיין אייער אינסטרומענט? און מיט וועלכען רעכט האט איהר געוואָנט צו פאַנגען דער קעניגינס געליעבטען.

דיא פרוי האט זיך צולאַכט.

— רעכט? דאס איז א מערקווירדיגע פראַגע, וויטאָרע. מאַכט איז רעכט, און אַזוי וויא איהר וועט וויסען, וואס אויפ'ן שאָטלענדישען ברעג קומט פאָר, וועט איהר וויסען דאס דיא פרוי פון „הארס קאַסטעל" האט זיך גענומען יעדעס רעכט דורך מאַכט. איהר וועט אבער ביי מיר ניט ליידען. איהר וועט האבען צו עסען און צו טרינקען און איהר וועט וואָהנען אין דעם שפּיטץ טהורם, דאס איז נאך ניט דער ערגסטער פלאַטץ אין דיעזען שלאָס. אין א געוויסען טאג, וועט איהר אויך בעפרייט ווערען, דאס וועט זיין, ווען איהר וועט שרייבען צו דער קעניגין עליזאבעטא.

— איך? און וואס זאָל איך שרייבען?

— אָה, דאס איהר זייט שוין זאַט מיט איהר ליעבע, דאס איהר קענט זיא שוין מעהר ניט ליידען, דאס איהר ליעגט יעצט אין מיינע ארמען.

— אין אייערע אַרמען? — האט דער געפאַנגענער אויסגערופען מיט א טאָן פון אונגעהויערער אויפרעגונג.

— וואָס שרעקט איהר זיך אזוי? — האט דיא פינסטערע פרוי געפרעגט מיט א קאָקעטישער מינע.

— אין אייערע אַרמען? — האט ער נאך א מאל געפרעגט, און האט צוזאַמענגעקליעבען זיין גאנצע קראפט. — גוט, איך וועל אייך זאגען. איהר קענט מיין קאָפּ אָבהאַקען, אָבער דיא וואהרהייט איז, דאס איך האב נאך ניט געזעהען א העסליכערע פרוי פון אייך, דאס אין דער גאַנצער וועלט געפינט זיך ניט איין מאַן, וואס וועט ניט בעסער געבען זיין קאָפּ פאר'ן טייפעל איידער צו ליעגען אין אייערע ארמען.

וויטאָרע איז פּלוצלינג געבליעבען שטיל, ער האט זיך ערשראָקען פאר דעם ווילדען אויסזעהען, וואס דיעזע פרוי האט געקראָגען ביי דיעזע ווערטער. איהר גאַנצע ערשיינונג, איהר אויפטרעטען, איהר בעוועגונג, איהר שפראַכע,

אלעס איז איהר וואר מענעריש, און דאָך איז זיא געווען א פרוי.... וויטאָרע האט מיט זיינע לעצטע רייד געטראָפען וויא מיט א פייל אין איהר הערצען.

זיא איז צו איהם צוגעגאנגען, האט געגען איהם אָנגעשטעלט איהר האנד און האָט מיט געקריצטע צייהן געזאָגט :

— שורקע ! דיעזע ווערטער זאָלען דיך טהייער קאָסטען: איך וועל דיך ווארפען אין דעם פינסטערען קערקער, דאָרט זאָלסט דוא נאכדענקען, דאס דיעזעס העסליכע וייב, וועלכע שטעהט פאַר דיר און אויף וועלכער דוא זאָגסט, דאָס קיין מאן אין דער וועלט וואָלט איהר ליעבע ניט געזוכט, אָה, דיעזעס וייב האָט איין געבענבוהלערין, וועלכע וועט פאַר איהר ציטערען, וויא דוא ציטערסט יעצט פאר מיר. עליזאבעטא איז א קעניגין, א מעכטיגע הערשערין, דאָך ווען עס קומט וועגען דער ליעבע פון דעם געליעבטען, איז דיעזע קעניגין ניט מעהר וויא א בעטלערין, און פאר דיעזער בעטלערין, וועט לוסי פאָן טראפאל, דיא העררין פון „הארס קאסטעל" זיך ניעמאלס ערניעדעריגען. דוא מעגסט דאס נעהמען אין זינען און גוט נאכדענקען, זאָלאנג דוא וועסט זיך פלאגען אין פינסטערען קעלער.

וועהרענד זיא האָט דאס געשריען, האט זיא פון אויפרעגונג געקלאפט מיט איהרע פיס, געשפייט מיט גאל און ענדליך האָט זיא מיט איהר געזונדען קולאק א זעטץ געטהאָן אין וויטאָרע'ס געזיכט. דער קלאפ וואר אזוי שטארק, דאס דער אויסגעמאטערטער מאן איז באלד געפאלען אין אָהנמאכט.

לוסי האט דריי מאל אנגעקלונגען.

באלד איז ערשיענען דער געזונדער טאָם.

— ברענג אהער אנטאָנען, און טראָגט אב דיעזען מאן אין שפיטץ טהורם.

טאם און אנטאָן האָבען עס באלד ערפילט. זיי האבען גענומען דעם געחלש'טען אויף זייערע פלייצעס און האָבען איהם ארויפגעטראָגען אין שפיטץ־טהורם. לוסי, דיא הערין פון האָרס קאסטעל, איז יעצט געבליעבען אליין. זיא איז ארומגעגאנגען איבער דעם צימער, האט זיך געריעבען דיא הענד און האָט צו זיך אליין גערעדט :

— יעצט דארף איך געהן פאָרווערטס צום ציעל... אָה, ציטערע, שטאָלצע קעניגין, דוא האָסט געראובט מיין געליעבטען, און אזוי שנעל וויא דוא ביזט מיט איהם זאט געוואָרען, האָסט דוא איהם הינגעריכטעט. אָה, איך קען מיך ניט רעבענען מיט דיר פערזענליך, אבער דערפאר איז דיין קינד אין מיין האנד. הא, דער שפאס איז טהייער ! אירענע, דאס קינד פון פערבאָטענער ליעבע, דיא טאָכטער פון טויטען גראף פאָן עסעקס און פון דער שטאלצער עליזאבעטא, דיעזע וועט יעצט

ווערען דיא ווייב פון א באנדיט !...... אבער וואס איז דאס ? ווער שרייט דארט ?

מיט האסטיגע שריט איז לוסי צוגעלאָפען צו דער טהיר, וואס האט געפיהרט צו א זייטיגען צימער. געדיכטע גארדינען זיינען איבער׳ן טהיר געהאנגען. דיא טהיר אליין וואר אָפען, און אויפ׳ן שוועל איז געשטאנען אירענע.

— וואס טהוסט דוא היער ? — האט לוסי אויסגעשריען. — האסט דוא געהערט ?

— אָה, ווערט ניט בייז, — האט אירענע געבעטען מיט א ציטערדיגער שטי־מע. איך בין אהער געקומען, און ניט ווילענדיג האב איך געהערט.

— וואס האסט דוא געהערט ?

— א גערוייש, גלייך וויא מען וואָלט איינעם אוועק געטראָגען.

— ווייסט דוא, ווער עס איז ? האסט דוא דעם געפאנגענעם געזעהן ?

— ניין.

— זאָג דיא וואהרהייט, אירענע !

— איך שווער עס דיר, איך האָב דעם געפאנגענעם ניט געזעהען, איך האָב אָבער געהערט, וואָס איהר האט געזאָגט. דאס געהיימניס פון מיין געבורט, איז פאר מיר יעצט ענטדעקט.

לוסי האט געוואָרפען א דורכדרינגענדען בליק אויף דאס מיידעל, און האָט דאָן מיט א רוהיגען טאָן געזאָגט :

— קום אריין אין צימער, איך האב מיט דיר עטוואס וויכטיגעס צו רעדען.

ציטערענד איז אירענע אריין אין צימער. זיא האט ערוואַרטעט עטוואס שרעקליכעס. אָבער לוסי, דיא פינסטערע פרוי פון הארס קאסטעל, האט צו איהר גאנץ רוהיג געזאָגט :

— עס קימערט מיך ניט, וואס דוא האָסט ערפאהרען דיא געהיימניס פון דיין געבורט, דוא וואָלסט עס מוזען וויסען, פריהער אָדער שפעטער. זאג מיר אָבער, וואס האסט דוא פריהער געהערט.

— דוא האסט אנגיזרופען דעם גראף פאָן עסעקס. — האט אירענע גע־ענטפערט.

— און ווענמען נאך ?

— דיא קעניגין עליזאבעטא.

— דאס איז וואהר. דוא ווייסט דאך דאס דיעזער גראף איז הינגעריכטעט געוואָרען, אבוואָהל ער וואר דער קעניגינ׳ס געליעבטער. דוא ביזט דיא פרוכט פון

דיעזער ליעבע. דוא ווילסט געוויס וויסען וויא אזוי דוא קומסט אהער? דאָס איז אבער א געהיימניס, ועלכען איך קען דיר יעצט ניט ערצרהלען. איך האָס אבער דיין מוטער, וועלכע ו ייס ניט, אז דוא לעבסט נאך. איך וועל זיך מיט דיין מוטער אברעכענען דערמיט וואָס דוא ועסט ווערען דיא פרוי פון א שרעקליכען ים־רויבער. דוא דאַרפסט גאָר ניט צווייפלען דאס איך וועל עס אויספיהרען. אָה, דוא ווײנסט? נאַררישעס מיידעל, וואָס איך האב איין מאָל בעשלאָסען דאס מוז געשעהן און דוא דאַרפסט גאָר ניט גלויבען דאס דוא ועסט פון מיר עטוואָס אויסוויינען! — האָט לוסי, דיא פינסטערע פרוי גאַנץ געלאסען געזאָגט.

אירענע האט ניט געענטפערט. זיא האָט איינגעגראָבען איהר געזיכט אין איהרע האנד און האָט געקלאָגט.

— דוא וועסט זיך פיעללייכט וואונדערן, — האָט לוסי ווייטער געזאָגט — דאָס אָבוואהל דוא ביזט מיר א פרעמדע, האב איך דיך דאָך בעשטימט פאר דער יורש טע פון מיין פערמעגען. אָבער דאָס איז צוליעב דעם, וויל א'קאָנעל וויל הייראַטהען נור דיא רייכסטע מיידעל פון דיעזען געגענד און דארום האב איך דיך געמאכט רייך. יעצט געה, איך האב דיר געזאָגט אלעס וואָס דוא דאַרפסט וויסען.

גאַנץ שטיל אָהן א וואָרט צו ענטפערן איז אירענע אוועק, אָבער וויא זיא איז געקומען צו זיך אין צימער האט זיא זיך געשליידערט אויף איהר בעט און האט אָנגעפאַנגען צו וויינען אויפ'ן קול.

אירענע האט קיין מאל ניט געוואוקסט וויא אזוי זיא קומט צו דער פרוי פון הארס קאָסטעל. איהר ערציהערין איז צו איהר קיין מאָל ניט געווען בעזאָנדערס ליעבליך, דאָך שלעכט איז זיא אויך ניט געווען זיא האט איהר געגעבען א גוט ערציהונג, זיא האָט זיא אונטעררירכט אין פערשיעדענע שפראכען, אין וועלט־געשיכטע און האָט זיא אויך געשיקט נאך ווענעדיג, וואו זיא איז געזעסען אין א קלויסטער אום איהר גייסט אויסצובילדען.

דריי יאָהר האט זיא אין ווענעדיג פערבראכט אונטער דעם נאָמען „אנגעליקא“, ערכט צוריק מיט איינינע טעג איז זיא פון ווענעדיג געקומען און וויא זיא איז גע־קומען האט לוסי איהר בענאכריכטעט דאס זיא וועט הייראַטהען מיט דעם בעוואוס־טען א'קאָנגל.

ווזהרענד זיא האט אזוי געוויינט און בעטראכט איהר לעבענס געשיכטע, האט זיך דיא טהיר פון איהר צימער געעפענט און דיא שלאָס־מעדכען איז אריינ־געקומען.

אירענע האט אויפגעהויבען איהר קאָפּ.

— דאס ביזט דוא טריינע?

— איך בין עס, אירענע. איך זעה, אז איהר האָט געוויינט, ליידער מוז איך אייך זאָגען דאס איהר דאַרפט זעהר פיעל וויינען צו גאָט ער זאָל אייך בייזשטעהן אין אייערע ליידען.

— אָה וויא גוט ביזט דוא, טריינע! — האט אירענע געזאָגט און האט איהר נערייכט איהר האנד — דוא ביזט דיא איינציגע וועלכער איך קען אלעס פערטרויען. אָה, ווען דוא וואָלסט אלעס געוואוסט! איך וואָלט דיר אלעס ערצעהלט, אָבער איך פירכטע לוסי וועט אונז הערען.

— זיא קען אונז ניט הערען. זיא איז יעצט אין טהורם.

— ביי דעם געפאַנגענעם? — האט אירענע מיט שרעק געפרעגט.

— יא, — האט טריינע געענטפערט — וויא בעדויער איך דעם ארמען מאַן! איך האָב איהם געזעהן, ער איז אזא שעהנער יונגער מענש, ער זעהט אויס וויא איין איטאַליענער.

וויא טריינע האט דעם לעצטען וואָרט אויסגערעדט האט אירעיע פערוואָרפען דעם קאָפּ און האט אויסגעשריען:

— אָה, זא האב איך מיך ניט געאירט. ער איז עס! ער איז עס!

— ווער?

— וויטאָרע! יא, איך האב זיין שטימע ערקענט. אָה, גאָט, מיין וויטאָרע א געפאַנגענער! טריינע, דוא ביזט דאך מיין פריינדין, הער וואָס איך זאָג דיר, וויטאָרע מוז געראַטעט ווערען! — האט אירענע אין פאלער פערצווייפלונג גערעדט וויא א צומישטע.

— מיין נאָט, וואָס פאלט אייך איין. וויא קענען מיר איהם רעטען? ווייסט איהר דען ניט דאס אלע הערען אין שלאָס זיינען געטריי דער ווירטהין? — האט טריינע געזאָגט — דאך זאגט מיר ווער איז דיעזער וויטאָרע און פון וואנען קענט איהר איהם?

— ער איז איין עדעלמאַן! — האט אירענע ערצעהלט, — איך האב איהם ער־קענט אין ווענעדיג. אך טריינע, ווען איך וואָלט דיר געקענט שילדערען דעם פייער אין מיין הערצען ווען איך האב איהם אין געהיים געזעהן אונטער דעם שאטען פון קלויסטער.... איך האב איהם אָפט געזעהן, אבער אין א געוויסען טאָג איז ער אוועק און זייט דאן האָב איך איהם מעהר ניט געזעהן.

— האט איהר זיך היימליך געליעבט? — האָט טריינע געפרעגט.

— יא. דוא האסט דאך איהם געזעהן, זאָג אליין, קען מען איהם זעהן און ניט ליעבען?

— ווייס ער אבער ווער איהר זייט?

— ניין, איך האב איהם נור געזאָגט מיין קלויסטער נאָמען, אנגעליקא אזוי האט ער מיך גערופען. טריינע, דוא ביזט אימער געווען מיין פריינדין, פערלאס מיך אויך ניט יעצט. העלף מיר צו בעפרייען דיעזען טהייערען מאַן!

טריינע האט אָנגעשטעלט איהרע אויגען. זיא האט ניט געוואוסט וויא איהר פריינדין צו העלפען. אירענע האט אבער ניט גערוהט. איהרע געדאנקען האבען גע-ארבייט שנעל. זיא האט אָנגעחאפּט דער הויז-מיידעל ביין האנד און האט צו איהר געזאָגט:

— טריינע איין גרויסען אונרעכט איז מען געגען מיר בעגאנגען. מען האט מיך פון מיין מוטער גערויבט. יעצט וויל מען מיך צווינגען איך זאל הייראטהען א רויבער, יעצט זעה איך דא מיין געליעבטען געפאנגען, וואו מען וויל איהם טוידטען. אָבער ער זאָל ניט שטארבען, דוא טריינע קענסט איהם רעטען?

— איך? — האט טריינע אויסגערופען און איז אויפגעשפרונגען פון איהר אָרט. איך, וויא קען איך עס טהאן?

— יא, דוא קענסט עס טהאן און דוא וועסט עס טהאן? דוא זאָלסט וויסען דאס וויטאָרע איז א ליעבלינג ביי דער קעניגין, זיא וועט דיך רייך בעלאָהנען!

— מיך? — האט טריינע געפרעגט.

— יא, דיך, דיך אליין. העד מיין פלאן, דוא מוזט לויפען נאך לאָנדאָן, דאָרט האלט זיך יעצט אויף דיא קעניגין. געה שנעל, וויל באלד ווערט דיא טויער געשלאָסען. דוא דארפסט זאפארט געהן.

— און וואָס זאָל איך טהאן? וואס זאל איך זאָגען? איך ווייס דאך ניט וואס אָנצופאנגען.

— דער פלאן איז דיעזער, און אן איינפאכער, — האט אירענע געזאָגט — דוא קענסט דערפון זעהר פיעל פערדיענען, דיא קעניגין וועט דיך רייך בעלאָהנען. איך וועל אויפשרייבען א בריעף צו דער קעניגין, דוא געה גלייך אין דאָרף, נעהם דיין ברודער, ער וועט דיך אפפיהרען נאך לאָנדאָן. דאָרט מוזט דוא געפינען א וועג וויא דעם בריעף איבערצוגעבען. וויא דוא וועסט דעם בריעף איבערגעבען וועט שוין אלעס זיך אָרבייטען אהן דיר. עס שטעהט פאר דיר א גליק אין לעבען, טריינע, פערנאכ-לעסיג עס ניט. איך וואָלט אליין געלאָפען אין לאָנדאן, אבער ווען איך וועל נור ארויס פון הויז וועט דיא הערין אלעם פערשטעהן. ביסט דוא בערייט?

טריינע האט אנפאנגס געציטערט, נור אלס אירענע האט איהר איינינע מאָל גרקלעהרט וואס איהר ערוואַרטעט, האט זיא זיך ערקלעהרט בערייט צו ריזיקירען.

זיא איז אוועק און האט זיך פערטיג געמאכט צו דער אונטערנעהמונג. אין א האלבע שטונדע איז זיא געוואָרען פערטיג. אירענע האט דעם בריעף אויך פערטיג געמאכט, האט איהם פערזיגעלט און האט איהם פערשלאָסען אין א קליינער קעס־טעלע. דעם שליסעל האט זיא ביי זיך געלאָזט.

— דעם שליסעל בעהאלט איך,—האט אירענע געזאָגט — דיא קעניגין וועט לאָזען אויפברעכען דיעזע קעסטעלע. טריינע דיא קעניגין וועט דיך אויספרעגען וועגען מיר, פערגעס ניט צו ערצעהלען איהר וועגען דיעזען צייכען!

ביי דיעזע ווערטער האט אירענע געעפענט איהר ברוסט און האט אָנגעצייגט מיט דיא פינגער אויפ'ן הארצען.

— איך ווייס, איך האב עס אָפט בעמערקט, און וועל עס אויך ניט פערגע־סען, — האט טריינע געענטפערט.

— היער האָסט דוא געלד אויף דיין רייזע. דאס איז אָבער בלויז איין אָנפאנג, דיא קעניגין וועט דיך רייך מאכען. יעצט געה אין גאטעס נאָמען. פיהר אויס דיא הייליגע אויפגאבע, רעטע דעם אדעלסטען מענשען פון זיין ביטערער געפאנגשאפט.

ביז דיעזער שטעלע האט דניאל געלעזען דעם בוך און האט זיך ניט אָבגע־שטעלט אויף איין אויגענבליק. ער וואר זעהר, זעהר פערטיעפט. יעצט האט ער זיך אבגעשטעלט און האט אויסגעריבען זיינע אויגען וועלכע האבען זיך אביסעל פער־וואלקענט פון אנשטרענגונג.

— זיא איז א זעלטענע מיידעל, דיא אירענע! — האט ער צו זיך אליין געזאָגט און האט אלעס געקוקט אויף דעם געשריעבענעם בוך — אויב מרים איז אין איהר געראָטען, זא וועלען מיר מיט איהר האבען א שווערע מלחמה. יעדענפאלס פליסט אויך אין מרים'ס אדערען דאס זעלבע בלוט, מרים איז דאס קינד פון א קעניגין!

נאכדעם וויא דניאל האט אביסעל אויסגעגלייכט זיינע ביינער און האט זיך גענוג אבגערוהט פון לעזען, האט ער זיך וויעדער גענומען צום בוך און האט איהם געלעזען ביז אם ענדע.

מיר וועלען דא ניט איבערגעבען דעם גאנצען בוך, מיר וועלען נור ערצעהלען אין קורצען, וואס עס איז וויכטיג פאר אונזער געשיכטע.

„טריינעס אונטערנעהמען האט געהאט איין ערפאָלג. זיא האט איבערגעגעבען דעם בריעף צו דער קעניגין, און אין א געוויסען טאָג זיינען סאָלדאטען בעפאלען דעם

הארם קאסטעל פון אלע זייטען און האבען איהם איינגענומען נאך א לייכטען קאמפף. די „פינסטערע פרוי“ האט אליין קאמאנדירט איבער איהרע געטרייע לייטע, דאך די גרויסע צאהל סאלדאטען און געוועהר האבען געזיעגט. וויא לוסי האט דערזעהן דאס איהר קאמפף איז פערלארען האט זיא געגעבען א בעפעהל צו ערמארדען דעם געפאנגענעם וויטארע, וועלכען זיא האט ביז יעצט געהאלטען געפאנגען.

אבער אויך דיעזע ראכע איז איהר ניט געלונגען. די סאלדאטען האבען אויסגעפונען יעדען אריינגאנג אין שלאס און לוסי האט זיך פלוצלונג דערזעהן ארומגערינגעלט פון אלע זייטען.

וויא לוסי האט דערזעהן אז זיא איז פון אלע זייטען געפאנגען און זיא האט קיין וועג וויא זיך צו רעטען, האט זיא ארויסגענומען א שפיעז און האט זיך אליין ערשטאכען.

די דראמע אויף הארם קאסטעל האט ערוייכט איהר ענדע. א'קאנעל איז הינגעריכטעט געווארען פאר זיינע מערדערייען און וויטארע האט מיט דער ערלויבניס פון דער קעניגין געהייראטהעט זיין געליעבטע אירענע, וועלכע האט געערבט דעם הארם קאסטעל און אלעס וואס צו איהם האט געהערט.

וויטארע און אירענע האבען א לאנגע צייט געלעבט זעהר גליקליך. אבער זייער גליק האט ניט לאנג געדויערט. וויא עס ווער שוין פריהער ערצעהלט האט די קעניגין עליזאבעטא געליבט דיעזען וויטארע, אבער וויטארע וועלכער האט געמיינט אז דאס איז נור געווען איין קורצער אונבעדייטענדער איינדרוק האט די גאנצע ליעבע פערגעסען. אין א געוויסען טאג האבען וויטארע און זיין ווייב ערהאלטען די איינלאדונג צו בעזוכען דעם האף. אירענע האט דיעזע איינלאדונג אנגענומען פאר איהר געלעגענהייט צו הערען פון דער קעניגין א מוטערליכען ווארט. מיט א קלאפענדעם הערץ האט אירענע ערווארטעט דעם אויגענבליק ווען עליזאבעטא וועט זיא רופען צו זיך און וועט זיא קוסען וויא א מוטער איהר קינד. זיא האט זיך אבער גענארט. אין א געוויסען אבענד איז וויטארע געקומען בלאס צו זיין פרוי און מיט דער גרעסטער אויפרעגונג האט ער געזאגט:

— אירענע, מען וויל מיך פון דיר צונעהמען... די קעניגין...

— וואס דענקסט דוא צו טהאן? — האט אירענע געפרעגט.

— וואס איך דענק? קען מיין הערץ געהערען איין אנדערער, קען איך דיך בעטריגען?

— דאן ביזט דוא פערלארען! — האט אירענע אויסגערופען — וויטארע איך לאז דיך פריי, וויליג איהר איין וואס זיא פערלאנגט. איך האב ביז יעצט נור געלעבט

אין א שעהנעם טרוים, יעצט האב איך ערוואכט. וויטאָרע, איך וואר צו גליקליך און קען דאס פיר אייביג ניט פערלאַנגען.

וויטאָרע האט אָבער דערצו ניט איינגעשטימט, און אין מיטען נאכט זיינען זיי ביידע אנטלאָפען פון לאָנדאָן. זיי זיינען אָבער ניט ווייט געגאנגען. איינינע בעוואפענטע רייטער האבען זיי אָנגעיאָגט. וויטאָרע האט פערטהיידיגט זיין לעבען און זיין פרייהייט אזוי לאַנג וויא מעגליך, אָבער ענדליך איז ער געפאלען צו דער ערד א שווער פערוואונדעטער.

אירענע האט זיך געוואָרפען אויף איהר געליבטען. אָבער דיא סאָלדאטען האבען זיא פון איהם אוועקגעריסען און האבען איהר איבערגעגעבען א בעפעהל פון דער קעניגין צו פערלאַסען דאס לאַנד און צו פערלירען יעדע אנשפּראכע אויף איהר פערמעגען.

אירענע איז יעצט געוואָרען א בעטלערין און א היימאטסלאָזע. ערסט שפּעטער כּ ים פיעלע יאָהרען האט זיא ערפאהרען דאס דיעזער בעפעהל איז ניט געוועזען פון דער קעניגין. עס וואר נור דער קעניגינ'ס געפעלשטע אונטערשריפט. אויך האט זיא ערפאהרען דאס דיא קעניגין האט ניט געשיקט דיא יעגער ערמאָרדען איהר געליבטען.

וועהרענד איהר ליעבער מאַן איז ערמאָרדערט געווארען האט אירענע געטראָגען א קינד אונטער איהר הארצען. דאס קינד, איין טאכטער איז געבאָרען געווארען, וועהרענד אירענע האט זיך ערנעהרט פון שווערע האנד ארבייט. אירענע האט אזוי פלייסיג געארבייט, דאס איהר טאָכטער אנגעליקע, דען אזוי האט זיא, זיא גערופען איז אויסגעוואקסען צו א גרויסער און שעהנער פריילין, וועלכע האט געהייראטה מיט א רייכען געשעפטס מאַן.

אירענע, וועלכע איז דורך איהר אייגענע ארבייט און שפּארזאמקייט געקומען צו א קליינעם פערמעגען, וועלכען זיא האט ניט געקענט פערברויכען, וויל איהר טאָכטער וואר פערזאָרגט און זיא וואר אויך גוט בעשיצט, איז געפאלען צו א מערקווירדיגען פּלאַן, איין זעלטענע אידעע. אירענע, וועלכע וואר א קעניגינס קינד האט אין איהר לעבען געליטען דאס גרעסטען נויטה. יעדע קלענסטע מטבעה האט זיא פערדינט מיט דיא גרעסטע שוועריגקייט און איהר האט זיך דארום פערגלוסט צו מאכען, דאס דער קליינער פּערמעגען, וועלכען זיא האט ערווארבען מיט אזוי פיעל מיהע זאָל זיך פערגרעסערען צו א גרויסער און בעדייטענדער סומע.

און זיא האט איהר פּלאַן אויסגעפיהרט. זיא האָט דיא איינינע טויזענד פונד וועלכע זיא האָט איינגעזאמלט אוועקגעלעגט אין א באַנק און האט געלאָזט א

טעסטאמענט דאס עס טאָר ניט געריהרט ווערען ביז עס וועט עררייכען מיט דעם פּראָצענט און דעם פּראָצענט דע פּראָצענט דיא סומע פון א מיליאָן פונד. ווען דיעזע סומע וועט אויפוואקסען זאָל עס אָבגעגעבען ווערען צו דער עלטעסטער פרוי פון איהרע נאכפאָלגער.

דער טעסטאמענט פון דיעזער פרוי וועלכע האט געוואָלט פערזאָרגען דיא שפּעטערע פרוי פון איהרע קינדער איז ערפילט געוואָרען. דאס געלד איז ניט געריהרט געוואָרען ביז עס האט עררייכט דיא סומע פון א מילליאָן.

ווען דאס געלד איז געוואָרען אַ מילליאָן פונט איז עס איבערגעגעבען געוואָרען איין דאמע, וועלכע האט דער פון קיין גרויסען געברויך ניט געקענט מאכען. זיא האָט געהאט בלויז איין ברודער און איין פעטער. זיא אליין האט געטרויערט נאָך איין אונגליקליכער ליעבע. דיא זיבעניעהריגע קריעג האט פון איהר גערויבט איהר ברויטיגאם. זיא האט נאָך איהם אזוי לאנג געטרויערט ביז זיא איז געוואָרען אלט או גרוי און האט פערלאָרען יעדע אינטערעסע אין לעבען.

זיא האט אלזאָ דאס געלד ניט בעדארפט און איהר איז אויך איינגעפאלען דער פּלאַן אוועקצולעגען דיעזען מילליאָן פונד אויף פּראָצענט, זאָ דאס עס זאָל אויפוואקסען צו איין אונגעהייערען קאפּיטאל. זיא האט אלזאָ אוועקגעלעגט דאס געלד אין באנק אָף ענגלאנד און האט געלאָזען דיא טעסטאמענטען וועלכע מיר האבען אין א פריהעריגען קאפּיטאל איבערגעגעבען.

דאס געלד זאָל נאך 101 יאהר אויסגעצאָהלט ווערען צו דיא וואס וועלען אבשטאמען פון איהר ברודער, אָדער פון איהר פעטער.

דיעזער טאג איז יעצט שוין מעהר ניט ווייט!

15טעס קאפּיטעל.

אַ וויכטיגע אונטערדעדונג.

וויא אָטטאָ האט פערלאסען דעם פּארק וואו ער האט זיך געזעהן מיט דער יונגער גרעפין העדוויג פאן מעהרען האט ער זיך בעגעבען נאָך זיין וואָהנונג.

זיין וואהנונג איז געווען א קליינער צימער אין דער פארשטאָדט פון מינכען. דער צימער איז געווען ארם און איינפאך און האט בעוויזען דאס זיין בעוואהנער איז ניט פון דיא גליקליכע. אויב אָטטאָ באָלצע איז ווירקליך געווען ארם האט קיינער אויף זיכער ניט געקענט זאָגען. ער האט יעדען ערסטען פון יעדען מאָנאט געצאָהלט זיין רענט. פלעגט אוועקגעהן פריה און קומען אין פערשיעדענע צייטען אבענד.

קיינער האט זיך וועגען איהם ניט געקימערט. זיין ווירטין האט ער געזאָגט

אז ער איז איין אַנגענט און דאס וואר אלעס וואס זיא האט פון איהם געוואוסט. ער האט זיך גאַנץ אַנשטענדיג געפיהרט, האט קיין מאָל ניט געוויזען אז איהם פעהלט געלד, איז קיינעם ניט געבליבען שולדיג און דערפון האט מען געקענט זאָגען אז ער איז אין גוטע פערהעלטניסע,

אַלס אָטטאָ איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו זיין וואָהנונג איז ער איבעראַשט געוואָרען צו זעהען פייער אין זיין צימער.

— וואָס זאָל עס בעדייטען ! — האט ער צו זיך געמורמעלט מיט איבעראַשונג. — האב איך פערגעסען צו פערלעשען דעם פייער, אָדער... אָבער צום טייפעל איך זעה א שאָטען אין צימער.

אָטטאָ האט זיך נאָך בעסער צוגעקוקט צום פענסטער, באַלד האט ער דערזעהן א קאָפּ און דאס געזיכט פון א מאַן, וועלכע ער האט ערקענט.

— אָה, ער איז עס ! — האט ער צו זיך געזאָגט. — וואָס קען ער פון מיר וועלען ?

דער טאָן מיט וועלכען אָטטאָ האט צו זיך געשפּראָכען האט בעוויזען דאס ער איז אונצופריעדען פון דעם בעזוך.

— הא. — האט אָאטטאָ אין זיך געקלעהרט ועהרענד ער האט אויפגעשלאָסען דיא טהיר. — ער דאַרף פון דער ליעבע גאָר נישט וויסען, איך האב פאר איהם זאָגאר קיין פורכט, ער איז אין מיין האנד וויא איך אין זיינע.

נאך דיעזע ווערטער האט ער אויפגעשלאָסען דיא טיהר און איז אריין אין זיין צימער.

אָטטאָ איז באַלד צוגעגאַנגען צום גאַסט און האט איהם בעגריסט:

— גוטען אבענד הערר ראַדאָוו !

— ענדליך ביזט דוא דאָ ! — האט ראַדאָוו געענטפרעט. — איך האב זעהר לאַנג אויף דיר געווארט, איבער דריי שטונדען. וואו זייט איהר עס געוועזן.

— יעדער איינער האט זיינע געשעפטען. — האט אָטטאָ געענפענטפערט.

— געשעפטען ? — קענט איהר מיר זיי ערקלעהרען ? איהר ווייסט דאָך דאס איך האב בעדארפט קומען.

— איך האב דאס ניט געוואוסט. — האט אָטטאָ פערזיכערט. — איהר האט מיר אייער הייטיגען בעזוך ניט אָנגעזאָגט.

— זאָל עס שוין זיין. — האט ראַדאָוו געענטפערט. — הערט וואס איך האב אייך צוזאָגען. ווייסט איהר ווער איז פערדעכטיג אין דעם מאָרר ?

— יאָ. — האט אָטטאָ געענטפערט.

— זיין שולד איז אזוי גוט וויא בעוויזען.

— דער ארמער מענש!

— דוא בעדויערסט איהם? — האט ראדאָוו געפרעגט.

— ער איז דאך אונשולדיג.

— אזוי, אזוי! — האט ראדאָוו געזאָגט און האט געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ.— איך ראטה דיר פון דעסטוו עגען דוא זאָלסט ניט צו פיעל און אויך ניט צו הויך שרייען אז פראנץ שטאנד איז אונשולדיג.

— וואָרום דען ניט?

— עס קען דיר אליין טהייער קאָסטען.

— מיר? לעבערליך!

— יאָ, דיר מיין פריינד אָטטאָ. דוא דארפסט וויסען דאס דוא און פראנץ שטאנד זיינען וויא צוויי טראָפּען וואסער. נו וויא געפעלט עס דיר?

אָטטאָ איז געבליבען פערטראכט, וואס דער הויז־פערוואלטער האט איהם געזאגט איז פאר איהם קיין געהיימניס ניט געוועזן. ער האט עס שוין געהערט פון דער יונגער העדוויג. דאך האבען ראדאָוו'ס ווערטער אויף איהם געמאכט א גרויסען איינדרוק. זיין געזיכט איז געווארען בלייך.

— דאס זאָגט איהר מיר מיט דער ווארנונג דאס איך האב וואס מורא צו האבען? — האט אָטטאָ געפרעגט.

— גאנץ געוויס.

— און ווארום?

— און ווארום, ווייל דיא זאך איז גאנץ קלאָהר. איינער פון אייך צוויי, דוא אָדער פראנץ מוז דער מערדער זיין.

— אָדער איין דריטער. — האט אָטטאָ ענטשלאָסען און מוטהיג געזאָגט. — איהר זאָלט אויך וויסען, העדר ראדאָוו דאָס דיעזע קונצען, מיך איינצושרעקען וועלען אייך ניט געלינגען

— דאס קלינגט דאך עטוואס וויא א דראהונג? — האט ראדאָוו געפרעגט.

— נעהמט עס אָן וויא איהר ווילט. יעדענפאלס זאָלט איהר וויסעי דאס איך דארף געלד.

— און דוא מיינסט אז איך וועל עס דיר געבען?

— נאטירליך. איהר מוזט מיר געבען.

— אהא, איך מוז!

Mil

— יא, יא, איהר מוזט ! — האט אָטטאָ מיט איין ענטשלאָסענע מינע געזאָגט. — יעדענפאַלס וואלט איך אייך בעטען איהר זאלט ריידען אביסעל שטילער. דיא ווירטין קען עס נאָך הערען.

— דאָס מאַכט ניט. דיין ווירטין איז דאָך מיט דיר אין איין בונד.

— וויא איהר קענט דיא פרוי ? — האט אָטטאָ געפרעגט ערשראָקען. — דאס הער איך ערסט יעצט.

— יעצט גענוג מיין קינד ! — האט ראַדאָוו זעהר פריינדליך געזאָגט. — איך זאָג דיר דאס דיין עהנליכקייט צום מערדער איז אַ געפעהרליכע זאַך. קיין זאַך קען דיר ניט רעטען, נור א פאַלשע שבועה פון דיין ווירטין,וועלכע זאָל שווערען דאס ביז צוועלף אוהר האלבע נאַכט האסט דוא מיט איהר פערבראַכט, און נאכדעם ביזט דוא געגאַנגען שלאָפען.

וואָצו דארף איך זוכען דיא פאַלשע שבועה פון מיין ווירטין ? — האט אָטטאָ מיט כעס געפרעגט. — איהר אליין קענט דאָך זיין א גוטער עדות.

— וואס ? איך ? וואס קען איך זאָגען ? — האט דאַדאָוו ערשראָקען געפרעגט.

אָטטאָ איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאהענט צום פערוואַלטער און האט איהם אין אויער געזאָגט:

— איהר קענט זאָגען דאָס איך בין ניט דער מערדער.

פאול ראַדאָוו האט זיך געביסען דיא ליפּען. ער האט זיך יעצט איבערציינגט דאס ער האט אָטאָ'ן פריהער ניט געקענט, ער האט דארום בעשלאָסען צו שפּיעלען מיט איהם אויף איין סטרונע.

— אָטטאָ ! — האט ער איהם געענטפערט. — אויב דוא מיינסט מיך צו דראָהען, זאָלסט דוא וויסען, אז איך וועל זיך מיט דיר ניט שפּילען. איך ראטה דיר צו בלייבען מיין פריינד.

— דאס איז וואס איך וויל, מיין העדר, איך וויל מיר זאָלען בלייבען פריינד און דארום האב איך אייך שוין געבעטען אביסעל געלד ! — האָט אָטטאָ געענטפערט

— וויפיעל דארפסט דוא ?

— צעהן טויזענד מארק ?

— ביזט דוא פעררייקט ?

— פעררייקט וועט איהר זיין, ווען איהר וועט מיר דיעזע קליינע סומע ניט געבען.

— אינגעל, רעדסט דוא מיט מיר אין אזא טאָן ? וואצו דארפסט דוא אזוי

פיעל געלד? ביזט דוא פעררימט? ווילסט דוא פיעללייכט געהן נאך אויסטראליען אָדער אמעריקא?

— עס קען זיין.

— אויב דוא פעררייזט גיב איך דיר צוויי מאָל אזוי פיעל.

— מעהר דארף איך ניט, פאַרלויפיג.

— און האסט דוא נאך עטוואס אין דיינע געדאנקען?

— געוויס.

— וואס האסט דוא אזעלכעס? — האט ראדאָוו געפרעגט.

— א גוטע זאך. איך האב א געליעבטע.

ראדאָוו האט זיך צולאכט.

— דוא ווילסט קויפען א געליבטע. נא, נא, דיא מיידעל וואס פערקויפט איהר ליעבע איז קיין פעניג ניט ווערטה.

— איהר האט אייך אירטהום, מיין העררר. עס האנדעלט זיך ניט וועגען א געליעבטע, וויא איהר מיינט, נור וועגען איין אנשטענדיגע כלה.

— ווילסט דוא הייראטהען?

— גאנץ געוויס.

— נו, און געוויס וויל דער כלה׳ס פאפא דאס מיידעל ניט אבגעבען. איז זיא רייך? איז זיא אנשטענדיג? — האט ראדאָוו נאכגעפרעגט.

— געוויס.

— זאָל זיין מיט גליק. יא, ריידענדיג האב איך מיך עראינערט דאס דוא האסט דעם שליסעל צום הינטער טהיר פון אונזער הויז, גיב איהם אהער.

— ניין.

— דוא דארפסט איהם דאך ניט מעהר. גיב מיר דעם שליסעל!

— איך דארף איהם נאך האבען, העררר ראדאָוו.

ראדאָוו האט דעם יונגען מאן אנגעקוקט מיט דורכדרינגענדע בליקען.

— וואצו דארפסט דוא דעם שליסעל? וואס האסט דוא צו טהאן אין אונזער הויז?

— איך דארף זעהן מיין כלה, העררר ראדאָוו.

— דיין כלה? האט דער הויז-פערוואלטער איבערראשט געפרעגט — וועמען מיינסט דוא.

— איך מיין, דיא גרעפין העדוויג פאן מעהרען! — האט אטמאן געענטפערט און האט זיך גאר ניט א קרים געטהאן.

— ביזט דוא פעררי‌קט ?

— איך, רעכען אז ניט.

— דאן וואס דענקסט דוא, דיא גרעפין העדוויג פאן מעהרען וועט זיין דיין כלה ?

— דאס איז שוין אבער בעשטימט.

— האסט דוא מיט איהר געשפראכען ?

— נאטירליך.

— אין געהיים ? אהן דעם וויסען פון דער גרעפין ? ווער קען עס גלויבען אויף דאס מיידעל. דוא זאגסט ליגען ! — האט ראדאוו געשטורמט.

— איך קען עס בעווייזען, — האט אטטא קאלט און רוהיג געענטפערט.

— און גלויבסט דוא, אז דאס מעדעל קען זיין דיין כלה ?

— און ווארום ניט ?

— דוא דער אגענט ? לעכערליך, דאס איז איינפאך לעכערליך.

אטטא'ס געזיכט איז געווארען רויטה, ער האט געהאט א שטארקען אנט־ווארט אויף זיינע ליפען, אבער ער האט זיך צוריקגעהאלטען. עס וואר פאר איהם בעסער צו לעבען פריעדליך מיט דיעזען הויז־פערוואלטער.

— ווילסט דוא דאס געלד צו קויפען ציערונג פאר דער גרעפין ? — האט ראדאוו געפרעגט.

— יא.

— דאן קריעגסט דוא קיין פפעניג.

— איך רעכען אבער גראדע פערקעהרט. איהר וועט מיר געבען דאס געלד און איהר וועט מיר אויך נאך העלפען מיט נאך עטוואס.

— מיט וואס ?

— איהר זאלט איבעררייידען מיט דער גרעפין זיא זאל מיר געבען איהר טאכ־טער, — האט אטטא רוהיג ערקלעהרט.

— דוא ביזט פעררי‌קט !

— דורכאויס ניט ! דאס אליין, דאס איך האב שכל אזא זאך צו פערלאנגען דארף אייך בעווייזען, אז איך בין ביי'ן פאלען פערשטאנד. דענקט איהר דאס איך וואלט מיט אייך דעריבער גערעדט, ווען איך וואלט ניט געהאט גאר בעזאנדערע גרינדע ?

— ווילסט דוא אזוי פריינדליך זיין און מיר דיעזע „גאנץ בעזאנדערע גרינדע" צו זאגען ? — האט ראדאוו אביסעל ווייכער געפרעגט.

— איך ווייס דאס איהר האט א דעה ביי דער גרעפין.

— פון וואנען ווייסט דו דאס ?

— ווייל איהר זייט דער גרעפינ'ס געליעבטער, דאס איהר האט זיך געליעבט נאך איידער די גרעפין האט געהייראט מיט דעם גראף. נאך מעהר, איך ווייס די געהיימניסע פון דער גרעפין העדוויג פאן מעהרען! איז דאס פאר אייך גענוג ?

אטטא האט דיעזע ווערטער געשפראכען מיט א פעסטער און זיכערער שטימע, און דיעזע ווערטער האבען זייער ציעל אויך ניט פערפעהלט.

ראדאוו איז צוריקגעפאלען אויף א שטוהל. זיין געזיכט איז געווארען בלייך ווי דער טוידט און זיינע נאזלעכער האבען זיך געטרייסעלט.

— דו רעדסט פון א געהיימניס. וואס פאר א געהיימניס מיינסט דו? — האט ראדאוו געפרעגט.

— וועגען העדוויגס עלטערען. האט איהר מיך שוין פערשטאנען ?

— וואס ווייסט דו דערפון? זאג!

— ציהט פון מיר מעהר קיינע ווערטער, — האט אטטא געענטפערט — וואס איך האב אייך ביז יעצט געזאגט דארף אייך איבערצייגען דאס איך ווייס מעהר וויפיעל איהר ווילט און איך וואלט געווען א נארר ווען איך וואלט מיין וויסען ניט בענוצט פאר זיך.

— אבער וויא קענסט דו דענקען דאס העדוויג זאל זיין דיין פרוי? — האט ראדאוו אביסעל ווייכער געפרעגט.

— ווארום דען ניט? בין איך עפעס ניט אנשטענדיג גענוג.

— געוויס ניט, דו ביזט דאך א פינדלינג. מען האט דיך געפונען אין די גאסען! — האט ראדאוו געענטפערט.

— און העדוויג?

— העדוויג איז דער גרעפינס טאכטער, דאס דארפסט דו ניט פערגעסען. דאס אליין איז גענוג צו איבערצייגען דיר דאס דיין וואונש קען ניט ערפילט ווערען האט ראדאוו איהם ערקלעהרט.

— דאס העלפט אבער אלץ ניט. העדוויג ליעבט מיך מיט איהר גאנצען לעבען און ווען זיא וועט ערפאהרען ווער זיא איז —

— ווילסט דו עס איהר זאגען? אטטא דו ווילסט איך זאל דיך טוידטען!

— אה, איך האב דערפאר קיין מורא. גיט מיר נור די פערלאנגטע סומע און הייסט דער גרעפין זיא זאל מיר געבען איהר טאכטער, דאן זיינען מיר זיא בעסטע פריינדע.

דער פערוואלטער האט זיך יעצט איבערציינגט דאס ער קען איהם לענגער ניט סטראשען. ער האט דארום אָנגעפאנגען מיט גוטען.

— דוא ביזט ארם, — האט ער צו איהם געזאָגט — וויא איז ווען איך גיב דיר הונדערט טויזענד מארק. וואָלט דאס דיר ניט געוועזן בעסער וויא העדוויג.

— ניין.

— דאָן ביזט דוא פעררוקט, איין קינד, בערעכען וואָס פאַר א גרויסע סומע דאס איז.

— ווען איך נעהם העדוויג פאַר א פרוי, האב איך מעהר וויא דאָס, העדוויג איז דיא בעזיצערין פון איבער א מילליאָן. יעצט קענט איהר פערשטעהן, הערר ראַדאָוו, דאס איך בין ניט פעררוקט, אזוי פיעל געלד מיט אזא שעהנעס מעדכען איז מעהר פון הונדערט טויזענד מארק.

— דוא ווײסט זיא אָבער ניט קריעגען, זאָגאר ווען דיא גרעפין זאָל איינשטימען.

— אָה מיין הערר, ווען דיא גרעפין וועט איינשטימען, דאן האב איך אלעס געוואונען. זאָגט מיר נור, הערר ראַדאָוו, ווען ערהאלט איך דאָס געלד?

דער הויזפערוואלטער האט פערקריצט מיט דיא צייהן.

— איהר דאַרפט מיר געבען דאס געלד, — האט אָטטאָ וויטער געזאָגט — און אויך דאס ווייב. איך וועל דאן אוועק מיט מיין העדוויג נאך אויסלאנד און איהר וועט זיך קענען לעבען מיט דער גרעפין גאַר אונגעשטערט. אָה, איהר זייט א גליקליכער וואָס איהר האט זיך מיט מיר בעקענט. שטעלט זיך דאָך פאָר, הערר ראַדאָוו, וואָס איך קען מיט אייער געהיימניס מאַכען. איהר און דיא גרעפין קענען געהן אין געפענגניס און דאן קומט דער טעסטאמענט! אָבער איהר דאַרפט ניט מורא האָבען ווען העדוויג איז מיין ווייב. איהר קענט יעצט געהן, הערר ראַדאָוו, עס איז שוין שפעט. מאָרגען ערוואַרט איך דאס געלד, און דעם שליסעל האלט איך ביי זיך. גוטע נאכט, מיין הערר, אויף וויעדערזעהן!

ראַדאָוו האט זיך מיט כעס אויפגעהויבען און איז אוועק. אָטטאָ האט איהם בעגלייט ביז'ן גאַס. ווען ער האט דעם פערוואלטער אויסגעשטרעקט דיא האנד, האט ראַדאָוו זיך פון איהם אָבגעקעהרט און איז אוועק.

אלס אָטטאָ האט זיך צוריקגעקעהרט אין זיין צימער, האט ער זיך געריבען דיא הענד און האט צו זיך אליין גערעדט:

— דאָס וואַר זעהר קלוג פון מיר. יעצט האב איך דיך אין מיין האנד, ליעבער ראַדאָוו, ניט דוא מיך. דוא ביזט געקומען צו מיר מיט א ברייטקייט, אָבער דוא

ביזט פון מיר אוועק מיט איין אראָבגעלאָזענעם קאָפּ. מאָרגען יערהאַלט איך דאס געלד. עס איז זאָגאַר ניט פיעל, עס איז אַ גאָרניט נעגען דער סומע, וואָס מענצעל וועט מיר אַמאָל אויסצאָהלען. אָבער האָבען אין טאַשע איז בעסער אלס ווארטען אויף שפּעטער. ראַדאָוו דאַרף ניט וויסען דאָס איך בין איין האַנד מיט דיעזען מענצעל. נאַ, איך בין אַ געמאַכטער מענש, אין אַ גאַנץ קורצער צייט קריעג איך אַ פיערטעל מילליאָן פון מענצעל, העדוויג ברענגט מיר אויך אַ מילליאָן. אָה, דאָנערוועטער, וואָס פון מיר איז געוואָרען. איך, אַ פינדלינג ווער אַ מילליאָנער און דער מאַן פון אַ האָכנעבאָרענע גרעפין, איך מיין אַ גרעפין אין לייטישע אויגען, דען אין דער וואַהרהייט איז זיא אַ גאַנץ אנדערע.

אָטטאָ איז געוועזן זעהר אויפגערעגט פון זיין גליק. ער איז ארומגעגאַנגען איבער זיין צימער און האט געמאַכט פּלענער איבער פּלענער. אָבער אין אלע זיינע געדאַנקען איז ער אַלץ געקומען צוריק צו זיין עראינערונג וועגען דעם גליקליכען אבענד וועלכען ער האָט פערבראַכט מיט העדוויג אין איהר פּאַרק.

אָטטאָ האט הינטער זיך געהאט אַ גרויסע פערגאַנגענהייט און אַ דורכגעמאַכטע געשיכטע, וועלכע וועט אין שפּעטערדיגע קאַפּיטלעך געשילדערט. ער איז דורך געוויסע פערהעלטניסע געקומען אויף דעם וועג אויף וועלכען מיר זעהן איהם יעצט. ער האָט אָבער נאָך געהאט געוויסע אידעאַלען און געוויסע געפיהלען.

ער האט געליעבט דיא שעהנע העדוויג ער האט זיא בעגעהרט. דער געדאַנק פון געניסען און אוועקוואַרפען האט איהם נאָך געפעהלט. ער האט זיא געוואָלט האָבען פאר זיין צוקינפטיגע פרוי. זיין גאַנצער שטרעבען איז געוועזן צו בעזיצען דיעזע העדוויג אויף אייביג און אימער.

אָטטאָ האט גוט געוואוסט וויא ניעדעריג ער שטעהט. ער האט אָבער געגלויבט, אַז ער קען זיך אויפהויבען מיט געלד. ער האט געשטרעבט נאָך געלד און מענצעל האט אין איהם דיעזען חשק נאָך מעהר אויפגעוועקט.

ער האָט געוואוסט, דאס פראַנץ שטאַנד איז אונשולדיג, ער האט אבער געמוזט שוויינען, ווייל דער פערדאַכט וואָלט דאַן געפאַלען אויף איהם אליין. ווען ער זאָל נור אריינפאַלען אין געריכט מוז ער זיין פערלאָרען, ווייל ער וואָלט אויף קיין פאַל ניט געקענט בעווייזען, וואו ער איז געוועזן אין דער צייט פון מאָרד.

צוריק קעהרען פון דעם וועג אויף וועלכען ער איז ארויף האט אָטטאָ שוין ניט געקענט. זיין איינציגע רעטונג איז געלעגען אין טריבען פאָרוועטס זיין וועג, און מיט דיעזען אויסרייד האט דיעזער יונגער מאַן איינגעשטילט זיין געוויסען וועלכער פלעגט זיך אַ מאל אברופען אין זיין הערצען.

איך דארף ניט שוואך זיין ! — האט ער צו זיך געזאָגט. — וואס קימערט מיר דיעזער פראנץ שטאנד. איך בין דאך ניט דער מערדער, איך וויים נור ווער דער מערדער איז. זאָל דער אמת׳ער מערדער געבען רעכענונג פאר גאט.

אין דרויסען איז שוין געווארען טאָג. אָטטאָ האט זיך ערסט יעצט געלעגט רוהען. ער האט אבער ניט געקענט שלאָפען. ער האט זיך ארומגעוואָרפען אויף אלע זייטען פון זיין געלעגער.

אלס דיא זאָנע איז געשטאנען הויך אין הימעל, האט ער זיך אויפגעהויבען. אויך דעם גאנצען טאָג וואר ער שטארק אויפגערעגט. צו מיטאג איז ער געגאנגען אין א רעסטאָראנט וועלכער איז געלעגען אין א צווייטען טהייל פון שטאָדט, דאס איז איין אָרט וואו מען האט איהם גאָר ניט געקענט. דאן האט ער זיך געזעצט שפיעלען קארטען, ניט אום צו געווינען, נור אום צו פערטרייבען זיינע געדאנקען, וועלכע האבען גערוישט אין זיין קאָפּ.

געגען אבענד איז ער געקומען צוריק צו זיך אין צימער. ער האט דאָרט ניט לאנג געווארט און פאול ראדאוו איז געקומען.

— איך האב דיר געבראכט דיא צעהן טויזענד מארק ! — האט ראדאָוו געזאָגט און האט אָבגעצעהלט דאס געלד.

— שעהן, זעהר שעהן. — האט אָטטאָ געזאָגט. — איך וועל באלד לויפען קויפען דעם פרעזענט.

דער פערוואלטער האט געלאכט.

— אָה, איהר דארפט זיך גאָר ניט היילען. איהר ווייסט דאך ניט אויב דיא גרעפין וועט אייער פרעזענט אננעהמען?

— אזוי ?—האט אָטטאָ געפרעגט און האט דורכגעקוקט דעם פערוואלטער.— איהר זאָלט וויסען הערר ראדאָוו, דאס אויב העדוויג נעהמט ניט דעם פרעזענט נעהמט זיא אויך ניט דעם גראף׳ס פערמעגען.

— וועט איהר עס פיעללייכט פערהינדערען ? — האט ראדאָוו געפרעגט.

— יאָ מיין הערר. איך וועל עס טהאָן.

— מיט וואָס?

— הא, פרעגט מיך ניט מיט וואָס, — האט אָטטא געענטפערט. — העדוויג מוז מיין ווייב זיין, אָדער פאול ראדאָוו געהט צום עשאפאָט.

ראדאָוו איז געווארען א פערציטערטער. ער האט געוואוסט אז אָטטאָ מיינט

וואס ער זאָגט. ער וואָלט יעצט ארויפגעפאלען אויפ׳ יונגען מאַן און וואָלט איהם געטויט. ער האט זיך אבער צוריק געהאלטען און איז שנעל ארויס פון אָטטאָ׳ס צימער.

16טעם קאפיטעל.

ע נ ט ד ק ו נ ג ע ן.

דער הויז־פערוואַלטער פאול ראַדאָוו האט זיך געפונען אין א שווערער לאגע. ער האט יעצט איינגעזעהן דאס אָטטאָ איז פיעל שטאַרקער וויא ער האט גערעכענט, און דאָס ער איז א מאַן וואס איז ענטשלאָסען אויסצופיהרען זיין וואונש.

אָטטאָ׳ס פערלאַנגען צו הייראַטהען דיא גרעפין העדוויג פאַן מעהרען איז פאַר איהם אויסגעקומען לעבערליך, דאך האט עס איהם געשווידערט, ווייל ער האט געוואוסט דאס דער יונגער מאַן האט דיא קראַפט זיין פערלאַנגען צו ערבייכען.

ראַדאָוו האט דארום בעשלאָסען צו זעהן דיא גרעפין אום מיט איהר דיא זאַך צו בעשפרעכען. ער האט זיא באַלד אויפגעזוכט, און נאכדעם וויא דער הויז־פערוואַלטער האט זיך פערזיכערט דאס קיינער וועט זיי ניט הערען האט ער אנגעפאַנגען.

— האט איהר מיט העדוויג שוין געשפראָכען, לאַרא?

— נאך ניט.

— דאַן זעהט זיא הייטע.

— ווארום אזוי שנעל? — האט דיא גרעפין געפרעגט.

— ווייל נעכסטע וואך קומט דיא פערהאַנדלונג געגען פראַנץ שטאַנד און איהר האט מיר געזאָגט דאס העדוויג קען אונז ווערען געפעהרליך.

— דאס איז וואהר, אָבער איך האב איהר זעהר שטרענג בעפוילען דאס זיא זאָל אָהן מיין וויסען קיין ווארט ניט ריידען.

— זייט איהר זיכער דאס העדוויג וועט אייער בעפעהל געהארכען?

— העדוויג ווייס וויא שטרענג איך בין. — האט דיא גרעפין געענטפערט און מען האט געקענט זעהן, אז זיא אליין איז אויך ניט זיכער.

— שטרענג אהער, שטרענג אהין, העדוויג האט א צודרעהטען קאָפּ און מען קען זיך אויף איהר ניט פערלאָזען. העדוויג קען אויך אונז ברענגען דיא גרעסטע געפאהר און מיר טאהרען דעריבער ניט צו קאַלט זיין.

דיא גרעפין האט איינגעזעהן דאס דער הויז־פערוואַלטער איז זעהר ערנסט. זיא האט זיך אויך ערשראָקען און האט געזאָגט:

— גוט, העדוויג זאָל אלעס ערפאהרען!

— אלעס? — האט ראדאָוו מיט שרעק געפרעגט.

— יא. העדוויג איז קלוג און פערשטעהט זעהר פיעל. זיא וועט זעלבסט פערשטעהן דיא גאנצע ווארהייט.

— נו, וועז דאס זאָל אזוי זיין, וועלען מיר ביידע פעראָרען געהן.

— רעדט איהר צו מיר אין אזא טאָן? — האט דיא גרעפין געפרעגט מיט א זיפץ — זייגען דאס אייערע געפיהלען צו מיר?

דער פערוואַלטער האט געצויגען מיט דיא אקסלען.

— מיר זיינען ביידע שוין צו אַלט אום צו שווערמען, צו פאנטאזירען. עס האנדעלט זיך יעצט אום אונזער רוהע אום אונזער זיכערהייט און אום העדוויגס צוקונפט. מיר מוזען דא געברויכען דעם קאַלטען, ניכטערען פערשטאנד, אלע געפיהלע קענען יעצט געהן שלאָפען.

— אה, איך זעה דאס דיעזע געפיהלען וועלען יעצט אויף אייביג איינשלאָפען.

— האט דיא גרעפין מיט א וויינענדען קול געזאָגט.

דער פערוואלטער האט געוואָרפען א בליק אויף דער גרעפין. איהר געזיכט וואר נאך רעגעלמעסיג און קיין קנייטש האט בעוויזען דאס זיא איז שוין מעהר ניט יונג. זיא וואר עטוואס מעהר פון פערציג יאָהר, אבער זיא האט אויסגעזעהן צעהן יאָהר אינגער.

— זיא האט בעמערקט זיינע בליקען, און דארום האט זיא זיך אויסגעשטעלט מיט דיא קאָקעטישע מינען פון א פרוי וואס וויס איהר שעהנקייט. זיא האט זיך געשטעלט הארט נעבען דעם פערוואלטער האט ארויפגעלעגט איהר האנד אויף זיין אקסעל און האט איהם אנגעקוקט מיט פייערדיגע אויגען.

— וויא שעהן זייט איהר. — האט פאול ראדאוו געמורמעלט און האט ארומגענומען איהר הערליכע פיגור, ווייל ער האט ניט געקענט בעהערשען דעם געפיהל וואס האט פלוצלונג ערוואכט אין זיין ברוסט. — יא לאָרא, איהר האט רעכט.... ווען דיא געפיהלען מוזען יעצט שווייגען, וועט אבער באלד דיא געפאהר פאראיבער און דאן זאָל זיך פאר אונז אנפאנגען א נייעס און גליקליכעס לעבען.

— א נייעס לעבען! — האט זיא איהם נאכגערעדט. — יא פאול מיר וועלען ווידער גליקליך זיין.

און זיא האט זיך צו איהם צוגעדריקט אזוי שטארק דאס ער האט געקענט הערען וויא איהר הערץ קלאפט. ער האט זיך צו איהר צוגעבויגען און האט זיא געקיסט אויף איהרע ליפען. דיעזער קוס האט איהם באלד געמאכט צו פערגעסען אלע זיינע שווערע געדאנקען.

ער האט זיך אָבער באַלד עראינערט. ער האט אבגעלאָזען דיא גרעפין און האט געזאָגט :

— ניט יעצט, ניט יעצט איז דיא צייט פיר דיעזע זיסע מאָמענטען. איהר מוזט גלייך ריידען מיט אייער טאָכטער. איך פערלאַנג עס פון אייך, און בין וועגען דעם געקומען. מיר וועלען זיך אָבער נאך זעהן. אדיע !

דיא גרעפין האט עס איהם פערשפּראָכען, און באַלד וויא ער איז אוועק האט זיא ווירקליך געשיקט רופען דער יונגער העדוויג.

זייט דער לעצטער נאכט, ווען העדוויג און אָטטאָ ווארען צוזאמען האט העדוויג קיין רוהיגע שטונדע ניט געהאט.

זעהר אָפט ווער זיא פאַל מיט גליקליכע געדאנקען, און דיא פאנטאזיע האט זיא געטריבען ווייט, ווייט אין דעם—העכסטען שפּיטץ פון גליק.

אָבער דיא שטונדע ווען זיא איז צוזאמען געקומען מיט אָטט'ן פלעגט פאר איהר אָפט ערשיינען און פלעגט זיא אָנפילען מיט א מעכטיגען שרעק.

אזוי האבען זיך געביטען איהרע געפיהלען צווישען האָפנונג און שרעק, צוויי־שען קוואל און טרייסט.

ווערענד זיא איז אזוי געזעסען און האט געטראכט, פאנטאזירט און געציטערט איז אריינגעקומען איהר קאמער־מעדכען מיט איין בלאַסע געזיכט און מיט פער־בראָכענע הענד.

— וואָס איז געשעהן פּאולינא ? ווארום ביזט דוא אזוי ערשראָקען ?

— אָך גרעפין איך בין אויסער זיך... אָך גאָטט...

— רייד וואס איז געשעהן.

— איהר זייט אין געפאהר. גרעפין איהר זייט פערלאָרען. דיא געפאהר קומט פון גענוא......

העדוויג איז געוואָרען בלאַס.

— פון גענוא ? פּאולינא דוא ביזט פעררריקט !

— אָה, ווען איך וואָלט נור געוועזן פעררריקט !— האָט פּאולינא אויסגערופען— ליידער בין איך ביי'ן זינען. איך האב בעגעגענד א מאַן, און איך האב איהם באַלד ערקענט אלס לאַפּעלאָ....

— שטיל פּאולינא, עראינער מיך ניט מעהר. ביזט דוא אָבער זיכער דאָס דוא האָסט איהם געזעהן ?

— יא, איך האב איהם געזעהן. איך האב אויך בעמערקט וויא ער פרעגט

אויף איין אדרעסע, נאך דער קאזארמע אין דער טירקישער גאס, נו, גאט, נו גאט דארט וואהנט דאך דער אפיציער....

שטיל! — האט העדוויג בעפאהלען. הער וואס איך זאג דיר. דוא ווייסט וויא מען רופט דעם אפיציער?

— יא, באראן פאן בוססע.

— ריכטיג, געה יעצט און זוך אויף דעם באראן. זאג איהם דאס ער זאל אויף קיין פאל ניט צולאזען דאס לאמפעלא זאל מיך בעלעסטיגען. אבער ווען לאמפעלא וועט דאך קומען נאך אונזער וואהנונג, זאלסט דוא זעהן צו מאכען דאס איך זאל מיט דיעזען איטאליענער קענען ר ידען אונגעשטערט.

— שוין גוט, אך גרעפין, פיעללייכט איז דאס קינד שוין גע....

— שוויג און ארויס פון דאנען.

פאולינא איז אוועק. אין א שטונדע שפעטער איז זיא געקומען מיט דער נאכריכט דאס באראן פון בוססע איז אויף אורלויב און וועט זיין צוריק ערסט נאך צעהן טעג.

— דוא האסט דאך אין דער קאזארמע ניט ערצעהלט, ווער עס האט דיך געשיקט פרעגען? — האט העדוויג געפרעגט.

— וואס דענקט איהר דען פון מיר?

— האסט דוא ערפאהרען אויב נאך איינער האט אויף איהם געפרעגט.

— גאנץ נאטירליך. אה, איך האב עס זעהר קלוג געמאכט און האב אויסגעפונען דאס עס האט אויף איהם נאכגעפרעגט א מאן וועלכען מען האט מיר אבגעשילדערט אקוראט וויא לאמפעלא.

— האסט דוא נאך עטוואס ערפאהרען?

— ניין, דער באראן פיהרט א לוסטיגען לעבען. ער האט יעצט איינע פון טהעאטער....

— דאס וויל איך ניט וויסען. געה, איך דארף דיך ניט מעהר.

אלס העדוויג איז אליין געוועזן איז זיא געפאלען אויף איהר שטוהל און האט זיך צורוויינט.

פאולינא'ס נאכריכט וואר א שרעקליכע. עס האט אויפגעריסען איין אלטע וואונד, וועלכע זיא האט געזוכט צו פערגעסען עס האט אויפגעוועקט עטוואס פון איהר פערגאנגענעם לעבען, וועלכער וואר דער שווארצער, העסליכער און אויך שרעקליכער פונקט.

חעדוויג האט זיך אויך יעצט בעמיהט ארויסצושלאָגען פון קאָפּ דיעזע עראי־נערונג, אָבער עס איז איהר ניט געלונגען. זיא האט געמוזט דענקען פון יענער ער־אייגניס, וועלכער האָט לעצטען הערבסט געענדיגט דעם לעצטען אקט.

עס וואר א מיאוסע דראמע און העדוויג. האט זיא יעצט געמוזט בעטראַכטען.

צוריק מיט צוויי יאָהרען האט העדוויג בעזוכט א פענסיאָן. דאָרט האט זיא זיך בעפריינדעט מיט פערשיעדענע מיידלאך. דאָרט האט זיא אויך געקראָגען דיא ערסטע געפיהלען וואס יעדעס מיידעל מוז קריעגען, אבער וועלבע ווערען אם מייסטען קאָנטראָלירט דורך דיא פורכט פאר עלטערין, דורך דיא שטאַרקייט פון כאראַקטער און אויך דורך דער מורא פאר שפּעטערע פאָלגען.

אין דער געזעלשאַפט פון איהרע פריינדינען האט העדוויג זיך בעקענט מיט איין אָפיציער. באראָן פאָן דער בוסע, וואר א שעהנער מאן, וועלכער האָט פער־שטאַנען צו פאנגען העדוויג׳ס הערץ און אויפצומינטערען אין איהר אלע ליידענ־שאַפטען.

הייטע האט זיך העדוויג איבערציינגט דאס דיא געפיהלען, וועלכע זיא האט געהאט צום באראָן ווארען קיינע געפיהלען פון ליעבע. דאמאָלס האט זיא אָבער גע־מיינט, אז זיא ליעבט דעם שעהנעם באראָן. זיא פלעגט זיך מיט איהר געליעבטען טרעפען אין דער הויז פון א געוויסער אלמנה, און אין א געוויסען אבענד האט דער ערגעבענער געפיהל פון ליעבע טריאומפהירט. העדוויג האט זיך איבערגעגעבען צום באראָנ׳ס וואונש.

דער באראָן האט געגלויבט דאס יעצט האט ער דאס שעהנע מיידעל געוואו־נען פאר זיך אויף א גאנץ לאנגע צייט. ער האט זיך אָבער אבגענארט.

גלייך אויפ׳ן צווייטען טאג האט זיא איהם געשריעבען דאס זיא קען ניט אכ־טען א מאן, וועלכער בעניצט זיך מיט דעם שוואכען כאראקטער פון א יונגער מיידעל, וואָס פאלט אין זיינע הענד וויא א בעטרונקענע און בעטויבטע פון ליעבע.

דער באראָן האָט בענוצט אלע מיטלען צו שפּרעכען מיט דיעזער פערפיהרטער מיידעל. ער האט זיך בענוצט מיט איהר קאמער־דיענערין פאולינא צושיקען צו איהר זיינע ערקלעהרונגען און פערשפּרעכונגען, עס וואר אָבער אומזיסט. העדוויג האט איהם מעהר ניט געוואלט זעהן.

זייט יענעם טאָג איז העדוויג געוואָרען איין גאנץ אנדערע. זיא איז געוואָרען קאלט צו איהרע עלטערען, צו איהר שטיף־שוועסטער און צו אלע איהרע פריינדע און בעקאנטע.

דאן איז געקומען א טאָג אין וועלכען העדוויג האט ערפאהרען דאס איהר לאנגע איז א טרויעריגע און א שענדליכע. אין איהר פערצווייפלונג האט זיא זיך געווענדעט צו איין אלטען הויז־דאָקטאָר, וועלכען זיא האט געקענט אלעס פערטרויען. דער הויז־ארצט האט זיך מיט איהר אינטערעסירט וויא א פאָטער. ער האט זיא ערקלעהרט קראנק און האט געהייסען מען זאָל זיא שיקען נאך דעם שעהנעם איטאליען, וואו איהר געזונד וועט זיך פערבעסערען.

איהר פאָטער האט זיא געוואָלט בעגלייטען, אבער דער דאָקטאָר האט אָנגעווענדעט אלע מיטלען און האט געזעהן דאס העדוויג זאָל פאָהרען אליין, אויסער אונטער דער בעגלייטונג פון איהר קאמער־מעדכען.

נאך פיעלע רייזען איבער איטאליען האט זיא זיך אבגעשטעלט ביי דער ריעווערא און האט דאָרט געבאָרען א יונגעל, וועלכען זיא האט איבערגעלאָזען ביי לאמפעלא׳ס מוטער פאר א געוויסע סומע געלד. דיא פרוי האט איהר געמוזט שווערען ד׳אס זיא וועט ניעמאלס קומען נאך מינכען און וועט קיינעם ניט ערצעהלען וועגען דיעזען קינד, וועלכען זיא האט א נאָמען געגעבען קאספער.

איידער קאספער איז געבאָרען געוואָרען איז דער באראָן פאן בוסע אנגעקומען נאך גענוא. ער האט דארט געזעהן דאס מיידעל וועלכע ער האָט פערפיהרט; איהם איז אבער ניט געלונגען צו ווערען מיט איהר וויעדער בעפריינדעט. דאָס איינציגע וואס העדוויג האט איהם ערלויבט, איז צו זאָרגען פאר דאָס קינד און בעשטימען דעם קינד׳ס צוקונפט, וואו איהם וועט געפעלען.

דיעזער צושטאנד האט פערלייכטערט העדוויגס הערץ. וויא אוננאטירליך דאָס קען שיינען דאך איז עס א פאקט, דאס זיא האט קיין ליעבע פאר דאס קינד ניט געפיהלט, יענע העכערע געפיהלען, וועלכע מען רופט מוטער־ליעבע האָט זיא ניט געהאט. דאס וואס זיא האט געפיהלט צום קינד וואר האס.

אלס העדוויג איז געקומען צוריק א היים, האט מען איהר גראטולירט מיט איהר פרישען, בליהענדען אויסזעהן. צו דערזעלבער צייט האט זיא אויך ערפאהרען דאס דער אלטער פאמיליען־דאָקטאָר איז געשטאָרבען.

דיעזע נאכריכט האט איהר זעהר שטארק ערפרעהט. דער עדות פון איהר שאנדע לעבט ניט מעהר, קען ניט מעהר ווערען געפעהרליך.

ניעמאנד אויסער דיא קאמער־מעדכען, וועלכע האט זיא בעגלייט נאך איטאליען האָט אלזא געוואוסט דאס געהיימניס, אזוי האט העדוויג געדאכט. אָבער דאך צוויי אויגען האבען געזעהן פיעל שארפער פון אלע אנדערע, אָבער דיא ליפען זיינען ביז יעצט געבליעבען פערשלאָסען. וועלען זיי אָבער אימער שווייגען?

דיעזע אלע עראייגניסע וועלכע זיינען אין קורצען געשילדערט געוואָרען זיינען יעצט געשטאנען פאַר העדוויג'ס אויגען און זיא האט זיי אלע גוט איבערגעלעבט. פּלוצלינג איז זיא אויפגעשפּרונגען און האט געמורמעלט.

— ניין, ניין, עס דאַרף ניט זיין. דער קלאַפּ וועט זיין צו גרויס. דיא שאַנדע וועט זיין געפעהרליכער וויא איך קען עס בעגרייפען.

יעצט האט מען גענומען קלאַפּען אויפ'ן טהיר און עללין, דער גרעפינס קאַמער־דיענערין, האט זיך געמאָלדען.

— דיא גרעפין האָט אייך געלאָזט בעטען צו זיך.

— איך פיהל מיך יעצט קראַנק, זאָגט דאס דער מאַמא, — האט העדוויג געענטפערט.

— דיא גרעפין האט מיך בעאויפטראַגט צו זאָגען, דאס אין פאַל ווען איהר קענט צו איהר ניט קומען וועט זיא זיך בעמיהען צו אייך, — האָט עללין געזאָגט.

— גוט, מעלדעט מיין מוטער, דאס איך וועל זיא זאָפאָרט בעזוכען.

— וואָס קען דאָס זיין? — האט העדוויג זיך געפרעגט נאַכדעם וויא עללין איז אוועק — מיך שרעקט דאס הערץ, און וויא איך זעה אויס, אָה, אזוי דאַרף מיך מיין מוטער ניט זעהן.

זיא האט זיך בעגעבען אין צווייטען צימער, האט ארומגעוואַשען איהר געזיכט; האט געמאַכט איהר טואַלעטא און איז אוועק צו דער גרעפין.

— דוא האָסט מיך געשיקט רופען מאַמאַ?

— יא מיין קינד, זעץ דיר. איך האָב מיט דיר זעהר וויכטיגעס צו ריידען.

— אָה, דאס קלינגט דאָך עטוואָס אונגעהויערליך! — האט העדוויג מיט שפּאַס געזאָגט.

— מאַך קיין שפּאַס! — האט דיא גרעפין געזאגט — וואס איך האב צו ריידען איז זעהר וויכטיג.

העדוויג האט געוואָרפען א פאָרשענדען בליק אויף דער גרעפין. האט זיא פיעללייכט עטוואָס ערפאַהרען פון איהר געהיימניס?

— הער מיך אויס העדוויג! — האט דיא גרעפין אָנגעפאַנגען — אום דוא זאָלסט פערשטעהן אַלעס וואָס איך האָב מיט דיר צו ריידען מוז איך דיר צוריקפיהרען ווייט, צור"ק ביז צו מיין ערסטער הייראַטה.

— זיא ווייס נאָך ניט! — האט העדוויג זיך געקלעהרט און האט גאַנץ רוהיג אנגעקוקט דער גרעפין וועלכע האט אָנגעפאַנגען צו ריידען מיט א טאָן פון א ווידוי.

העדוויג האט פערוואָרפען איהר קאָפּ אויף איהר שטוהל, דען זיא איז געקומען וויא איין אנגעקלאָגטע און פלוצלונג פיהלט זיא זיך וויא א ריכטערין.

— איך הער אלעס וואס דוא האסט צו זאָגען. — האט זיא גאנץ קאַלט געזאָגט :

דיא גרעפין האט זיך אַרומגעקוקט גלייך וויא זיא וואלט מורא געהאט אנצוּר פאַנגען. ענדליך האט זיא דאך אנגעהויבען :

— איך האב געהייראַטה אלס יונגעס, נאַררישעס מעדכען א גרויסען קויפמאַן, ניט ווייל איך האב איהם געליבּט, נור ווייל מיינע עלטערען האבען מיך געוואָלט פערזיכערען אויף דער צוקונפט. נאך פאַר מיין חתונה האב איך זיך געקענט מיט א יונגען מאַן וועלכען איך האב געליבט. נור דער בעפעהל פון מיינע עלטערע, האט מיך פון איהם געשיידעט.

— ביזט דוא געוועז גליקליך נאך דיין ערסטע הייראַטה ?

— ניין! מיין ערסטער מאַן האט פיעללייכט געפיהלט א ליידענשאַפט, אָבּער ליעבע וואר עס ניט. שוין נאך דעם ערסטען יאָהר זיינען מיר קאַלט געוואָרען איינע פון דיא אַנדערע. מיין מאַן איז אַוועק אין א שלעכטען וועג, ער האט גע־האַלטען מאַטרעססען, ער האט געשפּיעלט, געטרונקען. קורץ און גוט, ער איז געשטאָרבען און האט קיין זאך ניט איבערגעלאָזען פאַר מיר.

— דאַן איז דער טויט פון דיין ערסטען מאַן געוועז דיין בעפרייאונג ? — האט העדוויג געפרעגט.

— יא.

— און דיין ערסטער געליעבטער האט ער נאך געלעבט ?

— יא.

— האט איהר ניט געקענט הייראַטהען ?

— ניין. ער וואר אָהן איין עקסיסטענץ. איך וואר גענייטהיגט צו פערדינען מיין ברויט דורך אונטערריכט אין שפּראַכען און פּיאַנא. איך האב אויך געקראָגען איין שטעלע אין א היזיגען אינסטיטוט און דאָ האָט מיך דער גראַף ערקענט.

— מיין פאָטער ?

דיא גרעפין האט ניט געענטפערט. זיא האט געהאַלטען איהר האַנד פאַר דיא אויגען גלייך וויא זיא וואָלט זיך פערשטעלט פון דאס ליכט. און דיא וואַרהייט אבער האט זיא געוואָלט אויסווייכען דעם שטאַרקען און פערדעכטיגען בליק פון איהר טאכטער.

— איך בעט דיך מיין קינד, דוא זאָלסט מיך ניט אונטערברעכען מיט פראַגען

דוא צומישט מיך. עס איז מיר זעהר שווער צו ערצעהלען דיר וואס איך מוז דרצעהלען.

— דאַן ערצעהל עס ניט, מוטער.

— ניין. דוא מוזט עס וויסען.

— שפּיל איך דען דארין א ראָלע?

— דוא וועסט עס באַלד ערפאהרען. הער זיך נור איין וויא איך וועל עס דיר ערצעהלען: דער גראף האט זיך מיט מיר בעקענט, ער האט מיר זיין ליעבע ערקלעהרט או, וויל דאס לעבען וועלכען איך האב געמוזט פיהרען האט מיר קיין פריידע און קיין גליק געבראַכט, זאָ האב איך איינגעווילינט צו ווערען זיין ווייב און צו זיין א מוטער צו מרים'ן, וועלכע ער האט אויסגעגעבען אלס זיין קינד. שפּעטער, ווען דוא מיין קינד וועסט וויסען וואס ליעבע איז, וועסט דוא פערשטעהן ווארום איך האב ניט געקענט זיין גליקליך, אבוואָהל דער גראף האט פאר מיר געטאָהן אלעס וואס ער האט געקענט. איך האב ניט געקענט ליידען זיין שטאָלץ, אָבוואָהל ער איז געווען שטאָלץ פון דער נאַטור. דאַן איז דאס בילד פון מיין געליבטען אימער געשטאַנען פאר מיינע אויגען. עס גיבען ביי א פרוי מאמענטען אין וועלכע זיא פערגעסט אלעס אין דער וועלט און איז נור פערזונקען אין איהר מאַן. ער איז פאר איהר אלעס, ער איז פאר איהר דיא גאַנצע וועלט, אָבער גראַדע אין דיעזע מאָמענטען האב איך געמוזט דענקען פון מיין פּאול.

— וויא, פּאול איז זיין נאמען?

— יאַ, פּאול איז זיין נאמען.

— אה, מוטער איך הייב אָן צו פערשטעהן. נור רייד, ערצעהל וויטער.

— ווען דוא פערשטעהסט ווירקליך וואס איך מיין ערשפּאָרסט דוא מיר א סך שווערינקייטען אויסצודייטען אלעס וואס איך וויל דוא זאָלסט וויסען.

— ערצעהל וויטער מוטער. ערצעהל.

— אלזאָ איך האב דעם גראף ניט געליעבט. איך האב ניט געקענט אָבוואָהל איך האב איהם געמוזט אכטען. ער וואר אימער גוט און פריינדליך צו מיר, און גראַדע דערפאר האב איך מיך קיין מאל ניט געקענט מוחל זיין מיין אונרעכט, אָבוואָהל איך האב געוואוסט דאס דיא ליעבע איז אזא קראַפט געגען וועלכער מען קען ניט קעמפּפען. מען קען זיך אמאָל בעהערשען, מען קען דיא ליעבע ניט נאכגעבען דעם מאַן ניט צו פערראַהטען, אבער אין פיהלען, אין הארצען מוז ניט ווילענדיג זיין דאס בילד פון דעם געליבטען, און יעדע ליעבשאַפט וואס מען וויזט דעם אייגענעם מאַן איז ניט מעהר וויא א בעטרוג. דאך גענוג. מיין ליעבע

צו פאול איז אימער געוואָרען שטאַרקער און ער איז געוואָרען—דעם גראַף׳ס הויפּטפערוואַלטער.

העדוויג איז אויפגעשפּרונגען.

— פאול ראדאָוו ?

— יא, ער איז דאס ! — האט דיא גרעפין מיט איין אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ געענטפערט.

-- און דוא מוטער, דוא האסט בעטראָגען דעם גראַף, דוא ביזט געוואָרען דעם פערוואַלטער׳ס ווייב... און איך...

— זאָ איז דאס. דוא ביזט זיין קינד, ניט דעם גראַף׳ס.

— ביזט דוא אין דעם זיכער ? — האסט דוא קיין אירטהום ?...

— קיין אירטהום.

העדוויג האט אָבגעצויגען איהר אטהעם.

— אַלזאָ דאס איז עס ! — האט זיא געזאָגט. — יעצט פערשטעה איך ווארום איך האב איהם אימער געאַכטעט. פּאול ראדָאָוו איז מיין פאטער !

— ווילסט דוא מיר דאס פאָרוואַרפען ?

— ניין, מוטער. איך גלויב אין ליעבע וועלכע איז שטאַרקער פון אלעס, וועלכע וויים פון קיין אָבהאלט, אבער וואס איז מיט מיר, בין איך געזעצליך אָדער......

— וואָס מיינסט דוא דערמיט ?

— איך מיין, קען איינער בעהויפּטען דאס איך בין קיין געזעצליכע. וויים יעמאַנד פון אייער געהיימניס ?

— קיינער, אויסער איך און דיין פאָטער.

— ליעבסט דוא איהם נאָך ?

— ווארום פרעגסט דוא מיך ?

— איך בעט דיך מוטער ענטפער מיר.

— מיר זיינען ביידע ניט מעהר יונג, ביי אונז הערשט יעצט דער פערשטאַנד איבער דאס הערץ.

— ווער איהר הייראַטהען ?

— וויא אזוי קענסט דוא דאס דענקען ?

— ווארום ניט ?

— איך דיא גרעפין און ער דער פערוואלטער ? אה ניין, אה ניין, וואס וועט דיא געזעלשאַפט פון אונז דענקען. נאר מיר וועלען בעסער דערפון ניט ריידען.

— און וואס וועט זיין מיט מרים׳ן?

— וויא קומסט דוא צו רעדען וועגען איהר? — האט דיא גרעפין פערדעכטיג געפרעגט.

— ווייל מען האט געגען איהר זעהר אונרעכט געהאנדעלט.

— ווער? איך פערשטעה דיך ניט מיין קינד.

— פון דיר, פון מיר, פון... אה מוטער, איך זעה מעהר, פיעל מעהר אלס דוא האסט מיר ענטדעקט, נור דאס איינע וואס איך בין זיכער דאס איך האב ניט מעהר רעכט צו זיין דיא ערבין פון גראף׳ס פערמעגען אלס דיא אונגליקליכע מרים.

— קינד דוא שפריכסט וויא א וואהנזיניגע. וואס קימערט דיך מרים? דוא ביזט דאך מיין קינד און איך בין דאך געוועזן דעם גראף׳ס פרוי. אבער רייד ניט מעהר פון מרים׳ן.

— אבער דער גראף. מען האט דאך איהם ערמארדעט. ווארום ווילסט דוא ניט איך זאל געהן צום אונטערזוכונגס ריכטער?

דיא גרעפין איז געווארען בלאס.

— דאס איז מיין וואונש, און דוא וועסט קיין מאל ניט ערפאהרען דיא אורזאכע.

— אבער איך וויים עס אליין! — האט העדוויג אויסגע־ופען.

— וואס ווייסט דוא? — האט דיא גרעפין געפרעגט און אלע איהרע גליעדער האבען געציטערט. — וואס ווייסט דוא? ביזט דוא פעררוקט?

— דוא פרעגסט מיך מוטער? איך וועל עס דיא זאגען. אפענהייט פאר אפטנהייט איך בין ניט דעם גראף׳ס קינד. דער גראף האט מיך אויך ניט געליבט וויא דוא האסט געוואונשען. דוא האסט רעכט איך דארף ניט געהן צום ריכטער. איך מוז צוזעהן וויא איין מעדכען וועלכע האט פיעללייכט מעהר רעכט פון מיר געהט אום עלענד און פערלאסען. איך מוז צושטימען דאס איין אונשולדיגער זאל שטארבען אויף׳ן שאפאט. וואס קימערט ער מיך? מיינע עלטערען זיינען נעהענטער צו מיר!

דיא גרעפין איז אויפגעשפרונגען פון פלאטץ, איז צוגעלאפען און האט אנגע־כאפט העדוויג׳ס הענד.

— אום גאטעס ווילען מיין קינד, דוא רעדטסט וויא א וואהנזיניגע!

— אה וואצו דיא קאמעדיע! — האט העדוויג זעהר ערנסט געזאגט. — דוא זעהסט דאך פון מיין רייד אז איך בין ביי׳ן זינען. איך האב דאך דיר געזאגט

דאס איך מוז שווייגען אום צו בעשיצען מיינע עלטערען. היער האסט דוא מיין האנד, קינער זאל פון מיר ניט ערפאהרען דאס איך בין איין ממזר און דאס פון מיינט וועגען איז דער גראף ערמאָרדעט געוואָרען.

— ביזט דוא וואהנזיניג?

— איך קען עס ערסט ווערען, אָבער איך בעזיטץ אביסעל קאָלטען פערשטאַנד וויא מיין פאטער.

— דוא שפּריכסט פון דיין פאטער. האסט דוא פאר איהם גאָר קיין ליעבע? דארף איך דיר ערצעהלען וויא ער פערלאַנגט צודריקען דיך צו זיין הערץ! ער, דער אונגליקליכער פאטער, וועלכער האט אכטצעהן יאהר לאַנג געמוזט שפּיעלען דיא ראָלע פון א פרעמדען, וועהרענד זיין קינד איז געוועזען פאר זיינע אויגען.

— און ווארום האט ער עס געטהאָן?

— דוא פרעגסט? האט ער געקענט אָפּפערען דיין מוטערס עהרע? ער האט זיך ניט געקימערט וועגען זיין גליק אום דיין גליק צו זיכערען.

— אָה, עס וואָלט געוועזען בעסער ווען ער וואָלט עס קיין מאָל ניט געטהאָן. מוטער איך וויל ניט בעליידיגען דעם מאַן וועלכען דוא ליעבסט און וועלכער איז מיין פאָטער, אָבער דאס איינע דארף איך דיר זאָגען, דאס ווען דער גראף וואָלט לעבען וואָלט אַלעס גאַנץ אַנדערש געוועזען. זאָ אָבער...

— וואָס האט דאס צו טאָהן מיט דעם גראף. פערדעכטיגסט דוא פיעללייכט דיין פאטער?

— יא!

— קינד!

— איך זאָג נאָך א מאָל, מאַמאַ, שפּיעל קיין קאָמעדיע. איך האָב דיך בעדארפט פלוכען, אָבער איך וויים דאס דיא מעכטיגע ליעבע האט דיך צו דעם געטריבען. איך האָב מיט דיר מיטלייד, אבער ליעבען קען איך דיך ניט, און דעם פאטער געוויס ניט, דען ער איז דעם גראף׳ס מערדער, און דוא האָסט דערפון געוואוסט!

דיא גרעפין האט ארויסגעלאָזען א געשריי און איז געפאַלען אין אוינמאכט.

17טעס קאַפּיטעל.

פ ע ר א ו ר ט ה י י ל ט.

זייט דעם געשפּרעך צווישען מוטער און טאָכטער האבען דיעזע צוויי כמעט קיין איינציגען וואָרט צווישען זיך גערעדט. דיא גרעפין וואר זעהר אויפגערעגט פון דער אנקלאגע, וועלכע העדוויג האט איהר געשליידערט אין געזיכט און העדוויג האט אויך

בעדארפט צייט אום איינצושטילען דיא אויפרעגונג, וואָס דיא נייע ערפאַהרונג האט אין איהר געמאַכט.

אין א געוויסען אבענד נאכדעם געשפּרעך, האט דיא גרעפין בעזוכט העדוויגס צימער אום צו ערקלעהרען איהר, דאס איהר פערדאַכט אויף איהר פאָטער איז א שרעקליכע. אָבער העדוויג האט זיא קורץ און שארף אונטערבראָכען, דערמיט וואָס זיא האט צו איהר געזאָגט:

—ריידען מיר ניט מעהר דערפון. איך וויים וואס איך דיינק און דיין שולד מאַמא, וואקסט מיט יעדען וואָרט, וואָס דוא זוכסט צו פערטהיידיגען דעם פער־ברעכער.

— העדוויג! — האט דיא גרעפין געשלוכצעט — דוא טרייבסט מיך צו פער־צווייפלונג.

העדוויג איז צו איהר צוגעגאַנגען און האט איהר שארף געפרעגט:

— איז פאול ראַדאָוו נאך אין דיעזען הויז? האסט דוא מיט איהם נאך געשעפטען? — דיא גרעפין איז געוואָרען נאך בלייכער.

— וואָס זאל דיעזע פראַגע בעדייטען? דוא ערלויבסט זיך צו פרעגען דיין מוטער זאכען, וועלכע דוא דאַרפסט גאָר ניט ברענגען פאר דיין מויל, וועלכע דוא דאַרפסט גאָר ניט פערשטעהן?

— גענוג מוטער, דיא זאכען וועלכע איך בעדארף ניט פערשטעהן האסט דוא מיר אליין ענטדעקט. איך בין דיין קינד מוטער, איך בין אבער ניט דאס קינד פון דעם מאן, וועלכער וואַר דיין געמאהל. אבער רוהיג מוטער, איך וויל דיר קיין זאך ניט פאָרוואַרפען. דוא האסט געפאָלגט וואָס דיין ליעבע האט דיר געהייסען און איך וועל אויך טהאן דאָס זעלבע. אָבער אזוי וויא איך בין פּערזענליך פערמישט אין דעם בעטרוג וואס איז דעם גראף געשפּיעלט געוואָרען; ווייל איך בין דיא פרוכט פון יענעם בעטרוג. זא דארף מיר ערלויבט זיין צו זאגען א וואָרט אדער צוויי. הער מיך אוים מוטער. איך האב קיין ליעבע פאר מיין פאָטער, דער געדאַנק אליין דאס פאול ראַדאוו איז מיין פאָטער מאַכט מיך שרעקען. ער, מיין פאָטער, הו! נור שטיל מוטער, איך וויים וואָס איך וויים, און איך וועל זיך דערצו לאַנגזאם געוואהנען. דוא בלייבסט נאך מיט איהם צוזאַמען, איהר ליעבט אייך, גוט. ער איז דער פערוואַלטער פון דיעזען הויז און איהר קענט זעהר אָפט צוזאַמען זיין, און דיא וועלט זינגט דאס ליעד פון דעם טרייען פערוואַלטער און דער גוטהערצינער ווירטהין. אָבער וואס וועגען מיר אנבעטרעפט, זא דענק איך צו פערלאַסען דיעזען הויז.

— דוא ווילסט אוועק, ליעבעס קינד.

— יאַ.

— אָבער וואוהין ווילסט דוא געהן ביזט נאָך אזוי יונג און גאַנץ אליין?

— דוא וועסט מיך ניט איבעררעדען. איך בעוואונדער דיך מוטער, דיך רינ־געלט ארום דער שאטען פון דיין שרעקליכער טהאַט און דאך קענסט דוא גליקליך זיין.

— אָה, ניין, איך קען עס ניט מעהר? — האט דיא גרעפין געמורמעלט.

— איך געה אוועק פון דיעזען הויז. איך קען דא לענגער ניט בלייבען. איך וויל מיט דיר מאכען א געשעפט מוטער. דוא האסט געערבט א וואָהנונג אין דיא בערגען, וואו דוא זאָלסט זיצען אלס ווימווע. עס איז פריהער געוועזען איין אָרט פון א יאַנד־שלאָס און איז שפּעטער אומגעבויט געוואָרען, עס איז אבער ווערטה א קלייניגקייט. איך וויל זיך מיט דיר בייטען, מאמא. איך גיב דיר אב דיעזען פּאַלאַסט און דוא גיב מיר דעם וואָהנונג אין דיא בערגען.

דיא גרעפין האט אנגעקוקט איהר קינד. וואר דאס דיעזעלבע העדוויג פון אַמאָל?

— וויא קומט צו דיר דיעזע אידעע, ווארום זאָלען מיר עס בייטען? — האט דיא מוטער געפרעגט.

— ווארום פרעגסט דוא? מיין געבורטס שיין וועט עס דיר ערקלעהרען. אָה, דאָרט זאָל ווערען א לוסטיגער לעבען. ווילא ווירדזשינא הייסט יענער פּלאַץ. דיעזער נאָמען מוז ארונטער, ווילא קלעאָפּאטרא וועל איך עס רופען. נאָך מעהר דעם גראַף׳ס לייבע וועל איך איבערטראָגען.

— וואוהין? — האט דיא גרעפין געפרעגט.

— אהין נאָך ווילא קלעאָפּאטרא, דאָרט וועט אמווענינסטען א מיידעל פּפלאַנצען א בלום אויף זיין קבר. דאָרט אין דיא בערג געפין איך א פּאַסענדע שטעלע. דאָרט וועל איך איהם איינגראָבען, דאָרט וועט ער קענען רוהען. גיב מיר צו וואס איך וויל מאמא, דוא וועסט דאך מיין ווילען זאָ וויא זאָ ניט קענען ענדערן.

— און וועגען דער וועלטס מיינונג דענקסט דוא גאר ניט?

— דאס מאכט ניט. מען וועט געוויס זאגען דאס איך דאַרף האבען רוהע און דיעזע רוהע זוך איך אין דיא בערג, מען וועט זאָגען דאס איך קען מיך ניט שיידען פון דעם טוידטען, און נאָך מעהר מען וועט גלויבען דאס איך האב עס געטהאַן, וויל איך זעה וויא דיין טעגליכער בעזוך אויפ׳ן טוידטענס גראבען קאסטעט דיין געזונד.

— גענוג שוין מיט דיין שפּאַט! — האט דיא גרעפין אויסגערופען.

— יאַ, מוטער, זאָג מיר וויפיעל בעטרעפט מיין פערמעגען?

— איבער א מיליאָן.

— דאַן וויל איך מיר זאָלען זיך צוטהיילען.

— וואס פאלט דיר איין?

— דאס זאָל געשעהן מאמא, איך וויל דעם האלבען מיליאָן אין בארעס געלד. מיט דיא אנדער געלד קענסט דוא לעבען בעקוועם. יעדע פון אונז וועט יעצט נעהן זיין איינענעם וועג. זיי גליקליך מאמא, וויא דוא ביזט ביז יעצט געווען. איך וועל אויך גליקליך זיין.

— וואָס ווילסט דוא טהאָן?

— הייראַטהען!

דיא גרעפין האט געוואָרפען א שרעקליכען בליק אויף איהר טאָכטער.

— האסט שוין דיין הערץ געוועהלט?

— יא.

— ווער איז דער אויסגעוועהלטער?

— דאס איז מיין געהיימניס. איך טהו וואָס איך וויל, זיי גאנץ זיכער. מיר וועלען זיך אפט זעהן מוטער, איך וועל דיך קומען בעזוכען. דאס איז דאס לעצטע וואס איך האב דיר געזאָגט, איך האב בלויז נאך א ביטע: איך וויל ריידען מיט פאול ראדאָוו.

— מיט דיין פאָטער?

— ער איז פעראַנטוואָרטליך פאר מיין עקסיסטענץ, מיין פאטער איז ער קיין מאל ניט געווען און וועט אויך קיין מאל ניט זיין. וועז קען איך מיט איהם שפרעכען.

דיא גרעפין וואר איבערראשט פון דיא גייסטיגע ענטוויקלונגען, וועלבע זיא האט קיין מאל אין הערווינ ניט ערוואַרטעט. זיא האט זיך דארום געמוזט שטארק אנשטרענגען אום זיא זאָל זיך אין גאנצען ניט אונטערוואַרפען אונטער דעם ווילען פון איהר טאָכטער.

ענדליך האט זיא זיך געפאסט און האט געזאגט:

— הערדווינ, דוא שטעלסט אָן א טאָן וועלכען איך קען שוין מעהר ניט ליידען, גלויבסט דוא פיעללייכט דאס איך וועל איינשטימען צו אלע דיינע נארישע פלענער?

— דאס הייסט דוא וועסט מיר אין זיי ניט העלפען.

— ניין, איך מיין איך וועל זיי דיר שטערען!

— דאָס קענסט דוא ניט מאמא! אָבער וואצו דארפען מיר שטרייטען. דוא מיינסט דאס איך בין נאך א קינד און דוא ביזט מיין פאלע הערשערין; אָבער איך

זאָג דיר דאָס איך בין פאָלשטענדיג פריי. ווען קען איך מיט פאול ראדאָוו ריידען?

— דיא פראגע איז אויב ער וויל גאָר מיט דיר ריידען! — האט דיא גרעפין געזאָגט.

— ער מוז עס מאמא! דוא הערסט, ער מוז! נאך הייטע מוזען מיר זיך דייטליך דורכריידען, דען מאָרגען איז דיא פערהאנדלונג אין געריכט.

דיא גרעפין איז פערציטערט געוואָרען.

— דוא פלאנסט דיין מוטער! — האט זיא געמורמעלט.

— עס טהוט מיר לייד, דען איך וויל עס ניט טהאן. נור ווען מען שטעהט נעגען, מוז איך דאס אויך. מיין ווילען ווייס פון קיין מיטלייד. ווילסט דוא צוזאמענפיהרען דעם געשפרעך צווישען מיר און איהם?

דיא גרעפין האט איינינע סעקונדען נעטראכט, דאן האט זיא געענטפערט:

— ניין!

— דאן מוז איך פערגעסען דעם לעצטען פפליכט וואָס איך בין דיר שולדיג

— וואָס מיינסט דוא דערמיט?

— דוא וועסט עס באלד זעהן.

— העדוויג איז יעצט צוגעגאנגען צום טיש אויף וועלכען עס איז געשטאנען א גאָלדענער גלאָק און האט אָנגעקלונגען.

— ווען רופסט דוא?

— דוא ווסט באלד זעהן.

— אין א פאָאר מינוטען איז דיא קאמער־מעדכען ערשיענען און העדוויג האָט זיך צו איהר געווענדעט מיט דעם בעפעהל:

— רוף מיר אהער דעם הערר'ן פאול ראדאָוו. איך ווינש מיט איהם צו שפרעכען.

דיא קאמער־דיענערין איז אוועק.

אין איינינע מינוטען האט זיך דאס מיידעל צוריקגעקעהרט און האט געמאָלדעט אז דער פערוואלטער וועט אין א האלבע שטונדע צייט קומען.

— ווארום ניט גלייך? — האט העדוויג געפרעגט.

— ער בערעכענט זיך מיט איינינע ליפעראנטען.

דאן גוט. בלייב אין דיעזען צימער און ווען דער פערוואלטער קומט זאָלסט זאגען, דאס ער קען ווארטען ביז איך וועל קומען.

דיא אַלטע גרעפין האט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן. העדוויג האט זיך אָנ־געשלאָגען צו בעגלייטען איהר מוטער. דיא גרעפין האט עס אפילו ניט געוואָלט אָננעהמען, אָבער זיא האָט עס ניט געקענט טהאָן פאר דער קאַמער־מערכען.

דיא קאַמער־מיידעל פּאולינא איז געבליעבען אליין. אויס לאַנגוויילע האט זיא גענומען זוכען אין צימער. זיא האט געפונען דאס דער שליסעל שטעקט אין שלאָס פון שרייב־טיש. זיא האט דעם טיש אויפגעשלאסען, האט ארויסגעשלעפּט דעם קאַסטען און האט גענומען בלעטערען און זוכען אום צו פערטרייבען איהר צייט און אויך אום צו לעשען איהר נייגיערדע. זוכענדיג האט זיא געפונען אַ פאָטאָגראַפיע.

— ווער איז דאָס? דאס בילד פון אַ מאַן? גאָט, וועלכע עהנליכקייט? יאַ, פּונקט אזוי זעהט דאך אויס פראַנץ שטאַנד, איך האב זיין בילד געזעהן אין נע־ריכטס־צייטונג. ווארהאַפטיג דאס איז זיין בילד.

לאַנגע, לאַנגע האט זיא בעטראַכט דאס בילד און אין איהר קאָפּ האבען זיך אויסגעוועבט אַלערליי געדאַנקען.

אונטערדעסען איז דיא גרעפין מיט איהר טאָכטער אריינגעקומען אין דער גרעפינ׳ס צימער.

דעם גאַנצען וועג דורכ׳ן קארידאָר האבען דיא צוויי צווישען זיך קיין וואָרט ניט געשפּראָכען, נור ווען זיי זיינען אריין אין צימער האט זיך דיא גרעפין געווענדעט מיט דער פראַגע:

— ווארום האסט דוא מיך בעגלייט, העדוויג?

— איך האב מיינע גרינדע דערצו! — האט העדוויג שטאָלץ געענטפערט.

— זאָ, איך מוז דיר זאגען מיין קינד דאס דוא האסט אָנגענומען אַ טאָן וועלכען איך קען דיר לענגער ניט ערלויבען. איך האב דיך געלאָזט דוא זאָלסט מיך בעגלייטען נור ווייל איך האב דיך ניט געוואָלט בעליידיגען פאר דער קאַמער־מיידעל, זיא דארף ניט וויסען דאס מוטער און קינד קריעגען זיך. יעצט אָבער ערזוך איך דיך דוא זאָלסט מיך פערלאַסען.

— זאָל איך בלייבען אין פאָרצימער? — האט העדוויג געפרעגט און האט זיך גאר ניט בעליידיגט.

— ניין, געה צוריק אין דיין צימער.

— אָה, מוטער, איך געה פון דאנען ניט אוועק. איך פערשטעה גאנץ גוט, דאס איידער דער פערוואַלטער וועט קומען מיך זעהן וועט ער דיך בעזוכען.

— ווילסט דוא איהם דערפון פערהינדערען?

— יאָ.

— דאס איז צו פרעך. פערגעסט דוא קינד דאס דוא רעדסט מיט דיין מוטער? העדוויג האט ניט נעענטפערט. זיא וואר קאלט און ענטשלאָסען.

אין א ווײלע ארום האט איינער גענומען קלאפּען אין טהיר. העדוויג האט זיך געלאָזט געהן שנעל עפענען דיא טהיר אום זיא זאָל איבעריאָגען איהר מוטער. עס איז איהר אויך געלונגען. זיא האט דיא טהיר געעפענט און פּאול ראדאָוו איז ערשינען אין קאָרידאָר.

— איך האב געוואָלט שפּרעכען מיט אייער מוטער! — האט ראדאָוו געזאָגט און איז איבערראשט געוואָרען צו טרעפען העדוויגען אין דיעזען צימער.

— עס טהוט מיר לייד, מיין מוטער קען אייך יעצט ניט זעהן, — האט העדוויג געענטפערט — אבער איך האב אייך פריהער געשיקט רופען, וויא איך זעה האט איהר אייערע געשעפטען אָבגעפערטיגט, ווילט איהר זיין אזוי פריינדליך און געהן נאך מיין צימער, איך קום באלד נאך.

דער פערוואלטער האט זיך בעמיהט צו חאפּען א בליק אין צימער אום צו זעהן וואָס דיא גרעפין טהוט. העדוויג האט איהם אָבער פערשטעלט. זיא האט אויך באלד פערמאכט דיא טהיר און ארויסגעלאָזט דעם שלאָס.

— זעהסט דוא מאמא, וויא גערעכט איך בין געווען. — האָט העדוויג געזאָגט מיט טריאומף.

דיא גרעפין איז געווען שרעקליך אויפגערעגט. איהר געזיכט וואר בלאס וויא קאלך און איהרע אויגען האבען געשפּריצט מיט פייער.

— איידער דוא געהסט, וויל איך מיט דיר ריידען נאך א וואָרט. — האט דיא גרעפין געזאָגט.

— רייד מוטער איך הער.

— איך וויל ניט אפּעלירען צו דיין הערץ אלס קינד. אָבער איך וויל דיך ער־אינערען דאס דוא ביזט נאך ניט מינדיג, און מיר שטעהען פריי אלע געזעצליכע מיטלען געגען דיר. דוא האָסט רעכט העדוויג, ווען דוא זאָגסט, אז דוא ביזט איינגעשפּארט וויא דיין מוטער. איך בין איין ענטשלאָסענע און דארום זאָלסט דוא הערען וואס איך זאָג דיר ווען דוא טרייבסט דיין וואהנזין צו ווייט, דאן צווינגסט דוא מיך איך זאָל אלעס אויפאָפּפערען, איך וועל אוועקגעבען מיין טיטעל און מיין פערמעגען, דיא גאַנצע וועלט וועט דאן וויסען וואס איך האָב געטהאָן. איך בין בערייט צו ליידען יעדע שאנדע אין דעם גרעסטען ארמוטה, און דוא דארפסט זיך בעשליסען וויא דוא זאָלסט עס פערטראָגען.

וועהרענד דיא גרעפין האט דאס געשפּראָכען האט העדוויג איהר קאָפּ

עטוואס איינגעבוינען, ווען זיא האט אויפגעהויבען איהרע אויגען האט זיא זיך ערשראָקען פון דער גרעפינס אויסזעהן.

עס האט געשיינט דאס דער גאַנצער לעבען איז פון דאָרט פערשוואונדען. יעדעס גליעד האט געשיינט צו זיין טויט, נור דיא ליפּען האבען זיך בעוועגט.

— דוא האָסט מיר געסטראַשעט. — האט העדוויג געזאָגט שטיל. — טהו וואס דוא האָלסט פאַר ריכטיג, נור איין ראַטה גיב איך דיר, דוא זאָלסט ניט האנדלען איידער דוא האסט עס מיט איהם בעשפּראָכען.

ביי דיעזע ווערטער האט העדוויג פערלאַסען דעם צימער.

וויא זיא איז אריין אין איהר צימער האט זיא שוין דאָרט געפונען דער פערוואַלטער, וועלכער האט זיך באַלד אויפגעשטעלט פון שטוהל און האט געזאָגט:

— איהר האט מיך געשיקט רופען, גרעפין.

— יא. אָבער זאָגט מיר וואָס האט איהר בעדאַרפט ביי מיין מוטער?

— איך האָב איהר בעדאַרפט מיטטהיילען פון דאס געשעפט.

— זאָ? זאָגט מיר נור, הערר פערוואַלטער וואָרום זאָגט איהר ניט דיא וואַרהייט?

דעם פערוואַלטערס געזיכט האט זיך פערענדערט.

— איך האָב פערשטאַנען אז איהר וועט וועלען ריידען מיט מיין מוטער.—האט העדוויג געזאָגט. — אָבער איך האָב אויך פערשטאַנען וויא דאס צו פערהינדערען. דיא מוטער האט מיר אַלעס מיטגעטהיילט.

— הייטע? — האט דער פערוואַלטער געזאָגט ווייל ער האט קיין אנדער וואָרט ניט געפונען.

— פריהער. איך ווייס יעצט אייער פערהעלטניס מיט מיין מוטער.

דער פערוואַלטער האט ערוואַרטעט דאס העדוויג וועט אַלעס וויסען, דאָך האט ער ניט ערוואַרטעט דאס העדוויג וועט איהם פּלוצלונג אזוי שנעל איבערנעהמען. ער האט ניט געוואוסט וויא זיך צו פערהאַלטען אין אזא אויגענבליק. ער האט קוים געפונען זיין שפּראַך און האט געזאָגט.

— ווען איהר ווייסט אַלעס ווייסט איהר דאָך אויך ווער אייער פאָטער איז?

— יא.

דער פערוואַלטער האט יעצט געוואָלט צוגעהן און ארומנעהמען זיין קינד. העדוויג האט זיך פון איהם אבגעדרעהט און האט געזאָגט:

— לאָזט צורוה דיעזע ליעבשאַפט. פאַר דער וועלט בין איך דיא גרעפין פאָן מעהרען אונד איך וועל עס אויך זיין פאַר אייך.

ראדאָוו האט לאַנגזאם אראָבגעלאָזען זיינע אויסגעשטעלטע ארמען. זיין געזיכט איז געווארען טרויעריג.

— וויא גאַנץ אַנדערש האב איך דיעזע שטונדע ערווארטעט! — האט ער צו זיך געמורמעלט.

— און איך האב געדאַכט דאס אזא שטונדע וועט מיר קיין מאל ניט טרעפען.

— האט העדוויג גאַנץ שארף געענטפערט. — ווארום האט מען מיר יעצט דיעזע געהיימניס ענטדעקט?

— ווייל פריהער האט מען עס ניט געקענט.

— אָה, איך וועל עס אייך דייטליכער זאָגען. — האט העדוויג זיך אָפּגערופען.

— איך וואָלט דיעזע געהיימניס פיעללייכט קיין מאָל ניט ערפאהרען און עס וואָלט פאר מיר אויך זעהר גוט געוועזען. אָבער וואס אייך האט געטריבען צו בעפעהלען מיין מוטער זיא זאָל עס מיר זאָגען, ווארט ניט ווייל אייער הערץ בענקט נאָך אייער קינד.

— איהר זייט אונגערעכט — האט ראדאָוו זיא אונטערבראָכען.

— דאס מאַכט ניט! איהר האט זיך אויך ניט געפיהלט הייליג פערפליכטעט מיר צו זאָגען דיא ווארהייט. ניין. איהר האט בלויז מורא. איהר האט געוואוסט דאס איך קען אייך ווערען געפעהרליך, און דארום האט איהר זיך געכאפּט צום שטארקסטען מיטעל. אום איהר זאָלט גערעטעט ווערען פון שאַפאָט, ווארט מיין מוטער געצוואונגען צו ענטדעקען איהר שאַנדע פאר איהר קינד.

פאול ראדאָוו ווארט וויא פערשטיינערט, וועלכע ווערטער האט ער געמוזט הערען! ווארט דאָס דיא זעלבע העדוויג וועלכע ער האט ביז יעצט געקענט? איז דאס דיא שפּראַכע פון זיין קינד? ער האט זיך דאך אביסעל געפאסט און האט געשטאַמעלט:

— פריילין. אָבוואָהל איהר זייט מיין בלוט און עס איז מיר ערלויבט צו רופען אייך „מיין קינד" און צו ריידען מיט אייך „פער דוא", דאָך וועל איך זיך האַלטען וייט פון אייך, ווייל איך זעה דאס אין אייער הערצען גיבט קיין געפיהל פאר מיר.

— זעהר ריכטיג.

— אָבער דאָך זאָלט איהר ניט פערגעסען דאס דער מאַן וועמען איהר בעשולדיגט אזוי שרעקליך איז דער פאָטער פון אייער מוטערס קינד, מען איז נאָך יעצט זעהר נאָהענט צו אייער מוטער׳ס הערץ.

— דאס פערגעס איך ניט. און איך וויל אייך זאָגען, דאס דער מאַן וואס איז געוואָרען מיין פאָטער דורך זינד וואָלט פון מיר קיין אכטונג און מיטלייד ער־ווארטעט, אבער איך מוז שאָנען דעם מאַן צו וועלכען מיין מוטער איז אזוי ליידענ־שאַפטליך צוגעבונדען.

— איהר בעליידינט מיך!

— אויב איהר האט עטוואס אַנדערש ערווארטעט בעוויזט איהר מיר, דאס איהר האט זיך קיין מאָל ניט גענומען דיא מיהע צו שטודירען אייער קינדס כאראַקטער.

— האָב איך עס דען געקענט? ווארען דען ניט אַלע פערהעלטניסע גענען מיר? — האט ראַדאָוו געפרעגט.

— מאַכט נאָר ניט שולדיג דיא אומשטענדען. איהר האט מיין מוטער קיין מאָל ניט געליבט, וויא איין מאַן דאַרף ליבען. איהר האט געזוכט און איהר האט אויך געפונען אייער גענוס, דאס איז אַלעס. וואָלט איהר זיא ווירקליך געליבט, דאַן וואָלט איהר אנגעווענדעט אלע אייערע קרעפטען צו מאַכען זיא פאַר אייער ווייב, אָבער איהר האט עס געפונען פאַר בילינער און פאַר לייכט, דאס נאַך א מאַן זאָל מיט אייך טהיילען דער פרוי׳ס ליעבע! אה, מיין מוטער וואָר פערפליכטעט צו ליעבען איהר אָפיציעלען מאַן און דער גראַף האט דערפאַר בעדאַרפט צאָהלען. הערר ראַדאָוו איהר דאַרפט וויסען דאס וואַהרע ליעבע איז אימשטאַנדע אויפצור הויבען דיא ניעדעריגסטע פרוי. מיין מוטער געהערט נאָך ניט צו דיא ניעדעריגסטע פרויען אין דער וועלט. דאס זיא האט פערראַטהען איהר מאַן קען מען איהר פיללייכט פערצייען, אָבער וואס זיא איז געבליבען א פעררעטהערין, איז אייער שולד און אויך אייער שאַנדע!

דער פערוואַלטער האט יעצט געפונען צייט צוזאַמלען זיינע געדאַנקען. פון אָנפאַנג האט ער געהאט עטוואס ווארימע געפיהלען פאַר זיין קינד, אָבער יעצט זיינען דיעזע געפיהלען זערשטיקט געוואָרען פון זיין ליעבע צו זיך אליין.

אַ קליינער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפּען און מיט אַ וויטציגען טאָן האט ער געזאָגט:

— אַ מיידעל אין אייערע יונגע יאָהרען און פערשטעהט שוין צו ריידען אזוי קלוג וויא איין אַלטע. איך וועל ווירקליך מוזען בעטען דער מוטער זיא זאָל אויס־לערנען איהר קינד וויא צו ריידע; מיט עלטערען.

— מאַכט זיך ניט וויטציג און רעדט ניט פון עלטערען. איך האָב נור אַ מוטער, דעם פאָטער קען איך ניט!

— ווירקליך ניט!

— ניין!

פאול ראדאוו איז יעצט צוגעגאנגען נאָהענט צו דאס מיידעל. זיינע אויגען האבען געשפריצט פייער.

— העדוויג ברענג מיך ניט העריין אין כעס!

— ווילט איהר מיך פיעללייכט סטראשען?

— יא.

— און מיט וואָס?

— נארישעם מיידעל. איין וואָרט פון מיר און דוא און דיין מוטער....

— האַלט, רעדט ניט ווייטער, איך וויים וואָס איהר ווילט זאָגען! איך לאך פון אייער דראָהונג, ווייל איהר זייט ניט דער מאַן וואס וועט זיך ענטזאגען פון א האלבען מילליאָן און א שעהנע, פאלאסט. איהר וועט פון מיין מוטער וויסען אלע איינצעלהייטען. וועט איהר אָבער זיין אזוי אונפערשעהמט און איהר וועט ארויסגעבען דיא שאַנדע פון דער פרוי וועלכע האט אין איהר ליידענשאפט פאר אייך געאָפפערט איהר הערץ און איהר עהרע, דאַן זאָלט איהר וויסען, דאס אין דעם זעבען טאג וואס איהר עפענט אייער מויל, וועט דיא וועלט ערפאהרען ווער איז דעם גראף׳ס מערדער!

— שטיל! — האט זיא ווידער אויסגערופען אלעם דער פערוואלטער האט געמאַכט א מינע צו זאָגען א וואָרט. — איך קען דעם מערדער! וואס מיין מוטער האט געטהאָן, זאָ קען זיא זיך פערטהיידיגען מיט דער ליעבע צום קינד. זיא וואר שוואך גענוג אנצונעהמען אייערע פינסטערע פלענער. יעצט מעגט איהר געהן פון דאַנען! דעם גראף׳ס מערדער האט שוין דאָ צו לאַנג פערבראַכט!

וויא א הערשערען און געביטערין האט זיא אויסגעשטרעקט איהר האנד און דער פערוואלטער האט קיין בעסערען וועג ניט געפונען אלס צו געהן, אָבער וועהרענד ער איז געגאנגען האט זיין הערץ געקאָכט און געגליהט און זיינע ליפען האבען געמורמעלט.

פאול ראדאוו איז באלד אוועק זעהן דיא גרעפין. ער האט מיט איהר געהאט א לאַנגען געשפרעך אין וועלכען דיא גרעפין האט איהם געטרויסט און האט איהם פערזיכערט דאס העדוויג מוז יעצט שווייגען צו ליעב איהרע אייגענע אינטערעסען. דיעזע פערזיכערונג האט איהם געמאכט לייכטער אויפ׳ן הארצען און ער האט גאַנץ רוהיג ערוואַרטעט דעם מאָרגענדיגען טאָג, אין וועלכען פראנץ שטאנד ווערט פאָרגעפיהרט פאר דיא געשוואָרענע.

דער מאָרגעדיגער טאָג איז געקומען. פראַנץ שטאַנד איז געבראַכט געוואָרען פאָר דעם געריכט. אויף אלע פראַגען וואס דער געריכטס פּרעזידענט האט איהם געפּרעגט האט ער געגעבען קלאָהרע אנטוואָרטען און האט געשוואָרען דאס ער איז אונשולדיג.

אלס ערסטער עדות זיינען פאָרגעפיהרט געווארען דער קוטשער פעפּי, דער האָטעל בעזיצער, זיין קעלנערין, און דער באַנקיר ביי וועמען פראַנץ האט געזאָלט ארבייטען.

דיעזע עדות האבען וויעדערהאָלט דאָס זעלבע וואָס זיי האבען געזאָגט פאר דעם אונטערזוכונגס ריכטער.

פראַנץ שטאַנד האט געבראָכען זיינע הענד מיט פערצווייפלונג, ער האט געזעהן אז ער איז פערלאָרען, ווייל אלע בעווייזע זיינען געגען איהם.

יעצט איז אויפגעפיהרט געוואָרען אננאַ זיעבעל, פראַנץ האט געוואָרפען א טרויעריגען בליק אויף דיעזער מיידעל. ער האט שוין פון אונטערזוכונגס ריכט[illegible]ר געהערט וואס פאר עדות אַננאַ האט געגען איהם געזאָגט. עס האט איהם אָבער יעצט נאָך מעהר געשוידערט צו הערען וויא אַננאַ וויעדערהאלט וואָרט פיר וואָרט דעם זעלבען ליעגען וואָס זיא האָט שוין אמאָל געגען איהם געזאָגט.

— איהר בעהויפּטעט דאס איהר האט געהאט א ליעבע מיט דעם אנגע־קלאַגטען, איז דאס וואהר? — האט דער געריכטס פּרע.ידענט געפּרעגט

— יאַ.

— האט ער אייך געוואָלט הייראטהיצן?

— געוויס.

— און איהר האט זיך דאן צוקריעגט?

— דאס ניט. פראַנץ איז פּלוצלינג צו מיר געוואָרען פרעמד. שפּעטער האב איך ערפאהרען דאס ער ליעבט דיא גרעפין.

— זייט איהר גאַנץ פרייוויליג געקומען צום אונטערזוכונגס ריכטער?

— יאַ.

— אום דעם אנגעקלאַגטען צו בעפרייען?

— יאַ.

— איהר גלויבט, אז ער איז אונשולדיג?

— געוויס.

— זאָגאר יעצט?

אַננאַ האט דיא פראַגע ניט געענטפערט, זיא האט אָנגעפאַנגען צו שלוכצען.

— האט איהר זיך מיט איהם געזעגענד אויפ'ן וואקזאל?
— יא.
— ווען וואר דאס?
— אום 9 אוהר אבענדס.
— דאס בעווייזט דאך אז איהר זייט מיט איהם געוועזן גוט און אייניג?
— יא, יא, ער האט מיך געבעטען איך זאל איהם פערצייען פאר זיין ליעבע צו דער גרעפין.
— האט איהר געזעהן וויא שטאנד איז אריין אין וואגאן?
— יא.
— איז פיעללייכט מעגליך דאס ער איז ארויס פון וואגאן איידער דער צוג איז אבגעגאנגען?
— אה ניין, איך וואלט עס געמוזט זעהן.
— וואס פאר א וועטער וואר אין יענעם אבענד?
— א שעהנעס וועטער.
— ווייסט איהר וואו פראנץ האט זיך אויפגעהאלטען בעפאר איהר האט זיך געזעגענד?
— ניין.
— פיעללייכט ביי דער גרעפין?
— דאס קען זיין.
— איהר האט געזאגט דאס פראנץ האט געוואלט עפענען א פאבריק אין אינדיען?
— יא, ער האט דאס געוואלט.
— האט ער אפט געהאט פיעל גיפט?
— דאס איז וואהר.
— קענט איהר שווערען אויף אלעס וואס איהר האט געזאגט?
— גאנץ געוויס.
— איהר ארבייט ביי סימאן און זאהן?
— יא.
— ארבייט דארט דיא גרעפין מרים פאן מעהרען אונטער דעם איינפאכען נאמען מרים מעהרען?
— יא.
— דאס געריכט האט געשיקט נאכפארשען אויב מען קען אייך גלויבען און האט

אויסגעפונען דאס איהר ניט אויס אין דער לעצטער צייט מעהר געלד וויפיעל איהר פערדיענט — האט דער ריכטער צו איהר געזאגט און האט זיא דורכגעקוקט.

אננא איז געווארען רויטה. זיא האט אראבגעלאזען איהרע אויגען צו דער ערד און האט געשוויגען.

— ניט איהר דאס צו?

— יא, — האט אננא געענטפערט שטיל.

— וואו נעהמט איהר דאס געלד?

— דאס שענקט מיר א הערר.

— וויא איז זיין נאמען?

— מוז איך דאס אייך זאגען? — האט אננא געפרעגט.

— איהר מוזט ענטפערען אויף יעדע פראגע.

— ער הייסט מענצעל.

— וויא קומט איהר צו איהם?

— מיר ליעבען זיך.

— האט איהר איהם געקענט נאך איידער פראנץ האט אויסבורג פערלאסען?

— ניין.

— איז אייער געליבטער, הערר מענצעל רייך?

— זעהר רייך.

— און ער האלט אייך אויס ניט וואהר? שטעהט איהר מיט איהם אין נאהענטע פערבינדונגען?

אננא האט יעצט קיין אנטווארט געגעבען, זיא האט זיך פערשעמט און האט אראפגעלאזען איהרע אויגען.

נאכדעם וויא דער געריכטס פרעזידענט האט איהר געפרעגט נאך איינינע פראגען האט ער זיא אויפגעפאדערט זיא זאל שווערען אויף אלעס וואס זיא האט געזאגט. ער האט זיא נאך א מאל געווארענט זיא זאל זיך ניט לאזען פערפיהרען פון אייפערזיכט אדער פון האס. אבער אננא איז געבליבען פעסט ביי איהרע ווערטער און האט אויך נאכגעזאגט דיא שבועה וועלכע מען האט איהר געגעבען.

יעצט האט מען זיא ענטלאסען.

אננא האט אבגעבאפט איהר אטהעם. זיא וואר צופריעדען צו פערלאסען דאס געריכט. אלס זיא איז פאראיבערגעגאנגען דעם ארט וואו פראנץ איז געזעסען האט זיא צוגעמאכט איהרע אויגען, זיא האט ניט געקענט איבערטראגען דעם

שמערצליכען און אויך דעם פערראכטעטען בליק, וועלכען פראנץ האט אויף איהר געוואָרפען.

יעצט איז פאָרגערופען געוואָרען מרים מעהרען אלס עדות.

מיט וואנקענדע שריט איז זיא געגאנגען איבערען זאאל.

זיא האט זעהר לאנג און זעהר פיעל געבענקט נאך איהר געליעבטען. יעצט איז דיעזע שטונדע געקומען. זיא קען איהר געליבטען וויעדער זעהן.

זיא האָט גאנץ אָפט געהאט א פערביטערטען געפיהל געגען פראנץ'ס אונטריישאפט און פאלשקייט, דער מיט וואס ער האט געליעבט איין גאנץ אנדערע. אָבער אין דיעזע שטונדע ווען זיא האט דערזעהן איהר געליבטען בלייך און שטום אלס אנגעקלאגטער זיינען אלע איהרע געפיהלען פערוואנדעלט געוואָרען אין מיטלייד.

— קומט עטוואס נעהענטער, — האט דער פרעזידענט געזאָגט, ווייל ער האט בעמערקט וויא אויפגערעגט מרים איז. — איהר זייט געווען זעהר נאָהענט צו דעם אנגעקלאגטען, אָבער דאס דארף אייך ניט פערהינדערען צו זאָגען דיא וואהרהייט.

— איך האָב ניעמאלס געליינט! — האט מרים געענטפערט מיט שטאָלץ.

-- איהר רופט זיך מרים מעהרען?

- יא.

-- אייער אמת'ער נאמען איז גרעפין מרים פאן מעהרען?

– דיעזער נאמען געהערט מיר ניט.

-- האט איהר זיך געהאלטען פאר דעם גראף'ס קינד פון זיין ערסטער פרוי?

— יא.

— נער האָט אייך מיטגעטהיילט דאס איהר זייט ניט זיין קינד?

— מיין טאנטע,

— ווען?

— אין דעם זעלבען אבענד ווען דער גראף איז ערמאָרדעט געוואָרען.

— ווארום עפעס גראדע אין יענעם אבענד? האט עטוואס פאסירט וואס האט דיעזע מיטטהיילונג ארויסגערופען?

מרים האט זיך געטרייסעלט. זאל זיא זאָגען אלעס וואס זיא וויים? זיא האט דעריבער זעהר לאנג שוין געטראַכט און זיא האט אויך בעשלאָסען צו זאָגען דיא ריינע וואהרהייט, ווייל זיא האט געהאפט, אז דערמיט וועט זיא איהר געליעבטען בעפרייען.

דיא אורזאכע וואָס האט מרים'ן אָבגעהאַלטען פון זאגען דיא גאנצע ווארהייט איז געווען וואס דיא גרעפין, דיא איינציגע פּערזאָן, וועלכע האט געהאט דיא גרעסטע אינטערעסע אין דעם גראף'ס טוידט, האט געטראָגען דעם נאָמען פון דעם מאַן, וועלכען מרים האט פערעהרט און פערגעטערט און האט געוואָלט שיצען פון שאַנדע; אבער אויך דיזע אורזאכע האט מרים בעקעמפפט, זיא האט בעשלאָסען, אז דיזער געפיהל דארף ניט שטעהן אין דעם וועג פון איהר געליעבטענ'ס רעטונג.

דאָ איז אָבער געוואָרען איין נייע זאך אויף וועלכער זיא האט פריהער ניט גערעכענט. דער בריעף, וועלכען דער גראף האט געשיקט דער גרעפין א טאָג פאר זיין טוידט, דיזער וויכטיגער בריעף איז פערלאָרען געגאַנגען!

דיזער איינציגער בעוויז האט איהר געפעהלט!

זיא האט דעם בריעף פערגעסען אין דער גרעפינ'ס הויז, פון וועלכער זיא איז אַוועגפאָהרען אין היילע, און וואָס מיט דעם בריעף איז נאכדעם געוואָרען האט זיא ניט געקענט ערפאהרען.

מרים איז געווען קלוג און פערשטענדיג. זיא האט גוט געוואוסט דאס מען וועט איהר ניט גלויבען דיא גאנצע ערצעהלונג, ווען זיא וועט ניט קענען ווייזען דעם בריעף וואס עס זאָל בעשטעטיגען. זיא האט דארום בעשלאסען, אז עס איז בעסער צו שווייגען, איידער צו זאָגען וואס מען וועט ניט גלויבען.

דאך ווען דער פּרעזידענט האט איהר געשטעלט דיזע פראַגע האט זיא איהם א לאַנגע צייט אנגעקוקט און האט געטראַכט וואס זיא זאָל יעצט טהאָן. ענדליך האט זיא געענטפערט:

— וואָס איז געווען דיא אורזאַכע ווייס איך ניט. וואהרשיינליך האט עס דער גראף אזוי געוואָלט.

— אום וועלכער שטונדע האט איהר דיא מיטטהיילונג ערהאלטען?

— אומגעפעהר אום 9 אוהר.

— דאס געריכט ווייס, אז איהר זייט ניט דעם גראַפ'ס קינד, דארויף האט דיא גרעפין פאַן מעהרען געשוואָרען. עס איז אויך ניט יעצט דיא פראַגע וועגען אייער רעכט צו דעם נאָמען. וואס אונז אינטערעסירט צו וויסען איז נעמליך, אין וועלכע פערהעלטניסע זייט איהר געשטאַנען צום פערקלאַגטען?

— מיר האָבען זיך געליעבט.

— האט איהר מיט איהם געהאט דיא נאָהענטע פערהעלטניסע, וועלכע קומען אָפט פאָר צווישען געליעבטע?

מרים איז געוואָרען רויטה וויא פייער.

— ניין, — האט זיא געענטפערט.

— איהר האט נאָך דאמאלס ניט געוואוסט, אז איהר זייט קיין גרעפין? האָט איהר ערנסט גערטאכט צו הייראטהען מיט א מאן וואס האט קיין הויכע שטעלע אין דער געזעלשאפט?

— יא.

— ניט אכטענדיג וואָס איהר האט געהאט א טיטעל און ער קיין זאך?

— יא.

— האָט איהר ווירקליך געליעבט דעם אנגעקלאגטען?

— איך ליעב איהם נאך! — האט מרים אויסגערופען מיט שטאָלץ.

פראַנץ שטאַנד האט זיך ניט געקענט בעהערשען, ער האט געוואלט עטוואָס זאָגען.

— שטיל, אנגעקלאגטער! — האט דער פרעזידענט אויסגעשריען און האט זיך צו מרים'ן געווענדעט מיט איין נייער פראַגע.

— האט איהר געוואוסט, דאס אייער געליעבטער האט פערקעהרט מיט איין אנדער מיידעל?

— איך האב געהערט דעם נאָמען פון איין געוויסער אננא זיעבעל, — האט מרים געענטפערט.

— קענט איהר דיא אננאַ עטוואָס נעהענטער?

— איך האב זיא ערסט ערקענט אין דער דרוקעריי.

— האט דער אנגעקלאָגטער מיט אייך וועגען איהר געשפראָכען?

— ניין.

— בעטראַכט איהר דאס אלעס פאר איין אונטריישאפט פון איהם?

מרים האט דארויף ניט געוואָלט ענטפערן. דאך אלס דער געריכטס פרעזידענט האט דעם אנטוואָרט געפאָדערט האט זיא געזאָגט:

— ניין, איך בין איבערצייגט דאס פראַנץ שטאַנד ליעבט קיין אנדערע אויסער מיך.

— ווייסט איהר מיט וועלכען צוג דער אנגעקלאגטער האט גויסבורג פערלאסען?

— מיט דעם קוריער צוג אום 1 אוהר נאך האלבע נאכט.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

— פראַנץ האט עס מיר געזאגט.

— זייט איהר דערביי געוועזן?

— ניין.

— איז דען ניט מעגליך דאס ער איז געפאָהרען מיט איין אנדער צוג?

— איך גלויב עס ניט. פראנץ האט קיין אורזאכע געהאט מיך צו נארען.

— נון דאס איז בעוויעזען, דאס ער האט אייך גענארט. ווייסט איהר דאכ דער אנגעקלאגטער פלעגט האלטען פיעל גיפט?

— ניין.

— האט איהר ערהאלטען דאס געהיימניס פון אייער אבשטאמונג נאכדעם וויא איהר האט זיך מיט איהם געזעגענד?

— יא.

— ער האט דאמאָלס דערפון ניט געוואוסט?

— ניין.

דער געריכטס פרעזידענט האט עס איהר ניט געגלויבט. ער האט זיא איינינע מאל איבערגעפרעגט דיעזעלבע פראגע אהין און אהער, אָבער מרים איז געבליעבען פעסט ביי איהר ערסטער בעהויפטונג.

ענדליך איז מרים ענטלאסען געוואָרען און דער פרעזידענט האט איהר ער־לויבט צו בלייבען אין זאאל אדער אוועקצוגעהן, וויא איהר געפעהלט.

צווישען דיא פערזאמעלטע איז געוואָרען א קליינע בעוועגונג, יעדער האט זיך געריהרט פון אָרט בעסער אָנצוקוקען דאס מעדכען און צו זעהן וואס זיא וועט יעצט טהאן.

אויך דער פערקלאגטער האט געריכטעט זיינע אויגען צו זעהן וואס מרים וועט טהאן. מרים האט אָבער באלד בעשלאָסען דאס זיא וועט ניט אוועקגעהן. זיא איז געבליעבען זעהן דיא וויטערע פערהאנדלונגען.

נאך איהר איז פאָרגערופען געוואָרען דיא גרעפין, וועלכע איז געקומען געבען א שטאַרקערע בעווייזע געגען דעם אונשולדיגען.

— איהר זייט פרייווילינ געקומען צום אונטערזוכונגס ריכטער. קענט איהר דעם אנגעקלאגטען? — האט דער געריכטס פרעזידענט געפרעגט.

— ניין.

— האט איהר געוואוסט, דאס פריילין מעהרען איז פערליעבט?

— ניין, אבער פון איהר אבשטאמונג קען מען פון איהר אלעס ערווארטען.

— איהר אליין האט פריהער ניט געוואוסט, דאס מרים איז ניט דעם גראף'ס טאָכטער?

— ניין.

— פון וועמען האט איהר דאס ערפאַהרען?

— פון גראף אליין.

— ווען?

— קורץ פאר זיין טוידט.

— ער האט עס אייך ערצעהלט?

— יא, ער האט מיר געבעטען אום פערציייאונג און האט געשוואָרען דיין פעהלער צו פערבעסערען.

— מיט וואס?

— דערמיט וואָס מרים וועט פון יענער שטונדע אָן אויפהערען צו זיין וויא זיין טאָכטער.

— פון וואנען שטאמט מרים?

— פון אַ זעהר ניעדעריגען שטאנד?

— לעבען נאך איהרע עלטערען?

— דער גראף האט געזאָגט דאס זיי זיינען געשטאָרבען.

— ווארום האט דער גראף זיא אזוי לאנג געהאלטען אלס זיין קינד?

דיא גרעפין האט דערביי געצויגט מיט איהרע אקסלען.

— האט דער גראף אייך געגעבען בעווייזע פון מרים'ס אבשטאמונג?

— יא, ער האט געהאט פאפיערען.

— האָט איהר יעצט דיעזע פאפיערען?

— ניין, אזוי שנעל וויא ער האט זיי מיר געוויעזען האט ער זיי פערברענט.

— וואס איז געשטאנען אין דיא פאפיערען?

— דאס דארף איך ניט ערצעהלען.

— ווארום?

— איך האב מיין פערשטאָרבענעם מאן געשוואָרען צו שווייגען און מיין שבועה וועל איך ניט ברעכען.

— דענקט איהר דאס מרים האט שוין פריהער געוואוסט דאס געהיימניס פון איהר געבורט?

— יא.

— ווארום רעכענט איהר אזוי?

— פון איהר פערהאלטונג נאך דעם גראף'ס טוידט. זיא האט זעהר פיעל פרעטענדירט, האט זיך געהאלטען פאר אַ גרעפין, אָבוואָהל זיא האט אליין געזאָגט דאס דעם גראף'ס שוועסטער האט עס איהר שוין ערצעהלט. זיא האט אָבער געגלויבט, אז איך וויים ניט ווער זיא איז.

מרים איז יעצט נאָך אמאָל פאָרגערופען געוואָרען.

— האט איהר ווירקליך דעם אנגעקלאגטען ניט ערצעהלט פון אייער אבשטאמונג? — האט דער געריכטס פרעזידענט געפרעגט.

— ניין.

— ווערט איהר דאַרויף שווערען?

— יא.

נאָך איינינע פראגען זיינען פארגעבראכט געוואָרען און דער פרעזירענט האט געשלאָסען דיא אויפנעהמונג פון בעווייזע.

יעצט האָט זיך דער פראָקוראָר גענומען בעשפרעכען דעם פראָצעס און בעשטעטיגען דיא בעווייזע. זיין רעדע איז געווען וויא פאָלגט:

„מיינע הערען געשוואָרענע זעלטען האבען מיר געהאט צו טהאָן מיט אזא פערברעכער וויא מיט דיעזען אנגעקלאגטען. זעלטען האבען מיר פראָצעסירט אזא הייכלער וויא דיעזער וואס שטעהט יעצט פאר אייך. פון פיעלע עדות ווערט זיכער בעוויזען דאס דער אנגעקלאגטער איז אין דער צייט פון מאָרד געווען אין מינכען. דיעזע צייגען האבען קיין פערזענליכע פערבינדונג מיט דעם אנגעקלאגטען און דארום מוז מען זיי גלויבען.

„וויכטיג און שטאַרק זייגען אויך דיא אויסזאגען פון אננא סיעבעל, א מיידעל וועלכע איז פריהער געווען פערליבט אין דעם אנגעקלאגטען, און האט זיך נאכדעם געפונען פערלאָסען. דאך האט דאס איהר ניט אבגעהאלטען צו קומען צום אונטערזוכונגס ריכטער אום צו זאָגען, געבען איהר וואָרט דאס דער אנגעקלאגטער איז אונשולדיג. זיא האט ליידער ניט געוואוסט דאס גראדע איהר ערצעהלונג איז פאר דעם אנגעקלאגטען געפעהרליך. דער אנגעקלאגטער לייקענט אלעס. ער לייקענט וויל ער האָפט דאס איהר וועט איהם פריישפרעכען, אָבער איהר קענט עס דורכאויס ניט.

„עס איז בעוויזען אָהן איין פראַגע דאס פראנץ שטאַנד האט דעם גראַף ערמאָרדעט, אויך דער מאָטיוו פון דעם מאָרד איז בעוויזען געוואָרען. דער אנגעקלאגטער האט פערפיהרט א ליעבע מיט מרים מעהרען, וועלכע איז צו יענע צייט נאָך געווען בעטראַכט פאר גרעפין. עס קען זיין אַז ער האט דיעזע ליעבע פערפיהרט צו ליעב זיין אבזיכט אויף א פערברעכען. אָבער אין דער ווירקליכקייט האט ער געוואָלט הייראטהען מיט אננא סיעבעל און רייזען מיט איהר נאָך אינדיען וואו ער האט געוואָלט עפענען א פאבריק. דערצו האט ער בעדאַרפט טויזענדע. דיא בעקאַנטשאַפט מיט דער גרעפין זאָל איהם דיעזע טויזענדע שאַפען. מרים האט

נעווים קיין זאך געמיינט, ווען זיא האט איהם געשילדערט דעם גראף'ס וואהנונג, אלע טיהרען און אלע פענסטער, דיעזע שילדערונג האט פראנץ בענוצט צו מאכען א פלאן וויא דעם גראף צו בערויבען.

„וועהרענד ער האט דיעזע פלענער געמאכט איז איהם אויך אריינגעפאלען דער פלאן אוועק צו ווארפען דער ארבייטס מיידעל און הייראטהען דיא רייכע גרעפין. מיינע הערען געשווארענע. אבוואהל מרים בעהויפטעט דאס איהר געליבטער האט ניט ערפאהרען פון איהר אבשטאמונג, אבער דאס איז אונמעגליך. פיעל וואהרשיינליכער איז עס דאס מרים האט איהר געהיימניס געוואוסט מיט איינינע טעג פריהער און זיא האט עס איהר געליבטען פערטרויט. נון, יעצט איז דעם אנגעקלאגטען אריינגעפאלען דער טייפלישער פלאן צו טויטען צוויי פליעגען מיט איין קלאפ: ער האט בעשלאסען צו בערויבען דעם גראף און מיט דעם געלד וועט ער קענען הייראטהען אננא סיעבעל און פאהרען נאך אינדיען עפענען א פאבריק. ער וואר א מאן וואס וואר אימער בעשעפטיגט מיט גיפט. ער האט א ביסעל גיפט גענומען מיט זיך אום אין פאל ווען מען וועט איהם כאפען זאל ער זיך אליין טויטען. דיעזער בעשלוס איז ביי איהם זיכער געווען ביז ער איז אריין אין גראף'ס צימער. קוים אבער איז ער אין צימער אריין איז איהם אריינגעפאלען דער געדאנק: וואס וועט זיין ווען קיינער זאל ניט וויסען פון מרים'ס אבשטאמונג? וואס וועט זיין ווען דער גראף שטארבט? דאן איז מרים איין ערבין פון גראף'ס פערמעגען און דיעזע רייכע מרים וועט מיין וייב ווערען. און ביי דיעזען געדאנק האט ער אריינגעפלאכען דעם גיפט אין גראף'ס קערפער. אין יענעם מאמענט האט ער וועגען אננא כיעבעל אלעס פערגעסען. פאר זיינע אויגען איז נור געשטאנען דיא רייכע גרעפין, און וואס ער האט פריהער געהאט פאר דעם הויפט צוועק, צו בערויבען דעם גראף איז יעצט געווארען א נעבענזאכע אום דיא שפורען פון מארד צו פערדעקען.

„מיינע הערען געשווארענע. איך בין פעסט איבערצייגט דאס איהר זעהט דיא זאכע וויא איך. ווען דער אנגעקלאגטער איז זאגאר אריין אין גראף'ס צימער בלויז אום צו רויבען און דארט איז איהם איינגעפאלען דער פלאן צו ערמארדען. דיעזען פלאן האט פראנץ שטאנד אויסגעפיהרט און איך ערזוך אייך איהר זאלט איהם ערקלעהרען שולדיג אין מארד".

באלד וויא דער פראקוראר האט געענדיגט האט דער פערטהיידיגער גענומען דאס ווארט. דער פערטהיידיגער האט געזעהן דאס נאך דיא דייטליכע אויסזאגען

איז אונמעגליך צו בעשטרייטען דעם אנגעקלאגטענס שולד, עס איז אויך אונמעגליך צו בעשטרייטען דעם פראָקוראָרס ארגומענטען, ער האט דארום געזוכט צו פערקלענערען דיא שולד, דער מיט וואס ער האט זיך בעמיהט פאָרצובריינגען דיא טהעאָרי דאס פראנץ שטאנד איז אריין אין גראף׳ס צימער אום צו רויבען, דער גראף האט אָבער געוואכט און האט אָנגעפאנגען צו קעמפפען מיט דעם רויבער און אין דיעזען קאמפף איז פראנץ שטאנד געווען געצוואונגען אריינצופליסען דיא גיפט אין גראף׳ס קערפער, אום זיך זעלבסט צו פערטהיידיגען.

נאך אייניגע קליינע פראגען זיינען דיספוטירט געוואָרען צווישען דעם פראָקוראָר און דעם פערטהיידיגער און דאן זיינען דיא געשוואָרענע אוועק צו זייער בעראטהונג.

פראנץ שטאנד איז געזעסען וויא געבראָכען. פלוצלונג האט ער אויפגעהויבען זיין קאָפף און האט געוואָרפען א הערצליכען בליק אויף מרים.

מרים האט זיך געכאפט מיט איהר האנד ביי איהר הארצען, וועלכע האט פורכטבאר וועה געטהאָן. זיא זיצט דאָרט וואו איהר געליבטער ווערט געמשפט אויף לעבען און טויט, און זיא קען זאָגאר איהם ניט טרייסטען מיט א וואָרט. זיא האט צו איהם געווענדעט איהר בלאסעס געזיכט און האט איהם אָנגעקוקט מיט טרעהרען. ער האט דיעזע טרעהרען פערשטאנען, עס וואָרען צייכענס דאס זיא גלויבט אין זיין אונשולד.

לאנגע שטונדען זיינען פאראיבער איידער דיא געשוואָרענע האבען אריינגעבראכט זייער אורטהייל.

דער געריכטס פרעזידענט האט דאן פערנומען זיין פלאטץ און האט געפרעגט דיא געשוואָרענע זייער אורטהייל.

— מיר געפינען, — האט דער ערסטער פון זיי געזאָגט. — דאָס פראנץ שטאנד איז שולדיג אין בערויבען דעם גראף פאן מעהרען, און דאס וועהרענד דעם רויב האט איהם דער גראף געכאפט, און אין קאמפף פאר זיין פערזענליכע זיכערהייט און פרייהייט האט ער דעם גראף געטויטעט מיט גיפט. אויך בעטען דיא געשוואָרענע דאס דער שולדיגער זאָל ניט צו הארט בעשטראפט ווערען.

וויא דיעזער אורטהייל איז אויסגעשפראָכען געוואָרען איז דאס פובליקום געוואָרען אויפגערעגט, דען קיינער האט ניט געקענט פערשטעהן וויא אזוי דיא געשוואָרענע האבען אזא אורטהייל געקענט געפינען.

נאכדעם וויא דער פראָקוראָר און דער פערטהיידיגער האבען זייערע אנטרעגע געשטעלט אויפ׳ס נייע, זיינען דיא ריכטער אוועק צו בעשטימען דיא שטראפע.

אין א קורצער צייט האבען זיי אריינגעבראכט דעם אורטהייל, דאס דער שולדיגער זאָל בעשטראָפט ווערען מיט פופצעהן יאָהר געפענגניס.

וויא דער אנגעקלאגטער האט דיעזען אורטהייל דערהערט, איז פערשוואונדען דיא ביסעל פארב פון זיין געזיכט, וועלכע איז ערשינען פון דעם גינסטיגען אורטהייל, וואס דיא געשוואָרענע האבען געבראַכט.

פופצעהן יאָהר זאָל ער זיין אהן פרייהייט! פופצעהן יאָהר זאָל ער זיך פּלאָגען אין פינסטערען קערקער! אום נאכדעם ארויסצוגעהן אין דער וועלט אלס א בעשטראָפטער, אלס א מענש אָהן עהרע און אָהן רעכטע!

באלד האָבען דיא געפענגניס וועכטער אָנגענומען דעם פערמשפט'ן און האָבען איהם געפיהרט צום טהיר.

מרים איז אָבער ניט געבליעבען זיצען אויף איהר אָרט. זיא איז צו איהר געליעבטען צוגעלאָפען, האט איהם ארומגענומען מיטביידע הענד און האט אויסגעשריען:

— מיין פראנץ! דיא גאנצע וועלט קען זיין געגען דיר, איך בין אבער איבערצייגט אין דיין אונשולד און אין דיין טריישאפט. איך שווער דיר פראנץ, דאס איך בלייב דיר געטריי און דאס איך ווארט אויף דיר ביז דוא וועסט פריי ווערען!

— מרים — — איך — — איך!

פראנץ האט קיין וואָרט ניט געקענט ארויסרעדען. מרים'ס ליעבע האט אויף איהם געווירקט שטארקער פון דעם אורטהייל; ער איז געפאלען מאכטלאָז אין דיא הענד פון זיינע וועכטער.

18טעס קאפּיטעל.

אין דער הויפּטשטאָדט.

איינינע מאָנאטען זיינען פאָראיבער זייט דעם טאָג וואָס פראנץ שטאנד איז פעראורטהיילט געוואָרען. דער הערבסט וואר שוין נאָהענט צו זיין ענדע. דיא ווארימע וועטערען האבען זיך פערביטען אויף קאלטע, נאסע און פינסטערע טעג.

הערבסט האט אויך אויסגעזעהן אין דער קליינער וואָהנונג, פון א הינטערשטיבעל אין דער קעפּניקער שטראסע פון בערלין. אין דיעזען וואָהנונג האבען געלעבט מוטער און זאהן, דיא מוטער וואר נאָך ניט אלט, דאך ווארען איהרע באקען איינגעפאלען און איהרע האאר בלייך. איהר זאהן וואר א הויבער שעהנער מאן פון אונגעפעהר דרייסיג יאָהר.

עס וואר אבענד. מוטער און זאהן זיינען געזעסען ביים טיש; זיי האָבען גער

וואָס אָבגענעסען זייער מאָהלצייט. רודאָלף מענצעל האט ארויסגענומען זיין זייגער און האט געקוקט אויף דער צייט.

— ווילסט דוא געהן?

— יא, מוטער.

— פרוי מענצעל האט געזיפצט.

— ביזט דוא דערפון אונצופריעדען מוטער? ווילסט דוא איך זאל דא בלייבען?

— און ווען איך וויל?

רודאָלף האט געוואָרפען אויף זיין מוטער א ביטערען בליק.

— נור ניט הייטע ליעבע מוטער. הייטע קען איך צו הויזע ניט בלייבען, איך מוז געהן. איך האב עס פערשפּראָכען.

— דוא ביזט זייט א געוויסע צייט גאנץ אנדערש, איך וועל דיך ניט בעטען דוא זאָלסט עס מיר פערטרויען, איך האָף דאס דוא וועסט עס טהאן ווען דיא צייט וועט קומען. מיין זיפץ האט אָבער איין אנדער בעדייטונג.

— וואָס?

— אונזערע חלומות.

— דיא ערבשאפט?

— יא.

— אָה, ליעבע מוטער, איך האב מיך ענטזאגט פון דער ערבשאפט. פערדיען איך דען ניט וויפיעל איך געברויך און נאך עטוואָס מעהר?

— יא, מיין קינד.

— או, מיין שטעלע איז זיכער. מיין וווירטה איז מיט מיר צופריעדען, איך וועל גיך שטייגען.

— דאך מיין קינד דאַרפסט דוא געדענקען דאס דוא ביזט בערעכטיגט צו דער ירושה. פערגעס ניט עס זיינען אזוי פיעל מיליאָנען!

— איך קען אָבער ניט בעווייזען, אז איך בין דערצו בערעכטיגט. וואס העלפט מיר מיין רעכט.

— וועסט דוא פיעללייכט קענען ערקענען דעם מאן, וועלכער איז דיך בעפאלען?

— זאָנאר צווישען טויזענדע מענשען. איך גלויב, אז ער רעכענט מיך ניט צווישען דיא לעבעדיגע.

— זעהסט דוא און גראדע דאס איז מיין האָפנונג.

— ווארום?

— איינפאך, ער וועט דאך אין א געוויסען טאג ארויס מיט אנשפּריכע אויף

דיא מיללי‎אָן. דער מאן וואָס האט דיינע דאָקומענטען פון דיר גערויבט וועט זיך פאָרשטעלען פאר דיין פערזאן און דאן וועלען מיר אויפטרעטען נעגען איהם.

— יאָ ליעבע מוטער, דאס איז א שוואכע האָפנונג. איך האב זיך אליין גע מאכט פאָרווירפע ווארום איך בין מיט דיזע וויכטיגע דאָקומ.נטען געפאָהרען נאך לאנדאן אום צו ענדיגען דיא נויטהיגע נאכפאָרשונגען, אָבער איך האב דאך דיא פאפיערען געמוזט מיט זיך האָבען. און אלס איך וואר ביי מיין ציעל איז מען מיך בעפאלען אין מיין אייגענעם וואהנונג און בין געשטאָכען געווארען זא דאס איך בין געבליעבען בעוואוסטלאָז. אלס איך האב וויעדער ערוואכט האב איך ערפאהרען דאס מען האט מיך בערויבט און מען האט מיך אויך געוואָלט ערמאָרדען. איך בין אבער גליקליך וואָס איך בין געבליעבען מיט מיין לעבען און דארום קימערט מיך נים וואס מען האט מיך בערויבט.

— דוא ביזט געוועזן און דוא בלייבסט איין אידעאליסט. דוא ביזט אין גאנצען דיין פאָטער. איך גיב אבער דיא האָפנונג נאך ניט אויף, נאטירליך האָף איך פאר דיר, פאר מיר דארף איך קיין זאך ניט.

רודאָלף האט זיך אויפגעהויבען, האט אָנגעטהאן זיין אויבערציהער און האָט זיך פערטיג געמאכט צום אויסגעהן.

— עס וועט רעגענען, נעהם דיין שירם מיט.

— איך דאנק דיר, גוטע נאכט מוטער.

— גוטע נאכט מיין זאָהן.

דיא וויטווע האט זיך באלד געלעגט אין בעט און האט איינגענומען דעם שלאָף־פולווער, וועלכע איהר יונגע אויפוועכטערין פלעגט איהר יעדען אבענד דער־לאנגען.

סידראָמאָני, וועלכע האט זיך מייסטענס גערופען טאָני, איז געוועזן פון אונגארן. זיא האט בעזעסען איין שעהנע געשטאלט און פון איהר געזיכט האבען ארויסגעקוקט צוויי דונקעלע אויגען, וועלכע ווארען פאל מיט פייער און ליידענשאפט. זא וואר א יתומה און דער שטורם פון לעבען האט זיא פערוואָרפען נאך בערלין. היער האט זיא דעם גאנצען טאָג געארבייט אין א קאָנפעקטורען געשעפט און ביי נאכט האט זיא בעדיענט דיא פרוי מענצעל.

פרוי מענצעל פלעגט יעדען אבענד געהן אום 9 אוהר שלאָפען, און טאָני פלעגט פון יענער צייט זיין פריי. אלס זיא האט הייטע געוואונשען דער ווירטהין גוטע נאכט, האט פרוי מענצעל איהר געבעטען זיא זאָל צושליסען דיא טהיר פון פאָדערסטען זאאל און זאָל דעם שליסעל האלטען ביי זיך ביז מאָרגען פריה. פרוי

מענצעל האט געהאט גרויסען צוטרויען צו טאַני׳ן, וועלכע האט געוואָהנט אין אַ שטיבעל אין דעם זעלבען פלאָר.

וויא יעדען אבענד, אזוי אויך הייטע, איז טאַני ניט געבליעבען אין איהר צימער. זיא איז אראָפּגעלאָפען פון דיא טרעפּ און האט זיך דאן אבגעשטעלט פאַר דער הויז טהיר.

זיא האט לאַנג ניט בעדאַרפט ווארטען. באלד איז ערשיענען אַ יונגער מאַן. זיין געזיכט האט קיין וויכטיגען אויסדרוק ניט געהאט, אבער ער וואר שעהן און אין זיינע אויגען איז געלעגען אַ בליק, וועלכער איז זעהר געפעהלען געוועזן דער יונגער מיידעל.

— דאָ בין איך טאַני! — האט ער אין אַ לייכטען טאָן געזאָגט — אבער דאָ איז ניט גוט צו שטעהן, עס פאַלען שוין רעגענטראָפּען, מיר וועלען בעסער געהן אויבען.

— צו מיר?

— נו געוויס.

— ניט הייטע מאַקס?

— און איך וויל גראדע הייטע. איך האב מיט דיר זעהר וויכטיגעס צו ריידען.

טאַני האט אַ ווײַלע געטראכט. מאַקס האט אָבער געשמייכעלט, ער האט געוואוסט וואָס דאס בעדייט.

באלד האט זיא איינגעשטימט און ביידע זיינען אריין אין הויז.

— וואָס פאר אַ וויכטיגעס האָסט דוא מיר צו זאָגען? — האָט טאַני איהם געפרעגט.

— האָב נור געדולד, וועסט שוין וויסען. האסט דוא וואָס צו טרינקען?

— מאַקס, ווען דוא זאָגסט מיר ניט וועל איך דיר עטוואָס וויכטיגעס מיט־טהיילען?

— וואָס איז דאָס?

— אַה, איך קען עס דיר ניט זאָגען! — האט זיא שלוכצענד געזאָגט — אָבער דוא דאַרפסט אליין פערשטעהן, איך בין, איך בין...

— ווירקליך?

— גאַנץ געוויס, איך האָב דער הויבאמע געפרעגט און זיא האט געזאָגט דאָס עס איז גאָר קיין פראַגע.

— אויף

— איז דיעזער „אזוי" אלעס וואס דוא האסט מיר צו זאָגען! — האט טאָני מיט געוויין געזאָגט.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגען, — האט מאַקס לאַבענדיג געענטפערט — עס איז געוויס ניט אנגענעהם אבער מען קען עס ניט ענדערען. דוא דארפסט וועגען דעם ניט וויינען, עס פּאַסירט אויך מיט אַנדערע מיידלאך. איך וועל זאָ וויא זא פער־לאסען בערלין.

— דוא? — האט טאָני אויסגערופען — און וואס וועט מיט מיר זיין?

— וואס וויים איך? — האט מאַקס רוהיג געענטפערט — הייראַטהען קען איך דיך ניט, ווענינגסטענס ניט יעצט, איך וועל זעהן צו זאָרגען פאר דיא נויטהיגע זאכען. דוא ווייסט דאך אָבער אליין דאס איך האב אויף דיר אויסגעגעבען זעהר פיעל געלד.

— דוא ווילסט מיך פערלאסען? — האָט טאָני געוויינט.

— איך קען ניט העלפען. איך האב אבער איין מיטעל וועלכער קען אונז געבען פיעל געלד.

— און וואָס איז דאס?

— אַ קלייניגקייט, דוא דאַרפסט נור טהאן וואס איך וועל הייסען.

— איך וועל געוויס טהאן, זאג נור וואָס.

— דיין יונגער הערר איז פאָרטגעגאנגען, ניט וואהר?

— יאָ.

— דוא האסט דאך דעם שליסעל צו דער וואָהנונג?

טאני האט זיך ערשראָקען.

— דוא ווילסט פיעללייכט גנב׳נען? — האט זיא געפרעגט מיט גרויסע אויגען.

— ניין, דאס וועל איך ניט. אבער ווען דוא ווילסט מיר זאָלען צוזאמען בליי־בען, ווען דוא ווילסט איך זאָל בלייבען אין בערלין און זאָל דיך שפּעטער הייראַטהען דאן גיב מיר דעם שליסעל.

— אָבער וואצו דאַרפסט דוא איהם?

— דאס איז מיין געהיימניס.

טאָני האט זיך פערטראַכט אָבער אין איהר געזיכט האט מען געקענט זעהן צו וועלכען זייט איהר בעשלוס געהט.

— איך וועל דיר געבען דעם שליסעל, — האט זיא ענדליך געזאָגט — אבער דוא זאָלסט קיין זאך ניט צונעהמען!

— איך בין קיין גנב.

— וועסט אויך קיין שלעכטעס טהאָן דער שלאָפענדיגע פרוי.

מאקס האט זיך צולאכט.

— זעה איך דען אויס וויא א מערדער? ווען דוא גיסט מיר ניט דעם שליסעל, וועל איך וועלען זעהן, וואו דוא בלייבסט מיט'ן קינד. איך בין היער צום לעצטען מאָל!

דיעזע ווערטער האבען אויף טאַני'ן געמאכט איין איינדרוק. זיא האט נאך א ווילע געטראכט און האט איהם ענדליך דערלאנגט דעם שליסעל.

— זאָ, אין א פיערטעל שטונדע בין איך צוריק דאָ, — האט מאקס געזאָגט האלטענדיג דעם שליסעל אין האנד.

— זיי פאָרזיכטיג מאקס, דער הערר קען באַלד קומען!

— אָה, ער קומט ניט. איך וויים עס בעסער! — האָט מאקס געלאכט.

— קענסט דוא איהם דען?

— פיעללייכט.

מאקס האָט פערלאסען דאס מעדכען. גאנץ שטיל, אהן דעם קלענסטען גערויש האט ער אויפגעשלאָסען מענצעל'ס וואהנונג. נאך איינינע מינוטען האט ער זיך צוריקגעקעהרט.

— אָה, זעה וויא דוא זעהסט אויס, דוא ביזט דאך אזוי בלאס! — האט טאַני מיט איבערראשונג געשריען.

— עס איז מעגליך, עס איז ניט אזוי אנגענעהם צו זיין אין א פרעמדען צימער. איך האָף, אז קיינער האט מיך ניט געהערט און דוא ווייסט אויך וואס איך האָב געטהאן.

— בעהיטע! פון וואנען זאָל איך עס וויסען?

— זאָלסט דוא געדענקען טאַני, ווען דוא זאָגסט דאס דוא האָסט מיר געגעבען דעם שליסעל דאן ביזט דוא פערלאָרען. יעצט קום, טהו אָן דיין דזשעקעט, מיר וועלען פאָרטגעהן.

— וואוהין?

— זאָל זיין טאנצען.

אין טאַני'ס אויגען איז געוואָרען ליכטיג. פארביי איז איהר גאנצער אין זאָרג. טאנצען פערהיילט אלע איהרע וואונ[...]ען, זיא וואָלט געטאנצט זאגאר נאך איהר טוידט.

אלס מאקס און טאני האבען דעם צימער פערלאסען האט עס שוין שטארק גערעגענט. מאקס האט צוגערופען א דראָשקע און זיי זיינען אבגעפאָהרען אין א טאנץ אקאדעמיע.

דאָרט זיינען זיי פערבליבען ביז גאנץ פריה. טאָני האט זיך אמוזירט וויפיעל זיא האט אליין געוואָלט. זיא האט פערגעסען דעם שליסעל, זיא האט פערגעסען דאס געהיימניס. דיא זאָרג איז פערגעכען געוואָרען. זיא וואַר פרעהלאך, זיא האט געטאַנצט.

דער ווייל איז דער שלעכטער וועטער געוואָרען אלץ שטארקער און שטארקער.

פון דיא געדיכטע וואָלקענס אין הימעל האט דער רעגען געגאָסען אין שטראָמען.

אויף דיא שטראסען וואר לעער, בלויז איין איינציגע מענער געשטאלט האָט זיך בעוויזען ביי דעם שיין פון א לאנטערנע.

דער מאַן איז אריין אין א זייטיגע גאַס. זיין פיגור וואַר הויך, זיין געזיכט וואר פאָל מיט קלוגהייט און ענערגי, זיינע אויגען האבען אויסגעדריקט שארפזין און מוטה אין זיין מויל איז געלעגען עטוואס גרויזאמקייט, און זיין גאנצע בעוועגונג וואר פעסט און שנעל.

ביי א האָטעל וואס איז געלעגען עטוואס ווייטער פון רעכטען צענטרום איז ער געבליעבען שטעהן. ער האט זיך צוגעקוקט צו דיא פענסטער פון גאנצען הויז און איז דאן אריין אין האָל. באלד האט ער זיך געלאָזט געהן אויף דיא טרעפ ביז ער האט ערלייכט דעם אויבערכטע שטאָק, וואו א קאָרידאָר האט זיך געצויגען איבער דיא גאנצע לענג, און איז געווען פאל מיט טהירען איןביידע זייטען. אויף יעדע פון דיא טהירען האט זיך געפונען א ווייסע פארצעלייענע שילד מיט א שווארצען נומער אויפ'ן שילד.

איינינע גאז-פלאַמען האבען בעלויכטען דעם קאָרידאר. דער מאַן האט אויפ־געזוכט דיא טהיר מיט דעם נומער דרייצעהן און האט אויף איהר אָנגעקלאפט.

— העריין!

— דער מאַן איז יעצט אריין אין א גרויסען צימער וועלכער וואר העל בעלויכ־טען. פון זאָפע האט זיך אויפגעהויבען א מאַן וועלכער האט געלעזען א בוך. ער האט יעצט דעם בוך אוועקגעלעגט אַן א זייט און האט געזאָגט:

— אַך, העררפאָליציי קאָמיסאר! איך ערווארטע אייך!

— דאס איז מיר אנגענעהם, העררוועלער. — האט דער פאָליציי קאָמיסאר געענטפערט און האט אראָפגעוואָרפען זיין נאסען מאנטעל.

— עס וואר קאַלט און שווער צו געהן אין רעגען. ווילט איהר אביסעל קאָניאַק?

— ניט אהער!

דער פּאָליציי קאָמיסאַר האט יעצט אויסגעטרונקען א גאנצע גלאָז פון דעם גוטען שנאַפּס. האט פעררויכערט א גוטען סיגאר וועלכען דער מאַן האט איהם געגעבען.

ברויכט איהר עטוואָס געלד? — האט וועלער געפרעגט.

— שאַ, ניט אזוי הויך!

— עס וואר פון אייך לייכטזיניג צו פערשפּילען אייער ווייבס גאנצען פער- מעגען. וויפיעל געלד ברויכט איהר?

— פיערצעהן טויזענד דאָלאר! — האט דער פּאָליציי קאָמיסאר געענטפערט.

— און ווען איהר קענט דיעזע סומע ניט שאַפען זייט איהר פערלאָרען? איך ווייס עס גאַנץ גוט, נו איך קען אייך רעטען, אבער דערפאר דארפט איהר זיין פערפּפליכטעט צו מיר.

— אה, וועגען מיין דאנקבארקייט קענט איהר שוין זיין זיכער? — האט דער פּאָליציי קאָמיסאָר געענטפערט.

דער דאנק דארף זיין גרעסער, ווייל איך וועל דאָך דאס געלד פון אייך קיין מאָל ניט זעהן.

— הערר וועלער, איהר הייבט מיך אָן צו בעליידיגען!

דער פּאָליציי קאָמיסאר איז געוואָרען בייז; אבער זיין געזיכט איז געוואָרען ווידער רוהיג, ווען ער האט דערזעהן וויא דער מאַן נעהמט ארויס א פּאַק באַנקנאָטען פון זיין טאַשע. דאס געלד האט דער מאַן געצעהלט מיט דער לינקער האנד ווייל דיא רעכטע האט געהאט בלויז פיער פינגער.

— היער איז דאס געלד, — האט דער מאַן געזאָגט, — דאס איינציגע וואס איך וויל פון אייך נאך פאָדערען איז, דאס איהר זאָלט זאָגען דאס איהר זייט ביי מיר געוועזן.

— וואס פאַלט אייך איין?

— דאָס מוזט איהר! איהר מוזט זאָגען דאס פון צעהן אוהר זייט איהר ביי מיר געוועזן, איהר האט ביי מיר נאכגעפרעגט אויף איין אַלטען קאַמעראַד, וועלכען איך האב געזעהן אין אמעריקא. איהר מוזט עס זאָגען, ווייל עס האנדעלט זיך וועגען מיינע א ליעבע.

דער פּאָליציי קאָמיסאר האט איהם אָנגעקוקט.

— איהר מוזט עס זאָגען, הערר פּאָליציי מייסטער! איך מוז האבען א בעוויז דאס איך בין געווען דאָ ניט דאָרט, איהר דענקט דען דאס איך האב דיעזעס שעהנע געלד פערדינט מיט ארבייט.

— דאַן האט איהר דאס געלד גאָר...

— דאָס הייסט, אז איהר ווילט ניט דאָס געלד? — האט וועלער געפרעגט.— שאָדע, אזא מאַן מיט אזעלכע פעהיגקייטען! איהר זייט פערלאָרען מיין פריינד! פערלאָרען אָהן א רעטונג!

דער פּאָליציי קאָמיסאר האט אראָפּגעלאָזען זיין קאָפּ. זיין ברייטע ברוסט האט זעהר שווער געאטהעמט, מען האט לייכט געקענט זעהן דאס ער האט א שווערען קאמפף מיט זיך אליין.

ענדליך האט ער אויפגעהויבען זיין קאָפּ און האט אויסגעשטרעקט דיא האנד נאך דיא באנקנאָטען. ער האט דיא פּאפּירען שנעל איבערגעצעהלט און האט זיי בעהאלטען אין זיין טאשע.

— איהר האט דיא בעדינגונגען געשטעלט.-- האט ער דאן געזאָגט געלאסען— איך מוז דיעזע בעדינגונגען ערפילען. זיינען דיא באנקנאָטען עכטע?

וועלער האט זיך צולאכט.

— האַלט איהר מיך פאר א מאַן וואס מאכט פאלשע אסיגנאציעס?

— ווארום ניט!

— איך בין עס ניט! נור איך וויים דאס ווען איך וועל זיין געצוואונגען פאל־ שע געלד צו מאכען וועט איהר מיך מוזען שיטצען. עס ווערט שפּעט, איך וועל אייך לענגער ניט אויפהאלטען. איהר קענט געהן.

דער פּאָליציי קאָמיסאר האט אָנגעטהאָן דאס טאנטעל, האט זיך פערנייגט און איז באלד ארויס.

אלס דער פּאָליציי קאָמיסאר האט דעם האָטעל פערלאסען האט מיסטער וועלער איהם נאכגעלאכט מיט שפּאָט:

— דוא ביזט אין מיין האנד, הערר פּאָליציי קאָמיסאר! — האט ער געמור־ מעלט, — דוא מוזט טאנצען וויא איך שפּיעל. דאס וואר א גוטער שריט, פון מיר.

דער פּאָליציי קאָמיסאר איז מיט שנעלע טריט פון האָטעל אוועק. ער האט ניט געאכטעט דעם רעגען, זאָנדערע ער איז געגאנגען גלייך זיין וועג.

יעצט איז ער פאראיבערגעגאנגען א קאפע הויז, וועלכע וואר בעלויכטען מיט הונדערטע פייערען; א געשריי פון צומישטע שטימען, דער קלאנג פון גלעזער און דאס קלאפּען פון ביליארד בעלער איז פון דעם קאפע הויז געקומען. דער פּאָליציי

קאָמיסאר האט זיך אָבגעשטעלט זעהן וואָס דאָרט געהט פאָר, ער האט אריינגעקוקט אין דיא פענסטער און האט געזעהן וויא פערשיעדענע הענד הויבען זיך אויף און לאָזען זיך אראָפּ.

— טרומפף ? — האט א שטימע אין קאפע הויז אויסגעשריען. טרומפף, איהר קענט עס ניט שטערען... שווארץ... שוואַרץ מיט זיעבען...

פערפלוכטע קארטען שפיעלער! — האט דער פאָליציי קאָמיסאר געמורמעלט און איז שנעל פון דאָרט אנטלאָפען.

— — — — — — — — — — — — —

אלס רודאָלף מענצל האט זיין מוטער פערלאסען איז ער בעשטיגען א פערד־באהן און איז געפאָהרען ביז דעם לאנדסבערגער טויער.

דיא קאר וואר פאָל געפּאַקט זאָ דאָס רודאָלף האט קוים געקענט קריעגען א פלאטץ אויפ'ן פלאטפאָרם. אלע פאסאזשירען האבען זיך אונטערהאלטען מיט פלוידערייען און געלעכטער, אָבער רודאָלף האט זיך גאָר ניט געקימערט איבער אלעם וואס זיי האבען געשפּראָכען.

זיינע געדאנקען וואָרען צערשטרייט. ער האט געדענקט פון זיין מוטערס ווערטער. ער האט שוין לאנג אויפגעגעבען דיא האָפנונג צו ווערען דער יורש פון דיא מילליאָנען, וועלכע ליגען אין דער באנק אָף ענגלאנד. זיין האָפנונג האט ער אויפגעגעבען זאָגאר נאך דאן ווען ער האט בעזעסען דיא נויטהיגע פאפירען, דען ער האט געוואוסט דעם אינהאלט פון דעם מערקווירדיגען טעסטאמענט און האט געוואוסט דאס ער קען נור דאן ווערען דער געזעצליכער יורש, ווען ער קען ווייזען דאס פון דער ערסטער משפחה, וועלכע איז פריהער בערעכטיגט צום געלד איז שוין קיינער ניטאָ וואָס זאָל מאכען אנשפּריכע אויף דאס געלד.

דאס ביסעל געלד וואס ער האט געהאט פון זיין פאטער האט דיא מוטער און דער זאָהן פערוועגדעט נאכצופאָרשען וועגען דיא איבעריגע יורשים און עס האט זיך פאר זיי זיכער ארויסגעוויזען דאס אויסער רודאָלף עקסיסטירט קיינער וואס זאָל מאכען אנשפּריכע אויף דער ירושה, ווייל אלע פון דער ערסטער ליניע זיינען שוין טויט.

ווען דיעזעס איז פערזיכערט געוואָרען האט רודאָלף אנגעפאנגען צו האָפען אויף דעם גרויסען פערמעגען און ער האט אויך גענומען ארבייטען צו קריעגען דאס געלד.

דאס געלד איז געלעגען אין דער „באנק אָף ענגלאנד" און אָהן א ספק קומען אהין צוזאמען אלע צוזאמען פון דער פאמיליע און אלע וואס קענען פרעטענדירען

אויף דאס געלד און רודאָלף איז דארום געפאהרען נאך לאָנדאָן אום דאָרט דיא זאכע בעסער אויסצופאָרשען און אויך צו בעשטעטיגען דעם שטאַם-בוים וועלכע בעווייזט דאס ער איז דער יורש פון דאס געלד.

רודאָלף האט זעהר שווער געאַרבייט אום אַלע נויטהיגע זאכען צו פערפער טיגען. ער האט שוין געגלויבט אז ער איז ביי זיין ציעל, שוין איז דער שטאַם-בוים בעשטעטיגט געוואָרען אויף א האָאר דאס ער איז דער בערעכטיגטער ערבע. אָבער גראדע ווען ער וואר שוין מיט אלעם זיכער האט איהם געטראָפען דאס אונגליק וואס מען איז איהם בעפאַלען אין זיין וואהנונג און מען האט איהם בערויבט.

דער גנב האט פון איהם צוגענומען אַלעס וואס ער האט בעזעסען: זיין זייגער, זיין רינג און זיין געלד. אָבער דער פאקט דאס דער גנב האט אויך צוגענומען ביז דעם לעצטען דאָקומענט. האט בעוויזען דאס, דער הויפט ציעל פון דער רויבעריי וואָרען דיעזע פאפירען.

נאכדעם וויא רודאָלף האט אנגעווענדעט אַלע קרעפטען צו זוכען דעם רויבער אָדער דיא דאָקומענטען און אלע אנשטרענגונגען וואָרען אומזיסט, האט ער זיך אומגעקעהרט צוריק נאָך בערלין און האט אויפגעגעבען יעדע האָפנונג.

ניט אזוי וואר עס אבער מיט זיין מוטער.

זיא, דיא מוטער וועלכע האט נור געלעבט פאר איהר זאָהן, ווייל איהר עלטערע טאָכטער, וועלכע וואר מיט צוויי יאהר עלטער פון רודאָלף'ן איז צוריק מיט פונפצעהן יאהר פערשוואונדען געוואָרען, -- דיעזע אונגליקליכע מוטער האט נאך אימער געהאָפט אויף דער ירושה, וועלכע זיא האט געוואָלט זעהן אין איהר זוהן'ס האנד.

זיין מוטער'ס לעצטע ווערטער האבען אויף רודאָלף'ן געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק. ער האט זיי בעטראַכט און געפיהלט דאס נייע האָפנונגען ווערען יעצט אין איהם געבאָרען.

ער האט אָבער אויך געוואוסט וואס פאר א רעזולטאט עס קען זיין, ווען אזעלכע האָפנונגען און אזעלכע פאנטאזיען וועלען זיך ניט פערווירקליכען. ער האט אויך געוואוסט צו וואָס אזא פאנטאזיע קען פיהרען און ער האט דארום מיט זיך אליין געקעמפפט און האט אריינגענומען אין זיינע געדאַנקען איין אנדער פאנטאזיע.

ער האט גענומען דענקען וועגען דעם ציעל פון זיין הייטיגע רייזע, און ווען ער איז אראָפּ פון קאר אום דעם שטיקעל וועג צו געהן צו פוס איז פאר זיינע אויגען ערשינען דיא געשטאַלט פון א שעהנע פרויענצימער.

ער איז ניט זעהר לאנג געגאַנגען. דער שלעכטער וועטער האט שוין אָנגע-

פאנגען צו קומען. און איינצעלנע רעגענטראפּענס האבען אנגעפאנגען צו פאלען. רודאָלף האט זיך געלאָזט געהן שנעלער ביז ער איז פּלוצלונג געבליבען שטעהן פאר איין אייזערנער גארטען טהיר.

אין דיעזען אויגענבליק האט געשלאָגען 9 אוהר.

קוים איז ער צוגעגאנגען צום טיהר אזוי האט ער דערהערט א ווייכע פרויען־שטימע וועלכע האט געזאָגט:

— רודאָלף!

— איך בין עס.

דיא טהיר איז אויפגעשלאָסען געוואָרען און צוויי ווייסע פרויענהענד האבען איהם ארומגענומען.

— פּינקטליך וויא אימער! — האט דיא פרויענשטימע געזאָגט און דער קלאנג פון א קוס האט בעגלייט דיעזע ווערטער.

ער האט דיא פרויענגעשטאלט ארומגענומען און מיט לייכטע טריט זיינען ביידע אריין אין הויז, און זיינען אריין דורך טרעפּ אין פּאָדערסטען זאאל.

— ביזט דוא אליין לינא? — האט ער געפרעגט.

— יא.

— וואו איז דיין דינסט מיידעל?

— אויסגעגאנגען.

— דאס איז גוט.

— ווארום, ליעבער רודאָלף. האָסט דוא פורכט?

— מען קען קיין זאך ניט וויסען.

— זיי רוהיג. וואס האסט דוא דען צו פירכטען? איהר מענער, איהר זייט דאָך דיא הערשער פון דער וועלט. ביי אייך איז דאָך איין עהרע צו האבען פיעל געליבטע. וואס מעהר געליבטע איהר האט אלץ אנגעזעהנער זייט איהר אין דער וועלט. מיט אונז ארמע פרויען איז עס אנדערש!

— נון? — האט רודאלף געשמייכעלט.

— מיר וועלען דערפון ניט ריידען. איך וויים דאס אין דער וועלטס אויגען בענעה איך איין אונרעכט. אָבער וואס קימערט עס מיך?! מיין מאן דארף זיך ניט בעקלאגען. עס איז זיין שולד ניט מיינע.

רודאָלף האט פערקנייטש דעם שטערן.

— וויפיעל מאָל האב איך דיך געבאטען דוא זאָלסט מיר ניט דערמאָנען דיין מאן'ס נאמען.

— אָבער ער איז דאָך....

— דאס ווייס איך, אָבער דערמיט רויבסט דוא פון מיר יעדע פאַנטאַזיע, איך, איך אליין בעזיטץ דיך.

— און ווען דאס וואָלט אזוי געווען ?

— לינאַ ! — האט ער אויסגערופען מיט א ציטערענדע שטימע. אין זיינע אויגען איז געלעגען א בעטרונקענהייט. זיינע ארמען האט ער אויסגעברייט און האט ארומגענומען דיא געשטאַלט וועלכע האט זיך צו איהם צוגעוואָרפען און האט איינגעזויגט זיינע ליידענשאַפטליכע קיסע.

שטונדען אויף שטונדען זיינען אַוועק. ביז עס איז געקומען דיא צייט ווען רודאָלף האט זיך פון זיין געליבט ארויסגעריסען צום געהן.

— דוא ווילסט געהן ? — האט זיא געפרעגט.

— אויב איך וויל ! איך מוז ! יעדען אויגענבליק קען אהער קומען דיין מיידעל.

— פאר איהר האבען מיר ניט וואס צו פירכטען.

— ווייס זיא אונזער געהיימנים ?

— יאַ.

— און ווען זיא ערצעהלט?

— דאס וועט זיא ניט טהאָן.

— ווער קען זיא דארין הינדערען ?

— איהר אייגענע אינטערעסע. איך האב זיא געכאַפּט ביי א גנבה, זיא ווייס דאָס איך וועל זיא פערהאַפטען אזוי שנעל, וויא זיא וועט עטוואס ריידען.

— דאך מוזען מיר זיך שיידען געליבטע. דוא ווייסט דאך...

ער האט זיא אנגענומען ביי'ן האנד און האט זיא אָנגעקוקט מיט נייגיעריגע אויגען. ער האט זיך דאך אבגעזעגענט און איז אוועק. לינאַ האָט איהם בעגלייט ביז צום גאָרטען.

דער שטורם און דער רעגען האט זייביידען געשמיסען אין געזיכט.

— וואָס פאר א וועטער ! אָה רודאָלף !

— זאָרג ניט וועגען מיר. גוט נאכט, מיין געליבטע. אויף וויעדערזעהן.

זיא האט איהם ארומגענומען האט איהם צוגעדריקט צו זיך און האט געזאָגט :

— אויף וויעדערזעהן !

רודאָלף מענצעל איז ניט צום ערסטען מאל אין דיעזען הויז. א צופאל וועלכער

טרעפט אָפּט אין דיא גרויסע שטעדט האט זייביידען צוזאמענגעפיהרט. רודאָלף איז אין איהר פערליבט געוואָרען. זיא האט איהם אויך געליעבט און מיט אימער נייע ליידענשאפטען האט ער זיך צו איהר ליעבע איבערגעגעבען. רודאָלף איז אימער געווען א מאן מיט פעסטע מיינונגען און געזונדע געדאנקען. דאס אלעס האט דאָ אויפגעהערט. ער האט זיך ניט געקענט בעהערשען און האט זיך ניט געקענט ערקלעהרען. דיא ליעבע וואר שטארקער פון אלע זיינע געדאנקען און מיינונגען.

יעדעס מאָל ווען ער האט זיך אויפגעכאפּט פון דעם גערויש דער ליעבע און וואר פעהיג א זאך קאלטער צו איבערלעגען, איז צו איהם געקומען זיין געוויסען און האט איהם דיקטירט אָבצורייסען זיך פון דער שעהנער פרויענצימער. אָבער אלע בעשליסע זיינען פערשוואונדען אזוי שנעל וויא זיא האט צו איהם גערעדט מיט איהר שעהנעם מויל און האט איהם ערזוכט ער זאָל זיא בעזוכען.

יעצט ווען רודאָלף איז ארויס פון זיין געליבטערס הויז און האט גענומען א דראָשקע צו פאהרען נאך זיין הויז איז זיין גאנצער געדאנק געווען בײ דער שעהנער פרויענצימער וועלכע ער האט ערסט פערלאָסען. ער האט זיך איבערציינגט דאס זיין ליעבע צו איהר איז צו גרויס און ער האט דארום בעשלאָסען דאס זיא מוז זיין זיינע אויף אימער און אייביג.

עס וואר שפּעט ווען ער האט זיין וואָהנונג עררייכט. ער האט גענומען זוכען זיין שליסעל, אָבער ער האט איהם בײ זיך ניט געהאט. ער האט איהם וואהרשיינ־ליך געלאָזען אין צווייטען ראָק. דער רעגען האט אויף איהם געגאסען אין שטראָמען און ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאָל טאָהן. זאָל ער אָנקלינגען אָדער ניט.

— ניין, איך וועל ניט קלינגען, אין גאנצען הויז וועט ווערען א גאנצער טומעל און אויפרוהר! — האט ער צו זיך געזאָגט. — איך וועל בעסער ווארטען ביז איינער וועט דיא טיהר עפּענען.

ער האט לאַנג ניט בעדאַרפט ווארטען. אין איינינע מינוטען שפּעטער איז אָנגעפאָהרען א דראָשקע און מאקס און טאָני זיינען פון איהר ארויס.

— עס איז זעהר גוט, וואס איהר זייט יעצט נעקומען. איך האב גראָדע פערגעסען דעם שליסעל. — האט רודאָלף געזאָגט און וואר צופריעדען וואס ער וועט קענען אריינקומען אין הויז. ער האט מאקס'ן זעהר ווענינ געקענט און דארום האט ער זיך יעצט אויך ווענינ וועגען איהם ארומגעקוקט. ער האט דארום אויך ניט געזעהן מיט וואס פאר א שפּאט דיעזער מאקס האט איהם אָנגעקוקט

ענדליך איז רודאלף אריין אין הויז, האט זיך געוואָרפען אויף זיין בעט און איז פערזונקען אין זיסע טרוימע.

— — — — — — — — — — — —

אויף מאָרגען פון צווייטען טאָג איז דער פּאָליציי־קאָמיסאר סאָמער און זיין ווייב לינאַ נעזעסען ביי זייער פריהשטיק.

עס איז דער זעלבער פּאָליציי־קאָמיסאר וועלכען מיר האבען בעגעגענד אין רעגען און שטורם אויפ'ן וועג צו דעם רייכען געלד געבער, מיסטער וועלער.

לינאַ זיין ווייב איז געווען אומגעפעהר פופצעהן יאָהר איננגער פון איהם. זיא וואַר איינע פון יענע זעלטענע שעהנהייטען, וועלכע בעצויבערען ניט נור מיט זייער ערשיינונג אין זייער געשטאַלט, נור אויך מיט זייער וועזען און זייער זעעלע קענען זיי יעדען צו זיך צושמידען.

זיא וואַר זעהר הויך, אבער זיא האט בעזעסען א מערקווירדיגע טאליע, וועלכע וואר דער מאדעל פון נאַטירליכע שעהנהייט. איהר קערפער האט אויסגעדריקט קראפט און לעבען, פונקט וויא איהרע לייכטענדע אויגען האבען ארויסגעדריקט לוס־טינקייט און שטרעבען.

איהרע האאר וואר דונקעל בראון און וואר געטהיילט אין מיטען און אויסגע־לעגט אויף דיא שלייפען, זאָ דאס זיא וואָלט געהאט דעם עכטען אויסדרוק פון דער מאדאָנע, ווען זיא וואָלט ניט געהאט יענע לוסטיגע אויגען. יענעם פיין געבויגענעם נאָז און ניט יענע פאלע עטוואָס פערגרייזעלטע ליפען, וועלכע לאדען יעדען צום הערצליכען קוס.

זיא וואר שנעל אין איהר וועזען און האט אויך אויסגעדריקט ענערגיע, פעסטען בעשלוס און אויך איין שטארקען עגאָאיסטישען ווילען.

אָבער איהר אויגענבליקע וואר פערשלייערט, דאגעגען איז איהר עגאָאיזמוס געווען געפעהרליך. דאָ האט אלעס אין איהר געברענט און זאָגאר איהר אטהעם האט געהויכט מיט א בעגעהרליכקייט.

לינאַ האט יעצט געטראָגען איין רייצענדע נעגליזשעע קלייד, וועלכע האט צוגע־געבען איין אונענדליכע שעהנקייט צו איהר געזיכט. אָבער איהר מאן וועלכער איז געזעסען לעבען איהר האט עס גאָר ניט בעמערקט.

ער האט זיא געהייראטה ניט פאר איהר שעהנקייט נור פאר איהר פערמעגען.

זיא האט זיך געוואָלט מיט איהם אונטערהאלטען. זיא האט צו איהם גע־שפּראָכען. אָבער דיא אנטווארטען וואס ער האט איהר געגעבען ווארען קורצע, זעהר קאלטע און מאנכעס מאל בייזע זא דאס לינאַ האט ענדליך אויפגעהערט צו ריידען.

(Mil.,).

— דוא ביזט הייטע שפעט געקומען געאָרג! — האט זיא געזאָגט נאך א לאַנגען שווייגען.

— איך רעכען, אז עס וואר שוין פריה.

— יא.

— האָסט דוא געהאט געשעפטען?

— געוויס.

— דאָס איז ווירקליך צו שווער. אזא דיענסט איז באַרבאַריש!

דער פּאָליציי-קאמיסאר האט א קליינעם שמייכעל געטהאן.

— דוא זאָרגסט גאַנץ טריי פאר מיר. אָבער איך מוז מיינע פפליכטען ערפילען!

— דאס זאָגסט דוא אימער!

— דוא ווייסט עס דאך שוין! יעדענפאלס וואָלט איך דיך וועלען פרעגען וואָרום ביזט דוא געבליעבען וואך אזוי לאַנג?

סאָמער האט ביי דיעזע פראגע אומגעדרעהט זיין קאָפּ צו זיין ווייב, וועלכע איז געוואָרען רויטה און האט אראָפּגעלאָזט דיא אויגען צו דער ערד.

דאס געשפּרעך איז וויעדער שטיל געבליעבען אויף א ווײלע, דאן האט לינא צו איהר מאן געזאגט.

— דוא האָסט געוואָלט מיין פערמעגען אריינלעגען אין איין אנדער פלאַץ?

— יא.

— האסט דוא עס אויפגעגעבען?

— נאך ניט.

— אָבער אויך ניט אויסגעפיהרט?

דער פּאָליציי-קאמיסאר איז געבליעבען פערטראַכט. וואס מיינט זיין ווייב מיט דיעזער פראגע? וואָס זאָל ער איהר דארויף ענטפערען? ער האט געפיהלט אז פון דיעזען אנטוואָרט הענגט זעהר פיעל אָב און דארום האט ער געוואָלט דעם אנטווארט גוט איבערלעגען.

זיין שווייגען איז איהר געוואָרען אויפפאלענד. זיא האט איהם אנגעסוקט מיט גרויסע אויגען.

— ניין! — האט ער ענדליך געענטפערט.

— דאס איז גוט, זעהר גוט!

— וואָרום? — האט ער געפרעגט.

— ווייל איך האב א נעשעפט פאר מיין געלד.

— וויא? — האט דער פאָליציי־קאמיסאר נעפרעגט, — דוא ווילסט פיעללייכט ספעקולירען?

— איך וויל עס טהאן, — האט לינא געענטפערט — איך בעט דיך, זאָלסט מיר געבען דעם באנק-בוך.

— דעם בוך קענסט דוא ניט האבען. איך האב דיינע פאפיערען פערקויפט פאר עטוואָס פערדיענסט. איך קען דיר געבען דאס געלד; אבער בעפאר וויל איך דיר ראטהען, איך רעכען, אז דוא פערשטעהסט זעהר שלעכט אויף ספעקולאציאָנען.

— איך האב מיין פלאן און וויל, דארום האבען דאס געלד, — האט זיא קאלט געזאָגט.

מען קלאפט!...... אהעריין!

דיא דיענסט-מעדכען איז אריין אין צימער.

— וואָס ווילסט דוא קריסטינע?

— העדר סאָמער, דער זשאנדאר שרעדער איז דאָ!

— זאָל ער אריינקומען.

באלד איז ערשיענען א מאן אין-א יוניפאָרם, מיט א קיווער, וועלכער ער האט געהאלטען זיין האנד אויפ'ן מיליטערישען שטייגער, מיט א רויטהען פנים און א שנור באָרד.

— א גרויסע גנבה איז געשעהן אין דעם אימפאָרטהויז פון דער פירמא אהרן היירש.

— א גנבה? ווען? הייטע פריה?

— דיעזע נאכט?

— פיעל געלד?

— איבער צוויי הונדערט טויזענד מארק.

— איז יעמאנד פערדעכטיג?

— יא, איך האב א צווייטען זשאנדאר געאָרדערט צו בעאָבאכטען דעם קאסיר רודאָלף מענצעל.

לינא איז געוואָרען בלייך וויא דער טוידט. זיא האט זיך קוים בעהעררשט זיא זאָל ניט אויפשרייען פון וועהטאָג.

ניט דער פאָליצ״י־קאָמיסאר און ניט דער זשאנדאר האבען דאס בעמערקט.

— ווארום גראדע דער פערדאכט אויפ'ן קאסיר?

— ערסטענס ווייל ער האט דעם שליסעל צו דער קאסע, צווייטענס ווייל

אויף דיא דילען פון דעם געשעפט האב איך געפונען א שליסעל, װעלכער פאסט זעהר גוט צו רודאָלף מענצעל'ס װאָהנונג.

— גוט, איך קום באלד אהין. זעהט נור דאס מענצעל זאל ניט אנטלויפען.

דער זשאנדאר האט זיך ענטפערנט.

— דיעזער פאל קומט מיר וויא געוואונשען, — האט סאָמער געמורמעלט — פערדאַמט, איך האב איין אהנונג ווער עס האט דיא גנבה געמאכט...... עס איז דער אמעריקאנער, דער מיסטער וועלער; אָבער וואס קימערט עס מיך? איך טהו מיין פפליכט און באסטא! אבער אָה, וועגען דאס געלד, וואס טהו איך ווען דיא נומערן זיינען נאָטירט?

ער האט זיך גענומען רייבען דעם שטערן גלייך וויא ער וואָלט וועלען ברייננען אין אָרדנונג זיינע צומישטע געדאנקען. ענדליך האט ער זיך אויפגעהויבען, האט זיך פערקליידעט אין זיין יוניפאָרם און איז איילינ אוועק פון זיין הויז.

א דראָשקע האט איהם צוגעפיהרט צום קאמפטאָר פון אהרן הירש. דער זשאנדאר שרעדער, דער ווירטה פון הויז אהרן הירש און נאך איינינע אנגעשטעלטע האבען איהם ערוואַרטעט.

האט מען אייך בעגנב'ט? — האט סאָמער געפרעגט · בעטרעפט עס צוויי הונדערט טויזענד מארק?

— אונגעפעהר אזוי פיעל, — האט הירש געענטפערט.

— פון דער קאסע?

— יא.

— ווער עס איין איינברוך?

— דיא קאסע איז געעפענט געוואָרען מיט א שליסעל אין נור פון א מאן וואס האט געוואוסט, וויא מיט דעם שליסעל ארומצוגעהן.

— ווער פון אייערע אָנגעשטעלטע קען דאס זיין?

— מיין קאסירער רודאָלף מענצעל. דאך וויל איך איהם ניט פערדעכטיגען. איך וואר אימער מיט איהם צופריעדען.

— האט איהר איין אנדערן צו פערדעכטיגען?

— ניין.

— מען האט דאָ געפונען א שליסעל, וואו איז ער געלעגען?

— ניט ווייט פון דער קאסע.

— ווען קומט אייער קאסירער?

— ער האט שוין דאָ געדארפט זיין.

— איז ער אימער פינקטליך ?

— אימער, הייטע איז דאס ערסטע מאָל וואס ער האט זיך פערשפעטיגט.

— האט ער דיא שליסעלען צום שראנק ?

— נור איינעם, דעם אנדערען האט מיין קאָנטראָליר.

— זאָ, דער שראנק קען נור פון דיא צוויי געעפענט ווערען ?

— יא.

— וואו איז אייער קאנטראָלירער ?

— ער איז זייט אכט טאָג פעררייזט.

— וואוהין ?

— נאך עסטעררייך.

— ווען קומט ער צוריק ?

— אין איינינע טעג.

— איז פיעללייכט מעגליך דאס ער האלט זיך היער אויף אָהן אייער וויסען ?

— ניין, נעכטען האט ער מיר ארויסגעשיקט א בריעף, וועלכען איך האב הייטע פריה ערהאלטען.

— ווער האלט דערווייל זיין קאסען-שליסעל.

— זאָלאנג איך בין דא האב איך דעם שליסעל. ווען איך בין אבוועזענד האט דער קאסירער דיא שליסלען.

— ווער האט זיי נעכטען צום לעצטען מאָל געהאט ?

— רודאָלף מענצעל.

— האט ער זיי אייך צוריקגעגעבען ?

— יא, אבענדס ווען ער איז אוועקגעגאנגען.

— און איהר זייט זיכער דאס דא זיינען געלעגען צוויי הונדערט טויזענד מארק.

— זיכער, דאס בעווייזען אויך דיא ביכער.

— וויא אזוי האבען דיא גנבים געקענט אריינגעהן אין דעם צימער ? איך זעה דא קיין שפור פון איינברוך ?

— אויך צום טהיר האט דער גנב געמוזט האבען א שליסעל.

— האט איינער פון אייערע אנגעשטעלטע דעם שליסעל צום קאָמפטאָר ?

— געוויס, מיין קאסירער און מיין קאנטראָלער.

געאָרג סאָמער האט זיך געמאכט איינינע נאָטיצען דאן האט ער געזאָגט :

— ווען מענצעל וועט אהער קומען זא זאָלט איהר איהם קיין וואָרט ניט זאָגען פון דער גנבה. האלט איהם אָבער דא ביז איך וועל ווידער אהער קומען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער צוזאַמען מיט דעם זשאַנדאַר שרעדער אוועק נאָך מענצעלס וואָהנונג.

זיי האבען אָנגעקלונגען און טאַני האט זיי געעפענט. זיא האט זיך ערשראָקען ווען זיא האט דיא צוויי פּאָליציסטען דערזעהן.

— איז פרוי מענצעל צו הויזע? — האבען זיי געפרעגט.

— יאָ.

— און איהר זאהן?

— אויך.

— ווארום איז ער נאָך ניט אין געשעפט, עס איז דאָך שוין נאָך אכט אוהר?

— איך וויים ניט.

— לאָזט אונז אריינגעהן מיר ווילען עטוואָס ריידען מיט דעם הערר מענצעל.

טאַני האט זיי געוויעזען דעם וועג.

נאָך א קורצען גרוס האט דער פּאָליציי קאָמיסאר געפרעגט.

— וואו איז אייער זאהן, מאדאם מענצעל?

— אין זיין צימער, — האָט דיא וויטווע געענטפערט ערשראָקען — אָבער וואָס זאָל דאס בעדייטען?

— עס טהוט אונז לייד אייך צו שטערען, — האט דער קאָמיסאר געענטפערט. אָבער מיר טהוען נאר אונזער פּפליכט.

— איך וועל רופען מיין זאָהן.

— דאס וועל איך שוין אליין טהאָן. שרעדער איהר בלייבט היער.

און אָהנע צו ווארטען אויף א מינוט פון דער פרוי האט דער פּאָליציי קאָמיסאר אָנגעקלאַפּט אין מענצעל'ס צימער.

רודאָלף איז גראדע געשטאנען פאר דעם שפּיגעל און האָט שוין געוואָלט אָנטאָהן זיין לעצטען ראָק. אלס דער קאָמיסאר איז אריין.

— מיין גאָט, וואָס איז דאס? — האט רודאָלף געפרעגט.

— איך בין דער פּאָליציי קאָמיסאר, רודאָלף, און האב אייך אייניגע פראגען צו שטעלען.

רודאָלף איז געוואָרען בלייך.

זיין הערץ האט אָנגעהויבען צו קלאַפּען. אין זיינע שלייפען האט עס גע־האַמערט. פאר איהם שטעהט יעצט דער מאַן פון זיין געליעבטער, וואס זאָל ער פון איהם וועלען? האט ער ערפאהרען? האט לינא איהם אלעס ערצעהלט? אָבער ניין, דאס איז דאָך גאָר אונמעגליך!

— איז דאס אזוי דרינגענד דאס איהר זייט צו מיר אריין אָהנע זיך פריהער צו מעלדען ? — האט רודאָלף געפרעגט מיט געפאסטען מוטה.

— גאַנץ געוויס.

— דאַן מוז איך אייך בעטען, איהר זאָלט א צווייטען מאָל מיך בעזוכען. איך מוז יעצט געהן אין געשעפט.

— אייער ווירטה ווייס דאס איך בין יעצט ביי אייך. זאָגט מיר נור, ווען געהערט דיעזער שליסעל ?

סאמער האט ארויסגענומען א הויז־שליסעל. רודאָלף האט אנגעוואָרפען איין בליק און האט געזאָגט :

— מיר שיינט, אז דאס איז מיין הויז־שליסעל.

— זעהט איהם נור גוט אָן. איז עס ווירקליך אייער שליסעל?

— יאָ, איך ערקען איהם.

— מיט וואָס ?

— ווייל איך ערקען אין איהם א קריטץ. גלויבט מיר אז דאס איז מיין שליסעל.

— האט איהר איהם פערלאָרען ?

— איך ווייס אליין ניט. ווען איך בין דיעזע נאכט געקומען צו הויזע האט ער מיר געפעהלט. וואו האט מען איהם געפונען ?

— אין דעם קאמפּטאר וואו איהר ארבייט.

— אָה, דאַן האב איך איהם דאָרט פערגעסען אין מיין ארבייטס ראָק. אָבער וויא קומט איהר צו איהם ?

— זאָגט איהר בעסער וויא אזוי האט איהר דיעזען שליסעל ארויסגעוואָרפען אויף דיא דילען פון קאמפּטאר און גראדע ניט ווייט פון דער קאַסע ?

רודאָלף האט דעם בעאמטען אנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען. דאס איינציגע איז איהם יעצט קלאָהר געוואָרען, אז דער קאָמיסאר איז צו איהם ניט געקומען וועגען זיין ווייב. אָבער וואס וויל ער דאָך ? וואס איז געשעהן ?

— איך פערשטעה ניט אייער פראַגע ! האט רודאָלף געזאָגט

— אזוי. ווען זייט איהר דיעזע נאכט געקומען נאך הויזע ?

— אומגעפעהר דריי אוהר

— וויא אזוי זייט איהר אין הויז אריין ?

— אונזער טאָני, וועלכע וואָהנט אין אונזער הויז האט דיא טהיר געעפענט.

— וואו זייט איהר דיעזע נאכט געוועזן ?

רודאָלף׳ן איז אריין דאס בלוט אין געזיכט. ניט ווילענדיג האט ער געקוקט צו דער ערד. ענדליך האט ער ענטשלאָסען געענטפערט:

— איך זאָג דאָס ניט.

— איהר האט אַלזאָ אורזאכען ניט צו זאָגען וואו איהר זייט דיא לעצטע נאכט געוועז. ווארום זייט איהר אָבער נאך ניט אין געשעפט?

— איך וואר אונוואהל.

— האט איהר יעצט געוואָלט געהן אין געשעפט?

— גאנץ געוויס.

— אָדער פיעלליכט פעררייזען? — האט סאמער געפרעגט און האט איהם בעטראכט.

— ווארום זאָל איך דאס טהאָן?

— דאס איז אייער זאך צו וויסען. האט איהר נעכטען געהאט דעם שליסעל צו דער קאסע פון אייער קאָמפּטאר?

— יא. נעכטען פאר נאכט.

— ניט אין דיעזער נאכט?

— ניין.

— האט איהר דעם שליסעל פון דער קאסע אָבגעגעבען אייער ווירטה?

— נאטירליך.

— וויא ערקלעהרט זיך וואס אין דיעזע נאכט איז צוויי הונדערט טויזענד מארק גענגב׳ט געוואָרען פון אייער ווירטהס קאסע?

— וואָס רעדט איהר?

— און זאָגאר מיט א נאָכשליכעל! איהר האט דעם שליסעל צום קאָמפּטאר, קענט איהר אהין אריין צו יעדער צייט?

— יא.

— האט איהר אויך דעם הויז שליסעל?

— יא.

— וואו האט איהר דיעזען שליסעל?

— היער! — רודאָלף האט ביי דיעזען וואָרט אריינגעלעגט דיא האנד אין דער טאשע, אָבער באלד האט ער זיא ארויסגענומען א ליידיגע.

— אך ניין. — האט ער געזאָגט, — איך מוז איהם האבען אין דיא אנדערע הויזען.

— אין דיעזע ? — האט דער פּאָליציי קאָמיסאר געפרעגט און איז שנעל צוגעלאָפען צו דער שאַפע וואו פערשיעדענע קליידער זיינען געהאנגען.

— יא, איך רעכען אז דאָרט דארפען זיי ליעגען.

אָהנע עטוואס ווייטער צו זאָגען האט דער קאָמיסאר אראָפּגענומען א פּאאר הויזען און האט פון דער טאַשע ארויסגענומען צוויי שליסלען.

— זיינען עס דיעזע שליסלען ?

— יא.

— דיעזע הויזען זיינען זעהר פייכט.

— געוויס איך בין געקומען אין רעגען און דיא קליידער האבען געמוזט נאַס ווערען. — האט רודאָלף עקרלעהרט.

— דאס איז ריכטיג. אבער האט איהר דיעזען אנצוג אויך נעכטען געטראָגען אין קאנטאר ?

— ניין.

— זאָנדערען דעם וואָס איהר טראָגט יעצט ?

— יא.

— וואָצו האט איהר גענומען דיעזע צוויי שליסלען. האט איהר פיעללייכט געהאט דיא אבזיכט צו בעזוכען דאס געשעפט.

— ניין. עס איז אָבער מיין געוואָהנהייט צו האלטען דיא שליסלען אימער ביי זיך.

— איך בין געצוואונגען דורכצוזוכען אלע אייערע זאכען. בלייבט רוהיג זיטצען אויף אייער אָרט. שרעדער !

דער קאָמיסאר האט דיעזען נאָמען אויסגערופען אין א הויכער שטימע און דער זשאנדאר איז באַלד ערשיענען.

איין בליק פון קאָמיסאר האט איהם באַלד געזאָגט וואָס ער האט צו טהאָן. נעמליך, ניט אראָפּצונעהמען איין אויג פון דעם פערדעכטיגטען, וועהרענד סאָמער האט זיך גענומען זוכען אין צימער.

אין קאָמאָד, אין קליידער שראנק און אנדערע ערטער האבען געשטעקט דיא שליסלען ; סאמער האט אין דיעזע אלע ערטער ניט געפונען דאס קלענסטע וואס קען פערשטארקען דעם פערדאכט. אָבער פּלוצלונג האט סאָמער בעמערקט א קופערט, וועלכער וואר פעררוקט צווישען דער בעט און דעם פענסטער.

— וואו זיינען דיא שליסלען צו דיעזען קופערט ?

רודאָלף איז געוואָרען בלאַס. ווען סאָמער זאָל דיעזען קופערט עפענען און אונטערזוכען, דאַן, דאַן, דאַן געפינט ער דאָ דאַס געהיימניס וועלכע רודאָלף וויל פון איהם אזוי שטאַרק בעהאַלטען.

— איך וויים ניט וואו דער שליסעל איז. איך האב איהם ערגעץ פערוואָרפען.

— האט ער געזאָגט מיט א ציטערדיגע שטימע.

— דאַן זוכט אויף דעם שליסעל אָדער איך שיק רופען א שלאָסער.

רודאָלף איז צוזאַמענגעבראָכען. ער האט געזעהן אז ער איז פערלאָרען. אין דיעזען קופערט ליעגט דאס בילד פון זיין געליבטע און דער מאַן זאָל דיעזעס בילד געפינען! אָבער רודאָלף האט דאס ניט געקענט פערהינדערען און דארום האט זיך אונטערגעגעבען און האט דעם שליסעל געוויזען.

דער פּאָליציי קאָמיסאַר האט גענומען דעם קופערט אויף'ן טיש.

— שליסט איהם אויף הערר מענצעל! — האט ער בעפאָהלען.

מיט ציטערענדע הענד האט עס רודאָלף געטהאָן. דער דעקעל איז אויפגעשפרונגען אין לופטען. דאס ערסטע וואס דעם פּאָליציי קאָמיסאַר איז געפאַלען איז געוועזען איין קליינע קעסטעלע פון סאפיאַן לעדער, און פערשלאָסען מיט א זילבערנעם שלאָס.

סאָמער האט גענומען דאס קעסטעלע און האט זיא געוואָלט עפענען, אָבער רודאָלף האט איהם אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד.

— וואס איז דאָס? — האט סאָמער מיט כעס געפרעגט. — ווילט איהר מיך פיעללייכט שטערען אין מיינע פפליכטען? דאס וועט אייך צו טהייער קאָסטען.

— עפענט ניט דיעזע קעסטעלע. דאָ איז נישט דאָ וואס קען אייך אינטערעסירען!

— דאס וועלען מיר באַלד וויסען! — האט סאָמער ענטשלאָסען געזאָגט און האט דיא קעסטעלע געעפענט דיא קעסטעלע וואר אָבער לעער.

א לייזער געשריי האט זיך ארויסגעריסען פון רודאָלפ'ס ליפען ווערענד זיינע אויגען האבען געזוכט אין דעם קעסטעלע לינא'ס בילד דאס בילד פון דער פרוי וואס איהר מאַן שטעהט דאָ ערשט מיט דעם קראַפט פון געזעץ און מיט דער מאַכט פון זיין אמט.

— וואו איז דאס בילד פערשוואונדען? ווער האט זיא צוגענומען?

רודאָלף האט קוים בעהערשט זיינע געדאַנקען. מיט שטאַרע אויגען האט

ער געקוקט אין דאָס קעסטעלע וועהרענד סאָמער האט אויף'ן טיש געלעגט דיא איבעריגע זאכען וואס ער האט געפונען אין קופערט.

פלוצלונג האט דער פּאָליציי קאָמיסאר געפונען עטוואס וואס האט רודאָלף'ן אין גאנצען צומישט. עס וואר נעמליך א קאָנווערט וואו עס האבען זיך געפונען הונדערט און פינף הונדערט־מארק נאָטען.

— איז דאס אייער אָבגעשפּאָרטעס געלד? — האט דער פּאָליציי קאָמיסאר געפרעגט מיט שפּאָט.

רודאָלף האט קיין אנטוואָרט ניט געגעבען.

ער איז געפאלען צום בעט און האט אָנגעלעהענט זיין קאָפּ צום וואנד, וועהרענד זיין ברוסט האט קוים געאָטהעמט.

יעצט האט דער פּאָליציי קאָמיסאר געלעגט זיין האנד אויף רודאָלף'ס אקסעל און אין רודאָלף'ס אויערען האט געקלונגען דיא פעסטע שטימע, מיט דיא ווערטער:

— הערר מענגעל אין נאמען פון געזעץ זייט איהר פערהאפטעט!

19טעס קאפּיטעל.

דער פערזוכער.

אין דערזעלבער צייט וואס דיא געשילדערטע געשיכטע פון פריהערינגען קאַפּיטאל האט זיך אָבגעשפּיעלט אין בערלין, האט מרים געקעמפּפט אין אויסבורג דעם קאמפּף פיר דאס דאָ זיין, און האט שוין איינינע מאָל געהאט דעם שרעקלי־כען געדאנק צו מאכען איין ענדע פון איהר ביטערען לעבען.

אבער אימער איז זיא ביינעשטאנען דיעזע געדאנקען און איז געבליבען מוטהיג אין איהר קאמפּף. ניט איהרע רעליגיעזע אָדער פהילאָזאָפישע אנזיכטען האבען זיא צוריקגעהאלטען פון איהר פערצווייפעלטען שריט, זאָנדערען עטוואס אנדערש האט איהר אויפגעהאלטען אין לעבען, אָבוואָהל ער וואר אזוי ביטער און אזוי שרעקליך. דיעזעס וואר איהר ליעבע צו פראַנץ שטאנד און איהר פעסטען גלויבען אין זיין אונשולד.

געטריבען מיט דער ליעבע און פעסט איבערצייגט אין דעם געליבטענס אונשולד איז מרים געבליבען לעבען אום צו ערפילען דיא שבועה וואס זיא האט זיך אליין געגעבען, נעמליך דיא שבועה צו געפינען דעם שולדיגען און דעם אונשולדיגען צו בעפרייען.

גאנצע נעכט פלעגט זיא זיך ווארפען און שליידערען איבער איהר בעט און האט געטראכט און געקלעהרט, אָבער קיין קלאָהרער געדאנק, קיין ריכטיגער פּלאַן

איז צו איהר קיין מאָל ניט געקומען. זיא האט ניט געהאט קיין איינציגען פּאָדים וואָס זאָל איהר פיהרען צו דיא ריכטיגע בעווייזע. דער נעטץ וועלכען מען האט ארום איהר געליבטען געוואָרפען וואר פון פעסטע שטריק און עס וואר איהר צו שווער דעם נעטץ צו פערניכטען.

אלס זיא האט זיך אומגעקעהרט פון דער געריכטס פערהאנדלונג אין מינכען האט זיא געפיהלט וויא א מעכטיגער פיעבער ברענט אין איהרע אָדערען און איהר האט געשיינט דאס זיא קען דעם צווייטען טאג ניט איבערלעבען.

דאך האט זיא זיך מיט דיא לעצטע קרעפטען געשלעפּט צו דער ארבייט און מיט ציטערענדע הענד האט זיא דיא ארבייט געמאכט. זיא האט דאך געמוזט ארבייטען אום צו קענען לעבען.

מיט אננא זיעבעל האט זיא קיין פערקעהר ניט געהאט. אָנפאנגס האט זיא מיט דיעזער מעדכען געהאט דעם גרעסטען מיטלייד, אבער זייט אננא איז אויפגע־טראָטען אין געריכט האט זיא געגען איהר געהאט דיא גרעסטע פעראכטונג. זיא האט מיט אננא קיין וואָרט ניט געשפּראָכען. זיא האט זיא זאָגאר ניט געקענט אָנ־קוקען, און אום אויסצומיידען דיעזע עקעלהאפטע פערזאָן האט מרים געזוכט איין אנדער שטעלע.

אבער דיעזע מיהע וואר אומזיסט. ענדליך האט מרים דערלעבט דעם טאָג ווען דער עלטסטער פון געשעפט האט זיא געשיקט רופען.

— איהר האט געוואָלט אריינטרעטען אין דער זעצעריי? — האט ער איהר נעפרעגט.

— דאס וואר מיין וואונש.

— דיעזער וואונש זאָל יעצט ערפילט ווערען. פון מאָרגען אָן זאָלט איהר ארבייטען אין דער זעצעריי. איהר האט דארט צו טהאן נור מיט איין מעדכען, אלע איבעריגע זעצער זיינען מענער. איהר וועט דארט שפּעטער אויך בעסער פערדינען.

מרים האט לייכטער אויפגעאטהעמט. זיא האט קוים ערווארטעט דעם אבענד ווען זיא וועט מיט גרעטען קענען געהן נאך הויזע און וועט מיט איהר קענען בע־שפּרעכען איהר גליק.

— נון ווען איהר זייט דערפון צופריעדען בין איך געוויס צופריעדען, — האט גרעטע געזאָגט ווען מרים האט געענדיגט צו ערצעהלען — איינס מוז איך אייך זאָגען, איהר ווערט יעצט פריי פון איין פיינדין, איהר מוזט זיך אָבער היטען איהר זאָלט ניט געפינען א צווייטע אין דער זעצעריי.

מרים האט זיך ערשראָקען.

— ועמען מיינט איהר ?

— אייער נייע קאלעגין פריילין עלזא. איהר האט זיא נאד ניט געזעהן ? קורץ געדעדט אונזער ווירטה לעבט מיט איהר.

— דאס קימערט מיך ניט !

— געוויס, אבער עלזא איז זעהר אייפערזיכטיג. זיא ליידעט קיינע צווייטע נעבען זיך.

מרים האט איהר קאלעגין אנגעקוקט מיט גרויסע אויגען און איז רויטה געווארען איבער'ן גאנצען געזיכט.

— איהר רעדט פון עטוואס שווידערהאפטעס, מיינט איהר דאס עלזא וועט מיך דארפען אייפערען ?

— יא.

— וויא אזוי ? איך פערשטעה אייך ניט !

— עלזא איז ניט אזוי שעהן וויא איהר. זיא איז אויך עלטער פון אייך.

— ווען איך וואלט אייך ניט געקענט וואלט איך געמיינט, אז איהר ווילט מיר מאכען קאמפלימענטען. אבער אום צו געבען עלזא'ן אורזאכען צום אייפערזוכט, מוז איך דאך — —

— ליעבע פריינדין, איהר קענט נאך ניט אונזער ווירטה ! יעדענפאלס פערליערט ניט אייער מוטה. איך קען דאך מאכען איין אירטהום. פיעללייכט געלינגט אייך דערוויילע צו געפינען איין אנדער ארבייט.

מרים האט זיך אבגעזעגענד מיט איהר פריינדין פיעל אונרוהיגער און אונמוטהיגער וויא זיא איז הייטע מיט איהר ארויס פון פאבריק. דיא גאנצע נאכט האט זיא געדענקט איבער גרעטעס ווארנונג. זיא האט עס גוט פערשטאנען. דאך אויף מארגען איז זיא אריין אין דער זעצעריי.

אבער שוין אויפ'ן ערסטען טאג זיינען גרעטעס ווערטער בעשטעטיגט געווארען. עלזא האט זיך זאפארט געשטעלט פיינדליך צו איהר נייע קאלעגין.

— וויא געפינט איהר אונזער פרינציפאל ? — האט עלזא געפרעגט וועהרענד זיא איז געזעסען נעבען מרים'ן ביין פריהשטאג.

— ער איז פריינדליך און מילד.

— זא, פריינדליך און מילד ? איהר מיינט געוויס דאס ער קען אייך ווערען נאך „פריינדליכער". אה, רעדט זיך דאס גאר ניט איין. אונזער ווירטה האט ליעב אויסצוקלייבען.

— איך פערשטעה אייך ניט !

— אָה, וויא איהר ווילט זיך פערשטעלען; אָבער עס ניצט אייך ניט זאָגאר ווען אונזער הערר זאָל צו אייך ווערען נאך „פריינדליכער און נאך מילדער".

נראָדע ביי דיעזע רייד איז דער ווירטה אריינגעקומען.

ער האט בעטראכט אייניגע מאנוסקריפּטען און האט געזאָגט צום פּאָרמאן.

— דיעזעס איז נעדרוקטע. ניט עס צו פריילייז מעהרען אום איהר זאָל פון אנפאנג זיין לייכטער.

מרים וועלכע האט שוין געהאט דיא ווארנונג פון איהר פריינדין גרעטע האט געוואָרפען אַ בליק אויף עלזאַ'ס געזיכט און האט באַלד בעמערקט וויא עלזא איז בייז און אונרוהיג.

הערר סימען האט דאס ניט בעמערקט. ער איז צוגעגאנגען צו מרים'ן און האט איהר גענומען פרעגען וויא זיא פיהלט זיך ביי דער נייער ארבייט, אויב דיא ארבייט געפעהלט איהר און זאָ ווייטער.

מרים האט געענטפערט דאס זיא וועט זיך בעמיהען אויסצולערנען דיא ארבייט און האט לייכטער אויפגעאַטהעמט ווען דער ווירטה האט זיך אומגעקעהרט אוועק־צוגעהן. אבער אין דעם זעלבען מאָמענט האט זיא דערפיהלט וויא אין איהר האַנד ווערט אריינגעדריקט אַ צוזאמענגעוויקעלטעס פּאַפּיער אין וועלכער עס איז געלעגען אַ האַרטע זאך וויא איין מטבעה.

אין ערסטען אויגענבליק איז מרים געוואָרען איבערראשט און פערלעגען זאָ דאס זיא האט קיין וואָרט ניט געקענט ארויסריידען. און ווען זיא איז געקומען צו זיך און האט געעפענט איהר מויל איז שוין דער ווירטה פון איהר אוועק און האט פערלאסען דעם צימער.

זיא האט זיך ווידער עראינערט אויף גרעטעס ווארנונג. גרעטע וואר אויך גערעכט. אין דער זעצריי האט זיא געפונען ניט נור איין נייע פיינדען, נור עטוואָס געפעהרליכערעס פון אַ פיינדין.

קוים איז דער ווירטה ארויס אזוי איז עלזא איהם נאָכגעלאָפען. זיא האט דעם ווירטה אנגעיאָגט אויף דיא טרעפּ און האט פערשטעלט דעם וועג פאַר דעם יונגען שעהנעם מאן.

— וואָס זיים איהר אזוי אויפגערעגט עלזא? — האט ער איהר געפרעגט מיט אַ קאַלטען טאָן, — וואס ווינשט איהר?

— איך מוז מיט אייך ריידען.

— ניין?

— האט איהר דיעזע מרים מעהרען אנגענומען?

— געפעהלט דאס אייך ניט!

— איהר פרעגט נאך? מיר געפעהלט דאס געוויס ניט ביז יעצט בין איך געוועזן אליין, יעצט האב איך א צווייטע, דאס וועט פערקלענערען מיינע פערדיענסט.

— דאס איז נאך א פראגע. יעדענפאלס האט איהר זיך נאך ניט געהאט צו בעקלאגען אויף מיין קארגקייט.

עלזא האט פערביסען איהרע ליפען. זיא האט געמוזט אנערקענען דאס הערר סימען האט רעכט.

— דאס קען זיין, אבער איהר האט מיר פערשפראכען?

— איהר האט א מערקווירדיגען וועג וויא מיך צו עראינערען מיינע פערשפרע כונגען. היט זיך איהר זאלט מיר ניט ווערען צו לאסט!

עלזא איז געווארען בלאס.

— דאס זאגט איהר מיר?

— ווערמען דען זאל איך עס זאגען? געהט צוריק צו אייער ארבייט. יעדענ־פאלס וועלען מיר זיך יעצט זעהן זעהר זעלטען, אדער ווען איהר ווילט קענען מיר זיך גאר ניט זעהן. איך בין שוין מיעד פון אייער צודרינגליכקייט!

עלזא האט פערקריצט איהרע צייהן. זיא איז צו דעם יונגען מאן צוגעגאנגען און האט איהם גענומען ביי זיין האנד.

— דאס איז אלזא וואהר?

— וואס?

— דאס איהר האט איין אנדערע. דאס איהר האט דיעזען מרים מעהרען, דיעזע געוועזענע געליעבטע פון א מערדער, דיעזען ממזר, דיעזע אויסוואורף וואס קען ניט איהר מוטער הא, הא, הא!

דער ווירטה האט בעשלאסען ניט צו ווארטען ביז דיעזע אייפערזוכט וועט אין גאנצען אויסברעכען. ער האט ארויסגעריסען זיין האנד און איז מיט שנעלע טריט אראפגעלאפען פון דיא טרעפ.

עלזא איז געבליעבען שטעהן.

— ער האט זיך געערגערט! — האט זיא געמורמעלט — מיין פפייל האט גע־טראפען. עס פעהלט מיר נאך דאס דיעזע ניכטסווירדיגע זאל מיך פון דאנען ארויס־שטופען;

אין דיעזען טאג האט מרים קיין רוהיגע שטונדע ניט געהאט.

מיט אלערלייא קונצען און מיטלען האט עלזא דיא נייע ארבייטערין געפלאגט

און געמאַטערט און האט געפונען אורזאכען פון איהר צו לאכען. מרים האט קוים דערלעבט ווען דיא מיטאגס שטונדע איז געקומען.

מירם האט זאָגאר איהר עסען מיט געבראכט דאך האט זיא זיך געמאכט פערטיג צום געהן.

— איך האב געדענקט דאס איהר עסט היער? — האט עלזא געזאָגט לאכענדיג.

— ניין.

— נו נאטירליך, אזא פאַרנעהמע גרעפין, עסט „טייבעל דאָ“ אין דעם גרעסטען האָטעל פון שטאדט און דערפאר האט מען א געליעבטען וועלכער צאהלט פאר אַלע זאכען.

— פריילין עלזא איך מוז אייך בעטען...

— אה, מאכט זיך דאך ניט פאר אזא היילינע! איהר פערדינט דאך ניט אזוי פיעל דאס איהר קענט עסען אין איין אנדער אָרט. איהר קענט טהאָן וואס איהר ווילט, איך וויל אייך נור בעטען איהר זאָלט זיך ניט איינריידען דאס א געוויסער הערר....

— איך רייד מיך קיין זאך ניט איין. יעדענפאלס וויים איך גאָר ניט וועגען וואס איהר מיינט.

— איהר ווילט מיך אויסהערען? גוט. איך בין נאך ניט אזוי שלעכט וויא איהר מיינט. אָבער איך זאָג אייך נאך א מאָל, איהר זאָלט זיך גאָר ניט בעמיהען, עס איז אלעס אומזיסט!

מרים האט איינגעזעהן אז עס איז בעסער צו שווייגען. זיא האט אנגעטהאָן איהר הוט און איהר מאַנטעל און איז אוועק.

זיא איז גראדע ארויס אין דער צייט ווען גרעטע איז געשטאנען ביי׳ן טיהר מיט א קרינגעל קאפע.

— אָה, וויא איהר זעהט אוים! — האט גרעטע מיט מיטלייד געזאָגט. — איהר זעהט אוים גאַנץ רויטה!

— איך האב מיך געערגערט.

— פון דער עלזא?! איך האב עס אייך געזאָגט.

— יא. איהר זייט געווען גערעכט. איך מוז זעהן אנדערע ארבייט.

— היער אין אויסבורג?

— ניין, ניט היער און ניט אין מינכען.

— דאס איז פון אייך קלוג. עס טהוט מיר לייד אייך צו פערלירען. איך זאלט אליין מיט אייך אויך געפאָהרען. אָבער איך קען ניט.

— גרעטע, איך מוז אייך נאָך עטוואס זאָגען.

— איך בין בערייט צו הערען.

— אָבער ניט היער. מיר וועלען אריינגעהן אין קאַפּע הויז. דאָרט קענען מיר אונגעשטערט ריידען.

גרעטע האט איינגעוויליגט.

אין קאַפּע הויז, וועלכער איז נור בעזוכט געוואָרען פון ארבייטער, וואָרען יעצט פיעל געסט, דאך האבען דיא צוויי מיידלאך געפונען א זייט'גען טישעל וואו זיי האבען אונגעשטערט געקענט ריידען,

— נו מרים, וואס האט איהר מיר געוואלט זאָגען? — האט גרעטע אָנגעפאנגען.

— איהר האט מיר געזאָגט דאס עלזא לעבט מיט דעם יונגען ווירטה.

— יא.

— שוין לאנג?

— אומגעפעהר א יאָהר, איך רעכען אז ער איז שוין מיט איהר איבערדריטיג.

— עלזא שיינט דערפאר מורא צו האבען. — האט מרים געזאָגט. — דער ווירטה איז ביי מיר געוועזען.

— ביי אייך? אויף אייער וואהנונג?

— ניין. ביי מיין ארבייטס פּלאַטץ. ער האט געשפּראָכען איינינע פריינדליכע ווערטער און דאן האט ער מיר דיעזעס אריינגעדריקט אין האנד.

— וואָס איז דען דאָ?

— עס שיינט אז דאָ איז א מינצע. איך האב דאס פּאַפּיר נאך ניט אויפגעוויקעלט. איך האב עס געוואָלט טהאָן אין אייער געגענוואַרט.

יעצט האט מרים דאס פּאַפּיר אויפגעוויקעלט. דאָרט איז געלעגען א צוואנציג מארק שטיק.

— זעהט איהר! — האט גרעטע אויסגערופען. — אויף'ן צעטעל שטעהט עטוואס געשריבען.

— ווירקליך! — און מרים האט יעצט דעם צעטעל געלעזען:

„סויפט זיך א דזשעקעט פיר דאס געלד. אויב איהר האט לוסט צו זיין מיט

מיר אין מינכען וואו איהר קענט מיט מיר גאר אונזשעניערט פערברענגען, דאן זייט הייטע אום 9 אוהר אויף'ן באנהאף".

קיין אונטערשריפט וואר צו דיעזען צעטעל.

אלס מרים האט מיט א הייזעריגע שטימע דעם צעטעל איבערגעלעזען זיינען איהרע באקען געווארען רויטער און אין קערפער איז געווארען א פיבער.

א שרעקליכער געפיהל איז איהר יעצט בעפאלען:

וועט זיא קענען אויסשטעהן אלע שוועריגקייטען, וועלכע זיא געפינט אויף איהר יעצטיגען וועג, נאכדעם וויא מען האט זיא ארויסגעווארפען פון דער געשיצטער געזעלשאפט?

זיא וואר נאטירליך פעסט ענטשלאסען אויפצוהאלטען איהר שטאלץ און איהר עהרע. אבער איהר איז בעפאלען דער דונקעלער געפיהל דאס זיא וועט נאך מוזען אויסשטעהן נאך אייניגע אזעלכע נסיונות און זיא האט געציטערט פאר דעם קאמפף וואס זיא וועט מוזען האבען צווישען ארמוטה, נויטה און א גוטען רייכען לעבען!

דאך איז איהר אויף קיין אויגענבליק ניט ארייגעקומען דער געדאנק, זיא זאל אויפגעבען איהר ארבייט און דאס לעבען פון איין ארבייטער מיידעל. זיא וואר אויך פעסט ענטשלאסען צו שטארבען איידער אויפצוגעבען איהר עהרע, און איהר אונשולד. אבער זיא האט געפיהרט דעם קאמפף ניט מיט א פרעהליכען הער־צען. דיא געוואהנהייטען צו רייכטהום וועלכע זיא האט געהאט אין דיא פערגאנגענע נײנצעהן יאהר פון איהר לעבען האבען איהר זעהר שטארק געהינדערט אין דעם קאמפף. דען עס איז לייכטער פאר דעם געבארענעם ארימאן צו בלייבען עהרליך אין זיין ארמוטה אלס פאר דעם געפאלענעם פון גליק, ער זאל זיך פון אלע זיינע געוואהנהייטען ענטזאגען אום זיין עהרליכקייט צו ערהאלטען.

א לאנגע פויזע האט געהערשט ביז גרעטע האט דיא שטילקייט אונטער־בראכען מיט דער פראגע.

— האט דער ווירטה עטוואס דיר צוגעזאגט!

— ניין.

— וואס דענקט איהר צו טהאן?

— זעלבסט פערשטענדליך אז איך וועל ניט טהאן וואס ער פערלאנגט.

— און דאס געלד?

— וועל איך איהם צוריק שיקען.

— ניין, טוהט דאס ניט! — האט גרעטע זיא געווארענט.

— וואס דען זאל איך טהאן?

— ניט עס איהם אליין אָפּ.

— אָה גרעטע איהר ווייסט ניט. דיעזעס געלד ברענט וויא פייער אין מיין האנד. איך קען עס ניט האלטען ביז מאָרגען.

— ניט עס איהם הייטע אבענד.

— וויא ? זאָל איך געהן אויף'ן באהנהאָף?

— דאס איז מיין ־אטה.

— אָבער וואס וועט ער דענקען ?

— זאָל ער דענקען וואס ער וויל. יעדענפאלס קענט איהר זיך מיט איהם גאנץ גוט אמוזירען.

גרעטע! — האט מרים אויסגעשריען און האט געשווידערט!

— ווערט ניט אזוי היטציג מרים! איך קען עלזא'ס ליעבעס געשיכטע אין גאנצען. זיא האט עס מיר ערצעהלט אין אלע איינצעלהייטען. אָבער דערפון ווייס איך דאס איה־ האט דיעזע נאכט פאר איהם ניט וואס צו פירכטען, אויך ניט דיא צווייטע נאכט. ער אמוזירט זיך מיט אייך גאנץ איינפאך, געהט מיט אייך איבער דיא קאפּעען, טרינקט מיט וויין איין, בעזוכט פערגניגענס פּלעצער און פאהרט צוריק מיט דעם קוריער צוג.

— און איהר ראטה עס מיר גאנץ ערנסט?

— פערשטעהט מיך גוט, איך מיין ניט דאס איהר זאָלט זיך לאָזען קויפען. געגענטהייל, ניט איהם דאס געלד צוריק, אָבער דיא צערשטרייאונג וועלכע ער וויל אייך געבען קענט איהר אננעהמען. דאס וועט אייך זעהר פיעל גוטעס טהאָן.

מרים האט קיין אנטוואָרט ניט נעגעבען. איינינע מינוטען האט זיא געקוקט אויף איהר פריינדין.

פּלוצלונג האט זיא זיך אופגעהויבען.

— ווילט איהר געהן!

— יא. נור קען איך פון אייך בעטען א פריינדשאפט?

— גערן.

— בעגלייט איהר מיך צום באהן.

— דאָס קען איך ניט. איך מוז היטען מיין שטעלע. דער ווירטה דאַרף ניט וויסען דאס מיר זיינען דארין איין האנד.

— ווארט ווענינסטענס אויף מיר ניט ווייט פון וואָגזאל.

— דאָס וועל איך טהאָן.

— איך דאַנק אייך. נאכדעם וויא איך וועל דעם ווירטה זאָגען מיין מיינונג וועלען מירביידע צוריק געהן.

— איהר וועט אלזאָ ניט פאָהרען מיט איהם נאך מינכען?

— ניין.

גרעטע האט קיין וואָרט ניט געזאָגט, זיא האט אָבער אנגענומען מרים'ס האַנד און פון איהר האַנד־דרוק האט מרים פערשטאנען דאס זיא האט א פריינדין וועלכע האט מיט איהר איין זינען.

— זאָגט מיר אָפען, — האט מרים געפרעגט. — האט איהר עס געמיינט ערנסט דאס איך דאַרף מיט איהם פאהרען נאך מינכען?

— אביסעל האב איך געמיינט ערנסט, איך האב אייך געוואונשען דעם פערגניגען.

— און יעצט ווען איך פאָהר ניט?

— פרעהט עס מיך דאָפּעלט. איהר זייט נאך ניט געוואָהנט אין אונזערע פערהעלטניסע. דאס לעבען פון איין ארבייטער מיידעל איז אייך נאך פרעמד. מיר זיינען דאָ ניט זעהר עמפּפינדליך. ניט ווייל מיר זיינען פון הויז ניט גענוג עהרליך, ניין, נור מיר מוזען צופיעל הערען און צופיעל זעהן. און דיא מייסטען מענער מיינען דאס ליעבע איז אַ זאך וועלכע מען קען קויפען און ווייל מיר זיינען דיא ארימע דארום באַט מען אונז געלד, ווייל מען מיינט, אַז מיר זיינען בערייט צו פערקויפען זיך! מאנכעס מאָל ביינט זיך אין אונז דער שטאָלץ אָבער דאס פערגעהט שנעל. און איך מוז זאָגען דאס דיא מעהר צאהל פון דיא ארבייטער מיידלאך קען מען ניט אזוי לייכט קויפען, אויסער ווען דיא נויטה קומט אויף דאס העכסטע, אָדער —

גרעטע איז געבליבען שטעהן.

— אָדער? — האט מרים געפרעגט מיט גליהענדע אויגען.

— אָדער ווען דאס מעדכען ליעבט דעם מאן, וועלכער זוכט זיא. אבער דאן פערקויפט זיא זיך ניט, זאָנדערן זיא געניסט פון איהר ליעבע צו וועלכע זיא האט אויך אַ רעכט. דיא גוואַלטיגע ליעבע וועלכע פרעגט ניט וועגען דער צוקונפט, וועגען דיא מאטעריעלע צושטענדע, אויב מען איז „פערזאָרגט"? אויב עס קען קומען צו אַ געזעצליכער הייראטה? אה, דיעזע מעכטיגע ליעבע, וועלכע איז שטאַרקער פון דענקען און בעדעכענען און טרייבט נור צו דער לעצטער ליידענשאַפט.

נאך מעהר האבען געגליהט מרים'ס וואַנגען. נאך מעהר האבען געגלענצט איהרע אויגען. גאַנץ שטיל האט זיא צוגעהערט גרעטעס ווערטער און אזוי וויא אין אַ טרוים האט זיא ענדליך געזאָגט:

— יאָ, אזא ליעבע מוז זיין הימליש! זאָגט מיר ליעבע גרעטע, גלויבט איהר צו קענען ליעבען אזוי אָפּפערווילינ, אזוי ערגעבען, אזוי פערגעסען.

— איך ווייס עס ניט. דאס איינציגע וואָס איך ווייס איז דאס איך וואָלט פון אזא ליעבע גליקליך געווען זאגאר ווען זיא זאָל נור דויערן איינינע שטונדען, אייניגע מינוטען!

— יאָ, אבער דאן וועט דאך דאס גליק אוועק? אָה, איך שטעל מיך פאר דאס גליק אזוי פעראייניגט צו זיין לאַנגע יאָהרען און נאך אין דער עלטער זאָל מען האבען דיא עמפּפינדונג פון א יונגער הערץ.

גרעטע האט זיא אבער אונטערבראָכען.

— מרים, איהר האט דעם ערנסטען לעבען ערסט ניט לאַנג דערזעהן און דארום איז קיין וואונדער וואס איהר האט אזעלכע מיינונגען, אזעלכע אידעען וועלכע זיינען קיין מאָל ניטא אין דער ווירקליכקייט. אזא לאַנגע און שטרענגע ליעבע איז פיעללייכט אמאָל געווען, און פיעללייכט טרעפט עס יעצט ווען עס איז. דאס קענען אבער נור האבען דיא גליקליכסטע, וועלכע זיינען געשיצט פון אלע ביטערקייטען פון לעבען.

אָבער מרים! — האט גרעטע ווייטער געזאָגט — אויך דיא ארמע קענען דיעזע ליעבע האבען. דיא ארמע האבען הערצער, וועלכע זיינען אזוי ווארם און קלאפּען אזוי שנעל וויא דיא הערצער פון דיא רייכע, וועלכע זיינען אמאָל געווען ארם, אדער וועלכע קענען נאך מאָרגען ארם ווערען. לײדער איז אונמעגליך דאס גליק זאָל ביי זיי לאַנג זיין, וויילדערקאמפּף אום דאס דא זיין, דיא מלחמה פאר ברויט ערלויבט ניט דאס אזא גליק זאָל עווינ הערשען. דער גרעסטער שיין פון דער גליקליכער ליעבע מוז פערדונקעלט ווערען פון דיא פינסטערע זאָרגען. און וויל איך וויים דאס דיא ארמוטה איז מעכטיגער פון דער ליעבע דארום האב איך פון זיך אוועקגעוואָרפען דעם וואונש צו זוכען איין עוויגע ליעבע, איין עוויגען גליק, איך וויל נור איין מאָל גליקליך זיין; אָבער איין גליק וואס זאָל זיין פאל מיט זיעסקייט און זעלינקייט. איך ווינש א מאָמענט, ווען איך זאָל קענען פערזונקען ווערען אין דעם געליעבטען, מיין גאנצע הערץ זאל זיין פאָל מיט איהם, און וויא א בעטרונקענע פון גליק, פון ליעבע, זאל איך וויא חלום'דיג ווערן זיינע און דאן שטארבען, שטארבען אין זיינע אַרמען...... אָה, מרים, דאס איז דער גליקליכער מאָמענט וועלכען איך ווינש. דאס איז דיא ליעבע, וועלכע איך וויל געפינען. דען קיין לענגערען גליק, קען איך ניט ערווארטען.

דיא צוויי מעדכען זיינען אזוי געבליעבען זיצען פערזונקען אין זייערע פאנטאזיען דאס זיי האבען זיך גאר ניט ארומגעקוקט דאס אלע ארבייטער האבען שוין פער־

לאסען דאס הויז, און אלעס ארום זיי איז געוואָרען לטער. זיי האבען יעצט געלעבט אין דעם חלום פון דער אמת'ער ליעבע און האבען זיך פערגעסען אויף אלעס.

ווער ווייס וויא לאנג דיא צוויי פרייליינ'ס וואָלטען געזעסען און געטראַכט פון זייערע חלומות, ווען ניט דער וואַנטזייגער, וועלכער ווייס גאָר ניט פון אזעלכע אידעען און געדאַנקען, וואלט ניט אָנגעקלונגען דיא שטונדע.

— גאָט, עס איז שוין איינס! — האט מרים אויסגערופען.

— מיר וועלען נאך קומען צו דער צייט. האט איהר שוין גענעסען? — האט גרעטע געפרעגט.

— האט איהר שוין גענעסען?

— ניין.

— איך אויך ניט. נור איך וועל נאך אויסהאַלטען ביז נאכט. זאל איך אייך הייטע אָבענד ערוואַרטען?

— אָה, איך בעט אייך.

זעהר שנעל זיינען יעצטביידע געלאָפען נאך דער דרוקעריי. דיא מאַשינען האבען נור וואס אנגעפאַנגען צו געהן.

וויא מרים איז אריין אין דער זעצעריי האט זיא עלזא בעטראַכט מיט שפּאָט.

— זעהר פינקטליך? — האט זיא געזאָגט — און אָה וויא רויטה! האט איהר עפּעס פיעל וויין געטרונקען?

מרים וועלכע האט אין דער לעצטער צייט פערלאָרען זעהר פיעל פון איהר זאַנפטען מוטה, האט צו איהר צוגעוואָרפען א פעראַכטען בליק און האט געענטפערט:

— אויב איך האב געטרונקען וויין דארף אייך ניט קימערען. יעדענפאַלס דאַרפט איהר רוהיג זיין, איהר האט גאַנץ אומזיסט מורא.

— מורא? — האט עלזא איבערגעפרעגט אין א גיפטיגען טאָן — וואס מיינט איהר דערמיט? וואָס זאָל איך פירכטען? און פאר ועמען? פיעללייכט פון אייך? איך וועל אייך זאָגען דאס איהר זעהט גאר ניט אויס אזוי שעהן, וויא איהר גלויבט!

מרים האט אָבער געלאַכט און האט קיין אנטוואָרט ניט געגעבען.

אלס דער אבענד איז געקומען נעהענטער האט דער פאָרמאַן געעפענט דיא טהיר און האט אויסגערופען:

— וויא ווייט האלט איהר מיט דעם צירקולאַר מרים?

— דיא ערסטע זייט איז באלד פערטיג.

— גוט, בינדט ארום דעם זאץ און טראָגט איהם אריין אין מיין צימער.

יעצט האט דער פאָרמאַן ווידער פערשלאָסען דיא טהיר.

פליסינג האט מרים געארבייט. יעצט האט זיא געענדיגט דעם לעצטען ווארט פון דער ערסטער זייטע, אבער יעצט איז זיא געקומען אין פערלעגענהייט. זיא דארף דעם זאץ „ארומבינדען", אבער זיא האט עס קיין מאל ניט געוואוסט וויא.

עלזא, וועלכע האט געפיהלט דאס זיא וואר ניט קלוג מיט איהר האנדלונג געגען מרים'ן האט יעצט געזעהן דיא געלעגענהייט וויא עטוואס ווידער צו פער־בעסערען.

— ברענגט מיר דעם זאץ, פרייליין, איך וועל אייך צייגען וויא מען פער־בינדט עס.

עלזא האט עס אויסגעשפראכען אין אזא פריינדליכען טאן, דאס מרים האט קיין זאך ניט פערדעכטיגט, און זיא האט דיעזע איינלאדונג אנגענומען, ווייל זיא האט אויך ניט געוואלט צו פיהרען איין אייביגען שטרייט מיט דער פערזאן, וועלכע זיא דארף ארבייטען אין איין צימער.

פארזיכטיג און גאנץ לאנגזאם געהענדיג איז מרים געקומען מיט דער „גאלע" אויף וועלכען דער זאץ איז געשטאנען; זיא האט געמוזט געהן הינטער עלזא'ס רוקען אום דעם זאץ צו ברענגען אויפ'ן „סטענד". אבער אין דיעזען אויגענבליק האט זיך עלזא א דרעה געטהאן, האט א זעץ געטהאן מיט איהר עלענבויגען איבער מרים'ס האנד און אין נעכסטען אויגענבליק איז דער גאנצער זאץ געלעגען צושאטען אויף דער ערד.

א לייזער געשריי האט זיך ארויסגעריסען פון מרים'ס ליפען.

— וואס האט איהר געטהאן! — האט זיא אויסגעשריען און האט געקוקט אויף דיא צושאטענע בוכשטאבען.

— איך? — האט עלזא געשריען.

— יא, איהר!

— הערר פארמאן! — האט עלזא געשריען און איז געלאפען רופען דעם פארמאן.

— וואס איז געשעהן?

— געהט זעהט וואס דיא נייע זעצערקע האט געטהאן! איהר האט הייטע בעדארפט לעזען דיא קראקעטור, נו געהט לעזט עס פון דער ערד און דיא פרעבע...

— שטיל עלזא, זידעלט זיך ניט!

— יא, איך דארף זיך ניט זידלען און דיא דומע גאנז מעג מיך בעליידיגען! איך בין געוועזן גוט און האב איהר געוואלט ווייזען, אבער דיא חיה האט אלעס צושאטען.

דער פאָרמאַן האט פערקנייטשט דעם שטערען. ער האט בעדאַרפט האבען פערטיג דעם צירקולאַר צו מאָרגען און יעצט איז ער צושאָטען.

— וואס האט איהר געטהאן מרים? — האט ער געפרעגט — וויא אזוי האט איהר געקענט אראָפּוואַרפען דעם זאץ?

מרים האט געשוויעגען. זיא וואר בלאַס און ערשראַקען.

— נון, רעדט דאך, ווארום שווייגט איהר? — האט עלזא געפּאָדערט — ווארום זאגט איהר ניט, אז איך האב אייך אַ שטויס געטהאַן. אָה, איהר האט מורא פאר דעם ליעגען!

מרים האט ניט געוואָלט ענטפערען דיא שלעכטע פּערזאָן. עס איז איהר אויך ניט אָנגעשטאַנען אויפצוטרעטען אַלס איהר קלעגערין. זיא האט בעסער געוואָלט נעהמען דיא שולד אויף זיך, איידער צו פּראָצעסירען זיך מיט דער ניעדעריגער פּערזאָן.

— עס טוהט מיר לייד, — האט זיא געזאָגט צום פאָרמאַן, — איך מוז עס יעצט ווידער אויפזעצען.

— דאס געהט ניט. מיר האבען נויטהיג דער צירקולאַר ביז מאָרגען. נאַטירליך, איהר האָט הייטע אומזיסט געארבייט. איין ארביירט וואס מען מוז איבערמאַכען קען ניט בעצאהלט ווערען. איהר האט זיך בעדאַרפט בעסער היטען. יעצט מוזט איהר אויך אויפקלייבען און אָבלעגען דעם זאטץ, בעצאָהלט וועט איהר נאַטירליך דערפאר אויך ניט קריגען. גיט דעם צירקולאַר אהער.

דער פאָרמאַן האט עס געשפּראָכען מיט כעס, און אלס מרים האט איהם דעם צירקולאַר געגעבען האט ער עס ארויסגעריסען פון איהר האַנד.

יעצט האט געשלאָגען זיעבען אוהר.

— יעצט איז אבענד. אָבער מאָרגען מוזט איהר בעסער אכטונג געבען. איהר זייט דאָ קיין גאַסט.

דערמיט איז דער פאָרמאַן אַוועק, אויך מרים האט זיך ענטפערט און האט קוים איינגעהאַלטען איהרע טרעהרען. דעם פאָרמאַן׳ס פאָרוויפע האט איהר געערגערט, דערצו האט זיא געוואוסט דאס זיא ליידעט אומזיסט. ניט זיא איז שולדיג אין דעם וואס האט געטראָפען.

עלזא איז נאך א ווילע פערבליבען אין שאַפּ. זיא האט זיך צוגעכאַפּט צו מרים׳ס קאַסטען און האט דאָרט אזוי צימישט דיא שריפט דאס מרים זאָל מאָרגען געפינען איין גאנצע איבערקעהרעניש און זאָל זיך ניט קענען העלפען.

מרים איז ארויס פון דער דרוקעריי אין האט זיך בעגעגענט מיט איהר פריינדין.

— דארף איך אייך ערווארטען איהר זאָלט מיט מיר געהן צום וואָקזאל ? — האט מרים געפרעגט.

— געוויס. איך האב עס דאך פערשפּראָכען. — האט גרעטע געענטפערט.

— און וואו זאָלען מיר זיך צוזאמענטרעפען ?

— ניט ווייט פון וואָגזאל. גלייך וויא הערר סימען וועט אָפּפאָהרען וועלען מיר זיך צוזאמענטרעפען.

עס וואר נאך גענוג צייט צו דער צייט ווען זיא דארף איהרווירטה בעגעגענען אויף'ן באנהאף. מרים האט זיך אלזאָ ניט בעדארפט היילען. זיא איז דארום לאנגזאם געגאנגען איהר וועג און איז ארויס שפּאצירענדיג פון שטאָדט.

דיא לופט וואר פריש און אנגענעהם. ניט ווילענדיג האט זיא געדעקט פון דעם אונטערשיעד צווישען א מאָל און יעצט. וויא זיא האט צוריק מיט אייניגע מאָנאטען געלעבט, שפּאצירט אין קארעטען און געטראָגען קליידער נאך יעדען וועטער, און ווען זיא איז יעצט געצוואונגען צו געהן צו פוס און טראָגען איין קלייד וויא טאָג אזוי נאכט.

דאָך האט זיא גענאָסען פון דעם יעצטיגען קיהלען ווינטעלע. זיא האט געפיהלט אז זיא דארף האָבען דיא קרעפטיגונג וואס דיא לופט קען איהר געבען. זיא האט געוואוסט דאס פאר איהר שטעהט פאָר א לעבען פון פיעלע שוועריגקייטען.

דיא ווערטער וואס גרעטע האט איהר געזאָגט איבער דאס לעבען פון דיא ארבייטער מיידלעך זיינען יעצט געקומען אין איהר געדאנקען, און זיא האט גוט געוואוסט, דאס אויך איהר ערווארטעט יעצט קיין בעסערער שיקזאל.

אויך יעצט שטעהט זיא אין א קאמפּף. וואס וועט זיין ווען זיא וועט ניט ערפילען דעם וואונש פון איהר ווירטה? זיא וויל יעצט זאָ וויא זאָ פערלאסען דיעזע שטאדט, אָבער וואס וועט מיט איהר געשעהן אין איין אנדער ארט ?

אזוי לאנגזאם שפּאצירענדיג האט זיא עררייכט דעם וואָגזאל. זיא האט דערזעהן וויא גרעטע שטעהט אין א ווינקעל. זיא האָט צו איהר געוואָלט צוגעהן, אָבער באלד האט זיא דערזעהן איהר ווירטה.

מרים, וועלכע האט געוואָלט ריידען מיט איהר באָס וואו קיינער זאָל זיא ניט שטערען איז אָבגעגאנגען צו א ווינקעל. דער באָס האט עס בעמערקט און איז געגאנגען צו דעם אָרט וואו זיא האט איהם ערווארטעט.

הערר סימען האט פאר איהר נעצווינגען זיין הוט און האט זעהר העפליך געזאָגט :

— גוטען אבענד מיין פרייליין. אייער קומען בעווייזט מיר דאס מיין האָפנונג וואר ניט אומזיסט.

— וועלכער האָפנונג, הערר פרינציפּאל ? — האט מרים גאנץ קאלט געפרעגט נאכדעם וויא זיא האט געענטפערט זיין גרוס מיט א פארנעהמען שטאָלצען נייג. דער באָס האט געשמייכעלט.

— מיין האָפנונג שיינט מיר האב איך גאנץ דייטליך אויסגעדריקט אין דיא פּאאר ציילען.

— יאָ, און דיעזע פּאאר ציילען מיט זייער אינהאַלט האב איך אייך צוריק געבראַכט, הערר פרינציפּאל.

— אָה מיין פרייליין, פאר אלע זאכען בעט איך איהר זאָלט מיך אויפהערען צו רופען „פּרינציפּאל“, היער בין איך אייער קאוואליער וועלכער איז אייך דאנקבאַר פאר אייער געזעלשאַפט.

— הערר סימען, ערלויבט מיר אייך קורץ און דייטליך צו זאָגען, דאס איך בין ניט דיא, וועלכע איהר זוכט. ווען איך וואָלט יעצט נאך געפיהרט דעם נאמען, וועלכען איך האב א מאָל געהאט, וואלט איהר געוויס ניט געוואגט אָנצובאָטען מיר דאס געלד צו קויפען א דזשעקעט און איינצולאַדען מיך צו אמוזירען זיך מיט אייך אין מינכען.

— ערלויבט מיר, מיין פרייליין. — האט דער יונגער מאן זיא אונטערבראָכען.

— וואס איהר האט דאָ געזאָגט איז ריכטיג, אָבער איהר קענט דאך לענגער ניט שפּיעלען דיא ראָלע פון א גרעפין, עס פּאַסט אייך אויך ניט צו האלטען זיך וויא א גרעפין פאן מעהרען.

מרים האט געמאַכט א שריט צוריק.

— וואָס ? — האט זיא געפרעגט מיט א ציטערענדע שטימע.

— וואס איהר האט געהערט.

— דאָן קען איך נור וויעדערהאָלען, דאס איהר האט זיך אין מיר גענאַרט. איך בין אָרם, איך געהער יעצט צו דיא טויזענדער מיידלאך וועלכע מוזען זייער ברויט פערדינען דורך ארבייט. דאך מאך איך דעם אנשפּרוך דאס דער מאַן, וועלכער ניט מיר ארבייט דאַרף מיין עהרע ניט אָנגרייפען. איהר האט מיך בעליידיגט און איך גיב אייך דאס געלד צוריק, ווילט איהר דאס ניט נעהמען זאָ מעל איך געצוואונגען זיין אָבצוגעבען אייך דאס געלד פאר עדות.

— לעבערליך! איהר האט בעסער בעדארפט קויפען א דשעקעט פאר דאס געלד.

— איך דארף ניט אייער געלד, נעהמט עס צוריק!

מרים האט איהם יעצט דערלאנגט דאס געלד, וועלבע איז נאך געלעגען איינגעוויקעלט אין דעם זעלבען צעטעלע און האט דערביי אויפגעהויבען איהר קאפ וויא א שטאלצע געביטערין.

הערר סימען האט גאר ניט געקענט פערשטעהן וואס דא טוהט זיך. ער האט אנגעפאנגען צו פיהלען דאס ער האט ווירקליך ניט געטראפען דעם וועג.

— אייער בענעהמען זיך איז מערקווירדיג! — האט ער געזאגט. — ווען איהר ווילט דאס געלד ניט האלטען, וועל איך עס נאטירליך נעהמען צוריק, אבער איהר דארפט פון יעצט אן ניט רעכענען אויף מיין פריידשאפט.

ער האט דאס געלד צוגענומען. מרים האט זיך פערניינט מיט א שמייכעל און איז אוועק. הערר סימען האט זיך יעצט גענומען היילען צום וואקזאל אום ניט צו פערזאמען דעם צוג.

האסטיג איז ער צוגעלאפען צו דער קאסע און האט זיך געהייסען געבען א בילעט נאך מינכען.

— נעהמט צוויי מיין הערר! — האט פלוצלונג געקלונגען א מעדכען־שטימע אין זיינע אויערען.

איבערראשט האט ער זיך ארומגעקוקט. און האט דערזעהן דאס פריילין עלזא.

— אך, עלזא?

— יא, דאס בין איך. — האט עלזא געענטפערט וויטציג. — איהר פאהרט נאך מינכען, איך פאהר אויך.

הערר סימען האט אויף איהר געווארפען א פערעכטליכען בליק. ער האט אבער מורא געהאט פאר א סקאנדאל אין וואגזאל און זא האט ער גענומען צוויי בילעטען און איז מיט איהר געלאפען צו דיא וואגאנען. עס וואר שוין דיא העכסטע צייט, דען דער לעצטער סיגנאל איז יעצט געגעבען געווארען. הערר סימען איז ארופגעשפרונגען אויף'ן ערסטען בעסטען וואגאן, עלזא גלייך נאך איהם און דער צוג איז גלייך אבגעגאנגען.

ביידע האבען זיך געפונען אין א לעדיגען וואגאן. נאכדעם וויא זיי האבען זיך אניעדערגעזעצט האט הערר סימען זיך געווענדעט צו דאס פריילין.

— וויא אזוי האט איהר זיך געקענט מאכען אזוי אויפפעליג, עלזא?

— מיט וואָס?

— האט איהר ניט געזעהן וויא דער קאַסירער האט געלאַכט, פערגעסט ניט דאס איך בין היער גוט בעקאַנט.

— נאַטירליך, ווער קען דאס ניט דעם הערריין סימען. אָבער אויך מיך קען מען. יעדעס קינד וויים דאס איהר זייט מיין געליבטער, און וואס איז דען דערביי? פון דיא ארמע געהאַלט וואס איהר צאָהלט אין אייער דרוקעריי קען איך דאך ניט לעבען.

— אָבער אנדערע קענען!

— אזוי? וועמען מיינט איהר, פיעללייכט פרייליין מרים מעהרען? נו, זיא מיינט בלויז אז זיא איז מעהר ווערטה וויא צוואַנציג מאַרק. זיא וויל עטוואס מעהר!

— קאַטצע! — האט דער ווירטה פאר כעס אויסגעשריען.

— קעטץ געהן שטיל און דאס מוז איך טהאָן. וויא אזוי וואָלט איך אייער אינטערעסאנטען געשפרעך געקענט הערען ווען איך זאָל זיך ניט אונטערדרוקען אין דער שטיל? יעדענפאלס דאַרפט איהר גאָט דאַנקען וואס מרים האט זיך ענטזאָגט.

— אהא! — האט הערר סימען געלאַכט. — דאס קלינגט עפּעס וויא א דראָהונג!

— און דאס איז וואס איך מיין. איך וואלט אויסגעראַצט אייערע אויגען. קעטץ טוהען עס אימער! ווענען דיא צוואַנציג מאַרק וויל איך אייך עטוואס זאָגען איך האב שולדען.

— נון?

— איך דאַרף זיי בעצאָהלען.

— געוויס.

— איך בין בלויז שולדיג פערציג מאַרק.

— נו, און איהר נעהמט בלויז צוואַנציג, דאס הייסט איהר ווילט ניט צו פיעל בעטען?

— גאַנץ געוויס! — האט עלזא געענטפערט. — זאָגט מיר אָבער אליין וואלט איהר זיך געקענט אַמוזירען מיט מרים מעהרען?

— גאַנץ געוויס.

— און איך זאָג ניין, זיא איז צו נאַרריש, זיא דאַרף נאָך וואַקסען.

— רעדט ניט מעהר פון איהר. איך האב מיט איהר ניט מעהר וואס צו טהאָן.

— ווירקליך?

— געוויס.

— איך וועל עס אייך גלויבען. וואס וועט אָבער זיין מיט מיינע שולדען?

— און וואס זאָל איך טהאָן? — האט ער געפרעגט.

— דאס איז גוט געזאגט, מיין ליעבער, שעהנער מאַקסל! — און איידער ער האט זיך ארומגעקוקט האט זיא זיך צו איהם צוגערוקט, האט ארופגעלעגט איהר האנד אויף זיין האלז וועהרענד איהרע ברענענדע אויגען האבען דורכגעלעכערט זיינע אויגען.

— ביזט דאך א מכשפה! — האט ער געמורמעלט און איז געפאנגען געוואָרען פון איהר מוטהיגען בענעהמען זיך. אין דיעזען אויגענבליק האט ער מרים'ן אין גאַנ־צען פערגעסען.

— מאַקסעל? — האט זיא צו איהם געזאגט און האט איהם פעסטער ארומ־גענומען — איך האב עטוואָס געהערט.

— וואָס?

— איהר ווילט הייראטהען.

— ווער האט דאָס געזאָגט.

— דאס מאכט ניט אויס. דיא הויפטזאכע איז, אויב דאס איז וואהר.

— יא, מיין אלטער פאָטער פערלאנגט עס.

— און ער האט פאר אייך אויך א דאמע?

— יא.

— דאס האב איך געדאכט. נו, און וואס וועט זיין מיט מיר!

דער יונגער מאַן וועלכער וואר יעצט געפאנגען פון דיעזער מיידעל האט איהר געענטפערט:

— מיין הייראטה איז נור א געשעפט, מיין הערץ בלייבט פריי.

עלזא האָט זיך יעצט אויף איהם נאך שטארקער אנגעלעהנט. איהר אטהעם האט בעריהרט זיין געזיכט.

— און איך? — האט זיא נאך אמאָל ליעבליך געפרעגט.

— מיר בלייבען ביין אלטען. ביזט דוא יעצט צופריעדען?

— יא מאַקס. דוא זאָלסט אבער וויסען מאַקס, דאס איך פערדיען אנדערש בעאורטהיילט צו ווערען, וויא דוא אורטהיילסט איבער מיר. איך ליעבע דיך מאַקס,

איך ליעב זיך איבער אלעס אין דער וועלט. אָה, איך ווייס דאס דוא קענסט מ׳ין מאן ניט ווערען, און וואס דוא האסט מיר יעצט געזאָגט האב איך שוין לאנג ערווארטעט. אבער זאג מיר דיא ווארהייט, דיין הערץ בלייבט ביי מיר זאגאר ווען....

א קוס האט יעצט געברענט אויף זיינע ליפען. א קוס וועלכער האט פאר איהם נעענדיגט וואָס זיא האט געוואָלט זאָגען.

— אויף דאן! — האט ער געזאָגט — איך בלייב דיר טריי עלזא! דאס איינציגע וויל איך דיר שטעלען אין בעדינגונג, דאס דוא זאָלסט מיך קיין מאָל ניט קוועלען מיט דיין אייפערזוכט.

עלזא האט געקוקט צו דער ערד.

זיא האט איהם ניט געקענט ליידען. זיא האט געוואוסט דאס איהר האנדלונג געגען מרים׳ן וואר ריינע אייפערזוכט און דאס זיא וועט מיזען זיין אייפערזיכטיג. זיא האט איהם דארום ניט געוואָלט געבען דעם פערשפרעכען וועלכען זיא וועט ניט קענען האלטען.

— נון, וואָס שווייגסט דוא?

— איך וועל עס זעהן.

יעצט האט זיך דער צוג אבגעשטעלט אין מינכען און ביידע זיינען ארויס פון וואגאָן און זיינען אוועק אויפזוכען דיא אמוזירונגס פלעצער פון דער בייערישער הויפטשטאדט.

— — — — — — — — — — — — —

דיא רוהע מיט וועלכער מרים איז געשטאנען פאר איהר פרינציפאל יאר נור א נעמאכטע, איהר אויפרעגונג האט אבער אויסגעבראָכען אזוי שנעל זיא האט גרעטען איבערגעגעבען דעם געשפרעך.

— וויא האט ער זיך פערהאלטען צום געלד?

— ער האט עס ניט געוואָלט נעהמען ביז איך האב איהם געדראָהעט אָבצרגעבען מאָרגען אין דער געגענווארט פון איינינע מענשען.

— דאס איז ענערגיש! וואָס דענקט איהר אבער יעצט צו טהאן? — האט גרעטע געפרעגט.

מרים האט טיעף אויפגעאָטהעמט.

— איך ווייס נאך אליין ניט. איך ווייס נור דאס איך קען דא לענגער ניט בלייבען.

— אָבער וואוהין ווילט איהר געהן?

— איך מוז ערגעץ עטוואָס געפינען.

— מוזען? — האט גרעטע געמורמעלט — אין דער יעצטיגער צייט וואו עס גיעבען מעהר ארבייטער וויא ארבייט, גיט עס קיין מוז. איהר ווילט אויסבורג פערלאסען?

— גאנץ געוויס.

— ווילט איהר פאהרען נאך רעגענסבורג? איהר האט מיר ערצעהלט, אז דארט געפינט זיך אייערע א בעקאנטע.

— יא, אבער דאך וויל איך ניט אהין פאהרען. מיין ציעל איז ווייטער, איך וויל זעהר ווייט! ווייט וויא נור מעגליך.

— ווילט איהר נאך בערלין?

— יא, דארט קען מיך קיינער.

— און איהר בלייבט ביי דיעזען בעשלוס?

— וועלכען?

— דאס איהר זאלט בלייבען איין ארבייטס מעדכען?

— וואס אנדערש קען איך טהאן?

— עס גיעבען אנדערע זאכען. איהר קענט אריינטרעטען אלס קאסידערין אין א האטעל, אין טעלעפאן ביורא, אין א קאנטאר, אדער אלס פערקויפערין.

— ווארום רעקאמענדירט איהר מיר זאלכע שטעלען?

— ווייל דאס וועט פאסען פאר אייער קענטניסע און אייערע געוואהנהייטען. גלויבט מיר דאס ביי אייער גוטען ווילען, וועט איהר מיט דער צייט זיך פיעלען אונגליקליך. איהר זייט ניט פון האלץ. יעצט איז אייך דער נאמען ארבייטער מיידעל נאך ניי, יעצט זייט איהר נאך פרעמד מיט אלעם וואס איין ארבייטערינען דארף אויסשטעהן. מיט דער צייט וועט עס אבער אנדערש ווערען.

מרים'ס געזיכט איז יעצט געווארען פינסטער. זיא האט שוין אליין איינינע מאל נאכגעדאכט וואס גרעטע האט איהר יעצט געזאגט און זיא איז זעלבסט געקומען צו דעם בעשלוס.

גרעטע האט געזעהן דעם איינדרוק אין איהר פריינדינס געזיכט און דארום האט זיא פארטגעזעצט:

— איהר האט אזעלכע קענטניסע וועלכע קענען אייך אימער העלפען. איהר קענט געבען אונטעררייכט.

— איך בין קיין עקזאמענירטע לעהרערין.

— אה דאס מאכט ניט. עס גיעבען פיעלע וואס זיינען ניט עקזאמענירט דאך גיעבען זיי אונטעררייכט.

— ניין, ניין! — האט מרים ענטשלאָסען געענטפערט — איך וויל זיין פאָלשטענדיג וואס איך בין, און וויל זיין בערעכטיגט צו מיין בערוף. גלויבט מיר דאס ווען איך בין אין דער דרוקעריי אריין בין איך ניט אריין אהן איבערלעגונג. דיא פערהעלטניסע האבען מיך געצוואונגען איך זאָל וואָס ווייניגער אויסקלייבען, דאך האב איך געוואוסט, וואָס איך האב געטהאן, און האב מיט א פעסטען בעשלוס געוועהלט דיא פאבריק.

— דאך זאָג איך אייך נאך אמאָל, מרים, איהר זייט ניט אויף אייער פלאַץ. איהר בעזיצט שפּראכען, איהר קענט פראַנצויז איהר קענט ענגליש, ווארום זאָלט איהר דאָ פערלאָרען געהן! עס איז דאך פון אייך א פערברעכען! ניין, ניין! לאָזט זיך ניט פערפיהרען פון אייגענע גערדאַנקען, קלייבט זיך אוים איין נייע בעשעפטיגונג, ווען איהר — — אה, איהר דארפט קיין פעראיבעל האבען — —

— וואָס מיינט איהר?

— איך מיין, אויב איהר זייט אין פערלעגענהייט, האב איך עטוואָס אבגעשפּארט.

האסטיג האט מרים זיא אנגעחאפּט ביי'ן ארם.

— ניט ווייטער! איך בעט אייך, ניט ווייטער!

— איך האב עס ערוואַרטעט, אָבער ליעבע מרים איך האב קיין בייז ניט געמיינט.

דאס ווייס איך. אייער געדאנק אליין מיר צו העלפען מאכט מיר צו אייך דאנקבאַר, אבער איך ברויך עס ניט און איך נעהם אויך קיין הילפע ניט אָן!

— בעהאלט דיעזען שטאָלץ מרים! — האט גרעטע מיט אכטונג געזאָגט — [illegible]ער געזאָגט ווענדעט אָן אלע מיטלען דיעזען שטאָלץ אויפצוהאלטען. ווען קינדיגט איהר אָן דעם ווירטה?

— נאך דעם נעכסטען זאנאבענד.

— דאס הייסט, דאס איהר וועט דיעזע שטעלע פערלאסען דעם לעצטען פון דיעזען מאָנאט?

— יא.

— דענקט איהר ביז דאמאָלס צו קריעגען א שטעלע?

— איך רעכען.

— עס איז בעסער איהר זאלט אנאָנסירען און ווענדען זיך אויך אין א פערמיטלונגס געשעפט.

— איך האב דערפון שוין געדאכט. מאָרגען וועל איך עס טהאן.

מיט דיעזען געשפרעך זיינען דיא צוויי פריינדינען געקומען ביז דעם הויז, וואו מרים האט געוואהנט און דיא פריינדינען האבען זיך היער צושיידעט.

עס זיינען אבער נאך אוועק שטונדען איידער מרים האט געקענט איינשלאפען זיא וואר זעהר אויפגערעגט פון אלעם וואס עס האט דיעזען טאג געשעהן. איבערהויפט האט זיא ניט געקענט פערגעסען דעם פארשלאג וואס איהר באסס האט געוואונט צו מאכען.

אימער און אימער האט זיא זיך אלץ געפרעגט, וויא אזוי דאס קומט, דאס אין איהר פריהערינגען לעבען איז זיא ניט געוועזען אונטערוואָרפען צו אזא קאמפף וויא זיא האט געהאט מיט איהר באסס און קיינער האט גאר ניט געוואגט צו בעליידיגען איהר יאנאר מיט א בליק? און זיא איז געקומען צום בעשלוס דאס נור דיא ארמוטה און דיא ניעדעריגקייט פון איהר יעצטיגען שטאנד זיינען דיא אורזאכען וואס האבען דעם זין געגעבען מוטה צו מאכען א פערזוך מיט זיין פארשלאג פארצוקומען. און וויא זיא איז צו דיעזען בעשלוס געקומען האט זיא אנגעפאנגען צו שוידערען פאר דיא שווארצע אויסזיכטען וואס זיא מוז האבען פאר איהר צוקונפט.

איין געדאנק איז אין איהר געוואָרען פעסט, דער געדאנק דאס אום צו זיין בשיצט פון אזעלכע פערזוכער מוז זיא עררייכען א העכערע שטופע אין דער געזעלשאפט און מוז שטרעבען צו האבען פערמעגען און אייגענטהום.

וויא אזוי קומט מען אבער דערצו?

מיט דיעזער פראגע אין איהרע געדאנקען איז זיא ענדליך איינגעשלאפֿ

20טעס קאפיטעל.

פערלאָרענע וועגען.

אלס מרים איז אויף מארגען אויפגעשטאנען פון איהר שלאף האט זיא זיך געפיהלט וויא גאנץ נייע געשטארקט. דאס איז געקומען דערפון וואס זיא חאט בעשלאָסען צו וועהלען פאר זיך א נייעם וועג אין לעבען.

פערטראכט איז זיא געשטאנען פאר איהר שפיגעל און אלס זיא האט געקאמט איהרע גלענצענדע געדיכטע האאר איז איהר צום ערסטען מאל אין איהר לעבען געקומען א שטיקעל שטאלץ פאר איהר שעהנהייט. ערסט יעצט האט זיא בעטראכט דאס זיא איז שעהן, און דיא עראינערונג אויף יענער צייט ווען זיא איז געוועזען געקליידעט אין דיא טהייערסטע און שעהנסטע קליידער האט זיך יעצט אויף איהר געשטארקט און זיא האט אנגעפאנגען צו ווינשען צו האבען נאך אמאל אזא צייט אין לעבען.

מיט גרויס זאָרגפעלטיגקייט, פיעל מעהר וויא געוועהנליך האט זיא יעצט פערפוצט איהרע האָאר און האט בעטראַכט דאס זיי וואָרען קיין מאל ניט אזוי שעהן אויסגעלעגט וויא היינטע.

איידער זיא איז אוועק האט זיא אויפגעשלאָסען דעם קאמאד. אין איין ווינקעל זיינען געלעגען אייניגע גאלד שטיקע. מרים האט זיי איבערגעצעהלט און האט בערעכענט דאס עס וועט זיין גענוג צו פאהרען דריטע קלאסע ביז דעם פרייסישען גרענעץ און פון דאָרט פיערטע קלאסע ביז בערלין.

איין אויגענבליק איז זיא נאך געבליעבען שטעהן. וויא וועט דאס אלעס זיך אויסלאָזען? נור מעג עס זיין וויא עס איז, זיא מוז איהר קאמפף אָנפאַנגען און קעמפפען ביז אם ענדע פון איהר לעבען.

מיט דיעזע געדאַנקען איז זיא אוועק אין דער דרוקעריי.

אלס זיא איז אין ארבייטס צימער אריין האט זיא געטראָפען דעם פאָרמאַן און עלזאַ'ן ביי איהר קאַסטען, וועלכע זיינען פערטיעפט אין א היציגען געשפרעך.

— נו, וואָס האט איהר ווידער געטהאן! — האט דער פאָרמאַן אויסגעשריען וויא ער האט מרים'ן דערזעהן — איהר האט דאך נעכטען אָבגעלעגט?

— יא.

— אָבער וואס האט איהר געטהאן. אין גאַנצען קאַסטען זיינען דיא בוכשטאַבען אזוי צומישט דאס מען קען קיין וואָרט דערפון אויסזעצען. נעהמט זיך צו דער אַרבייט און מאכט אַלעס אין אָרדנונג.

מרים איז געבליעבען שטעהן צומישט. זיא האט געוואוסט דאס זיא האט לאנגזאם און פאָרזיכטיג געמאכט דיא אַרבייט און זיא האט אויף קיין פאַל ניט געקענט פערשטעהן וויא אזוי קומט דיעזע אונאָרדנונג אין איהר קאַסטען.

דאך האט זיא דעם פאָרוואורף גאַנץ רוהיג צוגענומען, ווייל יא האט געפיהלט דאס זיא קען זיך ניט פערטהיידיגען. זיא איז אויך געווען בעשלאָסען דיא דרוקעריי און דיא שטאָדט צו פערלאסען און דארום האט איהר שוין מעהר ניט געקימערט וואס דאָ האט פאַסירט.

צו דער מיטאָגס שטונדע איז זיא אוועק צו דער ביוראָ וואו שטעלען ווערען פערזאָרגט.

דיא ביוראָ האט זיך געפונען אין איינע פון דיא בעלעבטע גאַסען אין מיטען שטאָדט. אלס מרים איז אין דער ביוראָ געקומען האט איהר געקלאַפט דאס הערץ פיעל שנעלער וויא געוועהנליך. זיא איז געגאַנגען מאַכען אַ נייעם שריט אין לעבען,

מרים האט געוואָרפען א בליק אויף דער טהיר און האט איבערגעלעזען דעם שילד:

„שטעלען פערמיטלונגס ביורא, ס. ענגעל“.

מרים איז יעצט צוגעגאנגען צום טהיר און האט אָנגעקלאפּט.

— הערריין, — האט געקלונגען א פרויען־שטימע.

מרים איז אריין און האט פאַר זיך דערזעהן א פרוי פון מיטעלער גרויס, און עטוואָס דיק. דער פרוי׳ס געזיכט האט געהאט א הארטען געשעפּטס אויסדרוק. זיא וואר ניט שעהן און איז נאָך מיאוסער געווען פון דיא צוויי באַראָדאווקעס, וועלכע זיינען געוואקסען אויף איהר געזיכט.

פרוי ענגעל איז געווען איבער פופציג יאָהר אָבער זיא האט עס דער וועלט ניט געוואָלט ערצעהלען. זיא האט זיך קאָקעטיש געקליידעט, האט געגרייזעלט איהרע האאר און האט געטראָגען אזעלכע קארסעטען וואס זאָלען זיא מאכען עדעלער און שעהנער.

אויף איהר קאָרסעט האט זיא געטראָגען א רויטהע בלוזע, און א שווארצען ראָק, וועלכער וואר ניט זעהר קורץ, אָבער דאָך קירצער ווִיא געוועהנליך אום דער שעהנער שוך אויף דער קליינער פוס זאָל זיך זעהן.

איהרע אויגען ווארען גרוי און האבען געהאט איין אויסדרוק וויא ביי׳ן געלד צעהלען. דיא האאר וואר שוואַרץ, אָדער ריכטיגער געשריעבען, עס האט אויסגעזעהן שוואַרץ, דען אָבוואָהל פרוי ענגעל האט דיא געהיימניסע פון איהר טואַלעטע געהאַלטען אין געהיים דאָך האָבען פרויען בעהויפּטעט דאס פרוי ענגעל פארבט איהרע האאר.

מרים האט דערפון ניט געוואוסט, זיא האט אויך דיא האאר ניט בעטראַכט, אין אַלגעמיין האט דיא פרוי אויף איהר געמאכט א שלעכטען איינדרוק, זאָ דאס זיא האט מיט איהר גאָר ניט געוואָלט ריידען.

— קען איך זעהן דעם הערר‌ן ענגעל?

דיא פרוי האט געשמייכעלט.

— איהר מיינט געווים מיין מאַן? אָה, ער איז שוין לאַנג טוידט און איך פיהר אליין דעם געשעפט. עס איז א שווערעס געשעפט מיין קינד. פיעל ארבייט און וועניג דאנק.

— געפינט איהר אליין שטעלען?

— יא.

— פון יעדען ארט?

— יאָ, מיין קינד. עס שיינט, אז איהר זייט דאָ פרעמד, דאָך ניט פאר מיר. איך האב אייך אמאָל געמוזט זעהן.

— דאס איז מעגליך. מען האט מיך אהער געשיקט.

— און איהר ווינשט א שטעלע ?

— יא.

— וועלכע ? איך מיין אויב איהר ווילט א געשעפטליכע שטעלע, אָדער אלס בעסערעס הויז־מיידעל ? איך האב עטוואָס וואס איז פאר אייך וויא געוואונשען.

— און וואס איז דאָס ?

— אלס נאָרד דייטשע יונגפרוי.

— איך דאנק אייך.

— איהר וויכט עס ניט ? אָה, איהר ווילט ניט געהן נאָך אויסלאנד ?

— אה, עס איז מיין וואונש צו געהן נאָך אויסלאנד.

— וואס ווילט איהר טהאָן ?

— איך וויל אָנקומען אלס פערקויפערין און איך בעאבזיכטיג אריינצוקומען שפעטער אין א געשעפטס קאָנטאר, נור פריהער פון אלעס וואָלט איך וועלען פארקטיצירען אין פערקויפען וואַארע.

דער פּלאָן איז גוט און עס ווייזט מיר דאס איהר פערשטעהט א געשעפט. זייט איהר שוין געוועזן א פערקויפערין ?

— ניין.

— וואס האט איהר געטהאָן ?

— איך האב געארבייט.

פרוי ענגעל האט געמאכט א שריט צוריק.

— אויב אזוי וועט מיר זעהר שווער זיין צו געפינען פאר אייך א פּלאַץ.

— איך בעזיץ אָבער בילדונג. — האט מרים ערקלעהרט.

— וועלכע ?

— פון א העכערע שוהלע.

— מיין גאָט ! — האט פרוי ענגעל אויסגערופען איבערראשט. — וויא אזוי זייט איהר דען געוואָרען איין ארבייטערין !

— דאָ ליעגט איין אורזאכע, וועלכע איך קען אייך ניט ערצעהלען. — האט מרים טרויעריג געזאָגט. — איך בין געצוואונגען צו פערדינען מיין ברויט און וואָלט געוואונשען אָנצופאנגען מיין געשעפטס קאריערע אלס פערקויפערין.

— עס וועט אייך אָבער שווער אָנקומען.

— איך בין דערצו בערייט.

— וואוהין ווילט איהר געהן ?

— נאָך בערלין.

— יאָ, יאָ, בערלין איז דיא שטאדט און דארט האט איהר פלעצער. וואָלט איהר וועלען אנקומען צו דער פירמא הערצאג ?

— מיר מאַכט עס ניט אויס.

— דאָרט קענט איהר קריעגען א גוטע שטעלע. — האט דיא מעקלערין גערעדט. — קומט דאָך אביסעל נעהענטער. יאָ, יאָ, אייער פיגור איז שעהן, זייט איהר ניט צו ענג פערשנורט ? ניין. דאס איז גוט. איהר קענט מאַכען אייער גליק אלס סאַמפּעל ליידי. רעדט איהר ענגליש?

— יאָ.

— פאָלשטענדיג גוט ?

— יאָ. אויך פראנצויז.

— דאס איז גוט. עס וועט אייך געבען א בעסערען געהאלט. וויפיעל פער־לאַנגט איהר ?

— וואָס צאָהלט מען דארט ? — האט מרים אין א געשעפטליכען טאָן געפרעגט.

— דאס איז פערשיעדען, פון הונדערט מארק הערונטער ביז 20. א, יאָ, איהר רעדט ענגלישאון פראנצויז, איהר זייט יונג און שעהן און פאר אייך ערוואַרטעט א גליק אין בערלין. ווען וואָלט איהר דיעזע שטעלע אנגענומען ?

— דעם ערסטען פון נעכסטען מאנאט !

— דאס איז צו ווענינ צייט.

— איך וועל פון דעם ערסטען זיין אָהן א שטעלע.

— ווייסט איהר דיא בעדינגונגען מיט מיר ? — האט פרוי ענגעל געפרעגט.

— ניין.

— זיי זיינען איינפאַך. איהר דארפט מיר צאָהלען פינף פראָצענט פון דיא געהאלט פון ערסטען יאָהר, און דאס דארפט איהר מיר אויסצאָהלען יעדע דריי מאָנאט.

— איך בין צופריעדען.

— דאַן גיט מיר אייער בעשרייבונג. — האט פרוי ענגעל געזאָגט און האט זיך געזעצט ביי איהר שרייבטיש. — וויא איז אייער נאמען ?

— מרים מעהרען.

— פון וואנען ?

— פון מינכען.

— וויא אלט ?

— ניינצעהן יאהר.

— וואו ארבייט איהר ?

— ביי סימען עט זאָהן.

— אין וועלכער אבטהיילונג?

— אין דער זעצעריי.

— אך זאָ זעטצערין, דאס איז שוין פיעל בעסער. — האט פרוי ענגעל נע־זאָגט. — א זעצערין איז דאך עטוואס שעהנער פון א פראָסטער ארבייטערין. איך זעה עס גלייך אויף אייך. נאטירליך, איהר האט דורכגעמאכט א העכערע שולע, דאס זעהט מען גלייך אויף אייערע קליידער. דיא ארבייטער מיידלעך זעהן ניט אזוי אויס.

מרים האט שוין מעהר ניט געקענט איבערטראָגען דיעזע רייד פון דער מעק־לערין. זיא האט דארום געפרעגט :

— האט איהר מיר נאך עטוואס צו פרעגען ?

— ניין.

— דאן קען איך געהן ?

— געוויס מיין קינד, איהר קענט געהן, איהר דארפט אָבער בעצאָהלען איינ־שרייבונגס געלד, ניט פיעל, בלויז פיער מארק און פופציג פפעניג, און זעכציג פפעניג פאר דיא בריעף, צוזאמען איז דאס פינף מארק און צעהן פפעניג. דאס מוז זאָפאָרט בעצאָהלט ווערען.

מיט איין ביטערען געפיהל, וואס יעדער מוז האבען ווען ער דארף אָפּפערען זיין קליינעס פערמעגען פאר א זאך וועלכע ער האט עס נאך ניט אין האנד האט מרים ארויסגענומען איהר קליינעם טאשענבוך און האט פון דארט ארויסגענומען פינף מארק און צעהן פפעניג. איהר פערשטאנד האט זאָגאר פראָטעסטירט נעגען אזא געשעפט ; אָבער זיא האט זיך דאך ניט געקענט העלפען. זיא מוז זיך זעגענען מיט דאס געלד, דען קיין אנדער וועג וויא צו געפינען א שטעלע האט זיא דאך ניט.

— וועל איך ביז דעם ערסטען פון נעכסטען מאָנאט האבען א שטעלע ? — האט זיא געפרעגט און האט נאך געהאלטען דאס געלד אין האנד.

— איך האָף, בעשטימט קען איך עס ניט פערשפרעכען. אזוי שנעל וויא איך וועל עטוואס האבען שיק איך אייך זאָגען.

מרים האט אָבגעגעבען דאס געלד און איז אוועק.

קוים איז פרוי ענגעל געבליבען אליין אזוי האט זיא זיך געריבען דיא הענד ועהרענד איהר געזיכט האט געגלענצט.

דאס איז געגאַנגען שנעלער וויא איך האב געטראַכט און איך וועל דערביי פערדינען א שטיק געלד. איך האב זיא גוט אויסגעפרעגט, דיעזע געוועזענע גרעפין. א שטעלע וועלען מיר איהר שוין בעזאָרגען, וועו ניט ביי דער פירמא הערצאָג דאַן וועט עס זיין אַנדערש וואו. יעצט מוז איך שנעל איהם בענאַכריכטען.

זיא איז ווידער צוגעלאָפען צו איהר שרייב־טיש, האט אויפגעשריבען אייניגע צייlען, האט עס פערקלעפט אין איין קאָנווערט און האט אויפגעשריבען איין אדרעס.

באלד וויא זיא איז געווארען פערטיג האט זיא פערלאַסטן איהר צימער און האט אַנגעקלאַפט אין דער טהיר פון דער צווייטער הויז.

א פרוי האט דיא טהיר געעפענט.

— אך פרוי נאכבארין, — האט זיא געזאגט. — קען אייער קליינער זאָהן מיר טהאָן דיא פריינדשאפט און אָבטראָגען א בריעף.

מיט פערגניגען, פרוי ענגעל. איך וועל באלד צושיקען מיין האַנס.

עס האט לאַנג ניט געדויערט און האַנס, א צעהן יעהריגער אינגעל איז ערשינען.

פרוי ענגעל האט איהם געגעבען דעם בריעף און האט איהם געהייסען ווארטען אויף אַנטוואָרט.

האַנס איז געלאָפען שנעל וויא ער האט נור געקענט. אין א האלבע שטונדע שפעטער איז ער צוריק געקומען.

— דוא האסט זיך צו לאַנג געזאַמט מיין קינד?

— יא, הערר מענצעל וואר ניט צו הויז און דיא לייטע דאָרט האבען מיר געזאָגט דאס ער מוז באלד קומען זאָ האב איך דארט געווארט.

— האָסט דוא איהם געטראָפען? האט ער דיר געגעבען איין אַנטוואָרט.

ער וועט אליין קומען. — האט האַנס געענטפערט.

פרוי ענגעל האט דעם קינד געגעבען א קליינע מטבעה און האט איהם געהייסען פערלאַסען דיא ביורא.

אין אייניגע מינוטען שפעטער איז ארטהור מענצעל ערשינען.

ער האט זיך פערנייגט גענען דער מעקלערין און אָהנע צו ווארטען אויף איין איינלאַדונג האט ער זיך געווארפען אין א שטוהל.

— נו מוטער ענגעל, וואס הערט זיך נייעס?

פרוי ענגעל איז געוואָרען בייז. – פפוי! וויא קומט איהר מיך צו רופען מוטער?! — האָט זיא פּראָטעסטירט, ערסטעַס האב איך גאָר קיינע קינרער און צווייטענס זעה איך דען אויס וויא א מוטער?

— זייט מיינעטוועגען א באָבע, זאָגט מיר נור וואס איז דאָ געשעהן?

— מרים וואר דאָ.

מענצעל איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל.

— וואָס זאָגט איהר? מרים? דיא געוועזענע גרעפין?

— יא. יא.

— און וואָס האט זיא געוואָלט?

— א שטעלע.

— אָה דאס איז גוט. און וואס האט איהר, איהר געזאָגט?

— נאַטירליך פערשפּראָכען.

— וואו?

— אין בערלין!

— וויל זיא אהין פאָהרען? וואס וויל זיא דאָרט טהאָן?

— זיין אלס פערקויפערין.

בראַוואָ! — האט מענצעל מיט זיין גאנצען ענטציקען אויסגעשריען. — יעצט איז דיא זאך אויפ'ן וועג. האט איהר פון איהר געלד גענומען?

— געוויס. איינשרייבונגס געלד.

— דאס איז גוט. אויב עס וועט איהר וואס פעהלען, זאָלט איהר זיא באָרגען און זיא בלייבט אייך שולדיג.

פרוי ענגעל האט זיך צו לאַכט זאָ דאס דיא צוויי באראָדיוועקעס האבען זיך אויסגעצויגען וויא דיא שנאָבלען ביי איין ענדיק.

— האט איהר געגעבען דעם נאמען פון א פירמא? האט מענצעל ווייטער געפרעגט.

— יא. דיא פירמא הערצאָג.

— אָבער צו דער פירמא טהאָר זיא קיין מאָל ניט קומען.

— ווארום? — האט פריי ענגעל געפרעגט גלייך וויא זיא וואָלט ניט פערשטאַנען.

— דאס איז מיין געהיימניס. — האט מענצעל געענטפערט. — יעדענפאלס איז דאס שוין א קלייניגקייט, דיא הויפּט זאכע איז, דאס מרים מעהרען זאָל פאָהרען נאך בערלין.

— זאָ? דאס זאָגט איהר? מיינט איהר אָבער אז עס איז אזוי לייכט צו געפינען פאַר איהר א שטעלע.

— געוויס איז דאס ניט לייכט, מען מוז זעלבסט געהן נאך בערלין. — האט מענצעל געענטפערט.

— דענקט איהר אז איך האב צייט?

מענצעל האט איהר ניט געענטפערט; ער וואַר פערטיפט אין זיין פּלאַן און איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער ארוף און אראָפּ.

— איך וועל שוין אלעס בעזאָרגען! — האט ער זיך פּלוצלונג אָבגערופען.

— דאס וואלט געווען אם בעסטען. וועט איהר אויך געפינען א שטעלע?

— גאַנץ געוויס. פערלאָזט זיך אלעס גור אויף מיר.

— ווען קען איך עס וויסען?

— אין איינינע טעג. היער האט איהר עטוואס פאַר אייער מיהע. איך דענק דאס איהר וועט מיט דיעזען געשעפט צופריעדען זיין.

א הונדערט מארק סיגנאציע האט געשיינט אין דער מעקלערינס האַנד. פרוי ענגעל האט דעם שיין נאך אמאָל און נאך אמאָל בעטראַכט און נאכדעם וויא זיא האט עס בעהאלטען האט זיא געזאָגט:

— איך דאַנק אייך, העררר מענצעל. נור זאָגט מיר וואס זאָל איך טהאָן ווען מרים קומט אהער פרעגען וואס איך האב געהערט?

— דאַן גיט איהר גלענצענדע האָפנונגען. — אדיע!

נאך אין דעם זעלבען אָבענד האט מענצעל גענומען דעם קוריער צוג און האט פערלאָזען אויסבורג. אין דריי טעג שפּעטער איז ער צוריק געקומען.

זיין ערסטער בעזוך איז געווען ביי פרוי ענגעל.

— איך האב אלעס אין אָרדנונג, האט ער בעריכטעט, — איך האב א שטעלע פיר מרים'ן אבער איך זאָג אייך פרוי ענגעל, דאס איהר זייט פעהיג אין אייער געשעפט, איהר דארפט זיך אויך בעזעצען אין בערלין.

— און וואס וועל איך דאָרט טהאָן? — האט דיא מעקלערין געפרעגט.

— איך וועל אייך געבען גענוג בעשעפטיגונג.

פרוי ענגעל האט זיך פערטראַכט. זיא האט שוין פון איהם פיעל געלד פערדינט, ער איז א גוטער קונד. ווען ער פערלאַנגט זיא זאָל פאָהרען נאך בערלין וועט עס געוויס ניט זיין אומזיסט.

— קען איך דאָרט פיעל פערדינען? — האט זיא געזאָגט.

— זיכער.

— איך וועל עס איבערלעגען.

— ניין, מיין ליעבע. אויב איהר ווילט מיין פּלאַן אננעהמען מוזט איהר עס בעשליסען אין אכט טאג. איהר ווייסט דאך וואס איך פערלאַנג פון אייך? איך האב אייך שוין אמאָל געזאָגט וואס מיין פּלאַן איז. יעצט איז דיא צייט. אין אכט טאָג וויל איך הערען אייער לעצטען בעשלוס.

— — — — — — — — — — — — — —

מרים האט דערווייל זעהר שווערע צייטען דורכגעלעבט. דיא ארבייט צו ברענגען אין ארדנונג דיא שריפט וואר פיעל שווערער וויא זיא האט געמיינט. ווען דיא וואך האט זיך געענדיגט האט זיא זעהר ווייניג פערדיענט.

אבוואהל זיא וואהר געוואָהנט צו א לעבען, וואו זיא האט זיך ניט געלערנט צו שפּאָרען און צו קארגען, דאך האט זיא פערשטאַנען צו ענטזאגען זיך פון פיעלע נויטהיגע זאכען אום צו שפּארען א פּפעניג צו א פּפעניג פון איהר קליינעס פערדיענסט. זיא האט בעזאָנדערסט געוואָלט שפּאָרען געלד אום צו האבען אויף רייזע קאָסטען. אָבער דאס געלד וואס זיא האט געקראָגען פאר דער וואָך ארבייט אין דער זעצעריי וואר נאך צו ווייניג איבערצולעבען דיא נעכסטע וואָך.

מיט א שווערען געמיטה איז זיא געגאנגען נאך הויזע זיא וואר בעטריבט און צובראָכען. אין דיעזען מאָמענט האט זיא געפיהלט דיא ליידען פון א מעדכען וואָס האט קיין פאָטער וואס זאָל זיא ערנעהרען, קיין געליעבטען וואס זאָל פאר איהר זאָרגען. זיא איז איינע אליין און מוז אלעס אליין ערווערבען און אויסקעמפּפען.

זיא איז געקומען אין איהר צימער, האט זיך געזעצט אויף איהר בעט און האט אראָבגעלאָזען איהר קאָפּ מיט שווערע געדאנקען.

דא האט זיך דיא טהיר געעפענט און איהר ווירטהין איז אריינגעקומען.

— איך ברענג אייך א גוטע נאַכריכט, מיין פריילין? — האָט דיא ווירטהין געזאָגט.

— מיר? — האט מרים געפרעגט אין א טאָן וואָס האט בעוויעזען דאס זיא האט שוין לאַנג אויפגעגעבען דיא האָפנונג צו האבען גוטע נאַכריכטען.

— יאַ, אייך. דא איז געוועזען א העררר.

— ווער איז ער?

— איך קען איהם ניט. אָבער ער וואר זעהר עלעגאַנט געקליידעט. ער האָט געטראָגען גאָלד און בריליאַנטען. יאַ, מיין פריילין, ער איז א שעהנער מאַן.

— וואָס האט ער פערלאַנגט?

— ער האט זיך נאָכגעפרעגט וועגן דאס שעהנע מיידעל, וואָס וואָהנט ביי מיר. ער האט אויך געפרעגט אייב זיא האָט א געליעבטען. נו, פערשטעהט זיך דאָס איך האב געענטפערט, אז איהר זייט עהרליך, גוט און פרום און איהר האט קיין געליעבטען, אָבער דאס אזא פיינער העררר וועט אייך געוויס געפעלען.

— און פון וואַנען ווייסט איהר דאס?

— וואס האלט איהר מיך פאר א נארר? — האט דיא ווירטהין געפרעגט מיט א חיטרען וואונק — איהר דאַרפט נור וויסען וויפיעל געלד דער מאן האָט! זעהט נור, ער האט דא געלאָזען דיעזען בראַסלעט איך זאל עס אייך געבען. זעהט נור.

— וועט ער וויעדער קומען?

— נו, געוויס!

— ווען?

— מאָרגען נאך מיטאג וויל ער קומען. איך האב איהם געזאגט דאס ער קען גאנץ רוהיג קומען, איהר וועט מיט איהם געוויס געהן שפּאצירען. מיין גאטט, ווען איך וואלט נאך געוועזן יונג!

— ווען דער העררר קומט מארגען, זייט אזוי גוט און גיט איהם דעם בראַסלעט צוריק און...

דיא ווירטין האט זיא ניט געלאזט ענדיגען. מיט איין ווילדער איבערראשונג איז זיא צו איהר צוגעשפּרונגען און האט אויסגעשריען:

— וואס זאגט איהר? מרים! איך זאל איהם צוריקגעבין דעם בראסלעט? אה ניין, דאס געהט ניט!

— ווארום ניט? זאגט דעם העררען דאס איך זוך קיין בעקאנטשאפט אין דאס איך נעהם קיינע פּרעזענטען פון אונבעקאנטע, פרעמדע העררען.

— מיין שעהנעס פּריילין! — האט דיא ווירטין זעהר זיעס געלאכט — וויא נאריש איהר זייט. מען איז דאך נור איין מאל יונג און ווען מען ווערט אלט האט מען חרטה וואס מען איז געוועזן אזוי פרום. איך בין אויך געוועזן אזוי פרום און שטאלץ וויא איהר, נו וואס האב איך דערפון? איך זאג אייך אז איך האב דערפון גארנישט!

מרים האט געצויגען מיט דיא אקסלען. זיא האט זיך בעמיהט צו בלייבען העפליך געגען איהר ווירטהין, אבער זיא האט דיעזען געשפּרעך לייננער ניטגעקענט איבער טראגען.

— בעמיהט זיך ניט צוענדערען מיין פערשטאנד. — האט מרים אין א פעסטען טאן געזאגט. — איך בלייב ביי מיין ערקלעהרונג, איהר וועט גיט ענדערען מיין בעשלוס. דאס איז מיין לעצטער ווארט!

— אבער איך וועל דאך בלייבען א נאר, איך האב דאך דעם העררן פערשפראכען!

— ווער האט אייך געגעבען דאס רעכט צו האנדלען מיט מיין פערזאן וויא אייך געפעהלט?

— מיין גאטט! — האט דיא ווירטין אויסגערופען. — איהר זייט דאך אזוי ארם און איך האב געמיינט וואס פאר אייך איז בעסער. אבער ווייסט איהר וואס, איהר ווילט ניט, דארף מען ניט, אבער איהר קענט עס אליין זאגען דעם העררן.

אין מרים'ן האט זיך אויפגעוועגט דיא מיידלישע נייגיעריגקייט. ווארום זאל זיא דיעזען העררן ניט אנקוקען? אה זיא איז זיכער דאס זיא וועט בלייבען פעסט און פיעללייכט האט דער הערר געהאט גוטע אבזיכטען?

אבער אין ערסטען מאמענט האט זיא דיעזען געדאנק אונטערדריקט. איהר גאנצער שטאלץ האט ערוואכט און דערצו האט זיא זיך עראינערט דאס דער מאן זוכט נור צו פאנגען דיא ארמע ארבייטער־מעדכען פאר וועלכע ער האלט זיא, און דאס ער וואלט ניט געוואגט אזוי צו האנדלען ווען זיא וואלט געוועז דיא גרעפין פאן מעהרען!

— ניין, — האט זיא ענדליך געזאגט. — איך וועל מיט דעם מאן ניט ריידען. ווען ער קומט וועל איך שוין זיין אוועקגעגאנגען.

— דאן נעהמט מיר ניט פאר אומגוט, איהר זייט א נארר, און א גרויסער נארר! איהר וואלט מעהר ניט דארפען ארבייטען! איהר דארפט פערשטעהן וואס עס הייסט צו זיין דיא געליעבטע פון אזא רייכען מאן!

— גענוג! איך וויל מעהר ניט הערען! — האט מרים אויסגעשריען און האט געציטערט פון אויפרעגונג.

— טהוט וויא איהר ווילט. — האט דיא ווירטהין פערדריסליך געזאגט. — עסט איהר מארגען מיטאג מיט אונז?

— איך דאנקע!

דיא ווירטין האט זיך אומגעדרעהט און האט פערלאסען דעם צימער. מרים'ס בליק איז געפאלען אויפ'ן טיש, עטוואס גלענצענדעס איז דארט געלעגען. עס וואר דער בראסלעט.

— אונערהערט? — האט מרים געמורמעלט און איז מיט שנעלע שריט גע־לאפען צום טיהר.

— פרוי ווירטהין! — האט זיא־געשריען מיט כעס.

— וואס ווינשט איהר?

— ביטע קומט צוריק!

דיא ווירטהין איז צוריק געקומען.

— וואס איז דערמיט — האט מרים געזאָגט און האט געוויזען אויף'ן טיש.

— אָה, דער בראסלעט! ווילט איהר עס ווענינסטענס ניט האלטען איבער נאכט?

— ניין, ניט איין מינוט! נעהמט עס צוריק, איך וויל עס ניט בעריהרען. זאָ נעהמט עס יעצט. גוטע נאכט!

דיא ווירטין האָט געזעהן אז איהר שפיעל איז פאָלשטענדיג פערלאָרען. זיא האט צוגענומען דעם בראָסלעט און מיט א גאַנץ פריינדליכער מינע האט זיא געזאָגט „א גוטע נאכט" און איז אוועק.

קוים אָבער איז זיא פון מרים'ס צימער ארויס אזוי האט זיא געביטען איהר מינע און מיט א בייזער שטימע האט זיא געזאגט:

— דוא נאררישע גאנז; דוא פיהרסט מיר איבער דיא שעהנע געלד וואס דער העדר האט מיר פערשפראָכען.

אויף מאָרגען זאָנטאַג איז מרים גאַנץ פריה אוועק פון איהר וואָהנונג אום צו פערמיידען יעדע מעגליכע בעגעגנונג מיט דעם אונבעקאנטען רייכען העדר.

מרים איז אריין אין א קראָם האט געקויפט פאר דריי פפעניג ברויט און א שטיקעל ווורשט און איז אוועק שפאַצירענדיג אויף'ן פרייען פעלד אום קיינער זאָל ניט זעהן וויא זיא עסט איהר ארמען זאָנטאגדיגען מאָהלצייט.

פון איהרע אויגען האבען זיך געגאָסען טרעהרען און זייא זיינען געלאָפען אויף איהר ברויט, און צום ערסטען מאָל איז איהר געקומען אין דיא געדאנקען דיא פראַגע וועלכע צורייסט דאס הערץ פון יעדען ליידענדען. נעמליך, דיא פראַגע: מיט וואס האסט דוא דיעזען שיקזאל פערדיענט?

ווען זיא האט געוויינט און געקלעהרט ווארום זיא ליידעט אזוי פיעל, פאר וואס קומט איהר אזא ביטערען לעבען, האט זיא זיך ערמאנערט אויף איהרע קינדער־שע יאהרען און אויף דער גאנצער גליקליכער צייט ווען זיא האט געלעבט אין וואוילטאג און אין לוקסוס, און זיא האט זיך צוריק געשטעלט דיא פראגע: מיט וואָס האט זיא פערדינט יענעם גליקליכען לעבען? פאר וואס האט איהר געקומט צו לעבען נייענצעהן יאהר וויא דיא גליקליכסטע אין דער וועלט? וואָס האט זיא געטהאָן ביז דעם גראָף'ס טויט? מיט וואס האט זיא זיך פערדיענט ביי דער מענשהייט דיא אַכטונג און דאס גליק וואס זיא האט דאמאָלס געגאָסען!

דיעזע פראגען האט זיך מרים געשטעלט און אלס איין עהרליכע, אויפריכ־טיגע פערזאָן האט זיא זיך אליין געענטפערט, דאס זיא האָט קיין זאך ניט געטהאָן. זיא האט אפילו געזעטיגט דיא ארמע, געשטיצט דיא קראנקע און געקליידט דיא נאקעטע. זיא איז אויך געווען א גוטעס, שטילעס קינד, און האט זיך ניט אריינ־געלאָזען אין אויסגעלאסענהייט; אבער דאך האט זיא יעצט איינגעזעהן, אז דאס איז נאך ווענינ אום צו פערדינען דאס גליקליכען לעבען וואס זיא האט געפיהרט. גליק און גענוס מוז מען פערדינען מיט אייגענע הענד און אייגענע ארבייט. דיא וואָס פערדינען ניט, דארפען ניט האָבען. מתנות און גוטהערציגקייט פון עלטערען אָדער פון פריינד, דיא זיינען ניט אייבינ און אויף דיא קען מען קיין אייבינע אנשפריכע ניט מאכען.

דיעזע בעטראכטונג האט זיא געשטארקט. איהר יעצטינער לעבען איז פער־שיעדען פון אמאָליגען. יעצט קען זיא לעבען מיט וואָס זיא האָט, יעצט קען זיא פערטראָגען א בעליידיגונג, יעצט איז זיא א טהעטיגעס מיטגליעד אין דער געזעל־שאפט. זיא בעשעפטיגט זיך יעצט גלייך מיט אלעמען צו ווערען פערמעגען און ניטער, זיא נעהמט אנטהייל אין דיא אלגעמיינע ליידען, זיא שאַפט, זיא ווירקט, ווערענד פריהער האט זיא קיין זאך ניט געטהאָן. יעצט איז זיא א ניטצליכע פער־זאָן אין דער געזעלשאפט.

דיעזער געדאנק האט פערלייכטערט איהרע שמערצען. זיא האט זיך געטרייסט דאָס דיא אָרימקייט און דיא עלענד אין וועלכע זיא לעבט יעצט איז א נאטירליכע זאך אין לעבען.

איהר ציעל מוז פון יעצט אָן זיין צו פערבעסערען איהר לאגע, צו ערגרייכען א העכערען ציעל און צוזאמלען א פערדינטען פערמעגען.

מרים האט זיך אזוי פיעל געטראכט און פאנטאזירט דאס זיא האט זיך געפונען אין א צושטאנד וועלכער איז צווישען טרוימען און וואכען. אין איהרע פערטיפטע געדאנקען האט זיא פלוצלונג דערהערט לייכטע שריט, וויא דיא שריט פון א מיידעל, וועלכע קומען נעהענטער צום שטיין וואו מרים געניסט איהר מיטאג— ברויט מיט ווארסט.

מרים האָט זיך אומגעוועגדעט און האָט מיט פריידע דערזעהן איהר פריינדין גרעטע.

— ווילקאָמען גרעטע! — האט זיא אויסגערופען. — וויא קומט איהר אַהער?

— איך האָב געוואָלט א ביסעל שפאציערען.

— וועט אייך זיין אנגענעהם מיט מיר צו געהן?

— וואס פאר א פראגע. געוויס, קומט מיט מיר.

— גרעטע, זייט איהר ניט בייז, וואס איך האב נעכטען מיט אייך ניט גע־וואלט געהן צוזאמען פון דער דרוקערייא?

— ווארום זאל איך בייז זיין? א מענש איז מאנכעסמאל אזוי ארפגעלעגט, דאס איינזאמקייט איז פאר איהם בעסער וויא דיא בעסטע געזעלשאפט. איהר זייט נעכטען געוויס געוועזן אזוי אויפגעלעגט.

— יא, מיין פריינדין. אבער דיא מינע מיט וועלכער איך האב אייך ענט־זאגט, האט אייך געוויס בעליידיגט. איך ווארזעהר אויפגערעגט.

— דאס האב איך בעמערקט. קומט דאך יעצט שפאצירען, און ערצעהלט מיר וואס איז נעכטען מיט אייך געשעהן.

— איך האב עס אייך יעצט געוואלט ערצעהלען. איהר האט מיך געווארנט פאר עליזא, אבער אזוי פערדארבען וויא זיא איז, האט איהר זיא געוויס ניט געהאלטען.

— וואס האט זיא אייך געטאהן?

מרים האט יעצט ערצעהלט אלעם וואס עס איז פארגעקומען.

— איהר האט נאטירליך דעם טייפ געמוזט צוריק ברענגען אין ארדנונג? — האט גרעטע געפרעגט.

— יא, געוויס.

— האט איהר אויסגעשפראכען אייער פערדאכט געגען עלזא?

מרים האט מיט שטאלץ אויפגעהויבען איהר קאפ.

— זאל איך ווערען איין אנקלעגערין?

— זיא פערדינט ניט אנדערש.

— דאס קען זיין. זיא וועט אבער בעשטראפט ווערען אהן מיר.

— דאס איז ריכטיג; אבער איך זאג, דאס אין דעם קאמפף אין וועלכען מיר שטעהען, מוזען מיר אליין אויסקעמפפען אונזערע רעכטע, און מיר קענען עס ניט איבערלאזען דעם שיקזאל. איהר האט דיעזע וואך זעהר וועניג פערדיענט?

— יא, מיין פריינדין.

— וועט איהר האבען גענוג דיעזע וואך איבערצולעבען?

— עס ניעבען נאך פיעלע וואס האבען וועניגער פון מיר.

— דאס איז וואהר. אבער יענע פערזאנען האבען שוין אויפגעגעבען דעם קאמפף אום דאס דאזיין. זייא געהען מייסטענס איבער פון בעטלער צו פערברע־כער, און דיא געפענגנים איז זייער ארט.

מרים האט איינגעגראָבען איהר געזיכט אין איהרע הענד און האט אויסגעשריען:

— אָה, גרעטע, וועלכע בילדער שטעלט איהר מיר פאָר?

— פון דעם ערסטען אויגענבליק וואס מיר האבען זיך בעקענט, — האָט גרעטע איהר אָנגעהויבען צו ערקלערען, — האב איך געזעהן, אז איהר געהערט צו דיא בעסטע פרויען פון דער וועלט. איך וויל ניט וויסען, אויב אייער עהרליכקייט איז אייער פערדינסט און אויב איהר וואָלט אנדערש געווען, ווען אייער וויעגעלע וואלט געשטאנען אין איין ארימער ביידעל, ווען אנשטאט פערוויגט צו ווערען מיט א ליעד, וואלט איבער אייער וויעג געקלונגען דער זיפץ פון א הונגעריגער מוטער און דער פלוך פון איין בעזאָפע עם פאטער, ווען איהר וואָלט עלענד, פערברעכען און אויסגעלאסענהייט ארום זיך געזעהן. איך פרעג ניט וועגען דיעזע אלע זאכען; איך זאג אייך נור דאס איינע, דאס עס איז וועניג, איהר זאלט אימער זיין גערעכט און עהרליך. ניין, עס איז נאך נויטהיג, דאס איהר זאלט אימער האנדלען ריכטיג, וויא אייערע אינטערעסען פאָרדערען, אום איהר זאָלט קענען אין דער צוקונפט בלייבען וויא איהר זייט יעצט.

מרים האט זיא אנגעקוקט.

— גרעטע, — האט זיא ענדליך געזאגט. — פון אייער שילדערונג איז צוזעהן, דאס איהר קענט דעם פינסטערע לעבען, וועלכען איהר האט ערסט געשילדערט, דאָך פון אייער בענעהמונג, פון אייער האנדלונג או פון אייערע ווערטער ווייזט זיך ארויס, דאס איהר האט געהאט איין ערציעהונג, וועלכע איז זעהר ווייט פון דעם שרעקליכען לעבען, וועלכען איהר קענט אזוי שילדערען.

— איהר האט רעכט, מרים, — האט גרעטע געענטפערט. - יענעם לעבען האב איך געזעהן, אבער ניט אין מיין פאמיליע, נור ביי לייטע, וועלכע זיינען אמאר געווען זעהר נאָהענט צו אונז. מיינע גוטע עלטערען האבען מיר געגעבען דיא בסטע ערציעהונג. אין מיין יוגענד האב איך ניט געוואוסט וואס ליידען הייסט, איך האב אויך ניט געוואוסט, וואס ארמוטה און עלענד איז, אָבוואָהל מען האט מיך געלערנט איך זאל מיך אננעהמען פאר דיעזע אונגליקליכע.

— זא איהר זייט אויך ניט ערצאָגען געווארען צו אייער יעצטיגער לאגע?

— ניין.

דיעזער „ניין“ האט געקלונגען הארט און אין שטרענגען טאָן; זא דאס מרים איז געבליעבען שטיל.

גרעטע האָט אָבער פּלוצלונג אָנגעכאַפּט מרים'ס האַנד און האָט געזאָגט:

— גלויבט מיר, ליעבע מרים, דאָס איהר זייט ניט דיא איינציגע וואָס איהר שיף איז אין איהר יוגענד צובראָכען געוואָרען.

— לעבען נאָך אייערע ביידע עלטערען?

גרעטע האָט אראָבגעלאָזען איהר קאָפּ. עס וואר איהר זעהר שווער צו ענט־פערען, אָבער ענדליך האָט זיא געזאָגט:

— מרים איהר האָט מיר אַלעס פערטרויט. אָבער דאָס האָט מיר נאָך ניט פערפּפליכטעט איך זאָל אייך שענקען מיין צוטרויען, דאָך פיהל איך יעצט דאס איהר פערדינט איך זאָל פאר אייך עפענען מיין הערץ, ווייל איהר ווערט מיין גע־היימניס האלטען אזוי היילינ וויא אייער אייגענע. מיין פאָטער לעבט. ער איז אָבער קיין פרייער מאַן, ער איז אין געפענגניס.

מרים האָט איהר פריינדין אָנגעקוקט מיט ערשראָקענע בליקען. אזא מיטטהייר לונג האָט זיא ניט ערוואַרטעט.

— האָט אייער פאָטער אייך ערצויגען?

— יא.

— דאַן איז אייער פאָטער קיין פערברעכער!

— איך דאַנק אייך פאר דיעזע וואָרט. — האָט גרעטע געזאָגט מיט אזא שטימע דאָס מרים האט זיא געמוזט אָנקוקען מיט פערוואונדערונג.

— יא מרים! — האט זיא נאָך א קליינער פויזע ווייטער געזאָגט. — איהר האָט רעכט, מיין פאָטער איז קיין פערברעכער. האָט איהר שוין א מאָל געהערט פון דיא אנארכיסטען.

— יא

— קענט איהר זייער ציעל?

— איך רעכען.

— אנאַרכיזמוס איז דיא פאָלע פרייהייט פאר דיא מענשען, לויז פון אלע צוואַנגען און אלע געזעצע און אַלע מנהגים.

— אָבער וואָס ווילט איהר דערמיט ערקלעהרען? — האט מרים זיא אונטער־בראָ יעכ.

— פון דיעזער פראַגע זעה איך דאס איהר האט דיא ליבעראַלע בעדייטונג פון דעם אנאַרכיזמוס ניט ערקענט. איהר האַלט זיי געווים פאר משוגעים, וועלכע גלויבען, מיט מאָרד און פייער צו ערדייכען זייער ציעל. דיא אונבעזאָנענע אנאַר־

ביסטען, וועלכע פרעדיגען איין אונענדליכע פרייהייט, וועלכע האט נור א גרענעץ אין דעם ווילען פון דער מאיאָריטעט פון גאנצען פאָלק, און פון דער צווייטער זייט ווילען זיי צווינגען דיא מאיאָריטעט זיא זאָל אָננעהמען און טהאָן וואָס דער איינ־ציגער אנאַרכיסט פערלאַנגט, און זיי גלויבען דאס יעדער איינציגער אַנאַרכיסט האט דאס רעכט צו ענדערען דיא יעצטיגע אָרדנונג דורך דינאַמיט און פייער? ניין מרים, אזא אַנאַרכיסט איז מיין פאָטער נים.

— אָבער ער איז דאָך איין אנאַרכיסט?

— יא! מיין פאָטער האט געהערט צו א געהיימען בונד, ווייל ער האט געוואָלט בעאיינפלוסען דיא מיטגליעדער מיט זיינע עדעלע געפיהלען. ער האט זיך בעמיהט קלאָהר צו מאכען דיא קעפּ פון דיא צומישטע מענשען, וועלכע האבען זיך צוזאמענגעשלאָסען אין א בונד. ער האט יענע מענשען געוואָלט בעקעהרען צו דיא אידעאַלען, וועלכע געהערען צו דעם אנאַרכיזמוס, ער האט אָבער געשטריטען געגען יענער פרייהייט אין וועלכער דיא מענשליכע בעסטיע לעבט אויף און שטרעבט מיט איין גרענצלאָזען בעגעהר נאך איהר פערלאַנגען. ניין, מיין פאָטער האט געפּרעדיגט דיא פרייהייט, וועלכע קומט פון דער מענשליכער זעעלע, דיא פרייהייט וועלכע לייזט אויס פון דיא קעטין, וועלכע מען רופט געזעץ, ווייל דער מענש ערריכט שיין אזא שטופע דאס ער דאַרף נים דיא געזעצע.

— אָבער מיין גאָט, דאס זיינען דאָך אידעאַלען, וועלכע זיינען אונמעגליך צו הערשען אונטער מענשען, ווייל מענשען זיינען נים פאָלקאָמען, און קענען נים פער־טרויט ווערען מיט אידעאַלען אליין.

— איז דאס אייער איבערצייגונג? — האט גרעטע געפרעגט?

— יא.

— דאס איז אויך מיין מיינונג. אָבער פאר א קינד פּאסט נים צו אורטהיילען איבער דעם פאָטערס אירטהום. עס קען זיין דאס מיין פאטערס פּאָליטישע מיינונג איז געווען א וואהנזין, איין אונמעגליכע זאך; אָבער דאָך וואר זיא מענשליך און נים מעהר וויא׳ אין אידעאַלע מיינונג צו וואס דיא מענשען זיינען בעשטימט. און איהר דאַרפט וויסען מרים, דאס מיין פאָטער האט געהאט אזא גוטעס הערץ וועלכע איהר געפינט זעלטען. ניע אין לעבען האט ער א מענשען עטוואס ענטזאגט ווען ער האט עס געקענט ערפילען. ער האט געקענט ליידען און דאַרבען פאר דעם צווייטען.

— און ער האט זיין פרייהייט פערלאָרען? — האט מרים מיט סימפּאטהיע געפרעגט.

— יא מרים, ער איז בערויבט פון זיין פרייהייט, פון זיין עהרע, פון זיין עקסיסטענץ, פון זיין ווייב און פון זיין קינד!

— אייער מוטער האט געמוזט ביטער ליידען ווען אייער פאטער איז פערהאפטעט געווארען.

— יא. זיא איז קראנק געווארען פון הארץ וועהטאג.

— און איהר?

— אה איך! איך האב גאנץ אנדערש געפיהלט. אבער מרים, איך וויל אייך געבען א קלאהרע בילד פון מיין פערגאנגענהייט און דארום וועל איך אייך אין קורצען ערצעהלען דיא גאנצע לעבענסגעשיכטע פון מיינע עלטערען און אויך פון מיר.

דיא צוויי מיידלעך האבען זיך יעצט געזעצט אויף א באנק אין דער פראמינאדע. עס וואר נאך פריה און קיינע שפאציר געהער האט מען נאך ניט געזעהן.

— מיינע עלטערען. — האט גרעטע טרויעריג אנגעפאנגען צו דערצעהלען. — ווארען רייך. מיין מוטער האט געבראכט איין היבשען פערמעגען פון איהרע עלטערען, און מיין פאטער, וועלכער וואר א טיכטיגער ליטאגראף האט פערדינט שעהנעס געלד.

איהר קענט זיך אלזא דענקען דאס מיין יוגענד וואר איין אנגענעהמע. איך האב גענאסען א גוטע שוהל בילדונג און מיינע עלטערען האבען זיך בעמיהט צו ענטוויקלען מיין גייסט. דא איז געקומען דער פינסטערער טאג איבער אונזער הויז. מיין מוטער האט שוין לאנג פערשטאנען און איך אליין האב אויך בעמערקט דאס מיין פאטער איז איין גאנץ אנדערער מענש געווארען.

— האט איהר געוואוסט זיינע אנארכיסטישע אידעען? — האט מרים געפרעגט.

— יא און ניין. דאס הייסט איך האב זיי געוואוסט אזוי פיעל וויפיעל מיין פאטער האט זייא ערקלעהרט פאר מיין מוטער. אבער ניט איך און ניט מיין מוטער האבען געוואוסט דאס דיעזע אידעען זיינען אנארכיסטישע. מיר האבען גאר ניט געהאנט דאס מיין פאטער איז דער מיטגליעד פון איין אנארכיסטישען קלאב.

צוויי מאל אין יעדער וואך פלעגט ער אויסגעהן אויף צוויי אבענדען. דאס פלעגט ער אבער פריהער אויך, וויל ער פלעגט ליעב האבען צו געהן פערברייגגען אייניגע שטונדען מיט זיינע פריינדע. אבער דאמאלס פלעגט ער קומען רעגעלמעסיג אום עלף אוהר נאך הויזע, וועהרענד אין דער לעצטער צייט האט ער אנגעפאנגען צו קומען פיעל שפעטער. מיר האבען ניט געוואוסט דאס נאך עלף אוהר פלעגט ער אוועקגעהן אין אנארכיסטען קלוב ביי צו וואהנען דיא געהיימע זיצונגען.

אין א געוויסען פריה מאָרגען, גראַדע אויף מאָרגען נאָך א געוויסען אבענד ווען מיין פאָטער איז געקומען זעהר שפּעט נאָך הויזע, זיינען פּאָליציסטען געקומען אין אונזער הויז און האָבען מיין פאָטער פערהאַפטעט.

מיין פאָטער איז געוואָרען בלייך, ער האט געוואָרפען א טרויעריגען בליק אויף זיין ווייב און זיין קינד און איז מיט געבראָכענע פיס ארויס פון צימער. קורץ נאָכדעם איז געמאַכט געוואָרען דער פּראָצעס און מיין פאטער צוזאמען מיט נאָך אייניגע אַנאַרכיסטען זיינען צוליעב א פאַלשען עדות פעראורטהיילט געווארען צו אכט יאָהר געפענגנים.

— און ביז יעצט האט מען נאָך דעם פאלשען עדות ניט געקענט אָבלייקענען?

— ניין.

— ווייסט איהר ווער דיעזער פּאַלשער עדות איז?

— יא. איהר קענט איהם אויך. עס איז דער דרוקער מאַטהעס.

מרים איז געוואָרען איבערראַשט. — איז דאס מעגליך? דיעזער מאַן מיט דעם זיסען געזיכט און דיא הימעל בלאָע אויגען?

גרעטע האט געלאַכט.

— דיעזע הימעל בלאָע אויגען האבען אויך מיין פאָטער גענאַרט. דאָך, ניט אומזיסט בין איך אין דיעזער דרוקעריי. יעצט קענט איהר אויך פערשטעהן וואָרום איך זאָג דאס איך קען ניט פערלאַסען דיא שטאָדט.

— יעצט פערשטעה איך.

— יא, — האט גרעטע געזאָגט און האט ארומגענומען איהר פריינדין. — מיר האבען ביידע זיך גענומען איין ציעל. מיר ביידע שטרעבען צו בעווייזען דיא שולד פון דעם שולדיגען און צו בעפרייען דעם אונשולדיגען.

— איז איער פאָטער אונשולדיג? — האט מרים געפרעגט.

— יא.

— אָבער איהר האט דאָך אליין געזאָגט אז ער איז איין אנאַרכיסט, דאס ער האט בעזוכט דיא געהיימע פערזאמלונג?

— יא, דאָס איז וואַר, אָבער וואס מאַטהעס האט געגען איהם געזאָגט וואַר ליעגען און גראַדע אויף מאַטהעס עדות האט מען איהם פעראורטהיילט.

— ווען ניט דער פאלשער עדות וואלט אייער פאָטער בעפרייט געוואָרען?

— אָה, דאס איז זיכער.

— און ווייס מאַטהעס, אז ער האט פון אייך געראויבט דעם גוטען פאָטער?

— ניין.

— דאן זייט איהר ניט פון דיעזער שטאָדט?

— וועגען מיין געבורטס שטאדט קען איך אייך ניט זאָגען. זיא איז וויים פון היער. מאטהעס האט ניעמאָלס פערקעהרט אין אונזער פאמיליע, ער האט מיך און מיין מוטער קיין מאָל ניט געקענט. ער האט נור פערשטאנען וויא איינצושמייכלען זיך ביי מיין פאטער, וועלכער האט איהם געלד געבאָרגט.

— איז ער פערהייראטהעט.

— ער האט א פרוי און זעקס קינדער. יעצט לעבט ער אבער ניט מיט זיין פאמיליע.

— אבשייליך! ער האט זיין ווייב און קינדער פערלאסען?

— ניין זיין איינענע ווייב איז פון איהם אוועק, זיא האט איהם פעראכטעט פאר זיין לומפיגע האנדלונג.

— און איהר האָפט צו בעווייזען דאס ער האט פאלש געשוואָרען?

— איך האף עס, זאָגאר ווען עס וועט נאך נעהמען א געוויסע צייט.

מרים האט איהר גערייכט ביידע הענד.

— איך דאנק אייך פאר אייער צוטרויען און איך פערזיכער אייך מיין טריישאפט. יא, איהר האט רעכט גרעטע, אונזער געשיכטע איז א גלייכע. איהר ווילט רעטען אייער פאטער און איך מיין געליבטען.

— דאס זאל אונז נור געלינגען! אך מרים, ווען איך עראינער מיך וועגען מיין אויפגאבע, דאן בעהערשט מיך א גליקליכער געפיהל, דען איך לעב און פערעהר מיין פאָטער. אָבער דאך אייער אויפגאבע איז נאך אידעאלער, צו אָפּפערען זיך פאר א געליבטען, פאר איהם צו שאפען, צו שטרעבען, פאר איהם צו וויינען גאנצע נעכט, פאר איהם צו אָפּפערען אלעס וואס א מענשען איז טהייער. דאס קען זיין אונענדליך טרויעריג אבער אויך אונענדליך זיס!

— יא, — האט מרים געזאגט. — אונענדליך זיס, יא זעהר זיס! האט איהר אויך געליבט, ליעבע גרעטע?

גרעטע האט א גאנצע מינוט געשוויגען.

— אויב איך האב געליבט? יא און ניין. ווען איך בעטראכט מיין אמאָליגען איינענעם געפיהל דאך מוז איך אויך זאָגען יא. אויב עס איז אבער וואהר דאס א ליעבע, וועלכע ווערט ניט בעענטפערט מיט ליעבע איז קיין ליעבע, דאן מוז איך זאָגען דאָס איך האב דיא אמת'ע ליעבע קיין מאל ניט געהאט.

— איז דאס שוין געוועזן לאנג צוריק.

— מיין פאטער האט געבראכט דעם שלום צו מיין ליעבע. אויב אייך איך

טערעסירט, וועל איך ערצעהלען דיא געשיכטע פון מיין יוגענד. איך פיהל דאס איהר זייט מיין וואהרע פריינדין און פאר אייך וויל איך מיין הערץ אויסרעדען.

— איך דאנק אייך פאר דיעזע ווערטער. איך בין שטאלץ אויף אייער צוטרויען, — האט מרים געענטפערט.

— איידער איך ערצעהל אייך וועגען מיין ליעבע, מוז איך אייך אויך ערצעהלען, דאס מיין פאטערס פראַצעס האט צוגענומען אונזער גאנצען פערמעגען. וואָס דער שורקע מאטהעס האָט ניט געקענט צונעהמען, דאס האט אויפגענעסען דער פראַצעס. מיין מוטער איז געוואָרען קראנק און מיר האבען געמוזט האָבען צוויי דאָקטוירים. קורץ איך וואר געצוואונגען צו פערדינען געלד און זאָ בין איך אוועק אין פאבריק און דאָן —

גרעטע האט זיך פלוצלינג אויפגעשטעלט פון באנק.

— עס ווערט שוין דונקעל! — האט זיא געזאגט. — וויא שפעט קען עס זיין?

— זיעבען אוהר.

— מיין מוטער ערווארט מיך יעצט, איך מוז געהן.

— זאָ ערצעהלט מיר דיא געשיכטע א צווייטען טאג.

— קומט מיט מיר, — האט גרעטע געזאגט, — מיין מוטער וועט זיך פרעהען אייך צו קענען.

— אבער עס איז דאך שפעט, אין דיעזער צייט קען מען דאך ניט מאכען דעם ערסטען בעזוך.

— אָה, ליעבע מרים! — האט גרעטע געענטפערט. — אין אונזערע קרייזע איז מען ניט אזוי פינקטליך. ביי אונז שפיעלט א ראָלע דאס הערץ, ניט דיא זיטע און דיא עטיקעטע. מיין מוטער וועט זיך געוויס פרעהען אייך צו זעהן. מיר טרינקען יעדען זאנטאג אבענד אונזער טהעע, וויא עס פלעגט זיך אמאָל פיהרען אין אונזער הויז. מיין מוטער וויל דיעזע געוואָהנהייט ניט אויפגעבען. קומט מיט מיר, איהר זייט הערצליך געלאדען.

מרים האט זיך ניט געקענט בעשליעסען, אָבער גרעטעס אויגען האבען זיא אזוי זיס אָנגעקוקט, דאס זיא האט ניט געהאט דאס הערץ צו ענטזאגען.

— גוט, — האט מרים געזאָגט. — איך וועל מיט אייך געהן.

— דאס פרעהט מיך. נאך דעם טהעע וועל איך אייך ערצעהלען דיא געשיכטע פון מיין געליעבטען מיין מוטער געהט פריה שלאָפען, און מיר וועלען דאָ קענען רעדען.

דיא צוויי פריינדינען האבען זיך גענומען אונטער דיא ארמס און זיינען אוועק.

נאך א אלבע שטונדע גאנג האבען זיי עררייכט גרעטעס וואָהנונג. דיא וואָהנונג איז געוועזן אויפ'ן דריטען שטאָק. זיא וואר זעהר איינפאך אבער ריין.

באלד וויא זיי זיינען אריין אין הויז, האט גרעטעס מוטער, מאדאם באלדאָף, בעגריסט איהר גאסט מיט פריינדשאפט און ליעבע.

— איך האב פון אייער שווערען שיקזאל געהערט, ליעבעס פריילין, און איך קען פיהלען, וויעפיעל איהר האט געליטען. אבער מיין פריילין, ווען ליידען און שמערץ אונטערדריקט אונז, ווען דיא פינסטערע נאכט רינגעלט אונז ארום, דאן מוזען מיר געפינען אונזער ליכט אונזער טרויסט אין אונזער אייגענער זעעלע, און אין זיך אליין מוזען מיר געפינען דיא קראפט אויסצושטעהן און צו קעמפפען געגען שיקזאל.

מרים איז גריהרט געוואָרען פון דיעזע ווערטער. זיא האט קוים איינגעהאל-טען דיא טרעהרען, וועלכע זיינען געשטאנען אין איהרע אויגען.

זיא האט בעטראכט דיא פרוי באלדאָף, וועלכע האט געהאט דעם אויסזעהן פון איין עהרענווירדיגער דאמע. דיא פרוי האט אמאָל געמוזט זיין שעהן, דאס האט מען געזעהן פון איהרע רעגעלמעסיגע געזיכטס-ציגע און אויך פון איהר שעה-נער געשטאלט. איהרע אויגען, וועלכע קוקען אזוי מילד און דונקעל, האבען אמאָל געמוזט לייכטען מיט גליק, צופריעדענהייט און ליעבע.

מרים האט מיט שווערער מיהע געקענט ענטפערען. זיא איז געוועזן צו שטארק געריהרט, אלע ליידען וואס זיא האט אין דער קורצער צייט דורכגעמאכט, זיינען פלוצלינג געשטאנען פאר איהרע אויגען און האבען זיך פערזאמעלט אויף איהר הארצען.

זיא האט ניט געדאכט פון זיך אליין. גרעטעס ווערטער האבען אין איהר אויפגעוועקט עררינערונגען וועגען איהר געליעבטען, און שטארקער וויא פריהער האָ-בען יעצט געברענט דיא שמערצען אין איהר הערצען. זיא האט פערביסען איהרע ליפען צו אונטערדריקען איהר וועהטאק.

גרעטע האט געפיהלט וואס אין מרים'ס הארץ איז פאָרגעגאנגען. זיא האט דארום אנגעפאנגען א געשפרעך איבער וועלטליכע און הייזליכע זאכען אום מרים זאָל א ווײלע פערגעסען איהר וועהטאק.

באלד איז דער טהעע געוואָרען פערטיג. דיא שפייז וואר זעהר ארם, אבער

מרים האט עס נעגעסען מיט אפעטיט, ווייל זיא האט געוואוסט, אז דאס ווערט איהר נעגעבען מיט'ן פולען הארצען.

דיא דריי האבען געטרונקען און געפלוידערט און ערצעהלט פערשיעדענע לוסטיגע געשיכטען, אום דיא טרויעריגע הערצער צו ערלייכטערען. אלע דריי האבען געהאט גענוג בילדונג און האבען גענוג געלעזען צו קענען פערברענגען איין אינטערעסאנטען אבענד.

ווען עס איז געווארען אביסעל שפעט, האט מאדאם באלדאף זיך אויפגעהויבען פון טיש און האט געזאגט:

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, פרייליין מעהרען, איך מוז געהן צו בעט. אין מיין עלטער ליעבט מען רעגעלמעסיגקייט. גוטע נאכט, פערברענגט היער מיט מיין טאכטער, זיא געהט שפעט שלאפען.

מרים און גרעטע זיינען יעצט געבליבען אליין און האבען פארטגעזעצט זייער געשפרעך. דיא צייט איז ביי דעם געשפרעך געלאפען שנעל, זא דאס דיא מיידלעך האבען זיך ערשראקען ווען דער זייגער האט פלוצלינג גענומען שלאגען עלף.

— מיין גאט, עלף אוהר און איך זיטץ נאך היער? — האט מרים אויסגעררפען. — וואס ווערט איהר פון מיר דענקען?

— אה, איך פרעה מיך וואס מיר האבען אזא לאנגע צייט אנגענעהם פערבראכט. אבער איך בין אייך עטוואס שולדיג.

— דיא געשיכטע פון אייער ליעבע?

— יא.

— איך וועל עס אייך ניט שענקען, אבער הייטע איז שוין שפעט, איך מוז מיך מיט אייך שיידען.

דיא צוויי פריינדינען האבען זיך ענדליך צוזעגענד און צושיידעט, וויא צוויי שוועסטער.

— — — — — — — — — — — — —

איינינע טעג זיינען פאראיבער אהנע עטוואס וויכטיגעס זאל פאסירען. גרעטען האט מרים זעהר ווייניג געזעהן, ווייל זיא האט געהאט געלעגענהייט צו ארבייטען שפעט און מרים האט געוואלט אניאגען דעם שאדען וואס זיא האט געהאט אין דער לעצטער וואך.

זיא פלעגט ביז ניין אוהר ארבייטען אין דער דרוקעריי און דאן פלעגט זיא בלייבען זיצען צו הויז אום צו ברענגען אין ארדנונג איהרע וועש און צו מאכען זיך פערטיג צו איהר רייזע נאך בערלין.

— וויא וועט זיין ווען פרוי ענגעל וועט פאר מיר קיין שטעלע ניט געפינען ?— האט זיא זיך אָפט געפרעגט.

מרים האט אייניגע פלענער געמאכט, אָבער עס איז איהר קיין זיכערער פלאַן ניט איינגעפאלען. זיא האט זיך אין גאנצען געוואָלט פערלאסען אויף איהר שיקזאל.

באלד איז געקומען דער לעצטער זאָנאבענד ווען זיא מוז אנקינדיגען איהר ווירטה דאס זיא וועט איהם פערלאסען. וועט זיא ביז יענעם טאָג ערהאלטען א נאכריכט פון בערלין ?

פרייטאָג פריה, איז מרים אויפגעשטאנען פון איהר געלעגער וואו זיא האט פערבראכט א שלאפלאזע נאכט. זייט זיא ארבייט אין פאבריק איז זיא נאך קיין מאָל ניט געווען אזוי אונרוהיג וויא הייטע. זיא האט זיך געפיהלט אזוי פערלאסען, אזוי אונזיכער, אזוי ארם, ניט נור אין קערפער, נור אויך אין איהר זעעלע און אין איהר גייסט.

אויף דיא טרעפ האט זיא בעגעגענד איהר פריינדין גרעטע און האט איהר מיטגעטהיילט איהר צושטאנד.

— האט איהר דיעזע נאכט ניט געקענט שלאָפען ?— האט גרעטע געפרעגט.

— דיא זאָרגען לאָזען מיד ניט שלאָפען.

— אָה מרים, דאס איז אומזיסט. אין אונזער צושטאנד גיט נור איין מיטעל, נעמליך צו בעדענקען זיך וואס צו טהאן און דאן צו ארבייטען ענערגיש. האט פרוי ענגעל אייך פערשפראָכען צו געבען נאכריכט ?

— אין אייניגע טעג.

— דיא זיינען שיין פאָראיבער. וואָרום זאָלט איהר ניט געהן פרעגען ? געהט הייטע צו דער פרוי און גיט זיא צו פערשטעהן דאס איהר ווילט ניט געבען אייער געלד אומזיסט.

— איך וועל אייך פאָלגען. איך וועל צו איהר געהן.

אלס דיא מיטאגס שטונדע איז געקומען איז מרים אוועקגעלאָפען צו דער מעקלערין.

— אָה, עס איז גוט פריילין, וואס איהר זייט געקומען ! — האט פרוי ענגעל זיא בעגריסט.

— וואָס הערט זיך וועגען מיין שטעלע ? — האט מרים געפרעגט.

— איהר זייט געקומען צו דער רעכטער צייט. איך האב אייך געוואָלט שריי־בען. אָה, האב איך פאר אייך א שטעלע ! איהר האט גליק פריילין מעהרען.

מרים האָט זיך געמוזט בעהערשען זיא זאָל ניט אויסשרייען פון פריידע.

— וואו? — האט זיא קורץ געפרעגט.

— אין בערלין.

— ביי וועלכער פירמא?

— היינריך שמידט, קאנפעקטען געשעפט. קיין בעסערע שטעלע דארפט איהר זיך ניט ווינשען.

— און דאס געהאלט?

— פיערציג מארק.

— דאס איז ווענינ.

— אזוי מיינט איהר? — האט פרוי ענגעל געפרעגט מיט אנגעשטעלטע אויגען. איך זאג אייך, אז עס איז גראדע גענוג פאר איין אנפאנגערין. יעדענפאלס וועט איהר קריגען פערגרעסערט אייער לאהן אזוי שנעל וויא איהר וועט ווערען אביסעל געניטער אין געשעפט.

— וואו איז דאס געשעפט?

— לייפציגער שטראסע. איך וועל אייך שוין געבען דיא ריכטיגע אדרעסע. ווען דענקט איהר צו זיין פערטיג צו דער רייזע?

— זאנאבענד דעם ניין און צוואנציגסטען סעפטעמבער.

— זעהט איהר דאס קומט גראדע גוט אויס. מאנטאג דעם ערשטען אקטאבער זאלט איהר אהין אנקומען. איהר קענט זאנטאג מאבען דיא רייזע און זיך אביסעל ארומזעהן איידער איהר טרעט אריין אין געשעפט.

— וואס בעקומט איהר דערפון? — האט מרים אין א געשעפטס מאן געפרעגט.

— וואס איך האב געזאגט. איהר מוזט עס מיר אבער פינקטליך צאהלען.

— דארף איך זעלבסט אהין שרייבען?

— דאס איז ניט נויטהיג, נור ווען איהר ווילט קענט איהר עס טהאן. שאדען וועט סע ניט.

מרים האט גענומען דעם בריעף פון בערלין, האט בעדאנקט און איז אוועק. שנעל, מיט גרויסער אויפרעגונג פון פריידע איז זיא געלאפען צוריק צום פאבריק.

אויף דיא טרעפ איז געשטאנען גרעטע.

— וויא גוט וואס איך האב אייך געטראפען! — האט מרים ענטציקט געשריען.

— איך ווארט דא אויף אייך.

— אה, דאס איז פון אייך שעהן. דאס בעווייזט מיר נאך אמאל וואס פאר איין אנטהייל איהר נעהמט אין מיר.

— האט איהר א נאכריכט?

— יא.

— גוטע?

— הייר איז דער בריעף פון בערלין, דאס איז דער בריעף פון דער פירמע, לעזט איהם.

גרעטע האט שנעל דורכגעלעזען דעם אינהאלט פון בריעף, דאן האט זיא גע־רייכט איהר פריינדין דיא האנד.

— איך גראטוליר אייך פון גאנצען הערצען, — האט דיא שעהנע פריינדין מיט פריידע געזאגט.

— איך דאנק אייך פון הערצען.

— זעהט איהר, הייטע פריה זייט איהר געוועזן אונרוהיג. דער מענש דארף ניט פערצווייפלען. וועט איהר אהין שרייבען?

— יא.

— דאס איז גוט. איך וואלט אייך נאך עטוואס ראטהען.

— וואס?

— איהר שרייבט דאך פראנצויזיש און ענגליש. שרייבט אויף אייער בריעף אין דייטש און לעגט צו איין איבערזעצונג אין דיא צוויי שפראכען. איהר זייט דאן זיכער צו האבען א גוטען עמפפאנג.

— איהר האט רעכט. אך, גרעטע. שוין איינינע מאל האט געשוועבט דיא דיא פראגע אויף מיינע ליפען, אבער יעצט מוז איך מיט איהר ארויס. אייער פריינד־שאפט און סימפאטהיע פערשטעה איך, דאס איז מענשליך און מען קען עס פון מענשען ערווארטען. איהר אבער זייט צו מיר מעהר וויא א פריינדין, איהר זייט אימער בערייט צו געבין מיר דעם בעסטען ראטה און צו העלפין מיר אין אלעס.

גרעטע האט אראפגעלאזען איהרע ברעמען, זא דאס דער בליק איז געפא־לען אויף דער ערד. דאס פלעגט זיא אימער טאהן ווען איהר גייסט וואר בעשעפ־טיגט מיט איין אידעע.

— אייער פראגע איז לייכט צו ענטפערען. — האט גרעטע געענטפערט. — ווען איך סימפאטהעזיר מיט איינעם איז פאר מיר וועניג דיא געוועהנליכע סימפאטהיע, זאנדערען איך שטרעב עטוואס צו טהאן, פאר איהם עטוואס צו לייסטען. איך ווענדע פאר איהם אן אלע מיינע קרעפטין.

מרים האט קיין צייט ניט געהאט צו בעדאנקען איהר פריינדין, דען דאס האט געשלאגען איינס און זיי ביידע האבען געמוזט לויפען צו דער ארבייט.

אין דיעזען טאָג זיינען מרים'ס הענד ניט געגאַנגען ביי דער ארבייט.

זיא וואר צו שטאַרק אויפגערעגט. זיא שטעהט יעצט ווידער פאר א נייעם וועג און ווייס ניט וואס אויף דער נייער וועג וועט איהר בעגעגנען.

צווישען אלע איהרע געדאַנקען האט איהר אויך געפלאָגט דער געדאנק וועגען איהר געליבטען. זיא האט פון איהם גאָר נישט געהערט. זיא האט זאָגאר ניט געוואוסט אין וועלכען געפענגניס האט מען איהם פערזעצט.

דיא פאָרשטעלונג וואס פאַר א ליידען איהר געליעבטער פראַנץ מוז אויסשטעהן און דיא אייזערנע איבערציינונג וואס זיא האט געהאט אין זיין אונשולד האבען אזוי דורכגעלעכערט איהר הארץ דאס זיא האט זיך געפיהלט נאָהענט צום אונמאַכט.

זיא האט דאָך פערלאסען דעם גראַזס פאַלאסט מיט דעם פעסטין בעשלוס צו ארבייטען פאר איהר געליבטען'ס בעפרייאונג און יעצט מוז זיא זיך מודה זיין דאס זיא האט קיין זאַך פאר איהם ניט געטהאָן.

זיא האט זיך געשעמט פאר זיך אליין.

אָבער האט זיא עטוואס געקענט טהאָן? איז זיא דען ניט געווען געצוואונגען אָבצוגעבען איהר גאַנצע קראַפט און איהר גאַנצען זינען און האַנדלען אום צו פערזיכערן זיך איין עקסיסטענץ.

יא, מרים האט ניט געקענט האַנדלען אַנדערש וויא זיא האט געהאַנדעלט. אָבער דערפאר איז פאר איהר געקומען גאַנץ ערנסט דיא פראַגע: וואָס זאָל זיא טהאָן אום זיא זאָל קענען האבען צייט און קראַפט צו ערפילען איהר פפליכט, איהר הייליגע פפליכט צו איהר געליבטען?

מרים האט זיך יעצט ערא͏ינערט אויף דיא לעצטע שטונדען וואס זיא האט דורכגעמאַכט אין גראַף'ס הויז. האט זיא ניט צו שנעל אויפגעגעבען אלעס? איז זיא ניט צו פריה אַוועק פון דער הויז וואו זיא האט זיך ערצויגען? האט זיא ניט צו איבערהייליג אָבגעגעבען דעם שטאַלץ צו וועלכען זיא וואר בערעכטיגט? וואָלט פיעללייכט געווען בעסער זיא זאָל בעקעמפפען דיא געפיהלען פון איהר הארץ און בלייבען אין ערציהערס הויז, וואו דיא פעדים פון פינסטערען פערברעכען און שרעקליכען בלבול זיינען צוזאמענגעוועבט?

דאס איז זיכער געווען א פערזעהן, אָבער יעצט איז דאָס שפּעט צו פערריכטען. זיא האָט פערלאסען יענעם הויז און קען זיך מעהר אהין ניט אומקעהרען!

זיא האָט יעצט פאר זיך איין נייען וועג, אייף דיעזען וועג מוז זיא געהן פאָרווערטס אום צו האבען מיטלען און צו פערזאָרגען איהר עקסיסטענץ, דען זיא האָט

נעוואוסס, דאס זיא קען ניט אונטערנעהמען דעם קאמפף פאר איהר געליבטען'ס בעפרייאונג ביז זיא האט איין רוהיגע מינוט פון דער לעבענס פראגע.

ועט אבער דער נייער וועג פיהרען זיא צו איהר ציעל? וועט זיא אין בערלין געפינען איהר גליק? זיא האט דאך אזעלכע מעלות, וועלכע פעהלען דיא מייסטען מיידלעך פון איהר קלאס; אבער אזוי וויא זיא האט ניט געוואוסט דעם לעבען אין בערלין און דאס לעבען פון דיא דארטיגע ארבייטער מיידלעך זא האט זיא זיך געוויגט צווישען פורכט און האפנונג.

אין אזעלכע געדאנקען איז אוועק דער טאג, און ווען דער אבענד איז געקומען האט זיא געזעהן דאס זיא האט זעהר ווייניג אויפגעארבייט. דאס האט איהר זעהר פערדראסען, זיא האט זיך אבער געטרויסט מיט דער האפנונג צו ארבייטען מארגען פלייסיגער, און מיט דיעזען בעשלוס איז זיא אוועק נאך הויזע.

דיא ווירטהין האט זיא אויפגענומען בייז. דיא אלטע האט עס איהר ניט געקענט פערצייען ווארום זיא האט יענעם עלעגאנטען און רייכען הערן זאגאר ניט געוואלט אנקוקען. זיא אליין האט דורך מרים'ס שטאלץ פערלארען א גוטען פערדיענסט און דארום האט זיא געזוכט אלע מעגליכקייטען צו פערביטערען דער מיידעלס לעבען

— איהר זייט הייטע שפעט, מרים, האט איהר וויעדער געארבייט אזוי לאנג?

— נאטירליך.

— נו, ווער קען עס גלויבען! הא, הא, הא, מיר פערשטעהען עס בעסער. איהר זייט נאך א יונגעס מיידעל און עס געהט מיר ניט אן וואס איהר טהוט, איין זאך מוז איך אייך זאגען, דאס איהר מוזט מיין הויז האלטע ריין.

מרים איז געוועזן צו אונערפאהרען און זיא האט ניט פערשטאנען דיא גאנצע בעדייטונג פון דיא לעצטע ווערטער.

— וואס מיינט איהר דערמיט? — האט זיא געפרעגט נאאיוו.

— וואס איך מיין ווילט איהר וויסען? נא איהר קענט זיך מאכען פאר א היילינע אונשולדינע זאך. נו ווען איהר ווילט עס דורכאויס וויסען מוז איך אייך זאגען, עס האנדעלט זיך וועגען דעם: זאנאבענד איז געקומען יענער פיינער הערר, און איך האב איהם געזאגט דאס ווען איהר ווילט דאס פריילין בעזוכען ביי טאג האב איך ניט דאגעגען, דיא טהיר פון אהיר צימער מוז בלייבען אפען. אבער אבענד'ס אדער ביי נאכט טאהרט איהר ניט קומען, וויל מיין הויז מוז ריין בלייבען.

— איך האב גענוג! — האט מרים אויסגערופען. — איך פערשטעה יעצט

גוט וואס איהר האט געמיינט, אבער איך קען אויף קיין פאל ניט פערשטעהן וויא אזוי איהר ערלויבט זיך צו זאגען מיר אזעלכע ווערטער?

— יא ליעבעס פריילין!...

— שווייגט פארלויפיג — האט מרים מיט איהר גאנצען שטאלץ בעפאהלען.

— יעצט רייד איך. איהר פירכטעט פאר אזעלכע זאכען צו וועלכע איך האב אייך קיין אורזאכע ניט געגעבען. אבער אום אייך צו בערוהיגען, זאג איך אייך דאס איך ציה ארויס פון אייער הויז!

— וויא איהר ווילט זיך. איך וועל שוין האבען ווער עס זאל פערנעהמען אייער פלאטץ. ווען ציהט איהר ארויס?

— אייך רייז אב זאנטאג דען 30טען סעפטעמבער.

— מיין גאט, פאהרט איהר פיעללייכט נאך בערלין?

מרים האט איהרווירטהין אנגעקוקט.

— יא נאך בערלין איז מיין אבזיכט.

יעצט האט דיא פרוי געגומען לאכען מיט אלע קרעפטען.

— נאך בערלין ווילט איהר פאהרען! וויא? נאך בערלין? און איהר שפיעלט מיר נאך א קאמעדיע? און מיך מיינט איהר צו נאררען? נא איך זאג אייך— אז איהר האט מיך ניט גענארט, איך האב מיר גלייך געדאכט דאס אזוי בראוו און אזוי עהרליך קען א מיידעל אין הייטיגע צייטען גאר ניט זיין.

— פרוי שולצע איך בעט אייך! — האט מרים אויסגעשריען צו איהר ווירטהין.

— אה, וואס קאכט איהר זיך דא? ווילט איהר פיעללייכט לייקענען דאס איהר האט געשפיעלט א קלוגע קאמעדיע? דער יונגער מאן מיט דעם בראסלעט פאהרט אויך נאך בערלין. נא, איך ווינש אייך גליק און פערגניגען.

ביי דיעזע ווערטער האט זיך דיא ווירטהין צולאכט אויפ'ן גאנצען קול און איז ארויס פון הויז.

האלב פעררירקט האט מרים געקוקט צום טהיר.

— איז דען מעגליך א מענש זאל זיין אזוי בייז, אזוי פערדארבען און אזוי ניעדערטרעכטיג! וויא אזוי האט דיא ווירטהין געקענט וואגען מיך אזוי צו פערדעכטיגען און בעליידיגען?

דאס וואר מרים'ס געדאנק ווען דיא ווירטהין האט זיא פערלאסען. זיא האט געזוכט אויף דעם איין ערקלעהרונג אבער זיא האט עס ניט געקענט געפינען. פון גרויס שמערצען האט זיא פערביסען איהרע ליפען און האט זיך צרוויינט.

זיא וואר פריהער בעשלאָסען צו שרייבען, אבער יעצט איז זיא געווען צו שטארק אויפגערעגט און האט איהרע געדאנקען ניט געקענט צוזאמען נעהמען. זיא האט געעפענט דאס פענסטער, א קאלטער הערבסט ווינד האט בעגריסט איהר געזיכט. דאָס האט איהר אביסעל בערוהיגט און זיא האט זיך דאך געזעצט און האט פערפערטיגט דעם בריעף צו היינריך שמידט, אין בערלין.

עס איז געוואָרען שפעט ביז זיא האט פערטיג געמאכט דיא איבערזעצונגען אין פראנצויזיש און ענגליש, דאך האט זיא דעם בריעף אוועקגעטראָגען אויף פּאָסט. מרים האט איבערהויפּט ניט געוואוסט וויא שפּעט עס איז געווען. זיא האט איהר גאנצען צירונג צוזאמען מיט איין טהייערע אוהר געלאָזען אין גראף'ס הויז, ווען זיא האט דאס הויז פערלאסען. זיא האט בלויז מיטגענומען א רינג וועלכען דער גראף האט איהר געשאָנקען צו איהר געבורטסטאָג.

דיא לופט האט איהר געשטארקט. אין דיא גאסען וואר שוין שטיל און דיעזע איינזאמקייט האט זיא נאך מעהר בערוהיגט.

דער וועג צום פּאָסט האט געפיהרט פאָרביי סימענס דרוקעריי. פינסטער וואר יעצט אין גאנצען הויז. דיא גאנצע ארבייט האט דארט יעצט אויפגעהערט.

— נור נאך אכט טאָג, — האט מרים געמורמעלט -- דאן פאנגט זיך אָן איין נייער טהייל אין מיין לעבען.

אין דיעזען אויגענבליק איז פאָרביי איהר איבערגעלאָפען א יונגע פרויענצימער. אָבוואָהל עס וואר קיין גאנץ ליכטיגע נאכט, דאך האט מרים זיא ערקענט. עס וואר אננא זיעבעל איהר געפעהרליכע פיינדין.

זייט דיא לעצטע דריי וואָכען איז אננא געקומען אלץ זעלטענער און זעלטענער צו דער ארבייט, און צוריק מיט אכט טאג האט זיא דיא ארבייט אין גאנצען ענטזאגט. פון וואָס לעבט זיא ? מרים'ס געזיכט האט זיך אָנגעצונדען ביי דיעזען געדאנק. זיא האט עס געוואוסט, גאנץ אויסבורג האט געוואוסט, דאס אננא זיעבעל האט זיך פערקויפט צו א רייכען העררע, וועלכער שיט איהר אָפּ מיט געלד און פּרעזענטען.

פערקויפט ? — מרים האט דאס ניט געקענט פערשטעהן. זיא האט גענומען פיהלען דאס דאָ איז עטוואָס אנדערש וויא פערקויפטע ליעבע. זיא האט גענומען רעכענען דאס אננא'ס געלד, אננא'ס פאלשע צייגניס געגען פראנץ שטאנד מוז האבען א פערבינדונג מיט דיא ערמאָרדונג פון איהר ערציהער און בעשיצער.

אבער וויא אזוי איז דיעזע פערבינדונג געמאכט געוואָרען. וויא געפינט מען דאָס אויס?

רים האט שוין אָפט דעריבער נעדאַכט און צוויי פונקטען זיינען איהר געשטאַנען צום בעוויז.

ערסטען איז מענצעל געוועזן דער גוטער מאַן, וועלכער האט פערשאַפט פראַנץ'ן די שטעלע אין מינבען און האט פון איהם געפאָדערט ער זאָל נאך מינכען פאָהרען, גראַדע אין דער נאַכט ווען דער גראַף פאָן מעהרען איז ערמאָרדעט געוואָרען.

צווייטענס, איז אַננאַ זיעבעל, וועלכע איז אויפגעטראָטען אלס עדות געגען פראַנץ'ן גראַדע געוואָרען מענצעלס געליעבטע.

אויך יעצט האט מרים דיעזע צוויי פונקטען בעטראַכט און זיא איז געקומען צום בעשלוס דאס ניט נור אַננאַ, נור אויך מענצעל איז פעראינטערעסירט אין דעם מאָרד און דיא פאַלשע בעשולדיגונג אויף איהר געליעבטען.

מרים האָט יעצט איינגעזעהן דאס עס האט בעדאַרפט זיין איהר אויפגאַבע צו בעאָבאַכטען דיעזען מענצעל אויף שריט און טריט, אויסצוגעפינען וואס ער טהוט און וואָס ער טראַכט. אָבער דיעזעס קען זיא דאך ניט אויספיהרען, ווייל זיא מוז פאָהרען נאך בערלין אום צו פערדיענען איהר טעגליכען ברויט. דען ווען זיא זאָל דאָ בלייבען מוז איהר גאַנצער קאַמפף פערלאָרען געהן פאר א שטיקעל ברויט.

מיט דיעזע געדאַנקען האט מרים געבראַכט דעם בריעף אויף פאָסט און איז געקומען צוריק צו איהר הויז. זיא האט דיא טהיר געוואָלט עפענען, אָבער דיא טהיר וואר פערשלאָסען און זיא האט ביי זיך קיין שליסעל ניט געהאט.

וואָס זאָל זיא טהאן?

דאס גאַנצע הויז וואר פינסטער זאָל זיא אָנקלינגען?

ענדליך האט זיא זיך דערצו בעשלאָסען. זיא האט אָבער געקלונגען און געקלונגען און קייגער האט זיך ניט געלאָזט זעהן און ניט הערען.

אין א פיערטעל שטונדע שפעטער האט זיא ווידער געקלונגען ביז זיא האט עס אויפגעגעבען ווייל זיא האט זיך איבערצייגט דאס עס איז גאַנץ אומזיסט.

מיט אונרוהיגע שריט איז זיא ארומגעגאַנגען אַהין און צוריק. זיא האט געהאָפט דאס איין הויז-בעוואוינער וועט באַלד אנקומען מיט א שליסעל, אָבער אויך דיעזע האָפנונג וואר אומזיסט. עס וואר שוין האלבע נאַכט און קיינער איז נאך אלץ ניט געקומען.

— מיין גאָט, האט זיא געזיפצט, וואָס זאָל איך יעצט טהאן. איך קען דאך ניט בלייבען אין גאַס.

א נאַכטוועכטער איז אָנגעקומען. ער האט דערזעהן וויא מרים געהט ארום צוועקלאָז אַהין און אהער און ער האט זיא א לאַנגע צייט בעטראַכט.

דאן איז ער צו איהר צוגעגאנגען.

— וואס זוכט איהר דא פרייליין ? — האט ער

— איך וואוין אין דיעזען הויז.

— וויא איז אייער נאמען ?

— מרים מעהרען.

— ביי וועמען וואוינט איהר ?

— ביי פרוי שולצע.

— קענט איהר אין הויז אריין ?

— ניין.

— אבער איהר מוזט אריין אין הויז. אין נאס קענט איהר דאך ניט בלייבען.

— איך האב שוין אייניגע מאל געקלונגען אבער קיינער האט ניט געעפענט. איך ווארט פיעללייכט וועט איינער קומען מיט א שליסעל.

— דאס איז ניט מעגליך, — האט געזאגט דער הויז-וועכטער, וועלכער וואר ערסט דריי טעג אויף זיין פאסטען און האט דארום געהערשט אויף זיין אמט זעהר שטרענג — ווארום האט איהר קיין שליסעל צום הויז ?

— איך האב דעם שליסעל פערגעסען.

— דאן האט איהר זיך ניט בעדארפט ארומטרייבען אזוי שפעט אין נאס. עס איז שוין האלב איינס.

— זייט עלף אוהר שטעה איך דא. איך האב מיך ניט ארומגעטריבען ! — האט מרים מיט איהר שטאלץ געענטפערט.

— וואס ווילט איהר טהאן ?

— איך מוז ווארטען.

— היער אויף דער שטראסע ?

— יא.

— דאס געהט ניט. ווען איך קום אהער וויעדער און געפין אייך דא מוז איך אייך פערהאפטען.

מיט דיעזער ווארנונג איז דער וועכטער אוועק זיין וועג. מרים איז געוועזן נאה־הענט צו פערצווייפלונג. וואס זאל זיא טהאן אום אויסצו־וויכען דיא געפאהר.

זיא האט געקלונגען נאך אמאל, אבער דאס וואר אויך אומזיסט און זיא האט דארום פערלאזען דיא גאס. זיא האט זיך פעסט בעשלאסען צו פערברענגען

דיא נאכט הינטערען שטאָדט אויפ'ן פרייען פעלד, ווייל לעבן הויז האט זיא ניט גע־קענט, דער נאכטוועכטער וועט זיא זיכער פערהאַפטען.

אין לעצטען אויגענבליק איז איהר אריינגעקומען א געדאנק.

נאך איינס אוהר געהט דער צוג נאך מינכען. ווען זיא וועט דיעזען צוג בענוצען און וועט זיך נאכדעם מיט דעם צוג צוריקקעהרען וועט זיא אויסווייכען דיא געפאהר פון דער פּאָליציי און וועט אויך קענען אביסעל דרעמלען אין וואגאָן.

מיט שנעלע טריט איז זיא געלאָפען צום וואָגזאל, וואוהין זיא איז רעכטצייטיג אנגעקומען.

— דריטע קלאסע, מינכען! — האט זיא געזאָגט צום קאסיר אין א האסטען טאָן.

— הין און צוריק?

— יא.

— ביטע דאָס געלד.

א לייזער געשריי האָט זיך אויסגעריסען פון איהרע ליפען. מרים האט זיך יעצט ארומגעזעהן דאָס זיא האט דאס געלד געלאָזען אין הויז.

— נון? — האט דער בעאמטער פערוואונדערט געפרעגט.

— איך האב קיין געלד ביי מיר.

— דאן קענט איהר נאטירליך ניט פאָהרען. איז אייער הויז וויי[illegible] פ[illegible]יער? אין צעהן מינוטען געהט אָב דער צוג.

— ווען געהט דער נעכסטער צוג?

— מאָרגען פריה אום 6 אוהר.

מרים האט אראָבגעלאָזען איהר קאָפּ, אויך דיעזער מיטעל איז איהר ניט גע־לונגען. ניעדערגעשלאגען האט זיא צוריקגעטראָטען און האט זיך פערמישט צווישען פּובליקום.

יעצט איז דער קוריער צוג אנגעקומען. פון א וואגאָן איז ארויס איין איינצי־גער פּאסאזשיר. מרים האט איהם באלד ערקענט.

עס וואר מענצעל. זיא האט גענומען ציטערען. ערסט ניט לאנג האט זיא פון איהם געדענקט און יעצט שטעהט ער פּלוצלונג פאר איהר. אויך ער האט זיא ערקענט און האט פאר איהר אראָבגענומען זיין הוט.

— גנעדיגע גרעפין! — האט ער צו איהר געזאָגט, און זיא האט נאך מעהר גענומען ציטערען.

— איך חיים מרים מעהרען. — האט זיא איהם געענטפערט אין א שטילען טאָן.

— אָבער ניט פאר מיר! — האט ער זיא באלד איבערגעשלאָגען.

— איך בי״טע זעהר מיין העררר, איך מאַך קיין אנשפרוך אויף דיעזען טיטעל. איהר ווייסט עס גוט.

— נון, וויא איהר ווינשט, פריילין. איהר ווייסט דאך דאָס דער פערשטאָר־בענער גראף איז מיט מיר געשטאַנען אין געשעפטליכער פערבינדונג, און פון יענער צייט האָב איך דיא עהרע אייך צו קענען. דארף איך פרעגען וואס אייך האט אהער געפיהרט!

— מרים האט אראָפּגעלאָזט איהר קאָפּ.

זיא האט דיעזען העררן ניט געקענט ליידען פון דעם טאָג וואס ער איז אלס געטריידע הענדלער געוועזן אין דעם גראף׳ס וויללע. אָבער צייט זיא האט אָנגעפאַנ־גען צו דענקען, דאס ער איז פערמישט אין דעם גראף׳ס טויט האט זיא איהם נאַטירליך נאָך מעהר ניט געליטען.

פון דער אַנדער זייט שטעהט זיא יעצט דאָ גאַנץ עלענד און איז אין דער געפאַהר פון דער פּאָליציי ארעסטעט צו ווערען. פיללייכט קען מענצעל איהר געבען א ראַטה, אויך איזדאָך זעהר ניט קלוג דיעזען מאַן קיין אנטוואָרט צו געבען.

— איך האָב געוואלט פאָהרען נאָך מינכען. — האט זיא אָנגעפאַנגען, וויא איין איינלייטונג (הקדמה).

— אָה, דאַן מוזט איהר זיך איילען. האט איהר שוין א בילעט?

— ניין. — האט זיא געענטפערט. — אלס איך האָב דעם בילעט געוואָלט נעהמען האָב איך ענטדעקט דאס איך האָב ביי זיך קיין געלד.

— אָה, דאַן ביטע...... און העררר מענצעל האט זעהר שנעל ארויסגענומען געלד פון דער טאַשע; אָבער אין דיעזען אויגענבליק האט זיך דערהערט דער סיגנאַל און דער צוג האט זיך גענומען ריהרען פון אָרט.

אה וועה! — האט מענצעל געזיפצעט. — יעצט איז דאָס צו שפּעט, און איהר האט געוויס א וויכטיגען געשעפט אין מינכען.

— דאס ניט! — האט מרים געענטפערט.

ניין? דאַן קענט איהר דאָך פאהרען מיט דעם פריה־צוג. איהר וועט דאָך מיר געוויס ערלויבען איך זאָל אייך בעגלייטען ביז צו הויזע?

מרים האט קיין וואָרט געענטפערט.

איהר פערלעגענהייט איז געוואקסען מיט יעדע סעקונדע. זיא האט דאך ניט געהאט דעם מוטה צו שילדערין דיעזען מאן איהר ריכטיגע לאגע.

ענדליך האט זיא זיך געפאסט.

— איך קען ליידער ניט אריין אין מיין הויז און...

— אך, איהר האט פערגעסען דעם שליסעל.

— יא, און אום דיא צייט צו פערברייננגען האב איך געוואלט פאהרען נאך מינכען.

— און דא האט איהר ענטדעקט דאס איהר האט ביי זיך קיין געלד. אה דאס איז שלעכט. וואס דענקט איהר יעצט צו טהאן?

מרים האט געשוויגען.

— היער קענט איהר ניט בלייבען. דער רעסטאראנט אין דעם וואקזאל ווערט יעצט געשלאסען. עס ווערט בלויז געעפענט אויף א קורצע צייט אום דריי אוהר ווען עס קומט דער צוג פון מינכען. נאך הויזע קענט איהר אויך ניט געהן.

— ליידער! — האט מרים געזיפצט.

— קאפע הייזער און האטעלען זיינען אויך שוין געשלאסען. הא... ווען איהר וואלט מיר ערלויבט א פארשלאג — —

מרים האט איהם אנגעקוקט מיט פראגענדע אויגען.

— איך האב איך שוין פריהער עראינערט אויף דיא געשעפטען וואס אייער אנקעל, איך מיין וואס דער גראף האט מיט מיר געמאכט. איהר האט דעם גראף געקענט, איהר ווייסט דאך ער האט געהאנדעלט נור מיט עהרענמענער, ער האט נור פערקעהרט מיט א מאן וואס פערדינט פאלען צוטרויען. ווילט איהר אויך מיר אייער צוטרויען שענקען?

— וואס מיינט איהר?

— פריילין, איהר זעהט דאך אליין דאס איהר קענט ניט בלייבען אויף דער שטראסע.

— און דאך האב איך קיין אנדער פלאן.

— יא, אבער דיא געפאהר פערהאפטעט צו ווערען?

— דאן ווער איך מארגען בעפרייט.

— אויף דארט זייט איהר ניט זיכער. ווילט איהר ווירקליך דיא שאנדע.

— דאס איז ש־עקליך! — האט מרים געמורמעלט.

— דאן נעהמט מיין פארשלאג, קומט מיט מיר!

— מיט אייך? — האט מרים געפרעגט און האט געמאכט א שריט צוריק.

— יא.

— וואוהין? — האט זיא שארף געפרעגט.

— אין מיין וואהנונג. אה, איהר דארפט ניט פירכטען, דאס איז דאך זעלבסט פערשטענדליך. דאס קיינער וועט אונז ניט זעהן, און אויף מיין עהרליכקייט קענט איהר זיך פערלאסען.

מרים האט צו ערסט ניט געוואוסט וואס זיא זאל זאגען, וואס זיא זאל דענקען? מענצעלס פארשלאג האט איהר געשיינט צו זיין שרעקליך, און דאך האט זיך ביסלעכוויים צו איהר אריינגעגנב'ט דער געדאנק, דאס ווען זיא וויל זיך פערהיטען פון איין ארעסט האט זיא קיין אנדער וועג.

— נון ווילגט איהר איין?

— אבער הערר מענצעל... וויא קענט איהר... וויא קען איך דאס זאגען?...

— איך קען אייך נאטירליך ניט צווינגען; נור אויב איהר זייט פערנינפטיג דארפט איהר פאלגען מיין ראטה. מיין וואהנונג בעשטעהט פון איינע צימער און איינעם וועל איך אבגעבען פאלשטענדיג אין אייער האנד.

אלם מרים האט זיך נאך ניט געקענט בעשליסען האט מענצעל איהר געשילדערט אין דיא טרויעריגסטע פארבען, וואס איהר ערווארטעט, ווען זיא וועט אריינפאלען אין פאליצייא הויז. עס האט איהר געשוידערט ווען ער האט איהר פארגעשטעלט, דאס זיא וועט א נאכט מוזען פערברייננגען אין פאליציי הויז צווישען פערברעכער און אויסוואורפען.

נאך א לאנגען אינערליכען קאמפף האט מרים איינגעוויליגט אנצונעהמען זיין פארשלאג.

זיא האט עס געטהאן מיט א שווערער הארץ און וועהרענד זיא איז געגאנגען ביי מענצעלס זייט, וועלכער האט זעהר גאלאנט אנגעבאטען זיין ארם אבער אהן ערפאלג, האט זיא איינינע מאל געדענקט אומצוקעהרען זיך פון וועג און פערלאזען זיך אויף איהר שיקזאל.

מענצעל האט דאס בעמערקט אין ער האט געזוכט אבצוהאלטען איהר פון דיעזע געדאנקען דערמיט, וואס ער האט מיט איהר אנגעפאנגען א נייען געשפרעך. ער האט איהר ערצעהלט פון זיינע פערבינדונגען מיט דעם גראף און דערבייא האט ער פערשטאנען צו לויבען דעם טויטען מיט אזעלכע שעהנע ווערטער דאס מרים האט אין גאנצען פערגעסען דעם ציעל פון איהר וועג. אלע איהרע געדאנקען ווארען יעצט פאל מיט איהר ערציהער.

מרים, האט צופעליג געוואוסט אין וועלכער גאס מענצעל האט געוואהנט.

עס איז איהו דאוום אויפגעפאלען ווארום ער מאכט זיך א גרעסערען וועג דערמיט וואס ער מיידעט אוים דיא גרעסערע און בעלויכטענע גאסען.

זיא האט עס געהאלטען פאר וויכטיג און האט איהם דעריבער נעפרעגט.

מענצעל האט זיך צולאכט.

— פערשטעהט איהר ניט? — האט ער נעפרעגט.

— ניין.

נון, איך בעט אייך איהר זאָלט זיך אויף מיר פערלאָזען. איך האב דיעזען וועג געמאכט פון אייערטוועגען. איך וועל אייך שפעטער ערקלעהרען ווארום, דאָך זעהט איהר מיר, זיינען באלד ביי אונזער ציעל. נאך דיעזע שטראסע און דאן זיינען מיר דירעקט פאר אונזער הויז.

וואס נעהענטער מרים איז געקומען צו איהר ציעל אלס שטארקער האט זיא זיך גענומען צוריק־ציהען און חרטה האבען פון איהר גאנג. פלוצלונג האט זיא דערהערט מענער שריט.

— דאס איז א נאכטוועכטער. — האט מענצעל שטיל געזאָגט.

מרים איז פערציטערט געוואָרען.

— קומט האַרט ביי מיין זייט. מיר וועלען געהן אין שאָטען ביז דער וועכטער וועט פאָראיבערגעהן.

דיא טריט זיינען אבער געקומען נעהענטער. יעצט האט מרים דערזעהן דעם נאכט־וואנדערער, עס וואר ווירקליך א נאכטוועכטער און מרים, וועלכע וואר צושראָקען און צומישט האט ניט אנדערש גערעכענט, אז דאס איז יענער נאכטוועכטער, וואס האט זיא פריהער געוואָלט פערהאפטען.

זיא האט קוים אָבגעאטהעמט ווען דיא געפאהר איז פאָראיבער. יעצט איז געשטאנען פאר מענצעלס וואָהנונג.

ער האט ארויסגענומען א שליסעל פון זיין טאשע און האט דיא טיהר געעפענט. ציטערענדיג, מיט איין אונזיכערען געפיהל איז מרים אריין אין הויז, וועלכע מענצעל האט באלד וויעדער פערשלאָסען.

21טעם קאפיטעל.

איין איבערראַשענדע ענדערונג.

ווען מרים איז אריין אין מענצעלס צימער, איז זיא בעהערשט געווארען פון א געפיהל, פאר וועלכען זיא האט זיך קיין רעכענונג ניט געקענט געבען.

אין צימער האט געברענט א לאָמפ, זאָ דאס מען האט ניט בעדארפט אריינ־

קומען אין דער פינסטער. מענצעל האט בעמערקט דיא פערוואונדערונג אין מרים׳ס געזיכט און ער האט געזאגט:

— איהר זייט ערשטוינט, דאס דיא לאמפע ברענט היער, ווערענד איך בין דא ניטא? איך לאז אבער אימער ברענען דיעזע לאמפע ווען איך בין ניט צו הויז, אויס צוויי אורזאכען: ערסטענס, שיינט עס אז דיא וואָהנונג איז ניט לעדיג, און דארום וועט קיינער ניט וואגען אריינצוקריכען אין הויז, צווייטענס, ווייל איך האב ניט ליעב אריינצוקומען אין א פינסטערע הויז. איך האב ליעב צו בעטראכטען יעדען ווינקעלע גלייך וויא איך קום אריין אין הויז און דערמיט גלייך צו בעמערקען, אויב עטוואס איז געענדערט געוואָרען.

— דאס איז זעהר קלוג, אבער דאך דארפט איהר בעטראַכטען דיא געפאהר פון א פייער! — האט מרים געענטפערט און איז צופריעדען געוואָרען, וואָס איהרע געדאנקען הויבען אָן צו קומען אין אָרדנונג.

מענצעל האט געלאַכט.

— קיין געפאהר פאר פייער קען דא ניט זיין. דאס איז א זיכערע לאַמפע. ווען זיא פאלט ארונטער, פערלעשט זיא זיך באלד און קען ניט עקספלאָדירען. יעצט פרייליין קענט איהר זיך מאַכען בעקוועם וויא איהר ווילט. היער אויף דער סאָפא האט איהר א בעקוועמען פלאַטץ צו שלאָפען. אין פאַל ווען איהר ווילט פערברענגען, זא שטעהט דאָרט פאר אייך אָפען דער ביכער־שראַנק. וואס מיך אנבעטריפט, זא שטעה איך בערייט צו טהאן וואס איהר ווינשט. איהר קענט איבער מיר בעפעהלען, אויב איך זאל מיט אייך דיא צייט פערברענגען אדער איך זאָל אייך פערלאַסען. איך בין זאגאר בערייט אוועקצוגעהן פון הויז.

דאס וואַר מעהר, וויאפיעל מרים האט פון דיעזען מאַן געקענט ערווארטען. ער האט זיך פאר איהר בענומען וויא א קאוואליער, און מרים האט געפיהלט, אז זיין אַכטונג פאר איהר איז ניט וויא פאַר איין אָרימע ארבייטס־מעדכען, נור וויא פאַר דער גרעפין, וועלכע זיא איז פריהער געווען.

און דאס האט איהר פערשאַפט פערגניגען. וויא שטאַרק זיא האט פראָטעסטירט, ווען ער האט איהר גערופען מיט איהר פריהעריגען נאָמען און טיטעל, אזוי שטאַרק האט איהר אויך געפרעהט, וואס מען בעהאנדעלט זיא מיט אַכטונג און מיט עהרע וויא עס פאַסט פאר איהר פריהערדיגען צושטאַנד.

— איהר דארפט ניט גלויבען, הערר מענצעל, דאס איך וועל פון אייך פערלאַנגען אזא גרויסען אָפּפער. איהר זייט אויך אָהן א צווייפעל מיעד.

— ניין, פרייליין.

— דאן וועט עס מיר זיין ליעב, ווען מיר וועלען איין וועניג צוזאמען פלוידערען.

— דאס פרעהט מיך זעהר.

— איך בין צו שטארק אויפגערעגט, אום איך זאָל געהן שלאָפען. דערצו איז פאר מיר זעהר שווער צו זיין גאנץ אליין אין א פרעמדען צימער.

— אָך, איך קען עס פיהלען. זאָל איך אייך פיללייכט עטוואָס פאָרלעזען? איהר זייט אָהן צווייפעל גענוג בעקאַנט אין דער ליטעראַטור, אבער גראַדע אין דער לעצטער צייט זיינען איינינע נייע זאכען ערשיענען, וועלכע איהר האט פיללייכט נאָך ניט געלעזען.

— איהר זייט זעהר גוט, הערר מענצעל, דאָך מוז איך אייך בעדאנקען דער־פאַר. איך פיהל מיך יעצט ניט פעהיג צו פערטיפען מיין גייסט אין ליטעראַטור.

— וויא אייך איז ליעב, גנעדיגעס פריילין. וועט איהר פיללייכט טרינקען א טאַס שאָקאָלאַדע?

מרים האט איהם אָנגעקוקט מיט צופריעדענהייט.

— איך קען מיך עראינערען דאס איהר האט אלס קינד געטרונקען שאָקאָ־לאַדע. דער גאָטזעליגער גראַף האָט מיר אמאל ערצעהלט א וויטץ, וועלכער האט זיך בעצויגען וועגען אייער ליעבע צו דיעזען געטראַנק. זאָל איך עס פאַר אייך פער־פערטיגען?

אבוואָהל מרים האט געוואָלט אָננעהמען מענצעל'ס געזעלשאַפט, נור וויא פיעל עס איז נויטהווענדיג; דאָך האט זיא איינגעזעהן, דאס עס איז ניט אנשטענדיג צו ענטזאַגען איהם אלעס, וואס ער שלאָגט איהר פאָר. איבערהויפט ווען ער האָט זיך אין אלעס בענומען וויא א קאוואַליער.

זיא האָט דאַרום איינגעוויליגט צו טרינקען זיין שאָקאָלאַדע און האט מיט גאַנץ אינטערעסע צו געזעהן וויא מענצעל האט דיעזען געטרענק געקאָכט אויף זיין ספּירימוס־לאַמפּע.

זיא האָט איהם יעצט פון וויטען בעטראַכט. און דער רעזולטאַט פון איהר בעטראַכטונג איז געווען, דאס זיא האט צו איהם גענומען פיהלען א בעסערען צו־טרויען. מענצעל וואר איין זעהר העסליכער מאַן, דאס האט זיא שוין לאַנג גע־וואוסט, זייט זיא איז געווען א קינד, ווען מענצעל פלעגט קומען צום גראַף.

יעצט אבער וויא ער איז געשטאַנען איינגעבויגען איבער דער לאַמפּע און האט מיט פאָרזיכטיגקייט פאָרבערייט איהר געליעבטען געטראַנק, האט זיין געזיכט גע־האָט א פיעל מילדערען אויסדרוק. מען האט אין זיין געזיכט געזעהען דיא בעד־

מיהונג אויפצונעהמען דעם גאסט מיט דער גרעסטער פריינדשאפט און מאכען פאר איהר דיא צייט אנגענעהם וויא נור מעגליך.

אלס דיא שאקאלאדע איז געווארען פערטיג און מרים האט עס געטרונקען, האט זיא געמוזט צוגעבען, דאס דיא שאקאלאדע איז אונאיבערטרעפליך.

— איך מאך אייך מיין קאמפלימענט, הערר מענצעל. — האט זיא געזאגט.

— איך קאך דיא שאקאלאדע נאך מיין אייגענעם רעצעפט, און עס מאכט מיר עהרע, ואס איך האב דערביי צוגעטראפען אייער געשמאק.

אלס זיי האבען געטרונקען, האט מענצעל וויעדער אנגעפאנגען דעם געשפרעך וועגען דעם פערשטארבענעם גראף.

— ער וואר דאך א ליעבער, גוטער הערר. און גלויבט מיר, גנעדיגעס פריי־ליין, דאס איך האב איהם זעהר גוט געקענט, און פון געוויסע זאכען, וועלכע איך דארף קיינעם ניט ערצעהלען, האב איך געהאט דיא געלעגענהייט ארייננצוקוקען אין פערבארגענע פאלבען פון זיין הערץ און איך וויים וויא גרויס עס איז פאר אייך דער פערלוסט אין זיין טויט. איהר האט אין איהם פערלארען דעם טהייערסטען פריינד — און פאטער.

דיעזע ווערטער האבען שטארק געריהרט מרים׳ם הערץ. איהרע אויגען האבען גענומען פייכט ווערען, זיא האט זיך אבער געשטארקט, ווייל זיא האט ניט גע־וואָ:ט, מענצעל זאל זעהן איהרע טרעהרען.

— זעהר ריכטיג! — האט זיא אין דער שטיל געזאגט. — זיין טויט איז פאר מיר נאך שמערצליכער, ווייל ער וואר קיין נאטירליכער. ווען איך עראינער מיך, וויא דער גראף וואר גוט צו יעדען איינעם, דאן פרעג איך זיך אליין, וואס פיר איין אורזאכע האט דער מערדער געהאט צו טויטען דיעזען נאבעלען מאן?

מענצעל האט געוויעגט מיט זיין קאפ.

— יא. — האט ער געזאגט. — פראנץ שטאנד איז פעראורטהיילט.

— פון דיא געשווארענע, מיין הערר! פעראורטהיילט, דאס איז וואהר, אבער אויב מיט רעכט, דאס איז א פראגע.

— גלויבט איהר ניט אז ער איז דער מערדער?

— איך גלויב און בין איבערצייגט, אז ער איז אונשולדיג!

מענצעל האט ארויסגעלאזט א זיפץ. פלוצלינג האט ער אויסגעשטרעקט זיין האנד צו דאס פרייליין.

— פרייליין מעהרען, איך בין מיט אייך אין איין מיינונג!

מרים האט איהם אנגעקוקט מיט אונגלויביגע בליקען.

— איהר גלויבט מיר ניט? — האט ער זיא געפרעגט.

— איך האב דעריבער קיין מיינונג. — האט מרים געענטפערט און האט געפיהלט, אז זיא קען איהם ניט גלויבען. — איך האב בייגעוואהנט דעם פּראָצעס און איך בין אין דער מיינונג, דאס דיא עדות פון יענער מיידעל האט געפיהרט צו דער פערטהיידיגונג פון פראנץ שטאנד.

— איהר מיינט אננא זיעבעל?

— יא.

— אָה, איך פערשטעה אייך. איהר קענט מיר ניט גלויבען, ווייל איך האב מיט דאס מעדכען געהאט געוויסע געשעפטען, און האב איהר געגעבען פרע־זענטען.

— אָה, ביטע, הערר מענצעל, לאָזען מיר דיעזען פונקט געהן — האט מרים געזאָגט און האט זיך געפונען בעליידיגט, וואס מענצעל האט אזוי אָפען פאר איהר געשפּראָכען וועגען זיין פערבינדונג מיט דאס מעדכען.

— איהר האט רעכט. דאס געהערט ניט אהער. נור וואָס אננא'ן אנבע־טריפט, זא האט זיא מיר אליין געשוואָרען, דאס זיא האט דיא וואהרהייט גע־שפּראָכען.

— ווארום האט זיא עס פאר אייך געשוואָרען?

— ווייל איך האב זיא פאָרגעהאַלטען.

— זא. איהר האט אויך געצווייפעלט אין איהרע רייד?

— גאנץ געוויס.

— און יעצט?

— מענצעל האט אויפגעצויגען זיינע אקסלען.

— וואס זאָל איך טהאן? האב איך דאס רעכט אננא'ן צו בעשולדיגען אין א פאַלשער שבועה? געוויס ניט. דערצו איז עס גאנץ מעגליך דאס פראנץ שטאנד איז מיט דיעזער אננא זעהר נאָהענט צוזאמען געקומען.

— ווען דאס איז וואזור, דאן איז פראנץ ווירקליך געפּאָרען מיט דעם נייַן אוהר צוג?

— דאס בין איך זיכער.

— דאן האט פראנץ געזאגט א ליגען?

— אָה, מען קען איהם דערפאר ניט פארהאַלטען. ער האט פון דעם פער־הער פערשטאנען וויא וויכטיג עס איז פאר איהם, דאס ער איז ניט געווען אין מינ־כען אין דער צייט ווען דער מאָרד האט זיך אָבגעשפּיעלט, דארום האט ער געזאגט,

דאס ער איז געפאָהרען מיט דעם איינס אוהר צוג. ווענען אננא'ס עדות האָט ער נאר ניט געדאכט.

— ניין! — האט מרים אויסגערופען. — אויף אזא קאָמעדיע איז פראנץ ניט פעהיג.

— פערגעסט ניט, דאס ער איז געשטאנען נאָהענט צום עשאפאָט. ניין, אזוי דארפט איהר דאס ניט אורטהיילען. און דאך בלייב איך ביי מיין מיינונג, דאס איין אנדערער איז געווען דער מעדדער.

— האט איהר א פערדאכט? — האט מרים אונגעדולדיג געפרעגט.

— ליידער ניט. — האט מענצעל געענטפערט אין א טרויעריגען טאָן. — אבער אזוי פיעל איז זיכער, דאס היער הערשט א געהיימניס.

— איך וועל זוכען אויסצוגעפינען דיעזע געהיימניס. — האט מרים געמורמעלט, און האט אראָפגעלאָזט איהרע אויגען צו דער ערד און האט דארום ניט גע-זעהען וויא מענצעל'ס אויגען האבען א בליטץ געטהאן.

— דאס איז א שווערע אונטערנעהמונג, מיין פריילין. — האט ער געזאָגט — ווען איך וואָלט אייך דארין געקענט העלפען, אבוואָהל איך ווייס ניט...

— איך דאנק אייך, העדר מענצעל, איך גלויב, אז דיעזע שווערע אויפגאבע וועל איך אליין קענען אויספיהרען.

— איך ווינש, עס זאל אייך געלינגען. גלויבט מיר, דאס איך נעהם מיין גרעסטע אינטערעסע אין פראנץ'ס שיקזאל. עס איז דאָך אָבער מערקווירדיג, וואס אזוי פיעל האבען געשוואָרען, דאס זיי האבען פראנץ'ן געזעהען.

מרים האָט א ציטער געטהאן.

זיא האט זיך פלוצלינג עטוואס עראינערט, און מיט דיעזער עראינערונג האט זיא געפונען דעם שליעסעל צו דער רעטעניש, וויא אזוי פיעלע מענשען האָבען גע-קענט זעהן פראנץ'ן אין מינכען, וועהרענד ער איז געווען אין אויסבורג.

זיא האט זיך עראינערט, דאָס וועהרענד זיא האָט פערלאסען דעם גראף'ס הויז אין דער פינסטערער און רעגענדיגער נאכט, און איז געגאנגען איינע אליין צום וואגזאל, האט זיא אין דער פינסטער בעגעגענט א מאַן, וועלכער האט אויסגעזעהן וויא איהר געליבטער. זיין עהנליכקייט וואר אזוי שטארק, דאס זיא האט דאמאָלס גענומען שרייען און רופען פרנץ! פראנץ!

אָבער איהר געשריי האט קיין אנטוואָרט געבראַכט. דיא געשטאַלט איז דאַן פערשוואונדען אין פינסטערניס דער נאַכט.

צו יענער צייט, ווען זיא וואר אויפגערעגט האט זיא געגלויבט דאס זיא האט ווירקליך געזעהן איהר געליעבטען און זיא האט איהם ניט געקענט פערצייען ווארום ער האט זיך פון איהר פערבארגען און האט איהר ניט געענטפערט. ווען איהרע געדאנקען זיינען אביסעל קלעהרער געווארען האט זיא זיך עראינערט דאס עס איז אונמעגליך פראנץ זאל ארומגעהן איבער דיא מינכענער גאסען, ווערהענד ער זיצט געשלאסען און געשמידט אין געפענגניס. זיא האט אלזא געגלויבט דאס דיא פאנטאזיע האט זיא גענארט און זיא האט געזעהן פראנץ'ס געזיכט אין גייסט, אבער ניט אין דער ווירקליכקייט.

אבער דאך האט זיא געפיהלט, אז זיא האט געזעהן א לעבעדיגען מענשען פון פלייש און בלוט, ניט קיין פאנטאסטישע בילד, און דאך האט זיא זיך ניט געקענט ערקלעהרען וויא אזוי זיא האט פראנץ'ן געקענט זעהן.

יעצט איז איהר איינגעפאלען איין ערקלעהרונג אויף דעם רעטהזעל. פאר איהרע אויגען איז יעצט געשטאנען יענע סצענע און זיא האט ביי זיך בעשלאסען דאס זיא האט דאמאלס ווירקליך בעגעגנעט א מאן, א לעבעדיגען מאן, קיין פאנטאסטישעס בילד, און יענער מאן האט דעם זעלבען אויסזעהן פון איהר געליעבטען פראנץ שטאנד.

און דיעזער מאן, וועלכער האט דעם זעלבען אויסזעהן פון איהר פראנץ איז געוויס דער מאן, וועלכען אלע האבען געזעהן אין דער נאכט פון דעם גראף'ס ערמארדונג, און דיעזער מאן איז אויך דער מערדער.

דיא לעצטע בעמערקונג וועלכע מענצעל האט געמאכט האט ארויסגערופען דיעזען געדאנק אין איהר קאפ. צו דערזעלבער צייט איז איהר עטוואס אויפגעפאלען פון דעם טאן אין וועלכען מענצעל האט דיעזע בעמערקונג געמאכט.

— וויים ער פון דעם מארד מעהר וויא דיא גאנצע וועלט?

מרים האט יעצט געדאכט פון דיא געדאנקען, וועלכע זיא האט געהאט צוריק מיט א פאר שטונדען, זיא האט געדאכט פון דער פערבינדונג וואס מענצעל האט מיט אנגא׳ן און זיא האט פ׳ועלונג גענומען ציטערן פאר דעם מאן, וועלכער איז יעצט פאר איהר געזעסען און האט זיא אנגעקוקט מיט טרויעריגע אויגען.

יעצט האט ער זיא מעהר ניט געקענט נאררען.

ער האט ביז יעצט געשפיעלט א קאמעדיע, דאס האט זיא גוט פערשטאנען. עס האט זיך איהר זעהר שטארק געגלוסט אויפצושפרינגען און צו אנטלויפען פון דיעזען מאן, פון דיעזער הויז, אבער זיא האט געפיהלט דאס דיעז׳ס וואלט געוועזען העכסט נאריש און אונפראקטיש.

ווי שטאַרק זי האט ליעב געהאט אפענהערציגקייט, ווי שטאַרק זי האט פערהאסט יעדען פאַלשען שיין, דאך האט זי איינגעזעהן דאס צוליעב דעם הויכען ציעל וועלכען זי זוכט, מוז זי יעצט אננעהמען מענצעל'ס טאַקטיק און מוז מיט איהם אויך שפּיעלען א קאָמעדיע.

— יאָ, — האט זי ענדליך געזאָגט — אויך איך קען עס ניט פערשטעהן; איך קען דאך ניט גלויבען דאס די אלע לייטע וואָס האבען געשוואָרען, אז זיי האבען פראַנץ'ן געזעהן, האָבען געשוואָרען פאַלש.

— דאס איז ווירקליך אונמעגליך צו גלויבען.

— דאַן דאַרף מען נור גלויבען דאס די לייטע האבען געהאט איין אירטהום, דאס זייער אויג האט זיי גענאַרט.

— אָה, עס ניט נאך איין מעגליכקייט.

— און וואָס קען דאס זיין?

מענצעל האט זיך צוגעבויגט צו מרים'ן.

— האט איהר אמאל געהערט פון דאָפּעלגעננער, פון צוויי מענשען מיט איין אויסזעהן?

יעצט האט מרים געמוזט צוזאַמענגעהמען איהר גאַנצע קראַפט זיך צו־בעהערשען.

— דאָפּעלגעננער? אָה, יאָ, דאס הייסט אין ראָמאַנען האב איך דערפון גע־לעזען, אבער אין לעבען האב איך דער פון ניט געהערט און איך גלויב אויך ניט אין דעם.

מענצעל האט געשאָקעלען מיט זיין קאָפּ.

— מען קען ניט וויסען, מיין פריילין. מען קען ניט וויסען.

— ניין, ניין! — האט מרים געענטפערט ענערגיש — ווען איך זאָל מיין פּלאַן צו בעווייזען פראַנץ'ס אונשולד אויסארבייטען אויף דיעזער ליניע, זא וועל איך קיין מאָל ניט קומען צו מיין ציעל.

מרים האט זיך ערשראָקען איבער דעם קלאַנג פון איהר שטימע, נאך מעהר פון דער זיכערהייט מיט וועלכער זי האט געשפּראָכען איבער א זאך וואס זי האט אין הארצען גראַדע פערקעהרט געדענקט.

צו דער זעלבער צייט האט זי אין זיך ענטדעקט א נייע קראַפט. זי האט געזעהן, אז זי האָט שוין אָנגעפאַנגען איהר קאַמפף מיט מענצעל'ן; דען זי האט גוט בעמערקט ווי חיטרע זיינע אויגען האבען געקוקט ווען ער האט איהר ערצעהלט

פון א דאָפּעלגענגער און וויא צופריעדען ער איז געוואָרען ווען זיא האט איהם איהר מיינונג געגעבען.

אַלץ מעהר און מעהר איז מרים געוואָרען איבערצייגט דאס מענצעל איז איהר פּיינד און קיין פריינד.

מענצעל איז אָבער אויך אָהן צווייפעל געוועזען א פאַלשטענדיגער קאָמעדיאַנט. מרים האט דאס באַלד אויסגעפונען און זיא האט דארום בעשלאָסען צו זיין זעהר פּאָרזיכטיג. זיא איז יעצט געוואָרען פעסט איבערצייגט דאָס מענצעל האט ווירקליך דעם שליסעל צו דער געהיימניס פון דעם מאָרד און דאָס זיא וועט מיט איהם מוזען זעהר פיעל האַנדלען ביז זיא וועט דיעזען שליסעל אַרויסנעהמען.

— איהר זאָגט, הערר מענצעל דאס איהר גלויבט ניט, אז פראַנץ שטאַנד איז שולדיג — האט זיא ווידער אנגעפאַנגען דעם זעלבען געשפּרעך — איך מוז אייך אָפען געשטעהן, דאָס דיעזע מיינונג מאַכט מיך גליקליך.

— אָה, מיין פריילייז — —

— זייט איהר אויך איבערצייגט אין זיין אונשולד?

— איבערצייגט?

— איך מיין, אויב דיא אומשטענדען ליעגען פאר אייער אורטהייל אזוי, דאָס פראַנץ האט דעם פערברעכען ניט געקענט בעגעהן?

מענצעל האט געוואָרפען א שאַרפען בליק אויף דאס מעדכען. איז דאס מעגליך דאָס זיא האט איהם דערקענט? אבער ניין זיין פורכט וואַר נאַריש, מרים איז דאָך געוויס נאָך א קינד אום זיא זאָל זיין אימשטאַנדע צו פערשטעהן אזוי וויט.

אבער דאָך האט איהם מרים ערקענט. און מרים האט נאָך געהאט מעהר קראַפט צו מאַכען זיך וויא זיא בעמערקט ניט זיין בליק און אויך צו האַלטען זיך רוהיג און געלאַסען.

מענצעל האט זיך בערוהיגט. ער האט אויף איהר ניט בעמערקט עטוואָס וואָס זאָל ווייזען, אז זיא האט איהם ערקענט.

— דיעזע פראַגע מוז איך אייך ענטפערען מיט ניין, — האט ער העפליך געזאָגט — איך קען פראַנץ שטאַנד זעהר גוט און גלויב דאס ער איז ניט פעהיג צו בעגעהן אזא פערברעכען. דאס איז אלעס. איך האב אָבער קיין בעווייז, און וויים אויך פון קיין אומשטאַנד, וואָס זאָל בעשטעטיגען זיין אונשולד. דאס איינציגע וואָס איך גלויב איז, דאס א דאָפּעלגענגער — —

— ניין, דאַרין גלויב איך ניט. דען זאָגאַר ווען עס זאָל זיך געפינען א יונגער מאַן, וועלכער איז עהנליך צו פראַנץ שטאַנד זאָ דאס מען זאָל זיי ביידען קענען פער־

בייטען. דאָך וואָלט דאס געווען אין העכסטען גראד אונמעגליך, דאס גראדע יענער מאַן זאָל זיין א פערברעכער.

— און דאָך....

— ניין, ניין, הערר מענצעל, ווען איך זאָל נעהמען זוכען א דאָפּעלגענגער, א מאַן וואָס האט דעם זעלבען אויסזעהן פון מיין פראנץ, דאן וועל איך קיין מאָל ניט קומען צו מיין ציעל.

— מיט וואָס דען ווילט איהר בעווייזען זיין אונשולד? — האט מענצעל גע־פרעגט מיט דער אונשולדיגסטער מינע פון דער וועלט.

— דאס ווייס איך ניט. איך קען פאָרלויפיג גאָר נישט טהאָן. איך מוז עס איבערלאָזען אויף דער צייט.

— דיא צייט לויפט פאר איינעם שנעל און פאר דעם צווייטען לאַנגזאם. פאר אייך, וועלכע וויל עטוואָס טהאן און האט ניט וואָס לויפט דיא צייט שנעל, אָבער פאר דעם וואס ווארט אויף אייער ארבייט און אייער ערלייזונג, געהט דיא צייט זעהר לאַנגזאם, יעדע שטונדע איז פאר איהם איין עווינקייט.

מרים האט געזיפצט.

— דאס איז וואהר. ווען איך זאָל זיין מיט אייך אָפען זאָ מוז איך אייך זאָגען, אייערע רייד האבען פריהער אין מיר ערוועקט דיא האָפנונג דאס איהר ווייסט עטוואס זיכערס, איין געוויסען פונקט פון וועלכען איך זאָל אנפאַנגען מיינע פאָרשונגען.

— איך בעדויער שטאַרק, ווען איך האב אין אייך געקענט ערוועקען א האָפנונג, וועלכע איך קען ניט ערפילען. דאָך זאָל דיעזע שטונדע ניט זיין גאַנץ אומזיסט פאר אייך.

מענצעל איז יעצט געבליבען שטיל און האט זיך פערטראַכט.

— יאָ, פריילין, עס איז אייער פּפליכט צו געפינען דיא בעוויזע פאַר אייער געליבטענס אונשולד, אָבער פריהער שיינט מיר, מוזט איהר זאָרגען פאר זיך אליין איהר מוזט זיך פערזיכערען אין לעבען. — האט ער ענדליך געזאָגט.

— מיין לאַגע פאָדערט עס פון מיר.

— בלייבט איהר אויף אייער יעצטיגער שטעלע?

— ניין, איך פערלאָס דיעזע שטאדט.

— אַך, וואוהין ווילט איהר זיך ווענדען?

מרים, וועלכע האט ניט געהאַנט דאס מענצעל שטעהט אין פערבינדונג מיט דער מעקלערקע מאדאַם ענגעל, האט אָנפאַנגס ניט געוואָלט זאָגען וואוהין זיא

פאָהרט. זיא האט זיך אבער באַלד איבערלעגט, דאס זיא וועט זיך פון איהם זאָ וויא זאָ ניט קענען בעהאַלטען, און דארום האט זיא איהם געענטפערט, דאס זיא פאָרט נאָך בערלין.

— אָך, איהר פאָהרט נאָך בערלין. בערלין איז אבער א טהייערער אָרט!

— איך וועל מוזען לעבען וויא איך וועל קענען.

— וואָס פאר סאַלאַרי וועט איהר דאָרט קריגען.

— פערציג מארק אין אָנפאַנג.

— דאס איז ווייניג. זעהר ווייניג.

עס העלפט ניט. איך האָף דאָרט צו שטייגען. איך האב זיך איבערציינט דאס מיינע פעהיגקייטען קענען מיך פיהרען צו א בעסערען שטאַנד וויא דער יעצטיגער.

— אָה מיין פריילין, וועגען דעם דאַרפט איהר גאָר ניט צווייפלען. דאס ליעגט קלאָהר אויף דער האַנד, איהר דאַרפט אָבער ניט פערגעסען דאס בערלין איז דיא שטאדט פון פערגניגען וואו מאַנכע פרויען...

— שפאָרט זיך דיעזע ווערטער! — האט איהם מרים אונטערבראָכען אין א שארפען טאָן.

— אָה, איך האב אייך ניט געוואָלט בעליידיגען. גאַנץ געוויס ניט. דארף איך אייך מאַכען א פאָרשלאַג?

— וועגען מיין עקסיסטענץ קענט איהר מיר נישט ראַטהען. איך האב מיך שוין בעשלאָסען און וועל פון מיין בעשלוס ניט צוריק טרעטען.

— דאס דאַרפט איהר ניט טהאָן. אָבער איך האב א מיטעל וויא צו רעטען אייער פראַנץ שטאַנד.

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— לאָזט מיך ריידען אָפען. אייער בעשלוס צו בעווייזען זיין אונשולד איז ווערט צו לויבען, אָבער דאס איז שווער אויסצופיהרען. עס וועט אבער פיעל לייכטער זיין ווען פראַנץ וועט בעפרייט ווערען.

— און וויא מיינט איהר זיין בעפרייאונג צו מאַכען? — האט מרים מיט אונגעדולד געפרעגט.

— גאַנץ איינפאַך, זאָ לאַנג פראַנץ איז געפאַנגען, און איהר זייט פעצווייפעלט פון זיינע ליידען ווייסט איהר ביידע ניט וואס איהר האט צו טהאָן, קוים אָבער איז ער פריי דאַן קען ער אליין אויסגעפינען דעם אמת'ן מערדער.

— וויא אזוי זאָל ער אָבער פריי ווערען?

— ער זאָל אנטלויפען!

— פראַנץ זאָל אנטלויפען! — אה ניין! ניעמאלס!

— מיינט איהר עס ערנסט?

— ווען דען ערסט דאַן ניט ווערען זיכער דאס ער איז ווירקליך שולדיג? און דאַן, וויא איך קען איהם, ווייס איך דאס ער וועט זיין צו שטאָלץ צו אנטלויפען. ער וועט איבערטראָגען זיין שיקזאָל וויא עס פּאסט א בראַווען מאַן.

מענצעל האט געלאכט.

— פערצייעט מיר פריילייין, ווען איך צווייפעל דאַרין אָהנע פראַנץ שטאַנד צו בעליידיגען. איהר פערגעסט דעם שטרעבען נאך פרייהייט וואס ליעגט אין יעדען מענשענס הערץ.

מרים האט נאכגעדאכט דיעזע ווערטער און זיא האט זיך אליין געמוזט מודה זיין דאס זיי האבען איין אמת'ע בעדייטונג. אָבער וויא אזוי איז גאָר מעגליך אזא פּלאַן דורכצופיהרען? און זיא האט איהם דאס אויך געזאגט.

— עס איז זעהר שווער, — האט מענצעל געענטפערט. — דאך איז דאס מעגליך.

— און וויא אזוי?

— דורך בעשטעכונג.

— הערר מענצעל, איהר פערגעסט דאס אזא פּלאַן מוז אם ווענעגסטין איין בעאמטען אונגליקליך מאכען.

— ניין. דער בעאמטער דאַרף אנטלויפען צוזאמען מיט דעם געפאַנגענעם.

— און זיין שטעלע פערלירען. וואס פאַר א סומע געלד דאַרף מען דערצו האבען?

— איינינע טויזענד מארק. מיט דרייסיג טויזענד מארק אונטערנעהם איך דיא זאך צו אראַנזשירען.

— און וויא קען איך אזא סומע שאַפען?

— האט איהר געהערט פון פידעליא? — האט מענצעל [illegible] געפרעגט?

— יא.

— נון, לעאנארא, זיין וויב האט איהם בעפרייט מיט געפאהר פון איהר איינענעם לעבען. גלויבט איהר דאס לעאנערא וואר בערייט צו יעדען אָפּפער וואס מען האט פון איהר פערלאַנגט?

(Mil. 16).

— יא.

— זעהר ריכטיג. איך בעהויפּטע דאס א ווייב וויא לעאָנערא וואָלט זאָגאר איהר עהרליכקייט געאָפּפערט אום איהר געליבטען צו רעטען.

מרים איז רויט געווארען און האט אראָבגעלאָזען איהר בליק.

— איהר זייט שעהן. — האט ער ווייטער געזאָגט. — מאנכער קאוואליער וואלט דיעזע סומע געאָפּפערט אום אייך צו בעשיטצען סאי דאס זאָל זיין אימער, סאי דאס זאָל זיין אויף א געוויסע צייט. ווערט נאָר ניט בייז פרייליין, ווען איך האב אייך געוויזען דעם וועג וועלכען איהר וועט אין א נויטהיגען פאל מוזען בעטרעטען, אין פאל ווען אייער ליעבע צו פראנצ'ן איז איין וואהרע, איין עכטע.

— איך האלט ניט דיעזע מיינונג! — האט מרים שארף און צאָרניג געענטפערט.

— וואָרום?

מרים האט זיך יעצט אויפגעהויבען.

— הערר מענצעל! — האט זיא געזאָגט — איהר האט מיר געצייגט גאסט־פריינדשאפט, דאס ערקען איך אייך מיט דאנק. אָבער איהר בענוצט זעהר שלעכט דיא גאסט־פריינדשאפט, ווען איהר פיהרט א געשפרעך וועגען עטוואָס וואס איך קען ניט הערען און קען ניט פאָלגען!

מענצעל האט געצויגען מיט דיא אקסלען.

— עס איז פון מיר וויט דער געדאנק איך זאָל אייך בעליידיגען. איך האב אייך נור געוואָלט זאָגען דאס פראנץ' האט איין רעטונג, נעמליך צו אנטלויפען. איך וויל אייער מיינונג ניט ווידערשפּרעכען, דאך זאג איך אייך דאס פראנץ מוז גערעטעט ווערען — איך אליין בין אויך רייך.

— מיין הערר! — האט מרים געזאָגט אין א טהאָן פון א בעפעהלעריז.

— יא, איך זאָג אייך דאס איך בין רייך, און איהר וועט זעהן דאס אין א געוויסען טאג וועט ער אנטלויפען. איהר, נור איהר פרייליין מרים מוזט מיר געבען איין פערשפּרעכען.

מרים האט זעהר שווער געאטהעמט. זיא וואר אזוי אויפגערעגט דאס זיא האט קיין קלאָהרען געדאנק ניט געקענט געפינען.

— וואָס זאָל איך פערשפּרעכען?

— צו שווייגען!

— וואָס זאָל איך פערשווייגען?

— וועגען דעם וואָס איך האב אייך געזאגט, פערלאָזט זיך אויף מיר. איך וועל דיעזע גרויסע סומע אָפּפערען פון אייערטוועגען און פון זיינעטוועגען. פראַנץ מוז פריי ווערען. איהר דאַרפט אבער ניט פערגעסען, דאס ווען איך ווער פערראַטהען דאן מוז איך שווער בעשטראָפט ווערען.

— הערר מענצעל, וויא קען איך און וויא זאָל איך פון אייך אננעהמען אזא אָפּפער!

— איהר ענטזאגט זיך?

— איך מוז עס ענטזאגען, וויל איך וועל אייך דערפאר ניט קענען בעדאַנקען.

— איהר מוזט אָבער ניט פערגעסען, מיין פריילייןׅ, דאס עס האנדעלט זיך ניט וועגען אייך, נור וועגען דעם מאַן וועלכען איהר ליעבט.

מרים האט אראָפּגעלאָזט איהר קאָפּ, וועהרענד איהר הערץ האט זיך געווינט ארויף און אראָפּ. וואָס זאָל זיא ענטפערען? זאָל זיא ריידען געגען מענצעל׳ס בע־הויפּטונג וואָלט עס געוועזן צו ריידען געגען איהר איבערצייגונג. זאָל זיא איהם צר־שטימען האט איהר דער שטאָלץ דערצו ניט דערלאָזען.

— אָבער אייער פּלאַן איז זעהר שווער,—האט זיא ענדליך געזאָגט.

— אָבער דאך קען איך איהם אויספיהרען.

— און וויא קען איך אדער פראַנץ בעצאָהלען צו אייך אזא ריזיגען שולד?

מענצעל האט געשמייכעלט.

— איך וואָלט געוועזן איין ניעדעריגער מענש ווען איך וואָלט אין אלע מיינע טהאטען נור גערעכענט אויף איין לאָהן. ניין, מיין פריילייןׅ, איבערלאזט דיא זאכע פאר מיר, וואס איך קען טהאן דאס וועל איך טהאן, איך פערלאַנג נור פון אייך איהר זאָלט שווייגען.

— וועגען דעם דאַרפט איהר מיך ניט בעטען. דאך קען איך אייך געבען מיין הייליגסטען פערשפּרעכען.

— דאָס איז אָבער וועניג.

מרים׳ס אויגען האבען יעצט געבליצט.

— איז אייך וועניג מיין פערשפּרעכען?

— געוויס ניט.

— אך, איהר ווילט מיך בעליידיגען.

— דורכאויס ניט! הערט מיך נור אויס. ליעגט אייך אייער צוקונפט קלאָהר פאר אייערע אויגען? ווייסט איהר צו וואָס איהר זייט אונטערוואָרפען? געוויס ניט. עס קען קומען א צייט ווען איהר וועט רעכענען דאס איהר זייט פערפּפליכטעט צו

ענטדעקען אלעס וואס עס איז געשעהן. נענען אזא מעגליכקייט וויל איך מיך דורכ־אוים זיכערען.

— און וואס איז דיא זיכערהייט?

— א שבועה.

— איך זאל שווערען?

— יא.

מרים האט זיך פערטראכט.

— איהר ווילט ניט? — האט מענצעל נעפרעגט אונגעדולדיג — דארף איך אייך ווידער עראינערען, אז דאס אלעס האנדעלט זיך וועגען פראנץ שטאנד?

דיעזע לעצטע ווערטער האבען געווירקט. מרים האט אויפגעהויבען איהר האנד און האט נאכגעזאגט ווארט פאר ווארט דיא שבועה, וואס מענצעל האט פאר־געזאגט.

און דיעזע שבועה האט זיא אויף אייביג פערבונדען איהר צונג צו פערשוויינען דעם יעצטיגען געשפרעך, מענצעלס פערטיגקייט צו העלפען פראנץ שטאנד זאל אנטלויפען פון געפענגנים און איבער אלעס וואס עס קען פערמישען מענצעלס פער־זאן אין דיעזער געשיכטע. דיעזע שבועה האט זיא גענומען אויף זיך צו האלטען ביז איהר טוידט און עס מעג קומען וואס עס וויל.

אלס זיא האט דעם „אמן" אויסגעשפראכען האט זיא א לאנגע ווייל געקוקט וויא א צומישטע. זיא האט ערסט בעגריפען וואס פאר א שווערע זאך זיא האט אויף זיך גענומען. אבער עס איז געשעהן. זיא האט עס געטהאן פאר איהר געליעב־טען, ווען ער וועט פריי ווערען וועט ער קענען בעווייזען זיין אונשולד און דאן וועט אלעס גוט ווערען.

וועהרענד דער גאנצער פערהאנדלונג איז דיא צייט זעהר שנעל געגאנגען. אין מזרח זייט איז שוין דער הימעל געוועזען ליכטיג.

מענצעל האט ארויסגענומען זיין זייגער און האט איהם בעטראכט.

— וויא שפעט איז עס?

— פינף אוהר, דיא הייזער ווערען אין דיעזער צייט געעפענט. איך ראטה אייך צו געהן יעצט נאך הויזע, וויל דיא גאסען זיינען יעצט נאך ניט פאל מיט מענשען.

— איך דאנק אייך העדר מענצעל, פאר אייער גאסט־פריינדשאפט וויא אויך פאר — —

— ביטע קיין דאנק! וואס איך טהו איז עס וויל איך פיעל עס מיין פפליכט.

איך וועל אייך ארויספיהרען פון דיעזער גאַס, דעם וועג נאך הויזע וועט איהר לייכט געפינען, און איך האָף דאס איהר וועט פערשטעהן דאס איך דארף אייך ניט בעגלייטען צום הויז.

— — — — — — — — — — — — — —

מרים האט געפונען דאס הויז אָפען. אויף דיא שפּיץ פינגער האט זיא זיך אריינגעשלעפּט אין הויז. גאנץ שטיל האט זיא געעפענט דיא טהיר, אלעס וואר שטיל. זיא וואר זיכער דאס דיא ווירטהין שלאָפט.

מיט א לייכטערען הערצען איז זיא יעצט געגאנגען צו איהר צימער. פּלוצלינג האט זיא דערזעהן דיא ווירטהין פאר זיך.

— אָה, פריילין, איך ווינש אייך א גוטען מאָרגען. האט איהר פערבראכט איין אנגענעהמע נאכט? וויא? איך גראַטוליר אייך! יא, איך זאָג דאס אימער, יאס וואס מען דארף זיין, ווערט מען דאך מיט דער צייט.

מרים איז רויטה געוואָרען פון כעס. וויא קען דיעזע פרוי וואגען צו פערדעכטיגען זיא אין אזא אונערהערטער וויזע?

זיא האט געשוויגען, דען וואָס האט, זיא געקענט ענטפערן. דיעזע פרוי קען דאך ניט איבערצייגט ווערען.

— יא מיידעלע! — האט דיא ווירטהין, מאדאם שולצע וויעדער געזאָגט — ווארום שווייגט איהר? אָה, וויא הייליג איהר קענט זיך מאכען? וואר עס דער שעהנער יונגער מאן, וואס האט אייך געוואָלט שענקען דעם בראַסלעט? אָדער וואר עס איין אנדערער? איך מוז אייך יעצט זאָגען דאס איך וויל אין מיין הויז ניט האלטען א מיידעל וואס פערברענגט דיא נעכט מיט הערען. איך בין איין אנישטענדיגע פרוי, דאס ווייסען אלע, און אזא אויסגעלאסענע וויא איהר — —

— הערט אויף אייער בעשולדיגונג און בעליידיגונג! — האט מרים מיט צאָרען אויסגערופען — זאָנסט בין איך געצוואונגען — —

— וואס? איהר ווילט מיך נאך סטראַשען? נא, דא הערט דאך אלעס אויף. ווארט אויס! איך לויף גלייך אין דער פּאָליציי! איהר, איהר....

דיא לעצטע ווערטער, וועלכע האבען בעדארפט קומען האט פרוי שולצע אונטערדריקט. אין הארצען וואר זיא פעסט איבערצייגט דאס איהר בעשולדיגונג וואר אומזיסט. זיא האט דאך געזעהן וויא דער שליסעל איז געבליעבען הענגען אויפ׳ן וואנד און זיא האט אויך געהערט וויא זיא האט געקלאפּט. זיא האט אלזא גוט געוואוסט דאס מרים האט ניט געקענט אריינקומען אין הויז. אָבער זיא האט געהאסט דיעזער מיידעלען פאר איהר עהרליכקייט און דארום האט זיא איהר בעליידיגט.

מרים האט זיך אבער מיט איהר ניט געוואָלט אויסטענה'ן. האַסטיג האט זיא זיך אריינגעחאפּט אין איהר צימער, און האט פערשלאָסען דיא טהיר אום צו געהן אביסעל רוהען.

דאס וואַר געגען זעקס אוהר. אום זיעבען אוהר מוז זיא ווידער געהן צו דער ארבייט, זיא האט זיך בערעכענט דאס עס לאָהנט ניט צו געהן שלאָפען אום באַלד ווידער אויפצושטעהען. אָבער דאך פיהלט זיא זיך אזוי מיעד!

איהרע ערסטע זאך איז געווען דעם שליסעל ווידער צו זיך צונעהמען, אום זיא זאָל אין דער צוקונפט ניט האבען אזא ערפאהרונג. דאן האט זיא זיך אביסעל ארומגעוואשען, האט אָבגעגעסען איהר פריהשטיק און האט זיך ווידער בעגעבען נאך דער דרוקעריי.

מיט אַ שווערער הערץ איז זיא אריין אין דער געביידע. עס האט איהר געשיינט דאס דיא גאנצע וועלט קען אויף איהר זעהן דאס זיא האט דיא נאכט פערבראַכט ביי אַ פרעמדען הערען אין הויז. דערצו האט זיא זעהר געפירכטעט דאס דער נאכטוועכטער און דיא ווירטין וועלען איהר פערשאפען פיעל אונאנגענעהמליכקייטען.

איהר פורכט וועט ליידער ערפילט ווערען.

22טעם קאפיטעל.

געוויסענסביסע.

רודאָלף מענצעל איז געווען נאָהענט צום וואהנזין, ווען דער פּאָליציי־קאָמיסאר האט איהם ערקלעהרט פאר זיין געפאַנגענעם און האט איהם מיט זיך געפיהרט. ער האט נאך ניט געקענט גוט פערשטעהן וואָס פאר איין אונגליק דא איז געשעהן. ער האט נאך אַלץ געמיינט דאס ער טרוימט, דאס ער פאנטאַזירט.

— קומט הערר מענצעל,— האט דער פּאָליציי־קאָמיסאר סאָמער געזאָגט — איך קען מיט אייך דא צולאנג ניט זיין.

— איך בין אונשולדיג! — האט דער יונגער מאַן געמורמעלט — ביי גאט איך בין אונשולדיג.

— דאס איז גוט. זאָגט נור דיא ווארהייט און אייער אונשולד וועט זיך בעווייזען. יעצט אבער קומט.

יעצט איז פרוי מענצעל צוגעגאנגען צו איהר זאהן. איהר געשטאַלט איז באַלד צוזאמענגעבראָכען, עס האט געשיינט דאס זיא קען זיך קוים האלטען אויף דיא פיס.

— רודאָלף מיין קינד, — האט זיא צו איהם געזאָגט — זאג מיר דיא ווארהייט, ביסט דוא שולדיג?

— ניין, מוטער! — האט געקלונגען פעסט און בעשטימט פון זיינע ליפען.

— מען וועט דיך אָבער פרעגען, וואו דוא האָסט דיא נאכט פערבראַכט?

רודאָלף האט אראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ.

— ענטפער, וואָס וועסט דוא ענטפערן?

— ניכטס!

— און ווען איך דיין מוטער וועל דיך פרעגען?

דער יונגער מאַן האט געזוכט אויסצומיידען זיין מוטערס פאָרשענדען בליק; זיין ברוסט האט זיך אויפגעהויבען און אראפּגעלאָזט.

— האסט דוא קיין אנטוואָרט?

— ניין, — האט ער געענטפערט מיט א געפּרעסטען טאָן.

א זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון דער מוטערס ברוסט. איהרע הענד האט זיא פערבראָכען און אבוועגדענדיג זיך אן א זייט האט זיא געזאָגט צו זיך אליין:

— גאר וויא זיין פאטער — אידעאַליסטיש, שווערמעריש און הארטנעקיג.

— מוטער! פייניג מיך ניט, איך קען ניט, איך דארף ניט זאָגען, — האט רודאָלף פערצווייפעלט געזאָגט.

— דוא קענסט ניט, דוא דארפסט ניט, דאס קען זיין. אָה מיין זאהן, גאט זאל דיך שיצען!

— מוטער, אויף ווידערזעהן! בעט גאָט פאר מיר, מיין אונשולד מוז זיך בעווייזען.

דיא פרוי האט געקעמפפט מיט איהרע טרעהרען. אבער מיט דער אונמענשליכער מאכט, וועלכע נור דיא מוטער־ליעבע בעזיצט, האט פרוי מענצעל אונטערדריקט איהר שמערץ און האט מיט אלע קרעפטען געשמייכעלט און האט מיט א מוטהיגען טאָן געזאָגט:

— דוא האָסט רעכט! דיין אונשולד מוז זיך בעווייזען. פערצווייפעל ניט, זיי א גאַנצער מאַן, — דיין פאטער וואר עס אויך!

זיא האט ארומגענומען איהר זאָהן. א יונגער, פרישער מויל, וועלכער איז צוריק מיט איינינע שטונדען געלעגען אויף דיא רויטהע ליפען פון א יונגער, שעהנער פרוי, האט יעצט געקוסט דיא איינגעוועלקטע באַקען פון דער עלטערער פרוי, און דאן איז ער ארויס פון זיין צימער און איז אוועק אלס געפאנגענער, אלס שולדינער אין א גרויסע רויבעריי.

אלס דער פּאָליציי־מייסטער און דער זשאנדאר האבען רודאָלף'ן ארויסגעפיהרט פון הויז, איז דיא מוטער געפאלען אויף א שטוהל און האט זיך צו־וויינט.

— נאַט, נאַט, נעהם זיך אָן פאר מיין קינד, לאָז מיך ניט פערליערען מיין זאָהן, וויא איך האב פערלאָרען מיין טאָכטער. גיב מיר דיא קראַפט איבערצוטראָגען דיעזע אונענדליכע שמערצען.

— — — — — — — — — — — — —

אלס דער פּאָליציי קאָמיסאר סאָמער האט ערהאַלטען דעם רעפּאָרט פון דער גנבה ביי אהר'ן הירש, איז זיין ווייב לינא פּלוצלונג פון צימער פערשוואונדען.

זיא האט געהערט דאס מען פערדעכטיגט איהם אין דער רויבעריי. איהם וועלכען זיא ליעבט מיט אזא ליידענשאַפטליכען פייער.

און ער איז דאָך אונשולדיג!

זיא האט עס געוואוסט. דען אויסער וואס זיא וואָלט קיין מאָל ניט נעגלויבט אזא פערברעכען אויף איהר געליבטען, האט זיא אויך געוואוסט דאס ער קען ניט זיין דער גנב, דען אין דער צייט ווען דיא רויבעריי איז געשעהן איז ער ביי איהר געוועזען און האט זיא בעשאָטען מיט זיינע קוסען.

אנגסטפאל און פערצווייפעלט איז זיא ארומגעגאנגען אין איהר זאאל.

וואס זאָל זיא טהאָן?

לינא האט געפיהלט דאס זיא מוז רעטען איהר געליבטען. אָבער זאָל זיא בענוצען דעם איינציגען בעוויז, וועלכען זיא האט פאָרלויפיג אין איהר האנד? זאָל זיא זאָגען וואו רודאָלף האט דיא נאכט פערבראכט?

אין ערסטען היטציגען מאָמענט האט לינא געוואָלט לויפען צום געריכט און האט געוואָלט צום ריכטער אויסשרייען: רודאָלף איז אונשולדיג! איך קען דארויף שווערען, דען וועהרענד דער פערברעכען איז געשעהן האט ער זיך געפונען אין מיין צימער.

אבער דאָך האט זיא דאס ניט געטהאָן. זיא האט זיך באַלד עראינערט וואס דערפון וועט זיך אויסלאזען, וויא מען וועט איהר מיט שאַנדע און מיט האַס פערדאַמען אלס דיא עהע־ברעכערין.

ניין, ניין. מיט פינגער וועט מען אויף מיר אנדייטען. זיא וועט דאס געוויס ניט קענען איבערטראָגען. זיא וואר אלעס בערייט נור ניט צו עפענטליכער שאַנדע.

עהע־ברוך!

זיא האט דיעזען ווארט פאר זיך גאַנץ שטיל געמורמעלט און איין אבשיי האט אָנגעפילט איהר הערץ. נאך ניט האט זיא געפיהלט דאס איהר ליעבע טראָגט דיעזען נאמען. זיא האט געהאַסט איהר מאַן און זיא האט עס געהאַלטען פאר איהר רעכט,

זיא זאָל איהר ליעבע זוכען אין איין אנדער אָרט, דען דער פּאָליציי קאָמיסאר האט שוין לאנג אויפגעהערט צו שענקען זיין אויפמערקזאקייט אויף איהר שעהנהייט און צו זיין צו איהר, וואס א פרוי אין איהר יוגענד און רייץ האט דאס רעכט צו פאָדערען פון איהר מאַן.

דאך האט זיא געפיהלט געוויסענסביסע. איהר געוויסענסביסע וואר נאטירליך ניט אויף וואס עס איז געשעהן, נור אויף דעם וואס עס איז ארויסגעקומען און האט געבראכט איהר געליבטען אין אזא פערצווייפעלטע לאגע.

לינא האט דעם גאנצען טאג פערבראכט אין דיעזע געדאנקען. זיא איז צו קיין פעסטען בעשלוס ניט געקומען און האט אויך איהרע געדאנקען ניט געהאט אין אָרדנונג.

נעגען אבענד איז דער פּאָליציי קאָמיסאר געקומען נאך הויזע. דאס וואר אזעלטענע זאך צו וואס ער איז גאָר ניט געוואָהנט געווען.

לינא האט איהם אנגעקוקט מיט בעהאלטענע בליקען. אויף איהרע ליפּען האט געברענט דיא פראגע „וואס הערט זיך מיט רודאָלף'ן". אָבער זיא האט געפירכטעט זיא זאָל זיך ניט פערראטהען.

אָבער גאנץ אונערווארטעט האט דער פּאָליציי קאָמיסאר אנגעפאנגען:

— דאס איז דאך דער מערקווירדיגסטער קרימינאל, וועלכער איז אין מיין לעבען פאָרגעקומען!

לינא האט אנגעשטעלט איהרע אויערען.

עס וואַר ניט דעם קאָמיסאר'ס געוואהנהייט צו ריידען פון זיינע אָפיציעלע געשעפטען ער האט אויך קיין מאָל ניט געפרעגט זיין ווייב'ס מיינונג, ווייל ער האט זיא ניט געהאלטען פאר גענוג ענטוויקעלט אין זיינע געשעפטען צו פערשטעהן.

דארום איז זיין ווייב געוואָרען איבערראשט ווען ער האט אָנגעפאנגען איין אונגעוועהנליכע טהעמא. זיא האט געפיהלט דאס ער האט דארין א געוויסען אבזיכט.

— זיא האט זיך ערשראָקען פאר דעם געדאנק, דאס דיעזע אבזיכט טרעפט אין איהרע געהיימניסע?

אָבער ניין, האט זיא זיך וויעדער געקלעהרט. איהר מאַן רעדט אין א שטילען און געוועהנליכען טאָן, און דאס וואָלט ער ניט געקענט ווען ער וואָלט עטוואָס ערפאהרען.

— וועלכען קרימינאל מיינסט דוא? — האט זיא גאנץ רוהיג געפרעגט.

— דיא גנבה ביי אהרן הירש.

— וועלכע מען האט דיר הייטע געמאָלדען ?

— יא.

— אָה, מיר האבען דאמאָלס גראדע געשפראָכען וועגען מיין געלד.

— געוויס. אָבער דערפון וויל איך יעצט ניט רעדען.

לינא האט לייכטער אויפגעאטהעמט. ער וויים אלזא ניט.

— נון, — האט זיא געזאָגט מיט עטוואס דרייסט. — דוא האָסט געזאָגט דאס דוא האָסט דאס געלד...

— ליעבעס קינד, לאָז מיך יעצט דערמיט צורוה. מיין קאָפּ איז פאל אָהן דעם! — האט ער זיא איבערגעשלאָגען.

„ליעבעס קינד“ האט ער שוין זעהר לאנג צו איהר ניט געזאָגט. דא מוז אלזא עטוואס וויכטיגעס זיין. זיא האט בעשלאָסען צו לאָזען דיא פראגע וועגען דאס געלד און צו ערקונדיגען זיך עטוואס מעהר וועגען רודאָלף׳ס שיקזאל.

— נון, וויא דוא ווילסט. — האט זיא איהם געזאָגט. — וואס איז דאָרט מיט דעם קרימינאל וועלכען דוא בעטראכטעס אזוי זעלטען. האט מען געפונען דעם פערברעכער.

— יא.

— האט ער זיך מודה געוועזן ?

— נאָט בעוואהר. ער לייקענט זיך, אָבוואָהל מען האט איהם אזוי גוט וויא זיכער אויסגעפונען.

— איז ער איינער פון דיא אנגעשטעלטע ?

— יא. רודאָלף מענצעל הירשעס קאססירער. איך אליין האב איהם הייטע פריה פערהאפטעט.

לינא האט געציטערט. זיא האט געפיהלט אז דיא בלוט פון איהרע באקען איז פערשוואונדען. וועהרענד זיא האט געפיהרט דעם געשפרעך האט זיא געשפילט מיט א בראָש יעצט האט זיא דאס אראפגעווארפען אויף דער ערד אום זיא זאָל זיך קענען איינבויגען דיא בראש אויפצוזוכען, און געווינען איינינע סעקונדען אום איהר פארב צו קריגען.

— דוא אליין האסט אויסגעפונען דאס ער איז שולדיג ? – האט זיא נאכדעם געפרעגט.

— נאטירליך ! איך האב איהם דורכגעזוכט. צו לעצט האב איך זיך גענומען צו זיין קופערט. ביז איך האב גע..עגט מיין האנד אויף דעם קופערט, וואר ער רוהיג און גלייכגילטיג, אבער וויא דאס איז דערצו געקומען האט ער אנגעפאנגען

צו ציטערען. איך האב אבער דעם קופערט געעפענט און האב דארט ווירקליך געפונען געגנבעטען געלד און באנקנאטען.

— וואר עס פיעל?

— נא, איינינע טויזענד, אבער ער קען ניט זאגען וואו ער האט דאס בעקומען. דאס מערקווירדיגע דערביי איז, דאס מענצעל איז געווארען בלאס און פערצווייפעלט ווען איך האב אין קופערט געפונען איין קעסטעלע פון סאפיאן לעדער. ער האט מיך דורכאויס געוואלט פערהינדערען איך זאל זיא ניט עפענען.

— און וואס איז דארט געלעגען? אויך פאפירען געלד? — האט לינא געפרעגט אין א רוהיגען טאן וועהענד איהר הערץ האט געהאלטען ביי'ן צער־שפרינגען.

— דארט וואר ניכטס. אבער איך דענק, אז דאס געלד וואס מען האט ביי איהם געפונען איז גענוג בעוויז.

— ער האט זיך אבער מודה געוועזן?

— ניין. ער האט מיך קיין אויסקונפט נעגעבען, וואו ער האט זיך דיא נאכט אויפגעהאלטען. איך בין נייגיעריג צו וויסען, וואס ער וועט דעם אונטערזוכונגס ריכטער ענטפערען וועגען זיין ארט אין דער לעצטער נאכט.

— זא איז ער שוין אין געריכטס געפענגניס?

— יא.

— און דוא האסט שוין דערמיט ניט צו טהאן?

— נו געוויס, ווען מענצעל וועט זיך נאך אלעס לייקענען, וועל איך מוזען ווייטער ארבייטען. אויפגעפאלען איז מיר נור דיא קעסטעלע מיט שאפיאן לעדער. דא שיינט צו שטעקען א ליעבעס אינטריגע הינטער דער גאנצער געשיכטע.

— וואלט ער עס דען פערשוויגען?

— פיעללייכט וואר עס א ווייב, וועלכע האט פון איהם פיעל געלד געפאדערט, איינע וועלכע איז אויך אין דעם שולדיג.

— דאס אין מעגליך. האט מען ביי איהם ניט געפונען דאס גאנצע געלד?

— ניין. דערפון אליין איז א בעוויז דאס ער האט מיט־שולדיגע, וועלכע האבען דאס געלד גענומען צו זיך.

— ווען איז דיא גנבה געמאכט געווארען?

— לעצטע נאכט.

— איך מיין, אויב מען וויס דיא בעשטימטע צייט אום מען זאל פון דער צייט קענען עטוואס בעשליסען.

— יעדענפאלס האט עס געמוזט זיין צווישען האלב צעהן אבענדס און האלב נאך צעהן מאָרגענס.

— פון וואנען ווייסט דוא דאס ?

— דערפון וואס אין דיזער צייט האט גערעגענט, און אויף דיא דיללען פון קאָנטאָר האט מען געפונען פוס־טריט, וועלכע בעווייזען דאס דער גנב איז דאָרט געוועזן אין דער צייט פון רעגען.

— צווישען האלב צעהן און האלב פינף איז רודאָלף געוועזן ביי מיר. — האט לינאָ ביי זיך געטראכט.

יעצט האט זיך דער געשפרעך געענדיגט. דעם קאָמיסאר האט עס זאָגאר פערדראָסען, ווייל ער האט אָנגעצווינגען דעם גאנצען געשפרעד וועגען דאס געלד אום צו פערטומלען לינא׳ס געדאנקען וועגען איהר געלד וועלכען ער האט ביי זיך געהאט.

לינא האט געהאט דאס רעכט צו פאָדערען פון איהם דאס געלד. אָבער אויף קיין פאַל האט ער עס איהר געקענט געבען, דען דאס געלד, וועלכע מיסטער וועלער, יע־ אמעריקאנער האט איהם געגעבען, וואַרען אָהן א צווייפעל דיא געגנב׳טע באנקנאָריען פון אהרן הירש׳ם קאָנטאָר.

דער פאָליציי קאָמיסאר וואר דערפון איבערצייגט. דאך האט ער זיך געהיט צו זאָ־ען דעריבער איין וואָרט. וואס קימערט עס איהם וואס רודאָלף מענצעל ליידעט אונשולדיג. ער איז צו זיך נעהענטער וויא צו יעדען אין דער וועלט און דערצו איז ער געוועזן אין דעם אמעריקאנערס האנד. ער מוז שווייגען, ווען ער וויל ניט פערניכטען זיין שטעלע און זיין עהרע.

לינא האט נאטירליך ניט געוואוסט, דאס איהר מאן איז מיט איהר צוזאמען פערמישט אין דער געשיכטע. זיא האט זאָגאר ניט געקענט פערשטעהן ווארום ער פערשווייגט אלעס וועגען איהר געלד. זיא האט אבער ניט גערעכענט דאס ער האט עס שוין פערשפיעלט, דען זיא האט איהר מאַן ניט געהאלטען פעהיג פאר קיין ליידענשאפט, זאָגאר דיא קארטען ליידענשאפט.

— געהסט דוא הייטע פאָרט ? — האט זיא געפרעגט.

— יא.

— אָפיציעלע געשעפטען ?

— ניין, איך וויל אביסעל פערברענגען צווישען פריינדע, איך האב שוין נויטהיג איין ערהאָלונג. ווארט ניט אויף מיר, איך קען ניט זאָגען ווען איך קען קומען.

נאך דיעזע ווערטער האט ער זיך אבגעזעגענט קורץ און קאלט. זיא איז צוגעגאנגען צום פענסטער, אָבער איינינע מינוטען זיינען אוועק און זיא האָט איהם נאך אלץ ניט געזעהן ארויסגעהענדיג פון הויז.

א לייזער גערויש האט געקלאפט אין איהר אויער.

— וואס איז דאס האט זיא געמורמעלט. — ער איז דאך אוועקגעגאנגען ?

זיא איז געגאנגען נאך דעם גערויש און האט געפונען דאס דער גערויש קומט פון נעבען צימער, וועלכען איהר מאן בעניצט נאר פאר זיך.

לינא האט זיך צו געהאָרכט צום טיהר, און דאן האט זיא גענומען דעם שלאָס צו עפענען, אבער עס האט זיך ניט געעפענט, דיא טיהר וואר פערשלאָסען.

— וואָס זאָל דאס בעדייטען ? — האט לינא געמורמעלט און האט גענומען רופען איהר מאן'ס נאמען.

— וואָס ווילסט דוא ? — איז געקומען זיין שטימע פון צימער.

— ביזט דוא נאך דאָ ?

— יא.

— נייע געהיימניסע, — האט דיא פרוי צו זיך געמורמעלט. — אך ווען איך וואָלט געהאט רוהע ? וויא וועט ער זיין שיקזאל ערטראגען, און פאר אלע זאכען וועט ער שווייגען ?

לינא וואר גענוג ענטאָאיסטיש צו ווינשען דאס רודאלף זאל ניט זאָגען דיא ווארהייט. זיא האט געהאט דעם גרעסטען צוטרויען צו זיין עדעלמוט, דאך האט זיא איהר פורכט ניט געקענט בעהערשען, און איהר מורא פאר איהר אייגענעם פרידען וואר פיעל גרעסער וויא איהר ליעבע צו דעם יונגען מאן.

ערסט נאך א פערטעל שטונדע האט זיך דיא טיהר פון צימער געעפענט און דער פאָליציי קאָמיסאר איז ארויס.

— איך האב נעגלויבט דאס דוא ביזט שוין אוועק.

— איך בין שוין געווען אוועק, נור איך האב עטוואס פערגעסען און האב זיך אומגעקעהרט.

— ביזט דוא געקומען דורך דיעזען צימער.

— ניין, גלייך דורך'ן קאָרידאר.

— און ווארום האָסט דוא זיך פערשלאָסען ? — האט לינא געפרעגט מיט א בייזען שמייכעל.

דוא פרעגסט ווירקליך צו פיעל ! — האט דער בעאמטער געזאָגט מיט כעס. — גוטע נאכט.

דיעזעס מאָל איז ער ווירקליך אוועק פון הויז. כינא האט עס געזעהן פון פענסטער. ער איז באלד בעשטיגען א קאר און איז אוועקגעפאהרען צום שטאָדט.

דיא קאָר האט איהם צוגעפיהרט צום האָטעל וואו מיסטער וועלער האט זיך געפונען.

דיעזען מאָל איז ער ניט אריין אזוי געהיים וויא דעם לעצטען מאָל. ער האט אָנגעקלונגען צום דינער.

— צו וועמען ווינשט איהר מיין הערר? — האט דער דינער געפרעגט.

— צו מיסטער וועלער. איז ער דאָ?

— איך וועל נאכזעהן.

דער דינער האט נאכגעזעהן דעם שווארצען ברעט וואו דיא שליסלען הענגען.

— דער שליסעל פון נומער 13 איז ניטאָ. דער הערר מוז זיין אין זיין צימער.

דער קאָמיסאר איז ארויפגעלאָפען אויף דיא טרעפ און האט אָנגעקלאָפט אין טהיר פון נומער 13. דיא טהיר האט זיך געעפענט און דער אמעריקאנער האט איהם בעגריסט.

— אָה, הערר סאָמער? וואס האָט אייך אהער געבראכט? — האט ער געפרעגט.

— א וויכטיגע אנגעלעגענהייט.

— דאַרפט איהר געלד?

— ניין.

— גיט עס אין דער וועלט נאך עטוואס וויכטיגעס אויסער געלד?

— געוויס מיין הערר. איך האב מיט אייך צו ריידען איינינע מינוטען און, דארום בעט איך אייער ערלויבניס איך זאָל מיך זעצען. — האט דער קאָמיסאר געזאָגט ערנערליך אויף דעם אמעריקאנערס אונהעפליכקייט.

— נון וואס גיבט עס? — האט דער אמעריקאנער געפרעגט און האט אָנגעוויזען אויף א שטוהל.

— איך מוז אייך עטוואס מיטטהיילען. א זאך, וועלכע איז אייך פיעללייכט גוט בעוואוסט.

— און וואָס איז דאס?

— פאָרינע נאכט איז א רויבעריי געשעהן.

— א!

— און צוואָר איידער איך בין ביי אייך געזעהן.

דאס איז נאַטירליך. איהר זייט געקומען ציטליך שפּעט.

— דער איינבּרוך איז געשעהן ביי הערר'ן הירש.

— דאס איז ריכטיג.

— איהר ווייסט דערפון?

— נאַטירליך. איך וויים עס פון דיא זיכערסטע קוועלען, וועלכע מען קען געפינען. האט מען געכאַפּט דעם רויבער?

— זאָגט מיר בעסער אויב מיר האבען „דעם פערדעכטיגען„.

מיסטער וועלער האט זיך אויפגעשטעלט אויף זיינע פיס. אין זיינע גרויע אויגען איז געלעגען דער בליק פון א רויב־טהיער. אין א ברוטאלען טאָן האט ער געזאָגט:

— אויב איהר ווילט מיך דראָהען אָדער איינשרעקען דאן זאָלט איהר וויסען, דאס איהר זייט אין מיין האנד. איך זאָג אייך דאס דער מאַן, וועלכען איהר האט פערהאַפטעט און ביי וועלכען איהר האט געפונען א טהייל פון דעם געלד דער איז דער רויבער — קיין אנדערער.

— אייערע ווערטער בעווייזען מיר דאס איך האב רעכט געהאַט מיט מיין פערמוטונג. איך וויים ווער עס האט דעם קאַנטאָר בערויבט, איהר מיסטער וועלער. איהר זייט דער רויבער.

— נאַטירליך.

— און ווען דאס וועט ארויסקומען?

— דאפיר דאַרפט איהר זאָרגען עס זאָל ניט געשעהן. איהר זייט דאך דער פּאָליציי קאָמיסאר.

— איך קען אייך ניט שיטצען. — האט סאָמער ענטשלאָסען געזאָגט. — ווען איהר זאָגט אז איך בין אין אייער האנד. זאָ מוז איך אייך זאגען דאס איהר זייט אין מיין האנד. מירביידע זיינען אין געפאהר און מיר ביידע דאַרפען זיך זעהן פון איהר צו שיצען.

— הא, דאַרין זייט איהר גערעכט. אָבער אין וואס בעשטעהט דיא געפאַהר?

— האט איהר נאָך דאס פּאַפּיר־געלד? — האט דער פּאָליציי קאָמיסאר געפרעגט.

— דאס איז מיין זאַך.

— איך מאַך אייך אויפמערקזאם דאס דיא נומערען פון דאס גערויבטע געלד זיינען נאָטירט.

— דאָס פערשטעהט זיך, אלס פאָרזיכטיגער מאַן האב איך דאס בערעכענט.

— זא האט איהר דאס פּאפּיר געלד שוין אויסגעביטען?

— וואהרשיינליך.

— דארף איך פון אייך בעטען א פריינדשאפט?

— וועלכע?

— דאס איהר זאלט אויך מיין געלד אויסבייטען. — האט דער קאָמיסאר געבעטען.

— איך בין קיין נאר. ניין מיין ליעבער הערר, איך בין צופריעדען וואס איך בין פון מיין געלד בעפרייט געווארען. יעצט זוכט איהר א וועג פון אייער געלד פריי צו ווערען, וועקסעלט עס אליין אויס.

— עס איז מיר אָבער אונמעגליך. מען וועט פערדעכטיגט ווערען.

— דאס טהוט מיר לייד, — האט מיסטער וועלער רוהיג געזאָגט — איך האב פאר אייך געטהאָן וואס איך האב געקענט.

— מיסטער וועלער! — האט דער פּאָליציי מייסטער אויסגעשריען מיט כעס און איז צוגעלאָפען צום אמעריקאנער.

דער אמעריקאנער האט זיך אָבער ניט געשראָקען. ער האט אנגעשטעלט א גאנץ ברייטע מינע און האט געזאָגט:

— מיין הערר, איך ערוואַרט געסט און איך בעט אייך איהר זאָלט מיך פערלאסען. יעדענפאלס מוז איך אייך זאָגען דאס איהר געהערט ניט צו דיא קלוגע מענשען אין דער וועלט, זאָנסט וואָלט א מענש פון אייער ערפאהרונג געפונען א מיטעל וויא דאס געלד אויסצו־ווערסלען. איך וועל אייך אָבער געבען מיין ראטה. נעהמט א וואַקיישען, פעררייזט פון דיעזער שטאדט און ברענגט אויס דאס געלד.

דער פּאָליציי קאָמיסאר האט פערביסען דיא ליפּען אום ניט ארויסצולאָזען דיא ווערטער וועלכע האבען זיך געריסען פון זיין מויל.

— נון, גוטע נאכט, הערר קאָמיסאר, איך ווינש אייך אלל דאס בעסטע, גוטע נאכט! — האט דער אמעריקאנער גאנץ ברייט געזאָגט.

סאמער איז אוועק. ... זיין געזיכט האט ער זיך בעמיהט צו האלטען רוהיג, אָבער אין זיין הערצען האט געקאָכט ווארום דער אמעריקאנער איז איהם בייגעקומען.

ער האט אימער געבויט אויף זיין ענערגי, אָבער יעצט האט ער איינגעזעהן דאס ער האט געקראָגען א געגנער געגען וועלכען ער קען זיך ניט שטעלען. מיסטער וועלער האט דעם בעזוכער בעגלייט ביזן טהיר. ווען ער האט זיך

איבערצייגט דאס דער פּאָליציי קאָמיסאר איז ווירקליך אוועק האט ער זיך געריבּען דיא הענד פאר פריידע.

— דעם פּאָליציי קאָמיסאר האב איך ארויסגעיאָגט, אבער יעצט שנעל צום צוג. מאָרגען פריה דארף איך שוין ניט זיין אין בערלין. מען ערוואַרטעט מיך אונגעדולדיג אין בערלין.

דאס וואַר א זיעג! — האט ער צו זיך אליין ווייטער געזאָגט. — דיעזעס געלד איז צו מיר געקומען אין דער רעכטער צייט, דען אלע מיינע קוועלען זיינען באלד אויסגעשעפּט צום טייפעל! דאס קען נאך קאָסטען איינעגע טויזענדער, זיכער איז זיכער.... און ווען איך זאָל נאָך קריעגען דעם האלבּען מילליארד......

— שוין ניין אוהר! — האט ער זיך אליין אונטערבּראָכען. — עס איז דיא העכסטע צייט איך זאָל געהן. אום עלף פאָהרט דער קוריער צוג נאך דרעזדען. דיעזער פּאָליציי קאָמיסאר וועלכער איז צופעליג ארייננעפּאלען אין מיין האנד וועט מיך בעשיצען. איך האָף אז ער וועט מיר נאך דינען אין דער צוקונפט. אָבוואהל איך וואַר צו איהם אזוי שלעכט דאס איך האב איהם דאס געלד ניט געוואָלט אויסוועקסלען. איך וועל מיך אָבּער היטען. דרייסיג טויזענד מארק איז קיין קלייניגקייט. פאר דיעזעס געלד קויף איך מיך נאך צעהן געגאָסען וועלכע איך וועל קענען גוט אויסניטצען.

נאך דיעזע ווערטער האט דער אמעריקאַנער אָנגעטהאָן זיין מאנטעל, זיין הוט, האט גענומען זיין רייזע זאק און האט פערלאסען דעם צימער. לאַנגזאם און פּאָרזיכטיג איז ער ארונטער פון דיא טרעפּ.

— עהע פּאָרטיער!

דער דינער, וועלכער האט זאָ פּאָרט ערקענט דעם אמעריקאַנערס שטימע איז צו איהם צוגעשפּרונגען.

— וואס בעפעהלען זיא הערר וועלער?

— איז דער ווירטה פון האָטעל צום שפּרעכען?

— איך וועל נאכזעהן.

— ניט נויטהיג, ניט נויטהיג, איך האָבּ קיין צייט, איך מוז לויפען צום באהן.

— ווילט איהר דען פעררייזען?

— גאנץ נאַטירליך.

— איהר קומט אָבּער צוריק?

— גאנץ געווים. זאָגט אייער הערר דאס איך פערלאנג דעם צימער אויף ווייטער. ער איז מיר גראדע גוט געפעלען. איך בעצאָהל פאר דער צייט וואס איך וועל ניט זיין. היער איז 150 מארק פאר דעם נעכסטען מאָנאט. גיט מיר נאר א רעסיט.

— אה דאס האט אויך צייט געהאט! — האט דער פּאָרטיער געזאָגט.

— שנעל דעם רעסיט! איך האב קיין צייט צו ווארטען.

דער פּאָרטיער האט אויפגעשריבען דעם רעסיט און האט איהם אבגעגעבען מיט א העפליכער מינע.

— היער פאר אייער מיהע. דער אָבער קעלנער וועט בעקומען שפּעטער. איך קען איהם ניט געפינען.

דער אמעריקאנער איז אוועק. דעם פּאָרטירס אויגען האבען איהם בעגלייט ביז'ן טהיר. דעם דינערס געזיכט האט פּלוצלונג גענומען איין אנדער אויסדרוק. זיין אונטערטהעניגקייט איז פערשוואונדען און אין זיינע אויגען האט עס גענומען בליטצען.

ער איז אריין צוריק אין זיין צימער און האט אויסגערופען:

— מארטהא!

נעבען זיין צימער איז געווען מארטה'ס קאמער. זיא איז באלד ערשינען אויפ'ן טהיר און האט געפרעגט:

— דוא רופסט מיך, פאטער?

— יא, מיין קינד, מאד זיך פערטיג, דוא מוזט גלייך געהן צום טעלעגראף.

מארטהא האט געוואָרפען א פראגענדען בליק אויף דעם פּאָרטיער און דערביי האט זיך בעוויזען א פּאאר העל בלאָע אויגען וועלכע האבען צוגעגעבען חן צו איהר געוועהנליכעם געזיכט.

זיא וואר פון מיטעלען גרויס, זיא וואר ברייטער וויא העכער. זיא וואר שטארק געבויט, מיט שטארקע מוסקלען און איין הויכע ברוסט. איהרע ליפּען וואָרען פּטערגרייזעלט, איהר נאָז האט געהאט איין מערקווירדיגען פאָרם, וועלכער לאָזט זיך ניט בעשרייבען, אָבער וועלכער האט גראדע אויסגעדריקט ליידענשאפט. איהר מויל וואר א ביסעל ברייטער וויא געוועהנליך, דאך וואר ער גראדע ניט מיאוס.

איהר קאָפּ וואר בעדעקט מיט אש בלאָנדע האאר, וועלבע וואָרען צוזאמענגענומען אין איין צאָפּ.

דער פאַרטיר האט זיך גלייך געזעצט ביי'ן טיש און האט אויפגעשריבען א טעלעגראַמע, וועהרענד מארטהא האט זיך אָנגעצויגען צום געהן.

— ביזט דוא פערטיג ? — האט דער פארטיר געפרעגט.

— יא, פאָטער.

— געה שנעל, נעהם דיא קאר.

— וועסט דוא אויף מיר ווארטען ?

— גוט, געה שנעל און קום ניט שפעט צוריק.

מארטהא האט גענומען דיא טעלעגראמע און איז שנעל אוועק צום קאר.

זיא האט אָבגעשיקט דיא טעלעגראמע און איז באלד אוועק אויפזוכען איהרע א פריינדין, איין יונגעס מעדכען, וועלכע האט זיך ערנעהרט פון שניידעריי. דיעזע פריינדין האט געהאט א פאָטער און קיין מוטער, זיא האט בעוואָהנט א קליינעם צימער אויף'ן דריטען שטאָק אין א הינטער שטיבעל.

דער צימער וואר זעהר קליין און ארם דאך וואר ער גענוג גרויס אויפצונעהמען איינינע געסט, וועלכע זיינען דורכאויס בעשטאנען פון הערען.

מארטהא׳ס פריינדין האט געפייערט איהר געבורטסטאג.

— — — — — — — — — — — — —

דערווייל האט זיך דער אַמעריקאנער אריינגעוואָרפען אין א דראָשקע און איז אָפּגעפאָהרען צום שפיטעל מארק.

דארט איז ער ארויס פון וואָגען און האט זיך פערלאָרען אין דיא קליינע און פערדרעהטע גאסען, וואו איין ביער-לאָקאל איז געשטאנען נעבען דעם צווייטען.

אין איינעם פון דיעזע ביער-לאָקאלען איז דער אַמעריקאנער אריין. ער איז אריין אין דעם גרויסען צימער וואו עס ווארען אַלערליי מענשען, וועלכע האבען געשריען און געליארמט, האבען געלאכט און געשאָלטען.

מיסטער וועלער האט זיך אין האָטעל געהאלטען וויא איין עכט געבאָרענער דזשענטעלמען, איז אין דיעזען לאָקאל געוועזען פונקט וויא אלע איבעריגע, גלייך וויא ער וואלט דאָ געבאָרען געוואָרען און וואָלט קיין אנדער וועלט ניט געזעהן.

זיינע קליידער ווארען עלעגאנט. זיי זיינען נאטירליך געוואָרען אויפפאלענד, דען אזא עלעגאנטע ערשיינונג איז אין אזעלכע לאָקאלען איין זעלטענהייט, דאך גאנץ זעלטען וואר עס אויך ניט. דען מאנכעס מאָל האט מען היער אין דיא פינסטערנעס פון דער נאכט געזעהן איין עלעגאנטען מאַן צווישען דער באנדע אָבגע-ריסענע און איינגעשמוצטע שכורים.

מיסטער וועלער איז מיט זיכערע שריט געגאנגען צווישען דיא געסט. ער האט

יעדען איינעם פון זיי בעטראכט בי׳ ער איז געקומען צום לעצטען ווינקעל פון לאָקאל וואו איין יונגער מא איז געזעסע.

דער יונגער מאַן וואר אליין, און דער שטוהל אויף וועלכען ער האט זיין הוט געהאלטען האט בעוויזען דאס ער האט ערווארטעט א גאסט.

דיעזער גאסט איז יעצט געקומען.

— נון, מאקס, שוין לאַנג היער ? — האט דער אמעריקאנער געפרעגט.

— זייט א שטונדע.

— איך האב פריהער ניט געקענט קומען. מיר האבען אבער יעדענפאלס ניט פיעל צו ריידען. דוא האָסט דיין ארבייט גוט געמאכט, און דוא פערדינסט א דאָפּעלטען לאָהן.

— איך בין צופריעדען אָנצונעהמען. גיט עס נור אהער.

— כאַפּ זשע ניט, מיין פריינד. צו ערסט גיב אָפּ דעם רעפּארט וויא דוא האסט עס געמאכט.

— וואס איז דאָ צו רעפּאָרטען ? איהר ווייסט דאָך דאס איך שפּיעל א ...בע מיט טאָני׳ן.

— זיא איז א שעהנע מיידעל.

— דאס קען זיין, אָבער איך וויל פון איהר פּטור ווערען.

— און זיא האט דיר געהאָלפען אריינצוקריכען אין רודאָלף׳ס צימער ?

— נו, וואָס קומט איהר דערפאר? איך וועל זיא זאָ וויא זאָ ניט הייראטהען.

— ווילסט דוא בלייבען אין בערלי ?

— ניט זעהר שטארק. דארפט איהר מיך דא האבען ?

— איך וויים ניט צו וואס.

— דאן וואָלט איך בערלין פערלאסען.

— וויים טאָני דיין אדרעסע ?

— אָה, ניין. איך האב איהר נעגעבען א פאלשע.

— האָט זיא דיר פיעללייכט אמאל עטוואָס געשריעבען ?

— נור אויפ׳ן פּאָסט.

— ווייסט זיא וואו דוא ארבייטעסט ?

— אויך ניט.

— אָבער דיין נאָמען וויים זיא ?

— זיא וויים, אז איך הייס מאקס. איך האב איהר אָבער ניט געזאָגט דעם

אנדערן נאַכ‌ען. נור וואס טויג דאס אַלעס, מיר האבען דאך עפּעס גערעדט פון א דאַפּעלטען לאַהן.

— זאָג מיר נור פריהער, האסט דוא דעם קופערט גוט דורכגעזוכט?

— געווים.

— ווייסט דוא וואָס ווייטער איז געשעהן.

— יא, איך בין אין דער פריה געשטאַנען פון ווייטען און האב צוגעזעהן וואָס עס האט זיך געטהאן. רודאָלף מענצעל איז פערהאַפטעט געוואָרען.

— ווער האט איהם פערהאפטעט?

— א הערר אין ציוויל קליידער און א וואכט-מייסטער.

— וויא האט אויסגעזעהן דער מאַן אין דיא ציוויל קליידער?

מאַקס האט איהם געגעבען דיא בעשרייבונג, וועלכע האבען דעם אַמעריקאַנער זאָפאָרט איבערצייגט דאס עס וואַר דער פּאָליציי-קאָמיסאַר סאָמער.

— דאס איז גוט. זאג מיר נור ביזט דוא געוועזען אין זיין צימער?

מאַקס האט זיך צולאַכט.

— אָה, איך האב דאָרט עטוואָס געפונען און האב עס גענומען צו זיך.

— וואס איז דאס?

— א בילד.

— דאס אינטערעסירט מיך ניט.

— עס וואַר א בילד פון א דאמע. איך האב גערעכענט דאס איהר קענט עס געברויכען און דארום האב איך עס גענומען צו זיך.

— האסט דוא עס דאָ?

— נאַטירליך.

— דאַן גיב עס אהער.

מאַקס האט ארויסגענומען א פּאָטאָגראַפיע פון זיין טאַשע און האט זיא אָבגעגעבען דעם אַמעריקאַנער. דער אַמעריקאַנער האָט נור איין בליק געוואָרפען אויף דאס בילד און פון זיינע ליפּען האט זיך אַרויסגעריסען א געשריי פון איבערראַשונג.

— קענט איהר דיעזע דאַמע?

— פיעללייכט, עס איז גוט וואָס דוא האסט דאס בילד גענומען, איך וועל עס בעהאַלטען. זאָג מיר נור מאַקס, וואוהין ווילסט דוא פאָהרען?

— איך וויים עס נאך ניט.

— וואָלסט דוא וועלען פאָהרען נאך באַיערן?

— אמאָל דורכפאָהרען זיך.

— ווען דוא ווילסט אהין פאָהרען וואָלט איך דיך דאָרט געקענט געברויכען.
— וואס זאָל איך דאָרט טהאן?
— דוא קענסט זיך איינשטעלען און ביזט געשיקט, דוא ביזט אויך אביסעל געלערנט. איך וועל דיך נעהמען צו זיך.
— אלס וואָס?
— אלס מיין עקספּידענט.
— און וואס קען איך קריגען?
— מעהר אלס היער. הונדערט מארק א מאָנאט און זייטיגע אויסגאבען.
דער אמעריקאַנער האט דעם לעצטען וואָרט גאנץ געזאָנדערט בעטאָנט. מאַקס האט איהם פערשטאַנען.
— גוט, איך בין צופריעדען, — האט מאַקס ערקלעהרט.
— היער איז דיין בעלאָהנונג. עס איז פיעל מעהר וויפיעל דוא האסט געקענט ערוואַרטען. ווען ווילסט דוא רייזען?
מיר איז עס גאַנץ גלייך.
— דאן גוט. וואַרט נאך דריי טעג, און קום אין אויסבורג ניט שפּעטער וויא אין אכט טאג. זאָלסט פערפאהרען אין האָטעל „צום גאָלדענעם שטערן" און זאָלסט זיך רופען מאקס וויטטיך. איך וועל דיך דאָרט אויפזוכען.
— איינפערשטאַנדען, וויא איך זעה האט איהר אויך דאָרט פאר מיר וואָס צו טהאָן.
— דאס קען זיין, יעדענפאַלס קענסט דוא דאָרט מאכען דיין גליק! — האט דער אמעריקאַנער געזאָגט און האט זיך אויפגעהויבען.
— פערגעס ניט דאס אין אכט טאָג זאָלסט דוא זיין אין אויסבורג!
— געוויס, איך רייז שוין הייטע אָב.
— דאס איז קלוג. פאָהר נאך לייפּציג, פראַנקפורט, שטראַסבורג און פון דאָרט איבער שטראָסבורג נאך אויסבורג. עס איז בעסער דוא זאָלסט אהין ניט קומען מיט דעם גלייכען וועג.
דער אמעריקאַנער איז יעצט אוועק.
ברר, וואָס פאר א לופט דאָ איז! — האט ער צו זיך געזאָגט, ווען ער האט זיך ארויסגעכאפּט פון לאָקאל.
ער האט באלד צוגערופען א דראָשקע און איז אוועקגעפאָהרען צום באהנ-האָף.
ער איז געקומען גראדע אין דער צייט צו קויפען א בילעט און ארייננצוחאפּען זיך אין א וואַגאָן איינינע מינוטען איידער דער צוג איז אָבגעגאַנגען.

23טעם קאַפּיטעל.

גרעטע.

אַנגעפּיהלט מיט טרויעריגע געדאַנקען און מיט אַ פערביטערטער הארץ האט זיך מרים בעגעבען נאָך דער דרוקעריי און איז אריין אין ארבייטס צימער.

עלזא איז שוין געשטאַנען ביי'ן זעצ־קאַסטען און האט געארבייט. זיא האט מרים'ס גרוס ניט בעאַנטוואָרטעט.

דאס איז מרים'ן אויפגעפאלען, זיא האט געוואָרפען אַ בליק אויף איהר קאָלע־נין און אַלס זיא האט געזעהן וויא ארום עלזא'ס ליפּען שפּיעלט אַ טייוועלשער שמייכעל האט זיא זיך ערשראָקען און איהרע באַקען זיינען געוואָרען בלאַס. מיט ציטערדיגע הענד האט זיא זיך געשטעלט ביי דער ארבייט.

אום ניין אוהר איז דער פאָרמאַן אריינגעקומען. ער האט געגעבען אייניגע אויפטראַגע צו עלזאן, דאַן האט ער זיך געווענדעט צו מרים'ן.

— נון, איז פערטיג דיא קאָרעקטור?

— יאָ, היער איז דאס. וואס זאָל איך יעצט זעצען?

— האַמ. — האט דער פאָרמאַן געזאָגט און האט זיך געקראַצט אונטער'ן אויער — איך האב וועגען אייך געהערט עפּעס שעהנע געשיכטען.

— וואָס זאָגט איהר? וויא זאָל איך אייך פערשטעהן? — האט מרים גע־שטאַמעלט.

דער פאָרמאַן האָט געצויגען מיט דיא אַקסלען.

— מיך קימערט ניט וואָס איהר טהוט וועהרענד דער נאַכט. אָבער לײדער ווייס עס שוין דער ווירטה.

מרים'ס באַקען זיינען געוואָרען וויא פייער.

— דער ווירטה? וואָס מיינט איהר?

— דאס ווייסט איהר בעסער פון מיר, אָבער אָה, אט קומט דער פּרינציפּאַל.

הערר סימען איז ווירקליך אריינגעקעמען. ער האט צו מרים'ן צוגעוואָרפען אַ פאָרשענדען בליק און דאַן האט ער געזאָגט:

— פרייליין, אום צעהן אוהר וואָלט איך אייך וועלען זעהן אין מיין קאַנטאָר.

מרים'ן איז געוואָרען טרויעריג צום מוטה, עס איז איהר אָנגעקומען דאס וויינען און נור מיט דער גרעסטער מיהע האט זיא אונטערדריקט דיא טרעהרען. ווייס

מען דען שוין וואָס זיא האט דיא נאכט דורכגעמאַכט? אָהן צווייפעל! און וואס וועט מען דענקען פון איהר פערברענגען א גאַנצע נאכט אין מענצעלס וואָהנונג!

פיעלע מינוטען האט זיא געקוקט וויט פון זיך, איהרע הענד זיינען אראָבגע־האַנגען און עס וואַר איהר אונמעגליך עטוואָס צו טהאָן.

אלס עס האט געשלאָגען צעהן אוהר איז זיא אריין אין קאַנטאָר. זיא האט געפיהלט וויא עלזא האט איהר בעגלייט מיט א געלעכטער און אין איהרע אויער'ן האט געקלונגען דער שימפף מיט וועלכען זיא האט זיא אויסגעריכט.

מיט א קלאַפּענדעס הארץ איז זיא אריין אין קאַנטאָר. אויסער דעם יונגען הערן האָט זיך דאָרט אויך געפונען נאך איין הערר. דיעזער הערר האט זיך גלייך צו איהר געווענדעט און האט זיא בעטראַכט פון קאָפּ ביז דיא פיס מיט א בליק, וועלכער האט איינגעדרונגען אין איהר הערצען.

— פרייליין, — האט דער ווירטה געזאָגט — איך האב אייך גערופען ווענען איין אונאַנגענעהמע זאַכע און איך מוז אייך זאָגען דאס זיא איז מיר זעהר אונאַנגענעהם. דיעזער הערר וועט אייך אויספרעגען און איך ראַטה אייך איהר זאָלט איהם ענט־פערען דיא וואָהרהייט.

וויא ערשראָקען און צוטומעלט מרים איז געוועזן, דאך האט זיך אין איהר אויפגעוועקט דער שטאָלץ און אין א העפטיגען טאָן האט זיא געזאָגט:

— אזא אויפפאָדערונג איז פאַר מיר איבעריג. איך בין געוואָהנט צו זאָגען דיא וואָהרהייט.

— דאָס איז גוט! — האט דער ווירטה געענטפערט.

יעצט האט זיך צו איהר געווענדעט דער אנדערער הערר.

— איך בין פון דער פּאָליציי, — האט דער מאַן געזאָגט און האט זיין בעדזש געוויעזען — דער נאַכט־ווערטער פון אייער קווארטאל האט אייך דיעזע נאכט געזעהן אויף דער שטראַסע.

— דאָס איז וואָהר.

— האָט איהר ניט געקענט אריינגעהן אין הויז?

— געוויס, איך האב פערגעסען דעם שליסעל.

— ער האט אויך אייך געזאָגט דאס ער וועט אייך מחען ארעטירען, אין פאַל ווען ער וועט אייך וויעדער טרעפען אין גאַס.

— יאָ.

— ער קען אייך ניט און דארום האט ער געהאַנדעלט נאך דיא אינסטרוק־

ציאָנען. עס קען פּאסירען מען זאָל פערגעסען א שליסעל. בּיי איך איז דאָס אָבער צו צווייפלען, ווייל וויא עס ווייזט זיך ארויס פון אַנדערע אומשטענדען — —

מרים האט געמאכט א שריט פאָרוועטס.

— מיינט איהר פיעללייכט אז איך זאָג ליעגען?

— עס איז הייטע פריה אָנגעציינט געוואָרען דאס איהר האט דיא נאכט פערבראכט בּיי א העררן. איז דאס ריכטיג?

— יא.

— ביי ועמען?

— בּיי העררן מענצעל!

— האט איהר איהם פון פריהער געקענט?

— זעהר וועניג.

— האָט ער אייך געלד געגעבען?

מרים האט דעם מאן אָנגעקוקט.

— געלד? — האט זיא גֿפרעגט איראָניש.

— יא, פאר אייער פערבּרעננען ביי איהם.

— מיין הערר, וויא קומט איהר מיך אזוי אונרעכט צו פּֿערדעכטיגען? הערר מענצעל, וועלכער וואר איין אייגגעהער אין מיין ערציהערס הויז וועט זיך ניט ערלויבען צו מאכען מיר איין אונאנֿשטענדיגען פאָרשלאג.

— האט איהר אין מענצעלס וואָהנונג געשלאָפען?

— ניין.

— אָבער איהר זייט געוועזען אליין אין צימער.

— אויך דאס ניט. מיר האבען זיך אונטערהאַלטען ביז פּינף אוהר. דאַן בין איך אַוועקגעגאַנגען.

— וויא קומט איהר אויפצוזוכען דיעזען העררן, וועהרענד דיא נאכט?

— איך האב איהם ניט אויפגעזוכט! — האט מרים געענטפערט אין איין אויפגערעגטען טאָן.

— זאָנדערען?

מרים האט יעצט ערצעהלט וויא זיא איז געגאַנגען צום באַהן אום צו פערברענגען דיא נאכט מיט א רייזע נאך מינכען און וויא זיא האט זיך דאָרט ערינערט דאס זיא האט קיין געלד, און דאָרט האט זיא בּעגעגענד העררן מענצעל.

— דיינקט אייך מיין לאגע! — האט זיא אם ענדע געזאגט.—איך האב אויס־צרוועהלען צווישען צוויי זאכען. אדער ארעטירט ווערען אדער אנצונעהמען מענצעל׳ס

פאַרשלאַג. נאַטירליך דאס איך האב געוועהלט דעם צווייטען וועג, אַבוואָהל דאס וואר מיר ניט לייכט.

דער פּאָליציי בעאַמטער האט דאס אלעס נאָטירט און איז אוועק. מרים האט געוואָלט צוריק געהן אין דער דרוקעריי, אָבער דער ווירטה האט זיא צוריק־געהאלטען.

— איהר קענט אליין פערשטעהן דאס דיא גאַנצע זאַך איז מיר זעהר ניט אנגענעהם. מען איז געוואָהנט דאס ביי אונז ארבייטען נור אַנשטענדיגע מיידלעך.

— מיין הערר, בין איך אונאַנשטענדיג ?

דער ווירטה האט געצוינגען מיט דיא אַקסלען.

— דאס קען איך ניט זאָגען, אבער עס איז שוין גענוג טרויעריג ווען דיא פּאָליציי מוז זיך אריינמישען. איהר דארפט אליין ניט ווינשען היער לענגער צו ארבייטען.

— עס וואר זאָ וויא זאָ מיין אבזיכט מאָרגען צו געבען נאָטיס.

— אויפ׳ן 29טען סעפּטעמבער ?

— יא.

— וואס האט איהר פאָריגע וואָך פערדינט אין דער דרוקעריי ?

— ניין מארק זיבעציג פּפעניג.

— גוט, מעהר וועט איהר אלס אנפעגערין אין דער זעצעריי אויך דיעזער וואָך ניט פערדינען. מען וועט אייך בעצאָהלען פאר דיעזער און פאר לעצטע וואָך — דאצו זיינען מיר פערפּפליכטעט נאך דאס געזעץ. היער איז מיין אָנווייזונג צום קאסירער, ער וועט אייך דאס געלד געבען. איהר דארפט וייטער ביי אונז ניט ארבייטען.

— וויא מיט בלוט פערגאָסען, איז מרים געשטאַנען און האט קיין וואָרט ניט געקענט ענטפערען.

זיא האט גענומען וויא מעכאניש דעם אָנווייזונג און האט פערלאַסען דעם קאנטאר. זיא איז אָבער נאך ניט געגאנגען צום קאסירער, זאָנדערען זיא האט פערלאסען דיא דרוקעריי און האט געווארט ביי׳ן טהיר ביז 12 אוהר.

ענדליך איז איהר פריינדין גרעטע ארויס, און איהר האט זיא מיטגע־טהיילט אלעס וואס זיא האט דורכגעלעבט.

— זאָל איך דאס געלד אָננעהמען ? איז דאס ניט א געשאַנק ?

— דורכאויס ניט ! איהר האָט אכט טאָג צו געבען נאָטיס, ווען דער ווירטה וויל ניט איהר זאָלט ארבייטען, דאן מוז ער אייך פאר נעכסטע וואָך בעצאָהלען.

קאסירט איין דאס געלד און רוהט זיך אויס אין דיא אכט טאָג. דיא רוהע וועט אייך צוניטץ קומען.

ניט ווילענדיג האט מרים געפאָלגט גרעטעס ראטה. זיא האט עס געמוזט טהאָן, דען זאָנסט האט זיא געמוזט ליידען נויטה.

זיא האט נאכמיטאג צוגענומען דאס געלד און האט געוואָלט פערלאָסען דעם פלאַטץ, אלס א פּאָליציי בעאַמטער איז געקומען און האט זיא געלאַדען אין פּאָליציי.

מרים האט געציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער. אנגסט איז איהר בעפאַלען. וואס וויל מען פון איהר נאך? זאָל זיא נייע ליידען אויסשטעהן?

אין פּאָליציי־הויז האט זיא א העכער פּאָליציי־בעאַמטער עמפּפאַנגען, וועלכער האט איהר אין א גראָבער שטימע מיטגעטהיילט דאס מענצעל'ס אויסזאגען שטימען איין מיט איהרע, אבער זיא מוז זיך היטען דאס נאך א מאָל זאָל אזא זאך ניט פאָרקומען און דאס פון יעצט אָן שטעהט זיא אונטער א שטרענגער אויפזיכט.

טיעף פערשעמט אין איהר עהרע אויף דאס ערגסטע געקריינקט האט זיך מרים אוועקגעשלעפּט נאך הויזע. דאָרט האט זיא געפונען א בריעף פון בערלין וואו מען טהיילט איהר מיט, דאס דיא פּירמא ווינשט זיא זאָל מיט א פּאאר טעג פריהער אָנקומען.

דאס וואר פאר איהר א ליכט שטראָהל. מרים האט זיך בעשלאָסען נאך מאָרגען אָבצורייזען און אם אבענד האט זיא גרעטען מיטגעטהיילט דאס זיא פאָהרט אָב.

— וויא שטאַרק איך בעדויער אייער הייטיגע ליידען, — האט גרעטע געזאָגט.

— דאך מיין איך אז עס איז אם בעסטען וואס האט זיך אזוי געמאַכט.

דיא צוויי מיידלעך האבען א לאַנגע צייט געשפּראָכען פון פערשיעדענע זאכען ביז זיי זיינען ענדליך געקומען אויף גרעטעס ערסטע ליעבע.

— איהר זאָלט וויסען דיא געשיכטע פון מיין ליעבע. איך האב זיא אויפגע־שריבען אויפ'ן פּאַפּיר. לעזט דיעזען פּאַפּיר דורך און גיט עס מיר מאָרגען צוריק. איך וועל אייך נאַטירליך בעגלייטען צום באַהן.

גרעטע האט מרים'ן איבערגעגעבען דיא געשריבענע געשיכטע פון איהר ליעבע און דיא צוויי האבען זיך צוזעגענד.

אויפ'ן צווייטען טאָג האט מרים איינגעאָרדענט אלעם צו איהר רייזע, און דאַן האט זיא זיך געזעצט לעזען גרעטעס געשיכטע.

דיא געשיכטע האט זיך אזוי געלעזן:

— אין א געוויסען אבענד האב איך מיט מיינע א פריינדין־בעזוכט א קאָנצערט. דער זאאל וואר שוין פאָל. גאנץ פריי וואר בלויז איין טיש אין מיטען. מיר האבען זיך געזעצט ביי יענעם טיש. אלס מיר זיינען דארטען געזעסען איז געקומען א יונגער מאָן און האט אונז גאנץ העפליך אין עסטעררייכעשען דיאלעקט געפרעגט אויב מיר וועלען איהם ערלויבען ער זאָל זיך זעצען נעבען אונז. מיר האבען קיין זאך ניט געהאט דאגעגען און ער האט זיך נעבען אונז געזעצט.

דער קאָנצערט איז אָנגעפאנגען. מען האָט געשפיעלט פערשיעדענע שטיקער פון אָפּערען וועלכע איך האב שוין איינינע מאָל געהערט, אָבער וועלכע זיינען מיר ניט אזוי געפעלען געוואָרען וויא דיעזען מאָל. עס איז געקומען פויזע. מיר האבען זיך אונטערהאלטען פון מוזיק און מוזיק פערפאסער. דער יונגער מאן האט זיך אריינגעמישט אין אונזער געשפרעך. ער וואר זעהר לוסטיג און האט זיך געקענט זעהר אינטערעסאנט אונטערהאלטען. איך האב איינינע מאל בעמערקט דאס ער בעטראכט מיין געזיכט זעהר אויפמערקזאם, אבער ווען אונזערע בליקען האבען זיך בעגעגענד זיינען מיר אלץ פערלעגענר געווארען. מיר איז אָפט אריין די בלוטען אין געזיכט און דאריבער האב איך מיך געערגערט.

דער יונגער מאן האט אונז מיטגעטהיילט אז ער קומט פון וויען. ער האט אונז ערצעהלט פון דיא דאָרטיגע פערהעלטניסע און מיר ווארען אלע דריי פרעהליך אויפגעלעגט. איידער מיר האבען זיך ארומגעזעהן איז דער קאָנצערט פאָראיבער. מיר זיינען אויפגעשטאנען, האבען זיך פערנייגט צום פרעמדען מאן און האבען זיך געמאכט פערטיג צום געהן נאך הויזע. יעצט האט זיך דער יונגער מאן אויפגע־שטעלט, האט געצויגען זיין הוט און האט זיך פאָרגעשטעלט אלס ארטהור הא..ער. ער האט געזאָגט אז ער שטעהט אין שטערן־האָטעל און וועט זיך דאָ אויפהאלטען א פאאר וואָכען. ענדליך האט ער געבעטען דיא ערלויבניס צו בעגלייטען אונז. מיר האבען זיך אויך פאָרגעשטעלט און מיר האבען אָנגענומען זיין בעגלייטונג.

מיין פריינדין, אלמא איז איהר נאמען, איז פון איהר ברויטיגאם אבגעהאָלט געוואָרען, און זאָ זיינען מיר יעצט געגאנגען אלע פיער ביז מיר האָבען ערדרייכט מיין הויז טהיר. איך האב געדרייכט מיין האנט צו אלמא און איהר ברויטיגאם. אלס איך האב אויך ארטהורן געגעבען מיין האנד, האט ער זיא געהאלטען פעסט און האט מיך אָנגעקוקט מיט ביטענדע בליקען און האט מיך געפרעגט אויב ער קען מיך ווידער זעהן.

איך האב [illegible] ארויסגענומען און האב געזאָגט:

— ווען דער צופאל וועט עס ברענגען:

אָבער דערמיט וואר ארטהור ניט צופריעדען. ער האט מיך געבעטען איך זאָל איהם בעשטימען א צייט ווען קען מען מיך זעהן. איך האב עס איהם ענטזאגט און האב געזאָגט דאס איך האב קיין צייט.

אין דיעזען אויגענבליק האט זיך דיא טהיר גראדע געעפענט. איך בין אריין שנעל אין האָלל און האב געזאָגט „גוטע נאכט".

דיא טהיר האט זיך הינטער מיר געשלאָסען, דאן האט זיך געענדיגט דיא רוהע, וועלכע איך האב דעם הערין געוויזן. מיין מוטער האט שוין געשלאָפען. איך בין צוגעגאנגען צו איהר בעט און מיט א שטורימדיגע הערץ האב איך זיא אָנגעקוקט. איך האב זיא געוואָלט וועקען און ערצעהלען איהר פון מיין נייע בעקאנטשאפט און וואס איך פיהל אין מיין הערצען. איך האב נאך ניט געוואוסט וואס דיעזע געפיהלען בעדייטען, און ווען איינער וואָלט מיר געזאָגט דאס איך ליעב דיעזען הערין, וואָלט איך איהם אויסגעלאכט אין געזיכט. אָבער דאך האב איך געפיהלט אז איך בין אָנדערש גאנץ אנדערש. איך האב מיין מוטער צו שטארק געליבט אום איך זאָל זיא קענען אויפוועקען פון שלאָף.

איך האב מיך באלד אויסגעצויגען און בין אריין אין בעט. איך האב געשלאָסען מיינע אויגען, אבער ניט אום איינצושלאָפען, זאָנדערן נור אום צו בעהאַלטען מיינע אויגען פון דאס בילד וועלכעס איז פאר מיר געשטאַנען.

איך האב אין דיעזער נאכט פיעל געטרוימט. פערשיעדענע בילדער און געדאנקען זיינען מיך בעפאלען, וועלכע איך האב גלייך אין דער פריה פערגעסען. אָבער איין בילד פון חלום איז געבליבען אין מיין קאָפּ, דאס איז ארטהור'ס בילד.

אלס איך בין מיטאגסצייט געגאנגען נאך הויז, איז ארטהור מיר געקומען ענטגעגען. ער האט עטוואס געטראָגען געפּאקט אין פּאפּיר.

איך בין געווארען פערלעגען. איך האב ערסט פון איהם געטראכט און אָט שטעהט ער געגען מיר. ער האט מיך בעגריסט און האט מיר ערצעהלט דאס אלמא האט איהם געזאָגט אין וועלכען געשעפט איך בין און מיט וועלכען וועג איך געה געוועהנליך נאך הויזע. דערביי האט ער מיר געגעבען א בוקעט מאי בלומען און האט מיך געבעטען איך זאָל עס אננעהמען אלס צייכען פון זיין פערעהרונג.

איך האב דיא בלומען אנגענומען און האב זיי געשטעקט אין מיין גארטעל. מיט גאנץ געוועהנליכע געשפּרעכען האט ער מיך בעגלייט ביז מיין וואָהנונג. ער האט פון מיר זאָגאר קיין ערלויבניס ניט געבעטען, דאך האב איך עס געפונען פאר זעהר רעכט און איך האב געפיהלט דאס ווען ער וואָלט מיך באלד פערלאסען וואָלט איך זיך געערגערט. דער געשפּרעך איז ביסלעכווייז געווארען ווארימער און ווארימער, ער

האט ערצעהלט פון געוויסע זאכען וואס ער האט אין לעבען דורכגעמאכט און האט דערביי פערשטאנען צו געבען זיין ערצעהלונג א געוויסע בעדייטונג פאר אונז ביידען. אם ענדע האט ער מיך געפרעגט אויב איך געה אימער מיט דיעזען וועג נאך הויזע, און אלעס איך האב איהם געענטפערט יא, האט ער געבעטען דיא ערלויבניס, ער זאל מיך אויך דיעזען אבענד אבהאלען און בעגלייטען נאך הויזע.

איך האב עס איינגעוויליגט און פון יענער שטונדע אן האבען מיר זיך געזעהן יעדען טאג, מאנכעס מאל האבען מיר אויך אבענד פערבראכט א פאאר שטונדען.

אונזער פערהעלטניס איז בייגאהע געווען א קינדערשע פריינדשאפט. פון ליעבע האבען מיר ביידע קיין ווארט גערעדט. אויך מיין מוטער, וועלכער איך האב דאס אלעס ערצעהלט האט עס געהאלטען פאר פריינדשאפט, דען איהר האט געשיינט, אז איך בין גאנץ רוהיג.

זעקס וואכען האבען מיר אזוי דורכגעלעבט. ענדליך האבען מיר בעשטימט צו מאכען א שפאציר־גאנג אין א געוויסען זאנטאג נאכמיטאג אום דריי אוהר. עס איז אבער אוועק א געוויסע צייט נאך דריי און ער איז ניט געקומען, איך האב שוין גע־וואלט צוריק אריין אין הויז, אבער דא האב איך איהם דערזעהן, וויא ער געהט מיט שנעלע טריט און זיין געזיכט איז בלייך וויא דער טויט. איך האב געכאפט זיין האנד מיט שרעק. ער האט מיר איבערגעגעבען א ראזענשטרויס, וועלכען ער האט אויך הייטע אין זיין שמערץ ניט פערגעסען. מיט שמערצליכע אויגען האט ער מיך אנגעקוקט און מיט א טרויעריגען טאן האט ער ארויסגערעדט דיא ווערטער „מיינע מוטער!"

זיינע אויגען האבען זיך אנגעגאסען מיט טרעהרען און איך האב געפיהלט וויא זיין האנד ציטערט אין מיינע. איך בין שטארק געריהרט געווארען פון זיין שמערץ, דאך האב איך איהם גענומען אונטערן ארם און מיר זיינען געגאנגען ביז דעם נעכסטען קליינעם וואלד. דארט האב איך איהם געפרעגט אויב זיין מוטער איז קראנק? ער האט זיך קוים געפאסט און מיט טרעהרען האט ער ארויסגעבראכט דעם ווארט „טויט!" איך האב געפיהלט זיינע ליידען, דאך האב איך איהם ניט געקענט טרויסטען, דען וואס קען מען טרויסטען א מענשען ווען ער פערליערט אויף אייביג זיין ליעבסטע זאך אין דער וועלט?

אלס ארטהור האט זיך אביסעל בערוהיגט האט ער מיר מיטגעטהיילט דאס ער האט ערהאלטען א טעלעגראמע פון זיין מוטער׳ס טויט, און דאס ער וויל מיט דעם אבענד־צוג אברייזען נאך הויזע אום צו זעהן זיין מוטער איידער דער קבר וועט זיא אויף אייביג פערשלינגען. מיין הערץ האט פון דיעזער מיטטהיילונג געטשען ווען

טהאן. מיר האבען זעהר וועניג געשפּראָכען. אך, מיר האבען בלויז נאך איין שטונדע צו זיין צוזאמען! איך האָב גענומען זיין האנד און האב זיא געדריקט, ער האט מיך צו זיך צוגעצויגען און האט מיך געקוסט.

איך האב ניט פּראָטעסטירט, דען אין דיעזען מאָמענט האב איך ערפאהרען דאס מיינע געפיהלען צו איהם זיינען דאך מעהר וויא פריינדשאפט. אונזערע טרעה־רען האבען זיך פערמישט. איידער מיר האָבען זיך אומגעקוקט האבען מיר דערהערט וויא עס שלאָגט זעקס אוהר. דאס איז דיא צייט ווען אַרטהור מוז געהן צום באהנ־האָף, אויב ער וויל מיט דיעזען צוג פאָהרען. מיר זיינען אויפגעשטאנען פון באנק ראש און שווייגענד זיינען מיר געגאנגען ביז מיר האָבען דעם באהן עררייכט דאָרט האט מיך אַרטהור וויעדער ארומגענומען און האט געזאָגט:

— ליעבע גרעטע! איך קען דיך מעהר ניט אנרופען מיט'ן קאלטען „איהר". לעב וואָהל גרעטע. איך וועל דיר באלד שרייבען. איך גלויב, אז מיר האבעןביידע ערפאהרען, אז מיר ליעבען אונז. לעב וואָהל, איך זעה דיך וויעדער. בלייב דאך מיין! — שטירמיש האט ער מיך צוגעדריקט צו זיין ברוסט, אָבער ער האט מיך לאנג ניט געקענט האלטען ביי זיך, דען ער האט גע־מוזט היילען צום צוג. איך האב מיך פון איהם געריסען און האב איהם מיט געוואלד פון זיך אוועקגעשטויסען. ריידען האָב איך ניט געקענט. נאך איין לעצטען בליק אין פענסטער פון וואגאן און דאן בין איך געבליעבען שטעהן אליין און האב נאכגעקוקט וויא דער צוג איז פערשוואונדען.

מיט א פּאָלער און קלאַפּענדער הערץ בין איך געגאנגען נאך הויזע און האב אלעס ערצעהלט מיין מוטער, און האָב מיך ביי איהר ברוסט אויסגעוויינט. זיא האט מיך רוהיג אויסגעהערט, האט מיך געגלעט איבער'ן קאפּ און האט דאן ערנסט געזאָגט.

— גרעטע ביזט דוא זיכער דאס דיין הערץ נארט דיך ניט? איז אַרטהור דער מאַן וואָס קען דיין גאנצע הארץ ערפיעלען? האָסט דוא שוין נאכגעדאכט דאס ער האט פערמעגען? וויא דוא האסט מיר געזאָגט האט זיין פאָטער גרויסע פאבריקען און וועט ער דען לאָזען זיין זוהן זאָל הייראטהען איין ארמעס מעדכען? און קינד, ביזט דוא איבערצייגט דאס אַרטהור ליעבט דיך און וויל דיך הייראטהען? בעטראכט זיך גוט און לאָז ניט דיין הערץ נארען דיין קאָפּ, אויך זאָל ניט דיין קאָפּ נארען דיין הערץ, ווייל ביידע זאכען מאכען אונגליקליך. זעה, גרעטע, איך האב מיט דיין פאָטער, טראָץ אלע זאכען גאנץ גליקליך געלעבט. דיא העכסטע און דיא דויער־האפטעסטע ליעבע איז דיא ליעבע וועלכע רוהט אויף אכטונג. וויא אָפט איז דיא

ליעבע נור א טרוים, א רויך, וואס געהט אוועק וויא א פאנטאזיע. קוק מיך אזוי טרויעריג ניט אן, איך וויל דיך ניט ענטמוטהיגען, איך וויל נור דאס דוא זאלסט דיין ליעבע אין ארטהורס ליעבע אונטערזוכען מיט דעם פערשטאנד. אבער מיר וועלען דעריבער מעהר ניט ריידען, זיי וויעדער מיין ליעבעס פרעהליכעס קינד.

אכט טאג זיינען נאך ארטהור׳ס רייזע אוועק, דאן האב איך פון איהם ערהאל-טען דעם ערסטען בריעף. ער האט זיין שמערץ אויסגעדריקט אין דיעזען בריעף, דאך האט ער געשריבען דאס ער בענקט נאך מיר, האט מיך אנגערופען מיט די צערטליכסטע נעמען און האט פערשפראכען דאס אין מאי פון נעכסטען יאהר וועט ער מיך וויעדער זעהן.

איך וואר גליקליך מיט דיעזען בריעף. אלעס האט זיך פאר מיר געענדערט, די ג׳נצע וועלט איז מיט איין מאל געווארען שעהן, און גוט. יעדע וואך האב איך פון איהם ערהאלטען א בריעף, וועלכען איך האב גאנץ פראמט געענטפערט. איך האב איהם מיטגעטהיילט אלעס פון מיין לעבען.

די צייט איז פון מיר געלאפען שנעל. עס איז געקומען דער ווינטער. ארטהור׳ס בריעף זיינען יעצט געווארען זעלטענער און זיי פלעגען ענטהאלטען בעש־רייבונגען פון בעלער, וואו ער האט זיך בעקענט מיט שעהנע דאמען וועלכע האבען זיך מיט איהם אינטערעסירט. ער האט מיר אבער אפט געשריעבען דאס קיינע פון זיי קען מיך ארויסרייסען פון זיין הערצען. די דאמען זיינען מייסטען שעהן אויסגעפוצטע סאלאן דאמען, וועלכע קען שעהן רעדען, שעהן זינגען, אבער וועלכע בעזיצען קיין הארץ און קיין זעלע. מיך האבען דיעזע בריעף קיין פערגניגען פער־שאפט, איך האב אייגענטליך ניט געוואוסט ווארום.

אזוי איז פערגאנגען דער ווינטער און דער פריהלונג איז געקומען. מיר איז דער פריהלינג אויסגעקומען נאך פיעל שעהנער וויא ער איז דען יעצט האב איך דעם פריהלינג געזעהן מיט די אויגען דער ליעבע. אין יעדע בלימעלע האב איך געזעהן ארטהור׳ס אויגען.

אין א געוויסען טאג האב איך פון איהם ערהאלטען א בריעף אין וועלכען ער האט געשריבען, דאס אין פיערצען טעג וועט ער קומען. מיין פרייד האט קיין גרענעץ געהאט. איך וועל איהם זעהן, איך וועל איהם קענענען אומארמען! אלע אנדערע געדאנקען האבען געמוזט מאכען פ׳אטץ פאר דעם געדאנק.

אין געשעפט האב איך זיך געמוזט געוואלדזאם שטארקען צו האלטען מיינע געדאנקען ביי דער ארבייט. די פיערצעהן טעג זיינען מיר געווארען אונענדליך לאנג. די שטונדען האבען געשיינט צו האבען בלייענע פליגלען. ענדליך איז די צייט

געווען נאָהענט. איך האב דיא פיערצעהנטע נאכט ניט געקענט שלאָפען. **איך בין גאנץ** אויפגעשטאַנען, האב מיך אָנגעצויגען, האב געעפענט דיא פענסטער און האב ארויסגעקוקט. עס וואר איין הערליכער פריהלינגס טאָג, דער הימעל וואר בלוי און דורכגעשפריצט מיט ווייסע פלעקען פון וואָלקען. דער קירשען־בוים אין הויף האט געבליהט און האט געהאט מעהר בלומען וויא בלעטער. דיא פויגעלעך האבען געזונגען און עס האט געשיינט דאס זיי גיבען א קאָנצערט. עס האט זיך מיר אויך געוואָלט מיט זיי מיטזינגען. אך עס וואר אזוי שעהן אויף דער וועלט, איך האב געוואָלט אלע מענשען ארומנעמען און זאָגען צו זיי: אה ווארום ליעבט איהר זיך ניט אלע? דיא ליעבע איז אזוי שעהן!

מיין מוטער איז אויפגעשטאַנען, איך האב זיא געקוסט. זיא איז געריהרט געוואָרען און גאנץ שטיל האט זיא צו מיר געזאָגט:

— גרעטע דוא ביזט גליקליך. איך ווינש דוא זאָלסט קיין מאָל ניט פאלען פון דער שעהנער זיסער האָפנונג אין דער פינסטערער טוישונג.

איך האב געזעהן א שאטען אין מיין מוטערס געזיכט. אויך מיין פרעהליכעס הערץ איז געוואָרען שטילער אבער איך וואר צו גליקליך אום צו ערלויבען דיא שאטענס זאָלען מיין גליק צו לאַנג פערוואָלקענען. איך האב אויסגעפרעסט מיין ראָזע קלייד, האב איינגעצויגען מיין טאַיליע און האב זיך אויסגעפוצט אזוי שעהן וויא איך האב נור געקענט. איך האב אויך אָנגעטהאָן מיין ווייסע הוט, און האב זיא בעפוצט מיט מאַי בלומען. אום ניין אוהר דארף איך מיין ארטהור בעגעגנען אין דער אַלעע. איך האב געקוסט מיין מוטער וועלכע האט געלאַכט פון מיין אונגעדולד. אויף דיא טרעפ האב איך געוואָלט אָנציהען מיין האנדשו אָבער מיין האנד האט אזוי געציטערט דאס איך האב איינע צוריסען. איך בין געלאָפען צו דער אַלעע. עס האט יעצט געשלאָגען דריי פיערטעל צו ניין. דיא אלעע וואר גאנץ לעער, איך בין ארומגעגאַנגען הין און צוריק און האב זיך געמאַטערט צו האַלטען זיך רוהיג, אָבוואָהל מיין הערץ האט געשלאָגען, זאָ דאס מיר האט געשיינט אז מיין הערץ ווערט מיר צוריסען. עס האט געשלאָגען ניין. איך וואר אם ענדע פון דער אלעע, דא האב איך דערהערט טריט נעבען מיר, מיין שולטער איז לייכט בעריהרט געוואָרען און ארטהור איז געשטאַנען נעבען מיר.

ער האט אויסגעזעהן פיעל מאָננעשער וויא לעצטען יאהר, ער האט זיך אין גאַנצען פערענדערט. מיין הערץ האט געשלאָגען נאָך שטארקער. ער האט אָנגענומען מיין האנד און שמייכלענדיג האט ער געזאָגט: „נון מיין קליינע **גרעטע, דוא**

ביזט געווארען אזוי שעהן דאס מען קען דיך באלד ניט ערקענען. היער האב איך דיר געבראכט א בוקעט פון שעהנע פריהלינגס בלומען, אָבער דו ביזט שעהנער פון זיי אלע". איך האב געפיהלט וויא מיין הערץ האט צוזאמענגעצויגען פון זיינע קאָמפּלימענטען און איך האב געשוויגען.

ארטהור האט פּאָרטגעזעצט מיט א האַלב פרעהליכען, האלב לייכטזיניגען טאָן צוגעבען זיינע קאָמפּלימענטען, גלייך וויא ער וואָלט זיך געפינען אויף א באלל און מוז טהאָן זיין פפליכט פאר א דאמע, מיט וועלכער ער וויל זיך בעקענען. פּלוצלונג איז איהם אויפגעפאלען מיין שווייגען און ער האט מיך געפרעגט אויב איך האב פאר איהם קיין ווארט. איך האב מיך בעהערשט און האב גענומען זוכען א פּאאר ווערטער מיט וועלכע צו פּערדעקען מיין ענטיישונג. אָבער אומזיסט קיין איינציגער ווארט איז מיר איינגעפאלען. איך וואר זעהר טיעף פערוואונדעט.

מיט וועלכער ברענענדער ליעבע האב איך מיין ארטהור ערוואַרטעט! און וויא האב איך גערעכענט וועגען זיין אונגעדולד! יעצט הער איך פון איהם ניט מעהר וויא פּוסטע קאָמפּלימענטען! ווארען דאס ווערטער פון הערצען? — אה ניין! ארטהור האט זיך ערשטוינט אנגעקוקט, און שמייכלענדיג האט ער מיך גענומען פאר'ן אויער און האט איהם געצויגן זאָגענדיג:

— אָבער זאָג מיר גרעטע, ביזט דו פּלוצלונג שטום געווארען?

וואס זאָל איך ענטפערען? דיא סצענע וואר א שמערצליכע. מיר זיינען גע-גאנגען נאך א שטיק צוזאמען, ער האט אימער געפרעגט און געלאכט און איך וואר אימער בעמיהט צו בעהאלטען וואס אין מיין הערצען טהוט זיך. אין מיין אָבגע-נארטען הארצען האט זיך יעצט פאר איהם געפונען נור איין וואָרט, וועלכער האט זיך ניט ווילענדיג ארויסגעריסען פון מיינע ליפּען. דער איז געווען „שמעטערלינג".

וויא איך האב דאס אויסגעשפּראָכען האט עס מיר לייד געטהאָן, דען ארטהור האט מיך ערשראָקען אנגעקוקט און האט וויא א פערוואונדערטער געזאָגט:

— גרעטע האב איך דיעזע בעליידיגונג פערדינט? איך האב קיין געלד און קיין צייט געשפּאָרט אום דיך צו זעהען. עס איז מעגליך דאס איך ערשיין פאר דיר אביסעל לייכטזיניג און האב דיך ניט בעגריסט וויא דו האסט ערוואַרטעט. אבער בעדענקע דיא פערהעלטניסע אין וועלכע איך לעב און דיא וועסט פיעל מילדער אורטהיילען. ביי טאג בין איך אין מיין פאטערס געשעפט, ווען עס איז שעהן פאה-רען מיר אויס. אבענדס געה איך ענטוועדער אין טהעאטער, קאנצערט אדער געזעל-שאפט. מאנכעס מאָל האבען מיר דיא געזעלשאפט ביי אונז. וויא דו זעהסט

הער איך ניט אויף צו האבען פערגעניגען. איך בין אין דער מיינונג דאָס מען דארף דעם בעבער דער יוגענד און פון פריידע אויסטרינקען ביז'ן דעק. שטארבט מען פריה, דאן קען מען זאגען דאס מען האט געלעבט. נו געוויס פון א פרעהליכען לעבען ווערט מען אביסעל לייכטזיניגער, אבער דאס שאדעט ניט, דען צו וואס נוצט דיר ערנסט און דיא פערטיפטע געדאנקען? פירכטע דאך ניט, מיין ליעבעס מעדכען ווען דוא ועסט ווערען מיין ווייבעלע, דאן וועל איך פיעל בעסער ווערען. אָבער זאָג אליין, איז עס איז ניט בעסער, ווען מען בעטראכט דאָס לעבען אימער פון דער פרעהליכע זייטע, און מען לאָזט איבער דעם טרויער פאר דיא נאררען?

איך בין אלץ מעהר איבערצייגט געוואָרען דאָס איך האָב מיך אין איהם נע־נארט. וואר דען דאָס מיין ליעבער ארטהור וויא ער איז אימער געווען אין מיין הערצען?

איך האָב געמוזט מאכען דיא ערפאהרונג, דאס מיין פאנטאזיע האָט מיך בעטראָגען אז דאָס בילד וועלכע איך האָב אימער געטראָגען אין מיין הערצען וואר ניט עהנליך צו דעם אָריגינאָל. עס האָט מיר יעצט געשיינט אז מיין געליעב־טער איז מיר יעצט געשטאָרבען. איך בין געוואָרען טרויעריג? אָבער האָב איך דען איהם געקענט בעשולדיגען וואָס ער האָט ניט געפּאסט פאר מיין אידעאָל? וואר עס דען איין אונרעכט? איך האָב איהם געענטפּערט דאָס איך בין ניט אין דער זעלבער מיינונג פון לעבען, איך קען ניט גלויבען דאָס דעם מענשענס העכסטע בע־שטימונג אין לעבען איז צו פערברייננגען דיא צייט אין מאהל־צייטען, זא לאנג עס געפינען זיך נאָך אזוי פיעל ארמע און בעדערפטיגע אין דער וועלט. מיינע מיינונג איז גראדע דאָס עס איז דיא פפליכט פון יעדען וואהרען מאנן צו העלפען דער מענשהייט אין איהר נאָטה.

ארטהור האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגען. ער האָט מיך אָנגערופען אידעאַליסטין און האָט דאן דעם געשפּרעך געבראכט אויף איין אַנדער טהעמע, ער האָט מיר ערצעהלט דאָס ער האָט מיט זיין פאטער וועגען מיר געשפּראָכען און האָט איהם אנגעקינדיגט זיין אבזיכט מיך צו הייראטהען. זיין פאטער האָט אבער דערפון ניט געוואָלט וויסען און ער האָט זיך אויסגעשפּראָכען, דאָס אין היטיגע ציי־טען הייראטה קיין רייכער יונגער מאנן איין ארמעס מעדכען, און ארטהור וועט קיין מאָהל ניט דורכפאלען ווען ער וועט אָנקלאפּען אין דער אָדער יענער רייכער פא־מיליע.... ער דארף דארום קיין נארר ניט זיין און זאל זיך ניט איבערגעבען רא־מאנטישע חלומות. אלס קויפמאנן מוז ער האָבען א פּראקטישע מיינונג פון לעבען. דאן האָט מיר ארטהור ערקלעהרט דאָס ער אין פארט געקט ענטשלאָסען מיך צו

הייראַטהען און דאָס פערמעגען, וועלכען ער האָט פון זיין מוטער וועט זיין גענוג אויף א קליינעם געשעפט. ער האָפט דאָס ווען זיין פאטער וועט מיד ערקענען וועט איהם זיין גאַנץ אונמעגליך צו זיין פיינדליך צו מיר. איך האָב געוואָלט עטוואס ענטפערען אָבער אַרטהור האָט מיך אונטערבראָכען און האָט ערקלעהרט דאָס ער קען קיין אַנדער מעדכען ניט ליעבען און אָהן ליעבע קען ער ניט הייראַטהען.

אין מיר ווארען דאַן מערקווירדיגע געפיהלען. וויל איך דען איבערהויפט האָבען דיעזען אַרטהור פאר מיין מאַנן? קענען מיר ביידע, מיט אזעלכע פערשיעדענע פערהעלטניסע אין מיינונגען גליקליך לעבען? אָבער אַך, דאָס הערץ בענקט אזוי נאָך דעם גליק פון ליעבע, זאָגאר ווען דאָס זאָל זיין א טרוים. איך האָב געפיהלט אין מיין הערצען דאָס איך ליעב נאָך מיין אַרטהור. נון, איך וויל הייטע אין דיא אַנדערע צוויא טעג וואָס אַרטהור וועט דאָ פערברענגען געניסען דעם טרוים פון ליעבע. ער האָט זיין אָרם געלעגט ארום מיין טאַילע און איז געוואָרען פרעהליכער און צערטליכער וויא פריהער. מיר האָבען זיך געלאָזט געהן שפּאצירען ווייט פון שטאָדט. אויפ'ן וועג צוריק האָט מיר אַרטהור ערצעהלט פון דיא בעלער וועלכע ער האָט דורכגעמאכט און פון דיא דאמען מיט וועלכע ער האָט געזונגען און געטאנצט. ער האָט מיר פערזיכערט דאָס ער וואָלט קיין איינציגע פון זיי ניט געקענט ליעבען. זיי זענען אלע אזוי קאָקעטיש און שפּיעלען א קאָמעדיע אין זייער לעבען.

דאָס האָט מיך אביסעל בערוהיגט און איך האָב אָנגעפאַנגען צו זיין פריינדליכער צו איהם.

אויפ'ען וועג נאָך הויזע זענען מיר געקומען צו א פּראַכטפאָלער אַלעע פון קירשען בוימער. מיר האָבען זיך געזעטצט אונטער איינעם בוים פון דיעזע ביימער. אַרטהור האָט אָבגעבראָכען אייניגע צווייגען, האָט אראָפּגענומען מיין הוט און האָט בעדעקט מיין קאָפּף מיט דיעזע צווייגען. דאַן האָט ער זיך געזעטצט און האָט טרויערמעריש געקוקט אין מיינע אויגען. ער וואר זעהר צארט געשטימט, האָט געלעגט זיין קאָפּף אויף מיין אַקסעל. אויך מיין הערץ איז ווייך געוואָרען. דאָך איז מיר געקומען דער געדאַנק דאָס אַרטהור צייגט זיך אין דיעזען מאָמענט אזוי שוואַך, אזוי אונמענעריש און מיר איז אריינגעקומען דיא פראגע, אויב ער קען אמאָל זיין דער מאַנן, וועלכען א פרויא דארף האָבען?

ווענינע מינוטען זיינען מיר אזוי געזעסען, פּלוצלינג האָט ער געזאָגט.

— אַך איך האָב דיר עטוואס געבראַכט.

ער האָט ארויסגענומען א קעסטעלע פון זיין טאַשע און האָט זיא געעפענט. דאָרט וואר איין ארט באַנד, און אויף איהם איז געווען דער אויפשריפט: „געטט

זאָל דיך שיטצען!״ ער האָט דיעזען אַרם באַנד אוזמגעלעגט אַרום מיין אַרם און האָט געזאָגט:

— ליעבעס גרעטע! דיא ווערטער וועלכע שטעהן אויפ׳ן אַרם באַנד, איז דער וואונש וועלכען איך טראָג אימער אין הארצען וועגען דיר.

איך האָב געמוזט פערבאָרגען מיין גליק. איך האָב מיך זאָגאר געפרעהט מיט דיעזען פרעזענט; ניט וויל איך האָב זיך געפרעהט מיט דער צירונג, נור וויל דאס דריקט אויס דיא פריינדשאפט און דעם גוטען ווילען.

אַבער אַרטהור איז אין דיעזען מאָמענט פאר מיר פאָרגעקומען צו שוואך פאר א מאַן, דען נאך מיין מיינונג דאַרף יעדער מאַן דיעזע שוץ נעהמען אויף זיך און אויף דעם אייגענעם קראַפט. ווען ער וועדעט זיך צו גאָט נאך הילפע דאַרף עס זיין אין דעם שטילען געבעט, אָבער ניט אויף איין אַרם באַנד, וואו טויזענדע מענשען קענען עס זעהן און לעזען.

איך האב דאָך פערבאָרגען מיין געדאַנק און האב איהם הערצליך בעדאַנקט פאר דעם געשאַנק.

אַרטהור האט מיך יעצט גענומען קוסען און האט פון מיר פערלאַנגט דעם פערשפּרעכען, אז איך וועל זיין ווייב ווערען ער האט עס געבעטען מיט א ציטער־דיגען טאָן און מיט אָנגעשטעלטע אויגען. איך בין געפאַלען אין פערלעגענהייט. אזא פערשפּרעכען וואָלט געווען געגען מיינע איבערצייגונגען, דען איך האב עס אימער געפיהלט אַלץ דייטליכער און דייטליכער דאס ער קען מיין מאַן ניט זיין. עס איז מיר געווען גלייך וויא מיינע אויגען וואלטען זיך פּלוצלינג געעפענט איך האב ביז יעצט איהם און זיך בעטראָגען. קען איך דען איהם האַלטען פערא׳טוואָרט־ליך וואס איך האב מיר געמאַכט פון איהם א פאַלשעס בילד? גיט דען איבער־הויפּט אזא עדעלער און שטאַרקער כאַראַקטער וויא איך האב מיך אין יענעם בילד פאָרגעשטעלט?

און דאך איין עראינערונג איז יעצט געקומען אין מיין הערצען, דיא עראינערונג אויף מיין פאָטער, וועלכער שמאַכטעט אונשולדיג אין זיין געפענגניס.

אַרטהור האט מיך טרויעריג אנגעקוקט, און אין זיינע אויגען האט זיך בעווי־זען א טרעהר.

— דיינע בריעף, — האט ער געזאָגט אין א מעלאַנכאָלישען טאָן, זיינען אימער געווען אזוי ליעבעס פאר און יעצט ביזט דוא אזוי קאַלט צו מיר.

מיין הערץ האט מיר גענומען וועה טאָן, אָבער האב איך דען געקענט אנדערש זאָגען? קען איך איהם דען פערשפּרעכען א זאך וואס איך קען איהם ניט זיין?

איך האב איהם געבעטען ער זאָל ניט פערלאַנגען מיין האנד, אָבער דערפאר האב איך איהם פערשפּראָכען צו זיין א געטרייע פריינדין און וועל איהם ליעבען וויא א שוועסטער ליעבט איהר ברודער. איך האב איהם אויך ערקלעהרט דאס איך גלויב ניט אז ער קען מיך לאַנג ליעבען אלס זיין ווייב. אויף ארטהורס ליפּען האט זיך בעוויזען א שמייכעל, און ער האט מיר געזאָגט: „איך דאנק דיר ליעבע גרעטע פאר דיין אויפריכטיגקייט, אָבער דוא ביזט אונגערעכט ווען דוא געטרויסט מיך ניט. איך האב א פייערדיגען וואונש דיך צו בעזיצען און איך בעט דיך פערשפרעך מיר אםוועניגסטען דאס דוא וועסט ניט געבען דיין האנד צו איין אנדער מאַן. איך האב איהם געבעטען ער זאָל זיך ניט איבערגעבען צו אזעלכע האָפנונגען; ער וועט געוויס אין א קורצע צייט געפינען איין מעדכען וועלכע ער וועט הייראַטהען.

אזוי ריידענדיג האבען מיר עררייכט אונזער הויז, ארטהור האט מיך געקוסט און האט זיך מיט מיר אָבגעזעגענד. איך בין זעהר האסטיג ארויפגעלאָפען אויף דיא טרעפּ, מיין מוטער האט מיך איבערגענומען מיט אונגעדולד. זיא האט מיך אלעס אויסגעפרעגט; איך האב זיא ארומגענומען און האב איהר אלעס אָפען ערצעהלט. אָך וויא וואהל וואר עס מיר וואס איך האב געקענט מיין גאנצע הארץ אויס־ריידען פאר א ליעבענס ווירדיגע מוטער. זיא האט מיך געלאָזט אלעס ערצעהלען און דאַן האט זיא מיר געזאָגט:

— איך האב דאס געאהנט, גרעטע, אָבער איך בין צופריעדען דאס דוא האסט אויסגעפונען אז ארטהור איז ניט דער מאַן פאר דיר און דאס דוא, האָסט זיך גע־קענט בעהערשען. ארטהור איז א לעבע מאַן, פאר איהם וואלסט דוא ניט געפּאסט; עס וועט דיר געוויס וועה טהאָן דאס הערץ אָבער דיא צייט וועט דיין שמערץ היילען. דוא ביזט נאך גליקליך, דוא האסט געליבט א מאַן און האסט אויסגעפונען אז ער איז א איגנעל, וועה איז אָבער דאס מעדכען וועלכע ליעבט זיך איין מיט לייב און לעבען אין איין אונווירדיגען מאַן?

איך האב דער מוטער געגעבען רעכט.

מיר זיינען געגאַנגען שלאָפען, איך האב אבער דיא נאַכט קיין אויג ניט צו געמאַכט. אָך דאס הערץ איז דאך אזא שוואכע, אונרוהיגע זאך. אין דיא צווי פאָלגענדע טעג האב איך ארטהור'ן נור אבענדס געזעהן. ער וואר טרויעריג און אויך איך האב ניט געקענט פרעהליך זיין. עס האט אונז ביידען געשיינט דאס עטוואָס האט זיך פון אונזערע הערצער אויסגעריסען און קען זיך ניט פערהיילען. אם דריטען אבענד איז ארטהור אָבגעפאהרען. דיעזער אָבשיעד וואר פיעל טרויע־ריגער וויא דער ערסטער. איך האב איהם געמוזט פערשפרעכען צו זיין איהם איין

עווינע פריינדין און צו שרייבען איהם יעדע וואָך. מיר האבען זיך צוזעגענד מיט דעם פערשפרעכען מיר זאָלען זיך ווידער זעהן. אין א פיערטעל יאהר שפעטער האט ער מיר צוגעשיקט זיין פערלאָבונגס קארט מיט זיינע א קוזינע און באַלד נאכדעם האָב איך געלעזען אין דיא צייטונגען פון זיין חתונה.

— — — — — — — — — — — — — —

אלס מרים האט דיעזע ליעבעס געשיכטע געלעזען ביז צו ענדע, האט זיא זיך אבגעזיפצעט. זיא האט אָנגעשפארט איהר קאָפּ אן איהרע הענד און האט נאך א מאָל איבערגעטראַכט אלעס וואס זיא האט דאָ געלעזען.

זיא האט גענומען פערגלייכען דיא געשיכטע פון גרעטעס ליעבע מיט איהר אייגענע און זיא האט זיך געמוזט געשטעהן דאס זיא האט קיין מאל נאכגעדאַכט איבער פראַנץ'ס כאַראַקטער. זיין ערשיינונג האָט זיא געפאַנגען, זיין פערזאָן מיט אלע·זיינע מעלות און חסרונות האבען זיא געבונדען צו זיך.

זיא האט געליבט פראַנץ שטאַנד, זיא האט געוואונשען צו טהאָן אלעס וואס קען איהם גליקליך מאַכען.

פראַנץ שטאַנד האט זיך פאר איהר געציינט אלס שעהנער, יונגער מאַן. זיא האט ניט נאכגעדאַכט, וואָס פאר א געפיהלען פראַנץ האט צו איהר און וואס פאר א גייסט ער בעזיצט. זיא האט נור געהאט דעם געדאַנק וועגען זיינע ליידען און איהר הערץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט מיטלייד פאר איהם. דערצו האט זיא איהם אויך בעוואונדערט. זיא האט דאך געזעהן דיא פערהאַנדלונגען אין געריכט און זיא האט געזעהן מיט וועלכען מוטה פראַנץ האט איבערגעטראָגען אלע ליידען. יא, זיא האט געזעהן אז ער איז א מאַן מיט א פעסטען כאַראַקטער, און ווען ער איז געפאלען אין אונמאַכט, ווען מרים האט עפענטליך ערקלערט איהר ליעבע צו איהם און איהר גלויבען אין זיין אונשולד, איז עס געוויס ניט וויל איהם פעהלט קראַפט און מוטה; זאָנדערען נור, וויל דיא ליעבע האט זיך איבער איהם געשטארקט.

ווען גרעטע איז געקומען בעגלייטען איהר פריינדין צום באַהן, האט מרים איהר איבערגעגעבען דעם בוך און האט געזאָגט:

— איך דאַנק, אייך גרעטע. איך האב מיט גרויס אינטערעסע געלעזען דיא געשיכטע פון אייער ליעבע. איך דאַנק אייך דערפאר נאך מעהר, וויל דערפון האָב איך אייער כאַראַקטער בעסער קענען געלערנט.

אויפ'ן באַנהאָף האבען זיך דיא צוויי פריינדינע צוקוסט, און מרים איז אַריין אין וואַגאָן. מרים האט ארויסגעקוקט פון פענסטער או האט ניט אויפגעהערט

צו נייגען זיך צו איהר פריינדין, נור ווען דער צוג איז שוין אוועק ווייט און פון איהרע אויגען איז איהר פריינדין פערשוואונדען, האט זיא זיך צוריקגעשליידערט אין איהר פלאטץ און האט זיך צוויינט.

מרים האט זיך געפיהלט אזוי עלענד, וויא קיין מאל אין איהר גאנצען לעבען!

24טעם קאפיטעל.

דער וואלד ענגעל.

דיא געשיכטע פאדערט פון אונז מיר זאלען זיך יעצט אומקעהרען צו א צייט, וועלכע וואר פריהער פון אלעם וואס מיר האבען דא בעשריבען, דאס מיר זאלען אויפזוכען דעם אבגעלייגטען פלאטץ אין באיערישען וואלד.

אין מיטען פון דיעזען גרינעם וואלד שטעהט א קליינע הייזעל, וועלכע איז אונטערגעשפארט מיט פראסטע באלקען און איז אויסגעבויט פון פראסטע שטיינער און ליים און איז צוגעדעקט מיט איינפאכע שינדלען. דיעזעס הייזעל זעהט יעצט אויס וויא א רואינע, וועלכע האט אבער געהאט קיין שעהנע און קיין שטאלצע פערגאנגענהייט, פונקט וויא איהר בעוואהנערין, דיא אלטע אוראלזא.

אוראלזא איז געוועזען א פרוי מיט איין איינגעבויגטען קערפער, מיט געלע געזיכטסציגען, מיט צוויי גרויע, דורסטיגע אויגען. מען האט אויף איהר געזעהן דאס זיא איז קארג אין ווערטער, אבער דערפאר האט זיא איין ענטשלאססענעם ווילען.

זיא האט ניט אליין בעוואהנט דיעזע הייזעל.

צוזאמען מיט איהר האט געוואהנט א זעלטען שעהנע מיידעל. מיט דעם נאמען פעדארא. דיא אלטע האט זיא אויך גערופען „ענגעל“ און האט זיא פאר־געשטעלט פאר איהר טאכטער, אבער ווער עס האט דיעזע צוויי פרויע, געזעהן האט דארין געמווזט צווייפלען. פעדארא וואר פיעל גרעסער אלס איהר זאגענאנטע מוטער, זיא האט אויך געהאט א וואונדערבארען אויסדרוק אין איהרע גרויסע אויגען, וועלכע האבען אויסגעדריקט דעם רייןסטען אונשולד וויא אויך דעם גאנצען שטאלץ פין א פעסטען און אייזערנעם ווילען.

פעדארא וואר ערנסט, האכמוטהיג, פרום און דאך אויפגעקלעהרט. זיא האט ניט געקענט דיא וועלט און אויך ניט דיא מענשען. דער וואלד וואר איהר היים, דער גייסטל[illegible] איין אלטער ארצט און דער וואלד־וועכטער מיט זיין זאהן, וועלכע האבען געוואהנט ניט ווייט פון זיי, דיעזע ווארען איהרע איינציגע פריינדע אין דער וועלט.

זעהר זעלטען איז זיא געקומען אין דארף, וואו זיא האט אָפט געזעהן וויא מאנכע יונגע לייט קוקען זיא אן מיט בליקען וועלכע זיא האט ניט פערשטאנען.

זיא האט אויך ניט געהערט און האט אויך ניט געוואוסט דאס אין דארף ווערען וועגען איהר אבשטאמונג אלערליי זאכען געשפראָכען. אוראלזא, דיא שוועמליך קלייבערין וואר איהר מוטער, קיין אנדער זאך האט זיא ניט געוואוסט, איהר פאטער האט זיא שוין לאנג גערעכענט פאר טויט.

פעדאָרא האט זיך אויך געפיהלט גליקליך אין איהר הויז און מיט איהר עקזיסטענץ, דאך האט זיך איהר מאנכעס מאָל געגלוסט צו זיין ערגעריז וייט, וייט אין א וועלט, וועלכע זיא אליין קען ניט בעגרייפען און קען ניט פערשטעהן. עס וואר עפעס אזא פערלאנגען וויא עס טרעפט אין א טרוים, א מין פהאנטאזיע, צו זיין ערגעץ ווייטער פון דעם אָרט וואו מען געפינט זיך.

עס וואר איין הייסער זאָמער טאג. אוראלזא, דיא שוועמליך־קלייבערין און פעדאָרא, דער וואלד ענגעל, האבען גאנץ שטיל אבגעגעסען זייער מיטאג. נאך דעם עסען האט זיך דיא אלטע אויפגעהויבען און האט צוזאמענגעלעגט א פעקעל מיט פערשיעדענע שוועמלעך.

— ווילסט דוא געהן צום דאָקטאר בער? — האט פעדארא געפרעגט.

— ניין, צום גייסטליכען. — האט אוראלזא געענטפערט. — דיעזע שוועמלעך און דיא וואָרצלען, וועלכע מיר האבען געזאמעלט זאָלסט דוא אָבטראָגען צום דאקטאר. דוא וועסט איהם געפינען אין דארף ביין שענק „צום גאָלדענעם אָדלער“.

ביידע פרויען זיינען יעצט ארויס פון זייער הייזעל. א געדיכטע חמארע איז פריהער אנגעקומען נור דער ווינד האט זיא צוטריבען; דיא זאָנע וועלכע איז יעצט ארויס פון דיא וואָלקען האט נאך שטארקער געברענט וויא פריהער און איהרע שטראהלען זיינען געפאלען גלייך אויף דיא קעפּ פון דיא צוויי פרויען.

פעדאָרא האט ארויסגערופען איהר קליינעם הונד, שפּיטץ פון זיין קליינע ביידעל און איז צוזאמען מיט איהם אוועק נאך דעם דאָרף.

א לייזער ווינד, וועלכער האט ניט פערקלענערט דיא היטץ האט געבלאָזען אין דיא צווייגען און אין דיא בלעטער פון וואלד. פעדאָרא האט זיך אנגעטרונקען מיט דער פאעזי פון דער נאטור; איהרע פאנטאזיען, וועלכע ווארען ריין און אונשולדיג האבען זיך אין איהר אויפגעוועקט. זיא האט עפּעס פאנטאזירט. א וועלט וועלכע זיא קען ניט, וועלכע זיא וויים ניט האט זיך גענומען בויגען פאר איהר שעהנע אויגען. זיא האט אראָבגעלאָזען איהר פיינעם קאָפּ וועלכער וואר בעדעקט מיט שעהנע צעפּ און איז געגאנגען וויא אין א טרוים דורך דעם וואלד.

אין איהר טרוים און אין איהר פאנטאזיע האט זיא ניט געזעהן וויא זיא האט פערלאָרען דעם וועג נאך דעם דאָרף און איז אריין אלץ טיעפער און טיעפער אין וואלד.

דיא היץ איז געווען אונערטרעגליך. פעדאָרא האט לויז געמאכט דעם שנור ארום איהר בוזים און א טהייל פון איהר הערר׳ליכעם הארץ איז געוואָרען אָפען פאר דיא שטראהלען פון דער זאָנע און פאר דיא אויגען פון דיא וואלד-פייגעלעך, וועלכע האָבען געזונגען זייער וואלד-מעלאָדיע, גלייך וויא זיי וואָלטען אָבגעגעבען זייער געזאנג פאר דעם שעהנעם קערפער פון דיעזען טרוימענדען וואלד-ענגעל.

פלוצלינג האט פעדאָרא דערהערט דעם גערויש פון וואסער. דאָס וואר דער טייך, וועלכער איז געלאָפען דורך דיעזען וואלד, און וועלכער איז געוואָרען פאָל איבער זיינע ברעגען פון דיא גרויסע רעגענס, וועלכע האבען דיא לעצטע טעג גע־נאָסען.

עס איז איהר אנגעקומען דער פערלאנג צו באָדען זיך אין דיעזען וואסער. דער אָרט, וואו דער טייכעל האט זיך געפונען וואר איהר גוט בעקאנט. זיא האט פאר דעם וואלד ניט בעדארפט מורא האָבען, ווייל דער וואלד וואר דאך איהר היים, איהר וועלט און איהר פריינד; אָבער דאך, וויא ניט ווילענדיג האט זיא גע־וואָרפען א בליק ארום זיך און האט אויך דערזעהן וויא דאָס וואסער געהט מיט א גרויסען שטראָם. זיא איז פון דעם אָרט אוועק. זיא האט אויפגעזוכט איין אָרט, וואו דאָס וואסער איז געווען רוהיגער און האט אראבגענומען איהרע קליידער, איהר קליינעם הינטעלע האט זיא געלאָזען ביי׳ן ברעג און איז אריינגעשפרונגען אין דאָס וואסער און האט זיך אָבגעטונקט. מיט איין גאנץ אונשולדיגער פריידע האט זיא בעטראכט דאס בילד, וועלכע דאס וואסער׳דיגע שפיעגעל האט צו איהר צוריק גע־וואָרפען. עס וואר איהר אייגענעס בילד, איהר אייגענעס געזיכט. איהר אייגענע גע־שטאלט, און אָהנע עטוואָס צו וויסען האט איהר דיעזעס בילד געפרעהט. דיא שעהנ־הייט פון איהר געשטאלט האט ענטציקט איהר פערשטאנד און זיא האט געוואוסט, אז דאס איז איהר אייגענע שעהנהייט, איהר אייגענער „איך“, זיא האט אבער ניט געוואוסט, אז מיט דיעזער שעהנהייט האט דיא נאטור זיא בעשאָנקען מעהר וויא אנדערע פרויען פון איהר וועלט.

זיא האָט נור איין סעקונדע בעטראכט איהר אייגענעס בילד. באלד האט זיא ארויסגעלאָזען א פריידענגעשריי, האט זיך געוואָרפען אונטער דאס וואסער און איז ארויפגעשוואומען צוריק און דיא שטראהלען האבען געשיינט אויף איהר נאָסען קערפער וויא בריליאנטען, וועלכע זיינען געפלאסטערט אין אלבאסטער.

אָהן קונצען, אָהן אנשטרענגונג, נור וויא א פיש אין וואַסער האט זיא זיך געלאָזט שווימען איבער'ן טייך. זיא איז אָבגעשוואומען א היבשען שטיק, אלס זיא האט פּלוצלינג דערהערט וויא מען שיעסט דורך דעם וואַלד.

ערשראָקען איז זיא געבליעבען שטעהן אויף דיא פיס און האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען. נאָך א שוס האט זיך געהערט, דאן האט איבער'ן וואַלד געקלונגען דיא שטימע פון א בילענדען הונד, און דאן האט זיא דערזעהן וויא איין פערוואונדעטער פוקס לויפט דורך דיא גראָז און שפּרינגט אריין אין דאָס וואַסער, ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו זיא איז געשטאַנען.

דער וואַלד ענגעל האט ארויסגעלאָזט א געשריי. באַלד האט זיא דערהערט דיא הינט נעהענטער ביי זיך און האט אויך דערהערט דיא טריט פון פערד.

זיא האָט באַלד פערשטאַנען דיא איבערראַשונג, וועלכע זיא קען דא באַלד האבען. איהר ערסטער געדאַנק וואַר וועגען איהרע זאכען. שנעל איז זיא ארויסגעשפּרונגען פון וואַסער און האָט זיך געלאָזט לויפען ביי'ן ברעג.

זיא האט דערהערט דעם יעגערס הונד, ניט ווייט פון זיך. „נעראָ! הוססא!" האט געשריען א מענערשע שטימע הינטער דעם הונד. באַלד האט זיך דערהערט א שאָס און פעדאָרא האט דערפיהלט א ברען אין איהר קערפּער. איינינע שראָט, וועלכע זיינען געשאָסען געוואָרען אויפ'ן האָז, האבען איהר געטראָפען. זיא האָט אויסגעשריען פון שמערץ. זיא איז אויך געוועז נאָהענט צו פאַלען אין אונמאכט, דאָך האט זיא זיך געשטאַרקט, האט ערדייכט איהרע זאכען, האט ארויפגעוואָרפען א קלייד אויף איהר קערפּער און האט זיך געוואָרפען אין דיא הויכע גראָז.

יעצט האט זיך אויך דערזעהען דער יעגער, גראַף אָטטאָ פאָן פונקענשטיין און זיין קנעכט. דער גראַף האט געהאַלטען דעם רויכערדיגען ביקס אין האַנד.

דער גראַף האט זיך אומגעקוקט און האט אויסגערופען:

— זעה פּעטער, וואו איז דער פוקס? האבען מיר איהם דען ניט געטראָפען? שטיל נערא, וואס בילסט דוא דאָרט?

דיעזער לעצטער געשריי איז געוועז דעם גרויסען יאַגד־הונד, וועלכער איז ארומגעשפּרונגען ארום דעם אָרט, וואו פעדאָרא איז געלעגען, ער האט געבולען אויף דעם קליינעם שפּיץ. שפּיץ האט פערטהיידיגט זיין העררין און האט געוואָלט פערטרייבען דעם גרויסען, מעכטיגען נעראָ.

גראַף אָטטאָ, וועלכער וואַר א ליידענשאַפטליכער יעגער, איז מיט זיין דיענער צוגעלאָפען צו דער שטעלע, וואו דיא צוויי הינד האָבען געקעמפּפט און באַלד האט דער גראַף דערזעהן דאס מעדכען, וועלכע איז געלעגען אין דעם גראָז.

אנשטאָט איבערראַשט צו ווערען פון דער מערקווירדיגער שעהנהייט פון דיעזער פּרויענצימער, איז זיין בלאַסע געזיכט רויטה געוואָרען פאַר כעס און מיט א צאָרענ־דיג שטימע האָט ער צו דאָס מעדכען אויסגעשריען:

— ווער זייט איהר? וואס טהוט איהר דאָ?

ער האט קיין אנטוואָרט ערהאַלטען. דען דאָס מעדכען ליעגט בלייך און מאַכטלאָז. נור איהר שנעע ווייסער בוזים האט זיך לאַנגזאַם געהויבען ארויף און אראָפּ.

דער רייט־קנעכט איז יעצט צוגעגאַנגען און וואס דער גראף האט פון איבער־ראַשונג דערזעהען האט דער קנעכט באַלד בעמערקט:

— זעהט נור הערר גראַף, דאָס מעדכען איז פערוואונדעט!

ער האט אָנגעצייגט אויף איין אָרט אין קערפּער, וואו דאס בלוט האָט גערר־נען און האָט ווייטער געזאָגט:

— דיא וואונד איז נאָך פריש זאָל דער גנעדיגער הערר גראַף — —

— וואָס! — האָט דער גראף אויסגעשריען.

— אייערע גנאָדען דאַרפען פערצייען. אָבער ווען איהר האט פריהער אויפ'ן פוקס געשאָסען, האט מיר געשיינט דאס איך האב געהערט א געשריי.

יעצט איז דאָס בלוט פערשוואונדען פון גראַף'ס געזיכט. ער האט אויסגעזעהן בלייכער וויא געוועהנליך, און אין דיא האַרטע, אונערבאַרימליכע געזיכטס ציגען האט זיך יעצט אויסגעדריקט שרעק און זאָרג.

ער וואר יעצט איבערציינגט דאס ער האט דאָס מעדכען פערוואונדעט. קיין אנדער ערקלעהרונג האט ער דאך ניט געקענט האבען. ער האָט זיך יעצט צו איהר צוגעבויגען, און בעטראַכטענדיג האט ער געזאָגט:

— וויא שעהן זיא איז, ווער קען זיא דאס זיין?

אין דיעזען מאָמענט האט פעדאָרא געעפענט דיא אויגען און וויא זייערע בלי־קען האבען זיך בעגעגענד, וויא זיא האט א קוק געטהאן אין זיינע שוואַרצע אויגען, וועלכע וואַרען אזוי שוואַרץ וויא זיין האָאר האט זיא נאָך אמאָל צוגעמאַכט איהרע אויגען, גלייך וויא זיא וואָלט פון זאָנען־שיין פערבלענדעט געוואָרען.

אַלס פעדאָרא האט איהרע אויגען ווידער געעפענט, איז דער גראַף נאך אַלץ איבער איהר געשטאַנען איינגעבויגען און האט זיא בעטראַכט מיט פייערדיגע אויגען.

ער וואר געגען זיין ווילען איבער איהר געבויגט און וויא מיט גוואַלד האט ער יעצט געקעמפּפט געגען איין זעלטענעם געפיהל.

דיעזען וואלד ענגעל האט ער געזעהן צום ערשטען מאל, אבער דאך איז זיא איהם געווען בעקאנט גלייך וויא ער וואָלט זיא שוין זייט יאָהרען געקענט.

ער האט דאָך בעקעמפפט דעם געפיהל און אין א קאלטען טאָן האט ער צו איהר געזאָגט:

— מיין פריילייןָ, איך בעדויער שטארק אייער וואונד. וואס קען איך פאר אייך טהאן? איך בין דער גראף פאן פונקענשטיין.

פעדאָראס ליפען האבען זיך יעצט בעוועגט.

— העיר גראף, — האט זיא געזאָגט, — ביטע לאָזט מיך דאָ אליין. — איך וויל צו ערסט זיך אָנקליידען.

— אָבער ניט פריהער ביז איך וועל פערבינדען אייער וואונד. ערלויבט מיר נור.

דיא לעצטע ווערטער האבען געקלונגען וויא א בעפעהל. עס וואָר אונמעגליך זיא וויעדער־צו־שפּרעכען. ווען פעדאָרא וואָלט זאָגאר געזאגט עטוואס געגען זיין פערלאַנג וואלט איהר אויך זיין בליק שטום געמאַכט.

ער האט געבראכט וואסער פון טייך, האט אויסגעוואשען דיא וואונד, וועלכע האט זיך געפונען אויף איהר אָרם און האט זיא פערבונדען אזוי גוט וויא עס וואָר איהם נור מעגליך.

— שנעל פּעטער, — האט ער צו זיין דינער בעפעהלען, — רייט שנעל נאך איין אָרצט, אין א שטונדע קען ער נאך קומען.

— העיר גראף, — האט איהם דאָרא אונטערבראָכען, — ווען איהר ווילט מיר טהאָן א פריינדשאַפט דאן שיקט צום דאָקטאר בער.

— קענט איהר איהם?

— יא. איך בין עס צו איהם געגאַנגען.

— דאס איז מיר אויך רעכט.

פעדאָרא האט דאן געזאָגט וואו מען קען דעם דאָקטאר בער געפינען. דער רייטער איז בעשטיגען דעם פערד. דעם פּעקעל וואס פעדאָרא האט געהאט האט ער מיטזיך גענומען און איז שנעל אָפּגעפאהרען.

דער גראף האט זיך אומגעקוקט. דיעזע לאַגע איז איהם געווען אונאַנגענעהם. ער וואר אין דער גאַנצער וועלט בעקאַנט אלס פיינד פון פרויען, אָבער דאך האט ער צו איהר גשפּראָכען פריינדליכער וויא עס וואָר אין זיין נאַטור.

— וואו וואָהנט איהר? — האט ער געפרעגט.

— אין וואַלד, ניט וייט פון וועכטער.

— וועמ איהר קענען געהן נאך הויזע?

— יא.

— דאן ציהט אן אייערע קליידער.

דער גראף איז אבגעגאנגען אן א זייט, דאן האט ער דערהערט איין קרעכטצ. ער האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן דאס פעדארא האט ביי'ן אנטהאן זיך אראבגעריסען איהר באנד, און דאס בלוט האט וויעדער גענומען פליסען.

— דאס וואר פון אייך אונפארזיכטיג, — האט דער גראף אין א הארבען טאן געזאגט. — ער האט באלד וויעדער פערבונדען דיא וואונד און האט איהר אויף געהאלפען צו פערבינדען איהר טוך. מען האט לייכט געקענט זעהן דאס אבוואהל זיא וואר א פרישע, קרעפטיגע פערזאן, דאך האט זיא געליטען גרויסע שמערצען. דערצו האט זיא פערלארען פיעל בלוט און איז שטארק אבגעשוואכט געווארען. זא דאס זיא האט געוואנקט אויף איהרע פיס ווען זיא האט פרובירט געהן.

— איך וועל אייך העלפען, פריילין, — האט דער גראף איהר אנגעבאטען.

— ניין, איך דאנק אייך! — האט זיא געענטפערט און האט פרובירט צוגעהן.

— איהר זעהט דאך דאס איהר קענט ניט געהן. — האט דער גראף געזאגט, און געגען זיין אייגענעם ווילען האט ער זיא אנגענומען ביי איהר טאליע אום צו העלפען איהר געהן אויף'ן גראז, אבער דערביי האט זיין געזיכט בעריהרט איהר געזיכט און ביידענס אויגען האבען זיך בעגעגענט אזוי נאהענט דאס דער גראף האט געפיהלט זיין פפליכט צו בעטען איהר ענטשולדיגונג. דער גראף האט אנגעפאנגען צו ריידען פון דעם „שרעקליכען אונגליק" און איז מיט איהר אריין אין א געשפרעך זא דאס ער האט איהר זעהר קינצליך אויסגעפרעגט אלע איינצעלהייטען פון איהר לעבען.

— וויא איהר ערצעהלט מיר קלייבט אייער מוטער שוואמען און ווארצלען און קרייטער. אבער ווער האט אייך ערצויגען?

— מיין מוטער.

— אייער שפראכע בעווייזט דאס איהר האט עטוואס געלערנט, אבער וואו און פון וועמען?

— ביי'ן גייסטליכען, דארט האט מיך אונטערריכט א הויז לעהרער.

— אייער מוטער איז אלזא רייך?

— רייך? — האט זיא געפרעגט פערוואונדערט. — מוז מען דען זיין רייך?

Mil

גראף אָטטא פאָן פינקענשטיין האט פערביסען די ליפּען. ער האט פון וואלד ענגעל געהערט א גוטען שטאָך־וואָרט.

— טאנצט איהר? — האט ער איהר פּלוצלונג געפרעגט.

— טאנצען? ניין. איך קום זעהר זעלטען אין דאָרף, און מיין מוטער וויל נים ליידען איך זאָל טאנצען, די לופט אין וואלד איז געזינטער.

— ווייסט איהר וואו מיין שלאָס געפינט זיך?

— שלאָס פינקענשטיין? יא, איך האב איהם געזעהן, אָבער איך וואר נאך ניע אויבען. מיין מוטער טראָגט אהין שוואָומען און בעזאָרגט אליין אלער האנד זאכען וואס מען דארף אין שלאָס.

— וואָלט איהר וועלען פערברענגען אין שלאָס? איך מיין, — האט ער זיך פערכאפּט, — וואָלט איהר וועלען זעהען וויא דער שלאָס זעהט אוים אינווענדיג?

— אה, דארט מוז זיין זעהר שעהן, אָבער אין וואלד איז נאך פיעל שעהנער און מיין מוטער איז אזוי גוט צו מיר, זיא האט מיך ליעב, וועהערענד די גרעפין.... זיך איז געבליבען שטיל.

— נון?

— נו איהר וועט געוויס בייז ווערען, הערר גראף...

— נו איהר מעגט דאך זאָגען. — האט ער מיט א קאַלטען שמייכעל געזאָגט.

— איך האב די גרעפין געזעהן, אה, זיא האט א שטאָלצעס, בייזעס געזיכט, איך וואָלט פאר איהר געפירכטעט, דאך — אָט זיינען מיר ביי אונזער הויז. לעבט וואָהל הערר גראף.

זיא האט זיך געוואָלט פון איהם לויז לאזען, אָבער דאָ האט זיא ווידער געפיהלט א דריק פון זיין האנד, וועלכער האט זיא דורכגעשויערט.

דער גראף האט זיך אויך געפונען אין א זעלטענעם צושטאנד. ער האט געהאט א שטיפמוטער זייט ער איז אלט געווען איין יאהר און צוליעב איהר איז ער געבליבען א פיינד פון פרויען. דאך האט ער איין מאל געליבט היים און ליידענשאפטליך. א זעלטען שעהנעם ווייב האט מיט קלוגער אויסרעכנונג אָנגעצונדען דעם פייער פון ליעבע אין זיין הערץ. דער גראף איז פון דער נאטור געווען א מאָן מיט זיטען און דארום האט ער דיעזע פרוי ניט בעזעסען, אם ענדע ווען ער האט געזעהן אז די פייערדיגע פרוי האט איהם פערראטהען האט עס איהם נאך מעהר געשמערצט. אָבער דיעזער שמערץ איז אימער־קלענער געוואָרען צוליעב די בייזקייט און די פיינדשאפט וואס ער האט געהאט צו זיין שטיפמוטער וועלכע איז געבליבען א

וויטווע. ער האט געהאסט אלע פרויען פון דער וועלט. יעצט איז ער איבערראשט געוואָרען צו בעמערקען אז אין זיין הערץ ערוועקט זיך א ווייבערער, סימפאטהישער געפיהל צום וואלד ענגעל. דיעזען געפיהל האט ער אָבער מיט גוואלד בעקעמפפט און ער האט געגלויבט דאס דיא אורזאכע וואס האט איהם מיט גוואלד אריינגעצוי־גען אין דער וואלד׳ היטע, איז ניט צו זוכען אין פעדאָראס פערזאָן, נור איינפאך, אין זיין נייגעריגקייט און אין זיין פעהלער צו שיסאן אויף א מענשען.

מיט איין בליק האָט ער בעטראכט דאס גאנצע הייזעל וואו דער וואלד ענגעל האט געוואָהנט. און ער האט זיך געפיהלט איבערראשט פון דעם צויבער וואס איז אויף דעם גאנצען הייזעל געלעגען.

אלעס אין הייזעל וואר העל און בלאנק; דיא שויבען ווארען ריין וויא קריסטאל און דיא זאָנענשטראהלען וועלכע זיינען אהין אריינגעפאלען האבען געשטראלט אויף א נעה מאשינע, א קליינעם ביכער שראנק און א קראנץ פון בלומען. דיא גאנצע איינריכטונג וואר איינפאך און ארם, דאך האט אלעס געמאכט דעם איינדרוק פון א רייכטהום, וועלכער ווערט ניט בעזעסען אבער דאָרט ווערט ער געפיהלט אין הערצען.

דער גראף האט צו געפיהרט דיא פערוואונדעטע צו א שטוהל און האט זיא אוועקגעזעצט. איידער ער האט זיך געזעצט נעבען איהר זיינען אנגעפאָהרען דיא פערד און האבען געבראכט דעם רייט קנעכט און דעם דאָקטאר.

דער דאָקטאר איז יעצט אריין אין צימער. ער וואר א מאן מיט ברייטע שולטערען און גראָבע געזיכטסציגע, וועלכע האבען דאָך אויסגעדריקט גוטהערציג־קייט. זיין שטימע און זיין שפראכע ווארען זעהר גראָב, דאך זיינען זיי געקומען פון איין הערליכער, ווארימער ברוסט. ער האט זיך ארומגעקוקט מיט זיינע בלאָע אוי ען ארום זיך און איז ענדליך צוגעגאנגען צו פעדאָרא׳ן, וועלכע האט געהאלטען איהר ארם פאר איהם פאָרבערייט.

— נא, אזעלכע זאכען, זיינען מערקווירדיג, — האט ער געזאָגט. — דער הערר גראף דארף דאך וויסען דאס א מעדכען איז קיין פוקס! און איהר יונגעס קינד, איהר דארפט אויך ניט מאכען אזא אונמוטהיגעס געזיכט. פון אזעלכע זאכען שטארבט מען ניט.

וועהרענד פעדאָרא האט געזוכט איוסצומיידען דעם גראפס ברענענדע בליקען, האט רער גראף געהאלטען איהר ארם אום דער דאקטאר זאָל קענען אונטערזוכען דיא וואונד.

— שלים, זעהר שלים! — האט דאָקטאר בער געמורמעלט. — פינף שראם

מיט איין מאל, איין שראַט איז אונטער'ן אָרם און זיא קען זעהר שלים ווערען. אָרמעס קינד, זיא מוז נעביך ליידען גרויסע שמערצען.

פעדאָרא האָט אָבער ניט געפיהלט דיא שמערצען. זיא האָט געפיהלט דעם גראַף'ס הייסע בליקען אויף זיך. זיא האָט זיך געפונען אין אַזא לאַגע וועלכע זיא האָט ניט געקענט פערשטעהן.

— ניין, ניין, עס טהוט ניט וועה! — האָט זיא געמורמעלט.

דער אַרצט האָט אַרויסגעשלעפּט דיא שראָט. פעדאָרא האָט פערביסען איהרע ליפּען און איהרע אויגען וואַרען געריכטעט צום גראַף, וועלכער האָט פון איהר זיינע אויגען ניט אַראָבגענומען. עס וואַר איהר אַזוי מערקווירדיג אויפ'ן הארצען, זיא האָט ניט פערשטאַנען מיט וואָס פאַר א קראַפט ווירקט דער גראַף אַזוי שטאַרק אוי'ף איהרע געפיהלען.

דער דאָקטאָר האָט יעצט אַרויסגענומען דעם לעצטען שראָט און האָט געגאָר מען אויסברענען דיא וואונד. זיא האָט ניט ווילענדיג א שוידער געטהאָן. איהרע ליפּען האָבען זיך אויפגעריסען און זיא האָט אַרויסגעלאָזט א קרעכץ. אָבער באַלד האָט זיא דערפיהלט א דריק פון דעם גראַף'ס האַנד און זיא איז ווידער געבליעבען פאַלשטענדיג אין זיין מאַכט.

דער אַרצט האָט יעצט פערבונדען דיא וואונד, האָט פערשריעבען א מעדיצין, האָט אָנגעזאָגט וויא אַרום דיא וואונד צו געהן, האָט פערשפּראָכען ווידער צו קומען, און האָט זיך אָבגעזעגענט און איז אַוועק.

אין דרויסען האָט ער בעגעגענט דער שוועמלעך־קלייבערקע און אין קורצע ווערטער האָט ער איהר ערצעהלט, אַלעס וואָס עס איז געשעהן.

אוראַלזא איז אַריינגעלאָפען אין צימער און וויא זיא האָט דערזעהן דעם וואַלד ענגעל האָט זיא פערבראָכען דיא הענד און האָט אויסגעשריען מיט שרעק:

— מיין גאָט! וואָס פאַר איין אונגליק! מיין אָרמעס קינד!......

פלוצלינג אָבער איז דיא אַלטע געבליעבען שטיל. זיא האָט דערזעהן דעם גראַף און האָט זיך פאַר איהם פערניינט.

— אייער אונטערטהעניגסטע דינערין! — האָט זיא געזאָגט — אייער גנאַדען זיינען געוויס ערשראָקען, אָבער ווער פערדענקט אייך, וואָס פעדאָרא וואַר אַזוי אונפאָרזיכטיג.

אָטטאָ פאָן פינקענשטיין איז געריהרט געוואָרען פון דיעזער שקלאָפישער אונ: (Mil- 19).

טערטהעניגקייט. אַלע אנגענעהמע געפיהלען, וועלכע ער האָט ערסט געהאט, זיינען פערשוואונדען און זיין גאַנצע פיינדשאפט צו ווייבער האט יעצט ערוואכט און איז נאַטירליך אויך געפאַלען אויף דער מוטער און איהר טאָכטער.

ער האט איינינע ווערטער געמורמעלט צו זיך אַליין און וועהרענד זיין גע֞זיכט האט ווידער אָנגענומען דעם פינסטערען און דעם שטאָלצען אויסזעהן האט ער פון זיין טאַשע ארויסגענומען א בינדעל געלד און האט עס געוואָרפען אויפ'ן טיש.

— היער איז דאס געלד פאר דיא שמערצען. איך רעכען, אז דאָס איז רייך גענוג בעלאָהנט אום דיעזע געשיכטע זאָל געענדיגט ווערען מיט איין מאָל פאר אלע מאָל.

— אָה, טויזענד דאנק, גנעדיגסטער העֶרר גראף! — האט דיא אלטע אויס־גערופען און האט שוין אויסגעשטרעקט איהרע דארע הענד נאָך דעם געלד.

— נאַטירליך ערוואַרטע איך דאָס מען זאָל דאָס ניט אויספויקען איבער דער וועלט! — האט דער גראף האָכמוטהיג געזאָגט און האט צוגעוואָרפען א בליק פון פעראַכטונג צוְ דער אַלטער אורא֞לזא.

דיא אַלטע פרוי האט שוין געוואלט נעהמען דאס געלד צו זיך אין טאַשע, אָבער פלוצלינג איז פעדאָרא אויפגעשפרונגען פון אָרט, האט ארויסגעכאַפט דאס געלד און האט עס אויסגעשטרעקט צום גראף.

— נעהמט צוריק אייער געלד, העֶרר גראף! — האט זיא אויסגערופען מיט פייערדיגע אויגען. — איהר זייט אונז גאָר נישט שולדיג. און פרעזענטען נעהמען מיר פון אייך ניט צו.

איבערראַשט איז דער גראף געבליבען שטעהן. פעדאָרא'ס ווערטער האבען איהם געטראָפען, און וויא ער האט זיין געזיכט צו איהר געווענדעט, און האט בע־גענענד איהרע אויגען, האט ער דערפיהלט וויא דער פרויענהאַס איז פון איהם ווידער פערשוואונדען. און ניט ווילענדיג, יא ניט פיהלענדיג זאָגאר וואס ער האט געטאָהן, האט זיך זיין האנד אויסגעצויגען און האט צוגענומען דאס געלד פון פעדאָרא'ס האנד.

פעדאָרא האט איהם אָנגעקוקט מיט בליקען, וועלכע וואָרען האלב צאָרענדיג און האלב ענגסטליכע, וועלכע דער גראף האט ניט געקענט ביישטעהן. ניט אכטענ־דיג אויף דעם וואס ער איז געווען אן ערפאהרענער מאגנעטיזערער, און האט מיט דעם קראפט פון זיינע בליקען געקענט בעהערשען דעם ווילען פון פיעלע מענשען. ;אט זיך פערנייגט און האט פערלאסען דאס הויז מיט גאנץ שנעלע טרים.

— — — — — — — — — — — —

זייט דיעזער עראייגניס זיינען וואכען פערגאנגען. פעדאָראַ'ס וואונד וואר קיין שווערע, דאך האט עס בעדארפט נעהמען א צייט ביז זיא איז פערהיילט געוואָרען. א זעלטענער געפיהל האט זיא דיא גאנצע צייט געפלאגט, זיא האט ניט געוואוסט וויא דיעזען געפיהל אנצורופען, דאך האט זיא געוואוסט אז זיא איז מיט איין מאָל געווארען א גאנץ אנדערע, דאס דער צושטאנד פון איהר זעעלע איז ניט דאס וואס עס איז געוועז, דאס דיא פרעהליכקייט איז פון איהר אנטלאָפען, און דאס מאנכעס מאָל וואר איהר אזוי שווער צו מוטה דאס זיא האט געוואָלט וויינען.

דיא שוועמלעך־קלייבערקע האט זיך זעהר וועניג געקימערט וועגען דער פערוואונדערטע פעדאָרא. גאנץ פריה איז זיא געגאנגען אין וואלד און האט זעהר פלייסיג געקליבען שוואָמען און קרייטער וועלכע זיא האט פערקויפט. זיא וואר ביין אויף דאס מעדכען; זיא האט גאר ניט געקענט פערשטעהן וויא אזוי פעדאָרא האט עס געקענט אבגעבען אזוי פיעל געלד צום רייכען גראף.

דיא אלטע פרוי האט געמיינט אז דער גראף איז פערפפליכטעט צו בעצאָהלען פאר דער וואונד, דערצו האט זיא עס גע־אלטען פאר א גרויסע עהרע צו נעהמען געלד פון גראף'ס האנד. זיא האט עס דער שעהנער פעדאָרא אויפגעווארפען, און פעדאָרא האט איהר געענטפערט:

— דיעזעס געלד האבען מיר אויף קיין פאל ניט בעדארפט נעהמען. דער גראף האָט דערמיט געוואָלט אבקויפען אונזער שוויגען, און מיר מוזען איהם וויזען דאס אונזער איינפאכער וואָרט איז פאר אונז גענוג.

אָבוואָהל פעדאָרא האט קיינעם פון דער גאנצער געשיכטע ניט ערצעהלט, און אבוואהל דיא אלטע אורעלזא האט עס אויך קיינעם ניט ערצעהלט, דאך איז דיא גאנצע עראייגניס באלד בעקאנט געוואָרען איבער'ן גאנצען דאָרף. דאס האט שוין בעזאָרגט דער דאָקטאָר בער, וועלכער האט געליעבט דעם וואלד־ענגעל און איז געוועזן אויפגערעגט פון דעם גראף'ס גרויסען פערזעהן. ער איז אויך זעהר אָפט געקומען זעהן וואס פעדארא מאכט, און האט דערביי ניט פערפעהלט צו זאָגען עטליכע הארטע ווערטער וועגען דעם גראף און זיין אונפעהיגקייט צו דער יאגד.

פעדאָרא איז אבער ניט געוועזן איז דיעזעלבער מיינונג וואס דער דאָקטאָר. זיא פלעגט אראָפּלאָזען דיא אויגען צו דער ערד, און איהר געזיכט פלעגט זיך פערענדערען וואָס אין איהר הערצען איז פאָרגעגאנגען האט זיא אליין אויך ניט נעוואוסט.

דיא אלטע אורעלזא האט עס בעמערקט און האט געוויגט מיט'ן קאָפּ.

אלס זיא האט בעמערקט וויא פעדאָרא ווערט אימער טרויעריגער און טרוי־

מערישער, האט זיא זיך בעגעבען צום אלטען גייסטליכען, וועלכער האט געזאָרגט פאר פעדאָרא׳ס ערציהונג.

מיט דיעזען אלטען מאן האט זיא געפיהרט א לענגערע אונטעררעדונג.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז דער גייסטליכער אָנגעקומען אין דעם וואלד־הויז.

וויא פעדאָרא האט איהם דערזעהן, איז איהר געזיכט פול געוואָרען מיט בלוט, גלייך וויא א געוויסע זינד וואלט געלעגען אין איהר הארצען. זיא האט נאַטירליך ניט געוואוסט ניט דעם נאָמען און ניט דיא בעדייטונג פון איהר זינד, נור אינ־סטינקטמעסיג וויא דער געפיהל פון א בייבי האט עס זיך אויסגעדריקט אין איהרע באקען.

דער גייסטליכער האט זיך געזעצט און האָט דאס מעדכען בעטראכט אייניגע מינוטען מיט פינסטערע, פערטראַכטע בליקען.

— דוא האסט געהאט איין אונטערהאלט, מיט דעם גראף פון פינקענשטיין, האט ער צו איהר געזאָגט און האט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. — איך בין דיר יעצט גאנץ פרעמד, מיין קינד!

— וואס מיינט איהר, פאטער? — האט פעדאָרא געפרעגט.

— געוויס! — האט דער גייסטליכער אין א שטרענגען טאָן געזאָגט. — וואָרום האסט דוא אליין מיר דיעזע געשיכטע ניט ערצעהלט? ווארום זאלען עס מיר דיא דאָרפסלייטע ערצעהלען? דוא האסט אויסער מיר, דיין מוטער און זעהר ווייניג מענשען אין דאָרף געקענט. פלוצלינג איז דער גראף דיר געקומען אין וועג. ער האט דיך פערוואונדעט, ניט וואהר?

— יא, פאָטער! — האט פעדאָרא געענטפערט און האט אראפּגעלאָזען איהר קאָפּ.

— האט ער דיך נור קערפּערליך פערוואונדעט? — האט דער גייסטליכער געפרעגט.

— וואָס מיינט איהר דערמיט פאטער?

— וויא קומט עס וואס דוא ביסט זייט יענעם טאג געוואָרען א גאנץ אנדערע? ווארום ביזט דוא אין דער גאנצער צייט בייא מיר ניט געוועזן? ווארום האסט דוא אויסגעמיעדען מיין הויז, וועלכעס דוא פלעגסט אזוי גערען בעזוכען?

פעדאָרא׳ס אויגען זיינען געבליעבען שטעהן און טרעהרען האבען זיך פון זיי געגאָסען.

— נוּ, ווילסט דוא ניט ענטפערען?

— אָך האָכווירדיגער פאטער, וואס זאל איך אייך זאָגען. איך וויים פון קיין זינד, וועלכע איך האב געוואָלט בעגעהן; דאָך פיהל איך אַליין, אז איך בין געוואָרען איין אַנדערע, איך פיהל יעצט אזוי מערקווירדיג. מאנכעס מאָל ווילט זיך מיר זינגען און טאנצען וויא אין פולען גליק, און מאנכעס מאל ווערט מיר אזוי אונ־מוטהיג, דאס מיר ווילט זיך וויינען.

— פון וואס וויינט זיך דיר, מיין קינד?

— איך וויים ניט!

— גיעבט עס יעמאנד אין דער וועלט, וועלכען דוא ליעבסט, איך מיין, וועל־כען דוא ליעבסט מעהר פון דיין מוטער, מעהר פון דיין גייסטליכען, מעהר וויא יעדען אין דער וועלט?

פעדאָרא האט ניט געענטפערט, אבער איהר געזיכט איז געוואָרען בלייך.

— ווילסט דוא זעהן דעם גראף?

דאס מעדכען איז פון דיעזער פראגע פערציטערט געוואָרען.

— ניין, ניין! — האט זיא האסטיג אויסגעשריען. — איך וויל איהם ניט זעהן, איך וויל איהם קיין מאל ניט זעהן!

— און ווארום ווילסט דוא איהם ניט זעהן?

דיעזע פראגע האט אין גאנצען צובראכען פעדאָרא׳ס אונשולדיגע הערץ. זיא האט זיך געוואָרפען אויף דיא קניע און האט זיך צו וויינט פאר דעם גייסטליכען.

מיט מילדע אויגען האט ער זיא בעטראכט. זיין ווייסע האנד האט זיך גע־לעגט אויף איהר קאָפּ, און מיט א טרויעריגען טאָן האט ער צו איהר געזאָגט:

— אין דיין הערצען מיין קינד, געהט עטוואס פאָר. ערשטיק דיעזען געפיהל נאָך איידער ער וועט זיך פערפלאָנצען און וועט ברענגען גיפטיגען פרוכט. דער גראף איז א ריטער און א פאָרנעהמער מאָן, אָבער ניעמאלס קען ער דיר געהערען אלס מאָן פאר גאָט און פאר מענשען, דארום דארפסט דוא איהם ארויסרייסען פון דיין קאָפּ און פון דיין הערצען; דאס איז אונבעדינגט נויטהיג פאר דיין גליק.

פעדאָרא האט אויפגעהויבען איהר קאָפּ און האט מיט נאַסע אויגען אָנגע־קוקט דעם גייסטליכען.

יעצט איז איהר מיט איין מאל קלאָהר געוואָרען, דאס זיא ליעבט דעם גראָף אָטטאָ פאָן פינקענשטיין.

25טעם קאפיטעל.

אין א גרויסער פערלעגענהייט.

אלס רודאָלף מענצעל איז ארויסגעפיהרט געוואָרען אלעס געפאנגענער פון זיין הויז, האט זיך א צווייטע טהיר געעפענט און א פרויענגעשטאלט האט ארויסגע־קוקט פון דעם שפּאלט; עס וואר טאָני, דיא הויז־העלטערין, וואס האט געגעבען דעם הויז שליסעל צו איהר געליעבטען מאקס.

פון דעם קליינעם שפּאלט האט זיא געזעהען דיא פּאָליציי בעאמטע און האט אויך ערקענט מענצעל'ס בלאַסע געזיכט.

אָהנע צווייפעל האט מען איהם פערהאַפטעט. אָבער ווארום? טאָני האט ניט געקענט גלויבען אז רודאָלף איז פעהיג צו א פערברעכען. זיא האט גענומען פיהלען מיטלייד מיט דיעזען עהרליכען יונגען מאן און א שרעקליכע אהנונג איז איהר בעפאַלען.

זיא האט ניט ווילענדיג גענומען דענקען פון איהר מאקס און פון זיין געהיימען בעזוך אין מענצעל'ס וואָהנונג. האט מאקס עטוואס צו טאָהן מיט דעם ארעסט? יא, דאס איז זיכער. דאס איז פאר איהר יעצט געווען דיא איינציגע ערקלערונג וואָצו מאקס האט פון איהר געפאָדערט דעם שליסעל.

איהר געוויסען האט איהר גענומען פּלאַגען. עס איז איהר געקומען דער גע־דאנק צו לויפען צום אונשולדיגען מענצעל, און צו ערצעהלען איהם אלעס וואס עס איז געשעהן.

אבער באלד האט זיא זיך איבערלעגט דאס זיא דארף עס ניט טאהן! מאקס האט פון איהר ארויסגענומען א פעסטען פערשפּרעכען צו שווייגען און ער האט איהר אויך געזאָגט, דאס, ווען זיא וועט זאָגען א וואָרט, וועט ער זיא אוועק ווארפען.

צו אזא געפאהר האט זיא זיך ניט געקענט ווארפען; זיא האט נאך געבויט אויף איהר ליעבהאבער'ס וואָרט, דאס ער וועט זיא הייראטהען און דאס ער וועט זארגען פאר איהר און פאר דאס קינד, וועלכעס דארף פון זיינער ליעבע געבאָרען ווערען, און טאָני האט געגלויבט אין דעם פערשפּרעכען.

ווען ער זאָל זיא פערלאַסען, וואס פאר א ביטערען שיקזאל וועט זיא מוזען אויסשטעהן? אבוואָהל טאָני איז ניט זעהר לאַנג אין בערלין, דאָך האט זיא שוין קענען געלערנט איינינע מיידלעך אין דיעזער לאגע, און איהר האט געשוידערט ווען זיא האט געדאכט וויא איינע האט זיך אויס פערצווייפלונג ערטרונקען, וועהרענד

דיא צווייטע האט אנגענומען דעם שיקזאל פון טויזענדע פערלאָסענע מעדכען, און האט זיך געווידמעט צום אונמאָראלישען לעבען.

טאָני האט גענלויבט דאס זיא וואלט זיך ניט געקענען ענטשליסען ניט צום זעלבסט מאָרד פון איהר לעבען און ניט צום מאָרד פון איהר געוויסען. זיא האט צו פיעל געליבט דאס קערפער אום צו זוכען דעם טויט, און זיא האט אויך ניט גע־קענט אננעהמען דעם לוסטיגען לעבען פון זינדע, ווייל זיא האט געלעזען א בוך וואו עס ווארען געשילדערט אלע אונגליקען, אלע ערניעדערונגען און אלע פערפאָל־גונגען וואס דיא אונגליקליכע פון דיעזען קלאס שטעהן אוים.

טאני האט געברענט פון יוגענד קראפט און פון יוגענד לוסט. אין איהרע אָדערען האט געפלייצט דאס בלוט פון דער ליידענשאפטליכער אונגארין. ביי איהר ערסטער בעקאַנטשאפט אין ליעבע מיט דעם שעהנעם מאקס האט זיא זיך איבער־געגעבען צו דיא פרעהליכקייט און דיא לוסטיגקייט פון דאס לעבען וואס ער האט איהר געקענט געבען. טאָני וואלט זיך אבער ניט ענטזאגט פון צו געהערען איין אנ־דערען, ווען ער וואלט איהר געקענט געבען פרעהליכקייט און לוסטיגקייט.

דיא געשענק וואס מאקס האט איהר געגעבען ווארען פאר איהר איין נעבען זאך. זיא האט זיי גענומען, ווייל עס וואר אנגענעהם צו נעהמען, אבער זיא האט מאקס'ן געליבט און דארום האט זיא זיך איהם איבערגעבען.

גאַנץ אנדערש וואר עס אבער מיט דיא אנדערע פרויען, וועגען וועלכע טאָני האט יעצט געדענקט. דיעזע פרויען האבען זיך פערקויפט און דערצו איז זיא ניט פעהיג געוועזן.

אזוי האט טאָני בעטראַכט איהר צוקונפט און זיא האט זיך פאָרגעשטעלט וויא פירכטערליך דאס וועט זיין ווען מאקס וועט זיא פערלאָסען. אבער ניין, ער וועט דאך דאס געוויס ניט טהאָן, דאס וואלט דאך געווען גאַנץ אוננאַטירליך, ווען זיא וועט נור האלטען איהר פערשפּרעכען און וועט ניט ארויסגעבען זיין געהיימניס.

זיא האט זיך דארום פעסט ענטשלאָסען צו שווייגען. זיא האט געאָפּפערט איהר געוויסען, זיא האט געאָפּפערט דעם שעהנעם אונשולדיגען מאן אום צו בעשיצען איהר צוקונפט און דיא צוקונפט פון דאס קינד וועלכעס דארף געבארען ווערען.

אבער דאך האט זיא ניט געקענט אויפהערען צו דענקען פון דעם אונשולדיגען רודאלף מענצעל, וועלכער ליידעט צוליעב איהר לייכטזיניגקייט.

— — — — — — — — — — — — — —

מיעד און אויסגעמאטערט האט זיך רודאָלף מענצעל אויפגעהויבען פון זיין הארטען געלעגער. געגען אבענד איז ער געבראַכט געוואָרען אין ערסטען געפענגניס פון דעם אונטערזוכונגס געריכט. אין זיין גרויסער פערצווייפלונג האט ער ניט בע־

מערקט וואס ארום איהם טוהט זיך. ער האט זאגאר קיין בליק ניט געווארפען אויף דעם אויפשריפט אויפ'ן טיהר וואו דיא ארדנונג פון געפענגניס וואר אויפגעשריבען.

אלס דיא טהיר האט זיך געסטערען אבענד הינטער איהם געשלאָסען און ער האט זיך געפונען אליין אין דעם ענגען צימער האט איהם געשיינט דאס זיין גייסט און זיין קערפער שטארבען יעצט אָפּ.

נאך א קורצער צייט האט זיך דיא טהיר וויעדער געעפענט און דער געפענגניס אויפזעהער איז אריין און האט אנגעצונדען א ליכט.

ביין שיין פון דיעזען ליכט האט רודאָלף געזעהן אויפ'ן טיש, וועלכער וואר צו־געשמידט צום וואנד א שטיק טרוקענע ברויט. דער ברויט איז שיין דארט פריהער געלעגען פון הומאניטעטס וועגען, צו בעוויזען דעם נייען געפאנגענעם דאס היער, אין דיעזען פינסטער'ן קערקער איז ער אםוועניגסטען בעפרייט פון דעם שווערען קאמפף פאר דאס טעגליכע ברויט.

דער אויפזעהער האט געטאהן זיין ארבייט אין דעם קערקער אהן א וואָרט צו זאגען. דאך ווען ער האט געוואלט ארויסגעהן האט ער זיך צום געפאנגענעם געווענדעט און האט געזאגט.

— ביי'ן ערסטען קלונג מוזט איהר זיך פערטיג מאכען צום שלאָף, ביי'ן צווייטען קלונג מוזט איהר שוין ליעגען אויף אייער געלעגער.

רודאָלף מענצעל האט דיעזען בעפעהל ערפילט. ער האט אבער ניט גע־קענט שלאָפען. ער האט זיך געוואָרפען אויף זיין לאגער הין און צוריק און האט ניט אויפגעהערט צו דענקען, אבער ניט אזוי וועגען זיך, וויא וועגען זיין מוטער.

ער האט געקענט זייז מוטער זעהר גוט און ער האט געוואוסט, וויא זיא מוז געבעך ליידען.

עס האט איהם וועה געטאהן, ווארום ער האט זיין מוטער ניט געענטפערט, ואו ער האט דיא לעצטע נאכט פערבראכט. דאס וואלט דאך געווען איהר איינציגע טרייסט אין איהרע פינסטערע ליידען.

אבער ער האט עס ניט געקענט טהאָן, ער האט בעדאַרפט שווייגען, צוליעב דעם וואס אין דעם זעלבען צימער האט זיך געפונען דער פאָליציי־קאָמיסאר סאָמער. פאר דיעזען מאן האט ער זיכער זיין געהיימניס ניט געקענט ענטדעקען, זאגאר ווען ער זאל שוין וועלען ברעכען זיין פליכט און פערראטהען זיין געליעבטע פאר זיין מוטער.

שפעט אין דער נאכט איז ער ענדליך איינגעשלאָפען. דיא לעצטע נאכט האט ער אויך פערבראכט ניט שלאָפענדיג, און דיא נאטור האט איהם בעזיעגט

אבער זיין שלאָף וואר נור לייכט און נור קורץ. קוים איז נור עטוואס ליכטיגער געוואָרען, אזוי האט ער זיינע אויגען געעפענט.

צומישטע חלומות האבען איהם וועהרענד זיין קורצען שלאָף געפּלאָגט. עס האט איהם געטרוימט, אז ער איז געוועזן ביי זיין מוטער אין הויז, עס האט איהם געחלומט, דאס ער איז צוזאמען מיט זיין געליעבטע, דאן האבען זיך איהם פאָרגע־שטעלט אלערליי שרעקליכע בילדער, ביז ער האט ערוואַכט.

וויא ער האט דיא אויגען געעפענט האט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין לאגער און האט זיך אנגעצויגען.

אין דער צעלע אין וועלכער ער האט זיך געפונען, וואר דיא פענסטער הארט ביי׳ן סילינג און א קעטע האט זיך פון איהר געצויגען מיט וועלכער מען האט זיא געעפענט און צוגעמאכט, און אָבוואָהל עס וואר גאנץ אונמעגליך ארופצוקלעטער׳ן אויף דעם גלאַטען וואנד, דאך איז דיא פענסטער נאך געוועזן פערפעסטיגט מיט אייזערנע גראַטעס.

רודאָלף מענצעל האט עס בעטראַכט, און פערברעכענדיג דיא הענד האט ער געזאָגט :

— געפאַנגען ! אונשולדיג געפאַנגען, אה ווען וועל איך ווידער פריי זיין?

עס איז געוואָרען העלער. ער איז יעצט צוגעגאַנגען צום טהיר און האט איבערגעלעזען דיא אָרדנונג און האט עס אריינגענומען גוט אין זינען אום ער זאָל ניט טהאַן עטוואס געגען געזעץ.

אונטער דיא פערשיעדענע פאָרשריפטען, וועלכע האבען זיך געפונען וואר אויך, דאס עס איז פערבאָטען צו שפּרעכען מיט אנדערע געפאַנגענע, האלטען ריין דיא צעלע און נאך אזעלכע זאכען. און אם ענדע איז געוועזן געשריבען דאס ווען מען וועט ניט היטען דיעזע אָרדנונג, ווערט מען בעשטראַפט מיט הונגער, מיט א הארטען געלעגער, מיט אנשליסען אויף׳ן קייט, פערשפּארט אין א פינסטערען קערקער און אויך מיט קערפּערליכע שטראַפען.

רודאָלף מענצעל איז פערציטערט געווארען ווען ער האט דאס געלעזען.

אָבוואָהל ער וואר ביי זיך פעסט דאס ער וועט דיא אָרדנונג היטען פּינקטליך, דאך האט איהם געשווינדערט פון דעם געדאנק דאס ער איז אונטערוואָרפען אונטער אַזעלכע אָרדנונגען, דאס ער בעלאַנגט אויך צו דער קלאַסע וועלכער מען דארף דראָהען מיט שמיטץ !

זיין בליק איז געפאלען ווייטער. ער האט יעצט געזעהן אויף א צווייטער וואנד א גאַנצען באַרג פון רעליגיעזע שריפטען, רעליגיעזע געזאַנג, ביכער און אנדערע

געשיכטען וועלכע גיבען הימלישע שפייז פאר דער אויסגעהונגערטע **נשמה. אויך** האט ער געזעהן אין דער צעלע א וואסער קרוג און א בלעכענע לעפעל, ניט ווייט פון טיש איז אויך געווען א באנק צום זיצען וועלכע וואר אויך צוגעשמידט און צו־געפעסטיגט מיט אייזענס.

ער האט זיך אזוי לאנג ארומגעקוקט ביז דער גלאק האט גענומען קלינגען. רודאלף מענצעל וועלכער האט נאך קיין מאל ניט געהאלטען קיין שאפעל און קיין בעזים אין האנד האט דאך געפאלגט דיא ארדנונג פון **געפענגנים** און האט אויס־געקעהרט און האט אויסגערייניגט זיין צעלע.

קוים וואר ער מיט זיין ארבייט פערטיג אזוי האט ער דערהערט טריט אין קארידאר. א שליסעל האט געקריצט, דיא טהיר האט זיך געעפענט, און הינטער דעם אויפזעהער איז ערשינען איין געפאנגענער, וועלכער האט געבראכט א גרויסען קעסעל מיט זופ.

— נעהמט שנעל! — האט דער אויפזעהער געזאגט. — **דאס מוז שנעל** צוגעהן.

רודאלף מענצעל האט צו ערסט אנגעקוקט דעם אויפזעהער, **דאן דעם געפאנ־געגעם.** דאן האט ער גענומען זיין קריגעל און זיין קליינעם טעפעל און האט זיך געלאזט אנפילען דיא געשיר. דאן האט זיך דיא טהיר ווידער געשלאסען.

אזוי האט זיך אנגעהויבען דער ערסטער טאג פון זיין **געפאנגענשאפט. אבער וויא** ווערט עס זיך ענדיגען?

אום צעהן אוהר האט זיך **דיא טהיר ווידער** געעפענט **און דער אויפזעהער האט** אויסגערופען:

— מענצעל צום אונטערזוכונגס ריכטער!

רודאלף מענצעל האט יעצט אויפגעאטהעמט. יעצט **פאנגט** זיך אן א נייער קאפיטעל אין זיינע ליידען. יעצט ווערט ער פערהערט ווערען, אבער פיעללייכט ווערט איהם דאך מעגליך זיין דעם אונטערזוכונגס ריכטער צו איבערצייגען פון זיין אונשולד? ער האט דאס אויף זיבער ניט געקענט ערווארטען, אבער א האפנונגס שטראהל האט אריינגעשיינט אין זיין הערצען.

ער האט זיך געלאזט געהן נאך דעם אויפזעהער איבער טרעפ און היילען ביז ער האט עררייכט דעם אונטערזוכונגס ריכטער'ס זאאל. דארט האט ער געמוזט ווארטען א געוויסע צייט ביז ער איז פאר דעם ריכטער פארגעפיהרט געווארען.

דער אונטערזוכונגס ריכטער איז געווען א גרויסער, שטארקער מאן, מיט א רויטהליכען געזיכט, מיט א שווארצען שנור בארד! אין זיין ערשיינונג האט מען אין

דיזען ריכטער קיין אונגעוועהנליכעס ניט געקענט זעהן. זיין געזיכט וואר גלייכגילטיג, זיין שטימע האט געקלונגען געשעפטסמעסיג.

— ווייסט איהר דיא שטראפע פאר דעם פערברעכען מיט וועלכען איהר זייט בעשולדיגט? — האט דער אונטערזוכונגס ריכטער איהם געפרעגט.

— איך ווייס עס וואהל. — האט רודאלף געענטפערט.

— איהר זייט בעשולדיגט, דאס איהר האט ארויסגענומען פון אייער ווירטהס קאסע א גרויסע סומע געלד. גיט איהר דאס צו?

— ניין.

— זייט איהר שוין לאנג בעשעפטיגט אין דיזען געשעפט?

— שוין איינינע יאהר.

— האט אייער ווירטה צו אייך געהאט צוטרויען?

— יא, מיר שיינט, אז איך האב עס פערדיענט.

— זא דאס איהר האט אפט געהאלטען דעם שליסעל פון דער קאסע?

— יא.

— ווער נאך האט דעם שליסעל?

— דער געשעפטס-קאנטראליער.

— איז דער קאנטראליער אין בערלין?

— ניט יעצט.

— איז ער פעררייזט?

— יא.

— ווער האט דעם שליסעל, וועהרענד ער איז אבוועזענד?

— דער ווירטה.

— ניט איהר?

— אה, יא, ווען דער ווירטה איז אבוועזענד האב איך דעם שליסעל.

— ווען האט איהר צום לעצטען מאל געהאט דעם שליסעל?

— פארגעסטערן אבענד?

— האט איהר איהם בענוצט?

— יא.

— אום געלד צו נעהמען?

— ניין, אום א גרויסע סומע אריינצולעגען.

— נאכדעם האט איהר דעם שליסעל אבגעגעבען צו אייער שעף?

— יא.

— האט אייער ווירטה געוואוסט. וואס פאר א טומע עס האט זיך געפונען אין דער קאסע?
— גאנץ געוויס, ער האט עס בערעכענט פאר זיין אוועקגעהן. וויא ער טהוט עס אימער.
— האט איהר געוואוסט דיא סומע?
— יא.
— האט נאך איינער אויסער אייך געוואוסט?
— ניין.
— האט נאך איינער אויסער אייך, דעם ווירטה און דעם קאנטראלירער, גע־וואוסט דיא צוזאממענשטעלונג פון דעם שלאס?
— איך ווייס ניט.
— ווען האט איהר פערלאסען דעם קאנטאר?
— אבענד׳ס, אום זיעבען אוהר.
— ווער וואר נאך אנוועזענד אלס איהר זייט אוועקגעגאנגען?
— קיינער, איך וואר דער לעצטער.
— איז דאס אימער אזוי?
— כמעט אימער.
— האט איהר א שליסעל צום קאנטאר?
— יא.
— וואס האט איהר געטהאן ווען איהר האט דעם קאנטאר פערלאסען?
— איך בין געגאנגען נאך הויזע און האבען געגעסען מיין אבענד ברויט.
— זייט איהר שפעט אוועקגעגאנגען?
— יא.
— ווען וואר דאס?
— אום 9 אוהר.
— זייט איהר געפאהרען אדער צו פוס געגאנגען?
— אביסעל געפאהרען און אביסעל געלאפען.
— האט דאן גערעגענט?
— אום צעהן אוהר האט גענומען רעגענען.
— זייט איהר נאך דאן געווען אין וועג?
— ניין.
— ווען זייט איהר געקומען נאך הויזע?

— פיער אוהר.

— האט נאך דאן נערענענט?

— יא.

— נאך פיער האט שוין ניט גערענענט, זייט איהר שוין דאמאלס געוועזן אין הויז?

— געווים.

— קענט איהר עס בעווייזען מיט ציינען?

— אָה, יא, דורך א מעדכען, וועלכע וואָהנט נעבען אונז. טאָני איז איהר נאָמען. זיא איז נעקומען אין הויז דיעזעלבע צייט, וואָס איך און זיא האט מ ן א ן הויז ארייננעלאָזען.

— ארייננעלאָזען? האט איהר דען קיין הויז־שליסעל ניט געהאט?

— איך האב צו שפעט אויסגעפונען, אז איך האב איהם פערגעסען.

— האט איהר איינעם, אָדער אייניגע הויז־שליסלען?

— נור איינעם, מיין מוטער ברויכט קיינעם.

— נון, דיעזען שליסעל האט מען געפונען ניט ווייט פון דער קאסע. איהר האט שוין פאר דעם פאָליציי־קאָמיסאר געזאָגט דאס עס וואר אייער שליסעל. שטעהט איהר נאך יעצט דאביי?

— גאַנץ געווים.

— וויא ערקלעהרט איהר וואָס דער שליסעל איז גראדע דאָרט געלעגען. דאס איז דאך אונגעוועהנליך?

— דאס גיב איך צו. ערקלעהרען קען איך עס נור דערמיט, דאס דער שליסעל איז פון מיין טאשע ארויסגעפאלען.

— וועהרענד איהר זייט נאך געוועזן אין קאנטאר ביי דער ארבייט?

— יא.

— האט איהר דאס ניט געקענט בעמערקען?

דער געפאנגענער האט געשוויגען. ער האט ווירקליך ניט געוואוסט וואס ער זאָל אויף דעם ענטפערן.

— האט מען דעם קאנטאר גערייניגט?

— יא.

— און ווער?

— א וויטווע, וועלכע וואהנט אין דעם הויז, פרוי גאסט איז איהר נאמען.

— ווען רייניגט מען דעם קאנטאָר?

— מאנכעס מאָל אבענד, מאנכעס מאָל אין דער פריה.

— האט פרוי גאסט פאָרגעסטערען אבענד אויסגעקעהרט דעם קאָנטאָר?

— איך ווייס עס ניט.

— נון, מען האט שוין דער פרוי געפרעגט. זיא האט געזאָגט דאס זיא האט אויסגעקעהרט דעם קאנטאר באלד נאך אייער אוועקגעהן.

רודאָלף מענצעל האט אויפגעהויבען זיינע אויגען. דעם אונטערזוכונג ריכטערס שטימע האט יעצט ניט געקלונגען אזוי גלייכגילטיג און געשעפטסמעסיג. ער האט גענומען דענקען דאס אין דער פרוי'ס עדות ליעגט פאר איהם דאס אונגליק.

דער אונטערזוכונגס ריכטער האט ווייטער געזאָגט:

— עס איז ניט מעהר וויא נאַטירליך, דאס פרוי האט דעם שליסעל בעדארפט געפינען, ווען איהר וואָלט איהם געלאָזען אויף דער ערד ווען איהר זייט אוועקגעגאנגען. איהר זעהט אלזאָ דאס דיעזע ערקלעהרונג פיהרט אייך ניט אזוי זיכער.

— און דאך מוז איך דערביי בלייבען, — האָט רודאָלף מענצעל געענטפערט מיט א פעסטע שטימע — וויא איך האב דעם שליסעל פערלאָרען ווייס איך ניט, נור דאס איז דיא איינציגע ערקלעהרונג וואס איך קען זיך געבען.

— עס גיט נאך איין ערקלערונג! — האט דער ריכטער געזאָגט.

— וועלכע? — האט דער געפאַנגענער געפרעגט.

— דיא ערקלעהרונג, דאס איהר האט וועהרענד דער נאכט בענאַנגען דיא רויבעריי. אָבוואָהל איהר האט בעדארפט בעמערקען ווען אזא זאך וויא דער שליסעל איז ארויסגעפאלען, דאך נעהם איך אָן, דאס אין דער אויפרעגונג אין וועלכער איהר האט זיך געפונען האט איהר עס ניט בעמערקט און ניט געזעהן.

רודאָלף מענצעל האט זיך אָבגעזיפצט. ער האט ניט געוואוסט, וואס ער זאָל ענטפערען אויף דעם אונטערזוכונג ריכטערס אנקלאגע.

ער האט געזעהן דאס מען האלט איהם ווירקליך פאר שולדיג, און ער האט זיך אליין געמוזט געשטעהן, דאס דער ארגומענט וועלכען דער ריכטער האט איהם געגעבען, איז ליידער דאס איינציגע וואס מען קען זאָגען.

— הערר ריכטער! — האט ער ענדליך געזאָגט — איך קען אייך נור זאָגען, דאס איך בין אונשולדיג.

— און דאך וואלט איך אייך געראטהען, איהר זאָלט בעסער אָפען געשטעהן. איהר האט דאן צו האָפען אויף א מילדערע שטראפע, וועהרענד ווע איהר לייקענט קען עס ניט געשעהן. עס ליעגט אלזאָ אין אייער האנד אייער איינענע לאגע צו פערבעסערען אָדער צו פערערגערען.

דער געפאַנגענער האט אראַפּגעלאָזט זיין קאָפּ.

— גרויסער גאָט! — האט ער אויסגעשריען — וואס קען איך, און וואס זאָל איך טהאן אום דיא קלאַגע אָבצושוואַכען.

— אַלס איהר זייט געסטערען געקומען נאך הויזע, האט איהר זיך אויסגע־טהאן? — האט דער ריכטער ווייטער געפרעגט.

— יאַ.

— וועלכען אנצוג האט איהר שפּעטער געטראָגען?

— אַ שוואַרצען.

— און וואס פאר איין אנצוג טראָגט איהר אין קאנטאָר?

— דאס איז דער זעלבער וועלכען איך טראָג יעצט.

— אַלס דער פּאָליציי קאָמיסאר סאָמער, האט פון אייך פערלאנגט דעם שליסעל פון קאנטאר, אין וועלכען אנצוג האט ער זיך געפונען?

— אין מיינע שוואַרצע הויזען.

— אַלזאָ, איידער איהר האט פערלאסען אייער הויז האט איהר ארויסגענומען דעם שליסעל פון אייערע אלטעגליכע קליידער און איהר האט איהם גענומען צו זיך. ניט וואהר?

— דאס האב איך ווירקליך געטהאן.

— און צו וועלכען צוועק? — האט דער אונטערזוכונגס ריכטער געפּאָרשט און האט דעם געפאַנגענעם בעטראַכט מיט אַ דורכדרינגענדען בליק.

רודאָלף האט זיך עראינערט, אַז דיעזע פראַגע האט איהם אויך געשטעלט דער פּאָליציי קאמיסאר סאָמער, און ער האט דעם אונטערזוכונגס ריכטער געגעבען דעם זעלבען אנטוואָרט:

— דעם שליסעל האט מיר מיין ווירטה אנגעטרויט און דארום האב איך איהם אימער געהאלטען ביי זיך.

— האט איהר געפירכטעט, דאס מען וועט איהם פון אייער הויז צונעהמען?

— דאס ניט.

— האט איהר ניט גערעכענט דאס דיעזער וויכטיגער שליסעל איז פיעל זיכערער ביי אייך אין הויז, אַלס ווען איהר טראָגט איהם ארום אויף אייער שפּאַציר גאנג?

— צו אַזא רעכענונג בין איך קיין מאָל ניט געקומען. עס האט מיר אויך נאך קיין מאָל ניט געטראָפען איך זאָל פערלירען אַ שליסעל פון מיין טאשע.

— איהר האט אַ שוואַכען קאָפּ, — האט דער אונטערזוכונגס ריכטער גע־

לאכט — דען צוריק מיט איינינע מינוטען האט איהר געזאגט דאס איהר האט דעם הויז־שליסעל פערלארען.

דער געפאנגענער האט געשוויעגען.

— אהן א צווייפעל, — האט דער ריכטער ווייטער געזאגט, — האט איהר דעם שליסעל פון קאנטאר צו זיך גענומען אום צו דער פאסענדער צייט ארייןצוגנבענען זיך אין קאנטאר. וויא איהר זאגט אליין זייט איהר נאך ניין אוהר ארויס פון הויז. אום צעהן אוהר האט עס אנגעפאנגען צו רעגענען. אין דיעזער צייט איז דיא רויבעריי געשעהן, וואו זייט איהר אין פערלויף פון דער צייט געוועזען?

— אויפ'ן וועג.

— דאס איז פאר מיר קיין אנטווארט. מיט וועלכע גאסען זייט איהר געגאנגען ווען איהר האט אייער הויז פערלאסען?

— עס איז מיר אונמעגליך אויסצורעכענען אלע גאסען דורך וועלכע איך בין געגאנגען. וויא איך האב אייך שוין געזאגט בין איך א געוויסען שטיק וועג געגאנגען און נאכדעם בין איך געפאהרען מיט'ן קאר.

— וואוהין?

— דיעזע פראגע קען איך ניט ענטפערן.

— איבערלעגט אייך גוט. דאס מאכט אייך אויפ'ן העכסטען גראד פערדעכטיג. ווען איהר זייט ניט געגאנגען אויף איין אונגערעכטען וועג, דאן האט איהר דאך קיין אורזאכע צו פערשווייגען אייער ציעל.

דער געפאנגענער האט געצויגען מיט דיא אקסלען.

— הערר ריכטער, — האט ער געזאגט — עס גיעבען זאכען אין לעבען, וועלכע מען מוז פערשווייגען צוליעב דער עהרע — —

— צוליעב דער עהרע?

— געוויס, עס קען זיין צום ביישפיעל דאס איך בין צוזאמענגעקומען מיט א דאמע, און אלס עהרען־מאן דארף איך זיא ניט פערראטהען.

דער אונטערזוכונגס ריכטער האט געשמייכעלט.

— זאל עס זיך אויסלאזען דערמיט? ווילט איהר מיר פיעללייכט זאגען, דאס איהר האט דורכגעלעבט איין גאלאנטע ליעבע און דאס אויס אייער מיטלייד און אכטונג צו אייער געליעבטער ווילט איהר עס פערשווייגען, זאגאר ווען דאס דארף אייך קאסטען אייער אייגענע עהרע און אייער פרייהייט?

— אויב איהר ווילט עס אזוי אננעהמען, הערר ריכטער, קענט איהר עס טהאן, איך מוז דאס אין גאנצען פערשווייגען!

— איהר וועט אלזא אויף קיין פאל מיר ניט זאגען וואו איהר זייט גע־גאנגען ?

- געוויס! — האט עס געקלונגען פעסט און בעשטימט פון רודאלף׳ס ליפען.

- איהר בעהויפטעט דאס איהר זייט אום פיער אוהר געקומען נאך הויזע ?

— דאס איז וואהר, און איך קען עס בעווייזען דורך דיא צייגנים פון דאס מערכען, וועלכע האט מיך אין הויז אריינגעלאזען.

— מיר וועלען אננעהמען, אז איהר שפריכט דיא וואהרהייט. וואו זייט איהר אבער געוועזן דיא גאנצע צייט ?

— דארויף קען איך ניט ענטפערען.

— וויא איך האב אייך שוין בעמערקט, גלויבט מען, אז דיא רויבעריי איז געשעהן נאך איידער דער רעגען איז געקומען. איהר דארפט דארום ניט מיינען, אז מיין לעצטע פראגע איז ניט וויכטיג. איהר מוזט אויף איהר ענטפערען דיא וואהרהייט.

רודאלף מענצעל האט אבגעאטהעמט.

ער האט איינגעזעהן דאס דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט דערמיט רעכט. דאך האט ער מורא געהאט, טאמער איז דא א פאסטקע. נור ווען דאס זאל זיין, וואס עס איז, איז אויך ניט געוועזן א זאך אין דער וועלט וואס זאל איהם מאכען אויסצוגעבען דיא געהיימנים פון זיין הערצען.

— בלייבט איהר ביי אייער הארטנעקינקייט ? — האט דער ריכטער געפרעגט מיט איין אונגעדולדיגען טאן.

— יא.

— נון, דאן זייט איהר אליין שולדיג אין אייער אונגליק. איך מאך אייך נאך אויפמערקזאם, דאס אין פאל דיא אונטערזוכונג וועט זיך ציעהען א לאנגע צייט צוליעב אייער אייגענער שולד, וואס איהר זאגט ניט דיא וואהרהייט, וועט דיעזע גאנצע צייט פון אייער געפאנגענשאפט ניט אראבגערעכענט ווערען פון אייער שטראפע.

— איך וועל מוזען איבערטראגען מיין שיקזאל, — האט מענצעל געענטפערט מיט א געפרעסטער שטימע.—אויף קיין פאל קען איך אבער ניט זוכען צו פערקיר־צען א שטראפע, וועלכע איך האב ניט פערדיענט.

— אבער וואו האט איהר דאך דיא נאכט פערבראכט ?

— איך האב ערקלערט, דאס איך וועל דיעזע פראגע ניט ענטפערען.

- וואס איז דיא אורזאכע, וואס איהר האט דעם פאליציי־קאמיסאר ניט גע־וואלט ערלויבען צו עפענען אייער קופערט ?

מענצעל האט געשווינגען.

— נאך מעהר פערדעכטיג איז אייער בענעהמונג, ווען דער קאמיסאר האט געוואלט עפענען דיא סאפיאן קעסטעלע. וואס איז אין יענער קעסטעלע געווען?

— א בילד! — האט מענצעל ענדליך געזאגט.

— האט איהר ניט געוואלט מען זאל דאס בילד זעהן?

— דאס איז זא.

— דיא קעסטעלע וואר אבער לעער?

— יא.

— וויא קענט איהר דאס ערקלערען?

— נור דערמיט, דאס וועהרענד איך בין געווען אבוועזענד, איז איינער געווען אין מיין צימער.

— האט איהר א פערדאכט אויף א בעשטימטע פערזאן?

— ניין.

— ווייסט איהר פיעללייכט ווער האט עס געקענט טאהן?

— איך ווייס ניט.

— זא שפיעלט דא א ראלע דיא בעקאנטע פערזאן, וועלכע איז אונבעקאנט ביי אלע פערהאפטעטע? — האט דער ריכטער געלאכט.

— הערר ריכטער, איך זאג איך דיא וואהרהייט! — האט מענצעל שטאלץ אויסגערופען.

— איך גלויב עס אבער ניט. נון, אין קופערט האט מען געפונען באנקנאטען. האבען זיי געהערט צו אייך?

— ניין.

— וויעפיעל באנקנאטען וואַרען דארט?

— איך ווייס ניט!

— צו וועמען האט דאס געלד געהערט?

— דאס ווייס איך אויך ניט.

— און וויא איז דאס געלד געקומען אין אייער קופער?

— דאס ווייס איך אויך ניט.

— נון, איהר קענט אליין זעהן, דאס מיט אזעלכע אנטווארטען קענט איהר זיך ניט פערטהיידיגען. איך בין יעצט מיט אייך צו ענדע. איך גיב אייך נאך א מאל מיין פריינדליכען ראטה, איהר זאלט זיך בעשליעסען אויסצוזאגען דיא וואהרהייט. דאס איז אייער איינציגע רעטונג.

רודאָ[illegible] האט קיין אנטוואָרט געגעבען. מיט א ציטערנדע האנד האט ער אונטערשריעבען דעם פראָטאָקאָל, דאן האט מען איהם צוריק געפיהרט נאך זיין צעלע.

26טעם קאפיטעל.

קלעאָפּאַטראַ.

זייט דעם טאג, וואָס דיא גרעפין העדוויג האט געהאט איהר געשפ[illegible] מיט דעם הוידפערוואלטער ראדאָוו, איז אין דעם פּאלאסט פון גראף מעהרען קיין וויכ־טיגע זאך ניט פאָרגעקומען. אלעס וואר דאָרט שטיל.

אויפ'ן צווייטען טאג נאך דעם געשפרעך איז געווען דער פּראָצעס, וועלכער האט זיך געענדיגט מיט פראַנץ שטאַנד'ס פערורטהיילונג צו געפענגניס. העדוויג האט דיעזען פראָצעס בייגעוואָהנט. זיא האט זיך פערקליידעט אין איינפאכע קליי־דער, האט פערדעקט איהר געזיכט מיט א דיקען שלייער זא, דאָס קיינער האט זיא ניט געקענט ערקענען, און האט זיך בעגעבען צום געריכטס־זאאל.

זעהר פּיינליכע שטונדען האט העדוויג פערבראַכט אין געריכט. זיא וואַר זיכער איבערצייגט, דאס פראַנץ שטאַנד איז פאָלשטענדיג אונשולדיג אין דעם פער־ברעכען פאר וועלכען ער ווערט פּראָצעסירט און איינינע מאל איז איהר געקומען אין געדאנק, זיא זאל אויפגעבען איהר פּלאַן, און זאל אויפטרעטען פאר דיא ריכטער און זאל אויסרופען:

— האלטס איין, ריכטער! פראַנץ שטאַנד איז אונשולדיג, איין אנדערער האט דעם מאָרד בעגאנגען... מיין איינענער פאטער!

זיא האט עס אָבער ניט געטהאָן. זיא האָט בעקעמפּפט איהר געפיהל פיר גערעכטיגקייט און האט געלאָזט אפּפערען איין אונשולדיגען אום איהר איינענע אינ־טערעסען צו שיטצען.

זיא האט ניט געוואָלט דיא וועלט זאָל וויסען, אז זיא איז א מערדערס א קינד. אין איהרע געדאנקען האט זיא געפיהלט, אז זיא טהוט אונרעכט, זיא האָט אָבער ניט געהאט דיא קראַפט מיט איין מאל צו ענטזאגען זיך פון אלע פערגניגענס און תענוגים אין איהר לעבען, צו וועלכע זיא איז געוואָהנט געוואָרען.

זיא האט בערעכענט דאס זיא דארף זיך ניט גלייכען צו מרים'ן, וועלכע האט פריייוויליג פערלאסען דיא רייכע הויז, וואו זיא איז ערצויגען געוואָרען וויא א קינד. מרים האָט עס געטאָהן אוים נויטה, געגען איהר פרייען ווילען. מרים האָט אויך געפיהלט דאס זיא האט אין דיעזען הויז מעהר ניט וואס צו טהאָן, זיא איז א פרעמ־דע און זיא האָט דאָרויף קיין רעכט, און דארום איז זיא אוועק.

מרים וואר א פרעמדע אין דער פאמיליע און אין הויז. און דער געדאנק דאָס זיא איז אַ פינדלינג, פיעללייכט דער ממזר פון א זינדיגער פערבינדונג האט זיא געבראכט דערצו, זיא זאל דאס הויז זאפאָרט פערלאססען אום ניט צו הערען דעם פאָרוואורף.

העדוויג האט זיך ניט פערגעסען, דאס זיא איז אויך דאָס קינד פון איין אונ־עהרליכער פערבינדונג; דיעזעס איז אָבער שווער צו בעווייזען, און ווען דאס זאָל בעוויעזען ווערען איז זיא נאָך אלץ דער גרעפין'ס טאָכטער.

אין הארצען האָט העדוויג געפיהלט מיטלייד מיט איהר מוטער, וועלכע וואר בערוישט מיט איהר ליעבע, און האט פערגעסען דיא לעהרען פון מאָראל; זיא איז ניט ווילענדיג געזונקען און דארום האט זיא געשוויגען און האט ניט געשטערט דעם פערברעכען, וועלכער האט זיא געמאכט פאר איין אלמנה.

העדוויג האָט אויך איינגעזעהן, דאָס איהר מוטער האט ניט געשטערט דעם פערברעכען ניט אויס שטאָלץ אָדער אייגענע נוטצען, זאָנדער'ן נור אויס ליעבע צו איהר קינד. איהר מוטער וואָר אייפערזיכטיג אויף דער ליעבע, וואָס דער גראף האט אימער געוויעזען צו דעם פינדלינג מרים, און זיא האָט געוואָלט פערזאָר־גען, דאָס יענע מרים זאל ניט צונעהמען איהר קינד'ס פערמעגען.

העדוויג האט גאַנץ גוט געוואוסט, דאָס דערמיט וואס זיא זאָגט ניט אויס ווער דער וואהרער מערדער איז, בעגעהט זיא איין אונרעכט נעגען דעם גראף, וועל־כער האט זיא ערצויגען; אָבער דאך האָט זיא ניט געפיהלט איין פערברעכען דער־מיט, וואס זיא וועט ירשנ'ן דעם נאָמען און דעם פערמעגען פון דעם ערמאָרדעטען מאָן. זיא האט גערעכענט דאס דער גראף האט נאך זיך ניט געלאזט קיין אנדער יורש און קיין נאָהענטען פריינד, און זיין פערמעגען מוז זאָ וויא זאָ בלייבען פאר זיין פרוי, וועלכע איז איהר מוטער.

וועגען פראנץ שטאַנד האט איהר הערץ וועה געטהאן, זיא האט זיך אָבער געטרייסט דערמיט, וואס ער איז ענטרונען מיט א מילדער שטראַפע, אנשטאט דעם וואס ער האט ערוואַרטעט דעם טויט.

וואָס וועגען מרים אנבעטריפט, איז זיא דאָך איהר א גאַנץ פרעמדע. זיא וואָר מיט איהר ניט פערבונדען, ניט דורך'ן פאטער און ניט דורך דער מוטער. זיא האָט מיט איהר קיין שייכות ניט געהאַט, אויסער וואס אין דער יוגענד האָבען זייא זיך צוזאמען געהאָדעוועט.

העדוויג האט זיך אָבער ניט אָבגעלייקענט, דאס ווען דער גראף וואָלט נאך געלעבט, וואָלט מרים נאָך אלץ געזעסען אין זיין פאלאַסט, און וואָלט גענאָסען

אלעס וויא א גרעפין פאָן מעהרען דאָרף געניסען. זיא האט געפיהלט דאס איין אונרעכט איז דיעזער מרים געשעהן און זיא האט יעצט פערגעסען דיא פיינדשאַפט וועלכע האט צווישען זיי ביידען עקסיסטירט. זיא האט גענומען פיהלען איין אכטונג פאר דיעזער מערכען, וועלכע האט מוטהיג אנגענומען דעם קאַמפף געגען איהר שיקזאל. מרים האט ניט געוויינט און ניט געקלאָגט, ניט געציטערט און ניט גע־פלאַטערט פאר דיא ליידען, וועלכע האבען איהר ערוואַרטעט. זאַנדערען מוטהיג, וויא א העלדין האָט זיא זיך ענטזאגט פון אַלעס וואס זיא האט געהאט אין דער פערגאַנגענהייט, און וואס איהר האט ערוואַרטעט אין דער צוקונפט, און איז אוועק קעמפפען מיט דעם שווערען שיקזאל אויף איין אָפענעם פעלד.

דיעזער געדאַנק האט אויפגעוועקט סימפאַטהי אין העדוויג׳ס הערץ. זיא האט בעשלאָסען עטוואס צו טהאָן פאר דער אונגליקליכער מרים און צו ברענגען פאר איהר איינינע אָפפער. אָבער וואס זיא האט געדענקט צו טהאָן וואר אַלעס, ניט צו ענטדעקען דיא געהיימנים פון דעם מאָרד און צו בעפרייען מרים׳ס געליעבטען. זיא קען עס ניט טהאָן צוליעב איהר מוטער, וועלכע ליעבט דעם מערדער פאול ראדאוו, און וועלכע וועט אויך פערמישט ווערען אין דעם מאָרד; זיא קען עס אויך ניט טהאָן צוליעב זיך, צוליעב איהר אייגענעם נאָמען. זיא האט אום קיין פרייז ניט געוואָלט אָבגעבען דעם נאָמען „גרעפין פאָן מעהרען“ אויף דעם נאָמען „דיא טאָכטער פון דעם מערדער ראדאָוו.“

צוויי טעג נאָך דעם פראָצעס האט העדוויג געשיקט רופען צו זיך דעם הויז פערוואַלטער.

פאול ראדאָוו וואר געצוואונגען צו בעהאַלטען דיא אויפרעגונג און בעליידיגונג, וועלכע ער האט געפיהלט, אָבער דאס געהיימנים מוז געהאַלטען ווערען שטרענג וויא מעגליך און דיא דיענער טאָהרען זיך ניט אָנשטויסען אויף דאס קלענסטע. ער האט דארום געשיקט זאָגען, דאס ער וועט זאָפאָרט ערשיינען פאר דער גנעדיגער גרעפין.

העדוויג האט געוואוסט, דאס איהר קאַמערמעדכען איז זעהר נייגיעריג און קען זיך צוהערען וואָס דער פערוואַלטער וועט שפרעכען מיט איהר ווירטהין, דארום האט זיא איהר קאַמערמעדכען אָבגעשיקט אין שטאָדט. העדוויג האָט אָבער אויך געוואוסט אז איהר קאַמערמעדכען קען זיא נאַררען, דארום האט זיא איהר געשיקט אין שטאדט מיט א שריפטליכען אויפטראַג און האט בעפאָהלען צו ברענגען צוריק א שריפטליכען אנטוואָרט. דערצו האט זיא נאָכגעזעהן ביז איהר קאַמערמעדכען האָט בעשטיגען דיא קאָר און איז אָבגעפאָהרען.

באלד נאָך דעם איז ערשיענען דער הויז־פערוואלטער.

— ער האט אויסגעזעהן אונגעוועהנליך בלייך. אין זיין האלטונג האט מען געקענט זעהן, דאָס ער פיהלט א פערדרוס. אין זיינע אויגען איז געלעגען דער ביטערער בליק פון א מאַן וואס פיהלט זיך אבגענאַרט.

— איהר האט מיך געשיקט רופען. וואָס פערלאַנגט איהר? — האט ער געפרעגט מיט א הארטען טאָן.

— איך וויל מיט אייך עטוואס ריידען. — האט העדוויג קאַלט געענטפערט. ביטע זעצט אייך.

— איז עס וועגען געשעפט?

— געשעפט און ניט געשעפט, איהר וועט דאך הערען, וואָס איך וויל אייך זאָגען.

— אָה, איך בין גאָר ניט נייגיעריג! — האט דער הויז־פערוואַלטער געענטפערט אין א גיפטיגען טאָן. — איהר האָט אבער איין נייגיעריגע קאמערדיענערין, און מיר מוזען זיין פאָרזיכטיג.

— איך בין געווען פאָרזיכטיג. איהר קענט רוהיג זיין, מיר זיינען גאַנץ אליין, קיין מענש וועט הערען וואס מיר וועלען דא ריידען.

— און וואס ווילט איהר מיר זאָגען?

— פאַרגעסטערען איז פראַנץ שטאנד פראָצעסירט געוואָרען — האט העדוויג אנגעפאַנגען.

— נון, איז וואָס?

— איהר ווייסט דאך דאס פראַנץ שטאַנד איז אונשולדיג.

— דאס איז לעכערליך.

העדוויג האט זיך אויפגעהויבען מיט כעס.

— ראדאָוו! — האט זיא אויסגערופען — הערט אויף צו שפּיעלען אייער קאָמעדיע, זיא קען זיך אייך זעהר שלעכט בעצאָהלען. איך שיץ מיין מוטער און צוליעב איהר ווערט איהר אויך געשיצט. אָבער אלעס אין דער וועלט האט א גרענעץ. אויך מיין ליעבע און רחמנות צו דער מוטער האט א ברעג. צווינגט מיך ניט דיע־ען גרע־נעץ אריבערצוטרעטען!

פּאול ראדאָוו איז געוואָרען בלייך. ער האט צוזאמענגעפּרעסט זיינע ליפּען. נאך דעם האט ער געשמייכעלט.

— ווילט איהר דאס ליעד נאך אמאָל זינגען? איך האב עס שוין אמאָל פון

אייך נעהערט און בין גאר ניט נייגיעריג דאס זעלבע ווידער צו הערען. איך וועל בעסער צוריק געהן מיין וועג.

— איהר בלייבט דאָ!

פאול ראדאָוו איז געבליעבען שטעהן. ער, וועלכער האט פיעלע יאהרען בעד הערשט דיא מוטער, האט יעצט אויסגעפונען, אז ער בעזיצט קיין מאכט אויפצר טרעטען געגען איהר קינד.

ער איז געבליעבען שטעהן אויף זיין אָרט און האָט אָנגעקוקט דיא יונגע פרוי־ ענצימער, וועלכע האט געקאכט פון אויפרעגונג.

— הערר ראדאָוו! — האט זיא ווידער אנגעפאנגען מיט א ציטערדיגען קול— איך האב שוין פריהער בעמערקט דאס פראַנץ שטאנד איז מיט אונרעכט פעראור־ טהיילט געוואָרען. ער איז אונשולדיג און עס איז אייער פפליכט אָנצו-ווענדען אלע קרעפטען צו פערלייכטערען דעם שיקזאל פון דיעזען ארמען מאן.

— וויא קען איך דאס?

— אה, איהר מיינט דאך דאס איהר זייט שוין פערטיג, אָבער רעדט זיך ניט איין דאס איך וועל אייך אזוי לייכט ענטלאסען. איך האב אייך שוין א מאָל געזאָגט דאס איך וועל אייך ניט פערראטהען ווייל איך האב מיטלייד מיט מיין מוטער. דאס זאָל מיך אָבער ניט הינדערען צו טהאָן אלעס וואס עס ליגט אין מענשליכע קרעפטען צו העלפען דיא וואס ליידען מיט אונרעכט. וואס אנבעלאַנגט דער אונגליק־ ליכער מרים, זאָ נעהם איך דאס אויף זיך, וועגען איהר דארף איך ניט אייער הילפע אָדער אייער ראטה; אבער וועגען פראַנץ שטאנד מוזט איהר אליין ארביי־ טען. איך פאָדער דאס פון אייך, און אויב איהר ווילט עס ניט טהאָן דאן וועל איך אייך צווינגען!

— און ווען איך זאָל וועלען טהאָן וואס איהר פערלאַנגט, וואס זאָל איך פאר איהם טהאָן? — האט דער פערוואלטער געפרעגט.

— וועגען דעם האב איך אייך געשיקט רופען. איך וויל דאס מיט אייך בעשפרעכען.

דער פערוואלטער האט געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ.

— איך גלויבע דאס איהר שטעלט מיר אזעלכע אויפגאבען, וועלכע זיינען אונמעגליך אויסצופיהרען. מיט וואס קען מען פערלייכטערען זיין לאגע? פראַנץ איז א געפאנגענער. אזוי שנעל וויא דער אורטהייל וועט אריין אין קראפט, ווערט ער טראנספאָרטירט אין איין אנשטאלט וואו פערברעכער מוזען זייער צייט אָבדינען. ווען ער וועט זיך זעהר גוט אויפפיהרען וועט ער מיט דער צייט בעגנאדיגט ווערען.

— וואס איהר האט מיר ערסט געזאָגט, איז עס ניט מעהר וואס איהר דענקט און מיט וואס איהר זייט צופריעדען. איהר פערגעסט זיך אָבער דאס איך וויל דורכאויס, דאס איהר זאָלט דיעזען אונגליקליכען העלפען און דיעזען וואונש וועט איהר מוזען ערפילען! און ווען איך זאָג אייך דאס איך וויל פראנץ זאָל געהאלפען ווערען, זאָ מיין איך קיין אנדער זאך וויא, דאס ער זאָל בעפרייט ווערען!

פריי? — האט פאול רודאָלף מיט א טייפלישען געלעכטער געפרעגט. — פריי?

— יא. פריי מוז ער ווערען!

— און וויא אזוי דענקט איהר עס?

— דאס איז פאר אייך צו דענקען. איהר דארפט געפינען דעם וועג און דעם מיטעל.

— איהר זאָגט עס אין א טאָן, גלייך וויא עס וואלט זיך געהאנדעלט וועגען דיא לייכטעסטע זאך אין דער וועלט!

— עס קען זיין שווער, עס קען זיין זעהר שווער, אָבער דאך קען מען עס אויספיהרען. האט איהר דען ניט געפונען א מיטעל וויא אָבצושאפען דעם גראף פון וועג ווען ער איז אייך געווארען אונבעקוועם? איהר דארפט נור דאס איינציגע ניט פערגעסען, הערר ראדאָוו, דאס יעדען מאָל וואס איהר וועט מיר זאָגען, אז דאס איז פאר אייך צו שווער, יעדען מאל וואס איהר וועט פרובירען צו וויזען בריטקייט נעגען מיין בעפעהל, וועל איך אייך מוזען עראינערען, אז אייער קאָפּ שטעהט מיט אונרעכט אויף אייער פלייצעס. איהר האט קיין רעכט ארומצוגעהן א לעבעדיגער איבער דער וועלט. דער איינציגער פלאטץ פאר אייך איז דער שאפאָט.

פאול ראדאָוו האט זיך ערשראָקען פאר דעם קאלטען טאָן מיט וועלכען העדוויג האט דיעזע ווערטער געשפּראָכען. אויב ער האט ביז יעצט געצווייפעלט און העדוויג׳ס ענערגי און ענטשלאָסענהייט, זאָ איז יעצט דיעזער צווייפעל פון איהם פערשוואונדען, און ער האט אנגעפאנגען צו ציטערען פאר זיין אייגענעם קינד וועלכע בעזיצט איבער איהם איין פירכטערליכע מאכט.

וויא אזוי זאל ער האנדלען מיט דיעזער אייזערנער פרוי? ער האט זיך געשעמט פאר זיך אליין, דאס ער, דער הארטער ענטשלאָסענער מאן זאָל ניט קענען ביי־שטעהן דעם בעפעהל פון זיין אייגענעם קינד.

נאך איינינע מינוטען, וואס ביידע האבען געשוויגען האט ער געזאגט:

— איך האב אייך שוין פריהער ערקלערט דאס אייער טאָן געגען מיר איז קיין

אנשטענדיגער. ווען איך בין זאָגאר בעשלאָסען ארויסצורייסען דעם געפיהל פון מיין הערץ וואס א פאָטער דארף פיהלען צו זיין קינד, ווען איך וויל זאָגאר פערגעסען דאס איהר זייט דאס פלייש פון מיין פלייש און דאס בלוט פון מיין בלוט, בין איך דאך ענטשלאָסען איך זאָל לענגער ניט פערשוויינען אונד פערטראָגען אייערע פרעכע דראָהונגען.

— אָבער איהר מוזט.

— און איך זאָג ניין! ציהט ניט דיא סטרונע צו שטארק, עס קען פּלאַצען און קען אייך זעהר שאדען, מיר וועט ניט קימערען וואס איך וועל אויך זיין איינער פון דיא אונגליקליכע.

הערוויג האט איהם אנגעקוקט מיט פייערדיגע אויגען.

— נענוג הערר ראדאָוו! אין אזא טאָן ערלויב איך אייך ניט צו ריידען. איך וויל הערען אייער פאָרשלאָג וועגען מיין פלאָן צו בעפרייען דעם אונשולדיגען!

וועהרענד הערוויג האט דאס געשפּראָכען האט זיא געהאלטען איהר האנד אויף איהר שטערן. דאָרט האט געקלאַפּט און געהאַמערט, דען דיא אויפגאַבע, וועלכע זיא האט זיך געשטעלט וואר קיין לייכטע. זיא, דיא שוואכע, יונגע מיידעל וויל בעהערשען דעם שטארקען מאַן וועלכער שרעקט זיך ניט אָפּ פון א מאָרד!

אָבער דאך! זיא מוז דיא לייטשעם האלטען אין איהר האַנד. זיא מוז ווערען דיא הערשערין.

און זיא האט געזעהן דעם קראַפּט פון איהר ווילען, זיא האט געזעהן וויא דער פּטרוואַלטער ציטערט, דאס וואר א צייכען פון זיין שוואַכקייט.

— נון, רעדט דאך! — האט הערוויג אויסגערופען. — זאָגט ווילט איהר מיין וואונש ערפילען? זאָגט יא אָדער ניין?

— איך קען ניט זאָגאר ווען איך זאָל דאס ווֶעלען! — האט ראדאָוו געענט־פערט. — איך בין זיכער דאס מיר קענען עס ניט אויספיהרען.

— יא, איהר קענט עס אויספיהרען. דאס ליענט אין אייער האַנד.

— וויא אזוי?

— אה, עס איז אייך ניט שווער אויסצוגעפינען א נייען בעוויז, וואס וועט דיזען פראַנץ מאַכען אונשולדיג. וויא איך ווייס האט פראַנץ אַפּעלירט, אָבער דאס געריכט האט זיין אַפּעלאַציאָן צוריקגעוויזען און דער אורטהייל איז בעשטעטיגט געוואָרען.

— דאן האט מען איהם שוין פערשיקט?

נאָך ניט. ערסט מאָרגען ווערט ער אבגעשיקט.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאס אזוי גענוי?

— דאס מאַכט אייך גאַר ניט אויס. אָבער דאס איז קיין געהיימניס. איך פערקעהר אין פערשיעדענע פאַמיליען, איך קום אויך אין פראָקוראָר׳ס הויז און דאָרט האָב איך עס ערפאַהרען.

— און איהר מיינט דאָס איך אליין זאָל איהם בעפרייען? איך זעה ווירקליך ניט וויא אזוי דאס איז מעגליך. בעדענקט נור אליין.

העדוויג האט זיך א ווײַלע פערטראַכט.

— האט איהר מיט מיין מוטער געשפּראָכען? — האט זיא געפרעגט.

— נאַטירליך! — האט דער פערוואַלטער געענטפערט. — אָבער יעצט איז זיא דאָך פעררייזט.

— איך ווייס. איהר ווייסט אלזאָ מיינע פּלענער.

— אייערע פּלענער? — האט פּאול ראַדאָוו ערשטוינט געפרעגט. — איך ווייס פון קיינע.

העדוויג האט איהם אָנגעקוקט מיט א דורכדרינגענדען בליק. עס האט איהר געשיינט דאס ער האט דיא וואהרהייט געשפּראָכען.

— נון, דאַן וועל איך אייך אליין ערצעהלען מיין בעשלוס. איך וועל קירצליך פערלאַסען דעם פּאַלאַסט.

— איהר ווילט פעררייזען?

— נאַטירליך. איך וועל זעהר זעלטען אַהער קומען, און דאָס אויך, נור צו זעהן וואס מיין מוטער מאַכט.

— אה, איך פערשטעה. איהר ווילט מינכען אויף אימער פערלאַסען?

— יאָ. איהר ווייסט דאס דיעזער פּאַלאַסט און אלעס וואס צו איהם געהערט, געהערט נור צו מיר.

— געוויס. קיינער וויל עס פון אייך ניט צונעהמען.

— הא, דאס האָב איך גאַר ניט ערוואַרטעט. — האט העדוויג שאַרף געענטפערט. — איך האָב עס נור געזאָגט ווייל איך וויל פאַר אייך ענטדעקען מיין פּלאַן.

— און וואס דענקט איהר צו טהאָן? — האט דער פערוואַלטער נאָכגעפרעגט.

— דיעזער פּאַלאַסט און אלעס ארום איהם וועט ווערען מיי מוטערס פּאָלשטענדיגער אייגענטהום. זיא וועט דאָ קענען שאַלטען און וואַלטען

און איך דענק דאס עס וועט אייך אויך זיין אנגענעהם. איהר זייט דאדורך נעזי־בערט אויף איין עוויגע היים.

— און וואוהין ווילט איהר געהן ?

— איהר וועט עס באלד ערפאהרען. עס איז אייך בעקאנט, דאס איך האב א קליינעם פערמעגען אין דיא בערג וואו עס געפינט זיך איין איינגעריכטעטע הויז. אהין וויל איך מיך בעגעבען, און דארט וויל איך מאכען מיין וואהנונג. יעצט הערט דיא בעדינגונגען פאר וועלכע איך וועל אבטרעטען דיעזען פאלאסט און אויך א העלפט פון מיין פערמעגען אין דיא בענק־הייזער.

דער פערוואלטער איז איבערראשט געווארען.

— א העלפט פון אייער פערמעגען אין דיא בענק ? — האט ער געפרעגט.

— יא. דאך הערט. איך פאדער פון אייך אלעמען נור איין זאך, נעמליך, דאס קיינער פון אייך דארף מיך ניט שטערען. איך פערלאנג דאס קיינער, ניט מיין מוטער און ניט איהר זאלען מיך בעזוכען, און דאס קיינער זאל זיך אריינמישען אין מיינע געשעפטען און פערזענליכע זאכען. עס זאל אייך גאר ניט קימערען, וואס איך וועל טהאן.

דער פערוואלטער האט ניט געגלויבט זיינע אויערען. העדוויג׳ס ערקלערונג איז איהם געקומען וויא איין איבערראשונג. ער האט אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהען, ווארום העדוויג זאל מיט איין מאל מאכען אזא געשאנק צו איהר מוטער.

— איהר האט געמאכט א פלאן וועגען אייער פערמעגען, וועלכער מוז מיך איבערראשען. — האט ער צו איהר געזאגט. — איך גלויב, דאס זעהר וויכטיגע אורזאכען האבען אייך געבראכט דערצו.

— דאס לייקען איך ניט.

— דארף איך וויסען וואס פאר א אורזאכען דאס זיינען ?

— יא, איך וועל דאס אייך זאגען. דיא אורזאכע איז איין איינפאכע: ווען איך וועל פאר אייך איבערלאזען דיעזען פאלאסט און א העלפט פון מיין איבעריגען פערמעגען, קען איך אימער זיין זיכער געגען אייך. איהר וועט דאן קיין אורזאכע האבען צו ברענגען מיך פון דער וועלט. איהר וועט האבען דעם גרעסטען טהייל פון מיין פערמעגען, און וואס וועט אייך דאן קימערן מיין פערזאן?

דער פערוואלטער איז געבליעבען אהן אטהעם.

— איהר זאגט צו מיר זעהר ביטערע ווערטער. זאגט מיר נור העדוויג, ניעבט

דען קיין איינציגער מאָמענט אין אייער לעבען, וועו איהר זיים פעהיג צו דענקען וואס איהר זייט צו מיר ?

— נעווים. איך גלויב, דאס איך האב אייך בעוויזען וויא איך דענק פון אייך, דערמיט וואס איך וויל אייך פערהיטען פון א צווייטען פערברעכען. מיר זיי־נען דאמאלסביידע פערזיכערט, מעהר וויא דאס קענט איהר פון מיר גאָר ניט פערלאָנגען.

ראדאָוו, וועלכער איז אנפאנגס געווען איבעראשט פון העדוויג'ס גוטסקייט און גרויס־מוטה צו מאכען אזא מתנה, האט יעצט גענומען פיהלען וויא גרויס איז דיא אנקלאגע און דיא פעראכטונג, וועלכע ליעגען אין העדוויג'ס ווערטער. א שטארקער פראָטעסט האט יעצט געשוועבט איבער זיינע ליפען, אָבער ער האָט דאָס אונטערדריקט, און האט זיך געראנגעלט מיט זיך אליין. ער האָט ניט גע־וואוסט אויב ער זאָל עטוואס ענטפערען, אדער ער זאָל שווייגען. ער האָט דאָ ניט לאנג געשפראָכען מיט דעם יונגען מאן אָטטאָ, וועלכער האָט פון איהם געפאָדערט, ער זאל איינשטימען צו דער ליעבע, וועלכע ער פיהרט מיט דיעזער העדוויג. ווען ער האט אָטטאָ'ן געפרעגט, וואָס ער קען אין דעם טהאָן? האט ער ערהאלטען דעם אנטוואָרט, דאָס ער גיט עס איבער אין זיין האַנד און ער פערלאָזט זיך אלעס אויף איהם. ראדאָוו האט יעצט געזעהן, אז ער איז צוגעדריקט פון צוויי זייטען. העדוויג פאָרדערט פון איהם, ער זאָל בעפרייען דעם פעראורטהיילטען, און אָטטאָ פאָרדערט פון איהם, ער זאָל זיין דער פערמיטלער פון זיין ליעבע. און ביידע זאכען ווארען פאר איהם שווער — אונמעגליך.

העדוויג האט געזעהען וויא דער פערוואלטער איז פערטיעפט אין זיינע גע־דאנקען. זיא האָט זיך אריינגעזעצט אין א וויכען שטוהל, און האט געבלעטערט איין אלבום, אָבצוואווארטען ביז ער וועט קומען צו א בעשלוס.

ענדליך האט ראדאָוו אָנגעפאנגען:

— גרעפין, איך מוז אייך בעטען איהר זאָלט מיך אויסהערען איבער איין וויכטיגע זאך.

— און וואָס איז דאָס ?

— א וויכטיגע אנגעלעגענהייט.

— וואָס מיינט איהר ?

— עס האנדעלט זיך אום א ליעבע.

— אָך. און ווער איז דיא געליעבטע ?

— איהר אליין.

העדוויג איז אויפגעשפרונגען.

— וואָס זאָגט איהר? ווער האט אייך געגעבען דאס רעכט צו קימערען זיך וועגען דיא אינטערעסען פון מיין הערץ?

— איהר פערשטעהט מיך נים, גרעפין. אייער געליעבטער האט צו מיר אפעלירט.

— וועגען וועמען רעדט איהר?

— וועגען אָטטאָ...

— העדוויג איז געוואָרען בלאס.

זיא האָט געגלויבט אַז דיעזע ליעבע איז א געהיימניס, אם ענדע מת זיא ער־פאהרען דאס דער מאַן, וועלכען זיא וואָלט נים געטרויט איהר קלענסטען צוטרויען, וויים אם ענדע דיא געהיימניסע פון איהר הערצען.

— אָטטאָ? — האט זיא לאַנגזאם געפרעגט — איהר קענט איהם?

— ער איז מיינער א פערוואַנדטער.

— זייט ווען ווייסט איהר, אז מיר קענען זיך?

— זיים א געוויסע צייט.

— העדוויג איז געוואָרען נאך בלייכער. א שרעקליכער געדאַנק האט זיא בעהערשט. זיא האָט זיך עראינערט, דאס אָטטאָ און פראַנץ האָבען איינעם און דעמזעלבען אויסזעהען.

— הערר ראַדאָוו, ווייסט איהר דאָס אָטטאָ און פראַנץ זעהען אוים עהנליך.

— יא. — האָט דער פערוואַלטער מיט א געצוואונגענער קאַלטבלוטיגקייט געענטפערט.

— איך פערשטעה יעצט וויא דאס אַלעס קומט, הערר ראַדאָוו. יעדענפאַלס וואָס האָט איהר מיר געוואָלט זאָגען?

— אָטטאָ האט מיך געבעטען, איך זאָל בעטען אייער האַנד פון זיינעטוועגען.

העדוויג׳ס געזיכט איז ביי דיעזער וויכטיגער מיטטהיילונג געבליעבען קאַלט. קיין וואונק מיט איין אויג האט געקענט וויזען וואָס אין איהר הערצען איז יעצט פאָרגעגאַנגען.

— וואָס זאָל איך אָטטאָ׳ן זאָגען? — האט ראַדאָוו געפרעגט.

— איך וועל אַליין מיט איהם ריידען.

— ווען?

— מאָרגען אבענד, אכט אוהר.

— ווען איהר איהם היער ערווארטען?

— יאָ. יעצט פערלאָסט מיך, חערר ראַדאָוו. איהר ווייסט, וואָס פאַר איין אויפגאַבע איהר האָט אויסצופיהרען, און איך גלויבּ, אז אייער צייט איז בעשרענקט.

פּאול ראַדאָוו האט זיך פערנייגט און האט פערלאסען דעם צימער. א פיער־טעל שטונדע שפּעטער האט העדוויג גזעהען וויא ער איז ארויס פון שלאָס.

28טעס קאַפּיטעל.

אין אַ בּיטערער לאַגע.

פון טאָג צו טאָג איז געשטיגען דיא מורא און דיא זאָרג אין דאס הערץ פון פּאָליציי קאָמיסאַר׳ס ווייב. פון איהר מאַן האט זיא ערפאהרען, דאס רודאָלף מענצעל שטעהט אין א גרויסער געפאהר, און דאס ער קען ניט האָפען אויף קיין רעטונג, זאָלאנג ער איז אזוי הארטנעקיג, און זאָגט ניט, וואו ער האָט פערבראַכט דיא נאַכט, ווען דיא רויבעריי איז געשעהן.

לינא׳ס געוויסען האט ניט געקענט רוהען. אימער איז איהר געקומען דער געדאנק, דאס עס איז איהר פפליכט צו רעטען איהר געליעבּטען, זאָגאַר ווען זיא אליין זאָל דאדורך פערלאָרען געהן. אָבער יעדעס מאָל, ווען זיא האָט זיך געוואָלט בעשליסען, איז איהר בעפאלען דיא שרעקליכע מורא פאַר איהר אייגענער לאַגע, און דאַן פלעגט איהר אויך אריינפאלען דיא פראגע, אויב איהר אָפּפער וועט רעט־טען איהר געליעבטען?

פון איהר מאַן האט זיא ערפאהרען דאס דער אונטערזוכונגס־ריכטער האָט בעשלאָסען, דאס דיא רויבעריי איז געשעהן אין דער צייט, ווען רודאָלף איז ביי איהר ניט געווען. דאָס האט געמוזט געשעהן אין דער צייט ווען ער איז געווען אויפ׳ן וועג צו איהר. זיא האָט דארום גערעכענט, דאס ווען זיא וועט זאָגאר ער־צעהלען, דאָס רודאָלף האט דיא נאַכט פערבראַכט ביי איהר אין הויז, וועט ער דאָך ניט פריי ווערען פון דעם פערדאַכט, ווייל מען וועט אָננעהמען, אז ער האָט דיא רויבעריי אויסגעפיהרט איידער ער איז צו איהר געקומען.

אבער דיעזע אלע געדאַנקען וואָרען נאַטירליך צו שוואַך, צו בערוהיגען דיעזער פערליעבטער פרוי. זיא האָט זיך בעשולדיגט אין זיינע ליידען. דען ווען זיא וואָלט איהם צו זיך ניט צוגעצויגען מיט אזא ליידענשאַפטליכער ליעבע, וואָלט ער דאָך אין דיעזער שרעקליכער נאַכט זיין הויז ניט פערלאַסען אום זיא צו בעזוכען, און דאַן וואָלט ער דאָך געקענט בעווייזען, דאס ער איז ניט שולדיג אין דעם פערברעכען.

אָבער וואָס האט זיא צו דעם געקענט העלפען? זיא האט זיין שיקזאל בּע־וויינט און בעדויערט און האָט זיך בעשלאָסען צו ארבייטען אין געהיים פאַר זיין בּע־

פרייאונג, אָבוואָהל זיא האָט נאָך דעם קלענסטען בעגריף ניט געהאַט געהאַט צו טהאָן אום דיעזעס אויסצופיהרען.

רודאָלף מענצעל'ס שולד האָט אָבער געשיינט צו זיין קלאָהר, וויל ער האט דעם קלענסטען בעוויז ניט געקענט געבען, דאס א פרעמדער איז אין זיין וואָהנונג געוועזען. דאָס וואר דיא אורזאכע, ווארום דער פראָצעס איז ניט פערצויגען געוואָרען אויף א לאַנגע צייט. עס איז דיעזען א נשולדיגען פערשפּאָרט געוואָרען צו שמאכטען גאנצע מאָנאטען אין צווייפעל און אין אונגעוויסהייט, ביז דיא אונטערזוכונג וועט זיך ענדיגען. רודאָלף מענצעל האָט זאָגאר ניט געצווייפעלט אין זיין ענדע. ער האָט געוואוסט, וואָס איהם ערוואַרטעט. אָפטמאָל איז איהם ערשינען א שטראהל פון האָפנונג, וויא דער דונקלער שיין פון א ליכט, וועלכע האלט זיך ביי'ן אויסלעשען. דיעזע קליינע האָפנונג איז געווען, דאָס אין לעצטען מאָמענט וועט ערשיינען זיין געליעבטע, און וועט איהם רעטען מיט איהר ערקלעהרונג, אָבער דיעזע האָפנונג פלעגט זיך אויך באלד פערלעשען. ער האָט זיין געליעבטע צו הייס און צו טהייער געליעבט, אום צו ווינשען דאס זיא זאל זיך אליין פערקלאָגען פאר דער עפענטליכער וועלט, אום איהם צו רעטען. אין דיעזע מאָמענטען פלעגט ער זיך אליין פאָרוואַרפען, און פלעגט זיך זאָגען, דאָס ער פערדיענט אלע צרות און דיא שווערע שטראָפע, וועלכע וועט נאך קומען פאר דיא זינד, וועלכע ער איז בעגאנגען

— איך האב געהאנדעלט וויא איין פערברעכער. — פלעגט ער צו זיך זאָגען. איך האָב געזינדיגט געגען איהר און געגען איהר מאַן. איך האָב געליעבט דיעזע פרוי מיט אזא פייער, וועלכען איך האָב אין זיך קיין מאָל ניט בעמערקט. יעצט זעה איך, וויא וויט איך האָב זיא געליעבט, איך זעה וואָס דאָס לעבען איז מיר אָהן איהר. אָבער איז דיא ליעבע א פערברעכען? ניין! ניין! קיין ליעבע, וועלכע איז אזוי הייס, אזוי מעכטיג, וויא דיא ליעבע אין מיין הערצען, קען קיין שטראָפע ניט פערדינען.

— דאָך—פלעגט ער ווידער צו זיך זאָגען. — איז דען לינא ניט א פרעמדענס ווייב? טראָגט זיא דען ניט זיין נאָמען? און איז זיא דען ניט צו איהם פערפפליכטעט? וואר עס דען קיין זינד פון מיר זיא צו ליעבען? און ווען איך האב זיא ליעב בעקומען געגען מיין פרייען ווילען, און האָב פון איהר געהערט איהר ליעבע צו מיר. האָב איך בעדאַרפט זעהן צו בעפרייען זיא פון דעם בונד און דיא פפליכט צו איהר מאַן, און אויב דיעזעס וואר אונמעגליך אזוי שנעל אויסצופיהרען, וואר עס דען ניט מיין פפליכט אויסצומיידען און בעהערשען מיין ליעבע?

— יאָ, איך האָב זיא בעדאַרפט אויסוואייכען און אויסמיידען, און ווען איך האָב דאָס ניט געטהאַן, זאָ מוז איך צונעהמען דיא שטראָפע פאַר מיין זינד.

זייט רודאָלף מענצעל האט דיעזען געדאַנק אויסגעאַרבייט, האט ער זיין שיקזאַל אנגענומען פיעל רוהיגער און לייכטער וויא פריעהער. ער האָט זיך אָבגעזעגענט מיט אַלע זיינע האָפנונגען, פון אַלע זיינע פאַנטאַזיען, און אויך פון זיין פרייהייט. איהם איז נור געבליעבען איין וואונש, און דאָס וואַר, דאָס ווען ער וועט אָבדינען זיין שטראָפע און וועט ארויסגעהן פון זיין געפענגניס, זאָל ער זעהן זיין טהייערע מוטער, זאָל פאַלען אויף איהר ברוסט, און זאָל פון איהר מויל הערען איהר פערצייהונג

— און לינא ? וועט ער זיא דאַמאַלס קענען זעהן ?

— אָבער ניין, ניין, א ווייב וויא לינא קען ניט לעבען אָהן דעם ליכטיגען שיין פון ליעבע.

אזוי האט ער געדענקט דיא גאַנצע צייט, ביז דער טאָג פון זיין פראָצעס איז געקומען.

אין בערלין, וואו יעדער טאָג ברענגט מיט זיך פערשיעדענע סקאַנדאַלען, פערשיעדענע פראָצעסען און פערשיעדענע געשיכטען, האט מען קיין בעזאָנדערע אויפמערקזאַמקייט ניט געגעבען דיעזען פראָצעס. דאָס געריכט וואַר אָנגעפילט מיט דעם געוועהנליכען פובליקום. א טהייל וואַרען נייגיעריגע, און א טהייל וואַרען פון דיא זאָגענאַנטע סטודענטען, וועלכע שטודירען יעדען קרימינאַל־פראָצעס.

נאַכדעם וויא דער ריכטער האט אויפגענומען דיא נעמען פון דיא פערזאָנען וואס דאַרפען אויפטרעטען אין דיעזען פראָצעס האט ער פאָרגעלעזען דיא אנקלאַגע און האט זיך געווענדעט צום פערקלאַגטען מיט דער געוועהנליכע פראַגע אויב ער ערקענט זיך פאַר שולדיג.

רודאָלף מענצעל האט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און מיט א פעסטער שטימע האט ער געענטפערט:

— ניין!

זיין אויסזעהען וואַר הייטע פערפינסטערט. דיא פרישע רויטהקייט פון דער יוגענד איז שוין לאַנג פון זיין געזיכט פערשוואונדען. אָבער הייטע וואַר ער בעזאָנדערס בלייך. זיינע אויגען האבען געזוכט צווישען דיא בעזוכער אין זאאַל און זיינען געבליבען שטעהן אויף דער געשטאַלט פון א פרויענצימער, וועלכע וואַר אויפפאַלענד מיט איהר געדיכטען שלייער. איהר הוט וואַר איינפאַך. איהרע קליידער וואַרען פון ביליגען שטאָף און איהרע קליינע הענד וואַרען בעהאַלטען אין געוועהנליכע וואַ־

ענע האנדשוח, זאָ דאס קיינער האט ניט געקענט דענקען דאס דיעזע פּרויענצימער איז דיא ווייב פון א מעכטיגען און רייכען פּאָליציי בעאמטען.

אָבער רודאָלף מענצעל האט זיא זאָפאָרט ערקענט. ער האט זיא דערקענט פון דיא רויטהע, ראָזע און דיא מארגארעטען בלומען אין איהר בוזעם.

רודאָלף מענצעל האט לייכטער אויפגעאטהעמט. ער האט געגלויבט דאס מיט דיעזע בלומען ערצעהלט איהם זיין געליעבט דאס איהר ליעבע ברענט וויא פריהער און דאס זיא וועט דויערען פיעל לענגער וויא זיינע ליידען.

זיין מוטה איז דאדורך געוואָרען שטאַרקער און זיין גייסט איז געווארען פרייער. ער האט יעדע פראגע בעאנטווארטעט אין א ריינעם טאָן און מיט א פרעהליכען הארצען.

דיא פראגען אין געריכט וואָרען ביינאהע דיעזעלבע וואס ביי דעם אונטערזוכונגס ריכטער.

רודאָלף מענצעל איז געבליבען דערביי דאס ער וועט אויף קיין פאַל ניט זאָגען וואו ער האט יענע נאכט פערבראכט, און ניט וועלכען וועג ער איז געגאנגען. אויף דעם ריכטערס פראגע וויא אזוי דאס געלד איז געקומען אין זיין קאסטען האט ער געענטפערט, דאס ער מוז האבען פיינדע וועלכע האבען איהם געוואלט אונגליקליך מאכען.

ביי דיעזען אנטוואָרט איז איהם אריינגעפאַלען דער געדאנק, אזוי וויא א בליטץ, אויב דיא אינטריגע וועלכע מען האט פאר איהם אויסגעוועבט איז ניט פערבונדען מיט דעם איבערפאַל וואס ער האָט געהאט אין לאָנדאָן, אויב יענע רויבער האבען ניט ערפאהרען אז ער לעבט נאך און דארום האבען זיי אויסגעארבייט דיעזען פּלאַן אום איהם צו פערניכטען. אָבער דיעזער געדאנק איז פאר איהם אויסגעקומען צו וויִיט־לויפיג, צו דראמאטיש, צו פיעל ראָמאנטיש און ער האט דיעזען געדאנק ארויסגעוואָרפען פון קאָפּ. ווען דער ריכטער האט איהם נאך א מאָל געהייסען בעטראכטען ווער קען זיין פיינד זיין, איז ניט ווילענדיג זיין בליק געפאלען אויף׳ן פּאָליציי קאסיסאר, וועלכער איז יעצט אויפגעטראָטען אלס עדות אום צו ערצעהלען וואס עס איז פאָרגעקומען וועהרענד דער אונטערזוכונג און דעם ארעסט.

איז פיעללייכט מעגליך דאס דיעזער פּאָליסמאַן האט ערפאהרען פון דיא ליעבע וואס רודאָלף שפּיעלט מיט זיין ווייב, און אנשטאט אָנציפאנגען א קאמפף געגען זיין ווייב׳ס געליבטען אויף איין אנדער אופן? אין סאָמער׳ס געזיכט איז ווירקליך געלעגען עטוואס חיטרעס, עטוואס בייזעס.

(Mil. 21).

רודאָלף מענצעל האט דיעזען פּאָליסמאַן׳ס בילד א מאל געזעהן און זייט דעם האט ער איהם ניט געקענט ליידען. האט ער איהם אָבער פיינד געהאט אלס פּאָליסמאַן אָדער אלס דעם מאַן פון זיין געליבטע?

נאכדעם וויא דער קאָמיסאר האט זיין עדות אָבגעגעבען, האט דער ריכטער געזאָגט:

— אנגעקלאָגטער. פון דאס געלד וועלכע איז גערויבט געוואָרען האט מען ביי אייך קיין צעהנטעל טהייל ניט געפונען. קענט איהר אונז זאָגען וואו דאס איבריגע געלד איז פערשוואונדען.

— וויא קען איך דאס זאָגען? איך וויים ניט וויא אזוי דיעזעס געלד איז געקומען אין מיין הויז, פון וואַנען קען איך אלזאָ וויסען וואו דאס איבריגע געלד געפינען זיך?

— עס איז גאַנץ אומזיסט פאר אייך צו לייקענען זיך, נאכדעם וויא אייער שולד איז אזוי דייטליך בעוויזען געוואָרען, — האט דער ריכטער געזאָגט. — זאָגט דאָך אלעס ארויס אָפען און פריי. איהר האט דאָך געוויס געהאט קאמעראַדען וועלכע האבען אייך געהאָלפען און מיט וועלכע איהר האט זיך צוטהיילט דאס געלד. זאָגט פיעללייכט האט איהר גאָר ניט אליין בעגאַנגען דיא רויבעריי!

— איך קען אזעלכע זאכען ניט געשטעהען, ווייל איך וויים ניט פון זיי. איך קען אייך נור נאָך א מאָל זאָגען וואס איך האב ביז יעצט געזאָגט.

דער ריכטער האט איהם געשטעלט נאָך א סך פראַגען און דאַן האט זיך געשלאָסען דיא אויפנאַהמע פון דיא בעווייזע. דער פּראָקוראר האט דאַן אין א לאַנגער רעדע געפאָדערט רודאָלף מענצעל זאָל פעראורטהיילט ווערען צו הארטער שטראַפע, ווייל ער איז אין דער מיינונג, דאס זיין שולד איז קלאָהר וויא דער טאָג. דער פערטהיידיגער האט דאַגעגען בעהויפּטעט דאס רודאָלף מענצעל דארף בעפּ־רייט ווערען, ווייל זיין שולד איז ניט בעוויזען געווארען. יעדענפאלס האט ער גע־פאָדערט א מילדע שטראַפע, פאר זיין קליענט.

דיא ריכטער האבען זיך א לאַנגע צייט בעראַטהען. ענדליך זיינען דיא ריכטע־ערשינען אין זאַל און הויפּט ריכטער האט בעריכטעט דאס רודאָלף מענצעל איז געפונען געוואָרען פאר שולדיג און דאס ער איז פעראורטהיילט געווארען צו א יאהר און א האלב געפענגניס. דער ריכטער האט ערקלערט דאס רודאָלף מענצעל האט פערדינט א פיעל שווערערע שטראַפע פאר זיין הארטנעקיגקייט אין זיין בעהויפּטונג דאס איין געהיימער מאן האט דאס געלד גערויבט און אין זיין הויז געבראַכט, נור דאָך האבען דיא ריכטער גענומען אין אַכט וואס רודאָלף מענצעל האט זיך אימער אויפגעפיהרט

עהרליך און אנשטענדיג און דאס דער צוטרויען וואס זיין ווירטה האט איהם געשאָנקען האט איהם געגעבען דיא געלעגענהייט צו בעגעהן דיזען פערברעכען.

יעצט האט מען דעם פּעראורטהיילטען געפיהרט צוריק אין זיין צעלע. ער האט געווענדעט זיין בלייכע געזיכט צו דעם אָרט וואו זיין געליבטע איז געזעסען און ער האט געזעהן וויא זיא האט איהר קאָפּ אראָבגעלאָזט צו דער ערד, גלייך וויא זיא וואָלט זעהר שטארק געוויינט.

ביי דיזען העכסט אונגליקליכען פּראָצעס האט געפעהלט איין פּערזאָן, פאר וועלכער דיזער פּראָצעס וואר א לעבענס פראגע. דאס וואר פרוי מענצעל, רודאָלף׳ס מוטער. דיזע אונגליקליכע פרוי איז געלעגען קראנק אין בעט און עס וואר פאר איהר אונמעגליך צו קומען אין געריכט.

אה, וויא האט זיא געוואלט געהן צום פּראָצעס. זיא האט געוואוסט דאס איהר מוטערליכע געזיכט וואָלט איהר זאָהן געמוטהיגט און געשטארקט. אָבער זיא האט עס ניט געקענט בעווייזען און מיט דער גרעסטער אונגעדולד האט זיא אין איהר בעט ערווארטעט דעם בעריכט פון איהר זאָהן׳ס פּראָצעס.

זיא האט דיא גאנצע צייט געלעבט אין פורכט. איהר הארץ האט געשראָקען וויל איהר זאָהן האט זאָגאר איהר ניט געוואָלט זאָגען, וואו ער האט דיא נאכט פערבראכט. אלס מוטער האט זיא געפיהלט, אז דאס היער ליעגט א ליעבעס געשיכטע אין דעם אונגליק, און דאָס דיזע ליעבע האט מורא פאר דער עפענטליכקייט, דאס זיא מוז זיך בעהאלטען.

ווען דער פּראָצעס האט זיך געענדיגט און מענצעל איז פּעראורטהיילט געוואָרען, האט זיך ניט געפונען איינער וואס זאָל ברענגען דיא טרויעריגע נייעס צו זיין מוטער. דיא קראנקע פרוי האט איבערגעלעבט דעם גאנצען טאָג, און אויך דיא גאנצע נאכט מיט דער פאלשער האָפנונג דאס דער פּראָצעס ווערט נאך פערהאנדעלט, און דאס איהר זאָהן וועט באלד צו איהר קומען א פרייער און א ריינער מענש.

גאנץ פריה האט זיא זיך גערוהרט אין איהר בעט. טאָני, וועלכע האט זיא בעדיענט וועהרענד איהר קראנקהייט און האט אלעס אָנגעווענדעט אום צו פערלייכטערען דער קראנקער פרוי איהרע שמערצען, האט צוגעטראָגען דעם מאָרגענטרונק צו איהר בעט.

— האט איהר נאך קיין זאך ניט געהערט? — האָט פרוי מענצעל געפרעגט.

— קיין זאך, — האט טאָני געענטפערט און האט אראָבגעלאָזען איהר קאָפּ, דען זיא האט שוין זייט נעכטען געוואוסט דאס רודאָלף איז פּעראורטהיילט.

טאַני'ן וואר זעהר שלעכט צום מוטה. איהר מאַקס האט זיך נאך ניט בעוויזען זייט יענעם אבענד, ער האט זאגאר צו איהר קיין בריעף און קיין צייכען פון לעבען געשיקט. טאַני וואר דיא גאנצע צייט אונרוהיג וועגען איהר צוקונפט, אָבער וואס מעהר זיא האט געדענקט פון אלעם וואָס מיט איהר איז געשעהן, אַלץ מעהר איז זיא געקומען צום בעשלוס דאס זיא איז שולדיג אין רודאָלף'ס אונגליק, דערמיט וואס זיא האט איהר געליעבטען געגעגעבען דעם שליסעל צו רודאָלף'ס הויז.

זיא האט איינינע מאָל געוואָלט ארויסטרעטען אפען און ערצעהלען רודאָלף'ס מוטער וואס אין יענער אונגליקליכער נאכט איז געשעהן, אָבער דאך האט זיא דאס קיין מאָל ניט געוואגט צו טהאן. זיא האט נאך געהאפט דאס מאַקס וועט צו איהר קומען און וועט אויסלעזען דעם וואָרט, וואָס ער האט איהר געגעבען.

זיא האט אויך יעצט געדענקט ארויסצוזאָגען דיא ווארהייט, און זיא האט יעצט אויך ניט געוואגט, בעזאָנדערס ווען אלעס איז שוין פאָראיבער און רודאָלף איז שוין פעראורטהיילט.

אבער טאָנים שווייגען און קוקען צו דער ערד איז געוואָרען אויפפאלענד פאר דער אונגליקליכער קראַנקער פרוי, און דארום האט זיא מיט אַ ציטערדיגע שטימע געפרעגט:

— ווארום קוקט איהר מיר ניט גלייך אין דיא אויגען? האט איהר פיעללייכט מיר עטוואָס צו זאָגען? איך בעט אייך זאָגט מיר אלעס וואס איהר ווייסט, דען אייער שווייגען פערגרעסערט נאך מעהר מיינע ליידען.

טאָני האט מיט זיך געקעמפפט. זאָל זיא ערפילען דיעזע ביטע?

ענדליך האט זיא זיך בעשלאָסען צו זאָגען וואס זיא ווייס.

— פרוי מענצעל, ווען איהר פערלאנגט דורכאויס צו וויסען דיא וואהרהייט זאָ מוז איך אייך זאָגען. דאס אין נעכטיגען אבענד בלאט וואר א פאַלער בעריכט פון אייער זאָהנס פראָצעס.

— פעראורטהיילט? — האט פרוי מענצעל געפרעגט מיט אַ ציטערדיגע שטימע.

— יאָ. — האָט טאָני געזיפצט.

מאט און אָהנמעכטיג איז פרוי מענצעל געפאלען צוריק אין איהר קיסען. זיא האט געשלאָסען איהרע אויגען, איהר אטהעם איז געגאַנגען שוואכער. עס האט גע־שיינט דאס דיא קראַנקע פרוי האָט נור געווארט אויף דער נאכריכט אום נאכדעם צו שיידען זיך פון דער וועלט.

זיא איז אזוי געלעגען איינינע מינוט. ענדליך האט זיא ווידער געעפענט איהרע אויגען און האט געזאָגט:

— האט איהר דאס בלאט, טאני?

— יא.

— זייט אזוי פריינדליך און לעזט מיר פאר דיא גאנצע פערהאנדלונג אום אוך זאל אלעס וויסען.

טאני איז אוועק האט געבראכט דיא צייטונג פון איהר צימער און האט אלעס פארגעלעזען פאר דער קראנקער פרוי.

— א יאהר און א האלב געפענגניס! — האט דיא אלטע פרוי געמורמעלט און האט געציטערט וויא אין א פראסט — אה, וואס פאר איין שרעקליכער אונגליק פאר דיר מיין טהייערער רודאלף! איך וויים, אז דוא ביסט אונשולדיג. איך וויים דאס דוא ליידעסט אומזיסט. אה, גאט זאל דיר געבען קרעפטען דיין אונפערדינטע שטראפע איבערצוטראגען. גאט וועט בעשטראפען דיא מענשען, וועלכע האבען דיך געבראכט צו אזא אונגליק. אומזיסטעס בלוט ווערט ניט געשענקט. אומזיסטע ליידען פאלען אימער אויפ'ן קאפ פון דיא וואס פעראורזאכען זיי.

טאני האט געציטערט. יעדער ווארט וואס דיא קראנקע פרוי האט אויסגעשפראכען האט געשאכטען אין איהר הארצען, דען יעדער ווארט וואר א דירעקטע אנקלאגע געגען איהר. זיא האט זיך געמוזט שטארקער בעהערשען אום ניט צו פאלען אויף דיא קניע און אויסרופען מיט טרעהרען, אה פרוי מענצעל, אויך בין שולדיג אין אייער זאהן'ס אונגליק. איך האב געגעבען דעם שליסעל אום א צווייטער זאל קענען ארייגלעגען דאס געלד אין אייער זאהן'ס קופערט.

טאני האט פערביס'ן איהרע ליפען אום זיי זאלען ניט אויסריידען דיא ווערטער, וועלכע ווארע אין איהר הארצען. זיא האט נאך געליעבט איהר מאקסען, זיא האט נאך ניט געקענט איינוויליגען צו ברענגען איין אונגליק אויף דעם מאן, וועלכער איז דער פאטער פון דעם קינד, וועלכען זיא טראגט אונטער איהר הארצען.

דיא קראנקע פרוי האט איינגעגראבען איהר געזיכט אין קיסען און האט געוויינט. טאני איז געזעסען און האט געביסען איהרע נעגעל עס וואר א בילד פון פערצווייפלונג און געוויסענסביסע.

פלוצלינג איז דיא שטילקייט אונטערבראכען געווארען פון דעם הויז־גלעקעל.

— קלינגט מען דאס צו מיר? — האט פרוי מענצעל געפרעגט.

— יא.

דיא קראנקע פרוי האט אנגעפאנגען צו ציטערען. זיא וואר זעהר נערוועז. יעדער גערויש, יעדער קלאפ האט זיא אויפגערעגט.

— זאל איך עפענען? — האט טאני געפרעגט.

— אָ. — האט דיא אַלטע געענטפערט.
טאַני איז אוועק צום טהיר און איז באַלד צוריקגעקומען און האט געמאָלדען:
— פרוי מענצעל, אַ דאַמע ווינשט מיט אייך אַליין צו שפּרעכען.
— אַ דאַמע? האט זיא געגעבען איהר נאָמען?
— ניין, זיא האָט אָבער דרינגענד געבעטען, איהר זאָלט איהר אויפנעהמען.
— איך פערשטעה ווער דאס איז! — האָט פרוי מענצעל צו זיך געמורמעלט און האט געבעטען טאַני'ן זיא זאָל איהר העלפען זעצען זיך אין בעט.
— זאָל איך דיא דאַמע אריינפיהרען?
— יאָ. געהט אריין אין איין אַנדער צימער, און קומט אריין צו מיר, ווען דיא בעזוכערין וועט אוועק געהן.
טאַני איז אוועק און באַלד איז ערשיענען דיא בעזוכערין.
עס וואר לינא, רודאָלף'ס געליעבטע. זיא האט געטראָגען דיעזעלבע שווארצע קלייד, וויא אין געריכט, און דעמזעלבען שלייער. זיא האט אבער ניט געהאט דיא בלומען.
לאַנגזאַם איז זיא צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער פרוי און מיט אַ ווייכער שטימע האָט זיא געזאָגט:
— פרוי מענצעל, פערצייהט מיר וואָס איך שטער אייך, בעזאָנדערס, ווייל איך זעה דאס איהר זייט יעצט קראַנק. אבער עס גיבט עטוואס אין דער וועלט, וועלכע ענטשולדיגט אזעלכע זאַכען, וואס קענען זאָנסט ניט ענטשולדיגט ווערען, איך מיין דיא ליעבע.
פרוי מענצעל האט געוואָרפען אַ בליק אויף דער פרוי'ס געשטאַלט, און האָט געזאָגט מיט אַ מאַטער שטימע:
— זייט איהר מיין זאָהן'ס געליבטע?
— איך בין עס, פרוי מענצעל.
— ווייסט איהר, דאס רודאָלף איז אונשולדיג?
— יאָ, איך ווייס עס.
— קענט איהר איהם רעטען!
— ניין, איך האָב עס ניט געקענט. דיא עדות וואס איך האָב געקענט אָב־געבען, וואָלט זיין אונשולד ניט בעוויעזען, דאַגעגען אבער וואָלט עס אונז ביידען אויפ'ן העכסטען גראַד ערניעדעריגט.
— קען וואהרע ליעבע ערניעדעריגען?
— אין מיינע אויגען געוויס ניט, אבער אין דיא אויגען פון דער געזעלשאַפט,

ווען דיא ליעבע טרעט איבער דיא גרענצען, וועלכע דיא געזעלשאפט און אבשטא־ מונג האט אוועקגעלעגט. איהר ליידעט יעצט, פרוי מענצעל. — האט לינא מיט א וויכען טאָן געזאָגט. — איך דארף אייך צולאנג ניט בעלעסטיגען, איך וויל אייך נור שטעלען איין ביטע.

— וואָס פאר א ביטע ?

— עס איז אונמעגליך איך זאל רודאָלף'ן בעזוכען, און פיעללייכט קען דיעזע ווערטער אייך ערקלערען, אונטער וועלכע פערהעלטניסע אונזער ליעבע איז געפיהרט געוואָרען. איהר ליעבט אייער זאָהן צו שטארק, און איהר קענט געוויס ניט פער־ דאמען אייער זאָהן'ס האנדלונג, אָבוואָהל דיא גאנצע וועלט קען עס האלטען פאר איין אונרעכט. איך בעט אייך, שענקט מיר א קליינעם טהייל פון אייער ליעבע צו אייער זאָהן; דען פון דעם אויגענבליק, וואס איך האב ערקלערט מיין ליעבע צו אייער זאָהן זיינען מיר מעהר קיינע פרעמדע. פעראכטעט מיך ניט, פערשטויסט מיך ניט. טהוט מיר דיעזע פריינדשאפט און ברענגט מיין איניגסטען גרוס צו אייער זאָהן, און פערזיכערט איהם, דאס איך וועל ניעמאלס אויפהערען איהם צו ליעבען און איהם צו געהערען, און דאָס מיין הערץ שטעהט פאר איהם אָפען, ביז ער וועט פערלאסען דיא פינסטערע געפענגניס, וואו ער מוז זיך אונשולדיג פלאגען.

לינא האָט דאס געשפראָכען מיט אויפרעגונג. איהר בוזים האָט זיך בע־ וואָגען אין דער הויך, איהרע אויגען האָבען געגלענצט. דער שלייער פון איהר גע־ זיכט איז שוין לאנג אראָפגעפאלען, און זיא איז געשטאנען פאר איהר גליעבטענס מוטער מיט איהר גאנצער שעהנהייט און גוטהערציגקייט.

פרוי מענצעל האט אָנגעקוקט דיעזע רויטהע באקען, האָט געזעהן איהרע בליטצענדע אויגען, זיא האט אויסשטודירט אלע געזיכטסציגע, און אלע מינעס אין לינא'ס געזיכט און זיא האָט צו זיך אליין געזאָגט, דאס איהר זאָהן האָט קיין אנ־ דער וועג ניט געהאט, אויסער צו ליעבען דיעזע שעהנע פרויענצימער.

— איך פרעג ניט אייער נאָמען. — האט פרוי מענצעל געזאָגט. — דען ווען איך וואָלט איהם דארפען וויסען, וואָלט איהר איהם מיר געזאָגט. און וואָס קימערט מיר אויך דער נאָמען ? אייער ליעבע וועט מיין זאָהן ערפרעהען, אייער פערשפרעכען וועט זיין פאר איהם א טרויסט אין זיין שרעקליכער לאגע, דאך וויל איך אייך דאָס איינציגע זאָגען : אויב אייער ליעבע צו מיין זאָהן וואר א זינדיגע, זאָ דארף מיין זאָהן דיעזען אונגליק בעטראכטען אלס זיין שטראפע, און אויך איהר דארפט חרטה האָבען אויף אייער זינד, און איהר מוזט בעשליעסען צו ענטזאגען זיך פון וויטערען גליק און וויטערען גענוס פון מיין זאָהן'ס ליעבע. וויא איך פערשטעה קענט איהר

קיין מאל ניט ווערען זיין געזעצליכע פרוי און איהר דארפט אימער פירכטען דיא ליעבע זאָל פאר דער וועלט ניט בעקאנט ווערען. אויף דיא זיסע קוסען, וועלכע איהר געניעסט פון דער ליעבע, שוועבט דער גיפט פון דער מורא, מען זאָל אייך ניט ענטדעקען. לאָזט אָב מיין זאָהן קעהרט זיך צוריק צו דעם מאן צו וועלכען איהר געהערט. און אויב אייער לעבען איז אָהן טרויסט און אָהן פערגניגען אהן אייער געליעבטען, זא וועט איהר זיך דאָך קענען טרויסטען מיט דיא גליקליכע שטונדען, וועלכע איהר האט גענאָסען אין דער פערגאנגענהייט.

לינא האט אראָפּגעלאָזען איהר קאָפּ, פון איהרע אויגען האָבען זיך געקייקעלט טהרערען. פּלוצלינג איז זיא געפאלען אויף דיא קניע פאר דער קראנקער פרוי'ס בעט און מיט א געוויין האט זיא אויסגערופען:

— אָה, רעדט ניט מעהר! פרוי מענצעל, איך קען מיך פון איהם ניט ענטזאגען. איך מוז איהם בעזיצען, און ווען איך וואָלט ניט געהאט מיין האָפנונג, דאס ער וועט אמאָל מיינער זיין, זא וואָלט איך יעצט געזוכט דעם טויט. דאָס לעבען אָהן איהם וואָלט געווען א קוואל פון אונענדליכע ליידען. איך קען ניט, איך קען ניט!

אלס פרוי מענצעל האָט געשוויעגען, האט זיא ווייטער אויסגערופען:

— פערשפּרעכט עס מיר, פרוי מענצעל. איך בעט אייך, שיקט מיר ניט אוועק פון אייך אָהן טרויסט, ברענגט רודאָלף'ן מיין גרוס, מאכט איהם גליקליך מיט דער פערזיכערונג, דאס איך וועל בלייבען זיינע.

פרוי מענצעל האָט זיך איינינע מינוטען פערטראכט. איהר הערץ וואר שוין לאנג פריינדליך צו דיעזער שעהנער פרויענצימער. אָבער זיא האט צו זיך געזאָגט, דאס אין דיעזער דראמא מוז דער פערשטאנד אויך האָבען א שטיקעל דעה.

— איך ווייס ניט, אויב איך וועל טהאָן, וואס עס איז רעכט, ווען איך וועל אייער פערלאנג ערפילען. — האט פרוי מענצעל געזאָגט. — דאָך, אויב דיא ליעבע איז ניט געגען גאָט'ס ווילען, זאָ וועט ער אלעס פיהרען צום בעסטען. איך וועל אייער וואונש ערפילען.

— אָה, איך דאנק אייך טויזענד, טויזענד מאָל! — האט לינא אויסגערופען. איך וועל ניט אויפהערען צו בעטען גאט פון אייערטוועגען!

פרוי מענצעל האָט אָנגעקוקט איהר זוהן'ס געליעבטע. וואר זיא ווירקליך רעליגיעז, אדער איז עס דער אויסדרוק פון געוואָהנהייט.

א קליינע ווייל־ע האבען ביידע פרויען וויעדער געשוויעגען. דאָן האט פרוי מענצעל געפרעגט:

— איהר זייט פערהייראטהעט, ניט וואהר?

לינא האט גענייגט מיט'ן קאפ.

— איהר לעבט אונגליקליך?

— יא.

— וויא לאנג?

— זייט איינינע יאהר.

— האט איהר קיין מאל ניט פרובירט צו געפינען א וועג, וויא צו לעבען גליקליך מיט אייער מאן.

— דאס וואר אונמעגליך.

— זייט איהר א בערלינערין? נאך אייער אויסשפראכע שיינט איהר צו זיין פון איין אנדער געגענד.

— איהר האט רעכט, איך בין פון זיד־דייטשלאנד. מיין מאן וואר אין יענעם געגענד אויף זיין וואקיישען, דארט האט ער מיך קענען געלערנט, און מיינע עלטערן האבען מיך געצוואונגען צו דער הייראטה. ביי מיינע עלטערן האט עס זיך געהאנדעלט צו זעהן מיך פערזארגט, און איך אליין האב מורא געהאט פאר דעם נאמען אלטע מויד, און זא בין איך געווארען דיא פרוי פון דעם מאן, וועלכען איך האב ניט געליעבט, און וויא שטארק האב איך עס בעדויערט!

— מיינט איהר דאס ער אליין האט דיא גאנצע שולד?

— איך וויים עס ניט! — האט לינא געענטפערט אין א שטילען טאן.

— פון אייערע ווערטער פערשטעה איך, דאס אייער מאן האט זיך ניעמאלס בעמיהט אויסצוגעפינען אייער כאראקטער. אבער דאס איז געוועהנליך דער פעהלער פון פיעלע מענער, מען דארף עס זיי פערצייען. ווען איהר וואלט זיך בעמיהט אויסצוגעפינען אייער מאן'ס אינערליכען וועזען און זוכען זיך צו געוועהנען צו זיינע זיטען און זיין כאראקטער און געווינען איהם פאר אייער ליעבע, דענקט איהר ניט, דאס אייער הייראטה האט געקענט זיין איין ערטרעגליכע, אבוואהל ניט קיין גליקליכע? — האט פרוי מע־צעל געפרעגט.

— ניין, ניין! — האט לינא געענטפערט, און האט געשאקעלט איהר קאפ.

— וויא לאנג קענט איהר מיין זאהן?

— זייט א פיערטעל יאהר.

— וויא איהר זאגט, ליעבט איהר איהם, האט איהר זיך איבערצייגט דאס דיעזע ליעבע קען גרדויערען און וועט איבערקומען אלע דערנער, וועלכע מען בעגעגענט אויף אזא וועג?

— איך געשטעה, דאס דיזע פראגע האב איך מיך נאך ניט געשטעלט, אבער איך גלויב, דאס מיין ליעבע צו רודאלף׳ן איז וואס איהר פאדערט פון דער ליעבע.

— איהר הייסט לינא? — האט פרוי מענצעל אונערווארטעט געפרעגט.

דיא יונגע פרוי האט אויסגעשטעלט איהרע אויגען.

— האט רודאלף אייך פון מיר ערצעהלט?

— ניין. איך האב לאנג בעמערקט דאס מיין זאהן איז געווארען איין אנדערער, און איך האב זעהר אפט פון איהם געהערט דעם נאמען לינא. נון, איך וויל אייער צווייטען נאמען ניט פרעגען, מיר זיינען אבערביידע פרויען, און איהר, אבוואהל איהר זייט יונג, דאך האט איהר שוין איבערשריטען דעם גרענעץ פון דער ערסטער יוגענד, איך וויל מיך דארום ערלויבען צו שטעלען אייך א פראגע.

לינא האט גענומען שוידערען. זיא האט געאהנט דיא פראגע וואס וועט קומען פון דיעזער אלטער פרוי.

— רודאלף האט אייך בעזוכט. — האט פרוי מענצעל אין א רוהיגען טאן געזאגט. — ער האט אייך בעזוכט אין א צייט, ווען אלעס שווייגט, ווען אלעס איז פערבארגען, ער וואר ביי אייך ביי נאכט. זייט איהר געווארען זיינע?

— יא.

לינא האט זיך מודה געווען. יעצט האט זיא זיך געזעצט אויפ׳ן ברעג בעט, האט אנגענומען דיא שוואכע האנד פון דער קראנקער פרוי און האט ערצעהלט דעם גאנצען לעבען, וואס זיא האט מיט איהר געליעבטען געפיהרט. איהר שטימע האט געקלונגען שטיל. אבער דאך האט פרוי מענצעל געזעהן, וואס פאר א ליידענשאפט עס ברענט אין דער יונגער פרוי׳ס הערץ.

אלס לינא האט גערעדט, האט זיא געזעהן, וויא טרעהרען קלייבען זיך אין דער קראנקער׳ס אויגען. ווען לינא וואר צו ענדע, האט זיא געזאגט:

— איהר האט מיין פערשפרעכען, לינא, איך וועל איהם האלטען, ווען דער טויט וועט מיך פריעהער ניט אברופען, איך פיהל, אז איך בין מאט און שוואך און האלט ביי׳ן שטארבען.

— אום גאטעס ווילען? — האט לינא מיט שרעק אויסגערופען. — גיעבט דען פאר אייך קיין רעטונג? זאגט מיר, וואס קען איך טהאן? זאל איך פיעללייכט רופען איין דאקטאר?

דיא קראנקע פרוי האט געשמייכעלט.

— מיר קען קיין דאקטאר ניט העלפען. איך בעדארף נור זיין רוהיג.

פרוי מענצעל האָט צוגעשלאָסען איהרע אויגען, און איז געבליעבען מאַט. זיא האט געשיינט צו זיין פאָלשטענדיג ערשעפּט.

לינא האט געזעהן דאס זיא דארף דאָ לענגער ניט פערבלייבען. זיא האט זיך אויפגעהויבען און האט גערייכט איהר האנד צו איהר געליבטען׳ס קראַנקע מוטער.

— איך מוז געהן, - האט זיא געזאָגט. — עס וואָלט פון מיר געווען איין אונרעכט איך זאָל אייך נאָך לענגער שטערען. נעהמט נאָך א מאָל מיין איניגסטען דאנק פאר אייער פערשפּרעכען, דען איך וויס אז איהר וועט איהם האלטען, איך וועל גאָט בעטען פאר אייער געזונדהייט, אום רודאָלף זאָל זיך קענען צוריק־קעהרען צו זיין מוטער, וועלכע ער ליעבט אזוי היים.

לינא האט פערלאָסען דער קראַנקער און דאס הויז. אם ענדע פון דער נעכסטער שטראסע האט געווארט א וואָגען. לינא האט דעם וואָגען בעשטיגען און האט דעם קוטשער געזאָגט צו פאהרען נאָך א שטראסע, וועלכע וואר וויית פון איהר. זיא האט עס געטאהן אום פאָרזיכטיגער צו זיין.

אלס זיא איז שפּעטער געקומען א היים און האט אראָבגענומען איהר הוט און שלייער, האט זיא זיך איינגעשלאָסען אין איהר צימער, האט ארויסגענומען א בילד פון א געהיימען שאכטעל און האט עס בעדעקט מיט קיסע און מיט טרעהרען.

— — — — — — — — — — — — — —

נאָך א לאנגער און שווערער רייזע איז מרים מעהרען אנגעקומען אין בערלין. זיא האט דיעזע שטאָדט צום ערסטען מאָל געזעהן, אבוואהל אלס גרעפין פאן מעהרען האט זיא געהאט דיא געלעגענהייט צו זעהן א שטיק וועלט. מרים האט געזעהן פערשיעדענע טהיילען דער וועלט, אָבער ניט בערלין.

ווען זיא איז אָנגעקומען אין בערלינער וואגזאל איז נאך געווען פריה. זיא איז געפאָהרען דיא גאנצע נאכט, אום איינצושפּאָרען געוויסע קאָסטען.

גאנץ לאנגזאם האט זיא פערלאָסען דעם זאאל און דאן האט זיא געפרעגט א פּאָליציי בעאמטען וועלכען וועג זיא זאָל נעהמען אום צו עררייכען איהר ציעל.

איהרע זאכען וועלכע זיא האט געבראכט ווארען ווענינ, זיא האט עס געקענט האלטען אין האנד. זיא האט גענומען א קאר, וועלכע דער פּאָליסמאן האט איהר אָנגעוויזען און זיא איז אָנגעקומען צום אָרט וואו שמידט׳ס קאנפעקטורען געשעפט האט זיך געפונען. עס וואר קיין גרויסעס הויז און זעהר איינפאך פון דרויסען.

מיט א קלאפּענדעס הארצען איז זיא אריין אין געשעפט.

זיא האט דאָרט געפונען א פרוי אין מיטעלע יאהרען וועלכע איז פאר דער

צייט אלט געווארען. נור פון איהרע אויגען האט מען געקענט זעהן דאס זיא זעהט אויס עלטער וויא זיא איז אין דער ווירקליכקייט.

— איהרע האאר ווארען גרוי, אין איהר געזיכט האבען זיך געפונען פאלבען, איהר גאנג וואר אויך שווער. דיעזע פרוי האט געמוזט אויסשטעהן א סך זארגען און קימער, אדער א שווערע קראנקהייט האט זיא בעהערשט.

מיט דעם העפליכען געלעכטער, וויא מען בעגריסט א קינד האט דיא פרוי געפרעגט וואס דיא יונגע דאמע פאדערט.

מרים האט זיך פאר איהר פארגעשטעלט.

— אך פריילין מעהרען, עס איז גוט וואס איהר זייט געקומען, מיין מאן האט אייך געשריבען דאס איהר זאלט פריהער קומען. מיר האבען געהאט א יונגע דאמע אין געשעפט, וועלכע האט בעדארפט אוועקגעהן דעם ערסטען אקטאבער זיא האט פלוצלונג פערלאסען איהר שטעלע. עס איז ליעבעס געשיכטען, פערשטעהט איהר מיך, זיא איז א צולאזענע פרויענצימער.

מרים וואר זעהר ביטער געריהרט פון דיעזער אויפנאהמע. זיא האט געענטפערט איינינע ווערטער און האט איבערהויפט געזעהן צו מאכען א נייען געשפרעך.

— מיין מאן איז יעצט ניטא. — האט פרוי שמידט געזאגט. — אבער ער מוז באלד קומען. האט איהר שוין א וואהנונג?

— ניין.

— ניט ווייט פון דאנען קענט איהר גאנץ ביליג וואהנען. דאס לעצטע הויז, אין 5טען שטאק קריגט איהר א צימערעל פאר צעהן מארק. ווילט איהר עס דערווייל אנזעהן?

מרים האט דיעזען פארשלאג מיט פערגניגען אנגענומען אום צו געווינען צייט צו צערשטרייען זיך פון דעם שלעכטען איינדרוק וואס דיא פרוי האט אויף איהר געמאכט.

זיא האט אויפגעזוכט דאס הויז, איז ארויפגעקראכען צום פינפטען שטאק און האט אנגעקוקט דעם צימער.

עס וואר קליין, דארט וואר נור פלאטץ פאר א שמאלע בעט, א קליינעם קאמאד און איין טיש און איין שטוהל. אויף צו האלטען דיא קליידער וואר א קליינער דראט, בעהאנגען מיט א שמוציגען ליילעך. מרים האט אין ערסטען אויגענבליק דעם צימער ניט געוואלט נעהמען, אבער באלד האט זיא זיך איבערלעגט און האט זיך געזאגט דאס עס איז פאר איהר אם בעסטען צו פערשאפען זיך א

היים און זיא האט זיך געגלויבט דאס קיין ביליגערע און בעסערע וואָהנונג וועט זיא ניט געפינען.

אלס מרים איז געשטאנען און האט זיך איבערלעגט, האט דיא פרוי, א יונגע ווײטווע געפרעגט:

— נו, וויכט איהר דינגען דעם צימער?

— יא, איך וועל עס נעהמען, אויב איך קען עס נאך היינטע קריגען.

— דאס קענט איהר זאָ פאָרט האבען.

— שעהן. היער איז מיין רייזע טאשע. היינטע אבענד וועל איך קומען.

— האט איהר געפעק?

— פאָרלויפיג ניט.

— דיא רענט דארף מען צאָהלען אין פאָראויס.

מרים האט זיך ערשראָקען. וויא פיעל זיא האט געשפּאָרט האט זיא נאך אלץ זעהר ווענינ געהאט. וואס זאל זיא טהאָן? זיא האָט געהאט גענוג אום דיא רענט צו בעצאָהלען, אָבער דאן וועט זיא ניט האבען מיט וואס דעם חדש דורכצולעבען און פון איהר ווירטה קען זיא ניט ערווארטען אזוי שנעל צו קריגען געלד.

— איך בין ניט געוואָהנט צו צאָהלען אין פאָראויס. נור ווען איהר פערלאנגט ניט אנדערש, קען איך ניט העלפען. — האט זיא געענטפערט.

— איך בעדויער עס שטארק, ליידער מוזען מיר אויך יעדען ערסטען צאָהלען אונזער רענט און דאס צימער איז ווארהאפטיג גענוג ביליג.

מיט א שווערען זיפץ האט מרים ארויסגענומען איהר געלד און האט בע־צאָהלט איהר רענט. עס איז איהר זעהר וועניג געבליבען.

מיט א פריינדליכען ניינ האט דיא ווירטהין צוגענומען דאס געלד, דאן האָט זיא אנגעהויבען א געשפרעך מיט דאס מעדכען פון וואנען זיא קומט, אין וועלכען געשעפט זיא טרעט איין, און פון דעם געשפרעך האט דיא דורכגעמאכטע פרוי גע־זעהן דאס זיא האָט דא צו טהאָן מיט א נייליגג, מיט א פערזאָן וואס וויל ערסט עטוואס אנפאנגען אין לעבען.

— עס וועט אייך געפעלען צו זיין אין בערלין. — האט זיא געזאָגט. — הערר שמידט איז ניט אונגערעכט, און ווען איהר זייט ניט צו שטרענג וועט ער זיך געוויס ניט דינגען צו געבען אייך א דאָפּעלטען לאָהן.

— ניט צו שטרענג? וואס מיינט איהר דערמיט?

דיא יונגע ווײטווע האט געשמייכעלט.

— איהר וועט עס פערשטעהן פריילין, יעדענפאלס האט איהר עס גאר ניט

נויטהיג, איך האב זעהר פיעל בעקאנטע און איהר וועט ביי מיר גאנץ פרייליכע אבענדען פערברייגגען.

— דערצו וועל איך האבען זעהר וועניג צייט, — האט מרים געענטפערט אום אויסצו־וויכען דעם געשפרעך.

— אך וואס דענקט איהר דען צו טהאן? דאס געשעפט ווערט אום 8 אוהר געשלאָסען און פון דאן אָן קענט איהר זיך אמוזירען. דאס טהוט יעדעס יונגעס מעדכען. אין בערלין געפינט מען איבעראל פערגניגען. קומט איהר שוין הייטע אָן?

— יא.

—זא ווינש איך אייך פיעל גליק. ווילט איהר פיעללייכט עסען ביי מיין טיש. איהר האט דאך וואהרשיינליך א שטונדע פיר מיטאג.

— איך ווייס עס נאך ניט.

— ביי מיר עסט מען גוט. קיינער האט זיך נאך ניט בעקלאגט אויף מיין קעסט.

— וויפיעל רעכענט איהר פיר מיטאג?

— פאר דער פאָריגער פרייליין, וועלכע האט היער געוואָהנט האט דער הערר געצאהלט צוואנציג מארק א מאָנאט.

— הערר שמידט? — האט מרים פערוואונדערט געפרעגט.

— אָה ניין, דאס וואר איין געראָטענע מיידעל, — האט דיא ווירטהין, וועלכע האט געהייסען פרוי גרונדיג געענטפערט און האט געלאכט. — זיא האט געהאט א קויפמאן, א אידען. נא, איך זאָג אייך דער האט איהר געגעבען אלעס וואס זיא האט נור פערלאנגט.

מרים איז געוואָרען בלייך.

זיא האט זיך ערשראָקען פאר דער אידעע, וועלכע ווערט היער פאר איהר פאָרגעלעגט אלס א גאנץ געוועהנליכע זאך. גלויבט מען דאָ ניט אין עהרליכקייט? אָדער איז עס איבערהויפט נויטהווענדיג דאס איין יונגעס מעדכען, וועלכע מוז איהר לעבען מאכען פון ארבייט, זאל אונבעדינגט האבען א געליבטען, וועלכער זאָל פאר איהר קערפער געבען וואס זיא האט נויטהיג דעם קערפער אויפצוהאלטען?

פרוי גרונדיג וואר איין פיעל דורכגעמאכטע פרוי אום ניט צו בעמערקען וואס אין מרים'ס הארץ איז פאָרגעגאנגען. זיא האט אין זיך געדענקט דאס זיא מוז מיט דיעזער מעדכען גאנץ אנדערש האנדלען אום ניט צו מאכען א פיאסקא פון גאנצען געשעפט.

— איהר דארפט גאר קיין שלעכטעס ניט דענקען מיין פרייליין, — האט זיא

אין א פריינדליכען טאָן געזאָגט. — ביי מיר געהט עס גאַנץ אנשטענדיג צו. א מעדכען וואס מוז פון פריה מאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט ארבייטען פאר ווענינ געלד קען מען ניט פערדענקען ווען זיא וויל אויף איין אנדער אופן פערשאַפען זיך איין אנגענעהמען לעבען. אַך גאָט, דיא מענער זיינען דאָך פערריקט. זיי לאָזען זיך זעהר פיעל קאָסטען, און אזא מיידעל וויא דיא העללע, וועלכע האָט דאָ ביי מיר געוואָהנט זיא האט יעדען טאָג א נייעם געליבטען. נא איהר ועט זעהן, בערלין וועט אייך געפעלען, אזוי האָף איך.

דיא פרוי האט בעמערקט דאס מרים הערט זיך גאָר ניט איין צו איהר געשפּרעך.

— איך מוז געהן. — האט מרים געזאָגט. — איך וועל ערוואַרטעט. אדיע.

— אדיע, אדיע! קומט איהר הייטע צו מיטאָג?

— דאס וויים איך ניט. יעדענפאַלס זאָלט איהר זיך אויף מיר ניט ריכטען.

מרים האט עס געזאָגט אין א קורצען טאָן. זיא וואר העכסט אויפגערעגט איבער דער פרוי'ס געשפּרעך, און איהר האט שוין פערדראָסען ווארום זיא האט זיך אזוי שנעל בעשלאָסען צו נעהמען דעם צימער. דאס איז אָבער שוין געשעהן יעצט איז זיא אַוועקגעגאַנגען צום געשעפט.

הערר שמידט וואר אַנוועזענד. ער האט מרים'ן אויפגענומען מיט א גאַנץ קאַלטען גרוס:

— פריילין מעהרען?

— איך האב דיא עהרע. איך האב מיך שוין פאָרגעשטעלט פאר אייער פרוי.

— זיא האט עס מיר מיטגעטהיילט. איהר זייט נאָך קיין מאָל אין בערלין ניט געוועזן?

— ניין.

— זייט איהר שוין א מאָל געוועזן א פערקויפערין אין א געשעפט?

— ניין.

— הם. דאס איז שלעכט. פרוי ענגעל האט מיר דערפון גאָר נישט מיט־געטהיילט. עס וועט א לאַנגע צייט דויערען ביז איהר וועט עס זיך אויסלערנען.

איך וועל שטרעבען אויסצולערנען דיא קונסט אזוי שנעל וויא מעגליך.

— דאס איז גוט פאר אייך. איך קען אָבער ניט פערשפּרעכען צו פערגרע־סערען אייער סאַלערי ביז איהר וועט עס אויסלערנען. האט איהר שטיצע פון דער היים?

— ניין. איך בין איינע אליין.

— האט איהר קיינע עלטערען?

— ניין.

— אויך קיין שוועסטער, קיין ברודער, אדער זאנסט א פערוואנדטעטען?

— איך האב קיינעם.

ווען מרים האט דאס געענטפערט האט זיא אראפגעלאזט איהרע אויגען צו דער ערד. זיא האט דארום ניט געזעהן וויא דער פרינציפאל האט געשמייכעלט און טריאומפירט.

— דאן וועט איהר היער זעהר שווער אויסקומען. — האט ער געזאגט. — נור אבער איך דענק דאס איהר וועט שוין האבען דיא געלעגענהייט מעהר צו פערדינען. איהר האט מיר געשיקט אייער בריעף אין דריי שפראכען, רעדט איהר זיי אויך פערפעקט?

— יא.

— דאס איז גוט. עס קומען אהער זעהר פיעל אויסלענדער, מיר וועלען אייך אין דער ערסטער צייט אונטערשטיצען מיט פיעל מעגליך. אבער מיט דער צייט מוזט איהר זעהן צו ווערען זעלבסטשטענדיג. ווינשט איהר פיעללייכט עטוואס געלד אין פאראויס?

— דאס וואלט מיר געווען איין ערפאלג.

— אויך רעכט. איך גיב אייך דרייסיג מארק און וועל אייך דערפאר יעדען ערסטען אראבערעכענען צעהן מארק, דאס וועט אייך אויסקומען לייכט.

מרים האט צוגענומען דאס געלד מיט דאנק. זיא וואר פרעהליך וואס מיט דיעזען געלד וועט זיא אם וועניגסטען געשיצט זיין פון הונגער. זיא האט זיך באלד גענומען בעקאנט צו ווערען מיט דיא פערשיעדענע ארטיקלען. דער ווירטה האט איהר אלעס ערקלעהרט. ער איז פון איהר ניט אבגעטראטען, און ווען מרים וואלט ניט געווען אזוי נייגעריג אויסצוגעפינען דעם נאמען און דעם פרייז פון יעדען ארטי־קעל, וואלט זיא בעמערקט דאס איהר ווירטה זוכט דיא געלעגענהייט צו קומען מיט איהר אין אפטער בעריהרונג.

אט האט ער איהר געגעבען א גלאז און האט דערביי געזוכט א גלעגט צו טהאן איהר האנד, און אט האט ער אראפגעווארפען א שטיק וואארע אום ער זאל האבען דיא געלעגענהייט צו העלפען איהר אויפצוהויבען, און אט האט ער זיך געזוכט צו דרעהען ארום איהר ארם.

מרים האט דאס אלעס ניט בעמערקט. זיא האט איהר אויפגאבע גאנץ ערנסט

נענומען און האט נעהאלטען אלע איהרע גערדאנקען נור לערנען וויא צו פערקויפען און פאקען דיא וואארע.

דערווייל איז געוואָרען צוועלף אוהר.

— עס איז יעצט מיטאגס צייט, פריילין מעהרען. איהר האט א שטונדע און א האלבע פאר אייער מיטאג. וואו עסט איהר?

— איך האב נאך דאריבער ניט בעשלאָסען.

— אה, איהר האט פאר גאנץ ווענינ געלד געקענט עסען ביי אונז; אָבער מיין פרוי, ווייסט איהר, זיא איז, נא. וויא זאָל איך דאס זאָגען!... מיר זיינען געצוואונגען צו האלטען א יונגע, שעהנע פערקויפערין, דאס ווייס מיין פרוי זעהר גוט, אָבער דאס הינדערט זיא ניט צו זייז אייפערזיכטיג.

מרים האט א הייב געטהאָן איהר קאָפּ. א שטרענגער בליק איז געפאלען פון איהרע אויגען.

— אייפערזיכטיג? — האט זיא געפרעגט מיט א צוגעדריקטע שטימע.

— נוו, נוו, ניט אויף אייך. — אָבער וואס פיינער איז בעסער! מיין פרוי איז אלט געווארען פאר דער צייט, זיא איז אויך אימער קראנק. דאס איז דאָך נאטירליך. — אָבער הייטע זייט איהר דאָך אונזער גאסט.

אין דיעזען אויגענבליק האט זיך דיא טהיר געעפענט און דיא אלטע געזיכט פון דער ווירטהין האָט זיך בעוויזען.

— צום טיש! — האט זיא געלאדען.

זיי זיינען אלע אוועק צום טיש. דאס עסען וואר בעזאָנדערס גוט פאָרבע־רייט, אויך ווין וואר ביי׳ן טיש. מען האט באלד פאָרגעשלאָגען דאס מרים קען זיך היער מאכען גאנץ בעקוועם. אלעס האט אויסגעזעהן אזוי פריינדליך, אזוי היימליך. מרים האט פאָרלויפיג געפיהלט גאנץ אנגענעהם אויף איהר נייער שטעלע. זיא האט זיך אליין פאָרגעשטעלט דעם גרויסען אונטערשיעד אין דער געזעלשאפט און דער שטעלונג פון איין ארבייטערין אין דער אויסבורגער פאבריק, ביז א פער־קויפערין אין בערלין.

אָבער דאָך האט זיא זיך ניט געקענט פיהלען גליקליך. דען וויעפיעל זיא איז געווען פערזונקען אין איהרע געדאנקען און האט ווענינ בעטראכט וואָס ארום איהר טהוט זיך, דאך האָט איהר געשיינט צו בעמערקען, דאָס דעם פרינציפּאל׳ס אויגען רוהען אויף איהר צו אָפט, און דערביי האָט זיא אויך בעמערקט, וויא דיא ווירטהין קוקט קרום אויף איהר מאַן און ווערט דערפון שטארק אונמוטהינ.

(Mil. 22).

נאָך דעם עסען האט מען זיך גאנץ פריינדליך אונטערהאלטען און דיא ווירטהען האבען זיך געצייגט פעראינטערסירט אין מרים'ס לאגע דערמיט וואָס זיי האָבען ביי איהר אויסגעפרעגט אלע איהרע פערהעלטניסע.

מרים וואר קלוג גענוג נור מיטצוטהיילען וואס זיא האָט בעדאַרפט און האָט געקענט זאָגען. זיא האָט אָבער ניט ערצעהלט אַלעס פון איהר לעבענס-געשיכטע.

— ווען איהר וועט בערלין בעסער קענען, - האָט דער פרינציפּאַל געזאָגט,— זאָ וועט איהר אויסגעפינען, דאס מען קען דאָ גאנץ אנגענעהם פערברענגען. פערנניגען קאָסט דאָ ניט טהייער. הייטע אבענד זייט איהר נאַטירליך אונזער גאסט, און מיר וועלען אייך אַרויספיהרען אין בערלין.

מרים האט דיעזע פריינדשאַפט אָנגענומען מיט דאנק.

דער נאכמיטאג איז אוועק וויא דער פאָרמיטאג. מרים האָט נור געקענט בעמערקען, אַז דיא קונדען קומען אהער ניט אין גרויסע מאַסען. דערביי האט זיא נאָך געזעהן, וויא איהר פרינציפּאַל געהט אום מיט זיינע קונדען, און איז געקומען צום בעשלוס, דאָס עס איז ניט אזוי שווער אויסצולערנען דעם געשעפט און צרפריעדענשטעלען דיא קונדען און דעם ווירטה.

נור איין זאך איז איהר ניט געפעלען, און דאס איז דער עווינער שמייכעל אויף דעם פרינציפּאַל'ס ליפּען פאר יעדע דאַמע און פאר יעדען הערר וואָס קומען אריין עטוואס קויפען.

— אלס דער אבענד איז געקומען, האט הערר שמידט געפרעגט:

— נון פריילין, זייט איהר שוין בעקאַנט מיט דיא פערשיעדענע וואַרע?

— געוויס, הערר שמידט. מיר דאַמען לערנען אין דער יוגענד פערשיעדענע זאכען, וועלכע קומען אונז ענדליך צו ניטץ.

— דיא הויפּטזאכע איז, — האט דער ווירטה געזאָגט, — דאָס איהר זאָלט ארבייטען אזוי שנעל וויא מעגליך, און דאָס איהר זאָלט זיך מאכען דיא געוואָהנהייט, קיין איינציגען קונד ניט ארויסלאָזען פון טהיר ביז ער האָט עטוואס געקויפט.

— אָבער וויא קען איך דאָס צווינגען? — האט מרים אין א נאאיווען טאָן געפרעגט.

דער ווירטה האָט געלאכט.

— דורך ליעבליכע מאַניערען און דורך פערשיעדענע מיטלען געפעלען צו ווערען. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, דאָס איהר דאַרפט ניט צו פיעל ווערען אויפדרינגענד. אייער אויפגאַבע איז, דעם בעזוכער צו איבערציינען, וויא גוט אונזער וואַארע איז, און מיט א ליעבענסווירדיגער בענעהמונג זיי צו זיך צו ציעהען.

איהר פערשטעהט דאָך א פּאאר שפּראַכען, זא וועט עס אייך אויך ניט שווער זיין אָנצורופען דיא פערשיעדענע וואָרען מיט אזא וואָרט און אַקצענט, וואָס זאָל קלינגען דיא קונדען פרעמד אין דיא אויערען. דאָס מאַכט א שטאַרקען איינדרוק און געווינט דעם קויפער, אָבוואָהל ער פערשטעהט נור דעם צעהנטען וואָרט.

— דאס איז דאָך א שטיקעל קאָמעדיע! — האט מרים אויסגערופען און איז א ביסעל לוסטיג געוואָרען פון דער רעדע וואָס דער פּרינציפּאַל האָט פאר איהר געהאַלטען.

— אָה, האט דער פּרינציפּאַל געזאָגט. — דאס גאַנצע לעבען איז א קאָמעדיע, און ווער עס פערשטעהט דיא קאָמעדיע גוט צו שפּיעלען דער געהט אַרויס א זיעגער. היער זאָגט מען „געלד רעגיערט דיא וועלט.“ וואָס מעהר מען לייזט, אַלץ בעסער איז עס פאר אונז און פאר אייך. וואָס פלייסיגער און ניטצליכער איהר וועט זיין אלס שנעלער וועל איך קענען פערגרעסערען אייער סאַלערי.

הערר שמידט האט איהר געגעבען נאָך אייניגע אינסטרוקציאָנען זא דאס עס איז באַלד געוואָרען אכט אוהר און דאס געשעפט איז געשלאָסען געוואָרען. דער ווירטה און זיין פרוי האבען מיטגענומען זייער נייע פערקויפערין אויף א שפּאַציערגאַנג אום צו ווייזען איהר דיא לעבעדיגקייט אין שטאָדט.

זיי האבען דורכשפּאַציערט אייניגע גאַסען. מרים וואר ערשטוינט פון דיא גרויסאַרטיגקייט פון מאַנכע שטראַסען. מינכען האט פאר איהר געשיינט וויא א קליינער דאָרף.

זיא האט שוין הייטע אויסגעפונען, אז היער הערשט איין גאַנץ אנדער גייסט. אלעס לויפט און טרייבט פאָרווערטס.

זיי זיינען אריין אין דעם קעלער פון דעם נייען ראַטהויז, און דאָרט האָבען זיי גענעסען זייער אַבענד-ברויט. נאַטירליך איז היער אויך מרים געווען געלאַדען אלס גאַסט. הערר שמידט האט דאַן געמאַכט פערשיעדענע פּלענער, וויא אזוי מען קען פערברענגען דעם איבריגען טהייל פון אַבענד אין פערשיעדענע פּלעצער, אָבער זיין פרוי האט צו קיינעם פון דיעזע פּלענער ניט איינגעשטימט. ענדליך האבען זיי בעשלאָסען צו בעזוכען דעם ווארייאיטי טהעאַטער אויף אַלעקסאַנדער פּלאַטץ.

מרים האט געזעהן דאס פרוי סמידט האט דערצו איינגעשטימט מיט אונצופריעדענהייט.

זיא האט געוואונשען צו ענטזאַגען זיך פון דעם פערגניגען און אוועק צו געהן, אָבער עס האָט איהר געפעהלט דער מוטה צו ענטזאַגען זיך.

זיי זיינען דאָרום אלע דריי אוועק אין ווארייאיטי טהעאַטער.

מרים האט אזא פלאטץ בעזוכט דעם ערסטען מאל אין איהר לעבען. זיא האט דא געזעהן פערשיעדענע בילדער, אבער קיינער פון זיי איז איהר געפעלען געווארען.

ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען קערפערליכע פארשטעלונגען, וואו מען האט פארגעשטעלט קראפט און געשיקטקייט, האט זיך מרים נאך עטוואס אינטע־רעסירט; אבער ווען מען האט געזונגען דיא קופלעטען, האט זיך מרים געפונען בע־ליידיגט און בעריהרט, און האט מיט אונגעדולד געוואונשען אוועקצוגעהן.

דער פאליציי׳ס צענזור איז אימער א שטרענגע, דאך בלייבט נאך אימער גענוג צו פערשטעהן א ליעד אין צוויי זייטען. און אבוואהל דאס געזעטץ איז פון אזעלכע ליעדער צופריעדען, דאך זיינען זיי גענוג שלעכט, אום צו עקעלען פאר איין אונשולדיגעם מעדכען.

און מרים האט געפיהלט דיעזען עקעל. אין דער פאבריק האט זיא זיך בע־קענט מיט זאכען, וועלכע זיא האט פריהער ניט געוואוסט און האט פריהער ניט פערשטאנען, און זאכען, וועלכע וואלטען אמאל פאר איהר אויסגעזעהן וויא א גאנץ אונשולדיגע זאך, איז יעצט פאר איהר געווארען קלאהר און עקעלהאפט.

— געפעלט עס אייך, פריילין? — האט הערר שמידט געפרעגט.

— ווען איך זאל אייך אפען זאגען, דאן מוז איך געשטעהן, דאס איך פיהל מיך יעצט זעהר אונבעקוועם. דיא פארשטעלונג פון קראפט איז פיעל אינטערע־סאנטער.

מאדאם שמידט האט זיא בעלאהנט מיט א פריינדליכען בליק פאר דיעזער מיינונג, וועהרענד דער הערר האט זיך צולאכט.

— איהר זעהט היער דעם בערלינער לעבען נור ביז א געוויסען גראד. הערט דארט וויא מען אפלאדירט דיא שעהנע זענגערין.

מרים האט ביז יעצט דיא זענגערין זעהר ווענניג בעטראכט. זיא האט בעטראכט דיעזע „שעהנהייט“ און האט אויסגעפונען, דאס אבוואהל זיא האט געהאט א העס־ליכע געשטאלט, דאך איהרע קורצע און נעגליזשירטע קליידער, ווארען גענוג צו פער־פיהרען דיא מענער. דאס געזיכט פון דער „שעהנער זענגערין“ וואר גענוג אלט, אויף דיא באקען איז געלעגען פוידער און פארב, און דיא אויגען ווארען אויך אב־געלעבט.

— עס איז א טרויעריג ברויט! — האט מרים געמורמעלט.

— מיינט איהר דיא זענגערין?

— יא.

— אָה, זאָגט עס ניט, זיא מאכט גוט אויס. אויסער איהר סאלארי, וועלכע ווערט געצאָהלט נאָך דיא אפּלאָדימענטען פון פּובליקום, האָבען דיעזע מעדכען נאָך פריינדע...... זעהט איהר, איהר אָרם־באַנד האָט געוויס געקאָסט דריי הונדערט מארק, און דער בּריליאַנט אין איהר בראָש איז איין עכטער. וואָס גלויבט איהר דארף ער קאָסטען?

— איך בין מיעד, — האט פרוי שמידט געזאָגט, — איך גלויב אז דאס פריילין איז אויך מיעד.

— יא. עס איז שוין ניט פריה.

הערר שמידט האט ארויסגענומען זיין גאָלדענעם זייגער.

— עס איז עלף אוהר. יא, מיר קענען געהן.

ער האט עס געזאגט מיט אונצופריעדענהייט. מען האט געקענט זעהן דאס ער האָט נאָך לענגער געוואָלט קוקען אויף דער „רייצענדער זינגערין.“ זיא האט אויך געזונגען בּורלעסקי ליעדער. ליעדער פון ליידענשאפט, וועלכע רייצען אויף אלע לעבע־מענער.

דער וועטער איז געוואָרען קיין אַנגענעהמער. הערר שמידט האט צוגערופען א דראָשקע, אין וועלכער מען איז געפאָהרען נאָך הויזע. ביי׳ן ארויסזעצען זיך האט ער עס געזוכט צו מאכען, דאָס ער זאָל זיך זעצען ביי מרים׳ן, אבער זיין פרוי, וועלכע האָט דאָס בעמערקט האָט פערנומען דיעזען פּלאַטץ און ער האט זיך געמוזט זעצען געגען זייא. זיא האט איהם דארום דיא גאנצע צייט געקענט האבען פאר איהרע אויגען, און ער האט געמוזט האלטען זיך גאנץ רוהיג.

א שטונדע שפּעטער איז מרים געווען אין איהר וואָהנונג. זיא האָט איבערגעטראַכט אלעס וואָס זיא האט דיעזען טאָג דורכגעמאַכט, און זיא האט אויסגעפונען, אז אויך היער איז דאָס לעבען ניט אזוי וויא מען ווינשט און וויא מען האָפּט.

28טעם קאפּיטעל.

פּאַ־ביי, פּאַרביי!

עס איז שווער צו שילדערען אין וועלכען צושטאַנד פּרוי מענצעל האט זיך געפונען נאכדעם וויא לינא איז פון איהר אוועק. דער לאַנגער און ביטערער געשפּרעך האָט זיא אויסגעמאַטערט זיא איז געפאלען אויף איהר קיסען צוריק, וואו זיא איז געלעגען א גאנגע צייט און האט געאָטהעמט שווער גלייך וויא זיא וואָלט זיך געראַנגעלט מיט איהר טויט.

— זיא האָט זיך ניט געקענט פערלייקענען, דאָס לינא איז א שעהנע פרויע־

צימער. זיא האט צו זיך אליין געזאגט, דאס זיא דארף אויף איהר זוהן ניט בייז זיין, וואס ער איז אריינגעפאלען אין דעם נעטץ פון דיעזער פרוי; אבער אויף דעם אידעאלען רודאלף האט זיא קיין מאל ניט געגלויבט, דאס ער ועט אריינפאלען אין א ליעבע, וועלכע איז געגען דאס געזעץ און געגען דיא צושטימונג פון דער געזעלשאפט. דאס דיא ליעבע צווישען דער שעהנער פרוי און איהר זאהן, איז קיין הייליגע, האט פרוי מענצעל פערשטאנען, גלייך וויא זיא האט א קוק געטאהן אויף לינא'ס געזיכט; אבער דער קלענסטער האפנונג אין איהר הערצען, איז דאך אויף אייביג פערלאשען געווארען פון לינא'ס אייגענער ערצעהלונג.

זיא האט יעצט געטראכט און געטראכט, וואס וועט זיין דיא צוקונפט פון איהר זוהן? ווען ער וועט ארויס פריי פון געפעננניס, וועט ער ווירקליך וויעדער זוכען זיין גליק אין דיעזער פרוי'ס ארמען? איז ניט דיעזע ליעבע שולדיג אין זיין אומגליק, און וועט דיעזע ליעבע וויעדער ניט שטערען זיין ענערגיע און פערפינסטערן זיין צוקונפט? פרוי מענצעל האט יעצט געדענקט פון דעם פערשפרעכען וואס זיא האט לינא'ן געגעבען.

זיא האט געוואלט און האט געמוזט דעם פערשפרעכען האלטען, דען זיא האט פערגונען איהר אונגליקליכען זאהן דיא פריידע וואס אזא גרוס וועט איהם פערשאפען. זיא האט אויך געפיהלט דאס ווען זיא וויל איהר זאהן פערשאפען א ווירקליכע פריידע און שטארקען זיין הערץ צו איבערטראגען דיא ליידען מוז זיא איהם דעם גרוס נאך הייטע איבערגעבען.

וועהרענד זיא האט אזוי געטראכט איז טאני אריינגעקומען.

— ווילט איהר מיר העלפען מיין קינד ארויסצושטייגען פון בעט? — האט פרוי מענצעל געפרעגט.

— אך מאדאם, איך וואלט עס אייך ניט ראטהען. איהר זעהט אויס זעהר מיעד און אנגעגריפען.

פרוי מענצעל האט אבער געפיהלט דאס זיא קען ניט האפען אויף א בעסערן געזונד, און דארום איז פאר איהר בעסער זיא זאל טהאן וואס זיא דארף טהאן אזוי שנעל וויא מעגליך.

זיא איז דארום בעשטאנען אויף דעם, דאס זיא מוז איהר בעט פערלאסען, און טאני האט איהר וואונש ערפילט און זיא איז ווירקליך ארויס פון בעט.

— איהר זעהט, — האט זיא געזאגט מיט א געלעכטער — ווען מען וויל קען מען אלעס.

— ווילט איהר זיך אנטהאן?

— גאנץ געוויס.

אין א האלבע שטונדע איז פרוי מענצעל געווען אנגעטהאן, און האט געוואלט נאך אין דעם זעלבען טאג פאהרען צו איהר זאהן. אבער ווען זיא האט פערזוכט צו געהן איבער'ן הויז האט זיא געפיהלט, אז עס איז פאר איהר אונמעגליך שווער צו ריהרען איהר קערפער.

— זעהט איהר פרוי מענצעל, דאס איהר קענט נאך ניט געהן. זאל איך אייך פארבערייטען דאס עסען?

פרוי מענצעל איז געריהרט געווארען פון טאני'ס גוטהערציגקייט. זיא האט נאטירליך ניט געאהנט, וועלכע קוועלען טאני האט געהאט אין איהר הערצען, וויא זיא האט געוואלט אלעס טהאן פאר דער קראנקער פרוי אויס פערדרוס וואָרום זיא איז שולדיג אין איהר זאהנ'ס אונגליק. טאני האט פארבערייט א קרעפטיגען פריה־שטיק און ווען דיא קראנקע האט עס אבגעגעסען האט זיא איהר ארומגעפיהרט איי־[illegible]ער איבעריגן צימער.

— דיעזע בעוועגונג איז פאר מיר גוט! — האט דיא קראנקע געזאגט — איך עס יעצט [illegible]ער טהאן, דען איך וויל זעהר פערלאסען דאס הויז.

— איהר ווילט דאך ניט געהן אין גאס? — האט טאני געפרעגט.

— הייטע ניט, אבער אזוי שנעל וויא איך וועל נור קענען ארויס.

טאני האט געווארפען א שארפען בליק אויף דער פרוי. זיא האט בעמערקט וויא דיא קראנקע פרוי רעדט מיט א געוויסער אויפרעגונג.

דיא קלוגע טאני האט באלד פערשטאנען, אז דאס אלעס האט צו טהאן מיט דעם בעזוך פון דער יונגער פרוי. און אזוי וויא איהר זינען איז געווען פערטהאן נור אין ליעבע דארום איז איהר ניט געווען שווער צו בעשליסען דאס דיא שעהנע דאמע האט עפעס א פערבינדונג מיט רודאלף מענצעל, און זיא האט אויך בערעכענט, אז פרוי מענצעל וויל פערלאסען דאס הויז אויף צוליעב דיעזער ליעבע.

נאך א קורצען ארומגאנג איבער'ן הויז, איז דיא קראנקע פרוי געווארען מיעד זיא האט זיך אריינגעזעצט אין א ווייכען שטוהל און טאני האט איהר געפרעגט אויב זיא זאל איהר יעצט עטוואס פארלעזען.

— אך ניין! — האט דיא קראנקע פרוי געענטפערט — איך בין נאך צו שוואך דערצו. איך קען זיך ניט פערטיעפען אין א פארלעזונג, נור ווען איהר ווילט קענט איהר מיר עטוואס ערצעהלען פון אייער היימאטה. איהר זייט שוין לאנג פון אונגארען?

— זייט א יאהר.

— חאט איהר נאך עלטערען?

— מיין פאטער איז שוין לאנג טוידט, דאס הייסט איך האב מיין פאטער נאר קיין מאל ניט געקענט, נור מיין מוטער האט מיר פון איהם איינינע מאל ערצעהלט.

— ער האט געמוזט שטארבען אלס איהר זייט נאך געוועזן א קינד.

— יא, דאס רעכען איך.

— וואס וואר אייער פאטער?

— איך וויים עס ניט. איך דענק דאס ער האט זיך ווענ[illegible]עקימערט וועגען זיין קינד.

— איהר האט דאך בריעדער און שוועסטער?

— איך האב א ברודער, א יאהר אינגער פון מיר.

— און אייער מוטער האט ניט נאך א מאל געהייראטהעט?

— ניין, זיא האט אימער געזאגט, דאס זיא וועט עס ניט טהאן פון אונ־זערטוועגען.

— זא האט זיא וואהרשיינליך געלעבט גליקליך מיט איהר ערסטען מאן?

— אך פרוי מענצעל, מיין פאטער און מיין מוטער ווארען ניט פערהייראטהעט. זיי האבען זיך נור געליבט און —

פרוי מענצעל האט ניט בעאבזיכטיגט ארויסצובעקומען פון טאני'ן אזא ער־צעהלונג. זיא האט איינגעזעהן אז טאני ליידעט דערפון, און זא האט זיא געזוכט צו מאכען איין אנדער געשפרעך.

— וויים אייער מוטער דאס איהר זייט היער?

— אה יא, מיר שרייבען זיך אפטע בריעף.

— דענקט איהר ניט צו פאהרען נאך הויזע?

— אה יא, מאנכעס מאל שיינט מיר דאס איך [illegible] צוריקפאהרען צו מיין היים. דארט אין פוסטע וואר עס דאך אלעס אנדערש!

אין טאניס אויגען האט עס געגליהט, איהר גאנצע געשטאלט האט געציטערט, איהרע פים האבען זיך בעוועקט נערוועז, עס האט געשיינט אז אויף איהר איז פלוצלונג אנגעפאלען דיא לוסט צו טאנצען איינעם פון דיא היציגע אונגארישע טענץ.

– געפעהלט עס אייך ניט אין בערלין?

— אה יא, דאס לעבען איז היער גאנץ שעהן און מען בענוצט היער דיא יוגענד בעסער וויא צו הויזע; דען מיין מוטער איז גאנץ שטרענג.

— זייט איהר צוליעב דעם אוועק פון דער היים? — האט פרוי מענצעל נעפרענט.

— ניט גראַדע ווענען דעם... אָבער... אח, איך ווייס ניט פרוי מענצעל אויב דאס וועט אייך אינטערעסירען.

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— עס איז א ליעבעס געשיכטע.

— אויב איהר ווילט קענט איהר עס מיר ערצעהלען. עס אינטרעסירט מיך צו וויסען אייער ערפאהרונגען. איהר האט דאָרט געהאט א שאַטין, ניט וואהר?

— דאס ניט. א יונגער מאַן, זיין נאמען וואר איגנאַטץ האט מיך געוואָלט דורכאויס האָבען. אָבער איך האב איהם ניט געקענט ליידען, און מיין מוטער וועלכע האט געהאט געגוג אויסצושטעהן וואס זיא וואר ניט פערהייראטה האט ניט געוואלט ליידען איך זאָל אנפאנגען א ליעבע, אָבער איך האב איהם זאָ וויא זאָ ניט געקענט ליידען, ווייל ער וואר אונגעלומפערט, און ווען ער האט נור געהאט א שטרייט האט ער גלייך געצויגען זיין מעסער. אין א געוויסען אבענד איז ער מיך בעפאלען, האט פערשטאָפּט מיין מויל, איך זאָל ניט קענען שרייען און האט מיך אוועקגעטראָגען אין זיין וואָהנונג. איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען וואס ער האט פון מיר געוואָלט. איך האב זיך אָבער אזוי געראַנגעלט דאס ער האט מיך געמוזט אָבלאָזען. עס איז געוואָרען איין אויפלויף און איך און מיין מוטער האבען געמוזט הערען אלערליי שימפּף ווערטער, און דארום האב איך מיין היים פערלאסען צו פערדינען מיין אייגענעס ברויט. און דאס איז אויך גוט, דען מיין מוטער איז ארם און האט גענוג צו טהאָן צו ערנעהרען זיך און מיין ברודער.

דיא פרוי האט טאָני'ן אָנגעקוקט מיט מיטלייד. זיא האט שוין איינינע מאָל בעמערקט עטוואס אונגעוועהנליכעס אין דיעזער טאני, זיא האט געוואָלט פרעגען וואס דיעזע פערענדערונג בעדייטעט, אבער זיא האט אונדערדריקט דיעזע פראגע.

— — — — — — — — — — — — —

איינינע טעג זיינען אוועק.

פרוי מענצעל האט זיך נאך ניט געפיהלט קרעפטיגער און עס זיינען געקומען שטונדען ווען זיא האט זיך געפיהלט נאָהענט צום טויט.

עס איז איהר בעפאלען דיא מורא דאס זיא וועט שטארבען, אָהנע איהר זוהן צו זעהן און דארום האט זיא בעשלאָסען אנצושטרענגען איהרע לעצטע קרעפטען אום צו מאכען איהר זוהן א בעזוך אין געפענגניס.

עס וואר א העלער, פריינדליכער אקטאבער טאג. עס האט געשיינט דאס רער זאמער, וויל נאך א מאָל קומען אום צו נעהמען אבשיעד. פרוי מענצעל האט

מיט טאני'ס הילפע זיך אויפגעהויבען פון בעט און האט בעשלאָסען אין דיעזע' טאג צו פאָהרען זעהן איהר זאָהן.

טאָני האט געבראַכט א וואגען און האט בעגלייט דיא קראַנקע פרוי צום געפענגניס.

— איהר וועט דאָ אויף מיר ווארטען?

— געוויס! — האט טאני געענטפערט און האט געקוקט מיט שרעק אויף דעם שווארצען מויער וואו רודאָלף איז פערשלאָסען. איהר געוויסען האט זיא געפלאַגט, דען זיא איז שולדיג וואס רודאלף געפינט זיך דאָ.

זיא האט בגעלייט דיא קראַנקע פרוי ביז דעם געפענגניס טהיר. דיא אַלטע האט זיך געלאָזט מעלדען. אין איין פיערטעל שטונדע שפּעטער איז רודאָלף געלעגען אין איהרע אָרמען.

וואס פאר א ווידערזעהן! וואס פאר א שרעקליכער אויגענבליק!

נאכדעם וואר דיא מוטער און דער זאָהן האבען זיך געפּאסט, האט דיא מוטער געזאָגט.

— האָסט דוא אַפּעלירט געגען דעם אורטהייל?

וואָס נוצט דאס מיר? איך פערלענגער מיר נור דאדורך דיא ליידען.

ארמעס קינד! — האט דיא אַלטע פרוי געמורמעלט. — איך קען דיר ניט ראַטהען. איך פערשטעה גאָר נישט אין דיעזע זאכען. א שווערער אונגליק איז דיך בעפאלען. פערטראג עס מיט דיין בעוואוסט זיין דאס דוא ביזט אונשולדיג און דענק, אז דאס איז א שטראָפע פאר א זאך וועלכע דוא האסט ניט בעדארפט טהאָן.

— מוטער!

— שטיל מיין זאָהן. איך בין ניט געקומען צו מאַכען דיר פאָרוויפע. איך בין געקומען דיך צו טרייסטען און מיינע ווערטער וועלען פאר דיר זיין א טרייסט איך גלויב אין דיין אונשולד. איך וויים אז דוא זאָגסט קיין ליגען. דוא שווייגסט, ווען דוא קענסט דיא וואהרהייט ניט זאָגען... לינא ווער בּיי מיר!

לינא! — האט רודאָלף אויסגערופען.

— זיא האט מיך געבעטען איך זאָל דיר ברענגען איהר גרוס, איך זאָל דיר זאָגען דאס זיא בּלייבּט דיר אין הערצען געטריי, און אזוי שנעל וויא דוא וועסט בעפרייט ווערען וועט זיא דיך ווידער ארומנעהמען מיט איהרע אָרמען.

רודאלפס אויגען זיינען פול געווארען מיט טרעהרען.

— אָה גאָט! — האט ער אויסגערופען מיט א ציטערענדע שטימע. — וויא

דאַנק איך דיר וואס דוא האסט פיר דיעזען שמראחל ליכט געבראכט! יעצט וועל איך מוטהיג פערטראַגען אלע מיינע ליידען. יעצט ווייס איך מוטער, דאס דוא ביזט נאָט'ס ענגעל צו ברענגען מיר דיעזע נאכריכט. מוטער... מוטער... מוטער.... אה נאָט... מוטער וואס איז דיר?

פרוי מענצעל איז פלוצלונג געווארען וויא אש. זיא האט גענומען וואַנקען.

— מוטער! — האט מענצעל געשריען פון שמערץ.

דיא טהיר האט זיך געעפענט. א געפענגניס וועכטער איז אריינגעקומען.

— וואס איז געשעהן? וואס שרייט איהר אזוי?

— איהר זעהט דאָך!

מעהר האט דער געפאַנגענער ניט געקענט ריידען.

פרוי מענצעל איז געפאלען אין זיינע ארמען שווער וויא בליי. מיט האלב געשלאָסענע אויגען האט זיא געקוקט אויף איהר זאָהן. זיא האט געעפענט איהר מויל און האט געוואָלט עטוואס זאָגען, אבער א שטראָם בלוט האט זיך ארויסגעגאָסען און איהר גייסט איז אויסגעגאַנגען אין איהר זוהן'ס ארמען. זיא איז געוואָרען טויט.

מיט דיא אויגען פון א וואהנזיניגען האט רודאָלף געקוקט אויף דער טויטער און האט געמורמעלט:

— פארביי, פארביי!!!

29טעם קאַפּיטעל.

פאַרבערייטונגען צו ענטלויפען.

באַלד וויא דער הויזפערוואַלטער פאול איז אוועק פון דער יונגער גרעפין, האט ער זיך בעגעבען צו אַטטאַ'ס וואָהנונג.

ער האט אַטטאַ'ן געפונען אין הויז.

— אָך הערר ראדאָוו, וואָס פאר א וויכטיגע אנגעלעגענהייט האט אייך געבראכט צו מיר? — האט אַטטאַ געפרעגט מיט איבערראשונג פון דעם אונערוואַרטעטען בעזוך.

— זעהר א וויכטיגע זאך! — האט ראדאָוו געענטפערט. — עס האנדעלט זיך וועגען דעם גליק פון אייער לעבען.

— רעדט איהר עס ערנסט, הערר ראדאָוו?

— איהר ווייסט, דאס איך האב ניט ליעב צו שפּאַסען.

— ווען איהר זאגט, אז דאס האנדעלט זיך וועגען מיין לעבענס־גליק, ראן מח עס דאָך קיין אנדער זאַך ניט זיין, וויא וועגען מיין ליעבע צו דער גרעפין?

— יא. עס האַנדעלט זיך וועגען וואס איהר האט פון מיר פערלאַנגט.

— האט איהר געשפּראָכען מיט העדוויג?

— יא.

— האט איהר איהר געזאָגט, אז איהר ווייסט פון אונזער ליעבע?

— נאַטירליך.

— און האָט זיא אייך אויך געזאָגט, אז זיא האט מיך ליעב?

— אָה! — האָט ראדאָוו מיט א געלעכטער געזאָגט. — מיר שיינט, אז איהר קענט נ־ט גוט דיא גרעפין. ווען איהר וואָלט זיא געקענט וואָלט איהר געוואוסט, אז זיא זאָגט ניט ארוים דיא געהיימניסע פון איהר הארצען.

— וואָס דענקט איהר פון אונזער פּלאַן?

— וועגען מיר דאַרפט איהר זיך ניט זאָרגען. איך וועל מיין צושטימונג געבען, אבער איהר זאָלט ניט דענקען, דאס עס איז אזוי לייכט צו קריעגען העדוויג׳ס האנד.

— אָה, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען איהר, בין איך זיכער.

— איהר האָט א טעות. דאס איז דיא הויפּטזאַכע?

— איך בין מיט איהר זיכער.

— איהר קענט זיך אָבנארען. האט איהר שוין געשיקט דעם פּרעזענט, וועלכען איהר האָט פאַר איהר געשאַפט?

— נאך ניט. איך בעאַבזיכטיג עס צו טהאָן, איך וויל ווארטען אויף דער גרעפין׳ס געבורטסטאָג.

— איהר דענקט געווים איהר צו איבערראַשען.

— איך האָף עס.

— איהר האָט א פאָלשטענדיגען אירטהום, אויב איהר דענקט, דאס איהר וועט דערמיט אייער ציעל שנעלער ערדייכען. דיא בעדינגונגען, וועלכע העדוויג שטעלט זיינען גאַנץ אנדערע.

— דיא גרעפין שטעלט בעדינגונגען? האָט אָטטאָ מיט איבערראשונג געפרעגט.

— זיא ערוואַרטעט פון דעם מאַן, וועלכען זיא ליעבט, ער זאָל שווערע זאַכען אויספיהרען.

— האָב איך אייך ניט געוויעזען, אז איך בין פעהיג צו גרויסע זאַכען?

— יא. אָבער דיא גרעפין פערלאַנגט בעווייזע.

— און אין וואָס בעשטעהט עס?

— אין א זאַך, וואָס פאָדערט אייער גאַנצען מוטה און אייער גאַנצע פעהיג־קייט.

— אבער וואס איז דאָך דיא זאַך? דיא גרעפין מוז דאָך פערלאַנגען א בע־שטימטע זאַך?

— געוויס. ווייסט איהר עפּעס פון דיא מינכענער געפענגניסע?

— ניין.

— נון, איהר מוזט אויסגעפינען דיא גאַנצע אָרדנונג און איינריכטונג פון דאס געפענגניס. ווען איהר וועט עס מאַכען וויא א קינסטלער, דאן וועט עס אייך ניט זיין שווער.

— אָבער צו וועלכען צוועק?

— איהר מוזט בעפרייען א געפאַנגענעם!

אָטטאָ האט זיך ערשראָקען.

— וואָס זאָגט איהר? צו בעפרייען א געפאַנגענעם? איהר מיינט דאָך געוויס ניט — — —

— געוויס מיין איך, איהר זאָלט בעפרייען פראַנץ שטאַנד און קיין אנדערען.

— אָבער דאס איז דאָך אונמעגליך!

— נון, וויא איהר ווילט אייך. איך האָב גערעכענט, דאס איהר וועט אלעס טהאָן אום צו בעזיטצען דיא גרעפין.

— געוויס. אבער איך ווייס ניט וויא אזוי איך זאָל דאס אנפאַנגען. דערצו ווייס איך ניט, אויב פראַנץ שטאַנד איז נאָך אין מינכען.

— ביז מאָרגען נאָכמיטאג איז ער נאָך היער, און הייטע ביי נאַכט מוז ער נאָך ענטלויפען.

— און דיא גרעפין פערלאַנגט עס דורכאויס?

— זיא וויל פון דיעזער פאָדערונג ניט אָבטרעטען.

אָטטאָ, וועלכער האט געליעבט דער גרעפין מיט דער גרעסטער ליידענשאַפט, האט צוגעדעקט זיין געזיכט מיט ביידע הענד און פון זיין ברוסט האט זיך ארויסגע־ריסען א שווערער זיפץ.

ער האט געזעהן, דאס ער שטעהט דא ביי צוויי ביטערע וועגען: צו אונטערנעהמען דיעזע געפעהרליכע ארבייט צו בעפרייען א געפאַנגענעם, אָדער צו ענטזאַגען זיך פון דאס מעדכען, וועלכע ער ליעבט אזוי שטאַרק.

— וויא אזוי זאל ער זיך אונטערנעהמען צו בעפרייען דעם געפאנגענעם ? מיט געוואלט און קראפט וואר עס געוויס אונמעגליך. דא קען נור העלפען א קלוגער איינפאל; אבער וויא קומט מען צו דעם איינפאל ? וויא געפינט מען עפעס א פלאַן ?

— איך זעה ניט איין וויא אזוי איך קען עס אויספיהרען ? — האט ער געזאָגט. — שטעלט זיך נור פאָר דיעזע שטרענגע וואכע ? איך ווייס אויך ניט דעם פלאַן פון דיעזען געפענגניס.

ראדאוו איז געוועזן קאַלט וויא אייז. ער האט א קוק געטהאן אויף זיין גאַלדענע אוהר און האט געזאָגט :

— עס צווינגט אייך קיין מענש צו טהאן, וואס איהר ווילט ניט. איך זאג אייך נור, דאס דיא גרעפין שטעלט דיעזע בעדינגונג און וויל דערפון ניט אָבטרעטען.

— וואס פיר איין אינטערעסע האט זיא אין זיין בעפרייאונג ?

— איך ווייס ניט. פיעללייכט איז דאָס פון איהר איין פעריקטער איינפאל, און פיעללייכט האט זיא איין אורזאכע, וועלכע וועט זיך שפעטער ארויסווייזען. קורץ און גוט, זיא פערלאַנגט, דאס פראנץ שטאַנד זאל ניט געשיקט ווערען אלס געפאַנגענער אין אַנשטאלט, זאנדערן, דאס ער זאל ביז מאָרגען אנטלויפען פון געפענגניס.

אָטטא איז ארומגעגאנגען אייניגע מאל איבער'ן צימער. ער האט געטראַכט און געטראכט, ער האט געמאכט טויזענדע פלענער, האט געהאט טויזענד אידעען, אבער דאך איז ער צו קיין בעשלוס געקומען.

פלוצלינג איז ער געבליעבען שטעהן פאר דעם פערוואַלטער.

— הערר ראַדאָוו, האט ער געזאָגט מיט א שארפען טאָן — האט איהר מיר ווירקליך געזאָגט דיא וואהרהייט ?

ראדאָוו האט געלאַכט :

— אַה, איהר גלויבט מיר ניט.

— יאָ, איך גלויב ניט דאס דיא גרעפין העדוויג האָט גראָדע פון מיר פערלאַנגט איך זאָל בעפרייען דעם געפאנגענעם.

— וויא קומט איהר צו דיעזער אידעע ?

— איך גלויב דאס ניט דיא גרעפין, נור דאס איהר אליין פערלאַנגט עס פון מיר.

דער פערוואַלטער האט געשאָקעלט מיט מיט זיין קאָפּ און האט געזאָגט :

— מיין צייט איז געמאָסטען. איך האב אייך געזאגט וואס איהר זאלט טהאָן איהר קענט ערפילען דער גרעפינ'ס פערלאַנג אָדער ניט. מאכט אָבער מיר קיינע

פארווירפע. איך האב אייך געזאגט דיא בעדינגונג פאר וועלכער איהר קענט מאכען אייער לעבענס גליק.

— אבער איך זאג אייך נאך אמאל, אז דאס איז אונמעגליד.

— דאן ליעבט איהר ניט דער גרעפין. אדיע, איך מוז געהן.

דער פערוואלטער איז אוועקגעגאנגען אהנע צו זאגען נאך א ווארט. ער האט עס געפונען פאר וויכטיג, ניט צו פערגרעסערען אטטא'ס פערדאכט, דערמיט וואס ער וועט זיך בעמיהען איהם איינצוריידען. ער האט בעסער געוואלט שפיעלען דיא ראלע פון איינעם וואס האט געבראכט איין אויפטראג און האט מעהר מיט דער זאכע ניט צו טהאן.

וויא אזוי אטטא קען לעזען דיעזע שווערע אויפגאבע איז פאר דעם פערוואל־טער אליין געווען א רעטעניש. ער האט אויך געצווייפעלט דאס אטטא וועט עס אויספיהרען; אבער דערפון איז ער דאך געווען איבערצייגט דאס דער יונגער מאן וועט וועניגסטענס אלעס אנווענדען אום צו בעפרייען דעם געפאנגענעם פראנץ שטאנד.

יעדענפאלס האט ראדאוו בעוויעזען דאס ער איז א חיטרער און פארזיכטיגער מענש, וועלכער בעטראכט אלע טשאנסען פון זיין האנדלונג, און וועלכער איז ניט צו האסטיג אין זיינע אונטערנעהמונגען.

מיט דיעזע געדאנקען איז פאול ראדאוו אוועק א היים. אבוואהל, ער וואר ניט זיכער, דאס דער פלאן וועט אויסגעפיהרט; דאך האט ער געוואוסט, אז, אטטא וועט אלעס אנווענדען אום דעם פלאן אויסצופיהרען. איהם אליין איז געווען פאל־שטענדיג אונמעגליך צו ערפילען דער גרעפינ'ס פערלאנג. ער האט זיך געמוזט איבערלאזען דעם שיקזאל און האפען, דאס אטטא וועט אלעס אנווענדען אום דעם פלאן דורכצופיהרען.

אלס ער איז אין זיין וואהנונג געקומען האט ער זיך געווארפען אין שטוהל, האט פערווארפען זיין קאפ, האט צוגעמאכט דיא אויגען און האט געטראכט און געטראכט.

— טייפעל! — האט ער זיך געשאלטען — איך וויים ניט וואס איך זאל אנ־פאנגען צו טהאן? אלעס וואס איך האב געטהאן איז געווען צוליעב מיין קינד, ענד־ליך וויל מיין קינד ווערען מיין פעררעטהערין. הא, הא, הא! — האט ער ענדליך גע־לאכט — דיא זופע ווערט קיין מאל ניט געגעסען אזוי היים וויא עס ווערט געקאכט. זיא וועט זיך אויך היטען, זיא האט זיך זאגאר זעהר שטארק צוחיצט, זיא האט איהרע עלטערען בעליידיגט, אבער זיא וועט דאך ניט געהן אזוי וויט דאס איך און

איהר מוטער זאָלען פערלאָרען נעהן אין ארמוטה און שאנדע. איך בין געווען א נארר וואס האט זיך געלאָזט איבערשרעקען. איך דארף נעהמען שפּיעלען אויף איין אנדער סטרונע. לאנגזאם און ביסלעכוויים זאל העדוויג ערפאהרען דאס זיא מוז אויך איינגעהמען מיינע פּיללען.

אין דער צייט ווען פּאול ראדאָוו האט זיך געפונען אליין און האט דיא יונגע גרעפין פאר זיך ניט געהאט, וואר ער זעהר מוטהיג, ער האט געקענט דיא גאנצע וועלט איבערמאכען.

אבער פּלוצלינג האט מען אנגעקלאַפּט אין טהיר און איידער ער' האט געהיי־סען אריינקומען האט זיך דיא טהיר געעפענט און העדוויג איז אריינגעקומען.

פּאול ראדאָוו איז פּערציטערט געוואָרען. וואָס וויל זיא יעצט פון איהם?

— זיין מוטה איז פּלוצלינג פערשוואונדען. מיט שרעק און פירכטערליכע ער־ווארטונג האט ער אנגעקוקט זיין טאָכטער.

— זיא וואר יעצט דאָרט? — האט העדוויג געפרעגט.

— בין איך דען פערפּפליכטעט צו געבען אייך רעכענונג פון אלעס וואס איך טהו און טראכט? — האט ער געענטפערט מיט אויפרעגונג.

— ווען איך וועל עס פערלאנגען וועט איהר עס געוויס מוזען טהאן. אָבער וואצו זאָלען מיר זיך אומזיסט קריעגען. מיין פראגע האט איין אורזאכע.

— וועלכע אורזאכע? — האט דער פערוואלטער געפרעגט.

— ווייל איך רעכען דאס איהר האט שוין עטוואָס געטהאן פאר פראנץ שטאנד'ס בעפרייאונג.

— דאס איז אויך ריכטיג.

— זיינען מיר דא אליין, וועט אונז קיינער ניט שטערען?

— יא.

— דאן הערט, איך וועל מיט אייך גאנץ רוהיג נאך עטליכע ווערטער בע־שפּרעכען.

— איך בין בערייט, — האט דער פערוואלטער געזאָגט.

— עס האנדעלט זיך, — האט העדוויג אנגעפאנגען צו זאָגען — דאס ווען פראנץ שטאנד וועט אנטלויפען, א זאך וועלכע מוז געשעהן. דאן זאָל ווערען נאך א ווי־טיגע זאך, נעמליך דאס פראנץ שטאנד זאָל בעזאָרגט ווערען ער זאָל קענען זיכער בעהאלטען זיך פון זיינע פערפאָלגער, דען מען דארף דאך ערווארטען דאס מען ווי־יהם זוכען מיט ליכט.

— עס שיינט דאס איהר האָט שוין אַ פּלאַן וויא איהם צו פערזאָרגען ? — האט ראדאָוו געזאָגט.

— יאָ. נור זאָגט מיר, האט איהר שוין געטראַכט, וואו פראַנץ זאָל געבראַכט ווערען ?

— איך ווייס נאך ניט, וואו מען קען איהם אהין טהאָן, — האט ראדאָוו גע־ענטפערט.

— עס איז זעלבסט פערשטענדליך דאס מען דאַרף דאס אלעס דורכפיהרען אין אזא וועג דאס דער פערדאַכט זאָל אויף אייך ניט פאלען, — האט העדוויג געזאגט.

— נאַטירליך !

— דאן וועט דאך קיינעם ניט איינפאלען צו זוכען איהם ביי אונז אין הויז ?

— איהר דענקט דאך ניט דאס מיר זאָלען איהם דא בעהאלטען ?

— דאס וואָלט געווען צו געפעהרליך. איך ווייס עס, מיר האבען דאָ קיין בעהאלטענעם פּלאַץ. אונזער פּאלאַסט ליעגט ביי דער הויפּט־שטראַסע, ניין, ניין, דאס געהט ניט. איך מיין עטוואָס אנדערס. — האט זיא געענטפערט מיט א שמייכעל.

— און וואָס איז דאָס ?

העדוויג האט זיך אַ ווײַלע פערטראַכט. אָבוואהל, זיא האט שוין געהאט א בעשטימטען בעשלוס, דאך האט זיא געמאכט דעם אנשטעל גלייך וויא דער פּלאַן איז אין איהר הערצען ניט אין גאַנצען פערטיג, גלייך וויא זיא האט עס נאך צו בעדענקען.

— הערר ראדאָוו, איך האב מיט אייך שוין געשפּראָכען פון מיין אייגענטהום אין דיא בערג ?

— יאָ.

— איהר וועט צוגעבען דאָס עס גיבט קיין בעסערער פּלאַן, וואו צו בעהאַל־טען זיך אלס אין דער דארטיגער הייזעל. האט איהר עס אמאָל געזעהן ?

— ניין.

— זאָגט איהר דיא וואהרהייט ? — האט זיא געפרעגט אין אַ שאַרפען טאָן.

— איך ווייס ניט ווארום איך זאָל אייך זאָגען אַ ליגען, — האט ער פּטר־דריסליך געענטפערט.

— זייט איהר דאָרט קיין מאָל ניט געוועזן ?

(Mil. 23).

— קיין מאָל ניט.

— נון זאָל עס אזוי זיין. אין יענעם הויז האט ער פאר זיך דיא בעסטע בעד־העלטעניש.

דער פערוואלטער האט געמאכט איין איבערראשטע מינע.

— איהר מיינט עס דאך ניט ערנסט, גרעפין? דער גאנצער פערדאכט וועט דאך אויף אייך פאלען.

— איך מיין אָבער דאס אזוי וויא קיינעם וועט ניט איינפאלען דאס מיר האבען בעפרייט דעם מערדער פון מיין פאטער, דארום איז ער ביי אונז זיכערער וויא איבעראל. אין מיין הויז וועט איהם קיינער ניט זוכען.

— וויא? איהר מיינט דאך ניט דאס ער זאָל אימער ביי אייך בלייבען?

— געוויס ניט, עס האנדעלט זיך וויא איהם צו ברענגען אין א זיכערען אָרט. וואָס ער זאָל נאכדעם טהאן, וואוהין ער זאָל געהן, דאָס וועל איך מיט איהם אליין בעשפרעכען.

— און וואָס דארף איך דערצו טהאן?

— גאנץ איינפאך, אזוי שנעל וויא איהר וועט איהם ארויסנעהמען פון גע־פענגניס, זאָלט איהר איהם ברענגען אין מיין הויז.

— איך פערזענליך זאל איהם ברענגען?

— יא.

— פערלאנגט איהר דאס איך זאָל אייך מאָרגען געבען איין אנטוואָרט?

— דאס קענט איהר דאך טהאן. איהר פאָהרט דאך מיט דעם קוריער צוג ניט מעהר וויא צוויי שטונדען.

— ווער איז יעצט אין יענעם הויז?

— עס שטעהט לעער, בלויז איין אלטער הויזקיפער וואָהנט דאָרט.

— דער הויזקיפער מוז אנפערטרויט ווערען?

— דאס איז ריכטיג.

— און וויא אזוי זאָל דאס געשעהן?

העדוויג האט זיך א ווײלע פערטראכט דאן האט זיא געזאָגט:

— איך וועל אהין פאָהרען, און צוואר נאך היינטע. איהר הערר ראדאָוו וועט זעהן, דאס קיינער זאָל ניט וויסען פון מיין רייזע.

— אָבער אייער קאמער־מעדכען?

— איך וועל זיא היינטע שיקען פריי.

— און ווען וועט איהר צוריק קומען? — האט ראדאָוו געפרעגט.

— מאָרגען פריה. איך וועל נעהמען דעם וועג דורך דעם גארטען און איך האָף דאס איך וועל צוריק קומען גאָר אונגעשטערט.

— און ווען מיר וועלען איהם בעפרייען ביז יענער צייט, וועל איך דאָך דאָ ניט זיין ווען איהר וועט צוריק קומען ?

— דאס זאָל אייך ניט קימערען. איהר בעפרייט דעם אונשולדיגען פון געפענגנים איך וועל שוין זאָרגען וואו ער זאָל זיך קענען בעהאלטען.

דער פערוואלטער האט געקעמפפט מיט זיין פערלעגענהייט.

ער האט העדוויגען פערשפראָכען אויסצופיהרען דאס פראנץ שטאנד זאָל אנטלויפען, אבער דאָך האט ער געפיהלט דאס עס וועט איהם ניט געלינגען, און דאס ער מוז נאטירליך אנוועגדען אלע זיינע קרעפטען צו בעהערשען זיין אייגענע טאָכטער, וועלכע וויל איהם טרייבען צו פערצווייפלונג.

יעצט אָבער האט העדוויג געמאַכט אזא פלאן, דאס ער קען זיך פון איהם ניט אויסדרעהען און דאס ער קען זיא אויך ניט נארען. מאָרגען מוז שוין אָנפאנגען דער אָפענער קאמפף צווישען איהם און איהר; דען מאָרגען וועט זיא ערווארטען צו זעהען פראנץ שטאנד א פרייען מאן און מארגען וועט זיא זעהן דאס איהר פאטער האט זיא גענארט מיט פאלשע פערשפרעכונגען.

דער פערוואלטער האט ניט געאהנט דאס אין דיעזער דראמע שפיעלען נאָך אנדערע קרעפטיגע שוישפיעלער, און דאס יענע אקטיאָרען שטעהן מיט איהם אין איין לאגע.

ווען ער וואָלט דאס געוואוסט, וואָלט ער נאטירליך געוועזן זיכערער געגען דער גרעפין. ער האט עס אָבער ניט געאהנט און דארום האט ער געציטערט פאר זיין צוקונפט.

— איין זאך מוז איך בעמערקען, - האט ער צו העדוויגען געזאָגט,—און צוואר אויך טוואס ווא : שטע ה ניט אין אונזער א מאך.

— און וואס איז דאס ? — האט העדוויג געפרעגט אין א שטרענגען טאָן.

— דאס איהר זאָלט ניט מאַכען אזעלכע פלענער, פון וועלכע איך זאָל דענקען דאס איהר שטעהט אונז אין וועג.

— אייערע ווערטער זיינען פאר מיר דונקעל. ערקלעהרט עס דייטליכער. — האט העדוויג געזאָגט.

— עס איז איינפאך. איך ווייס נאך ניט וויא אזוי פראנץ שטאנד זאָל בעפרייט ווערען. איהר וועט מיר דאך צוגעבען אז דאס איז א שווערע ארבייט, עס איז גאנץ מעגליך דאס עס וועט זיין נויטהיג צו אנטלויפען מיט איהם אין א

גאנץ אנדער געגענד, זאָ דאס עס וועט זיין גאנץ אונמעגליך צו קומען מיט איהם נאך אייער וואָהנונג. — האט ראדאָוו ערקלעהרט.

— דאס פערשטעה איך, און אין דיעזען פאל וועט איהר צו מיר דעפעשירען. איך וועל דאָרט זיין ביז צוועלף אוהר האלבע נאכט. גאנץ פריה אום 4 אוהר וועל איך היער וויעדער זיין.

דערמיט האט העדוויג געשלאָסען דעם געשפּרעך.

העדוויג איז באלד אוועק פון פערוואלטער און איז געקומען אין איהר צימער.

דערווייל איז איהר קאמער-מעדכען צוריק געקומען און האט געבראכט צוריק א שרייבען פון דעם אָרט וואוהין העדוויג האט זיא געשיקט. עס וואר יעצט קיין צווייפעל דאס זיא איז געוועזן וואוהין העדוויג האט זיא געשיקט.

— דוא האסט דיין ארבייט גוט געמאכט און דאפיר וועל איך דיך בעצאָהלען.

— וועט איהר מיר געבען מיין וואקיישאן? — האט דיא קאמער-מעדכען געפרעגט.

— יא, אָבער ווען ווילסט דוא עס האבען?

— הייטע.

— ווילסט דוא פעררייזען?

— יא גנעדיגע גרעפין. מיין געליבטער וויל מאכען א קורצע רייזע.

— פון מיינטוועגען קענסט דוא מיט איהם פאהרען. אָבער ביז מאָרגען מיטאג מוזט דוא צוריק זיין. מיין מאמא קען נאך קומען און זיא דארף ניט וויסען......

— אה, איך קום פינקטליך צוריק. איך גיב אייך מיין שעהנעם דאנק.

— גוט, גוט. דוא קענסט שוין געהן, איך דארף דיך ניט מעהר. ווען בעגעגענסט דוא דיין געליבטען?

— ער ווארט אויף מיר אונטען, איך וועל איהם געבען מיין אנטוואָרט.

— דאן געה און גיב איהם דיא גוטע נאכריכט.

אין א פיערטעל שטונדע שפּעטער איז דיא קאמער-מעדכען, פאולינא אוועק. זיא האט ניט געאהנט דאס אין דעם הייטיגען וואָקיישאָן ליעגט עטוואס וויכטיגעס. זיא וואר אזוי בערוישט פון דער פריידע, צו אונטערנעהמען דיא לאנג געפּלאַנטע רייזע, דאס זיא האט אויף אלעם פערגעסען.

העדוויג איז צוגעגאנגען צום פענסטער, און ערסט ווען זיא האט זיך איבער־צייגט דאס איהר קאמער-מעדכען איז ווירקליך אוועק, האט זיא זיך אנגעטהאָן אין

רייזע קליידער, האט זיך איבערגעדעקט מיט א מאנטעל און האט פערלאסען דעם שלאָס.

אום מען זאָל ניט בעמערקען דאס זיא האט פערררייזט, האט זיא קיין וואגען ניט גענומען; זיא האט גענומען דעם וועג דורך'ן פארק זאָ דאס מען זאָל מיינען אז זיא איז אוועק שפאציערען.

נאכדעם וויא זיא האט דעם פארק פערלאסען, איז זיא צו פוס געלאָפען מיט דעם קורצעסטען וועג צום וואָגזאל און האט באלד געטראָפען דעם קוריער צוג.

נאך א רייזע פון צוויי שטונדען האט העדוויג פערלאסען דעם וואגאָן. זיא האט זיך געפונען אין רעגענסבורג. אויפ'ן באהנהאָף האט זיא געדונגען א וואָגען, וועלכער איז מיט איהר געפאָהרען ביז אם ענדע פון דאָרף, וואו עס האט זיך געפרנען א שענק-הויז מיט דעם נאָמען „גאָלדענער פויגעל". ביי דיעזען שענק איז העדוויג געבליעבען שטעהן. זיא האט בעצאָהלט דעם קוטשער און האט איהם געהייסען דאס ער זאָל היער בלייבען און ווארטען אויף איהר איינינע שטונדען ביז זיא וועט צוריק קומען.

דער קוטשער האט געמאכט איין אונענטשלאָסענע געזיכט. ער האט זיך ניט געקענט בעשליסען. פון איין זייט האט ער ניט געוואָלט פערלירען דיא פערדינסטע, וועלכע ערווארטען איהם; פון דער אנדערער זייט אָבער האט ער מורא געהאט פיעללייכט מאכט מען דאס מיט איהם א שפאס.

העדוויג האט עם פערשטאנען. זיא האט ארויסגענומען צעהן מארק און האט צו איהם געזאָגט:

— אויב איהר ווילט מיר ניט געטרויען דאן וועל איך אייך געבען דיעזע צעהן מארק איהר זאָלט דאָ אויף מיר ווארטען.

— ניט מיר נור דאס געלד און איך וועל אויף אייך שוין ווארטען.

העדוויג האט איהם געגעבען דאס געלד און האט איהם נאך פערזיכערט דאס זיא וועט איהם געבען נאך געלד ווען זיא וועט צוריק קומען און דאס ער סען דאָ עסען און טרינקען אויף איהר רעכענונג, און דאן איז זיא אוועק.

נאך איין האלבע שטונדע גאנג איז זיא אנגעקומען אין א ווילדען, ראמאנטישען געגענד. קלאָהרער קוואל האט געפלאָסען זעהר שנעל און צווישען דיא בוימער האט געבלאָזען איין אנגענעהמער ווינד. פלוצלונג איז העדוויג געבליבען שטעהן.

העדוויג איז באלד געבליבען שטעהן ביי איין איינשטאָקיגעס הויז, וועלכע האט געהאט דעם אויסזעהן פון א ווילעדזש הויז און אייך פון א יאגד שלאָס.

דאס ווער דאָס הויז פון וועלכען העדוויג האט איינינע מאל געשפראָכען,

אלס דיא וואָהנונג וועלכע זיא וועט אננעהמען און וועט עס אנרופען מיט דעם היסטאָרישען נאמען קלעאָפּאַטרא.

דאָס וועטער וואר קלאָהר, פון הימעל האט געשיינט דער מאָנד מילד און פריינדליך. ארום און ארום וואר דונקעל און רוהיג, און דיא געביידע אליין האט אויסגעזעהן גלייך וואו קיין לעבעדיגער מענש האט זיא ניט בעוואָהנט.

העדוויג האט זיך ארומגעקוקט. זיא איז דעם איינזאמען וועג איבערגעלאָפען אָהן איין מורא פאר געפאהר. ווען זיא איז אבער געקומען צום הויז, איז איהר בעפאַלען א פורכט.

זיא האט זיך איינגעהערט מיט איין פערשטיקטען אטהעם.

אלס קיין גערויש, קיין שטימע איז פון קיין זייט ניט געקומען, האט זיא גענומען דעם קלאַפּער, וועלכער איז געהאנגען אויפ'ן טהיר און האט אנגעפאנגען צו קלאַפּען.

באַלד האבען זיך דעהערט שוואכע טריט און דורך דעם גרויסען קונסט-פאָלען שלאָס האט יעצט דורכגעשיינט א ליכט.

— ווער קלאַפּט? — האט זיך פון אינוועניג געהערט א שטימע.

— וואלטער, איך בין דאס?

— דיא גנעדיגע גרעפין?

— יא. איך בין עס.

יעצט האט מען געהערט וויא א שליסעל האט זיך איינינע מאָל געדרעהט אין שלאָס און דאן האט זיך דיא טהיר געעפענט.

העדוויג האט זיך איינגעקוקט אין דעם אַלטען מאַן'ס געזיכט. זיין מינע וואר פון א דינער, וועלכער האט פון זיין יוגענד אָן געלעבט אויף דיעזער שטעלע. ער האט געטראָגען איינפאכע קליידער; אָבער ניט אכטענדיג וואס עס וואר שוין אזוי שפעט, האט ער דאך געטראָגען א ווייסען קראגען מיט א ווייסען האלדטוך.

דער אַלטער וואלטער האט זייט פיעלע יאָהרען דאָ געוואָהנט. ער האט דעם גאנצען פּלאַטץ פערוואַלטעט, ער האט געזאמעלט דאס געלד פאר דאס לאַנד, וועלכע האט געהערט צום גראף און וואר פערדונגען צו דיא ארומיגע בויערען; ער האט געזאָרגט דאס אלעס זאָל דאָ בלייבען אין אָרדנונג און האט געפיהרט איין גאַנץ אנשטענדיגען עהרליכען לעבען.

ער וואר אליין.

ווייל ער האט דאָ געלעבט א לאַנגע צייט איינער אליין, האט ער ניט גע-פיהלט דיא איינזאמקייט. ער וואר אימער צו הויזע, ער האט זיך אליין געקאָכט

זיין עסען. זעהר זעלטען האט עס געטראָפּען, דאס ער איז געגאַנגען אין דעם דאָרף, וואו ער האט געטרונקען זיין ביער.

ער וואר נאַטירליך ניט אונבעקאנט אין דעם געגענד, דאָך האט ער ניט גע־האט קיינע פריינדע און קיינע פיינדע. מען האט איהם איינפאך געהאַלטען פאַר א מערקווירדיגען מענשען. און א מערקווירדיגער מאן איז ער אויך געווען, דערמיט וואָס עס האָט קיין טאָג ניט געגעבען אין וועלכען ער האט אין דער פריה ניט אָנ־געטהאן זיין ווייסען האַלדטוך און האט איהם אויסגעטהאָן איידער ער איז געגאַנגען שפעט שלאָפען.

זיין געזיכט האט יעצט געהאט איין ערשראָקענעם אויסדרוק, ער האט זיכער קיין בעזוך ניט ערוואַרטעט צו דיעזער שטונדע, נאָך מעהר האט איהם איבעראַשט דאס דיעזער בעזוך איז געמאכט געוואָרען פון דער יונגער גרעפין.

— גנעדיגע גרעפין, — האט ער געזאָגט, — צו דיעזער שטונדע, און איך האב קיין זאך ניט פאָרבערייט.

— אָה, קימער זיך ניט וועגען דעם. דוא קענסט פערשטעהן, דאס עטוואָס וויכטיגעס האט מיך צו דיר געבראַכט, איך האב מיט דיר עטוואָס צו שפרעכען.

וואַלטער האט אַליין אריינגעפיהרט דיא גרעפין אין הויז, און האט זיך מיט איהר בעגעבען אין א הינטערסטען צימער.

— דאַרף איך עטוואָס ערפרישונג אריינברענגען, גנעדיגע גרעפין?

— איך דאַנקע. העכסטענס ווען דוא האסט א גלאָז ווין איז דאס העכסטע וואָס איך קען געניסען.

דער דיענער האט געלאַכט.

— איהר ווייסט גרעפין, דאס איך בין שוין זייט פיעלע יאהרען דעם גראַף'ס דיענער, און איך גלויב, דאס קיינער קען מיך ניט פערקלאַגען פאַר עטוואָס אונעהר־ליכעס. דער ווין־קעלער איז פאָל, איהר פיהרט א פאָלשטענדיגען בוך איבער אַלעם וואָס אין הויז געפינט זיך. איהר קענט עס רעווידירען.

— אָבער מיין גאָט, וואָצו זאָלט איהר אזוי פיעל רעדען. ברענגט דעם ווין און צוויי גלעזער.

וואַלטער האט געטהאן וויא מען האט איהם בעפאָהלען? ער האט אָנגע־פילט דיא גלעזער, און העדוויג האט גענומען א גלאָז און האט געזאָגט:

— אויף גליק אין אונזער אונטערנעהמונג. —

דער דיענער האט זיא אָנגעקוקט.

— איך וועל דיר ערצעהלען וועגען וואָס דאָ האנדעלט זיך. זאָ הער מיך צו אלטער, עס איז עטוואס וויכטיגעס.

— איך האָף דאָס עס איז קיין אונגליק ניט געשעהן? — האט ער געזאָגט.

— ניין, דאס ניט. ווערסט דוא קענען שווייגען?

וואלטער האט ארויפגעלעגט דיא האנד אויפ'ן הארצען.

העדוויג האט איהם אייניגע מינוטען אָנגעקוקט מיט פאָרשענדע בליקען, און דאן האָט זיא צו איהם געזאָגט אין א ווייכען טאָן.

— וואלטער, זיינען מיר ניט אימער געווען גוטע פריינדע?

— דיא גרעפין וויס, דאס זיא קען זיך אויף מיר צו יעדער צייט פערלאסען.

— וויא ביזט דוא געווען צו אונזער מרים?

— איך האָב זיא בלויז אייניגע מאל געזעהען, און איך גלויב, דאס זיא האט מיט מיר קוים צעהן ווערטער געשפראָכען.

— ווייסט דוא, דאס זיא איז ניט מעהר ביי אונז אין הויז?

— דיא פרוי גרעפין האט עס מיר געשריעבען.

— מיין מאמא? — האט העדוויג געפרעגט ערשטוינט. — צו ליעב וועלכען צוועק האט זיא דאָס געטהאָן.

— דיא פרוי גרעפין האט מיר געשריעבען, דאס איך מוז עס ערפאהרען, וויל עס איז גאנץ מעגליך, דאס מרים זאל קומען אהער זוכען שוטץ און וואָהנונג.

— וועלכען אויפטראג האסט דוא דאן ערהאלטען?

דאס איך זאל איהר ווייזען דיא טהיר.

העדוויג האט פערקנייטשט דעם שטערען, זיא האט אין דעם געפונע נאך איין אונגערעכטיגקייט פון איהר מוטער, וועלכע וואר זעהר טיראניש.

— ווייסט דוא, וואלטער, דאס איך בין דיין פריינדין זייט איך בין געווען א קינד? — האט העדוויג איהם געפרעגט.

— דער אלטער האט געלאכט.

— וויא לאנג ביזט דוא שוין אין אונזער הויז?

— אונגעפעהר דרייסיג יאָהר.

— האסט דוא געקענט מיין פאטער'ס ערסטע פרוי?

— אָה, איך האב זיא געזעהען. זיא וואר שעהן וויא א בילד און גוט וויא אן ענגעל.

— זיא וואר קיין דייטשע פרוי?

— ניין, זיא האט אויסגעזעהען צו זיין איין איטאליענערין.

— און ביידע האָבען דאָס קינד געבראַכט נאָך דייטשלאַנד ? — האט הערוויג געפרעגט.

דער דיענער האט גענייגט זיין קאָפּ.

— יאָ, אזוי איז דאס. שוין דאמאלס האט מען געמונקעלט אלערליי זאכען, און קיינעם האט זיך ניט געגלויבט, אז מרים איז דאס קינד פון גראף און זיין ווייב. נאטירליך האבען מיר געשוויגען. אבער דיא מיטטהיילונג, וואָס דיא גרעפין האט מיר געמאכט, צייגט דאס מיר ווארען גערעכט.

— עטוואָס בעשטימטעס האסט דוא ניט געוואוסט ?

— ניין.

— האָט דער גראַף דיר קיין מאל דאריבער גאָר נישט געזאָגט ?

— אה, האט דער דיענער געלאכט. — דער שטאָלצער גראַף האט ניעמאלס פערטרויט איינעם פון אונזערע לייטע, דיא געהיימנים פון זיין הערצען.

— אָה, אָבער דער אלטער קלעמענס וואר דאָך גאַנץ אנדערש. איך קען אייך וועטען, דאס דער אלטער פוקס וויים אזעלכע געהיימנים פון מיין פאטער, פון וועלכע מיר האבען גאר קיין אהנונג.

— קלעמענס, דער שלעכטער, יאָ, יאָ. דיעזער פוקס האט פערשטאנען — — דער אלטער האט געמורמעלט נאָך איינינע ווערטער צו זיך, וועלכע האבען געקלונגען וויא א קללה, אבער דיא גרעפין העדוויג האט זיי ניט פערשטאנען.

— עס טהוט מיר לייד, וואָס דוא קענסט מיר עטוואט מעהר ניט מיטטהיילען. אבער יעצט וויל איך רעדען וועגען דעם צוועק פון מיין בעזוך. איך זאג דיר נאָך א מאל, דאס איך האָף, אז דוא קענסט האלטען א סוד.

— איהר קענט זיך אויף מיר פערלאָזען, גנעדיגע גרעפין.

— און וועסט דוא מיר שווערען אויף דיין טריההייט צו טהאָן אלעס, וואס איך וועל פון דיר פאָדערען ?

דער אלטער דינער האט זיא אָנגעקוקט. וואס קען זיא פון איהם פערלאנגען? עס האט איהם געשיינט, אז העדוויג איז אויפגערעגט, זייט דער גראף איז געשטאָרבען, איז איהם א סך זאכען געווען אויפפאלענד. אלעס וואר א רעטעניש אויף א רעטעניש. יעצט האנדעלט זיך וועגען נאָך א רעטעניש ; זיא וויל געוויס בעגעהן א דונקעלען טהאט.

— איהר ווייסט דאָך, דאס איך וועל פאר אייך געהן אין פייער און אין וואסער, גנעדיגע גרעפין. איך וועל אייך געוויס געהאָרכען.

— עס האנדעלט זיך צו רעטען איין אנטלאפענעם פון געפענגניס — האט זיא געזאגט נאך א קורצען איבערלעגען.

וואלטער האט זיך ערשראָקען.

— איין ארעסטאנט ? מיינט איהר א פערברעכער אדער איין אונגליקליכען?

— עס איז אלעס צוזאמען. איין ארעסטאנט איז ער, פאר איין פערברעכער האלט מען איהם, איין אונגליקליכער איז ער, דען ער ליידעט אומזיסט.

וואלטער האט דיא גרעפין אָנגעקוקט.

— וויא זאל איך עס פערשטעהן, גנעדיגע גרעפין ? וועגען וועמען האנדעלט עס זיך ?

— האסט דוא געלעזען פון מאָרד־פּראָצעס אין מינכען ?

— איהר מיינט וועגען דיא ערמאָרדונג פון גנעדיגען גראף?

— יא. א געוויסער פראנץ שטאנד איז פאר דעם מאָרד פעראורטהיילט געוואָרען.

— און דיעזען פראנץ שטאנד ווילט איהר דא בעהאלטען? איהר ווילט רעטען אייער פאטער׳ס מערדער ?

— ער איז ניט דער מערדער.

— וויא קענט איהר דאס וויסען ? דיא ריכטער האבען איהם פעראורטהיילט און זיי וויסען, וואָס זיי האבען געטהאָן.

— מיר וועלען דעריבער ניט שטרייטען. — האט העדוויג אויסגערופען. — איך זאג דיר, אז פראנץ שטאנד איז אונשולדיג און דאס איז גענוג. מען וועט איהם אהער ברענגען, און עס האנדעלט זיך, מען זאל איהם דאָ בעהאלטען.

— איך וועל אייער בעפעהל ערפילען. אבער האט איהר שוין בעדאכט וואָס דערפון קען ווערען ?

— איך האב אלעס בעדאכט.

— ווען מען געפינט עס אויס! וועגען מיר וויל איך ניט רעדען; אבער איהר גנעדיגע גרעפין, איהר וועט אויך בעשטראפט ווערען!

— איך ווייס, אז עס וועט זיין שלעכט, ווען דאָס וועט ענטדעקט ווערען. אבער איך וויל דוא זאלסט זאָרגען, מען זאָל עס ניט אויסגעפינען.

— וואָס זאָל איך טהאָן ?

— דאס וויל איך יעצט בעשפרעכען. פיהר מיר דורך דיא צימער פון דיעזען הויז.

ער דיענער האט עס געטהאָן. ער האט גענומען א ליכט, און איז מיט דער

גרעפֿין דורכגעגאנגען אייניגע צימער. ווען זיי זיינען ווידער געקומען צום ערסטען צימער, האט העדוויג געזאָגט.

— נו, וואלטער, ווייסט דוא יעצט וואס דוא האסט צו טהאָן?

— דער אַלטער האט גענייגט מיט זיין קאָפּ.

— יעצט וויל איך מיט דיר פּלוידערען. זאָג מיר נור, וואס מאכט דיין שוועסטער אוראַלזא?

— דיא שוועמלעך - קלייבעריןּ, — האט דער אַלטער געלאכט. — איך זעה זיא זעהר זעלטען. זיא לעבט נור פאר זיך, און רעדט מיט קיינעם. איך זעה זיא זעהר זעלטען.

— און דיין ניכטע, דער וואַלד־ענגעל?

— אויך זיא האב איך לאנג ניט געזעהן. זיא ווערט יעדען טאָג שעהנער און גרעסער. איך פערשטעה נור ניט, ווארום זיא האט נאך ניט געהייראַטה?

— וויא דוא שילדערסט מיר, דארף זיא זיין א מערקווירדיגע שעהנהייט. איך וואָלט זיא א מאָל וועלען זעהן.

— דאס קענט איהר בעווייזען. איך קען זיא ברענגען אהער.

— ניין. — האט העדוויג האסטיג געזאגט. — איך וועל זיא בעסער בעזוכען אין איהר הויז, ווען דוא וועסט מיך פיהרען צו איהר וואָהנונג אין וואלד. נאַטירליך ניט הייטע. איך רייז צוריק מיט דעם נעכסטען צוג. אבער גאנץ קירצליך וועל איך אהער פערקלייבען אויף א גאנץ לאנגע צייט. זעהט נור דאס אלעס זאל דא געבראכט ווערען אין אָרדנונג.

— קומט איהר אהער אַליין?

— מיט מיין קאמער־מעדכען.

— און א׳יער מוטער?

— ניין. זיא קומט ניט אהער.

— זאל איך בעשטעלען א קעכין?

— פאָרלויפיג איז עס ניט נויטהיג.

— ווען קומט אהער דער אנטלאָפענער?

— דאס קען איך נאך ניט זאגען. האסט דוא איהם א מאָל געזעהן?

— זיין בילד האב איך געזעהן אין דיא צייטונגען, אבער זיין בילד וואר אזוי שלעכט, דאס מען קען זיך גאר ניט פאָרשטעלען, וויא ער זעהט אויס.

— נון, איך קען אייך זיין פאָטאָגראפיע ווייזען, אום איהר זאָלט איהם ער־קענען. איך האב זיין ריכטיגע פאָטאָגראפיע געקראָגען.

— וויא, איהר גרעפין? — האט דער דיענער געפרעגט ערשטוינט.

העדוויג האט ארויסגענומען א בילד און האט זיא איהם דערלאַנגט.

— היער, האט זיא דאן געזאָגט. — קוק זיך גוט איין און נעהם אריין אין קאָפּ אלע זיינע געזיכטסציגע, דוא קענסט פאהרען צוזאמען מיט מיר, און ערוואַרטען איהם אין רעגענסבורג, אָדער דוא וועסט דאָ ערהאַלטען א דעפּעשע.

— וועט איינער איהם בעגלייטען?

— וואהרשיינליך אונזער הויז־פערוואַלטער. דוא קענסט איהם דאָך.

— אויב איך קען איהם?

דער דיענער האט עס געזאָגט אין א טאָן, וועלכער האט געקלונגען זעהר פערדעכטיג.

העדוויג האט עס גוט בעמערקט. זיא האט אבער קיין וואָרט ניט געזאגט.

עס איז ענדליך געקומען דיא צייט, זיא זאל צוריק פאָהרען. דער אלטער דיענער, וועלכער האט דאָ א לאַנגע צייט פערבראכט, האט זיא געפיהרט אויפ'ן קירצעסטען וועג צום שענק פון דאָרף.

אַבוואָהל עס וואר שוין שפּעט, דאך האבען זיך נאך געפונען צוויי געסט אין שענק. זיי וואָרען צוויי עלטערע העררען.

— ווער זיינען דיעזע העררען? — האט העדוויג געפרעגט דעם דיענער.

— איינער איז דער גייסטליכער און דער צווייטער איז דאָקטאָר בער. — האט דער דיענער געענטפערט.

עס וואר ניט מעהר וויא נאַטירליך, דאס דער גייסטליכער און דער דאָקטאָר האבען מיט אויפמערקזאמקייט בעטראכט דיא יונגע דאמע, וועלכע איז מיט דעם דיענער אריין אין שענק.

העדוויג האט זיך דערפון געפיהלט אונאַנגענעהם. זיא האט זיך איינגעזעהן, דאס עס איז אומזיסט צו שפּיעלען דא אין בעהעלטעניש. מען וועט דאך שפּעטער נאכפרעגען ביי'ן דיענער, ווער דיא דאמע איז, און דער נאכפרעגען קען ווערען געפעהרליך פאר איהר אונטערנעהמונג.

זיא האט דארום גענומען רעדען מיט דעם דיענער אין א הויכען קול, און האט גערעדט פון אזעלכע זאכען, זא דאס דיא העררען זאלען וויסען ווער דיעזע דאמע איז.

— ווען קומט צו דיר דיין נעפּפע? — האט העדוויג געפרעגט זעהר לויט.

— דאס קען איך גענוי ניט זאָגען, גנעדיגעס פרייליין. אבער יעדענפאַלס ערוואַרט איך איהם מאָרגען.

— ער וואר אין אמעריקא?

— יא.

— וויא לאנג?

— צוויי יאהר.

— און פריהער?

— פריהער האט ער געלעבט ביי מיינע א פערשטארבענע שוועסטער אין רוססלאנד.

— נון, אין אמעריקא האט ער זיך געוויס אויסגעלערנט צו ארבייטען. ער וועט דיר קענען פיעל העלפען אין דיינע עלטערע יאהרען.

נאטירליך איז דאס געוועזן א פערשטעלטער געשפרעך, וועלכער האט געהאט א גאנץ אנדער בעדייטונג. דער אלטער דיענער האט פערשטאנען, וואס העדוויג מיינט, און העדוויג האט פערשטאנען, וואס דער דיענער, וואלטער מיינט. ביידע האבען זעהר גוט געשפיעלט דיא קאמעדיע.

פון העדוויג'ס לעצטע רייד, איז וואלטער געווארען שטארק אונרוהיג.

— אך גנעדיגע גרעפין, — האט ער געזאגט. — ווען איך זאל צו אייך רעדען אפען, דארף איך אייך זאגען, דאס איך גלויב ניט, אז שפרינגפעלד, וועט ביי מיר זעהר לאנג קענען אויסהאלטען. ער איז געוואהנט צו פרייהייט, און אבוואהל ער איז געקומען, ווייל ער האט געבענקט נאך זיין היים, דאך גלויב איך ניט, דאס ער וועט זעהר לאנג אויסהאלטען, ער וועט געוויס צוריק אוועק פאהרען, און דאן בין איך ווידער אליין.

יעצט האט העדוויג געהייסען דעם קוטשער איינשפאנען דיא פערד. און דאן זיינען זיי ביידע ארויס פון שענק.

דיא צוויי אלטע העררען, דער גייסטליכער און דער דאקטאר האבען בעגלייט דיא גרעפין מיט לאנגע בליקען. דאן האבען זיי געהערט וויא דער וואגען איז פון שענק אבגעפאהרען.

העדוויג האט דיא צייט אזוי איינגעטהיילט, דאס זיא זאל אין רעגענסבורג ניט דארפען צו לאנג ווארטען אויפ'ן צוג.

נאך דער צוויי שטונדיגער רייזע מיט'ן אייזענבאהן, איז העדוויג געקומען אין מינכען. וועהרענד אין איהר ווילעדזש ווער דיא נאכט א שטילע, איז אין מינכען געוועזן א ווינד און א רעגען. דאס האט העדוויג'ן געפרעהט, ווייל דאס האט איהר געגעבען א בעסערע געלעגענהייט אריינצוגעהן אין הויז און קיינער זאל זיא ניט בעמערקען.

מיט דעמזעלבען וועג, דורך וועלכען העדוויג האט פערלאסען דעם פאלאסט, איז זיא צוריק געקומען.

ווען זיא איז געגאנגען דורך'ן פארק, איז זיא איבערראשט געוואָרען צו זעהן דעם הויז־פערוואלטער, קומענדיג איהר ענטגעגען.

— נון? — האט איהם העדוויג איבערגענומען מיט דער פראגע. — איך האב גאנץ אומזיסט געווארט אויף דער דעפעשע.

— איך האב יעצט געוואלט דעפעשירען.

— האט איהר איהם גערעטעט? — האט העדוויג אונגעדולדיג געפרעגט.

— דאס קען מען מיט צוויי ווערטער ניט ענטפערען. איך וועל עס אייך ערקלעהרען.

העדוויג איז געבליעבען שטעהן.

דער פערוואלטער האט צו איהר יעצט גערעדט אין א שארפען טאָן. דיא מורא און דיא שוואכקייט, וועלכע ער האט הייטע געציינט, איז מיט א מאל פערשוואונדען.

האט זיך דאָ דערווייל עטוואס אבגעשפיעלט, עטוואס וואס האט צוגענומען דיא מאכט, וואס זיא האט געהאט איבער דיעזען פערוואלטער?

— — — — — — — — — — — — — —

איידער מיר קענען שילדערען דעם געשפרעך וואָס העדוויג האט געהאט מיט דעם פערוואלטער, איז נויטהיג מיר זאָלען זיך אומקעהרען צוריק אויף אייניגע שטונדען אין אונזער ערצעהלונג.

באלד וויא דיא יונגע גרעפין האט פערלאסען דעם פאלאסט אום צו פאָהרען נאך רעגענסבורג איז אויך דער פערוואלטער אוועק.

ער איז צום צווייטען מאָל אוועק צו זעהן אָטטאָ'ן. ער האט איהם אבער ניט געטראָפען אויף זיין קווארטיר און דיא ווירטהין האט איהם געזאָגט דאס א געוויסער העדר איז געקומען און האט דעם יונגען מאַן אוועקגערופען.

— וויא האט דער העדר אויסגעזעהן? — האט ראדאוו געפרעגט.

— איך קען עס ניט זאָגען, — האט דיא ווירטהין געענטפערט — עס וואר דונקעל אין קאָרידאָר, און אויסער דעם האט דער העדר אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק דאס ער וויל בעהאלטען זיין געזיכט פון נייגיעריגע בליקען.

— איז דער מאַן שוין דאָ אמאָל געוועזן?

— עס איז מעגליך דאס ער איז דאָ שוין געוועזן אבער איך ווייס עס ניט.

— האט אָטטאָ געזאָגט ווען ער וועט צוריקקומען?

— ער האט געהייסען מען זאָל פאַר איהם פאַרבערייטען עסען אויף 9 אוהר אין אבענד.

— גוט, איך וועל אויף איהם ווארטען.

וועהרענד ראַדאָוו האט אויף איהם געווארט, האט אָטטאָ געהאט איין געשפרעך מיט דעם יונגען מאן, וואָס האט איהם אוועקגערופען אין איינעם פון דיא מינכענער רעסטאָראנען.

מיר קענען דיעזען הערען. עס איז דער גוט בעקאנטער אַרטהור מענצעל.

מענצעל האט אָטטאָ׳ן בעזוכט אין דערזעלבער געלעגענהייט וואָס ראַדאָוו האט אויף איהם געווארט. דער אונטערשיעד וואר נור, וואָס מענצעל איז געקומען מיט זיכערע און קלאָהרע פלענער, וועהרענד פּאול ראַדאָוו האט איינפאך פערלאנגט דאס אָטטאָ זאָל אליין אויסגעפינען דעם פלאַן וויא צו בעפרייען דעם געפאנגענעם.

פּאול ראַדאָוו האט קיין פיעל געלד געהאט. ווען איהם איז זאָגאר געלונגען צו בעשווינדלען דער גרעפין אין געוויסע סומען, דאך וואר עס קיין רייכטהום, און דיא גרויסע סומען, וועלכע ער האט אָטטאָ׳ן געגעבען ווארען פאר איהם איין גרויסער אָפּפער. אנדערש וואר עס אָבער מיט ארטהור מענצעל, ער האט געהאט א גרויסען רייכטהום.

מענצעל׳ס ערסטער וואָרט האָט אזוי געלויטעט:

— אָטטאָ, איהר מוזט אונז העלפען צו בעפרייען דעם פעראורטהיילטען פראנץ שטאנד.

אָטטאָ איז אויפגעשפּרונגען.

וואר עס בלויז א צופאַל וואָס דיעזע אויפפאָדערונג איז צו איהם אין איין טאָג פון צוויי זייטען געשטעלט געוואָרען? אין ערסטען אויגענבליק האט אָטטאָ געמיינט, אז דאס איז איין אפּגערעדטע זאך צווישען דיא צוויי מענער. ער האט זיך אבער באלד בעזאָנען, דאס ביידע מענער פערלאנגען פון איהם ער זאל עס צו קיין לעבעדיגען מענשען ניט ערצעהלען. דערצו האט ער זיך עראינערט דאס פּאול ראַדאָוו האט פאר איהם קיין מאָל ניט עראינערט מענצעל׳ס נאָמען, און מענצעל האט געזאָגט דאס ער זאָל אויף קיין פאַל ניט זאָגען פאר פּאול ראַדאָוו דאס ער האט מיט איהם א בעקאנטשאפט און זאָל אויך קיין צייכען ניט געבען פון דיעזער בעקאנטשאפט.

ער האט דארום בעשלאָסען דאס פּאול ראַדאָוו און ארטהור מענצעל זיינען ניט אין איין בונד, דארום האט ער אויך בעשלאָסען ער זאָל קיין וואָרט ניט זאָגען פון פּאול ראַדאָוו׳ס פאָרשלאג.

— איהר שטעלט מיר ווירקליך א שוויערע אויפגאבע, און איך ווייס ניט וויא מען קען זיא אויספיהרען ? — האט אַטטאַ געזאַגט.

ארטהור מענצעל האט זיך צולאכט.

— יונגער מאן! — האט ער געזאַגט — איהר האט דאמאָלס אייער אויפגאבע גאנץ מייסטערהאפט דורכגעפיהרט, און איך צווייפעל ניט דאס עס וועט אייך יעצט אויך געלינגען. נאטירליך, איהר וועט עס ניט דארפען טהאן אומזיסט, איך וועל אייך געבען א גוטע בעלאָהנונג, און אויסער דעם בין איך זיכער, דאס מיר קענען בעשטעכען דיא בעאמטע.

— דאס איז לייכט געזאַגט, איך האב אָבער קיין בעקאנטשאפט מיט דיא בעאמטע.

— איך וועל אייך דערצו העלפען, — האט מענצעל געזאַגט — איהר קומט נור מיט מיר איך וועל אייך מיין פלאן איבערגעבען.

דיא צוויי זיינען ביי דיעזען געשפרעך אריין אין א בעזאָנדערן צימער אין רעסטאָראנט און האבען דאָרט גערעדט גאנצע צוויי שטונדען. מענצעל האט געמוזט פאָרלייגען א גרויסען פלאן, דען ער האט גערעדט דיא גאנצע צייט און אַטטאַ האט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט אלעס אויסגעהערט.

— נון וואָס זאָגט איהר? — האט מענצעל געפרעגט אם ענדע פון דעם גאנ־צען געשפרעך — געהט עס, אָדער דאס געהט ניט?

— איך מיין, אז דאס געהט, — האט אַטטאַ געענטפערט.

מענצעל האט ארויסגענומען א פאק געלד.

— היער זיינען פינף טויזענד מארק, זיי זיינען אייערע. ווען דיא געשיכטע גע־לינגט קריעגט איהר נאָך פינף טויזענד מארק.

אטטאַ האט דאָס געלד צוגענומען.

ער האט מיט פערגניגען אנגענומען מענצעלס פלאן, ווייל ער וועט דאדורך ערפילען דעם פערלאנג פון זיין געליעבטע, וויא ראדאָוו האט איהם ערצעהלט.

— און נון זייט פאָרזיכטיג, — האט מענצעל געזאָגט — עס האט אייך פריהער קיינער ניט געזעהן אריינקומענדיג און קיינעם וועט דארום ניט אויפפאלען ווען איהר וועט מיט איין גאנץ אנדערער וועג ארויסגעהן פון רעסטאָראנט.

אַטטאַ האט איהם אנגעקוקט.

מענצעל האט פון זיין טאשע ארויסגענומען א קליינעם פאקעט, האָט עס אויפגעוויקעלט, האט ארויסגענומען א באָרד און האט זיא אָנגעקלעפט אויף אַטטאַ'ס געזיכט אזוי קונסטפאָל דאָס קיינער האט איהם מעהר ניט געקאָנט ערקענען.

— אין דיעזער באַרד, וועט איהר יעצט מוזען ארומגעהן, דען באלד וויא פראנץ שטאנד וועט אנטלויפען וועט מען גאנץ פערדעכטיג קוקען אויף יעדען וואס איז צו איהם עהנליך, און פאר אייך קען דאס זיין א גרויסע געפאהר, ווייל דאס געריכט וועט קומען צו דער מיינונג דאס איהר קענט זיין דער מאן, וועלכען מען האט געזעהן אין יענער נאכט.

אָטטאָ האט פערקנייטשט דעם שטערן.

— עס קלינגט באלד וויא איהר וואָלט מיך געסטראשעט? — האט ער געזאָגט מיט פינסטערע בליקען.

— איך האב עס ניט געמיינט! — האט מענצעל געזאָגט אין א גאנץ גלייכ־גילטיגען טאָן.

— עס וואָלט פון אייך געווען נארריש דאס צו מיינען, — האט אָטטאָ גע־זאָגט — דען אויסער דעם וואס עס איז אייער אייגענע אינטערעסע צו זעהן דאס עס זאָל ניט געקרימט ווערען קיין האאר פון מיין קאפף, בין איך אויך פערזאָרגט דער־מיט וואָס איך קען בעווייזען וואו איך בין געווען אין יענער צייט.

— דאס איז פון אייך זעהר קלוג, — האט מענצעל געזאָגט — דאס ניט מיר נאך א בעווייז אויף אייער פעהיגקייט, און דאס איהר וועט אויך יעצט דאס געשעפט גוט דורכפיהרען. דאך שאדעט ניט מיר זאָלען זיין פאָרזיכטיג, און דאס איהר זאָלט אנווענדען אלע קרעפטען צו פערמיידען יעדען פערדאכט.

— וואָס וועט אָבער געשעהן מיט דעם אנטלאָפענעם? וואו טהוט מען איהם אהין?

מענצעל האָט געוואָרפען א דורכדרינגענדען בליק אויף אָטטאָ'ן און האט צו איהם געזאָגט אין א רוהיגען טאָן:

— איהר האט דאך א פערבינדונג מיט דער גרעפין העדוויג?

אטטא האט איהם אנגעקוקט.

— פון וואנען ווייסט איהר דאָס?

— איך ווייס עס, און אייער מינע ווייזט דאס איך זאָג די ריכטיגקייט.

— וואס האט עס צו טהאן מיט פראנץ שטאנד?

— פערשטעהט איהר עס ניט?

— ניין.

— אייער ביידענס עהנליכקייט זאָל אונז דא דיענען.

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— אה, איהר קומט גאָר קיין מאָל ניט צוזאמען מיט דער גרעפין?

— גאַנץ געוויס.

— ערוואַרטעט אייך דיא גרעפין אין א געוויסען טאָג?

— יא, זיא ערוואַרט מיך אויף מאָרגען אבענד.

— ביז יענער צייט איז עס שפעט. מיר קענען דעם אנטלאָפענעם אזוי לאַנג ניט בעהאַלטען. דאָך אין דעם גראַף׳ס פּאַלאַסט איז ער זיכערער וויא אומעטום.

— וואָס איז דאס פאר איין אידעע? — האט אָטטאָ געפרעגט מיט איבער-ראַשונג — אין פּאַלאַסט קען מען דאָך דעם מערדער?

מענצעל האט געלאַכט.

— דאס וויים איך. אבער איהר דארפט פערשטעהן דאס אויך פראַנץ שטאַנד וועט זיך מוזען פערקליידען. איך האב דאס אלעס שוין בעזאָרגט. אין זיין פערקליי-דונג קען ער אונגעשטערט קומען אין פּאַלאַסט און קען זיך דאָרט מעלדען פאר דער יונגער גרעפין.

— דער גרעפינ׳ס מוטער וועט איהם ניט צולאָזען.

— דיא גרעפין איז פעררייזט.

— ווייסט איהר דאס אלעס?

— נו געוויס. מען מוז אלע פעדים האַלטען אין האַנד, ווען מען וויל דעם קניפּעל ניט פערליערען. — ווען פראַנץ שטאַנד וועט אנטלויפען פון געפענגניס וועט ער גלייך קומען צום גראַף׳ס פּאַלאַסט, דאָרט לאָזט ער זיך מעלדען פאר דער יונ-גער גרעפין און גיט איהר איבער א בילעט. איך וויים, אז דיא יונגע גרעפין איז אויך פעראינטערעסירט פראַנץ שטאַנד זאָל אנטלויפען און דאן וועט זיא שוין וועגען איהם זאָרגען.

דיא לעצטע עטליכע ווערטער האבען אָטטאָ׳ן איבערציינגט דאס זיין געליעבטע ווינשט ווירקליך פראַנץ שטאַנד זאָל אנטלויפען פון געפענגניס.

— איך פערשטעה אָבער דאָך ניט וויא דאס וועט געשעהן, — האט אָטטאָ געפרעגט, נאָך א קורצען נאָכדענקען — בעפאר אלעס מוז מען בערעכענען דעם געפענגניס וועכטער הערצאָג. דער מאַן איז פערהייראַטהעט און ער וועט זיך געוויס ניט לאָזען איבעררעדען צו אנטלויפען נאָך אויסלאַנד.

— דאס איז ניט ריכטיג. — האט מענצעל געענטפערט. — איהר ווייסט ניט דאס הערצאָג לעבט אונגליקליך מיט זיין פרוי און דאס ער וואָלט שוין לאַנג פון איהר אנטלאָפען ווען ער וואָלט קענען פערלאַסען זיין שטעלע.

— דאַן הייסט עס, ער וועט גאָר מיט פריידע בעגריסען דיא געלעגענהייט לויז צו ווערען פון זיין פרוי.

— געוויס. איהם פעהלען נור דיא מיטלען.

— און איהר ווילט איהם דעם מיטעל פערשאַפען? — האט אַטטאָ געענטפערט.

— דאס פערשטעהט זיך. ער דאַרף פערזיכערט ווערען ניט נור דאס ער וועט האבען א גרויסע בעלאָהנונג פאר דער ריזיקע, נור אויך דאס ער וועט אין אויסלאַנד פערזאָרגט ווערען מיט א גאַנץ בעקוועמער עקסיסטענץ.

— וועלכע סומע האט איהר פאר איהם בעשטימט?

— דרייסיג טויזענד מאַרק.

— דאס איז א גרויסע סומע, דאָך גלויב איך ניט אז עס וועט גענוג זיין.

— יעדענפאַלס פּרובירט זיך צו באַטען דיעזע סומע. אויב ער פערלאַנגט מעהר זאָל ער אויך מעהר קריגען. איך וויים גענוי דאס אום אכט אוהר פערלאָסט ער הייטע זיין פּאָסטען, דאַן געהט ער אין פרידרישע רעסטאָראַנט און פערברענגט דאָרט א האַלבע שטונדע. אין דיעזער האַלבע שטונדע דאַרפט איהר מיט איהם ריידען און שליסען דעם געשעפט.

— און ווען זעה איך אייך ווידער?

— איך ערוואַרט אייך דאָ האַלב עלף אוהר. איך וועל אייך געבען א גרויסע סומע געלד וואס זאָל גענוג זיין צו מאַכען דיא ערסטע אנצאָהלונג. שפּעטער וועט איהר פון מיר קריעגען דאס איבעריגע.

— וויא הויך קען איך געהן?

מענצעל האט זיך פערטראַכט. עס וואר אונבעדינגט נויטהיג פאר זיין פּלאַן דאס פראַנץ שטאַנד זאָל פריי ווערען און פאר דיעזען צוועק וואר פאר איהם קיין סומע ניט צו הויך. דאָך האט ער געמוזט זעהן צו קאַרגען מיט דאס געלד, דען דער טאָג ווען דיא מילליאַרדען וועלען אויסגעצאָהלט ווערען וואר נאָך גענוג וויים דאַן האט ער אויך בערעכענט דאס ווען ער וועט געבען צופיעל געלד, וועט אַטטאָ ווערען צו שטאַרק פערדעכטיג. דאס מוז ער געוויס פערמיידען, דען אַטטאָ האט זיך ביז יעצט בעוויזען פאר א קלוגען און גוט איבערלעגטען מענשען און עס וואר צו פירכטען דאס ער וועט זיך בענוצען מיט יעדע געלעגענהייט אריינצוקריגען אין זיינע הענד וואס ער וועט נור קענען.

— איך מיין דאס דרייסיג טויזענד מאַרק איז איין גאַנץ הויבע סומע, און

ערנסטען פאַל קענט איהר באָטען ביז פערצינ טויזענד דאללאר. מעהר וועל איך קיין פּפעניג ניט געבען.

מענצעל האט דיא לעצטע ווערטער געשפּראָכען אין אזא ענערגישען טאָן, דאס אָטטאָ האט ניט געקענט צווייפלען אז ער מיינט עס אויף ריכטיג.

— און ווען דענקט איהר זאָל פראַנץ אַנטלויפען ?

— דאס דאַרפט איהר בעשפּרעכען מיט'ן וועכטער אליין. וויא ווייט איך ווייס איז דיא בעסטע צייט צווישען דריי און פינף אוהר מאָרגענס. צו יענער צייט זיינען דיא גאַסען גאַנץ לעער, אויסער דעם געהט צו יענער צייט דער עקספּרעס-צוג נאָך וויען און דאַן קען דער וואַכטמייסטער אָבּפאהרען.

— איז ניט מעגליך פראַנץ זאָל מיט איהם צוזאַמען אַנטלויפען ?

— ניין.

— אבער ווארום ניט ?

— יונגער מאַן, איהר פרעגט צופיעל. לאָזט איבער עטוואס פראַגען אויף שפּעטער. איהר דאַרפט זיין זיכער דאס איך וועל אייך זאָגען ניט מעהר און ניט ווענינער וויא פאר אייך איז נויטהיג צו וויסען.

— דאָך איז עס מיר אויפפאַלענד, דאס איהר ווילט ניט אננעהמען דעם פאָרשלאַג וועלכען איך האב ערסט געמאַכט. איך בין איבערציינט דאס פראַנץ שטאַנד וואָלט געווען פיעל זיכערער ווען איהר זאָלט דיעזען פאָרשלאַג אננעהמען.

— אייער בעמערקונג בעווייזט מיר דאס איהר זייט נאָך ניט דער קלוגער מאַן פאר וועלכען איך האב אייך געהאַלטען. פאר דעם וואַכט-מייסטער קימערט מיך גאָר ניט, ער קען זיך אליין היטען וויפיעל ער קען; אנדערש איז עס אָבער מיט פראַנץ שטאַנד, פאר איהם מוזען מיר זאָרגען. דען דיא גאַנצע מיהע וואָלט דאָך געווען אומזיסט, ווען מיר זאָלען ניט אַנווענדען אלע אונזערע קרעפטען צו זעהן ער זאָל זיין זיכער פון יעדע געפאַהר.

— אָבער וויא ווילט איהר עס מאַכען ? — האט אָטטאָ געפרעגט — איז עס ניט זיכער ווען ער פערלאַסט דאס לאַנד ?

— ניין. עס וועט קיין לעבעדיגען מענשען איינפאַלען אז ער איז אין מינכען און דארום איז ער דאָרט זיכערער וויא איבעראַל.

— וואו זאָל מען האלטען דעם אַנטלאָפענעם ביז עס וועט ווערען טאָג. עס איז דאָך אונמעגליך ער זאָל בעזוכען דיא גרעפין דריי אָדער פינף אוהר מאָרגענס?

ארטהור מענצעל האט זיך אייניגע מינוטען איבערלעגט, און דאַן האט ער פלוצלונג געזאָגט :

— שטעלט זיך.

אָטטאָ האט געפאָלגט דעם בעפעהל.

אייער סטאַטוע שטימט און דאס איז דיא הויפט זאכע.

— וואָס מיינט איהר דערמיט? — האט אָטטאָ געפרעגט.

מענצעל האט דאַן אין א ניעדערינגען טאָן עטוואס געזאָגט און ערקלעהרט, בין אָטטאָ האט זיך צולאכט און האט געזאָגט:

— דאס איז א שפּאַס. יא, איהר האט רעכט, אויף דיעזען אופן קען עס געהן, דאס הייסט, ווען מען וועט דערווייל ניט ענטדעקען דאס פראַנץ איז אַנטלאָפען פון געפענגניס.

— מען קען עס ענטדעקען ערסט אום זעקס אוהר מאָרגענס. איהר זעהט אַלזאָ דאס דער פּלאַן איז גוט.

דיא צוויי הערען האָבען נאך עטוואס געשפּראָכען, אָטטאָ האט ערהאַלטען נאך א סומע געלד, און אָטטאָ איז אוועק.

ער איז גלייך געגאַנגען נאך זיין וואָהנונג אום איבערצוטהאָן זיינע קליידער. ער וואר איבערראַשט צו טרעפען פּאול ראַדאָוו אין זיין קוואַרטיר.

— נון, וויא איז דאָס? האט דער הויז-פערוואַלטער אין א האסטיגען טאָן געפרעגט. — האט איהר שוין עטוואס פאָרבערייט.

— יא. — האט אָטטאָ געענטפערט.

— און וועט עס געלינגען?

— איך האָפּע.

— דאַן איז עס גוט. איך האב אייך נור צו זאָגען וואס מיט דעם אַנטלאָפען זאָל געשעהן.

— דאס וויים איך אליין.

— איהר מוזט איהם צו מיר ברענגען. מיר מוזען זיך ביידע אין איין אָרט צוזאַמענטרעפען.

— צו וועלכען צוועק.

— ווייל איך וויל איהם בעגלייטען אין אַן אָרט וואו ער וועט פאָרלויפיג קענען זיין זיכער.

— און ווען וועט עס זיין?

— אין דיעזער נאכט.

— דאס קען ניט זיין.—האט אָטטאָ געזאָגט.—דאס אנטלויפען קען ערסט געשעהן פארטאָג. איהר דארפט נור פּאָרברייטען דיא גרעפין העדוויג זיא זאָל גאנץ פריה עמפּפאנגען דעם אנטלאָפענעם פראנץ שטאנד, נאטירליך א פערקליידעטען.

פאול ראדאָוו האט געוואָלט אויסגעפינען גענוי וואס דא ווערט געטאָהן, אָבער אָטטאָ האט קיין וואָרט ניט געוואָלט זאָגען און האט ענדליך ערקלעהרט, דאס ער האט קיין צייט מיט דעם פערוואלטער צו לאנג צו פערברענגען.

דעם פערוואלטער איז דארום ניט געבליבען קיין אנדער וועג אויסער צו געהן. ער האט עס ענדליך געטאָהן אָבוואָהל ער האט ניט געוואוסט וויא דאס אלעס וועט דורכגעפיהרט ווערען.

אונטער דיעזע אומשטענדע האט ער געהאלטען פאר איבעריג צו שיקען א דעפּעשע צו דער יונגער גרעפין. ער האט געוואַרט אין פּארק אויף איהר קומען, און אויך צו זעהען וואס דאָ וועט פון אלעס געשעהן.

וועט פראנץ שטאנד פון זיין געפענגניס אנטלויפען ?

30טעם קאפּיטעל.

דער נייער יורש.

אָטטאָ איז אוועק, אבער ארטהור מענצעל איז נאך געבליעבען אין רעסטוי־ראנט. ער איז געזעסען פערזונקען אין געדאנקען. ער וואר בעשעפטיגט מיט דער פראגע, אויב עס וועט געלינגען פראנץ שטאנד זאָל אנטלויפען, אָדער ניט ?

זיינע פּלענער זיינען צו פיעל געשטאנען אויפ'ן שפּיעל פון דיעזער נאכט.

ווען פראנץ שטאנד וועט זיין שטראפע-אָבזיצען, און וועט נאכדעם דורך איר־גענד וועלכען צופאל זיין אונשולד בעוויזען, דאן וועט דיא גרויסע געביידע, וועלכע ער האט מיט אזוי פיעל קונסט אויסגעבויט אין גאנצען צופאלען. וועט אבער גע־לינגען פראנץ שטאנד זאָל אנטלויפען, דאן איז מעגליך צו פערפיהרען דעם אנטלאָ־פענעם אין שלעכטע וועגען און צו שטירצען איהם אין אבגרונד פון פערדאָרבענהייט, און דאן איז ער אויך אימער און אויף עוויג פּטור פון דיעזען יורש.

א האלבע שטונדע איז פערגאנגען, און ארטהור מענצעל האט אלץ ניט אויפ־געהערט צו טראכטען. פּלוצלינג האט זיך געעפענט דיא טהיר פון צימער און א מאן איז אריינגעגאנגען. דער מאן וואר הויך און שטאַרק, זיין געזיכט האט גע־האט א געשעפטס אויסדרוק.

דיעזער מאן איז צוגעגאנגען נעהענטער און האט זיך גאנץ טיעף פערנייגט.

— איך בעט אייך טויזענד מאל אום ענטשולדיגונג, וואס איך שטער אייך.

האט ער געזאָגט,—אָבער דער צוועק פון מיין בעזוך איז אזא וויכטיגער, דאס איך קען ניט אכטען אויף קיין העפליכקייט.

— איהר קענט מיך? — האט מענצעל געפרעגט.

דער בעזוכער האט געלאכט און האָט געזאָגט:

— ערלויבט מיר, איך זאל זיך פריהער פאר אייך פארשטעלען. מיין נאָמען איז פראַנץ אָפּענהיימער. איך בין אין באַיערען א בעוואוסטער בערלינער קויפמאן. מיין הויפט געשעפט איז מיט היילינע בילדער. איהר האט געוויס פון מיר געהערט.

ארטהור מענצעל האט זיך זעהר טיעף פערנייגט.

— אייער בעזוך בעעהרט מיך זעהר, הערר אָפּענהיימער. — איז מיר ערלויבט צו פרעגען דעם צוועק פון אייער בעזוך!

— ערלויבט נור, הערר צאַלקע, דאס איך....

ער האט אָבער וויטער ניט געשפּראָכען, דען ארטהור מענצעל איז אויפגע־שפּרונגען, גלייך וויא א שלאנג וואָלט איהם א ביס געטהאָן. זיין געזיכט איז גע־וואָרען בלאס וויא דער טויט.

אָפּענהיימער האָט געשמייכעלט און האט געזאָגט:

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, הערר צאַלקע, ווארום איך רוף אייך ניט מיט אייער פאַלשען נאָמען.

— מיין נאמען איז אָבער רודאָלף מענצעל! — האט דער איבערראשטער געזאָגט.

— אָ־, יא, איך וויים דאס איהר האט זיך גענומען דעם נאמען רודאָלף אונד ארטהור מענצעל. איך וויים אויך, ווארום דיעזע נעמען זיינען אייך ליעב. אום צו בעווייזען אייך, אז איך וויים דאס אלעס, וועל איך אייך זאָגען דאס איך קען אויך דעם מאן צו וועמען דער נאמען ארטהור, רודאָלף מענצעל געהערט. איהר האט איהם א מאל געוואָלט ערמאָרדען, און יעצט הייסט א י ה ר רודאָלף ארטהור מענ־צעל. וואס וועט איהר אָבער זאָגען דערצו, הערר צאַלקע, ווען איך וועל אייך מיט־טהיילען, דאס יענער רודאָלף מענצעל איז ניט טויט, זאנדערן, דאס ער לעבט נאך!

מענצעל האט איינינע מינוטען געשוויגען. ער האט זיך איבערלעגט, אויב עס לאָהנט נאך צו האלטען זיך פערשטעלט פאר דעם בעזוכער און לייקענען אלעס וואס ער הערט, אָדער עס איז בעסער ארויסצוגעהן אָפען און רעדען ריכטיגע זאכען.

ענדליך האט ער זיך בעשלאָסען ארויסצוגעהן אָפען.

— ווען איהר ווייסט אלעס, הערר אָפּענהיימער, לאָהנט ניט פאר מיר צו שפּיעלען פאר אייך קאָמעדיע. איך וויל אייך אָבער זאָגען, דאס ווען איהר גלויבט

אז איהר האט מיר ערצעהלט עטוואָס נייעס, ווען איהר האט מיר איבערראשט דאָס רודאָלף מענצעל לעבט, האט איהר א גרויסען אירטהום. איך וויים אלעס. ער לעבט אין בערלין און זיצט יעצט אין געפענגניס.

— זעהר ריכטיג, מיין ליעבער הערר צאַלקע, זעהר ריכטיג. איך מוז אייך מאכען מיין קאָמפּלימענט. איהר האט ביז יעצט אלעס געטהאָן אום צו ווערען דער בעזיטצער פון דעם מיליאַרד.

מענצעל איז געוואָרען א פערציטערטער; ער האט ניט געקענט וויסען פון וואַנען אָפּענהיימער האט ערפאהרען זיין ריכטיגען נאמען, אבער נאָך מעהר וואונ־דער איז איהם געוואָרען, פון וואַנען דער מאן וויים אויך דעם געהיימניס פון דער גרויסער ירושה. דיא לעצטע עטליכע ווערטער פון אָפּענהיימער'ס מויל האט דיא גאנצע לאגע געענדערט, און מענצעל וואַר יעצט נור בעשעפטיגט מיט דער פראַגע, אויב דיעזער מאַן איז זיין געגנער אדער זיין העלפער.

אפענהיימער האט איהם שאַרף בעטראַכט, און אלס מענשען-קענער האט ער באַלד פערשטאַנען וואס אין איהם איז פאָרגעגאַנגען.

— יא, יא, הערר צאַלקע, האט ער געזאגט. — איהר האט אייערע קארטען גוט געמישט, נור איהר דארפט האבען נאָך א קאמעראד, און דיעזער קאמעראד בין איך.

— איך וויים אבער ניט, אויב איך וועל נאָך א דריטען קאמעראד אָננעהמען. האט מענצעל קאלטבליטיג געענטפערט.

— אָה, איהר וועט עס מוזען טהאָן. — האט אָפּענהיימער געענטפערט. — דען איהר ווייסט ניט, דאס אויסער פראַנץ שטאַנד, דיא געוועזענע גרעפין מרים פאָן מעהרען, און אייער נאמענס־פעטער רודאָלף מענצעל, געפינט זיך נאך איין פיערטער יורש, וועלכען איהר קענט ניט.

— א פיערטער יורש ? וויא הייסט ער ?

באַראָן אָטטאמאר פאָן ערלען.

מענצעל איז נאך א מאל בלאַס געוואָרען. דיעזער נאמען וואַר אין דיא פאַ־פּיערען, וועלכע ער האט געהאט, אבער דאָך דער נאמען באַראָן אָטטאָמאר פאָן ערלען וואַר דאָרט אזוי דונקעל און אונבעשטימט, דאס ער האט גאר ניט געדענקט דאס ער איז איין וויכטיגע פערזאָן.

— איך בין ניט בערייט צו גלויבען אייך אויפ'ן וואָרט. — האט מענצעל גע־זאָגט.

— דאס האב איך ניט ערוואַרטעט, אבער איך בין איבערציינט, דאס אייער

לעצטער ספק וועט פערשווינדען, ווען איך וועל אלעס פאר אייך ערקלערען.

— איך וואָלט דיעזע ערקלעהרונג געוואָלט הערען.

— צוליעב דיעזען צוועק בין איך אהער געקומען. אבער איידער איך וועל אייך ערצעהלען, וואס איך דארף, וויל איך מיט אייך אָבמאכען דיא בעדינגונגען. עס האנדעלט זיך אום א מיליארד, דאס איז טויזענד מילליאָן מאַרק. איך וועל ניט בעטען צופיעל, איך וויל בלויז דעם קליינעם טהייל פון הונדערט מיליאָן מאַרק.

— איז דאס ניט צופיעל? — האט מענצעל אויסגערופען.

— עס מעג זיין פיעל אָדער ניט פיעל, איך פערלאנג דיעזע סומע, און אויב איהר ווילט זיא בעווילינען, דאן געלינגט אייער אונטערנעהמען, ווען ניט געהט איהר זיך אין אייער וועג און איך אין מיינעם, און איך קען אייך פערזיכערען דאָס אויפ׳ן עהר־ליכען וועג, וועל איך ווענינ●טענס ערהאַלטען דיא סומע פון צעהן מילליאָנען מארק

— אָבער איהר פאָרדערט דאך פון מיר צעהן מאל אזוי פיעל.

— גאַנץ נאַטירליך. איך וויל מאַכען א געשעפט. נון, ווילט איהר איינוויל־ליגען צו מיין פרייז?

אַרטהור מענצעל האט זעהר לאנג געשוויעגען. זיין ברוסט האט געאַטהעמט טיעף און שווער. ענדליך האט ער געזאגט:

— גוט, איהר וועט קריעגען הונדערט מילליאָן, מיט דעם תנאי, דאס איהר ערצעהלט מיר דיא וואהרהייט, און דאס מיינע פלענער וועלען דורכגעפיהרט ווערען מיט אייער הילפע. יעצט בעט איך אייך, איהר זאלט מיר ערצעהלען, וואס איהר ווייסט.

אָפּענהיימער האט יעצט ערצעהלט א גרויסע געשיכטע פאר דעם נייגיעריגען צוהערער. וואס לענגער ער האט געשפּראָכען, אַלץ ערנסטער איז געוואָרען מענ־צעל׳ס געזיכט, און אלס אָפּענהיימער, דער בעזיצער פון דיא גרעסטע פאבריקען אין באַיערען האט געענדיגט, האט מענצעל צו זיך אליין געמורמעלט זאגען, דאס דיא ער־צעהלונג, מוז וואהרשיינליך זיין וואהר.

פון דעם געשפּרעך, וואָס אָפּענהיימער האט געהאט מיט מענצעל, איז בע־וויעזען געוואָרען, דאס וועהרענד ער איז געזעסען און האט גערעדט מיט מענצלען אין איינעם פו דיא מינכענער רעסטאָראַנטען, האט זיך אין איין אַנדער אָרט אָב־געשפּיעלט א דראַמאַ, פון אָפּענהיימערס מאַכינאַציעס.

היער איז דיא דראַמע, וועלכע האט זיך דורך אָפּענהיימער׳ס אַרבייט אָבגע־שפּיעלט, וועהרענד ער האט וועגען דעם ערצעהלט דעם נייגיעריגען מענצעל:

— — — — — — — — — — — — —

דיא סטעפאנס קירכע וואר אָנגעפּילט מיט בעזוכער. דאס גאנצע פּובליקום האט מיט אונגעדולד געקוקט אויפ'ן אלטאר, וואו דיא גרויסע ליכט האבען געברענט צווישען דיא בלומען און ראָזען, וועלכע זיינען געלעגען אין גאנצע בערג. ענדליך ווערט דיא נייגיעריגקייט געזעטיגט, דער גלאָק האט אנגעהויבען צו קלינגען, און דער חתן מיט דער כלה טרעטען ארויף אויפ'ן אלטאר.

פיעלע פון פּובליקום שפּארען זיך צים אלטאר, אום צו זעהן דיא כלה, וועלכע וואר בעריהמט פאר איהר שעהנהייט. זיא איז פאר דעם פּובליקום אונבעקאנט.

א גאנצע געהיימניס וואר ארומגעוויקעלט ארום דער שעהנהייט, וועלכע ווערט הייטע דיא פרוי פון באראָן פאָן ערלען.

— וואָס פאר א וואונדער שעהנע געשטאלט! וואס פאר א רייצענדע געזיכט! וויא גראציעז! אך וואס פאר א ליכטיגע אויגען! האט דאס פּובליקום צווישען זיך געשפּראָכען.

— אך וואס פאר אַ שעהנע קלייד!

— זיא האָט קיין מאל ניט געדאַרפט ארבייטען אזוי וויא מיר! — האט איין עלטערע פרוי געזאָגט. — וואס איז דער וואונדער, וואָס זיא איז געזונד און שעהן.

דיא כלה, וועלכע ווערט יעצט געפיהרט צום אלטאר איז ווירקליך שעהן. זיא איז א הויכע, שטאָלצע פרוי, מיט א געזיכט, אין וועלכען עס רוהט יעצט דער אויסדרוק פון טריומף. איהר פאָלער, רונדער אָרם ליעגט אין דעם באראָן'ס ארם, וועלכער וואר אונגעפעהר פערציג יאהר אלט. זיא מוז איהם געוויס ליעבען, דען איהר קערפּער איז שטארק צוגעדריקט צו זיינעם.

איהרע שלאנקע גליעדער זיינען איינגעוויקעלט אין ווייסען אטלאס, וועלכע שלעפּט זיך איבער דער ערד אויף גאנצע איילען. איהרע גאָלדענע לאָקען פאלען ארום איהר שעהנעם נאקען, וועלכער איז האלב פערבאָרגען אין דעם זיידענעם שלייער.

אין איהרע בעוועגונגען זעהט מען דיא פאָלשטענדיגע גראציע, וועלכע ווערט נאך שעהנער דורך דעם האָכמוטהיגען בליק, וועלכען זיא ווארפט אויפ'ן פּובליקום. איהרע אויגען זיינען גרויס און פון איין אונבעשרייבליכען פארב. א מאל שיינען זיי גרוי און א מאל שיינען זיי בלוי, און אימער שיינען זיי צו זיין טיעף און אונערגרינדליך וויא דער ים.

דאס פאאָר פאָלק און דאס פּובליקום האבען זיך געזעצט.

דער אָרגעל איז פערשטומט געוואָרען. דער פּרעדיגער אין זיין הייליגען טאנ־

טעל האט זיך אומגעווענדעט. ער האלט א רעדע איבער דער קראפט פון ליעבע, וועלכע פערבינדעט דיא הערצער און פעראייניגט פיר דאס גאנצע לעבען.

— ענדליך קלינגט ארויס דער „יא" פון דעם חתן און פון דער כלה אוןביידע בייטען זיך דיא רינגען.

דער בוקעט בלומען האט זיך ארויסגעגליטשט פון דער כלה'ס האנד און איז געפאלען צו דער ערד. א דיענער, וועלכער שטעהט הינטער איהר, אום צו טראגען איהר שלעפע, הויבט אויף דעם בוקעט און רייכט איהם צו איהר.

ביי דיעזער געלעגענהייט פאלען איהרע אויגען אויף דעם דיענער'ס געזיכט, וועלכער איז אונגעוועהנליך בלייך; זיינעביידע אויגען זיינען אנגעפיהלט מיט צארן און פאלען גלייך אויף איהר.

דיא כלה איז פערציטערט געווארען. א קאלטער שווייס איז דורך איהר דורכגעלאפען. מיט ערשראקענע בליקען קוקט זיא יעצט אויפ'ן באראן. אבער שנעל האט זיא צוריק געוואונען איהר מוטה. זיא האט געוויס געאהנט דאס א פורכט־בארער שטורם שטעהט פאר איהר פאר און אום דיעזען שטורם איבערצוטראגען דארף זיא געוויס האבען ריזיגע קרעפטען.

דער פרעדיגער האט יעצט אויפגעהויבען זיין האנד אין דער הויך, האט גע־בענטש דאס פאאר פאלק, און געזאגט אם ענדע:

— וואס גאט האט פעראייניגט זאל קיין מענש ניט צושיידען!

דער יונגער פרוי האט יעצט געשיינט דאס זיא הערט הינטער זיך א לייזע געוויין.

זיא איז נאך א מאל געווארען בלייך און ערשראקען. איהר רעכטע האנד האט צוזאמענגעקרעמפפט, גלייך וויא זיא וואלט וועלען ערשטיקען דעם פלאן וועלכען זיא האט געהאט אין איהר געדאנקען.

דיא צערעמאניע וואר צו ענדע. דאס פאאר פאלק האט זיך אראבגעלאזען פון אלטאר און דאס גאנצע פובליקום האט זיי בעגריסט און געוואונשען גליק.

דיא כלה האט זיך אומגעקוקט הינטער זיך. דער דינער, וועלכער האט פריהער געטראגען איהר שלעפע וואר יעצט ניט הינטער איהר.

— עס וואר איין אירטהום, — האט זיא צו זיך אליין געזאגט. — וויא האט ער געקענט אין דיעזער שטונדע.... ניין, ניין ער איז עס ניט געוועזן.

איינינע מינוטען שפעטער זיינען דיא בראוט־פאאר און אלע בעגלייטער אריין אין זייערע קארעטען און האבען זיך געלאזט פאהרען צום שלאס פון גראף בע־רענשטיין.

גראף בערענשטיין וואר דעם באראָן׳ס אָנקעל. דער באראָן איז געוועזן דער יורש פון גראף׳ס נאמען און פערמעגען. ער האט דארום אויפגענומען די געסט מיט זיין גאנצע פריינדשאפט. דער זאאל וואר שעהן דעקארירט און בעלויכטען, די גלעזער האָבען געקלונגען און די געסט האבען געטרונקען און געוואונשען גליק.

די גרעפין ערנא פאן בערענשטיין, די 17 יעהריגע אייניקעל פון גראף, וועלכע האט פערלאָרען איהר פאטער און איהר מוטער און האט זיך ערצויגען ביי איהר גראָספאטער, האט גענומען גרויסען אנטהייל אין איהר פעטערס גליק.

זיא וואר אייגענטליך בעשטימט צו זיין, זיין ווייב, דען אזוי האט עס געוואָלט דער אלטער גראף, ביז די שטאָלצע, שעהנע אדעלינא איז אריין אין וועג פון דעם אלטענס פלענער. עס האט געקאָסט א שווערער קאמפף ביז דער אלטער גראף האט איינגעוויליגט צו דער האָכצייט. אָבער נאָך דעם וויא מען האט זיין איינוויליגען ערוואָרבען איז ער געוואָרען צופריעדען און וואר גאנץ גליקליך. ערנא, וועלכע איז יעצט געזעסען ביי אדעלינא׳ס רעכטע האנד האט אויפגעהויבען א גלאָז וויין אום צו טרינקען מיט דער כלה. אדעלינא איז געוועזן אין גראף׳ם הויז אלס געזעלשאפטס דאמע פאר דיעזער יונגער גרעפין אוןביידע האבען צווישען זיך געשלאָסען איין גרויסע פריינדשאפט. עס וואר איין שעהנעס בילד צו זעהן וויא די צווי שעהנע פרויען זיטצען יעצט איינע נעבען די אנדערע. אדעלינאס טריאומפירענדע שעהנהייט האט געגליכען צו א שעהנעם זאָמער טאָג, וועהרענד ערנא, וועלכע וואר וויא א בלום אין פרישען טוי האט אויסגעזעהן וויא די שעהנע לבנה.

— איך דאנק דיר! — האט אדעלינא געענטפערט אין א פריינדליכען טאָן אויף ערנא׳ס גליק-וואונש. — זאָל דאס גליק אויך לייכטען פאר דיר וויא ער לייכט יעצט פאר מיר.

נאָך א מאל האבען די גלעזער געקלונגען, דאן האָט די יונגע פרוי אויסגעטרונקען איהר וויין מיט איין צוג, און האט זיך געווענדעט צו איהר דינער ער זאָל די גלאָז נאָך א מאָל אנפילען.

אלס דער דינער האט די אנגעפילטע גלאָז געבראכט אויף איין זילבערנעם טאץ, האבען זיינע הענד פלוצלונג גענומען ציטערען, דאס גלאָז איז ארויסגעפאלען און דער וויין האט זיך צוגאָסען אויף דער אטלאסענער קלייד, וואס די באראָנעסע האט געטראָגען. זיא האט געוואָרפען א בייזען בליק אויף דעם דינער, אָבער ערסט יעצט האט זיא דערזעהן דעם דינער׳ס געזיכט און איין האלב לויטער געשריי האט זיך אויסגעריסען פון איהרע ליפען.

זיא האט איהם גענענט. עס וואר דער זעלבער דינער וועלכער האט זיא אזוי ערשראָקען אין דער קירכע. דער באראָן וועלכער וואר צו דיעזער צייט פער־טיפט אין א געשפרעך מיט דעם גראף, האט דערהערט דעם געשריי, און האט דערזעהן וואס דער פערגאָסענער שאמפאניער האט געמאכט פון זיין ווייב׳ס אטלא־סענעם קלייד, און איין שימפף וואָרט איז ארויס פון זיין מויל.

דער דינער האט זיך ענטשולדיגט. אדעלינא האט זיך שנעל אויפגעהויבען פון אָרט און האט פערלאסען דעם זאאל אום איבערצוביטען איהר קלייד.

באלד האט זיך געענדיגט דער מאָהלצייט און דער סיגנאל צום טאנץ איז גגעגעבען געוואָרען. אדעלינא איז נאך ניט צוריקגעקומען און דארום איז דער באראָן אוועק זוכען זיין שעהנע ווייב. באלד האט ער זיא געפונען אין א זייטיגען צימער. זיא האט ניט געהערט וויא ער איז אריינגעקומען. זיא איז געזעסען מיט׳ן געזיכט אין אָפענעם פענסטער, דער ווינד האט ארומגעטריבען דיא אראָבגעפאלענע בלעטער אין גארטען און האט אויך בעוועגט דיא לאָקען ארום איהר שעהנעם געזיבט. שמייכלענדיג איז דער באראָן צו איהר צוגעגאנגען און האט זיא ארומגענומען.

זיא האט זיך ערשראָקען אומגעדרעהט.

זיינע אויגען האבען יעצט גערוהט אויף זיין ווייב׳ס שעהנעם געזיכט. זיא האט יעצט געטראָגען א קלייד פון דונקעל רויטהען זייד. דער באראָן האט זיך געפרעגט אויב עס איז מעגליך צו זעהן אזא פרוי און מען זאָל זיא ניט ליעבען. פלוצלונג איז איהם אָבער אויפגעפאלען איהר בלייכער געזיכט.

— פיהלסט דוא ניט גוט, מיין געליבטע אדא?

זיא האט געשמייכעלט.

— וויא קענסט דוא דאס מיר פרעגען דוא איינציגער געליבטער? ווארום זאָל איך ניט פיהלען גוט?

— איך האב געזעהן אין דער קירכע און האב אויך פריהר געזעהן וויא דוא ווערסט בלאַס, איך האב אויך געפיהלט וויא דוא שוידערסט.

— און דוא האסט זיך דעריבער געוואונדערט מיין איינציגער! — האט אדע־לינא אויסגערופען. — וואר עס דען ניט דער וויכטיגסטער שריט אין לעבען, און האב איך געקענט רוהיג בלייבען ביי דיעזען שריט? דוא האסט מיך געזעהן בלאַס, אָבער דאס וואר דיא פריידע, דאס גליק, וואס האט אָנגעפיהלט מיין הערץ, ווען איך בין ענדליך געוואָרען דיינע.

ביי דיעזע ווערטער האט ער זיא ארומגענומען און האט זיא געקוסט.

— אה מיין אטטאמאר! — האט זיא געזאָגט. — איך קען נאך אלץ ניט גלויבען דעם גליקליכען געדאנק דאס דוא ווערסט געהערען צו מיר אליין. דאס דוא ווערסט מיט מיר אליין זיין פערבונדען פיר דאס גאנצע לעבען!

דער באראן וואר העכסט גליקליך פון דיעזע ווערטער.

— איז דאס מעגליך! — האט ער געזאָגט מיט פריידע. — דוא שעהנע שטאָלצע אדא נאך וועלבער אזוי פיעל מענער האבען געשמאכטעט.

— דאס איז וואהר, — האט זיא געענטפערט מיט א פערשעהמטען שמייכעל.

— אָבער דוא מוזט מיינער זיין, דוא, דוא. וואס ווארען מיר אלע מענער, וועלכע זיינען ביז יעצט געשטאנען אין מיין וועג? מיין הערץ וואר פאל מיט דער גרעסטער לאנגווייליע, טראָטץ דעם וואס איך האב געהאט אזא ערפאָלג אויף דער ביהנע. מען האט ארום מיר געשווערעמט, מען האט מיך בעגעהרט. אָבער קיין איינציגער פון זיי האט אין מיר ערוועקט דעם געדאנק דאס איך קען מיט איהם גליקליך זיין. ענדליך ביזט דוא געקומען, איך האב א קוק געטהאָן אין דיינע אויגען און א געפיהל, וועלכער וואר גאנץ ניי פאר מיר איז אריין אין מיין הערצען. מען האט מיך געבעטען איך זאָל אין דיין געזעלשאפט זינגען א ליעד, איך האב עס געטהאָן און דיעזעס ליעד האט געפונען דעם וועג צו דיין הערצען. איך האב געפונען דעם איינציגען, וועלכען איך האב געקענט ליעבען. דיא שטאָלצע אדא וועלכע האט גע־קענט לאבען גאנץ גלייכגילטיג ווען א מאן האט אויף זיינע קניע ערקלעהרט פאר איהר זיין ליעבע, דיעזע אדא האט געשטרעבט נאך דעם איינציגען, נאך דיר. האב איך דיך ניט געזעהן, וואר דיא וועלט פאר מיר קאלט און לעער, דאך ווען מיינע אויגען האבען דיך דערזעהן, איז מיין בלוט געוואָרען הייס אין הארצען. אלעס וואס איז ארום אונז געווען האט פאר מיר ערשיינט, נור וויא א ראהם ארום דיין שעהן געשטאלט.

— אדא! — האט דער באראָן געמורמעלט פון גרויס ענטציקען. — אדא, וויא וועל איך קענען פערדינען דיא ליעבע, וועלכע דוא שענקסט מיר אין אזא גרויסען מאָסס. אה מיין געטליכעס ווייב!

ער האט צו זיך צוגעפרעסט דיא שעהנע געשטאלט. איהרע אויגען האבען געקוקט מיט פייער אין זיינע אויגען.

— מיר ביידע, — האט זיא אין א לייזען טאָן געזאָגט. — מיר ביידע האבען אויסגעפונען דאס מיר קענען איינע אהן דיא אנדערע ניט לעבען. דוא ביזט געוועזען נענוג עדעל ניט נור צו בעגעהרען מיין ליעבע, זאָנדערן דוא האסט מיך צו ערסט געמאכט פאר דיין ברויט און יעצט פאר דיין ווייב. אבער אזוי שנעל איז דאס ניט

גענאַנגען. דיא מיינונגען פון דיין פאַמיליע און דיא פּאַראורטהיילע פון דיינע פערוואנדטע זיינען געשטאַנען אין וועג. איך האב צוליעב דעם געמוזט אויפגעבען דיא קונסט און דיא ביהנע, אבוואָהל איך האב זיך פריהער דערצו געווידמעט מיט לייב און לעבען. דוא האסט פערשטאַנען וויא אויסצוארבייטען איך זאָל אָנקומען צו דיין אָנקעל אלס געזעלשאַפטס־דאַמע פאר זיין אייניקעל, דיא גרעפין ערנא. און הייטע בין איך דיין ווייב!

— גאָט זיי דאנק, וואָס אַלעס האט זיך אזוי אויסגעלאָזט! — האט ער געזאָגט. — ווייסט דוא אויך, וועמען מיר דאַרפען עס פערדאַנקען?

— איך וויים. דעם גראָססמוטהיגען גראַף פאָן בערענשטיין.

— יא, דוא האסט זיך ערוואָרבען זיין עוויגע דאַנקבארקייט און פריינדשאַפט, דערמיט וואס דוא האסט גערעטעט זיין אייניקעל פון א פרעכען רויבער.

— אָה, א־טאָמאר, איך האב דעם רויבער פערטריבען, דאס וואר אלעס.

— דאס ביסט א מוטהיגע פרויענצימער. — האט דער באַראָן אויסגערופען מיט א טאָן פון פערוואונדערונג. — ערנא וואָלט פיעללייכט שוין מעהר ניט געוועזען צווישען דיא לעבעדיגע, ווען דוא וואָלסט איהר ניט געהאָלפען. דאָס אנערקענט אויך מיין אָנקעל, און ווען ער האָט מיך נעפרעגט, מיט וואָס קען ער דיר דאַנקען, האב איך איהם געבעטען, ער זאָל איינוויליגען צו אונזער הייראַטה.

דיא פּאאר פּאָלק האבען זיך ווידער ארומגענומען און ווידער צו קוסט, און דאַן זיינען זיי אריין אין טאַנץ זאאל, וואו דיא מוזיק האט געשפּיעלט און דיא געסט האָבען געטאנצט.

מיט דער גאנצער העפליכקייט פון א קאַוואליער, האט זיך דער באַראָן פערנייגט פאר אדא'ן, און דאַן האט ער גענומען מיט איהר וואַלצען איבער'ן זאאל. עס וואר דער ערסטער טאַנץ, וועלכעןביידע האבען געטאַנצט. דער באלל האט געדויערט ביז עלף אוהר. דיא געסטע האבען אָנגעפאַנגען צו זעגנען זיך און אבפאָהרען. ווען אלע זיינען שוין אוועק, האט דער באַראָן צוגעפיהרט זיין ווייב צום וואָגען און איז מיט איהר אוועק געפאָהרען נאך זיין היים, וועלכע וואר ניט אין דעם גראַף'ס שלאָס.

אדעלינא האט צום ערסטען מאָל בעזוכט דעם באַראָן'ס היים און זיא וואר איבערראשט פון דעם שעהנעם וואָהנונג מיט אלע איינריכטונגען פאר איהר בעקוועמליכקייט. אלעס וואס זיא האט אמאָל נעוואונשען, האט זיא דאָרט געפונען. דיא צימערען האבען ניט געקענט זיין געשמאקער אויפגעפוצט, ווען זיא אליין וואָלט אלעס איינגעקויפט און איינגעאָרדענט.

דער באראָן האט געלאַכט פון זיין ווייב'ס פריידע, אבער ענדליך האט ער געזאָגט:

— עס איז שפּעט, אדא, און דוא ווערסט זיין מיעד.

א רויטהער קאָליער האט זיך געוויעזען אויף אדאלינא'ס געזיכט, זיא האט פערשטאַנען דעם באראָן'ס צארטען וואונק, זיא האט דערפון בעמערקט זיין אונגע־דולדיגען פערלאנג. זיא איז דארום באלד אוועק, האט זיך איבערגעטהאָן אין איהרע נאכט־קליידער, און איז באלד ווידער ערשיענען.

וויא אנציעהענד האט זיא אויסגעזעהן אין איהר אויסגעבלייזטען קלייד, וועל־כע האט איהר שלאַנקע געשטאלט זעהר ווענינ פערדעקט!

דיא לאַנגע בלאָנדע, לאָקען זיינען אויפגעפלאכטען געוואָרען און וואָרען פער־שפּרייט איבער דעם נאַקען, וועהרענד אין איהרע אויגען האט געברענט איין זעלטענער פייער.

דער שעהנער אויסזעהן פון דיזער מערקווירדיגער פרוי האט בערוישט דעם באראָן וועלכער האט זיא באלד איינגעשלאָסען אין זיינע ארמען. ער האט געקוסט איהר האלז און שטערען. דיא קיסע האבען ניט געלאָשען נור נאך מעהר אנגעצונדען דעם פייער פון זיין ליידענשאפט.

אדא האט דאס אלעס ערלויבט מיט איין מינע פון איבערגעבענהייט. זיא האט צוגעשלאָסען איהרע אויגען און האט פערוואָרפען דעם קאָפּ אויף דיא שולטערען און איז פערזונקען געוואָרען אין דער ליעבע.

פּלוצלונג האט דער באראָן זיין ווייב אָבגעלאָזט.

מען האט געקלאָפּט אויפ'ן טהיר.

א דינער איז באלד ערשיענען אין זאאל. ער האט געטראָגען א לייכטער מיט דריי רעהרען, אין וועלכען עס האבען געברענט דריי ליכט. עס וואר דעם דינערס אויפגאבע צו בעגלייטען דעם פּאאר פּאָלק, מיט פייער אין זייער שלאָפצימער.

אדא האט געוואָרפען נור איין שנעלען בליק אויף דעם דינער און נאך א מאָל איז איהר דורכגעלאָפען א שרעק און א שוידער. זיא האט זיך אָבער ווידער באלד בערוהינט.

עס וואר דערזעלבער דינער וואס האט זיא הייטע שוין איינינע מאל ער־שראָקען.

דער באראן האט אנגעבאָטען זיין פרוי זיין ארם. אין דעם מאָמענט אלס ישר בארא, מיט זיין ווייב זיינען דורכגעגאנגען דורך'ן טהיר איז דער דינער געשט

נען בײ דער װיט און אדעלינא האט דערכיהלט װיא איהר ארם װערט בעריהרט און א צעטעל פאלט ארײן אין איהר האנד.

זיא א געװארען בלײך װיא דער טויט. דאך מיט גרויסער אנשטרענגונג האט זיא זיך געהאלטען. זיא האט בעהאלטען דעם צעטעל אין דער טאשע פון איהר נאכט קלײד און האט ארויסגעבראכט א שמײכעל אויף איהרע ליפען.

דער באראָן האט דאס אלעס ניט בעמערקט. ער װאר יעצט פאל מיט ליעבע, מיט פערלאנגען און קײן אנדער געדאנק איז איהם יעצט ניט צוגעקומען.

מען איז דורכגעגאנגען צװײ צימער ביז מען האט עררײכט דעם שלאָפצימער דער דינער האט געעפענט דיא טהיר און איז צוריקגעטראָטען. דער באראָן האט פון זײן האנד צוגענומען דעם לײכטער און ער האט זיך ענטפערענט מיט א טיפען נײג, װעהרענד ער האט צוגעװארפען א שארפען בליק צו דער באראָנעסע. אדע־לינא האט דעם בליק געזעהן און האט א נײג געטהאָן מיט איהר קאָפּ גלײך װיא זיא װאלט געזאָגט יא.

דיא נײ פערהײראטהעטע פאאר האט זיך יעצט געפונען אין דעם רײכען שלאָפצימער. דיא ליכט האבען פערברײט א דונקעלען פײער אויף דעם זײדענעם פאָרהאנג פון בעט װעלכער האט אויסגעזעהן װיא א װאָלקען איבער׳ן הימעל. דער באראָן האט געװארפען א בליק אויף דיעזען פאָרהאנג און דאן האט ער זיך אראָבגעבויגען צו אדעלינען, װעלכע איז געזעסען אויף א שטוהל און האט געזאָגט:

— געליבטע, קום!

װיא ער האט דאס ארויסגערעדט האט זיא אנגעפאנגען צו װאנקען. איהרע הענד האבען גענומען ציטערען װיא נערװעז.

דער באראָן האט זיך ערשראָקען.

— װאס איז דיר געליבטע? — האט ער געפרעגט.

אדעלינא האט ניט באלד געענטפערט. זיא האט זיך געצאַפּעלט גלײך װיא זיא װאָלט געזוכט צו כאפּען איהר אטהעם. ענדליך האט זיא געזאָגט:

— פערצײע מיר ליעבער אטטאמאר, מיר איז ניט גוט, דיא שאמפּאניער, דיא פרײדע פון הײטיגען טאג, דיא גרויסע בעדײטונג פון אונזער הײראטה און מײן אונענדליכער גליק, דאס אלעס האט זיך אויף מיר געשטארקט און איך קען עס ניט איבערקומען.

דער באראָן האט זעהר ליבליך געלאכט.

(Mil. 25).

פון יעצט אָן דארפסט דוא ניט זיין בלויז מיין געליבטע און מיין טהייערע, זאָנדערען אויך מיין מוטיגעס ווייב וועלכע דארף האבען דעם קראפט צו פערטראָגען דאס גליק.

אדאס געשטאלט האט זיך געטרייסעלט.

פערצייע מיר מיין פריינד׳ איך פיהל זיך ווירקליך ניט געזונד, אלע מיינע נערוועןזיינען אנגעגריפען. איך וויל דיך נור איין זאך זאָגען.

— בעט אלעס, איך וועל עס פאר דיר טהאָן, מיין הארץ.

— לאָז מיך אליין אויף איין שטונדע.

דער באראָן האט א שפרונג געטהאָן צוריק. — איז דאס דיין ביטע! — האָט ער געמורמעלט מיט אונצופרידענהייט. — געליבטע דוא פאָדערסט איין אונמעגליכע זאך. וויא לאנג האב איך געשמאַכט נאך דער שטונדע, ווען דוא מיין געליבטע ועסט ענדליך ווערען מיינע!

אדאס געזיכט איז געווארען רויטה, אָבער איהרע אויגען האבען זיך צו איהם נערעטעט מיט ווייכע בליקען.

— טהו וואס איך בעט! שענק מיר איין ביטע! — האט זיא געזאָגט. — אטטאמאר נור איין שטונדע, איין איינציגע שטונדע לאָז מיך אליין, איך מוז ערסט מיך בערוהיגען, איך מוז צו ערסט קימען צו זיך. טהו עס מיר, בלויז איין שטונדע.

דער באראָן האט געזיפצט.

— דוא בעגעהסט א רויבעריי איז מיין גליק, דאָך עס זאָל געשעהן וואס דוא פערלאנגסט, אונזער לעבען זאָל זיך ניט אנפאנגען מיט דעם פאָרוואורף דאס איך האב דיין ערסטע ביטע ענטזאגט.

— איך דאנק דיר! — האט אדא געזאָגט און האט געמאכט א בעוועגונג גלייך וויא זיא האט זיך געוואָלט ענטפערען, אבער באלד האט זיא זיך אומגעקעהרט, האט ארופגעלעגט איהר האנד אויף איהר מאָן׳ס האלז און האט געפרעגט:

— דוא וועסט מיך ערווארטען?

— איך וועל דערווייל לעזען.

— ניין געליבטער, לעג זיך רוהען, אין איין שטונדע בין איך ביי דיר! — האט זיא געזאָגט און האט איינגעגראָבען איהר קאָפּ אין זיין ברוסט.

וויא א גאלאנטער הערר האט ער צוגעפיהרט זיין ווייב ביז צום שוועל דאן האט ער צוגעשלאָסען דיא טהיר הינטער איהר. מינוטען לאנג איז ער ארומגעגאנ־גען איבער׳ן צימער הין און צוריק, ער האט זיך געפיהלט ניעדערגעשלאָגען, און האלב ביין, האלב טרויעריג האט ער פאר זיך אליין געמורמעלט:

— מיט דעם געלעכטערעל, מיט דיעזען בליק האט זיא פון מיר געקענט אוועקגעהן אין דיעזער שטונדע ?

ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט צוגעדריקט זיין ברענענדען שטערען צו דיא קאלטע שויבען.

— א שרעקליכער וועטער ! — האט ער צו זיך געזאגט. — וואהל איז דעם וואס איז ניט געצוואונגען צו פערברענגען יעצט דיא צייט אין דרויסען.

ער האט גאר ניט געהאנט דאס זיין ווייב, וועלכע ער האט אזוי געליבט, האט זיך יעצט פארבערייט צו געהן אין דיעזען שרעקליכען וועטער.

באלד וויא אדעלינא איז ארויס פון איהר שלאפצימער האט זיא זיך געלאזט לויפען דורך אייניגע קארידארען. אין איין אבגעלעגטין צימער וואו זיא האט געמיינט דאס קיינער וועט זיא ניט שטערען, האט זיא ארויסגענומען דעם צעטעל, און פאר דעם פייער פון א ליכט האט זיא פאלגענדעס געלעזען:

— אדא, קום זאפארט אין פארק, ניט ווייט פון פאוואליאן. איך מוז מיט דיר ריידען נאך איידער......

היער האט דער שרייבער מעהר ניט געשריבען. אדא האט דעם צעטעל צוזאמעננעקנייטשט און א שליידער געטהאן פון זיך. באלד האט זיא זיך איבערלעגט. זיא האט דעם צעטרל אויפגעהויבען און האט איהם פערברענט אויף אש.

איהר געזיכט וואר בלאס און צוקרימט. ווען דער באראן וואלט זיא יעצט געזעהן וואלט ער צוריקגעשפרונגען פון דער פרוי וועלכע ער האט אזוי געליעבט.

אייניגע מינוטען איז זיא געשטאנען און האט אזוי געדענקט. ענדליך האט זיא זיך בעשלאסען.

— איך מוז האנדלען, אזוי אדער אזוי. איך מוז יעצט —

ביי דיעזעווערטער האט זיא פון דיא פאלבען אין איהר קלייד ארויסגענומען א קליינעם שפיעז און האט איהם געהאלטען פאר דאס ליכט.

— וויא גוט וואס איך האב דיעזע וואפע ניט אוועקגעווארפען ! — האט זיא צו זיך געמורמעלט — דאס איז פיעללייכט מיין איינציגער פריינד אין דער גרעסטער געפאהר. יעצט צו דער ארבייט, איך דארף איהם ניט ענטזאגען זיין פאדערונג. אבער וועה איז איהם ווען ער וועט זיך ניט אונטערגעבען. דיעזער שפיעז וועט זאגען דעם לעצטען ווארט — ער אדער איך !

אדא האט זיך געלאזט געהן צום טהיר. ביי'ן שוועל איז זיא געבליעבען שטעהן און האט זיך ארומגעקוקט.

— וואס פאר איין האכצייטס נאכט. הו, מיך טרייסעלט !

ערסט יעצט האט זיא זיך עראינערט, אז זיא איז אין איהר ווייסע נאכט-קלייד זיא איז צוריק געלאָפען צו איהר גארדעראָבע, האט זיך איינגעוויקעלט אין א שוואר-צען שאַל און איז אוועק איהר וועג.

דער דיענער האט אַלעס פאַרבערייט, דען דיא טהירען ווארען אלע אָפען. באַלד איז זיא אריין אין פּארק און איז אויף דיא שפּיץ פינגער געלאָפען ביז צום פּאַוויליאָן.

דעם גאנצען טאָג איז געוועזען א שלעכטער וועטער, יעצט איז געפאלען א שטארקער רעגען פון הימעל, און דער ווינד האט געשמיסען דיא טראָפּענס אין איהר געזיכט. דערצו האבען אין פּארק גערוישט דיא בוימער און דיא פערוועלקטע בלעטער זיינען ארומגעלאָפען אין דער לופט.

אדא האט געשווידערט און געפריהרט. זיא האט דעם שאַל פעסט ארומגע-צוויגען ארום זיך און איז געלאָפען.

איהר הארץ האט געקלאפּט, אָבער אויף איהר געזיכט איז געלעגען פעסטע ענטשלאָסענהייט און אין דיא אויגען האט געברענט א פייער.

ענדליך האט זיא ערר‍ייכט דעם פּאַוויליאָן. איהרע אויגען האבען גענומען זוכען אין אלע זייטען. עס האט אבער געשיינט, אז קיינער איז דאָרט ניטאָ. אבער יא, פון איין ווינקעל האט זיך בעוויזען דיא געשטאַלט פון א מאַן.

— ארנאָלד! — האט זיא געזאָגט שטיל.

— איך בין עס אדא, גוט וואָס דוא ביזט געקומען.

— יא, איך בין געקומען. מיר מוזען זיך אָברעכענען פאר דאס לעבען! — האט זיא געזאגט מיט א פעסטער שטימע.

זיא האט עס נאך ניט ארויסגערעדט, אַלס דער דיענער איז געפאלען צו איהרע פיס, זיינע הענד האבען ארומגענומען איהרע קניע און הייסע טרעהרען האבען גע-נומען גיסען פון זיינע אויגען.

— ארנאָלד, וואָס פאַלט דיר איין! — האט זיא געזאָגט — שטעה אויף, מיר וועלען ריידען וויא פערנינפטיגע מענשען.

ער האט ניט געהערט. אין א וויינענדיגען קול האט ער געזאָגט:

— אדא, מיין אלערליבסטע אדא! וויפיעל האב איך וועגען דיר געליטען. ניעמאלס קען איך דיין בילד פערגעסען, וואו איך בין געוועזען, סיי אין דיא שענקהייזער פון דיא גרויסע שטעדט, סיי אין דיא אלטע וועלדער פון אויסטראַליען, האב איך אלץ געדענקט וועגען דיר און האב דיך געזוכט. איך האב דאך נאַטירליך ניט

נעקענט וויסען דאס דיא אמאָלינע פאבריק מיידעל איז געוואָרען דיא גרויסע זינגערין אדעלינא......

ארנאָלד איז געבליעבען שטיל. דיא טרעהרען האבען פערשטיקט זיין האלז. באלד אָבער האט ער זיך געשטארקט, ער איז אויפגעשפרונגען אויף דיא פיס, האט זיא נעהאפט ביי דיא הענד און אין א הארטען טאָן האט ער געזאָגט:

— נוי, יעצט האב איך דיך! ניעמאלס וועסט דוא געהערען צו דיעזען בּאראָן, דען דוא ביזט מיין ווייב. דוא ביזט צו מיר פערהייראטהעט נאָך אלע רעליגיעזע געזעצע און צערעמאָניען און קיינער זאָל דיך פון מיר צונעהמען!

אלס אדעלינא האט געשוויעגען האט ער ווייטער געזאָגט:

— אדא, דוא אנטלויפסט דיעזע נאַכט. יעצט, אין דיעזער שטונדע אנטלויפסט דוא מיט מיר!

א שפּאָטישער געלעכטער האט געקלונגען אין זיינע אויערען.

— מיט דיר, דעם בעטלער?

— פיעללייכט בין איך רייך!

— דוא, — און וואו זיינען דיא רייכטהימער?

— איך וועל זיי ערווערבּין. איך פיהל אין מיר דיא קראפט.

— פיעללייכט אין צוואנציג יאהר! אה ביז דאמאלס קענען מירביידע שטארבען פאר הונגער.

— ניין, ניין, אין איין שטונדע ווערען רייך.

— אזוי? דוא ווילסט בערויבען מיין מאן?

— דיין מאן? ער איז ניט דיין מאן, איך בין דיין מאן! דוא ווייסט עס, ווען דוא האסט פערגעסען דעם טאג ווען מיר זיינען ביידע געשטאנען אונטער איין חופה, דארפסט דוא געדענקען דעם טאג ווען מיר זיינען ביידע געוועזן אין איין אסטראָג!

פון אדא׳ס ליפּען האט זיך ארויסגעריסען א געשריי:

— עלענדער! דוא וואגסט עס מיר צו זאָגען! געדיינקסט דוא ניט וויא דוא האסט געפירכטעט, דאס דיין רייכער אָנקעל וועט דיר ענטזאגען זיין שטיצע, ווען ער וועט ערפאהרען וואס דוא האסט צו טהאָן מיט דער פאבריקען מיידעל? הא שאנדע צו דיר! דוא האָסט פערפיהרט דאס מעדכען וועלכע האט זיך איבערגע־געבען אין דיינע הענד. געדענקסט דוא ניט, וויא איך בין געוועזן אין א געוויסען אבענד געקומען מיעד פון פאבריק אום נאך צו ארבייטען דיא גאנצע נאכט, אום צו שאפען עטוואס געלד פאר דאס קינד וועלכעס איז געלעגען אונטער מיין ברוסט.

דוא ביזט שוין דאמאָלס געווען אין מיין צימער און האסט געבראכט וויין, וועלכער האט אזוי מערקווירדיג געשמעקט. דוא האסט ניט געטרונקען, אָבער איך, וועלכע האב קיין זאך ניט געוואוסט איך האב געטרונקען און אויף מאָרגען האט דאס וויין געווירקט און איך בין געוואָרען קראַנק. דער דאָקטאר וועלכער האט דאס טויטע קינד צוגענומען האט דיך דאַן געוואָלט איבערגעבען צום געריכט, אבער איך האב פאר איהם געוויינט און געקלאָגט, און דער גוטער ארצט האט זיך בענוצט מיט דיין פערשפרעכען צו הייראטהען מיך. נון דוא האָסט מיך ווירקליך געהייראטה אזוי שנעל וויא דוא האסט געירשינט א פאאר גולדען. באלד זיינען דיא פאאר גולדען אוועק און דוא האָסט מיך געלאָזט הונגערען.

— שווייג ! — האט געזאָגט דער דינער — ניט דוא דארפסט מיר פרעדיגען וואס רעכט איז ! האסט דוא פערגעסען וויא דוא האסט מיין לעבען צערשטערט? איך מיט מיין מערקווירדיגען טאלאנט אלס פיעדעל שפילער וואלט זעהר הויך געשטיגען, ווען ניט דוא.

אדא האט זיך צולאכט.

— א גרויסער קינסטלער ! הא, הא, הא !

ארנאָלד האט מיט א ביטערען צאָרען ווייטער געזאָגט:

— יא, דוא ביזט אין מיין וועג געקומען. דוא האָסט מיך אנגעפילט מיט א פייערדיגער ליידענשאפט, איך האב פון קיין זאך ניט געקענט דענקען אויסער וויא פון דיר און איך האב אויפגעהערט צו שטודירען. דוא זאָגסט א פאאר גולדען, ניין, עס ווארען 3000 גולדען, און עס וואר גענוג צו פערזיכערען אונז מיט א צוקונפט. אבער דיין שטרעבען נאך פערגניגען און דיין פערשווענדונג האָט באלד געמאַכט איין ענדע צו דאָס געלד. ווען דאס קינד איז געבאָרען געוואָרען האָב איך געמיינט דאָס דאמאָלס וועסט ווערען איין אנדערע. אָבער דוא ביזט געבליבען דיא זעלבע. וואו איז אונזער טאָכטער? איך פערלאנג עס צו וויסען !

— זיא איז טוידט !

— דאס גלויב איך ניט. דוא לאיגסט, אבער איך וועל זיא געפינען און דאַן וועה איז דיר וואס דוא בעהאלסט פון מיר מיין קינד.

אדא האט געלאכט.

— דוא וואגסט מיך צו סטראשען? ניעדעריגער דיענער, דוא ביזט גוט גענוג צו טראָגען מיין שלעפע, אָבער וויא קומסט דוא צו זאָגען אזעלכע ווערטער צו דער באראָנעסע פאָן ערלען !

ארנאָלד איז געוואָרען ווילד.

— הא, דוא א באראָנעסא דוא דיא געוועזענע פאבריקען מיידעל, וועלכע מען האט א נאָמען געגעבען דיא שעהנע פרינצעסין! דיין בילד געפינט זיך נאך יעצט אויף דיא סיגארעטען קעסטעלעך, ווייל דיין פרינציפאל האט דיר דערפאר בעלאָהנט מיט איין גולדען. דוא א באראָנעסע! ווען דוא רופסט מיך ניעדעריגער דינער, זאָלסט דוא וויסען דאס דוא ביזט דעם דינערס ווייב. דיא ראָלע וועלכע דוא שפּיעלסט אלס דעם דינערס ווייב איז גאנץ גוט פון דיר, אבער דארף איך דיך עראינערען וויא שטאָלץ דוא ביזט געוועזען ווען איך דער קינסטלער האָב דיר ערקלעהרט ליעבע? זאָג מיר נור, דורך וועלכע ליגענס האסט דוא אויסגעווירקט פון גראף ער זאָל איינשטימען צו דיעזער האָכצייט. האסט דוא איהם פיעללייכט געזאָגט דאס דוא ביזט א געבאָרענע גרעפין?

אַדעלינא איז יעצט צו איהם צוגעשפּרונגען, האט איהם געכאפּט פאר זיינע שולטערין און האט איהם געטרייסעלט.

— עלענדער דינער, האַלט דיין צונג! איך האָב ניט בעדארפט זאָגען אזא ליגען פאר דעם גראף.

— און ווארום האט ער איינגעווילינגט?

— דאס געהט דיך ניט אָן, אָבער דאָך וועל איך עס דיר זאָגען. איך האב געדעטעט זיין אייניקעל ערנא פון א פערברעכער וועלכער האט געוואלט רויבען איהר עהרע, און אויס דאנקבארקייט האט דער גראף געגעבען זיין ברכה צו אונזער הייראטה.

אין דער פינסטערניס פון דער נאכט האט אדעלינא ניט געקענט זעהן וויא ארנאָלד איז בלאס געווארען.

— האסט דוא געזעהן דעם מאן, וועלכער איז דיא יונגע גרעפין בעפאלען?— האט ער געפרעגט.

— ניין. אבער ווארום פרעגסט דוא? אָה דוא שווייגסט... ארנאָלד, מיר פאלט אריין א געדאנק, ביזט דוא עס געוועזען דער באנדיט, וועלכער איז דיא גרעפין בעפאלען? נון איך קען עס גלויבען, א מענש וויא דוא איז פעהיג צו יעדען פער־ברעכען, זאָג מיר דיא ווארהייט, דוא ביזט געוועזען יענער רויבער.

ארנאָלד האט קיין ווארט געענטפערט. ער האט אראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ, און זיין ברוסט האט זעהר שווער געאטהעמט. זאָל ער עס געשטעהן?

— דוא בעליידיגסט מיך אין איין אונערהערטער וויזע.—האט ער געזאָגט.— איך האב געליטען זעהר פיעל, אלץ פון דיינעטוועגען, דער קאמפּף פיר דאס לעבען וואַר זעהר שווער, אָבער דיא האָפנונג צו ערוועבען א רייכטהום האט מיך פער־

טריכען פון מיין היים, אָבער מיין ליעבע צו דיר האט מיך צוריקגעבראכט אין דיע־זן לאנד. איך האב מיך ארומגעטריבען, איך האב געזוכט ארבייט, איך האב נ ט געפונען, איך האב געזעהן דעם שרעקליכען שיקזאל פון א בעטלער פאר מיינ'ע אויגען, און אדא, איך האבּ אלעס געקענט, נור ניט בעטלען! האסט דוא שון געהערט דאס דער הונגער קען מאכען וואהנזיניג? אה, איך וואר וואהנזיניג, ווי איך האב אין א געוויסען הונגעריגען טאָג דערזעהן א פיינגעקליידעטע יונגע דאמע איך האב אויף איהרע הענד דערזעהן דעם גלאַנץ פון צירונג, ווען איך זאָל נור אי דיאמאנד האבען, קען איך אויף א לאנגע צייט געהאלפען ווערען און קומען צו אי עקסיסטענץ, וועהרענד דיא רייכע דאמע וועט דערביי זעהר ווניג ליידען. עס וואו דונקעל און איך בין צו דעם מעדכען צוגעלאָפען, האָב זיא אָנגעכאפט, איך הא אבער באַלד דערהערט שריט און איין בעקאנטע שטימע. אדא, עס וואר די שטימע —

א לאנגע פויזע איז געווען נאך דיעזע ווערטער, מאן און פרוי זיינען געשטאנע שטיל און האָבען געטראכט.

ענדליך האט זיך אדא אָבגערופען.

— איך וויל דיך ניט ריכטען פאר יענעם רויב, דיא נויטה האט דיך פיעללייכ דערצו געטריבען. יעצט האנדעלט זיך אבער וועגען אונז ביידען. זאָג קורץ א שנעל וואס דוא ווילסט, דען מיין מאן ווארט אויף מיר.

א זיפץ האט זיך אויסגעריסען פון דינער'ס ברוסט.

— דיין מאן! — האט ער געמורמעלט. — וואס רעדסטט דוא דא? אין קען אָהן דיר ניט לעבען, איך קען ניט!

— דוא מוזט עס אָבער!

— מאך מיך ניט ווילד, אדא! קום מיט מיר, איך וועל דיך פערזאָרגען מיט יעדען לוקסוס, מיט יעדען פערגניגען.

ארנאָלד האט ניט געזעהן וויא זיא האט מיט מיהע אונטערדריקט איהר צארן מיט א געמאכטער רוהיגער שטימע, האט זיא געענטפערט.

— ארנאָלד, בעדענק דיא פערגאנגענע צייט. ווער קליגער! איך וועל דיר געבען א גרויסע סומע געלד און מיר וועלען זיך צושיידען אלס פריינדע. דוא קענסט איבעראל לעבען אזוי גוט וויא דאָ. וואס קען איך דיר זיין, ניט מעהר וויא א לאסט. מיר וועלען זיך נור איינע דיא אנדערע בעלעסטיגען דאס לעבען. דוא דארפסט ניט פערגעסען, דאס נאכדעם וויא איך בין ארויפגעשטיגען צו אזא הויכע שטופע,

וועל איך שוין מעהר ניט קענען אראָפּלאָזען זיך צו דעם ניעדעריגען לעבען, וועלכען דוא קענסט מיר געבען.

ארנאָלד האט געשוויגען. אָבער אין זיין הערץ איז פאָרגעגאנגען א שווערער קאַמפּף.

— דוא געהסט ניט מיט מיר? — האט ער געפרעגט?

— ניע אין לעבען!

— דאָן וועל איך דיר דערצו צווינגען!

— דוא מיך, לעבערליך.

לאַך ניט צו פריה, איך וועל איבער דער גאנצער וועלט פערקינדיגען דאס דוא ביזט מיין ווייב. מיט שימפעריי און שאנדע וועט מען דיך פון דיעזען שלאָס ארויסטרייבען.

ארנאָלד האט זיך געפונען אין א וואהנזינגער אויפרעגונג. ער האט ניט געוואוסט אליין וואס ער האָט געטהן, ווען ער האט זיא ארומגעכאפּט און אויפגעהויבען אין דער הויך.

פּלוצלונג האט א געשריי געקלונגען אין זיינע אויערען.

פאר זיינע אויגען האָט עטוואס א בליטץ געטהאָן, דער קליינער שארפער שפּיז, וועלכען אדעלינא האט געהאט פערטיג איז אריין אין זיין ברוסט. מיט א שוואכען געשריי איז ארנאָלד געפאלען צו דער ערד.

אדא איז געבליבען שטעהן איבער זיין קערפּער, וויא דיא געטטין פון ראכע. פון איהרע אויגען האט געשפּריצט פייער, און איהרע לאָקען האבען זיך געוועהט אין דער לופט.

אזוי זיינען פערגאנגען איינינע מינוטען.

ענדליך איז דיא אויפרעגונג פון איהר פערשוואונדען. זיא האט זיך צוגעבויגען צום געשטאָרבענעם און שטיל האט זיא געזאָגט:

— גאָט, אזוי ווייט האט עס געמוזט קומען! אָבער ער האט עס אנדערס ניט געוואָלט.

אין הייזעריגער קרעכטצען האט געקלונגען אין איהרע אויערען, אבער מיט גוואלד האט זיא אונטערדריקט איהר שמערץ און איז אנטלאָפען פון דעם שרעקליכען אָרט.

וויא זיא איז געקומען צוריק אין שלאָס האט זיא זיך אריינגעוואָרפען אין א שטוהל און האט געטראכט פון דער שרעקליכער סצענע.

אין איהר הארצען האט זיא געפיהלט דאָס פון יעצט אָן וועט א שווארצער

שאָטען בעגלייטען איהר גאַנצען לעבען, אָבער דיא וועלט דאַרף קיין מאָל ניט ערפאהרען וואס הייטע איז געשעהן.

פאר איהרע אויגען איז יעצט געשטאַנען דאס בילד פון איהר ערמאָרדעטען מאַן. און זיא האט געשווידערט.

ער האט מיך געוואָלט פערדארבען, — האט זיא צו זיך געזאָגט, — יעצט איז ער דערפאר בעשטראָפט געווארען. ער וואר דער יעניגער וואס האט אין מיר ערוועקט דיא געפיהלען צו אַל־דאס בייז. ער האט ביי מיר גערויבט מיין אונשולד און האט מיר געגעבען א גיפטיגען געטראַנק געמישט אין וויין. עס איז איהם דא־מאלס געווען גלייכגילטיג אויב איך וועל לעבען אָדער שטאַרבען. האב איך דען ניט געשוועבט צווישען לעבען און טויט ? יא אין לעבען שוועבט ארום א שווארצער, א פינסטערער שיקזאַל. יעצט האט ער דעם שיקזאל גענאָסען. וואס וועט מיר דיעזער שיקזאל ברענגען ?

נאך אייניגע מינוטען פון שוויינגען און קוקען אין אלע זייטען האט זיא געזאָגט :

— א קארטען ווארפערקע האָט מיר א מאָל געזאָגט, דאס איך וועל דורך פערשיעדענע וועגען ערדייכען דיא העכסטע שטופע פון לעבען דורך דער ליעבע פון א קינסטלער. וואס האט זיך דערפון אויסגעלאָזען ? האט ער מיך גליקליך געמאכט? ניין, הא, ניין, ער האט מיך געוואלט שטירצען צום ניעדעריגען אָבגרונד. ער האט מיך געוואָלט מאכען פאר א בעטלערין ! ניין, איין אינטעליגענטע פרוי פעראכטעט דעם שוועכלינג, וועלכער קען זיך ניט ערווערבען קיין שטעלע אין לעבען, און לאָזט זיין געליבטע ווייב אומקומען אין אָרימקייט.

דיעזע געדאנקען האבען דער מערדערין א ביסעל בערוהיגט. נאכדעם וויא זיא האט זיך נאך אביסעל געשטארקט און געמוטהיגט האט זיא פערלאָשען דיא ליכט און איז אריין אין דעם שלאָפצימער וואו דער באראָן האט אויף איהר אזוי אונגע־דולדיג געווארט.

— — — — — — — — — — — — —

אלס אדא האט זיך אויפגעכאַפּט פון איהר שלאָף איז שוין דיא זאָנע גע־שטאַנען הויך אין הימעל. איהר מאַן איז שוין לאַנג אויפגעשטאַנען, דען ווען אדא האט דיא אויגען געעפענט איז דער באראָן שוין ניט געווען אין צימער.

שנעל האט זיא זיך אויפגעהויבען פון איהר בעט. דאַן האט זיא אָנגעקלונגען פאר איהר קאַמערדינערין.

אלס דיא קאמער דינערין וואר נאך בעשעפטינט אנצוקליידען איהר ווירטהין האט זיך פלוצלונג געהערט א געשריי איבער'ן גאנצען הויז.

— וואס איז דאס ? וואס איז געשעהן ! — האט אדא געפרעגט.

דיא קאמער=דינערין האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. זיא האט אויך אנגעשטעלט איהרע אויערען און האט איינגעהאלטען איהר אטהעם.

אדא האט געוואוסט וואס עס איז געשעהן, אבער זיא האט צוזאמענגענומען אלע איהרע קרעפטען און האט זיך געמאכט גלייך וויא זיא וויים גאר נישט, אום מען זאל ניט בעמערקען דאס זיא אליין האט פערורזאכט דיא דראמע, וועלכע האט זיך אבגעשפיעלט אין פארק.

אלס זיא האט גענומען פיהלען דאס זיא ווערט אויפגערעגט, האט זיא געשיקט איהר קאמער־מעדכען צו זעהן וואס איז פארגעקומען.

אלס דיא דינערין איז אוועק האט זיא צוגעדריקט איהר האנד צום הארצען און האט פערבארגענער הייד געקוקט דורך דיא גארדינען אין גארטען אריין. זיא האט יעצט געזעהן וויא דיא דינער האבען געטראגען א טראג ברעט אויף וועלכער עס איז געלעגען ארנאלד מיט בלאסע געזיכטס ציגע.

אדא איז געזונקען אויפ'ן שטוהל.

— הא מיין גאט, — האט זיא צו זיך געזאגט. — אימער וועט דיעזער טויט שטעהן פאר מיינע אויגען. אה, איך ציטער פאר איהם ! אבער ניין ! איך מוז דיעזעס בילד פון זיך פערטרייבען, איך וויל ניט ארומגעהן מיט א טויטען מענשען אין מיינע געדאנקען.

קוים האט זיא זיך עטוואס בערוהיגט, אזוי האט זיא זיך וויעדער ערשראקען דען זיא האט גאר ניט בעמערקט וויא איהר מאן איז אין צימער אריין.

מיט שנעלע טריט איז ער צו איהר צוגעלאפען. ליידענשאפטליכער האט ער זיא צוגעדריקט צו זיין ברוסט. אדא האט פערבארגען איהר קאפ אויף זיין שולטער. עס האט איהר געשיינט דאס זיא מוז איהר געזיכט דא אויף אייביג פערבארגען אום זיא זאל ניט דארפען זעהן דעם שרעקליכען געשטאלט פון דעם ערמארדעטען.

— וואס איז געשעהן ? — האט זיא ענדליך געפרעגט.

דער באראן האט איהר אריינגעקוקט אין דיא אויגען.

— שרעק דיך ניט מיין געליבטע. איין אונגליק האט דיעזע נאכט פאסירט, אבער איך האף אז דער אונגליק איז ניט אזוי גרויס וויא עס שיינט אין ערסטען אויגענבליק.

— איין אונגליק? — האט אדא געפרעגט און האט זיך געזוכט צו מאסקירען

— ווער איז דער אונגליקליכער.

— מיין דינער ארנאָלד. ערסט צוריק מיט א פאאר טאָג האב איך איהם אָנגעדונגען. מיין פעטער, דער גראף אָטטאָ פאן פינקענשטיין, ביי וועלכען ערנא האָט פטרבראכט אכט וואָכען האט איהם מיר רעקאָמענדירט. עס שיינט אז ער האט געוואָלט זעלבסט מאָרד בעגעהן.

— איז ער טוידט?

— מיר האפען דאס ער לעבט. ער האט פערוואונדעט זיין ברוסט מיט א דאָלך און ער האלט נאך דעם דאָלך אין האנד. איך וויים ניט וואָס עס האט איהם גע־קענט טרייבען צו דיעזען זעלבסטמאָרד.

אדא האט בעדארפט האבען בעזאָנדערע קרעפטען אום זיא זאָל ניט פערלירען איהר פאסונג.

— דוא האסט דאך געוויס געשיקט נאך א דאקטאָר? — האט זיא געפרעגט מיט צערטליכקייט.

— גאנץ נאטירליך. מיר ערוואַרטען דעם דאָקטאָר מיט יעדע מינוט. דוא זעהסט אוים בלאס מיין קינד, דוא דארפסט זיך ניט ערגערען פון דעם צופאל, איך האב גרויסע האָפנונג דאס ארנאָלד וועט געזונד ווערען. אין גאָט קען וויסען וואָס עס האט איהם דערצו געטריבען, ער וואר שוין נעכטען זעהר צערשטרייט, ער האָט זאָגאר פערגאָסען דיין קלייד מיט שאמפאניער.

ביי דיעזע ווערטער האט אדא לייכטער אויפגעאטהעמט. דיא בעסערע גע־פיהלען אין איהר הארצען האבען ערוואכט און זיא האט זיך געקלעהרט, גאָט זיי דאנק, איך בין דאך קיין מערדערין.

עס האט לאנג ניט געדויערט און דער דאָקטאָר איז געקומען. ער האט פער־זיכערט דאס אָבוואהל דיא וואונד איז א געפעהרליכע, דאך איז זיא ניט קיין טוידט־ליכע און ער האט נאטירליך געטהאן אלעס וואס פאר איהם וואר מעגליך דיא וואונד צו היילען.

מיט דער גרעסטער אונגעדולד האט אדא ערוואַרטעט איהר מאנ'ס בעריכט. אלס ער איז צוריקגעקומען, האט זיא איהם באלד געפרעגט וואס עס הערט זיך וועגען דעם פערוואונדעטען.

— גאָט זיי דאנק, עס איז ניט אזוי געפעהרליך וויא מיר האבען געפירכטעט. ווען ער וועט גוט בעהאנדעלט ווערען וועט ער ווידער ווערען געזונד.

— איך איבערנעהם אויף זיך אכטונג צו געבען אויף איהם.

— וויא דוא? — האט אָטאָמאר געפרעגט ערשטוינט.

— געוויס אטאמאר, איך בין עס שולדיג צו גאָט, ווארום ער האט מיך אזוי גליקליך געמאכט און האט דיך געגעבען מיר מיין מאַן. עס איז טרויעריג, — האָט זיא דאן אין א שטילען טאָן געזאָגט — דאס ווערענד דיא ערסטע נאכט, וואס איך האב פערבראַכט אין מיין נייע היים זאָל געשעהן אזא אונגליק און מיר שיינט דארום דאס עס איז מיין הייליגסטע פפליכט צו זיין גוט און פריינדליך צו דעם קראַנקען מאַן.

— דוא ביזט איין ענגעל! — האט אָטאָמאר אויסגערופען און האט געקוסט זיין ווייב׳ס האנד — איך קען דיר ניט ענטזאגען דיין וואונש. דאך ענטשולדיג מיר איך מוז יעצט אוועקגעהן.

צום צווייטען מאָל איז דער באַראָן אוועק.

אַלס אדאַ איז געבליעבען אַליין, האט זיא אויפגעהויבען איהרע הענד צום הימעל און האט געבעטען גאָט, דער פערוואונדעטער זאָל געזונד ווערען אום זיא זאָל אויף זיך ניט טראָגען דיא לאַסט פון א מאָרד.

ווערענד זיא האט תּפלה געטהאן איז אנגעקומען א וואַגען און א יונגע דאַמע איז אויסגעשטיגען. עס וואר ערנאַ, דעם באַראָנ׳ס קוזינע. אין איינינע מינוטען שפּעטער איז ערנאַ געשטאַנען פאַר דער באַראָנעסאַ.

— דאָ בין איך! — האט ערנא לאַכענדיג געזאָגט — מיין גראָספאַטער איז הייטע פריה אבגעפאָהרען נאַך ניצא. וואָס זאָל איך אַליין טהאן אין דעם גרויסען שלאָס? איך האב דארום גערעכענט דאס עס וועט זיין אם בעסטען איך זאָל צו אייך קומען, איהר וועט דאך געוויס מיך ניט ארויסטרייבען?

דיא שעהנע יונגע גרעפין האט ארומגענומען איהר נייע קוזינע און האט זיא געדריקט צו זיך און האט זיא געקוסט.

זיא איז אבער באַלד צוריקגעשפּרונגען און האט געפרעגט:

— וואס זעה איך? קוזינע, דוא וויינסט?

— אך ערנאַ א טרויעריגע זאַך האט דא פּאַסירט.

— וואס איז געשעהן?

— שטעל זיך נור פאָר, א דיענער האט פּרובירט צו בעגעהן זעלבסטמאָרד?

— אום גאָטעס ווילען, ווער איז דאס דער דיענער?

— ארנאָלד.

— אַרנאָלד, וועלכער וואר ביי אונזער פעטער גראַף פאָן פינקענשטיין?

נענען דיין ברוסט. איך האב דיך ניט געוואָלט ערמאָרדען, און איך האב דערפון נאָכדעם געליטען. פערצייע מיר ארנאָלד, פערצייע!

— איך פערצייע דיר! — האט ארנאָלד געמורמעלט. — אה, איך וואר אויך א וואהנזיניגער, און דאָך...

— ארנאָלד, דוא וועסט זיין פערשטענדיגער, דוא וועסט ניט פאָדערען איך זאָל אויפגעבען דאס לעבען וועלכען דער באראָן וויל מיר געבען.

— אָך, ווען דיין שפיז וואָלט נור געטראָפען טיפער, דאַן וואָלט יעדע קוואל געווען צו ענדע. אדא איך קען אָהן דיר ניט לעבען. אדא, דוא וועסט פון איהם אוועק, דוא וועסט אנטלויפען מיט מיר.

דעם דינער׳ס אויגען האבען געפלאקערט, זיין שטימע האט געקלונגען וויא פון א גייסט.

— עס קען ניט זיין ארנאָלד. זיי דאך פערנינפטיג, בעדענק, דאס נאך דעם וואס עס איז געשעהן, וועט אונזער לעבען צוזאמען זיין בלויז א קוואל פון ליידען.

— דוא ווילסט מיך פערלאסען?

— דאס געהט ניט איך וועל דיר געבען א גרויסע סומע געלד, דוא וועסט שטרעבען צו ענטוויקלען דיין טאלאנט און דאַן וועסט דוא פאר זיך געפינען א ווייב וועלכע איז פיעל ווירדיגער צו בעזיצען דיך אלס איך. יא ארנאָלד, נור אלס פרייער מאן קענסט דוא ערדייכען דיא הויכע שטופע נאך וועלכער דוא שטרעבסט. פאָלג מיר, און מיר ביידע וועלען זיין גליקליך. איך אין מיין ארט און דוא אין דיין ארט. וואָס דארפסט דוא מיר? דוא ווייסט דאָך, אז איך וועל דיר זיין פאלש, איך קען דיר ניט טריי זיין.

אלס ארנאָלד האט געשוויגען האט זיך אדא אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צום פענסטער. זיא האט דערהערט א געשריי. זיא האט זיך אומגעווענדעט ארנאָלד האט זיך אויפגעהויבען פון זיין לאגער און זאָגט:

— זיי בארימהערציג אדא. זיי מיינע אָדער טויט מיך אין גאנצען.

זיא האט זיך איבער איהם געבויגט, איהר הארץ וואר פאל מיט מיטלייד, זיא האָט זיין גאנצע געזיכט בעדעקט מיט קוסען.

— נון גוט, האט זיא צו איהם געזאָגט, אין א פעסטער שטימע. — דיין ביטע וועל איך ניט צוריק ווייזען, אָבוואהל איך וויל דיך בעלאהנען גאנץ אנדערש וויא דוא דענקסט. איך בין ענטשלאָסען צו האלטען דיך ביי זיך. איך וועל זיין דיא

באראָנין פאן ערלען, אָבער צו דערזעלבער צייט וועל איך אויך זיין דיין פרוי און געליבטע. איך שווער עס דיר און וועל האלטען מיין וואָרט, זאָ לאנג דוא ווערסט נור שווייגען.

— איך דאנק דיר! — האט ער געמורמעלט און האט זיא אנגעקוקט. — איך וועל שווייגען אדא — געליעבטע — זיי מיינע!...

ארנאָלד איז פלעצליך געבליבען שטום, דיא טהיר האט זיך געעפענט און איבער'ן שוועל האט זיך בעוויזען דער באראָן.

31טעס קאַפּיטעל.

אַ נ ט ל אָ פ ע ן.

עס האט גענומען א היבשע ווײלע ביז ארטהור מענצעל האט זיך געקענט ערהאָלען פון דיא שרעק וואס אָפּענהיימער האט אויף איהם געוואָרפען.

ער איז ביז יעצט געווען פעסט איבערצייגט דאס נור ער און דער אלטער דניאל ווייסען דאס געהיימניס פון דער גרויסער ירושה. יעצט איז געקומען נאך א דריטער מאן, וועלכער פאָדערט אויך זיין טהייל.

דער טהייל וואר קיין קליינער, עס וואר א צעהנטעל פון דער גאנצער סומע, און מענצעל וואר דאָך נאך ניט זיכער דאס אָפּענהיימער וועט זיך ענדליך בעגיגען דערמיט, פיללייכט וועט ער נאך וועלען א העלפט.

דאס ערגסטע פאר איהם וואר אָבער נאך ניט דאס געלד וואס אָפּענהיימער פאָדערט. דיא געפאהר איז בעשטאנען אין דעם, וואס אָפּענהיימער קען זיין נאמען.

ארטהור מענצעל, דער נאמען מיט וועלכען מיר האבען איהם ערקענט האט קיין מאָל ניט געהאנט דאס איין פרעמדער מאן וועט פלוצלונג קומען און וועט איהם זאָגען ווער ער איז אין אמת'ן.

עס האט זיך נאטירליך ניט געהאנדעלט וועגען דעם נאמען, נור וועגען אלע דונקעלע זאכען וואס ווארען אונטער דעם נאמען פערדעקט. ער שטעהט יעצט אין געפאהר דאס זיין פערגאנגענהייט וועט יעצט אויפגעדעקט ווערען און זעהר פיעל אונבעקוועמע זאכען וועלען ארויס.

אָפּענהיימער איז לאנג נעבען איהם אין רעסטאָראנט ניט געזעסען. אזוי שנעל וויא ער האט איהם מיטגעטהיילט אלע וויכטיגע זאכען איז ער פון איהם אוועק, אבער מענצעל איז נאך אליין געזעסען אויף זיין אָרט און דיא גאנצע לופט ארום איהם איז געווען פאָל מיט אָפּענהיימ.

ענדליך האט ער זיך ערוואכט.

ער איז אויפגעשפרונגען פון שטוהל אויף וועלכען ער איז געזעסען אזוי לאנג האט זיך א פאטש געטאהן אין שטערען און האט געמורמעלט:

— פערליר ניט דיין קאפּ, אלטער נארר! איך האב שוין גענוג שלעכטע זאכען איבערגעלעבט, און מאנכע געפאהרען רעכטצייטיג בעקעמפפט און איך האף דאס איך וועל מיט דיעזען מאן אויך פערטיג ווערען.

ער האט געווארפען א בליק אויף זיין זייגער.

עס איז פערגאנגען נאך א שטונדע, וועלכע ארטהור מענצעל האט מיט אונגעדולד פערבראכט. איין נערוועזע אונרוהע איז איהם בעפאלען. מיט האסטיגע שריט איז ער ארומגעלאפען איבער זיין צימער, ענדליך האט זיך דיא טהיר געעפענט און אמטא איז אריינגעקומען.

נון? — האט ער געפרעגט.

אמטאס געזיכט וואר בלאס, און דורך דער פאלשער בארד, וועלכע ער האט געטראגען האט מען געקענט ערקענען זיין אויפרעגונג.

— איז עס געלונגען? — האט מענצעל געפרעגט אונגעדולדיג.

— יא. — האט אמטא געענטפערט.

— דער וואכט מייסטער וויליגט איין?

— ער טהוט עס. עס האט מיך גענוג מיהע געקאסט ביז איך האב איהם איבערגערעדט.

— קענען מיר זיך אויף איהם פערלאסען.

— איך האב איהם אויסגעפארשט און האב אויסגעפונען דאס ניט נור ער לעבט אונגליקליך מיט זיין ווייב, זאנדערן דאס ער וויל זיך אויך טרייסטען מיט ליעבע פון א שעהנער פרויענצימער. איך האב איהם באלד געשילדערט וואס פאר א גליקליכע צוקונפט איהם ערווארט ווען ער וועט מיין פערלאנג אננעהמען און ער האט ענדליך איינגעוויליגט.

— וואס האט איהר איהם געבאטען.

— פרעגט בעסער וויפיעל ער פאדערט.

— נון?

— פערציג טויזענד מארק.

— דאס איז פיעל, — האט מענצעל געמורמעלט!

— איך האב זיך נאטירליך געדונגען און געקרימט, נור אזוי וויא איהר האט

מיר בעפאהלען אויסצופיהרען דעם געשעפט, האב איך ניט געקענט העלפען און האב איינגעוויליגט צו צאהלען וויפיעל ער פערלאנגט.

אבוואהל מענצעל האט גאנץ גוט פערשטאנען דיא קונסט צו שפיעלען קאמע־דיע דאך האט ער ניט געקענט בעהאלטען דיא פריידע וועלכע ער האט געהאט פון דעם געדאנק דאס זיין אונטערנעהמען געהט וויא געוואונשען. מיט פראנץ שטאנד'ס אנטלויפען פון געפענגניס עררייכט ער א הויפט פונקט אין זיינע פלענער, און ער האט זעהר ליכט געקענט פערטראגען דיא קאסטען, וועלכע ווארען נאך אלעמען ניט מעהר וויא א טראפען פון דעם אונגעהייער גרויסען רייכטהום וועלכען ער וועט דאדורך ערוועבען.

— נון, האט ער געזאגט. — עס איז דאך געלונגען, און איך רעכען דאס איהר האט אייער אויפגאבע גאנץ גוט געמאכט, דען עס איז קיין מאל ניט לייכט אנצו־ריידען איין עהרליכען בעאמטען צו אזא שריט.

— גאנץ געוויס ניט.

— ווען זאל עס געשעהן?

— אין דער פריה.

— און פראנץ שטאנד?

— אלעס וועט געשעהן וויא מיר האבען גערעדט. דיא גרעפין פאן מעהרען וועט זארגען פאר דאס איבעריגע. יעדענפאלס איז עס אויך איהר אינטערעסע דאס פראנץ שטאנד זאל בלייבען בעהאלטען.

אטטא האט דיא לעצטע ווערטער געשפראכען עטוואס שטילער, אבער דאך מיט איין זעלטענער בעטאנונג, דאס מענצעל איז געווארען איבערראשט.

א געוויסע פראגע האט געשוועבט איבער זיינע ליפען, אבער ער האט זיא אונטערדריקט, ער האט איין אנדער געגענשטאנד אויפגעזוכט און האט געזאגט:

— מען דארף יעצט איינקויפען דיא נויטהיגע קליידער פאר דעם אנטלויפענ־דען, ווילט איהר מיך בעגלייטען:

— זעהר גערן.

ביידע מענער זיינען יעצט אוועק.

נאכדעם וויא זיי האבען פערשיעדענע קליידער איינגעקויפט האט זיך אטטא אבגעזעגענד פון מענצל'ן און איז צוועק נאך זיין וואהנונג.

ער האט ווירקליך קיין לייכטע זאך געבראכט נאהענט צום ציעל, און דיא אויפרעגונג פון דיעזער אונטערנעהמונג זיינען פון איהם נאך ניט פערשוואונדען.

ווען ער האט אנפאנגס ניט געגלויבט דיא ווערטער פון דעם הויז־פערוואלטער

פאול ראדאָוו, וועלכער האט איהם געזאָגט דאס דיא גרעפין העדוויג פאָדערט פון איהם דיא בעפרייאונג פון דעם געפאַנגענעם, איז יעצט דיעזער צווייפעל פון איהם שוין אין גאַנצען פערשוואונדען.

ער האט בעשלאָסען דאס העדוויג איז יעצט איבערציינגט אין פראַנץ'ס אונשולד און דארום וויל זיא איהם בעפרייען. ער האט דארום דיעזע ארבייט דורכגעפיהרט מיט א דאָפּעלטען פערגניגען. ערסטענס, האט ער דערמיט געטהאָן וואס זיין געליבטע פאָדערט פון איהם, צווייטענס האט ער דערמיט אביסעל פער־קלענערט זיין אייגענע זינד געגען דעם אונשולדיגען פראַנץ שטאַנד.

ווען ער איז זאָגאר ניט געווען דער מערדער און ווען אלעס וואָלט זיך ארויס־געוויזען וואָלט ער ניט געהאט דיא גרעסטע שטראַפע, דאך וואר ער עהרליך גענוג צו דענקען דאס נור צוליעב איהם איז עס געלונגען צו ווארפען דעם בכבול אויף פראַנץ שטאַנד און צו פעראורטהיילען איהם צו אזא שטראַפע.

אוים זיין גרויסער ליעבע צו העדוויג און אוים זיין גרויסען שטרעבען נאך רייכטהום האט זיך אָטטאָ געלאָזט איבעררעדען צו העלפען אויספיהרען פאול ראדאָוו'ס און ארטהור מענצעל'ס פלענער; אָבער זעהר אָפט האָט ער זיך אליין געמאכט פאָרוויפע, דאס ער איז שולדיג אין פראַנץ'ס אונגליק און דער געדאנק דאס ער האט יעצט געהאָלפען צו פערלייכטערען פראַנץ שטאַנד'ס שיקזאל, און דאס ער האָט יעצט געהאָלפען צו ברענגען דעם אונגליקליכען צו פרייהייט, דיעזער געדאנק האט איהם יעצט געפרעהט און בערוהיגט.

— — — — — — — — — — — — — —

פראַנץ שטאַנד האט זיך נאך געפונען אין דער זעלבער צעלע וואו ער איז געזעסען וועהרענד דער אונטערזוכונג.

מאנאטען זיינען פערגאנגען זייט יענעם טאג אין וועלכען ער האט פערלארען זיין פרייהייט, מאנאטען פון שווערע קוועלען און ליידען.

זא לאַנג ער איז נאך געשטאַנען אונטער דער אונטערזוכונג האט ער נאך צייטענווייס געהאט עטוואס האָפענונג דאס ער וועט נאך בעווייזען זיין אונשולד. דיעזע האפענונג האט אָבער לאַנג ניט געדויערט. ער האט ניט געקענט ערווארטען ארוים צו געהן פריי פון אזא אינטריגע וועלכע האט איהם געפאַנגען אין איהר נעטץ.

אין דעם מאנאט וואס דיא געשווארענע האָבען ארוים געשפראכען זייער אורטהייל איז זיין האפנונג אויף אימער פערלארען געגאנגען.

שטונדע לאַנג האט ער געקענט זיטצען און דענקען פון זיין אונגליק, און דאַן האָט איהם געשיינט דאס ער איז נאָהענט צו דער שווארצער נאכט פון וואהנזין,

א פערצווייפעלטער געלעכטער האט זיך דאַן בעוויזען איבער זיין מויל: ווען דער וואהנזין זאָל קומען וועט ער דאך פערגעסען אויף אלע זיינע צרות. אָבער ניין, ער טאָהר ניט פערלירען זיין בעוואוסטזיין, דען פערגעסען דיא צרות מוז ער אויך פערגעסען דיא גאָלדענע געזיכט פון זיין מרים, און דאס וואָלט פאר איהם געווען ערגער פון אלעס. מרים'ס געזיכט איז פאר איהם געשטאַנען. איהם האט געשיינט דאס זיא קוקט אויף איהם מיט איהרע אויגען און דאס זיא רעדט צו איהם מיט איהר שטימע.

דאס פאָרשטעלונג פלעגט פאר איהם קומען אזוי לעבעדיג, דאס ער איז געווען אימשטאַנדע אויסצושטרעקען דיא ארמען, גלייך וויא ער וואָלט וועלען ארומנעהמען זיין געליבטע און דריקען זיא צום הארצען.

אויף דעם דרינגענדען פערלאַנגען פון זיין פערטהיידיגער האט פראַנץ אפעלירט געגען דעם ערסטען פראָצעס. עס איז דעם פערטהיידיגער געלונגען צו געפינען א פעהלער אין דיא פאָרמאַליטעטען פון ערסטען פראָצעס. אָבער דיא אפעלאַציאָנס געריכט האט דעם ערסטען פראָצעס בעשטעטיגט און זייט דאַן איז זיין לעצטער האָפנונגס שטראהל פערלאָשען געוואָרען.

שוין איינינע מאָל איז איהם איינגעפאלען דער געדאַנק צו מאכען איין ענדע פון זיין ביטערען לעבען, וויא פיעל אנדערע געפאַנגענע טהוען; אָבער ווען דיא פערצווייפלונג האט ערר‍ייכט דעם העכסטען פונקט, ווען דאס לעבען איז איהם געוואָרען א שווערע לאַסט, דאַן איז איהם בעפאַלען דער געפיהל צו קעמפפען מיט דיעזען ביטערען שיקזאל ביז ער וועט ענדליך דאך ארויסגעהן אלס זיעגער.

ער האט דאך געוואוסט דאס ער איז אונשולדיג, און זיין אינשולד מוז געווים א מאָל בעוויזען ווערען, און דאַן וועט ער וויעדער געניסען גליק פון זיין ליעבע.

אימער און אימער האט ער געמוזט דענקען וויא מרים איז אין געריכטס זאאל צו איהם צוגעגאַנגען און האט געזאָגט: „איך גלויב אין דיין אונשולד, איך בלייב דיר געטריי“!

ווען ער האט זיך דיעזע סצענע אויסגעמאָלט אין זיין פאַנטאַזיע, ווען ער האט זיך פאָרגעשטעלט דאס געשטאַלט פון זיין געליבטער, דאַן האט איהם אפט געשיינט דאס נאך א גליק טרוואַרטעט איהם, און דאס ער איז זאָגאר יעצט אזוי גליקליך דאס ער איז עס ניט אומשטאַנדע איבערצוטראָגען. דאַן איז איהם אויך געקומען דער צווייפעל אויב עס איז גאָר מעגליך דאס מרים זאָל איהם, דעם אונבעדייטענדען, ארמען מענשען נאך קענען ליעבען.

— און דאך, און דאך, האט ער אימער האסטיג צו זיך געמורמעלט, —

מרים האט מיר געזאָגט דאָס זיא ליעבט מיך, און זיא ווייס ניט וואס ליגען בעדייטעט.

עס האט זיך איהם ניט געוואָלט ארבייטען. זאָ לאנג ער איז געוועזן אין דער אונטערזוכונג האט מען איהם קיין ארבייט ניט בעדאַרפט געבען. ערסט נאכדעם וויא מען האט איהם פעראורטהיילט איז ער געוואָרען פערפפליכטעט צו ארבייטען וויא אלע אנדערע געפאנגענע.

וויא אָפט איז ער געשטאנען אין פענסטער און האט צוגעזעהן וויא דיא געפאנגענע ארבייטען אונטען אין הויף.

אייניגע האבען געזעגט האָלץ, אנדערע האבען עס געשפאָלטען, און ווייטער אנדערע האבען עס צוזאמענגעלעגט. אייניגע וואַרען בעשעפטיגט צו רייניגען דיא בעטגעציינג, ווייטער זיינען אנדערע געווען בעשעפטיגט מיט שטרויענע מאטראצען, ווען עס איז געקומען דיא צייט פון עסען, האבען זיך דיעזע געפאנגענע אויסגעשטעלט אין אָרדנונג, און אויף'ן בעפעהל פון זייער עלטסטען זיינען זיי געגאנגען וויא סאָלדאטען אין זייער מארש.

מיט נייגעריגקייט האט פראנץ דאס אלעס בעטראכט. ער האט דאָרט געזעהן מאנכע געזיכטער אויף וועלכע דאס פערברעכען איז ניט געלעגען איינגעקריצט.

דיעזער געפענגניס הויף וואר פעסט געשלאָסען. דיא געפאנגענע האבען קיין רעכט געהאט אויסצורייידען א וואָרט, זייא האבען ניט געוואוסט וואס אין דער וועלט געהט פאָר, אָבער זיי האבען געזעהען דאס פון דיא אָרומיגע הייזער קוקט מען א מאָל אראָפּ אין זייער הויף און זיי האבען געפיהלט דיא שאנדע, דיא בעליידיגונג.

פראנץ שטאנד האט געפיהלט מיטלייד מיט דיעזע לייטע.

יעצט ווען ער איז פעראירטהיילט געוואָרען האט מען איהם געזאָגט דאס ער מוז אויך ארבייטען און ער איז געווארען א פערציטערטער. ער וועט דאָך אויך מוזען ארבייטען אין הויף און וועט אויך אויסגעזעצט זיין צו דיא בליקען פון אלע נייגעריגע.

נאָך אין דעם זעלביגען טאָג האָט מען איהם מיטגעטהיילט דאס ער וועט בעשעפטיגט ווערען ביי סיגארעטען.

דיא ארבייט איז א לייכטע, מען קען זיי אויסלערנען אין א פאאר שטונדען, אבוואָהל מען דאַרף זיך לאנג איינאיבען אום צו קענען פערדינען גענוג פון דעם קליינעם פרייז וואס ווערט פאר דיעזע ארבייט געצאָהלט.

דיא געפאַנגענע דאַרפען זיך אָבער ניט איילען. וואס זיי אַרבייטען אויס בלייבט פאר דער רעגירונג, זיי קריגען נור א קליינעם טהייל פון זייער פערדינסט.

אין דעם געפענגניס האט זיך אויך געפונען איין אַרבייטס זאאל און פראַנץ שטאַנד האט זעהר ניט געוואלט אַרבייטען אין דיעזען זאאל; דען אָבוואָהל איהם האט זעהר שטאַרק געבענקט אין דער איינזאַמקייט דאָך האט ער ניט געוואָלט זיך צוזאַמענמישען מיט דיא איבריגע פערברעכער. אָבער דיעזע פורכט וואַר אומזיסט דען ער וואַר בעשעפטיגט אין זיין צעלע. נאַכדעם וויא א געפאַנגענער האט איהם געוויזען וויא דיא אַרבייט צו מאַכען איז ער ווידער געבליבען אליין.

יעדען טאָג איז געקומען דער וואַכטמייסטער הערצאָג אום דיא געפאַנגענע צו אינספּעקטען. מען האט שוין פון וויטען געהערט זיינע געשרייען. דיא געפאַנגענע האבען פאַר איהם געציטערט וויא פאַר'ן טייוועל. אָבוואָהל מען האט פון איהם קיין אונגערעכטיגקייט ניט געזעהן.

הערצאָג וואַר בעקאַנט פאַר איין עהרליכען אָבער זעהר שטרענגען און פּינקטליכען בעאַמטען, וועלכער האט דאס מינדעסטע קלייניגקייט ניט דורכגעלאָזען.

און דאָך האט עס געשיינט דאס דער שטרענגער און אונפּאַרטייאישער הערצאָג איז געוועזן פריינדליכער און ליעבליכער צו פראַנץ שטאַנד אלס צו אַנדערע שטרעפלינגע.

אין אַנפאַנג וואַר זיין אויפטרעטען קורץ און שאַרף, ער האט יעדע זאַך צו איהם געזאָגט אין א שטרענגען טאָן; נור אין איין געוויסען זאָנטאג, אלס פראַנץ שטאַנד איז געקומען פון קירכע האט דער וואַכט-מייסטער גענומען דיא געלעגענהייט אריין צו געהן מיט איהם אין א לענגערען געשפּרעך.

הערצאָג האט געוואוסט אַלע איינצעלהייטען פון פראַנץ'ס פּראָצעס, דאָך האט ער דעם געפאַנגענעם געבעטען ער זאָל איהם אלעס איבערדערצעהלען.

פראַנץ האט זיין פערלאַנג ערפילט און עס האט איהם אויך צופריעדען געשטעלט צו זעהן מיט וועלכער אינטערעסע דער בעאַמטער הערט אלעס און נעהמט אנטהייל אין זיינע ליידען.

אַלץ פראַנץ שטאַנד האט גערעדט און האט פאר דעם געפענגניס אינספּעקטאר פערזיכערט זיין אונשולד, האט דער בעאַמטער געטהאן עטוואָס, וואס מען האט פון איהם שוין לאַנג, לאַנג ניט געזעהן, נעמליך ער האט געריבען זיין האַנד צום געפאַנגענעם און האט געזאָגט:

— איך גלויב אייער פערזיכערונג, און איך ראטה אייך יונגער מאַן איהר זאָלט אייער שיקזאל איבערטראַגען מיט מוטה, עס איז מעגליך, אז אייער אונשולד זאָל בעוויעזען ווערען.

זייט יענעם זאָנטאג האט דער וואכט־מייסטער אייניגע מאָל געשפּראָכען מיט דיעזען געפאנגענעם אוןביידע זיינען געוואָרען זעהר נאָהענט בעקאנט.

הערצאָג האט אויסגעפונען דאס פראנץ שטאנד איז איין געבילדעטער און עדעלער מאַן. ער האט איהם אלזאָ פערטרויט דאס ער איז זעהר אונגליקליך פערהייראטה. ער האט אמאָל זיין ווייב געליעבט; אָבער זיא בעהאנדעלט איהם טיראַניש, זיא פערביטערט איהם זיין לעבען. פראנץ שטאנד האט זיך יעצט ערָאינערט פון זיין אונגליקליכע ליעבע—אונגליקליך, אָבוואָהל זיין געליעבטע איז איהם געטריי; דען ער איז טוידט פאר זיין געליעבטער, ער קען זיא ניט זעהן, קען זיא ניט קיסען.

דער געפענגניס אינספּעקטאָר האט זיך זעהר אָפט געקלאָגט דאס זיין ווייב קוועלט איהם מיט אייפערזוכט. און אָבוואָהל פראנץ שטאנד וואר העפליך גענוג, ניט צו שטעלען פראגען צו דיעזען עלענדען, דאך האט דער בעאמטער איהם אליין געגעבען צו פערשטעהן דאס ער זוכט זיין טרויסט פאר זיינע הייזליכע ליידען אין איין אנדער געגענד און דאס זיין פרוי האט אורזאכען צו זיין אייפערזיכטיג.

דיעזע אלע ערצעהלונגען האבען געפיהרט דערצו, דאס פראנץ זאָל זיך ערָאינערען וויא גליקליך ער איז געוועזען צוריק מיט אייניגע חדשים ווען ער האט זיין געליבטע געזעהן יעדען טאָג און האט זעהר אָפט געהערט דיא זיעסע ליעבע פון איהר אייגענעם מויל.

און אָה, וויא האט ער דאן געוואונשען צו זיין פריי, צו זעהן ווידער זיין געליבטע און צו געניסען ווידער דיא גליקליכע שטונדען אין פרייען פארק און אין דער פרישער לופט. ער האט נאטירליך ניט געוואוסט, דאס יענע שטונדע איז ניט וויט און דאס זיין וואונש וועט באלד ערפילט ווערען.

עס וואר אין דעם זעלבען אבענד אין וועלכען מענצעל און אָטטאָ האבען געמאכט פלענער פאר דיא בעפרייאונג פון פראנץ שטאנד.

פראנץ איז הייטע גראדע געוועזען זעהר מעלאנכאָליש און אום זיינע זאָרגען צו פערטרייבען האט ער הייטע זעהר פלייסיג געארבייט, זאָ דאס זיינע פינגער האבען איהם וועה געטהאָן.

פלוצלינג האט זיך געעפענט דיא טהיר פון זיין געפענגניס און אינספּעקטאָר הערצאָג איז אריינגעקומען.

— איך האב מיט אייך עטוואס צו ריידען שטאנד, — האט דער אינספעקטאר געזאגט.

— הערר אינספעקטאר?

— שא, שטיל, — האט הערצאג געזאגט אין א ניעדעריגען טאן.

אין דעם בעאמטענס געזיכט איז געלעגען פורכט, מען האט געקענט זעהן דאס ער האט עטוואס אונגעוועהנליכעס אין זינען.

— ווילט איהר פריי זיין? — האט ער געפרעגט אין א שטילען טאן.

— אָה, וויא קענט איהר עס נאר פרעגען, — האט דער געפאנגענער געענטפערט טרויעריג — אויב איך וויל פריי זיין? וועלכער געפאנגענער וויל עס ניט?

— ווילט איהר אבער פריי זיין?

פראנץ האט איהם אנגעקוקט. דער טאן האט איהם געקלונגען וויא א גוטע בשורה.

— וואס מיינט איהר דער מיט? — האט ער געפרעגט.

— איך מיין צו איהר ווילט מיט געוואלד ארויסרייסען זיך פון דיא קייטען?

— דאס איז דאך ניט מעגליך.

— און ווען עס וואלט געוועזען מעגליך?

— וואס מיינט איהר דער מיט? איך זאל אנטלויפען?

— ווילט איהר אנטלויפען?

פראנץ שטאנד האט געאטהעמט שווער. ער האט זיינע געדאנקען ניט געקענט פאסען.

— אבער, — האט ער געזאגט ענדליך. — וועל איך דען דערמיט ניט בעשטעטיגען דיא קלאגע, וועלכע איך האב ביז יעצט געלייקענט.

— אין א געוויסען מאס, אבער ווען איהר זייט פריי קענט איהר ארבייטען צו רעטען אייער עהרע און צו בעווייזען אייער אונשולד. דאן פערגעסט ניט אייער מרים. איך האב אייך געזאגט דאס זיא איז ניט מעהר אין מינכען, דאס זיא לעבט אלס ארבייטס מעדכען אונטער דעם נאמען מרים מעהרען. דאס ארמע קינד וויא פיעל מוז זיא דאס ליידען, וואס פאר א טרייסט וועט עס זיין אין איהר טרויעריגע לאגע ווען זיא וועט וויסען דאס איהר זייט פריי.

פראנץ שטאנד האט פערדעקט זיין געזיכט מיטביידע הענד. דיא לעצטע ווערטער האבען זיין הערץ צוריסען.

איז דען דאס מעגליך? איז דען ווירקליך געקומען דיא שטונדע פון פרייהייט?

נאָך האט זיך אין איהם גערא‏נגעלט דער שטאָלץ ניט צו אנטלויפען פון פעלד וואו ער דארף מיט זיין שיקזאל קעמפפען; אָבער דער געדאנק אן מרים'ן, דיא שעהנע און עדעלע מרים וועלכע איז געפאלען פון דער הויכער שטופע אין דער געזעלשאפט צום טיעפסטען עלענד און יאמער.

דאָס באלד פון זיין געליבטער איז פאר איהם ערשיענען און זיין הארץ איז געווען אזוי שוואך דאס ער האט זיך ניט געקענט ענטזאגען אונטערנעהמען דעם שריט, וועלכען מען האט פאר איהם פאָרגעלעגט.

ער האט דעם געפענגניס וועכטער גערייכט זיין האנד און מיט א ריהרענדער אבער לייזער שטימע האט ער געזאגט:

— איך וויים נאך ניט וויא אזוי עס איז מעגליך איך זאָל אנטלויפען, אָבער איך גלויב, אז איהר אליין ווילט מיר דערצו העלפען.

— געוויס, געוויס! — האט הערצאָג געמורמעלט.

— איך נעהם עס אָן, זאָגט מיר וואָס האב איך צו טהאָן?

דיא צוויי מענער האבען יעצט געהאט א לענגערען געשפרעך.

אלע איינצעלהייטען פון דער אונטערנעהמונג זיינען בעשפראָכען געוואָרען. אלס ביידע האבען זיך גוט פערשטאנען, האט דער וואכט-מייסטער גערייכט זיין האנד.

— אויף וויעדערזעהן מיין פריינד. מיר ביידע אנטלויפען פון א שיקזאל וועלכען מיר האבען לענגער ניט געקענט ערטראגען.

דער וואכט-מייסטער איז יעצט אוועק און פראנץ איז געבליעבען זיצען מיט איין אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

פראנץ שטאנד האט נאך ניט געקענט גלויבען דאס זיין געפאנגענשאפט זאָל שוין זיין צו ענדע. ער וואר אונגלויביג און אונגעדולדיג. ער האט געצעהלט יעדע סעקונדע ביז דיא טהיר וועט זיך וויעדער עפענען און דער וואכטמייסטער וועט וויעדער קומען.

דיא געז אין געפענגניס איז שוין לאנג אויסגעלאָשען געוואָרען, שוין לאנג האט געקלונגען דער גלאָק, וועלכער האט דיא געפאנגענע בעפאהלען צו שלאָפען. פראנץ שטאנד האט זיך אוים זיין געוואָהנהייט געוואָרפען אויף זיין לאגער, אָבער ער האט זיך געלעגט אין דיא קליידער און האט זיין קאָפּ אנגעשפארט אויף דיא הענד און האט געדענקט. האָפנונג און צווייפעל האבען געקעמפפט אין זיין הערץ. אָט האט ער געוואָלט זינגען פון פריידע און אָט איז ער אריינגעפאלען אין א שווערען, טרויעריגען מוטה, דען ער האט זיך ניט געקענט פערלייקענען דאָס זיין אונטערנעהמען,

ווען עס זאָל זאָגאר געלינגען, וועט פאר איהם ברענגען זעהר ביטערע פאָלגען און דאָס וועט בעשטעטיגען זיין שולד.

אָבער פרענץ שטאנד האט דיעזע געדאנקען בעקעמפפט, אויך דער צווייפעל אויב עס וועט איהם געלינגען צו אנטלויפען, און אויב דאס אלעס איז קיין טרוים, קיין פאנטאזיע, האט ער מיט אלע זיינע קרעפטען אונטערדריקט און האט זיך נור איבערגעגעבען דער האָפנונג.

זיין אונגעדולד איז דערביי געוואקסען אלץ מעהר און מעהר.

אויפמערקזאם האט ער זיך צוגעהערט צו יעדען קלאפּ פון זייגער. ער האט געצעהלט דיא מינוטען ביז ער וועט אין דער ווירקליכקייט פערלאָסען זיין צעלע.

ענדליך האט געשלאָגען צוויי אוהר, און שריטע האבען זוך געהערט ביי זיין צעלע.

— — — — — — — — — — — — — — —

אונטערדעסען האט דער וואכט־מייסטער געענדיגט זיין דינסט און איז אוועק נאך הויזע.

ער האט ניט געוואהנט זעהר ווייט פון געפענגניס, אָבער זייט יאהרען איז איהם דער וועג נאך הויזע געווען אונענדליך לאנג. ער האט געפירכטעט אויפצר זוכען זיין היים דען זעלטען האט דאָרט געהערשט פריעדען. זיין ווייב האט געטהאָן אלעס אום צו מאכען פון דעם הימעל וועלכען ער האט איהר א מאָל פערשפּראָכען איין אמת'ן גהנים.

אויך הייטע האט הערצאָג געמוזט ערווארטען איין סצענע, ווייל צו מיטאג האט שוין אנגעפאנגען דער שטורם. דאָך איז איהם הייטע געווען פרעהליכער דאס הערץ.

ער וואר דאך ענטשלאָסען צו מאכען איין ענדע צו אלע זיינע ליידען. נאך איידער דיא זון וועט דעם צווייטען טאג בעגריסען וועט ער מינכען פערלאסען אום צו פאהרען אין דער ווייטער, ווייטער וועלט.

דיעזער געדאנק האט געטריבען זיין בלוט שנעלער און האבען בעוועגט זיינע שריטע.

איידער ער איז געקומען אין זיין הויז איז ער אריין אין א נעבען שטראסע און האט זיך אבגעשטעלט ווארטען אונטער א הויז.

ניט לאנג האט עס געדויערט און טריט האבען זיך געלאָזט הערען.

הערצאָג האט זיך נאָך פעסטער איינגעוויקעלט אין זיין מאנטעל, האט דעם קאָלנער נאָך העכער ארופגעצויגען אום מען זאָל איהם ניט אזוי לייכט ערקענען.

דיא טריט זיינען געקומען נעהענטער און אין נעכסטען אויגענבליק איז פאר איהם געשטאנען דיא געשטאלט פון א פרויענצימער.

— עדנאר!

— פרידא, — שטיל, איך האב מיט דיר וויכטיגעס צו ריידען.

— ארער קומט קיינער ניט אזוי שנעל.

— מאך זיך בערייט פרידא, אָרדער איין דיינע זאכען.

— וויא?

דער געפענגניס אינספעקטאָר האט זיך צו איהר צוגעבויגט אן האט איהר עטוואס געזאָגט אין אויער.

— דאָס איז דאך אונמעגליך!

— ווארום.

— בעדענקט דאך וואס וועט דיין פרוי זאָגען.

הערצאָג האט געלאַכט.

— זיא האט אין איהר לעבען שוין אזוי פיעל גערעדט, דאס זיא האט ניט מעהר וואס צו זאָגען. יעדענפאַלס וואס קימערט זיא אונז? נון דוא ווילסט ניט?

פרידאס בוזים האט זיך בעוואָגען. זיא האט מיט זיך געקעמפפט.

— בעשלים דיך!

— לאָז מיר נאך צייט, ווענינסטען נאך א פאאר טעג.

— ניין הייטע!

— איז דאס אזוי איילינג?

— גאַנץ געוויס! — האט דער וואַכט־מייסטער געענטפערט אונגעדולדיג.

— אבער פאר וואס האסט דוא קיין צייט אויף איין טאָג?

— יעצט איז קיין צייט צו ערקלעהרען. איך פערלאַס הייטע מיכבען אויף אימער.

— וואוהין ווערסט דוא זיך ווענדען.

— עס איז מיר גלייך, וואוהין דוא ווילסט, נור ווייט פון דאַנען.

— האָסט דוא גענוג געלד דערצו? — האט דיא יונגע מעדכע זיך ערקונדיגט.

דער וואַכט־מייסטער האט געלאַכט, ער האט געעפענט א בריעף טאשע און האט איהר געצייגט א גאנצען פאַק הונדערטער מארק נאָטען.

וויא פרידא האט דאס געלד דערזעהן און זיא האט אנגענומען אז דאס איז

א גרויסע סומע, האט זיא באלד געענדערט איהר מיינונג. זיא האט געשמייכעלט צום וואכט-מייסטער און האט געזאָגט:

— גוט איך וועל קומען.

— איך רעכען אויף דיר גאנץ בעשטימט. ווען דוא וועסט דאָרט ניט זיין וועל איך אליין אוועק.

— איך קום שוין.

דיא צוויי האבען געשפּראָכען נאך איינינע ווערטער, דאן איז פרידא אוועק איהר וועג און דער וואכט-מייסטער זיין וועג.

— נון, בין איך צופרידען! — האט ער געזאָגט. — עס האט ניט פיעל געפעהלט און איך וואָלט מוזען אליין אוועק, אליין אָהן דאס מעדכען, וועלכע איך האב אזוי ליעב.

וואס מעהר דער וואכט-מייסטער איז צוגעקומען צו זיין הויז, אלץ שווערער זיינען געוואָרען זיינע שריט, עס האט איהם געגרוילט אריין צוגעהן אין הויז, און ווען ער וואָלט עס ניט געמוזט אום צו פערמיידען א פערדאכט, וואָלט ער זיכער א היים ניט געקומען.

זיין ווייב איז ניט געווען קיין מיאוס'ע ערשיינונג, זיא וואר נור עטוואָס צו קליין נעגען דיא ריזיגע געביידע פון דיעזען בעאמטען, זיא האט אָבער געהאט דעם פעהלער צו ווערען צו פריה אלט, און וויל זיא האט עס געוואוסט, דארום איז געשטיענען איהר אייפערזוכט.

זיא האט געוואוסט דאס מיט איהר אונפריעדליכען, בייזען כאראקטער ברענגט זיא איהר מאַן קיין פריעדען און זיא האט נאטירליך פערשטאַנען דאס ער וועט זיין גליק זוכען אין איין אַנדער זייט, און זיא האט דארום אנגעפאַנגען אין פאָראויס צו קוועלען איהר מאַן מיט אייפערזוכט, ביז איהר מאַן איז ווירקליך מיאוס געוואָרען דאס לעבען און ער האט ווירקליך געזוכט און געפונען איין אַנדער גליק.

דער וואכט-מייסטער האט זעהר אָפט ליעב געהאט צו פערברענגען זיין צייט ביי א גלאָז ביער אָדער א גלאָז וויין, דאס האט איהר ניט געקימערט, נור ווען זיא האט א מאָל בעמערקט דאס ער האט בעהאלטען א בריעף אין זיין טאשע איז זיא געוואָרען א צוקאָכטע.

— פון וואַנען איז דיעזער בריעף געווען? האט זיא זיך געטראכט און ביי נאכט, אלס דער מאַן האט געשלאָפען איז זיא אויפגעשטאַנען און האט דעם בריעף אויפגעזוכט אין זיינע קליידער.

מיט דעם ערסטען בליק האט זיא ערקענט דאס עס וואר א ליעבעס בריעף.

עס איז געוועז אונטערשריבען מיט דעם נאמען פריעדא און האט פערזיכערט עווינע און טרייע ליעבע.

פון דעם בריעף האט זיא אויך געזעהן דאס דיא געליעבטע איז א קעלנערין אין א וויין-לאָקאַל.

דיא אייפערזיכטיגע פרוי וואר קלוג גענוג צו בעהאלטען איהר צאָרן פון איהר מאַן, נור אין א געוויסען טאָג, ווען דער וואכט-מייסטער איז געזעסען אין לאָקאל און האט זיך אונטערגעשפיעלט מיט דאס מיידעל, איז דיא פרוי פלוצלינג אריינגעקומען. עס האט זיך אבגעשפיעלט א סצענע וועלכע האט געצוואונגען דעם וואכט-מייסטער אויסצומיידען דעם לאָקאַל, אָבער ער האט ביי זיך ניט געקענט בעשטימען צו ענטזאגען זיך פון דאס מעדכען, וועלכע ער האט ווירקליך געליבט.

פרידא איז געווען א מעדכען מיט א שעהנע געשטאַלט, א רייצענדע געזיכט, בלאָנדע האאר מיט קליינע לאָקען ארום איהר שטערען. איהרע אויגען ווארען העל בלוי, זיא האט געקוקט מיט פערגניגען אין דער וועלט, מאנכעס מאָל וואר איהר בליק פאל מיט ליידענשאפט, אָבער מאנכעס מאָל וואר ער אזוי קינדיש דאס דער וואכט-מייסטער האט קיין מאָל ניט געקענט וואגען צו מאכען דאס מעדכען איין ליעבעס אנטראג.

אין פריעדאס גאנצען וועזען איז געלעגען עטוואס קינדישעס — נאאיוועס, און אָבוואָהל דיא פערשיעדענע געסט האבען געזאָגט דאס פריעדא איז אין ליעבע זאכען גלייך מיט טויזענד אנדערע מעדלעך, דאך האט דער וואכט-מייסטער ניט אויפגעהערט צו שווערען דאס זיא איז אונשולדיג.

אין דיעזער פעסטער איבערצייגונג האט ער נאך הייטע געלעבט און ווען איינער וואָלט איהם געזאָגט דאס פריעדא איז איהם ניט גאנץ געטריי, וואָלט ער יענעם געהאלטען פאר א ליגנער און פערליימדער.

וועהרענד דער וואכט-מייסטער איז געגאנגען נאָך הויזע איז פרידא געלאָפען צוריק אין וויין-לאָקאל וואו זיא האט געדיענט.

עס ווארען דאָרט נאך אייניגע געסט, וועלכע האבען אונגעדולדיג אויף דאס מעדכען געווארט. אָבער פרידא איז הייטע דורכאויס ניט געווען אויפגעלעגט צום שטיפען, זיא האט געגעבען קורצע און אונצופריעדענע אנטוואָרטען און האט ערקלעהרט דאס זיא פיהלט זיך ניט גוט.

דיא געסט זיינען זיך צוגאנגען מיט ברוגז. אלס פרידא איז געבליבען אליין האט זיא זיך פערטראכט, זיא האט זיך ערסט געמוזט צוגעוואָהנען צום געדאנק, וועלכען דער וואכט-מייסטער האט אין איהר אויפגעוועקט.

הערצאָג האט שוין איינינע מאָל גערעדט פון אנטלויפען פון מינכען און ער וואָלט עס שוין לאנג געטאָהן ווען דאס וואָלט געווען אזא לייכטע זאך. ער האט ניט געהאט מיט וואָס. פון זיין געהאלט האט ער זעהר ווענינ געקענט שפּארען. דארום האט פרידא קיין מאָל ניט ערנסט בעטראַכט דעם וואכט-מייסטערס רייד. זיא איז דארום איבערראַשט געווען פון דיא פיעלע געלד, וועלכע ער האט איהר ערסט געוויזען. וואו האט ער דיעזען געלד אזוי פּלוצלינג געקראָגען?

עס וואָר ביי איהר קיין צווייפעל דאס זיין ענטשלוס צו אנטלויפען גלייך דיעזע נאַכט און דאס געלד וועלכע ער האט פּלוצלינג ערוואָרבען געהערען צו איינער און דער זעלבער אורזאַכע.

פרידא האט ניט געליבט צו פיעל צו דענקען. זיא האט גענאָסען דאס לעבען פון פּראקטישען זייט, דאס הייסט פון דעם זייט וואס ברענגט איהר גענוס און פערגניגען. זיא האט זיך אויך יעצט בעשלאָסען אנצונעהמען דעם וואכט-מייסטערס פאָרשלאַג. דאס געלד, וועלכע זיא האט ביי איהם געזעהן פערזיכערט זיא מיט גוטען פערגניגען אויף א לאנגע צייט. צו פיעל האט זיא זיך אויך ניט געזאָרגט. פאר איהר יוגענד און פאר איהר שעהנהייט וואר געוויס ניט שווער צו געפינען א בעשעפטיגונג.

גאנץ אָפט האט דער וואכט-מייסטער פאר איהר געשפּראָכען דאס ער וויל זיך שיידען מיט זיין ווייב. זיא האט אויך געליבט דעם וואכט-מייסטער, זיא האט איהם געאַכטעט וויא דעם מאַן, וועלכער האט זיא פערטהיידיגט פאר דיא געסט און וועלכער וואָר בערייט פאר איהר אלעס צו געבען. אזא פריינד מוז מען האלטען ביי זיך און זיא האט איהם צו זיך צוגעבונדען מיט איהר מאסקע פון אונשולדיגקייט.

הערצאָג האט ניט געוואוסט דאס פרידא אמוזירט זיך גאנץ אָפט מיט אנדערע געסט, און צוואָר אויף אזא אַרט, דאס מען האט געקענט פערדעכטיגע׳ איהר עהרליכע און קינדערשע מאַסקע.

נאכדעם וויא זיא האט דאס אלעס איבערגעלעגט איז זיא צוגעגאנגען צופּ ווירטה פון לאָקאל.

— הערר קנאל! — האט זיא געזאָגט — איך וויל הייטע אבענד אויסגעהן.

— שוין ווידער? — האט ער געפרעגט מיט צארן?

פריעדע האט גענייגט מיט איהר קאָפּ. זיא האט געוואוסט, דאָס זיא קען זיך

דאָ אלעס ערלויבען ווייל צוליעב איהר זיינען געקומען פיעלע געסט, און דער ווירט האט דערביי געמאכט גוטע געשעפטען.

— איך פיהל ניט גוט, — האט זיא געזאָגט — איך וויל געהן שלאָפען.

דער ווירטה האט זיא אָנגעקוקט מיט שפאָס.

— דאָס גלויב איך ניט. אָבער איהר קענט געהן, קומט נור מאָרגען ווידער.

פריעדא האָט אויסגעטהאן איהר ווייסען פארטוך, האט אָנגעטהאן איהרע קליידער און איז אוועק.

— איך מוז מיך איילען, — האט זיא צו זיך געזאָגט — דער באראָן ווארט שוין געוויס אויף מיר.

זיא האט פערצווינגען א שלייער איבער איהר געזיכט אום מען זאָל זיא ניט ערקענען.

מיט שנעלע שריט איז זיא אוועקגעלאָפען צום קאפע אריענט, וואו זיא האט איהר באראָן געטראָפען.

— ענדליך קומסט דוא! — האט ער געזאָגט — מוזט מען דען אימער אויף דיר אזוי לאנג ווארטען?

— דאָס געשעפט.

— ווילסט דוא עטוואָס טרינקען?

— דאנקע.

— דאן קום.

— וואוהין? — האט פריעדא געפרעגט.

— נאטירליך צו מיר, איך בין הייטע גאנץ אליין און מיר קענען גאר אונגעשטערט פערברייננגען.

פריעדע האט קיין וואָרט געענטפערט. זיא איז געגאנגען לאנגזאם צום טהיר, וועהרענד דער באראָן האט בעצאָהלט. אין דרויסען האט זיא איהם גענומען אונטערן אָרעם און נאך א לאנגען שטיק וועג האבען זיי דערגרייכט דעם באראָנ׳ס וואהנונג.

— — — — — — — — — — — — —

דעם וואכטמייסטערס ערוואַרטונג צו טרעפען אין זיין הויז א שטורם האט זיך ערפיעלט. קוים איז ער נור אריבערגעגאנגען דעם שוועל פון זיין וואָהנונג, אזוי איז איהם זיין ווייב געקומען ענטגעגען און האט איהם בעגריסט מיט א מבול קללות.

— ווילסט דוא מיר פיעללייכט איינריידען, אז דוא קומסט ערסט יעצט פון דיין אמט? — האט פאָלא, אזוי האט זיין ווייב געהייסען, געשריען — איך וויס, איך וויס, וואו דוא ביזט יעצט געוועזן

עדנאָר הערצאָג האט געזוכט צו בלייבען רוהיג.

— איך ווייס ניט וואס דוא ווילסט און ביי וועמען איך בין געוועןְ? — האט ער געזאָגט רוהיג.

— זאָ, דוא ווייסט עס ניט, דאן וועל איך עס דיר זאָגען, דוא ביזט געוועןְ ביי דיין פריעדא! איך זאג דיר אבער דוא זאָלסט עס גוט געדענקען, ווען איך וועל דיך דערטאַפּען ביי דיעזער פרויענצימער, זאָ וועל איך דיר אויסקראצען דיינע אויגען!

— דערצו וועט עס ניט קומען, — האט ער קאַלטבליטיג געענטפערט.

— ווערסט דוא מיך פיעללייכט קענען צוריקהאַלטען?

— יאָ, דאָס מעדכען שטעהט אונטער מיין שוץ.

פאַלא איז יעצט צוגעגאנגען נאָהענט צו איהר מאַן, איהרע אויגען האבען גע־שפּריצט פייער.

— אונטער דיין שוטץ? דענקסט דוא איך ווייס ניט דיינע געשעפטען? אבער איך וועל דיך און דיין געליעבטע אנלערנען. דיא פּאָליציי מוז זיך דא אריינמישען, דיין געליבטע מוז ארעטירט ווערען.

— זיי אזוי גוט און שלים צו דיין מויל! — האט דער וואַכט־מייסטער יעצט אביסעל ענערגישער געזאָגט.

— אָבער דיא ווייב האט זיך נאַטירליך ניט ערשראָקען און זיא האט ניט אויפגעהערט צו שיסען אויף איהם פעך און שוועבעל. זיא האט געזונגען דאס ליעד פון אונגעטרייע מענער אויף אַלע נאָטען. איהר הויפּט צא־יין איז אבער געוועןְ גע־נען דאס מיידעל, וועלכע האט פון איהר גערויבט א

ענדליך האט דער וואַכט-מייסטער ארויסגע ין אוהר.

— דוא ווייסט דאך איך מוז באַלד וויעדער געהן אויף מיין אמט. זאָל איך דיך נאך אמאָל ערמאינערען דאס איך וויל עסען?

— עס קרענק, עס ווערים, עס דיין געליעבטע פריעדא.

— וואָס האסט דוא צו דאס מיידעל?

— וואָס איך האב צו איהר? ווער איז מיר מען רעדט דאך איבער דער גאַנ־צער שטאָדט דאס דוא טרייבסט זיך ארום מיט דאס מעדכען! טרייבען זאָלען דיך אַלע שדים.

דער וואַכט־מייסטער האט זיך יעצט איבערצייגט דאס זיין ווייב וועט אויף קיין פאַל ניט שטיל ווערען. ער האט דארום בעשלאָסען צו לאָזען איהר ריידען וויפיעל זיא וויל. ער איז דארום אוועק אין קיך האט זיך אכיין גענומען דאָס עסען

און האט עטוואָס צוּעביסען. נאכדעם וויא ער האט אָבגעגעסען האט ער זיך גאַנץ רוהיג אויסגעצויגען אויף דער זאָפע און האט געלאָזט זיין ווייב רייסען איהר גאל וויפיעל זיא האט אליין געוואָלט.

אום צוויי אוהר האט ער ווידער געמוזט געהן נאך דער געפענגניס אום צו בעזוכען אלע צעלען. דיעזע ארבייט האט ער געמוזט טהאָן צוויי מאָל אין וואך.

פּאָלא האט זיך ענדליך איינגעמאַטערט און אָהנע צו ווינשען א גוטע נאכט איז זיא אַוועק אין איהר שלאָפצימער.

דער וואכט-מייסטער, האט לייכטער אויפגעאטהעמט. ער איז ענדליך געבלי־בען אליין און האט געקענט גאַנץ רוהיג בערעכענען אלע זיינע פּלענער. ער האט זיך דיא גאַנצע צייט געמוזט גוט אנשטרענגען זיין ווייב זאָל ניט בעמערקען דאס עטוואָס אונגעוועהנליכעס געהט פאָר אין זיין קאָפּ. ער האט גוט געוואוסט דאס ווען זיין ווייב וועט זיך אויף עטוואָס אָנשטויסען וועט זיא זיך ניט אָבשרעקען צו היטען איהם יעדען שריט און זאָגאר צו פערראַטען איהם פאר דעם העכסטען געריכט.

דיא געפאַהר איז יעצט פאראיבער און דער שטורם איז אויך צו ענדע. ווען אלעס זאָל איהם געהן וויא ער ווינשט האט ער הייטע געהערט זיין ווייבס לעצטע ליעדעלע.

וועט דען אבער אלעס אזוי געהן וויא ער ווינשט? וועט זיך עטוואס ניט מאַכען וואָס זועט זיינע פּלענער צערשטערען?

ער האט לענגער ניט אויסגעהאלטען צו פערברענגען דיא צייט אין גאָר ניט. עס ווארען נאך איינינע שטונדען ביז ער האט בעדארפט געהן אין געפענגניס נאָכ־צוזעהען אויב אלע צעלען זיינען אין אָרדנונג. דיעזע צייט וואר צו לאַנג צו פער־ברענגען אין טראַכטען. ער האט גענומען א בוך צום לעזען, אָבער זיינע אויגען האָ־בען ניט געקענט זעהן דיא שריפט, און זיינע געדאַנקען האבען זיך ניט געקענט בעֿ־פרייען פון דער פורכט און פון דיא ריזיקע פּלענער, וועלכע ער האט דורכצופיהרען.

ענדליך איז דיא צייט געקומען. ער האט ווידער אָנגעטהאַן דיא יוניפאָרם און האט פערלאַסען דאס הויז.

ניט ווייט פון געפענגניס האט איהם אָטטאָ איבערגענומען און האט איהם אבגעגעבען א פּאַק.

— וואס געפינט זיך דארין? — האט ער געפרעגט.

— צוויי אנציגע, איינעם פאר אייך און איינעם פאר דעם געפאַנגענעם, אוי־סער דעם וועט איהר דא געפינען א פאלשע באָרד, וועלכע איז פונקט פאר אייך.

— דאס איז גוט, ניט עס נור אהער, און דאס געלד? — האט דער וואכט־מייסטער געפרעגט.

— איך ווארט דאָ אויף אייך, אזוי שנעל וויא איהר וועט מיט דעם אנטלאָפענעם פערלאסען דאס הויז, גיב איך אייך פינף און צוואנציג טויזענד מארק. פינף טויזענד האט איהר דאך שוין.

דער וואכט־מייסטער וואר דערמיט צופריעדען און איז אוועק אין געפענגניס.

— דאס וואר א גוטער געשעפט, — האט אָטטאָ צו זיך געמורמעלט — צעהן טויזענד קריעג איך פון מענצעל'ן און צעהן טויזענד פערדיען איך פון דיעזען געשעפט.

נאך דיעזע ווערטער איז ער אריין אין א רעסטאָראנט. אום ארויסצושלאָגען זיך אביסעל פון דיא געדאנקען, וועלכע האבען איהם געפלאגט איז ער אריין אין בילליארד און האט געוואָלט אביסעל שפיעלען, אָבער דיא שפיעל איז איהם ניט געקראָכען אין קאָפּ, אָבוואָהל ער וואר א ליידענשאפטליכער שפיעלער. מען האט איהם אויפגעפאָדערט צו שפיעלען אין קאָרטען און ער האט דיעזע אויפפאָדערונג אָנגענומען מיט פערגניגען. דאָס וואר וועניגסטענס איין אָבוועקסלונג, א זאך וואָס קען איהם אויפרעגען.

אָטטא וואר א שטיקעל אָבערגלויבער. פון דיא טשאנסען אין דיא קאָרטען האט ער געוואָלט זעהן זיין מזל אין דעם גאנצען פלאן.

ער האט געהאט א מערקווירדיגען גליק, עס איז איהם געגאנגען קאָרט נאָך קאָרט, ער האט געוואָרפען א בליק אויף דעם זייגער. עס האט איהם יעצט געשיינט דאס דיא ווייזער לויפען שנעלער וויא געוועהנליך. דיא קאָרטען שפיעל האט געוויזען איהר קראפט אין פערקירצען דיא צייט.

דער וואכט־מייסטער האט דערווייל דורכגעזעהן דיא צעלען. דיעזע רעוויזיע איז געמאכט געוואָרען אויף א גאנץ געוועהנליכען אופּ'ן. ער פלעגט אויפהויבען א קליינע קלאפּע אין טהיר צו דער צעלע און מיט א לאנטערנע האט ער אריינגעלייכט צו זעהן וואָס דער געפאנגענער טהוט.

כמעט אין אלע צעלען זיינען דיא געפאנגענע געלעגען אויף זייערע בעטען און האבען געשלאָפען. אזוי איז ער געגאנגען פון צעלע צו צעלע ביז ער איז געקומען צו דער צעלע, וואו פראַנץ שטאנד האט זיך געפונען.

ער האט דיעזע צעלע לאנגזאם אויפגעשלאָסען און איז אריין. דער געפאנגענער, וועלכער האט זיך געוואלגערט אויף זיין מאטראץ איז יעצט אויפגעשפרונגען

— הערר וואכט־מייסטער?

— איך בין עס. ציהט שנעל פון זיך אראָפּ אייערע געפעננגים קליידער. היער זיינען צוויי אנציגע, איינער פאר איך און איינער פאר מיר. מאכט עס שנעל אין צעהן מינוטען בין איך ווידער דאָ.

ווערענד דער וואכט־מייסטער האט דיא איבריגע צעלען רעווידירט האט פראַנץ ערפילט זיין בעפעהל.

אין דער פינסטערנעס וועלכע האט געהערשט אין דער צעלע וואר ניט אזוי לייכט איבערצוטהאָן דיא קליידער. פייער וואר אונמעגליך אָנצוצינדען, דען דאס וואָלט געוואָרען פערדעכטיג פאר דעם נאכט וועכטער.

מיט איין ציטערדיגע האנד האט פראַנץ געעפענט דעם פּאקעט. ער האט אנגעטאַפּט דאס צוויי אנציגע געפינען זיך אין דעם פּאק און ער האט געמוזט זיין זעהר געשיקט אום אבצוקלייבען איינעם פון צווייטען.

אויך א פאַלשען באָרד האט ער אין דעם פּאקעט געפונען.

— דאס מוז זיין פאר מיר. — האט ער געמורמעלט.

יעצט איז הערצאָג געקומען צוריק.

— נון זייט איהר פערטיג?

— באַלד פערטיג.

— וואו איז דער אנדער אנצוג?

— היער.

זעהר שנעל האט הערצאָג אויך אומגעביטען זיינע קליידער.

— זא. — האט ער ענדליך געזאָגט. — דאס איז שנעל אָבגעטהאָן געוואָרען.

יעצט נעהמט איהר פראַנץ דיא יוניפאָרם און טהוט עס אָן אויף זיך.

פראַנץ האט דעם וואכט־מייסטער אָנגעקוקט מיט איבערראַשונג.

— שנעל, מאַכט עס שנעל, מיר קענען קיין צייט ניט פערלירען!

— וואָס זאָל איך טהאָן?

— איינפאַך, טהוט אָן דיא יוניפאָרם, איבער אייערע זאכען. שנעל!

פראַנץ שטאנד האט נאך ניט בעגריפען ווארום הערצאָג האט דאס פון איהם פערלאַנגט, אָבער ער האט געטהאָן וואס ער האט געהייסען און האט ניט געשטעלט צו פיעל פראַגען.

— יעצט טהוט אָן דיא הוט, יעצט נעהמט ארויף דעם באָרד. זאָ, זאָ, וואַרט נור אביסעל.

דער וואכט־מייסטער האט אנגעצונדען א שטרייכהאָלץ און האט בעטראַכט דעם מאַן אין דער יוניפאָרם.

— פֿאָרטרעפֿליך! יעצט הערט אויס: איהר זייט געווארען דער וואַכט־מייסטער הערצאָג, פֿערשטאַנען? אזוי שנעל וויא מיר פֿערלאָסען דיא געפֿענגניס זאָלט איהר גלייך געהן נאָך מיין וואָהנונג. היער זיינען דיא שליסלען צו מיין הויז. גאַנץ פֿריה אום זעקס אוהר זאָלט איהר אוועקגעהן צום גראַף'ס פּאַלאַסט, דאָרט אין פּאַרק וועט מען אייך שוין איבּערנעהמען, און מען וועט אייך בּעזאָרגען. היער איז אויך מיין רעוואָלווער און מיינע איבּריגע געוועהר. ווען איין אויפֿזעהר וועט אייך געריסען זאָלט איהר קיין זאַך ניט טהאָן, בּלויז א נייג טהאָן מיט'ן קאָפּ, וויא עס איז מיין געוואָהנהייט.

— איין אויפֿזעהר?

— יא.

— זיי וועלען דאָך אונז בּיידען זעהן?

— צום טייפֿעל איהר האט רעכט, קיינער דאַרף אונז ניט זעהן. קומט!

נאָכדעם וויא הערצאָג האט דעם געפֿאַנגענעם נאָך א מאָל בּעטראַכט, האבּען זיי בּיידע פֿערלאָסען דיא צעלע.

אין פֿראַנץ שטאַנד'ס הערץ האט געקלאַפּט וויא מיט האַמערס. אין דעם נעכסטען אויגענבּליק וועט דאָך מוזען בּעשייט ווערען אויב זיין אונטערנעהמונג וועט איהם געלינגען. ער האט מיט בּעהאַלטענע אויגען מוסטירט זיין בּעגלייטער וועלכער האט גאַנץ אַנדערש אויסגעזעהן אין דעם שוואַרצען, געוועהנליכען אַנצוג.

— נעהט גאַנץ שטיל! — האט דער וואַכט־מייסטער צו איהם געזאָגט אין דער שטיל.—עס איז ניט נויטהיג מען זאָל הערען דאָפּעלטע שריט.

זיי זיינען דורכגעגאַנגען אייניגע קאָרידאָרען, און זיינען איבּער א טרעפּ אריין אין קאָרידאָר אין וועלכען דער נאַכט וועכטער האט זיך געמוזט געפֿינען.

— יעצט מוזט איהר אליין אריינגעהן אין קאָרידאָר און זעהן אויבּ דיא לופֿט איז ריין. — האט דער וואַכט־מייסטער געזאָגט.

— וויא איך? — האט פֿראַנץ שטאַנד געפֿרעגט אין דער שטיל.

— נאַטירליך איהר טראָגט דאָך דיא יוניפֿאָרם.

— וויא, ווען ער פֿרעגט מיך עטוואס וועגען דעם אמט?

— דאס וועט ניט געשעהן. דאָרט זיצען דריי בּעאַמטע און יעדער פֿון זיי איז פֿערשלאָפֿען. היער איז א קליינער בּלאָז זאַק, אין איהם געפֿינט זיך פּולווער. בּלאָזט עס אריין אין זייער געזיכט.

פֿראַנץ האט זיך ערשראָקען.

— וואס איז דאס פֿאַר א פּולווער?

— פרענט ניט צו פיעל. עס וועט זיי בערוישען, אבער ניט שאדען.

מיט א ציטערדיגע האנד האט פראנץ גענומען דעם בלאז־זאק. ער האט איינגעזעהן דאס ער מוז זיך מיט יעדען מיטעל בענוצען אום צו רעטען זיך פון נויטה.

דער וואכט־מייסטער האט זעהר ריכטיג געזאגט. אין פאָדער־צימער האבען זיך געפונען דריי בעאמטע. צוויי פון זיי זיינען געלעגען אויף דיא בענק און האָבען געשלומערט. דער דריטער איז געזעסען איינגעבויגט אין א שטוהל.

אלס פראנץ איז אריינגעקומען, האט דער דריטער אויפגעהויבען זיין קאָפּף, דיא אנדערע צוויי האבען זיך ניט געריהרט.

פראנץ איז צו איהם צו געגאנגען גלייך און דרייסט וויא א בעאמטער, און וויא ער איז געשטאנען נאהענט פון איהם האָט ער א דריק געטאָהן דעם בלאז־זאק וועלכען ער האט געהאלטען אין ארבעל און האט דעם פולווער אריינגעבלאזען גלייך אין זיין געזיכט.

א שטארקער געהויך האט זיך באלד דערהערט איבער'ן צימער, זא דאס פראנץ שטאנד האט געמוזט גאנץ שנעל צוריק טרעטען אום ער זאל אליין ניט פערטומעלט ווערען פון דעם געהויך.

דער אויפזעהער האט געוואנגט מיט זיין קאפף צו איין זייט פון שטוהל און איז געבליבען בעוואוסטלאָז.

מיט איין שפרונג איז פראנץ געווען ביי דיא אנדערע צוויי און האט דעם זעלבען פולווער ארויפגעשאטען אויף זייער געזיכט, דאן איז ער געלאפען צוריק צום וואכט־מייסטער.

— נון?

— עס איז געלונגען. היער איז דער בלאזזאק.

ביידע זיינען יעצט דורכגעלאפען דורך'ן קארידאר און דורך'ן פאדערסטען צימער. דער וואכט־מייסטער האט דאן אויפגעשלאסען דיא פאדערסטע טהיר און באלד זיינען ביידע געווען אין גאס.

פראנץ שטאנד איז יעצט געווען וויא א טרוימענדער. עס האט איהם געשיינט אונגלויביג, דאס נאך דעם וויא ער האט זיך איינינע מאנאטען געפלאגט אין דיעזער געפענגניס און האט מארגען בעדארפט אבגעשיקט ווערען נאך איין שטראף אנשטאלט וואו ער זאל אבזיצען פיעלע שווערע יאהר זאל ער פלוצלונג ווערען פריי, זאל קענען געהן וואוהין ער וויל, און זאל קענען געניסען דיא פרישע לופט.

— קומט נאר שנעל! — האט איהם דער וואכט־מייסטער עראינערט.

ביידע זיינען יעצט צוגעגאנגען צום עק גאס וואו אטטא האט זיי ערווארטעט

ניט אכטענדיג אויף דער בארד וואס פראנץ שטאנד האט געטראגען און דיא קליידער וועלכע האבען איהם געמאכט עהנליך צום וואכט־מייסטער האט איהם אטטא דאך זאפארט ערקענט. ער איז צוגעלאפען צום אמת'ן וואכט־מייסטער און האט געפרעגט אין אויער:

— איז דאס פראנץ שטאנד?

— יא.

— גוט. היער האט איהר דאס געלד. איהר קענט עס איבערציילען.

גאנץ האסטיג האט דער וואכט־מייסטער איבער געצעהלט דיא באנקנאטען און האט זיי פערשטעקט אין זיין טאשע.

— האט איהר מיר נאך עטוואס צו זאגען? האט ער געפרעגט.

— ניכטס. דער אנטלאפענער מעג אייך יעצט דאנקען וואס איהר האט איהם געהאלפען בעפרייט צו ווערען.

יא הערר וואכט־מייסטער! — האט פראנץ שטאנד געזאגט און האט אנגע־חאפט הערצאגסביידע הענד. — גאטט ווייס וויפיל איך בין דאנקבאר צו אייך און צו דיא איבעריגע וועלכע האבען געהאלפען צו בעפרייען מיך פון גע־פענגניס. איך פערשטעה דאס איהר פערלאסט דיעזע שטאדט. איך ווינש דאס גליק זאל אייך בעגלייטען.

— דאס גליק! — האט הערצאג געמורמעלט. — איהר האט רעכט יונגער מאנן, לעבט וואהל!

אין דעם נעכסטען אויגענבליק איז עדגאר הערצאג, דער וואכט־מייסטער פון מינכען פערשוואונדען אין הינטער גאסען און האט זיך געדרעהט מיט זייטיגע וועגען ביז ער האט ערררייכט דאס הויז אין וועלבער פ׳ יעדא האט זיך געפונען.

הא, — האט ער געמורמעלט, זיא האט דאך ביי יעצט בעדארפט בעשטעלען א וואגען. אבער פיעלייכט קומט זיא גאר ניט? פערדאמט, איך קען דא לענגער ניט בלייבען, איך וועל זאגאר ניט קענען שרייבען צו איהר א בריעף.

דער וואכט־מייסטער האט יעצט ארויסגענומען זיין אוהר.

דריי פיערטעל אויף דריי. אין איין שטונדע געהט דער שנעל צוג נאך וויען. ווען זיא זאל ניט באלד קומען!

מיט אונגעדולדיגע שריט איז הערצאג ארומגעגאנגען פאר דאס הויז הין און צוריק, איינינע מאל האט ער פרובירט קוקען אין דער פענסטער.

ערסט א ווײלע שפעטער האט ער בעמערקט דאס דיא פענסטער צו פרידא'ס צימער שטעהט אפען, און זאגאר דער פארהאנג איז ניט ארונטערגעצויגען.

— וואָס זאָל דאס בעדייטען? איז זיא פיעללייכט שוין אויפ'ן באהנהאָף? אָבער דאס איז אונמעגליך, מיר האבען דאָך אזוי ניט אָבגערעדט. אין צימער איז זיא געוויס ניטא, דען בייא איין אפענעם פענסטער שלאָפט זיא ניט, ווען זיא וואלט געוועזען וואָך וואלט געברענט א ליכט אין צימער.

דער וואכט־מייסטער האט קוים געענדיגט דענקען אלס א וואָגען איז צום הויז צוגעפאָהרען, און א פרויען־געזיכט האט פון פענסטער ארויסגעקוקט ער האט זאָפאָרט ערקענט פרידא'ס געזיכט.

וואָס זאָל דאס בעדייטען? האט ער געמורמעלט און אין זיין הערצען האט פלוצלונג ערוואכט איין אויפערזוכט. — האב איך מיך מיט איהר גענארט? אָבער ניין, ניין, איך טהו איין אונרעכט ווען איך קען זיא פערדעכטיגען. איהר הערץ איז ריין און עדעל, זיא איז אונשולדיג וויא א נייגעבאָרענעס קינד.

פרידא איז ארויסגעשפרונגען פון וואָגען און האט דערזעהן דעם וואכט־מייסטער.

— אָך, דוא ווארסט דאָ עדגאר? שטעל דיך פאָר דאס איך וואר שוין אויפ'ן וואָגזאל.

פרידא האט דאס געזאָגט מיט איין גאנץ אונשולדיגען טאָן און דער בּיי האט זיא איהם אזוי ליעבליך און געטריי אנגעקוקט, דאָס ער האט אין הארצען זיך פאָר־געוואָרפען ווארום ער האט איין אויגענבליק געצווייפעלט אין איהר טריישאפט.

— אויפ'ן באנהאָף? — האט ער געפרעגט פערוואונדערט.

— יא, דוא האסט דאך געזאָגט איך זאָל בעשטעלען א וואָגען צום קוריער צוג.

— געוויס. אָבער איך האב דיך דאָך דאָ ערווארטעט?

— דאָן האב איך דיך ניט פערשטאנען. איך האב אויף דיר געווארט אויפ'ן באהן.

— און דאָך ביזט דוא צוריק געקומען?

— איך האב פערגעסען מיין רייזע טאש.

— מוזט דוא זיא דען האבען?

— געוויס, מיינע זאכען.

— אה לאָז דיינע זאכען דא אויב זיי זיינען ניט צו פיעל ווערטה. מיר פאהרען גלייך צום באהנהאָף.

פרידא האָט זיך א מאָמענט איבערלעגט.

— זאָל זיא זיין פערלאנג ערפילען? זאָל זיא מיט איהם ווירקליך פאָהרען?

עס וואר נאך געגוג צייט חרטה צו האבען פון איין אונטערנעהמונג וועלכע זיא וויים ניט וויא זיא וועט זיך אויסלאָזען.

אבער ענדליך האט זיא זיך בעשלאָסען צו פאָהרען.

— דוא האסט רעכט, — האט זיא געזאָגט. — מיינע זאכען זיינען ניט צו פיעל ווערטה. מיר קענען אויפ׳ן וועג קויפען וואס איך געברויך.

— נאטירליך! — האט הערצאָג געזאָגט. — איך האב גענוג געלד. געה צוריק אין וואגען.

ביידע זיינען אריין אין וואגען און זיינען אָבגעפאָהרען צום באהן.

דאָרט האט הערצאָג געקויפט צוויי בילעטען פון צווייטער קלאסע נאך וויען, דאן האבען זיי ארומשפאצירט איבער׳ן פלאטפאָרמע ביז דער צוג האט בעדארפט אָבגעהן.

נור מיט מיה האט דער וואכט-מייסטער בעהאלטען דיא אונרוהע אין זיין הארצען. ווען דיא געפעגגנים בעאמטע האבען שוין ערפאהרען דאס דער געפאנגענער איז אנטלאָפען דאן איז דער פערדאכט שוין אויף איהם געפאלען, און ווען מען וועט איהם צו הויזע ניט געפינען, וועט מען איהם זוכען אויף אלע באהן סטאציאָנען.

ענדליך איז דער צוג פערטיג געוואָרען צום געהן. דער סיגנאל איז געגעבען געוואָרען און דער וואכט-מייסטער איז שון געשטאנען אויף דיא טרעפ פון וואגאָן.

ער האט באלד געגעבען דעם קאָנדוקטאָר א היבשע ביסעל געלד און האט דערפאר געקראָגען א וואגאָן און וועלכען ער איז מיט פרידאָ׳ן געווען גאנץ אליין. נאָך איינגע מינוטען אין דער צוג איז ארויס פון סטאציאָן.

עדגאר הערצאָג האט יעצט ארומגענומען זיין געליבטע, האט זיא צוגעדריקט צו זיך און האט צוגעמאכט זיינע אויגען.

זיין פאנטאזיע וואר בעשעפטיגט. זיא האט איהם אויסגעמאָלט בילדער פון דער צוקונפט.

אויך פרידא האט געשלאָסען איהרע אויגען און האט געטראכט. זיא האט אבער ניט געטראכט פון דער צוקונפט, נור פון דער פערגאנגענהייט, פון דיא לעצטע שטונדע ווען זיא האט פערבראכט מיט דעם באראָן אין זיין צימער.

32טעם קאַפּיטעל.

דער אַנטלאָפּענער.

פראַנץ שטאַנד האט געוואָרפען נאך א בליק צום וואכט-מייסטער וועלכער איז פון איהם אוועקגעלאָפען. זיין הערץ וואר פאָל מיט דאַנקבארקייט. עדגאַר הערצאָג האט דאך אַלעס געטהאָן אום צו פערלייכטערען פאַר איהם דיא ליידען פון געפענגניס, און האט איהם ענדליך אין גאנצען בעפרייט פון דעם ביטערען לעבען.

דאָך יעצט האט ער לאנג ניט געקענט קלעהרען. זיין גאנצער געדאַנק דארף זיין וויא צו פערזיכערען זיין פרייהייט אום ער זאָל קענען בעווייזען זיין אונשולד, און אום זיין פרייהייט צו פערזיכערען מוז ער יעצט ארבייטען מיט אלע קרעפטען.

ער האט זיך אומגעווענדעט. אָטטאָ איז געשטאַנען פאר איהם.

פראַנץ שטאַנד האט נאַטירליך ניט געאַהנט דאס דיעזער וואר דער מאַן וועלכער האט אויף איהם געבראַכט דאס אונגליק, דער מיט וואס זיין געזיכט איז עהנליך צו זיינע. ער האט עס אויך ניט געקענט פערשטעהן, דען אָטטאָ האט יעצט געטראָגען א פאַלשע באָרד, וועלכע האט זיין געזיכט אין גאַנצען אומגעענדערט.

— איהר זייט יעצט פריי! האט אָטטאָ געזאָגט נאך א קורצען שווייגען. — ווייסט איהר וואס איהר האט יעצט צו טהאָן?

— יא.

— און דאס איז?

— איך געה גלייך צום וואכט-מייסטערס וואהנונג.

אָטטאָ האט איין אויגענבליק געטראַכט.

עס וואָלט געווען בעסער איהר זאָלט עס ניט טהאָן, אָבער איך זעה דאס איהר טראָגט דיא יוניפאָרם און אין וואכט-מייסטער׳ס הויז קענט איהר דיא פּאאר שטונדען גאַנץ זיכער פערברענגען. אום זעקס אוהר זאָלט איהר פון זיין הויז ארויס, דען ביז דאַן וועט מען נאך ניט ענטדעקען דאס איהר זייט אַנטלאָפען, און דאַן זאָלט איהר זיך זאָפאָרט בעגעבען צום גראַף׳ס פּארק. איהר ווייסט נאַטירליך דאס מרים איז שוין דאָרט מעהר ניטאָ.

— איך ווייס עס.

— היער איז א בריעף, ווענדעט זיך מיט דיעזען בריעף צום פּערוואַלטער, אָדער צום גערטנער קלעמענס.

— ווער איז דער גערטנער קלעמענס?

איין אלטער געטרייער דינער. איהר ווערט איהם געפינען אין גערטנערס הייזעל וועלכע שטעהט אין מיטען פארק. האט איהר ביי זיך געלד?

— ניין.

נו, מען וועט אייך געבען געלד, נור דערווייל נעהמט דיעזעס פון מיר, דען מען קען דאך ניט וויסען וואס עס קען טרעפען און צו וואס איהר וועט געלד געברויכען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער איהם אריינגעדריקט א באנק נאט אויף הונדערט מארק.

— זאל אייך עטוואס ווערען פערדעכטיג, — האט אטטא ווייטער געזאגט.— איז פיעל בעסער דאס איהר זאלט זיך ניט אויפהאלטען אין וואכט-מייסטערס הויז, זאנדער'ן איהר זאלט זיך גלייך בעגעבען נאך דעם גראף'ס פארק.

— שטעהט דען דער פארק אפען?

— אין דער רעכטער זייט געפינט זיך א קליינע טהיר, איהר קענט דיעזע טהיר גאנץ רוהיג איבערקריכען. יעצט לעבט וואהל ליעבער פריינד, איך ווינש אייך פיעל גליק.

דיא צוויי פערזאנען וועלכע האבען אין דער נאטור איין געזיכט האבען זיך געריכט דיא הענד און האבען זיך הערצליך געזעגענד.

אטטא האט גאנץ אונגעוועהנליך געפיהלט. ער וואר נאך ניט אזוי פערדארבען דאס ער זאל בלייבען גלייכגילטיג צום שיקזאל פון דעם אנטלאפענעם ארעסטאנט. פראנץ שטאנד איז יעצט זאגאר פריי, אבער וואס קען מיט איהם פאסירען יעדע מינוט, וואס ער וואלגערט זיך ארום אין דיעזען געפעהרליכען פלאטץ. ער האט איהם ווירקליך געוואונשען פון גאנצען הארצען דאס ער זאל גליקליך קומען צו זיין ארט.

פראנץ שטאנד האט זיך באלד בעגעבען נאך דעם וואכט-מייסטערס וואהנונג.

אלס ער האט דאס הויז ערורייכט, האט ער אויפגעשלאסען דיא טהיר, און לאנגזאם האט ער זיך ארופגעשלעפט אויף דיא טרעפ.

אויפ'ן דריטען שטאק איז געווען דעם וואכט-מייסטערס וואהנונג. א שילד אויפ'ן טהיר האט דעם אנטלאפענעם אנגעצייגט וואוהין ער דארף זיך ווענדען.

מיט א ציטערדיגע האנד האט ער דיא טהיר אויפגעשלאסען, יעצט האט ער זיך שוין געפונען אין הויז. אבער וויא ער האט בעטראכט'ן דעם שטוהל אזוי האט ער דערהערט פאלא'ס שטימע;

— נו קומסט ווידער אזוי שפעט? ביזט שוין געווען ביי דיין געליבטע? חא!

טראַטץ דער ערנסטער לאגע אין וועלכער ער האט זיך געפונען האט ער אלץ ניט געקענט אונטערדריקען דעם געלעכטער. צו דערזעלבער צייט האט ער אנגעפאנגען צו פיהלען מיטלייד מיט זיין וואהלטהעטער. ער האט זיך געזאָגט, דאס מיט אזא ווייב איז געוויס אונמעגליך דורכצוקומען.

— אה זאָל ער נור גליקליך אנטלויפען! — האט ער געמורמעלט און האט געוואָרפען א בליק צו דעם קאמער פון וואנען דיא קללות זיינען געקומען.

— מיט וועמען שפרעכסט דוא דאָרט? וואָס? האסט דוא זיא פיעללייכט אהער געבראכט?

א גערויש האָט באלד געמאכט ציטערען דאָס הויז. באלד איז דיא טהיר פון קאמער אויפגעעפענט געוואָרען און דיא אייפע זיבטיגע פרוי איז ערשיענען אין איהר נאכט העמד.

פראַנץ האט אָבגעקעהרט דאס געזיכט צום וואנד. ער האט דערזעהן דאס דיא קליינע, מאגערע ווייב איז יעצט בערייט צו א מלחמה און ער האט געציטערט פאר דער סצענע, וועלכע קען יעצט פאר איהם ווערען געפעהרליך.

אלס פאלא האט געזעהן דאס איהר מאַן, אָדער ריכטיגער געזאָגט דער מאַן אין דיזעלבע קליידער שטעהט אליין אין הויז, האט זיא איהם צו געשיקט עטליכע ווערטער וואס לאָזען זיך ניט אויפשרייבען און האט זיך צוריק אומגעקעהרט אין איהר בעט.

פראַנץ שטאנד האט לייכטער אבגעאטהעמט.

ער האט זיך געזעצט אויף דער סאפא און האט יעצט גענומען טראַכטען איבער זיין לאגע, וועלכע וואר זעהר געפעהרליך, פיעל געפעהרליכער אלס ער און אויך דער וואכט-מייסטער האבען פריהער געדאכט.

דיא אויפזעהער זיינען בעטויבט געוואָרען. וואס וועט זיין ווען זיי וועלען פון זייער בעטויבונג ערוואכען? וועט עס דען זיי ניט אויפפאלען? וועלען זיי ניט מאכען איין אלארם? ווען זיי זאָלען עס טהאָן דאַן איז ער אזוי גוט וויא פערלאָרען.

פראַנץ שטאנד איז געזעסען אין דער יוניפאָרם און אין דער באָרד, וועלכע וואר עכט וויא דעם וואכט-מייסטער'ס. זאָל ער דיא יוניפאָרם אויסטהאָן אָדער זאָל ער זיא טראגען.

עס וואר איהם ניט קלאָהר וואס ער זאָל טהאָן. עס וואר איהם אויך אונמעגליך צו זיטצען, עס האט איהם געריסען ער זאָל דאָס הויז פערלאָסען, אָבער עס האט איהם געפעהלט דער מוטה דאס צו טהאָן.

זיין שטערען האט געברענט. ער האט איהם צוגעדריקט צום שייד פון פענ־סטער, וועהרענד זיין אויג האט געקוקט אין דער דונקעלער שטראַסע.

פּלוצלינג איז ער פערציטערט געוואָרען.

אונטען האבען זיך געהערט איינינע טריט. אַ מאַן האט זיך אָבגעשטעלט ביי׳ן הויז. ער האט געטראָגען דיא יוניפאָרם פון אַ געפענגניס אויפזעהר.

— מען האט ערפאַהרען — האט פראַנץ צו זיך געזאָגט און האט געפיהלט אַז זיינע קרעפטען פערשווינדען.

ער האט געזעהן וויא דער מאַן אין דער יוניפאָרם נעהמט אָן דעם גלאָק און קלינגט דריי מאָל. דאס וואר דער צייכען פאר דעם וואכט־מייסטער׳ס הויז.

דער אנטלאָפענער האט געעפענט דיא פענסטער און האט אויסגערופען אין אַ שטימע, וועלכע ער האט נאָכגעמאכט נאָך דעם וואכט־מייסטערס שטימע.

— וואס איז געשעהן?

— הערר וואכט־מייסטער?

— יאָ.

— ווילט איהר ארונטערגעהן?

— איך קום גלייך.

איין מינוט לאַנג האט דער אונגליקליכער נאכגעדאכט. ער האט צוזאַמענגע־קליבען אַלע זיינע קרעפטען אום צו בעזיגען דיא געפאהר.

— נאָך דער געפענגניס דאַרף איך ניט געהן, מען וועט דאָרט ערקענען דעם בעטרוג. איך מוז געפינען איינינע מינוטען צייט אום ארויסצומאַכען זיך.

שנעל האט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפען דעם ראָק און דיא וועסט פון זיין יוניפאָרם און איז האַלב נאַקעט אַראָב פון דיא טרעפּ.

ער האט נור ווענינ געעפענט דיא הויז־טהיר, זאָ דאס מען זאָל איהם ניט גאַנץ גוט קענען זעהן און האט געפרעגט:

— וואָס איז געשעהן?

— אַך, הערר וואכט־מייסטער, איינער מוז זיך געפינען אין געפענגניס, וועל־כער געהערט ניט דאָרט.

— וויא אזוי דענקט איהר עס?

— מיר זיינען בעטויבט געוואָרען.

— בעטויבט? איהר מוזט טרוימען?

— גאַנץ בעשטימט, הערר וואַכט־מייסטער, מיר זיינען געוועסען אין פערצוי־מער, און — —

— נון, וואס איז דארט געשעהן?

— איך ווייס נים. איך ווייס נור דאס איך בין פלוצלינג פערשלעפערט גע־ווארען, און אלס איך האב ערוואכט האט אין צימער געשמעקט „נאקאָזע״. פונקט אזוי איז געשעהן מיט מיינע קאמעראדען.

— קומט דאך אהער, קומט גאנץ נאהענט צו מיר. זא, זא, איהר האט גע־טרונקען.... דאס הער איך פון אייער הויך.

— ניין, הערר וואכט־מייסטער.

— ווילט איהר לייקענען?

דער אויפזעהער האט אראבגעלאזט דעם קאפ. ער האט עס נים געקענט לייקענען.

— ווייסט איהר דאס געזעץ ווענען דיא וואס טרינקען....

— יא, אבער דער הערר וואכט־מייסטער וועט אונז דאך נים אויסגעבען. איך וואר קראנק.

דער אנטלאפענער האט געמוזט שפיעלען זיין ראלע אזוי גוט וויא מעגליך, דען יעדע קליינע פערדאכט קען איהם קאסטען זיין פרייהייט. ער האט דארום אנ־געשטעלט דיא גאנצע שטרענגקייט פון וואכט־מייסטער הערצאג און האט געזאגט:

— איהר זייט געוועזען קראנק? אה, איך ווייס עס. געהט שנעל צוריק צו אייער פאסטען. דיעזען מאל וועל איך אייך שענקען, אבוואהל עס וואר גאנץ אונפער־שעהמט צו וועקען מיך פון שלאף, האלא, ווער קומט דען דארט?

א צווייטער אויפזעהער איז ערשינען.

— הערר וואכט־מייסטער, — האט ער אהן איין אטהעם אויסגערופען — דיא צעלע נומער 27 איז לעער.

— לעער?

— יא.

— זייט איהר ביי'ן זינען?

— עס איז ריכטיג.

— ווער איז דארט געזעסען?

— פראנץ שטאנד.

— פערדאמט! דיעזער מערדער זאל אנטלויפען! אבער עס קען דאך נים זיין!

— יא, יא, הערר וואכט־מייסטער, דיא טהיר איז אפען און אויף דער בעט ליגען דיא זאכען.

— קומט אויף דיא גאנצע חווה, עס איז דאך אוממעגליך דאס ער איז [illegible]

הויז ארויס. גערהט שנעל, איך קום אין אייניגע מינוטען, איך דארף נור אָנציהען מיינע קליידער.

אייניגע סעקונדען איז דער אנטלאָפענער געשטאַנען א צומישטער. מען האט אלזא ענטדעקט דאס ער איז אנטלאָפען, וואָס זאָל ער יעצט אָנפאַנגען צו טהאָן?

עס וואר איהם קלאָהר דאס ער קען לענגער ניט שפיעלען דיא ראָלע פון וואכט־מייסטער. ער מוז דאס הויז פערלאסען אזוי שנעל וויא מעגליך.

שנעל איז ער ארויפגעלאָפען דיא טרעפּ. איז אריין אין הויז, האט פון זיך אראָפּגעוואָרפען דעם לעצטען צייכען פון יוניפאָרם און איז געבליעבען אין זיינע קליידער. יעצט האט ער זיך ארומגעזעהן דאס איהם פעהלט א הוט. דען אין דער יוניפאָרם הוט קען ער ניט געהן.

ער האט זיך אָבער שנעל ענטשלאָסען, האט געעפענט דעם קליידער־שראנק, און האט אנגעפאנגען צו טאפּען אין אלע זייטען.

ענדליך האָט ער דערטאפּט א הוט און אָהנע זיא אָנצוקוקען האט ער זיא ארויפגעזעצט אויפ'ן קאָפּ.

דער הוט האט זאָגאר געשיינט צו זיין זעהר קליין, אָבער דאך איז עס א הוט

באלד איז ער פון הויז ארויס. ער איז געגאנגען מיט שטילע טריט, אזוי שטיל וויא נור מעגליך, אום ער זאָל ניט אויפוועקען דיא פרוי. צום גליק האט זיא זעהר געשמאק געשלאָפען. זיא האט שוין איהר מאן צוויי מאָל אויסגעשאָלטען און דערמיט האט זיא שוין געענדיגט דיא פפליכטען פון א פרוי. ווער עס וואָלט זיא יעצט געזעהן שלאָפענדיג אין בעט וואָלט געשוואָרען דאס דיא מלאכים זיינען נאך ניט אויסגעשטאָרבען.

פראנץ האט אָבער קיין זאך ניט געדענקט. ער איז געלאָפען פאר זיין לעבען. אום צו פערזיכערען זיך האט ער צוגעשלאָסען אלע טהירען, וועלכע ער איז דורכגעגאנגען ביז ער האט עררייכט דיא גאס, און דאן האָט ער זיך געלאָזט לויפען אזוי שנעל וויא מעגליך.

ערסט ווען ער איז ארויס פון שטאָדט און איז געקומען אויפ'ן פרייען פעלד האט ער לייכטער אבגעאטהעמט.

— וויא נאררישׁ וואר הערצאָג, ניט צו פערשליסען דיא טהיר פון מיין צעלע, — האָט ער צו זיך געטראכט — ער וואר צופיעל אויפגערעגט, אום דאס צו בערעכענען. יעצט האט מען צופריה ערפאהרען און איך האב מיך ניט וואו צו פערבאָרגען.

ער האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען.

איבעראל וואר פינסטער, טרויעריג און שטיל.

ער האָט זיך גענומען דרעהען מיט דיא פעלדער, און ארום דיא וועלדער ביז עס איז געוואָרען צייט צו געהן צוריק נאך דעם גראף׳ס פאלאסט.

ער האט דיעזען פאלאסט אין דעם גאנצען הויף קיין מאָל ניט געזעהן, אָבער דער וואכטמייסטער הערצאָג און אָטטאָ האבען איהם גוט ערקלעהרט דיא גאנצע לאנדשאפט, זא דאס ער מוז טרעפען דעם ריכטיגען אָרט.

יעצט האט ער זיך געפֿונען אין דער שמאָלער געסעלע, און באלד האט ער אויך עררייכט דיא טהיר צום פארק.

וויא אזוי זאָל ער יעצט ארייןקריכען אין פארק? עס איז העלער טאָג און מען קען איהם לייכט בעמערקען.

ענדליך האט ער דערהערט לאנגזאמע טריט און אויף דעם קריצען פון איין אייזען איבער זאמד.

ער האט זיך גוט צוגעקוקט און האט דערזעהן איין אלטען מאַן, וועלכער וואר בעשעפטיגט צו גלייכען דיא בייטען.

אלס דער אלטער מאַן איז נעהענטער צוגעגאנגען, האט דער אנטלאָפענער איהם צוגערופען.

דער אלטער האט אויפגעהויבען זיין קאָפּ.

— זייט איהר הערר קלעמענס? — האט פראנץ געפרעגט.

— יאָ, איך בין דער גערטנער קלעמענס.

— ביטע עפענט מיר.

— צו וועמען דארפט איהר?

— צו אייך אליין.

דער אלטער האט א ווײלע געטראכט, דאן אבער איז ער צוגעגאנגען צום טהיר, האט זיא אויפגעשלאָסען און דער אנטלאָפענער איז אריין אין פארק.

פראנץ האט געוואָרפען א בליק ארום זיך. א בליק וועלכער האט ערצעהלט דאס ער פירכטעט מען זאָל איהם דאָ ניט ערקענען.

אָבער ארום און וואר קיין מענש צו זעהן, ער איז געוואָרען עטוואָס רוהיגער און האט צום גערטנער געזאָגט.

— פיהרט מיך אריין אין אייער הויז. איך האב דאָרט מיט אייך עטוואָס וויכטיגעס צו ריידען.

קלעמענס האט געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ.

— דאס איז עטוואָס זאָנדערבאר, — האט ער געמורמעלט — איהר קענט מיר זאָגען וואָס איהר ווילט דאָ ביי מיין ארבייט.

— זאָגט מיר, האט איהר עפּעס געשעצט דיא פרייליין מרים? — האט דער אנטלאָפענער ארויסגערעדט מיט שרעק פון זיינע ליפּען.

קלעמענס האט א שפּרונג געטהאן צוריק, האט א וואָרף געטהאן א בליק צום פרעמדען און מיט א ציטערענדער שטימע האט ער געזאָגט:

— איהר האט מיך עראינערט אן דער גוטער מרים, קומט מיט מיר.

דער גערטנער האט יעצט ארייננעפיהרט דעם פרעמדען אין זיין הויז, האט דעם יונגען מאן געבעטען זיצען און האט נאכדעם געזאָגט:

— איהר האט מיר עראינערט מרים׳ס נאָמען, איהר מוזט זיא קענען. קענט איהר מיר זאָגען ווער איהר זייט?

— קענט איהר עס ניט טרעפען?

דער גערטנער האט געשאָקעלט זיין קאָפּ. אָבער פּלוצלינג האבען זיינע אויגען גענומען בליצען.

— איז דאָס מעגליך? איהר זייט דאס דער געליבטער פון דער גוטער, גוטער מרים.

— איך בין עס.

אָלס פראַנץ האט דאס געזאגט האט ער פון זיך אראָבגעהאפּט דיא באָרד, און יעצט האט איהם קלעמענס ערקענט, דען ער האט זיין בילד געזעהן זעהר אָפט אין דיא בלעטער, וועהרענד דעם פּראָצעס. עס וואר פראַנץ שטאנד, קיין אַנדערער.

— זייט איהר פריי? — האט קלעמענס געפרעגט — אָבער ניין, ווען איהר וואָלט געוועזען פריי וואָלט איהר ניט געווען אזוי צושראָקען און איהר וואָלט זיך ניט אזוי ארומגעקוקט. איהר זייט אנטלאָפען און איהר מוזט וואהרשיינליך האפען צו געפינען דא שוץ.

— דאס איז ריכטיג.

— אָרמער פריינד, אייער מרים איז דאָ מעהר ניטאָ.

— איך וויים עס.

— איהר ווייסט וואס איהר האט געבעך געטראָפען.

— יאָ.

— דאָס אָרמע קינד! — האט דער אַלטער געמורמעלט — זיא וואר אימער אזוי גוט, אזוי פרום. וויים גאט, ווארום זיא האט אזא שיקזאל פערדיענט.

דער אנטלאָפענער האט אויפגעהויבען זיין קאָפּ.

(Mil. 28).

— וואס קלאגט איהר! — האט ער געזאגט — ווען איהר האט זיא ווירקליך אזוי ליעב דאן דארפט איהר זיך פרעהען וואס מרים בעזיצט גענוג שטאלץ צו ענטזאגען זיך פון אומזיסטען ברויט אין דיעזען הויז.

דער אלטער גערטנער האט איהם אויסגעשטרעקטביידע הענד.

— איהר האט רעכט, אבער דאך יאמערט מיין הערץ, גלויבט מיר נור דאס עס איז איין גרויסע פראגע.... דאך וואס פלוידער איך דא, איך בין אלט און דארום דארף איך גוט פארזיכטיג זיין.

— איהר האט מיך פריהער געפרעגט, ווארום איך בין אהער געקומען? מען האט מיך צו אייך אנגעוויעזען.

— צו מיר?

— יא.

— ווער האט עס געטהאן?

— דער מאן וואס האט מיר געהאלפען אנטלויפען.

— ווער איז דער מאן?

— איך קען איהם ניט.

דער אלטער האט געשאקעלט זיין קאפ.

— דאס קען יעדער פערשטעהן דאס דא הערשט א נייע געהיימניס. ווער האט עס אייך געקענט העלפען צו אנטלויפען? וואהרשיינליך א פערזאן וואס וויים דיא גאנצע געהיימניס.

— מיינט איהר דיא געהיימניס פון מארד?

— גאנץ געוויס.

— דאן גלויבט איהר, דאס מען האט מיך אונשולדיג פעראורטהיילט.

— גאט וויים דאס איך גלויב אין אייער אונשולד און דארום פרעה איך מיך אויך וואס איהר זייט פריי. אבער וויא זאל איך אייך בעהאלטען? איך האב קיין זיכערען ארט. מען וועט אייך דאך זוכען.

דער אנטלאפענער האט ארויסגענומען דעם בריעף וועלכען אטטא האט איהם געגעבען.

— הערר קלעמענס לעזט נור דיא אויפשריפט.

דער אלטער מאן האט ארויסגענומען זיינע ברילען, האט זיי ארויפגעזעצט אויף זיין נאז און האט יעצט געלעזען:

„גרעפין העדוויג פאן מעהרען".

— זאל איך דיעזען בריעף איבערגעבען דער גרעפין?

— יא, איך בעט עס אייך.

— איהר וועט זיא אבער פאר נייען אוהר ניט קענען זעהן.

— זיא מוז דעם בריעף זאפארט ערהאלטען.

דער גערטנער האט זיך פערטראכט.

— איך וועל זעהן וואס איך קען דא טהאן. דיא גרעפין מוז נאך שלאפען בלייבט זיטצען אין מיין וואהנונג, פון זיכערהייט וועגען וועל איך דיא טהיר צו שליסען.

— טהוט דאס. — האט פראנץ געענטפערט — יא איך ערוואנער מיך דאס מען האט מיר אויך געזאגט פון הויז פערוואלטער.

— הערר'ן ראדאוו ? וואס האט ער מיט אייך צו טהאן.

— מען האט מיר געזאגט איך זאל זיך צו איהם ווענדען, נאכדעם האט מען מיר געזאגט דאס איך זאל מיך צו ערסט ווענדען צו אייך.

קלעמענס האט א נייג געטהאן מיט'ן קאפ און האט דאן פערלאסען דאס הויז.

— פאול ראדאוו, — האט דער גערטנער צו זיך געמורמעלט. — נון יא, דער אלטער הונט איז מיט דער גרעפין אין איין בונד. איך קען איהם זאגאר ניט ליידען, דאך מוז איך יעצט מיט איהם ריידען.

נאך דיעזע ווערטער איז ער צוגעגאנגען צום פערוואלטער'ס הויז, און האט אנגעקלאפט אויפ'ן טהיר.

דיא טהיר האט זיך באלד געעפענט און פאול ראדאוו איז ערשיענען.

— וואס איז געשעהן? — האט דער פערוואלטער געפרעגט.

— איך האב אייך עטוואס צו זאגען — האט קלעמענס אין איין ערנסטען טאן געענטפערט. לאזט מיך אריין.

דער פערוואלטער האט געעפענט דיא טהיר און קלעמענס איז אריין.

— איהר זעהט אויס פאל מיט געהיימניס — האט דער פערוואלטער געלאכט.

— א יונגער מאן האט מיך בעזוכט און האט מיר דיעזען בריעף אבגעגעבען.

— א בריעף ? ווייזט נור אהער! אהא צו דער גרעפין. ווער איז דער יונגער מאן ?

— הערר ראדאוו איהר ווייסט עס אזוי גוט וויא איך. איך בעט אייך אבגעבען דעם בריעף צו דער גרעפין, איהר קענט עס טהאן פריהער וויא איך, דען איך פירכטע דאס דער אנגעלאפענער איז ביי מיר נאך זיכער.

דער פערוואלטער האט זיך גענומען טרייסלען.

עס איז דאך געלונגען, פראנץ שטאנד איז פריי. א געפיהל פון איין אונ־ענדליכער פריידע האט איהם בעהערשט, אָבער צו דער זעלבער צייט האט עס איהם שוין גענערגערט וואס נאך אנדערע וויסען פון דער געהיימניס.

— וואו געפינט זיך דער יונגער מאן?

— אין מיין הויז. איך האב דיא טהיר געשלאסען, אבער ער קען דארט צו לאנג ניט בלייבען.

— עס איז נאך פרית. — האט דער פערוואלטער געזאגט. — פיהרט איהם אריין צו מיר.

יא.

— און דיא גרעפין?

— לאזט אלעס איבער פאר מיר.

דער גערטנער האט זיך צוריק בעגעבען אין זיין הויז וואו פראנץ שטאנד האט איהם ערווארטעט.

דער אנטלאפענער האט אויסגעזעהן בלייך.

— איז אייך עטוואס פערדעכטיגעס פארגעקומען? — האט איהם דער אלטער קלעמענס געפרעגט.

— ניין. אבער איהר קענט פערשטעהן דאס איך בין זעהר אונרוהיג אין מיין לאגע.

— אה זייט מוטהיג און זיכער. וויא באלד עס איז אייך געלונגען צו אנטלוי־פען וועט אייך ווייטער אויך געלינגען. עס שיינט אז דיא גרעפין העדוויג האט אייך גענומען אונטער איהר שוטץ. קומט יעצט מיט מיר. דער פערוואלטער ערוואר־טעט אייך.

מיט א קלאפענדיגער הארץ איז דער אנטלאפענער אריין אין הויף. וועט ער היער געפינען דיא זיכערהייט, וועלכע מען האט איהם פערשפראכען?

ער איז אריין אין פערוואלטער׳ס וואהנונג.

— זייט איהר פראנץ שטאנד? — האט ער איהם געפרעגט.

— יא.

— ווער האט אייך געגעבען דעם בריעף צו דער גרעפין?

— א יונגער מאן.

— וויא זעהט ער אויס?

פראנץ האט עס געטהאָן און דער פערוואלטער האט געוואוסט אז דאס איז א זטאַ.

— איהר טראָגט א פאלשען באָרד.

— יא.

— דאס איז גוט. וואַרט נור דאָ איך וועל זעהן אויב דיא גרעפין איז וואַך.

— — — — — — — — — — — — —

ווען העדוויג מעהרען האט זיך צוריק מיט צוויי שטונדען אומגעקעהערט פון וועג, האט זיא דער פערוואלטער בעגלייט ביז איהר צימער. דאָרט האט ער איהר ערצעהלט דאס עס ווערט געארבייט פאר דעם געפאנגענעם׳ס בעפרייאונג. אָבער דאס מען קען ניט בעשטימען דיא צייט, ווען ער וועט ארויס פון געפענגעניס, און דארום מוז מען אויך אויפגעבען דעם פראָיעקט אָפצופיהרען דעם אנטלאָפענעם אין איהר וואָהנונג אויפ׳ן לאנד.

— עס איז גוט! — האט דיא גרעפין געענטפערט. — איך וועל ווארטען.— ווען עס וועט איהם געלינגען, זאָ מוז ער ביז טאָג אהער קומען.

קיין אנדער געשפרעך האט ער מיט איהר ניט געפיהרט. ער איז באלד ווידער אוועקגעגאנגען, וועהרענד העדוויג איז געבליבען ווארטען אויף דעם רעזולטאט.

זיא איז געבליבען אין איהרע קליידער, נור פון מידיקייט האט זיא זיך צוגע־שפארט אויף איהר קאָפּע. דיא אויגען האבען זיך איהר געשלאָסען, א לייזער דרעמעל איז אויף איהר געפאלען.

א קליינער קלאַפּען אויפ׳ן טהיר האט זיא אויפגעוועקט. זיא איז אויפגע־שפרונגען און האט אויסגערופען: „אריין“.

דער פערוואלטער איז אריין און האט אויסגעשטרעקט דעם בריעף.

— היער איז א בריעף פאר אייך גרעפין. — האט ער געזאָגט.

— פון וועמען?

— לעזט איהם.

האסטיג האט העדוויג אויפגעעפענט דעם בריעף. זיין אינהאלט וואר קורץ אָבער ער האט זיא בעפרידיגט. דען אין איהרע דונקעלע אויגען האט געהערשט איין אונגעהייערע פריידע.

— זאָ איז עס געלונגען? — האט זיא געפרעגט.

— יא.

— וואו איז פראנץ שטאנד?

— אונטען, אין מיין צימער.

— ברענגט איהם אהער. נעהמט מיין דאנק הערר ראדאוו. נאך איין וואָרט. איך וועל הייטע מיט קיינעם ניט ריידען. ווען געהט דער נעכסטער צוג נאָך רעגענסבורג?

— הייטע נאכמיטאָג.

— וועט איהר מיט איהם אהין פאָהרען?

— ביי טאָג?

— יא. אין אייער געזעלשאפט האט ער ניט וואָס מורא צו האבען.

— דאָך וויל איך דיעזע ריזיקע ניט אננעהמען. מיר ווטלען פאָהרען מיט דעם נאכט צוג. אזוי פיעל קען ער נאך דאָ בלייבען. — האט דער פערוואלטער געענטפערט.

העדוויג איז איבעררַאשט געוואָרען. דער פערוואלטער האט פלוצלונג אנגע־נומען א טאָן, וועלכען זיא האט שוין לאנג ניט געהערט. דאָך האט זיא נאכגע־געבען, ווייל זיא האט איינגעזעהן דאס עס איז פאָרט בעסער פראנץ זאָל פערלאסען דעם פאלאסט ווען עס איז דונקעל.

איינינע מינוטען שפעטער איז פראנץ שטאנד געשטאנען פאר דער גרעפין העדוויג פאָן מעהרען.

33טעס קאפיטעל.

נייע פערוויקלונגען.

אלס דער באראָן פאָן ערלען איז אזוי אונערוואַרטעט אריין אין קראנקען צימער און צוואר ווען אדעלינא איז געווען פערטיפט אין א געשפרעך מיט איהר ערסטען מאָן, אין זיא געוואָרען בלייך, דען זיא האט געגלויבט אז דער באראָן האט געהערט וואס זיא האט געשפראָכען.

אבער דאָך האט זיא זיך זעהר שנעל געפאסט.

זיא איז צוגעלאָפען צו איהר נייען מאן און מיט איין ליעבליכער מינע האט זיא ארויפגעלעגט דיא האנד אויף איהר מויל.

— ביזט דוא נאָך אלץ היער? — האט דער באראָן געפרעגט מיט א פאָרוואורף.

— עס איז מיין פפליכט.

— ענשולדיג מיר עס געליבטע. אבער דיין בעגריף פון פפליכט געהט צו ווייט. אלסא דוא האסט מיך זאגר ניט אנגעפיהרט?

— איך קום צו דיר אזוי שנעל וויא דיא בארימהערציגע שוועסטער וועט אהער קומען.

— וויא געהט עס דעם קראנקען?

— ער איז אין פיבער.

דער באראן האט געווארפען איין שארפען בליק אויפ'ן קראנקען, און איז ארויס. אין א פערטעל שטונדע שפעטער איז געקומען דיא בארימהערציגע שוועסטער, וועלכע האט איבערגענומען דיא אויפזיכט אויף דעם קראנקען, און זא האט דער באראן ניט בעדארפט צו לאנגווארטען אויף זיין ווייב.

זיא האט אויף דער ביהנע געלערנט וויא מייסטערהאפט צו שפיעלען קאמע־דיע, אבער דיעזע קונסט האט זיא געגען דעם באראן ניט בעדארפט בענוצען.

זיא האט איהם געליבט מיט דער גאנצער ליידענשאפט צו וועלכע זיא איז געוועזען פעהיג, אבוואהל זיא האט אין דיעזער ליעבע אויך געזוכט צו ערגרייכען דיא הויכע שטופע אין לעבען צו וועלכער זיא האט געשטרעבט.

אלס זיא איז יעצט צו איהם אין צימער אריין איז זיא צו איהם צוגעלאפען, האט איינגעגראבען איהר געזיכט אין זיין ברוסט און האט איהם אנגעפאנגען צו קוסען.

— ניין ענגעל!—האט ער געזאגט. — אונזער הייראטה נעהמט איין ערנסטען אנפאנג. איך פירכטע דאס דוא געברויכסט דיינע קרעפטען צו פיעל.

— וויא זא מיין הערץ?

— דער מיט וואס דוא האסט זיך גענומען צו פפלעגען דעם קראנקען ארנאלד.

— אה, איך וועל דאך נור א טהייל פון דער צייט איהם פפלעגען, דיא בארימהערציגע שוועסטער איז אימער ביי איהם. יעדענפאלס האף איך דאס ער וועט באלד געזונד ווערען.

זייט דיעזען טאג זיינען פערגאנגען אייניגע וואכען. דער באראן און זיין ווייב האבען זיך געקוסט און געהאלזט, וועהרענד ארנאלד איז אויך פון טאג צו טאג בעסער געווארען. זיינע קרעפטען זיינען צו איהם געקומען שנעל וויא ערווארטעט, דורך־דעם וואס אדעלינא האט איהם זעהר אפט בעזוכט און צערטליך בעהאנדעלט און דערצו נאך פערשפראכען, צו אנערקענען זיינע רעכטע אלס מאן און צוטהיילען איהר ליעבע צווישען איהם און איהר יעצטיגען מאן.

אבער נאך עטוואס אנדערס איז דא געשעהן. עטוואס וואס ארנאלד האט זיך קוים געקענט גלויבען, אבער וואס אדעלינא מיט איהר ווייבערשען געפיהל האט

עס באַלד בעמערקט. ערנא, דיא יונגע, רייכע, שעהנע גרעפין האט געליבט דיזען ארנאָלד.

און ער?

אדעלינא האט זעהר אָפט בעטראַכט איהר ערסטען מאַן און עס איז איהר ערשינען דאס אויך אויף איהם מאכט ערנא איין גוטען איינדרוק.

עס וואר איין שעהנער אָקטאָבער טאָג.

אדעלינא איז אריין אין פּארק. זיא האָט געהערט טריט ניט וויט פון איהר. זיא האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן דאס ארנאָלד געהט דאָרט ארום.

זיא האט ניט געוואָלט ער זאָל זיא זעהן, אָבער אין דערזעלבער צייט איז זיא געוואָרען נייגעריג צו וויסען וואס דאָ וועט געשעהן. עס האט איהר געשיינט דאס עטוואָס מוז זיך יעצט פארבערייטען, עטוואס ארבייט זיך יעצט אויס. זיא האט געפיהלט דאס איהרע גדאנקען און מיינונגען פון דיא לעצטע טעג מוזען יעצט ערפילט ווערען

מיט לאַנגזאמע שריט איז ארנאָלד צוגעגאנגען צום פּאוואליאָן. ער איז געזונד געווארען אבער נאך ניט אין גאנצען, דען פון צייט צו צייט האט מען געזעהן אויף זיין געזיכט דאס אויסדרוק פון שמערץ.

פּלוצלונג איז ארנאָלד געבליבען שטעהן. ער האט דערהערט א וואונדערבארע ווייבערשע שטימע, וועלכע האט געזונגען א ליעבעס ליעד.

ארנאָלד האט אנגעשטעלט זיינע אויערען, און האט אויסגעשטרעקט זיין קאָפּ. דורך דעם אָפענעם פענסטער פון פּאוואליאָן האט ער דארט דערזעהן דיא גרעפין ערנא. זיא איז געזעסען מיט איהר קאָפּ אין דיא הענד און וויא פון טרוים האט זיא געזונגען איהר ליעד.

עס האט איהם צוגעצויגען נעהענטער צום פּאוואליאָן און עס האט איהם צו געשמידט צו קוקען אין פענסטער צום אָרט וואו דיא שעהנע גרעפין איז געזעסען.

ערנא האט אויפגעהויבען איהר קאָפּ און איהר גאנצע געזיכט האט זיך אָנגעגאָסען מיט בלוט. זיא איז באַלד ארויס פון פּאוואליאָן און האט גערייכט איהר האַנד מיט דיא ווערטער:

— איהר זייט עס ארנאָלד?

— פערצייעט מיר גנעדיגע פריילין וואס איך, איין דינער האב עס געוואגט.

— אָה, רעדט דאָך ניט אזוי, — האט איהם ערנא אונטערבראָכען. — איהר ווייסט דאָך דאס איהר זייט מיר געווארען מעהר וויא א דינער.

— וואס רעדט איהר דאָ?

— אָה, איהר האט דאָך מיך געלערנט אלע ליעדער וועלכע פערשעהנערען מיר דאס לעבען, יא, וועלכע מאַכען מיר דעם לעבען זיעס. איך וועל קיין מאָל ניט פערגעסען דיא צייט ווען איך האב פערבראַכט ביי מיין עלטער טאַנטע, דיא גרעפין פאן פינקענשטיין. איהר קענט דאָך יענע פינסטערע דאַמע, וועלכע האט צו מיר זעלטען געשפּראָכען א פריינדליכען וואָרט. אבער ווען איך האב מיין טאַנטע פאָרגעזונגען אלע ליעדער, וועלכע איהר האט מיך אין געהיים געלערנט איז זיא אויך געווארען פריינדליבער און בעסער און דער יונגער גראף איז דאַן געוועזען גענוג גנעדיג צו זאָגען צו מיר א פּאאר פריינדליכע ווערטער.

— ווער קען געגען אייך זיין אונפריינדליך? — האט אַרנאָלד געפרעגט.

— אָה זאָגט עס ניט. איך בין א ווילדער פויגעל וואס לאזט זיך ניט צאַמען נאך דיא געזעלשאַפטליכע געזעצע אין וועלכע איך געפין זיך. זאָגאר מיין פעטער, דער אויסגעשפּראָכענער ווייבער פיינד, וועלכער האסט מיך דערפאַר אליין וואָס איך בין א פרוי קען מיך אויך ניט בעהערשען.

ארנאָלר האָט געלאַכט.

— איהר בעהויפּטעט צופיעל גנעדיגעס פריילין, איהר האט אייער אָנקעל בלויז צוויי מאָל געזעהן, ער וואַר אימער אויף זיינע רייזען.

ערנאַ האט געקוקט צו דער ערד.

— ווייסט איהר אַרנאָלד, — האט זיא פּלוצלונג אנגעפאנגען און איז געוואָרען נאך רויטהער, — ווייסט איהר וואס מיין עלטערע טאַנטע זאָגט?

— וואָס?

— אָבער איהר דארפט עס מיר פערצייען.

— געוויס.

— ניט מיר אייער פערשפּרעכען.

— איך פערזיכער אייך הייליג.

— גיט מיר אייער האַנד.

מיט איין ערנסטער מינע האט ארנאָלד איהר גערייכט זיין האַנד.

ביידע האבען ניט געפיהלט דאס זייערע הענד וואַרען איינינע סעקונדען לאַנג צוזאמענגעשלאָסען און צוזאמענגעדריקט מיט ליעבע.

— נו, וואָס האט אייער טאַנטע געזאָגט?

— זיא האט געזאָגט דאס עס איז שאדע וואָס איהר שטאַמט ניט פון א פּאָר־נעהמער פאמיליע און....

זיא איז פּלוצלינג שטיל געוואָרען, און מיט א האלבער צומישונג האט זיא אראָפּגעלאָזט איהר קאָפּ.

ארנאָלד האט זיא אנגעקוקט מיט פאָלע גדאנקען. שוין איינינע מאָל איז פאר איהם פאָרגעקומען דיא פראגע פון זיין אָבשטאמונג, אָבער ער אליין איז עט־וואָס מיט איהר צומישט. ער האט זיך ערצויגען ביי איינפאכע לייטע, וועלכע זיינע פריהצייטיג געשטאָרבען. זיי האבען געהאט דעם נאָמען הענקע און דיעזען נאָמען האט ער אויך אנגענומען.

א געפיהל פון שטאָלץ האט זיך אין איהם ערוועקט.

דארף ער דען א האָכקלינגענדען נאָמען? וועט דען זיין נאָמען ניט ווערען גרויס, ווען ער וועט ווערען א קינסטלער?

ווען ער איז יעצט זאָגאר איין איינפאכער דיענער, דאך קען קיינער פון איהם ניט אוועקרויבען זיין ,שעני, זיין קונסט, וועלכער איז אימער געווען זיין איינציגער פריינד, וועלכער האט איהם אין דיא שטונדען פון זאָרג און פערדרוס אימער אויפ־געמונטערט און אימער געטרייסט.

אָבער ניט לאַנג האט ארנאָלד געטראַכט. ער האט ערנא׳ן יעצט בעטראַכט און עס האט איהם געשיינט דאס זיא איז געוואָרען איין גאַנץ אנדער פּערזאָן.

ארנאָלד האט זיא ביז יעצט בעטראַכט אלס קינד און דורך איהר מוטהיגען, לוסטיגען שפּיעלען און שטיפען האט ערנאווירקליך געשיינט צו זיין נאך א קינד.

זיא איז צו איהם געווען צוגעבונדען מיט דער ליבשאפט פון א קינד. זיא האט זיך געפרייט מיט זיין גייסט־רייכען שפּיעלען אויפ׳ן פיעדעל, זיא וואר איהם דאנקבאַר וואס ער האט אין איהר געפונען דעם טאלאנט צו זינגען און האט איהר אויסגעלערנט איינינע ליעדער צו זינגען געשמאק און ריכטיג.

ערנא׳ס ליעבשאפט צו איהם האבען זיא געטריבען זיא זאָל אויך אכטונג גע־בען אויף דעם קראַנקען, און זיא איז זאָגאר נאך לענגער געווען אין קראַנקען׳ס צימער אלס אדא. יא, ארנאָלד האט ניט איין מאָל געוואונשען זיא זאָל איהם לאָ־זען צו רוהע אום ער זאָל קענען לענגער פערברענגען מיט זיין פרוי.

אבער אין דיעזען אויגענבליק האט ער מעהר פאר זיך קיין קינד ניט געזעהן. דאס מעדכען האט פאר איהם יעצט געשיינט מיט איהר גאַנצען ערוואַקסענעם פּראַכט פון א יונגער פרויענצימער.

ער ווייס ניט וויא אזוי און מיט וועלכען מוטה ער איז מיט איהר אריין אין

פאווילי‍אָן. יעדענפאַלס האט זיא איהם אהין אַריינגעפיהרט. זיא האט זיך באַלד גע־זעצט און האט גענומען דיא קאנווע מיט דיא פערעל, וועלכע זיא האט אויס־גענייט.

אָבער איהרע געדאנקען וואַרען ניט ביי איהר נאָדעל. איהרע הענד האבען זיך ניט געריהרט.

— ווילט איהר זיך ניט זעצען? — האט זיא איהם געפרעגט.

ארנאָלד האט זיך ערוואכט און האט זיך נעבען איהר געזעצט.

— ערצעהלט מיר דאך עטוואָס פון אייער פערגאנגענהייט, ארנאָלד. איהר זעהט מאנכעס מאָל אויס אזוי אונמוטהיג, אזוי ערשלאָגען, און מאנכעס מאָל זייט איהר ווידער אזוי מונטער, אזוי פריילאך. איך האב זיך אָפט געזאָגט דאס איהר האט זעהר פיעל געמוזט דורכמאכען אין אייער לעבען.

— איהר האט רעכט, גנעדיגעס פריילין. — האט ארנאָלד געענטפערט — אָבער ניט אלעס וואס איך האב דורכגעלעבט וועט איהר קענען הערען. וואס איך האב געוואוסט צו ערצעהלען פון מיין פערגאנגענהייט האב איך אייך שוין ערצעהלט. איך קען נור נאך איינס זאָגען, דאס מיין ערציהערין וועלכע איז געשטאָרבען באַלד נאך איהר מאן, האט אויף איהר שטערבע בעט צו מיר פאָלגענדעס געזאָגט:

„א רייכער אָנקעל האט ביז יעצט געצאָהלט פאר דיין ערציהונג און ער וועט ווייטער פאר דיר זאָרגען“.

— איך בין דאמאָלס געוועזן איין אכט יעהריגער אינגעל. אָבער אין א גע־וויסען טאָג איז צו מיר געקומען א מאן. ער וואר אונפריינדליך, און אלס איך האב געוויינט, ווייל מיין גוטע ערציהערין איז געשטאָרבען, האט ער אויף מיר געשריען און האט צו מיר געזאָגט דאס איך דארף מיך ניט אָבגעבען מיט אזעלכע געדאנקען, דען איך מוז זיין א מאן.

— איך האב פאר דיעזען מאן עטוואס געפירכטעט, און אלס ער האט מיך גענומען ביי׳ן האנד און האט מיר געזאָגט איך זאָל מיט איהם געהן האב איך זיך פון איהם צוריקגעריסען.

דער פרעמדער מאן האט זיך צולאכט. — ליעבסט דוא ניט דיא מוזיק? — האט ער מיך געפרעגט. — איך האב געענטפערט דאס זינגען און שפיעלען איז מיין פערגניגען, און ער האט מיר דאן געזאָגט דאס איך וועל לערנען מוזיק ווען איך וועל איהם נור פאָלגען.

— דיעזען פערשפרעכען האב איך ניט געקענט ביי שטעהן, מיט פערגניגען

בין איך איהם נאכגעגאַנגען צום דירעקטאר פון א קינדער אינסטיטוט וואו מען האט מיך צוגענומען און ערצויגען.

— איהר האט שטודירט מוזיק ? — האט ערנא געפרעגט.

— ליידער האב איך דאס ניט געקענט מאַכען פאר מיין הויפט שטודיום, אַבוואהל אלע אנדערע לעהרען ווארען פאר מיר גאַר ניט אַנציהענד. מיינע גליקליכע שטונדען ווארען דאן ווען איך האב געהאלטען דיא פיעדעל אין האנד. דאך האב איך זיך אויסגעצייכענט, און האב נאך געקראָגען א לאָב בריעף פון אינסטיטוט.

— זייט איהר געווען אין מיליטער ? — האט איהם ערנא אונטערבראָכען.

— ניין, מען האט מיך ניט גענומען, אבוואהל איך וויים ניט ווארום.

— און דאן.

— האב איך מיך אין גאנצען געווידמעט צו מוזיק, ביז מיין אנקעל האט אויפגעהערט צו שטיצען מיך מיט זיין געלד, און איך בין געבליבען אנגעוויזען אויף זיך אליין. נון, איך האב מיין ברויט פערדינט, אבער איהר קענט ניט וויסען וואס עס הייסט אויפצוגעבען דעם סטודיום אין מיטען. דען יעדע שטונדע וואס איך האב געמוזט ארבייטען פאר מיין ברויט איז מיר פערלאָרען געגאַנגען פאר מיין טאלאַנט.

ארנאָלד האט געשוויגען.

ערנא יאט דעם דינער צוגעהערט און האט אין גאנצען מיט איהם מיטגעפיהלט. יעצט האט זיא צו איהם גערייכט איהר צאַרטע האנד און האט צו איהם געזאָגט :

— זא זיינען מירביידע אָהן עלטערען, ארנאָלד, יעצט וויים איך ווארום עס ציהט מיר אימער צו אייך, עס איז אונזער גלייכער שיקזאל, וועלכער פעראייניגט אונז.

ארנאָלד האט געוואָרפען איין ערנסטען בליק אויף דאס מעדכען און האט ער געקוסט איהר האנד.

איין אויפרעגונג איז איהם בעפאלען, ער האט ניט געוואוסט דיא אורזאַכע דערפון. ער האט ערנא׳ס האנד געקוסט איינינע מאָל.

ערנא האט זיך האסטיג אויפגעהויבען און האט געוואלט לויפען צום טהיר אבער ארנאָלד האט זיא צוגעצויגען צו זיך.

ארנאָלד האט אליין ניט געוואוסט וואס ער האט געטהאָן. ער וואר בערוישט פון דער שעהנער, יונגער און צאַרטער גרעפין, וועלכע איז צו איהם געווען אזוי פריינדליך.

ערנא האט זיך ניט געוועהרט געגען איהם.

איין זיעסער געפיהל האט זיך אנגעגאָסען אין איהר הארץ און וויא א שעהנע פוינעלע האט זיא צוגעלעגט איהר קאָפּ צו זיין ברוסט.

מיט לייזע הענד האט ארנאָלד זיא געהאלטען ביי זיך. ער האט מעהר ניט געוואגט זיא צו קוסען, אָבער פון זיינע ליפּען זיינען ארוים דיא ווערטער:

— איז עס דען א טרוים ערנא, דאס איך זאָל אייך האלטען אין מיינע ארמען? איז דאס אייער קאָפּ, און איז דיעזע געשטאלט, וועלכע ליגט אזוי ערגעבען אין מיינע ארמען דיא געשטאלט פון דער געטליכער ערנא?

ערנא האט געהאלטען איהרע אויגען געשלאָסען. יעצט האט זיא זיי געעפענט. א זיסע, אונענדליכע זעליגקייט האט געלויכטען פון איהרע אויגען. אין איהר בליק האט ער יעצט געזעהן אזא גרויסע און אזא ריינע ליעבע, וועלכע האט איהם אין גאנצען געריהרט, זא דאס אין דיעזען אויגענבליק האט ער געשווארען צו ווערען א בעסערער מענש, דאס ער זאָל פון זיך אוועקווארפען אלע זיינע געוואהנהייטען און לייכטזיניגקייטען, וועלכע האבען איהם ביז יעצט געטריבען צו אזוי פיעל געפאהר און אונגליק.

ניט ווילענדיג האט ער זיך עראינערט אן אדעלינא'ן. אָבער צוזאמען מיט דיעזער עראינעהונג איז אויך געקומען א פינסטערער בעגלייטער, נעמליך דער פערגלייך צווישען דיא צוויי פרויען.

ארנאָלד האט צו זיך אליין יעצט געזאָגט דאס ער וועט קיין רעכט ניט האבען צו שטרעבען נאך דיעזער אונשולדיגער בלומע, ווען ער וועט נאך זוכען צו בעזיצען זיין ערסטע ווייב, וועלכע איז אזוי פערדאָרבען, און אין דיעזען אויגענבליק האט ער זיך געשווארען צו ענטזאגען זיך אין גאנצען פון זיין ערסטער ליעבע און צו ווידמענען זיין גאנצען לעבען און זיין גאנצע ליעבע פאר דיעזער מעדכען.

הינטער דעם פּאוויליאָן האט זיך געהערט טריט. אָבער ניט ערנא און ניט ארנאָלד האבען עס געהערט.

אדעלינא האט אלעס געזעהן און געהערט פון דעם הינטערסטען וואנד. יעצט איז זיא פון דארט אוועק.

— מיין גאָט, — האט זיא צו זיך געמורמעלט. — וואוהין וועט דאס אלעס פיהרען?

דיעזער געדאנק האט זיא נאכדעם ניט אָבגעלאָזט, דען אבוואָהל זיא האט נאך פריהער פערשטאנען דאס צווישען ערנא און ארנאָלד מוז ענטשטעהן א ליעבע, דאך נאכדעם וויא זיא האט געזעהן דאס דיא צוויי פערליבטע האבען זיך ערקלעהרט, האט זיא ניט געקענט אויפהערען צו דענקען איבער דעם רעזולטאט פון דיעזער ליעבע.

איין געוויסען טאָג האט ארנאָלד פון געריכט ערהאלטען א צושריפט, אין וועלכען עס איז איהם בעריכטעט געווארען דאס ער איז דער יורש פון זיין פאטערס קליינעם פערמעגען.

פון דעם געריכטס שרייבען האט זיך אויך בעוויזען דאס ארנאָלד איז א קינד פון איין אונגעזעצליכער ליעבע, און דאס זיין פאטער האט איהם ערסט אין לעצטען אויגענבליק אדאפטירט פאר זיין קינד.

יעצט איז ארנאָלד געווארען דער אייגענטהימער פון א קליינעם פערמעגען אבער דערצו אויך דער בעזיצער פון א נאמען און א טיטול, דען זיין פאטער איז געוועזען איין אונגארישער באראָן פאָן מאלא.

יעצט איז ארנאָלד'ס טשאַנסען צו הייראַטהען די געליבטע גרעפין פיעל פאָך פערבעסערט געוואָרען, און אדעלינא האט יעצט געהאט מעהר אורזאכע צו זיין אונרוהיג, דען ערנא האט איהר יעצט אָפען ערקלעהרט דאס זיא ליעבט דיעזען מאַן, מיט דעם ליידענשאַפטליכען געזיכט, און דאס זיא איז יעצט בעשלאָסען מיט איהם צו הייראַטהען, וויל ארנאָלד איז יעצט א מאַן מיט א נאמען און א טיטעל.

— ווייסט דוא דען דאס ער ליעבט דיך ? — האט אדעלינא געפרעגט.

— אה, ער ליעבט מיך, אָבוואָהל ער האט דאס נאך ניט אָפען געזאָגט, אָבער יעדער בליק פון זיינע אויגען, יעדער קרעכטץ פון זיין ברוסט זאָגט מיר דאס ער ליעבט מיך.

— און דוא דענקסט ערנסט צו זיין, זיין פרוי ?

— יא.

— אָבער ער האט עס דיר נאָך ניט פאָרגעלעגט! — האט אדא איינגעווענדעט.

— ער האט ניט דעם מוטה, דאס צו טהאָן. אָבער אדא, דוא האסט מיר א מאָל געזאָגט דאס דוא ליעבסט מיך פון גאַנצען הארצען, ווילסט דוא מיר טהאָן א פריינדליכע דינסט ?

— ווען איך זאָל עס נור קענען.

— אה, דוא קענסט עס ווען דוא זאָלסט עס נור וועלען.

— וואָס זאָל איך טהאָן ?

— דוא זאָלסט איהם געבען מוטה, זאָלסט איהם זאָגען דאס איך ליעב איהם, און דאַן זאָלסט דוא מיט מיין גראָספאטער דעריבער ריידען.

— דאס וועל איך קיין מאל ניט טהאָן.

— דוא ווילסט עס ניט?

— ניין, וויל עס וועט זיין אומזיסט.

ערנא האט איין אויגענבליק זיך פערטראכט. איהר בוזים האט זיך געהויבען ארויף און אראפ. דאן האט זיא איהר קאפ אויפגעווארפען אין דער הויך און מיט שטאלץ האט זיא געזאגט:

— נון, וויא דוא ווילסט, אבער ווען ארנאלד ליעבט מיך אזוי וויא איך ליעב איהם דאן וועט ער דאך ווערען מיינער.

דיעזער געשפרעך איז געוועזען ניט וויים פון פאוויליאן, אויף דעם זעלבען ארט וואו אדעלינא האט אין דער ערסטער נאכט נאך איהר הייראטה אריינגע־שטאכען דעם שפיז אין ארנאלד׳ס ברוסט. אדעלינא האט ניט ווילענדיג זיך ער־אינערט אן יענע שרעקליכער שטונדע און איין פינסטערער געדאנק פאר דער צוקונפט איז איהר בעפאלען.

דא האט גענומען רוישען הינטער זיי. א געשטאלט האט זיך בעוויזען. עס וואר ארנאלד.

וויא ער האט דיא דאמען דערזעהן האט ער זיך פערנייגט. זיינע אויגען זיינען אבער געבליבען שטעהן אויף ערנא, און פון דיעזען בליק האט אדא געזעהן דאס ער ליעבט ווירקליך דיא יונגע גרעפין.

עס האט זיך איהר יעצט געוואלט האבען א געשפרעך מיט דיעזען ארנאלד.

ענדליך האט זיא דערצו געקראגען א געלעגענהייט. דער באראן האט אונ־טערנומען א קורצע יאגד רייזע און זיין ווייב איז געבליבען אליין.

דער מאן און דיא פרוי וועלכע ווארען שוין לאנג פערהייראטה, און ניע־מאלס געשיעדען, אבער וועלכע האבען עס יעצט געהאלטען אין געהיים, האבען יעצט געהאט א לאנגען געשפרעך.

אם ענדע פון דעם געשפרעך האט אדא געזאגט:

— דוא ליעבסט אלזא ערנא׳ן?

— ליעבען? ווער עס האט דיך געליבט, קען ניעמאלס ווידער ליעבען, אבער איך פיהל דאס ערנא איז דיא איינציגע וועלכע קען מיך מאכען פערגעסען דאס איין אנדערער איז דיין מאן.

— גוט, יעצט וויים איך אייער געהיימניס און וועל עס זיכער פערשווייגען. לעבט צוזאמען גליקליך.

דיענע ווערטער האט אדא גאנץ רוהיג געשפראכען. דאך ווען זיא אליין האט זיך א שווערער זיפץ ארויסגעריסען פון איהר הארצען.

זיא האט ניט געוואוסט וויא דאס אלעס ועט אויסגעפיהרט ווערען, אבער זיא האט דאך קיין שריט ניט געקענט מאכען צוריק, און דער מיט וואס זיא איז אנפערטרויט געווארען מיט דער געהיימניס פון זייער ליעבע איז זיא זיכער דאס ארנאלד וועט יעצט פערשוויגען איהר געהיימניס, און זיא איז פון איהם פריי. ער וועט זיא יעצט אויך ניט עראינערען וועגען דעם פערשפרעכען, וועלכען זיא האט איהם געגעבען אום צו קויפען פון איהם זיין פערצייאונג פאר איהר מארד פערזוך און נעהמען זיין פערשפרעכען דאס ער וועט זיא ניט פערראטהען.

— — — — — — — — — — — — — —

עס וואר איינינע מינוטען שפעטער. אדעלינא איז געזעסען אין איהר הויז און האט נאך אימער געדאכט פון דעם געשפרעך וואס זיא האט מיט ארנאלד'ן געהאט אלס דיא קאמער דינערין איז אריין און האט געמאלדען דעם בעזוך פון א הערען, וועלכער האט מיט איהר געוואלט ריידען.

— זיין קארטע ?

— איך האב עס איהם געבעטען, אבער ער האט מיר געזאגט דאס ער איז געקומען אין אזא וויכטיגער אנגעלעגענהייט דאס ער אליין וועט אייך דיא קארטע איבערגעבען.

האסט דוא איהם אריינגעפיהרט אין עמפפאנג צימער ?

— יא.

— גוט, זאג דעם הערען דאס איך וועל גלייך ערשיינען.

אלס דיא קאמער דינערין איז ארויס האט זיך אדעלינא אויפגעהויבען פון שטוהל, און האט ארופגעלעגט דיא האנד אויפ'ן הארצען וועלכע האט זעהר שטארק געקלאפט.

— מיין גאט, — האט זיא געזאגט, — וואס איז מיט מיר פלוצלונג געווארען? ווארום קלאפט אזוי דאס הערץ?

גאנץ לאנגזאם האט אדא פערלאסען איהר צימער, זיא האט זיך דורכגעשלעפט דורך דיא פערשיעדענע צימער'ן, עס האט איהר געשיינט דאס עטוואס שרעקליכעס ערווארטעט איהר.

יעצט איז זיא געשטאנען ביי דער טהיר פון עמפפאנגס צימער. זיא האט גענומען דעם קלינגעל, און האט איהם איינינע מאל פרובירט עפענען און איז אלץ צוריק אבגעשפרונגען.

וואס שטעהט איהר פאָר ? זיא האט געפירכטעט. אָבער דאָך האט זיא זיך ענדליך בעשלאָסען, האט אויפגעעפענט דיא טהיר, און איז דאך אריין אין צימער. אָבער — וויא זיא האט דעם גאסט דערזעהן, אזוי האט זיך פון איהרע ליפען אויסגעריסען א געשריי, און וויא א צומישטע איז זיא געבליבען שטעהן ביי׳ן טהיר.

דער בעזוכער איז אבער אויפגעשפרונגען פון אָרט און איז צו איהר צוגעלאָפען.

אייניגע סעקונדען זיינען זיי געשטאנען איינע נעבען דיא אנדערע און האָבען קיין וואָרט ניט גערעדט. ער האט אויף איהר געקוקט מיט שפּאָט און פעראכטונג, זיא איז געשטאנען מיט א קלאַפּענדער הערץ און מיט ברענענדע אויגען.

— מיין הערר, — האט זיא ענדליך אנגעפאנגען מיט א ציטערדינע שטימע — וואס טהוט איהר דאָ ?

— עס שיינט דאס מיין בעזוך איז אייך גאָר ניט אנגענעהם.

— געוויס ניט.

— און דאך האב איך דיזע שטונדע אויסגעקליבען אום איך זאָל גאנץ אליין מיט אייך קענען ריידען.

- מיט מיר ? וואס האט איהר מיר צוזאָגען, הערר אָפּענהיימער.

— אהה, איך קען עס אייך אין אייניגע ווערטער ניט אויסדריקען ! איהר האט זיך פריהער שטארק ערשראָקען ווען איהר האט מיך דערזעהן, זייט איהר דען ווירקליך מיין פריהערדיגע פאַבריקען ארבייטרין ? זייט איהר עס דיא שעהנע, דיא שטאָלצע, דיא פרינצעסין, וויא מען האט אייך דאמאלס גערופען ?

אדא איז געווארען בלייך.

א פינסטערע ענטשלאסענהייט האט געשיינט אין איהר געזיכט, און מיט א שטימע וועלכע האט געקלונגען וויא פון שטאל האט זיא געזאָגט :

— זייט איהר אהער געקומען, אום מיר צו זאָגען דאס איהר קענט מיך נאך פון פריהער ?

— ניין.

— דאן ווארום עראינערט איהר מיך דיא פערגאנגענהייט ?

— ווייל דאס איז נויטהיג פאר מיין פּלאן.

— אך זאָ, איהר האט פּלענער ! און וואָס ווילט איהר פון מיר ?

— זעהר פיעל. מיינע פּלענער קענען אויסגעפיהרט ווערען נור מיט אייער הילפע.

אדא האט געמאכט א שריט צוריק. איהרע אויגען האבען געבליצט.

(Mil. 29).

— מיין הערר! — האט זיא אויסגערופען — אויף דיעזער ווייזע דענקט איהר צו געווינען מיין הילפע?

אפענהיימער האט זיך פערניינט.

— בלייבט נור רוהיג, גנעדיגע פרוי. ערלויבט מיר איך זאל פאר אייך פאר־לויגען מיין פלאן.

— איך וויל עס ניט הערען.

אפענהיימער איז צוגעגאנגען נאהענט צו איהר זיינע אויגען האבען גערוהט אויף איהר בלייכער געזיכט.

— איהר וועט מיך מוזען אויסהערען!

— מוזען?

— אדער איך רעכען זיך מיט אייך, דערמיט וואס איך וועל אייער געהיימניס ארויסגעבען פאר דער גאנצער וועלט.

אדא'ס ליפען האבען זיך יעצט פערצווינען אין א געלעכטער.

— גלויבט איהר דען ווירקליך דאס איהר וועט קענען קאמפראמאטירען דעם באראן פאן ערלען'ס וויב? איהר האט א טעות מיין הערר, מיין מאן'ס ליעבע איז אזוי גרויס, דאס ער וועט זיך ניט קימערען וועגען מיין פערגאנגענהייט, וועלכע איז זאגאר אניעדעריגע אבער ניט קיין שענדליכע.

אפענהיימער האט געוויגט זיין קאפ אהין און אהער.

— דעם לעצטען ווארט קען איך ניט צו געבען, — האט ער געזאגט.

דאס וואר פאר איהר צופיעל.

מיט א געשריי פון צארן איז זיא צו אפענהיימער צוגעלאפען און האט געזאגט:

— מיין הערר, ווילט איהר מיין הויז פערלאסען, אדער איהר ווילט איך זאל צוזאמענרופען דיא דיענער.

— טהוט עס! — האט דער בעזוכער גאנץ רוהיג געענטפערט.

אדא האט שוין ארויפגעלעגט איהר האנד אויפ'ן גלעקעל, אבער אפענהיימער האט זיא צוריקגעהאלטען.

— זייט איהר פעררייקט אדא?

— מיט וועלכען רעכט רופט איהר מיך אדא?

— אה ענטשולדיגט, איך קען אייך רופען מאדאם הענקע.

דיא באראנין איז געווארען בלייך וויא קאלך. זיא האט אראבגעלאזט דעם קאפ און דיא האנד האט אבגעלאזען דעם גלעקעל.

— איהר זייט איין אונמענש! — האט זיא ארויסגערעדט — איהר זייט דער

זעלבער, וועלכער האט אימער נעוואגט אפצוקויפען דיא עהרע פון איין ארמעס מעדכען, וועלכע איז ביי אייך געשטאנען אין דינסט.

— און דארום איז דיעזעס מעדכען מיר געווען פערפפליכטעט צו דאנקען. דאך לאזען מיר דיא פערגאנגענהייט, איך דארף אייך יעצט האבען נור אום מיינע פלענער אויסצופיהרען. איך האף דאס איהר וועט זיין קלוג גענוג אום מיך ניט צווינגען צו שטרענגע מיטלען.

אדא האט געשוויגען. זיא איז פאר איהם געשטאנען און האט זעהר שווער געאטהעמט. איהרע אויגען האבען געקוקט אין אלע זייטען און איהר גייסט האט זיך געראנגעלט מיט דעם געדאנק וויא זיא זאל זיך בעפרייען פון זיין מאכט.

עס וואר אבער אומזיסט.

קיין גוטער געדאנק איז צו איהר געקומען.

— מאדאם, איהר שיינט צו זיין אין פערלעגענהייט. איהר ווייסט ניט וואס צו טהאן. איך מיין אבער, אז דאס האט אייך בעדארפט אנקומען לייכט. פערגעסט ניט דאס ווען איך וועל דעם באראן ערצעהלען געוויסע געשיכטען וועט ער זיך צו מיר בעווייזען זעהר דאנקבאר. דאך איך וויל בעסער זיין אייער פריינד און פערטרויטער, דאס וועט פאר אונז ביידען זיין בעסער.

אדא איז פערציטערט געווארען.

זיא האט געוואלט ארויפפאלען אויף דיעזען ניעדעריגען מאן, וועלכער שטעהט פאר איהר אזוי גלייכגילטיג און דערווערגען איהם. זיא האט זיך אבער בעהערשט, דען דיעזער מאן, וועלכער וואר איהר ערגסטער פיינד מוז יעצט ווערען איהר פערטרויטער קאמעראד. זיא קען זיך מיט איהם ניט קריעגען. זיא האט זיך געצוואונגען צו בלייבען רוהיג און האט דאן געשפראכען אין א געלאסענער שטימע.

— אויב עס איז נור אין מיין מאכט, זא וועל איך ערפיעלען אייער וואונש, אבער איך מוז הערען וואס ווינשט איהר?

— דאס איז ריכטיג גנעדיגע פרוי, איך וואלט אייך שוין לאנג געזאגט וואס איך ווינש, אבער איהר זייט געווען אזוי אויפגערעגט דאס איך האב גאר קיין ווארט ניט געקענט אויסריידען. איך האב געוואלט בעטען דעם באראן, ער זאל מיר פערקויפען דעם שטיק וואלד, וועלכער ליעגט ביי מיין שוויגער־זאהנ׳ס ריטמענ־פאבריק. קענט איהר מיין שוויגער־זאהן?

— איך האב ניט דיא עהרע.

— נון, ער איז א געוויסער הערר פון וויען.

— און וואו ליעגט דיא רימענ־פאבריק?

— ווייסט איהר עס ניט? — האט אָפּענהיימער פערוואונדערט געפרעגט — עס ליעגט אומגעפעהר צוויי שטונדען רייזע פון דאנען.

— אָה, איך קום יעצט צו מיין זינען. איהר האט גערעדט פון א שטיק וואלד.

— ניט קיין גאנץ גרויסער שטיק.

— ווארום ווילט איהר עס קויפען?

— מיין שוויגער־זאָהן בעדארף דעם פּלאַץ אום אויסצובּרייטען דיא פאבריק.

— מיין מאן וועט עס ניט וועלען טהאן. איהר מוזט דאך וויסען דאס ניט ווייט פון דעם וואלד האט מיין מאן א גאנץ גרויסען וואלד, און ער האט געפּלאַנט אויסצוקויפען דיא לאנד וואס ליעגט צווישען און צו פערפלאַנצען עס אין איין גרויכען שטיק וואלד

אָפּענהיימער האט געלאכט.

— גנעדיגע פרוי, ווילט איהר מיך גוט פערשטעהן, איך מח דעם וואלד האבען.

— ווען עס שטעהט נור אין מיין מאַכט, זא וועל איך זעהן איהר זאָלט עס האבען. יעצט מיין הערר ערלויבט מיר איך זאָל מיך צוריקציהען.

— איך וואָלט מיך פון אייך ניט וועלען אָבשיעדען, גנעדיגע פרוי, ביז איך האב פון אייך א בעשטימטען פערשפּרעכען. איך בין זיכער דאס איהר האט א גרויסען איינפלוס אויף אייער מאן, איהר דארפט איהם נור בעטען, און ער וועט עס שוין טהאן.

אדא האָט זיך פערדענקט.

— מיין מאן מוז עס דאך וואונדערן, וואס פאר איין אינטערעסע האב איך אויב איהר וועט דעם וואלד בעזיצען אָדער ניט.

אפּענהיימער האט געצויגען מיט דיא אַקסלען.

— דאָס איז שוין אייער זאכע, גנעדיגע פרוי. ווירקליך, איהר וועט שוין מעהר ניט זיין דיא „קלוגע פּרינצעסין“, ווען איהר וועט אזא קלייניגקייט ניט קענען דורכפיהרען.

אדא האט זיך פערניינט און האט געמאכט א בעוועגונג זיך צוריק צוציהען.

— זאָלען מיר זיך אזוי קאַלט צושיידען? — האט אָפּענהיימער געזאָגט אין דער שטיל.

— וואָס ווילט איהר נאך מייז הערר?

— ערלויבען זיא מיר, גנעדיגע פּרוי, איך זאל אייער האנד קיסען.

אדא האָט געהאט א שטאַרקען, ביטערן אנטוואָרט אויף איהרע ליפּען, אָבער

זיא האט זיך ווידער ערָאינערט, אז דיעזער מאן האט זיא אין זיין האנד, אז ער קען רויבען איהר עהרע, איהר פרייהייט און איהר גאנצען גליק.

מיט א געמאכטען שמייכעל האט זיא איהם געדייכט איהר האנד, דאך ווען זיינע פינגער האבען זיא בעריהרט, האט עס איהר א טרייסעל געטהאן, עס האט איהר געשיינט דאס א שלאנג האט זיא בעריהרט.

אָפּענהיימער האט זיך געמאכט גלייך וויא ער וואָלט אדא'ס שרעק ניט בעמערקט. ער האט געהאלטען איהר האנד און האט צו איהר געזאָגט:

— גנעדיגע פרוי, קענט איהר זיך ערָאינערען דיא צייט, ווען איך בין געווען פערזונקען אין דער ליעבע צו אייער שעהנהייט?

— וואָצו ערָאינערט איהר מיך יעצט אויף איין אלטער זאך?

— איך בין אהער געקומען מיט דער אבזיכט צו שליסען א געשעפט פאר מיין שווינגערזאהן, אָבער איך קען מיך פון אייך ניט שיידען, ווען איך זאל אייך ניט זאָגען דאס דיא אלטע געפיהלען צו אייך האבען זיך יעצט דאָפּעלט צוברענט אין מיין ברוסט.

— מיין הערר!

— זייט דאך ניט אזוי שלעכט אדא! פאָלגט מיך נור איין איינציגען מאָל, בלויז איין איינציגען מאָל ווערט נאך אמאָל מיינע, און איך שווער אייך הייליג צו, דאס איך וועל אייך קיין מאל מעהר ניט בעלעסטיגען. אָה, אדא, זייט יעצט מיינע, בלויז אויף איין ווייל און איך שווער אייך דאָס מיינע ליפען וועלען מעהר קיין מאָל ניט ארויסריידען, וואָס איך וויים פון אייער פערגאַנגענהייט.

האלב ערשראָקען און האלב ערשטוינט האט איהם אדא אָנגעקוקט. זיינע באקען האבען יעצט געברענט און זיינע אויגען האבען געפלאַקערט מיט ליידענשאפט.

אין זיין געזיכט איז געלעגען עטוואָס ריהרענדעס, עטוואָס וואס ציהט צו זיך צו יעדע פרויענצימער.

— בערוהיגט זיך,—האט זיא צו איהם געזאָגט אין דער שטיל און האט איהם בעריהרט מיט איהר האנד.

— ניין, איך קען ניט רוהען ביז......

ער איז געבליעבען שטיל. אין פאָרצימער האבען זיך געהערט האסטיגע שריט.

— מיין גאָט! — האט זיא אויסגערופען — מיין מאן קומט.

אָפּענהיימער איז אויפגעשפרונגען.

— שפּעטער גנעדיגע פרוי. איך מוז אייך בעזיצען זאָגאר ווען דאס זאָל קאָסטען מיין לעבען.

אדא האט קוים געהערט זיינע לעצטע ווערטער.

גאנץ שנעל איז זיא פערשוואונדען דורכ'ן טהיר, וועלכע האט זיך הינטער איהר געשלאָסען.

באלד נאכדעם איז דער באראָן ערשיענען.

ער האט געוואָרפען א וואונדערבארען בליק אויף דעם בעזוכער, אבער אפענ־היימער איז צו איהם צוגעגאנגען און האט זיך טיעף פערנייגט.

אין גאנץ קורצע ווערטער האט ער איהם ערצעהלט דאס ער וויל פון איהם קויפען דעם וואלד, און האט אויך געזאָגט דאס ער האט עס שוין געשפראָכען מיט דער באראָנין.

— און וואס האט מיין פרוי געזאָגט?

— דיא גנעדיגע פרוי איז איינפערשטאנדען.

— דאן בין איך אויך צופריעדען, — האט דער באראָן געענטפערט מיט א שמייכעל.

34טעם קאפיטעל.

מודה געווען.

— זייט מיר ווילקאמען! — האט העדוויג געזאָגט, באלד וויא דער אנטלאָ־פענער פראנץ שטאנד איז פאר איהר געשטאנען. — איהר האט דא פאר קיינעם קיין מורא. זאָ לאנג איהר זייט ביי מיר זייט איהר זיכער; הייטע אבענד וועלען מיר אייך אבפיהרען אין א גאנץ זיכערען אָרט.

— גרעפין איהר זייט צו גוט צו מיר. איך קען גאָר ניט דענקען וויא אזוי איך זאָל אייך קענען בעדאנקען. איך בין איין אנטלאָפענער, אהן רעכטע און אָהן מאכט.

— שטיל מיין פריינד זייט איהר אונשולדיג?

— יא דאס בין איך.

— און איך גלויב אויך. זאָגט מיר נור האט איהר א פערדאכט?

— ניין.

— ווירקליך ניט? — האט העדוויג געפרעגט אין א שארפען טאן. קענט איהר גאָר קיינעם ניט, וועלכער איז דעם מאָרד בעגאנגען?

— איך ווייס ווירקליך ניט, גרעפין. פאר מיר איז דאָס אלעס וויא א טרוים. איך גלויב זאָגאר ניט דאס איך בין יעצט פריי.

— אבער דאך וועט איהר שטרעבען אויסצוגעפינען דעם אמת'ן מערדער.

— דאס איז מיין פליכט. אָבער איך האב קיין האָפנונג אז דאס וועט מיר געלינגען.

פראַנץ האט עס געזאָגט אין א טרויעריגען טאָן.

העדוויג האט זיך פערטראַכט.

זיא ווייס ווער דער מערדער איז, אָבער צו ליעב איהר מוטער און צו ליעב זיך אליין איז איהר אינטערעסע דאָס פראַנץ זאָל קיין ערפאָלג ניט האבען אין זיין מוטה צו געפינען דעם פערברעכער, אבער דאך וואר זיא בעשלאָסען דעם פערברעכען וועלכער איז געגען דעם אונגליקליכען בעגאַנגען געווארען צו פעררינכטען, און אין איהר קאָפּ זיינען יעצט דורכגעלאָפען פערשיעדענע פּלענער אין וועלכע מרים איז אויך פאָרגעקומען.

עס וואָר איהר געדאַנק דאס ביידע, פראַנץ און מרים זאָלען גליקליך זיין, זיי זאָלען בעלאָהנט ווערען פאר דיא צרות וועלכע זיי האבען גאַנץ אומזיסט געליטען און וועלען נאָך מוזען ליידען. זיא האט דאס געמאכט פאר איהר אויפגאבע, פאר דעם ציעל פון איהר לעבען.

— ערצעהלט מיר וויא אזוי אייך איז געלונגען צו אַנטלויפען. — האט זיא געזאָגט, נאך א קורצע פּויזע.

פראַנץ האט ערפילט איהר וואונש. וואָס ער האט אבער געהאט צו ערצעהלען וואר ניט זעהר פיעל.

גאַנץ אויפמערקזאם האט העדוויג אלעס אויסגעהערט.

— זאָ איז דער גאַנצער אונטערנעהמען געשטאַנען אין געפאהר אין דעם לעצטען אויגענבליק. — האט זיא אויסגערופען. — גאָט זיי דאַנק וואס איהר זייט גליקליך אוועק. מען וועט אייך יעצט זוכען אין אלע זייטען.

— איך פירכטע דערפאר.

העדוויג האָט געלאכט.

— היער וועט מען אייך ניט זוכען און דאָרט וואו איהר וועט זיך אויפהאל-טען וועט מען אייך אויך ניט זוכען.

דער אנטלאָפענער האט זיא אנגעקוקט. — הערט נור אויס. עס איז נויטהווענדיג איהר זאָלט גאַנץ גענוי קענען דיא ראָלע וועלכע איהר דאַרפט שפּיעלען. הייטע נאַכט פאהרט איהר נאך מיין בעזיטץ אין באירישען וואלד. אונזער הויז פערוואלטער וועט אייך בעגלייטען אום עס זאָל ניט פערדעכטיג ווערען. דאָרט אין מיין הויז וואָהנט איין אלטער דינער, זיין נאַמען איז וואלטהער. ער האט

נים ווייט פון דאָרט זיין שוועסטער, זיא הייסט אורזולא און זיא וואָהנט מיט איהר טאָכטער אין וואלד.

— איז דאס איהר טאָכטער, אדער זיא ערציהט זיך בײַ איהר אלס טאכטער? — האט פראנץ געפרעגט.

— זיא ווערט ביי איהר ערצויגען.

— הייסט זיא פיעללייכט פעדארא?

— קענט איהר דען דאס מעדכען?

— רופט מען זיא דער וואלד ענגעל?

— יא.

— אה, דאן קען איך זיא. צוריק מיט דריי יאָהר בין איך אין יענעם געגענד ארומגעפאָהרען פון פערגניגען און האב זיך בעקענט מיט דעם וואלד ענגעל.

— וועט זיא אייך יעצט ערקענען?

— איך גלויב אז ניט.

— וואס פאר א בעקאַנטשאפט האט איהר מיט איהר געשלאָסען.

— אָה, גאנץ איינפאך. איך בין געגאנגען דורך׳ן וואלד און אלס איך וואר דורסטיג האב איך אנגעקלאפט אין טהיר פון דעם הויז אין וואלד.

- פעדאָרא האט געעפענט די טהיר?

— יא.

— ווער זיא אליין?

— איך רעכען דאס מעדכען האט זיך ערשראָקען. איך האב ביי איהר געבעטען א טרונק און זיא האט עס מיר געגעבען.

— האט איהר מיט איהר געשפראָכען?

— נור אייניגע ווערטער.

— וויים זיא אייער נאמען, אדער זאָנסט עטוואס, צום ביישפיעל פון וואנען איהר קומט?

— ניין.

— פון וואנען ווייסט איהר דאס זיא הייסט פעדארא, און ווערט גערופען דער וואלד ענגעל?

— איין אלטער מאן, וועלכען איך האב נאכדעם בעגעגענד האט ער מיר ערצעהלט.

ןויא האט דער מאן אויסגעזעהן?

פראנץ האט דעם מאן געשילדערט זא וויים ער האט זיך געקענט ערמאינערען.

— קענט איהר זיך עראינערען אויב ער האט געטראגען א ווייסען חאלז באנד?

— יא. האט דער אנטלאָפענער געענטפערט. — איך עראינער עס מיך אויף זיכער.

— נון, מיר שיינט דאס דיעזער אלטער מאַן איז מיין דינער וואלטהער וועלכער וועט אייך יעצט נעהמען אין זיין שוטץ.

— איז דאָס מעגליך?

— איך בין דערפון איבערציינט. פאר יענעם אלטען מאַן האט איהר אלזאָ ניט וואס צו פירכטען, אבער אנדערש איז עס מיט דעם וואלד ענגעל. זיא קען אייך נאך ערקענען.

פראַנץ האט אראָבגעלאָזט זיין קאָפּ.

— איך גלויב ניט דאס זיא וועט מיך ערקענען.

— יעדענפאלס איז נויטהיג איהר זאָלט זיין זעהר פארזיכטיג. הערט מיך יעצט אויס. איהר דאַרפט זיין וואלטהער'ס א פּליעמיעניק. איר זייט פריהער געווען אין רוססלאַנד, זיין פערשטאָרבענע שוועסטער איז אייער מוטער. פון דאָרט זייט איהר געווען אין אמעריקא, נאר אזוי וויא איהר האט שטאַרק געבענקט נאך אייער היים זייט איהר צוריק געקומען. איהר וועט גילטען אלס דינער, אלס איינער וואס דאַרף העלפען זיין אָנקעל. וועגען דעם וואלד ענגעל זאָלט איהר ריידען מיט וואלטהער אליין. מעגליך דאס איהר זייט שוין א מאָל געווען אין דייטשלאַנד. דאס מעג דער אלטער מאַן אליין ענטשיידען. איהר דאַרפט וויסען דאס דיא שטעלע אלס דינער נעהמט איהר אן נור פון אנשטעל וועגען. עס איז נויטהיג איהר זאָלט שפּיעלען דיא קאָמעדיע. שפּעטער אבער וועט איהר פאהרען נאך אמעריקא און איהר וועט פיהרען א גליקליכען לעבען.

דער אנטלאָפענער וואַר גערוהרט.

— איהר אינטערעסירט זיך וועגען מיר אזוי פיעל, וויא זאָל איך עס אייך דאַנקען?

— איך פערלאַנג קיין דאַנק. וואס איך טהו איז עס פון מיין נערעכטינקייטס געפיהל, און דאַן.... העדוויג האט אבגעקעהרט איהר קאָפּ צום וואַנד און האט געשוויגען.

— שפּרעכט גרעפין, איך פערשטעה וואס איהרווילט זאָגען.

— ווען איהר פערשטעהט עס, דאַן קען עס בלייבען ניט אויסגעשפּראָכען. — האט העדוויג געענטפערט אין איין ערנסטען טאָן.

אַ לאַנגער זיפץ האט בעגלייט דיעזע ווערטער.

— גרעפין, — האט פראַנץ פּלוצלינג געזאָגט. — ערלויבט מיר איין פראַגע.

— פרעגט.

— האט איהר נאַכריכטען פון מרים'ן?

העדוויג האט ניט אַזוי שנעל געענטפערט. איהר ברוסט האט זיך בעוועגט, מיט דער גאַנצער מאַכט האט זיא בעקעמפּפט דעם געפיהל וואס זיא האט געהאַט ווען זיא האט זיך ערינערט אויף דעם אונרעכט וואס איז געגען דיעזער אונגליקליכער געשעהן.

— ליידער, — האט זיא ענדליך געזאָגט. — איך האב קיין נאַכריכט, מרים איז ביז ניט לאַנג צוריק געוועזען אין אויסבורג.

— ביי וועמען?

— ביי סימען ענד זאָהן.

— אלס ארבייטס מעדכען? אה, ארמע מרים, פריהער ביזט דוא געוועזען אזוי הויך, אזוי הויך, און יעצט, יעצט....

פראַנץ האט מעהר ניט געקענטריידען. טרעהרען האבען זיך געגאָסען פון זיינע אויגען. ער האט גאַנץ שטיל אין זיך געוויינט, ביז זיין גאַנצער קערפּער האט גענומען ציטערען. העדוויג האט איהם בעטראַכט מיט מיטלייד.

זיין שיקזאַל האט זיא זעהר שטאַרק געריהרט, און זיא האט אַלץ געמוזט דענקען וואס אין דיא לעצטע מאָנאַטען איז געשעהן, און וואס עס איז איהר פפליכט צו טהאָן. עס איז איהר אויך אריינגעפאַלען דער געדאַנק דאס זיא מוז עפענען איהר הערץ און מודה זיין פאר דעם אונגליקליכען אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט. עס האט זיך איהר געוואָלט זאָגען: „איך קען דעם מערדער, איך וויים דאס דוא ביזט אונשולדיג, און איך אליין וועל אויפטרעטען פאר דיין רעכט“.

אָבער ווען זיא האט דאס געקלעהרט האט זיא זיך אויך ערינערט אויף איהר מוטער, און זיא האט אויך דערזעהן וואס איהר שיקזאַל וועט זיין, ווען זיא וועט דיא וואַרהייט ערצעהלען.

זיא האט געמוזט שווייגען. זיא האט קיין רעכט איהר אייגענער מוטער צו ברענגען אין עפענטליכער שטאַנד. זיא האט גערעכענט אַז דאס איינציגע וואס זיא דאַרף טהאָן איז צו בעלאָהנען איהר געוועזענע שטיפשוועסטער און איהר געליבטען פאר זייער ליידען.

פראַנץ האט אנגעווענדעט אַלע זיינע קרעפטען צו בעהערשען זיינע טרעהרען.

ער האט צוזאמענגעדריקט זיינע ליפּען מיט קראַמפּ אום איינצוהאלטען זיין שלוכצען און האט אויסגעווישט דיא אויגען, וועלכע האבען ניט געוואלט טריקענען.

— פערצייעט מיר גרעפין האט ער דאן געזאָגט מיט א פיבערהאַפטער שטימע. — איך האב מיך געלאָזט איין מאָמענט בעהערשען פון מיינע ליידען. איהר ווייסט וואס מרים איז צו מיר, און אָבוואָהל, זיא איז אייך יעצט א פרעמדע דאך איז זיא א מאל צו אייך געווען אזוי נאָהענט. עראינערט זיך אויף יענער צייט און דאן וועט איהר גאַנץ אנדערש אורטהיילען.

העדוויג האט אנגעכאַפּט דעם יונגען מאַן'ס האנד.

— איך דענק יעצט פון יענער צייט, האָט זיא אין דער שטיל געזאָגט. — וואָלט איהר זיא געוואָלט זעהן ?

— אה, איין מאָל געזעהן און דאן געשטאָרבען.

— איך בעגרייף זעהר גוט אייער געפיהל, הערר שטאַנד, און איך וועל אלעס אנווענדען אום איהר און אייער געליבטע זאָלען זיך קענען זעהן. אָבער דאס קען נאך יעצט ניט זיין. אייער לאגע איז יעצט א געפעהרליכע. ווען איהר זאָלט אין דיעזען אויגענבליק פאלגען אייער הערץ, ניט אייער פערשטאַנד דאן קענט איהר ביידע אריינפאלען אין גרעסטען אונגליק.

— אָה, ווען איך וואָלט נור געוואוסט וואו מרים געפינט זיך ! — האט ער געמורמעלט.

— איך זאָג דאָך אייך, דאס זיא איז יעצט אין בערלין. איך האָף צו ערפאהרען אלעס און גאַנץ קירצליך ברענגען צו אייך א גערוס. גלויבט מיר נור דאָס איך בין ניט גלייכגילטיג צום שיקזאל פון דיעזער ארמער מעדכען.

— פראַנץ האט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און האט זיא אנגעקוקט מיט א לאַנגען גלייכגילטיגען בליק.

העדוויג האט דיעזען בליק פערשטאַנען.

— איך פערשטעה אייערע געדאנקען, הערר שטאַנד, דאָך בעט איך אייך טהוט מיר קיין אונרעכט. ערסטענס בין איך ניט שולדיג וואס מרים האט איהר היים פערלאָזען און איך וואָלט זיא מיט פערגניגען היער אויפגעהאלטען ווען איך וואָלט ניט געוואוסט, אז מרים איז צו שטאָלץ אנצונעהמען עטוואס וואס זיא בעטראכט פאר א געשאַנק. אָבער איך וועל מיך בעמיהען צו פערלייכטערען מרים'ס לאגע, און עס וועט נאך קומען דער טאָג ווען איהר וועט אייער געליבטע צודריקען צו אייער ברוסט ניט מיט דער מורא פון איין אנטלאָפענעם וואָס ציטערט פאר זיינע פערפאָלגער.

— איך דאנק אייך גרעפין פאר דיעזע ווערטער. איך פיהל יעצט דאס איהר האט איין ריכטיגען מיטלייד מיט אונז.

נאך א ווייטערען געשפרעך איז העדוויג ארויס פון צימער און האט אריינגעבראכט פערשיעדענע שפייזען און א פלאש גוטען וויין מיט צוויי גלעזער.

עס וואר דאס ערסטע מאל אין איהר לעבען וואס העדוויג האט געשפיעלט דיא ראָלע פון א ווירטהין, אבער זיא האט ערפיהלט איהר ראָלע מיט אזא צופריעדענהייט דאס פראנץ האט זיך דערפון געפיהלט געריהרט. ער האט געפיהלט דאס ביי דיעזער מעדכען איז ער וויא ביי זיך צו הויז.

העדוויג האט איהם זעהר פריינדליך צוגערעדט ער זאָל אנפיהלען דיא גלעזער און ביידע האבען עס געטרונקען און האבען זיך צוגעוואונשען א גליקליכע צוקונפט.

העדוויג האט אויסגעליידיגט איהר גלאָז האסטיג און פראנץ האט זיינע אויך אויסגעטרונקען מיט איין צוג.

אלס דיא גרעפין האט דיא גלעזער ווידער אנגעפילט האט פראנץ זיין גלאָז אויפגעהויבען און האט געזאָגט:

— דיעזע גלאָז טרינק איך אויף אייער גליק און פריעדען.

ער האט דיעזע ווערטער אויסגעשפראָכען אין א לאנגזאמען טאָן, אבער פלוצלונג איז פון העדוויג׳ס געזיכט פערשוואונדען דער פארב, זיא איז געוואָרען בלאס, אזוי וויא א טויטע.

— אום גאָטט׳עס ווילען וואס איז מיט אייך געשעהן גרעפין? האט דער אנטלאָפענער אויסגערופען מיט שרעק.

— קיין זאך, קיין זאך, אלעס איז פאָראיבער.

דיא גלעזער האָבען ווידער געקלונגען, אבער העדוויג איז פליצלינג געבליבען שטיל.

פראנץ שטאנד האט זיך מעהר ניט ערלויבט עטוואס צופרעגען.

אלס העדוויג איז געזעסען א לאנגע צייט און האט קיין וואָרט מעהר ניט געשפראָכען און וויא פראנץ האט בעמערקט קוקט זיא נור מיט שטאַרע בליקען אויף דער ערד האט פראנץ גענומען פיהלען אין פערלעגענהייט און האט געזאָגט:

— גרעפין אויב איך האב אייך געטהאָן איין אונרעכט, דאן זאָלט איהר עס מיר פערצייען, דען איך האב געוויס ניט געוואָלט.

העדוויג האט זיך געצוואונגען צו שמייכלען און האט דעם אנטלאָפענעם

געזאָגט דאס זיא האט איהם ניכטס וואס צו פערצייען, און האט זיך אויך געצוואונ־גען אריינצוגעה; מיט איהם אין פערשיעדענע געשפרעכען.

פראַנץ האט איהר יעצט ערצעהלט אלעס פון דעם געפענגניס און וואס ער האט דאָרט דורכגעמאכט, און העדוויג האט דאס אלעס אויסגעהערט.

נאך אלע געשפרעכען האט איהם העדוויג אריינגעפיהרט אין א צימער וואו זיא האט פאר איהם פארבערייט א בעט.

נון, פריינד יעצט רוהט זיך אויס! — האָט זיא צו איהם געזאָגט. — איהר זייט דאָך געוויס מיעד און שלעפעריג, און איהר דאַרפט זיך אויסרוהען ווייל איהר וועט נאך דיעזע נאכט מוזען האבען ווייטער צו ארבייטען.

ניט אַכטענדיג אויף זיין אויפרעגונג איז ער באַלד איינגעשלאָפען.

פערשיעדענע חלומות האבען ארומגערינגעלט זיין זעעלע.

אלס דער אבענד איז געקומען איז העדוויג אין צימער אריין אום דעם אנטלאָפענעם צו וועקען.

פראַנץ שטאַנד האט נאך אלעס געשלאָפען, זיינע ליפען וואַרען אביסעל געעפענט, גלייך וויא זיי האבען ערסט ארויסגערעדט א נאמען וועלכער איז דעם שלאָפענדען געוועזן ליעב און טהייער.

העדוויגען האט זעהר לייד געטהאָן דעם שלאָפענדען צו וועקען, אָבער דיא צייט וואַר קורץ און ער האט נאך אין דיעזער נאכט געמוזט אבגעשיקט ווערען נאך זיין בעהעלטעניש.

זיא איז דארום צוגעגאַנגען צום בעט און האט בעריהרט זיין שטערן.

פראַנץ האט זיך א כאַפּגעטהאָן. זיינע אויגען האבען זיך געעפענט און מיט דעם צומישטען אויסדרוק פון א טרוימענדען האבען זיי גערוהט אויף דער גרעפין.

— וואו בין איך?

— קומט צו זיך הערר שטאַנד, עס איז שוין דיא העכסטע צייט דאס איהר זאָלט אויפשטעהן.

פראַנץ שטאַנד האט גענומען רייבען זיין שטערן, גלייך וויא ער וואלט דאָרט געוואָלט איינאָרדנען דיא געדאַנקען, וועלכע האבען זיך דאָרט געמיישט.

— אָה, דאָס זייט איהר, דיא גרעפין. איך וועל גלייך קומען.

העדוויג האט זיך ענטפערנט

איינינע מינוטען שפּעטער איז פראַנץ אריין אין איהר צימער.

— מיר מוזען זיך יעצט שיידען מיין פריינד,—האט העדוויג געזאגט, אבער גאנץ פירעליך וועלען מיר זיך ווידער זעהן, איך אליין רעכנע מיך צו בעזוכען דיך

אין דער ווילעדזש און וואס עס שטעהט אין מיין קראפט צו מאכען אייערע שטתדען אנגענעהם וועל איך געוויס טהאן. קענט איהר רייטען?

— יא,— האט פראנץ געענטפערט.

— האט איהר עס געלערנט?

— יא.

— דאס איז פארטרעפליך. מיר וועלען דאן קענען צוזאמען רייטען אין וואלד, איהר ווערט נאטירליך מוזען זיין פערשטעלט אום מען זאל אייך ניט ערקענען.

דיא צוויי האבען דאן נאך אמאל בעשפראכען אלע איינצעלהייטען און האבען בעשטימט וואס זיי האבען צו טהאן און דאן האט זיך פראנץ גאנץ העפליך אבגעזעגענד פון דער גרעפין.

אונטען ביי'ן טויער האט איהם ערווארטעט דער פערוואלטער.

— ווייסט איהר אלעס וואס איהר האט צו טהאן? — האט ער געפרעגט.

— יא.

פראנץ שטאנד, וועלכער האט יעצט ווידער געטראגען זיין פאלשע בארד איז יעצט מיט דעם פערוואלטער דורכגעגאנגען דעם פארק און זיינען ארויס פון א קלײנער זייטיגער טהיר. זיי זיינען ביידע אוועק צום באהן דארט האבען זיי זיך אריינגעזעצט אין א צווייטע קלאסע וואגאן און זיינען מיט דעם קוריער צוג אוועק נאך רעגענסבורג, וואוהין זיי זיינען אין צוויי שטונדען ארום אנגעקומען.

דארט האט זיי ערווארטעט דער אלטער דינער וואלטהער און באלד האט זיך דער אנטלאפענער געפונען אין זיין נייער היים.

— — — — — — — — — — — — —

אלס פראנץ שטאנד האט פערלאסען דעם גראף'ס פאלאסט. איז העדוויג צוגעגאנגען צום פענסטער. זיא האט אויפגעהויבען איהרע בליקען צום הימעל גלייך וויא זיא וואלט יעצט ארויסגערעדט א גאנצע געבעט.

הייטיגער טאג איז פאר איהר געוועזען זעהר א וויכטיגער און מיט זעהר פיעל בעדייטונגען.

הייטע איז איהר געלונגען צו בעפרייען דעם אונשולדיגען פראנץ פון געפענגניס. דערמיט האט זיא ערפיעלט איהר גרויסען וואונש און איהר פפליכט. יעצט האט זיא ערווארטעט איהר צוזאמענקונפט מיט איהר געליעבטען אטטא.

ווען זיא האט דעריבער געדאכט האט זיא זיך איינינע מאל געפרעגט אויב זיא זאל נאך אויפהאלטען איהר פערבינדונג מיט דיעזען מאן. זיא האט געפיהלט דאס זיא ליעבט איהם, אבער דיעזער געפיהל איז געשטערט געווארען דורך דעם

פערדאַכט דאָס אַטטאַ איז צו איהר ניט ערנסט. און אייניגע מאל האט זיך דיעזער פערדאכט בעשטעטיגט, דאָס אַטטאַ איז ניט עהרליך און זיין ליעבע צו איהר, דאס ער מיינט ניט אמת מיט איהר.

זיא האט דארום ערוואַרטעט מיט אונגעדולד דעם מאָמענט ווען זיא וועט מיט איהם קענען ריידען און וועט קענען פאָדערען פון איהם רעכענונג. זיא וואר פעסט ענטשלאָסען דאס ווען זיא וועט זיך ניט איבערציינען, אַז ער האט צו איהר געשפראָכען דיא ריינע וואַהרהייט, און דאס זיא וויים אַלעס גענוי וואס ער דענקט און פיהלט, זאל זיא זיך פון איהם ענטזאגען.

זיא האט איהם דארום יעצט ערוואַרטעט מיט אַ קלאַפּענדער הערץ.

ענדליך האט דיא אוהר געשלאָגען אַכט. איהר קאמער־מעדכען איז ניט לאנג צוריקגעקומען, אָבער זיא וואר שטארק מיעד און העדוויג האט איהר געהייסען געהן רוהען. אויף דיעזער וויזע איז זיא וויעדער געבליעבען אונגעשטערט.

יעצט איז זיא ארויס פון הויז, איז געגאַנגען שטיל איבער דיא טרעפּ און איז אריין אין גאָרטען. זיא איז פערבייגעגאנגען דעם גערטנערס הויז און האט געוואָרפען אַ בליק דורך זיין פענסטער. דער אלטער איז געזעסען און האט געלעזען אַ בוך פאר אַ לאָמפּ, וועלכער איז געשטאנען אויף זיין טיש.

— ער וועט באַלד געהן שלאָפען,— האט העדוויג געמורמעלט — דאס איז זעהר גוט.

אלס זיא איז געקומען צום טהיר פון פּאַוויליאָן איז איהר אָטטאָ געקומען ענטגעגען.

— העדוויג, מיין העדוויג! — האט ער געזאגט נאכדעם וויא זיי האבען זיך בעגריסט, — ביזט דוא מיט מיר צופריעדען?

העדוויג האט איהם אָנגעקוקט מיט איבערראשונג. זיא האט ניט פערשטאַנען וואָס ער מיינט.

— איך האב דיך ניט פערשטאנען, — האט העדוויג געזאגט נאכדעם וויא זיא האט איהם אַהיבשע ווײַלע אנגעקוקט — מיינסט דוא פיעללייכט דאס איך האב עטוואס בעזאָנדערעס פאר וואָס איך זאָל פון דיר צופריעדען זיין?

— יאָ, דאָס מיין איך.

— זאָ זאָג מיר וואָס דאס איז.

— איך פערשטעה ווירקליך ניט וויא דוא קענסט עס פרעגען, העדוויג. בין איך ניט דער מאן, וואס האט פראנץ שטאנד בעפרייט פון זיין געפענגניס?

— זאָ, דוא האסט עס געטהאן?

— נו, און ביזט דוא ניט צופריעדען וואס איך האב דיין אויפטראג אויס־געפיהרט?

— מיין אויפטראג?

ביידע האבען זיך א ווילע אַנגעקוקט מיט ערשטוינען און דאן האט אָטטאָ געזאגט:

— דוא האסט מיר געשיקט זאגען דורך דעם הערין ראדאָוו, דאס דוא שטעלסט אלס בעדינגונג פאר דיין ליעבע צו מיר דאס פראנץ שטאנד זאָל אין פיער און צוואנציג שטונדען בעפרייט ווערען.

העדוויג האט בעהאלטען איהר אויפרעגונג. זיא האט יעצט געוואוסט דאס דער פערוואלטער האט זיא אבגענארט. עס האט איהר אויך ניט זעהר שטארק גע־ערגערט דען איהר הויפט אינטערעס איז דאך געווען נור צו זעהן דאס דער געפאנ־גענער זאל ארויס פריי.

אבער דאך האט זיא זיך געמוזט קלעהרען דאס דיא ליעבע פון דיעזען יונגען מאן איז ניט קיין פאלשע, דען זאנסט וואלט ער זיך דאך ניט אונטערגענומען אזא געפעהרליכע זאך.

— זאג מיר אטטאָ? — האט זיא געזאגט — האסט דוא ווירקליך געגלויבט דאס איך קען דיר שטעלען אזא בעדינגונג?

— ניין.

— האסט דוא דארין געצווייפעלט.

— יא.

— און דאך האסט דוא דאס אויסגעפיהרט?

— איך האב עס געטהאָן, ווייל איך האב גערעכענט אז דאס וועט דיר דאך זיין אנגענעהם.

— ווארום האסט דוא דאס אזוי גערעכענט.

— איך וויל בעסער ניט ריידען.

העדוויג איז אויפגעשפרונגען, איהר געזיכט האָט געפלאקערט.

— ניין! — האט זיא בעפאהלען. — דוא זאָלסט ניט שווייגען, איך פאָדער פון דיר איין אנטווארט.

— אבער געליבטע ווארום ביזט דוא אזוי אויפגערעגט?

— פערגעס יעצט דיא געליבטע. אויב דוא ביזט צו מיר אזוי עהרליך און אזוי ערנסט וויא דוא האסט מיר אָפט געזאָגט דאן רעדט יעצט אָפען.

אָטטאָ האט אויפגעאטהעמט טיעף און שווער. ער האָט מיט זיך געקעמפפט

אויב ער זאָל העדוויגס פערלאַנגען נאכגעבען. ווען ער זאָל עס טהאָן דאַן מוז ער פאר איהר אַלעס ענטדעקען און דאַן מוז ער אויך זאָגען דאָס ער האט געוואוסט פון אַלעס.

נאָך אַ לאַנגען נאכדענקען האָט ער געפאַסט איין בעשלוס.

— זעטץ דיך צו ערסט. — האט ער געזאָגט אין אַ ציטערדיגען טאָן.

זיא האט זיך ווידער נעבען איהם געזעצט און ער האט זיא גענומען פאר ביידע הענד.

— לאָמיר ריידען אָהן אויפרעגונג. איך וועל דיר אַלעס ענטפערען, אָבוואָהל דאָס איז זעהר אונאַנגענעהם און איך וואָלט אַלעס געגעבען אום מיר זאָל דאס זיין פערשפּאָרט צו זאָגען.

— ריידט דאך אָטטאָ, מאַך קיינע בעמערקונגען.

— נון, זאָלסט וויסען העדוויג דאס איך וויים דאָס געהיימנים.

— וועלכעס געהיימנים?

— דיא געהיימנים פון דיין געבורט.

פון העדוויגס ליפּען האט זיך ארויסגעריסען אַ קליינער געשריי. איהר געזיכט איז געוואָרען בלייך. זיא האָט פערשטעלט איהרע אויגען מיט ביידע הענד און האָט געאָטהעמט שווער און לאַנגזאַם.

אייניגע מינוטען זיינען אַוועק אין לאַנגען שווייגען.

ענדליך האָט העדוויג אַראָבגענומען דיא הענד פון איהר געזיכט און האָט זיך צו איהם געווענדעט:

— פון וואַנען קענסט דוא דאָס געהיימנים?

אָטטאָ האָט קיין אַנטוואָרט ניט געגעבען.

— ווער האט דיר דאס געהיימנים פערראַטהען, זאָג! — האָט העדוויג פון איהם געפאָדערט.

— איך קען דאס ניט זאָגען.

— ווארום ניט?

— איך האָב געשוואָרען.

— זאָג מיר ווענינסטענס אויב דאס וואַר דער פערוואַלטער?

— ניין. ניט ער.

— קענסט דוא מיר שווערען דאס דוא זאָגסט דיא וואַרהייט?

(Mil. 30).

— געווים געליבטע, דאס איז די וואַרהייט, פון פערוואַלטער ווייס איך דאס ניט.

— ווייס ער דאס דוא ווייסט די געהיימניס?

— יא.

— ווער האט עס איהם געזאָגט?

— איך.

— דאַן האסט דוא איהם אין האנד?

איבער אָטטאָ'ס געזיכט האט זיך פערצויגען א שאטען, אָבער זיינע ליפען זיינען געבליבען פערשלאָסען.

העדוויג האט עס בעמערקט. זיא האט איהם אָנגעקוקט מיט א דורך דרינגענדען בליק, דאַן האט זיא צו איהם געזאָגט:

— אָטטאָ, דוא בעהאלטסט פון מיר עטוואס? דוא ביזט מיט מיר ניט אָפענהערציג.

— וויא אזוי קומסט דוא דאס צו דענקען?

— איך ווייס עס אויף זיכער.

— וואָס זיינען דאָס פאר ווערטער העדוויג? זיינען מיר צוזאמענגעקומען נור אום צו פערברענגען א ביטערע שטונדע?

— מיר מוזען זיך ביידע פערשטעהן, — האט העדוויג געזאָגט, און נאָך הייטע מוז דאס געשעהן.

— וואָס מיינסט דוא דערמיט?

— איך האב דיר שוין געזאָגט דאס דוא האסט מיר קיין מאָל ניט געזאָגט די וואַרהייט. עראינער זיך אויף יענעם אבענד ווען מיר האבען זיך צום לעצטען מאָל געזעהן און מיר האבען פערבראַכט ביז עס איז געוואָרען שפעט. דאס הויז וואר פערשלאָסען און איך בין געווען אין פערלעגענהייט, ווייל איך האב ניט געוואוסט וויא אזוי איך וועל אריין אין הויז.

אָטטאָ האט פערשטאַנען וואס יעצט וועט קומען. ער איז געוואָרען א פערטרייסעלטער. ער האט זיך דאך געשטארקט און האט געזאָגט:

— ווארום האָסט דוא זיך יעצט אויף דעם עראינערט.

— דוא וועסט עס גלייך הערען. דוא האסט מיך דאַן בעפרייט פון יענער פערלעגענהייט דער מיט וואס דוא האסט מיר געזאָגט דאס דוא וועסט קריעגען דעם שליסעל פון גערטנער'ס הויז.

— נו האב איך דען דאס ניט געטהאָן.

— ניין ! — האט העדוויג געזאָגט פעסט און בעשטימט. — דוא האסט עס ניט געטהאָן.

אָטטאָ האט זיך געצוואונגען צו מאכען א שמייכעל און מיט איין אונזיכערער שטימע האט ער געזאָגט :

— קינד, וואס רעדטסט דוא, איך האב דאָך דיא טהיר אויפגעשלאָסען:

— יא, דוא האסט עס געטהאָן, און ווען איך האב ביי דיר דעם שליסעל געבעטען האסט דוא געזאָגט דאס דוא ווערסט איהם אליין אוועקטראָגען און אוועקלעגען אויף זיין אָרט.

— דאָס וואר דאָך אויך נאַטירליך.

— געוויס, ווען דער שליסעל וואלט ביי מיר געווען וואָלט איך אויף מאָרגען אויסגעפינען דאָס ער איז ניט דעם גערטנערס שליסעל !

— אָבער העדוויג וויא קומסט דוא צו אזא זאָנדערבארען געדאנק ?

— דאס איז ניט זאָנדערבאר. איך האב גראדע אויף מאָרגען געהאט דיא געלעגענהייט צו ריידען מיט דעם גערטנער. ער האט געשפּראָכען פון דיא אונזיכערהייט ארום אונזער פּאַלאסט און דאס ער האלט דארום דעם שליסעל פערשלאָסען אין א געהיימען אָרט אום צו זיין זיכער האב איך איהם געפרעגט זייט ווען טהוט ער עס און אויב ער האט דיא לעצטע נאכט אויך געהאט דעם שליסעל בעהאלטען, און פון זיין אנטוואָרט בין איך איבערציינט דאס דוא האָסט ניט גענומען זיין שליסעל.

— העדוויג, דער אלטער קען מאכען א טעות.

— ניין. ער איז זיכער אויף דעם. נאָך איינס, דוא האסט נור געקענט אריינגעהן אין זיין הויז, אָבער ניט אין צימער, וועלכען ער האלט אימער פעררינגעלט.

העדוויג האָט געשפּראָכען מיט אזא בעשטימטען טאָן דאָס עס וואר אונמעגליך צו לייקענען.

אָטטאָ האט אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און האט געשוויגען.

— דיין שווייגען איז דער בעוויין אויף דיין שולד .. האט העדוויג געזאָגט. — ווארום האסט דוא מיר דאן געזאָגט ליעגען.

— איך האָב עס געמוזט.

— דוא ביזט אלזאָ מודה דאָס דוא האסט געהאט איין אייגענעם שליסעל צו אונזער הויז ?

— יא.

— ווער האט איהם דיר געגעבען.

— דער פערוואלטער.

ביידע האבען יעצט ווידער געשוויגען.

פלוצלונג האט העדוויג איהם אָנגעכאַפּט פאר'ן שולטער און מיט א הייזע־ריגער שטימע האט זיא צו איהם געזאָגט:

— זיי מודה אָטטאָ, דוא ביזט געוועזן אין דעם גראף'ס צימער אין דער נאכט ווען ער איז ערמאָרדעט געוואָרען.

אָטטאָ איז פערציטערט געוואָרען. פון זיינע באַקען איז פערשוואונדען דער לעצטער בלוטס טראָפּען. זיינע אויגען האבען זיך ארומגעדרעהט מיט איין אונזי־כערען אויסדרוק איבער דעם גאַנצען פּאַווילאָן. עס האט געשיינט דאס ער זוכט הילפע, וויא ער זוכט א וועג דורך וועלכען ער זאָל קענען אנטלויפען.

העדוויג האט איהם בעטראַכט מיט אַנגסט, דאַן האט זיא אראָבגעלאָזען איהר קאָפּ און א שווערער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון איהרע ליפּען.

— אלזאָ דאָך!

נאָך דיעזע צוויי ווערטער האבען ביידע געשוויגען.

אלס אָטטאָ האט זיך איינינער מאָסען ווידער געפאַסט האט ער געכאַפּט העדוויגס האנד, אָבער העדוויג האָט איהר האנד פון איהם ארויסגעריסען, און מיט א ציטערדיגע, וויטינגדיגע שטימע האט זיא צו איהם געזאָגט:

— ריהר מיך ניט אָן אָטטאָ. דיעזע האנד!....

— העדוויג!

— אָטטאָ, זיי עס מיר מודה, דיין אויפהאַלט אין גראף'ס צימער האט פעראור־זאַכט זיין טויט!

אָטטאָ האט זיא אָנגעקוקט מיט שטאַרע אויגען. זיינע ליפּען האבען זיך עטוואס געעפענט אבער דאָס וואָרט וועלכען זיי האבען געזאָלט ארויסריידען איז געבליבען שטעהן אין זיין האלז.

— דוא האָסט ארויסגערעדט א שרעקליכען וואָרט! — האט ער ענדליך געזאָגט. — דוא מיינסט דאָס איך בין דער מערדער?

— יאָ.

— ניין העדוויג, מיינע הענד זיינען ניט איינגעריכט אין בלוט. דעם גראף'ס מערדער איז איין אַנדערער.

— ווער?

— פערשטעהסט דוא ניט.

העדוויג האט זיך שנעל געענטפערט. זיא האט ניט געוואוסט ווער דער

מערדער איז, זיא האט עס ביינאה געוואוסט אויף זיכער, דאך האט זיא עס געוואלט הערען פון זיין מויל.

— רייד! — האט זיא ענדליך צו איהם געזאגט.

— דעם גראף'ס מערדער איז דיין פאטער!

העדוויג האט אראבגעלאזט איהר קאפ וועהרענד איהרע הענד זיינען באלד אראבגעפאלען מיט שוואכקייט. א שווערער זיפץ האט זיך פון איהר בוזים ארויסגעריסען.

— מיין פאטער? האט זיא געמורמעלט. — דאס האב איך געהאנט און דיינע ווערטער בעשטעטיגען מיר דאס איך האב קיין טעות. אבער וואס פאר א ראלע שפיעלסט דוא אין דעם פערברעכען. איך פאדער פון דיר דוא זאלסט מיר אלעס זאגען.

— אלעס קען איך דיר ניט ערצעהלען.

— דאן האסט דוא מיך קיין מאל ניט געליעבט.

— זיי ניט נאריש העדוויג, זיי ניט אונגערעכט. איך האב דיר שוין פריהער געזאגט, דאס איך בין פערשווארען, נור וואס איך קען דיר זאגען דאס וועל איך דיר מיטהיילען.

— דאן זאג.

אטטא האט אנגעפאנגען צו ערצעהלען. ער האט צו איהר גערעדט אין א שטילען טאן, זא דאס מען האט נאר קוים געקענט הערען.

ווען ער האט געענדיגט האט איהם העדוויג אנגעקוקט מיט א שארפען און פארשענדען בליק.

— האסט דוא מיר געזאגט אלעס וואס דוא דארפסט מיר זאגען!

— אלעס, איך קען דיר פערזיכערען דאס איך האב זעהר ווייניג פון דיר בע־האלטען, נור איינינע קליינע אומשטענדען האב איך געמוזט פערשווייגען, אבער דיא פאקטען אליין וויא דאס פערברעכען איז געשעהן האב איך דיר אין גאנצען ערצעהלט.

— האט מען דיר דערפאר בעלאהנט?

— יא.

— זא וואר דיין גאנצער ציעל אין דעם מארד נור דיין פערדינסט?

— ניט אין גאנצען.

ניט אין גאנצען האסט דוא געזאגט: איך האב דאס געדאכט, אפשר...

וואָס דוא האסט מיר געזאָגט איז שוין אויך גענוג אום צו פערקלאָגען דיך פאר מיין הערץ.—האסט דוא געדאכט דאס איין אונשולדיגער מוז דערביי ליידען?

— איך האב דאריבער געדאכט, אָבער מען האט מיך פערזיכערט דאס פראנץ שטאנד וועט באלד בעפרייט ווערען און זאָ האב איך עס געטהאָן.

— ווער האט עס דיר פערזיכערט? דער פערוואַלטער?

— ניין.

— ווער דען?

— דאס קען איך דיר ניט זאָגען.

— דוא האָסט מיר פריהער געזאָגט דאס דיא פערדינסט וואר ניט דיין גאנצע אבזיכט וואס וואר דיא אנדערע אבזיכט?

דער יונגער מאן האט יעצט געכאפט דאס מעדכען פאר'ן האנד, האט זיא צוגעצווינגען צו זיין ברוסט.

— מיין אבזיכט? דיא ליעבע צו דיר! איך האב געהאָפט דאס פאר דאס געלד וועל איך זיך קענען בעסער פערזאָרגען און וועל קענען בעטען דיין האנד.

— אָטטאָ, דוא רעדטסט פון ליעבע און דאך האסט דוא געקענט האנדלען אָהן מיין וויסען.

— פערצייע מיר העדוויג: ווען דוא וועסט גוט אורטהיילען וועסט דוא זעהן דאס איך האב אנדערש ניט געקענט האנדלען. עס וואָלט דאך פון מיר געוועזען וואהנזיניג איך זאָל זיך אליין פערקלאגען.

דיא גרעפין האט זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט און האט אָנגעפאנגען ארומצוגעהן איבער'ן צימער הין און צוריק.

— העדוויג! — האָט אָטטאָ אין א ליידענשאפטליכען טאָן געזאָגט. — דיא ווערסט אזוי זאָנדערבאר. איך האב מיט פריידע ערווארטעט דיעזע שטונדע, דען איך האב געהאָפט דאס הײַטע וועסט דוא מיר געבען דיין פערשפרעכען דאס פון יעצט אָן וועלען מיר זיך ניט שיידען.

— דוא האָסט אליין פעראורזאכט מיר זאָלען זיך שיידען.

— העדוויג וואס זאָגסט דוא?

— שטיל איך קען דיינע ניט ווערען. ווען דוא ביזט דער מערדער ניט געוועזען ביזט דוא דאך געוועזען אין איין בונד מיט'ן מערדער, און דער מאָרד אליין וואָלט פיעללייכט קיין מאָל ניט געשעהן ווען דוא וואָלסט דערצו ניט געהאָלפען, מיר מוזען זיך שיידען אָטטאָ; אין א שווערע שטונדע בין איך געוואָרען דיינע און יענע שטונדע וועט קיין מאָל ניט ארויס פון מיין געדעכטניס. איך וועל נאָך א מאָל דיך אויף דיר

עראינערען, איך וועל מיך עראינערען דאס עס וואר א מאָל א צייט ווען איך בין געווען גליקליך, און ווען דיעזער גליק וועט צו מיר נאך א מאָל ניט קומען, דאן וועל איך דענקען דאס וואר א טרוים.

אָטטאָ׳ס ברוסט האט זיך געהויבען שטאַרק ארוף און אראָפּ.

— הערוויג, הערוויג! — האט ער אויסגערופען און האט צו איהר אויסגע־שטרעקט זיינע הענד.

הערוויג האט אויף איהם געוואָרפען א בליק, ער וואר בלייך וויא א טויטער. אָבער זיא איז אויך ניט געווען פיעל לעבעדיגער, איהרע ליפּען האבען זיך קוים געריהרט אלס זיא האט צו איהם געזאָגט:

— לעבע וואָהל אָטטאָ.

זיא האָט זיך יעצט געווענדעט צום געהן, אָבער אָטטאָ איז איהר נאכגעלאָ־פען, האט זיא געכאַפּט פאר׳ן האנד. זיא האט זיך אָבער פון איהם אויסגעדרעהט און אין נעכסטען מאָמענט האט זיא פערלאָסען דעם פּאַוויליאָן.

זיא האט ניט געזעהן דיא געשטאַלט, וועלכע איז געשטאנען הינטער א בוים און האט נאך געקוקט וויא זיא איז אוועק צוריק אין הויז.

מיט פערצווייפעלטע אויגען האט אָטטאָ זיך ארומגעקוקט, ער האט ניט געגלויבט דאס עס איז מעגליך דאס זיין גליק, וועלכען ער האט געבוימט און געפלאַנצט איז יעצט צו פאַלען אין שטיקלעך.

ער האט ניט געקענט און ניט געוואָלט גלויבען דאס אלעס איז יעצט פאר־איבער. אָבער דאך, דיא טהיר האָט זיך געשלאָסען הינטער דאָס מעדכען, וועלכע ער האט נאך שטאַרקער געליבט אין דעם מאָמענט וואס זיא איז פון איהם פער־שוואונדען.

איין קליינער געשריי האט זיך ארויסגעריסען פון זיינע ליפּען, דאן איז ער וויא א וואהנזיניגער פון דאָרט אוועק.

— — — — — — — — — — — — —

אַלס הערוויג איז צוריקגעקומען אין איהר צימער, האט זיא זיך געוואָרפען אויף איהר וייכער זאָפא. זיא האט פערדעקט איהר געזיכט מיט ביידע הענד און האט געוויינט ביטערע טרעהרען.

קיינער האט ניט געזעהן איהרע טרעהרען און קיינער דארף אויך ניט וויסען וויא שווער זיא ליידעט פון איהר שיידונג מיט דעם מאַן וועלכען זיא האט אזוי שטאַרק געליבט.

איהר שמערץ וואר נאָך גרעסער דערמיט, וואָס זיא האט געוואוסט דאס זיא

האט געליבט א מאַן וועלכער וואר אונווירדיג געליבט צו ווערען, און דערצו האט זיא נאָך געפיהלט דאס זיא וועט איהם קיין מאָל ניט אויפהערען צו ליעבען.

זיא האָט אזוי געוויינט אומגעפעהר א גאנצע שטונדע איהרע טרעהרען האבען ניט געוואָלט אויפהערען צו פליסען.

אָבער פּלוצלינג איז זיא אויפגעשפּרונגען.

פון איהרע אויגען האט געבליצט א ווילדע ענטשלאָססענהייט, אין דיעזען מאָמענט האט זיא אָבגעבראָכען מיט איהר גאַנצער פערגאַנגענהייט. אזוי האָט זיא דאס אַם װעניגסטען געגלויבט.

— פּארביי! פּארביי! האבען איהרע ליפּען געמורמעלט. — איך האָב געזוי־גען פון דיא ליפּען פון איין אונווירדיגען מאַן, ביי וועמען דיא גאנצע ליעבע איז ניט מעהר וויא איינענליבע. ווער איז אונגליקליכער — האט זיא זיך ווייטער געפּ־ענט.— ער, פאר וועמען דיא זיעסע געהיימנים פון אמת׳ער ליעבע איז א בוך מיט זיעבען זיגלען, אָדער איך, וועלכע פערשטעהט דעם גאַנצען געפיהל פון ליעבע, און בין אין מיין געפיהל בעטראָגען געוואָרען?

הערדוויג איז נאָך געשטאַנען איינינע מינוטען גלייך וויא זיא וואָלט געוועזען פערזונקען אין א טרוים. איהר קערפּער האט ציטענוויים געציטערט וויא אין א קאנוואולסע.

פּלוצלונג איז זיא צוגעגאַנגען צום טהיר און האט א ציה געטהאָן דעם נאַכט גלאָק. אין איינינע מינוטען ארום איז געקומען איהר קאמער מעדכען. זיא וואר נאָך גאַנץ פערשלאָפען און האט זיך געריבען דיא אויגען.

— גנעדיגע גרעפין? — האט זיא געזאָגט.

— מאַך דיך פערטיג צו דער רייזע.

— איהר ווילט דאָך ניט רייזען הייטע נאַכט.

— איך וויל רייזען זאָגאר אין דיעזער שטונדע.

דיא קאמער־מעדכען האט ניט געוואָלט גלויבען, אָבער הערדוויג האט איהר באַלד איבערצייגט, אז זיא מיינט עס ערנסט.

— זאָל איך אייך בעגלייטען, גרעפין?

— יאָ; דוא פאָהרסט מיט מיר, מאַך דיך פערטיג.

— אָבער קיין זאַך איז דאָך ניט געפּאקט? — האט דיא קאָמער־מעדכען איינ־געווענדעט.

— דאס וועל איך שוין בעזאָרגען. פּאַק דוא איין אַלע דיינע נויטהיגע זאַכען, ווען עס וועט פעהלען וועלען מיר עס אויך דאָרט קענען קויפען.

— װעלען מיר אַ לאַנגע צייט דאָרט פֿערברענגען? — האָט דיא ניינערינע קאַמער־מעדכען אויסגעפֿרעגט.

— העכסט װאַהרשײנליך אויף אימער.

דיא קאַמער־דינערין איז געבליעבען שטעהן מיט אויסגעשטאַרטע אויגען.

— אויף אימער? — האָט זיא איבערגעפֿרעגט.

— נון, יאָ. מאַכט עס דיר דען עטװאָס אויס?

דיא קאַמער־מעדכען האָט אראָבגעלאָזען איהר קאָפּ.

— אהאָ! — האָט העדװיג געזאַגט, — דוא דענקסט יעצט פֿון דיין געליעבטען?

דיא קאַמער־מעדכען האָט גענייגט איהר קאָפּ.

— נון, ער װעט דאָך פֿון דיר ניט זיין אַזוי װייט?

— װאוהין װעלען מיר פֿאָהרען, גנעדיגע גרעפֿין?

— אין מיין װילעדזש, אין דעם באַירישען װאַלד.

יעצט איז דיא קאַמער־דינערין אַביסעל רוהיגער געװאָרען. זיא האָט זיך גענומען פּאַקען איהרע זאַכען. העדװיג איז אויך ניט געבליעבען ליידיג.

ביי דיעזער טהעטיגקייט, װעלכע האָט געמוזט געשעהן שנעל, האָבען זיך אַביסעל צערשטרייט העדװיגס געדאַנקען. זיא האָט געדאַכט פֿון אַלעס װאָס זיא דאַרף יעצט טהאָן און האָט זיך דארום אַביסעל פֿערגעסען פֿון איהר פֿערגאַנגענהייט און אַלס זיא איז שפּעטער געװאָרען פֿערטיג צו איהר רייזע און זיא איז געשטאַנען פֿאַר דעם שפּיעגעל, אום איהר בילד צו בעטראַכטען, האָבען איהרע ליפּען געמורמעלט:

— װאָס קלאַפּסט דוא אַזוי שטאַרק, דוא נאַרישע הערץ? זיי פֿאָרבערייט צו דיין צוקונפֿט, װייז זיך דאס דוא ביזט װירדיג דעם נאָמען קלעאָפּאַטרא.

דיא קאַמערדיענערין איז אריין און האָט געמעלדעט דאס אַלעס איז פֿערטיג און דער װאָגען שטעהט פֿאַר דער טהיר.

זיי האָבען זיך באַלד בעגעבען צום װאַגען, װעלכער האָט זיי צוגעפֿיהרט צום װאָגזאַל. דאָרט האָט העדװיג אַבגעשיקט אַ טעלעגראַמע צום דיענער װאַלטהער, װעלכער האָט שוין יעצט אין זיין װאַהנונג דעם אנטלאָפֿענעם און דעם פֿערװאַלטער פּאול ראַדאָװ.

35טעס קאפיטעל.

טייפעלשע פלענער.

אלס אָטטאָ האט פערלאָסען דעם פארק פון גראף׳ס פּאלאסט דורך דעם קליינעם הינטער טהיר האט ער ניט בעמערקט וויא א געשטאלט איז הינטער איהם נאכגעלאָפען.

ער וואר אין גאנצען פערצווייפעלט, זא דאס ער האט ניט געזעהן, וואָס עס טהוט זיך ארום איהם.

מיט ראשע שריט איז ער געלאָפען אלץ ווייטער און ווייטער.

דיא געשטאלט, וועלכע האט זיך פריהער צוגעהערט צו אלעם וואס קומט פאָר אין פּאוויליאָן, האט יעצט נאכגעיאָגט דיעזען אטטא מיט אזעלכע ראשע שריט, זאָ דאס דיא ענטפערנונג צווישען זיי איז אימער געוואָרען קלענער.

אלס דער יונגער מאן איז געקומען צו זיין היים און האט ארויסגענומען דעם שליסעל אום דיא טהיר צו עפענען האט א האנד בעריהרט זיין שולטער.

ערשטוינט האט אָטטאָ זיך צו איהם אומגעווענדעט.

מענצעל איז פאר איהם געשטאנען.

אָטטא איז אין ערסטען מאָמענט געווען אזוי איבערראשט דאס ער האט קיין וואָרט ניט געקענט ארויסריידען. זיין געשפרעך מיט העדוויג, און איהר ערקלערונג דאס אלעס איז אויס האט יעצט אזוי אנגעפילט זיינע געדאנקען דאס ער האט נאָר קיין אנדער זאך יעצט ניט געקענט דענקען.

ער האט קוים ערקענט ווער עס שטעהט פאר איהם.

— נון, וואס קוקט איהר מיך אזוי אָן? — האט מענצעל געפרעגט אין א שפּאָטישען טאָן. — ערשיין איך פיעללייכט פאר אייך אלס א גייסט פון יענער וועלט דאָן בעמיהט זיך און אונטערזוכט אויב איך בין פון פלייש און בלוט.

ביסלעכוויים איז אָטטא געקומען צו זיך.

— זייט איהר הערר מענצעל? איך בין ערסט געווען אזוי איבערראשט דאס איך האב ניט געוואוסט דאס....

— אה, איהר שיינט מיר צו זיין שטאַרק אויפגערעגט?

— דאס בין איך.

— און דאך האָב איך פאר אייך אזא ארבייט וועלכע פאָדערט איהר זאָלט זיין גאַנץ רוהיג, און דאס אייער זעעלע זאָל זיין אויף איהר ריכטיגען אָרט.

— איך גלויב דאס איך האב מיין אויפגאבע ערפילט און מיר שיינט דאס

איהר דארפט דערפון זיין חעכסט צופריעדען.

מענצעל האט גענייגט זיין קאפ. דאן האט ער געזאגט:

— היער קענען מיר גאר ניט ריידען. עפענט אויף דאס הויז און איך וועל געהן אין אייער צימער.

אָטטאָ וואר דערפון ניט צופריעדען.

ער וואר יעצט ניט אויפגעלעגט אום אויסצוהערען איין ערקלעהרונג אדער אויסצואַרבייטען נייע פלענער, אבער דאך האט ער נים געוואגט צו זיין געגען מענ־צעל'ס ווילען, דען ער האט זיך געפונען אין מענצעלס האנד, דערמיט וואס מענצעל מיט זיין גרויסען קאפיטאל האט געקענט בעסער געוועלטיגען אלס ער, מיט א פאאר טויזענד מארק.

ער האט דארום אויפגעשלאָסען דיא טהיר און האט מענצלען איינגעלאדען אריינצוגעהן צו זיך אין הויז.

אלסביידע זיינען אריין אין צימער און אטטא האט אנגעצונדען ליכט, האט זיך מענצעל געווארפען אין א שטוהל, און האט זיך גענומען פייפען א ליעדעלע.

— איך האב פאר אייך נייע ארבייט! — האט ער געזאָגט — נור בעפאר מיר וועלען דערפון ריידען פערלאנג איך צו הערען א בעריכט פון פראנץ שטאנד'ס בעפרייאונג.

אטטא האט דיעזע אויפפאדערונג ערפילט.

אלס אטטא האט דאס געענדיגט, האט מענצעל איהם בעטראכט מיט שארפע אויגען.

אָטטאָ איז געוואָרען צומישט, ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאָל דענקען פון מענצעל'ס בענעהמונג און אין איין ערשראָקענעם טאָן האט ער געזאָגט:

— וואס קוקט איהר אזוי?

— איך וויל וויסען ווארום איהר האט מיר נים ערצעהלט דיא גאנצע וואהרהייט?

אָטטאָ האט זיך ערשראָקען.

— איהר שווייגט מיין פריינד, האט מענצעל ווייטער געזאָגט, — און פון אייער שוויינען זעה איך דאס איהר האט א שלעכטען געוויסען, דארום פרעג איך אייך צום צווייטען מאל, ווארום האט איהר מיר דיא גאנצע וואהרהייט ניט ערצעהלט.

— איך וויים ניט וואס איהר מיינט.

— ווארום הערט איהר ניט אויף צו זאָגען ליגען. גלויבט איהר ווירקליך יונגער מאן דאס איהר קענט מיך נאררען?

— איך נארר אייך ניט.

— אזוי! קענט איהר דעם הויז־פערוואלטער פאול ראדאוו?

— איך קען איהם.

— וויים ער דאס פראנץ שטאנד איז אנטלאפען?

— געוויס.

— איהר האט עס איהם געזאגט?

— ער האט עס דאך געמוזט ערפאהרען, ער איז דאך אין הויז.

— זעהר ריכטיג, מיין פריינד, און איך וואלט מיט דיעזער ערקלעהרונג געווען צופריעדען ווען איך וואלט ניט געוואוסט עטוואס אנדערש. אבער פאול ראדאוו האט פון דאס אלעס געוואוסט אין דעם מאמענט וואס איך האב אייך דאס פאר־געשלאגען.

— הערר מענצעל!

— שטיל יונגער מאן. פאול ראדאוו האט אייך דיעזען אויפטראג געגעבען אין דער גרעפינ׳ס נאמען, און אום צו געווינען אייער געליבטער׳ס דאנק, האט איהר עס אונטערנומען. אבער איהר דארפט דאך מודה זיין דאס אהן מיין געלד, וואלט פראנץ שטאנד נאך הייטע געווען אין געפענגניס. ווארום האט איהר עס מיר ניט ערצעהלט? איך מוז אייך גאנץ ערנסט בעטען איהר זאלט פאר מיר קיינע געהיימניסע ניט האבען, זאנסט האבען מיר מעהר ניט וואס צו טהאן און וואס דאס קען פאר אייך בעדייטען דארפט איהר אליין פערשטעהן.

אטטא איז גאנץ צומישט געווארען. ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאל אויף דער רעדע ענטפערן. דערצו איז פאר איהם געווען א רעטעניש וויא אזוי מענצעל האט דאס אלעס ערפאהרען.

איז דאס מעגליך דאס מענצעל וויים דיא געהיימניסע וואס קיין לעבעדיגער מענש קען ניט וויסען? קיין אנדער געדאנק האט ער ניט געקענט האבען.—פון דער מעגליכקייט דאס מענצעל האט געהערט זיין געשפרעך אין העדווינס פאווילאן האט ער זיך גאר ניט געקענט פארשטעלען.

מענצעל האט איהם אויך ניט געלאזט צו לאנג דענקען. ער האט זיך באלד אבגערופען:

— איהר וועט דאך ניט וואגען צו לייקענען, וואס איך וויים אויף זיכער. אייער מיהע וואלט אויך געווען גאנץ אומזיסט. איהר דארפט זיך יעצט אליין איבערצייגען פיר דיא צוקונפט דאס עס איז פון אייך נארריש און אויך אומזיסט צו וועלען מיך

גערערן. איך רעכען דאס איהר האט עס מיר פערשוויגען ווייל איהר האט גערעכענט דאס איך דארף עס ניט וויסען, נון וויל איך אייך איין מאָל פאר אלע מאל ער־קלעהרען, דאס איהר מוזט מיר אלעס מיטטהיילען, וואס איהר טהוט אָדער האנדעלט וועגען דעם גראף׳ס פאמיליע, פראנץ שטאנד אָדער מרים. איהר זייט פריהער געווען שטארק אויפגערעגט, וואס איז דיא אורזאכע דערפון?

— אָטטאָ האט אייניגע מאָל טיעף אויפגעאטהעמט. ער האט געעפענט דעם מויל אום צו שפרעכען, אָבער איהם האט געשיינט דאס זיינע קרעפטען האָבען זיך פון איהם ענטזאגט, און דאס ער קען מעהר קיין וואָרט ניט ריידען.

— מיר שיינט, דאס איהר זאָרגט זיך פאר אייער ליעבע. נון, איך וויל אייך זאָגען דאס איהר דארפט ניט צו שטארק צווייפלען, ווען הערוויג האט אייך הייטע געגעבען דעם „דרך“, איבער א יאָהר ווערט איהר זיא געוויס האבען, נאטירליך ווען איהר ווערט אלעס טהאָן וואס איך וועל פון אייך פאָדערען.

— וואָס פאָדערט איהר?

— הייטע פאָדער איך ווענינ, אָבער מען קען ניט וויסען וואס דיא צוקונפט קען ברייננען. ווער עס זאָגט א, מוז אויך זאגען ב. דענקט אימער פון דיעזען שפריכוואָרט, ווען אייך קומט אין דיא געדאנקען אויפצולעזען אייער געשעפט מיט מיר.

אָטטאָ איז פון דיעזע ווערטער גאנץ איינגעשראָקען געוואָרען, עס האט איהם געשיינט גלייך וויא מענצעל האט פון איהם צוגענומען זיין גאנצען ווילען.

— נון, הערט מיך אויס, הערר אָטטאָ באָלצע. איך וויל אייך יעצט אויפגע־בען א קליינע קאָמעדיע. מיט אייערע גלענצענדע פעהיגקייטען ווערט אייך געוויס ניט שווער זיין צו געווינען מיין צופריעדענהייט.

— א קאָמעדיע? וואס פאר א ראָלע איז דאס? — האט אָטטאָ געפרעגט מיט איין אונזיכערער שטימע.

— דאָס וויל איך אייך יעצט זאָגען. זעצט זיך נור נעבען מיר און נעהמט אריין יעדען וואָרט אין אייער קאָפּ.

אָטטאָ האט צוגעשטעלט א שטוהל נעבען מענצלען און האט זיך נעבען איהם געזעצט.

דאן האט מענצעל צו איהם א היבשע ווייל געשפּראָכען.

אָבוואהל אָטטאָ האט פערשטאנען יעדען וואָרט, און עס וואר פאר איהם גאנץ קלאָהר וואָס מענצעל האט פון איהם געפאָדערט, דאך איז אלעס פאר איהם ערשינען וויא א טרוים.

— נון, — האט מענצעל געפרעגט נאכדעם וויא ער האט געענדיגט — וואס זאגט איהר דערצו?

— עס איז ניט לייכט.

— דאס זאגט איהר אימער. דאך אלעס וואס מען האט אייך ביז יעצט אויפגעגעבען האט איהר גאנץ לייכט אויסגעפיהרט. יעדענפאלס ריזיקירט איהר יעצט מיט קיין זאך, דען זאגאר ווען דיא קאמעדיע זאל ניט געלינגען וועט עס אייך אויך ניט שאדען, איך האף אבער דאס איהר האט גענוג טאלאנט אלעס אויעצופיהרען וויא איך וויל.

— איך וועל עס טהאן.

— האנדעלט נור אין אייער אינטערעסע. היער איז דיא אדרעסע, אלעס אנדערע לאז איך איבער פאר אייך. איהר האט דאך מיך פאלשטענדיג פערשטאנען?

— יא, — האט אטטא געענטפערט — דאך ערלויבט מיר זיך צו איבערלעגען. ווען ריא קאמעדיע זאל זאגאר געלינגען, וואס טהוט מען דאן?

— דאן שפיעלט מען דיא קאמעדיע ווייטער.

— און עס קען געשעהן וואס עס וויל?

— נאטירליך, - האט מענצעל געזאגט — דאס הייסט איהר דארפט קיין זאך ניט טהאן מיט גוואלד.

— איך פערשטעה יעצט אלעס. ווען ערווארטעט איהר א בעריכט?

— צוערשט דארפט איהר מיר גאר ניט שרייבען. איהר דארפט בלייבען אויף אייער ארט, ביז איהר וועט ערהאלטען נייע אינסטרוקציאנען.

נאך דיעזע ווערטער האט זיך מענצעל אויפגעהויבען.

— איהר ווייסט אלעס וואס איהר דארפט ויסען, גוטע נאכט.

אטטא האט איהם בעגלייט ביז צום טהיר און מענצעל האט זיך זאפארט בעגעבען צום באהן.

עס וואר האלבע נאכט. אום דיעזער צייט האבען נאך צוויי קוריער־ציגע בעדארפט מינכען פערלאסען. איינער איז געגאנגען נאך אויסבורג־שטוטגארט און דער צווייטער נאך רעגענסבורג־האף.

אלס מענצעל איז אנגעקומען אין וואגזאל האט ער פלוצלינג דערזעהן דיא גרעפין העדוויג פאן מעהרען און האט געהערט, וויא זיא האט געזאגט צו איהר קאמער־מעדכען:

— אלבינע, קויף צוויי בילעטען פון צווייטער קלאסע נאך רעגענסבורג.

אויף מענצעלס ליפען האט זיך בעוויזען א שמייכעל.

— צום טייפעל, דאס ווערט גאנץ אינטערעסאנט. דער אנטלאָפענער און דיא גרעפין וועלען זיך געפינען אין איין קליינעם הויף, און דאָס קען ברענגען אזא פלאָנטער, וועלכער קען זעהר גוט ניטצען פאר מיין אונטערנעהמונג.

ער האט נאך געזעהן וויא אלבינע און הערוויג זיינען בעשטיגען דעם קוריער צוג. אביסעל שפעטער איז ער אויך אָבגעפאָהרען.

אלס ער איז אָנגעקומען צו זיין וואָהנונג אין אויסבורג האט ער אין זיין בריעף קאסטען געפונען א בריעף.

— נון, ווער קען דאָ צו מיר שרייבען? — האט מענצעל צו זיך געמורמעלט און האט האסטיג ארויסגענומען דעם בריעף, וועלכער וואר געזיעגעלט פון דער בערלינער פאָסט.

— פאָן מאקס! — האט ער צו זיך אליין געזאָגט אלס ער האט דעם בריעף געעפענט — וואָס קען ער מיר שרייבען?

מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט האט מענצעל דעם בריעף דורכגעלעזען.

— צום טייפעל, — האט ער מיט פריידע געזאָגט — דיעזע נאכריכט איז העכסט וויכטיג. אָה, איך מוז אליין פאָהרען נאך בערלין. צום טייפעל האָט זיך געמאכט גראדע אין א שלעכטער צייט, אָבער עס העלפט ניט, דיעזע שטיקעל ארבייט קען איך קיינעם ניט פערטרויען. איך האב יעצט דיא איינציגע געלעגענהייט צו בעקומען דיא נויטהיגסטע פאפירען, וועלכע פעהלט נאך צו מיינע בעווייזע.

איינינע שטונדען שפעטער האט זיך מענצעל געפונען אויפ'ן וועג נאך בערלין.

אלס מענצעל איז געזעסען בעקוועם אין דעם וויכען שטוהל פון רייכען וואגאָן אין קוריער־צוג האט ער מאקס בריעף נאך אמאָל געלעזען.

דער בריעף האט אזוי געלויטעט:

„געעהרטער העררי!

„איך טהייל אייך מיט דאס פרוי מענצעל איז ערשט געשטאָרבען. דא איז געשטאָרבען פלוצלינג אין געפענגניס, וואו זיא האט איהר זאהן בעזוכט. איך ערווארט אייער אנטוואָרט אָדער אייך אליין אין וויין־לאָקאַל, וואו איהר זאָלט נאָכפרעגען אויף דער „אייזערנער האנד“.

מאקס“.

— קורץ און שארף! — האט מענצעל צו זיך געמורמעלט — עס איז זעהר גוט וואָס ער האט מיר דעריבער געשריבען, עס וועט זאגאר זיין שווער, אָבער מיר וועלען זעהן וואָס מיר קענען דאָ מאכען.

נעגען אבענד איז דער צוג אנגעקומען אין בערלין. מענצעל איז זעהר שנעל ארויס פון זיין וואגאָן.

ער האט יעצט געטראָגען א באָרד און האט ווידער אויסגעזעהן וויא דער אמעריקאנער, וועלכער האט אונטער דעם נאמען מיסטער וועלער, געוואהנט אין האָטעל וואשינגטאָן.

דער לעזער קען יעצט לייכט פערשטעהן דאס דער אמעריקאנער מיסטער וועלער און מענצעל איז איין פערזאָן. מענצעל האט עס זיך אויך דאמאָלס פערקליידעט אין דיעזער באָרד און האט זיך גערופען מיסטער וועלער אוים אמעריקא.

וויא ער איז ארויף אויפ'ן פלאטפאָרמע האט ער צוגערופען א דראָשקע.

— וואוהין מיין העדר? — האט דער קוטשער געפרעגט.

— צום האָטעל וואשינגטאָן.

מענצעל איז אריין אין דראָשקע. אלס ער איז געקומען צום האָטעל איז דער קלערק איהם געקומען ענטגעגען.

— אָה, מיסטער וועלער! — האט ער געזאָגט און האט זיך א דוצענד מאָל פערנייגט — ווידער אין בערלין? גוטען אבענד, טויזענד מאָל גוטען אבענד.

— איז דא יעמאנד געוועזען?

— וואָס האט אויף אייך געפרעגט?

— יא.

— ניין. קיינער.

— קיין יונגער מאַן?

— ניין, איך וויים נים.

— זיינען מיינע צימערען אין אָרדנונג?

— צו דיענען מיין העדר, צו דיענען, אלעס איז אין אָרדנונג, מיין העדר לאָזט קיין זאך דאָרט נים פעהלען. ווינשט איהר צו שפייזען אויבען?

— ניין, איך געה יעצט ווידער אוועק, הייסט נור ארויפטראָגען מיין קופערט, גוטע נאכט.

מענצעל האט ווידער גענומען דיעזעלבע דראָשקע און איז אָבגעפאָהרען צום שענק-הויז, וואו מיר האָבען איהם שוין אמאָל געזעהן צוזאמען מיט מאקס'ן, דער געליעבטער פון דער אונגארישער מיידעל מיט'ן נאָמען טאָני.

מענצעל האט זיך יעצט ארומגעקוקט אין אלע זייטען אָבער ער האט מאקס'ן נים געקענט געפינען.

מיט מיהע האט ער זיך דורכגעשפּארט דורך דיא געסט און בעזוכער, וועלכע זיינען געזעסען איינע נעבען דיא אַנדערע ביי זייערע טישלאך און האט עררייכט דעם דיקען ווירטה, וועלכער איז געשטאַנען ביי'ן בופעט.

— נאַ, מעניקען, וואס גיט עס נייעס ?

— איז דאָ געוועזן דיא אייזערנע האַנד ?

— דיא אייזערנע האַנד? יאַ, יאַ, זיא איז דא געוועזן.

— ווען ?

— צוריק מיט צוויי שטונדען.

— קומט זיא ווידער ?

— דאס ווייס איך ניט.

— וואָרום זאגט איהר ניט דיא וואַרהייט ?

— ווער זייט איהר דען ?

— איך בין אַ פריינד פון דיא אייזערנע האנד !

— ווער גלויבט עס אייך !

— וואָלט איך דען געוואוסט דיעזען נאָמען ?

— דאָס איז ביי מיר קיין צייכען, — האט דער ווירטה ערקלעהרט — קענט איהר קיין בעסערען בעוויז ניט געבען ?

— דאַן וועל איך מוזען וואַרטען ביז ער וועט קומען.

דער שענקער האט זיך צולאכט.

— איהר קענט גענוג לאַנג ווארטען. זאָגט מיר נור, איהר קומט פון אויס־בורג ?

— יאַ, — האט מענצעל געענטפערט און וואר ערשטוינט איבער דיעזער פראַגע.

— איז עס וועגען מענצעל'ס אנגעלעגענהייט ? — האט דער ווירטה געפרעגט מיט חיטרע בליקען.

— צום טייפעל, יאַ ?

— דאַן זייט איהר דער ריכטיגער מאַן.

— געוויס בין איך עס, וואו איז דיא אייזערנע האַנד ?

— היער.

— איך זעה איהם דאך נים.

— קומט מיט מיר.

— וואוהין ?

— אין קעלער.

— קען איך מיט איהם ניט דאָ ריידען?

— ניין.

— וואָרום ניט?

— ער ווערט פערפאַקנט.

— פאַר וואָס?

— הם. איך גלויב פאַר א גנבה. ער זאָגט אָבער דאס ער איז אונשולדיג און ער בעהאַלט זיך, ווייל ער האט וויכטיגע זאַכען אין וועלכע ער וויל ניט געשטערט ווערען.

— דאַן פיהרט מיך צו איהם.

דער געשפרעך איז געפיהרט געוואָרען אין א לייזען טאָן, זא דאס קיינער האט עס ניט געהערט.

דער ווירטה האט יעצט אריינגעפיהרט דעם גאַסט אין א זייטיגען צימער, פון צימער אין קאָרידאָר און פון קאָרידאָר צו דיא טרעפּ פון קעלער.

— דאָ איז דאך פינסטער? — האט מענצעל געזאָגט.

— עס וועט באַלד ווערען ליכטיג.

ביידע האבען יעצט געטאַפּט אין דער פינסטער. באַלד האט מענצעל בעמערקט, וויא דער ווירטה עפענט איין טהיר און דאַן א צווייטע טהיר און א ליכט האט גענומען שיינען.

— קומט אריין.

פאַרזיכטיג איז מענצעל צוגינגאַנגען. ער האט זיך דערזעהן אין איין ענגען קעלער, וואו עס האבען זיך געפונען קאַסטענס און פעסער.

אויף איינעם פון דיעזע פעסער איז געזעסען מאַקס און ביין שיין פון א לאַנטערנע האט ער זיך געמאַכט נאָטיצען אויף א פּאַפּיר.

— נון? — האט דער ווירטה געפרעגט - איז דאָס דער ריכטיגער?

— יאָ.

דער ווירטה איז אוועקגעגאַנגען.

מענצעל האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו דיא שריט פון דעם ווירטה, און ערסט נאָכדעם ווען ער איז געווען גאַנץ זיכער דאס דער ווירטה איז אוועק האט ער דעם יונגען מאַן בעגריסט.

— האט איהר מיך ערוואַרטעט? — האָט ער געפרעגט.

— גאַנץ געוויס.

— וואָרום ?

— ווייל איך האב געגלויבט דאס פאר אייך איז זעהר וויכטיג פרוי מענצעל'ס טוידט. דען נאכדעם וויא איך האב פון אייך ערהאלטען דעם בריעף אין וועלכען איהר שרייבט מיך איך זאָל זיצען אין בערלין, אום איך זאָל אכטונג געבען אויף אלעס וואָס מיט דיא מענצעל'ס וועט פאסירען, האב איך פערשטאנען דאָס איהר זייט גאנץ בעזאָנדערס פעראינטערעסירט אין זייער לעבען און שטארבען.

מענצעל איז געוואָרען איבערראשט. מאקס האט געשפראָכען זעהר פער־דעבטיג.

— ווארום האט איהר דען גערעכענט, דאס דיעזער טוידט איז פאָר מיר אזוי וויכטיג ?

— נון, איך האב עס גערעכענט, נאך דעם אויפטראג, וועלכען איך האב פון אייך ערהאלטען, יעצט זעה איך דאס מיין רעכענונג איז ריכטיג.

— ווען איז דיא פרוי געשטאָרבען ?

— פאָרגעסטערן.

— אין געפענגניס ?

— יא.

— געפינט זיא זיך אויפ'ן בית עולם ?

— יא.

— איז איהר וואהנונג פערזיגעלט פון געריכט ?

— דאס וויים איך ניט. אָבער איך רעכען, אז עס איז אזוי.

— קענט איהר זיך דערפון ניט איבערצייגען ?

— ניין.

— איך רעכען, אז איהר פערקעהרט נאך מיט טאָני'ן ?

— איך בין ענטשלאָסען צו מאכען איין ענדע.

— איהר האט אָבער דאך נאך צייט ?

— טאָני איז צו מיר ניט גענוג איבערגעבען. איך האב מורא, אז זיא קען מיך פערראטהען.

— דאס גלויב איך ניט. וויא איהר האט מיר אייער מיידעל געשילדערט און וויא איך אליין האב זיא געזעהן, האט זיא אייך צופיעל ליעב. פערקעהרט, ווען איהר ווילט מיט איהר מאכען איין ענדע, וואָלט איך אייך געראטהען איהר זאָכט מיט איהר האנדלען קלוג און איהר זאָלט זיך ביסלעכוויים פון איהר צוריקציהען.

מאקס האט זיך א ווײלע איבערלעגט. ענדליך האט ער געזאגט:

— וואס זאל איך טהאן?

— איהר דארפט אײער געליעבטע נאך הײטע בעזוכען.

— עס איז שוין צו שפעט.

מענצעל האט ארויסגענומען זײן גאלדענע אוהר.

— עס איז נאך פאר נײן. ווען איהר זאלט זיך אביסעל הײלען קומט איהר נאך אײדער די טהיר איז געשלאסען. בעזוכט אײער טאני, איך האף דאס איהר קענט ערפאהרען עטוואס וויכטיגעס.

— גוט איך וועל געהן. וואו וועט איהר מיך ערווארטען?

— היער.

בײדע זײנען יעצט צוריק ארויס פון קעלער, און וועהרענד מאקס איז ארויס פון הויזטהיר, איז מענצעל צוריק אריין אין שענק-הויז.

עס זײנען פערגאנגען צוויי שטונדען ביז דער ווירטה האט איהם געגעבען א צײכען דאס מאקס געפינט זיך ווידער אין קעלער.

— נון? — האט מענצעל געפרעגט.

— איך האב ניט פיעל ערפאהרען. איך האב שוין פריהער גערעכענט, אז דאס הויז איז פערזיעגעלט.

— איז ניט מעגליך געוועזען ארײנצוגעהן אין הויז?

— נײן, עס איז גאנץ אונמעגליך. טאני האט אויך געמוזט אבגעבען דעם שליסעל.

— איך האב גערעכענט דאס איהר זײט א געשיקטער שלאסער?

— דאס איז ריכטיג, אבער איך קען דאך ניט נאכמאכען דעם זיעגעל פון געריכט.

— און דאך מוזען מיר אריין אין יענעם הויז.

— דאס איז שווער. איך רעכען, אז דאס איז גאנץ אונמעגליך.

— אך וואס, פאר אונז איז גאר קײן זאך ניט אונמעגליך. עס דארף אויך ניט געבען אונמעגליכעס. האט איהר מוטה?

— איך רעכען.

— ווילט איהר פערדיענען פינף הונדערט מארק עקסטרא?

— געוויס. נור וואס זאל איך דערפאר טהאן.

— מיך בעגלײטען.

— וואוהין?

— אין דעם הויז, וואו דיא אלטע מענצעל האט געוואהנט.

— מיר קענען אבער אהין ניט אריינגעהן.

— מיר מוזען אויפברעכען דעם שלאס מיט גוואלד.

— דאן טהוט עס אליין. פאר פינף הונדערט מארק פערקויף איך ניט מיין פרייהייט.

— און איך זאג אייך, דאס איהר מוזט מיט מיר געהן!

— דאן ניט מיר טויזענד מארק.

— גוט, איך וועל עס אייך געבען. אום איינס אוהר וועלען מיר זיך אהין בעגעבען.

מענצעל האט זיך א ווייל פערטראכט, דאן האט ער פלוצלינג געזאגט:

— איך האב מיך יעצט ערינערט פון דער בעשרייבונג, וואס איהר האט מיר אמאל געגעבען פון מענצעל'ס וואהנונג און פון אייער געליבטעס צימער.

— נו, איז וואס?

— אויב איך געדענק ריכטיג, דאן געפינט זיך א טהיר פון טאני'ס צימער אין מענצעל'ס הויז.

— יא, יא, דאס איז ריכטיג.

— ווען איהר הייטע נאך זעהן אייער געליעבטע?

— ווען איך וויל קען איך זיא נאך זעהן.

— האט איהר דעם שליסעל?

מאקס האט געלאכט.

— איך האב איהר פערשפראכען צו מאכען א וויזיט און זיא האט מיר געגעבען דעם הויז-שליסעל.

— דאס איז וואונדערבאר! בעזוכט הייטע אייער געליעבטע און איהר האט קיין זאך ניט צו טהאן אויסער צו זעהן דאס איך זאל אויך קענען אריינגעהן אין טאני'ס צימער.

— דאס וועט זיין שווער.

— ווען מיר וועלען גוט אנדרעהען וועט אלעס געהן, וויא אויף רעדער. געהן מיר נור פארווערטס, ניט געצעגערט.

— — — — — — — — — — — — — —

באלד נאכדעם האבען זיך ביידע מענער בעגעבען אויף זייער אונטערנעהמונג.

ארטהור מענצעל איז געוועזען אויפגערעגט, און זיין אויפרעגונג איז געשטיגען אלס מעהר, ווען ער איז געקומען נעהענטער צו מענצעל'ס וואהנונג.

— יעצט זיינען מיר ביי'ן הויז, — האט מאקס געזאגט און איז געבליעבען שטעהן.

— זא שליסט אויף!

— ווילט איהר ווירקליך אריינגעהן?

— נאטירליך.

— בעדענקט דאס עס איז א גרויסע ריזיקע.

— עס מוז אזוי זיין.

— מיין געליעבטע וועט ווערען פערדעכטיג.

— זיא דארף עס ניט וויסען.

— וויא זאל איך עס איהר פערלייקענען? וואס מעהר איך דענק דעריבער אלץ מעהר קום איך צום בעשלוס, דאס עס וועט שווער זיין אריינצופיהרען אייך אין איהר צימער און זיא זאל עס ניט בעמערקען.

— ווייל איהר זייט אן אידיאט.

— איך ווייס ווירקליך ניט וויא אזוי איך זאל דאס מאכען, — האט מאקס געזאגט.

— איך וועל אייך זאגען.

— נון.

מענצעל האט שוין געוואלט זאגען, אבער פלוצלינג האט ער זיך ארומגעקוקט מיט שרעק.

— שטיל, — האט ער געמורמעלט.

— וואס איז געשעהן?

— דיא פאליציי קומט.

— פערדאמט!

— מיר מוזען יעצט ווייטער געהן, קומט.

פיער פאליציסטען האבען זיך ווירקליך בעוויזען. זיי זיינען געגאנגען מיט שנעלע טריט.

מענצעל און מאקס זיינען אוועק ווייטער און האבען זיך געפלוידערט גאנץ געוועהנליכע זאכען. דאך האט געקלאפט זייער הארץ, אלס זיי האבען געהערט דיא פאליציי הינטער זיך.

דיא פאליציי לייטע זיינען פאראיבערגעגאנגען. דיא בעאמטע האבען פון געוואהנהייט וועגען, אנגעקוקט דיא צוויי מענער מיט פארשענדע אויגען.

מאַקס און מענצעל האבען געמאַכט אַ גאַנץ גלייכגילטיגע מינע און זיינען ווייטער אוועק.

אלס דיא פּאָליציסטען זיינען אריין אין דער נעכסטער שטראַסע, האט זיך מענצעל געוואלט אומקעהרען.

מאַקס האט איהם צוריקגעהאלטען.

— נאָך ניט! — האט ער צו מענצלען געזאָגט.

— ווארום ניט?

— דיא פּאָליציסטען קענען זיך ווידער אומקעהרען. מיר וועלען ווייטער געהן ביז מיר וועלען וויסען דאס מען יאָגט אונז ניט נאָך.

מאַקס האט עס געזאָגט מיט שרעק. ער האט געפירכטעט דאס ער ווערט יעצט ווירקליך געזוכט

— איהר זייט אַ נארר! — האט מענצעל געזאָגט.

— איך וויל זיין פאָרזיכטיג.

אלס דיא צוויי האבען זיך איבערצייגט דאס דיא פּאָליציסטען זיינען ווירקליך אוועק האבען זיי זיך יעצט צוריק אומגעקעהרט.

— יעצט וועל איך אייך זאָגען, וויא מיר וועלען עס מאַכען. עס איז זעהר איינפאַך, הערט מיר נור אויס.

מענצעל האט יעצט געשפּראָכען אַ היבשע ווײַלע מיט זיין בעגלייטער און מאַקס האט געניינט מיט'ן קאָפּ, וויא ער שטימט צו.

— וואו ווארט איהר?

— אין דעם נעכסטען שענק.

— דאָרט וועט איהר מיך ווידער ערווארטען?

— גאַנץ געוויס.

מאַקס איז אוועק אליין צו זיין געליעבטע, וועהרענד מענצעל האט זיך בעגע-בען צום שענק.

אַ האלבע שטונדע שפּעטער איז מאַקס אהין אריין.

— איהר האט זיך גאַנץ לאַנג פערזאמט! האט איהר דעם שליסעל?

— היער.

— גוט, אין צוויי שטונדען בין איך ווידער דאָ. מאַכט עס אזוי דאס איך זאָל ניט דארפען ווארטען.

דער קורצער געשפּרעך איז נאַטירליך געווען אין אַ גאַנץ שטילען טאָן. מאַקס האט אין דער שטיל אונטערגערוקט צו מענצלען דעם שליסעל פון טאָני'ס הויז-טהיר

און איז באַלד ארויס צוריק צו זיין געליעבטע, וועלבע איז געשטאַנען אין דרויסען און האט אויף איהם געוואַרט. מאַקס האט איהר ערצעהלט, דאס ער איז אריין טרינקען א גלאַז ביער און זיא האט עס איהם געגלויבט.

מענצעל האט טריאומפירט.

נאכדעם וויא ער האט אויסגעטרונקען נאך א פּאַר גלאַז ביער, האט ער אויך פערלאַסען דעם שענק. באַלד איז ער געקומען צו מענצעלס וואָהנונג און אין אייניגע מינוטען שפּעטער איז ער געווען אין טאַני'ס צימער.

זיין ערסטער בליק איז געפאַלען אויפ'ן קליידער־שראַנק. ער האט דעם שראַנק באַלד אָבגערוקט און האט דאָרט דערזעהן א טהיר, אין וועלכער האט געשטעקט א שליסעל. דאס וואר פאר איהם א פריידע. ער האט יעצט געקענט אריינגעהן אין דער פערזיגעלטער הויז, אָהנע דאָס יעמאַנד זאָל דאס שפּעטער בעמערקען.

36טעם קאַפּיטעל.

אַ ד אַ.

דיא באַראָנין אדא פאָן ערלען האט זיך ניט צו שטארק געקענט פרעהען מיט איהר גליק. זיא האט אַלעס געטהאַן אום דיעזע הויכע שטופע אין דער געזעלשאַפט צו ערלייכען, זיא האט זיך זאָגאַר ניט צוריקגעהאַלטען פון צו בעגעהן א פערברעכען וויא צו הייראַטהען א מאַן, ווערהרענד זיא איז ניט געשיעדען פון צווייטען. זיא האט זיך זאָגאַר ניט צוריקגעהאַלטען צו בעגעהן א מאָרד אויף איהר ערסטען מאַן. דאס אַלעס האט זיא אבער שוין געזוכט צו פעררינכטען און צו פערגעסערען.

אָבער נייע צרות זיינען געקומען און זיא האט אַלץ ניט געקענט געווינען רוהע פאר איהר הערץ.

דיא ליעבע צווישען איהר ערסטען מאַן אַרנאָלד, מיט דער גרעפין ערנא האט זיא שטאַרק פערוואונדעט, דען דיעזע אנגעלעגענהייט וואר א פערוויקעלטע און א געפעהרליכע. זיא האט געוואוסט, דאס ווען איהר מאַן וועט הייראַטהען זיין געליבטע וועט זיא איהם האבען אין איהר האנד, דערמיט וואס ער וועט אויף בעגעהן דעם זעלבען פערברעכען, וואס זיא איז בעגאַנגען, אָבער פון צווייטען זייט וואר עס פאַל מיט געפאַהר און שמערצען און נאך איידער זיא האט געוואוסט, וויא דיעזעס איינ־צואָרדנען, איז שוין ערשיענען א נייער מאַן, וועלכער האט זיך אריינגעמישט אין איהר גליק. דיעזער מאַן איז דער פאַבריקאַנט געאָרג אָפּענהיימער.

אין יענעם טאָג, ווען ער איז צום ערשטען מאל ערשיענען און האט איהר בעקאַנט געמאַכט זיין פערלאַנגען, האט ער זיך ניט זעהר לאַנג אויפגעהאַלטען אין

אין שלאָס, דען אזוי שנעל וויא דער באראָן איז געקומען האט אפּענהיימער מיט איהם געשפּראָכען פון דעם וואלד און איז באלד אוועקגעפאָהרען. אָבער צוויי טעג שפּעטער, אלס אדאַ האט געמאכט איהר געוועהנליכען שפּאַציער־רייזע, איז פלוצלינג געקומען א בעטלער אויפ׳ן וועג און האט פון איהר געבעטען א געשאנק.

אין דעם גאנצען אויסזעהן פון דיעזען בעטלער איז געלעגען עטוואָס זאָנדערבארעס, עטוואָס וואָס האט אויף איהר געוואָרפען א געהיימע פורכט.

זיא האָט געעפענט איהר געלד־טאַש, האט ארויסגענומען א גאָלד־שטיק און האט עס געגעבען דעם בעטלער. אָבער אין דעם מאָמענט וואָס זיא האט איהם געגעבען איהר געשאנק, האט ער אריינגערוקט א בריעף אין איהר האנד. דער בעטלער האט זיך צוריק ענטפערנט דאנקענדיג, אָבער אדאַ איז געוואָרען אזוי אויפגערעגט דאס זיא האט געהייסען איהר קוטשער ער זאָל וואס שנעלער אָבפאָהרען פון דיעזען פלאַץ.

— וואס זאָל דאס בעדייטען, — האט זיא צו זיך געמורמעלט און האט דעם בריעף צוגעדריקט אין איהר האנד אָהנע צו געבען אויף איהם איין קוק — נייע געהיימניסע, נייע אינטריגען, נייע פיינדע. זאָל איך שוין קיין מאָל ניט קענען לעבען רוהיג? איז דער ציעל נאך וועלכען איך האב געשטרעבט, ווערטה געוועזן דיא ליידען וואס איך האב נאך אויסצושטעהן?

אדאַ האט זיך אנגעלעהנט צום קיסען פון איהר וואָגען און האט געשלאָסען דיא אויגען, גלייך וויא זיא וואָלט איהר גייסט געוואָלט לאָזען איינשלאָפען.

איהר שפּאַציער־רייזע איז געוועזן איבער א שאָסעע, וועלכער איז רעכטס און לינקס געוועזן בעפלאנצט מיט קאסטאניען־ביימער.

איבעראל וואַרען געלבע בלעטער.

— הערבסט! הערבסט! — האט אדאַ צו זיך אליין געמורמעלט — און איך וויל יעצט אָנפאנגען א נייען לעבען, א נייען פריהלינג! עס שיינט אָבער, אז מיין זאמער און מיינע פרוכט, זיינען אויך אוועק. הערבסט, הערבסט, דאס איז מיין צייט!

אדאַ האט געשוידערט. זיא האט זיך פעסטער איינגעוויקעלט אין איהר אַטלעסענעם מאנטעל, גלייך וויא א פראָסט וואָלט דורכגעלאָפען איהר קערפּער.

דער וואָגען האט יעצט ערדייכט א פונקט, וואו דער שפּאַציער פלעגט זיך יעדען טאָג ענדיגען. דער קוטשער האט זיך דא געוואָלט אומקעהרען.

— פאָהרט ווייטער! — האט אדאַ בעפאָהלען.

— ביז וואַנען גנעדיגע באראָנין?

— איז דען דא נאָהענט ניטאָ איין אמוזירונגס אָרט?

— יא גנעדיגע פרוי. צוויי שטונדען פון דאנען געפינט זיך א הויכער טהורם.

— וויא איז דער וועג צום טהורם.

— א שטיק מיט דעם שאָסעע און דאן איז א וועג דורך'ן וואלד.

אדא האט בעפאָהלען אהין צו פאָהרען.

יעצט האט זיא געעפענט דעם בריעף און האט איהם געלעזען.

ער האָט פאָלגענדעס ענטהאלטען:

— „גנעדיגע פרוי באראָנין. מיין אונגעדולד אייך צו זעהן איז אָהן א גרענעץ. איך בעט אייך פערגעסט דיא בעלײדיגענדע ווערטער, וועלכע איך האב אויסגע־שפּראָכען אין מיין אויפ־רעגונג, און איהר זאָלט נעהמען אין זינען, דאס איך בעט פון גאנצען הארצען אייער ליעבע און אייער פריינדשאפט. איך וויל אייך אויך פערזיכערן דאס איך וועל ניט אויפהערען צו בעטען ביז מיין וואונש וועט ערפילט ווערען.

נעאָרג אָפּענהיימער".

מערקווירדיג, דער צאָרן וועלכער האט פריהער אָנגעפילט איהר גאנצע הערץ איז פלוצלינג פערשוואונדען. זיא האט געקוקט און געקוקט אויף דער שעהנער האנד־שריפט, און אָבוואָהל זיא האָט געגען זיך אליין געקעמפּפט, דאך האט זיא זיך געמוזט מודה זיין, דאס דיעזער מאן האט אויף איהר געמאכט א גרויסען איינדרוק.

האט זיא איהם ליעב?

אדאַ האט זיך געמוזט צולאכען פוז דיעזער פראגע, וועלכע איז אריינגעפאלען אין איהר קאָפּ, זיא פיהלט קיין ליעבע צו איהם, אבער דאך האט זיא געפיהלט דאס זיא דארף דיעזען מאן גאנץ ערנסט בעטראַכטען.

זיא האט גענומען דעם בריעף און האט איהם צוריסען אין קליינע שטיקליך און האט איהם אוואָרף געטהאן אויפ'ן ווינד, וועלכער האט זיי צושפרייט אין אלע זייטען.

פלוצלינג האט זיא הינטער זיך דערהערט דיא קלעפּ פון פערדישע פיס איבער דעם שאָסעע. איינינע מינוטען שפּעטער און א רייטער האט זיא אנגעיאגט. עס וואר אָפּענהיימער.

ער האט זיין הוט אראָבגעצויגען און האט אבגעהאלטען דעם פערד, ער זאָל געהן גלייך מיט'ן וואָגען.

— אך גנעדיגע פרוי באראָנין! — האט ער געזאגט — וואס פאר איין אונער־וואַרטעטע פריידע אייך צו זעהן. איך מוז אייך אויך בעדאנקען, דען אייער ווערטהער מאַן, וואר אזוי גוט און האט מיין וואונש ערפילט.

— איהר דארפט מיר ניט דאנקען, — האט אדא געענטפערט עטוואס קאלט— איך האב מיט מיין מאן דעריבער קיין איינציגען ווארט ניט געשפראכען.

— איידער עס וואר מעגליך מיט אייך צו שפרעכען, האט דער באראן זיין פערשפרעכען געגעבען, אבער ער האט עס נור געטהאן מיט'ן בעדינג דאס איהר זייט דערמיט צופריעדען, און אלס איך האב איהם געזאגט, דאס איך האב שוין געהאט דיא עהרע מיט דער באראנין צו רעדען און דאס איהר האט ניט דאנעגען זא האט ער באלד געגעבען זיין ווארט.

דער וואגען איז יעצט געפאהרען לאנגזאם און אויך דער רייטער איז געגאנגען שטיל און לאנגזאם ביי'ן וואגען.

— ווען איהר בעטראכט וואס איך האב פאר אייך געטהאן ווירקליך אלס א דינסט, זא דארף איך ערווארטען דאס איהר וועט עס מיר בעווייזען דורך א טהאט, — האט אדא געזאגט.

אפענהיימער האט זיך פון זיין פערד אראפגעבויגט טיעף ביז צום וואגען.

— ווען קען איך אייך זעהן און שפרעכען ? — האט ער אין א שטילען טאן געפרעגט.

אדא האט זיך ערשראקען.

— איך בעט אייך, ענטפערט מיר ?

אדא האט איהם אנגעקוקט מיט א זעלטענעם בליק.

— איך וועל עס בענאכריכטיגען, — האט זיא געענטפערט גאנץ שטיל.

וועהרענד זיא האט דאס געזאגט האט זיא געפיהלט וויא א קעלט איז דורכגעלאפען דורך איהר קערפער. זיא האט ניט געהאט דעם מוטה צו ענטפערן מיט אן איינפאכען „ניין", און יעצט האט איהר פערדראסען ווארום זיא האט דאס ניט געטהאן.

איז אין איהר אנטווארט ניט געלעגען א געוויסער פערשפרעכען ?

אפענהיימער האט עס געוויס געמוזט אזוי בעטראכטען, דען מיט א ריהרענדער שטימע האט ער געזאגט :

— גיט מיר נור שנעל אנטווארט. פאר הייטע גיב איך אייך מיין איניגסטען דאנק.

דער געשפרעך איז געווען אזוי שטיל, דאס דער קוטשער האט דערפון קיין ווארט ניט געהערט.

יעצט האט אפענהיימער געשפראכען אין דער הויך איבער איינינע גלייכגיל־

טיגע זאכען, און דאן האט ער זיך נאָכגעפרעגט וואוהין דיא גנעדיגע באראָנין דענקט צו פאָהרען.

— צום טהורם.

— אה, איך האב פון טהורם געהערט. מען זאָגט, אז מען קען פון דאָרט ווירקליך זעהר וואונדערבאר זעהן. נון, איך וועל שוין אמאָל אויך פאָהרען צו דיעזען טהורם און זעהן אויב עס איז ווירקליך אזוי, וויא מען ערצעהלט. פיר הייטע בעט איך אייער ערלויבנים צו ווינשען אייך אדיע!

אדא האט זיך פערנייגט.

— איך האב דיא עהרע גנעדיגע פרוי.

— אדיע.

אָפּענהיימער האט געצויגען זיין הוט, און איז געבליעבען הינטערן וואגען, וועהרענד אדא האט געהייסען איהר קוטשער פאָהרען שנעלער וויא פריהער.

מיט ליידענשאפטליכע אויגען האט אָפּענהיימער נאָכגעקוקט דיא באראָנין, וועלכע איז געזעסען געוויקעלט אין איהר מאַנטעל.

— איין זעלטען שעהנע פרוי! — האט ער צו זיך געמורמעלט — ווער האט עס געדאַכט דאס אזא איינפאַכע פאבריקענ-מיידעל זאל הייטע ווערען א באראָנין! המ. עס איז גוט וואס זיא האט איהר געהיימנים, און עס איז נאך בעסער וואס איך וויים פון דיעזער געהיימנים. אדא וויים, אז איך קען פאַר איהר ווערען געפעהרליך און זיא ועט ניט וואגען צו זיין הארטנעקיג.

ער האט אומגעדרעהט זיין פערד און איז מיט א שנעלען גאלאָפּ געפאָהרען צוריק.

אדא איז דערווייל אוועק צום טהורם, איז איהם בעשטיגען און האט בע־טראכט דיא גאנצע לאנדשאפט. ארום און ארום האבען זיך געזעהן פעלדער און וועלדער און אין מיטען קליינע דערפער און אויך איין שטאָדט און איבער דער גאנ־צער פאנאראמע איז געלעגען דער מעלאנכאָלישער הויך פון הערבסט.

אדא האט איינגעאטהעמט דיא ריינע קאלטע לופט. עס איז איהר געוואָרען פיעל לייכטער. עס האט איהר געשיינט גלייך וויא זיא איז פון אלע ליידען בעפרייט געוואָרען. „אויף דיא בערג וואהנט דיא פרייהייט“, האט זיא צו זיך געזאָגט.

— וויפיעל האב איך ערדייכט! — האט זיא ווייטער צו זיך געזאָגט — און דאך, און דאך, וויא בין איך מקנא דעם פויגעל, וואס פליהט פריי און אונגעשטערט אין דיא הויבע ריינע לופט!

אדא וואר הייטע אין אזא לאגע דאס זיא האט ניט אויפגעהערט צו דענקען און צו פהילאָזאָפירען, אין יעדע זאך וואס איז געקומען פאר איהרע אויגען האט זיא פערגליכען מיט איהר אייגענעם לעבען.

נאכדעם וויא זיא האט עטוואָס צוגעביסען אין רעסטאָראנט, האט זיא זיך בעגעבען צוריק נאך הויזע.

דער באַראָן האט זיא ערוואַרטעט.

מיט צערטליכע בליקען האט ער בעטראַכט זיין ווייב, וועלכע איז איהם אלע טאָג געוואָרען טהייערער, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך רעטהזעלהאפטער.

— דוא זעהסט אויס זעהר בלייך אדא, פעהלט דיר עטוואס? — האט ער געפרעגט.

— מיר פעהלט ניכטס, — האט זיא געענטפערט, און האט געשאָקעלט איהר קאָפּ.

— און דאָך שיינט מיר אָפט דאָס דיינע נערוועז זיינען צורייצט?

— דאס קען זיין. דער גליק וועלכען איך געניס איז אזוי גרויס דאס מאנכעס מאל שיינט מיר, אז מען דאַרף האבען בעזאנדערע קרעפטען דיעזען גליק צו פערנעהמען, און דאס איך דאַרף ערסט אזעלכע קרעפטען זאמלען.

— ליעב מיך אדא, און דוא וועסט האבען דיא קרעפטען, וועלכע דוא ווילסט זאמלען פאר דיין גליק.

דיא באַראָנין איז יעצט אויפגעשפרונגען פון אָרט און האט איהם ארומגענומען מיטביידע הענד.

— דוא גוטער, ליעבער און געטרייער! יא, איך וועל דיך ליעבען, אימער וועל איך דיך ליעבען. אָבער אך, וועט מיין ליעבע קענען זיין גלייך צו דיינער, וועל איך זיין אימשטאנדע צו געבען אזא ליעבע וויא איך נעהם פון דיר?

דער באַראָן האט זיא יעצט אָנגעקוקט מיט איין ערנסטען בליק, עס איז געווען דער בליק פון א געהיימען וואונש, דער אויסדרוק פון איין פייערדיגע האָפנונג.

אדא האט גענייגט מיט איהר קאָפּ.

— האָפענטליך! — האט זיא אין דער שטיל געזאָגט.

— איז דאס מעגליך! — האט ער אויסגערופען מיט ענטציקען.

— עס איז מעגליך, מיין אָטאמאר, איך גלויב עס, אָבער איך האב עס דיר ניט געוואָלט זאָגען, ווייל איך בין אליין ניט איבערצייגט, און ווייל עס וואָלט געווען איין אונרעכט צו געבען דיר האָפנונגען אויף וועלכע איך אליין בין ניט זיכער.

— גאָט זאָל געבען דוא זאָלסט זיך ניט טוישען, אָה, אדאַ דאס איז דיא גרעסטע און דיא זיסעסטע האָפנונג ביי דעם מענשען.

ער האט ארומגענומען זיין ווייב און האט זיא בעדעקט מיט הייסע קיסע.

איין שטונדע שפּעטער זיינען זי ביידע געזעסען ביי'ן טהעע.

— וואו איז ערנא? — האָט אדאַ פּלוצלינג געפרעגט.

דער באראָן האט געשמייכעלט.

— מיר פערברענגען שוין דאָ א געוויסע צייט אין דיעזען שלאָס און דאך האבען מיר נאך ניט געדאכט צו ערפילען אונזערע געזעלשאפטליכע פפליכטען.

— פערצייע געליעבטער, איך האב וועגען דעם בעדארפט דענקען, אָבער איך יאג מיך ניט נאך רוישענדע פערגניגענס. מאנכעס מאָל וויכט זיך מיר איך זאָל מיט דיר לויפען אין דעם וויטעסטען ווינקעל אין דער וועלט, אום דאָרט צו געניסען מיט דיר דעם גליק פון אונזער ליעבע גאנץ אונגעשטערט פון אלע מענשען און פון אלע וועלטליכע זאכען.

— דיא ראָמאנטיק איז שעהן, — האט דער באראָן געזאָגט — אָבער מען קען זיא ליידער ניט ברענגען אין דער ווירקליכקייט. איך רעכען דאָס מיר מוזען געבען א פעסט, איין פרעהליכען אונטערהאלט.

— ווען?

— אין איינינע טעג.

— האָסט דוא דעם טאָג שוין בעשטימט?

— יא. איך האָף דאס דוא וועסט צופריעדען זיין.

— געוויס.

— דא זעה איך וויא גוט דוא ביזט. יא, איך וויל דיין געבורטס-טאָג אויך פייער'ן מיט א גרויסען באל און דארום האב איך דיעזען באלל בעשטימט פאַר דיעזען טאָג. איך האב ערנא'ן געשיקט צו מיין פערוואנדטען, גראף פינקענשטיין, אום איהם און זיין מוטער איינצולאדען.

— ווען קומט ערנא צוריק?

— איך האָף דאס זיא קומט נאך הייטע צוריק.

ער האט קוים געענדיגט און ערנא איז אין הויז אריין.

זיא איז צוגעלאָפען צו אדא'ן און האט זיא געקוסט.

— נו מיין ליעבסטע? — האָט אדאַ געפרעגט — האָט דער גראף דיא איינלאדונג אנגענומען?

— נאַטירליך, ער קומט, אָבער זיין שטיפמוטער, לאָזט זיך גאָר ניט איבעררײדען.

ערנאַ האט עס געשפּראָכען מיט א לוסטיגען פרעהליכען טאָן, אָבוואָהל דיא לעבעדיגקייט וואר ניט נאך איהר אויסזעהן.

זיא האט מעהר ניט אויסגעזעהן אזוי פריש, איהרע אויגען האבען מעהר ניט געקוקט אזוי לוסטיג וויא פריהער. אויף איהר עדעלען שטערן איז געלעגען א וואָלקען און זאָגאר דיא האַלטונג איז ניט מעהר געווען דיעזעלבע גראַציעזע און שעהנע וויא אימער.

אדאַ האט דיעזע ענדערונג אין ערנאַ׳ס פּערזאָן שוין לאַנג בעמערקט, זאָגאר דער באַראָן האט עס בעמערקט.

אבער אויף זיין פראַגע וואס דאס בעדייטעט, האט איהם אדאַ געענטפערט מיט איין אויסרייד. זיא האט זעהר גוט געוואוסט, וואָס דאס איז, אבער זיא האט זיך געהיט דערפון צו ריידען.

אויף דעם שטאַרקען פערלאַנג פון ערנאַ האט אדאַ ענדליך פערשפּראָכען צו ריידען מיט דעם אַלטען גראַף פאָן בערענשטיין, ער זאל איינוויליגען צו איהר הייראַטה מיט איהר געליעבטען, וועלכער איז יעצט דער באַראָן פאָן ראָלאַ, און דיענט יעצט אלס ערנאַ׳ס מוזיק לעהרער.

דאס האט נאַטירליך ניט געקענט געשעהן מיט א פּערזענליכען געשפּרעך, דען דער גראַף וואר פּעררייזט, און ער האט געשריעבען דאס עס וועט זיך נאך אויפהאַלטען איינינע וואכען אין ריצצאַ. דערצו האט זיך נאך עטוואָס בעזאָנדער׳ס געמאַכט:

דער גראַף האט געשריעבען דאָס ער האט אין ריצצאַ געשלאָסען בעקאַנטשאפט מיט א פּאָרנעהמען, עלעגאַנטען עדעלמאַן און ער האט איהם איינגעלאַדען אויף א בעזוך. פון זיין בריעף האט מען געקענט ערקענען דאס יענער עדעלמאַן און ערנאַ קענען ווערען א פּאָאָר, און דיעזער וואונש איז געוואָרען איין אנדער הינדערנים אין ערנאַ׳ס פּלענער.

אדאַ׳ס געבורטס טאָג איז ענדליך געקומען. זיא האט גאָר ניט געוואוסט, וויא צו בעדאַנקען דעם גראַף פאַר דיא טויזענדע ליעבשאַפטען וואָס ער האט איהר געוויעזען ביי דיעזער געלעגענהייט.

אלס דער אבענד איז געקומען זיינען אלע זאַאלען אָנגעפילט געוואָרען מיט געסט, און אדאַ האט זיך יעצט געזעהן ארומגערינגעלט מיט געליעבטע און מיט

פערעהרער פונקט וויא אמאָל ווען זיא האט געלעבט אויף דער ביהנע.

זיא האט געהאט איין טריאומף נאך'ן צווייטען און דער באראָן האט געלאַכט און האט געקוואָלען פון זיין ווייב'ס פערקעהר מיט איהרע געליעבטע. דען ער האט געגלויבט אין זיין ווייב'ס טריישאפט און ער וואר שטאָלץ וואָס אזוי פיעל מענער האבען איהם מקנא געוועזן, וואס ער בעזיצט זיא.

אונטער דיא געסט האט זיך אויך געפונען אָפּענהיימער. — עס האט נור בע־דארפט קאָסטען איין וואָרט פון אדאַ'ס ליפּען דאס דער באראָן זאָל איינלאדען דעם קויפמאַן און זיין איידעם, וועלכע ווארען זיינע נאכבארען.

אָפּענהיימער האט דעם גאנצען אבענד געזוכט צו חאפּען א בליק פון אדאַ'ס אויגען, א בליק וואס זאל איהם זאגען אויף וואָס ער קען האפען. אָבער אדאַ האט זיך גראדע בעמיהט זיא זאל צו איהם קיין וואונק און קיין מינע ניט ווייזען.

זיא האט געהאט פאַר יעדען איינעם איין פריינדליכען און זיעסען שמייכעל, דיעזען שמייכעל האט זיא פון איהם אויך ניט גערויבט, אָבער זיא האט זיך געהיט דאס זיא זאָל מיט קיין מינע ניט איבערטרעטען דעם גרענעץ פון דער געוועהנליכער העפליכקייט.

דער באל האט זיך ענדליך אָנגעפאנגען. דיא געסט האבען אנגעפאַנגען צו טאנצען. אדאַ האט מיט אלעמען געטאנצט. און ענדליך האט אָפּענהיימער אויך גע־האט דאָס גליק צו טאנצען מיט דער באראָנין.

וועהרענד זיי האבען געטאנצט, האבען זיי נור צוויי ווערטער צווישען זיך גע־רעדט, אָבער דיא צוויי ווערטער האבען געהאט א גרויסע בעדייטונג. אפּענהיימערס געזיכט זיינען פון זיי רויטה געווארען, וועהרענד אדאַ איז געוואָרען בלייך.

— — — — — — — — — — — — —

קיינעם איז ניט אויפגעפאלען דאס דיא באראָנין איז א לאנגע צייט ניט גע־ווען אין זאאל צווישען דיא געסט. מען האט גערעכענט, דאס זיא איז אוועק אין גארטען, אום זיך אביסעל אבצוקיהלען פון דיא היטץ אין זאאל.

אויך האט קיינער גאָר ניט בעמערקט דאס אָפּענהיימער פעהלט צווישען דיא געסט....

עס איז נאך וועניגער אויפגעפאלען דאס דער צופאל, וואס ביידע זיינען אין דערזעלבער צייט פערשוואונדען פון זאאל האט עפּעס צו בעדייטען צווישען זיי.

איינעם אָבער, גאנץ איינעם איז דאס דאך געווארען פערדעכטיג. דיעזער איי־נער וואר דער גראף פאָן פינקענשטיין, וועלכער איז געוועזן אונטער דיא יעניגע, וועלכע האבען פערגעטערט דיא שעהנע אדאַ, אָבער וועלכער איז גראדע געוועזן דער

איינציגער, וואָס האט זיך צוריקגעהאלטען און וואָס האט זיך געמאכט גאנץ קאלט־בלוטיג.

דערפאר אבער האבען זיינע אויגען געזעהן שארפער.

ער האט אויך בעמערקט וויא דעם באראָנ'ס אויגען קויפען ארום איבער'ן גאנצען זאאל — זיי האבען געזוכט אדא'ן.

ענדליך איז אדא אריין. אויף איהרע ליפען איז געלעגען א שמייכעל, און אין איהרע אויגען וואר איין אָנגעצונדענער פייער. דער באראן איז צו איהר צוגעלאָפען, האט זיא גענומען אונטער'ן ארם און זיא האט אראפגעלאָזען דיא ברעמען פון איהרע אויגען.

37טעם קאפיטעל.

דער גראַף און דער וואלד־ענגעל.

א שוואכער שיין פון דער לבנה פאלט איבער דער הייזעל פון דער אלטער אורזולא.

גראף פינקענשטיין, וועלכער האט זיך אומגעקעהרט פון איין אונטערהאלט האט זיין וואָגען אָבגעשיקט, אום ער זאל דיעזען שטיקעל וועג געהן צו פוס. ער האט ביי דעם באראָן פאן ערלין געטרונקען א היבשע ביסעל וויין, עטוואס מעהר וויא ער איז געוואָהנט, אבער דאס וואר נאך ניט אלעס, עטוואס אנדערש איז געגאנגען דורך זיין קאָפּ, — ער האט אביסעל צו טיעף אריינגעקוקט אין אדא'ס אויגען. יעצט האט ער זיך געפיהלט בערוישט און דארום האט ער געוועהלט דעם קיהלען וואלד אום צו בערוהיגען זיינע נערווען און אום צו ברענגען זיין זעעלע אויף איהר אָרט.

פערשיעדענע געדאנקען זיינען דורכגעלאפען דורך זיין קאָפּ.

ער האט געדאכט וועגען דיא לעצטע עטליכע שטונדען. דער באראָן פאָן ערלען איז דאך ווערטה מען זאָל איהם מקנא זיין. ער שיינט דאך צו זיין זעהר גליק־ליך מיט זיין שעהנער פרוי.

יא, גראף פינקענשטיין האט יעצט געקענט פערשטעהן, ווארום דער באראָן האט זיא גענומען פון ניעדעריגען שטאנד און האט זיא געמאכט פאר זיין פרוי. ער האט צו זיך אליין געזאָגט דאס זיא קען איהם זיין געפעהרליך, ווען ער וועט זיא זעהן צו אָפט.

וויא האבען איהרע אויגען געלויכטען, און וויא האבען זיי איהם בעצויבערט ווען ער האט מיט איהר געטרונקען אויף עוויגע פריינדשאפט.

וויא איז נעבען איהר פערדונקעלט געוואָרען דיא שעהנע, זאנפטע ערנא, אָבּער וואָהל זיא מוז אויך מאכען א שטאַרקען איינדרוק. יאַ, אין יעדער בעוועגונג פון דיעזער אדא, איז געלעגען קראַפט און שעהנהייט. וויא האט געזאָגט דער פרייהער פון עדינבורג, וועגען דיעזער שעהנער אדא ?

יאַ. דאָס וואר זיין מיינונג :

„דיא באַראָנין איז א ווייב, וועלכע ערפילט אימער דעם מאַן, וואס בעזיצט זיא מיט ליידענשאפט. דאס וואס מען בעזיצט זיא בריינגט קיין רוהע און קיין פריעדען, און דער ארמער באַראָן פאָן ערלין, וועלכער שלינגט איין יעדען בליק, יעדען שמייכעל פון זיין ווייב, ווערט אימער הונגעריגער און דורסטיגער".

מיט אזעלכע געדאנקען איז דער גראף געגאנגען איבער דעם שמאָלען און געדרעהטען וועג.

אין וואלד וואר שטיל, און רוהיג. דער גראף האט איינגעאטהעמט דיא לופט מיט פערגניגען. ער האט נעפיהלט דאס דיעזע לופט בערוהיגט זיינע נערווען און פילט אן זיין הערץ מיט פריעדען.

יעצט איז ער געווען ניט וויט פון דער וואלד־הייזעל.

וויא שעהן האט דיא לבנה דאס הויז בעלייכטעט ! דער גראף איז צוגעגאנגען נעהענטער און האט בעטראכט דאס הייזעל. ער האט זיך יעצט עראינערט אויף זיין סיבה מיט דער טאָכטער פון דער אלטער אורזולא, מיט דעם וואלד־ענגעל, וויא מען האט זיא דא גערופען.

איז דאס מעגליך, דאס זיא איז דיא טאָכטער פון דער העסליכער אורזולא ?

דער גראף האט עס ניט געגלויבט.

דער דאָקטאָר האט איהם בעריכטעט, דאס דיא וואונד אין וואלד־ענגעל'ס ארם האט זיך פערהיילט. ער וואלט געווען נייגיעריג צו זעהן דאס מעדכען. אָבער זיא מוז דאך שוין געווים שלאָפען. עס איז דאך שוין שפעט אין אבענד.

דער גראף האט געוואָלט וויטער געהן. אָבער צופעליג האט ער דערזעהן דורך דיא לאָדען א שוואכע ליכט אין הויז.

ער איז געוואָרען נייגיעריג און איז צוגעגאנגען צו א לאָדען און האט דורך דעם שפאלט אריינגעקוקט אין הויז. דאס הויז וואר יעצט נייע בעפארבט און האט געשיינט צו זיין פיעל שעהנער און בעסער וויא פריהער.

אויפ'ן וואנד איז געהאנגען דאס בילד פון דער הייליגער מוטער. אבער מערקווירדיג, דאס בילד זעהט אויס וויא דער וואלד־ענגעל. ווער האט עס געקענט מאָלען ?

אין דעם גראף האט זיך יעצט ערוועקט איין אונצופריעדענער, בייזער געפיהל. ער האט אויך ניט געוואוסט ווארום. ער האט נאך א ווײלע געקוקט אין דעם פענסטער און פלוצלינג האט ער דערזעהן, וויא דיא טהיר פון קאמער האט זיך געעפענט און פעדאָרא איז ארויס האלב געקליידעט.

דער גראף האט באלד געהערט וויא זיא זאָגט:

— איך קאָך אויף דעם טהעע מיט פעפער, דאס וועט דיר מאַכען בעסער. דעק זיך נור איין גאנץ ווארם, נעהם אויך מיין צודעק, מיר איז ניט קאלט!

דער גראף איז יעצט ערשטוינט געוואָרען פון דעם וואלד־ענגעל'ס שעהנהייט, וועלכע ער האט שוין באלד פערגעסען.

וויא שעהן, וויא אנציהענד ווארען אלע איהרע בעוועגונגען און וואס פאר א זיסער, אונשולדיגער הויך ליעגט אויף איהר געזיכט!

אלס דער גראף האט זיא יעצט געזעהן ארומגעהענדיג איבערן צימער מיט דיא צרוואָרפענע האר איבער איהרע ווייסע שולטערען, האט איהם געשיינט דאס איינע פון דיא געטינען פון וועלכע ער האט אין זיינע קינדערשע יאָהרען געלעזען וואנדערט ארום אין דעם הויז.

פעדאָרא האט אויפגעקאָכט דעם טהעע און איז מיט איהם אריין צו אורזולאן אין צימער. דער גראף האט יעצט געוואָלט אוועקגעהן, אָבער עטוואס האט איהם צוריקגעהאלטען.

באלד איז פעדאָרא ווידער ערשינען אין שטוב, זיא האט נור צוגעבוינט איהר קאָפּ צום קאַמער און האט געזאגט:

— פיעללייכט וועסט דוא יעצט קענען שלאָפען. איך בלייב נאך וואך, דען עס קען נאך זיין, דאס דוא וועסט מיך דארפען.

יעצט האט פעדאָרא גענומען דיא איבערגעבליבענע ביסעל טהעע און האט דערפון א זופּ געטהאן, אָבער באלד האט זיא עס צוריק אוועקגעשטעלט.

— נון, מיר העלפט עס ניט. עס וועט ניט אויסקורירען דיא אונרוהע, וועלכע פלאָגט מיך, וויא טאָג אזוי נאכט! — האט זיא געזאָגט וועהרענד זיא האט זיך אָנגעשפּארט מיט'ן קאָפּ צום פענסטער.

דער גראף, וועלכער איז געשטאנען אונטערן לאָדען און האט געהערט יעדען וואָרט, דען דיא פענסטער וואר אָפען, בלויז דיא לאָדען ווארען געשלאָסען, האט געפיהלט דאס ער בענעהט איין אונרעכט, וואס ער הערט זיך איין, וואס אין א פרעמדען הויז געהט פאָר; אָבער דיא נייגיעריגקייט וואר פיעל שטאַרקער פון געוויסען.

פעדאָרא האט א ווײלע געדאַכט, דאַן האט זיא ווײטער גערעדט:

— דער פריסטער זאָגט, אז דאס איז א זינד, אָבער איך קען דאך ניט אנ־דערש. איך מוז דאך פון איהם דענקען. אָה, וואָרום האב איך איהם בענעגענד? מיין מוטער זאגט, דאס ער האסט דיא פרויען און האט מיך אבזיכטליך פערוואונ־דעט. אָבער ניין, דאס איז ניט וואהר. ער אליין וואר דאך שטאַרק ערשראָקען! מיין מוטער זאָגט, דאס ער האט מיר געקענט טרעפען אין אויג; אך איך קען שוין זאָ וויא זאָ אויף קיין זאך ניט קוקען מיט א פרעהליכען רײנעם בליק! מיין מוטער פערשטעהט ניט דאס ער האט מיר געטראָפען אין הארצען.

פעדאָרא האט נאך ניעדעריגער אראָבגעלאָזען איהר קאָפּ און דעם גראף האָט געשיינט, דאס זיא האט ארויסגעלאָזען א טרעהר.

פלוצלינג איז פעדאָרא אויפגעשפרונגען.

— ניין, איך וויל ניט מעהר פון איהם דענקען. איך מוז דיעזען געפיהל בע־קעמפּפען, מיין גייסטליכער האט מיר געזאגט, דאס מען קען אזא געפיהל איבער־קומען.

אין דיעזען אויגענבליק האט פון איהרע אויגען געשיינט א פעסטער בעשלוס. אך דיא אונערפאהרענע מיידעל, דער וואלד־ענגעל האט ניט געוואוסט דיא ריכ־טיגקייט פון דעם דיכטער'ס ווערטער:

„אמאָרס פייל האָט שארפע שפּיצען
ועמען עס טרעפט זאָל איהם לאָזען זיצען
און זאָל ליידען אביסעל שמערץ.
ווער איהם אויסצורייסען טראַכט
און דיא גוטע עצה פעראַכט,
דער צורייסט זיין גאנצע הערץ.

אבער וואס האט געוואוסט דער וואלד־ענגעל, פון דיא שמערצען פון ליעבע? זיא האט געגלויבט, אז אלע יעצטיגע געפיהלען ועלען באלד פון איהר אוועק און זיא ועט ווידער ווערען דיא אונוויסענדע, רוהיגע מיידעל.

ווען זיא וואָלט אבער געקענט זיך אליין בעגרייפען, דאן וואָלט זיא געוואוסט, דאס זיא איז נור פעהיג צו א טיעפער און א וואהרער ליעבע, און דאס ווען דיעזע ליעבע האט נור איין מאל געשלאָגען איהר וואָרצעל, קען זיא אויסגעריסען ווערען נור צוזאמען מיט איהר הארץ, מיט איהר לעבען.

אויך דער גראף, וועלכער האט זיך יעצט געלאָזט ווייטער געהן, האט דערפון קיין אהנונג געהאט. ער איז אבער איבערראשט געוואָרען פון זיינע געפיהלען און

אויך פון זיין ערפאהרונג. דיעזעס מעדכען ליעבט, ליעבט איהם! ווען פעדאָרא וואָלט ניט געוועזען אזוי שעהן, וויא זיא איז, וואָלט ער געוויס שטארק אויפגערעגט געוואָרען, וואס איין איינפאכע מיידעל האט זיך ערלויבט איהם צו ליעבען.

אָבער פעדאָרא וואר א מערקווירדיג שעהנעס מעדכען. ער האָט זיך ניט גע־קענט עראינערען צו ווען זיא איז עהנליך. זיא איז איהם פאָרגעקומען בעקאַנט, דאך האט ער זיך אויף קיין פאל ניט געקענט עראינערען צו וועמען זיא איז עהנליך.

זיא איז געוועזען עטוואָס עהנליך צו דער באַראָנין אדא, אָבער נור אין גע־שטאלט און אין דער בעוועגונג, זיא האט אָבער איין זאך ניט געהאט, דעם טייפעל־שען קראפט, מיט וועלכען אדא האט געקענט בעהערשען יעדען מאַן.

ווען מען זאָל זאָגאר ניט זיין א גוטער מענשען־קענער, האט מען אויך געמוזט איינזעהן דאס פעדאָרא וועט ניט דענקען פון א געפיהל, וועלכען זיא האט ניט גע-האט, דאס איהרע שעהנע אויגען וועלען זיך אויך קיין מאל ניט ערניעדריגען זיא זאל קאָקעטירען.

וועהרענד אדא האט בענוצט איהר גאנצע שעהנקייט, אום צו שטייגען אין דער וועלט, וועט פעדאָרא אימער לעבען נור פאר איהר ליעבע.

דיעזע אלע זאכען האט דער גראף געטראכט דעם גאנצען וועג און איין מערק-ווירדיגער געפיהל האט איהם בעהערשט. דאך דער געפיהל האט איהם ניט לאנג בעהערשט, און אלס ער איז אין זיין שלאָס געקומען, האט דיעזער געפיהל געמוזט אָבטרעטען און מאכען פלאַץ פאר זיין פיינדשאפט צו ווייבער.

— פעסטע זאכען! — האט ער צו זיך געזאָגט — אלע פרויען זיינען פאלש. זאגאר דער וואלד־ענגעל איז גלייך מיט אלע פרויען. זאָל זיא נור איין מאָל פער־זוכען דעם גיפט פון קאָמפלימענטען, זאָל זיא נור אויסגעפינען וויא שעהן זיא איז, וואס זיא קען מיט איהר שעהנהייט געווינען, וויא אין איהר הארצען וועט באלד בעשאפען ווערען א שלאַנג!

עס ליעגט אין דער נאַטור פון יעדען מאַן צו פיהלען שטאָלץ ווען ער קען בע־הערשען א הארץ, בעזאָנדערס, ווען דיעזע הערץ איז נאך קיין מאל ניט בעריהרט געוואָרען. גראף פינקענשטיין האט קיין אויסנאהמע געמאכט פון אלע מענער, און אבוואָהל ער האט געלאכט פון דער ליעבע, וואס פעדאָרא פיהלט צו איהם דאך האט עס איהם פערשאפט אביסעל שטאָלץ און אויך פערגניגען.

ער האט זיך אבער בעשלאָסען דאס ווען ער וועט זיא וויעדער זעהן, זאָל ער זיא בעהאנדלען גאנץ קאלט און רוהיג, אום זיא זאָל קענען לייכטער בעקעמפפען איהר ליעבע צו איהם.

מיט דיעזען בעשלוס האט ער זיך געלעגט און איז איינגעשלאָפען געוואָרען, ווען עס וואר שוין העלער טאָג.

פערשיעדענע חלומות האבען זיך געמישט אין זיין קאָפּ. אָט האט ער זיך גע־זעהן ביי דער באראָנין אין זאאל, און אט האט איהם געשיינט דאס ער איז קראנק, פעדאָרא קאָכט איהם טהעע און זיצט נעבען איהם, ווייל ער איז קראנק.

אלס ער האט זיך אויפגעהויבען פון בעט, האט ער בעפאָהלען מען זאל זיין פערד פאר איהם אנזאָטלען. עס האט איהם געטריבען צו פאָהרען אויפ'ן פרייען לופט.

ער האָט געהאפט דאס דאָרט, וואו דיא ברוסט קען פרייער אטהמען, דאָרט וואו דיא אויג קען פריי ארומלויפען, דאָרט וועט ער זיך בעפרייען פון דיא קאָפּ שמערצען, וועלכע ער האט געקראָגען פון דיא וויין און דיא טענץ אויפ'ן באָלל.

עס וואר א שעהנער הערבסט טאָג. א פרישער ווינד האט געבלאָזען אין זיין געזיכט. זיין שעהנער פערד האָט געטאנצט אונטער'ן זאָטעל און איז דורכגעלאָפען דעם דאָרף, איז פערבייגעלאָפען דיא קירכע און האט זיך געלאָזט צום וואלד.

דער גראף איז געפאָהרען און וואר פערזונקען אין זיינע געדאנקען.

פלוצלינג איז דער פערד געבליעבען שטעהן פאר דער געשטאלט פון א פרוי מיט א קאָרב אויפ'ן קאָפּ. דיא פרוי איז געגאנגען אין איינפאכע דאָרף קליידער און אויסער דעם קאָרב האט זיא געטראָגען, א פעקעל אונטער'ן ארם.

אלס דיא פרוי האט דעם גראף דערזעהן האט זיא געוואָלט לויפען צוריק אין וואלד.

דער גראף וועלכער האט איהר געזיכט ניט געזעהן און איז געוואָרען בייז ווארום זיין פערד האט זיך פאר איהר ערשראָקען, האט מיט צאָרן אויסגעשריען:

— ווער זייט איהר?

לאנגזאם האט זיך דיא פרויענצימער אומגעקעהרט און דער גראף האָט באלד ערקענט דעם וואלד־ענגעל.

וויא זיא איז יעצט פאר איהם געשטאנען, האט זיא אויסגעזעהן וויא איין איינפאכע בויערן מיידעל. דיא רויטהע טוך פון דער אלטער אורזולא, האט פער־דעקט איהר שעהנעם, פרומען פנים און דיא ברייטע יוט מיט דעם קאָפּ, האָבען זיא געמאכט פיעל עלטער וויא זיא איז געווען.

אונגעדולדיג האט דער גראף געפרעגט:

— וואס טהוט איהר דא?

שטאַטלענדיג און שעהמעדיג האט זיא איהם ערצעהלט דאָס איהר מוטער איז קראַנק און דארום מוז זיא אליין אבליפערען דיא שוואוימען און דיא וואָרצלען.

דער גראף האט זיא אנגעקוקט פון אויבען אראָפּ און האט נאכדעם געפרעגט אין איין ניעדעריגען טאָן:

— וואָס מאַכט אייער וואונד?

פעדאָרא האט געוואָרפען א שנעלען בליק אויפ'ן גראף, דאן האט זיא געענטפערט:

— איך דאנק אייך, דיא וואונד האט זיך לייכט פערהיילט, זיא וואר קיין געפעהרליכע.

— דאָס איז גוט. זאָגט מיר נור פריילין, ווען איז אייער פאָטער געשטאָרבען? איך קען מיך גאָר ניט ערא‌ינערען ווען איך האב איהם געקענט, אויך מיין מוטער האט קיין מאל ניט פון איהם גערעדט.

פעדאָרא'ס געזיכט איז געוואָרען זעהר טרויעריג.

— מיין פאָטער האב איך קיין מאָל ניט געקענט. ער איז געשטאָרבען, אלס איך בין נאך געווען גאַנץ קליין, און עס טהוט מיר אימער זעהר לייד, וואס איך קען מיך זיין אויסזעהן ניט ערא‌ינערען.

וויא איינפאך דיעזע ווערטער זיינען געווען און וויא איינפאך פעדאָרא האט זיי אויסגעשפּראָכען האבען זיי דאך געמאכט איין איינדרוק אויפ'ן גראף. ער האט גענומען פיהלען עטוואָס וויכער, עטוואָס פריינדליכער צו דיעזער מעדכען, און מיט א פיעל בעסערער שטימע האט ער איהר ווייטער געפרעגט:

— ווילט איהר בלייבען היער אין וואלד ביי אייער מוטער, אָדער איהר וואָלט וועלען קריעגען א שטעלע אין שטאָדט?

פעדאָרא האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינען. אזא פראגע איז איהר גאָר קיין מאל ניט געקומען אין קאָפּ.

— איך ווייס ניט, הערר גראף, וואָס מיין מוטער און דער גייסטליכער טהאָמאָס האבען דעריבער בעשטימט.

דער גראף האט געשמייכעלט.

— איהר ווייסט נאך ניט, וואס מען האט וועגען אייך בעשטימט? זא, זאָ, מען האנדעלט גאר מיט אייך וויא מיט א שטיקעל וואארע?

ער האט דיא לעצטע ווערטער געמורמעלט צווישען זיינע צייהן, אָבער פעדאָרא האט זיי דאך געהערט און זיא איז געוואָרען בלאַס.

— נא, אדיע! טראָגט אָב אייערע שוואוימען אין שלאָס!

ביי דיזע ווערטער האט דער גראף א קליינעם נייג געטהאן מיט'ן קאפ און זיין בליק, וועלכען ער האט זיך בעמיהט צו מאכען איינפאך און קאלט איז געפאלען אויפ'ן וואלד-ענגעל...... נאך דיזען גרוס האט ער א שמיץ געטהאן זיין פערד און איז פערשוואונדען אין וואלד.

פעדארא איז געבליבען שטעהן אויף איהר ארט.

האט זיא איהם בעליידיגט וואס ער האט זיא אזוי בעהאנדעלט? זיא האט דאס גאר ניט געקענט פערשטעהן. וואס האט ער געזאגט? זיא איז וויא א שטיקעל ווארע! וואס מיינט ער דערמיט?

יעצט האט זיא אויך אנגעפאנגען צו דענקען פון דעם גראף'ס פראגע, אויב זיא וועט אימער בלייבען אין וואלד. זיא אליין האט אימער שטענדיג דאס זיא וועט דא בלייבען אויף אימער, זיא האט אויך קיין אורזאכע ניט געהאט פון דאנען אוועק־צוגעהן. בלויז איין מאל ווען זיא איז מיט איהר מוטער געפאהרען א קליינע שטרעקע מיט'ן אייזענבאהן צו א מארק, האט זיא זיך געוואונשען צו זיין אמאל אין מינכען אדער אין איין אנדער גרויסע שטאדט, וואו זיא זאל קענען זעהן מענשען אין לעבען.

מיט דיזע געדאנקען איז דער וואלד־ענגעל אוועק אין שלאפ.

דער וועכטער ביי'ן טהיר האט געמאכט א פערוואונדערטע מינע, אלס ער האט דאס מעדכען געזעהן קומענדיג, דען ער האט זיא נאך קיין מאל ניט געזעהן אין שלאס, אבער ער האט קיין ווארט גערעדט, זאנדערן ער האט זיא צוגעפיהרט צו דער ווירטהס־פרוי.

— נא, וואס טהוסט דוא דא, קען דיין מוטער ניט קומען?

— זיא איז קראנק!

— האסט דוא שוואוימען?

— יא.

— גיב זיי אהער, — האט דיא פרוי געזאגט — היער האסט דוא טרינק־געלד און א פלאש וויין פאר דיין מוטער.

פעדרא איז געווארען אין פערלעגענהייט. זיא האט ניט געוואוסט, אויב זיא זאל דאס אננעהמען. אבער זיא האט דאך ניט געקענט אבזאגען, דאס וואלט דאך בעליידיגט.

אלס זיא איז געגאנגען איבער'ן הויף, האט זיא געזעהן א הויכע פרוי אין שווארצע קליידער געהט ארום ניט וויט פון פאלאסט.

פעדארא האט זיך ערשראקען אלס זיא האט דערזעהן דיא בייזע גרעפין, דען זיא וואר עס דיא פרוי. אבער דאך איז איהר הארץ געבליבען ניט גלייכגילטיג.

דיא גרעפין האט אויך בעמערקט דער דאָרפס־מיידעל און האט זיא אָנגעקוקט מיט אזעלכע בליקען, וועלכע ווארען ניט פריינדליך און אויך ניט בייז אָבער וועל־כע האבען אויף איהר געמאַכט איין אונגעוועהנליכען איינדרוק.

דיא גרעפין איז באַלד אוועק ווייטער און פעדאָרא האט אויך פערלאַסען דעם שלאָס.

גאַנץ לאַנגזאם איז זיא געגאַנגען איהר וועג.

זיא איז נאך ניט אָבגעגאַנגען העלפט וועג, אלס זיא האט וויעדער בעמערקט דעם גראַף, וועלכער האט געריטען לאַנגזאם און פערטראַכט אויף זיין שעהנעם פערד.

אלס ער האט זיא דערזעהן, האט ער זיך עראינערט אויף זיין בעשלוס צו זיין צו איהר שטרענג וויא מעגליך. ער האט דארום געוואָרפען א פעראכטענדען בליק אויף דער פערשעהמטער מיידעל און האט אויך געשמייכעלט פון דעם פלאַש וויין, וועלכען זיא האט געטראָגען אין האנד.

פעדאָרא האט זיך געפיהלט שווער בעליידיגט. ניט ווילענדיג האט זיא זיך יעצט עראינערט אויף א געשפרעך, וואס זיא האט אמאל געהאט מיט איהר מוטער אורזולא, וועגען דעם גראַף און אלעס וואס דיא אלטע פרוי האט געזאָגט.

— אך דיא מוטער האט דאך רעכט! — האט פעדאָרא צו זיך געמורמעלט— דער גראַף האסט מיך און פעראכטעט מיך, דאס זעה איך יעצט. אך, ווען איך זאָל קענען פון דאנען אוועק און מיטנעהמען מיין מוטער! איך וואָלט איהם אויך קיין מאָל ניט בעגעגענד און ער וואָלט מיר אויך ניט בעליידיגט.

נאך דיעזע געדאנקען איז זיא א ווילע געגאַנגען רוהיג איהר וועג, אבער פלוצלינג איז זיא בעהעררשט געוואָרען פון איהרע געפיהלען און זיא האט זיך גע־שליידערט אויפ׳ן גראָז און האט אָנגעפאַנגען צו וויינען.

יאָ, זיא האט זעהר ביטער געוויינט. צום ערסטען מאָל האט זיא געפיהלט איהר אָרמוטה. זיא האט געוואָלט א שליידער טהאן פון זיך דיא פלאַש, פון וועלכער דער גראַף האט געשמייכעלט, דען דיא פלאַש האט געברענט אין איהר האנד וויא א פייער, אבער זיא האט עס זיך ניט ערלויבט, דען דיעזע וויין געהערט איהר קראַנ־קער מוטער.

נאך דעם וויא זיא האט זיך אויסגעוויינט, האט זיא זיך אויפגעהויבען או האט זיך געלאָזט געהן שנעל צו איהר מוטער, דען זיא האט זיך אויפ׳ן וועג צו לאַנג פערזאַמט.

אלס זיא איז געקומען אין איהר הויז, איז דיא אלטע אורזולא איהר געקומען ענטגעגען. דיא אלטע פרוי האט זיך געפיהלט בעסער און איז אויפגעשטאנען.

— דוא ביזט ארויס פון בעט, ליעבע מוטער? — האט פעדאָרא געפרעגט מיט פריידע.

— געוויס, דוא ווייסט דאך דאס איך האב א הארטע נאטור. איך בין פון אייזען געבויט און דאָ......

פלוצלינג האט זיא אויפגעהערט צו ריידען. זיא האט דערזעהן פעדאָרא׳ס בלאַסעס געזיכט און פערוויינטע אויגען און מיט שרעק האט זיא געפרעגט:

— דוא האָסט געוויינט, וואס איז מיט דיר געשעהן? דוא זעהסט דאך יאמערליך אויס.

פעדאָרא האט געוואָלט שמייכלען, אָבער דיעזער שמייבעל איז איהר געווען שווער און זיא האט דארום אבגעקעהרט דעם קאָפּ.

— רייד דאך, וואס האט דיר געטראָפען?

— גאָר נישט! — האט פעדאָרא געענטפערט, און דאס וואר פיעללייכט דאס ערסטע מאל אין איהר לעבען ווען זיא האט ניט דיא גאנצע ווארהייט געזאָגט — דיא פרוי פון שלאָס האט דיר געשיקט א פלאש וויין.

דיא אלטע אורזולא האט צוגענומען דעם וויין, האט צושניטען ברויט, האט דאן אָנגעגאָסען צוויי גלעזער מיט וויין און האט געזאָגט:

— קום פעדאָרא, עס און טרינק. דוא מוזט דאך זיין הונגעריג. ניט אלע טאָג האבען מיר וויין.

פעדאָרא האט ניט געפיהלט קיין הונגער און קיין דורסט. זיא האט אָבער דאך גענומען א שטיקעל ברויט צום מויל. דעם וויין האט זיא ניט אָנגעריהרט, דען דאס וואר דעם גראף׳ס וויין און ער האט זיא בעהאַנדעלט מיט אזא פעראכטונג.

זיא האט דארום אָבגעשטעלט דעם וויין אין א זייט און האט געוואָלט מיט׳ן קאָרב ארויסגעהן אין גארטען.

דיא מוטער האט זיא אָנגעקוקט.

— וואוהין ווילסט דוא געהן?

— אין גאָרטען. איך וויל עטוואָס אָנרייסען צום עסען.

— געה ניט אהין.

אורזולא האט עס געשפּראָכען אין א שטרענגען טאָן און פעדאָרא איז געבליעבען שטעהן.

— קוק מיר גלייך אין דיא אויגען. דוא בעהאלסט עטוואָס פון מיר.

— פוטער!

— האָסט דוא פיעללייכט, געזעהן דעם גנעדיגען גראף?

פעדאָרא האט זיך ערשראָקען. איהר געזיכט איז געוואָרען רויטה, וועהרענד זיא האט א נייג געטהאן מיט'ן קאָפּ.

— וואס האסט דוא מיט איהם געשפראָכען?

פעדאָרא האט געשוויגען.

— נון, וואָס שווייגסט דוא? — האט אורזולא געשריען — דוא דארפסט מיר אלעס זאָגען. יעדען וואָרט וועסט דוא מיר ערצעהלען.

פעדאָרא האט זעהר שווער געאטהעמט. אָבער דאך האט זיא אלעס ערצעהלט וואָרט פיר וואָרט.

דיא אלטע אורזולא האט עטוואָס געמורמעלט צווישען דיא צייהן. זיא האט צוזאמענגעדריקט איהר פויסט און האט זיך פערטראכט.

פעדאָרא איז יעצט אוועק אין גארטען.

אלס זיא איז צוריק אריין איז דיא אלטע אורזולא געוועזן גאנץ אנדערש. זיא וואר מעהר ניט בייז, האט געקוקט אויף פעדאָראַן מיט פריינדשאפט, האט זיא גענומען צו זיך און האט ענדליך אין א ווייכען טאָן געזאָגט:

— פעדאָרא, עס איז שוין צייט מיר זאָלען זיך צושיידען.

דער וואלד־ענגעל האט זיא אָנגעקוקט מיט איבערראשונג.

— יא, דאס איז דאס בעסטע. דער פּאַסטער זאגט עס אויך. איך וועל דעריבער ריידען מיט מיין ברודער. דיא גרעפין פאָן מעהרען האט זיך בעזעצט אין איהר הויז, וועלכען זיא האט אין דיעזען וואלד, פיעללייכט וועט זיא דיך נעהמען צו זיך. דוא ביזט גוט געבילדעט, דוא קענסט זאָגאר שפּיעלען קלאוויר.

דיא אלטע אורזולא האט מיט שטאָלץ אנגעקוקט איהר טאָכטער, דען קלאַוויר שפּיעלען, וואר פאר איהר דיא העכסטע שטופע פון וואהרער בילדונג.

— יא, מוטער. אָבער וועט מיך דיא גנעדיגע גרעפין וועלען נעהמען צו זיך?

— זאָרג ניט דערפאר, זיא האט שוין זעהר אָפט וועגען דיר גערעדט, זיא האט זאָגאר דיין אָנקעל געגעבען פאר דיר אייניגע קליידער, וועלכע זיינען נאך אזוי וויא נייע.... היער זיינען דיעזע פּרעזענטען.

פעדאָרא האט זיך געפרייט מיט דיא קליידער. דען אָבוואָהל זיא איז ניט געוועזן וויא אלע פרויען, וועלכע מאכען קליידער פאר דעם העכסטען ציעל אין זייער לעבען. דאך וואר זיא גענוג פרוי צו פערשטעהן, דאס שעהנע קליידער מאכען דעם מענשען שעהנער.

זיא האט דארום גענומען איין קלייד און האט זיא צורעכט געמאכט פאר זיך און האט מיט איהר מוטער גערעדט איבער פערשיעדענע זאכען.

פעדאָרא האט זעהר אונאנגענעהם געפיהלט.

זיא האט געדענקט וועגען איהר היים, וועלכע זיא האט ליעב און מוז זיא דאך פערלאסען. זיא האט געדענקט וועגען דיא פרעמדע לייטע צווישען וועלכע זיא דארף זיך יעצט געוואהנען צו לעבען, א זאך צו וואס זיא האט זיך ביז יעצט ניט איינגעוואוינט.

אָבער דאך, אזוי האט דיא מוטער בעשלאסען און דער פאסטער האט דערצו איינגעוויליגט און זיא האט ניט געוואגט צו זאָגען א וואָרט דאגעגען.

צוויי טעג זיינען פערגאנגען.

דיא צייט פון שיידען זיך מיט איהר היים, איז געקומען אלץ נעהענטער און נעהענטער.

פלוצלינג איז דעם וואלד־ענגעל בעפאלען א זאָנדערבארער געפיהל. זיא האט געוואלט נאך אמאל דורכגעהן דעם וואלד אום צו נעהמען אבשיעד פון אלע פלעצער, וואו זיא האט איהר קינדהייט דורכגעלעבט.

איהר ערסטער גאנג איז אָבער געווען צום דאָקטאָר בער, אום צו זאָגען איהם „א זיי געזונד". דער דאָקטאָר האט זיא אויפגענומען גאנץ פריינדליך.

— נו, מיין ליעבער ענגעל, — האט ער געזאגט — עס פרעהט מיך וואס איהר האט דעם אלטען בער ניט פערגעסען, דאס איהר זייט געקומען צו זאָגען איהם אדיע. איך בין ערשטוינט, וויא איהר האט זיך אויסגעפוצט וויא א דאמע. אָבער איהר זייט דאך פיעל בעסער פון דיא דאמען. דען אזא ריינעם הערץ און אזא פריישע נאטירליכקייט קען קיין היינטוועלטיגע פרוי פון דיא גרויסע שטעדט ניט בעזיצען.

פעדאָרא איז געוואָרען רויטה.

— וואוהין געהט איהר דען, ענגעל?

— צו דער גרעפין פאָן מעהרען.

— אין אונזער נאכבארשאפט?

— יא.

— אה, איך ערמאנער מיך. איך האב דיא גרעפין ניט לאנג צוריק געזעהן. איך ווינש אייך פיעל גליק, און איהר זאלט מיר אויף אימער בלייבען בראוו און עהרליך. נו, נו, בעליידיגט זיך ניט מיין ענגעל. איך האב גאָר ניט נויטהיג געהאט

אייך דאָס צו זאָגען, פערגעסט מיך ניט אין גאנצען, און ווען איהר ווילט ווידער אהער קומען, זאָלט איהר מיך בעזוכען.

פעדאָרא האט עס איהם פערשפּראָכען און האט זיך בעגעבען צום טהיר.

— גאָט זאל אייך שיצען, — האט דער דאָקטאר געזאגט און האט זיא בעד גלייט צום טהיר — איך ווינש אייך נאך אמאל פיעל גליק, שעהנער ענגעל.

אלס זיא איז פון איהם אוועק האט ער איהר נאכגעקוקט מיט פיעל בעוואונ־ דערונג.

פעדאָרא האט ווירקליך אויסגעזעהן רייצענד אין איהר דונקעל רויטהען קלייד און מיט דיא שעהנע פערפלאָכטענע האאר.

אָבער זיא האט פון איהר אויסזעהן ניט פיעל געטראכט, זיא האט זיך גע־ לאזט געהן דורך׳ן וואַלד און אויף צום טייך, וואו דער גראף האט זיא פערוואונדעט.

— היער איז דאָס געשעהן! — האט זיא געזאגט אלס זיא איז געקומען צום אָרט און האט אַלעס נאך אמאָל איבערגעטראכט.

זיא האט ניט געאהנט, דאס דער גראף זיצט ניט ווייט פון דיעזען אָרט, מיט א בוך אין האנד און בעטראכט זיא פון ווייטען. זיא האט געדאכט פון יענעם טאָג, ווען זיא האט דעם גראף צום ערסטען מאָל געזעהן און האט אויך געדאכט דאס יענער טאג איז דיא אורזאכע, ווארום זיא פערלאסט איהר היים. און ווארום א נייעס לעבען מוז זיך יעצט פאר איהר אָנפאנגען.

פערטראכט איז זיא געגאנגען ווייטער און איז געקומען גאנץ נאָהענט צום אָרט, וואו דער גראף איז געזעסען.

דער גראף האט זיא אין דער נייער קלייד קוים ערקענט, אזא איינדרוק האט זיא אויף איהם נאך קיין מאָל ניט געמאכט, און אלס ער איז דא געזעסען און האט געזעהן דעם טרויעריגען בליק און דיא מעלאנכאָלישע מינע האט איהם געשיינט דאס ער וואָלט געוועזן גליקליך, ווען ער זאל זיא ארומנעהמען און דריקען צו זיין ברוסט.

— דומהייטען! — האט ער צו זיך אליין געזאגט און איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. דער גערויש האט אָבער אויפגעוועקט פעדאָרא׳ן פון איהרע געדאנקען און זיא האט א קוק געטהאן צום אָרט, וואו דער גראף איז געשטאנען.

א שרעק איז דורכגעלאָפען איהר הערץ וויא זיא האט איהם דערזעהן. זיא איז איין ווילע געבליבען שטעהן אויף איין אָרט און האט געקוקט גלייך צום זייט, וואו ער איז געשטאנען. אבער פּלוצלינג האט זיא געפאסט איהרע געדאנקען, און האט זיך געלאָזט געהן פון אָרט מיט ראשע טריט.

דער גראף איז ערשטוינט געוואָרען איבער איהר בענעהמונג. גראדע יעצט האט זיך איהם געוואָלט מיט איהר צו ריידען, ווארום איז זיא אנטלאָפען? ווער האט איהר געשאָנקען דיעזע קלייד? דאס מיידעל קען ניט זיין אורזולא'ס קינד. אזוי אונעהרליך קען ניט זיין א קינד פון איהר מוטער, אויסערדעם איז שוין אורזולא צו אלט......

ביי דיעזע געדאנקען האט דער גראף געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ. ער האט יעצט דערזעהן א גאנצע קעטע פון געהיימניסע.

ער האט ווייטער נאכגעקוקט דער אנטלאָפענער און האט דערזעהן וויא אין האסט האט פעדאָרא פערלאָרען דעם קליינעם וויסען הוט פון איהר קאָפּ, עס וואר דער הוט, וועלכען דיא גרעפין פאָן מעהרען האט געשיקט צוזאמען מיט דיא איבער־רינע קליידער.

ער איז צוגעגאנגען און האט דעם הוט אויפגעהויבען. אויס נייגירדע האט ער דעם הוט בעטראַכט. ער וואר זעהר שעהן בעפוצט מיט ראָזען זייד און ווייסע פעדערען. אין דער הוט האט מען גאנץ לייכט געקענט לעזען דיא פירמא פון א גרויסען הוט געשעפט אין שטאָדט.

מיט כעס האט דער גראף געשליידערט דיא הוט צו דער ערד. יעצט וואר ביי איהם געוויס דאס דיעזער וואלד־ענגעל האט איין ליעבהאבער, וועלכער פוצט זיא אויס און זיין צאָרן האט זיך דערפון צופלאַמט.

אויף זיין לאַנד זאל ניט געשעהן אזא פערברעכען, דאס דיא אלטע אורזולא זאל פערקויפען איהר טאָכטער. דען דאס דיא אלטע איז אין דעם שולדיג, ניט פעדאָרא, דאס וואר ער זיכער.

פעדארא איז אונשולדיג, דערצו אויסערדעם, ווייס ער דאך יעצט דאס זיא ליעבט איהם מיט א וואהרער, ריינער ליעבע.

דער געדאַנק דאס איין אנדערער ליעבט דאס מעדכען, וועלכע ליעבט איהם האט אויף איהם געווירקט און ער האט זיך יעצט ארומגעזעהן דאס ער אליין קען זיא בעגעהרען.

ביי זיין ערסטען צאָרן האט ער דיא הוט צוטראָטען מיט דיא פיס, אָבער באלד האט ער זיך בערעכענט דאס פעדאָרא וועט זיך געוויס אומקעהרען איהר הוט צו זוכען; ער האט דארום דעם הוט אויפגעהויבען, האט איהם עטוואָס צורעכט געמאכט, האט אריינגעלעגט א גאָלד שטיק אין דעם זייד, אום צו בעלאָהנען איהר פאר דעם שאדען און האט דיא הוט אויפגעהאנגען אויף א צווייג.

דער גראף האט זיך פאָרגענומען צו בעאָבאכטען דיא אלטע אורזולא און צו

בעשיצען דאס מערבען ווען עס איז נויטהיג. דיא בלומע זאל ניט געטראָטען ווערען אין שטויב, דאס וועט ער ניט צולאָזען.

פעדארא איז געקומען זעהר צוהיצט נאָך הויזע.

— וואו האסט דוא דיין הוט אהין געטהאן? — האט דיא אלטע געפרעגט.

פעדאָרא האט זיך ערשראָקען.

— אָך, איך האב איהם געוויס פערגעסען אין וואלד.

— דאן געה שנעל און ברענג איהם פון דאָרט, דען מאָרגען דארפסט דוא געהן צום גייסטליכען.

פעדאָרא איז ווידער אוועק צום פּלאַץ אין וואלד און נאכדעם וויא זיא האט זיך איבערצייגט דאס דער גראָף איז שוין דארט מעהר ניטאָ איז זיא צוגעגאַנגען צום ארט, וואו דער הוט האט געהאנגען און האט איהם אראבגעחאפּט פון צוויינ, דער גאָלד־שטיק איז דערביי ארויסגעפאלען, אבער זיא האט עס ניט בעמערקט. שנעל איז זיא מיט דעם הוט צוריק געלאָפען א היים.

אלס זיא האט דעם הוט געוואלט אוועקלעגען אויפ'ן טיש האט איהם אור־זולא אויסגעריסען פון איהר האנד.

— וויא זעהט אויס דער הוט! ער איז דאָך אין גאנצען צוטראָטען! אזוי האלסט דוא דיינע זאכען? נון, דוא קענסט מאָרגען געהן מיט א נאקעטען קאָפּ צו דער גרעפין. וואס האסט דוא מיט דעם הוט געטהאן?

— אָך, איינער האט איהם געמוזט צוטרעטען מיט דיא פיס.

— זאָל יענער געהן צום טייפעל! — האט אורזולא אויסגעשריען מיט צאָרן און איז ארויסגעלאָפען פון הויז.

פעדאָרא האט פּרובּירט דעם הוט צו פערריכטען.

ווארום האט דער גראָף צוטראָטען איהר הוט? עס האט איהם געוויס גע־ערגערט ווארום זיא איז ווידער געקומען פאר זיינע אויגען. נון, יעצט, וועט ער זיא שוין מעהר ניט זעהן.

אָבער ווארום האסט ער זיא אזוי שטאַרק? נור פיעללייכט איז עס בעסער, וואס ער פערטרייבט זיא פון זיך. זיא וועט זיך יעצט בעמיהען פון איהם מעהר ניט צו דענקען.

אויף מאָרגען איז דיא אלטע אורזולא און איהר טאָכטער פּעדאָרא אוועק נאָך דעם ווילעדזש „קלעאָפּאטרא“.

פעדאָרא האט זיך צוערסט צוזעגענד מיט דעם אלטען גייסטליכען. דיעזער אלטער מאן האט זיא ערמאינערט זיא זאל היטען איהר ריינעס הערץ און האט איהר

צום אבשייד גענעבען א קליינעם, גאָלדענעם קרייץ אויפ'ן האלז. אלס זיא האט איהם שוין פערלאָסען האט ער זיא צוריק גערופען און האט צו איהר געזאָגט.

— מיין גאָט, ווען דיך וועט עטוואָס אין לעבען דריקען דאַן בעט צו גאָט, ער זאָל דיר געבען קראַפט צו פערטראָגען דיא שמערצען. ווען עס וועט דיר אין גאַנצען שלעכט ווערען דאַן שרייב צו מיר, אָדער קום צו מיר, איך וועל דיר זיין א פריינד פיר דאָס גאַנצע לעבען.

פעדאָראַ האט עס איהם פערשפּראָכען און נאכדעם ווען זיא האט איהם נעקוסט אין האנד האבען זיי זיך צושיידעט.

א לייזער רעגען האט נעגאָסען איבער דער אלטער אורזולא און איהר בעגלייטרין אלס זיי זיינען געגאַנגען דורך'ן וואלד.

— עס ווערט שוין ווינטער! — האט דיא אלטע בעמערקט, עס וועט מיר זעהר לאַנגווייליג זיין אָהן דיר אין דיא לאַנגע ווינטער נעכט.

— אך מוטער, וויא וועט מיר וועה טהאן דאס הארץ, ווען איך וועיס, אז דוא ביזט אזוי פערלאסען. איך האף, אז דוא וועסט אָפט קומען צום אנקעל אום איך זאל דיך קענען זעהן.

ביידע זיינען יעצט געגאַנגען דעם איבעריגען שטיק וועג, אָהנע א וואָרט צו ריידען. אלס זיי זיינען אָנגעקומען צו זייער ציעל, האט זיי דער אלטער דיענער וואלטהער אנגעקוקט מיט שרעקען, און האט געזאָגט:

— איך האב דאך דיר געזאָגט דאס דוא זאָלסט ווארטען ביז דיא גנעדיגע נרעפין וועט דיך בעזוכען!

דיא אלטע אורזולא האט איהם עפּעס אריינגערעדט אין אויער און זיין געזיכט איז געוואָרען עטוואָס פריינדליכער.

- נון, זאָל שוין זיין אזוי! — האט ער דאַן געזאָגט — ווען פעדאָראַ וועט דער גרעפין ניט געפעהלען, וועט זיא קענען פערברענגען ביי מיר א געוויסע צייט.

ער האט זיי ביידען אריינגענומען אין הויז און האט באַלד איבערגעגעבען פעדאָראַ'ן דיא ארבייט צום מאכען טהעע אויף א ספּירימ מאשינע.

דעם אלטען וואָלטהער איז געפעהלען געוואָרען איהר ארבייט.

— דוא ביזט ווירקליך א שעהנע מיידעל, ביזט פלינק וויא א פויגעל און פריש וויא א יאגדע.

ער האט דאַן ערצעהלט דאס דיא גרעפין איז שוין זייט איינינע טעג אויף א רייזע צווישען דיא בערג און דאס זיא דאַרף הייטע אבענד צוריק קומען. דיא גרעפין פערלאנגט פון פעדאָראַ'ן ניט מעהר וויא פינקטליכקייט און געהאָרכזאַמקייט

נאָך האָט פעדאָרא מיט קיינעם ניט פּלוידערען, און דאָס די גרעפין איז איין בראַווע פרויענצימער, וועלכע צאָהלט מיט'ן פולען האַנד.

די אַלטע אורזולאַ האָט זיך געפרעהט מיט איהר ברודער'ס ערצעהלונג. פּלוצלינג האָט זי געזאָגט :

— פעדאָרא, געה אַרויס און ברייננ פון ברונען אַ פרישע גלאָז וואסער.

ווי פעדאָרא איז אַרויס האָט די אַלטע געפרעגט איהר ברודער :

— קומט דער גראַף פאָן פינקענשטיין אַהער ?

וואַלטהער האָט זיין שוועסטער אָנגעקוקט.

— ווי קומסט דו צו דיזער פראַגע ?

— איך וויל ניט דאָס דער גראַף זאָל מיט פעדאָרא'ן צוזאַמען קומען, זי איז אַ שעהנעס מעדכען און...

— זאָ זאָ ! דו קענסט רוהיג זיין, דער גראַף האָט קיין פערבינדונג מיט דער גרעפין און ער וועט אַהער וואהרשיינליך ניט קומען.

אורזולאַ האָט לייכטער אָפּגעאָטהעמט.

באַלד איז פעדאָרא אַריין אין הויז און נאָך אַ קורצען געשפּרעך האָט זיך איהר מוטער אורזולאַ מיט איהר געזעגענד און האָט פערשפּראָכען צו בעזוכען זי אין דריי וואָכען שפּעטער.

פעדאָרא'ן איז געפעלען געוואָרען איהר נייער אָרט און איהר נייער היים דאָך האָט זי שטארק געוויינט ווען איהר מוטער איז פון איהר אַוועק.

וואַלטהער האָט זי אַרומגעפיהרט איבער'ן גאַנצען האָף, האָט איהר געצייגט יעדען צימער און יעדע געביידע און האָט איהר בעקאַנט געמאַכט מיט דער גרעפינס געוואָהנהייטען.

מיט בעזאָנדערע נייגיעריגקייט האָט פעדאָרא בעטראַכט די צימערען וואו די גרעפין וואָהנט. איהרע אויגען זיינען געפאַלען אויף אַ פּאָרטרעט וועלכער שטעלט פאָר איין מעדכען פון אונגעפעהר פופצעהן יאָהר.

— ווער איז דאָס ? האָט זי געפרעגט איהר אָנקעל.

— דאָס איז די גרעפין העדוויג פאָן מעהרען.

ניט לאַנג האָט עס געדויערט און דער אָבענד איז אָנגעקומען.

פעדאָרא האָט דערהערט אייניגע שטימען, און דער אַלטער וואַלטהער האָט איהר געהייסען אַריינגעהן אין זייטיגען צימער און האָט איהר געהייסען זי זאָל פון דאָרט ניט אַרויסגעהן ביז ער וועט זי רופען.

פעדארא האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינען, אין זיין גאנצער בענעהמונג איז געלעגען עטוואס געהיימעס, וואלטהער האט בעמערקט איהר איבערראשטען בליק און האט צו איהר געזאגט.

— פערשטעהסט דוא, דיא גרעפין דארף צו ערסט געמאלדען ווערען פון דיין בעזוך איידער זיא קריעגט דיך צו זעהן.

דערמיט איז וואלטהער ארויס און פעדארא האט געהערט וויא ער האט צו־געשלאסען דיא טהיר.

וואלטהער איז גלייך אוועק צו דער גרעפין.

דיא גרעפין העדוויג פאָן מעהרען איז געזעסען אויף א וויכען שטוהל. זיא האט געטראָגען א קלייד פון דונקעל בלויען סאמעט, וועלכע איז געזעסען שטייף ארום איהר טאליע.

ניט ווייט פון איהר איז געשטאנען א יונגער מאן, אין דיא קליידער פון א שטאַלמייסטער. עס האט געשיינט דאס אזוי שנעל וויא וואלטהער איז אריינגעקומען האבען זיי ביידע אויפגעהערט צו ריידען.

— נון וואלטהער, וואס ברענגסט דוא נייעס? — האט דיא גרעפין איהם באלד געפרעגט.

— גנעדיגע גרעפין, מיין ניכטע פעדאָרא איז אהער געקומען.

— דער וואלד ענגעל?

— יא, גנעדיגע גדעפין, מיין שוועסטער אורוולא האט זיא היטע אהער גע־בראַכט.

— דאָס איז אביסעל צו שנעל, — האט דיא גרעפין עטוואָס פערדריסליך גע־זאָגט. איך האב דיין ניכטע געוואָלט צוערסט בעזוכען אין איהר וואהנונג. זיא איז אָבער שוין דא, און לויט וויא דוא האסט מיר א מאָל ערצעהלט מוז זיא זיין איין מערקווירדיגע שעהנהייט.

— זיא איז שעהן אָהן עהרליך, — האט וואהלטער בעמערקט.

— דאס פרעהט מיך, ברענגט זיא צו מיר אין א פיערטעל שטונדע שפעטער.

אַלס וואָלטהער האט זיך ענטפערענט, האט העדוויג איהר געשפרעך מיט דעם שטאַלמייסטער פאָרטגעזעצט.

מען דארף עס קוים בעמערקען דאס דיעזער שטאַל־מייסטער וואַר קיין אנדע־רער אַלס דער אנטלאָפענער פּרינץ שטאַנד,

מיר האבען יעצט נויטהיג צו ערצעהלען וויא עס איז צוגעגאנגען מיט פראנץ שטאנד ווען ער איז מיט דעם הויז־פערוואלטער אוועק פון מינכען.

דיא רייזע פון מינכען נאך רעגענסבורג, ווער פאר דעם אנטלאָפענעם א רר היגע. קיין זאך האט ניט פאסירט וואָס זאל איהם ערשרעקען אָדער דראָהען מיט געפאהר.

אויפ'ן וואָגזאל פון רעגענסבורג האט דער אלטער דינער וואלטהער איבער־גענומען דיא צוויי מענער. דיא בעגריסונג צווישען דעם דינער און דער פערוואלטער וואר א גאנץ קאלטע. נור מיט איינינע ווערטער האט דער פאול ראדאָוו דעם אלטען וואלטהער ערצעהלט וועגען וואס דא האנדעלט זיך.

— איך האב אייך דא ערווארטעט, — האט דער אלטער דינער קאלט געענט־פערט — דיא גנעדיגע גרעפין האט מיר שוין אלעס מיטגעטהיילט.

דערפאר אָבער איז דיא בעגריסונג צווישען דעם דיענער און דעם אנטלאָפע־נעם פראנץ געווען פיעל פריינדליכער. דיא פערזיכערונג, וואס העדוויג האט געגע־בען, אז פראנץ איז אונשולדיג האט געמאכט א גרויסען איינדרוק אויף דיעזען זאָנ־דערבארען מענשען. דער דינער האט געפיהלט מיטלייד מיט דיעזען פערפאָלגטען, אונשולדיגען מאן.

— נאָמיר פון דאנען פאָהרען! — האט דער פערוואלטער געזאגט אונגעדולדיג. מיין צייט איז געמאָסטען.

— פאהרט איהר ניט צוריק? — האט וואלטהער געפרעגט.

— ניין.

— איהר פאהרט מיט אונז אין האף?

— גאנץ נאטירליך.

— טהוט וויא איהר ווילט, מיר קענען אבער ניט געהן צו זאמען.

— ווארים ניט?

דאס קען ווערין פערדעכטיג, מען מוז זיין פארזיכטיג, איהר ווייסט דאך דאס דיעזער יונגער מאן דארף הייסין מיין פליעמעניק.

— דאן געהט מיט איהם פאָראויס, איך געה אייך נאך.

אבוואהל פראנץ האט געזעהן אז דער אלטער מאן איז צו איהם פריינדליך און דאס ער קען זיך אויף איהם פערלאסען דאך האט ער געפיהלט זעהר טרויעריג ביז ער האט ערררייכט דעם ווילעדזש „קלעאָפאטרא".

דער ווילדזש האט אנגענומען דיעזען נאמען „קלעאָפאטרא" נאך דעם וואונש

פון דער גרעפין הערדווינג, וועלכע האט אויך געוואלט מען זאל זיא רופין מיט דעם נאמען. אויף איהר בעפעהל האט וואלטהער אבגעמעקט דעם אלטען נאמען פון דער לאנטערנע ביי'ן פאלאסט און האט אויפגעשריבען דעם נאמען „קלעאפאטרא“ אין גרויסע, העלע בוכשטאבען.

דער אלטער דינער האט זאפארט אנגעוויזען פאר פראנץ'ן א צימער, וועלכער איז געלעגען עטוואס ווייטער פון אלע איבעריגע צימער, ווער אייך קליין און האט געהאט א קליינע פענסטער גאנץ הויך פון באדען.

אין דיעזען קאמער האבען זיך געפונען נור דיא נויטהווענדיגסטע זאכען פאר איין איינציגען מענשען. דער צימער מיט דיא ביסעל ארמע מעבעל, האבען געגעבען א פינסטערען, און זעהר ארמען אויסזעהן.

פראנץ שטאנד האט זיך ארומגעקוקט און אהן זיין אייגענעם וויסען און אויך אהן זיין אייגענעם פיהלען האט זיך אויף זיין געזיכט אויסגעדריקט א מינע פון איי־נעם וואס געפינט זיך געטוישט.

וואלטער האט דיעזעס בעמערקט.

— ווען דא פעהלט אייך עטוואס פאר אייער בעקוועמליכקייט, זא וועט עס געוויס פערזארגט ווערען. מיר מוזען נאטירליך בערעכענען דאס איהר זייט מיין נעפע, וועלכער איז יעצט געקומען פון אמעריקא און איהר דארפט ניט האבען צופיעל רייכטהום און צופיעל בעקוועמליכקייט.

פראנץ האט אויסגעשפראכען זיין דאנק און האט דערביי ערקלעהרט, דאס עס איז גאנץ ווייט פון איהם צו מאכען אירגענד וועלכע אנשפריכע אויף זאכען צו וועלכע ער איז ניט בערעכטיגט. אלעס וואס מען האט פון זיינטוועגען געקענט טהאן האט מען גאנץ געוויס געטהאן און ער וויים אויך ניט, וויא אזוי ער וועט עס גאר אמאל קענען בעדאנקען.

— דיעזער צימער, — האט דער דינער ערקלעהרט, — איז אנפאנגס געוועזען א שפייזע צימער. איך האב איהם איבערגעמאכט פאר אייער וואהנונג, וואו איהר וועט זיך קענען בעהאלטען. דען איהר מעגט שטעהן אונטער דער גרעפין'ס שוץ נאך צוויי מאל אזוי פיעל, מען קען אבער דאך ניט וויסען, וואס עס קען זיך מאכען.

— האט איהר דען פורכט? — האט פראנץ געפרעגט מיט איין אונזיכערע שטימע.

— דאס גראדע ניט

— דיא גרעפין רעכענט דאס עס וועט גאר קיינעם ניט איינפאלען צו זוכען ביי איהר אין הויז דעם אנטלאפענעם.

— גאנץ געוויס. איך רעכען אויך אזוי, דאך מוז מען זיך היטען, וויא ווייט מען קען און עס שאדעט קיין מאָל ניט צו זיין פאָרזיכטיג. דיא ריכטער האבען שארפע אויגען.

— און מיט וואס איז אין דיעזען צימער דיא זיכערהייט גרעסער וויא אין איין אנדער פלאַץ?

— ווייל איהר קענט פון דאנען פיעל לייכטער אנטלויפען.

פראנץ האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען. ער האט ניט געוואוסט, וואס דעם אלטענס רייד בעדייטען.

דער אלטער האט אָבער געלאכט.

— איהר פערשטעהט ניט וואָרום פון דאנען איז לייכט צו אנטלויפען? — האט ער געפרעגט — גאנץ איינפאך, ניט ווייט פון דאנען איז דער קעלער.

— דער קעלער?

— יא.

— וואָס מיינט איהר דערמיט?

— פריהער איז דיעזע געביידע געוועזן א יאגד־פלאַץ, מען האט דאָ גאנץ אָפט געמאכט אונטערהאלטונגען און דארום וואר עס גאנץ וויכטיג דאס דער קעלער מיט דעם שפייז־צימער זאָלען זיין פערבונדען איינע מיט דיא אנדערע.

— איז עס אזוי?

— יא.

— אָבער איך פערשטעה ניט.

— נון איהר וועט עס באלד פערשטעהן. איך נעהם זיך זאָגאר דיא פרייהייט צו ענטדעקען אייך אָהן דיא ערלויבניס פון דער גרעפין א געהיימניס, וועלכען קיינער אויסער אונזביידען וויים ניט. איך טהו עס אָבער ווייל איך וויים, אז איהר וועט זיך דאן פיהלען זיכערער אין אייער היים.

— א געהיימניס?

— יא.

— געוויס א געהיימע טהיר, וועלכע מען קען אזוי לייכט ניט געפינען?

— איהר האט עס געטראָפען. זעהט איהר דאָרט דעם שראנק?

— נאטירליך.

— דיעזער שראנק איז פאר אייער נארדראָבע אבער צו דערזעלבער צייט איז עס אייער וועג צום אנטלויפען.

פראנץ שטאנד האט געווארפען א בליק אויפ'ן אלטען דיענער און אויפ'ן שראנק.

— קומט, איך וועל אייך ווייזען.

וואלטהער האט געעפענט דעם שראנק און האט געזאגט:

— קומט אריין אין שראנק.

אלס פראנץ האט עס געטהאן האט וואלטהער ווייטער געזאגט:

— יעצט טרעט ארויף מיט דעם רעכטען פוס אן דער הינטערסטער עק, נעך דיכט צום וואנד, זא....

פראנץ האט געטהאן וויא מען האט איהם געהייסען. יעצט האט ער געזעהן וויא א טהייל פון דער הינטערסטער וואנד אין שראנק, עפענט זיך און דיא וואנד פון צימער האט זיך בעוויעזען.

— יעצט בעמערקט גוט, — האט וואלטהער געזאגט — א מעטער הויך פון דיא דילען געפינט זיך א הוק זעהט איהר איהם?

— יא.

— נעהמט אן דיעזען הוק און דרעהט איהם רעכטס.

פראנץ האט געטהאן וויא מען האט איהם געהייסען. א טהייל פון וואנד האט זיך גענומען אבטהיילען פון וואנד און האט זיך גענומען רוקען אין איין זייט. עס וואר א טהיר וועלכע האט זיך געעפענט מיט א קונסטפאלער מאשינע.

— קוקט זיך נור גוט ארום, — האט דער דינער געזאגט אלס פראנץ האט געוואלט געהן דורכ'ן טהיר. יעצט קומען טרעפ?

— וואוהין פיהרען דיעזע טרעפ?

— צום קעלער.

— און איהר דענקט דאס אין א צייט פון נויטה קען איך זיך אין קעלער בעהאלטען?

— יא.

— וועט מען אבער דאמאלס דעם קעלער ניט דורכזוכען?

— וועגען דעם איז שוין אויך פערזארגט געווארען.

— און וויא זא?

— איידער איהר קומט אריין אין קעלער געפינט איהר א טהיר, וועלכע זעהט זיך ניט פון צווייטען זייט און וועלכע עפענט זיך און שליסט זיך דורך א געהיימע מעכאנאציע. צווישען יענער טהיר און דיעזער ליעגט א קליינער פוסטער פלאץ,

וועלכען קיין מענש אויסער אונז וויים ניט, אין וועלכען קיינער קען אייך ניט געפינען.

— קען מען פון קעלער אנטלויפען ?

— געוויס! איהר קענט דאך ניט צו לאנג בלייבען אין יענעם קליינעם פלאץ, וויל ער איז אזוי גוט וויא אהן לופט, און מען קען אין איהם ערשטיקט ווערען. אבער איך האף דאס עס וועט ניט קומען אזוי וייט! — האט ער ענדליך געזאגט טרייסטענדיג.

— ווילט איהר זיין אזוי גוט און ווייזען מיר דעם גאנצען אויסגאנג ?

— געוויס, וועל איך דאס טהאן, יעצט קען עס אבער ניט געשעהן. וויל יעדען אויגענבליק קען אהער קומען דער פערוואלטער און איך וויל ניט ער זאל דאס וויסען.

פראנץ שטאנד האט זיך צוריק־געצוינגען און וואלטהער האט זעהר שנעל צו־געשלאסען דיא געהיימע טהיר.

— איך הער שריט, — האט דער דינער געזאגט — דאס איז אהן צווייפעל דער פערוואלטער.

דער אלטער האט געטראפען, פאול ראדאוו איז ווירקליך ערשינען און אין א שטונדע שפעטער איז אנגעקומען א טעלעגראמע אויס מינכען, וועלכע האט פאול ראדאוו בעפאהלען צו ווארטען אויף דער גרעפין העדוויג.

דער פערוואלטער איז זאפארט אוועק צוריק צום באהנהאף פון רעגענסבורג, וואו ער האט איבערגענומען דיא גרעפין און איהר קאמער־דינערין.

דערוויל האט וואלטהער אויסגעניצט יא געלעגענהייט צו פיהרען פראנץ'ן דורכ'ן קליידער שראנק און האט איהם געוויזען וויא אזוי ער קען אנטלויפען אין וואלד דורך דיעזען קעלער.

אלסביידע האבען זיך ווידער אומגעקעהרט אין צימער, האט פראנץ געזאגט:

— איין פראגע וויל איך מיך ערלויבען.

— ביטע.

— איך האב שוין מיט דער גרעפין דריבער גערעדט און זיא מיינט, דאס איך דארף אייך דריבער פרעגען.

— וואס איז דאס ?

— דאס איז וועגען אייער פליעמעניצע.

— וויא ? וואס ווייסט איהר פון מיין פליעמעניצע ? איהר מיינט דאך געוויס דעם וואלד־ענגעל.

— יא.

— פון וואנען קענט איהר זיא

פראַנץ שטאַנד האט יעצט וויעדערהאָלט, וואס ער האט העדוויגען ערצעהלט און האט געענדיגט מיט דער פראַגע, אויב עס איז מעגליך דאס דער וואַלד־ענגעל וועט איהם ערקענען.

דער אלטער דינער האט דעריבער אהיבשע ווילע געדאכט, ענדליך האט ער פערזיכערט, דאָס דיא אונשולדיגע קינד פון וואַלד וועט געוויס איהם ניט ערקענען און וועט איהם אויך ניט פערדעכטיגען.

זייט יענעם אבענד איז אַ געוויסע צייט פאַראיבער, אָהנע עס זאָל עטוואָס וויכטיגעס פּאַסירען.

אין אַ געוויסען טאָג איז דיא קאַמער־מעדכען אריין צו דער גרעפין אין צימער און האט איהר מיטגעטהיילט דאס איהר געליבטער האט געקראַנען אַ גוטע און אַ זיכערע שטעלע און דאס זיא וויל יעצט געהן הייראַטהען.

— דאס קען איך אייך ניט שטערען, — האט העדוויג געזאָגט — ווען ווילט איהר הייראַטהען.

— אין פיער וואָכען.

— אזוי שנעל?

— אזוי ווינשט מיין געליבטער.

— און אויך דוא?

פּאולינא האט זיך פערשעהמט און האט זיך צולאכט.

— אהא! — האט העדוויג געזאגט און האט געקוקט אין פּאולינא׳ס געזיכט מיט שאַרפע אויגען — איך פערשטעה עטוואס...... האלט עס שוין דערביי? נון שעהמט זיך ניט, נור ארויס מיט דער שפּראכע, וואס געשעהן איז געשעהן. ווען ער וויל דיך הייראַטהען איז דאס קיין גרויסע זאך. איז עס ווירקליך נויטהיג דאס דוא זאָלסט אזוי שנעל ווערען אַ פרוי?

— יאַ, — האט דיא קאַמער־מעדכען געענטפערט.

— נאַ, דוא ביזט מיר געווען טריי און גוט און דארום וועל איך דיך ענטלאַסען אבוואָהל איך בין נאך ניט פאַרבערייט דערצו. וואו ווילט איהר זיך בעזעצען?

— אין בערלין.

דאס איז גוט, — האט העדוויג ביי זיך געטראַכט, דען אין הארצען וואַר זיא צופריעדען וואָס זיא קען אזוי לייכט פריי ווערען פון דיעזער מעדכען, וועלכע וויס אלע איהרע געהיימניסע. זיא האט אויך מורא געהאט נייע זאכען איהר אנצוטרויען. פאַרלויפיג האט פּאולינא ניט געוואוסט, ווער וואָלטהערס פלימעניק איז, אָבער ווער וויס אויב דאס קען פון איהר בלייבען אַ סוד.

העדוויג האט דארום איהר קאמער־מעדכען זעהר רייך בעלאהנט, זיא האט איהר געגעבען א סך פרעזענטען און א גוטען נדן, און אויף מארגען נאך דער מעלדונג האט פאולינא פערלאסען דעם ווילעדזש „קלעאפאטרא".

נאך דעם אבמאך מיט דער גרעפין העדוויג איז פראנץ שטאנד געגאנגען פערקליידעט וויא א שטאלמייסטער.

זעהר אפט איז דיא גרעפין מיט איהם אויסגעפאהרען רייטענדיג דורך דעם מאין, דער יונגער מאן איז איהר געפעלען געווארען און איהר וואונש איז אימער געשטיגען צו פערזארגען דיעזען עהרליכען מאן מיט א גליקליכער צוקונפט.

נאכדעם וויא פאולינא איז אוועק האט מען בעדארפט פערשאפען א נייע קאמער מעדכען און העדוויג האט זאפארט גערענקט וועגען דעם וואלד ענגעל.

זיא האט עס באלד מיטגעטהיילט איהר דינער וואלטהער וועלכער האט עס אויך מיטגעטהיילט זיין שוועסטער, ער האט נאטירליך ניט געדאכט דאס אורזולא וועט זיין אזוי היילינ, אבער אזוי שנעל וויא דער וואלד ענגעל איז שוין געקומען האט ער געהאפט דאס דיא גרעפין וועט מיט איהר געוויס צופריעדען זיין.

ווען וואלטהער האט דער יונגער גרעפין געמאלדען דאס פעדארא איז געקורמען האט זיא אונטערבראכען איהר געשפרעך מיט פראנצ'ן, וועלכער איז אוועק אין א צווייטען צימער, העדוויג האט באלד איבערגעטאהן איהרע קאסט קליידער און האט ערווארטעט דער נייער מיידעל.

באלד האט זיך דיא טהיר געעפענט און פעדארא איז אריינגעקומען.

אין ערסטען אויגענבליק איז זיא געווען אביסעל צו מישט, איהר קאפף איז ניט געשטאנען גאנץ גלייך אויף דיא פלייצעס, דאך איהרע אויגען האבען געהאט איין אפענעם פרייען אויסדרוק. העדוויג האט געטראגען א פראכטפאלע ראזע קלייד, וועלכע וואר טיעף אויסגעשניטען, זיא איז געזעסען אויף א וייכען שטוהל און האט איהרע קליינע פיס אויסגעצויגען אייף דעם שעהנעם דיוואן.

העדוויג האט געווארפען א שארפען בליק אויף דעם וואלד־ענגעל. אזוי שעהן וויא זיא האט אויסגעזעהן האט העדוויג זיך ניט פארגעשטעלט, אבוואהל זיא האט געהערט דאס פעדארא איז איין אונגעוועהנליכע שעהנהייט.

א מערקווירדיגער געפיהל האט אנגעפילט העדוויגס הערץ.

וואר עס א געפיהל פון אייפערזוכט, פון קנאה וואס פעדארא איז שעהנער פון איהר?

ניין, צו אזא גערדאנק איז העדוויג קיין מאָל ניט געווען פעהיג. העדוויג האט יעצט געפיהרט דעם נאָמען „קלעאָפּאטרא“ און „קלעאָפּאטרא“, האט ניט געדארפט מקנא זיין דיא שעהנקייט פון א צווייטער פרויענצימער. וואָס „קלעאָפּאטרא“ האט יעצט מקנא געווען איז ניט געווען דיא שעהנקייט, נור דיא אונשולד וואס האט גערוהט אויף פעדאָראַ׳ס געזיכט.

אַ קורצע ווײלע האט העדוויג פערגליכען זיך צו דיעזער פעדארא. אויך זיא האט אמאל אזוי אויסגעזעהען וויא פעדארא, אויך איהר הערץ איז אמאל געווען אזוי ריין און אזוי קינדיש. וויא איז דאס אבער פערשוואונדען? זיא האט עס פערלארען אויף אייביג.

נור איין מאל קומט דער פריהלינג מיט זיין יונגען צויבער און נור וועניג מענשען קענען איהם האלטען פעסט, דאן פערשווינדעט ער און מען קען איהם שוין מעהר ניט זעהן און דער גאנצער גלאנץ פון זאמער, דיא גאנצע שעהנקייט פון דיא בליהונגען קענען קיין מאל ניט פערגליכען ווערען צו דער שעהנקייט פון פריהלינג.

וויא פיעל טויזענדער מענשען ווינשען צו האבען וויעדער יענע גאלדענע צייט, דיא קינדערשע צייט, דעם פריהלינג פון לעבען וועלכע פילט אן דאס הערץ מיט טרוימען, גלייך וויא דיא ערד וואלט געווען א פּאראדיז.

קלעאָפּאטרא האט יעצט מיט א וועהטאג׳דיגע הערץ געטראכט פון איהר יוגענד און זיא האט זיך עראינערט אויף יענעם אבענד ווען דיא ריינע בלומע איז אָבגעבראָכען געוואָרען פון א שטורם־ווינד.

איינינע סעקונדען האבען זיך דיא צוויי מעדכען אנגעקוקט איינע אויף דיא אנדערע און האבען קיין וואָרט ניט גערעדט. אין העדוויגס הערץ האט יעצט געשטורמט, אין איהרע אויגען האט זיך אָבגעשפּיגעלט דער וועהטאג פון איהר הארץ, אבער מיט איין מאָל האבען איהרע אויגען גענומען בליצען.

דיא גרעפין העדוויג, אָדער וויא זיא האט זיך יעצט גענומען רופען קלעאָפּאטרא, האט געהאַט א שטאַרקען כאראקטער און זיא האט ניט געקענט זעהר לאנג פערזינקען אין געדאַנקען פון אונמוטהיגע זאכען, וועלכע זיינען שוין לאנג פערלארען.

פון איהר שטערן איז פערשוואונדען דער וואָלקען דורך א שמייכעל וואס האט איהר געזיכט בעלויכטען, מיט א ליעבעס ווירדיגען שמייכעל האט זיא בעגריסט דעם וואלד־ענגעל און האט זיא איינגעלאדען צו זיצען.

— זיי מיר געגריסט, מיין קינד! — האט העדוויג געזאגט — דוא ביזט צו מיר זעהר גוט רעקאָמענדירט געוואָרען און איך מוז זאָגען, דאס ווען דוא וועסט נור ערפילען

איין טהייל פון אלעס, וואָס דיין בראָווער אָנקעל האט מיר פון דיר ערצעהלט, זא
האב איך גאָר קיין בעסערע פון דיר ניט געקענט געפינען.

פעדאָרא׳ס באַקען האבען זיך בעדעקט מיט א רויטהקייט.

— זיא האט ניט געפונען וואס צו ענטפערן אויף דיעזע רייד, וועלכע וואָרען פאָר איהר א גרויסער קאָמפּלימענט און אויך וועלכע פעדאָרא האט געפיהלט דאס זיא וועט עס ניט קענען ערפילען.

— וויא רופט מען דיך? — האט דיא גרעפין ווייטער געפרעגט.

— פעדאָרא.

— מען רופט דיך אָבער אויך דער וואַלד־ענגעל?

— יאָ.

— נון זאג מיר, ביזט דוא א גוטער אָדער א שלעכטער ענגעל?

העדוויג האט דיעזע פראַגע געשטעלט אין אזא לוסטיגען טאָן דאָס פעדאָרא האט צו איהר געוואונען דעם גרעסטען צוטרויען.

אויף איהרע ליפּען האט געשוועבט א שעהנער שמייכעל און דאן האָט זיא געזאָגט:

— ווען מען רופט מיך ענגעל האָף איך דאס איך בין א גוטער ענגעל.

— ווינשט דוא איך זאָל דיך נעהמען פאר מיין קאַמער־מעדכען?

יעצט האט פעדאָרא ניט געוואוסט, וואס צו ענטפערען. עס וואר גראָדע ניט איהר וואונש, זיא האט פיעל בעסער געוואָלט בלייבען אין איהר וואלד און טרוימען וויא פריהער. עס וואָר דער ווילען פון דער אַלטער אורזולא דאס פעדאָרא זאָל געהן צו דער גרעפין. זיא איז געוועזן צו עהרליך צו זאָגען וואס זיא דענקט ניט אין הארצען.

— גרעפין, — האט זיא געזאגט — מיין מוטער האט בעשטימט דאס איך זאָל געהן אויף א שטעלע, זיא האט דעריבער געשפּראָכען מיט מיין אָנקעל און נאכדעם וויא איך בין שוין היער וועל איך געוויס שטרעבען צו בעמיהען זיך צו ערפילען אַלעס וואָס מען וועט פון מיר פערלאַנגען.

— אה, אה! — האט דיא גרעפין געזאָגט מיט א שמייכעל — דאַס קלינגט אזוי וויא דוא וואָלסט דא געוועזן געגען דיין אייגענעם גוטען ווילען.

פעדאָרא האט אראָבגעלאָזען איהרע אויגען און איהרע באַקען זיינען געוואָרען רויטה און נאך א קורצען דענקען האט זיא געזאגט:

— איך בין געוואָהנט צו פאָלגען וואס מען הייסט, ליעבע גרעפין.

אין דיעזען אנטוואָרט איז געלעגען אזא פיינער טאַקט דאָס דיא גרעפין האט זיא אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגען

— נח, — האט העדוויג געזאגט — דיין אָנקעל האט מיר ערצעהלט דאס דוא האָסט געהאט א גוטע ערציהונג. ווער האט דיין ערציהונג געפיהרט?

— פאטער טהאָמאס.

— ווער איז דאס?

— ער וואָהנט אין דיעזען דאָרף און פיהרט דיא גאָטעס דינסט אין דער קירכע.

— האָסט דוא געלערנט עטוואָס שפּראַכען?

— זעהר ווענינ, — האט פעדאָרא געענטפערט — פאטער טהאָמאס זאָגט דאָס איך דאָרף ניט האבען דיא שפּראַכען אום אויסצובילדען מיין גייסט.

— וואָס האט ער דיך געלערענט?

— אין ליטעראַטור, אין דיא בעסטע דייטשע ביכער, אין דער וועלט געשיכטע און אויך אין מוזיק.

— קענסט דוא שפּיעלען קלאַוויר?

— יא.

— האט דיך דיין לעהרער געלעהרנט שפּיעלען גייסטליכע ליעדער?

— גאַנץ געוויס.

— האָסט דוא אין הויז געהאט א פּיאַנא אויף וועלכער דוא האסט זיך געקענט לערנען?

— ניין, מיין מוטער האט עס ניט געוואָלט, זיא האט געזאגט דאס איך זאָל נור פלייסיג לערנען אין דעם גייסטליכענס הויז.

— האָסט דוא גאָר קיין מאָל קיין לוסט ניט געהאט צו לערנען עטוואָס וועלט־ליכע מוזיק.

— יא, יא, — האט דער וואַלד־ענגעל געענטפערט און דער קלאַנג פון איהר שטימע האט געקלונגען פיעל לעבעדיגער וויא פריהער. אויך אין איהרע אויגען האט זיך געוויעזען פייער וועלכען העדוויג האט ניט ערוואַרטעט צו זעהן אין פעדאָרא׳ס אויגען.

— האסט דוא ליעב א געוויסען קאָמפּאָניסט?

— איך ווייס נור פון איינעם, — האט פעדאָרא געזאָגט.

— און ווער איז דאָס?

— מענדעלזאָהן.

דיא גרעפין איז יעצט אריין מיט פעדאָרא׳ן אין א לאַנגען געשפּרעך איבער מוזיק און איבער קאָמפּאָניסטען און צו איהר איבעראַשונג האט זיא אויסגעפונען

דאס פעדאָראַ'ס אורטהייל איז א קלאָהרער און א זיכערער, אָבוואָהל עס האבען איהר געפעהלט געוויסע ווערטער אום אויסצודריקען איהרע געדאנקען.

דיא גרעפין איז יעצט אויפגעשטאנען פון שטוהל, איז צוגעגאנגען צום פיאנאָ און האט פון דאָרט גענומען אייניגע בלעטער נאָטען.

— עס איז זעהר גוט, — האט זיא צו פעדאָראַן געזאָגט — איך האב אויך ליעב מענדעלזאָהנ'ס מוזיק, שפיעל מיר עטוואָס פאָר.

— וואָס ווילט איהר הערען, גנעדיגע גרעפין?

— פריהער פון אלעס זאָלסט דוא וויסען דאס דוא דארפסט צו מיר קיין מאָל ניט זאָגען דעם וואָרט „גנעדיגע". זאג איינפאך גרעפין, דאס איז שוין גענוג. קענסט מיך אויך רופען קלעאָפּאטרא און דאס וועט זיין נאך בעסער. היער האסט דוא נאָטען, קלייב דיר אויס וואָס דוא ווילסט שפיעלען.

דורך דיעזע פריינדליכע ווערטער האט זיך העדוויג געפיהלט פיעל לייכטער, אלס זיא האט אליין געאָהנט. דיא שרעק איז פון איהר אלץ מעהר און מעהר פערשוואונדען. פעדאָראַ'ס בליק איז געפאלען אויף דיא נאָטען, וועלכע האבען געהאט דעם טיטעל: „מענדעלזאָהנ'ס ליעדער אָהן ווערטער".

— האסט דוא דיעזע נאָטען שוין געשפּיעלט? — האט דיא גרעפין געפרעגט.

— יאָ.

יעצט האט זיך פעדאָרא געזעצט ביי דער פּיאנא, איהרע צארטע פינגער האבען גענומען קלאפּען איבער דיא ביינדלעך און וואס מעהר העדוויג האט איהר געהערט שפּיעלען אלץ מעהר איז זיא פון דעם בעגייסטערט געוואָרען.

פעדאָרא האט קיין מאָל ניט געהאט דעם געדאנק זיא זאָל ווערען א קינסטלערין, וואָס זיא האט דאָ געשפּיעלט איז עס געוועזען אונבעוואוסט, אָבער העדוויג וועלכע האט אליין גוט געשפּיעלט און האט זעהר פּיעל גוטע מוזיקער געהערט האט זיך געמוזט מודה זיין, דאס זיא האט אין פעדאָראַן געפונען א קינסטלערין.

עס האט גאָר ניט געקלונגען וויא עס וואָלט דא געשפּיעלט געוואָרען אויף א טוידטען אינסטרומענט, עס האט געשיינט גלייך וויא פעדאָרא האט אין דעם אינסטרומענט אריינגעהויכט א נשמה, גלייך וויא דיא פּיאנאָ וואלט געוואָרען א טהייל פון דער שפּיעלערין אליין.

אלס פעדאָרא האט געענדיגט האט זיא אויף א היבשע ווילע געשלאָסען איהרע אויגען, דאן האט זיא זיך אויפגעשטעלט און האט אנגעקוקט דער גרעפין גלייך וויא זיא וואָלט איהר געפרעגט, אויב דער שפּיעלען איז איהר געפעלען.

— דאָס וואר מייסטערהאפט! — האט העדוויג געלויבט דער פערשעמטער מיידעל — איך מוז דיר זאָגען דאס דוא ביזט מיר פיעל מעהר געפעהלען געוואָרען אלס איך האב פון דיר ערווארט. גיב מיר דיין האנד, פעדאָרא.

נאך א קליינער פויזע האט העדוויג ווייטער געזאגט.

— איך וויים שוין יעצט פון דיר גענוג, אום צו זאָגען צו זיך אליין דאס דוא וועסט מיר זיין מעהר וויא א קאמער־מעדכען, דאס דוא וועסט זיין מיין געזעל־שאפטערין. דאך וועל איך דיך בעטען, דוא זאָלסט פאר מיר אויך זיין א קאמער־מעדכען.

— איך וועל טהאן אלעס וואָס איהר וועט מיר בעפעהלען.

— אָה, דוא דאַרפסט ניט ריידען אין אזא טאָן, דוא האסט דיין אייגענעם ווילען. איך נעהם דיך אן אלס מיין געזעלשאפטערין און איך דענק דאס דיא איבע־ריגע דינסט וואָס איך וועל פון דיר פערלאנגען וועסט דוא גערן טהאן נאכדעם וויא דוא וועסט מיך בעסער ערקענען.

פעדאָרא האט זיך פערנייגט.

דיא צוויי מעדכען האבען יעצט געשפּראָכען איבער פערשיעדענע זאכען. פּלוצלינג האט זיך העדוויג אָבגערופען.

— זאָג מיר פעדאָרא, קענסט דוא אויך שווייגען?

דיא גרעפין האט בעגלייט דיעזע פראגע מיט א פאָרשענדען בליק.

— שווייגען?

— איך מיין אויב דוא קענסט פערשווייגען אלעס, וואָס דוא וועסט דאָ זעהן און הערען.

— דאס איז דאך מיין פפליכט.

— דיא פפליכט אליין אין ניט גענוג, ווען מען איז פון דער נאטור געבאָרען צו פּלוידערען?

— אָה, גרעפין, פּלוידערען קען איך ניט. וויא זאל איך עס קענען, ווען מיין מוטער איז אזוי קאָרג אויף א וואָרט און איך האב גאר קיין פערקעהר מיט קיינעם ניט געהאט.

— אָבער דא וועט קיין פערקעהר ניט פעהלען, — האט דיא גרעפין ער־קלעהרט — דאָ וועלען קומען בעזוכער, דוא וועסט דאָ זעהן פערשיעדענע פערזאָנען, דוא וועסט מיט זיי מוזען ריידען, זיי וועלען דיר שטעלען פראגען.

— דיא פראגען, וואָס וועלען זיין וועגען אייך גרעפין, וועל איך קיין מאָל ניט ענטפערען:

— און ווען דיין אָנקעל וועט דיך פרעגען?

— אויף פאר איהם וועל איך שווייגען.

— דאס מוזט דוא טהאן. דוא טאָהרסט קיין אויסנאהמע ניט מאכען, זאגאר פאר דיין מוטער.

וועהרענד דיא לעצטע ווערטער האט זיך העדוויג אויפגעהויבען, אין איהרע ווערטער איז געלעגען איין אייזערנער בעפעהל. עס האט געשיינט גלייך וויא זיא וואָלט איינגעדרונגען אין פעדאָראַ'ס הארץ.

איינינע סעקונדען האבעןביידע געשוויגען. פלוצלינג האט זיא אָנגענומען פעדאָראַ'ס האנד און האט מיט אַ בעפעהלענדען טאָן געזאָגט:

— שווער מיר טרייהייט, געהאָרכזאמקייט און שטרענגע פערשוויגענהייט. וואָס איך פערלאַנג פון דיר איז צו פערשוויינען אלעס וואס דוא וועסט דאָ זעהען און הערען.

אויף פעדאָראַ'ס געזיכט האט זיך אויסגעמאָלט איבערראשונג און פורכט.

זיא האט זיך עראינערט אויף דער לעהרע פון דעם אלטען גייסטליכען, מען זאָל אויף קיין זאך ניט שווערען און זיא האט זיך יעצט איבערלעגט, אויב זיא זאָל ערפילען דער גרעפינ'ס פערלאַנג.

אבער עס איז איהר קיין אנדער וועג ניט געבליעבען, דען דיא גרעפין האט געזאָגט, דאָס זיא פערלאַנגט עס דורכאויס און מאַכט עס פאר דער ערסטער בע-דינגונג. — זיא האט זיא אויפגעהויבען איהר רעכטע האנד און האט געזאגט:

„איך שווער צו זיין אייך געטריי און צו פערשוויינען אלע נויטהיגע זאכען. מעג זיך גאָט פון מיר אָבווענדען ווען איך וועל דיעזען שוואור ברעכען"!

— איך בין צופריעדען! — האט דיא גרעפין געזאגט ערנסט, אָבער באַלד איז וויעדער געקומען דער פריינדליכער שמייכעל אויף איהרע ליפען און אין אַ לוס-טיגען טאָן האט זיא געזאָגט:

— איך ערנענע דיך פאר דעם ערסטען וואזאלין פון מיין שטאאט. דוא זאָלסט מיר שאַמיאָן און איראַס. ווייסט דוא ווער זיי זיינען געוועזן?

— ניין, — האט פעדאָראַ געענטפערט.

— דוא האסט קיין מאָל ניט געהערט פון קלעאָפאַטראַ?

— אָה, יאַ, קלעאָפאַטרא איז געוועזן אַ קעניגין פון עגיפטען.

— זיאַ וואַר דיא געליבטע פאַן אנטיוס, ניט וואהר?

— יאָ, זיא האט איהם פערראטהען.

— נון, מיין קינד, דעריבער האבען דיא געלעהרטע פערשיעדענע מיינונגען.

שאמיאָן און איראס ווארען קלעאָפּאטראס קאמער־פרויען, וועלכע זיינען איהר גע־בליעבען טריי ביז'ן טוידט. האט דיך קיין מאָל ניט אינטערעסירט צו לעזען וועגען דיעזער עגיפּטישער קעניגין?

— ניין, — האט זיא געענטפערט.

— ווארום ניט?

— אך גרעפין, יענע קלעאָפּאטרא האט דאך געדיענט געטצען און דערצו א זינדיגע פרוי.

העדוויג האט געלאכט און האט געענטפערט:

— נון מיר זיינען דאך אלע זינדיגע!

פעדאָרא האט שוין לאנג געוואוסט פון איהר גלויבען, אז אלע מענשען זיינען זינדער, דאך איז איהר אויפגעפאלען דער טאָן מיט וועלכען העדוויג האט דאס צו איהר געשפּראָכען, עס האט איהר געשיינט דאס זיא מוז פּראָטעסטירען געגען דער גרעפינ'ס מיינונג.

העדוויג האט עס בעמערקט, זיא האט איבערגעפיהרט דעם געשפּרעך אויף איין אנדער טהעמא און נאך א ווייל האט זיא געזאגט:

— איך וואָלט נאך וועלען מאכען א קליינעם שפּאציר־גאנג אין גאָרטען, גיב מיר מיין שווארצע קלייד און פערקאם מיינע האָאר, גאנץ איינפאך.

פעדאָרא איז יעצט געוואָרען עטוואָס אין פערלעגענהייט. זיא האט דאך נאָך קיין מאָל ניט פריזירט פרעמדע האָאר, און איהרע אייגענע האאר האט זיא גע־טראָגען אזוי איינפאך דאס עס איז גאָר קיין קונסט ניט געוועז דיא האאר צו פערקאמען.

שוייגענד איז זיא געגאנגען צו ערפילען איהר פפליכט, נור אזוי וויא זיא איז פון דער נאטור געוועזן זעהר געשיקט האט זיא פון זיך אליין פערשטאנען, וואָס פאר א פריזיר עס פאסט אם בעסטען צו העדוויג'ס געזיכט.

גאנץ לייז האט זיא צוזאמענגעקאמט דיא האאר און האט זיי ענדליך אויס־געפלאָכטען אין דער פאָרמע פון א קרוין אויף העדוויג'ס קאָפּ.

העדוויג האט געקוקט פערוואונדערט אין שפּיעגעל.

— אָה, דוא פערשטעהסט דאך זעהר גוט וויא צו פריזירען און דוא מיינסט דאס קלעאָפּאטרא מוז טראגען א קראהנע. נון, איך בין מיט דיר זעהר צופריעדען און איך מוז אנערקענען דיין ערסטע טהעטיגקייט. יעצט זיי אזוי גוט און העלף מיר אנטהאן דיא קלייד און דעם שוואַרצען מאַנטעל.

ווען דיעזעס איז אויך געשעהן האָט דיא גרעפין געזאָגט:

— דוא קענסט יעצט געהן אין דיין צימער און קענסט עסען דיין אבענ. ביי זיך אָדער צוזאמען מיט דיין אָנקעל, וויא דיר געפעהלט.

— ווען זאָל איך ווידערקומען?

— הייטע דארף איך דיך ניט מעהר, גוטע נאכט.

— איך ווינש אייך א זיסען שלאָף גרעפין.

פעדאָרא האט זיך געוואָלט פערנייגען און אוועקגעהן, אָבער העדוויג איז צו איהר צוגעגאנגען און האט זיא געחאפט ביין האנד.

— שלאָף דוא אויך געשמאק, דאָס איז דיא ערסטע נאכט אין דיין היים.

וויא פריינדליך העדוויג האט זיך בענומען געגען פעדאָרא׳ן, איז זיא דאך געוועזן צופריעדען ווען זיא איז פון איהר אוועק און איז פריי געוואָרען פון דער אונטערטהעניגקייט און פערלעגענהייט, וואס זיא האט געפיהלט אלס זיא איז געשטאַנען פאר איהר ווירטהין.

דיא גרעפין איז איהר געפעהלען געוואָרען. פעדאָרא האט גענומען פיהלען א ליעבע צו איהר ווירטהין אבער וואָרום, האט זיא זיך אליין געפרעגט מיט פערדרוס, וואָרום האט זיך דיא גרעפין פערגליכען מיט דער עגיפּטישער קעניגין קלעאָפּאטרא?

פעדאָרא האט געטראכט און געטראכט אבער אומזיסט, זיא האט ניט געפונען דיא אורזאכע.

דיעזעס מיידעל, וועלכע איז ערסט ארויס פון וואלד האט זיך געפונען איבערראשט פון אלעס וואס זיא האט אין דעם ערסטען טאָג געזעהן אין איהר נייען היים. איהרע געדאנקען ווארען פאָל. זיא איז אריין אין איהר צימער און האט דאָרט געטראכט ביז זיא איז איינגעשלאָפען געוואָרען אין איהר בעט.

— — — — — — — — — — — — —

זייט דער לעצטער בעגעגניש מיט פעדאָרא׳ן איז גראף פינקעלשטיין ניט מעהר געוועזן דער מאַן, וואָס ער איז ביז דאַמאָלס געוועזן.

ער, דער געוועזענער פיינד פון אלע פרויען, וועמען עס איז געוועזן גאנץ אונמעגליך צו זאגען א פריינדליכען וואָרט וועגען דיא פרויען און וועלכער האט געשוואָרען דאס זיין הערץ איז וויא אייזען פאר פרויען, — אָט דיעזער מאַן האט ניט געקענט רוהען צוליעב דיא געשטאלט פון א פרויענצימער.

דיעזע ענדערונג האט פעראורזאכט דער וואלד־ענגעל, וועלכע האט איהם געליעבט, וויא ער האט אליין געהערט, אָבער ער האט ניט געגלויבט דאָס עס קען אמאל מעגליך זיין דאס ער זאָל איהר ענטפערען מיט ליעבע.

(Mil. 34).

אבער דאך וואר עס אזוי, ער האט זיך אליין געמוזט מודה זיין דאס ער איז ניט מעהר דער זעלבער וואס אימער, ער האט אליין דעריבער געדאכט, וויא אזוי איז דאס מעגליך דאס ער זאל ווערען איין אנדערער, דאס זיינע אויגען זאלען מיט פערגעניגען קוקען אייף דער געשטאלט פון א פרויענצימער, און דאס זיין אויער זאל מיט פערגעניגען הערען א ווייבערשע שטימע.

אויסער זיינע געדאנקען וועגען דער שעהנער פעדארא, האט דער גראף געהאט אויך געדאנקען וועגען דער באראנין אדא פאן ערלען.

פאר אזא מאן, מיט אזעלכע עהרליכע פרינציפען וויא דער גראף וואר אונמעגליך צו האבען שלעכטע און זינדיגע געדאנקען.

ניעמאלס האט געקענט קומען אין זיינע געדאנקען צו ליעבען דיא פרוי פון א צווייטען מאן, ווען אזא געדאנק וואלט צו איהם געקומען וואלט ער איהם, דעם געדאנקען, אויך בעהערשט מיט אלע קרעפטען.

דאס אלעס האט איהם אבער ניט געשיצט ער זאל ניט דענקען פון דאס שעהנע געשטאלט און פון דעם זיעסען אויסזעהן פון דער באראנין.

זייט דעם געבורסטאג פון דער באראנין איז א גאנץ קורצע צייט פאראיבער, אבער דער גראף האט געהאט דעם געדאנק זיין פעטער נאך אמאל צו בעזוכען, דען ער האט געליבט דעם באראן פאן ערלען פאר זיין עדעלען מענערשען באראקטער. דאך האט דער גראף זיך אליין מודה געווען דאס ער וויל פאהרען זעהן ניט אזוי זיין אנקעל וויא זיין טאנטע, אדא פאן ערלען.

פלוצלינג, גאנץ אונערווארטעט האט זיך אין איהם ערוועקט אנייער געדאנק, דער געדאנק וועגען אפענהיימער.

דער גראף האט געהאט א שארפע אויג, אין וואר ווייט דערפון צו האבען א שלעכטען פערדאכט אויף זיין אנקעל'ס פרוי, אבער דאך איז ער דערפון געווען איבער צייגט דאס צווישען אדא און אפענהיימער הערשט א געהיימניס.

אבער וואס קימערט דאס איהם; וויפיעל געהיימניסע גיבען דאס אויף דער וועלט, וויפיעל פינסטערע דראמען שפיעלען זיך אפ אונטער דעם פארהאנג פון פאלשען גליק.

אין א געוויסען טאג האט ער ערהאלטען איין איינלאדונג פון באראן צו א יאגד אויף וועלכער עס וועלען זיך געפינען איינינע קאוואלערען און נור איין איינציגע דאמע, דיא באראנין.

דער גראף האט דיא איינלאדונג אנגענומען, אבער ער האט זיך עטוואס פערשפעטינט און אלס ער איז געקומען צום באראנ'ס פאלאסט האט ער ערפאהרען צו

דיא יאנד פארטיי איז שוין אבגעגאנגען, ער האט זיך געלאזט יאגען אויף זיין שנעלען פערד. באלד האט ער דער הערט דיא שטימען פון איינינע מענער און דורך דיא בוימער האט ער גזעהן דיא געשטאלטען פון דיא קאוואליערען, אבער דיא דאַמען האט ער ניט געזעהען.

דער גראף האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס איז, אָבער ער האָט עפּעס געפיהלט איין אונצופריעדענהייט. פון דעם וועג אויף וועלכען ער האט געריטען איז געגאנגען א זייטענער וועג, און ווען ער איז עטוואס ווייטער אבגעפאהרען האט ער דערזעהן דיע פּערזאָן וועגען וועלכער ער האט ערסט געדענקט. זיא וואר אליין, איהר קאָפּ וואר עטוואָס אראָבגעלאָזט און איהר גאנצע האלטונג האט אויסגעזעהן פּערטראַכט. פּלוצלינג האט זיך אדא א חאפּ געטהאן, זיא האט הינטער זיך דערהערט דיא טריט פון א פערד און זיא האט זיך ארומגעקוקט.

— אָה, גראף אָטטאָ,— האט זיא געזאָגט און האט צו איהם אויסגעשטרעקט דיא האנד.

— איך האָב מיך עטוואָס פערשפּעטיגט, אבער איך בין פּאר דיעזער מיהע גאנץ גוט בעלאָהנט געוואָרען.

— מיט וואָס זייט איהר בעלאָהנט? — האט אדא געפרעגט.

— דאדורך וואס איך האב יעצט דיא עהרע צו געבען אייך מיין ערסטען גרוס.

— וואָס פּאר א גליק ליעגט דארין?

אדא האט עס געשפּראָכען, גלייך וויא זיא וואָלט ניט פערשטאנען א קאָמפּלימענט. דער גראף האט זיא פון דער זייט בעטראכט. איהר געזיכט איז עטוואָס רויטה געוואָרען און דאך האט דער גראף געהאט דעם איינדרוק דאס פריהער א ווייל איז איהר געזיכט געווען בלאס.

אדא האט געפיהלט וויא דעם גראפ׳ס בליקען רוהען אויף איהר. זיא האט איהר געזיכט אביסעל אָבגעקעהרט פון איהם, אָבער פּלוצלינג האט זיא ווידער אויפגעהויבען איהר קאָפּ אין דער הויך. זיא האט ניט געוואלט אראָבפאלען פון מוטה, זיא האט שוין אזוי פיעל געפאהרען איבערגעלעבט און יעצט, יעצט ווען זיא געפינט זיך אויף דער הויכער שטופע מוז זיא קעמפּפען פאר איהר גליק, און בעסער שטארבען קעמפּפענדיג, איידער אליין אראבצוגעהן פון איהר הויכען גליק.

דער גראף האט יעצט אנגעפאנגען צו פיהרען מיט איהר א געשפּרעך. ער האט ניט געהערט צו יענע מענער, וועלכע קענען שטונדען לאנג פיהרען א געשפּרעך אָהנע עטוואָס צו בעשפּרעכען. ער וואר ווירקליך א מאַן מיט גייסט און האט געהאט א גאנץ גוטען פערשטאנד, דערצו וואר ער בערייזט און פּראקטיש,

אדא האט איהם געבעטען ער זאָל איהר עטוואָס ערצעהלען פון זיינע רייזען און דער גראף איז זעהר גערן נאכגעקומען איהר וואונש.

ער האט איהר ערצעהלט פון פערשיעדענע לענדער און אדא האט איהם אויפמערקזאם אויסגעהערט, און האט בעוואונדערט זיין פערשטאַנד און זיין מוטה.

דער גראף האט אָבער דיא גאנצע צייט געדאכט וועגען עטוואָס אנדערש. א געוויסע פראגע האט געשוועבט אויף זיינע ליפען, אָבער ער האט געפיהלט דאס ער האט קיין רעכט דערצו. דיא פראגע איז נעמליך געווען, אויב אָפּענהיימער האט זיא נאך א מאָל בעזוכט.

אלס דיא צוויי האבען אָנגעיאָגט דיא גאנצע געזעלשאפט פון דער יאַגד האבען זיי זיך אלע פריינדליך בעגריסט און אלע האבען גערעדט צוזאמען.

דער באראָן איז יעצט געפאָהרען צווישען דער באראָנין און דעם גראף און צופעליגער ווייזע, אָהנע עטוואָס צו דענקען, האט דער באראָן ערוואַהנט אין זיין געשפּרעך דעם נאָמען אָפּענהיימער.

דער גראף האט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און האט זיין פראגע געשטעלט.

וויא ער האט דעם נאָמען ארויסגערעדט האט ער בעמערקט וויא אדא האט אין דער שטיל א ציטער געטהאן, וויא דער צוים האט זיך געטרייסעלט אין איהר האנד. פון דיעזע צייכענס האט ער באלד בעשלאָסען דאס צווישען דער באַראָנין און אָפּענהיימער געהט פאָר א געהיימניס.

עס האט איהם לייד געטהאן צו דענקען, דאָס אדא געפינט זיך אין אָפּענהיימערס האנד און עס איז איהם געקומען דער געדאנק, אויב עס איז ניט מעגליך, דאָס ער זאָל זיא בעפרייען פון זיין מאכט.

דיעזער געדאנק האט יעצט אָנגעפילט זיין גאנצען קאָפּ. ער האט דערפון געדענקט אויף דער יאגד, ער האט דערפון געדענקט נאך דער יאַגד און האָט אויך דעריבער געטראכט, ווען ער איז געווען צוריק אין זיין שלאָס.

עס וואר אויף מאָרגען נאך דער יאגד, גראף אָטטאָ האט אלץ ניט געקענט איינשטילען זיינע געדאנקען. אום זיך אביסעל צו בערוהיגען האט ער אונטערנומען א שפּאציר נאנג דורך'ן וואלד, און ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג איז ער געקומען צו דער קליינער וואלד-שטיבעלע פון דער אלטער אורזולא.

א היבשע ווײלע איז דער גראף געבליעבען שטעהן, ער האט געקוקט איבער דיא שטאכעטען אין גארטען, וועלכער וואר זעהר שעהן אויסגעארבייט און זעהר פאַר

עטיש פערפלאנצט. דער גאנצער גארטען מיט אלעס ארום איהם האבען געמאכט א פריינדליכען איינדרוק אויף דעם גראף.

אין שטיבעלע איז קיינער ניט געווען. דורך דעם פענסטער, וועלכער איז ניט געווען פערהאנגען האט ער ניט געזעהן ניט אורזולא'ן און ניט פעדארא'ן.

פערטראכטערהייד איז ער געגאנגען ווייטער און איידער ער האט זיך ארומגעקוקט איז ער געקומען צום ארט ביי'ן טייך, וואו ער האט זיך צום לעצטען מאל צוזאמענגעטראפען מיט פעדארא'ן.

מיט טרוימענדע אויגען האט ער געקוקט אויף דעם ארט. זיין בליק איז נעפאלען אויף עטוואס בלישצעדיגעס, ער האט זיך צוגעקוקט און האט דערזעהן צו זיין ערשטוינען א צוואנציג מארק שטיק, אהנע צווייפעל דערזעלבער גאלד-שטיק, וועלכען ער האט אריינגעלעגט אין פעדארא'ס הוט.

זא, דאס שטאלצע מעדכען האט זיין געלד ניט גענומען. דאס האט איהם איבערראשט און אויך פעראינטערעסירט.

דאס דער גאלד-שטיק איז דא געלעגען איינינע טאג האט איהם גאר ניט געוואונדערט, דען קיינער בעזוכט דיעזען טהייל פון וואלד און קיינער זוכט ניט ארום ביי'ן טייך.

דיא רוהע וועלכע ער האט געזוכט אין וואלד האט ער אויף קיין פאל ניט געפונען און ניט ווילענדיג האט איהם געטריבען ווידער צו אורזולא'ס שטיבעלע, ארום וועלכער ער איז יעצט געגאנגען מיט לאנגזאמע שריט און האט געהאפט צו דערזעהן דעם שעהנעם וואלד-ענגעל.

ער האט אבער איינגעזעהן דאס ער האט זיך ביטער גענארט. דער וואלד-ענגעל האט זיך ניט געוויזען, בלויז דיא אלטע אורזולא האט זיך ארומגעדרעהט, אבער צו איהר האט ער ניט גערעדט.

איינינע טעג שפעטער האט אורזולא געבראכט שוועמלעך אין שלאס. דער גראף וועלכער איז גראדע געווען אין האף ארום זיינע פערד האט ניט ווילענדיג געהערט דעם פאלגענדען געשפרעך, וואס אורזולא האט געהאט מיט דער הויז-פערוואלטערין.

— נו, זאגט מיר וויא געהט עס אייער ענגעל? — האט דיא פערוואלטערין געזאגט — איך האב זיא שוין לאנג ניט געזעהן.

— אה, עס געהט איהר גוט, זיא האט א גאנץ גוטע ווירטהין.

— זא, פעדארא איז געגאנגען דיענען?

— יא.

דיזוער קורצער יאַ, האט גאנץ דייטליך בעוויזען דאס דיא אלטע פרוי האט ניט געוואָלט צופיעל ריידען און צופיעל ערצעהלען פון פעדאָרא׳ס פלאַץ.

— אלזאָ, זיא איז אוועק? — האט דער גראַף געמורמעלט — ווער איך אויך קענען וויסען וואוהין?

ער האט יעצט געטראַכט וועגען א פּלאַן.

עס וואלט געווען גוט פאר איהם ער זאל יעצט נאכגעהן דער אלטער שוועסטער־קלייבערין ביז איהר הויז און דאָרט נאכפרעגען וועגען פעדאָרא׳ן, אָבער דאס איז ניט געגאַנגען. דאס וואלט גאנץ אָפען בעוויזען וואָס פאר איין אינטערעסע ער נעהמט אין דאָס מעדכען.

אבער דאך האט ער געוואָלט וויסען, וואו זיא איז, און ער האט אויסגעאַרבייט אַן אנדער פּלאַן.

ער איז ניט געגאַנגען צו אורזולא׳ן אין הויז, זאָנדערן ער איז אוועק פאראויס אין וואלד און האט געמאַכט דאס ער האט זיא בעגעגענד. דיא אלטע אורזולא האט איהם בעגריסט מיט דער גרעסטער אונטערטהעניגקייט און ער האט זיא זאָפאָרט געפרעגט וועגען פעדאָרא׳ן.

— דורך מיין אונפאָרזיכטיגקייט איז זיא פערוואונדעט געוואָרען, — האט ער געזאגט — און דארום בין איך נייגיעריג צו וויסען וואָס זיא מאַכט.

דיא אלטע אורזולא האט זיך טיעף פערנייגט און האט געענטפערט.

— אָה, גנעדיגער הערר גראַף, עס איז א גרויסע עהרע, דאָס איהר פרעגט זיך נאך וועגען מיין טאָכטער. איך קען אייך זאָגען דאס עס געהט איהר זעהר גוט.

— איז זיא נאך מיט אייך? — האט דער גראַף געפרעגט.

— ניין גנעדיגער הערר, זיא איז ניט ווייט פון היער, ביי איין געוויסער דאמע.

דיא לעצטע ווערטער האט אורזולא וויעדער ארויסגעשפּראָכען מיט אזא טאָן דאס דער גראַף האט געקענט זעהן דאס זיא וויל ניט ערצעהלען וועגען פעדאָרא׳ן און אז עס איז איהם אונמעגליך ווייטער אויסצופרעגען, אָהנע ער זאל זיך אליין פערראַטהען.

דאך האט ער פּרובירט עטוואָס ארויסצוקריגען פון דער אלטער פרוי. ער האט זיך פּרובירט העלפען מיט א גאָלדשטיק, וועלכען אורזולא האט צוגענומען מיט פריידע, אָבער דאָך האט זיא איהם ניט אויסגעזאָגט וואו פעדאָרא געפינט זיך.

מיט פערדרוס האט זיך דער גראַף אומגעקעהרט צום שלאָס.

ער האט זיך אליין ניט פערשטאַנען, האט ער דען ניט געהאסט דיזען מעדכען, ווארום זיא ליעבט איהם, און יעצט איז ער אליין אין איהר אזוי פעראינטערע־

סירט, דאָס עס געהט ניט פאַראיבער איין טאָג ער זאָל פון איהר ניט דענקען.

עס האט איהם געערגערט ווארום אורזולא האט איהם ניט געזאגט, וואו פעדאַראַ געפינט זיך און ער איז ווידער געקומען צום געדאנק דאס א רייכער מאַן האט זיא פערפיהרט. דיעזער געדאנק האט באַלד צוריסען זיין הערץ און האט ביי זיך נאך פעסטער בעשלאָסען אויסצוגעפינען, וואו זיא איז און אין פאַל ווען זיא איז אין נויטה, זאָל ער זיא בעשיצען פון פערפיהרער.

38טעס קאַפּיטעל.

דער טאָגע־בוך פון דעם אַלטען קלעמענס.

וועהרענד דער גאנצער צייט האט דער אַלטער קלעמענס געלעבט שטיל פאַר זיך אליין. עס האט געשיינט דאס ער נעהמט קיין אנטהייל אין אלע געהיימניסע, וועלכע זיינען ביז יעצט געשילדערט געוואָרען. גאנץ שטיל האט ער געטהאן זיין ארבייט און כמעט ניעמאלס איז עס פאַרגעקומען, דאָס ער האט געשפּראָכען מיט העדוויג זעלבסט. אָבער דאך האט ער געהאט אָפענע אויגען און אויערען פיר אלעס, וואס עס איז פאַרגעגאנגען.

אין דעם אונטערסטען קאַסטען פון זיין קאַמאָד איז געלעגען א דיקער בוך. דער בוך האט ענטהאַלטען הונדערטע זייטען און ער וואר באַלד אין גאנצען בע־שריעבען. דער גערטנער איז ניט געווען א גרויסער שרייבער, נור וואס ער האט גע־שריבען האט געהאט א זינען און עס האט ערפילט זיין אויפגאַבע, נעמליך צו פיהרען א בוך איבער אלעס, וואס געהט פאָר אין דער פאַמיליע מעהרען.

ער האט געוואוסט פון דער ליעבע וואס העדוויג האט געפיהרט מיט אָטטאָ'ן. איהם איז אויפגעפאלען דיא געהיימע רייזע פון דער גרעפין און דאס פערשווינדען פון דעם הויז־פערוואלטער.

ווען עס איז געווען איינער וואס האט געוואוסט, ווער איז דעם גראף'ס מער־דער, איז דאס געווען קיין אנדערער אלס דער אַלטער קלעמענס. ווען ער האט גע־שוויענען, וואר עס נור וויל ער האט געהאט זעהר גרויסע אורזאכען צו שווייגען און ניט אויפצוטרעטען אלס אנקלעגער. דאך האט ער געוואוסט, דאָס דיעזער טאָגע־בוך איז א שרעקליכע וואפע אין זיין האנד, ווען ער איז בעשלאָסען דיא געהייטניס ארויסצוגעבען.

אין דיא וייטערדיגע קאפּיטלאך וועט ערקלעהרט ווערען ווארום קלעמענס וואר געצוואונגען צו שווייגען און אויב ער וועט דיעזען סוד האלטען אויף אייביג.

פון דעם טאָגע־בוך האט קיין לעבעדיגער מענש ניט געוואוסט. בעזאָנדער'ס

חאט ניט געוואוסט דער הויז־פערוואלטער און דיא גרעפין, ניט נור דאָס קלעמענס ווייס זייערע געהיימניסע, זאָנדערן זיי האבען אויך ניט געוואוסט, אז ער ווייס אזעל־כע געהיימניסע, וואָס זיינען פון זיי אויך פערבאָרגען.

עס וואר אבענד.

קלעמענס איז געזעסען ביי׳ן טיש און האט ווידער איינגעשריבען אין זיין טאָגע־בוך.

אלס ער איז מיט זיין ארבייט געוואָרען פערטיג, האט ער דעם בוך צוגע־מאכט און פערשלאָסען. א זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט.

— וויא וועט זיך דאס אלעס נאך אויסלאָזען! — האט ער געמורמעלט — איך וויים ניט וויא אזוי דאס קומט, אָבער מיר איז אפט אזוי שווער אויפ׳ן הארצען און עס שיינט מיר דאס מיינע טעג אויף דיעזען פלאץ זיינען געצעהלטע. דער הויז־פער־וואלטער איז קיין מאל ניט געוועזן מיין פריינד, אויך דיא אלטע און דיא יונגע גרע־פין האבען מיך ניט געליעבט. הא, זיי וועלען ניט ווילענדיג מוזען נעהמען אין אכט וואס איך וויים פון פראנץ שטאנד, וויא אזוי ער איז אנטלאָפען און וואו ער געפינט זיך יעצט.

ווערענד ער האט אזוי געטראכט האט ער דערהערט שריט ביי זיין טהיר, און אָהנע אָנצוקלאפען האט זיך דיא טהיר געעפענט און דער הויז-פערוואלטער פאול ראדאָוו איז אריינגעקומען.

סלעמענס האט איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינען. ער האט געמיינט דאס ער איז נאך אויף זיין וועג. פאול ראדאָוו איז אין דער ווירקליכקייט שוין געוועזן איבער א האלבע שטונדע אין מינכען, נור קיינער האט ניט בעמערקט, אז ער איז געקומען.

— קלעמענס, איך האב מיט אייך עטוואס צו שפרעכען, — האט דער פער־וואלטער געזאגט אין א רוהיגען טאָן — עס קען לענגער אזוי ניט געהן.

- וואס מיינט איהר דערמיט? — האט קלעמענס געפרעגט רוהיג.

— איך מיין אייער ווירטהשאפט אין פארק. איהר ווערט אלט און איהר טהוט קוים א העלפט פון אייער פפליכט.

— דיעזען פאָרוואורף הערר פערוואלטער מוז איך צוריקווייזען, ווייל איך פער־דיען איהם ניט. האט מען אייך געהייסען איהר זאלט עס מיר פאָרהאלטען? — האט קלעמענס געפרעגט.

— גאנץ געווים?

ווער?

— איהר פרעגט מעהר וויא איהר האט רעכט. נו איך וועל אייך זאגען, דיא גרעפין.

— דאס איז ניט וואהר.

דער פערוואלטער איז צוגעגאנגען מיט א דראהענדע מינע.

— ווען איך זאג אייך דאס איך רייד אין דער גרעפינ'ס נאמען זאג איך אייך דיא וואהרהייט.

— מיר וועלען זיך דעריבער ניט קריעגען. זאגט מיר וואס האט מען אייך געהייסען זאגען?

— דאס איהר זייט ענטלאסען?

ערסט צוריק מיט איינינע מינוטען האט דער אלטער קלעמענס דערפון געדענקט. אבער ווען ער האט דערזעהן וויא דיעזעס איז ערפילט געווארען האט ער זיך ערשראקען און איז אבגעשפרונגען צוריק. ער האט דעם פערוואלטער אנגעקוקט מיט גרויסע אויגען.

— נו, וואס קוקט איהר מיך אזוי אן? האט איהר פיעללייכט ניט ריכטיג געהערט?

— איך מיין דאס איך האב ניט ריכטיג געהערט.

— איהר זייט ענטלאסען! — האט דער פערוואלטער געשריען.

— איך ענטלאסען? איך וועלכער האט אזוי פיעל יאהר......

— אהא, איהר ווילט מיר זינגען דאס ליעד פון דעם אלטען דינער? נו, דאס ריהרט מיך גאר ניט אויף א האאר. זא לאנג דער גראף וואר נאך אם לעבען האט מיין גנעדיגע ווירטהין אייערע שלומפעריייען נאך פערטראגען, ווייל דער גראף האט דורכאויס געוואלט איהר זאלט ביי אונז בלייבען. אבער יעצט געהט עס אנדערש צו. קורץ און גוט, אין דריי טעג זאלט איהר אפראמען דיא פעלד.

איבער דעם גערטנערס געזיכט האט זיך בעוויזען א שמייכעל.

— אין דריי טעג? מיינט איהר דאס איך לאז מיך ארויסטרייבען וויא א הונד? ווייסט איהר ניט דאס איך האב דאס רעכט איהר זאלט מיר אנקינדיגען לויט דאס געזעץ.

— דאס וועט מען אייך נאטירליך פעררעכענען, אבער מען שענקט אייך דיא ארבייט און איהר מוזט דאס הויז אפליידיגען, ווייל מיר האבען אן אנדערען אויף אייער פלאץ. מיין ווירטהין האט אבער אנערקענט אייער לאנג־יעהריגע דיענסט און האט מיך בעאויפטראגט אויסצוצאהלען אויף א קאפיטאל וואס וועט אייך שיצען אין דער עלטער פון אלע זארגען.

דער אלטער גערטנער האט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן, ער האט נאָר ניט געקענט גלויבען דאָס דער פערוואַלטער מיינט עס ערנסט, דאס ער זאָל אוועק פון דעם פּלאַץ, וואו ער האט אזוי פיעל יאהרען געלעבט און האט עס געמאַכט פאַר זיין צווייטע היים. ער האט געגלויבט דאס דער פערוואַלטער זאָגט עס אויף זיין אייגענער רעכענונג און דאס דיא גרעפין וייס ניט דערפון.

אבער דערמיט האט ער זיך גענארט.

דער פערוואַלטער האט דעריבער געשריבען צו דער גרעפין און האט ערהאַל־טען איהר אנטוואָרט.

פּאול ראַדאָוו וואָלט שוין לאַנג דעם גערטנער אָפּגעשיקט, נור אין מיטען איז געקומען העדוויג׳ס וואונש צו בעפרייען דעם געפאַנגענעם פּראַנץ שטאַנד. אבער וויא ער האט דיא ארבייט געענדיגט און האט זיך אומגעקעהרט פון דעם האָף „קלע־אָפּאַטרא״, וואו ער האט פראַנץ׳ן איבערגעלאַזען איז ער געגאַנגען אויספיהרען זיין בעשלוס.

דיא אורזאַכע וואס ער האט געוואָגט צו האנדלען געגען דעם אלטען גערט־נער אזוי שטרענג און צו ווייזען איהם דיא טהיר, וואר ניט מעהר וויא איין פּאָליטיק. דער פערוואַלטער האט גערעכענט דאס ווען ער וועט האנדלען שטרענג און שטאָלץ וועט זיך דער אלטער ערשרעקען.

קיין אנדער מאַן אויף קלעמענס פּלאַץ, האט ראַדאָוו נאָך ניט געהאַט. ער האט אָבער געמיינט, דאס עס וועט איהם ניט שווער זיין צו געפינען אַן אנדערן.

ענדליך האט דער אלטער קלעמענס זיין שפּראַכע ווידער געפונען. ער האט פון דעם פערוואַלטער׳ס מינע גאַנץ דייטליך געזעהן דאס דא געהט קיין שפּאַס. ער מוז ווירקליך געהן פון זיין שטעלע.

— ווען דיא גרעפין האט מיך מעהר ניט נויטהיג, זא מוז איך ווירקליך געהן— האט ער געזאגט.

— גאַנץ נאַטירליך.

— איהר האט גערעדט פון איין בעלאָהנונג, העדר פערוואַלטער —

— א בעלאָהנונג ? מיינט איהר פיעללייכט, דאס איהר זייט דערצו בערעכ־טיגט ?

— מיר וועלען דעריבער ניט שטרייטען, — האט קלעמענס גאַנץ רוהיג געזאָגט. זאָגט מיר וואָס פאַר א סומע האט מען פאר מיר בעשטימט.

— דיא גרעפין האט פאַר אייך בעשטימט זעקס טויזענד מאַרק. זא ניט עס

אויף פריי, איהר קענט דערפיט טהאן וויא אייך געפעהלט. ווען איהר וועט דאס געלד אָבגעבען אין דער רענטען־באנק, קריעגט איהר דערפאר גענוג פראָצענט צו לעבען רוהיג.

— איך נעהם דאס געלד אן, — האט דער גערטנער געזאגט נאך א לאנגען טראכטען — איך נעהם עס אָן, ווייל איך וויים דאס ווען דער העדר גראף וואָלט נאך געלעבט, וואָלט ער מיך געוויס ניט פערלאסען.

— אַלזאָ, איהר בלייבט דא דיא דריי טעג, אָדער איהר געהט שוין מאָרגען אוועק? — האט דער פערוואַלטער געפרעגט.

— ווען עס וואָלט ניט געווען אזוי שפעט, — האט קלעמענס געענטפערט אין א ביטערען טאָן, וואָלט איך שוין הייטע אבענד געגאנגען מיין וועג. יעצט מוזט איהר האבען געדולד ביז מאָרגען פריה.

דער הויז־פערוואַלטער וואר זעהר צופריעדען מיט דער ערקלעהרונג, דען ער האט דעם אַלטען גערטנער ניט געקענט ליידען. דער פערוואַלטער האט געפיהלט דאס קלעמענס איז זיין פיינד און דאס עס איז איהם אונמעגליך צו היטען זיך פון איהם.

נאך אין דעם זעלבען אָבענד האט ער איהם איינגעצאהלט דיא זעקס טויזענד מארק און דאס געלד וואס האט איהם געקומט פאר זיין צייט.

וויא דער אַלטער מאן איז געבליבען אליין האט ער ווידער ארויסגענומען זיין טאגע־בוך און מיט א ציטערענדע האנד האט ער איינגעשריבען עטליכע צייליען.

— דיא לעצטע ציילע אין דיעזען בוך! — האט ער צו זיך געזאָגט מיט א זיפץ און האט דעם בוך געבלעטערט.

— פיעלע יאָהרען זיינען שוין פאָראיבער, — האט ער צו זיך געמורמעלט, זייט דער גראף האט דיא מרים צום ערסטען מאָל געדריקט צו זיין הערצען.

דער אַלטער האט זיך יעצט פערטראכט אין זאכען, וואס זיינען געשעהן פיעלע יאהרען צוריק. עס האט זיך איהם פערגלוסט אַלעס איבער צו טראכטען וואס אין דער צייט איז געשעהן. ער האט דארום אומגעמישט דעם בוך און האט איהם געלעזען זייטע פאר זייטע. דער אינהאַלט פון בוך וואר פאָלגענדעס:

צוריק מיט פיעלע יאָהרען האט און זשענעווא געלעבט א יונגע פירסטין, וועלכע איז בעריהמט געווען מיט איהר שעהנהייט און מיט איהר הויכען גייסט.

עדיטהא וואר צימליך הויך געוואקסען, אָבער איהר פיגור וואר רעגעלמעסיג וויא פון א סטאטוע. איהר גאנצער וועזען וואר געטליך, דערצו וואר זיא פאל מיט מוטה אין יוגענד קראפט.

איהר בוזים איז געווען ווייס וויא שנעע און פיעלע מענער זיינען אויפגעפלאמט געוואָרען פון איין בליק אויף דיעזען שעהנעם פּראָדוקט פון דער נאַטור. איהר האַלז וואר ווייס און פעסט, וויא אויסגעשניצט מיט אַלבאַסטער, און אויף אויף איהרע באַקען האט געשוועבט א ראזיגער הויך.

איהר שעהן געבויטער קאפּ וואר פערדעקט מיט שווארצע האָאר, וועלכע וואר שעהן געקאַמט און האט געהאט אַן עכטען קעניגליכען אויסדרוק.

און קעניגליך וואר איהר גאַנצע האַלטונג. א קעניגליכער שטאָלץ איז געלעגען אויף איהרע קליינע אבער געגרייזעלטע ליפּען און אויך אויף איהר הויכען געוועלבּטען שטערן. און איבער אלעם זיינען געקומען איהרע אויגען, וועלכע וואָרען שוואַרץ וויא די נאכט און דאך בלישצעדיג און פייערדיג וויא א דימאַנט.

דיעזע אויגען האבען געקענט אויפעסען. וועה צו דעם מאן, וועלכער האט אין דיעזע אויגען אריינגעקוקט!

עדיטהא וואר דיא איננערע טאָכטער פון פירסט פאָן קאראַרא. זיא האט געהאט נאך א שוועסטער וועלכע וואר פון איהר איין יאָהר עלטער איהר נאָמען איז געווען טוזנעלדא. אָבער דיא עלטערע שוועסטער וואר ניט אזוי רייך בעשאָנקען פון דער נאַטור וויא דיא איננערע שוועסטער עדיטהא.

דיא פאמיליע פאָן קאראַרא וואר א גאַנץ אלטע. איהר אָבשטאַמונג האט זיך געצווייגען ביז דעם מיטעל אלטער, ביז דיא צייטען ווען זשענעווער און פלאָרענ־טינער וואַרען אין קריעג.

דער פירסט וואר אנגעזעהן אין האָף און אויך זיינע טעכטער זיינען גאַנץ אָפט געלאַדען געוואָרען צו אונטערהאַלטונגען אין רוימישען האָף.

אָבוואָהל דער פירסט וואר א גלויביגער אין פאַפּסט, דאך האט ער דורך זיין פריינדשאפט און אייניגקייט מיט דעם קעניג פאָן איטאַליען פערלאָרען זיין פריינד־שאפט צום פאַפּסט.

עס איז געקומען א צייט ווען עדיטהא איז פאר איהר אויסצייכנונג בעלאָהנט געוואָרען צו ווערען דיא האָפדאַמע ביי דער קעניגין, אבער עדיטהא האט דיעזע עהרע ענטזאגט.

דער פירסט איז געווען זעהר אויפגערעגט געגען זיין טאָכטער׳ס בעשלוס, אבער עדיטהא האט געזאָגט:

— איך בין געוואָהנט צו פרייהייט, און אלס פירסטין פאָן קאראַרא האלט איך מיך צו גרויס, אום צו זיין א דינערין ביי א צווייטער, זאגאר ווען דיעזע צווייטע איז דיא קעניגין אליין.

דער פירסט האט זיך געמוזט צופריעדען צושטעלען מיט דער ערקלעהרונג, ווייל ער וואר צו שוואך צו ענדערען זיין טאָכטערס בעשלוס. זיין פרוי, וועלכע וואלט איהם אין דיעזען קאמפף געקענט העלפען איז שוין געוועזען טויטט.

איין עלטערע דאמע האט רעפרעזענטירט דיא פירסטליכע הויז, אין וועלכער עס האָבען זעהר אָפט שטאטגעפונען אונטערהאלטונגען.

עדיטהא וואר אימער בעלאגערט פון יונגע מענער, אבער זיא האט קיינעם ניט געוועהלט פאר זיך, זאָ דאָס זיא האט ענדליך געקראָגען דעם נאָמען, דיא „שטאָלצע פירסטין".

און דאך וואר זיא ניט שטאָלץ.

אָפט ווען דער זאאל איז לעדיג געוואָרען פון דיא געסט און עדיטהא האט זיך געפונען אליין אין איהר צימער, פלעגט זיא צודריקען איהר האנד צו איהר שטורמ־דיגע הערץ און פון איהרע אויגען פלעגען פאלען טרעהרען.

דאן פלעגט ביאנקא, איהר קאמער־מעדכען וואגען צו שטעלען פראגען, און עס האט אויך ניט לאנג געדויערט ביז דיא פירסטין האט פאר איהר קאמער־דינערין, וועלכע זיא האט געהאלטען פאר געטריי, פערטרויט מיט דער אורזאכע פון איהרע טרעהרען.

— איך וויים ניט ביאנקא, — האט זיא אין א געוויסען אבענד געזאגט — אויב דוא וועסט מיך קענען פערשטעהן.

— איך האָף צו וויסען וואס מען רצעהלט, — האט ביאנקא געענטפערט.

דיא פירסטין האט זיא אנגעקוקט מיט גרויסע אויגען. ענדליך האט זיא געזאגט:

— ביאנקא, דוא ביזט ביי מיר שוין איבער צוויי יאָהר און נאך האסט דוא קיין אורלויב ניט גענומען, טראָץ דעם וואס איך האב עס דיר שוין איינינע מאָל אנגעבאָטען.

— ווארום זאָל איך עס אָננעהמען. ווער עס האט דאס גליק צו זיין ביי אייער דורכלויכט, דער פערלאנגט קיין אנדער פערגניגען.

— האסט דוא א געליעבטען? — האט עדיטהא פלוצלינג געפרעגט.

ביאנקא איז געוואָרען רויטה, דאן האט זיא געזאָגט:

— ניין פירסטין, איך האב קיין גטליעבטען.

— און דוא האסט אויך קיין מאָל ניט געליעבט?

דיא קאמער־דינערין האט געענטפערט יא, און אין איהרע אויגען האט זיך בעוויזען א טרעהר.

— ווען וואר דאָס? — האט עדיטהא געפרעגט — ערצעהל מיר דיא געהיימניס פון דיין הערצען.

— דורכלויכט, דאס וואר נור א טרוים, א זיסער, שעהנער טרוים, ער איז יעצט פיר אימער אוועק.

אין דער פירסטינס אויגען האט געגומען בליצען.

— וויא? — האט זיא אויסגערופען — דיין געליעבטער איז דיר געוואָרען אונ־טריי? ער האט דיך פעררעטהען און דוא שטעהסט דאָ און וויינסט אנשטאַרט זיך מיט איהם צו רעכענען?

— מיין געליעבטער האט מיך ניט פעררעטהען. מען האט איהם געפונען טוידט אויף דער גאס, מיט א מעסער אין ברוסט.

— אלזאָ אייפערזוכט, — האט דיא פירסטין געמורמעלט.

ווען דוא האסט געליעבט, — האט דיא פירסטין יעצט געפרעגט לויט, — זאָג מיר איך בעט דיך, געפעהלט דיר דאס לעבען אויך אָהנע ליעבע?

ביאנקא האט אויפגעהויבען איהרע אויגען און האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— אך ניין, פירסטין. איך וועל ניעמאלס קענען ליעבען איין אנדערן. מיין הערץ געהערט נאך אימער צו איהם און וועט געהערען ביז מיין טוידט. אָבער איך גלויב דאס ווען איך וואלט ניט געהאט יענעם זיסען טרוים פון ליעבע, וואָלט איך ניט געוואונשען צו זיין אויף דיעזער וועלט.

— בעגרייפסט דוא יעצט ווארום איך בין אזוי טרויעריג געשטימט? — האט דיא פירסטין געפרעגט.

ביאנקא האט אָנגעקוקט איהר ווירטהין. זיא האט געשיינט נאך אלץ ניט צו פערשטעהן.

— דוא ביזט נאך אלע זאכען א קינד, — האט דיא פירסטין געזאגט מיט אונגעדולד — קוק מיך נור אָן און זאג מיר, אויב איך בין ווערטה מען זאל מיך ליעבען.

— אָבער פירסטין, עס געהט דאך ניט פאראיבער איין טאָג ווען א גרויסע צאָהל יונגע לייט זאָלען אייך ניט ערקלעהרען זייער ליעבע?

— נון יא ביאנקא, דוא האסט רעכט, זעהר פיעלע ערקלעהרען מיר זייער ליעבע, אָבער וואָס נעהט עס מיך אָן, ווען איך קען ניט ענטפערען מיט ליעבע. דוא מענסט עס וויסען ביאנקא, דען דוא ביזט מיר געוועזען זעהר געטריי און וועסט מיר אויך בלייבען געטריי, דוא מענסט וויסען דאס מיין הערץ האט נאך קיין מאל ניט געקענט ליעבען; אָבער מיין הערץ, מיין יעדער גליעד אין מיין קערפּער

שטרעבט צו געפינען דיא ליעבע, וועלכע מאכט אונז גליקליך דאס לעבען. זעהסט דוא, צווישען אלע מענער וואס ווילען מיך בעזיצען איז ניטא קיין איינציגער וועלכען איך קען ליעבען.

— קיין איינציגער? — האט ביאנקא געפרעגט.

— ניין! — האט דיא פירסטין אויסגערופען מיט צארען.

— דאך גלויב איך, — האט דיא קאמער-פרוי זיך ערלויבט צו זאגען — דאס אונטער דיא מענער געפינט זיך דאך איינער וואס איז ווערטה אייער ליעבע.

— אזוי? זאג מיר נור ווער פון דיעזע מענער קען עס זיין?

ביאנקא האט אויסגערעכענט איינינע נעמען.

דיא פירסטין האט זיא אונטערבראכען. זיא האט פון דיעזע אלע נעמען גע־לאכט און האט ערקלעהרט דאס יעדער פון זיי האט זיין פעהלער, וועלכער איז גע־קומען פון אויסגעלאסענהייט, פון זינדע און פון פערדארבענע זאכען.

— ניין, ניין! — האט זיא אם ענדע אויסגערופען אונטער דיא אלע הערדען גיבט עס קיין איינציגער. יעצט גוטע נאכט מיין טרייע ביאנקא, געה שלאפען.

אבער ביאנקא איז ניט אוועק. זיא האט צוזאמענגעלעגט דיא הענד און האט געקוקט צו דער ערד.

— נון, ווארום געהסט דוא ניט? האסט דוא מיר נאך עטוואס צו זאגען? — האט דיא פירסטין געפרעגט.

— יא.

— נון, וואס איז דאס, רייד שנעל!

— איך וויים ניט, אויב אייער דורכלויכט וועט עס גנעדיג אננעהמען, וואס איך האב איבערצוגעבען.

— דוא האסט מיר עטוואס צו ערצעהלען, פון וועמען?

— פון גראף פאן מעהרען.

דער פירסטינ׳ס געזיכט האט בעקומען א זעלטענעם אויסדרוק.

— פון דעם דייטשען גראף? — האט זיא געפרעגט - צוריק מיט א שטונדע האב איך מיט איהם געשפראכען, און ער האט זיך ערלויבט צו שיקען דורך דיר עטוואס צו מיר?

— אך גנעדיגע פירסטין, זייט אויף איהם ניט בייז.

— דוא נעהמסט זיך פאר איהם אן!

— פערצייהעט מיר גנעדיגע, אבער איך גלויב דאס ער איז איינער פון דיא ביסעל מענער, וועלכע קענען ליעבען מיט איין וואהרער הערץ.

— געה מיר מיט דיעזען בלאָנדען דייטשען גראַף, — האט דיא פירסטין אויס־גערופען, און דאך האט זיא אין דער שטיל געזאָגט, — דאך האסט דוא רעכט ביאַנקא. ער איז דער איינציגער פון אלע וועלכען איך האב געקענט ליעבען, אָבער מיין הערץ בלייבט צו איהם קאלט.

— ווען איהר וואָלט נור געוואָלט.

— וואָס פלוידערסט דוא, נאררישע מיידעל! דוא ביזט א פרוי וויא איך, און ווען איך שטעה אין אלעם העכער פון דיר, אָבער אין דיעזען פונקט, וואו עס האנדעלט זיך וועגען דעם שעהנסטען און ערהאבענסטען פונקט, זיינען מיר אלע גלייך. פרעג נור זיך אליין, אויב דוא קענסט זיך פרובירען ליעבען א מאַן ווען דוא אליין פיהלסט דאס דוא ליעבסט איהם ניט.

— און דאך פירסטין, גיבען בעווייזע דאס דיא ליעבע קומט ערסט שפעטער.

— אה, דיא ערפאהרענע יונגע קינד! — האט עדיטהא געלאכט — ווילסט דוא מיך לערנען, דאך זאג מיר וואס האסט דוא מיר צו זאגען?

ביאַנקא האט ארויסגענומען א ראָזע פאפיער און האט איבערגעגעבען א בריעף.

— האט דאָס דער גראַף דיר געגעבען?

— יאָ.

— וויא אונפאָרזיכטיג ער איז. ער ווייס דאך ניט אויב איך קען דיר געטרויען.

— איך האב איהם געמוזט שווערען, און דאן......

דיא קאמער־מעדכען איז געבליבען שטיל.

— און וואָס ווילסט דוא נאך זאגען?

— דער גראַף קען מיך פון פריהער.

— פון וואנען?

— דאס איז פערבונדען מיט מיין ליעבעס געשיכטע.

— ערצעהל עס מיר.

— איהר ווייסט גנעדיגע פירסטין דאס איך בין פריהער געווען ביי מיין מוטער אין פאלערמא. דאָרט האט אויך געלעבט דער גראַף פאָן מעהרען און זיין דינער קלעמענס.

— אך איך פערשטעה שוין, דיעזען דיענער קלעמענס האסט דוא פערשאָנקען דיין הערץ.

— ניין. דער דיענער האט געהאט א זאהן, זיין נאָמען וואר וויקטאָר את איהם האב איך געליעבט.

— ווארען דען דער פאָטער און דער זאהן צוזאמען אין פּאלערמא?

— אָה ניין, דורכלויכט. וויקטאָר איז זייט לאנג געוועזען אין פּאלערמאָ. ער האט דאָרט געארבייט און האט גוט פערדיענט. מיר האבען זיך בעקענט און פערליבט. שפּעטער איז אהין געקומען מיין געליבטענס פאָטער און דער גראף, און עס איז ניט מעהר וויא נאַטירליך דאס איך האב זיי קענען געלערנט.

— און אין דער צייט וואס זיי ווארען דאָרט איז דיין וויקטאָר ערמאָרדעט געוואָרען?

— יא.

— אך פירסטין, עס וואר טרויעריג. איהר ווייסט דאך דאס איך וואר ארם פון צו הויז און וויקטאָר האט נור געהאט וואס זיינע הענד האבען אויסגעארבייט, אבער דער גראף פאן מעהרען, וועלכער איז נור איין יאָהר עלטער פאר מיין נעליעבטען, האט פערשפּראָכען צו העלפען אונז צו דער האָכצייט. זעהט איהר דורכלויכט ווארום דער גראף קען מיך און איהר וועט אויך פערשטעהן, וואָרום ער האט מיר אנפערטרויט מיט אזא באָטשאפט.

דיא פירסטין האט ניט געענטפערט. אבער דער אויסדרוק פון איהר געזיכט האט געצייגט דאס זיא איז ניט מעהר בייז.

אלס עדיטהא איז געבליבען אליין האט זיא אויפגעעפענט דעם בריעף וועלכען ביאנקא האט איהר איבערגעגעבען און האט אין איהם געלעזען פאָלגענדעס:

„גנעדיגע פירסטין!

„נעהמט אָן פאר גוט דיא אומשטענדען וועלכע הערשען אין דער צייט ווען איך נעהם אָן דעם וועג אייך צו בעריכטען וואס איך פיהל.

„זייט דעם אויגענבליק וואס איך האב אייך צום ערסטען מאָל געזעהן קלאפּט מיין הערץ פיר אייך.

„אומזיסט האב איך געזוכט א געלעגענהייט איך זאל זיך פאר אייך ערקלעהרען, ווען מיין אויג האט צו אייך ניט געשפּראָכען, וואס מיין הערץ דענקט. איך בעט אייך דארום אויף דיעזען וועג צו געבען מיר א צייכען, אויב איהר האלט מיך פאר ווירדיג צו געווינען אייער ליעבע, אויב איהר טהייערע פירסטין זייט בערייט צו בעגליקען מיך מיט אייער האנד.

איך בין בעעהרט געוואָרען מיט איין איינלאדונג צום נעכסטען אונטערהאלט אין שלאָס. זעה איך אייך פערפּוצט מיט א דונקעלע ראָזע דאן וועל איך פון דיעזען

צייכען שעפּען דעם מוטה צו שפּרעכען מיט אייער האכווירדיגען פּאַטער; וועט איהר טראגען א ווייסע ראָזע, וועל איך וויסען, דאס איך האב צו בעצאָהלען מיט איין עלענדען לעבען פאר דעם מוטה וואס איך האב געהאט אויפצוהויבען מיינע אויגען צו אייך. אלפרעד גראף פאָן מעהרען".

מיט א זינענדען אויסדרוק האבען גערוהט דער פירסטינס אויגען אויף דעם בריעף.

— ער ליעבט מיך! - האט זיא דאן געמורמעלט -- אה, איך האב עס לאנג בעמערקט און איך פיהל עס. אָה ער איז גאנץ אַנדערש אלס אלע אנדערע. וועלכע קראַפט און ענערגי אין אלע זיינע בעוועגונגען און וועלכע ווייכקייט ליעגט אין זיין שטימע און דאך.... ארמער גראף איך קען דיינע ניט ווערען, ניין, ניין, איך קען ניט!

נאך דיעזע ווערטער האבען איהרע אויגען וויעדער אנגענומען א מעלאנכאָלי־שען אויסדרוק, וועהרענד איהר הערץ איז וויעדער ערפילט געוואָרען מיט דער זעה־נונג נאך ליעבע.

— גיבט עס קיינער? — האט עדיטהא וויעדער צו זיך געזאגט — אָה, דאך איינעם, וועלכען איך האב בלויז איין מאל געזעהן און ער האט מיין הערץ אנגע־פילט מיט פייער. וועל איך איהם וויעדער זעהן? אָה יא, עס גיבט דאך א מיטעל.

עדיטהא האט זיך יעצט האסטיג אונטערבראָכען, איהרע אויגען האבען געקוקט איבער דעם צימער, דאן האט זיא זיך שנעל אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צום שעהנעם שרייב־טיש און האט ארויסגענומען א בוך.

— פיעללייכט איז עס מיין איינציגער פריינד, — האט זיא געמורמעלט — דיעזען ביכעל האב איך אָנפערטרויט מיינע געדאנקען. היער האב איך אימער איינגעשריבען און איינגעקלעפּט יעדען סטראָף, וואס איך האב אויסגעדיכטעט און אויסגעקליבען.

זיא האט אויפגעמישט אייניגע בלעטער און האט געלעזען.

דער זילבערנער קלאנג פון זייגער האט פערקלונגען איבער'ן צימער. דיא אוהר האט פערקינדיגט איינס.

וויעדער האט אָנגעפאנגען א נייער טאָג, — האט עדיטהא געמורמעלט -- א נייער טאָג מיט נייע זאָרגען און נייע קוואלען. איך פיהל דאס איך געה צו גרונדע, איך מוז איהם זעהן. איך מוז....

מיט שנעלע שריט איז דיא יונגע פירסטין ארומגעגאנגען אין איהר צימער ארויף און אראָפּ, דאן האט זיא געעפענט דיא פענסטער, האט זיך ארויסגעבויגט אין דיא לופט און האט ארויסגעקוקט אין דרויסען.

דער פירסטליכער פאלאסט איז געלעגען הארט ביי׳ן פרעג וואסער. עדיטהא האט פאר זיך געהאט א וואונדערבארע בילד צו זעהן. איבער איהר וואר דער אויס־געשטערענדער הימעל און צו איהרע פיס דער בלויער שטראָם פון וואסער, און וויא פליהענדע שטערען האבען געטאנצט קליינע פלאמען אויף דעם וואסער פון דיא קליינע שיפעלעך, וועלכע זיינען געפאָהרען אהין און אהער.

צייטענווייס האט געקלונגען א פרעהליכער געזאנג דורך איהרע אויערען, און דאן האט זיא געהערט דיא מעלאנכאָלישע טענער, וועלכע א פאָעטישער געליבטער האט פיעללייכט געזונגען פאר זיין געליעבטע.

דיא פירסטין האט זיך נאך מעהר איבערגעבויגט איבער דעם ראם פון פענ־סטער גלייך וויא זיא וואָלט זיך געוואָלטווארפען אין וואסער.

עדיטהא האט לענגער ניט אויסגעהאלטען אין דעם שטילען צימער, וועלכער איז איהר פלוצלינג געוואָרען צו ענג. זיא האט בעשלאָסען אראָפצוגעהן אין דיא העל־ליכטיגע שיין פון דער לבנה. זיא וואר שוין ביי׳ן טהיר, אָבער פלוצלינג האט זיא אבגעהאלטען איהרע שריט.

אזוי קען איך ניט ארויס פון הויז. מען וועט מיך ערקענען און דאן, דאן....

עדיטהא האט נאכגעדאכט וויא אזוי זיא זאָל איהר פלאַן אויספיהרען. עס איז פלוצלינג איבער איהר געקומען איין ענטשלאָסענהייט, גלייך וויא זיא וואָלט יעצט אום יעדען פרייז געמוזט פערלאסען דעם בודאָאר אין דעם שלאָס, גלייך וויא איהר לעבען און זעליגקייט וואָלט דארין געהאנגען.

און דאך וואר דאס, וואס זיא האט געוואָלט טהאן ניט איין איינפאכער אינסטינקט. צוריק מיט אכט טאָג האט זיא געהאט א לוסטגאנג ביי׳ן ברעג. ניט ווייט פון האפען איז געלעגען איין ענגלישע קריעגס־שיף, וועלכע האט געהאט דעם שטאָלצען נאָמען „קלעאָפאטרא“. פאר איינינע טעג איז דיא „קלעאָפאטרא“ אריינ־געקומען אין דיעזען האפען, און צוואר וואר דאס איין העפליכקייט פון דער ענגלישער רעגירונג דערמיט וואס דיא שעהנע שיף האט געמאכט א ויזיט אין איטאליען.

דיא שיף האט זיך אין איטאליען בעדארפט אויפהאלטען פערצעהן טעג. עדיטהא האט פון דאס אלעם וועניג געוואוסט, ביז עס האט עטוואס פאסירט און האט געבראכט צו איהר ערפאהרען אלעס וועגען דעם שיף.

אן יענעם נאכמיטאג, אלס דיא פירסטין האט נאך ביי׳ן וואסער ארומגע־וואנדעלט, אָהנע איינער זאָל זיא בעגלייטען האט זיא דערהערט דעם גערויש פון א רוידער. דיעזער גערויש וואר זאָגאר קיין נייעס אין דיעזען לעבעדיגען טייך, דאך

האט די פירסטין געוואָרפען איהר אויג אויף דעם שיפעל, וועלכער איז יעצט געלאָפען שנעל צום ברעג. און וויא זיא האט אהין א קוק געטהאן האט זיא פּלוצלינג געפיהלט גלייך וויא דאס הערץ וואָלט אויפהערען צו קלאפּען, גלייך וויא דאס בלוט וואָלט געבּליבען שטעהן אין איהרע אדערען.

פון יענער שיפעל איז ארויס א מאן אין דער יוניפאָרם פון איין ענגלישען אפיציער.

עדיטהא האט געוואָרפען א שאַרפען בליק אויף דעם גלענצענדען יוניפאָרם אבער אין אמת'ן האט דיעזער בליק געהערט צו דער קראַפּטפּאָלער געשטאַלט אין דעם מוטהיגען און ענטשלאָסענעם געזיכט פון דיעזען אָפיציער.

זייט דיעזען אויגענבליק האט די פירסטין ניט געוואוסט פון קיין רוהע, און איהר שטרעבען נאך ליעבע, וועלכע זיא האט איבערגעבען איהר קאמער־מעדכען וואר דורך דיעזער בעגעגנונג. עס וואר א בעשטימטער שטרעבען, און צוואר נאך דער ליעבע פון דעם יונגען מאן, וועלכער האט אויפגעפלאמט אלע איהרע געדאנקען.

די שטאָלצע פירסטין האט זיך דאס ניט געוואָלט געשטעהן. זיא האט זיך נור ערלויבט צו רעדען פון ליעבע און פון דערגלייכען, אָבער זיא האט אויף קיין פאל זיך ניט ארויסגערעדט דאס זיא ליעבט דעם ענגלישען אָפיציער.

יעצט ווען זיא איז געשטאַנען ביי'ן טהיר פון איהר צימער האט זיא אויך געדאכט פון דעם ענגלענדער און אין איהר בוזים האט ` אויפגעפלאַקערט א גרויסען שטרעבען נאך איהם.

עדיטהא האט יענעם אָפיציער נור איין מאל געזעהן.

עס איז איהר לייכט געלונגען אויסצוגעפינען עטוואָס מעהר פון איהם און זא האט זיא ערפאהרען דאס זיין נאמען איז וויליאם אָף בראַנד און זיין ראַנג איז לייטענאַנט.

ער איז אַלזאָ געווען אין אזא ראַנג, דאס איהם איז קיין מאל ניט געווען מעגליך צו פערלאַנגען דאס האנד פון דער פירסטין.

אָבער עדיטהא האט פון קיין זאך ניט געדענקט. זיא האט געזעהן זיין בילד פאר זיך, און אפט האט איהר געשיינט דאס זיין געזיכט וועלכע איז אָנגעברענט פון וועטער בויגט זיך אַרונטער צו איהר און זיינע ליפּען ווילען זיא קוסען. אויך אין דיעזען מאָמענט, האט זיא געהאט אזא געפיהל, און זיא איז געשטאַנען מיט די הענד צוגעדריקט צו איהר שטערן און האט געדענקט און פאַנטאַזירט.

אין דיעזער האַלטונג האט זיא פערבראַכט איינינע מינוט, עס האט געשיינט דאס איהרע פיס זיינען צוגעוואַקסען צו דער ערד.

ענדליך האט זיא זיך געשטארקט און איז געגאנגען צוריק פון מחיר.

— א וואונדערבארער געדאנקען איז צו מיר געקומען, — האבען איהרע ליפען געמורמעלט — ווירקליך וואונדערבאר, אָבער איך וועל איהם אויספיהרען.

נאך דיזע ווערטער האט זיא פערלאסען איהר צימער און איז אריין אין איהר גארדעראָבע.

דאָרט זיינען געשטאנען שראנקען אויף שראנקען און אלערליי קאסטענס. דאָרט וואָרען אויך צוויי גרויסע שפיעגלען איינע נעגען דיא אנדערע.

איינע פון דיא קאָסטענס האט זיא גענומען, דארט זיינען געלעגען איינינע קאָסטיומען פון פערשיעדענע פארבען. דיא פרינצעסין האט פאר זיך געוועהלט דעם קאָסטיום פון א בלומען־מיידעל.

אויף איינעם פון דיא מאסקען־בעלער וואס איהר פאָטער האט גענעבען האט זיא דיעזען קאָסטיום געטראגען.

— אין דיעזען קאָסטיום וועט מיך קיינער ניט ערקענען, — האט זיא צו זיך געזאגט — א גליק וואָס איך האב דעם שליסעל פון פאלאסט, איך וועל קענען ארויסגעהן און קיינער זאל מיך ניט ערקענען און ניט בעמערקען.

נאכדעם וויא זיא האט גענומען דעם קאָסטיום האט זיא צוגעשלאָסען דיא קאָסטען און איז אוועק צוריק אין איהר צימער.

דאָרט האט זיא זיך ערסט איבערגעטהאן.

מיט פערגניגען האט זיא בעטראכט איהר בילד וואָס דער שפיעגעל האט פאר איהר געוויזען.

עדיטהא האט ווירקליך גאנץ רייצענד אויסגעזעהן און נאכדעם וויא זיא האט זיך איבערצייגט דאס אלעס איז אין אָרדנונג האט זיא צוזאמענגענומען אלע בלומען פון דיא וואזען, האט זיי אריינגעלעגט אין א קאָרב און איז ארויס פון פאלאסט. נאטירליך דאס זיא האט געוועהלט דעם וועג צום וואסער. אלס זיא האט דעם דעם פאלאסט געהאט הינטער זיך האט איהר נאך געקלאפט דאס הערץ, ניט ווייל זיא האט עטוואָס מורא געהאט נור ווייל דיא לאגע אין וועלכער זיא האט זיך געפונען וואר פאר איהר א נייע און זיא האט ניט געוואוסט, וואס איהר קען דא טרעפען.

לאנגזאם איז זיא געגאנגען ווייטער. פלוצלינג איז אין דער פינסטערער נאכט פאר איהר ערשיענען דיא געשטאלט פון א בעטלער. זיא האט דעם מאן פריהער ניט בעמערקט. זיא איז איבערראשט געוואָרען ווען ער האט פון איהר געבעטען א געשאנק.

—ווילסט דוא פערדינגען עטוואס געלט? — האט דיא פירסטין געפרעגט.

— אה, געוויס סינאָרא!

— האסט דוא ביי זיך א וואפען?

דער בעטלער האט זיך ארומגעקוקט, ענדליך האט ער ארויסגענומען א סטי־לעט פון זיין ראָק.

— ווילסט דוא מיך בעשיצען? — האט דיא פירסטין ווייטער געפרעגט.

— זאָל איך פערהאפט ווערען אויפ'ן אָרט, אויב איך וועל שענקען דעם וואס וועט אייך מיט עטוואס בעריהרען.

עדיטהא וועלכע האט צו גוט געוואוסט דיא זיטען און דיא געוואהנהייטען פון לאַנד וואר מיט איהם צופריעדען. זיא האט ארויסגענומען א גאָלד־שטיק און האט עס געגעבען דעם בעטלער, וועלכער האט עס צוגענומען מיט דאנק.

— דוא זעהסט דאָס א געשעפט טרייבט מיך ארויס אין דרויסען און איין יונגעס מעדכען, אָהן א בעשיצער שטעהט אין געפאהר.

— אייער געשעפט סינאָרא? נון, יא דאס קען זיין א געשעפט.

— וואָס מיינסט דוא דערמיט? — האט דיא פירסטין געפרעגט אין א שאר־פען טאָן.

— סינאָרא, איך קען אייך.

— דוא מיך?

— איהר זייט דיא פירסטין פאָן קאררארא!

עדיטהא איז פערציטערט געוואָרען.

שוין ביי דעם ערסטען שריט פון איהר אונטערנעהמונג זעהט זיא, אז מען האט זיא ערקענט. א היבשע ווילע האט זיא ניט געוואוסט, וואס זיא זאל טהאן אָבער זיא האט איינגעזעהן דאס עס וועט זיין גאנץ אומזיסט צו לייקענען זיך פאר דיעזען בעטלער, און דאס עס קען אויך זיין געפעהרליך.

— און ווען דאס איז אזוי וועסט דוא שווייגען? — האט זיא געפרעגט.

— איך וועל שווייגען! — האט ער געענטפערט.

— עס וועט זיין דיין אונגליק, ווען דוא וועסט דיין וואָרט ניט האלטען!

— איך ווייס עס סינאָרא.

— וויכסט דוא געהן עטוואס וויט פון מיר, דוא זאָלסט זיין גענוג נאָהענט אום צו זעהן וואָס מיט מיר טהוט זיך און וויט גענוג אום דוא זאָלסט ניט הערען וואס איך רייד?

— איך וועל עס טהאן.

— און אויך מען זאל דיך ניט זעהן?

— האט אייערע גנאדען אמאל געהערט פון דעם שווארצען קארלאָס?

— פון דעם שווארצען קארלאָס? מיינסט דוא פיעללייכט פון רעטהזעלהאפ־טען מאן, וועלכער קומט איבעראל אונערוואַרטעט און פערשווינדעט אזוי שנעל וויא ער קומט, דער מערקווירדיגער מענש אויף וועלכען מען זאָגט, דאס ער קען זיך מאכען מען זאל איהם ניט זעהן?

— יא, דיעזען מאן מיין איך.

— נון, ווארום פרעגסט דוא מיך?

— ווייל איך בין דער שווארצער קארלאָס!

אין ערסטען מאָמענט האט דיא יונגע דאמע געגומען ציטערען.

זיא האט געוויס געהערט פון דעם שווארצען קארלאָס, דען אין דער גאנצער שטאָדט און אין יעדעם הויז האט מען פון דיעזען מאן געשפראָכען.

קיינער האט איהם ניט געקענט, קיינער האט ניט געוואוסט, ווער ער איז, און אבוואָהל דער פּאָליציי איז שוין אייניגע מאל געלונגען צו קומען נאהענט צו איהם, דאך אין לעצטען אויגענבליק איז ער אימער פערשוואונדען.

דער שווארצער קארלאָס וואר א געפעהרליכער מאן, און עס וואר דארום ניט זעהר אנגענעהם צו זיין אין זיין האנד.

אבער דיא מוטהיגע פירסטין האט שנעל אונטערדריקט איהר מורא, קארלאָס האט איהר געשוואָרען און ער וועט געוויס ניט ברעכען זיין שבועה.

עדיטהא איז באלד צורוק געוואָרען מוטהיג און גאנץ שטיל האט זיא געזאגט:

— עס פרעהט מיך צו שליסען בעקאנטשאפט מיט דיר שווארצער קארלאָס, און אזוי וויא דוא קענסט מיך דארפסט דוא אויך וויסען דאס דיין ארבייט וועט פון מיר בעלאָהנט ווערען.

אין דיא אויגען פון שווארצען קארלאָס איז געוואָרען ליכטיג, עס האט גע־שיינט, אז ער וויל עטוואָס זאָגען, אָבער ער האט פערביסען דיא ליפען און האט געשוויגען.

— געהט פאראויס, — האט ער נאך א קורצער פויזע געזאגט — איך וועל אייך נאכגעהן.

עדיטהא האט יעצט פאָרטגעזעצט איהר וואנדערונג.

דער שווארצער קארלאָס איז געגאנגען פון הינטען.

אין זיינע אויגען האט יעצט געלויכטען גלייך וויא ער וואָלט וועלען בעלייכטען די שווארצע נאכט, זיין ברייטע און קרעפטיגע ברוסט האט זיך יעצט בעוואגען ארויף און אראָפּ.

— מען רופט מיך דער שוואַרצער קאַרלאָס! — האט ער צו זיך געזאגט — קיינער וויים ניט ווער איך בין. אויך דוא האָהע פירסטין, ווייסט ניט ווער איך בין און דוא וואָנסט צו געבען מ׳ר אַ גאָלד־שטיק — אָה, וויא דיעזעס געלד ברענט מייי האנד!

ער האָט יעצט אַ חאַפּ געטהאן דאס געלד און האט עס אריינגעוואָרפען אין ים.

— פאָרט מיט דאס געלד! אך, ווען זיא וואָלט נור געוואוסט, — אָבער ניין, עדיטהאַ דאַרף עס ניט ערפאהרען. איך בין געבאָרען אזוי הויך וויא דוא און איך בין דער לעצטער קינד פון אַ מאַיעסטעטישע הויז. איך בין פעראַרעמט, און מען רופט מיך באַנדיט, אָבער דער שוואַרצער קאַרלאָס וויים, וואָס ער וויל און וואס ער טהוט, און פריהער וועט דיעזער סטילעט דורכלעכערען דיין ברוסט, שטאָלצע פירסטין איידער דער שוואַרצער קאַרלאס וועט צו לאָזען דוא זאָלסט הייראַטהען איין אנדערען.

קאַרלאָס האט געשוויגען אבער דער שטורם האט נאך געהערשט אין זיין ברוסט.

נאך אַ קורצע ווייל'ע האט ער ווייטער געזאגט.

— זיא וויים ניט דאס איך היט זיא! יענער ענגלישער אָפיציער געפעהלט איהר — באה — וואס איז ער? איין איינפאכער סאָלדאַט, אָהן אַ נאָמען און אָהן אַ פערמעגען, ער קען איהר מאָן קיין מאָל ניט ווערען, אָבער ווען זיא ליעבט איהם....

אַ שווערער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט.

— אָה, איך וועל איהם ערמאָרדען, ווען ער וועט עס וואגען!

קאַרלאָס האט זיך ערשראָקען. ער האט ניט ווילענדיג געשפראכען העכער וויא ער האט געוואָלט. ווען עדיטהא האט איהם געהערט? דאך ניין, זיא איז גער נאנגען רוהיג איהר וועג. וואס האט איהר געקימערט דער בעטלער, זאָגאר ווען ער איז געווען דער שוואַרצער קאַרלאָס?

יעצט איז עדיטהא געגאנגען לאנגזאם. זיא האט איינגעהאלטען איהר אטהעם און האט זיך צוגעהערט. צו איהרע אויערען איז געקומען דער גערויש פון טריט.

עס האט געמוזט זיין דיא טריט פון א מאן. דאס האט מען געקענט הערען, אבער עדיטהא האט אין דעם עטוואס אנדערש דערהערט. איהר האט געשיינט דאס דיעזע טריט זיינען איהר בעקאנט.

דיא פירסטין האט זיך אומגעקוקט. דארט אין שאטין פון א שווארצער סטא־טוע איז געשטאנען דער שווארצער קארלאס, איהר שארפע אויג האט איהם זא־פארט ערקענט.

אזוי שנעל וויא זיא האט זיך געשטעלט איז ער אויך שטעהן געבליעבען, און אזוי שנעל וויא זיא האט אנגעפאנגען צו געהן איז ער אויך געגאנגען, אזוי וויא זיא האט מיט איהם אבגעמאכט. דאך אין דיעזען אויגענבליק האט זיא געוואונשען איהר בעשיצער זאל זיין ווייט פון איהר.

אלס עדיטהא האט זיך אומגעקוקט האט זיא געהערט א גערויש גלייך וויא עטוואס וואלט געפאלען אין דאס וואסער.

— וואס וואר דאס? — האט עדיטהא געזאגט צו זיך. זיא האט זיך דאך באלד בערוהיגט, דען דארט אויבען אויפ'ן וואסער וואר דער פרעהליכער געזאנג פון א לוסטיגע געזעלשאפט, וועלכע שפאצירט ארום אויפ'ן וואסער.

— עס וואר ניכטס! איך האב מיך געוויס געאירט, — האט דיא יונגע פיר־סטין צו זיך וויעדער געזאגט, און איז געגאנגען וויטער איהר וועג.

דיא טריט וועלכע עדיטהא האט געהערט זיינען יעצט געקומען נעהענטער. זיא האט יעצט דערזעהן א מענערשע געשטאלט און מיט דער גרעסטער מיהע האט דיא פירסטין אונטערדריקט איהר פריידע.

זיא האט יענע געשטאלט ערקענט. עס וואר דער שעהנער אפיציר.

עדיטהא האט צוגעדריקט איהר הארץ זיא זאל ניט צושפרינגען אין שטיקער.

— שטיל, שטיל! — האט עדיטהא צו זיך אליין געזאגט — שטיל דיא שטונ־דע קומט!

נאך איינינע סעקונדען און דער אפיציער איז געשטאנען פאר איהר.

עדיטהא האט איהם אויסגעשטרעקט דיא בלומען.

— סיננאר, קויפט איינינע פון דיעזע בלומען....

— אזוי שפעט? — האט דער אפיציער געזאגט העלפט פון איבערראשונג און העלפט פון שפאס — אזוי שפעט אין דער נאכט, קליינע?

— בין איך אזוי קליין?

דיעזע פראגע האט דעם אָפיציער געמאכט אויפמערקזאם. ער האט יעצט בעטראכט דיא בלומען־מעדכען, און עדיטהא האט מיט פריידע בעמערקט וויא איהר אויסזעהן געפעהלט איהם.

זיא האט גוט געזעהן וויא ער ווערט אויפגערעגט, וויא זיינע אויגען פאנגען אָן צו פלאמען.

ער האט זיא געוואָלט נעהמען ביי'ן האנד, אָבער זיא האט איהם אויסגעוויכען.

— זאגט מיר סינאָר אויב איך בין נאך קליין.

— ניין דוא ביזט גרויס, גרויס און שעהן.

— זייט איהר פון ענגלישען שיף?

— געוויס, וואָרום פרעגסט דוא?

— ווייל איהר רעדט גוט איטאַליעניש.

— איך האב עס געלערנט. אָבער וואָס טהוט איהר מיט דיא בלומען.

— איך וויל זיי פערקויפען.

— אזוי שפעט?

— יא.

— אָבער ווער וועט דיעזע בלומען פון אייך אזוי שפעט קויפען?

— זיא, מיין העררּ.

— המ. איך פערשטעה. וואס קאָסטען דיעזע בלומען?

— צוואנציג לירע.

— אָבער וואָס זאל איך טהאן מיט אזוי פיעל בלומען?

— אוועקשענקען.

— איך וויים ניט וועמען?

— אייער כלה.

— איך האב קיינע.

— אה, דאן האט איהר אם וועניגסטען א געליעבטע.

ווילליאם אָף בראנד האט געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ.

— דוא גיסט שלעכטע עצות, מיין הערץ איז נאך פריי.

— גאנץ פריי, סינאר?

— געוויס, אָבער וואָס קימערט עס דיך?

עדיטהא'ס פראגען זיינען דעם אָפיציער געוואָרען פערדעכטיג. דערצו האט איהם געשיינט דאס ער האט פון וויטען געהערט א גערויש, און ניט ווילענדיג האט

ער זיך נעהאפט ביי זיין ענען. ער האט זיך ארומגעקוקט, אבער ער האט גאר ניט געזעהן.

עדיטהא האט זיך געפרעהט אין הארצען. זיא האט ניט געצווייפעלט דאס איהר אויסזעהן איז איהם געפעהלען געוואָרען, דען דאס וואר ביי איהר קיין איבער־ראשונג. זיא האט זיך אבער געפרעהט וואס זיין הערץ איז ביז יעצט נאך געבליבען פריי, וויא ער האט איהר געזאגט און זיא האט איהם געגלויבט.

— ווילט איהר קויפען ? — האט זיא געפרעגט.

— נון, וואָס קאָסט עס, צוואנציג לירע ?

— יא.

— דוא ביזט ארם ?

— זעהר ארם.

— וואָס וועסט דוא יעצט טהאן ?

— איך וועל געהן אין מיין אונמוטהיגען וואָהנונג.

— דארף איך דיך בעגלייטען ?

— ניין סינאָר, דאס ניט.

— אה, — האט ער לוסטהיג אויסגערופען — האסט דאס געמיינט. נון גוט, היער איז דאס געלד.

דער אָפיציער האט ארויסגענומען זיין געלד פון טאשע און האט איהר איבער־גענעבען א גאָלד שטיק.

— איך דאנק אייך סינאָר. היער זיינען דיא בלומען.

— האלט דיא בלומען פאר זיך, איך קען זיי ניט געברויכען.

וויליאם אָף בראנד האט דיזע ווערטער זעהר לייכט אויסגעשפּראָכען, אבער זיינע אויגען האבען דערביי גערוהט אויף דאס מעדכען.

— דוא ביזט אזוי שעהן, — האט ער פּלוצלינג געזאגט — וויא שאדע דאס דוא......

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— דוא וועסט אמאל ווערען דיא געליעבטע פון א רייכען מאן און דאן....

— דאן וועל איך שטארבען, — האט זיא איהם אונטערבראָכען.

דער אָפיציער האט זיא אָנגעקוקט מיט מערקווירדיגע בליקען. אין זיין גאנצען וועזען איז געוואָרען איין ענדערונג. איהרע אויגען האבען געברענט און ער האט אויך געזעהן וויא איהר בוזים האט יעצט געאָטהעמט אזוי שווער.

אין דיזען אויגענבליק איז עדיטהא געוועזן פאָל מיט ליידענשאַפט.

— יאַ, סינאָר, — האט זיא געזאָגט — איך וועל פיעללייכט אמאָל ליעבען, אָבער נור א מאַן, וועלכער וועט ווערט זיין מיין ליעבע. ער מעג זיין רייך אָדער ארם, און ווען איך וועל דיעזען מאַן ניט קענען געהערען אויף אימער, דאַן וועל איך שטארבען!

וויללּיאַם אָף בראַנד האט ניט געענטפערט.

ער איז געוועזען ניט דעם ערסטען מאָל אין איטאַליען און ער האט שוין געהאט דיא געלעגענהייט צו זעהן דעם הייסען טעמפּעראַמענט פון דיא שוואַרץ־אויגענדיגע מעדכען.

— נון, מיר וועלען האפען דאס דוא וועסט זיין גליקליך און וועסט נאך לעבען. יעדענפאַלס קענסט דוא מיר געבען איינע פון דיא בלומען.

— וועלכע ווילט איהר סינאר?

עדיטהא האט עס געשפּראָכען מיט א ציטערדיגע שטימע, אויך איהר גע־שטאַלט האט געציטערט, וועהרענד איהרע בליקען האבען זיך איינגעגעסען אין דעם אָפּיציערס געזיכט. זיא האט געוואַרט צו זעהן, וועלכע בלומען ער וועט וועהלען.

וויללּיאַם האט גענומען א דונקעלע ראָזע און האט זיא אַריינגעזעצט אין זיין ראָק.

מעג דיעזע ראָזע ברענגען צו מיר גליק, — האָט ער געזאָגט — גוטע נאַכט מיין קינד.

— נוד נַיִט סער, — האט עדיטהא געענטפערט אין ריינעם ענגליש.

פערוואונדערט האט וויללּיאַם אָף בראַנד זיא אנגעקוקט. א פראַגע איז געלע־גען אויף זיינע ליפּען, אָבער איידער ער האט זיך אַרומגעקוקט איז זיא שוין אוועק.

דער אָפּיציער האט זיא נאָכגעקוקט: „ווירקליך א מערקווירדיגעס קינד“,—האט ער אין זיך געמורמעלט — איך קען וועטען דאס זיא איז פון א הויכער פאַמיליע. אזוי וויא זיא, רעדט קיין קינד פון פאָלק, אָבער דאך, עס איז דאך א וואהנזין אזוי צו דענקען.

דיא בעגעגנונג מיט דער בלומען־מעדכען האבען איהם געמאַכט פיעל אונרוהיגער אַלס ער האט עס געקענט בעגרייפען. לאַנגזאַם איז ער געגאַנגען זיין וועג, ביז ער איז געקומען צו זיין אָרט גראַדע געגען דער שיף קלעאָפּאַטרא.

ער האט ניט געזעהן וויא א געשטאַלט געהט איהם נאָך.

עס וואר דער שוואַרצער קאַרלאָס.

וויללּיאַם האט גענומען פייפען.

אויף דעם וואסער, וואו מען קען אראָפּגעהן איבער טרעפּ, האט זיך געשאָקעלט א קליינע שיפעל. וויא ער האט געגעבען דעם צייכען האבען צוויי ענגלישע מאטראָזען פון אָרט געריהרט.

וויא זיי האבען ערקענט דעם אָפּיציער האבען זיי אָבגעגעבען דעם עהרענצייכען.

ווילליאם האט זיך אריינגעזעצט אין שיפעל, וועלכע איז צוגעפּאָהרען צו דער קלעאָפּאטרא.

אָבוואָהל ווילליאם האט דיעזע נאכט ניט געהאט קיין ארבייט, דאך איז ער ניט אוועק אין זיין קאַיוטע. שטונדענלאַנג איז ער געשטאַנען אויפ'ן דעק און האט געקוקט צום אָרט, וואו ער האט זיך בעגעגענד מיט דער בּלומען־מעדכען.

בּיי'ן בּרעג איז געשטאַנען קארלאָס.

דעם גערויש וואס עדיטהא האט פריהער געהערט אויפ'ן וואסער, וואר דורכאויס קיין אירטהום וויא עדיטהא האט געגלויבט.

דער שווארצער קארלאס האט געהאט שארפע אויגען. נאך איידער עדיטהא האט זיך ארומגעקוקט האט ער דעם אָפּיציער בעמערקט, און נאכדעם, ווען ער האט בעמערקט עדיטהא'ס אויפרעגונג האט ער באַלד פערשטאַנען, דאס איהר וואנדערונג האט צו טהאן מיט דיעזען אָפּיציער.

ער האט זיך שנעל ענטשלאָסען וויא אזוי צו קומען צום אָרט, וואו עדיטהא וועט זיך בעגעגענען מיט דעם אָפּיציער און זיא זאָל איהם ניט בעמערקען, וויא ער איז דעם ווטג פערלאָפען. ער וואר א גוטער שווימער, און זאָ איז ער אריינגעשפרונגען אין וואסער און איז צוריק צוגעשוואומען צום בּרעג, וואו עדיטהא האט זיך בעגעגענד מיט דעם אָפּיציער.

דער הויכער, געמויערטער בּרעג האט איהם געשיצט זיי זאָלען איהם ניט זעהן, ווערענד זיי האבען גערעדט. זאָ איז ער געשטאַנען און האט געהערט יעדען וואָרט וואָס זיי האבען געשפּראָכען.

קארלאָס האט איינגעהאלטען דעם אטהעם אום ער זאָל זיך אליין ניט פערראטהען, אָבער זיין הערץ האָט געקאָכט. יעדעס וואָרט וואָס עדיטהא האט געשפּראָכען מיט דעם אָפּיציער, האבען איהם געשניטען אין הערצען.

— ענדליך, — האט ער געמורמעלט אלס דיא פירסטין האט זיך ענטפערענט. דאן האט ער גענומען היטען דעם ענגלענדער.

אלס ווילליאם האט זיך אריינגעזעצט אין שיפעל אין קארלאָס געבליבען שטעהן אויפ'ן בּרעג.

מיט פינסטערע בליקען האט ער נאכגעקוקט דיא שיפעל און האט געפלוכט פאר צארען.

דאן האט ער זיך געווענדעט צום פירסטליכען פאלאסט. ער איז געגאנגען מיט שנעלע טריט ביז ער האט דער פירסטין אנגעזאגט, נאך איידער זיא האט עררייכט דיא טהיר פון פאלאסט.

— פירסטין — האט ער געזאגט מיט א לייזער שטימע.

עדיטהא האט זיך אומגעווענדעט.

— קארלאס? וואס ווילסט דוא?

— איך וויל אייך ווארנען.

— מיך? וואס פאלט דיר איין? איך האב דיר בעצאהלט פאר דיין ארבייט.

— איהר האט איין אירטהום, סינארע!

— אה, אייך גענינגט ניט דער גאלדשטיק, גוט, דא האט איהר א צווייטען. נעהמט עס צו.

קארלאס איז געבליבען שטעהן און האט זיך ניט גערירט פון ארט.

— איך וויל איין אנדער בעלאהנונג.

— דוא ביזט א נארר, — האט דיא פירסטין געזאגט אונגעדולדיג — וועלכען לאהן פערלאנגסט דוא דען?

— גיט מיר א ראזע.

— זא? דאס איז א מערקווירדיגער פערלאנגען.

— איך פערלאנג א ראזע, פירסטין!

— דוא ביזט פעררירקט!

— איך בעט אייך נאך אמאל פירסטין, גיט מיר א ראזע, דיעזע דונקעלע ראזע וויל איך האבען, זיא שיינט פאר מיר דונקעלער, אלס דיא ראזע וועלכע איהר האט דעם אפיציער געגעבען!

— אזוי, איהר האט אונז שפיאנירט!

— איך האב אייך בעדארפט שיטצען, איך האב דאך ניט געוואוסט ווער יענער אפיציער וואר, מען קען דיא ענגלענדער וועניג געטרויען. היט זיך פון זיי פירסטין.

— שוויינ און געה דיין וועג!

— פריהער גיט מיר דיא ראזע.

עדיטהא האט איהם צוגעווארפען א בייזען בליק.

— איהר ערלויבט זיך מעהר וויא איך וועל אייך קענען פערצייען, וויא קענסט דוא בעטלער וואגען — —

— ווייסט איהר דען דאָס איך בין א בעטלער?

— דוא האסט פון מיר געלד גענומען, געה!

זיא האט צו איהם צוגעווענדעט דעם רוקען און האט זיך געלאָזט געהן צו דער טהיר פון פאַלאַסט.

דא האט זיא דערהערט וויא מען רופט איהר נאָמען.

— עדיטהא!

זיא האט זיך אומגעקוקט און האט אויסגערופען פון צאָרן.

— וואָס וואַגסט דוא, שמוציגער לאזארנא? אזוי בעלאָהנסט דוא מיך פאר מיין גוטהערציגקייט?

דער שווארצער קארלאָס איז פלוצלינג געפאַלען צו דער פירסטינס פיס און האט אויסגעשטרעקט דיא הענד.

א שטארקער געוויין האט זיך פלוצלינג אויסגעריסען פון זיין ברוסט און זאָגאר עדיטהא אליין איז גערירט געוואָרען אלס קארלאָס האט געוויינט און האט געבעטען:

— סינאָרע, טוידטעט מיך אָדער גיט מיר דיעזע ראָזע!

עדיטהא האט פערלאָרען איהר קראפט. זיא האט זיך ניט געקענט ערקלעהרען דעם בעטלערס מערקווירדיגע בענעהמונג. אזוי וויא עס וואר גאנץ מעגליך דאָס עס זאלען אָנקומען מאַנכע מענשען און זאלען זיא ערקענען און זאָלען אויך זעהן דיעזע מערקווירדיגע סצענע. וא האט זיא בעשלאָסען, אז דאָס בעסטע פאר איהר איז צו ערפילען זיין וואונש.

— היער האסט דוא א ראָזע! — האט זיא געזאגט און האט צוגעוואָרפען דיא בלום צום בעטלער, וועלכער האט זיא געחאפט מיטביידע הענד.

— דוא האסט יעצט זעהר פיעל צו פערבעסערען. דיין דינסט דארף איך ניט מעהר.

— איך דאנק אייך, טויזענד מאָל דאנק אייך.

עדיטהא האט דיעזע ווערטהער קוים געהערט. זיא איז געגאנגען אזוי ראש, וויא זיא האט נור געקענט. אין נעכסטען מאָמענט איז דיא פירסטין פערשוואונדען אין פאַלאַסט.

דורך דער שטילער נאכט, האט געקלונגען א ווילדער, ליידענשאפטליכער געשריי. עדיטהא האט איהם ניט געהערט.

— — — — — — — — — — — — — —

אין טיעפע געדאנקען פערזונקען איז דאָן קארלאָס אוועק. ער איז ארומגע-

גאנגען דעם פירסטליכען פּאַלאַסט, דאן האט ער זיך געשלעפּט איבער דער שטראַסע.

הינטער איהם האבען גענומען קלינגען וואגען און שנעלע טריט.

— פּערדאַמט! — האט דער בעטלער געמורמעלט — דאָס זיינען פּאָליציי־סאָלדאַטען! נא ווארט נור, דעם שווארצען קאַרלאָס קריעגט איהר נאָך ניט!

ער האט זיך איינגעהערט פון וועלכען זייט דער גערויש קומט, דאן האט ער זיך געלאָזט געהן אין דעם צווייטען זייט.

ער האט זיך געוואָלט אריינקעהרען אין א צווייטער גאס, אלס ער האט פּלוצ־לינג פאר זיך דערזעהן א גאנצע קאָמפּאַניע פּאָליציסטען.

הינטער איהם זיינען זיינע פערפאָלגער אלץ נעהענטער געקומען.

יעצט האט ער זיך געפונען אין א פאסטקע און האט ניט געוואוסט וויא אזוי ער קען זיך ארויסדרעהן.

מיט פערצווייפעלטע בליקען האט ער זיך ארומגעקוקט.

דיא פּאָליציסטען זיינען איהם יעצט געקומען ענטגעגען.

— האלט! האלט! — האט עס געקלונגען אין א גראָבע שטימע.

— וואָס ווילט איהר?

— איהר זייט פערהאַפטעט.

קאַרלאָס האט זיך צולאַכט.

— אין נאָמען פון קעניג!

— איך בין אליין קעניג! — האט קאַרלאָס אויסגערופען, דאן האט ער אויס־געריסען א פּיסטאָל פון זיין גארטעל, האט אריינגענומען דעם סטילעט צווישען דיא צייהן און איז געפלויגען גענען דיא פּאָליציסטען.

— א שוס האט געקראַכט. דאן א צווייטער און א דריטער.

— אלס דער רויך איז פערשוואונדען האט מען דערזעהן א פּאָליציסט דורכגעשטאָכען מיט א סטילעט און א צווייטער איז געלעגען אויף דער שטראַסע.

קאַרלאָס האט גוט געציעלט.

יעצט האט ער זיך געראַנגעלט מיט דיא איבעריגע וויא א פערצווייפעלטער טיגער.

— היער, דאָ האסט דוא!

דער קלינגעל פון א דאָלך האט א בליץ געטהאן אין דער לופטען, דאן האט א געשריי פון א פערוואונדעטען פערהילכט דיא גאַס.

קאַרלאָס האט עס אויסגעשריען.

אין דער היץ פון קאמפף האט ער פערגעסען דיא פאָליציי סאָלדאטען, וועלכע זיינען אנגעקומען הינטער איהם, און אין דעם זעלבען מאָמענט וואס ער האט אריינגעהאקט זיין סטילעט אין דער ברוסט פון דעם איינציגען פאָליסמאן, וואָס האט איהם פערשטעלט דעם וועג איז ער פלוצלינג געהאפט געוואָרען פון הינטען און געשליידערט געוואָרען צו דער ערד.

ער איז געלעגען מיט'ן רוקען אויף דיא שטיינער, ער וואר ביינאהע מאכטלאָז צו ועהרען זיך, דאך האט ער זיך נאך געצאפּעלט און האט געשריען וויא א לייב:

— איך אדער איהר!

דאך עס וואר צו שפּעט!

דיא פאָליציי סאלדאטען האבען איהם בעזיעגט און האבען איהם באלד געבונדען דיא הענד און דיא פיס און האבען איהם טראנספּאָרטירט אין פאָליציי־סטאציאָן.

ביז יעצט איז איהם אימער געלונגען אויסצודרייסען זיך פון אלע פערפאָלגער, און איהם האט אימער געשיינט דאס ער איז מעכטיגער פון דער גאנצער וועלט. יעצט איז ער אָבער אריינגעפאלען און צו זיין מאכט און גלאנץ איז געקומען איין ענדע.

קארלאָס וואָלט דאס פיעללייכט גאנץ לייכט פערטראָגען, אבער עטוואָס נייעס האט זיין כעס און פערצווייפלונג פערגרעסערט. דאָס וואר דער געדאנקען וועגען עדיטהא.

ווער וועט זיא יעצט שיצען, נאכדעם וויא ער ליעגט אין קעטען?

ער האט אויך געדענקט וועגען דעם ענגלישען אָפיציער, וועלכען עדיטהא האט זיכער געליעבט.

ער האט געקריצט מיט דיא צייהן ווען ער האט דעריבער געדאכט. ער האט עדיטהא'ן געקענט אלס זיא איז נאך געוועזן א קליין קינד.

דאמאָלס וואר ער נאך אין אזעלכע פערהעלטניסע, וועלכע האבען פאר איהם ניט זעהר שווער געמאכט צו דענקען וועגען עדיטהא'ס האנד.

דאן איז געקומען דער פאָרפאל.

זיין פאָטער האט זיין לעצטען פערמעגען פערשפּיעלט, זיין מוטער איז דערפון געוואָרען פעררירקט און זיין פאָטער האט געזעהן דאס ער האט קיין רעטונג.

געזעהן ער האט געבליקט וואר נור שמאך און שאנדע, און אזוי וויא ער

האט קיין קראפט געהאט אנצופאנגען איין נייעם לעבען און האט אויך קיין מוטה געהאט זיינע ליידען צו פערטראָגען זא האט ער זיך ערשאָסען.

קארלאָס איז דאן געוועזן פופצעהן יאָהר אלט.

ווייטע פערוואנדטע האבען איהם גענומען צו זיך.

אָבער קארלאָס האט געירשנ׳ט דעם אונרוהיגען טעמפעראמענט פון זיין פאָטער, ער האט ניט געקענט עסען אומזיסטען ברויט.

אין א געוויסען טאָג איז ער פערשוואונדען, זיינע פריינדע האבען עס בעקאַנט געמאכט אין דיא צייטונגען. אין פיערצעהן טעג שפעטער האט מען געפונען דעם קערפער פון א יונגען מאַן אין איינעם פון דיא טייכען.

דיא לייבע איז זאָגאר פערענדערט געוואָרען, דאך האט מען אין איהר נאך ערקענט קארלאס געשטאלט און זאָ האט מען איהם געהאלטען פאר טוידט.

דיעזע דראמע האט זיך אבגעשפיעלט אין מאילאנד.

א לאנגע צייט האט קארלאס זיך ארומגעטריבען.

אין זיין יונגער היץ האט ער זיך געשוואָרען ער זאָל ווידער ברענגען דעם נאָמען פון זיין פאמיליע צו עהרע און שטאָלץ.

ער וואר נאך צו אונערפאהרען, צו אונצייטיג, ער זאָל געפינען דיא ריכטיגע וועגען און מיטלען. ער איז פערבלאנדזעט געוואָרען אויף אלטרליי קרומע וועגען.

עס מעג ערשיינען זעהר מערקווירדיג, אבער אין יענעם געגענד ווערט דיא נאטור פיעל פריהער צייטיגער אלס ביי אונז און זאָ איז קארלאָס שוין צו זעכצעהן יאָהר געוואָרען שטארק פערליעבט אין דער פירסטין עדיטהא, און אבוואָהל ער איז יעצט געוועזן ניט מעהר וויא א בעטלער, דאך האט ער זיך ארומגעטראָגען מיט דיא געדאנקען דאָס ער מוז זיא אמאָל נאך בעזיצען.

זייט דעם זיינען פערגאנגען איינינע יאָהרען, קארלאָס האט שוין לאנג געהערט צו דיא פערברעכער קלאסע. איהם איז נור געבליבען צוויי זאכען, דער שטאָלץ אויף זיין נאָמען און דיא ליעבע צו עדיטהא. אום קיין זאך אין דער וועלט וואר ער אימשטאנדע דיעזע ליעבע צו ענטזאגען.

און זא זיינען זיינע ליידען יעצט געוועזן זעהר גרויס, דען ער האט מיט זיינע אייגענע אויערען געהערט דעם געשפרעך צווישען זיין געליעבטע און דעם פרעמדען ענגלענדער, און נאך מעהר ווארען יעצט זיינע ליידען וואס ער איז פערהאפטעט און איז ניט מעהר אים שטאנדע צו זעהן וואָס מיט זיין געליבטע וועט געשעהן.

אין דערזעלבער צייט וואָס קארלאָס איז אריינגעפאלען דער פאָליציי אין דיא הענד איז עדיטהא אָנגעקומען צו איהר צימער.

זיא האט זיך געפונען אין אזא שטימונג, וועלכע זיא האט אליין ניט געוואוסט וואס עס קען בעדייטען.

איהר טרוים וואר יעצט נאָהענט צו דער ווארהייט. זיא האט געזעהן דעם מאן וואס האט אויף איהר געמאכט אזא איינדרוק און זיא האט מיט איהם אויך געשפּראָכען.

עדיטהא האט יעצט בעגראָבען איהר געזיכט אין איהרע הענד, ווערהענד איהר גאַנצער קערפּער האט געציטערט וויא אין א קאָנוואולסע.

אָבער אונאנגענעהמע געדאַנקען האבען זיך געמישט אין איהר גליק. זיא האט יעצט געדענקט פון דעם שווארצען קארלאָס.

ער האט געוואגט צו פערלאַנגען פון איהר א בלום און זיינע ליפּען האָבען אויסגעשפּראָכען אזא ליידענשאפט פאר וועלכער זיא האט צו פירכטען, דען ער האט עס געשפּראָכען מיט שטאָלץ גלייך וויא ער וואָלט זיא געדראָהעט.

— וואס קען דאס זיין, דאס דיעזער עלענדער בעטלער, דאס דיעזער פערוואָרפענער יונג דיעזער.....

זיא האט גענומען קלאַפּען מיט דיא פיס פון אויפרעגונג.

— ער זאָל מיר ניט שטעהן אין וועג! — האט זיא געזאָגט — איך וועל איהם פערניכטען.

באַלד זיינען אָבער דיעזע פינסטערע געדאַנקען פון איהר אוועק און בעסערע פאַנטאזיען, בעסערע האפנונגען האבען זיך איבער איהר בעמעכטיגט. אין דיעזע געדאנקען האט זיא איינגעשלאָפען.

אויף מאָרגען איז עדיטהא אויפגעשטאַנען שפּעטער וויא געוועהנליך. אלס איהר קאמער־מעדכען איז צו איהר אריינגעקומען האט זיא צו איהר געזאגט.

— ביאַנקא, ווייסט דוא וואָס מיר האבען געסטערען געשפּראָכען?

— איך וועל עס קיין מאָל ניט פערגעסען.

— דוא האסט מיר ערצעהלט דיא געשיכטע פון דיין ליעבע, זיא האט געהאט א טרויעריגע ענדע. הייטע קען איך דיר ערצעהלען דעם אנפאנג פון מיין געשיכטע, איך בין זיכער דאָס דוא וועסט עס קיינעם ניט פערראטהען. זעה מיך נור אן ביאַנקא.

ביאנקא האט זיא בעטראכט.

— זעה איך אויס וויא א גליקליכע?

— יא, סינאָרא! — האט דאס קאמער־מעדכען געזאגט — אזוי קען נור אויס זעהן א פרוי, וועלכע איז זיכער מיט איהר העכסטען גליק.

עדיטהא האט געניינט מיט איהר קאָפּ

— דאס העכסטע גליק! האט זיא געמורמולט.—יא, אבער וועט דיעזער גליק לאנג דויערען? דאך ווארום קוועלען מיך אזעלכע געדאנקען? דער אמת'ער גליק איז גרויס אום ער זאל לאנג קענען דויערן, דארום מוז מען זעהן צו געניסען פון דער געגענוואַרט. נו הער מיך אויס וואס איך האב דיר צו ערצעהלען, איך האב איהם שוין געזעהן!

— ועמען מיינט איהר, פירסטין?

— דוא קענסט נאך פרעגען? איהם, וועלכען איך ליעב.

דיא קאמערמעדכען איז געווארען פרעהלאך.

— איז דאס מעגליך, פירסטין? און נאך געסטערען, זאגט איהר? אך וויא פרעהט עס מיך צו וויסען דאס מיין גוטע הערין איז גליקליך.

זיא האט דיעזע ווערטער געשפראכען מיט אזא טיעפער שטימע דאס עדיטהא איז דער פון געריהרט געווארען.

— דוא ביזט א גוטעס, טרייעס קינד, דאס ווייס איך און איך גלייבע אין דיין טריישאפט און איבערגעבענהייט, און איך שענק דיר מיין גאנצען צוטרויען.

יעצט האט דיא פירסטין איהר ערצעהלט פון איהר ערסטער בעגעגנונג מיט דעם ענגלישען אפיצער, און וויא אזוי איהר הארץ איז נור פאל מיט זיין פערזאָן.

ביאנקא האט אלעס אויסגעהערט. אלס עדיטהא איז געווארען שטיל, האט זיא געפרעגט:

— קענט איהר דעם אפיצערס נאמען און זיין טיטעל?

— ווען דוא מיינסט דאס ער טראגט א אויך קלינגענדען נאמען, זא האסט דוא איין אירטהום. ער איז פון ניעדעריגען שטאנד, דען ער הייסט ווילליאם אָף בראנד און ער איז ניט מעהר וויא א ליטענאנט.

— אבער דאן איז אייער ליעבע אהן האפנונגג האט דיא קאמערמעדכען אויסגערופען.

— ווארום?

— וויא וועט דער פירסט איינווילינגען צו אזא פארטיי.

— ווער האט דיר געזאגט דאס איך וויל איהם הייראטהען?

— איהר ווילט ניט?

— נארישעס קינד, וואס פאר א ראלע שפילט דא מיין ווערען. דוא ווייסט דאך אליין, דאס ניט נור מיין פאטער דארף איינשטימען, זאנדערן דעם לעצטען ווארט האט דער קעניג, וועלכער האלט אין האנד דאס גליק פון דיא מענשען וואס

געהערען צו דער הויכער אריסטאקראטי. אה איהר קינדער פון פאלק, מיט וויפיעל פרייער און גליקליכער זייט איהר פון אונז אריסטאקראטען!

— דאס איז וואהר,—האט דיא קאמערמעדכען געענטפערט.—וואס דער פירסט וועט ניט איינשטימען וועט דער קעניג געוויס פערוועהרען.

— דוא זעהסט אלזא דאס עס איז פאלשטענדיג אונמעגליך צו דענקען דא פון איין הייראטה.

— און דאך ליעבט איהר איהם?

— וואס האט דיא געזעלשאפט צו טאהן מיט דער ליעבע?—האט דיא ליידענשאפטליכע פירסטין אויסגערופען.

— אייער ליעבע איז אבער אהן האפנונג.

— ווארום?

דיא קאמערמעדכען האט זיא אנגעקוקט מיט איבערראשונג.

— הער מיך אויס. געסטערען אלס דוא האסט שיין געשלאפען האב איך איהם געזעהן אונד האב מיט איהם גערעדט.

— איהר, גנעדיגע פירסטין? האב איך עס ריכטיג געהערט?

דיא פירסטין האט איהר יעצט ערצעהלט אלעס וואס מיט איהר איז דיא נעכטיגע נאכט געשעהן.

אלס דיא פירסטין האט געענדיגט האט ביאנקא א לאנגע צייט געשוויעגען, דאן האט זיא פלוצלונג געפרעגט:

— וואס ווילט איהר טהאן גנעדיגע פירסטין?

— וואס איך וויל טהאן? זאג מיר בעסער וואס איך זאל טהאן, דען איך פיהל, אז דארט וואו דיא ליעבע הערשט הערט אויף דער אייגענער פערשטאנד מען פאלגט דיעזער הערשערין וייל מען מוז איהר פאלגען.

– אויך דאן ווען דאס פיהרט צום אונגליק?

— דוא ביזט א קינד, אבער הער מיך צו ביאנקא איך דארף דיין הילפע.

— איך וועל עס אייך געוויס ניט ענטזאגען. איך וועל פאר אייך אפגעבען מיין לעבען.—האט ביאנקא אויסגערופען.

— דאס לעבען פאדער איך ניט פון דיר. איך וויל און איך מוז איהם זעהן.—האט דיא פירסטין געענטפערט.

— קען מען עס דורכפיהרען?

— מען מוז עס קענען!

— אבער וויא?

— הער מיין פּלאן. איך רעכען אז דער אפּיצער וועט חייטע אראפּ פון שיף, דאן זאלסט דוא איהם געבען א בילעט.

— ער וועט מיך פרעגען, פון וועמען דאס איז?

— דאן זאג איהם אז דיא בלומען מעדכען האט דיך געשיקט.

— וועל איך איהם ערקענען?

— איך גלויב אז דוא וועסט איהם ערקענען.—האט עדיטהא געענטפערט און האט דער קאמער־מעדכען געגעבען א בעשרייבונג, ביז ביאנקא האט ער־קלעהרט דאס זיא וועט איהם יעצט ערקענען צווישן הונדערטע.

— גיב איהם אלזא דיעזען בריעף.

— זאל איך בעטען איין אנטווארט?

— ניין. איך פיהל, איך וויים אז ער וועט קומען. יעצט גיב מיר דיא מאר־גען צייטונג, איך וויל זעהן וואס אין דער וועלט האט פאסירט.

ביאנקא האט אריינגעבראכט דיא מארגענבלעטער, און וועהרענד זיא האט פריזירט עדיטהא׳ס האאר האט דיא פירסטין געקוקט אין דיא בלעטער.

פּלוצלינג האט זיך ארויסגעריסען א געשריי פון איבערראשונג פון איהרע ליפּען.

— וואס איז דאס?—האט זיא געפרעגט.—זאג מיר ביאנקא, האסט דוא שוין אמאל געהערט פון דעם שווארצען קארלאס?

— געוויס. וואס איז דען מיט איהם געשעהן.

— מען האט איהם פערהאפטעט.

— דאס איז דאך גאר אונגלויבליך. דיעזער קארלאס פלעגט דאך אימער אנטלויפען אין לעצטען אויגענבליק.

— און דאך איז דאס אזוי. אה, וויפיעל מענשען־בלוט דערביי איז פער גאסין געווארען. פיער טויטע און דריי שווער פערוואונדעט.

עדיטהא האט שווער אויפגעאטהעמט.

זיא האט געפיהלט עטוואס לייכטער. זיא האט געציטערט פאר דיעזען קארלאס, וועלכען זיא האט נעכטען בעגעגענד. יעצט איז ער אונטער שלאס און ריגעל, זיא איז אלזא פון איהם געשיצט, זיא דארף פאר איהם ניט מעהר ציטערין.

אלס דיא צייט איז געקומען האט עדיטהא איבערגעגעבען דעם בריעף פיר וויליאם אף בראנד צו איהר קאמער־מעדכען, און ביאנקא איז מיט איהם אוועק־

גענאַננען. אלס ביאַנקא איז געקומען צום האַפען האַט זיא שוין געפונען דעם שעהנעם ענגלישען אָפיציער ארומשפּאַצירענדיג איבער'ן ברעג.

זיין געזיכט האט געהאט אַ פערטראַכטען אויסדרוק, און זיינע אויגען איז געלעגען אַ טרוימערישע מעלאַנכאָלי.

ביאַנקא איז צו איהם צוגעגאַנגען און האט געזאגט:

— מיין הערר....

וויללִיאַם האט זיא אנגעקוקט. אין ערסטען מאָמענט האט איהם געשיינט דאָס זיא איז דאס בלומען-מעדכען, אָבער באַלד האט ער ערקענט זיין אירְרטהום.

אַך, דאס איז ניט דיא בלומען-מעדכען פון וועלכער ער האט ערסט געדענקט.

— וואָס ווילסט דוא מיין קינד? — האט ער זיא פריינדליך געפרעגט.

— איך האב אַ בריעף.

— צו מיר? — האט דער אָפיציער געפרעגט פערוואונדערט.

— איך מוז וויסען אויב אייער נאָמען איז גלייך צום נאָמען אויף דער אדרעסע, — האט ביאנקא געזאָגט.

— מיין נאָמען איז וויללִיאַם אָף בראנד.

— אָה, דאַן איז דער בריעף צו אייך.

דערמיט האט זיא איהם גערייכט דעם בריעף.

מיט דער גרעסטער פערוואונדערונג האט דער אָפיציער געלעזען דיא אדרעסע.

— פון וועמען איז דיעזער בריעף? — האט ער געפרעגט.

— פון דער בלומענמעדכען.

— פערלאַנגסט דוא דעם אנטוואָרט?

— ניין.

— אָבער איינע פראַגע מוזט דוא מיר ענטפערען איידער דוא געהסט, — האט דער אָפיציער געזאגט, — ווער האט דיך געשיקט?

— מיין הערר, — האט ביאַנקא געענטפערט.

— דיא בלומען-מעדכען?

— יא.

— וויא איז איהר נאָמען?

— דאס אַלעס וועט איהר זעהן אין בריעף. אדיע!

ביאַנקא האט זיך פערנייגט און איז אוועק מיט שנעלע טריט. ניט זיא און ניט דער אפיציער האבען בעמערקט דאס זיי האבען זיך אויפגעטראָפען ניט ווייט

פון דעם פירסטליכען פאלאסט און זיי האבען אויך ניט געזעהן דיא רויטהע געזיכט פון דער פירסטין, וועלכע איז געשטאנען אין א פענסטער און האט דאס אלעס פון וויטען צוגעזעהן.

דיא פירסטין איז געוועזן ווירקליך אויפגערעגט.

— יעצט לעזט ער דעם בריעף, — האבען איהרע ליפען געמורמעלט — אָה, גאָט, ער קיסט דעם בילעט. וואָס פאר א גליק ווארט אויף מיר.

זיא האט צוגעדריקט איהר האנד צום הארצען און האט זיך איבערגעגעבען אין דיעזע פאנטאזיען.

ניט עדיטהא און ניט איהר קאמער־מעדכען ביאנקא, האבען געוואוסט, דאָס וועהרענד זיי האבען אין דער פריה געשפראָכען וועגען דעם שווארצען קארלאָס, איז דיעזען באנדיט געלונגען אויסצורייסען זיך פון געפענגניס און צו אנטלויפען, און דאָס וועהרענד ביאנקא האט אבגעגעבען דעם בריעף צום אפיציער איז ער געווען ניט וויט פון זיי און האט אלעס צוגעזעהן, ווייל ער האט זאפאָרט גענומען לויערען אויפ'ן אפיציער און אויף דער פירסטין.

— אלזאָ דאך! — האט ער געמורמעלט אלס ביאנקא האט דעם אָפיציער בעגריסט.

שנעל וויא א בליץ האט ער זיך ענטפערנט פון זיין בעהעלטעניס אָרט, און אין זיין נייע פערקליידונג, אין וועלכע קיינער האט איהם ניט געקענט ערקענען איז ער אוועק אין א שענק, וואו ער האט בעגעגענד פינף ווילדע און פערדאָרבענע יונ־גען. מיט דיעזע יונגען איז ער אריין אין א געהיימען געשפרעך, דער געשפרעך איז געוועזן קיין אנדער זאך, וויא דער פלאן צו פערניכטען דעם ענגלישען אָפיציער.

דיא נאכט איז וויעדער געקומען. דיעזע נאכט וואר א פינסטערע. דער הימעל וואר בעדעקט מיט וואָלקען, קיין לבנה און קיין שטערען האבען זיך ארויסגעזעהן.

מיט פעסטע טריט איז אין דיעזער נאכט געגאנגען א מאן ביי'ן ברעג טייך. זיין ציעל איז געוועזן צום פאלאסט פון קארארא.

דיעזער מאן וואר קיין אנדערער אלס דער שעהנער ענגלישער אָפיציער וויליאם אף בראנד.

דער שטאָדט זייגער האט צו דיעזער צייט געשלאָגען צוועלף.

— האלבע נאכט! — האט דער וואנדערער געמורמעלט - עס איז דיא רעכטע צייט.

באלד איז ער געשטאנען פאר דעם פאלאסט.

פון ביידע זייטען פון פאלאסט האט זיך געצויגען א גארטען, וועלכער וואר געשלאסען מיט צוויי אייזערנע טהירען.

ביי איינע פון דיעזע טהירען האט זיך דער אָפיציער אָבגעשטעלט.

איינינע מינוטען איז ער געשטאנען און האט געהארכט, ענדליך האט זיך א שטילער געשפּרעך דערהערט פון ווייטען. דער אָפיציער האט זיך באלד גערייכטעט צום זייט פון וואנען דער געשפרעך איז געקומען און האט אין דיא פינסטערניס פון דער נאכט דערקענט דיא געשטאלט פון א פּרויענצימער.

דאס וואר עדיטהא, דיא פירסטין פון קאררארא.

יעצט האט זיך דיא טהיר געעפענט און עדיטהא׳ס דונקעלע אויגען האבען איהם בעגריסט.

— קומט אריין!

דאס איז געווען אלעס וואס עדיטהא האט צו איהם געזאגט. וויליאם האט זיך געפונען אין א מערקווירדיגער אויפרעגונג. ער וואר א מאן מיט איין רעעלען, עהרליכען כאראקטער און אין דעם מאמענט וואס דיא יונגע פירסטין האט איהם אריינגענומען אין גארטען, האט ער זיך געוואלט אומקעהרען.

עדיטהא האט דאס בעמערקט.

א וואלקען האט זיך געלעגט אויף איהר שטערן און איהר הארץ האט אָנגעפאנגען צו ציטערען.

וואר דאס דיא ליעבע פון וועלכע זיא האט געטרוימט?

אבער באלד האט וויליאם בעהערשט זיין אייגענעם געפיהל. ער וואר דאך ניט מעהר וויא א מאן און עס וואר איהם אונמעגליך בייצושטעהן דעם נסיון פון עדיטהא׳ס שעהנע געשטאלט. זיא האט איהם געשריעבען דאס פּאר איהם ערווארטעט איין גליקליכע שטונדע, אין דיא עטליכע ווערטער פון איהר בריעף איז געלעגען א וועלט מיט ליידענשאפט, וועלכע וואר געמישט מיט דעם ערהאבענעם שטאלץ פון א מאיעסטעט.

— גנעדיגע פירסטין, — האט ער געזאגט און האט זיך פערנייגט — איהר האט מיך גערופען און איך בין געקומען. אבער בעפאר איך געה אריין אין אייער פאלאסט, ערלויבט מיר צו זאגען אייך, דאס אייער איינלאדונג איז געקומען אין דער צייט ווען דאס וואר מיין העכסטער וואונש.

— וואלט איהר אויך געקומען אָהן מיין איינלאדונג?

— ניין, דאס וואלט איך ניט געוואגט.

— אָה, א מאן וואגט אלעס.

— אה, דאך!

— גנעדינע פירסטין, איך בין א סאָלדאט און פירכטע פאר קיין זאך אין דער וועלט, אָבער פאר א פרוי איז מיין האלטונג א גאנץ אנדערע. דיא פרויען שטעהן אונטער אונזער שוטץ, און עס איז דעם מאנ׳ס פפליכט צו טהאן נור וואס איהם איז ערלויבט.

עדיטהא האט געשמייכעלט מיט צופריעדענהייט. וויליאם האט עס ניט געזעהן, אבער אין דעם טאן פון איהר שטימע, אין וועלכער זיא האט יעצט צו איהם געשפראָכען האט ער געהערט דאס זיינע ווערטער האבען געמאכט א גוטען איינדרוק.

וויא א גאלאנטער הערר, האט ער איהר יעצט אנגעבאטען זיין ארם, זיא האט דעם ארם אנגענומען, איהר שעהנע געשטאלט האט זיך יעצט צו איהם אזוי שטארק צו געדריקט דאס ער האט געהערט וויא איהר הארץ האט געקלאפט.

אבוואהל דיא נאכט וואר פינסטער און אונאנגענעהם, דאך האט זיך דיא פירסטין ניט געאיילט אריין צו געהן אין הויז. מיט איהר האנד אין דעם ארם פון דעם מאן וועלכען זיא ליעבט אזוי שטארק איז זיא ארומגעגאנגען אין גארטען. איהר הערץ וואר פאל.

— דיעזער שעהנער מאן, געהערט מיר, מיר!

אזוי האט עס געקלאפט אין איהר הארצען. און איהר וואונש, איהר פערלאנגע, וועלכע האט שוין זייט לאנג אנגעפילט איהר הארץ און האט איהר געבראכט אלערליי פאנטאזיען און אלערליי חלומות, אה, דיעזער זיעסער וואונש וועט יעצט געשטילט ווערען.

אין מיטען גארטען האט זיך געפונען א קליינע ביידעל, וועלכע וואר געדיכט בעוואקסען מיט בלומען און ביימער. אין דיעזער ביידעל האט זיא יעצט אריינגעפיהרט איהר געליבטען.

— וויליאם,—האט יעצט דיא פירסטין געזאגט. אייך קען שיינען אונפערשטענדליך מיין גאנצע האנדלונג.

— קיין ווארט פירסטין!- האט דער אפיצער געענטפערט.—איך ליעב אייך צו פיעל אום איך זאל ניט קענען בעגרייפען וואס איהר טהוט.

— איהר ליעבט מיך, וויליאם? האט זיא ארויס גערעדט מיט פייער.

וויליאם האט זיא ערנסט אנגעקוקט. ער וואר קיין קאמעדיאנט. ער האט ניט געקענט פאלען אויף דיא קניע און בעטען איהר ליעבע.

ּ נאנץ לאנגע צייט האט ער געקוקט גלייך אין איהר געזיכט, דאן האט ער געזאגט:

— דארף איך אייך רופען מיט'ן נאמען עדיטהא?

זיא האט גענייגט מיט איהר קאפּ.

— אין דעם אויגענבליק וואס מיר האבען זיך געשיעדען,—האט וויליאם וייטער געזאגט,—האב איך געפיהלט וואס פאר איין איינדרוק איהר האט אויף מיר געמאכט. צייט יענעם אויגענבליק האב איך קיין רוהיגע שטונדע ניט געקענט איבערלעבען. איך האב דיא גאנצע נאכט פערבראכט נור דענקענדיג וועגען אייך. איך האב אבער קיינע ווערטער גענוג אום צו שילדערען אייך מיין גליק, ווען איך האב ערהאלטען דעם טהייערען בריף אין וועלכען איהר שרייבט מיר דאס איהר ליעבט מיך אויך.

יעצט איז עדיטהא געזונקען אויף זיין ברוסט, איהר געזיכט האט זיא צוגעדריקט צו זיינעם, און אלס ער האט איהרע אויגען געקוסט, האט ער פון איהרע ברעמען אראבגעקוסט הייסע טרעהרען; עסווארען דיא טרעהרען פון גליק.

דאן האט זיא געזאגט אייניגע ווערטער.

וויליאם האט זיא פערשטאנען. א מעכטיגע אויפרעגונג איז איהם בעפאלען, עס איז איהם געווען גלייך וויא דיא בלוט אין זיינע אדערען וואלט זיך אנגעצונדען און זיין הערץ וואלט צושפּרינגען פון בעוועגונג.

עדיטהא האט איהם וויעדער גענומען אונטערן ארם און ביידע האבען פערלאזען דיא ביידעל און זיינען געגאנגען לאנגזאם נאך הויזע.

היער האט עדיטהא אויפגעשלאסען א זייטיגע טהיר און אזוי שנעל וויא ביידע זיינען אין איהר אריין האט זיא דיא טהיר וויעדער געשלאסען.

ביידע האבען זיך געלאזט געהן אויף איין אייזערנע טרעפּ און האבען ערדייכט איין אייזערנע טהיר.

אויף דיעזע טהיר האט עדיטהא געעפענט און יעצט האבען זיך ביידע געפונען אין איין קליינעם צימער.

אויף עדיטהא'ס פערלאנגען האט וויליאם זאָפּאָרט אנגעצונדען א ליכט.

פערוואונדערט האט ער בעטראכט דעם צימער און זיינע אויגען זיינען געפאלען אויף עדיטהא'ן גלייך וויא ער וואלט איהר געפרעגט אויב זיי וועלען דא פערברענגען.

עדיטהא האט געענטפערט דיעזען בליק מיט א בעצויבערטען שמייכעל. זיא איז דאן צוגעגאנגען צום וואנד, האט א דריק געטאהן א קנאָפּ און באלד האט זיך

דיא וואַנד גענומען עפּענען וויא א טיהר. באלד וויא דיא צוויי זיינען דיא טהיר דורכגעגאנגען אזוי האט זיך דיא טהיר וויעדער פערשלאָסען.

יעצט האבען זיי זיך געפונען אין א שמאלען גאנג.

ניט ווילענדיק האָט זיך דער אפיצער ארומגעקוקט צום טהיר דורך וועלכען ער איז ערסט דורכגעגאנגען. צו זיין פערוואונדערונג האט ער געזעהן דאס עס איז גאר ניט צו בעמערקען וואו דיא טהיר געפינט זיך. קיינער וואלט גאר ניט גערע־כענט דאס דארט קען זיך געפינען א טהיר.

זיי זיינען יעצט דורכגעגאנגען א לאנגען וועג און זיינען ענדליך געקומען צו יענעם טהייל פון פאלאסט וואו עדיטהא׳ס צימערען געפינען זיך.

דער פארצימער צו עדיטהא׳ס סאלאן וואר לעער, אבער פון צווייטען זייט, אונטער א געדיכטען דונקעלען פאָרהאנג איז געשטאנען בעהאלטען א ווייבליכע געשטאלט. עס וואר ביאנקא, דער פירסטין׳ס קאמער־מעדכען.

ביאנקא האט געוואוסט דער פירסטין׳ס געהיימניס און זיין א שטונדע איז זיא געשטאנען אונטער דעם פארהאנג אום צו פערהיטען דאס קיינער זאל ניט אריין אין דער פירסטין׳ס צימער.

עדיטהא האט איהר צוגעווארפען א שארפען בליק און האט דאן געזאגט צו איהר געליעבטען.

— מיין געטרייע ביאנקא שטעהט אויף דער וואכע.

דיא צוויי געליעבטע זיינען יעצט אריין אין דער פירסט׳נס צימער, וועלכער וואר זעהר שוואך בעלויכטען פון א ראזען לאמפּ.

— איהר האט זיך געוויס געוואונדערט איבער דיא געהיימע צימערען,— האט דיא פירסטין געזאגט — מיינע אורעלטערען ווארען ניט אימער אזעלכע הייליגע מענער וויא דיא געשיכטע שטעלט זיי פאר, איך בין איבערצייגט דאס יענער געהיימער צימער האט א מאל געדינט צו בעהאלטען דיא געליעבטע פון דיא אמאליגע בעזיצער פון דיעזען שלאס. זייא ווארען ניט אזוי פינקטליך אין זייער טריישאפט צו זייערע פרויען. אין יענעם צימער האבען זיי אויפגענומען דאס מעדכען וועלכע זיי האבען געליעבט, דארט האט זיא פערבראכט ביז עס וואר פאר איהר מעגליך אריינצוקומען צו איהר הערען אין צימער.

דער אָפיציער האט זיך פערנייגט דא׳ האט ער געזאָגט:

— איך האב ווירקליך געהאט אזא מיינונג, ווען אך בין אריינגעקומען. עס זיינען מיר אריינגעפאלען אלע מיטעל־אלטערשע געשיכטען, וועלכע ווערען איבער־

אל ערצעהלט. געשיכטען פון דונקעלע פערברעכען, וועלכע האבען זיך אבגעשפיעלט אין געהיים.

— און איהר מיינט וויליאם, דאס יענע אייזערנע טרעפ און יענע געהיימע צימערען, קענען ערצעהלען אזעלכע געשיכטען? נון איהר קענט גערעכט זיין. איך וויים אבער ניט, און מיר דארפען זיך ניט קימערען וועגען דער פערגאנגענהייט, מיר דארפען ווינשען צו ערקייכען דעם גליק אין דער געגענווארט.

עדיטהא האט עס געשפראכען אין א שטילען טאן, אבער אין איהר שטימע האט געקלונגען א שטארקע בעוועגונג.

— עדיטהא, — האט געמורמעלט דער אפיציער — דיא געגענווארט איז פאר מיר וויא א טרוים. אך ווען איך וואלט פון איהם נור קיין מאל ניט אויפגעוואכט!

איבער דער פירסטינ׳ס געזיכט האט זיך פערצויגען א שאטען.

— אלעס אין דער וועלט מוז פערשווינדען, זאגאר אונזער זיסעסטער טרוים. אבער זאג מיר וויליאם, וועט דיין מויל עוויג פערשווייגען וואס דיא הייטיגע נאכט וועט דיר געבען?

— איך שווער עס דיר עדיטהא ביי מיין עהרע. דוא וועסט פערשטעהן דאס פאר איין אפיציער גיבט קיין הייליגע׳רע שבועה אלס דיעזע.

— איך פערשטעה עס גוט.

— יעצט עדיטהא, לאמיר געניסען דיא קורצע צייט, וואס דיא דונקעלע, שטילע נאכט ערלויבט אונז צו געניסען. עדיטהא זיי מיינע!

— דיינע!

דער וואלקען האט אין דיעזער נאכט פערצויגען דעם הימעל און פינסטערניס האט איבעראל געהעררשט. אבער וואס האבען געפרעגט דיא פערליעבטע, ביי וועמען עס האט געפלאקערט א העלישער פייער אין הארצען. און ווען אלעס ארום זיי וואר פינסטער, זא האט דיעזע פלאמע נאך העלישער געברענט אין זייערע גלידער.

א שטונדע איז פאראיבער. א שטונדע וועלכע איז פיר דיא פערליעבטע פאר־איבער וויא איין אויגענבליק פון זעליגקייט און גליק.

עס וואר צייט דאס וויליאם זאל אוועקגעהן. זיין פפליכט האט איהם צוריק־גערופען צום שיף.

עדיטהא האט אויסגעשטאסען א שווערען זיפץ.

— דוא האסט רעכט, מיר מוזען זיך שיידען; דען ניט דיא פפליכט אליין פער־

לאנגט עס, זאָנדערן אויך מיין נאָמען, וועלבער דארף בּיי דיר זיין היילינג און טהייער ווען דוא ליעבסט מיך.

— מיר ווארען גליקליך! — האט זיא דאן וויטער געזאָגט — זיא האט געוואָלט נאך עטוואס זאגען, איין הייסע פראגע האט געשוועבט איבער איהרע ליפּען, אָבער זיא האט געשוויעגען, וויל דער שטאָלץ האט עס איהר ניט ערלויבט.

— מיר ווארען גליקליך! — האט וויליאם איבערגעזאגט — וועלען מיר נאך אמאָל דיעזען גליק געניסען, געליעבטע?

זיא האט איהם אָנגעקוקט מיט איין אונבעשרייבליכען געלעכטער און דאן האבען זיי ביידע וויטער גערעדט אין אויער.

זיי האבען אָבגערעדט א פּלאַן וויא אזוי זיי זאָלען זיך צוזאַמענטרעפען אויף דער דריטער נאכט אין איין אָבגעלעגטען ארט.

דיעזער ארט ווער א קליינע הייזעלע, וועלבע ווער געבויט וויא א פּאוויליאָן און ווער בעשטימט פאר דער פירסטליכער פאמיליע אָבצורוהען זיך, ווען זיי מאַכען איין שפּאַציער.

עדיטהא וואָלט זאָגאר ניט אבגעלעגט איהר בעגעגענונג מיט איהר געליבטען אויפ'ן דריטען טאָג, אבער איהר שוועסטער איז גראדע צוריקגעקומען פון רוים, וואו זיא האט זיך אויפגעהאלטען ביי דער קעניגין און האט בעדארפט פערברענגען ביי איהר פאָטער צוויי טעג, דארום האט עדיטהא געמוזט ווארטען אויפ'ן דריטען טאָג.

עדיטהא ווער שוין בעקאַנט דערמיט וואָס זיא פלעגט אָפט אונטערנעהמען א שפּאַציער רייזע אָהן א בעגלייטונג און פלעגט אָפט קומען צוריק גאנץ שפּעט אין דער נאכט. דיעזע פרייהייט ווער זאגאר ניט נאך איהר שטאנד, אבער מען האט עס איהר אימער ערלויבט, וויל זיא ווער בעליעבט פאר איהר שעהנקייט און לוסטיגקייט.

אין איהר עהרליבקייט און אונשולד האט קיינער ניט געוואגט צו צווייפלען.

דיא פירסטין האט יעצט בעגלייט איהר געליבטען צוריק צום טהיר פון גארטען, דארט האבען זיי זיך נאך א לאנגע צייט געהאלטען פאר דיא הענד און האבען זיך געזעגענד.

— גאט זאָל דיך שיצען וויליאם

— אויף וויעדערזעהן, עדיטהא!

מיט פייכטע אויגען האט זיא אריינגעקוקט ביז דעם אָפיצירס הויבע געשטאלט איז פערשוואונדען אין דער פינסטערער נאכט.

עדיטהא איז דא נאך געשטאנען און האט זיך צוגעהערט, ביז זיא האט גע־הערט וויא דער רודער קלאפט אויף דאס וואסער. וויללִיאם איז איבערגעפאָהרען צו דער שיף „קלעאָפּאטרא“ אום איבערצונעהמען זיין דינסט.

מיט א שווערען זיפץ האט זיך עדיטהא אומגעקעהרט צוריק צו איהר צימער.

ביאנקא האט זיא ערוואַרטעט ביי'ן ארייננאנג.

— געה יעצט שלאָפען, מיין קינד, — האט דיא פירסטין צו ביאנקא'ן געזאָגט — זיי פערזיכערט דאס איך וועל דיך בעלאָהנען פאר דיין שווייגען. גוטע נאכט.

ביאנקא האט זיך פערנייגט פאר דער פירסטין און איז אוועק אין איהר צימער.

עדיטהא איז אָבער נאך געבליבען אויף און האט געדענקט פון איהר גליק־ליכער ליעבע.

— — — — — — — — — — — — —

צוויי טעג זיינען פאָראיבער, מיט אונגעדולד האט עדיטהא ערוואַרטעט דיא דריטע נאכט.

אלס עס איז געוואָרען נאכמיטאג האט זיא גענומען א וואגען און האט אונ־טערנומען א גרויסען שפּאציער אויף איינינע מייל'ען

ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו זיא האט בעשטימט צו טרעפען זיך מיט איהר געליעבטען האט זיא דעם קוטשער אוועקגעשיקט און האט איהם געהייסען קומען אין צוויי שטונדען שפּעטער.

דאן האט זיא זיך בעגעבען אין דעם פּאוויליאָן. מיט א פיעבערהאפטער אונ־געדולד האט זיא ערוואַרטעט איהר געליעבטען.

דיא צייט ווען ער האט בעדאַרפט קומען איז שוין לאנג פאָראיבער. א צווייטע און אַ דריטע שטונדע איז אוועק — וויללִיאם איז אבער ניט געקומען.

ווען עדיטהא וואָלט געזעהן דאס אין דער זעלבער צייט וואס איהר געליבטער איז פון איהר אוועק האט זיך א שווארצע געשטאַלט גענומען ריהרען אין א צוויי־טען זייט גאַס, וואָלט זיא פערשטאנען וואָרום איהר געליבטער איז ניט געקומען.

דיא נאכט ווען עדיטהא האט געוואַרט אויף איהר געליבטען וואר א ליכטיגע א שעהנע נאכט. דער וועג צום פּאוויליאָן וואר בעוואַקסען מיט געדיכטע ביימער, און פערשטעלט מיט לאנגע צווייגען.

פון צווישען דיא צווייגען, דורך דיא געדיכטע ביימער האט מען געקענט זעהן דיא ווייסע מצבות פון דעם בית־עולם, וועלכער איז געלעגען ניט ווייט פון דיעזען

וועג. דיא גאנצע געגענד וואר שטיל, קיין גערויש און קיין שטימע האט דיא שטיל־קייט געשטערט.

פלוצלינג האבען זיך דערהערט קרעפטיגע טריט צווישען דיא ביימער. איין איינזאמער וואנדערער געהט איבער דעם וועג.

דיעזער וואנדערער האט וואהרשיינליך געהאט א הערץ, וועלכע האט זיך פאר קיין זאך ניט געשראָקען, דען געהענדיג מיט קרעפטיגע טריט האט ער זיך געזונגען א שעהנע ליעדעל.

אויף איין אָרט, וואו דער שיין פון דער לבנה האט דורכגעדרונגען דיא צווייגען, האט מען געקענט זעהן דיא קרעפטיגע געשטאלט פון אָפיציער. זיין קערפער וואר געבויט ריעזיג שטארק, זיין אנגעברענטע געזיכט וואר בעציערט מיט א קליינעם בלאָנדען באָרד.

ענדליך האט ער אויפגעהערט צו זינגען, ער האט זיך פערטראכט און האט אנגעפאנגען צו דענקען, ער האט געטראכט וועגען עדיטהא'ן און איז געגאנגען פאָר ווערטס זיין וועג.

אויף איין מאָל איז ער געבליעבען שטעהן.

זיינע בליקען זיינען געפאלען אויף א ליכטיגען פונקט, וועלכער האט ארומ־געטאנצט אהין און אהער, גלייך וויא א געהיימע האנד וואָלט דיעזען ליכט ארומ־געוואָרפען. פלוצלינג האט זיך בעוויזען א צווייטער און א דריטער פייער. דיא ליכ־טער האבען געטאנצט אין אלע זייטען און האבען זיך געהויבען ארויף און אראָפ גלייך וויא זיי וואָלטען זיך מיט איהם געשפיעלט, גלייך וויא זיי ווילען איהם נארען.

איין אויגענבליק בלייבט ער שטעהן אויף זיין אָרט וויא צוגעשמידט און דאן לאָזט ער זיך וויעדער זעהן מיט דאָפעלטע שריט.

ער וויל וויסען וואס פאר א ליכט דארט איז, אָבער אומזיסט, דיא פלאמען שפרינגען אב אלץ ווייטער פון איהם, ער קען זיא ניט ערדרייכען.

דיעזער אָפיציער וועלכער פירכטעט פאר קיין זאך וואס ער זעהט ווערט אונ־מוטהיג אויפ'ן הארצען, און זיין הערץ פאנגט אן צו קלאפען.

איין אלטע געשיכטע פאלט איהם יעצט אריין אין קאָפ, א געשיכטע פון וועלכער ער האט אימער געלאכט.

אויף דיעזען גלייכען וועג, אזוי האט מען איהם אמאל ערצעהלט, איז א גאנצע לויה איין מאָל פלוצלינג פערטרונקען געוואָרען דורך דאס וואסער וואס האט אָנגע־פאנגען צו שטייגען. פון אלע וואס האבען דעם טוידטען בעגלייט האט זיך קיינער ניט אומגעקעהרט, דאָס וואסער האט אלעמען פערשלונגען. דיא לייכע איז אויך

אוועק געשוואומען, און מען האט זיא קיין מאל ניט געקענט געפינען. אום אָבער דער ארון זאל קומען צום קבר האבען דיא זעעלען פון דיא ערטרונקענע בעגלייטער ניט אויפגעהערט צו זוכען דעם בר־מנן און וויא קליינע פייער'ן שפּרינגען ארום דיעזע זעעלען איבער דעם וועג אויף וועלכען זיי זיינען אמאָל פערראונגליקט געוואָרען אום צו זוכען דעם ארון.

דיעזע ערצעהלונג איז איהם יעצט אריינגעפאלען אין זינען און ער האט זיך וועגען איהר אזוי פערטראכט, דאס ער האט גאָר ניט געהערט דיא טריט אויף דעם זאמד הינטער איהם.

א געשטאַלט וועלכע וואר גוט איינגעוויקעלט איז יעצט ארויס פון אונטער א בוים. און ניט ווייט פון איהם האבען זיך ארויסגערוקט נאך דריי געשטאַלטען פון זייער בעהאלטענעם אָרט.

יעדער פון דיעזע פּערזאָנען האט געהאלטען אין האַנד א שאַרפען מעסער, פאַרבעריית אריינצופאָהרען אין דיא ברייטע ברוסט פון דיעזען אָפיציער.

איינער פון דיא פיער געשטאַלטען האט א פייף געטהאן און אלע פיער האָבען זיך יעצט געוואָרפען אויף דעם וואַנדערער.

דער וואַנדערער האט זיך באַלד אומגעדרעהט און האט אָנגעשטעלט דיא הענד צו אָבוועהרען זיך. אָבער באַלד האט ער זיך אנדערעס בעשלאָסען. ער האָט זיך א חאפּ געטהאן צו זיין גארטעל און האט פון דאָרט ארויסגעשלעפּט א שאַרפען סטילעט.

ווירקליך, עס איז א פורכטבאַרע וואפע אין דיא האַנד פון א געשיקטען. עס וואר אָבער אויך דיא העכסטע צייט צו פּערטהיידיגען זיך, דען שוין האָבען זיך דיא פיער געשטאַלטען אויף איהם געשטירצט, נור א שנעלע בעוועגונג קען איהם יעצט רעטען.

דיעזער ערסטער געדאַנק איז דורכגעלאָפען זיין קאָפּ און באַלד נאך דעם גע־דאנק האט ער אָנגעפאַנגען צו האנדלען.

איינער פון דיא פיער וואָס איז געשטאַנען נאהענט צו איהם איז געפאַלען צו דער ערד מיט א געשריי. דער מעסער האט דורכגעשניטען זיין האלז.

אבער אויך דער אָפיציער איז געטראָפען געוואָרען.

זיינע געגנער האבען גוט געציעלט, נור דורך זיין שנעלע בעוועגונג האבען זיי עטוואָס פערפעהלט דעם ציעל.

(Mil. 37).

דער מעסער האט געטראָפען אין זיין לינקען שולטער און דיא בלוט האט גע־רונען איבער דעם בלויען ראָק און איז געפאלען אויף דער ערד אין שווערע טראָ־פענס. אויך דער לינקער ארם איז אויפגעשניטען געוואָרען, און דאָס בלוט האט גערונען אין שטראָמען.

דיעזע צוויי וואונדען וואָרען גאנץ גענוג צו וואַרפען יעדען שטערבענדען צו דער ערד. אבער דער אפיציער איז נאך אלץ געשטאנען אויף דיא פיס און האט נאך געוואגט פאָרטצוזעצען זיין פערטיידיגונג.

דעם רוקען האט ער צוגעשפאָרט צו א בוים און דיא האנד מיט'ן סטילעט האט ער פאָרבערייט צו געבען דעם ריכטיגען זעץ.

פלוצלינג איז דער מאָמענט געקומען.

ער האָט א מאך געטהאן מיט'ן האנד, דער סטילעט האט געטראָפען. נאך איין פיינד איז געפאלען צו דער ערד.

אָבער אויך דיא פעסטע געביידע פון דעם אָפיציער האט אָנגעפאנגען צו זינ־קען און איז געפאָלען צו דער ערד וויא א בוים אין שטורם.

יעצט האט ער זיך ניט געקענט פערטהיידיגען. א מעסער האט איהם פער־וואונדעט דעם קאָפּ. פון זיינע ליפען האט זיך יעצט אויסגעריסען א געשריי נאך היילפע, וועלכע האט זיך געהערט אין גאנצען געגענד.

וויא דער געשריי האט פערקלונגען דיא לופט האט א מאן גענומען לויפען צום אָרט וואו דער מארד איז געשעהן, אין זיין רעכטער האנד האט ער געהאלטען א שווערען שטאק, וועלכען ער האט בעוועגט אין אלע זייטען.

דיא מערדער וועלכע זיינען געבליבען לעבען האבען יעצט געוואלט אנטלויפען.

אבער נור איין אויגענבליק האבען זיי דיעזען געדאנק געהאט. זיי האבען געהאט צוויי קאמעראדען, וועלכע זיינען געלעגען אויף דעם ארט. ווען איינער פון דיא צוויי וועט קומען צו זיך וועט ער זיי פערראטהען און זיי וועלען זיין פערלאָרען, זאנאר ווען זיי זאלען יעצט אנטלויפען.

פאר זיי האט געגעבען נור איין מיטעל און דאס איז צו פערניכטען אלע עדות פון דיעזען מארד.

דיא צוויי מערדער האבען דארום צוזאמענגענומען אלע זייערע קרעפטען און האבען זיך געשטעלט נעגען דעם ניי אנגעקומענעם מאן.

דער נייער מאן וואר א קורצעס פערזאָן אבער עס האט געשיינט דאס איהם פעהלט קיין קראפט און קיין מוטה. ווען נור איין קלאפ זיינער זאל טרעפען דאן האט

ער צו טהאָן נור מיט איין מערדער. דאס האט ער געוואוסט גאנץ גענוי, און דאן וועט ער שוין מיט דעם צווייטען פערטיג ווערען.

גאנץ שנעל האט ער זיך גענומען צום מעסער, אבער דיא צוויי באנדיטען האבען איהם גאנץ געשיקט אויסגעמיידט.

ער האט זיי ניט געקענט טרעפען.

אונגעדולדיג האט ער אויפגעהויבען דעם שטעקען און איז זיי נאכגעלאפען, אבער דיא באנדיטען האבען אויף דעם געווארט.

מיט איין זעטץ האבען זיי איהם געטראפען און האבען זיין וואפען פון זיין האנד ארויסגעריסען.

ער האט ניט בעמערקט דאס ביידע מעסר זיינען אריין אין זיין לייב. ער האט אנגעהאפט דיא צוויי באנדיטען און האט זיי צוזאמענגעקלאפט. א קראך, א געשריי, און אהן לעבען זיינען זיי ארויסגעפאלען פון זיינע הענד.

אבער אויך ער האט שיין גענוג געהאט. ער האט זיך צוגערוקט צום נעבּ־סטען בוים אום צו זוכען ביי איהם א שוטץ.

א געשריי האט זיך ארויסגעריסען פון זיינע ליפען, עס וואר א געשריי וויא פון א פערוואונדעטען לייב.

אלץ מעהר און מעהר איז ער געזונקען צום זייט. זיינע קרעפטען האבען איהם פערלאזען, ער האט זיך מעהר ניט געקענט האלטען אויף דיא פיס. נאך אנגעשריי האט זיך פון איהם געהערט. דאן איז אלעס געווארען שטיל.

— — — — — — — — — — — — —

עס וואר שיין שפעט, אלס דער אלטער גערטנער קלעמענס האט ערורייכט דיעזע שטעלע אין זיין טאגע בוך, דער לאמפ וואר נאהענט צום אויסגעהן.

— שיין דריי אוהר — האט קלעמענס צו זיך געמורמעלט. — יא, יא, וויפיעל מאל האב איך דיעזע פערצייכנונג דורכגעלעזען, און ניעמאלס שיינט מיר צו זיין גענוג. עס ווילט זיך אלץ לעזען און לעזען וואס איך אליין האבען פערשריבען.

דער אלטער האט געשוויעגען, זיינע אויגען זיינען געפאלען אויף דער סצענע אין בוך וועלכע ער האט ערסט דורכגעלעזען.

— דער עדעלער וויליאם, — האט ער געמורמעלט — ער וואלט געווען ווירדיג צו זיין עדיטהא'ס מאן, אזוי וויא מיין פערשטארבענער גראף. ער האט זיא וויקליך געליעבט, און עדיטהא האט עס געוואוסט צו שעטצען.

פלוצלונג האט ער אויפגעהערט צו מורמלען און האט צו זיך געזאגט.

— שפיל דוא אלטער נארר, וואס דענקסט דוא אימער פון דער פערגאנ־

נעוהייט. דיין בליק דארף זיין אויף דער צוקונפט. מיינע אויגען זיינען זאגאר געווארען שוואך, דאך זיינען זיי נאך גענוג שטארק צו זעהן וואס עס איז נויטהיג צו טהאן.

— באלד קומט דיא צייט צו האנדלען, — האט ער ווידער געמורמעלט — אבער איידער איך פאנג אן צו האנדלען מוז איך ווייטער דורכקוקען דיא איינצעל־הייטען פון דיעזען טאגע בוך.

נאך דיעזען קורצען מאָנאָלאָג האט קלעמענס דורכגעלעזען דעם צווייטען טהייל פון זיין טאגע בוך, פון וואנען מיר קענען נאך פאלגענדעס מיטטהיילען:

עדיטהא האט נאך לאנג געווארט אויף איהר געליעבטען, נור אלס עס איז שיין געווארען גאנץ שפעט און וויליאם איז נאך אלץ ניט געקומען האט זיא פערלאסען דעם פאוויליאן, און האט זיך געלאזט געהן אויף דעם וועג מיט וועלכען וויליאם האט בעדארפט קומען.

א לאנגע צייט האט זיא געוואנדערט, זיא האט דעם געליעבטען ניט געטראפען. א שרעקליכע אנגסט איז איהר בעפאלען, אבער דאך האט זיא גאר נישט געקענט טהאן. זיא האט געמוזט אבווארטען דעם צווייטען טאָג אום צו ערפאהרען וואס עס איז געשעהן.

-- האט ער פיעללייכט ניט געוואלט האלטען זיין פערשפרעכען ?

עדיטהא האט עס ניט געקענט גלויבען. ניין, ניין. זיא האט עס געוואוסט, יעדער קלאפ אין איהר הארצען האט איהר געזאגט, דאס וויליאם אף בראנד ליעבט זיא.

אבער ווארום איז ער דאך ניט געקומען ? האט איהם פיעללייכט געטראפען איין אונגליק ?

וויא מיר האבען שוין פריהער בעמערקט האט עדיטהא געהאט זעהר פיעלע וועלכע האבען זיא געוואלט בעזיצען. האבען פיעלייכט דיעזע לייטע פערשטעלט דעם וועג צווישען איהם און דיא פירסטין ?

ביי דיעזען געדאנק האט זיך דיא פירסטין עראינערט אויף דעם שווארצען קארלאס.

אבער ניין, קארלאס איז דאך אין געפענגעניס. עדיטהא האט ניט געוואוסט דאס ער איז שוין לאנג פון געפענגעניס אנטלאפען.

פיעללייכט איז וויליאם פערהינדערט געווארען דורך זיין דינסט. דאס וואלט געוועזן איין ערקלערונג וועלכע וואלט זיא געקענט בערוהיגען, אבער זיא האט דאראן ניט געקענט גלויבען.

עדיטהא האט באלד איינגעזעהן דאס עס העלפט ניט צו זוכען אהן א פלאן. זיא האט זיך אומגעקעהרט צוריק צום ארט, וואו זיא האט בעשטעלט איהר וואגען און איז אבגעפאהרען צוריק צום פאלאסט.

דיא גאנצע נאכט האט זיא פערבראכט אין שרעקליכע געדאנקען. וויא עס איז געווארען טאג איז זיא אוועק שפאציערען ביי'ן ברעג וואסער.

זיא האט געהאפט דאס איהר געליעבטער וועט זיא דערזעהן פון זיין שיף און וועט צו איהר צוגעהן, אדער וועניגסטענס וועט ער איהר געבען א צייכען.

אלס זיא האט אזוי שפאציערט האט זיא בעמערקט א קליינע סצענע וואס האט איהר גאנצע אויפמערקזאמקייט געוואונען. זיא האט געזעהן וויא פון דעם שיף „קלעאפאטרא" שטייגען ארויס איינינע אפיצירען אין יוניפארם און לאזען זיך רודערען צום ברעג. צווישען דיא אפיציערען האט זיא אויך דערקענט איינינע איטאליענישע פאליציסטען. וואס האבען דיא פאליציסטען געטהאן אויף דעם ענגלישען שיף?

עדיטהא וואר ניט דיא איינציגע וועלכע האט עס בעמערקט. דער האפען וואר גוט בעזוכט און דער וויזיט פון דער פאליציי אויף דער פרעמדער שיף איז אלעמען געווארען אויפפאלענד.

עדיטהא האט זיך ניט געקענט ערלויבען זיא זאל עס אליין פרעגען. אבער זיא האט זיך צוגעהערט וואס מען האט גערעדט, און פון איינינע מיילער האט זיא געהערט דיא ווערטער: „איבערפאל, מארד, וויליאם אף בראנד".

ביי דיעזע ווערטער האט זיא געמוזט גאנץ פעסט פערבייסען דיא ליפען אום זיא זאל ניט אויסשרייען פאר אלעמען איהר וויטאג.

שנעל וויא א בליץ איז זיא יעצט אוועקגעלאפען צו זיך אין הויז און האט אריינגערופען איהר קאמער-מעדכען.

— אה גאט! — האט ביאנקא אויסגערופען אלס זיא האט דערזעהן דיא בלייבע געזיכט פון איהר הערין — וואס איז אייך געשעהן, מיין טהייערע פירסטין!

עדיטהא האט אנגעקוקט איהר קאמער-מעדכען מיט צומישטע בליקען. עס וארען דיא בליקען פון וואהנזין.

זיא האט זעהר שווער געאטהעמט. איהר ברוסט האט זיך געהויבען ארויף און אראפ. איהר גאנצער וועזען האט אויסגעזעהן זעהר שרעקליך, ענדליך האט זיא געזאגט:

— ביאנקא לויף שנעל צום ברעג. דוא זעהסט דארט אזוי פיעל מענשען שטעהען. עס איז געשעהן איין אונגליק און איך האב געהערט דעם נאמען....

דיא פירסטין האט מעהר ניט געקענט ריידען. א זיפץ האט זיך אויסגעריסען פון איהר ברוסט און דאן איז זיא געפאלען אויף א שטוהל.

ערסט נאך איינינע מינוטען האט זיא געקענט ווייטער ריידען.

— געפין אלעס אויס אויף ריכטיג, דען איך האב געהערט זיין נאמען. אבער זיי קלוג, קיינער דארף ניט וויסען דאס איך בין אין דעם פעראינטערעסירט.

ביאנקא איז אוועק.

א האלבע שטונדע איז אוועק.

עדיטהא האט דיא צייט איבערגעלעבט אין דיא גרעסטע ליידען. וואס פאר א נאכריכט וועט זיא באלד ערהאלטען? אבער אך, זיא קען גאר ניט צווייפלען, דען זיא אליין האט געהערט זיין נאמען און האט געהערט דיא ווערטער איבערפאל, ערמארדעט!

ענדליך איז ביאנקא צוריקגעקומען. עדיטהא איז איהר געלאפען ענטגעגען. אך וויא בלייך, וויא טאדעס בלייך זיא האט אויסגעזעהן.

— נון! — האט זיא געפרעגט.

ביאנקא האט ארא בגעלאזט איהר קאפ. איהר געזיכט וואר בלייך, און מען האט געקענט זעהן וויא שווער עס איז פאר איהר צו ברענגען אזא שרעקליכע נאכריכט.

— זאג מיר אלעס! — האט עדיטהא בעפאלען — ער איז טויdט; ניט וואהר?

— טהייערע פירסטין! — האט ביאנקא אויסגערופען און האט געחאפט איהר הערדין פאר דיא הענד — איהר מוזט זיך פאסען, עס וואר א טרוים און יעצט איז ער פאראיבער.

איינינע מינוטען לאנג האט געהערשט א טוידטע שטילקייט אין דעם צימער אבער באלד איז דיעזע שטילקייט געשטערט געווארען פון א קלאפ.

עדיטהא איז געפאלען צו דער ערד. זיא איז געווארען אהנמעכטיג!

— — — — — — — — — — — — — —

איינינע מאנאטען זיינען זייט דיעזער צייט אוועק.

דער גראף פאן מעהרען האט צו יענער צייט ערהאלטען איין אנטווארט פון דער פירסטין אויף זיין בריעף דאס זיא עהרט און שעצט זיינע מיינונגען, אבער דאס זיא בעדויערט זייער שטארק וואס זיא קען איהם ניט אנטווארטען אויף זיינע גע-פיהלען.

אלס דער גראף האט איהר נאכדעם פערזענליך געפרעגט, אויב ער דארף אויפגעבען זיין האפנונג אויף אייביג, אדער ער דארף ווארטען דאס דיא צייט וועט

וועט ברענגען איין ענדערונג, האט זיא איהם אַנגעקוקט און אויס מיטלייד מיט זיין ערנסטע און בלאַסע געזיכט האט זיא געזאגט:

— ווער וויס הייטע וואס מאָרגען קען געשעהן?

— זא דאַרף איך האפען?

— הערר גראַף, אייער ליעבע איז צו היילינ אום איך זאָל אייך טרייסטען מיט בלויזע האָפנונגען.

עדיטהא האט דיעזע ווערטער געשפּראָכען אין איין ערנסטען טאָן. מען האט אין איהר שטימע געקענט הערען דאָס עס טהוט איהר וועה זיא זאָל צוריקווייזען דעם גראַף׳ס פערלאַנג.

דער גראַף האָט צו יענער צייט ניט געאַהנט, דאס איין אנדער ווזען ליעבט איהם, און דאס דיעזער ווזען איז קיין אנדערע אַלס עדיטהאַ׳ס עלטערע שוועסטער.

טוסנעלדאַ וואַר איין מעדכען, וועלכע האט אין איהר אויסערליכען ערשיינען און אין איהר גייסט ניט געקענט זיך מעסטען מיט איהר שוועסטער עדיטהאַ.

דאך וואַר זיא ניט מיאוס און ניט אָהן א גייסט, פיעלע האבען זיא געהאַלטען פאר איין שעהנעס מעדכען.

דיא הויפּטזאכע איז אָבער געווען וואָס טוסנעלדאַ האט בעזעסען א טיעפען געמיטה, וועלכער וואַר זעהר ליידענשאַפטליך און עמפּפינדליך.

זיא האט זעהר ווענינ פערבראַכט אין פירסטליכען האָף ביי איהר פאָטער, וייל זיא האט געלעבט אין קעניגליכען האָף אַלס האָף-דאַמע. דער גראַף פאָן מעהרען האָט אָבער דאך געהאט איינינע געלעגענהייטען דיעזע האָף-דאַמע צו זעהן און מיט איהר צו ריידען. ער האט בעוואונדערט דעם זיעסען בליק אין איהרע אויגען; אָבער דער געדאַנק דאס דיעזער בליק איז דיא ליעבע צו איהם, דאס איז איהם ניט איינגעפאַלען.

טוסנעלדאַ האָט פערשטאַנען וואס אין דעם גראַף׳ס הארץ געהט פאָר, און אין א געוויסען אבענד אַלס זיא איז געזעסען אין א פינסטערען צימער, האט זיא ניט ווילענדיג געהערט א געשפּרעך אין א צווייטען צימער, וועלכער וואַר נור פערהאַנגען מיט א פאָרהאַנג. עס וואַר דער געשפּרעך פון איהר שוועסטער מיט דעם דייטשען גראַף.

אין איהר נוטען כאַראַקטער, איז טוסנעלדאַ ניט געוואָרען בייז, זיא האט נור געפיהלט מיטלייד מיט דעם גראַף.

זיא האט נאַכדעם איהר שוועסטער אָפען ערקלעהרט דאָס ניט ווילענדיג האט

זיא געהערט דעם געשפרעך און זיא האָט איהר שוועסטער געבעטען זיא זאל שענ־קען איהר ליעבע צום אונגליקליכען גראף.

— איך קען ניט! — האט עדיטהא געענטפערט.

— רויב אַם וועניגסטען ניט אוועק אלע האָפנונגען פון זיין הערצען, — האט טוסנעלדא געבעטען, — מאָרגען האָבען מיר ווידער געזעלשאַפט, דער גראף איז אויך געלאַדען.

— פון וואַנען ווייסט דוא דאָס?

— וויל מיין הערץ זאָגט עס מיר.

— דיין הערץ? — האָט עדיטהאַ פערוואונדערט געפרעגט.

טוסנעלדא האט געשוויעגען.

— וויא אזוי קען איך זיך דאָס ערקלעהרען? זאג דאָך וואס דאָס הייסט?

טוסנעלדא'ס אויגען האָבען זיך אנגעגאָסען מיט טרעהרען און זיא איז גע־פאלען איהר שוועסטער אויפ'ן ברוסט.

— ארמעס קינד? — האט עדיטהא געמורמעלט — אלזא דוא ליעבסט איהם?

טוסנעלדא האט ניט געענטפערט, אָבער איהר געוויין איז געוואָרען שטאַר־קער.

עדיטהא וועלכע האט געהאט איהר אייגענעם ווייטאָג האט זעהר שווער גע־פיהלט אלס זיא האט איהר שוועסטער בעדארפט טרייסטען, דאך דיא ליעבע צו איהר שוועסטער האָט איהר געגעבען קראַפט דערצו.

זיא האט איהר שוועסטער פערשפּראָכען דאָס זיא וועט קיינעם ניט פער־ראַטהען דעם סוד, דאך האט זיא איהר געגעבען דעם וואָרט דאָס זיא וועט איהם געבען א צוויי־דייטיגען אנטוואָרט דאס ער זאל אויפגעבען אין גאנצען דיא האָפנונג צו געווינען עדיטהא'ס ליעבע.

דער אבענד פון צווייטען טאג איז געקומען.

דיא געזעלשאַפט איז צוזאמענגעקומען, נאך מעהרערע מוזיקאַלישע פּאַרטרעגע איז מען געגאַנגען טאַנצען.

גראף פאָן מעהרען האט געוואַלצט מיט עדיטהא'ן, וועלכע האט בעגראָבען טיעף אין הארצען דיא טראַגישע ענדע פון איהר ליעבע.

— העהר גראף, — האט זיא פלוצלינג געזאגט — מיר איז אזוי שווער דיא לופט, ווילט איהר מיך בעגלייטען אין גאַרטען?

דער גראף האט זיך פערניינט, אויף זיינע באַקען איז געלעגען דער פיבער פון ערוואַרטונג.

אַלסביידע האבען זיך נאך א פיערטעל שטונדע ווידער אומגעקעהרט אין
זאַל איז אויף עדיטהאַ'ס ליפּען געלעגען א שמייכעל.

אויך דער גראף האַט געלאַכט.

עס וואַר איין ביטערער געלעכטער. ער האט זיין לעצטע האָפנונג בעגראַבען.

גראף פאַן מעהרען וואר א יונגער מאַן, און וויא טיעף זיין ליעבע איז געווען
דאך האַט ער זיך ניט געלאַזט פאַלען אין מוטה דורך דיעזען טרויער.

ער וואַר זעהר רייך, דאַך האט ער ניט געקענט לעבען אָהן ארבייט

ער האט שטודירט. ער האט זיך ענטזאגט אריינצוטרעטען אין דער רעגירונגס דינסט. ער האט געוואלט זיין אייגענער הערר זיין, און זיין פערמעגען האט עס איהם ערלויבט.

אלס עדיטהא האט איהם יענעם אנטווארט געגעבען, האט ער זיך צוריק געצויגען אבער ניט צו זיפצען און טרויערן. ער האט זיך געווידמעט צו זיין ארבייט, צו שרייבען ווערקע איבער נאטור געשיכטע.

דאך איז ער ניט געווען אימשטאנדע צו רייזען צוריק נאך הויזע. ער האט בערייזט איטאליען און האט נאכדעם אויסגעזוכט א שטילען אָרט אום זיינע ווערקע צו ענדיגען.

דערווייל האבען זיך געענדערט דיא אומשטענדען אין פאלאסט פון קאררארא.
עדיטהא האט זיך אויסגעגבען פאר קראנק. זיא האט איהר צימער ניט געקענט פערלאסען.

דאס געהיימניס וועלכע האט איהר געהינדערט צו ווייזען זיך פאר דער עפענט־ליכער וועלט, האט געוואוסט נור איין איינציגע פערזאן, דיעזע פערזאן וואר ביאנקא.

עדיטהא האט זיך דיא גרעסטע מיהע געגעבען צו בעהאלטען איהר צושטאנד זאגאר פאר איהר שוועסטער און פאר איהר פאטער, אבער באלד האט געמוזט קומען דיא צייט ווען זיא האט בעדארפט ברענגען אויף דער וועלט א קינד. קען זיא אויך דאן בעהאלטען דאס געהיימניס ?

און דער טאג איז געקומען. א מיידעל מיט וואונדערבארע שעהנע אויגען איז געקומען אויף דער וועלט.

אום דאס געהיימניס צו פערהיטען, האט זיך עדיטהא בעגעבען פאר דיעזען געבורט נאך דאס הויז וואו זיא האט דאמאלס בייא נאכט ערווארטעט איהר געליעבטען.

אין דער זעלבער צייט האט זיך דער גראף פאן מעהרען געפונען אין גענוא...

אויף זיין שפאציר פאהרונג איז ער צופעליג אנגעקומען אין יענעם טהייל פון וואלד וואו דער פאוויליאן האט זיך געפונען. און וואו עס האט זיך געפונען דאס קליינע הויז.

דורך א צווייטען צופאל האט ער בעגעגענד דער פירסטינ'ס קאמער-מעדכען. ער האט זיא באלד ערקענט. עס וואר ביאנקא.

ער האט דארום אבגעשטעלט זיין פערד און האט איהר געפרעגט:

— זייט איהר עס ביאנקא?

— יא מיין העררי.

— וויא געהט עס אייער העררין?

ביאנקא האט איהם אנגעקוקט מיט טרויעריגע אויגען.

— אייער געזיכט זאגט מיר ניט גוטעס, — האט ער געזאגט — איז דיא פירסטין קראנק?

ביאנקא האט ניט געוואלט ארויס מיט דער שפראכע. זיא האט דאך ניט געהאט קיין רעכט צו פערראטהען דיא געהיימניס.

— וואו קען מען זעהן אייער העררין? — האט ער ווייטער געפרעגט.

ביאנקא האט זיך ערשראקען.

— ניין, ניין, — האט זיא געזאגט — דאס קענט איהר ניט!

— איז זיא דארט — אין איהר קליינעם פאוויליאן? ביטע מעלדעט מיך אן.

ביאנקא האט אבער געצענגערט.

— ניין? — האט זיא דער גראף געפרעגט אונגעדולדיג?

— ביאנקא האט נאך אלץ געצענגערט.

דער גראף איז אראב פון פערד און איז צוגעגאנגען צו דאס מעדכען. אויף דיעזען ארט איז ער צוגעקומען גאנץ נאהענט צום פאוויליאן.

ביאנקא איז געווען אין דער גרעסטער פערלעגענהייט, זיא האט איהם אויף קיין פאל ניט געקענט פערוועהרען צו געהן אויף דיעזען וועג זיא האט אבער אויך ניט געקענט ערלויבען דער גראף זאל בעזוכען דיא פירסטין.

אין דיעזען אויגענבליק האט זיך בעוויזען א בלייכע געזיכט אין פענסטער.

דער גראף האט זיא ערקענט, עס וואר עדיטהא.

ער האט באלד געצויגען זיין הוט און האט זיא בעגריסט. צו זיין גרויסע פריידע האט ער געזעהן וויא זיא האט זיין גרוים געענטפערט מיט א שמייכעל. דאס דיעזער שמייכעל וואר א ביטערער, דאס האט ער ניט געזעהן.

— הערר גראַף, בעשטעהט איהר אויף אייער פערלאַנגען? — האט ביאַנקא געפרעגט.

— יא, — האט דער גראַף געענטפערט ענטשלאָסען און מיט אגעפיהל דאס יעצט וועט זיך זיין שיקזאל ענטשיידען.

— איך גלויב אָבער ניט דאָס דיא פירסטין וועט אייך צולאָזען.

דער גראַף איז געוואָרען אויפגערעגט.

— געהט און מעלדעט מיך אָן? — האט ער בעפאָהלען.

— אָבער דיא פירסטין נעהמט קיינעם ניט אויף.

יעצט וואַר עס דעם גראַף צו פיעל. עס האט איהם געערגערט וואָס דיא קאַ־מער־מעדכען האט איהם צוריקגעוויזען איידער זיא האט עס געפרעגט ביי דער הערין.

— נו גוט! — האט ער געזאָגט אין איין ענערגישען טאָן. ווען איהר ווילט ניט זאָ וועל איך עס אליין טהאָן.

ער האט געמאכט א מינע אזוי וויא ער וויל אויספיהרען וואָס ער זאָגט.

דאס האט געווירקט. ביאַנקא האט דאס ניט בעדאַרפט צולאָזען.

— איך וועל אייך מעלדען, — האט זיא געזאָגט מיט א ציטערדיגע שטימע און איז אוועקגעלאָפען אין הויז. אין איינינע מינוטען האט זיא זיך אומגעקעהרט.

— הערר גראַף, דיא פירסטין לאָזט אייך בעטען.

איבער דעם גראַף'ס געזיכט האט זיך יעצט בעוויזען א טריאומפה. ער האט ניט געאהנט וואָס איהם ערווארטעט און וואָס איהם וועט מיטגעטהיילט ווערען.

א געפיהל פון האָפנונג איז יעצט אויף איהם בעפאלען. דיא פירסטין וואָלט איהם געוויס ניט פארגעלאָזען ווען זיא וואלט צו איהם קיין נייגונג ניט געהאט.

מיט דיעזע געדאנקען איז ער נאכגעגאנגען דיא קאמער־מעדכען.

אלס ער איז אין דער פירסטינ'ס צימער אריין איז דיא גרעפין געשטאַנען אין מיטען צימער. איהר האַנד וואַר פערלעגט אויף איהר ברוסט און זיא האָט דעם גראַף אָנגעקוקט מיט ערנסטע בליקען.

דער גראַף האָט זיך ערשראָקען. וואָס האט דא געקענט געשעהן וואָס זיין געליעבטע זעהט אזוי טרויעריג אויס?

— גנעדיגע פירסטין, -- האט דער גראַף אָנגעפאַנגען — דער צופאל האט מיך געפיהרט אין דיעזען געגענד, איך האָף דאָס איהר וועט מיר פערצייען וואָס איך האָב געוואנט אייך צו בעזוכען.

עס פרעהט מיך גראף אייך צו זעהן. זייט דעם טאג וואס מיר האבען זיך צום לעצטען מאל געזעהן האט זעהר פיעלעס פאסירט. א שטורם איז אין דיזער צייט איבער מיין קאפף פאראיבער און איהר זעהט יעצט פאר זיך א מעדכען וועלכע וועלכע טרויערט נאך איהר ליעבע.

דער גראף וואר ערשטוינט. ער האט צוטומעלט געפרעגט איין פראגע נאך דער צווייטער און האט געהערט איין אנטווארט נאך דער צווייטער ביז עדיטהא האט איהם געשילדערט איהר טרויעריגע ליעבעס געשיכטע פון אנפאנג ביז צו ענדע.

דער גראף האט ניט געטרויט זיינע אויערן. איז דאס מעגליך? אלס ער האט דאמאלס איהר האנד געבעטען און זיא האט איהם צוריק געוויזען האט ער געגלויבט דאס נור וויל זיא קען איהם ניט ליעבען דארום ענטזאגט זיא איהם אבער וויא האט ער זיך גענארט.

יעצט האט ער ערפאהרען דאס איין אנדער בילד האט געלעבט אין זיין הערצען, און דער מאן וועלכען זיא האט געליבט איז טויד.

גראף פאן מעהרען,—האט דיא פירסטין אם ענדע געזאגט.—אפענהייט פאר אפענהייט, דורך דיא טרייהייט וואס איהר האט פאר מיר בעהאלטען, האט איהר דיא פאלע רעכט אלעס צו ערפאהרען און דארום מעגט איהר וויסען דאס לעצטע. איך בין א מוטער פון א קינד.

דער גראף האט זיא אנגעקוקט.

— פירסטין, — האט ער יענדליך געזאגט און האט זעהר שווער געאטהעמט — גיבט עס פאר מיר קיין האפנונג דאס דיא וויטווע פון א צווייטען זאל זיך בעשליסען צו פערשענקען איהר הערץ נאך אמאל און זאל מיך דערמיט גליקליך מאכען? גלויבט איהר דען ניט דאס איהר קענט ביי מיר געפינען אייער פערלארענעם גליק?

— איך צווייפעל ניט, — האט עדיטהא געענטפערט— דאס איהר זייט דער איינציגער ביי וועמען איך האב בעדארפט זוכען דאס גליק, אבער איך קען ניט. איך זאג אייך נאך אמאל הערר גראף, דאס איך קען ניט, איך געהער אייביג צו מיין וויללי אם.

א טיעפער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון עדיטהא׳ס ברוסט אלס דער גראף האט זיא פערלאסען דיא ליעבע פון דיעזען מאן וואר א געטרייע, און עס איז איהר איינגעפאלען אין זינען אויב דיעזער מאן איז ווירקליך ניט ווערטה צו געווינען איהר ליעבע.

אבער אזוי שנעל וויא דיעזער געדאנק איז צו איהר געקומען אזוי שנעל איז ער אוועקגעגאנגען, זיא האט ניט געקענט צו בלייבען אונטריי איהר געליבטען זאגער

נאך זיין טוידט. זיא האט זיך בעטראכט אלס ווילליאמ׳ס ווייב. ער איז געוועזן איהר מאן, ער איז דער פאטער פון איהר קינד, וועלכע שלימערט לעבען איהר.

דער גראף האט ערקלערט דאס דיעזעס קינד איז פאר איהם קיין הינדערניס. דאס ער שעצט איהר ליעבע צום קינד׳ס פאטער, אבער דאס ער וועט זיך בעמיהען צו מאכען זיא זאל פערגעסען איהר ערסטען ליעבעס טרוים.

עדיטהא האט זיך אבער ניט געקענט פארשטעלען, וויא אזוי זיא קען ווילליאם׳ן פערגעסען.

פלוצלינג איז עדיטהא אויפגעשפרונגען און איז געלאפען אין צווייטען צימער, דארט איז געלעגען דאס קינד אין א זיסען שלאף, מיט א פריינדליכען צופריעדענעם שמייכעל אויף איהר געזיכט.

מיט זעלטענע בליקען האט עדיטהא בעטראכט דאס קינד.

עס וואר באלד צוויי וואכען אלט, אבער נאך האט עס ניט געקראגען איהר נאמען.

עדיטהא האט זיך ניט געקענט בעשליסען וואס פאר א נאמען צו געבען איהר טאכטער.

ווען דאס וואלט געוועזן א אינגעל וואלט ער געקראגען דעם נאמען ווילליאם.

נאך דיא זיטען פון איטאליען האט עדיטהא ניט געדארפט צו לאנגווארטען מיט׳ן נאמען, אבער זיא האט זיך דאך ניט געקענט בעשליסען. זיא האט געווארט פון טאג צו טאג, מיט דער האפנונג דאס זיא וועט זיך עטוואס עראינערען און וועט געפינען א נאמען פאר איהר קינד וואס זאל זיין איין אנדענקען נאך איהר געליבטען.

זיא איז יעצט אויך געזעסען און האט דעריבער געטראכט.

אלס זיא איז אזוי געזעסען ביי איהר קינד איז אריינגעקומען ביאנקא, איהר קאמער־מעדכען מיט פערוויינטע אויגען.

עדיטהא האט זיא אנגעקוקט מיט פערוואונדערונג.

— דוא האסט געוויינט ביאנקא?

— פערצייעט מיר גנעדיגע פירסטין, אבער איך בין אזוי טרויעריג, ווען איך דענק וועגען אייך און וועגען דעם ארמען גראף.

— עס שיינט, אז דוא אינטערעסירסט זיך שטארק מיט זיין שיקזאל?

— און ווארום ניט? ער וואר אזוי גוט צו מיר, און ער האט אזוי שטארק מיטגעפיהלט מיין ווייטאג אלס מיין געליעבטער איז דורך דעם טוידט פון מיר גערויבט געווארען.

דער אבענד איז ענדליך אנגעקומען.

ביאנקא האט יעדע נאכט געשלאָפען אין דעם זעלבען צימער, וואו דיא פירסטין איז געוועזען מיט איהר קינד.

עדיטהא האָט געוואוסט, דאָס זיא קען זיך אין אלעם פערלאסען אויף איהר קאַמער־דינערין.

— הער מיך אויס ביאנקא, — האט זיא געזאָגט — איך פיהל דאָס איך דארף זיין אליין, גאנץ אליין, בלייב דוא ביי דעם קינד, איך ווייס אז אונטער דיין אויפזיכט איז עס זיכער.

ביאנקא האָט איינגעשטימט און ביאנקא איז געבליבען אליין מיט דעם קינד און איז ענדליך געגאנגען שלאָפען.

עדיטהא וואר אויפגערעגט, זיא האט ניט געקענט שלאָפען. זיא האט געוואלט בלייבען אליין אום צו קענען אין גאנצען פערזינקען אין איהרע געדאנקען. זיא איז יעצט געוועזען אליין.

זיא האט זיך אויסגעצויגען אויף'ן דיוואן, האט דיא אויגען געהאלטען אָפען און האָט געטראכט.

האלבע נאכט איז פאַראיבער. צום קליינעם הייזעל איז צוגעגאנגען א מער־נערשע געשטאלט.

דער מאן האט זיך ארומגעטריבען ארום דיא פענסטער און האָט זיך איינגע־קוקט דורך דיא שפאלטען פון דיא לאָדען.

— עס איז אלעם שטיל! — האָט ער געמורמעלט — מען שלאָפט.

יעצט איז ער צוגעגאנגען צום הויז־טהיר און האט ארויסגענומען א גאנצען בינדעל מיט שליסלען. ער האט פרובירט איינעם נאך דעם אנדערען ביז ער האט ענדליך געפונען דעם פאסענדען. דיא טהיר האט זיך געעפענט און דער שווארצער קארלאָס — דען דאָס וואר דער מאן, איז אריין אין הויז, וועלכע וואר זעהר שוואך בעלויכטען.

אויף דיא שפּיץ פינגער איז קארלאָס געגאנגען צום אָרט, וואו דיא פירסטין איז געלעגען און האט געדרעמעלט.

ער האָט זיך צוגעבויגט און האט א קוק געטהאָן אין איהר געזיכט, און זיינע מינע איז געוואָרען פאָל מיט ליידענשאפט.

דאן האט ער אריינגעלעגט זיין האנד אין זיין טאשע און האָט פון דאָרט ארויסגענומען א פלעשעלע מיט ווייסע טראָפּענס.

ניט ווייט פון דיוואן איז געשטאנען א קליינער טישעל און אויף'ן טישעל א קאַראַפין מיט וואסער און א גלאָז.

קארלאָס האָט באלד געעפענט זיין פלעשעלע און האט אריינגעטריפט איינינע טראָפּענס אין גלאָז.

נאכדעם וויא ער האט דיא פלעשעלע צוריק פערשטיקט אין זיין טאשע און ער צוגעגאנגען צו דער פירסטין, וועלכע האט געשלאָפען און האט דריי מאָל בעריהרט איהר שטערען מיט זיין פינגער.

יעצט האט ער זיך צוריק אָבגערוקט אין א ווינקעל און איז געבליבען שטעהן פערבאָרגען אום צו זעהן וואָס דא וועט באלד געשעהן.

איינינע מינוטען זיינען אוועק, ביז עדיטהא האט געעפענט איהרע אויגען. האלב פערשלאָפען האט זיא אויפגעהויבען איהר קאָפּ און האט זיך ארומגעסוקט.

דיא פירסטין האט ניט געקענט זעהן דעם מאן אין צימער, אָבער קארלאָס האט זיא גאנץ גוט געקענט זעהן.

עדיטהא האט יעצט אויסגעשטרעקט איהר האנד צום וואסער, האט אָנגע־גאָסען א גלאָז און האט עס אויסגעטרונקען ביז'ן לעצטען טראָפּען.

קארלאָס האט פון איהר ניט צוגענומען דיא אויגען. ער האט געזעהן וויא זיא האט דיא גלאָז צוריקגעשטעלט אויפ'ן טישעל און וויא זיא האט איהר קאָפּ ווידער געלעגט אויפ'ן קישען און איז באלד ווידער איינגעשלאָפען.

אלס קארלאָס האט זיך איבערצייגט דאָס עדיטהא שלאָפט ווידער, האָט ער זיך צוריק ארויסגערוקט פון צימער, האט פערשלאָסען דיא הויז־טהיר און איז שנעל אוועק פון דיעזען פלאַץ.

גאנץ אָפט האט ער זיך ארומגעקוקט גלייך וויא ער וואָלט געפירכטעט, אז מען יאָגט איהם נאך, אָבער ארום און ארום וואר פינסטער און שטיל, דיא גאנצע נאטור איז געלעגען און האט געשלימערט.

מיט שנעלע שריט איז ער געלאָפען פאָרווערטס. דער וועג האט איהם גע־פיהרט דורך'ן וואלד און ענדליך איז ער געקומען צו א קליינער היטע, וועלכע האט פון דרויסען אויסגעזעהען וויא א חורבה.

דיעזע ביידעל וואר נור בעדעקט מיט שינדלען. א שמוציגער, גרויער, היל־צערנער לאדען האט פערשלאָסען דיא פענסטער און אויך דיא טהיר וואר פער־שלאָסען.

קארלאָס האט דריי מאָל אָנגעקלאפּט.

א ווילע וואר שטיל, דאן האט זיך פון ביידעל געהערט א קרעכץ. קארלאָס האט דיעזען קרעכץ נאָכגעמאכט און דיא טהיר האט זיך זאָפאָרט געעפענט, און אויפ'ן שוועל האט זיך בעוויזען איין אלטע פרוי, מיט א פירכטערליכען אויסזעהן.

— ביזט דוא עס קארלאָס?

— איך בין עס מוטער קאַטינקאַ.

— פון וואַנען קומסט דוא?

— פון דער פירסטין.

— איז עס דיר געלונגען?

— יאַ, נו לאָז מיך אריין אין ביידעל.

קאַטינקאַ האט זיך צוריקגעצויגען און קארלאָס איז אריין.

זיי ביידע זיינען אריין אין א קליינעם צימער, וואו אלעס וואר איז איין אונ־ארדנונג, און ביידע האבען זיך געזעצט אויף דיא הילצערנע בענקלעך.

— זא ערצעהל דאָך, — האט קאַטינקאַ געזאָגט — וואר דיא פירסטין וואך?

— ניין, איך האב זיא אויפגעוועקט.

— דערמיט וואָס דוא האָסט געשטריכען איבער איהר שטערן?

— יאַ.

— און דיא טראָפּען?

— האב איך אריינגעגאָסען אין גלאז!

— דיא גאַנצע טראָפּענס? — האט דיא אַלטע אויסגערופען.

— ניין, נור פינפצעהן טראָפּען.

— הי, הי, דאָס איז גראדע גענוג ווען דוא וואָלסט אלעס אריינגעגאָסען וואָלסט דוא דיין צוועק ניט עררייכט.

— פערזיכערסט דוא מיר אלע, דאס דיא טראָפּענס וועלען ווירקען וויא דוא האָסט געזאָגט?

— געוויס פערזיכער איך דיר. נור האב געדולד, איך זאָג עס דיר פון הייטע אין דריי טעג.

קאַטינקאַ האט בעגלייט דיזע ווערטער מיט א געהיימען צייכען פון איהר רעכטער האנד.

— און דיא פירסטין האט דערפון געטרונקען? — האט זיא געפרעגט.

— יאַ.

— דאָס איז גוט, דאָס איז גוט, — האט דיא אַלטע געמורמעלט — יעצט קאר־לאָס, גיב מיר דעם פערשפּראָכענעם לאָהן פאר מיין ארבייט. איך ווייס דאָס דוא ביסט איין עהרליכער מאַן.

— איך וועל עס דיר געבען אין דריי טעג שפּעטער.

— ניין, איך וויל עס הייטע.

קאטינקא האט עס געזאגט אין א פעסטען טאן און האט איהם אנגעקוקט אזוי שטרענג, דאס קארלאס האט ארויסגענומען איינינע גאלד שטיקע און האט עס איהר געגעבען..

דאן האבעןביידע געשפראכען נאך עטליכע ווערטער. זיי האבען געשפראכען אזוי שטיל גלייך ווי זיי האבען מורא געהאט דאס מען וועט זיי אויסהערען

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט דער גרעסטער אויפרעגונג און הארצוועהטאג איז דער גראף פאן מעהרען אוועק צוריק צו זיין הויז. ער איז ניט געוועזן פעהיג צו שטודירען, זיין גאנצער זינען איז געוועזן אנגעפיהלט מיט עדיטהא'ס ערצעהלונג.

אבוואהל עדיטהא האט איהם אלע האפנונגען ענטזאגט דאך האט ער ניט אויפגעהערט צו האפען.

דער גראף האט צו שטארק געליבט דאס יונגע, שטאלצע און שעהנע מעדכען אום ער זאל זי פערגעסען צוליעב אייפערזוכט.

עס עס איז ניט מעהר ווי נאטירליך דאס עס האט איהם געשטאכען אין הארצען ווען די פירסטין האט איהם ערצעהלט, אז זי איז געלעגען אין די ארמען פון א צווייטען מאן, אבער דאך האט ער דיזען וועהטאג בעקעמפפט. ער האט דאס יונגע מעדכען בעטראכט אלס א וויטווע, דען נאך זיין מיינונג און זיין אידעע איז זי געוועזן די ווייב פון דעם ענגלישען אפיצער.

ווען די פערבינדונג פון די צוויי געליבטע האט שטאטגעפונען נור אין דער פירסטין'ס שלאפ־צימער, ווען ליכט און מוזיק האט ניט בעפוצט זייער בונד, און קיין גייסטליכער האט זיין זעגען דערצו ניט געגעבען, אבער די צוויי האבען זיך דאך פערבונדען מיט ריינע הערצער און גאט איז געוועזן זייער עדות.

מיט דיזע געדאנקען איז דער גראף ארומגעגאנגען איבער זיין צימער.

אויף זיין שרייב־טיש זיינען געלעגען פאפירען און די קארעקטור וואס זיין דרוקער האט איהם צוגעשיקט. ער האט עס אבער ניט אנגעקוקט. די ארבייט איז איהם מיט איין מאל געווארען אזוי לאנג־וויילינ, אזוי שווער, אזוי פיסט. איהם האט געשיינט, אז די גאנצע וועלט האט פערלארען איהר ווערטה.

ער האט זעהר שטארק רחמנות געהאט מיט זיין געליעבטע, ער האט בעדויערט וואס זי האט פערלארען איהר געליעבטען און האט צוזאמען מיט איהר געוואלט טרויערען. דען ער האט זי צושטארק געליבט אז איהר וועהטאג זאל ניט זיין זיין וועהטאג.

אָבער דיא ליעבע איז קיין אמת'ע ליעבע ווען דיא געליבטע פּערזאָנען ווילען זיך ניט בעזיצען, דארום האט זיך אין דעם גראף'ס קאָפּ אימער געמישט דער געדאנק:

— איז דען ניט מעגליך זיא זאָל ווערען מיינע? — קען דען איהר הערץ מיך ניט ליעבען?

טעג זיינען פערגאנגען אין אזעלכע געדאנקען. דעם ענגלישען אָפיציר האט דער גראף זעהר וועניג געקענט, ער האט איהם אמאל בעגעגענד אין א קלוב, וואו זיי ווארען פאָרגעשטעלט, אָבער ער האט מיט איהם זעהר וועניג פערבראכט און האט איהם וועניג געקענט.

אין דיא צייטונגען האט ער אויך געלעזען דאס איין ענגלישער אָפיציער איז בעפאלען און ערמאָרדעט געוואָרען, מען האט דעם אָפיציער אליין געפונען אויפ'ן וועג, און אָבוואָהל דיא שפּורען בעווייזען, דאס איינינע פּערזאָנען האבען זיך בעטהיילינט אין דעם מאָרד, אָבוואָהל עס וואר אויך קענטיג דאס דער אָפיציער האט זיך פערטהיידיגט וויא א העלד, און ער האט אמווענינסטען פערוואונדעט זיין מערדער, דאך קען מען דיא וואהרהייט ניט געפינען. דען ווען דער טאָג איז אָנגעקומען וואר דיא פעלד גאנץ לעער און דער אָפיציר איז געלעגען טוידט.

איז ער אָבער ווירקליך געווען טוידט?

דער גראף האט זיך דיעזע פראגע געשטעלט נאכדעם וויא עדיטהא האט איהם ערצעהלט דיא טרויעריגע געשיכטע פון איהר ליעבע.

דיעזער געדאנק האט זיך איינגעגעסען אין גראף. ער האט פון איהם ניט גע־קענט לויז ווערען, און ענדליך האט דער גראף בעשלאָסען דאָס ער זאָל דיא זאך גוט אונטערזוכען.

נאך שווערער מיהע און פאָרשונגען איז איהם געלונגען צו געפינען מענער, וועלכע האבען דערפון געוואוסט, און דיעזע מענער האבען איהם פערטרויט דאס געהיימניס, דאָס וויליאם אָף בראנד איז ניט טוידט, זאָנדערן ער איז נור פון אויפ־רעגונג אַין פון דיא וואונדען אין קאָפּ אראָפּ פון זינען.

וויליאם האט געהאט קיין פאָטער, קיינע ברידער און קיינע פריינדע, וועלכע זאָלען איהם זוכען און בעווייגען, ער איז געווען איינער אליין אין דער וועלט.

אזוי וויא דיא גאנצע אָנגעלעגענהייט וואר זעהר אונאנגענעהם פאר דער איטאליענישער רעגירונג. עס האט געקענט פיהרען צו פערשיעדענע זאכען, ווייל וויליאם אָף בראנד וואר איין אָפיציר פון א פרעמדער ארמעע, זא האט זיך דיא רעגיערונג געגעבען דיא מיהע צו פערשטיקען דיא גאנצע געשיכטע און מאכען עס זאָל פערגעסען ווערען אזוי שנעל וויא מעגליך. דער רעגיערונג איז געלונגען אָבצור־

שיקען דעם אָפיציער נאך איין אירענאַנשטאַלט און ערקלעהרען איהם פאר טוידט, ווייל ווען מען האט דעם אָפיציער געפונען אויפ'ן פעלד האט ער ווירקליך אויסגעזעהן וויא א געשטאָרבענער.

אין וועלכען משוגעים הויז דער אָפיציער איז אָבגעשיקט געוואָרען — דאס האט דער גראף ניט געקענט אויסגעפינען. מען האט איהם געזאָגט, אז דאָס איז א שטרענגע געהיימנים און מען קען עס ניט ארויסגעבען.

זעהר וועניג האבען דיעזען סוד געוואוסט. און דיעזער געהיימנים האבען זיך בעטהייליגט אייניגע איטאַליענער און ענגלענדער, אָבערביידע צדדים האבען געהאט זייער אינטערעסע צו האלטען דיעזען פאקט אין געהיים.

דיא איטאַליענישע צייטונגען האָבען געדרוקט בלויז א קליינעם נאָטיץ דאס איין ענגלישער אָפיציער מיט'ן נאָמען וויליאם בראַנדט איז געפונען געוואָרען טוידט אויפ'ן פעלד. מעהר האָבען זיי ניט געשריבען, ווייל דיא רעגירונג האט זיי פערבאָטען צו ריידען איבער דיעזער געשיכטע.

יעצט אלס דער גראף פאָן מעהרען האט ערפאהרען, אז וויליאם לעבט, האַבען גאַנץ נייע געפיהלען ערפיעלט זיין ברוסט.

זיין קאָנקורענט לעבט נאך, ער איז זאָגאר וואהנזיניג, אָבער ער קען צו יעדער צייט געזונד ווערען און קען דאן ברענגען נייע גליק און האָפנונג פאר דער אונגליקליכער עדיטהא.

יעצט האט דער גראף געקעמפפט מיט זיך אליין אויב ער זאל דיעזען סוד מיטטהיילען זיין געליעבטער עדיטהא אָדער ניט.

פון איין זייט האט ער גערעכענט דאס עס איז זיין פפליכט ער זאל עס ערצעהלען ווייל דאס וועט גליקליך מאכען זיין געליבטער, פון דער צווייטער זייט האט ער אָבער געפירכטעט, דאָס עדיטהא וועט זיך אונטערנעהמען צו בעהאנדלען איהר וואהנזיניגען געליבטען און דערמיט וועט זיא רואינירען איהר געזונד און איהר עהרע.

א לאַנגע צייט האט זיך דער גראף ארומגעטראָגען מיט זיינע געדאַנקען און האט זיך נאך אלץ ניט געקענט בעשליסען.

אין א געוויסען טאָג, אלס דער גראף האט נאך אלץ נאכגעדאכט וואס צו טהאן האט זיך דיא טהיר פון זיין צימער געעפענט און זיין דינער קלעמענס האט געזאָגט:

— העררר, גראף, ביאנקא איז דאָ.

— דארף זיא מיך?

— יאָ.

— זא פיהר זיא שנעל אריין.

דער גראף איז געווען אזוי אויפגערעגט דאס ער האט גאר ניט געהערט וויא דיא טהיר האט זיך געעפענט און ביאנקא איז ערשיענען.

ענדליך האט ער זיא דערזעהן פאר זיך.

— וואס האט אייך געבראכט צו מיר, ביאנקא. האט אייך דיא פירסטין אהער געשיקט?

— יא.

— וואס איז געשעהן?

— דיא פירסטין האט געבעטען איהר זאלט זאפארט צו איהר קומען.

וועהרענד ביאנקא האט דאס געזאגט, האט איהר שטימע געציטערט און פון איהרע אויגען האבען געגאסען טרעהרען.

— וואס איז מיט דער פירסטין געשעהן? זאגט דאך ביאנקא

— זיא איז שווער קראנק און איך פירכטע דאס זיא וועט ניט איבערלעבען דיא נאכט,

דער גראף איז געווארען בלייך. ער האט אראבגעלאזט זיין קאפ און האט צו־נעדריקטביידע אויגען מיט דער לינקער האנד.

אויך אין זיינע אויגען האבען זיך בעוויזען טרעהרען. ער האט זיך אבער גע־שעהמט צו וויינען עפענטליך.

צוויי שטונדען שפעטער איז דער גראף געשטאנען אין עדיטהא'ס צימער.

זיא איז געלעגען אויפ'ן דיוואן, איהר געזיכט וואר בלייך, אויף איהר שטערען זיינען געשטאנען קאלטע טראפענס שווייס. איהרע אויגען ווארען האלב אויסגע־לאשען.

אלס זיא האט דעם גראף בעמערקט האט זיא זיך שווער אבגעזיפצט און מיט א שוואכער שטימע האט זיא געזאגט:

— איך האב אייך געשיקט רופען הערר גראף, ווייל איך וויים דאס איהר וועט ערפילען דיא ביטע פון א שטערבענדער.

— א שטערבענדער? א ניין, זאגט עס ניט טהייערע פירסטין! — האט דער גראף אויסגערופען און איז געזונקען אויף איהר אויף דיא קניע, — זאגט דאס ניט עדיטהא. איהר דארפט ניט שטארבען, ניין, ניין, גאט קען עס ניט פערלאנגען.

אויף עדיטהא'ס ליפען האט זיך בעוויזען א שמייכעל.

— איהר האט מיר איינינע מאל פערזיכערט דאס איהר ליעבט מיך, — האט עדיטהא וויעדער אנגעפאנגען — איך גלויב אין אייער ליעבע. עס וועט פאר אייך

שווער זיין מיר צו ענטזאגען און איך גלויב דאס מיין טויט וועט אייך פערשאפען זעהר פיעל שמערצען. דאך גראף לאזט מיך שטארבען. איהר ווייסט דאך דאס איך קען אויף דיזער וועלט קיין גליק מעהר ניט געפינען. מיט מיר איז באלד אלעס אויס. איך וויל אייך דארום פאר מיין טויט פרעגען אויב איהר ווילט פאר מיר עטוואס אפפער'ן.

— אלעס עדיטהא! אלעס! פערלאנגט זאגאר מיין לעבען.

— אייער לעבען פערלאנג איך געוויס ניט, — האט עדיטהא געענטפערט — איך וויל איהר זאלט ווייטער לעבען, איהר וועט מיט אייער לעבען גליקליך מאכען א מעדכען וועלכע ליעבט אייך פון גאנצען הארצען.

דער גראף איז געווארען בלאס.

— וואס זאגט איהר פירסטין? איהר שפרעכט פון א מעדכען וועלכע ליעבט מיך?

— יא. איהר קענט מיין שוועסטער?

— יא, פירסטין.

— גלויבט איהר דאס איהר וואלט מיין שוועסטער געקענט ליעבען.

— עדיטהא, — האט דער גראף געענטפערט — קען זיך א מענש ווארמען פון דיא שטערן ווען ער האט גענאסען דעם גלאנץ און דיא ווארימקייט פון דער זאנע? קען א מאן ליעבען א מעדכען נאך דעם ווען ער האט אייך געליעבט?

— גראף, מיינע שטונדען, פיעללייכט מיינע מינוטען זיינען געצעהלט. זאגט מיר נור דאס איינע, ווילט איהר ערפילען מיין ביטע, ווילט איהר ווערען דער מאן פון מיין שוועסטער וועלכע פערברענגט איהר גאנצע יוגענד אין טרוימען וועגען אייך? איהר ווייסט מיין געהיימניס. טוזנעלדא ווייס עס אויך. זאגט מיר הערר גראף, וועט איהר דאס טהאן פון מיינטוועגען?

דער גראף האט זעהר שווער געאטהעמט. קען ער דען ערפילען דעם פערלאנג פון דער שטערבענדער? קען ער ווערען דער מאן פון א מעדכען וועלכע איז איהם א גאנץ פרעמדע? אבער דאך דארף ער דער שטארבענדער ניט אבזאגען איהר לעצטע ביטע.

— וואס איך פערלאנג פון אייך, — האט עדיטהא ווייטער געזאגט — קען זיין א שווערע זאך, אבער איהר זייט דער איינציגער אויף דער גאנצער וועלט וועלכער איז אים שטאנדע צו ערפילען אזא ביטע. טוזנעלדא איז איין גוטעס מעדכען, זיא וועט טהאן אלעס אין איהרע קרעפטען אום אייך צו מאכען גליקליך. און ווען עס וועט צו אייך קומען א שטונדע און איהר וועט דענקען פון דאס מעדכען וועלכע

ליגט יעצט אויפ'ן טויטען בעט און איהר וועט בעווייגען דעם שיקזאל וואס דיעזעס מעדכען איז ניט געוואָרען אייערע, זא קוקט דאן אויף מיין קינד, וועלכע איז בלוט פון מיין בלוט, און פלייש פון מיין פלייש און וועט אויך האבען א טהייל פון מיין נייסט. גראף זייט מיין קינד, דאס זעלבע וואס איהר וואלט געווען ווען איך וואלט געוואָרען אייער פרויי.

עדיטהא האט דיא לעצטע ווערטער געשפּראָכען גאנץ שטיל. א קעלט איז דורכגעגאנגען איהר לייב און איהרע אויגען האבען אויסגעזעהן גלייך ווי זיי וועלען זיך פערלעשען.

דאָך ניין. זיא האט זיך נאָך אמאל אויפגעחאפּט, און אנקוקענדיג דעם גראף מיט איהרע שטאַרע בליקען האט זיא אויסגעשטרעקט איהר האנד צו איהם.

— גראף, — האט זיא געזאָגט — ביטע קלינגט אָן! דער גראף האט אָנגע־קלונגען. באלד נאכדעם איז ביאנקא ערשינען.

— ביאנקא! — האט דיא פירסטין געזאָגט אין א שווערען טאָן, רוף מיר מיין שוועסטער.

דיא קאמערמעדכען האט זיך ענטפערענט און באלד נאכדעם איז טוזנעלדא ערשינען אין צימער און האט אויף איהרע הענד געהאלטען עדיטהאס קינד.

דער גראף וואר שטארק געריהרט. ער האט זיך זעהר טיעף פערנייגט פאר עדיטהא'ס שוועסטער און האט אויך א קוס געטהאן דאס קינד.

— מיין קינד! — האט ער געמורמעלט.

טוזנעלדא האט אראבגעלאזען איהרע אויגען. זיא וואר זעהר געריהרט, וויא זיא האט געוואוסט וואס פאר א געשפרעך דיא פירסטין האט געהאט מיט דעם גראף. אין דיעזען אויגענבליק האט זיך בעדארפט ענטשיידען איהר שיקזאל.

טהוזנעלדא האט זיך אין דיא לעצטע פאר טעג געפיהלט עלטער מיט פיעל יאָהר. צוריק מיט אכט טאג האט זיא נאך געלעבט אין האָף אין וואר אומגעבען מיט פריידע. איהר שוועסטער עדיטהא האט נאָך איהר געשיקט און צוריק מיט א פּאאר טעג האט זיא איהר ענטדעקט איהר געהיימניס.

זייט יענעם מאמענט האט טהוזנעלדא שטארק געליטען. דען זיא האט גע־ליעבט איהר שוועסטער און איהר שיקזאל האט אנגעריהרט איהר הערץ. אבער עדיטהא איז דאָך געווען גליקליך, זיא האט וועניגסטענס געהאט איין גליקליכע שטונדע. וויא גערען וואלט טהוזנעלדא פערבראכט איהר גאנצען לעבען אין טרויע־רען ווען זיא זאָל אויך האבען אזא שטונדע אין איהר לעבען.

— גנעדיגסטע פירסטין! — האט דער גראף צו איהר יעצט געזאגט אין איין ערנסטען טאָן. אייער שוועסטער האט מיר אויסגעשפּראָכען איהר ביטע און איך האב עס איהר פערשפּראָכען, דאס איך זאל זיין איהר קינד אלעס וואס איין אנדערער האט געקענט זיין. דארום בעט איך אייך דורכלויכט איהר זאלט מיר שענקען אייער האַנד. איך קען אייך ניט פערשפּרעכען וואס איך וויים ניט אויב איך וועל האבען דיא קראפט צו ערפילען. אבער אויב איהר זייט גענייגט צו נעהמען מיין טיעפסטע האכאכטונג און אויפריכטיגסטע פריינדשאפט....

דער גראף האט זיך געפונען אין אזא אויפרעגונג דאס ער האט ניט יעדען וואָרט געקענט ארויסריידען. ער האט זיך בעמיהט צו רעדען אזוי דאס טהוזנעלדא זאל זיך ניט געפינען בעליידעגט, ער האט אבער ניט געקענט זאגען צופיעל וואס ער האט ניט געדענקט. ער וואלט בעסער געשטארבען איידער טהוזנעלדא'ן צו זאגען דאס ער ליעבט זיא און וויל ער ליעבט זיא זאל זיא ווערען זיינע.

טהוזנעלדא איז געווארען בלייך. איהרע אויגען זיינען געפאלען צו דער ערד, און נאך א לאנגען טראכטען האט זיא געזאָגט:

— איך וואר פארבערייט צו אייער ערקלעהרונג. גראף, איך וינש דאס איך זאל אייך קענען גליקליך מאַכען.

דער גראף האט אנגענומען טהוזנעלדאס האנד און האט זיא געקוסט, דאן האט ער זיא גענומען אונטערען ארם אוןביידע זיינען צוגעגאנגען צו עדיטהא'ס בעט, און ביידע האבען זיך געשטעלט אויף דיא קניע פאר דער שטערבענדער פירסטין... דער גראף האט גענומען דאס קינד אין זיין ארם און האט אנגעקוקט דיא אונגליכע מוטער.

איך דאַנק אייך! — האט עדיטהא אין א שווערען טאָן געזאגט — דוא מיין שוועסטער ליעבסט איהם און דוא וועסט איהם גליקליך מאכען, דוא וועסט אויך גליקליך זיין ביי איהם. איך דאַנק אייך... גאט זאל אייך שיטצען...

ביי דיעזע ווערטער איז איהר שטימע פערשטיקט געוואָרען. זיא האט אויסגעשטרעקט איהר האנד צום קינד, וועלכע דער גראף האט פאר איהר געהאלטען. זיא האט זיא אבער ניט געקענט אננעהמען. בלויז איהרע ליפּען האבען זיך בעוואגען און גאנץ שטיל האט זיא געזאגט:

— גאט.. זאל אייך בענשען... מיין קינד.... זאל גערופען ווערען.... וויא ווילליאמס מוטער.... איהר נאמען זאל זיין... מרים.

דיא שטערבענדע האט ארויסגעלאזען א זיפץ און האט געשלאסען איהרע ליפּען.

דאס וואר איהר לעצטער זיפץ, איהר הארץ איז געבליבען שטיל. עדיטהא וואר טויט.

דער גראף און טהוזנעלדא ווארען געריהרט פון דאס וואס זיי האבען געזעהן.

דער גראף האט גערייכט זיין צוקינפטיגע פרוי זיין האנד און מיט א פיבער־רענדע שטימע האט ער געזאָגט:

— מיר ווילען דא פאר דער טויטער שליסען אונזער בונד פיר דאס גאנצע לעבען. נאך אמאל פערזיכער איך דיר, דאס מיין גאנצעס לעבען זאל זיין דיך גליק־ליך מאכען. דיעזעס קינד זאל אין מיר האבען א פאטער און אין דיר א מוטער.

אלס טהוזנעלדא האט דאס קינד וויעדער גענומען צו זיך, איז זיא געזונקען אויף דעם גראף׳ס ברוסט און הייסע טרעהרען האבען גערונען פון איהרע באקען.

דער גראף האט זיא געקוסט.

— טהוזנעלדא אונזער לעבען אין האנדלען איז פאר דיעזען קינד וואס וויס נאך ניט פון דיא ליידען אין דער וועלט. אונזער שטרעבען דארף זיין גליקליך צו מאכען דיעזען קינד.

אין דער נאכט האט מען איבערגעפיהרט עדיטהא׳ס טויטען קערפער נאך דעם פירסטליכען שלאָס.

ביאנקא איז געבליבען ביין קינד, וויל טהוזנעלדא האט געמוזט זיין אין פירסטליכען פאלאסט בייצוּוואהנען דיא בעערדיגונג פון איהר שוועסטער.

אבער אויך דער גראף איז געבליבען צוריק. ער האט געהיט זיין פערשפרעכען וועלכען ער האט געגעבען דער פערשטארבענער ער האט ניט געוויכט פון קינד און האט דעם קינד גאנץ אפט בעטראכט מיט ליעבע און צערטליכקייט.

— מרים זאל זיין דיין נאמען, — האט ער געזאגט צום קליינעם קינד — אזוי וויל עס דיין מוטער. אין דער לעצטער מינוט פון לעבען האט זיא זיך בעדענקט דעם נאמען, פון איהר געליעבטען׳ס מוטער. ווילליאם אף בראנד האט געמוזט ליע־בען זיין מוטער.

נאך דיעזע ווערטער האט ער זיך צוגעבויגט צום קינד, וועלכעס וואר פיעל עהנליכער צום פאטער אלס צו איהר מוטער, האט אויף איהר שטערן ארופגעהויכט א קוס און האט געמורמעלט.

— מרים מיין קליינע, הערציגע מרים.

— — — — — — — — — — — — —

דער פריה־מארגען איז שיין לאנג אנגעקומען. דיא שטראהלען פון דער זאנע האבען שיין אריינגעלויכטען אין דיא פענסטער פון דעם אלטען גערטנער קלעמענס.

— איך קען מעהר ניט לעזען,—האט קלעמענס צו זיך אליין געזאגט און האט צוגעשלאסען דעם בוך—מיינע אויגען קלעפען זיך. איך מוז יעצט פאקען מיינע זאכען אום צו פערלאסען דעם צימער אין וועלכען איך האב אזא לאנגע צייט פערבראכט. אה וואס זאל איך היער נאך טהאן. מיינע פפליכטען קען איך איבעראל ערפילען. וויא גוט דאס איז וואס אלעס איז פערצייכענט. אלעס וואס איך און דער גראף האבען דורכגעלעבט, וויא אויך דיא פערצייכנונג פון עדיטהא'ס לעבען און וואס דער שווארצער קארלאס האט זיך מודה געווען. עס וועט אמאל קומען דער טאג, ווען דיעזע פערצייכנונג וועט נוטצען, ניט פאר מיר, נור פאר דאס ארמע קינד פון דער פירסטין, פיר מרים.

נאך דיעזע ווערטער האט דער אלטער גערטנער אראבגעלאזען דעם קאפ און האט זיך פערטראכט. דער אינהאלט פון טאגע בוך האט איהם געמוזט פורכטבאר אויפרעגען. ער האט דעם בוך בעהאלטען, דען אין דיעזען בוך האבען זיך געפונען נאך אנדערע געהיימניסע, וועלכע קלעמענס האט געוואוסט, און וועלכע וועלען געשילדערט ווערען אין איינעם פון דיא שפעטערדיגע קאפיטלען.

31טעס קאפיטעל.

איין אונערוואַרטעטע ענדערונג.

וועהרענד דער אלטער גערטנער קלעמענס האט געטראכט פון דער פערגאנגענהייט, וועלכע ווארפט דיא דונקעלע שאטען אויף דער געגענווארט; וועהרענד פאול ראדאוו האט דעם אלטען גערטנער ארויסגעווארפען פון זיין שטעלע; וועהרענד פראנץ שטאנד האט זיך געפונען אין דעם האף „קלעאפאטרא“ אונטער דעם שוטץ פון דער גרעפין העדוויג פאן מעהרען, וועהרענד אדעלינא וועלכע האט געטרוימט אז זיא שטעהט שוין אויפ'ן שפיטץ גליק האט אויף דאס נייע בעדארפט קעמפפען אום איהר גליק צו ערהאלטען,— וועהרענד דיעזע אלע זאכען האט זיך מרים געפונען אין בערלין, וואוהין דער שיקזאל האט זיא געטריבען.

דיא וואהנונג פון דער פערשטארבענער פרוי מענצעל האט זיך געפונען ניט גאנץ ווייט פון מרים'ס וואהנונג. מרים האט אין דיעזער צייט גאר ניט געאהנט דאס דער טייפעל, ארטהור מענצעל האלט זיך יעצט אויף ניט ווייט פון איהר וואהנונג און טרייבט דארט זיינע געפעהרליכע אינטריגען. ווען זיא וואלט איהם זאגאר געזעהן וואלט זיא איהם אויך ניט ערקענט צו ליעב זיין קונציגער פערקליידונג און פערשטעלונג.

פרים האט זיך יעצט שוין געפונען א לאנגע צייט אין שמידטס געשעפט און דארט האט זיך איהר לאגע זעהר וועניג פערבעסערט.

אויפ'ן צווייטען טאג נאך דעם וויא זיא האט בעטראכטען איהר נייע שטעלע האט איהר דער ווירטה אבגערופען אן א זייט און האט איהר ערקלעהרט דאס עס טהוט איהם לייד וואס דער נעכטיגער אונטערהאלט איז אזוי פריה אבגעבראכען געווארען דורך זיין ווייב'ס מידעגקייט. ער האט אבער געהאפט צו האבען דיא געלעגענהייט בעקאנט צו מאכען דאס מיידעל מיט דעם לעבען און פערגניגען פון בערלין.

דער ווירטה האט געשפראכען אזוי אונאנשטענדיג און גראב דאס מרים האט קיין אנדער וועג ניט געהאט אלס צו ענטפערען איהם, דאס זיא האט זיך געפרייט וואס דער אונטערהאלט איז געקומען צו אזא שנעלע ענדע.

— און דאך, — האט שמידט געענטפערט — דאס איהר האט זיך נור נעמאכט אזוי שעמענדיג אום צו געפעלען מיין פרוי.

דיעזע שטילקייט און בעשיידענהייט איז ניט מעהר וויא רעכט, — האט מרים געזאגט — עס איז אויך ניט מיין געוואהנהייט צו זיצען שפעט אין אבענד, און עס איז מיר זעהר שווער אנצושטרענגען מיינע קרעפטען אום נאך צו האלטען דיא זיטען פון דער גרויסער שטאדט. איך רעכען דאס איך מוז מיך ענטזאגען פון אזעלכע פערגניגענס אום איך זאל קענען אנווענדען אלע מיינע קרעפטען צו ערפילען דיא פפליכטען פון מיין ארבייט.

דאס וואר זעהר קלוג געענטפערט, זא דאס דער ווירטה האט זיין אנדער וועג ייי ווייהאט אלס איינצושטימען.

שמידט וואר צו חיטרע אום צו שנעל צו פערלירען מרים'ס צוטרויען צו זיך. ער האט געלאזט גאנצע וואכען זאלען פאראיבערגעהן און האט מיט איהר ניט גערעדט קיין אנדער זאך אויסער פון געשעפט.

ער האט זיך פאר איהר אימער געהאלטען גאנץ אנשטענדיג און האט זיך געהיט זיא זאל ניט פערשטעהן דאס ער ערווארט פון איהר פיעל מעהר אלס איהרע פפליכטען צו דער שטעלע.

מרים וואר אבער ביי זיך זיכער. זיא האט פאר קיין זאך ניט געפירכטעט און זיא האט זיך מעהר פערלאזען אויף דעם ווירטה'ס פרוי, אלס אויף זיך אליין.

פרוי שמידט איז געוועזן איין אבגעלעבטע פערזאן און זיא האט אויף קיין פאל ניט געקענט צופריעדענשטעלען א מאן וואס האט דיא לוסט צו לעבען.

דאס האט אויך מרים פערשטאנען. זיא האט אויך געפיהלט דאס דיא

מאדאם מיט איהר אייפערזוכט פערערגערט איהר לאגע ; אבער מרים האט אויך אויסגעפונען, אז דיעזע פרוי בעזיצט א רייגעם הערץ און איין געטרייען כאראקטער.

ביסלעכוויים האט מרים ערפאהרען אלע פערהעלטניסע פון דיעזער פאמיליע. פרוי שמידט פלעגט איהר אלעס ערצעהלען.

— איך וויים, — פלעגט דיא ווירטין זאגען אם שלוס פון איהר ערצעהלונג — דאס איהר זייט א פערשטענדיגע מיידעל, און איך בין זיכער דאס איהר וועט מיין מאן קיין זאך ניט זאגען.

— געוויס ניט ! — האט מרים פערזיכערט, — וואס איהר זאגט מיר איז גלייך וויא איך וואלט גאר ניט געהערט, — יעדענפאלס דאנק איך אייך פאר דעם צוטרוי־ען וועלכען איהר שענקט מיר. איך וועל עס געוויס זעהן צו פערדינגען.

פרוי שמידט האט איהר דערפאר געדאנקט און צייטענוויים געקוסט אויפ'ן שטערן.

אין דיא לעצטע טעג האט זיך דאס אבער געענדערט.

מרים האט בעמערקט וויא פרוי שמידט האט מיט איהר גערעדט זעהר ווענינ און קאלט, עס איז איהר זאגאר פארגעקומען דאס דיא ווירטהין קוקט אויף איהר מיט האסס.

מרים האט בעזעסען א צו עדעלען געפיהל דאס זיא זאל ניט ליידען פון דער פרוי'ס בענעהמען.

זיא האט ניט געקענט וויסען דיא אורזאכע פון דיעזען ברוגז.

ענדליך האט זיא אמאל בעמערקט וויא דער ווירטה בעטראכט זיא מיט ליע־בשאפטליכע בליקען און דאן איז איהר אלעס קלאהר געווארען. פרוי שמידט האט געגלויבט דאס זיא האט אורזאכע צו זיין אייפערזיכטיג.

מרים האט זיך געמאכט גלייך וויא זיא האט ניט בעמערקט דיא בענעהמונג פון איהר ווירטה. זיא האט זיך בעמיהט צו ארבייטען פלייסיג אונד צו זוכען וואס צו טהאן ואנאר ווען קיינער איז אין געשעפט ניט געוועו.

דאך האט זיא ניט געקענט פערהינדערען איהר פרינציפאל פון זיין פלאן, ווייל זיא האט ניט געוואוסט וואס פאר א פלאן ער מאכט.

פרוי שמידט האט זייט א געוויסע צייט געקריינקט. זיא האט זיך אבער אבגע־זאגט צו רופען א דאקטאר, ווייל זיא האט געגלויבט, דאס דיא ערצטע שיקען מעהר מענשען אויף יענער וועלט דורך זייערע מעדיצינען, אלס עס שטארבען פון דער קראנקהייט און זיא האט קיין לוסט געהאט אבצושטארבען צו פריה.

ענדליך איז פרוי שמידט געווארען זעהר קראנק, און איהר מאן האט זיא שטארק צוגערעדט צו ווענדען זיך צו איין ארצט.

זיא האט ניט געאהנט מיט וועלכען פלאן איהר מאן טראגט זיך ארום.

איינע נאסען פון שמידט'ס געשעפט־הויז האט אויפ'ן צווייטען עטאזש גער וואהנט א דאקטאר מיט'ן נאמען פינדייזען.

דער דאקטאר וואר זעהר יונג, ערסט צוריק מיט אהאלב יאהר האט ער זיך בעזעצט און האט קיין גרויסע פראקטיק ניט געהאט.

צו אדווערטייזען זיך האט דיעזער דאקטאר קיין געלד ניט געהאט.

הערר שמידט האט זיך מיט איהם בעקענט אין קאפע הויז.ביידע האבען זיך גאנץ אפט געטראפען און בעפריינרעט ענדליך, אין אגעוויסען טאג, דאס וואר ווען פרוי שמידט וואר שוין קראנק, האט הערר שמידט איהם פארגעלעגט א פלאן, נאך וועלכען ער האט געקענט קומען צו דער מעגליכקייט צו שטייגען אין דער וועלט.

אלס זיין פרוי האט איינגעווילינט צו רופען איין ארצט, האט ער גענומען א סומע געלד אין זיין טאשע און איז אוועק צו זיין פריינד.

נאכדעם וויא ער האט זיך געמעלדען איז ער אריינגעפיהרט געווארען צום דאקטאר, וועלכער איז געזעסען ביין שרייב טיש.

— אה, הערר שמידט, — האט דער יונגער ארצט אויסגערופען — וואס האב איך צו פערדאנקען אייער בעזוך?

— איך בעדארף אייער הילפע! — האט שמידט געענטפערט.

— אה, פיעללייכט ווינשט איהר דאס געלד וואס איך האב ניט לאנג פון אייך געבארגט?

— ניין, ניט דאס, דיא פאאר הונדערט....

— יעדענפאלס האט איהר מיר געטהאן; א גרויסע פריינשאפט.

— האט אייך מיין געלד געהאלפען? האט איהר יעצט א בעסערע פראקטיק?

— נא, עס געהט.

— אבער עס האט נאך געקענט בעסער געהן. ניט וואהר?

— יא, איך לייקען דאס ניט. אין מיינע יאהרען ווילט זיך זיין טהעטיג.

— דאס איז ריכטיג, אבער איהר דארפט זיך ניט צופיעל איבערארבייטען.

— נו, ביז יעצט בין איך אין קיין געפאהר ניט געשטאנען, — האט דער יונגער דאקטאר געלאכט.

— איך זעה, מיין ליעבער דאקטאר, דאס איהר האט זיך גאנץ ניי איינגע־ריכטעט. דאך גלויב איך דאס איהר מוזט נאך אלץ האבען א רעקלאמע.

דאָקטאָר פינדרייזין האט געזיפצט.

— ווען איך זאָל אייך זאָגען דיא וואַרהייט קען איך דיזע אדוועֶרטייזמענטס ניט ליידען. איך האַלט עס פאַר אונווירדיג פאַר איין אַרצט.

— עס העלפט אָבער ניט, הערר דאָקטאָר. וואס העלפט אונז דיא ווירדע. מיר מוזען לעבען און דערצו מוז מען האבען געלד.

— זעהר ריכטיג, — האט דאָקטאָר פינדרייזען געמורמעלט — זעהר ריכטיג, אבער קען מען דען זיין דאָקטאָר און געשעפטסמאַן צוזאַמען?

— נאַ, איך מיין דאס איהר דאַרפט דאָ ניט בלייבען וואָהנען.

— און וואוּ דען זאָל איך מיך בעזעצען?

— אין דער נעכסטער הויז, אויפ׳ן ערסטען עטאזש.

— וואָס רעדט איהר, דאס קאָסט פיעל געלד.

— דאס וועל איך אייך געבען.

— אָבער הערר שמידט?!

— איך גיב עס אייך דאָקטאָר, ווייל איך בין אייער פריינד, וואָס ליעבט אייך. היער נעהמט מיין האנד. נאָך הייטע נעהט אהין און דינגט דיא האלבע עטאזשע מיט דעם באַלקאָן צימער. דאָס קאָסט פיעללייכט פונפצעהן הונדערט מארק. דערצו דארפט איהר פיעללייכט עטוואָס מעבעל, היער האט איהר פינף הונדערט מארק, און דערמיט זייט איהר מיר שולדיג טויזענד מארק.

דאָקטאָר פינדרייזען האט זיך א ווײלע איבערלעגט. אבער ענדליך איז גע־קומען דער אויגענבליק און דאָס געלד איז איבערגעגאַנגען צום דאָקטאָר אין האנד.

אלס דאָקטאָר פינדרייזען האט געזאגט איינִיגע ווערטער פון דאנקבארקייט, האט איהם שמידט אונטערבראָכען:

— רעדט מיר ניט דערפון. איך בין אויך אמאָל געוועזען יונג און דאַן האט מען מיר אויך געשטיצט. ווער ווייס אויב איך וואָלט נאָך הייטע געשטאַנען אויפ׳ן זעל־בען שטאַנד וואָס איך שטעה יעצט ווען ניט — — —

— יעדענפאלס וואָלט איך געוואונשען צו האָבען דיא געלעגענהייט איך זאָל אייך קענען אָבדינען פאַר דיעזער פריינדשאַפט, — האט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— דאס קענט איהר און דאס זאָלט איהר אויך טהאָן.

— אהא! — האט דער דאָקטאָר ביי זיך געדאַכט — איך האב מיך אין איהם ניט גענארט. אין דער הויך האט ער אָבער געזאָגט: — מיין ערסטע פראַגע איז אויף וויא לאַנג ווילט איהר מיר באָרגען דיא טויזענד מארק.

— דאס שטעהט ביי אייך פריי.

— נײן, בעשטימט דעם טערמין.

— נון, זאָל עס זײן אַ יאהר.

— גוט, איך וויל אייך געבען אַ צעטעל, ווארט נור איין אויגענבליק.

און דער דאָקטאָר האט יעצט געשריבען אַ צעטעל, וועלכער האט זיך אונ־טערשיידעט פון אַ רעצעפט דערמיט, וואָס אַ רעצעפט האָט אַם וועניגסטען דער אפּאָטהעקער געקענט לעזען.

— זאָ מיין הערר, דיא ארדנונג מוז אין אלעס זיין. יעצט בעט איך אייך, זאגט מיר וואס פערלאַנגט איהר?

— מיין פרוי איז קראַנק.

— אך, וואָס פעהלט איהר?

— ווער קען עס וויסען. דיא בערלינער לופט! מיין פרוי איז נערוועז, זיא מוז פאָהרען אויף דאָס לאַנד —

— דאָס קען זיין. נאַטירליך מוז מען זיא פריהער אונטערזוכען.

— דאָס וויל איך אייך בעטען.

— וויא מיר שיינט האט איהר מיר אמאָל געזאָגט, דאָס אייער פרוי ליעבט ניט דיא ערצטע?

— דאָס איז ריכטיג, אָבער איך האב זיא איבערגערעדט. קורץ און גוט, ועט איהר קומען, ווען איך וועל נאך אייך שיקען?

— וואס פאַר אַ פראַגע? מיט פערגניגען.

— און מיין פרוי זאָגען —

שמידט איז געבליעבען שטיל. יעצט איז געקומען דער שווערסטער פונקט אין זיין געשפּרעך.

דער ארצט האט אלעס פערשטאנען. ער האט געוואוסט וואס שמידט האט געוואָלט, דאך האט ער זיך דארום גאנץ העפליך פערנייגט און האט געזאָגט:

דער פערטרויען וועלכען איהר שענקט מיר מאַכט מיר עהרע. איך וועל אייער פרוי אונטערזוכען און וועל איהר פערשרייבען וואס נויטהיג.

— אָבער אום גאָטעס ווילען פערשרייבט קיין מעדיצין.

דאקטאָר פינדייזען האָט געלאַכט.

— האט אייער פרוי אזא האס צו דער מעדיצין?

— גאַנץ געוויס.

— וויא ועט זיין, ווען דאָס וועט זיין נויטהווענדיג?

— איך בין איבערצייגט, דאָס מיין פרוי האט אַ גאַנץ אנדער קראַנק.

— און דאס איז ? — האט דער יונגער ארצט נאכגעפרעגט אין דער אונשול־דיגסטער מינע אין דער וועלט.

— מיין פרוי מוז פאהרען אויף בעסערן לופט.

— אבער דאס איז נאך צופריה אין יאהר.

— דאס מאכט ניט.

— אה, דאס מאכט זעהר פיעל.

— און דאך מוז מיין מיינונג בלייבען. מיין פרוי מוז פון דאנען אוועק. זיא מוז געניסען דיא לופט פון וואלד, און איך רעכען דאס איהר וועט מיר דערצו העלפען.

— אין וועלכען געגענד ווילט איהר אייער פרוי זאל פאהרען ? — האט דער דאקטאר געפרעגט.

— אזוי ווייט וויא מעגליך. איך דענק דאס ארום דרעזדען אדער נאך ווייטער וואלט פאר איהר געווען דער בעסטער ארט.

דיאביידע מענער האבען יעצט נאך עטוואס בעשפראכען, דאן האט זיך הערר שמידט געווענדעט צום געהן.

ביין טהיר איז ער געבליבען שטעהן און האט געזאגט:

— יא מיין דאקטאר איך האב מיך גאר פערגעסען. איך האב פריהער בע־מערקט אין אייער הויז איין וואונדער שעהנעס מעדכען.

— דאס איז מיין הויז האלטערין, זיא איז א גאנץ גוטע ווירטהין.

— הערר שמידט האט געשמייכעלט.

— ווען איך זאל זיין אפענהערציג, מוז איך אייך זאגען דאס דיעזעס מעדכען האלט איהר ניט צו ליעב דער ווירטהשאפט, דען דיא אלטע פרוי וועלכע איהר האט פריהער געהאט האט גאנץ גוט פערזארגט אייערע געשעפטען.

דער דאקטאר האט אויך געלאכט.

— מיינעט וועגען קענט איהר דענקען וואס איהר ווילט. מיר יונגע לייט שטע־הען דאך אימער אין פערדאכט. געפעלט אייך דאס מעדכען?

— אה זיא מאכט עהרע דעם מאן וואס האט פערשטאנען אויסצוקלייבען אזא שעהנע, ווען זיא איז נור ליעבעסווירדיג.

— איך מאך קיין אנשפריכע אויף איהר ליעבעסווירדיגקייט, — האט דאקטאר פינדייזען געזאגט מיט איין ערנסטער מינע.

שמידט האט צו איהם געמאכט מיט'ן פינגער:

— נא, נא, דיא יוגענד איז ניט אזוי הייליג, וויא מען מיינט, און איהר זייט נאך א יונגער מאַן מיין ליעבער הערר דאקטאר. איך קען עס אייך ניט פערדענקען, נעניסט אייער לעבען וויא איהר פערשטעהט אליין.

א שטונדע שפּעטער האט הערר שמידט זיין פרוי שוין איבערגערעדט, זיא זאל נאך הייטע שיקען נאך א דאקטאר, ווייל ער קען שוין ניט צוזעהן דאס זיין פרוי, וועלכע ער ליעבט אזוי שטארק זאל זיך פלאגען.

— קענסט דוא מיר שאַפען א גוטען דאקטאר? — האט דיא פרוי געפרעגט.

— הערר שמידט האט אנגערופען אייניגע נעמען, אבער זיין פרוי האט קיינע פון זיי ניט געוואלט.

— המ, — האט ער אם ענדע געזאגט — ניט ווייט פון היער וואָהנט א יונגער דאָקטאָר, איך האב זיך מיט איהם צופעליג בעקענט און איך מוז אפען זאגען, דאס ווען איך זאל דארפען א דאקטאָר פאר זיך זאָ וועל איך קיין אנדערען ניט רופען.

— וויא הייסט ער?

— דאקטאָר פינדרייזען.

— דעם קען איך.

— פון וואַנען? — האט שמידט געפרעגט ערשטוינט.

— ער וואר ניט לאַנג צוריק היער און האט געקויפט איינינע זאכען, איך האב דאן ערפאהרען זיין נאָמען.

— איז ער דיר געפעלען?

— יאָ, איך קען זיך אויף איהם פערלאָזען.

— נון, זעהסט דוא, מיר וועלען נאך איהם שיקען.

אויפ'ן זעלבען טאג איז דאקטאר פינדרייזען געקומען, ער האט דער פרוי אינ־טערזוכט, און האט אויסגעפונען, אז דאָס זיינען נערוועזע קראנקהייטען און ער האט רעקאָמענדירט דעם אָרט וואוהין שמידט פערלאַנגט.

פרוי שמידט האָט זיך אָבער אזוי שנעל ניט געלאָזט איינריידען. דען אויסער אַלעם האָט זיא בעדויערט דיא גרויסע קאָסטען.

אָבער דאָקטאָר פינדרייזען האָט פערשטאַנען צו ערקלעהרען איהר דיא נויטה־ווענדיקייט פון דער רייזע אין אַזעלכע ווערטער, דאָס זיא האָט זיך ענדליך דער צו בעשלאָסען.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט פרוי שמידט אָבגערייזט נאָך דרעזדען. איהר מאַן האט זיא בעגלייט, ער וואר צו איהר פריינדליך און ליעבליך, זאָ דאָס ווען פרוי

שמידט האט זאָגאר געהאַט עטוואָס א ברוגז אויף איהר מאן, האט עס יעצט אויך געמוזט פערשווינדען.

וויא לאַנג וועל איך מוזען בלייבען אָהן מיין טהייערע פרוי ? — האט שמידט געפרעגט דעם דאָקטאָר וואָס האט אויפגענומען דיא פאציענטען אין דעם אנשטאלט.

דער ארצט וועלכער האָט אונטערזוכט דיא קראנקע, האָט געצויגען דיא אקסלען און האָט געענטפערט :

— אומגעפעהר פיער וואָכען

— אזוי לאַנג ! — האָט שמידט געפרעגט וועהרענד אין הארצען האט ער געוואונשען עס זאָל דויערן צוויי מאָל אזוי פיעל.

— מיר וועלען עס זעהן. אבוואָהל פיער וואָכען איז קיין לאַנגע צייט.

— און איהר מיינט דאס מיין פרוי וועט קומען צוריק א געזונדע ?

— אזוי האָף איך.

שמידט האט יעצט בעצאהלט פאר פיער וואָכען אין פאראויס און איז מיט זיין פרוי און מיט דעם דירעקטאָר דורכגעגאנגען דיא פערשיעדענע צימערען אין דעם אנשטאלט, וועלכער איז בעריהמט אין דער גאנצער וועלט.

אלס מען איז דורכגעגאנגען דיא ביורא, האט שמידט דערזעהן א יונגע דאמע, וועלכע איז זאָגאר ניט געוועהן זעהר שעהן אבער דאָך וואר זיא איין אינטערעסאנטע ערשיינונג.

זיא וואר מיט א מעסיגען געשטאָלט און א לאנגליכע געזיכט, אין וועלכער דיא אויגען וואר דאס שעהנסטע. דיעזע אויגען האבען געהאט א מערקווירדיגען אויסדרוק, זיי האבען קיין מאָל ניט געקענט פערגעסען ווערען.

איבער יענע אויגען האבען זיך ערהאָבען צוויי גרויסע ברוינע ברעמען און אויף דער אויבערסטער ליפ האט זיך געצייגט דער אָנפאנג פון א באָרד.

דיעזער אָנפאנג וואר קוים צו זעהן, עס וואר נור וויא א לייכטער שאטען, נור ווען מען האט זיך גוט צוגעקוקט האט מען עס געקענט בעמערקען.

דיעזע דאמע וואר אומגעפעהר פיער און צוואנציג יאָהר און זיא האט געדיענט אלס דיא עמפפאנגס־דאמע און בוכהאלטערין. זיא האט געטראָגען א ראָזע קלייד, וועלכע האט געמאכט איין אנגענעהם אבשלאג צו איהרע ברוינע האָאר.

דער נאָמען פון דיעזער פריילין וואר לינא הערינג.

הערר שמידט וועלכער וואר געריהרט פון יעדע שעהנע פרוי, האט געוואָרפען

(Mil. 39).

אַז אויג אויף דיעזער פריילײן. אין דיעזען אויגענבליק האט ער באַלד פערגעסען דיא שעהנע מרים און עס האט זיך איהם יעצט געלוסט, ער זאל קענען זיין פרוי צוריק שיקען נאָך בערלין, אום ער זאל קענען בלייבען אין דיעזען אנשטאַלט.

דאס איז נאַטירליך ניט געגאַנגען, אָבער ער האט זיך פאָרגענומען, ער זאָל אזוי שנעל וויא מעגליך קומען זעהן פערזענליך וואס זיין פרוי מאַכט, און ער האט אויך געזוכט א מאָמענט צו בלייבען מיט דער יונגער דאַמע אונטער פיער אויגען. וויא ער וואַר פאַרזיכטיג האט ער דאָך געוואָרפען א בליק אויף דיא לאַנגע פינגער פון דער יונגער דאַמע און האט בעמערקט דאָס אונטער דיא פיעלע רינגען, וועלכע זיא טראָגט איז ניטא איינער וואָס זאָל אנצייגען, אז זיא איז פערלאָבט.

מיט דער פאָלשטענדיגסטער אנשטענדיגקייט האט ער זיך פאר דער יונגער דאַמע פערנייגט און האט א מאָמענט לאַנג געקוקט אין איהרע אויגען, און איהם האט געשיינט דאס דיא אינטערעסע וואס ער האט געוויזען צו דאס מעדכען, האט געהאט א גוטען אבקלאַנג, און דאס יונגע מעדכען קוקט איהם אָן מיט גוטע אויגען.

נאכדעם וויא מען האט דעם קאַנטאָר פערלאַסען, האט דער דירעקטאָר זיי געלאַדען צו זיך אין הויז און האט פאר זיי פאָרגעשטעלט זיין פרוי, אויך א יונגע דאַמע.

אין איהר האַנדלונג האט דעם דירעקטאָר׳ס פרוי געהאט אַן ערנסטען אויס־זעהן און דערמיט האט זיא אויך זאָפאָרט פאר זיך געוואונען דיא פרוי שמידט.

עס האט לאַנג ניט געדויערט און דיאביידע דאַמען האבען זיך אריינגעלאָזען אין איין ערנסטען געשפּרעך. דעם דירעקטאָר׳ס פרוי האט געשילדערט דאס לעבען אין דעם אַנשטאַלט, וועהרענד פרוי שמידט האט געשילדערט דאס לעבען אין בערלין.

דער דירעקטאַר האט באַלד בעדאַרפט געהן וויעדער צו זיין אמט און הערר שמידט האט איהם בעגלייט.

— אונטערהאַלט זיך היער גוט, מיין ליעבע פרוי, — האט ער צו איהר געזאָגט. איך וועל באַלד צוריקקומען אום צו נעהמען פון דיר אבשיעד.

— ווען פאָהרסט דוא ?

— מיט דעם 7 אוהר צוג.

פרוי שמידט האט איהם גאַנץ פריינדליך צוגענייגט מיט׳ן קאָפּ און ער איז פערשוואונדען מיט דעם דירעקטאָר. ער האט אָבער באַלד געלאָזט דעם דירעקטאָר און איז אוועק אין קאַנטאַר. ער האט געהאט גליק, פריילײן הערניג וואַר אין קאַנ־טאָר און ער האט זיך באַלד מיט איהר אריינגעלאָזען אין א געשפּרעך.

— איהר מוזט דאך דא פיהרען איין אנגענעהמעס לעבען, — האט ער צו איהר געזאגט.

— איך קען ניט קלאגען.

— ווען ענדעגט זיך אייער ארבייט אין קאנטאר?

— אום 7 אוהר.

— און דאן זייט איהר פריי?

פריילין הערניג האט גענייגט מיט'ן קאפף און האט דערביי געשמייכעלט.

— דאן געהט איהר געוויס שפאצירען אין דיעזען פארק, אדער איהר ליעבט פיעללייכט צו פאהרען אין שטאדט?

— מאנכעס מאל פאהר איך אין שטאדט אום צו טרעפען דארט מיין פריינדין.

— אדער פריינדע?

— ניין, ניין, איך האב קיין פריינד.

— דאס איז גאר אונמעגליך פאר א מעדכען מיט אזא שעהנער געשטאלט.

— אה מיין הערר, איהר מאכט קאמפלימענטען?

— אה ניין, נור לאזען מיר דאס. ערלויבט מיר א פראגע.

— ביטע.

— וואס וועט איהר הייטע אבענד טהאן?

— איך וויל בלייבען צו הויזע.

— אה וועה!

— ווארום?

— וויל איך האב געהאפט צו פערברענגען א ווילע אין אייער געזעלשאפט.

— דאס טהוט איהר דאך יעצט.

— איך מיין שפעטער, נאך זיעבען אוהר.

— דאן געהט דער צוג נאך בערלין.

— אה, פון אייערטוועגען וועל איך שפעטער פאהרען.

— פון מיינטוועגען! דאס פערלאנג איך ניט.

— אבער איך ביטע אייך.

— איך האב ניכטס דאגעגען.

— איך ווינש דאס איהר זאלט אום 7 אוהר פאהרען נאך דער שטאדט אום מיר זאלען אונז קענען זעהן.

פריילין הערניג האט געשאקעלט מיט'ן קאפף.

— דאָס געהט ניט.

— אָה, וואָרום?

— איהר זייט פערהייראַטהעט.

— וואָס מאַכט דאָס אויס?

— אייער פרוי קען דאָס ערפאַהרען.

— האָט איהר אַזוי וועניג צוטרויען צו מיר. זיא וועט עס געוויס ניט ערפאַהרען פאָהרט מיט מיר מיין פריילין. איך בעט עס אייך און איך גיעב אייך מיין וואָרט דאס מיר וועלען זיך פאָרטרעפליך אַמוזירען.

אין דיעזען אויגענבליק איז דער דירעקטאָר אריינגעקומען. דער הערר שמידט האט יעצט געמוזט אונטערברעכען זיין געשפּרעך.

— אַך, הערר דירעקטאָר, האט ער זיך אָבגערופען, מיר געפעהלט דאָ אַזוי גוט, דאָס איך וואָלט דאָ וועלען בלייבען.

— דאָס קענט איהר אויך טהאָן.

— דאס געהט אָבער ניט, איך מוז ווידער פאָהרען נאָך בערלין, איך קען דאס געשעפט ניט פערנאַכלעסיגען.

— זאָ קומט באַלד ווידער אַהער.

— דאס וועל איך אויך טהאָן, — האט דער בערלינער געענטפערט — איז מיין פרוי נאָך ביי אייך?

— גאַנץ געוויס.

— זאָ וועל איך געהן נעהמען פון איהר אַבשיעד. איך וויל נאָך געהן אין וואַלד־שלאָס אום צו זעהן פון דאָרט דיא שעהנע לאַנדשאַפט.

וועהרענד דיא לעצטע ווערטער האט ער געוואָרפען אַ בליק אויף פריילין הערניג, און ער האט געהאט דאָס פערגניגען צו זעהן דאס זיין בליק איז ניט נור בעמערקט געוואָרען, זאָנדערען אויך געענטפערט געוואָרען.

הערר שמידט האט זיך אָבגעזעגענד פון דירעקטאָר און האָט זיך פערנייגט פאָר פריילין הערניג. דאן איז ער אוועק אין דירעקטאָרס הויז, האט געוואונשען זיין פרוי זיא זאָל באַלד געזונד ווערען האט איהר פערשפּראָכען גאַנץ קירצליך צו בע־זוכען און האט זיך דאן בעגעבען אויפ'ן וועג צום וואַלד־שלאָס.

אַלס ער איז פאָראיבערגעגאַנגען דעם גרויסען טויער פון אַנשטאַלט, האט זיך ביי'ן טהיר געוויעזען אַ געשטאַלט וויא אונגעפעהר פון פריילין הערניג.

ער האט באַלד אראָבגענומען זיין הוט און האט זיך פערנייגט און פון זיינע ליפּען האט ער געמורמעלט:

— וועט איהר קומען ?

א שטילער יא האט נעקלונגען אין זיינע אויערען. און הערר שמידט איז אוועק ווייטער מיט דער צופריעדענהייט וואס זיין שטרעבען איז איהם געלונגען.

פונקט אום 7 אוהר האט פריילין הערניג צוגעשלאָסען איהרע ביכער. זיא האט געהאט איהר קעסט אין דיעזען אנשטאלט, הייטע האָט זיא ענטזאגט דאס עסען. אין אייניגע מינוטען שפעטער איז זיא אויך אוועק צום וואלד.

זיא איז נאך ניט ווייט פון אנשטאלט אלס א יונגער מאן איז געקומען צו לויפען.

פריילין הערניג האט איהם געקענט, דען זיא האט אויף איהם געטופעט מיט דיא פיס פאר כעס.

— גראדע יעצט איז ער געקומען! — האט זיא געמורמעלט.

— ענדליך טהייערעס פריילין! — האט דער יונגער מאן אנגעפאנגען — ענדליך האב איך דעם גראָסען גליק אייך צו זעהן. — האט איהר מיין בריעף ערהאלטען?

— יא.

— נון און וואָס ענטפערט איהר מיר אויף דעם?

פריילין הערניג האט געצויגען מיט דיא אקסלען.

— איהר זייט אזוי שטיל. האט איהר פאר מיר קיין וואָרט, קיין טרויסט, אָדער גלויבט איהר ניט אין דעם פייער פון מיינע געפיהלען?

פריילין הערניג, וועלכע האט איהר קאָפּ עפּעס אראָבגעלאָזען, האט איהם יעצט ווידער אויפגעהויבען און האט געוואָרפען איין בליק אויף דעם יונגען מאן, וועלכער האט געהאט דיא געשטאלט פון א מיליטערישער שטאטור. זיינע בלאָע אויגען האבען געהאט א האלב־וואסערדיגען און האלב טרוימערישען אויסדרוק.

אין זיין געזיכט איז געלעגען עפּעס מיעדעס, אָבגעלעבטעס, אויך דיא ווערטער וואָס ער האט גערעדט האבען געקלונגען וויא ניט פון הארצען, זאָנדער'ן נור א פראזע, וועלכע ער האט ערגעץ־וואו געלערנט.

— מיין פריידע פריילין אייך צו בעגעגענען, איז זעהר גרויס. זאָגט מיר אָפען, זייט איהר יעצט שוין געגאנגען צום קאפע־הויז וואוהין איך האב אייך געבעטען.

זיא האט געשאָקעלט דעם קאָפּ.

— דאן איז נור א צופאל וואס איך האב אייך בעגעגענט?

— יא.

— און ווען קען איך אייך זעהן?

— איך וויים עס ניט.

— ערלויבט מיר איך זאל אייך בעגלייטען.

— ניין, דאס געהט ניט.

דער יונגער מאן האט זיא אנגעקוקט ערשטוינט. אבער פריילין, הערניג איז געבליבען פעסט און זיא האט זיך געהאלפען דערמיט וואס זיא האט זיך פערניינט און מיט דער בעמערקונג דאס זיא איז זעהר פערנומען און דאס עס וועט איהר זיין אונאנגענעהם ווען מען וועט זיא זעהן צוזאמען מיט איהם איז זיא אוועק שנעל איהר וועג.

הערר שמידט האט דערוויל ערוואַרטעט דאס מעדכען מיט אונגעדולד. אלס ער האט זיא געזעהן האט ער זיך אויפגעהויבען און איז איהר נעלאפען ענטגעגען.

— וויא גוט וואס איהר זייט געקומען. וויא דארף איך אייך רופען?

— פריילין הערניג.

— און וויא איז אייער פארנאמען?

— לינא.

— דארף איך אייך רופען פריילין לינא?

— זיא האט איהם אנגעקוקט מיט גרויסע אויגען. דאן האט זיא ווידער אראבגעלאזען איהר קאפ.

— נון? — האט ער געפרעגט — און האט איהר געקוקט טיעף אין דיא אויגען. זיא האט געניינט מיט איהר קאפ.

— זא קומט פריילין לינא?

ער האט זיא אנגענומען ביי'ן האנד און האט זיא געפיהרט צום טיש ביי וועלכען ער איז געזעסען.

— טרינקט איהר ראטהען אדער ווייסען וויין?

— ראטהען.

— מיט וועלכען נאמען?

— שאטא לא ראז!

— דאנקע.

הערר שמידט האט געארדערט דעם וויין און באלד נאכדעם האבען געקלונגען דיא גלעזער.

דיא פאאר האט געגעסען און געטרונקען, און הערר שמידט האט איהר ער צעהלט פון בערלין און פון אלעס וואס אין דער גרויסער וועלט־שטאדט געהט פאר.

— וואלט איהר ניט וועלען פאהרען נאך בערלין? — האט שמידט איהר געפרעגט.

— אָה, מיר געפעהלט דא אויך זעהר גוט.
— יאָ, איך מיין נור אויף אַ קורצע צייט.
— איך האב קיין צייט.
— צום ביישפּיעל זאנטאג?
— יאָ, דאן איז דיא צייט צו קורץ.
— קענט איהר ניט נעהמען אַ פּאאר טעג וואַקיישאַן?
— יעצט ניט!
— אָבער שפּעטער?
— דאָס איז מעגליך.
— ווען האט איהר אייער וואַקיישאַן?
— אין ווינטער צייט.
— קומט איהר דאך נאך בערלין?
— איך האב דאָרט קיינעם ניט! - האט זיא געזאגט מיט אנצוהערעניש.
— נון, איך בין דאָרט און איך דענק דאָס מיר ווילען זיך דאָרט בעסער אמוזירען אַלס היער.

באלד איז דיא פלאש געוואָרען לעער אוןביידע האבען זיך אויפגעהויבען.

— וואוהין זאָלען מיר געהן? — האט שמידט געפרעגט — מאכט אַ פאָרשלאג.
— אין טהעאטער.
— אך ניין, גיבט עס ניט בעסערעס היער?
— דער האָפ-טהעאטער.

שמידט איז געוואָרען ברוגז

— איך מיין איבערהויפּט קיין טהעאטער. זאָ גלאט אַ פרעהליכע פאָרשטעלונג.
— הם! און פריילין הערניג האט אויף איהם אַ קוק געטהאן מיט אַ בליק וועלכען ער האט ניט פערשטאנען, וואָס עס בעדייטעט.
— נון, האט איהר וואו צו געהן?
— פיעללייכט אין וויקטאָריע זאאל.
— ריכטיג, דאָרט קען מען זיך אַמוזירען. קומט לינא מיר פאָהרען גלייך מיט דער דראָשקע.

אַ דראָשקע איז גערופען געוואָרען און נאכדעם וויא הערר שמידט האט בע־צאָהלט האט ער בעפאָהלען דעם קוטשער ער זאָל שליסען דיא טהיר.

— ווארום דארפט איהר דאס? — האט פריילין הערניג געפרעגט.
— דער וועטער איז שלעכט.

— דאס זעה איך ניט, אין גענענטהייל דער וועטער איז שעהן.

— זא? דאך גלויב איך —

— מיין הערר, איך פאָהר ניט אין א געשלאָסענעם וואגען. ווען איהר ווילט דיא טהיר ניט אויפמאַכען, דאן אדיע.

אונטער דיעזע אומשטענדען איז דעם העררן שמידט ניט געבליבען אנדערש וואָס צו טהאָן, אלס אויפצוגעבען דעם פערגניגען צו פאָהרען מיט דאס מעדכען אין א געשלאָסענעם וואָגען.

— נא, וויא איהר ווילט איך! — האָט ער געזאָגט — ביידע האבען גענומען פלאַץ אין וואָגען און זיינען אוועקגעפאָהרען אין וויקטאָריע זאאל.

דאָרט האבען זיי זיך אונטערהאלטען זעהר לוסטיג און דיא צייט איז אוועק זעהר שנעל.

זיין בעשלוס צו פאָהרען מיט דעם 7 אוהר צוג, האט ער שוין לאנג אויפגעגעבען. ער האָט יעצט געמוזט פאָהרען נור מיט דעם פריה-מאָרגען צוג און דארום האט ער געהאט גענוג צייט אָבצופיהרען דאָס פריילין צוריק נאך איהר היים.

ניט ווייט פון אנשטאלט וואו זיא האט געוואָהנט איז דאס מעדכען געבליבען שטעהן. זיא האט גערייכט דעם הערר'ן שמידט דיא האנד און האט געזאָגט.

— גוטע נאכט הערר שמידט, מיר מוזען זיך שיידען.

עס וואר פינסטער און קיינער האט ניט געקענט זעהן דאס געזיכט, וועלכע ער האט געמאכט נאך דיעזער ערקלעהרונג.

— מוזען מיר זיך שוין שיידען? — האט ער געפרעגט.

— יא. מאָרגען פריה מוז איך ווידער געהן צו דער ארבייט.

— זאָ ערלויבט איך זאָל אייך בעגלייטען ביז אייער וואָהנונג.

— איך דאנק אייך זעהר, אָבער דאס געהט ניט.

הערר שמידט וועלכער האט געזעהן, אז ער האט זיך אין גאנצען גענאררט, איז געוואָרען אביסעל צודרינגליך. ער האט גענומען דאס מעדכען אונטער'ן ארם און האט זיא געוואָלט צוציהען צו זיך. זיא האט זיך אבער פון איהם שנעל ארויסגעריסען און איז אנטלאָפען אזוי שנעל וויא זיא האָט נור געקענט.

הערר שמידט האט זיא געוואָלט נאָכיאָגען, אָבער זיין דיקער קערפער האט איהם געהינדערט פון לויפען שנעל. ער האט זיך נעביך געמוזט אומקעהרען וויא איין אָבגענארטער.

ער האט דעם וועג און דיא געגענד ניט געקענט, ער האט ניט געוואוסט וואו צו נעהמען א פערדע-באהן, און דארום איז ער געגאנגען לאנגזאם ביי'ן ברעג פון וואלד.

עס וואר פינסטער און אונמוטהיג. אפט איז דעם בערלינער בעפאלען איין אונאנגענעהמער געדאנק, ער האט עפּעס געפירכטעט מען זאָל איהם ניט איבער־פאלען.

מיט שרעק האט ער געדענקט דערפון וואס ער האט ביי זיך געהאט א היבשע סומע געלד און איין גאָלדענע אוהר מיט א קייט און א גוטען רינג.

מיט שנעלע שריט איז ער געגאנגען ווייטער; ער האט שוין דורכגעמאכט א טיכטיגע שטיק וועג און האט זיך ענדליך געפונען ביי דעם בריק, וועלכען אלע האָ־בען גערופען „מאָרד בריק". אלס ער האט פּלוצלינג דערזעהן איינינע געשטאַלטען און נאך איידער ער האט זיך גוט ארומגעזעהן האט ער געפיהלט וויא מען האט איהם געהאפּט ביי'ן האלז און א גראָבע שטימע האט צו איהם געשריען:

— דיין געלד אָדער דיין לעבען!

שמידט האט געוואָלט רופען נאך הילפע, אָבער דער מאן האט איהם גע־האלטען אזוי פעסט ביי'ן האלז, דאָס ער איז געבליבען אָהן איין אטהעם.

ער האט זיך געזעהן צווישען איינינע אנגרייפער. ער האט זיך אָבער פּרובירט וועהרען. אָבער ער האט דערזעהן דעם גלאַנציגען קלינגעל פון א שווערד איבער זיין קאָפּ. ער האט זיך דארום איבערגעגעבען רוהיג און האט זיך געלאָזט בערויבען אלעס וואָס ער האט געהאט, וויל זיין לעבען וואר ביי איהם טהייערער פון זיין פערמעגען.

— מענש, האסט דוא נאך עטוואס בעהאלטען! — האט מען צו איהם גע־שריען אלס ער איז פריי געוואָרען פון זיין זייגער, קייט, רינג און געלד.

— איך האב ניכטס. איך האב זאגאר ניט מיט וואָס צו פאָהרען נאך בערלין.

— ביזט דוא פון בערלין?

— יא.

— מען מעג עס איהם גלויבען. ער רעדט וויא א בערלינער.

— וואס דענקסט דוא יעצט צו טהאן?

שמידט האט געשוויעגען. ער האט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

אין דיעזען אויגענבליק האט מען פון וויטען דערזעהן דיא צוויי פייערען פון א וואָגען, וועלכער איז געפאָהרען צום בריק. דיא רויבער האבען צייט געהאט צו געבען א שטארקען זעץ אין דעם מאנ'ס ברוסט און זיינען פון דאָרט אנטלאָפען מיט אלע קרעפטען.

וואס זאָל ער טהאן? האט ער יעצט זיך אליין געפרעגט, אָבער ער האט קיין אנטוואָרט ניט געפונען.

דער וואַגען איז גאַנץ נאָהענט געקומען.

זאָל ער איהם אָבשטעלען? אָבער דאס טויג ניט, זיין ווייב דענקט דאך דאס ער איז אום 7 אוהר אוועק נאך בערלין. וויא אזוי איז דאָס מעגליך, דאס ער זאָל זיך אין דיעזער צייט געפינען אויפ'ן שאָסעע?

אלעס וואָס מיט איהם איז געשעהן מוז דארום פערשווינגען ווערען. פון זיינע ליפּען איז דערביי געפאלען א קללה און האט דערביי געדאכט אויף דער פריילין הערניג, וועלכע האט עס איהם אלס פערשאפט.

ווען ער וואָלט דיעזעס מעדכען ניט געזעהן זאָ וואָלט איהם דיעזער אונגליק ניט געשעהן. זיין גאַנצער צאָרן איז געווען געגען לינא הערניג און פון זיינע ליפּען זיינען אויף איהר געפאלען נעמען, וועלכע וואָרען גאַנץ אַנדערש אלס דיא קאָמפּלי־מענטען וואָס ער האט איהר געמאכט ביי דעם וויין.

אלס ער איז געקומען אין א זיכערען אָרט, וואו ער וואַר זיכער דאס מען וועט איהם מעהר ניט איבערפאַלען, האט ער זיך גענומען ארומקוקען אויב מען האט פון איהם ווירקליך צוגענומען אלעס וואָס ער האט געהאט.

— פערדאמט! — האט ער געזאָגט — ווען איך וואָלט צופעליג בעהאַלטען עטוואָס געלד, דאן וואָלט איך געקענט פאָהרען ביז בערלין.

ער האט זיך אַרומגעזוכט אין אלע טאשען אָבער ער האט קיין פּפעניג ניט געפונען.

— וואָס פאַנג איך אָן? — האט ער צו זיך געזאגט — צו מיין פרוי קען איך צוריק ניט געהן. צו דעפּעשירען צו פריילין מעהרען קען איך אויך ניט, דען איך האב ניט מיט וואָס!

— האלט, איך האב יא עטוואָס! — האט ער פּלוצלינג אויסגערופען און זיינע אויגען זיינען געפאלען אויף דיא גאָלדענע קנעפּ אין זיינע מאַנזשעטען.

— דיעזע האבען מיך געקאָסט פונפציג מארק. אויף א בילעט נאך בערלין וועלען זיי גענוג זיין.

וויא שווער עס איז איהם געווען, צו פערטראגען דעם שאדען, דאך האט ער זיך גאָר ניט געקענט העלפען

מיט שווערע טריט איז ער אוועק צום באַהנהאָף. ער האט ניט געהאט זאָגאר דיא קליין געלד אויף א קאר.

ווען ער איז געקומען צום באַהן האט ער אָבגערופען דעם אבער־קעלנער אָן א זייט.

— מיין ליעבער פריינד! — האט ער געזאָגט — איך האב געהאט איין אונ־גליק. איך מוז אום פינף אוהר פאָהרען צוריק נאך בערלין, אָבער איך האב מיין געלד פערלארען!

— דאָס איז שלעכט! — האט דער קעלנער געענטפערט.

— איך האב היער צוויי טהייערע קנעפּ ווילט איהר געבען, פאר זיי צעהן מארק?

דער אבער־קעלנער האט דיעזע קנעפּ בעטראכט וויא א געשעפטסמאן דאן האט ער געזאָגט:

— לייכטע וואַרע!

— אָה, זיי האָבען מיר געקאָסט פונפציג מארק, אין איינינע טעג קום איך צוריק און קויף זיי אויס.

— איך בעדויער ווירקליך דאָס איך קען אייך ניט דיענען, — האט דער קעל־נער געזאגט און עס איז געווען גאַנץ דייטליך דאס ער האט דעם פרעמדען ניט געטרויט.

הערר שמידט האט געמאכט א פערקרימטע מינע, ער האט דאך ניט געקענט געהן צו פוס נאך בערלין.

וואָס זאָל ער טהאָן?

נאכדעם וויא ער האט פּרובירט אנצובאָטען דיא קנעפּ צו אנדערע לייטע האט ער פערלאָזען דעם וואָגזאל מיט דיא הענד אין טאשע און האט געדענקט איבער א פּלאן. פּלוצלינג האבען זיינע פינגער אנגעריהרט א קליינעם, קיילעכדיגען געגענשטאנד, ער האט איהם ארויסגענומען פאָרזיכטיג וויא איין טהייערע זאך און האט איהם בעטראכט. עס וואר א פונפציג פּפעניג שטיק.

— אלזאָ דאך ניט אין גאנצען אָהן געלד! מיט דיעזען געלד וועל איך פער־ברענגען אין א קאפעע הויז ביז מאָרגען פריה און דאן מוז איך ע.ה. צו פערשאפען זיך עטוואָס געלד.

ער האט זיין בעשלוס אויסגעפיהרט דערמיט וואס ער איז אריין אין צענט־ראל קאפּעע.

ער האָט דאָרט געהאט דיא געלעגענהייט צו פערבּרענגען א גוטע נאכט, עס האט איהם אבער געפעהלט דאס געלד דערצו. ער האט דאָרט פערבראכט ביי ריינע קאפּעע ביז דער טאָג איז געקומען

שמידט האט בעצאהלט, האט פערלאסען דיא קאפּעע. ער האט אויפגעזוכט א מאָן־שאָפּ, דאָרט האט מען איהם געבאָרגט אויף דיא מאנזשעטען קנעפּ אכט

מארק, נור אזוי וויא דאס וואר נאך ווענינ, האט ער דארט געלאָזען זיין אויבער־ראָק.

יעצט האט ער געהאט דיא נייטינסטע. ער איז געלאפען צום באהנהאף אום מיט דעם אכט אוהר צוג צו פאהרען נאָך בערלין.

ער וואר אין א טרויעריגער לאגע. וויא זאָל ער קומען נאך בערלין אהן א ראָק, אהן זיין זייגער, אהן דיא צירונג און אהן א פּפעניג, און דאס אלעס צו ליעב א מיידעל.

ענדליך וואר ער אין וואגאָן און דער צוג האט זיך גערירהרט.

וואָס לענגער ער איז געפאהרען און וואָס נעהנטער ער איז געקומען צו בערלין האט ער נאכגעדאַכט ווענען אלעס וואָס מיט איהם איז געשעהן, און וואָס איהם ערוואַרטעט.

ער האט געדאכט פון דער שעהנער מרים, וועיל צוליעב איהר האָט ער אָבגע־פיהרט זיין ווייב אין דעם אנשטאַלט.

יעצט וועט ער ענדליך זיין מיט איהר אליין, גאנץ אליין, דען דיא אלטע דינסט אין קיך האט איהם גאָר ניט אינטערעסירט.

און מרים? וועט זיא טהאָן וואָס ער וויל?

אה זיא איז אָרם, זיא מוז ענדליך זיין צופריעדען ווען זיא בלייבט אויף איהר שטעלע. זיא וועט נאַטירליך מאַכען שוויערענקייטען, אבער ער האט געהאט מיטלען וויא צו געווינען זיא פאר זיך, ער האָט נאָך געהאט גענוג געלד אויסצוגעבען און ער וואר בערייט צו לאזען זיך קאָסטען א גרויסע סומע. מיט דיעזע געדאנקען איז ער געפאהרען אלץ נעהענטער און נעהענטער צו בערלין.

— — — — — — — — — — — — —

וועהרענד דער ווירטה איז ניט געווען אין בערלין האט מרים דורכגעלעבט פיעלע שלעכטע שטונדען.

באלד וויא העררשמידט און זיין פרוי זיינען אוועק איז אין געשעפט ערשינען דער יונגער ארצט. ער האט איינגעקויפט איינינע קלייניגקייטען און ביי דיעזער געלעגענהייט האט ער פערשטאנען וויא אריינצופיהרען דאָס מערכען אין א געש־פּרעך.

אלס ער איז אוועק האָט ער איהר גערייכט זיין האנד.

— מיין פריילין, — האט ער געזאָגט — ערלויבט מיר איינינע ערנסטע ווערטער.

מרים האט איהם אנגעקוקט.

וואס וועט ער איהר זאָגען ?

— איהר זייט היער ניט אויפין ריכטיגען פּלאַץ ! — האט דער דאָקטאר געזאָגט.

— וויא מיינט איהר דאס ? — האט מרים געפרעגט און האט אין הארצען געדענקט דאס ער האט רעכט.

— וואס זאל איך אייך זאָגען, דיא ווערטער וואס איך האָב פון אייך געהערט קען איך מיט זיכערהייט זאָגען דאס איהר האט גענאָסען איין ערציהונג ניט צו שטעהן אין אזא געשעפט.

מרים׳ס באקען זיינען געווארען רויט. זיא האט אראבגעלאזען איהר קאָפּף און האט איהם אנגעקוקט מיט גרויסע אייגען.

— אייער שווייגען, האט דער יונגער דאָקטאר געזאָגט, — בעווייזט מיר דאס איך האָב רעכט געהאט, נור וואָס איך האָב אייך געוואלט זאָגען וואר א גאנץ אנדער זאך. בענעהמט זיך הערר שמידט פאַר אייך אימער אזוי אנשטענדיג דאס איהר האט קיין גרונד צו בעקלאָגען זיך ?

מרים איז געווארען פערלעגען.

דעם דאָקטאר׳ס אפענהערצעגקייט האט געוואונען איהר צוטרויען. דאך וואר ער איהר א גאנץ פרעמדער און זיא האט געצווייפעלט אויב זיא זאל איהם נאך געטרויען.

— איך קען זיך ניט בעקלאגען, — האט זיא דאן געזאָגט.

— האט הערר שמידט אייך קיין מאל ניט בעוויזען דאס אין ער האָט אייך איין אינטערעסע ?

— הערר דאקטאָר ! — האט זיא געזאגט — איך בין היער אויף א שטעלע און עס וואָלט געווען א פערברעכען איך זאל מיין ווירטה בעריידען.

דער דאקטאָר האט געשאָקעלט דעם קאפּף, ער האט גוט פערשטאַנען דאס מרים ווייכט איהם אויס מיט איהר אנטוואָרט, און וואס זיא דענקט אין האַרצען, און ער האָט ניט געוואָלט זיין צודרינגליך.

דאס יונגע, שעהנע מיידעל האט שיין געוואונען זיין אופמערקזאַמקייט ווען ער האָט געמאַכט דעם ערסטען בעזוך אין דיעזען געשעפט, און עס זיינען געקומען מאַנכע מאמענטען ווען ער האט פון איהר געדענקט מיט געפיהל, געפיהלען וועלכע ער האט זיך אליין ניט געקענט אויפקלעהרען.

יעצט האט ער זיך געזעהן צוריק־געוויזען און ער האט געהאט געגוג אנשטענ־

דינקייט ניט צו ריידען צו פיעל. ער האט אָבער געדאכט דאס עס איז זיין פפליכט ער זאל דיעזער מיידעל ווענעגסטענס ווארנען.

— מיין פריילין, — האט ער געזאגט — איהר וועט דאך אויף מיר ניט בייז זיין, ווען איך האב מיך ערלויבט צו שטעלען אייך דיעזע איינינע פראגען. איך וואלט עס זיכער ניט געטהאָן ווען איך וואלט ניט געהאט גענוג גרינדע צו גלויבען דאס הערר שמידט טראָגט זיך ארום מיט געדאנקען, צו וועלכע איהר וועט אויף קיין פאל ניט איינשטימען. איהר זייט נאך פרעמד אין דיעזער שטאָדט, — האט ער וויטער געזאָגט. איהר קענט זעהר וועניג דאס לעבען אין בערלין, איהר ווייסט ניט וויפיעל פאסטקעס עס שטעהן פאר א שעהנער פרויענצימער. איהר קענט זיך רע־כענען זעהר שטאַקר, דאָך פערצייען זיי מיר פריילין, איך געה פיעללייכט צו וויט, אבער איך מוז אייך ווארנען, און איך ווינש דאס איהר זאלט מיין ווארנונג אכטען. אדיע מיין פריילין, ווען איהר דארפט אמאל א שוטץ, זא שטעה איך בערייט צו דינען אייך.

דער יונגער דאָקטאר האט זיך גאנץ טיעף פערנייגט און איז א וועק.

אין זיין הויז האט דער יונגער דאָקטאר קיין רוה ניט געפונען. זיין הארץ האט געצויגען און געברענט נאך מרים. ער האָט זיך איינינע מאל געפרעגט אויב ער האט עהרליך געהאנדעלט געגען הערר'ן שמידט וועלכער האט איהם אויסגעהאלפען מיט אזא סומע געלד, ער האט זיך אויך געפרעגט אויב ער האט דאָס רעכט צו לאָזען אזא ריינעס אונשולדיגעס וועזען וויא מרים אין שמידטס הויז אין דער צייט ווען מאדאם שמידט איז אבגעפיהרט געווארען אין איין אנשטאלט.

זיין שעהנע הויזהאלטערין, וועלכע האט געפיהרט זייןווירטהשאפט פאר א געוויסען לאָהן און האט איהם געגעבען געוויסע רעכטע איבער איהר הארץ צוליעב דעם וואס זיא האט איהם געליעבט, דיעזע יונגע דאמע האָט ער הייטע ניט געקענט זעהן פאר זיינע אויגען. זיא איז איינינע מאָל געקומען אין זיין שטודיר צימער, זיא האט איהם געמאכט איינינע שעהנע מינען, זיא האט איהם געפרעגט ווארום ער איז אזוי אונרוהיג, אזוי גלייכגילטיג, אבער ער האט איהר אויף אלעס געענטפערט קורץ און קאַלט און האט פון איהר געפאדערט זיא זאל איהם לאָזען אליין, ווייל ער האט פאר איהר קיין צייט.

ווען זיינע אפיס שטונדען זיינען פאראיבער, האט ער זיך וויעדער אויפגעהוי־בען און איז ארויס אין גאסס, און איז אוועק צום ארט וואו שמידט'ס געשעפטס הויז האט זיך געפונען.

ער האט געזעהן וויא א יונגער מאן איז ארויין אין געשעפט.

דעם יונגען מאַנ׳ס אויסזעהן איז דעם דאָקטאר געווארען אויפפאַלענד. און ער האט דורך דעם פענסטער אריינגעקוקט וואס אין געשעפטס הויז קומט פאָר. ער האט בעמערקט וויא דער יונגער מאַן רעדט צו מרים׳ן, עס וואר קיין געוועהנליכער קויפער. יעצט האט דער יונגער מאַן איהר געדרייכט זיין האנד. מרים האט זיך ערשראָקען.

וואס האט דאס אַלעס צו בעדייטען ?

דאקטאר פינדייזען האט בעמערקט וויא דער יונגער מאַן איז אַרויס פון געשעפטס־הויז, ער האט געזעהן וויא מרים האט ארופגעלייגט ביידע הענד אויפ׳ן הארצען. — היער איז עטוואס געשעהן.

דעם דאָקטאר איז אריינגעפאַלען דער געדאַנק ער זאל נאכגעהן דעם אונבעקאַנטען מאַן. ער האט אבער געצווייפעלט אויב ער זאל עס טהאן. דען וואס פאר א רעכט האט ער דערצו ? און וואָס פאר איין אינטערעסע קען ער האבען אין דיעזען יונגען מאַן. אבער דער יונגער מאַן איז דאך א מערקווירדיגע פערזאן !

— — — — — — — — — — — — —

מרים האט אויך געדענקט פון דעם יונגען דאָקטאר. זיא וואר אויפגערעגט. וויא קומט ער צו ווארנען זיא. וואס פאר איין אינטערעסע האט ער זיא צו ווארנען ?

און דארף זיא איבערהויפט האבען א ווארנונג ? צווייפעלט ער אין איהר שטאַרקען כאראַקטער ?

דער טאג איז אוועק, עס זיינען געקומען פיעלע קויפער, און מרים וואר אזוי בעשעפטיגט דאס זיא האט קיין צייט געהאט צו דענקען.

יעצט איז אריינגעקומען א מאַן. ער האט געטראגען א דונקעלען מאַנטעל מיט איין אנגעשטעלטען קאלנער. דער הוט איז געווען אנגערוקט טיעף איבער׳ן שטערן, און עס האט געמאכט דעם איינדרוק דאס ער וויל בעהאַלטען זיין געזיכט.

ער האט אויך זיין הוט ניט אראבגענומען, ער האט זיך בלויז פערנייגט.

— וואס ווינשען זיי מיין הערר ? האט איהם מרים געפרעגט.

דער בעזוכער האט ניט געענטפערט, ער האט אזוי שארף אנגעקוקט דאס מעדכען, דאס מרים איז געווארען אין פערלעגענהייט.

— איך ווינש צו שפרעכען מיט א דאמע, וועלכע קומט פון מינכען.

— פון מינכען ? — האט מרים געפרעגט.

ער האט זיך צו איהר צוגעביינט און האט צו איהר עטוואס געזאָגט.

זיא האט געעפענט דיא ליפען און האט עטוואס אויסגעשריען האלב מיט פריידע און האלב מיט שרעק.

— ערקענסט דוא מיך ניט ? — האט דער מאן געזאגט — נו, איך האב מיך געמוזט פערמאסקירען.

פראנץ ! זא איז עס וואהר! אה גאטט, דוא ביזט אנטלאָפען ?

מרים האט אנגעפאנגען צו ציטערען אין גאנצען קערפער. זיא האט עס נאך ניט געקענט בעגרייפען. איהר פראנץ איז פריי ! אבער איז עס ווירקליך פראנץ ? איז ער ווירקליך פריי ? איז איין אנטלאפענער וועלכער מוז זיך פון יעדען היטען א פרייער מענש ?

זיא איז געשטאנען וויא געליימט. זיא האט איהם זאגאר ניט געררייכט איהר האנד צו גריסען.

— מרים, — האט עס מיט א ווייבער שטימע געקלונגען פון זיינע ליפען — נעהמסט דוא מיך אזוי צו ?

מרים האט א קוק געטהאן צום טהיר ארומוועלכער מענשין זיינען ארומגעגאנ־ גען. זיא האט דערזעהן א פאליציסט אין זיין יוניפארם און פון איהרע ליפען האבען זיך ארויסגעריסען פאלגענדע ווערטער :

— פראנץ ווען מען זעהט דיך דאָ? מען פערפאלגט דיך.

פראנץ איז פערציטערט געווארען.

— ניין, ניין, — האט ער געמורמעלט — היער זוכט מען מיך ניט. אבער ווער ווייס ? מרים איך האב דיך געוואלט נאך איין מאל זעהן אוידער איך געה פון היער אוועק.

— וואוהין ווילסט דוא געהן ?

— נאך אמעריקא.

— ווען ?

— דיעזע נאכט פאהר איך אוועק.

— איך מוז מיט דיר ריידען פראנץ ! אך מיר איז אלעס געקומען אזוי פלוצ־ לונג דאס איך קען מיך גאר ניט פאסען.

זיא האט איהם אויסגעשטרעקט איהר האנד און האט איהם אנגעקוקט אין דיא אויגען.

— גרים דיך גאטט פראנץ ! — האט זיא געזאגט אין א הערצליכען טאָן — וויא איז דיר געלונגען צו אנטלויפען.

— איך וועל דיר אלעס ערצעהלען. קום נור צו מיר, ווען שליסט איהר דאס געשעפט?

— אכט אוהר.

— דאס איז שפעט.

— איך קען ניט פריהער.

— בעט דיין ווירטה ער זאל דיך פריהער ענטלאסען.

— מיין ווירטה איז אויף א רייזע.

זיא האט ניט געזעהן וויא אין זיינע אויגען איז געווארען ליכטיג.

— זא ביזט דו היער גאנץ אליין?

— נור דיא קעכין איז דא.

— אָה, ווען איך זאל היער בלייבען, דאך ניין דאס געהט ניט. דוא קענסט אבער פריהער שליסען, פיעללייכט 7 אוהר.

— דאס קען איך ניט און טהאר ניט, — האט מרים געענטפערט, ווייל זיא וואר אזוי עהרליך דאס זיא האט צוליעב איהר וויכטיגסטען געשעפט ניט געוואלט ברעכען אין איהרע פפליכטען.

— נון ווען דאס איז ניט מעגליך!

— דאס איז ווירקליך ניט מעגליך, פראנץ! דוא וועסט באלד ערפאהרען מיין לאגע.

— איך ווייס דיין לאגע, זיא איז גענוג טרויעריג. נון גוט, זאל זיין אום אכט אוהר. ווייסט דוא דיא ק.... שטראסע?

— יא.

— אין נומער 23 איז א גאסט-הויז, זיא הייסט „צום שווארצען בער".

— דארט וואהנסט דוא?

— יא.

— אָבער, — האט מרים איינגעווענדעט און איז רויטה געווארען — קען איך דען אהין קומען?

— ווארום ניט? עס גיט קיין אנדער וועג ווען מיר ווילען פערברענגען א שטונדע צוזאמען.

מרים האט דאס איינגעזעהן, דאך האט זיא זיך איבערלעגט. ניט אזוי פון איהרעטוועגען נור פון זיינעטוועגען, דען זיא האט געפירכטעט דאס דורך איהר וועט דיא געפאהר פאר איהם זיין גרעסער.

אָבער דיא שטימע פון ליעבע האט געשריען אין איהר הערצען העכער פון אלע פאָרזיכטיגקייטען און זיא האט אם ענדע געזאָגט:

— גוט, איך קום.

— איך האב געוואוסט דאָס דוא וועסט קומען. פרעג אויף דעם צימער 12.

— אונטער וועלכען נאָמען וואוינסט דוא דאָרט?

— קורט מענצעל!

— מענצעל? — האט מרים געפרעגט איבערראשט.

— יא, דוא קענסט איהם?

— איז דאָס דער העדר ארטהור מענצעל פון אויסבורג?

— יא, דער זעלבער.

מרים האט איהם אָנגעקוקט. וויא מערקווירדיג זיין שטימע קלינגט! אבער זיא וואר צו שטארק אויפגערעגט. אָה וויא זיא האט זיך געפרעהט צו זעהן איהר געליעבטען.

— וויים העדר מענצעל דאָס דוא וואוינסט היער אונטער זיין נאָמען? — האָט זיא פלוצלינג געפרעגט.

— יא, ער האט מיר ערלויבט איך זאל מיך פאָרלויפיג בענוצען מיט זיין נאָמען. זיינער א פריינד אין זיד אמעריקא האט א פלאנטאציע און אהין וועל איך רייזען. איך וועל דאָרט געפינען א נייע היים ביז....

ער איז געבליעבען שטיל און זיא האט איהם אָנגעקוקט מיט פראגענדע אויגען.

— ווען קענסט דוא צוריק קומען נאך דייטשלאנד? — האט זיא געפרעגט.

— אין פופצעהן יאָהר, דען ערסט דאן ווערט מיין שטראפע פערעלטערט. יעדענפאלס, דער מענצעל וואס האט אונטערגעקויפט דיא בעאמטע איך זאל קענען אנטלויפ איז דערזעלבער מאן וואס האט מיר פערשאפט דיא שטעלע אין מינכען.

דערזעלבער!

— יא.

— דאָס איז דאך מערקווירדיג. דאך זאָל עס זיי וויא עס איז, מיר זיינען איהם דאנקבאר. האָסט דוא פון איהם ערפאהרען וואו איך בין?

— יא, ער האט מיך אויך בעזאָרגט מיט דיא נויטהיגע מיטלען. ער האט דיר פערשפראָכען ער זאָל מיך בעפרייען.

וויעדער איז דער געשפרעך געבליבען אויף אייניגע מינוטען.

— ווען פאָהרסט דוא צוריק? — האָט זיא גפרעגט.

— הייטע אבענד אום צעהן אוהר.

— נאך האמבורג?

— יא, ווערסט דוא מיך בעגלייטען צום באהן? איך בעט עס דיר מרים, ווער ווייס ווען מיר וועלען זיך שוין זעהן.

מרים האט גענייגט דעם קאָפּ. פון איהרע אויגען האבען גערונען טרעהרען, עס וואר איהר אזוי אונמוטהיג אויפ'ן הארצען. זיא וואר גליקליך וואָס איהר געליעבטער איז פריי געווען, דאָס זיא קען איהם זעהן, דאך האט זיא ניט געקענט גע־ניסען איהר גאַנצען גליק.

דאָס ווידערזעהן וואר דאך אויך אזוי טרויעריג. זיא איז אין אזא לאַגע דאס זיא קען פאר איהר געליבטען גאָר נישט טהאָן, ער איז איין אנטלאָפענער און שוועבט יעדע מינוט אין דער געפאהר דאס מען וועט איהם פערהאפטען.

זיא האט געוואָלט נאך עטוואָס זאָגען, דא זיינען צוויי דאמען צוגעגאַנגען צום געשעפטס־הויז און האָבען געוואָלט אריינקומען.

— איך מוז געהן, עס קומען אהער לייטע! — האט דער יונגער מאַן געזאָגט— אלזאָ געדענק־אבט אוהר, אין גאסטהויז צום שווארצען בער, צימער נומער 12.

ער האט געדריקט זיין האנד צו מרים'ן.

— אויף ווידערזעהן פראַני.

זיא האָט עס געזאָגט אין א הערצליכען טאָן און א ליעבליכער בליק פון איהרע אויגען איז געפאַלען אויף זיין געזיכט.

— גאָט זאל דיך שיצען מרים!

ער איז אוועק וועהרענד דיא צוויי דאמען זיינען אריינגעקומען.

דער געשעפט איז אויך אָם אבענד געווען לעבעדיג, זאָ דאס מרים וואר שטארק פערנומען און האט קיין צייט געהאט צו דענקען פון איהר געליבטען.

דיא צייט איז געלאָפען שנעל. איידער זיא האט זיך ארומגעזעהן האט עס געשלאָגען זיעבען אוהר.

מרים האט געוואָלט שוין יעצט שליסען דאס געשעפט, זיא וואָלט יעצט גע־קענט זיין מיט א שטונדע פריהער ביי איהר פראַני, דער ווירטה איז דאך ניטא און דיא קעכין וועט זיך דעריבער ניט קימערען.

דאך ניין, דאָס וואלט געווען ניט עהרליך. מרים האט אויסגעהאַלטען דיעזע פראָבע, זיא איז געבליבען זיצען ביז דער ריכטיגער צייט און אזוי וויא יעצט איז קיינער מעהר ניט געקומען האט זיא אָבגעשטימט דיא קאסע און האט געהאט גע־לעגענהייט נאכצודענקען וואָס עס איז געשעהן.

איהר בליק איז געפאלען צופעליג אויף א וואזע, וועלכע איז געשטאנען אויפ'ן פענסטער און אין וועלכער עס האט זיך געזעהן א ראָזע, א יונגער מאַן, וועלכער

איז פארמיטאָג געווען אין געשעפט האט ער זיא ניט ווילענדיג פערגעסען אויפ'ן טיש, און אלס מרים האט עס בעמערקט וואר שוין צו שפעט אומצוקערען דעם יונגען מאַן.

מרים האט ניט געאהנט דאס עס וואר קיין צופאל, זאָנדערן דאס דער יונגער מאַן האט עס געברויכט אלס מיטעל אום עטוואס נעהער בעקאַנט צו ווערען מיט דער שעהנער פרייליין.

זיא וואר א גרויסע פריינדין פון בלומען און דארום האט זיא אריינגעשטעלט דיא ראזע אין וואסער. אלס איהר בליק איז יעצט געפאַלען אויף דער בלום האט זיא זיך אין גאנצען פערגעסען אויף דעם יונגען מאַן וואס האט זיא בעזעסען, זיא האט זיך אבער עראינערט עטוואָס פון איהר אמאליגען לעבען.

דאס וואר קורץ איידער זיא איז געפאהרען בעזוכען איהר טאַנטע אין אויס־בורג; דער שעהנער וועטער פון א זאָמערדיגען נאכמיטאג האט זיא פערפיהרט אין גארטען. דארט האט זיא געזעהן דעם גערטנער קלעמענס שפרעכענדיג מיט א דאמע, א דאמע וועלכע זיא האט קיין מאל ניט פערגעסען.

דיא דאמע האט געמוזט זיין אן איטאליענערין. זיא האט געהאט דונקעלע, גלענצענדע אויגען. דיא דאמע האט געטראָגען דיא קליידער פון א קאטהאלישער הראנקענ־ווערטערין

וואס האט דיעזע דאמע געטהאָן ביי קלעמענס?

מרים האט זיך דאן און אויך יעצט געשטעלט דיא פראגע. זיא האט עס ניט געוואגט צו פרעגען ביי'ן אלטען קלעמענס און האט עס אויך יעצט ניט געוואוסט, אבער ווען זיא האט נור געדאכט פון-דיעזער דאמע האט זיא זיך געפיהלט אז זיא איז צו איהר צוגעבונדען מיט געהיימע פעדים.

מרים האט דאן אבגעריסען א ראָזע און האט זיא גערייכט צו דער קאטהא־לישער שוועסטער, וועלכע האט עס צוגענומען מיט דאנק. דיא ראזע וועלכע איז יעצט געשטאַנען אויף איהר פענסטער, האט זיא עראינערט אויף יענעם נאכמיטאג.

וואר עס דיא שטימע דער נאטור וואס האט געשפראָכען אין איהר הערצען?

דערווייל איז עס געווארען אכט אוהר. נאך איינינע קויפער זיינען געקומען. אלס דער לעצטער פון זיי האט פערלאסען דעם לאדען, האט זיך מרים געאיילט צו פערשליסען דיא טהיר. זיא האט שנעל אנגעטהאָן איהרע ארימע קליידער און האט זיך זאפארט בעגעבען צו דער ק.... שטראסע.

פלוצלינג האט זיא זיך אבגעשטעלט.

— וואלט עס ניט געווען בעסער, — האט זיא צו זיך געמורמעלט, ווען איך זאל דיא שליסלען פון געשעפט איבערלאָזען ביי דער קעכין? דאך ניין, הערר שמידט האט מיר אנפערטרויט זיין געשעפט, און איהם אליין דארף איך איבערגעבען דיא שליסלען.

דאך האט מרים ניט געקענט אונטערדריקען דיא אויפרעגונג אין איהר הארצען.

זיא האט הייטע זעהר פיעל געלייזט, אזוי גוט איז דאס געשעפט נאך קיין טאג ניט געגאנגען. הייטע פריה אלס הערר שמידט האט אבגערייזט איז אין דער קאסע געווען הונדער מארק און קליין געלד, יעצט האט זיא דארט איבערגעלאָזען ביז זעקס הונדערט מארק.

אבוואהל דאס געשעפט האט קיין קאסירער געהאט דאך האט יעדער קויפער ערהאלטען א צעטעל אויף וועלכען עס איז געשטאנען דער פרייז און דיעזע ציפער זיינען פערשריבען געוואָרען אויף איין אנדער בלאט, זא דאס מען האט אימער גע־קענט וויסען וויפעל עס איז איינגעלייזט געווארען אין פערלויף פון דעם טאָג.

יעדען אבענד האט מרים פערשריבען אין זשורנאל דיא סומע וואס עס איז געלייזט געוואָרען, אויך הייטיגען אבענד האט עס מרים פערשריבען, און האט דעם זשורנאל פערשלאָסען אין דער קאסע. דעם שליסעל צו דער קאסע וויא אויך דעם שליסעל צום געשעפט האט מרים געהאלטען ביי זיך.

ווען דיעזע נאכט זאָל עטוואס געשעהן?

מרים האט זיך ערשראָקען פון דיעזע געדאנקען. אבער דאך האט זיא פארט־געזעצט איהר וועג.

זיא האט געפיהלט גלייך וויא א געהיימע שטימע וואָלט צו איהר געשריען זיא זאָל זיך צוריק אומקעהרען און זאָל דיעזע נאכט בלייבען אין געשעפט.

אבער דער וואונש צו זעהן דעם געליעבטען וואר גרעסער פון אלעס. — וויא אלעס איז געשעהן! מענצעל האט, אלזאָ זיין וואָרט געהאלטען, דען אהן צווייפעל וואר ער דער מאַן וואס האט איהר געליעבטען געהאלפען צו אנטלויפען און האט איהם בעזאָרגט מיט אלע נויטהיגע מיטלען.

מיט אזעלכע געדאנקען איז זיא געקומען צום גאסטהויז.

לאנגזאם איז זיא איבערגעגאנגען דעם שוועל. איהר הערץ האט געקלאפט שטארק אלס זיא איז אין גאסטהויז אריינגעקומען אום צו פרעגע אויף איהר געליבטען.

— וואס ווינשען זיא מיין פרייליין? — האט דער ווירטה געפרעגט זעהר העפליך.

— פערצייען זיא מיין הערר, וואוינט היער א געוויסער קורט מענצעל?

— יא, ווינשט איהר איהם צו שפרעכען?

— יא.

דערווירטה האט נאכגעזעהן אין בוך.

— קורט מענצעל, צימער נומער 12, — האט ער געמורמעלט — דער שליסעל איז דאָ ניטאָ, הערר מענצעל מוז זיין אין צימער, זאל איך איהם רופען?

— ניין, איך דאנקע.

— איהר ווילט צו איהם אריינגעהן.

— יא.

— עס איז שוין שפעט מיין פריילין און — —

מרים'ס באַקען זיינען רויטה געוואָרען.

— עס איז אַכט אוהר פאַראיבער און איך האב צו שפרעכען מיט הערר'ן מענצעל גאַנץ אליין.

— טהוט וויא איהר ווילט. איך מוז אייך אָבער בעמערקען דאס איך וויל ניט ליידען ווען מיינע געסטע ברענגען צו זיך דאַמען אין אבענד צייט.

מרים'ס אויגען האבען געבליצט. זיא האט געוואָלט ענטפערען דעם ווירטה אויף זיין גראָבקייט, אָבער זיא האט געשוויעגען. זיא האט דאך געמוזט זיין פאָר־זיכטיג צוליעב איהר געליעבטען, וועלכער שוועבט פיעללייכט אין א גרויסער געפאהר.

— איהר קענט זיך אהין בעמיהען, — האט דער ווירטה איהר ענדליך געזאָגט. עס איז נור צוויי טרעפ, דיא דריטע טהיר.

לאַנגזאם איז זיא ארויף אויף דיא טרעפ. דער קאָרידאר וואר פינסטער.

ענדליך האט זיא געפונען דיא טהיר. זיא האָט אָנגעקלאַפט.

באַלד האט זיא דערהערט א שטימע פון צימער, וועלכע האט זיא געבעטען אריינצוקומען.

מיט א ציטערענדער האנד האט זיא געעפענט דיא טהיר.

מרים איז אריין אין א דונקעלען צימער, זיא האט שוין געדענקט דאָס זיא האט ניט געפונען דיא ריכטיגע טהיר און האט זיך דארום געוואָלט אומקעהרען, אָבער באַלד האט זיא דערהערט א שטימע, וועלכע האָט געזאָגט:

— מרים, קום אריין, מיין ליעבע......

לאַנגזאם איז זיא געגאַנגען נעהענטער,

— עס איז אזוי פינסטער! — האט זיא געזאגט.

זיא האט באַלד דערפיהלט וויא איהר האַנד ווערט אָנגענומען און אויף איהרע באַקען האבען זיך ארויפגעלעגט צוויי הייסע ליפּען.

— מרים! מרים! מיין געליעבטע מרים!

זיא האט געהערט וויא דיעזע ווערטער זיינען ארויסגערעדט געוואָרען מיט א פיבער, אָבער דיא שטימע האט פאר איהר געשיינט עטוואָס פרעמד, עטוואָס אונ־בעקאַנט, אָבער מרים האט זיך ניט געוואָלט לאָזען שרעקען; טראָץ דיא דונקעל־הייט פון צימער האט זיא יעצט געזעהן זיין געזיכט אָהן דער פאַלשער באָרד און עס וואר ביי איהר יעצט קיין צווייפעל דאָס דער יונגער מאַן איז איהר הערצענס־געליעבטער פראַנץ שטאַנד.

— — — — — — — — — — — — —

אם נאָכמיטאָג פון אנדערען טאָג איז הערר שמידט אָנגעקומען אין בערלין, ער האט זיך געשטאַרקט צו פערגעסען דעם שאַדען וואָס ער האט געהאט דורך דיא פאַלשקייט פון פריילײן הערניג.

אזוי שנעל וויא ער איז אראָב פון וואַגאָן, איז ער אריין אין דראָשקע און איז אָבגעפאָהרען נאָך הויזע.

אלס ער איז געקומען צו זיין וואהנונג איז ער געבליבען איבעראַשט.

דאָס געשעפט וואר געשלאָסען.

וואס זאָל דאס בעדייטען? — האט ער זיך געפרעגט — נאַררט מיך דיא גאַנצע וועלט?

אין זיין אויפרעגונג האט ער פערגעסען צו בעצאהלען דעם קוטשער און מיט דעם גרעסטען אימפּעט האט ער גענומען רייסען דעם גלאָק. דיא קעכין האט געעפענט דיא הויז־טהיר.

אלס זיא האט דעם העררין שמידט דערזעהן האט זיא אויסגעשריען מיט שרעק.

— וואָס איז געשעהן, — האט ער געפרעגט — ווארום איז דאס געשעפט געשלאָסען?

— איך האָב ניט דיא שליסעל.

— און וואו איז פריילײן מעהרען?

— איך ווייס ניט.

— עפענט דיא טהיר און לאזט מיך אריין אין געשעפט.

— דאס קען איך ניט. פריילײן מעהרען האט דיא טהיר פערשלאָסען און האט צוגענומען דעם שליסעל.

— און זיא איז ניט געקומען?
— ניין.
— ווען איז זיא געסטערען אוועק?
— עטוואס שפעטער פון אכט.
— און איז מעהר ניט געקומען?
— ניין.
— זייט איהר שוין געווען אין איהר וואהנונג?
— נאך ניט, איך האב ניט געקענט לאזען דיא הויז.
— צום טייפעל! — האט הערר שמידט געשריען — שוין באלד מיטאג צייט און דאס געשעפט איז געשלאסען. וואס וועלען אלע דענקען? מיין גאנצער קרעדיט געהט צו גרונדע. לויפט שנעל צו פרייליין מעהרען און פרעגט איהר אויב זיא וויל קומען אדער איך דארף איהר שיקען אין איינלאדונג. האט איהר פערשטאנען?
— פיעללייכט איז זיא קראנק?
— צום טייפעל, לויפט שנעל, זיא מוז זאפארט קומען.
דיא קעבין איז אוועקגעלאפען.
— בריינגט מיט זיך דיא שליסלען, פרייליין מעהרען קען שפעטער קומען, ווען זיא וויל.
מיט דער גרעסטער אונגעדולט האט הערר שמידט ערווארטעט דיא קעבין. אלס ער האט זיא דערזעהן קומענדיג איז ער איהר געלאפען ענטגעגען און האט געפרעגט:
— נון וואס בריינגט איהר?
— גאר ניכטס.
— דיא שליסעל?
— ניין. פרייליין מעהרען איז ניטא.
— וואס?
— זיא איז דיא נאכט ניט געקומען צו הויזע! דיא ווירטהין האט מיר ערצעהלט, דאס איהר בעט איז ניט געריהרט, זיא האט אויך ניט געהערט מרים'ס טריט. זיא וואונדערט זיך און זיא דענקט דאס...
הערר שמידט וואר צו שטארק צוטומעלט מיט זיינע אייגענע אינטערעסען אום צו הערען וואס מען רעדט צו איהם פון אנדערע זאכען.
— וואס זאל איך יעצט טהאן? — האט ער צו זיך געמורמעלט. עס העלפט ניט, געפינט זיך אין דער גגענד א שלאסער?

— יא, אין דער נעכסטער שטראַסע ! — האָט דיא קעכין געענטפערט.

— לויפט שנעל און רופט איהם אַהער. זאגט דאס מען דאַרף עפענען איינינע שלעסער.

א פיערטעל שטונדע שפּעטער איז געקומען דער שלאָסער ; ער האט געעפענט דיא טהיר, האט געעפענט דיא לאַדען און האט זיך גענומען אויפמאַכען דעם שלאָס פון דער קאַסע.

אלס געשעפטס מאַן דורך און דורך איז זיין ערסטער געדאַנק געוועזן צו פערדעכטיגען זיין פערקויפערין און דיעזער פערדאַכט האט זיך אויך בעשטעטיגט. אין דער קאַסע האט זיך געפונען דער זשורנאַל וואו דיא איינאַהמע וואר פערשריבען, אבער דיא איינאַהמע אליין איז פערשוואונדען.

הערר שמידט האט קיין אויגענבליק ניט געצווייפעלט דאס מרים איז אנטלאָפען מיט דער קאַסע.

ער האט זאָפאָרט געמאַלדען דער פאָליציי דאס זיין פערקויפערין מרים מערגען האט איהם בערויבט און באַלד האט זיך דיא פאָליציי ארויסגעלאָזט זוכען דיא גנבט'ע.

וואו איז מריםווירקליך געוועזן ?

ענדע פון ערסטען מהייל.

צווייטער טהייל.

1טעם קאפיטעל.

דאס געהיימניס פון אלטען גערטנער.

מיט א שווערען הארצען האט דער אלטער גערטנער, קלעמענס פערלאסען זיין היים יואו ער האט אזוי פיעל יאהר פערבראכט און אלס ער האט געשלאָסען דיא טהיר הינטער זיך זיינען דיא טרעהרען געלאפען פון זיינע אויגען. זיין איינציגע טרויסט איז געוועז, וואס זיין ליעבלינג מרים איז שוין זא וויא זא ניטא אין דיעזען הויז און ער אליין וואלט מיט דער צייט דיעזען ארט פערלאסען.

וואוהין זאל ער זיך יעצט ווענדען?

קלעמענס האט געטראכט און געטראכט און אם ענדע האט ער בעשלאָסען דאס ער האט איין זאך צו טהאן, נעמליך, ער זאל זיך ווידמענען אין גאנצען פאר דער מרים. ער האט זיא געוואָלט אויפזוכען און העלפען איהר מיט וואס ער קען.

קלעמענס האט איהר געקענט העלפען. דען אויסער וואס ער האט אבגע־שפארט א היבשע סומע פון זיין געהאלט האט ער אויך זעהר אפט ערהאלטען גרויסע פרעזענטען פון גראף. קלעמענס האט דארום געהאט א קאפיטעל וואס וואר גענוג צו שיטצען איהם אין דער עלטער און געבען איהם דיא מעגליכקייט צו טהאן עטוואס פאר א צווייטען.

אלס ער האט דעם הויז־פערוואלטער איבערגעגעבען דעם שליסעל האט ער איהם אנגעקוקט מיט שארפע אויגען.

— יא, יא, אלטענקער! — האט דער הויז־פערוואלטער געזאָגט. איהר האט זיך קיין מאל ניט פאָרגעשטעלט דאס איהר וועט יעצט מוזען געהן. ווען איהר וואלט געוועז פאָרזיכטינער, זא וואלט דיא גנעדיגע גרעפין גאנץ גערן צוגעמאכט דיא אויגען און וואלט זיך ניט געקימערט וואָס איהר מאכט ניט אייער ארבייט. האט איהר שוין איין אנדער שטעלע?

— איך ווייס וואוהין איך זאל מיך ווענדען.

— דאס איז וואהרשיינליך א געהיימניס, — האט דער פערוואלטער געזאגט.

דער גערטנער האט געצויגען דיא אקסלען. ער האט ניט אנגעפאנגען צו דענ־קען וועגען ערצעהלען דעם פערוואלטער זיינע פלענער. פאול ראדאָוו איז איהם אימער געוועז א דאָרן אין דיא אויגען און ער האט מיט איהם ניט געוואָלט האבען צו טהאן.

נאך אייניגע ווערטער האט דער גערטנער פערלאסען זיין היים.

ער האט געבראכט א וואגען און ער האט זיין ביסעל ארימקייט אריינגעפיהרט אין א סקלאד ביז ער וועט פאר זיך געפינען א וואהנונג.

יעצט האט ער גלייך אבגערייזט נאך אויסבורג. ער האט זיך געווענדעט צו סימען און זאהן אום נאכצופרעגען וועגען מרים'ן, אבער ער האט פון זיי קיין זאך געקענט ערפאהרען. אויך ביי דער פרוי וואו מרים האט געוואהנט האט ער קיין זאך ניט אויסגעפונען. מען האט איהם בלויז געזאגט אז מרים איז אוועק נאך בערלין, אבער אין וועלכען געשעפט דאס האט מען איהם ניט געזאגט.

דער אלטער גערטנער האט אבער ניט גערוהט ביז ער האט אויסגעפונען דיא שטעל-פערזארגערין, פרוי ענגעל, וועלכע האט איהם ערצעהלט דאס מרים איז אין בערלין ביי דעם הערך שמידט אין קאנפעקטען געשעפט.

באלד איז דער אלטער גערטנער אוועקגעפאהרען נאך בערלין.

זאכען און רייכטהום האט ער מיט זיך ניט געפיהרט, דאס אייניציגע וואס ער האט ביי זיך געהאט איז געוועזן זיין טאגעבוך מיט וועלכען ער האט זיך ניט געוואלט שיידען.

איידער מיר בעגלייטען דעם אלטען מאן אויף זיין רייזע איז נויטהיג דאס דער לעזער זאל בעקאנט ווערען מיט דעם ווייטערען אינהאלט פון דיעזען טאגע־בוך:

— — — — — — — — — — — — —

דער טויט פון דער פירסטין עדיטהא האט געבראכט א גרויסען טרויער אין קארארא. דער אלטער פירסט האט ניט געוואלט גלויבען דאס זיין טאכטער איז טויט. ער האט געוויינט וויא א קינד, און האט דיא טויטע געוועקט און געקוסט ביז ער האט זיך איבערצייגט אז זיא לעבט ניט מעהר.

גראף פאן מעהרען האט עס געהאלטען פאר זיין פפליכט, ער זאל דעם פירסט מיטטהיילען זיין פערשפרעכען וואס ער האט געגעבען ביי דער פירסטינ'ס טויטען בעט נאך איידער דיא בעערדיגונג וועט שטאטפינדען.

דער פירסט האט עס ניט געוואלט גלויבען. נור ווען דער גראף האט איהם אויף זיין ערענווארט פערזיכערט אז עס וואר עדיטהא'ס הייליגסטער וואונש פאר'ן טויט דער גראף זאל הייראטען איהר שוועסטער טהוזנעלדא, האט דער פירסט געגעבען זיין צושטימונג צו דעם בונד מיט דעם בעדינג דאס דער גראף זאל דורכלאזען א האלב יאהר איידער דיא האכצייט וועט געפייערט ווערען.

דיא בעערדיגונג איז געקומען, דיא שטאלצע פרעהליכע עדיטהא איז יעצט געלעגען שטאר און קאלט צווישען פיעלע ליכט און בלומען.

זיא האט געטראגען א ווייסע זיידענע קלייד און אויף איהר קאפף איז געלעגען א בלומען קראנץ. זיא וואר א טויטע כלה.

ווער איז אימשטאנדע צו שילדערען דעם גראף׳ס טרויער נאך זיין געליבטער? דאך האט ער זיין שמערץ בעהאלטען, דען יעדע טרעהר וואס ער האט פערגאסען נאך דער פערשטארבענער האט טהוזנעלדא׳ן בעוויזען דאס ער קען זיך מיט איהר ניט טרייסטען.

אלס דיא לעצטע שטונדע איז געקומען זיינען געקומען זעהר פיעל פריינדע און סימפאטהיזירער, וואס זיינען געקומען געבען זייער לעצטען בליק.

אין דיעזער צייט איז אריינגעקומען א הויכער שטאלצער מאן, אין א פאלען בארד און מיט צוויי ברענענדע אויגען.

ער וואר זעהר רייך געקליידעט, ער האט געמוזט זיין איין עדעלמאן, אבוואהל קיינער האט איהם ניט געקענט און ער האט זיך אויך פאר קיינעם ניט פארגעשטעלט.

דיעזער מאן איז צוגעגאנגען גלייך צום זארג און האט זיך צוגעבויגט צו דער טויטער.

זיינע ליפען האבען גערעדט איינינע ווערטער. קיינער האט ניט געהערט וואס ער האט גערעדט. קיינער האט אויך ניט געזעהן וויא זיין הויכע געשטאלט האט געציטערט.

שטיל און שטום וויא ער איז געקומען איז ער אויך אוועק. א שטונדע שפעטער איז עדיטהא בעערדיגט געווארען.

עס איז געקומען דיא נאכט. ארום דעם בית עולם האבען זיך נאך ארומגעדרעהט איינגע געשטאלטען.

— און איך זאג אייך, — האט איינער פון דיא געשטאלטען געזאגט, דאס מוז נאך דיעזע נאכט געשעהן.

— האסט דוא אויך בעדענקט קארלאס – האט א צווייטער געזאגט, — מיט וואס פאר א געפאהר דאס איז פערבונדען?

— איך האב אלעס בעדאכט, איך ווייס ריכטיג ווען דאס פאליציי פאטראל ועט היער פאראיבערגעהן. דיעזע שטונדע איז א גינסטיגע. פארווערטס, דען איך האף אז איהר וועט דעם שווארצען קארלאס ניט פערלאסען.

איין אונצופריעדענער מורמעל האט איהם געענטפערט. דאן זיינען אבער דיא געשטאלטען איהם נאכגעגאנגען און זיינען איבערגעקראכען דעם פארקען פון בית עולם.

דיא קאמפאניע האט זיך באלד בעגעבען צום ארט וואו דיא פירסטליכע פאמיליע ווערט בעערדיגט.

— האט איהר פייער ביי זיך? — האט קארלאס געפרעגט.

— יא.

— זא גיט עס א העד?

— ווילט איהר מיר זאלען אריינגעהן אין דעם טויטען קעלער?

— ניין, בלייבט היער. בלויז צוויי זאלען מיט מיר געהן.

קארלאס האט ארויסגענומען א שליסעל פון דער טאשע און האט געעפענט דיא אייזערנע טהיר פון קעלער. יעצט איז ער אריין אין קעלער און האט געעפענט דיא טהיר וואס האט צוגעמאַכט דיא קברים, און האט זיך אראבגעלאזען אין פינסטערין געוועלב.

דארט האט ער אנגעצונדען זיין לאנטערנע און האט דערזעהן דעם הויכען זארג אין וועלכען עדיטהא איז געלעגען.

מיט א שנעלער האנד האט ער ארויסגעצויגען אלע שרויפען און האט אויפ־געהויבען דיא דעקעל. קארלאס האט בעזעסען א קראפט פון א ריז, זא דאס ער האט געקענט גאַנץ אליין עפענען דיא דעקעל.

נאכדעם וויא דער זארג איז געוואָרען אָפען האט ער בעלויכטען דער טויטערס געזיכט מיט זיין לאנטערנע.

— קום איך דען צו שפעט? — האט ער צו זיך געמורמעלט? — אבער ניין, קאטינקא האט מיר געשווארען דאס ווען דער מארגען וועט קומען וועט עדיטהא צוריק ערוואכען און דאן, דאן....

נור איינעגע סעקונדען זיינען געלעגען זיינע בליקען אויף עדיטה׳ס געזיכט.

דאן האט ער אוועקגעשטעלט דיא לאנטערנע אָן א זייט, און האט ארויסגע־נומען דיא טויטע פרוי פון איהר זארג.

פון זיינע ליפען האט זיך געהערט א שטילער פייף, וועלכער איז באלד גע־ענטפערט געוואָרען פון אויבען, באלד האבען זיך אריינגערוקט צוויי קרעפטיגע הענד אין דער עפענונג און האבען ארויסגענומען דיא טויטע געשטאלט.

נאכדעם וויא קארלאס קאמעראדען האבען ארויסגענומען דיא שיין־טויטע פירסטין פון דעם אונטערסטען קעלער האט קארלאס צוריק פערשלאסען דעם זארג און איז איך ארויס פון גרוב.

— שנעל א מאנטעל! —האט קארלאס געזאגט און האט אנגעוויזען אויף דעם טויטען קערפער וועלכען דיא צוויי מענער האבען געהאלטען.

מען האט באלד געשאפט א מאנטעל, עדיטהא איז מיט איהם איינגעוויקעלט געווארען און מען האט זיא שנעל ארויפגענומען אויף דיא ארימס און מען איז מיט איהר געקומען צום פארקאן.

מיט גרויסער מיהע איז דיא שיין־טויטע פירסטין אריבערגענומען געווארען דעם פארקאן און מען האט זיא צוגעטראגען צום נאהענטען וואלד וואו עס האט געווארט א וואגען מיט צוויי פערד.

א יונגער מאן איז ביי דיא פערד געזעסען.

— האסט דוא בעמערקט עטוואס פערדעכטיגעס? — האט איהם קארלאס געפרעגט.

— ניין.

— זא זעטץ דיך און מיר וועלען פאהרען.

דיא טויטע איז אריינגעלעגט געווארען אין וואגען. קארלאס האט זיך געזעצט נעבען איהר און דער וואגען איז אבגעפאהרען.

דיא פערד זיינען געגאנגען שנעל. אייניגע שטונדען זיינען זיי געפאהרען אהן איין אבהאלט, אלץ ווייטער און ווייטער פון גענוא, ביז מען איז געקומען אין א מיטען פון צוויי הויכע בערג.

דער מארגען־שטערען איז אויפגעגאנגען.

קארלאס איז ארויסגעשפרונגען פון וואגען און האט גענומען פייפען מיט אלע קרעפטען. זיין סיגנאל איז בעאנטווארטעט געווארען און אייניגע בעוואפענטע מענער זיינען ערשינען.

זיי האבען בעגריסט זייער אנפיהרער קארלאס. און האבען געפרעגט וואס איז זיין וואונש.

— איך בין ניט אליין! — האט קארלאס געענטפערט — איך האב געבראכט א דאמע, וועלכער איהר דארפט בעהאנדלען מיט עהרע. העלפט מיר ארויסצונעהמען מיין בעגלייטערין פון וואגען.

אלס דיא הערען, וועלכע האבען אויסגעזעהן וויא וואלד באנדיטען זיינען צוגעגאנגען צום וואגען און האבען דערזעהן דיא שטארע, טויטע געשטאלט זיינען זיי צוריקגעשפרונגען און האבען אויסגעשריען:

— הייליגע מוטער, זיא איז טויט.

-- זיא שיינט נור צו זיין טויט! — האט קארלאס געענטפערט — איך פערזיכער אייך אז זיא וועט באלד אפלעבען.

א יאהר איז זייט דיעזען טאג אוועק.

קארלאָס מיט זיין גרויסער קאמפּאניע באנדיטען האט דעם גאנצען אומגעגענד געמאַכט אונזיכער, אבער קיינער האט איהם ניט געקענט פערהאפטען. צווישען דיא בערג און אין דעם געדיכטען וואלד האט ער געהאט א זיכערען פּלאטץ.

קיינער האט אויך ניט געאהנט דאס צווישען דיעזע בערג וואהנט א פרוי, דיא פירסטין עדיטהא.

עדיטהא האט ווירקליך אויפגעוואכט פון דעם שיינ־טויט, וואס קארלאס האט פעראורזאכט מיט דיא טראָפּענ׳ס, וועלכע קאטינקא האט איהם געגעבען.

וויא עדיטהא האט געפיהלט אלס זיא האט איהרע אייגען וויעדער געעפענט און האט זיך געפונען ביי דער רויבער באנדע לאזט זיך ניט שילדערען. קארלאס האט איהר באלד ערקלעהרט זיין ליעבע און האט איהר פערזיכערט דאס ער וועט זיא דינען מיט עהרע און אכטונג, וויל ער האפט אז דיא פריינדשאפט און טריישאפט וועלכע ער וועט איהר וויעזען וועלען געווינען איהר ליעבע און זיא וועט זעלבסט איינוויליגען צו ווערן זיין פרוי.

עדיטהא איז געוועזען אויסער זיך. וויא האט מען עס געוואגט אויפצו־וועקען זיא פון זיסען טויט אום צו ברענגען זיא צו דיעזען שרעקליכען לעבען.

זיא האט געשריען, זיא האט געוויינט, אבער קארלאס וואר פעסט און ער האט זיא געסטראשעט דאס ער וועט זיא לעבעדיג בעגראבען אין איהר פריהערינגען זארג אין פאל ווען זיא וועט וואגען צו אנטלויפען פון דיעזען ארט.

עדיטהא וואר איין געפאנגענע. דיא בערג און דיא אויסגעארבייטעטע הייל׳ען ווארען געגען איהר וויא א פעסטונג. זיא איז אויך אימער זעהר שטרענג בעוואכט געווארען.

אויסער איהר פרייהייט און איהר רעכט האט איהר אין דיעזער געפאנגענשאפט ניט געפעהלט. דיא באנדיטען האבען זיא בעהאנדעלט מיט רעספּעקט, און אלעס וואס זיא האט געוואונשען און פערלאנגט איז זא פארט פערשאפט געווארען.

מיט דער צייט האט זיא זיך אונטערוואָרפען איהר טרויעריגען שיקזאל. זיא האט געוואוסט אז זיא מוז איהר גאנצען לעבען בלייבען דיא געפאנגענע פון דיעזער רויבער באנדע.

אויך דער געפיהל פון זעלבסטשטענדיגקייט איז ביסלאכווייס פון איהר פערשוואונדען. דער שטארקער, ענטשלאָסענער, און מעכטיגער קארלאס האט זיא בעהערשט מיט זיין אייזערנעם ווילען, דערצו האט ער צו איהר געוויזען וויכהערציגקייט און איין אונענדליכע ליעבע. דיעזעס צוזאמען האבען געווירקט אויף דער גערויבטער רינצעסין, דאס זיא האט זיך אונטערגעגעבען צו זיין ווילען.

נאָכדעם ווי קאַרלאָס האָט ערדייכט דיזען זיג איז צווישען דער פירסטען און איהם קיין פיינדשאַפט ניט געווען. ער האָט זיך אייניגע מאָל ערלויבט צו פערלאַנגען פון איהר זי זאָל ווערען זיין געזעצליכע ווייב אָבער אויף דעם האָט זי אימער געענטפערט : — ניעמאַלס !

אין א געוויסען טאָג איז די פירסטען עדיטהא געזעסען אַליין אין דער הייל. זי האָט געלעזען א בוך וועלכען קאַרלאָס האָט איהר פערשאַפט.

פּלוצלונג האָט זי דערהערט א ווילדען געשריי און דעם קנאַקען און קלאַ-פּען פון געוועהר.

קאַרלאָס איז אַריינגעלאָפען אין הייל.

— פירסטין ! — האָט ער געזאָגט — אַלעס איז פערלאָרען.

עדיטהא איז אויפגעשפרונגען.

— וואָס איז געשעהען, קאַרלאָס ?

— האָט איהר געהערט ווי מען האָט געשאָסען? דער גאַנצער לאַגער איז ארומגערינגעלט. מיינע לייטע קעמפען ווי לייבען, אָבער זיי וועלען בעזיגט ווע-רען. איך קום צו זאָגען אייך לעבע וואָהל. איהר מוזט זיך רעטען. איך וועל אייך ווייזען א וועג.

— און איהר קאַרלאָס ?

— איך וועל שטאַרבען צוזאַמען מיט מיינע לייטע, וועלכע האָבען מיר געדיענט ווי טרייע מענשען. מיין פּלאַץ איז צווישען מיינע קאַמעראַדען.

קאַרלאָס האָט דיזע ווערטער געשפּראָכען אין אַן איינפאַכען טאָן.

עדיטהא האָט געוואָרפען א פערוואונדערטען בליק. דיזער מאַן בעזיצט די מעלות פון א מאַן, וועלכע מען זעהט זעלטען. וואָרום זאָל דיזער מאַן פיהרען אזא עלענדען לעבען. איז ער ניט ווערט און ניט אימשטאַנדע צו פיהרען זיין לעבען אין דער אַנשטענדיגער געזעלשאַפט און נאָך די געזעצע פון אָרדנונג און מענשליכקייט ?

— קומט פירסטין ! — האָט קאַרלאָס געזאָגט, און האָט זי גענומען ביין האַנד. איך וועל אייך ווייזען דעם אַרויסגאַנג, פון דאָרט קענט איהר זיך אַליין רעטען. נעהמט מיט זיך דיזעס.

ער האָט איהר איבערגעגעבען א פּעקעל מיט גאָלד און זילבער.

— וואָס שלאָגט איהר מיר פאָר קאַרלאָס ? איך זאָל פון אייך נעהמען דאָס געלד ?

— נעהמט עס פירסטין.

— ניעמאָלס!

— איך בעט אייך, איהר זאָלט עס נעהמען. עס איז עהרליך פערדינטעס געלד, עס איז דאס געלד וואס איך האב פערדיענט ווען איך בין געווען איין אנדער מענש. נעהמט עס עדיטהא. וויזט מיר דיעזע לעצטע פריינדשאפט.

דיא פירסטין האט עס אלץ ניט געוואלט נעהמען.

— איהר דארפט פון דעם מאכען איין אנדער געברויך, קארלאָס?

— ניין, — האט ער געענטפערט — איך בעט אייך נאך אמאל. גראדע דיע־זעס געלד וואלט איך וועלען דאס קיין אנדערער זאל בעזיצען אויסער אייך.

און אלס עדיטהא האט זיך נאך אלץ געלאָזט בעטען. האט ער אריינגעדריקט דאָס געלד אין איהר האנד און האט זיא אוועקגעפיהרט דורך פערשיעדענע פינסטע־רע וועגען אין הייל.

— נאך איין וואָרט פירסטין. אין דיעזען אייגענבליק שטעה איך פאר'ן טויט. איהר קענט ניט זאָגען דאָס איך האב אייך שלעכט בעהאנדעלט.

— ניין, קארלאָס.

— איהר ווייסט דאס איך ליעב אייך און דיעזע ליעבע צו אייך האט מיך געמאכט וואהנזיניג, אבער זיא האט מיך אויך פערהיט פון פיעלע שלעכטע זאכען.

ער האט גענומען עדיטהא'ס האנד און האט זיא געקוסט.

— פירסטין ווען איך בין יעצט א רויבער און א באנדיט וועלכען דיא גאנצע וועלט פעראכטעט, דאָך בין איך אין אבשטאמונג גלייך צו אייך. איך בין דער זאהן פון איין עדעלמאן, וועלכער האט ניט געוואהנט צו וויט פון אייך, דעם נאָמען דארף איך אייך ניט זאָגען, איהר האט א גוטע געדעכנים, איהר וועט זיך עראינערען אויף א קנאבע וועלכער האט מיט אייך זעהר אפט געשפיעלט, דיעזער קנאבע בין איך —

אין דיעזען מאָמענט האט געקראכט א גרויסע קויל. עדיטהא איז פערצוי־טערט געוואָרען. אבער מיט דעם געפיהל פון מיטלייד האט זיא געזאָגט:

— אנטלויפט מיט מיר קארלאָס!

— ניין, איך האב אייער ליעבע ניט געקענט געווינען דארום וויל איך ניט פערלירען אייער אכטונג, ווען איך שטעה פאר'ן טויט. גערט מיט יענעם שמאָלע־ווענ־ אָבער וואָרט, איך מיז געהן פאראויס, דען מען מוז דארט אויפהייבען א שווע־רען שטיין און איהר זייט שוואך דערצו.

ער איז געגאנגען פאראויס. דער שטיין וואס האָט פערשלאסען דעם אויסגאנג וואר ווירקליך שווער, קארלאָס האט איהם מיט מיהע אויפגעהויבען.

פון דיעזען וועג האט מען זיך בעגעבען אין א צווייטע הייל פון פעלזען.

— יעצט מוז איך מיך פון אייך שיידען! — האט קארלאָס געזאגט, נאכדעם וויא ער האט איהר געוויזען דעם וועג וועלכען זיא דארף געהן — איהר וועט ניט האבען זעהר פיעל מיטלען. זאָגט וואָס וועט איהר טהאן?

עדיטהא וואר צופיעל אויפגערעגט אלס זיא זאל זאָגען א וואָרט.

קארלאָס האט עס בעמערקט. ער האט אָנגענומען איהרע הענד און האט זיא געקוסט.

— לעבט וואהל עדיטהא, גאָט זאָל זיין מיט אייך!

דאן איז ער אוועק צוריק. עדיטהא איז געבליעבען שטעהן מיט'ן האנד אויפ'ן הארצען, זיא האט געהערט דיאווילדע געשרייען, זיא האט געהערט דעם יאמערען פון דיא שטערבענדע און פערוואונדעטע.

שפעטער א ווײלע האט זיא זיך געלאָזט געהן דעם וועג.

וועהרענד דיעזעס איז געשעהן, האבען אויך אנדערע זאכען פאסירט אין אנדערע געגענדען. נאך א האלב יאָהר האט דער גראף פאָן מעהרען געהייראטהעט עדיטא'ס שוועסטער.

דיא האָכצייט איז געוועזען א גאנץ איינפאכע. ניט טהוזנעלדא און ניט דער גראף האבען געליעבט דעם פראכט און גלאנץ און דערצו איז איבער דעם האָף געלעגען דער טרויער פון עדיטהא'ס טוידט.

פאר דעם פירסט פון קאראראַ איז געבליעבען א געהיימניס דיא גאנצע ליעבעס געשיכטע פון זיין פערשטאָרבענער טאָכטער. ער האט ניט געוואוסט אז עדיטהא האט געלאזען א קינד, וועלכע דער גראף האט צוגענומען צו זיך.

דער גראף איז מיט זיין ווייב און דער קליינער מרים אבגעפאָהרען נאך דייטשלאנד און האט זיך בעזעצט אין זיין גוט אין מינכען. א קורצע צייט נאכדעם איז טהוזנעלדא געשטאָרבען. נאך איידער דער גראף האט זיין פרוי בעערדיגט האט ער ערהאלטען דיא נאכריכט פון איטאליען דאס דער פירסט פון קאראראַ איז געשטאָרבען. דעם גרעסטען טהייל פון זיין פערמעגען האט ער איבערגעלאָזען פאר זיין טאָכטער טהוזנעלדא, וועהרענד דיא איבעריגע האט ער פערטהיילט אויף וואָהלטהאטען.

דיא קורצע צייט, וואס דער גראף האט געלעבט מיט זיין פרוי וואר קיין אונגליקליכע, אָבוואהל דער גראף האט ניט פערגעסען זיין ליעבע צו עדיטהא'ן און איהר געשטאַלט האט אימער געשוועבט פאר זיינע אויגען. דער טוידט פון זיין

יונגער פרוי האט איהם זעהר וועה געטאהן, בעזאנדערס ווייל ער האט געליעבט עדיטהא׳ס קינד, מרים, גלייך וויא זיא וואלט געווען זיין אייגענע. צוליעב דיעזער מרים איז ער אויך געווען געצוואונגען צו הייראטהען א צווייטען מאל. ער האט גענומען דער ארימע לאורא, וועלכע האט איהם אין א יאהר נאך דער האכצייט געשאנקען א טאכטער — העדוויג. דער גראף האט ניט געצווייפעלט דאס העדוויג איז זיין קינד.

ווען דער גראף וואלט געהאט דיא קלענסטע אהנונג דאס עדיטהא לעבט, זא וואלט ער אלעס אנגעווענדעט אום צו געפינען און געווינען דיא פערזאן וועלכע ער ליעבט אזוי שטארק. אבער וויא האט ער עס גאר געקענט דענקען? ווער האט עס געקענט גלויבען דאס א מאן וועלכער ליעבט אויך דיעזער פירסטין האט איהר איינגעגעבען א פולווער פון וועלכען זיא איז געבליבען אין א צושטאנד פון שיין-טויט און האט זיא נאכדעם ארויסגעגנב׳ט פון איהר קבר.

קארלאס האט עס אבער געטהאן. ער האט זיך זאגאר ניט אבגעשראקען פיעללייכט וועט עדיטהא איינשלאפען און וועט קיין מאל ניט ערוואכען. איהם איז עס אבער געלונגען, עדיטהא איז בעגראבען געווארען און ער האט זיא צוריק ארויס-גענומען און אויפגעוועקט צו א נייען לעבען.

— א נייער לעבען? — ניין עס ווער א לעבען פון מאטערנעש, פון געפאנ-גענשאפט.

עס האט איהר זאגאר קיין זאך ניט געפעהלט. דיא באנדיטען האבען אלעס אנגעווענדעט אום צו מאכען איהר דעם לעבען בעקוועם, אויך קארלאס האט זיך פאר איהר אויפגעפיהרט זעהר עדעל און האט געזוכט צו געפינען טרייע ליעבע. דאס האט געמאכט דאס דיא פורכט וואס עדיטהא האט פאר איהם געהאט איז פערשוואונדען.

זיא האט איהם אמאל געפרעגט אויב ער האט ערמארדעט איהר געליעבטען ווילליאם אף בראנד.

קארלאס האט עס געלייקענט אין דעם היילעגסטען טאן זא דאס עדיטהא האט ניט געקענט צווייפלען דאס ער זאגט דיא ווארהייט.

ער האט אויך דיא ווארהייט געזאגט, דען ווילליאם וואר ניט טויט. ער וואר דאך נור אין א משוגעים הויז.

ער האט זיך נאטירליך געהיט ארויסצוגעבען דיא געהיימנים פאר עדיטהא׳ן, אבער איהר פראגע האט ער געמוזט ענטפערען מיט ניין, דען ער האט געוואוסט,

דאס וויא עדיטהא וועט ערפאהרען דאס געהיימנים קען ער ניט האפען צו געווינען זיא פאר זיך.

עס איז ענדליך געקומען דער טאג ווען קארלאס אליין האט געוויזען דער פירסטין דעם וועג צו אנטלויפען פון איהר געפענגניס.

א מערקווירדיגער געפיהל איז אריין אין עדיטהאס ברוסט, ווערענד זיא איז געגאנגען איבער דעם איינזאמען וועג.

זיא האט זיך געפונען ניט גאנץ ווייט פון דעם פלאטץ וואו דער קאמפף איז פארגעקומען. זיא האט געהערט דעם גערויש פון דיא געוועהר און דעם קראך פון דיא ביקסען, און עס האט איהר אויך געשיינט דאס זיא הערט וויא מען שרייט און וויא מען קרעכטצט.

זיא האט זיך אבגעשטעלט און האט זיך צוגעהערט.

דיא שטימע איז ביסלאכווייס געווארען שוואכער און שוואכער.

ערסט יעצט איז עדיטהא געקומען דערצו צו דענקען וועגען איהר אייגענער לאגע אין וועלכער זיא האט זיך געפונען.

איהר לאגע וואר טרויעריג גענוג.

עדיטהא האט זיך שוין לאנג גערעכענט אונטער דיא טויטע. זיא איז שיין געוועזען בעוויינט און בעקלאגט, אבער דאך האט זיא נאך געלעבט.

וואס זאל זיא יעצט טהאן ? זאל זיא צוריק געהן און זאגען איך בין ניט טויט, איך לעב נאך, נעהמט מיך ווידער אויף אלס אייערע ?

ניין, ניין, — דאס קען זיא קיין מאל ניט טהאן.

זיא האט דאך געמוזט פערראטהען דעם שווארצען קארלאס. אבוואהל זיא וואר צו איהם מיט קיין זאך ניט פערפפליכטעט, דאך האט איהר געשיינט דאס זיא דארף איהם יעצט ניט פערפאלגען.

קארלאס האט זיך גענען איהר שווער פערזינדיגט, ער האט גערויבט איהר פרייהייט, אבער דיא בעהאנדלונג וואס ער האט איהר געגעבען ווען זיא איז געוועזען אין זיין האנד, און דערצו זיין ענטשלוס דאס אנשטאט וואס ער זאל מיט עדיטהא׳ן אנטלויפען איז ער געבליבען שטארבען צו זאמען מיט זיינע קאמעראדען האט גע־ווירקט זעהר שטארק אויף עדיטהא׳ס הארץ. זיא האט איהם ניט געקענט פעראכ־טען, זיא האט זאגאר געמוזט מיט איהם סימפאטעזירען.

וואלט זיא געאהנט דאס קארלאס האט זיא בערויבט פון איהר געליעבטען און האט פערטריבען דעם פאטער פון איהר קינד זא וואלט זיא זיך בעסער געלאזט שטעבען אלס צו לעבען וויא א געפאנגענע אין זיין הויז.

עדיטהא האט גאר קיין האנונג ניט געהאט וואו זיא האט זיך יעצט געפונען, אבער וויכטיגער פון דיזער פראגע, איז געווען דיא פראגע וועגען איהר צוקונפט. זיא האט געמוזט פאסען איין ענטשלוס, און איהר ערסטער גדאנק איז געווען צו בעגעבען זיך צו איהר פאטער'ס שטארט אום צו ערפאהרען וואס עס איז אונטער דער צייט געשעהן.

זיא האט נאך ניט געוואסט, אויב זיא זאל דעם פירסטערליכען שלאס בעזו־בען און זאל זיך לאזען ערקענען פאר איהר פאטער; אבער זעהן האט זיא איהם געוואלט און האט אויך געוואלט הערען וועגען איהר שוועסטער טהוזנעלדא, וועגען דעם גראף, און מעהר פון אלעם וועגען איהר קינד.

זא לאנג זיא איז געווען קארלאס געפאנגענע האט זיא אונטערדריקט איהר וואונש צו זעהן איהר קינד.

יעצט אבער אז זיא איז פריי, יעצט ווען זיא האט קיינעם ניט וואס זאל קענען שטערען איהר וואונש, יעצט איז איהר בעפאלען דער וואונש דאס זיא וועט בעסער לויפען נאך מינכען אום צו זעהן איהר קינד און צו דריקען זיא צו איהר ברוסט.

דאך ניין, דאס איז אויך ניט געגאנגען. עדיטהא האט דיעזען גדאנק אויפ־געגעבען, וועיל ווען זיא האט איהם גוט בעטראכט האט זיא געזעהן וויא אונאויס־פיהרבאר ער איז.

ניעמאלס דארף זיא בעטרעטען דעם גראפ'ס הויז.

זיא האט דעם גראף געקענט, זיא האט געוואוסט וואס פאר א שטארקען כאראקטער ער האט, זיא האט געוואוסט און האט געפיהלט דאס דער גראף האט זיא נאך ניט פערגעסען.

און זאגאר ווען דאס זאל יא זיין, אין פאל ווען דער גראף האט ביי טהוזנעל־דא'ן געפונען אזא גליק, וואס האט איהם געטרייסט נאך זיין וואהרער געליעבטער, זא וועט איהר ערשיינונג זיין וואונד אויפרייסען אויף דאס נייע.

וויא שטארק זיא האט דעם גראף געאכטעט, וויא גרויס איהר פריינדשאפט איז געווען צו איהם, וואלט זיא זיך דאך קיין מאל ניט קענען בעשליסען צו ווערען זיין פרוי. דער אנדענקען פון איהר ערמארדעטען געליעבטען איז געלעגען טיעף אין איהר ברוסט, עס האט ניט געגעבען אין דער וועלט איין זאך וואס זאל זיין אזוי שטארק און מעכטיג דיעזען אנדענקען ארויסצורייסען.

דאן האט עס זיך דאך ניט געהאנדעלט בלויז וועגען איהר און דעם גראף. וועט זיא דען ניט שטערען טהוזנעלדאס גליק?

פיעללייכט איז טהוזנעלדא׳ן געלונגען צושמידען דעם גראף צו זיך, פיעל־לייכט לעבט זיא וועניגסטענס אין דער פאנטאזיע אז דער גראף ליעבט זיא, דיעזע פאנטאזיע וועט מוזען אויפהערען אין דעם מאמענט וואס עדיטהא וועט דורכקרייצען איהר וועג.

עדיטהא האט נאטירליך ניט געוואוסט אז דער גראף פאן מעהרען איז געוואָרען איין אלמן, ווען זיא וואלט דאס געוואוסט וואלט איהר בעשלוס פיעללייכט געוועזען איין אנדערער.

אזוי האט זיא אונטערדריקט איהר שטרעבען צו זעהן יעצט איהר קינד, וורייל זיא האט געזעהן דאס זיא קען עס ניט אויכפיהרען.

וויא אזוי זיא זאל אויספיהרען איהר בעשלוס, צו זעהן איהר פאָטער האט זיא נאך ניט געוואוסט, צו ערסט האט זיא דאך געמוזט אויסגעפינען אין וועלכען געגענד זיא געפינט זיך יעצט.

גאנץ אפט איז איהר געקומען דער געדאנק, אויב מען וועט זיא איבערהויפט ערקענען?

זיא האט געמיינט דאס זיא איז אויסערליך געווארען א גאנץ אנדערע, נאכ־דעם וויא זיא איז געלעגען אין איהר קבר פונקט וויא זיא איז געווארען איין אנדערע אין אלע איהרע געפיהלען און געדאנקען. דען צייט מען האָט זיא ארויסגענומען פון קבר איז זיא געווארען איין אנדער מענש. זיא איז געוואָרען פיעל ערנסטער, זיא איז מעהר ניט געהאנגען אן דיא פערגעניגענס וויא פריהער. זיא איז צו אלעם געוועזן גלייכגילטיג, גלייך וויא זיא וואָלט געוועזן אין יענעם מערקווירדיגען אָרט, דער ארט וואס האט נור איין טהיר און דיעזע טהיר איז דער קבר, עס האט איהר געשיינט דאס זיא שטעהט נאך אין פערבינדונג מיט יענעם אָרט.

נאך לאנגען ארומגעהן איבער פערשיעדענע וועגען אין וואלד האט זיא געפו־נען דעם שאסיי.

זיא וואר איינפאך געקליידעט, אויף איהר געזיכט האט זיא געטראָגען א שלייער און אויפ׳ן קאפף איין איינפאכע הוט.

פלוצלינג האט זיא הינטער זיך דערהערט טריט. זיא האָט זיך אומגעקעהרט און האט געזעהן סאָלדאטען מיט אויפגעשטעלטע באיאָנעטען, וועלכע געהן אונטער דער פיהרונג פון איין אפיצער, דיעזע סאָלדאטען פיהרען א האלב דוצענד געפאנ־גענע, און צווישען דיעזע געפאנגענע האָט זיא אויך ערקענט דעם שוואַרצען קארלאס.

עדיטהא איז פערציטערט געוואָרען.

זא איז זיין וואונש צו שטארבען צו זאמען מיט זיינע קאמעראדען נים ערפילט געוואָרען.

עדיטהא האט איהם צו גוט געקענט, זיא האט געוואוסט דאָס ער האט זיך ניט בעהאַלטען און ניט געשראָקען פאר'ן טויט וויא אַ שוועבלעכל. מען האט איהם וואהרשיינליך פּלוצלינג בעפאלען און פערהאפטעט.

זיא האט אבגעווענדעט איהר געזיכט אָן א זייט מיט דער האפנונג דאס קארלאס וועט זיא ניט זעהן, אבער זיינע שארפע אויגען האָבען זיא שיין ערקענט און עדיטהא'ן האט געשיינט דאָס א שווערער זיפץ האָט זיך פון זיין ברוסט ארויסגעריסען.

אלס דער עטאפּ איז פאָראיבער האט עדיטהא נאכגעקוקט דעם געפאַנגענעם הויפטמאן.

— זא לעבט ער נאך? — האט זיא געמורמעלט.

עס האט געדויערט א לאנגע צייט איידער זיא האָט בעקעמפפט דעם איינדרוק וואָס קארלאָס ערשיינונג האָט אויף איהר געמאכט.

דערווייל האט אנגעפאנגען צו ווערען פינסטער און נאך אלץ האָט עדיטהא ניט געוואוסט וואו זיא געפינט זיך.

זיא איז געגאנגען גלייך מיט דעם וועג. איהרע קרעפטען זיינען שוין ערשעפּפט געוואָרען. זיא איז געגאנגען גאנץ לאנגזאם. דיא סאלדאטען וואָרען שוין לאנג וויט פון איהר.

אלס דיא נאכט איז אנגעקומען האט זיא פון וויטען דערזעהן א דארף. היער האט זיא ענדליך געקענט אויספרעגען וואו זיא איז און היער האט זיא ווירקליך ערפאהרען דאָס זיא איז בלויז אייניגע מיילען פון גענוא.

זיא וואר צו שוואך צו געהן וויטער איהר וועג. זיא וואר געצוואונגען איבערצושלאָפען דיא נאכט אין האָטעל, און ערסט יעצט האָט זיא פערשטאנען צו דאַנקען דעם שוואַרצען קארלאָס פאר דאָס געלד וואָס ער האָט איהר געגעבען, דען אהן דאָס געלד וואָלט זיא ניט געהאט פאר וואָס צו רוהען פאר וואָס צו עסען.

דער האָטעל וואר פול מיט מענער און דער איינציגער געשפּרעך פון אלע בעזוכער איז געווען נור פון דעם גרויסען איבערפאַל וואָס דיא סאָלדאטען האבען געמאכט אויף קארלאס באנדיטען און אויף דעם וואָס קארלאָס אליין איז געפאנגען געוואָרען.

עדיטהא האט יעדען געשפּרעך צו געהערט מיט דער גרעסטער נייגעריגקייט. דא איז געזעסען אין דעם הינטערסטען טהייל פון האטעל. דיא ווירטין פון

חויז האָט זיך געזעצט נעבען איהר און זא זיינען די מענער ניט זעהר שטאַרק אויפגעפאַלען אויף דיעזער פרוי אין גאסטהויז.

פלוצלונג האָט מען דער הערט שנעלע שריט אין קאָרידאָר, די טהיר איז אויפגעריסען געוואָרען און א ווילד אויסזעהענדער מאַן איז אריינגעפלויגען. פון זיין שטערען האט געגאָסען שוויים. ער וואר אין גאנצען צוהיצט, זיינע אויגען האבען געגליהט און זיין ראָק האָט זיך איהם נאָכגעשלעפּט.

— הייליגע מאריע, — האָבען די מענער אויסגערופען — וואָס איז דאָס, ביזט דוא עס דזשיוזעפּי ?

דער מאַן איז געבליבען אייניגע מינוטען שטעהן אויף זיין אָרט, דאַן האט ער זיך געוואָרפען אויף א באַנק און האָט געענטפערט:

— מארדיא! דאס בין איך.

— אבער דוא ביזט פריי וואו זיינען די אַנדערע?

דזשיוזעפּי איז אויפגעשפרונגען.

— איך האָב מיך אויסגעריסען, עס איז מיר געלונגען צו בעפרייען זיך. ווייסט איהר וואו מען קען זיך בעהאלטען? און אין אייניגע מינוטען וועט קארלאָס אהער קומען.

— וויא? וואס? — האָבען אייניגע שטימען געשריען — קארלאָס איז אויך פריי?

— יא. אבער מען יאָגט איהם נאָך, איך לויף פאָראויס אום צו געפינען פאר איהם א בעהאלטעניש.

— הא, ווידם, וואס איז מיט אייער קעלער?

דער ווירט האָט געענטפערט אייניגע ווערטער דאַן האט ער זיך אונטערהאַל־טען מיט די איבעריגע געסט.

ער האט צו ערסט געוואָרפען א בליק אויף זיין פרוי און האט איהר דערביי צוגעוואונקען אויף עדיטהא'ן.

די פרוי האט א נויג געטהאן מיט'ן קאָפּף, גלייך וויא זיא וואלט איהם גע־זאָגט דאס ער דארף פאר איהר ניט פירכטען.

עדיטהאָ האט דאָס אלעס צוגעהערט און איז פערציטערט געוואָרען, אלס זיא האט געהערט אז קארלאָס איז פריי, אז ער קען יעדען אויגענבליק אהער קומען; דאס ער קען זיך מיט איהר דא טרעפען און דאס.... אבער זיא האָט גאר ניט גע־וואָלט ווייטער דענקען דעריבער, דאס אייציגע איז זיא געוועזן זיכער דאס זיא דארף איהם נאך אמאל ניט זעהן, דאס זיא מוז פארט־געהן אזוי שנעל וויא נור מעגליך.

א מאָמענט לאַנג האט זיא נעקעמפפט מיט דיא געדאַנקען אויב זיא זאָל דאָס הויז פערלאַסען. דאס הויז איז געשטאַנען אם ענדע פון דאָרף און זיא האָט געקענט געפינען איין אָרט, וואו צו בעהאַלטען זיך פון שוואַרצען קאַרלאָס. דאך, ניין, דיעזען געדאַנק האט זיא זאפארט אויפגעגעבען. זיא איז דאך אונבעקאַנט אין דעם געגענד, זיא קען אריינפאלען אָדער צו דיא רויבער אדער צו דיא סאָלדאַטען. זיא האט דאס דארום ניט געדארפט וואַגען. איהר איינציגע רעטונג איז נור געווען זיא זאָל שנעל וויא מעגליך אריינגעהן אין איהר צימער.

— איך בין מיעד מאַדאַם, — האט זיא געזאָגט — ווען איהר זיין אזוי פריינד־ליך און ווייזען מיר מיין צימער?

— יאַ — האט דיא ווירטהין געזאגט — געהט צו אייער רוהע. אייער אויפענ־האַלט אין דיעזען אָרט איז ווירקליך ניט גוט.

— ווען דיא סאָלדאַטען אהער קומען?

— גאַנץ געוויס?

— וועלען זיי דאס גאַנצע הויז אויסזוכען?

— זעהר וואהרשיינליך.

— אויך דאס צימער אין וועלכען איך שלאָף.

— יאַ, דאָס קענען מיר ליידער ניט ענדערען; אָבער זייט מוטהיג, איך וועל אייך אנגעבען אלס מיינע א ווייטע פריינדין. קומט איך הער וויא מען שרייט אין דרויסען, קומט דורך דיעזער טהיר, מיר וועלען ניט געהן צווישען דיא מענער.

עדיטהאַ האט זיך האַסטיג אויפגעשטעלט.

זיא איז נאכגעגאַנגען דער ווירטהין דורכ'ן טהיר אין א צווייטען צימער, פון דאָרט זיינען זיי ארויף אויף טרעפּ און דיא ווירטהין האט איהר אָנגעוויעזען איהר צימער. עס וואַר א קליינער, אָרמער צימער.

עדיטהאַ האט זיך וועגען דעם ניט געקימערט. זיא וואַר שרעקליך אויפגע־רעגט ביי דעם געדאַנק, דאס קאַרלאָס וועט וויעדער ערשיינען און וועט זיא זעהן.

— איך וועל ניט קענען איינשלאָפען, — האט זיא געזאגט צו דער ווירטהין ווען איך שטעל מיך פאָר דאָס דיא סאָלדאַטען קענען אהער קומען.

— דאס קען מען ליידער ניט פערמיידען, — האט דיא ווירטהין געזאגט — דאס איינציגע קען איך אייך זאָגען, דאס ווען מען זאָל אייך דא געפינען אין דיא קליידער קען עס פאר אייך זיין שעדליך. לעגט אייך רוהיג שלאָפען און איך וועל זאָרגען דערפאר דאס איהר זאלט ניט געשטערט ווערען.

עדיטהאַ האט געפאלגט דעם ראַטה. אבער זיא האט זיך ערסט אויסגעטהאַן

און האט זיך געוואָלט לעגען אין בעט, ווען זיא האט אונטען דערהערטווילדע שטימען. זיא האט געהערט וויא וואפען קלינגען, און אהן א צווייפעל זיינען דאס דיא סאָלדאטען אָנגעקומען אום צו פערהאפטען דיא אנטלאָפענע. עדיטהא האט זיך אריינגעכאפט אין בעט, אָבער זיא האט ניט געקענט שליסען דיא אויגען, אין גאנצען קערפער האט זיא געציטערט און זיא האט אַלץ געקוקט צום טהיר, און האט ערווארטעט זיא זאל יעדען אויגענבליק אויפגעריסען ווערען.

דער לאַרם איז אונטען געוואָרען גרעסער. עדיטהא האט געהערט קולות, דאן א שאָס. איינינע מינוטען איז געווען שטיל, דאן האט דער לאַרם אויף דאס נייע אויסגעבראכען.

עדיטהא האט געגלויבט דאס מען האט דיא אנטלאָפענע געחאפט.

יעצט האבען געקראכט דיא טרעפ אונטער דיא מעכטיגע טריט פון מענער. עדיטהא האט געהערט וויא טהירען עפענען זיך און מאכען זיך צו.

יעצט זיינען געקומען דיא שריט צו דער טהיר פון איהר צימער: דיא טהיר איז אויפגעריסען געוואָרען און עדיטהא האט דערזעהן דיא געזיכטער פון איינינע סאָלדאטען.

— האב איך עס אייך ניט באַלד געזאָגט? — האט דיא ווירטהין געזאָגט מיט כעס — היער שלאָפט מיין קוזינע, פוי שעמט אייך, איין עהרענווירדיגע פרויענצימער צו בעפאלען ביי נאכט ווערענד זיא שלאָפט.

עדיטהא האט געהערט איינינע ווילדע ווערטער מיט וועלכע דיא סאָלדאטען האבען געענטפערט דער ווירטהין. אבער זיא איז לענגער ניט בעלעסטיגט געוואָרען. דיא טהיר האט זיך באַלד געשלאסען און דיא סאָלדאטען זיינען אוועק.

דיא גאַנצע נאכט האט עדיטהא פערבראכט אהן שלאָף.

אויף מאָרגען האט זיא זיך בעגעבען אויפ'ן וועג.

זיא וואָלט גערן געדונגען א פוהר צו פאָהרען נאך גענוא. אָבער א געוויסע פורכט האט זיא צוריקגעהאלטען. זיא האט געוואלט פערקעהרען מיט אזוי וועניג מענשען וויא מעגליך. זיא האט געוואוסט אלעם וואס טהוט זיך אין דעם פירסט־ליבען שלאָס, זיא האָט געוואוסט אלע געהיימע וועגען און צימערען און זיא האט געהאָפט צו בענוצען דיעזע געהיימע וועגען אום צו קומען צו איהר ציעל.

עס האט איהר זאָגאר געפעהלט דער שליסעל צום אייזערנעם טויער, אָבער זיא האט געהאָפט צו געפינען א געלעגענהייט וויא אריינצוקומען אין שלאָס.

זיא האט דעם גאנצען טאָג געוואַנדערט, און ווען עס איז געוואָרען אבענד, איז זיא אנגעקומען צו גענוא.

טראָץ איהר גוואלדינען וואונש צו זעהן איהר פאמיליע, האט זיא דאך ניט געהאט דעם מוטה אוועקצוגעהן זאָפארט צום פירסטליכען שלאָס.

זיא האָט זיך אויפגעהאלטען הינטער'ן שטאָדט און ערסט ווען עס איז געוואָרען שטארק פינסטער איז זיא אריין אין שטאָדט און האט דערזעהן איהר פאָטער'ס פאלאסט. דער פאלאסט איז געווען אין גאנצען איינגעוויקעלט אין פינסטערניס און עדיטהא האט געקראָגען א געפיהל, דאס איהר פאָטער'ס וואָהנונג איז איינגעוויקעלט אין טרויער.

לאנגזאם איז עדיטהא ארומגעגאנגען ארום ברעג וואסער. זיא האט זיך ערינערט אויף יענע שטונדען ווען זיא האט דא ערווארטעט איהר געליבטען.

דער הימעל וואר בעדעקט מיט א וואָלקען, ארום און ארום האט געהערשט א פינסטערניס. נור אין דעם ברעג פון ים האבען ארומגעטאנצט פייער'ן און פלאמען פון דיא שיפען און אין עדיטהא'ס אויערען האבען ווידער געקלונגען דיא ליעדער און דיא טענער פון דיא פרעהליכע הערצער, וואס זוכען זייער פערגניגען אויפ'ן וואסער.

מיט דער טיעפסטער בעוועגונג האט זיא זיך צוגעהערט צום געזאנג.—וואו זיינען פערשוואונדען יענע גליקליכע שטונדען, וואו איז יענער זיסער אויגענבליקע ווען איהר גאנצע הערץ איז געווען אָנגעפילט מיט דעם געדאנק, דאָס ער ליעבט זיא, דאס ער איז איהרער?

יעצט רוהט ער אין קאלטען ערד, וויא זיא האָט געגלויבט. און זיא האָט געדענקט וואס האט זיא יעצט אין לעבען.

דיא צוקונפט איז פאר איהר געלעגען פינסטער. ערסט יעצט איז איהר געקומען דער געדאנק, דאָס ווען זיא וועט זיך וועלען געבען צו ערקענען וועט מען אויך ניט גלויבען אין איהר געשיכטע.

אימער און אימער האָט זיא געבליקט צום פאלאסט, זיא האָט געהאָפט ווענינגסטענ'ס צו דערזעהן א בעלויכטענעם פענסטער, א צייכען דאס דיא לייטע אין פאלאסט לעבען.

אבער ניין, אלעס וואר פינסטער— פינסטער און שטיל.

יעצט זיינען געקומען לייטע, וועלכע האבען אויסגעזעהן צו זיין פון אדעלשטאנד.

עדיטהא וועלכע וואר פערשלייערט האט זיך געווענדעט צו איינעם פון דיא העררען.

— אך, פערצייען זיא מיר מיין העררי, — האט זיא צו איהם געזאגט — קענט איהר מיר זאגען צו וועמען געהערט דיעזע געביידע? איך בין שוין לאנג אין דער שטאדט ניט געוועזען און מיר שיינט דאס איך האב געקענט דעם אייגענטהימער פון דיעזען פאלאסט.

עדיטהא האט איהר שטימע פערשטעלט זאפיעל אלס מעגליך, דאך האט איהר געשיינט, דאס דער מאן האט זיך פאר איהר ערשראקען.

דער מאן האט געצויגען זיין הוט און האט געזאגט:

— דיעזער פאלאסט געהערט צום פירסט פאן קאראראַ.

— יעצט עראינער איך מיך, איך האב זיין נאמען געהערט.

— דאס גלויב איך! — האט דער מאן געזאגט — דער נאמען קאראַרא איז איבעראל בעוואוסט, אבער נאך א קורצע צייט און דער נאמען וועט פערגעסען ווערען.

עדיטהא איז פערציטערט געווארען.

— וואס מיינט איהר דערמיט? דער פירסט האט דאך א פאמיליע?

— ליידער ניט. ער האט געהאט צוויי טעכטער. איינע איז געשטארבען מיט א צייט צוריק, דיא צווייטע איז פערהייראטהעט נאך דייטשלאנד.

— און דער פירסט? האלט ער זיך אויף אין דייטשלאנד?

— דער פירסט איז טוידט!

עדיטהא האט געמוזט זאמלען אלע איהרע קרעפטען אום זיא זאל זיך ניט פערראטהען.

אויף איהרע ליפען האט געשוועבט א געשריי זיא האט איהם אבער אונטערדריקט מיט געוואלד. אבער איהר האט געשיינט דאס איהר הערץ ווערט צוּר שפרונגען אין טויזענד שטיקער.

דער פירסט פאן קאראַרא איז טוידט! — האט זיא וויעדערהאלט אין דער שטיל

— האט איהר איהם געקענט, מיין דאמע?

— מיר שיינט דאס איך האב איהם געקענט. וואר ער אלט?

— ער וואר זעכציג יאהר אלט. ער האט נאך געקענט לעבען, אבער אין א געוויסען מארגען האט איהם געטראפען א שלאג.

— איז ער געשטארבען אהן זינען?

דער געפרעגטער איז געבליבען שטעהן איבערראשט.

— מיין דאַמע, עס שיינט, אז איהר קענט דעם פירסט בעסער וויא איהר ווילט צוגעבען, אָבער זאָל זיין וויא עס איז, איך בין בעריים צו ענטפערען אייערע פראגען.

— אייער פערמוטהונג מיין הערר איז ריכטיג! — האט עדיטהא געענפערט — איך וויים אויך ווער איהר זייט.

— איהר קענט מיך?

— יא, איך האב אייך יעצט ערקענט. איהר זייט פון דעם פירסט'ס נעצעהל־טע פריינדע. איהר זייט דער נאָטאַר פון פערשטאָרבענעם פירסט. אייער נאָמען איז דאקטאָר מאנציני.

דער הערר האט זיך פערנייגט.

— יא, מאַדאַם, דאס בין איך. דארף איך פרעגען מיט וועמען האב איך דיא עהרע צו ריידען?

עדיטהא האט געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ.

— בעטראַכט עס ניט אלס איין אונהעפליכקייט ווען איך קען אייך דיעזע פראַגע ניט ענטפערען.

— וויא אייך איז בעליעבט.

— דאך בעט איך אייך, איהר זאָלט מיר מיטטהיילען אלעס וואָס איהר ווייסט פון פירסט, איהר האט שוין פון מיינע פריהעריגע פראגען פערשטאַנען דאס איך האב אַ גרויסע אינטערעסע אין דעם פירסט.

— איהר ווייסט מיין גנעדיגע דאַמע, דאָס איך בין געווען דעם פערשטאָרבע־נעמס אדוואָקאַט און האב דארום געוואוסט אלע זיינע געשעפטען. איך קען דארום גאָר ניט גלויבען, דאס אַ פרעמדע דאַמע האט מיט איהם געהאט געוויסע פער־בינדונגען.

— פיעללייכט איז דאס ווירקליך אזוי געווען. דאך, פיעללייכט האט איהר עטוואס אַ פערדאַכט, זא וועל איך אייך פערזיכערען דאס מיינע פראגען זיינען פון ריינער נייגעריגקייט; אבער זיי קענען אין קיין זאך ניט בעריהרען דיא אינטערעסען פון דעם פערשטאָרבענעם.

דער אדוואָקאַט האט געוואָרפען אַ פאַרשענדען בליק אויף דיעזער דאַמע.

עס וואַר שוין דונקעל און עדיטהא האט געטראָגען אַ שלייער אויף איהר געזיכט און דארום האט ער זיא ניט געקענט ערקענען. דאך האט ער געפיהלט דאס ער קען איהר געטרויען און האט פאר איהר ניט וואָס צו פירכטען, און דארום האט ער איהר ענדליך געזאָגט.

— ביטע פרעגט מיך וואס איהר ווילט. וואס איך ווייס, איז קיין געהיימניס, איהר קענט עס פון יעדען איינעם ערפאהרען. איהר האט מיך געפרעגט אויב דער פירסט איז געשטאָרבען מיט בעזינונג. ער איז געלעגען דריי טעג אין קאמפף מיט דעם טויזט און אלס עהרליכער מאַן, האט ער איינינע שטונדען פאר זיין טויזט פערזאָרגט אלע זיינע געשעפטען.

— איין טאָכטער איז געשטאָרבען, דאן איז דיא צווייטע טאָכטער געבליבען דיא ערבין פון זיין גאנצען פערמעגען? — האט עדיטהא געפרעגט.

— יאָ, — האט דער אדוואָקאט געענטפערט — טהוזנעלדא, דיא פרוי גראף פאָן מעהרען, האט ערהאלטען א גרויסען טהייל פון זיין פערמעגען, אָבער דער פירסט האט אויך געלאזען פיעל אויף וואהלטהעטיגע אנשטאלטען און פרומע צוועקען.

— און דיעזעס הויז? — האט עדיטהא געפרעגט.

— דעם פירסט'ס טאָכטער האט קיין אנשפרוך אויף דעם הויז ניט געמאַכט, זיא איז דארום פערקויפט געוואָרען.

— און וואָס איז געשעהן מיט דיא דיענער? — דער פירסט האט דאך געהאט א גרויסע צאהל דיענער.

— דיא דיענער זיינען גוט פערזארגט געוואָרען.

— וואו ליעגט דער פירסט בעגראָבען?

— אין זיין פאמיליען־גראב.

— ווער איז דער יעצטיגער בעזיצער פון הויז?

דער אדוואָקאט האט געענטפערט א נאָמען וועלכער וואר גאנץ פרעמד פאר עדיטהא'ן.

נאכדעם וויא זיא האט געשטעלט נאך איינינע פראגען צום אדוואָקאט און ער האט איהר גענוי געענטפערט האט זיא איהם בעדאנקט און איז אוועק.

דער נאָטאר האָט זיא אָנגעקוקט.

— זעלטענע ערשיינונג? — האט ער געמורמעלט — איהר געשטאלט עראינערט מיך אויף דער פערשטאָרבענער פירסטין עדיטהא. נאטירליך, דאס איז א נאַריש־קייט. אָבער פיעללייכט האט דער פירסט.... יאָ, יאָ, ער איז געוועזן ניט מעהר וויא א זינדיגער מענש....

עדיטהא איז אוועק מיט האסטיגע שריט. זיא האט געמוזט זיין אליין, גאנץ מיט זיך אליין.

זיא האט זיך באלד געוואָרפען אויף א באנק, האט צונעדריקט איהר געזיכט מיטביידע הענד און האט זיך צו וויינט.

דיא טרעהרען וועלכע האבען זיך געגאָסען וויא קוואלען האבען עטוואס לייכטער געמאכט איהר הארץ און עדיטהא האט יעצט גענומען איבערקלעהרען דיא גאנצע פערגאנגענהייט פון איהר לעבען.

זיא האט זיך פריהער געפרייט מיט דער האפנונג דאס זיא וועט איהר פאטער קענען זעהן. יעצט איז ער טויט!

— אך וויא אונגליקליך איהר געהט אין לעבען. וואס האט מיט איהר ניט פאסירט! עדיטהא האט זיך פארגעשטעלט דיא געשיכטע פון לעצטען יאהר. זיא האט זיך אויך פארגעשטעלט דעם טאָג ווען איהר מוטער איז געשטאָרבען און האט זיא איבערגעלאזט א קליינע יתומה.

עדיטהא האט זיך יעצט פארגעשטעלט וויא איהר מוטער איז געווען אויף איהר שטערבע בעט.

איהר מוטער איז געווען א געבארענע באראָנין פון ערלין, דיא עלטעסטע שוועסטער פון דעם באראָן אטאמאר פון ערלין וועלכער איז אונז גוט בעקאנט. אבוואהל זיא איז געזעלשאפטליך געשטארבען פיעל ניעדעריגער פון דער פירסטליכער פאמיליע פון קארארא, דאך האט זיך דער פירסט אין איהר געליבט א גאנץ לאנגע צייט און נאכדעם ווען זיי האבען געהייראטהעט, האבען זייא געלעבט גליקליך און צופרידען.

איין וואלקען האט פערדעקט זייער גליק. דיעזער וואלקען איז געווען דעם פירסט'ס הייסער וואונש זיין פרוי זאל איהם שענקען א זאָהן. און דאס איז ניט ערפילט געווארען

ניעמאלס האט דער פירסט אויף איהר געזאגט איין אונצופרידענעם ווארט, ער איז אימער געווען דער גוטער, ליעבליכער, אויפמערקזאמער מאן וועלכער האט זיך אויך ניט פערגעסען צו בלייבען דער גאלאנטער קאוואליער זאָגאר נאך דער האכצייט.

אבער פלוצלונג איז דיא פירסטין קראנק געווארען און איז געשטארבען.

עדיטהא האט זיך ערינערט וויא מען האט דאן טעלעגראפירט צו איהר שוועסטער אין ראָם, און איידער טהוזנעלדא איז געקומען וואר דיא מוטער שוין טוידט.

דער פירסט האט ניט געוואלט אבטרעטען אויף איין אויגענבליק פון זיין

שטערבענדער פרוי. דאך זיא האט איהם געבעטען ער זאל זיא לאזען אליין מיט איהר קינד עדיטהא.

און אלס עדיטהא איז געשטאנען אויף איהרע קניע און האט געקוסט איהר מוטערס קאלטע האנד האט איהר מוטער געקוקט אויף איהר קינד און פון איהרע ליפען זיינען ארויס ווערטער וועלכע עדיטהא האט ניט געקענט פערשטעהן גאנץ גענוי.

אבער איינינע זאכען האט זיא דערפון יא פערשטאנען. פון דיא צובראכענע ווערטער וואס דיא שטערבענדע האט גערעדט איז געווען צו פערשטעהן, דאס עס הערשט א געוויסע געהיימניס, א געהיימניס וואס מוז איהר און איהר שוועסטער בריינגען גליק פון איין אונגענדליכען פערמעגען. דאן האט דיא שטערבענדע גע־שפראכען פון דיא באנק אף ענגלאנד, פון פאפירען און האט אויך ערמאנערט דעם נאמען מענצעל. עדיטהא האט גענלויבט דאס דיעזע ווערטער האט זיא געהערט, דען איהר גאנצער געדאנק וואר דאן וועגען איהר שטערבענדע מוטער.

פאסט קיין מאל האט זיך עדיטהא ערינערט אויף דיא לעצטע ווערטער פון איהר פערשטארבענער מוטער. ווען זיי זיינען איהר געקומען אין קאפ האט זיא אויך געדענקט דאס זיי האבען איין בעדייטונג.

יעצט איז איהר געקומען אין קאפ, דאס יענע געהיימניס וואס איהר מוטער האט גענומען אין קבר ווייל זיא איז געווען צו שוואך צו ריידען, דאס יענער סוד פון דער גרויסער סומע געלד מוז זיין א זעהר וויכטיגע זאך.

זיא האט דאן אויך געהערט דעם ווארט „ירושה" פון איהר מוטערס מויל.

עדיטהא האט זיך יעצט שטארק פערטיפט אין דער ערינערונג אויף יענער שטונדע ווען איהר מוטער איז געשטארבען. זיא האט זיך געמאטערט צו ערינערען זיך יעדען ווארט וואס דיא שטערברנדע האט גערעדט און צו פערשטעהן דעם גאנ־צען זין פון יענער ערצעהלונג אבער עס איז איהר ניט געלונגען. דיא געהיימניס איז געווען פערזיגעלט אין איהר מוטער'ס קבר.

ווען עדיטהא האט זיך ערינערט אויף איהר מוטער איז איהר געווארען ווידער לייכטער אויפ'ן הארצען. זיא האט זיך אנגעלעהנט אויפ'ן באנק און איהר האנד האט ניט ווילענדיג אנגעריהרט דיא איינציגע ציהרונג וואס זיא האט אויף זיך געטראגען. דיעזע ציהרונג איז געווען איין איינפאכע גאלדענע הארץ פון א גאנץ אלטער פארמע, וועלכע ווערט יעצט מעהר ניט געארבייט.

דיעזעס הערץ האט זיא אמאל ערהאלטען א געשאנק פון איהר מוטער, און

איהר מוטער האט איהר געזאָגט זיא זאָל עס קיין מאָל ניט אויסטהאָן, ווייל דיעזע הארץ וועט איהר ברענגען גליק.

עדיטהאָ האָט דיעזע צירונג אימער געטראָגען. זיא האָט עס ניט אויסגעטהאן אין דער נאכט ווען וויליאם האט ביי איהר פערבראַכט און מען האט עס פון איהר ניט אראבגענומען ווען מען האָט זיא געלעגט אין קבר, אויך קארלאָס האָט עס פון איהר ניט גערויבט.

זיא האָט עס יעצט אנגענומען אין האנד און האט עס בעטראכט. „גליק!" האָט זיא געמורמעלט. וויא קען איך שיין גליקליך זיין? איך בין דאך אזוי עלענד, אזוי ארם?

זיא האָט יעצט געדאכט פון דער צוקונפט. וואָס זאל זיא אָנפאנגען צו טהאָן?

עס איז איהר וויעדער געקומען דער געדאנק צו געהן נאך מינכען און פאָר־שטעלען זיך פאר איהר שוועסטער. טהוזנעלדא האָט דאָך יעצט גערבט דעם גרע־סטען טהייל פון איהר פאָטערס פערמעגען, זיא האָט דאך אויך גערבט יענעם טהייל וואָס וואלט אנגעקומען אויף עדיטהא'ס טהייל. זיא וועט אלזא פון איהר קיין זאך ניט פערלאַנגען אויסער וואָס איהר קומט:

אבער נאָך אָ קורצער איבערלעגונג האָט זיא דעם געדאַנק וויעדער אויפגעגע־בען. ניין, ניין. אזוי דארף עס ניט זיין; עס איז צו גראָב און צו שלעכט צו שטערען דער שוועסטער'ס גליק.

וואצו דארף זיא אויף דיא רייכטהימער?

עס איז איהר פלוצלונג געוואָרען אזוי טרויעריג, זיא האט זיך געפיהלט אזוי פערלאַסען פון דער וועלט.

זיא איז פלוצלונג אויפגעשפרונגען. זיא האט דא מעהר ניט געקענט פער־ברענגען. עס האָט איהר וועה געטהאָן צו זיטצען נאהענט צו איהר פאָטערס הויז, וועלכע געהערט יעצט איין אנדערען. — פארט! — פאָרט! זיא מוז פערלאַסען דעם פלאטץ, עס איז איהר גלייכגילטיג וואוהין איהרע פיס וועלען זיא פיהרען. זיא איז געגאנגען ווייטער און ווייטער ביז זיא האָט ערךייכט דעם טיעפען, שטילען וואלד.

— — — — — — — — — — — — —

דיא נאכט איז געווען א העלערע אלס דיא פריהעריגע און עדיטהא האט געקענט זעהן דעם געגענד בעסער וויא נעכטען. נאך א לאַנגער וואנדערונג האָט זיא ערזעהן אין וואלד אָ קליינע ביידעל.

עס וואר דיא ביידעל פון דער אלטער קאטינקע, דיא זעלבע פרוי וואָס האט געזען קארלאס'ן דעם טינקטור אום צו פערזאורזאכען דעם שיין־טויט.

אהנע צו וויסען וואָרום, איז עדיטהאַ געגאַנגען צום ביידעל.

אלס זיא איז געקומען נאהענט האָט זיא דערהערט יאמער־געשרייען.

וואס קען היער פאָרגעהן? — האט עדיטהא געמורמעלט —הוי עס קלינגט וויא יעמאנד וואלט געקעמפפט מיט'ן טויט. יא, יא, עס איז א מערקווירדיגע זאך מיט'ן טויט, מען ווינשט זיך איהם זעהר אָפט, דאך ווען ער קומט וויל מען איהם ניט ליידען.

זיא האט גענומען געהן שנעלער. פיעללייכט איז דאָס א ליידענדער וועלכען זיא קען העלפען.

אלס זיא איז געקומען צום ביידעל האָט זיא דיא שטימע נאך דייטליך גע־הערט. זיא האָט יעצט געהערט דאס דיא קולות קומען פון א פרוי.

— הייליגע מוטער, שטעה מיר ביי! — אזוי האט עס געקלונגען אין עדיטהא'ס אויערען, — אה גאטט לאז מיך ניט שטאַרבען, איך וויל ניט שטאַרבען.

איינינע סעקונדען האָט עדיטהא ניט געוואוסט וואָס זיא זאל טהאָן. באלד האט זיא זיך אבער ענטשלאָסען, און איז אריין אין דער ביידעל.

וואָס פאר א שרעקליכע בילד איז געווען פאר איהרע אויגען! צווישען א באַרג צובראָכענע זאכען און אלטע קליידער איז געלעגען דיא אַלטע קאַטינקע און האָט זיך געצאַפּעלט אויף א ביסעל שטריי.

זיא האָט זיך געראַנגעלט מיט שרעקליכע קרעמפּפען, איהר געזיכט וואר פערצערט מיט שמערץ און דיא אויגען זיינען געקראָכען פון דיא לעבער.

יעצט האט זיא דערזעהן דיא אנגעקומענע, אבער קוים האָט זיא אנגעקוקט עדיטהא'ס געזיכט אלס זיא האט ארויסגעלאָזען א ווילדען געשריי. דאן האט זיא פערוואָרפען איהר קאָפּף און אין איהר הארץ האָט אָנגעפאַנגען צו חאָרחלען.

עדיטהאָ איז גערירט געוואָרען פון דיעזער סצענע, זיא איז ראַש צוגעגאַנגען צו דער שטערבענדער און האט זיא אויפגעזעצט אין איהר געלעגער.

— ארמע פרוי, וויא מוזט איהר ליידען! — האט זיא געזאגט — קען איך אייך פיעללייכט מיט וואָס העלפען?

— אך! — האָט עס געקלונגען הייזעריג פון קאַטינקא'ס ליפּען — יא, יא, איך האָב עס פערדינט!

עדיטהאָ האָט אנגענומען דער אַלטער'ס הענד, זיי ווארען קאַלט און האַבּ טויט. דא איז שוין ניט געווען וואָס צו טהאָן, דער טויט האט זיכער געפאַקט זיין קרבן.

וויא עדיטהא האט געזעהן דאָס זיא קען דא מעהר ניט העלפען, האט עדיטהא געדאַכט נור דאראן, וויא צו פערלייכטערן דער שטערבענדער איהרע לעצטע מינוטען.

— וואָס קוועלט אייך אזוי ? — האָט זיא געפרעגט אין אַ זאנפטען טאָן — מיר זיינען אַלע זינדיגע מענשען. אייערע זינד זיינען געוויס ניט צו גרויס דאָס גאָטט זאל זיי אייך ניט פערצייען.

קאטינקא איז וואונדערבאר בערוהיגט געוואָרען פון דיעזער ווייכער שטימע. זיא האָט איהר קאָפּף אביסעל אויפגעהאבען פון אָרט.

עדיטהאָ האָט אונטערגעליינט איהר אָרם אונטער דער שטערבענדערס קאָפּף, זאָ דאָס איהר לאַגע איז געווען פיעל לייכטער. דאן האָט קאטינקא געשפּראָכען מיט אַ הייזעריגער, גאַנץ צובראָכענער שטימע :

— גאטט האט אייך אהער געשיקט... איהר זאָלט וויסען פירסטין... דאָס איך האָב קארלאָס'ן געגעבען דיא טינקטור !

— וועלכע טינקטור ?

— וואָס האט אייך געבראַכט אין קבר. פון וועלכען קארלאָס האט אייך בעפרייט.

עדיטהא'ן איז יעצט אויפגעגאַנגען אַ ליכט. דער שווארצער קארלאָס האָט איהר ניט ערצעהלט דאָס ער האט איהר געגעבען אַ פּולווער צו ווערען שיין-טויט אום נאכדעם צו רויבען זיא פון קבר. ער האָט איהר איינגערעדט דאָס זיין הארץ האט איהם געזאָגט און פערזיכערט דאָס זיין געליבטע עדיטהא איז ניט טויט, דאס זיא וועט אבלעבען אין קבר.

יעצט האט עדיטהא פערשטאַנען אַז דאָס אַלעס איז געווען איין אויסגעאַר־בעטער פּלאַן — דיא שטערבענדע האט עס יעצט פאר איהר מודה געווען און דאָס איז געוויס דיא ריינע וואהרהייט.

אבער דאס אַלעס האָט שוין געהערט צו דער פערגאַנגענהייט און עדיטהא'ן האט יעצט וועניג געקימערט וויא אַזוי דאָס אַלעס איז געשעהן. איהר איז יעצט גע־לעגען אין זינען וויא צו פערזיסען דער אלטער פרוי דיא לעצטע שטונדע פון לעבען.

— קענט איהר מיך דען ? — האָט זיא קאטינקען געפרעגט.

— יאָ, איך קען אייך, איהר זייט דיא פירסטין עדיטהא, אה, איהר זייט ניט בייז אויף מיר ! איהר קוקט מיך אָן אזוי פריינדליך !

— איך בין אויף אייך ניט בייז. איך בין אייך אַלעס מוחל, אויך גאָט וועט אייך פערצייען ! — האט עדיטהאָ געענטפערט.

— דאנק, דאנק פירסטין, יעצט קען איך רוהיג שטארבען. בעט גאָטט פאַר מיר פירסטין. לעבט וואָהל!

דיא ליפּען האָבען זיך צעוועגט נאך אמאָל, פּלוצלונג זיינען זיי געבליבען שטעהן האלב אפען. דיא אויגען האָבען זיך אויסגעלאָשען. עדיטהא איז געבליבען זיטצען פאר א לייכע.

אויף דאס טיפסטע גערירט פון דער סצענע איז עדיטהא אויפגעשפּרונגען:

— א וואונדערבארער צייכען פון שיקזאל! עס האט מיך ניט ווילענדיג געשלעפּט אהער צו טרויסטען דער טויטער אין איהרע לעצטע מינוטען. דאָס זאָל יעצט זיין מיין בעשעפטיגונג. ווען דיעזע בעשעפטיגונג וועט מיך ניט גליקליך מאכען וועט עס אָבער בערוהיגען מיין הערץ און איינשטילען יעדען שטורם אין מיין זעעלע.

— — — — — — — — — — — — — —

יאָהרען זיינען זייט דעם פערגאנגען.

ניט דער גראף פאן מעהרען און ניט זיין טרייער דינער קלעמענס, האבען געוואוסט, דאס עדיטהא לעבט נאך, אויך האט עדיטהא ניט געוואוסט, אז דער גראף איז געבליבען איין אלמן.

עדיטהא איז אויפגענומען געוואָרען אין א קאטהאָלישען קראנקען אינסטיטוט, זיא האט פאר דער עלטסטער פון אינסטיטוט ערצעהלט איהר גאנצע לעבענסגעשיכטע און האט פאר איהר געשוואָרען דאס זיא וועט ניעמאלס אומקעהרען זיך צו דער וועלט.

דיא פיעלע יאהרען וואס זיא האט פערבראכט ביי דיא קראנקע האבען זיא אליין אין פיעלע זאכען פערענדערט; איהר גלויבען איז געבליבען דער זעלבער, און ווען קיין זאך אין דער וועלט האט עס געקענט ענדערען איהר פרייען גייסט, דאך האט זיך איהר שטאָלצער זין געענדערט. זיא איז געוואָרען זאנפטער, פריינדליכער און געטרייער, וויא דיא וואס געהען ארום קראנקע מוזען זיין.

אין א געוויסען טאָג איז זיא גערופען געוואָרען צו דער עלטעסטער פון אינסטיטוט און עס איז איהר ערצעהלט געוואָרען, דאָס אין האמבורג הערשט דיא כאָלעריע. און עס איז נויטהיג דיא הילפע פון אזעלכע קראנקען־וועכטער וויא זיא איז.

עדיטהא האט באלד איינגעווילינט צו געהען נאך האמבורג און איז באלד אבגעפאָהרען בערייט און וויליג צו טהאן פאר דער מענשהייט, וואס זיא איז אימשטאנדע.

דיא רייזע נאך האמבורג איז געגאנגען איבער מינכען. אין מינכען האט זיא בעדארפט בלייבען איינינע שטונדען אום צו בעזוכען דעם קראנקען־אנשטאלט.

עדיטהא האט שנעל ערפילט איהר אויסטאפע און דאן איז איהר נאך פערבליבען שטונדען לעערע צייט.

היער אין מינכען האט זיא זיך עראיפערט אויף דעם מאן, וועלכער האט זיא אמאל געליעבט טהייערער פון אלעס אין דער וועלט, וועלכער ליעבט זיא געוויס נאך יעצט, און האט זיא ניט פערגעסען, אבוואהל זיא קען איהם זיין ליעבע ניט ענטפערען.

און ביי דיעזען מאן און אין דיעזער שטאדט געפינט זיך איהר קינד, וועלבער פון אלעס אין דער וועלט. וויא אפט האט זיא געדאכט מיט טרעהרען פון איהר קינד, וויא אפט האט זיא געוואלט דריקען דיעזעס קינד צו איהר ברוסט. דיא מוטער־ליעבע האט זיך אפט אבגערופען אין איהר הארצען, אבוואהל זיא האט געשווארען צו ענטזאגען זיך פון אלעס אין דער וועלט. דיא שבועה האט אבער ניט געקענט ערשטיקען דיא שטימע אין איהר הארצען נאך איהר איינציג געליבטעס קינד.

דיעזע שטימע האט זיך יעצט צושריען, ווען זיא איז געווען אין דער שטאדט, וואו איהר קינד געפינט זיך.

וויא זעהט אוים דאס קינד? איז זיא דאס בילד פון דעם אונפערגעסענעם געליבטען?

אין עדיטהא'ן האט זיך צוברענט דיא לוסט צו זעהן דעם קינד, און באלד האט זיא זיך בעשלאסען אויסצופיהרען דעם וואונש.

פון דעם האטעל אין וועלכען זיא איז איינגעשטאנען האט זיא געשיקט צום דינער קלעמענס, און האט איהם געבעטען ער זאל ארויסקומען צום טויער פון פארק. זיא אליין איז מיט דעם שליח געגאנגען.

זיא האט ביי'ן טהיר ניט לאנג בעדארפטווארטען. קלעמענס איז באלד ערשינען.

זיא האט איהם זאפארט ערקענט, אבוואהל ער איז עלטער געווארען.

עדיטהא האט יעצט געטראגען דיא קליידער פון דיא קאטהאלישע קראנקען־שוועסטער און דארום וואר אונמעגליך מען זאל זיא ערקענען.

קלעמענס האט זיא אנגעקוקט, אבער ער האט ניט געוואוסט, ווער זיא איז.

— איהר ווינשט מיך צו שפרעכען? — האט ער געפרעגט.

— יא.

— אייער געזיכט קומט מיר עטוואס פאר בעקאנט, דאך?

מיט א שנעלער בעוועגונג, האט עדיטהא אנטהאפט דעם מאנ'ס האנד,

— איך מוז מיט אייך שפרעכען! — האט זיא צו איהם געזאָגט — קען דאס דאָ געשעהן? אבער קיינער דאַרף אונז ניט בעמערקען, בעזאָנדערס דער גראף.

— דער גראף איז פעררייזט, איהר קענט ריידען אונגעשטערט.

— און דיא גרעפין טהוזנעלדא?

דער אלטער האט געשאָקעלט דעם קאָפּ.

— דיא גרעפין איז טויד שוין פיעלע יאָהרען.

— זא איז דער גראף איין אלמן? — האט זיא געפרעגט מיט א גרעסערען אימפעט אלס זיא האט עס אליין געוואָלט.

— ניין, ער האט געהייראטה א צווייטע פרוי, ער האט עס געמוזט טהאן צוליעב זיין מרים.

— מרים? א קינד פון דער ערסטער פרוי?

קלעמענס האט זיא פריהער אנגעקוקט, דאן האט ער גענייגט מיט'ן קאָפּ.

— קומט מיין דאמע אין מיין וואָהנונג דארט קענען מיר ריידען פרייער און אָפענער.

— קען מען מרים'ן זעהן? — האט עדיטהא געפרעגט.

— פיעללייכט, זיא געהט אפט אין פארק שפאצירען. זעהט איהר, דאָרט קומט זיא.

מרים איז יעצט ערשינען צווישען דיא בלומען־בייטען, זיא האט געטראָגען א העלע קלייד. איהרע גאָלדענע לאָקען האבען געוועהעט איבער איהר נאקען. עדיטהא האט זיך געשטארקט, זיא זאל ניט אויסשרייען. זיא האט צוגעדריקט איהר האנד צום הארצען. זיא האט מרים'ן ערקענט. עס וואר איהר קינד, דאס קינד פון איהר הייס געליבטען וויללי׳אם.

אין איהרע אויגען האבען זיך בעוויזען טרעהרען. זיא האט דיא אויגען־ברעמען צוגעמאכט אום מען זאל דיא טרעהרען ניט זעהן. זיא האט ניט געוואָלט מען זאל זעהן וויא זיא איז אויפגעריהרט, אָבער דאך.... דאך, וועלכע שבועה איז הייליג גענוג אום אָבצורייסען א מוטער פון איהר קינד.

מרים איז צוגעגאנגען און האט זיך פריינדליך פערניינט פאר'ן אלטען גערטנער און אלס עדיטהא האט זיך פאר איהר פערניינט האט מרים געענטפערט מיט א פריינדליכען שמייכעל און איז ווייטער אוועק.

אבער מערקווירדיג, מרים איז אויך געריהרט געוואָרען פון איהר בליק אויף דיעזער שוועסטער.

זיא האט זיך בלויז א דרעה געטהאן צווישען דיא בייטען, האט אויסגעריסען א ראָזע און איז באלד וויעדער צוגעלאָפען צום אלטען גערטנער.

— אך מיינע דאמע, — האט זיא געזאגט, — איך זעה פון אייערע קליידער, דאס איהר זייט געווידמעט צו העלפען דיא קראנקע און וואו דאס איז ניט מעגליך זיי אם ווענינגסטען צו טרייסטען. פיעללייכט געפינט זיך אונטער אייערע פאציענטען איינער וואָס קען זיך פרעהען מיט דיעזער בלומע? דארף איך אייך בעטען איהר זאָלט זיא אָננעהמען?

עדיטהא איז איינינע סעקונדען געשטאנען און האט ניט געקענט ענטפערען. זיא האט זיך געמוזט בעהעררשען אום ניט אויסצושפרייטען דיא ארמען, און ניט צודריקען דאס קינד צו איהר ברוסט.

יא, דאס איז איהר קינד, און זיא דיא מוטער מוז שטעהן פון וויטען וויא א פרעמדע.

דאך ווער צווינגט זיא דערצו? דארף זיא זיך ניט געבען צו ערקענען פאר איהר קינד? איז דאס אויך איין אונרעכט? איז דאס אויך א פערברעכען נעגען איהר שבועה?

— אבער ניין, ניין, פארט מיט דיעזע שוואכע געדאנקען. וואס עדיטהא איז שוין איין מאָל געוואָרען דאס מוז זיא בלייבען. איהר קינד איז אין גוטע הענד. אך וויא שעהן איז זיא אויסגעוואקסען! וואס פאר איין עדעלער געפיהל עס האט גע־שפראָכען פון דיא עטליכע ווערטער, וועלכע זיא האט פון איהרע ליפען געהערט!

— מיין פרייליין! — האט זיא דאן געענטפערט מיט א לייזער שטימע — איהר ווייסט ניט וואס פאר א גרויסע פריידע איהר האט מיר פערשאפט מיט דיעזער בלומע.

מרים איז געוואָרען רויטה. זיא האט דיעזע אנערקענונג געהאלטען פאר צו פיעל, פאר אזא קליינע זאך. ווער קען אָבער זיין דיעזע דאמע? וואס דארף זיא ביי קלעמענס? אבער ניין, וואצו זאל זיא זיין אזוי נייגעריג.

מיט דיעזע געדאנקען האט זיא זיך פערנייגט און איז אוועק.

יעצט איז עדיטהא געגאנגען מיט דעם גערטנער קלעמענס אין זיין וואהנונג.

— מיינע דאמע, — האט קלעמענס געזאגט ווען זיי ווארען אין הויז, — מיר קומט פאר דאס איך קען אייך, אבער אך, עס איז דאך ניט מעגליך דאס דיא טוידטע זאלען ערוואכען?!

— אייער אויג נארט אייך ניט, ליעבער קלעמענס. יא, איך בין דיא פערזאָן וועלכע איהר דענקט. איך בין עדיטהא פאן קאראַרא!

יעצט האָט עדיטהא ערצעהלט דעם איבערראשטען גערמנער איהר גאַנצע לעבענס געשיכטע, פון אנפאנג ביז ענדע, אלעס וויא מיר האָבען געהערט פון זיין טאגע בוך.

ענדליך איז געקומען דיא צייט ווען עדיטהא האָט בעדאַרפט אוועקגעהן.

— ווילט איהר ווידער פאר-געהן גנעדיגע פירסטין ?

— איך בין ניט מעהר דיא פירסטין פאן קאַראַרא. איך בין שוועסטער עדיטהא. לעבט וואהל, קלעמענס, איך בין גליקליך וואָס איך האָב געזעהן מיין קינד, איך דאַרף אייך ניט בעטען איהר זאלט שיצען מיין מרים, וואו איהר וועט נור קענען.

— און דער גראַף? — האָט קלעמענ׳ס געפרעגט — זאל איך איהם זאָגען דאס....

— ניין, ניין! — האָט עדיטהאָ האַסטיג געענטפערט — ער דאַרף עס ניט וויסען. איך בין טויט. איך לעב נור פאַר דיא קראַנקע און פאַר דיא שטערבענדע.

— און אייער קינד?

— גאָטט זאָל זיא שיטצען. איך בין איבערצייגט דאָס דער גראַף האָט פאַר איהר געטהאָן אלעס וואָס ער האָט נור געקענט טהאָן.

— יא, — האָט קלעמענס געענטפערט — דאָס האָט מיין גנעדיגער העררר געטהאָן. עדיטהא קען קיין בעסערען פאָטער אלס איהם ניט האָבען.

דיא צייט וואַר צו קורץ און עדיטהאָ האָט ניט געקענט אויספרעגען אַלע איינצעלהייטען פון דעם גראַף׳ס אנגעלעגענהייטען. זיא האָט זיך באַלד געמוזט אבשיעדען.

זיא האט צוגענומען דיא ראזע צו זיך און איז מיט ראַשע טריט געגאַנגען צוריק. קלעמענס האט זיא בעגלייט ביז דיא טהיר פון פאַרק.

אין דיעזען אויגענבליק איז מרים געקומען ענטגעגען.

אלס זיא האט דערזעהן דיא באַרימהערציגע שוועסטער איז זיא געבליבען שטעהן און האט זיא א ווײַלע בעטראַכט. עדיטהא האט אויך ניט פערפעהלט צו בענוצען דיעזע געלעגענהייט און אנצוקוקען איהר קינד נאָך אמאָל איידער זיא איז פון איהר אוועק.

— — — — — — — — — — — — — —

זעהר שווערע טעג האט עדיטהא פערבראַכט אין האמבורג. אפט האט איהר געשיינט דאָס זיא אליין וועט אויך אומקומען אין דער מגפה, דאך איז זיא גע־בליבען לעבען.

פון פיעלע שטערבענדע ליפען האָט זיא געהערט דעם לעצטען זיפץ, מאנכער שטערבענדער האט געדריקט איהר האַנד און האט זיא געקוסט, דאך דיעזער פער־ גיפטעטער אטהעם האט איהר ניט געשאדעט.

ענדליך האָט דיא פעסט נאכגעלאָזען. דיא אפפער זיינען מיט יעדען טאג געווארען וועניגער, דיא קראנקהייטען ווארען זעלטען און עדיטהא האט זיך בעדארפט אומקעהרען אהיים.

זיא האט זיך בעשלאסען צו בלייבען איין טאג אין מינכען, וואו זיא האָט גע־ האפט צו זעהן דאָרט איהר קינד, און פיעללייכט וועט זיא קריעגען איין אויסרייד צו פערברענגען מיט איהר א פּאָאר שעה.

אבער א דעפּעשע פון איטאליען האָט זיא אויפגעפאדערט זיא זאל זאָפארט קומען אין אינסטיטוט און זאל זיך ערגעץ ניט אבשטעלען אויפ'ן וועג.

דיעזען בעפעהל האָט זיא געמוזט ערפילען.

עס וואָר נאָכט אלס זיא איז אין מינכען אנגעקומען.

דער צוג איז דארט געבליבען שטעהן בלויז אויף צוויי שטונדען. עדיטהא האט זיך ניט געקענט בעהערשען. זיא האט וועגענסטעגס געוואלט זעהן דאס הויז אין וועלכען איהר קינד געפינט זיך, זיא איז ארויס פון וואגזאל און האט זיך בעגע־ בען צום גראף'ס וואהנונג, פון ווייטען האט זיא שוין דערזעהן דאס דיא פלאַג אויף דעם גראף'ס פּאלאסט איז אראבגעלאזען אויפ'ן האלבען מאסט. זיא האט געפיהלט גלייך וויא א מעסער וואלט דורכגעשטאכען איהר הארץ.

— אלזא טרויער! — האט זיא געמורמעלט — מיין גאטט ווער איז דאס דאָרט געשטארבען?

מיט א צוריסענע הארץ איז זיא געלאפען נעהענטער צום פּאלאסט ביז זיא איז געקומען צום טהיר פון פארק. דיא טהיר וואר יעצט אפען.

איין איינענבליק האט זיא געדענקט, דאן האט זיא זיך בעשלאסען, איז אריין אין פּארק און איז געגאנגען גלייך צום גערטנער'ס הויז.

אין זיין הויז וואר ליכטיג. דיא לאדען ווארען ניט געשלאסען. עדיטהא האט געזעהן וויא דער אלטער קלעמענס זיצט אנגעשפארט מיט ביידע הענד אויפ'ן טיש און וויינט.

עדיטהא איז צוגעגאנגען צום טהיר און האט אנגעקלאפּט. אלס מען האט איהר ניט געענטפערט איז זיא אריין אין הויז.

קלעמענס איז אויפגעשפרונגען מיט שרעק.

האסטיג האט ער זיך געווישט דיא טרעהרען פון דיא אויגען, דאן האט ער אויסגעשטרעקט ביידע הענד.

— איהר קומט צו א טרויעריגער שטונדע.

— זאָגט מיר נור דאס איינע קלעמענס, ווער איז געשטארבען?

— דער גראף.

איינינע מינוטען זיינען פאראיבער אין שטילען שווייגען, דאן האט דער דינער ערצעהלט וויא אלעס איז געשעהן; עדיטהא האט זעהר ביטער געוויינט נאך דעם מאן וואָס האט איהר אזוי שטאַרק געליבט.

— יא, שוועסטער עדיטהא! — האט דער גערטנער געזאגט — דעם גראף׳ס הייראטה מיט אייער שוועסטער וואר א גליקליכע. ביידע האבען געלעבט רוהיג, ביידע האָבען זיך געאכטעט, און ביידע האבען געשטרעבט צו מאכען זיס דעם צווייטענס לעבען וויא נור מעגליך. דאך האט זיך דער גראף געמוזט ענטשליסען נאך אמאל צו הייראטהען, דען מרים, וועלכע ער האט געליבט וויא זיין אייגענ־קינד האט בעדארפט האבען א מוטער. ער האט געהייראטה א צווייטען מאָל. לאָרא וואר א שעהנע פרוי, וועלכע האט פערשטאנען וויא איהר מאן צו געפעהלען, אבער דאך איז ער ניט געוועזן גליקליך. נאך איינינע טעג פאַר זיין טויט האָט דער גראף צו מיר געזאָגט: „אך קלעמענס עס האט געגעבען נור איין עדיטהא, און מיר שיינט אז יעצט בין איך צו איהר נעהענטער וויא פריהער“. דאס איז געוועזן איין אהנונג פון טויט, ער האט אייך אויך געהאלטען פאַר טויט און האָט געמיינט דאס ער וועט זיך מיט אייך באלד פעראייניגען.

עדיטהא האט געהאט גרויס מיהע צו אונטערדריקען איהרע טרערען ביי דיעזע ווערטער. דאן האט זיא געזאגט:

— קלעמענס קען איך זעהן דעם גראף?

— יא.

— אבער ווען מען בעגעגענד אונז בין איך א פרעמדע אין דיעזען הויז.

— איך וועל אייך פיהרען אויף א וועג, אויף וועלכען קיינער וועט אונז ניט זעהן.

— און דער דינער האט זיא געפיהרט דורך א געהיימען וועג צום גראף׳ס שטערבע צימער וואו דיא סצענע, וועלכע איז בעשריבען געווארען אין אנפאנג פון דיעזען ראמאן האט זיך אָבגעשפיעלט.

עדיטהא האָט ניט געאַהנט אז איהר קינד זיצט דארט הינטער דיא פאלמען און וויינט און זעהט דיעזע סצענע.

סעקונדען לאנג זיינען געלעגען איהרע בליקען אויפ'ן טויטענס געזיכט, און אלס זיא האט געדאכט פון זיין וואהרע טרייע ליעבע צו איהר און דיא ליעבשאפט וואס ער האט געוויזען צו איהר קינד זיינען פון איהר מויל געקומען דיא ווערטער:—רוהע זאנפט מיין איינציגער.

דיא צייט איז געלאָפען, עדיטהא האט לענגער ניט געקענט פערבערגען. זיא איז ווידער פערשוואונדען דורך דער געהיימער טהיר ביי וועלכער קלעמענס האט אויף איהר געווארט.

קלעמענס האט זיא ארויסגעפיהרט פון פארק און עדיטהא איז ווידער אוועקגעפאהרען נאך איטאליען צום קאטהאלישען אינסטיטוט צו ערפילען איהר פפליכט.

דאס וואר דיא געהיימנים פון אלטען קלעמענס, און גראדע דיא לעצטע סצענע איז ניט ארויס פון זיין קאפף און האט פון דער ערינערונג ניט געקענט לויז ווערען.

עס וואר איהם אימער גלייך וויא ער מוז עטוואס טהאן, און ער האָט זיך אימער געפרעגט אויב ער האט ערפילט דעם פערשפרעכען וואס ער האָט עדיטהא'ן געגעבען, אויב עס ליעגט ניט אין זיין מאכט צו העלפען דער ארמער מרים.

דאך ניין אלעם איז איהם געקומען אזוי פלוצלונג. ער האט אויך געקענט מרים'ס כאראקטער, זיא וועט געוויס ניט וועלען נעהמען זיין קאפיטאל פאר איהרע נוצען. אבער דאך האט ער זיך פארגענומען צו טהאן אלעם וואס ער קען, ער איז דאך יעצט פריי, ער וויים דאך אויך וואו עדיטהא געפינט זיך....

אזעלכע געדאנקען זיינען יעצט געפלויגען דורך זיין קאָפף. ער האט גאר ניט געזעהן וויא דער וועג נאך בערלין איז איבערגעגאנגען. ער איז איבערראשט געוואָרען אלס דער קאנדוקטאר האט געעפענט דעם וואגאן און האט אויסגעשריען:

— בערלין!

2טעם קאיטעל.

ליעבעם קוואלען.

אבוואהל עס איז שיין פאראיבער א לאנגע צייט, זייט פראנץ שטאנד איז אנטלאָפען פון געפענגנים, האט מען דאך ניט געקענט געפינען דעם קלענסטען שפור פון דעם אנטלאפענעם.

אויך וואר קיין שפור פון דעם פערשוואונדענעם וואכט-מייסטער.

וועגען פראנץ שטאנד איז דאס קיין גרויסער וואונדער ווייל אלע פארבעריי-

טונג צו זיין פלוכט ווארען זעהר פארזיכטיג געמאכט, און דער צו האט ער זיך געפונען אין איין ארט וואו קיינער וואלט איהם ניעמאלס געזוכט. אנדערש וואר עס אבער מיט דעם וואכט מייסטער.

זיין פרוי האט איהם ניט געשאָהנט, זיא האט אלעמען און איבעראל ערצעהלט וואס פאר א שלעכטער און פערדארבענער מענש ער איז, דאס ער האט זיך ניט צוריקגעהאלטען פון מאכען א מיידעל פון א וויינקעלער פאר זיין געליבטע.

דערצו איז נאך נעקומען, דאס פריעדא, דעם וואכט־מייסטער׳ס געליבטע איז אויך אהן א שפור פערשוואונדען. און אזוי וויא דעם וואכט־מייסטער׳ס פרוי האָט געשריען דאָס איהר מאַן איז מיט דיעזע פריעדא אנטלאפען וואר פאר דער פאליציי פיעל לייכטער צו פאָרשען דיא אַנטלאָפענע.

דאך וואר יעדע מיהע אומזיסט, און ניט פריעדא און ניט דער וואכט־מייסטער זיינען ענטדעקט געוואָרען.

דיא נאכריכט דאס פראַנץ איז אנטלאָפען האט ערהייכט ביז אויסבורג, וואו אננא האָט געוואהנט.

וויא מיר האָבען שוין פריהער ערצעהלט האט אננא שוין לאַנג פערלאסען דיא דרוקעריי. זיא האט יעצט געפיהרט א פרייליכען און לוסטיגען לעבען. איין זאך איז איהר נור געשטאַנען אין וועג און דאס וואר דער קליין־שטעדטעלדיגער גייסט וועלכער האט געהערשט אין אויסבורג.

אזוי וויא זיא האט זיך רייך געקליידעט און האט אויסגעגעבען פיעל געלד אויף פערשיעדענע זאכען זא האבען זיך געפונען ארום איהר א סך פריינדע און גוטע לייטע וואס האבען געקוקט אויף איהר געלד, אויך האָבען זיך געפונען פיעלע לייטע וואס האָבען זיא בעטראַכט און האבען פאר איהר געזעהן א פינסטערין סוף.

דאס האט אננא׳ן אנפאנגס שטארק געערגערט. זיא האט זיך אויך דעריבער בעקלאָגט פאר מענצלען, וועלכער האט געצויגען מיט דיא אקסלען און האט געזאָגט:

— דאָס האט איהר פריהער בעדארפט וויסען, דאָך, אזוי וויא איהר האט א גוטע אויסזיכט אויף א פיערטעל מיליאָן זעה איך ניט איין וואָרום איהר זאָלט זיך דארפען אזוי בעקלאגען.

אננא האט געמוזט צושטימען.

זיא האט איהר לוסטיגען לעבען געפיהרט מיט מענצעל׳ס געלד. זיא האט אויך ניט געצווייפעלט דאס מענצעל וועט איהר געבען דאס פערשפראָכענע געלד, דען ביז יעצט איז ער צו איהר געוועזן אזוי פריינדליך און האט איהר אלעס נעגעבען

מיט אין אפענער האנד. ער האט קיינעם פון איהר וואונש ניט געלאָזען אנטבעררידינגט.

איין געוויסען טאג האט זיא איהם געפרעגט ווען וועט זיא דעם פיערטעל מילליאן ערהאלטען.

— ווען איך וועל מיין ציעל ערדרייכען.

— ווען וועט דאס געשעהן?

— אין א יאהר פון הייטע.

— און ביז דאַן?

— ביז דאַן קריגט איהר אויף רעכענונג וויפיעל איהר געברויכט.

אננא האט זעהר פיעל געברויכט, דאס הייסט זיא וואר קלוג גענוג צו געברויכען פון מענצעל׳ן זעהר פיעל, אבער פון דאס געלד וואס זיא האט פון איהם נעקראגען האט זיא אימער בעהאלטען דעם גרעסטען טהייל ער זאל דער פון ניט וויסען.

מענצעל האט פון איהר מעהר קיין זאך ניט פערלאַנגט. וואס זיא האָט געהאט צו טהאן איז שוין געשעהן דורך איהר עדות אין געריכט, וואס האט געבראַכט דאס פראַנץ זאל פעראורטהייהלט ווערען.

איהר ליעבע צו פראַנץ׳ן האט זיא אין איהר בעקוועמען לעבען פערגעסען. אננא האט יעצט געזוכט צו געווינען מענצלין פאר זיך, ניט וויל זיא האט איהם געליעבט, נור וויל זיא האָט געוואלט צו שמיעדען איהם מיט זיינע מילליאנען פון וועלכע ער האט אפט געשפּראכען און פון וועלכע זיא האָט ניט געוואוסט אויב ער בעזיצט זיי אדער ער וועט זיי ערסט שפעטער בעזיצען.

איהר מוטער׳ס דעה האט ביי איהר ניט געגאלטען.

פרוי סיבעל, אננא׳ס מוטער, וואר שיין אַלט, און איהר טאכטער האט זיך וועגען איהר קיין מאל ניט געקימערט. אלס זיא האָט געזעהן דאס איהר טאכטער טהוט וואס זיא וויל האט זיא ניט ווילענדיק צוגענומען אלעס פאר גוט, וויל זיא האט דאדורך אויך געגאסען א בעסערען לעבען.

זיא האט געוואהנט ביי איהר טאָכטער, וועלכע האט געהאט א שעהנעם וואָהנונג מיט א דינסט.

דיא גלענצענדע פערהעלטניסע, אין וועלכע אננא לעבט יעצט האט אויך צו געצויגען אייניגע יונגע מענער, וועלכע האָבען זיך געגעבען דיא האפנונג דאס זיי וועלען געווינען דיא האנד פון דער שעהנער און אויך רייכער מעדכען.

אננא האט אָבער געזאָגט, דאס זיא וויל הייראטהען א מאַן, מיט א טיטעל און מיט א פערמעגען. דער געדאנק, וועלכען זיא האט אמאל געהאט צו געווינען פאר זיך, דאס הארץ פון פראַנץ שטאַנד מיט דאס געלד פאר וועלכען פאר זיא האט איהם פערקויפט, — דיעזער געדאנק איז איהר שוין מעהר ניט געקומען אין קאָפּ.

אַזוי איז דאָס געשטאַנען ווען אַננאַ האט ערהאַלטען דיא נאכריכט דאס פראַנץ שטאנד איז אנטלאָפען פון געפענגניס.

מענצעל האט שוין פריהער דערפון געשפראָכען. זיא האָט געוואוסט, דאס זיין גאנצע אבזיכט איז צו צו זעהן פראַנץ זאָל אנטלויפען, און זא האט זיא ניט געצווייפעלט דאס ער האט יעצט דיעזע פלוכט אויסגעפיהרט.

אזוי וויא מענצעל איז אונטער דער צייט געוועזען פערררייזט און זיא האט אויך ניט געוואוסט וואוהין זא האט זיא מיט איהם ניט געקענט שפּרעכען. דער חושק צו וויסען וואָס מיט פראַנץ'ן איז געשעהן איז געוועזען גרויס און יעצט האט זיא גאנץ פלוצלינג גענומען פיהלען וויא אין איהר הארצען ליעגט דאך פערבאָרגען עטוואָס וועגען דיעזען פראַנץ.

זיא איז געוועזען אזוי אונגעדולדיג דאס זיא האט גערייזט נאָך מינכען וויל זיא האט געהאָפּט דאס דאָרט וועט זיא עטוואָס מעהר ערפאָהרען. זיא האט אבער אין מינכען קיין זאך ניט געקענט אויסגעפינען און זיא האט זיך אומגעקעהרט נאָך מעהר אונגעדולדיג וויא פריהער.

זיא האט נור וואָס בעטראָטען דעם וואָגזאל, אלס זיא האט בעגעגענד פּאולינאַ, העדוויגס קאמער־מעדכען מיט וועלכער זיא וואר בעקאַנט זייט א געוויסע צייט. פון דיעזער פּאולינאַ האט זיא ערפאהרען דאס דיא גרעפין העדוויג איז אין מיטען נאכט פלוצלינג איבערגעפאָהרען פון מינכען אין דעם האָף קלעאָפּאַטראַ. אָבוואָהל דאָס האט געשיינט צו זיין א גאַנץ אונוויכטיגע נייעס, דאך האט אננאַ גענומען עטוואָס אהנען, דען זיא האט בערעכענט דאס פראַנץ שטאַנד איז בלויז אנטלאָפען מיט איין נאכט פריהער. דיעזע אהנונג האט זיך אין איהר אזוי געשטארקט, דאס זיא האט בעשלאָסען עטוואָס צו טהאן. זיא איז נור דערפון געהינדערט געוואָרען, דורך דעם וואָס איהר מוטער איז געוואָרען פלוצלונג קראַנק.

— — — — — — — — — — — — —

עס וואַר אבענד. אין גאַרטען פון דעם האָף קלעאָפּאַטראַ האט דער ווינד געשפּיעלט צווישען דיא צווייגען פון דיא ביימער.

דיא לאָדען פון דעם הויז וואַרען געשלאָסען.

פעדאַרא, דער וואלד-ענגעל איז יעצט נעזעסען מיט דער גרעפין. העדוויג איז וואַרימען זאאל.

העדוויג איז געזעסען ביי א קליינעם פראַנצויזישען קאַמין, און האט אריינגעקוקט אין א בוך.

פעדאַרא איז געזעסען ביים פענסטער. זיא וואר בעשעפטיגט מיט א האַנד-ארבייט.

הייטע וואר איהר זעהר שווער צו מוטה. דער שטורם אין דרויסען וועלכער האט אראַבגעריסען דיא לעצטע געלבע בלעטער פון דיא ביימער האט אַנגעפיהלט איהר ברוסט מיט טרויער.

עס קומט שוין דער לאַנגער ווינטער און דיא מוטער וועט דיא גאַנצע צייט דאַרפען זיצען צו הויז. וויא וועט דיא אלטע איבערטראַגען דיא איינזאמקייט?

אין דיזע געדאַנקען איז פעדאַרא ענדליך אונטערבראָכען געוואָרען פון דער גרעפין, וועלכע איז צו איהר צוגעגאַנגען און האט געזאָגט:

— דוא ביזט זעהר פלייסיג, מיין ליעבע פעדאַרא. נון זאָל זיין גענוג פאר הייטע אין אזעלכע נעבעט וויא הייטע איז גוט מען זאָל זיך אונטערהאַלטען. דאס בעסטע איז מען זאָל זיך איינע דיא אנדערע פאַרלעזען.

— דאס איז וואהר, — האט פעדאַרא צוגעגעבען.

— האָסט דוא דען אין אזעלכע אבענדען ניט פאַרגעלעזען פאר דיין מוטער? האט דיא גרעפין געפרעגט.

— אה, יא, זיא האט זעהר געליעבט איך זאָל פאר איהר פאַרלעזען און זיא איז קיין מאָל ניט מיעד געוואָרען מיך צו הערען.

— וואָס פלעגסט דוא איהר פאַרלעזען?

— איך האָב איהר געמוזט לעזען פון דיא היילינע ערצעהלונגען. זיא האט עס זעהר ליעב.

— און דוא האָסט עס אויך ליעב?

— געוויס. איך לייקען עס ניט.

— נון, יא, — האט העדוויג געזאָגט — עס זיינען זעהר שעהנע געשיכטען גע-שריבען געוואָרען פון דיא היילינע, אָבער הייטע וואָלט איך וועלען דוא זאָלסט פאַר-לעזען פון קלעאָפאַטרא. איך וואָלט וועלען דוא זאָלסט פון יענער קעניגין עטוואָס מעהר וויסען.

דערמיט האט העדוויג אוועקגעלעגט א בוך פון שעקספירס דראַמען אויפ'ן טיש.

פעדאָרא האט אויפגעמישט דיא דראַמע פון „אנטאָניוס און קלעאָפּאַטרא“ און האט אָנגעפאנגען צו לעזען מיט א לויטער קלינגענדער שטימע.

העדוויג האָט׳זיך זעהר אויפמערקזאם צוגעהערט, און אלס פעדאָרא האט געלעזען וויא קלעאָפּאטרא זאָגט:

„איך וואָלט וועלען וויסען דעם גרענעץ פון דיין ליעבע?“

און אנטאָניוס ענטפערט:

„דאַן מוזט דוא שאַפען א נייע ערד און א נייען הימעל“.

איז פון העדוויג׳ס הערץ ארויס א שווערער זיפץ.

פעדאָרא האָט געהערט העדוויג׳ס זיפץ, זיא האט אויף איין אויגענבליק אראָבגעלאָזען דעם בוך און האט אנגעקוקט דער גרעפין מיט איהרע טרוימערישע אויגען.

א זעלטענער בליק איז געלעגען אין העדוויג׳ס אויגען און זיא האט אייניגע מאָל איבערגעזאָגט דיא ווערטער.

— דאן מוזט דוא שאַפען א נייע ערד און א נייען הימעל.

וואס פאר א גוואַלטיגע עמפפינדונג ליעגט אין דיעזע ווערטער, קען נאר א מענש אזוי ליעבען?

העדוויג וואר געניינט צו ענטפערען דיעזע פראַגע מיט יא. אָבער ניט עס פאר איהר אזא ליעבע, וועט זיא אמאל געפינען דעם מאַן וואָס וועט זיא אזוי ליעבען?

צוויי מאָל האט זיא זיך גענאַרט. נור ביטערקייט און פערדרוס איז איהר גע־בליבען פון איהרע צוויי חלומות.

העדוויג האט יעצט געדענקט פון אָסטאָ׳ן. וויא האט זיא איהם געליעבט, און וויא ליעבט זיא איהם נאך יעצט. ער איז געוועזען איהר אידעאל פון א מאַן, אבער וויא עקעלהאַפט שטעהט ער יעצט פאר איהר.

העדוויג האט באַלד אויסגעשריען פון וועהטאק, וואס זיא קען דיעזען אָסטאָ׳ן ניט פערגעסען, וואס זיא מוז זיך וועגען איהם אזוי אפט עראינערען, און דאס איהר הארץ ציטערט ווען ער איז אין איהרע געדאַנקען.

פעדאָרא האט מעהר ניט בעמערקט וויא העדוויג איז פערטיעפט אין איהרע געדאַנקען, פעדאָרא איז יעצט פעראינטערעסירט געוועזען אין דער דראַמע, וואו דער גרעסטער דיכטער שילדערט דיא מעכטיגסטע פרוי אין דער וועלט, וועלכע האט מיט איהר ליידענשאפט געמאכט ציטערען א האַלבע וועלט, דיא מעכטיגסטע ליעבע האט זיא צו זיך צוגעצויגען און דאן אָבגעשטויסען פון זיך.

(Mil., 43).

פלוצלונג האט פעדארא אראבגעלאָזען דעם בוך און איז געבליבען שטיל. העדוויג האָט זיך ערשטוינט ארומגעקוקט און האָט דערזעהן וויא דער וואלד ענגעל וויינט.

ראש האט זיא ארויסגענומען דעם בוך פון איהר האנד און האָט געזאָגט:

— אבער קינד,ביידע זייַען דאך שוין לאנג טויט, שוין באלד צוויי טויזענד יאהר. אָבער זאָג מיר פעדארא, האסט דוא נאך יעצט דער קעניגען קלעאָפאטרא?

— ניין, — האָט פעדארא געענטפערט — דאך וואָלט איך וועלען וויסען וואָרום רופט זיך דיעזער האָף קלעאָפאטרא?

העדוויג האָט זיא אָנגעקוקט מיט שארפע בליקען, דאן האט זיא געענטפערט?

— אָה, איינפאך, אום צו שטעלען איין אנדענקען נאך דיעזער גרויסער קעניגין: דוא זעהסט דאך דאס זיא איז געווען א פרוי מיט דיא גרעסטע געפיהלען; אין אונזער צייט גיבען ניט אזעלכע פרויען.

פלוצלונג אבער האט זיא אָבגעבראָכען איהר געשפרעך און האט געזאָגט:

— פעדארא, עס איז שוין שפעט, געה שלאָפען. איך וועל מיך זעלבסט אויסקליידען.

פעדארא האָט איהר געוואונשען א גוטע נאכט און האט פערלאסען דעם צימער.

וויא פעדאָרא איז ארויס האט זיך העדוויג געוואָרפען מיט׳ן קאָפ אויפ׳ טיש און האט געמורמעלט:

— אה קלעאפאטרא! קלעאפאטרא! איך פיהל דאס דוא ליעבסט נאך. אבער וואו איז א מאן וויא אנטאָניוס?

איהר געזיכט האט יעצט געצייגט איין אונענדליכע אויפרעגונג. איהר ברוסט האט געאטהעמט און געקלאפט מיט האסט, און יעדער מוסקעל פון איהר געשטאלט האט געוויזען איהר אויפרעגונג.

פלוצלונג האט זיא פערלאסען דעם צימער. זיא איז אוועק אין שטאל וואו דיא רייטפערד זיינען געשטאנען. געוועהנליך פלעגט זיא רייטען צו זאמען מיט פראנץ שטאנד וועלכער האָט געשפיעלט דיא ראלע פון א שטאלמייסטער, אבער פראנץ האט שוין געשלאָפען און זיא האָט יעצט געוואָלט זיין אליין.

זיא האָט אליין אנגעזאָטעלט דעם פערד און האט זיך געלאזט פאהר שטורם און שטויב.

ערסט שפעט אין נאכט איז זיא צוריק געקומען. דיא רייזע האט בערוהיגט.

בעפאר זיא איז אין איהר צימער אריין איז זיא פארביי גענאנגען פעדרא׳ס צימער, און עס האָט איהר געשיינט דאס זיא האט געהערט א שטילען זיפץ.

— אויך זיא שיינט צו זיין אויפגערעגט פון דיעזער דראמע. האָט זיא צו זיך געזאגט און איז אריין אין איהר צימער.

פעדרא האט ווירקליך נאך ניט געשלאָפען, דיא דראמע וועלכע זיא האט ערסט געלעזען איז ניט ארויס פון איהר קאפ.

— אלזא, עס גיט אזא שטארקע ליעבע! — האט זיא צו זיך געזאגט — פאטער טהאמאס האט געזאגט דאס עס איז א זינד איבערצוגעבען דאס גאנצע הערץ צו א מענש. זיא האט ביז יעצט געהאלטען דעם פאטער טהאמאס פאר׳ן גרעסטען מאן, וואס זאָגט אלעס וואר. אבער דאך, דיעזע קלעאָפאטרא.

פלוצלונג איז איהר געקומען אין זינען דאס זיא וואָלט נאך אמאל וועלען זעהן דעם גראף פינקענשטיין, אבער גאנץ פון ווייטען, זא דאס ער זאל זיא ניט קענען זעהן.

נון איבער מארגען איז זאנטאג, זיא וועט דער גרעפין בעטען זיא זאל זיא לאזען געהן נאך הויזע.

— וויא מערקווירדיג דיא גרעפין האט הייטע אויסגעזעהן! — האט פעדרא ביי זיך געדאכט — זיא האט יעדענפאלס שוין פערזוכט וואס דיא ליעבע איז, אבער זיא איז דאך שטארקער פון מיר, דען זיא האָט דיא ליעבע בעקעמפפט. אה זיא איז קליגער און שטארקער אלס איך, אבער איך וועל אויך ניט אימער זיין אזוי שוואך און נאריש.

אין דיעזע געדאנקען האט פעדראָ איינגעשלאָפען. אין שלאף האָט איהר געטרוימט פון קלעאָפאטראָ און אנטאָניוס, און דאס בילד פון אנטאָניוס איז פאר איהר ערשינען אין דעם אויסזעהן פון דעם גראף אטטא פינקענשטיין.

אויפ׳ן צווייטען טאג האט פעדראָ געבעטען ערלויבנים צו בעזוכען איהר מוטער און העדוויג האט איהר דיעזע ערלויבנים געגעבען.

מיט פערגעניגען האָט זיך פעדרא בעגעבען אויפ׳ן וועג. זיא איז דורכגעגאנגען דעם פיכטען וואלד וועלכער וואר איהר בעקאנט און האט עררייכט איהר היים ווען עס וואר שוין דונקעל.

פעדראָ איז ניט זאפארט אריין אין הויז. זיא איז פריהער צו געגאנגען צום פענסטער.

דא האט זיא געהערט שטימען אין הויז.

ווער קען עס ביי איהר מוטער זיין?

פעדארא האט זיך צוגעביינגען צום פענסטער און האט געזעהן וויא פאָטער טהאָמאס רעדט מיט אויפרעגונג צו איהר מוטער. מיט פערוואונדערונג האָט זיא געהערט פאָלגענדע ווערטער וואָס פאָטער טהאָמאס האט געשפּראָכען:

— עס איז וויא איך זאָג, זיא איז קראנק און דער דאָקטאָר מיינט, דאָס מען וויים ניט אויב זיא וועט מיט איהר אונגעדולדיגע און אויפגערעגטע נאָטור איבער־לעבען דיא קראַנקהייט.

דיא אַלטע פרוי האָט געגעבען איין אַנטוואָרט וועלכען פעדאראָ האָט ניט געקענט הערען, אבער יעדענפאלס איז איהר פאָרגעקומען אז דיא אַלטע האָט אויס־געשפּראָכען א ביטע.

דאָך מיט אויפרעגונג האָט דער גייסטליכער זיא אונטערבּראָכען.

— איך זאָג אייך אז דאָס איז אייער פּפליכט. איהר ווייסט ניט וויא לאַנג איהר קענט נאָך לעבען. אויך איך קען באלד שטארבען און דאַן איז דאָס קינד דיא עלענדסטע אין דער וועלט.

— אָבער איהר פערגעסט, — האט אורזולאַ געענטפערט, דאָס איך האָב געשוואָרען צו שווייגען!

— דער פערטרעטער פון דער קירכע בעפרייט אייך פון דער שבועה.

— אָבער זיא וועט מיך מיט הינד פעריאָגען פון שלאָס און אויך פון מיין וואהנונג. אה איהר ווייסט ניט וויא שטאָלץ און וויא בייז זיא איז.

— נון דאַן בין איך נאָך דאָ! האָט קיין פורכט זיא וועט אייך גאָר נישט טהאָן. פאַר'ן טויט וועט זיא וויסען וויא אייך צו דאנקען, דאָס זיא קען איהר אונ־רעכט פערבעסערען איידער זיא טרעט פאַר'ן הימלישען ריכטער. דיא שטימע פון מוטערליעבע וועט אויך ניט שווייגען, ווען זיא וועט פאר זיך זעהן איהר קינד אזוי שעהן און אזוי ריין. זיא האט געגלויבט איהר קינד איז טויט און האָט זיא שטארק בעוויינט, יעצט וועט זיא זעהן דאס קינד פאר זיך.

— מען וועט מיך צו איהר גאר ניט צולאזען.

— איך גיב אייך א פּאאר ציילען און דיא נויטהיגע פּאפּירען.

— אך גאטט וויא שווער דאָס איז פאַר מיר, ווילט איהר פיעללייכט מיט מיר מיטגעהן?

— נייז, איך בין דערצו ניט בערעכטיגט. דאס קינד איז אייך אנפערטרויט געווארען, איך וועל אייך אונטערשטיצען מיט וואָס איך קען, אבער געהן אהין, דאס קען איך ניט.

פעדאָרא איז געשטאנען אין דרויסען וויא געלעהמט. האט זיא רעכט פער

שטאַנען? מען האָט געשפּראָכען פון איהר, די אַלטע אורזולא איז ניט איהר מוטער? וואָרום האט מען דאָס פיר איהר פערשוויגען? איהר מוטער לעבט נאך און זיא גלויבט דאס איהר טאָכטער פעדאָרא איז טויט. וואָס איז דאָס אַלעס געווען?

דיא געדאַנקען האָבען זיך געדרעהט אין איהר קאָפּ, דא האט זיא געזעהן וויא דער אַלטער גייסטליכער איז אויפגעשטאַנען אום צו נעהמען אבשיעד.

פעדארא האט זיך שנעל אריינגעכאפּט אין גארטען, ער זאָל ניט וויסען דאָס זיא האט געהארכט אונטער'ן פענסטער.

דארט איז זיא געשטאַנען אייניגע מינוטען אום צו פאסען זיך. דא האט זיך געעפענט דיא טהיר און שפּיטץ איז ארויסגעלאָפען מיט א בילעריי צו איהר.

פעדארא האט זיך געזעהן גענייטהיגט ארייגצוגעהן אין הויז. פעררווירט האט זיא גערייכט דיא האנד צום אַלטען גייסטליכען.

— זאג מיר מיין קינד, האָט ער איהר געפרעגט ערשטוינט, וויא קומסט דוא יעצט אהער אין דער דונקעלהייט?

— דוא ביזט דאָך געוויס ניט אנטלאָפען פון דיין שטעלע? — האט דיא אלטע געפרעגט ערשראָקען.

פעדאָרא האָט זיי יעצט ערצעהלט דאס זיא האָט גענומען פריי ביז זאָנטאג אבענד אום צו בעזוכען איהר מוטער.

— נון, דאס איז שעהן פון דיר, — האָט דער אַלטער גייסטליכער געזאָגט — מארגען נאָך גאטעס דינסט קענסט דוא ביי מיר שפּייזען, און איהר אורזולא זייט מאָרגען פריה ביי מיר. גוטע נאַכט.

אורזולא האָט געשיינט ניט צו זיין שטאַרק צופריעדען מיט פעדאראָ'ס בעזוך, זיא האָט קאַלטבליטיג נאָכגעפרעגט וויא עס געפעהלט איהר ביי דער גרעפין.

עס האָט געשיינט אז א שווערע זאָרג ליעגט אויף איהר הארצען. זיא האָט געזיפצט און געטראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

פעדאָרא האָט אויך ניט געקענט שלאָפען. זיא וואר בעשעפטיגט אין וואָס זיא האָט געהערט.

פּלוצלונג איז איהר געקומען דער געדאַנק, פיעללייכט איז זיא ניט דיא פון װעלכער מען האָט געשפּראָכען. איהר נאָמען האָט זיא ניט געהערט. פיעללייכט האָט איהר מוטער פריהער ביי זיך געהאָט א פרעמדע קינד.

איין געדאַנק איז געקומען נאָך'ן צווייטען זא דאס זיא האָט צו קיין קלאָהרען בעשלוס ניט געקענט קומען.

— — — — — — — — — — — — —

אין שלאָם פינקענשטיין וואר אַ טומעל אין דער שפּעטער נאַכט. ערסט האט מען געבראכט אַ פּראָפעסאָר פון שטאָדט.

צוויי דאָקטוירים ווארען שוין ביי דער גרעפין, וועלבע האט געהאט אַ שלאַנ־אנפאַל.

גראַף אטטא איז געזעסען ביי דער קראנקער פרוי און האָט געקוסט איהר שוואכע האנד.

דיא קראנקע האָט איהם אנגעקוקט פריינדליך און איהרע געוועהנליכע קאַלטע און בייזע בליקען זיינען יעצט געווען ווייכער און ווארימער.

— דוא דארפסט דאָך ענדליך געהן רוהען, ליעבער אָטטא! — האָט זיא אין דער שטיל געזאָגט — זייט דריי טאָג זיצסט דו ביי מיין בעט. מיין קאַמער־פרוי קען מיר אויך געבען מיין מעדעצין.

— אך ליעבע מוטער, עליזא איז דיר טריי, אבער דינער זיינען אימער בלויז בעצאהלטע, איך וויל נאָך זיטצען נעבען דיר, מאָרגען פריה מוז איך זאָ וויא זאָ אוועקגעהן אויף אַ שטונדע.

א דינערין האָט יעצט איבערגעלעגט דיא אייז אויף'ן הארצען און דיא גרעפין האט איינגעשלומערט.

גראַף אטטא האָט בעאָבאכטעט דיא שלאָפענדע מיט ענגסטליכע בליקען. דער שטאָלצער מוטה איז געבראָכען געוואָרען אין זיין זאָרג פאַר זיין מוטער.

דיא פערגאַנגענהייט איז יעצט פאָראיבער נעגאַנגען אין זיינע געדאַנקען. גרעפין גאַברילא פאָן פינקענשטיין איז געווען זיין שטיפמוטער. אַלס ער וואר א יאָהר אַלט האָט זיין פאָטער זיא געהייראַטהעט.

אלס ער וואר פיערצעהן יאָהר אלט איז ער אָבגעשיקט געוואָרען אין גימנאַ־זיום. און אַלס ער איז דעם ערסטען מאָל געקומען צוריק נאָך הויזע האָט ערפאַהרען, דאָס זיינע עלטערען האָבען זיך צוריק געצאָגען פון דער געזעלשאַפט און זיין פאָטער האָט געשיינט צו זיין אייפערזיכטיג אויף זיין שטיף־מוטער.

און זיא זיין שעהנע שטיפמוטער איז ארומגעגאַנגען אין איינפאכע קליידער און האָט געהאט א בלאַסע געזיכט. זיא וואר צו איהם אימער פריינדליך, אימער ליעבליך וויא איין אייגענע מוטער און ער האָט זיא אויך געליבט וויא איין אייגענע מוטער.

אַלס ער איז צוריק אוועקגעפאָהרען נאָך דער גימנאַזיום האָט ער ערהאַלטען א בריף פון זיין שטיפמוטער דאָס זיא איז קראַנק און פאָהרט נאָך דיא בעדער.

אַלס ער האָט זיא נאָכדעם ווידער געזעהן האָט זיא געשיינט צו זיין עלטער מיט צעהנדליגע יאָהרען. איהר מינע איז געוואָרען קאַלט און האַרט און בייז.

זיא האָט רוהיג פערטראָגען איהר פאָטער'ס קאַלטע בעהאַנדלונג, אָבער דאָך אין הארצען וואַר זיא פערביסען.

גראָף אַטטא האָט זיך דאַן געדאַכט דאָס עטוואָס איז דאָ געשעהן, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט ערקלעהרען דיא אורזאַכע.

ער האָט געזעהן וויא זיין מוטער האָט געליטען.

נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט איז דער פאָטער געשטאָרבען.

דיא שטיפ-מוטער האָט דאַן פאַלשטענדיג געפיהרט זיין ערציהונג זיא וואַר צו איהם ליעבליך און פריינדליך, בלויז מיט איהם וואַר זיא מונטער און גוט, זאנסט איז זיא געבליבען קאַלט און בייז.

נור עליזאַ וועלכע איז שיין אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אין איהר דינסט האָט געגאָסען דיא פריינדשאַפט אין דעם צוטרויען פון דער גרעפין.

גראָף אַטטא האָט יעצט געדאַכט פון דער צייט ווען ער האָט געוואָלט הייראַטהען מיט זיין געליעבטע און וויא ער האָט דעריבער געשפּראָכען מיט זיין שטיף-מוטער.

וויא איז זיא דאַמאָלס געוואָרען עמפּערט! וויא האָט זיא געוויינט און האָט איהם צו זיך צוגעצויגען און האָט איהם געבעטען ער זאָל ניט הייראַטהען אונטער זיין שטאַנד און דערצו נאָך מיט אַ מעדכען וועלכע האָט קיין אָפענע און קיין קלאָהרע פערגאַנגענהייט. זיא האָט געוואָלט פערלאָסען דעם שלאָס אין דעם טאָג וואָס ער וועט דיעזעס מעדכען הייראַטהען. מיט איין אונווירדיגער האָט זיא ניט געוואָלט וואָהנען אונטער איין דאַך.

אַך וויא שנעל האָט ער איינגעזעהן דאָס זיין מוטער האָט רעכט געהאַט! יענע שעהנע פרוי האָט איהם בעטראָגען, און פון יענער צייט אָן איז ער געוואָרען דער פיינד פון אַלע פרויען, בלויז זיין שטיפמוטער האָט געשיינט צו זיין דער אידעאַל פון אַלע פרויען.

אַך וויא שווער איז איהם יעצט צו פערלירען דיעזע מוטער, וויא אונאַנגענעהם איז פאַר איהם איהר געפעהרליכע קראַנקהייט!

ער האָט זיך פּרובירט לעגען שלאָפען, אָבער ער האָט ניט געקענט איינשלאָפען, און ער איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך בעגעבען צום שטאַל וואו דיא פערד זיינען געשטאַנען.

גלייך מיט דעם גראָף האָט אורזולא אויך פערבראַכט אַ שווערע נאַכט.

זעהר גערן וואָלט זיא וועלען האנדלען ניט וויא פאָטער טהאָמאס פערלאַנגט, אָבער עס האָט איהר געפעהלט דער מוטה דערצו און זיא האָט אויך געזעהן דאָס דער גייסטליכער האָט רעכט.

זיא האָט דיא גאַנצע נאַכט געדענקט וועגען דעם מאָרגענדיגען טאָג. ענדליך איז דער טאָג געקומען; און זיא איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך געמאַכט פאַרטיג צו איהר גאַנג.

זיא האָט זיך אויסגעפוצט אין איהרע זאָנטאַגס קליידער.

א קורצער, גרינער ראָק מיט שווארצע סאַמעט שטרייפען האָט איהר געגרייכט ביז דיא קניע.

אין איין האַנד האָט זיא געטראָגען א גרויסען, בלויען רעגענשירם וועלכער וואר עלטער פון איהר זעלבסט. אין דער צווייטער האַנד האָט זיא געהאַלטען א פעקעל פאַפירען.

פעדאַראָ האָט זיא בעגלייט א גרויסען שטיק וועג.

ביין אויסגאַנג פון וואַלד האָבען זיי זיך צוזעגענד. פעדאַראָ איז אוועק בעזור־בען דיא קירכע און אורזולא איז אוועק צום שלאָס.

אַלס זיא איז צוגעגאַנגען צום טויער פון האָף האָט זיא דערזעהן דעם גראַף וועלכער איז אַרויס רייטענדיג אויף זיין פערד.

אורזולא האָט בעשטימט צו ווארטען ביז ער האָט ארויסגעריטען.

זיא האָט זיך אומגעקעהרט א שטיק וועג און האָט זיך פערשטעקט אונטער א באַרג שטיינער.

ענדליך איז דער גראַף פאַראיבערגעפאָהרען. יעצט האָט זיא זיך אויפגעהאבען און איז אוועק צום האָף.

מיט פורכט האָט זיא זיך ארומגעדרעהט ארום שלאָס. איינינע דינער זיינען ארומגעגאַנגען אַהין און אַהער און האָבען זיא בעטראַכט מיט נייגעריגע אויגען, דאָך האָט איהר געפעהלט דער מוטה צו ריידען צו דיא דינער.

דא איז דיא הויזפערוואַלטערין ארויס אין טהיר. אורזולא האָט זיך יעצט געמאַכט א האַרץ.

— אַך ליעבע פרוי פערוואַלטערין, — האָט זיא געזאָגט — ווילט איהר מיך פיהרען צו דער קאַמער פרוי פון דער גנעדיגער גרעפין?

דיא פערוואַלטערין האָט זיא אָנגעקוקט.

— וואָס דאַרפט איהר ביי דער קאַמערפרוי.

— איך האָב איהר מיטצוהיילען א גאַנץ וויכטיגע זאַך, ביטע פיהרט מיך צו איהר.

— דאָס קען יעצט ניט זיין, — האָט דיא הויז האַלטערין געענטפערט — פרוי עליזא איז יעצט אין קראַנקען צימער און וועט ניט קענען אָבגעהן.

אורזולא איז אָבער אזוי צוגעשטאַנען דאָס דיא הויז פערוואלטערין האָט גע־שיקט א דינער און האָט געלאָזט אראָברופען דיא קאמער דינערין עליזא.

— וואָס ווילט איהר פרוי הובער? האָט עליזא געפרעגט און האָט אנגעקוקט דיא אַלטע אורזולא.

— אַך ענטשולדיגט מיר ליעבע פרוי עליזא. איך האָב געוואָלט איהר זאָלט מיך מעלדען פאַר דער גרעפין, — האָט אורזולא געשטאַמעלט.

— דאָס איז גאַנץ אונמעגליך. — האָט עליזא געענטפערט קורץ.

— איך האָב איהר צו זאָגען א פּאָאָר וויכטיגע ווערטער, — האָט אורזולא ווייטער געזאָגט — ביטע פיהרט מיך צו איהר.

— צו דער גרעפין קען יעצט קיינער ניט צוקומען. איהר קענט אָבער מיר מיטטהיילען וואָס איהר ווילט זאָגען דער גרעפין. האָט איהר פיעללייכט געבראַכט א טהעע?

— אַך גאָטט, — האָט דיא אַלטע אורזולא געזיפצט — איך מוז דער גנעדיגער גרעפין עטוואָס זאָגען גאַנץ אַליין.

— וואָס איז עס דען אזוי וויכטיג?

— דאס איז א געהיימניס וואָס בעטרעפט נור איהר אַליין. איך וואָלט גאָר אהער ניט קומען, ווען פּאָטער טהאָמאס וואָלט מיך דערצו ניט צווינגען. איך בעט אייך, פיהרט מיך צו דער גרעפין, דער פאָטער טהאָמאס וועט שוין דערפאַר ענטפערען.

עליזא האָט זיך איבערלעגט.

וואָס האָט דיא אַלטע פרוי צו זאָגען דער גרעפין?

פיעללייכט וויל זיא א נדבה.

— ניין, האָט עליזא געזאָגט נאָך א קורצער איבערלעגונג. איך קען אייך ניט אריינלאָזען, דיא גרעפין קען זיך אויפרעגען. ווילט איהר א געשאַנק, זאָ וועט אייך דיא הויז פערוואלטערין אויך געבען.

מיט דיעזע ווערטער האָט זיא געוואָלט אוועקגעהן.

אבער אורזולאָ האָט זיא ניט אָבגעלאָזען. זיא האָט זיא צוגעהאַלטען ביים קלייד און האָט זיא געבעטען:

— איך שווער אייך, דאָס איך וויל קיינע נדבה, אך איך מח שפּרעכען נור א פּאָאר ווערטער מיט דער גרעפין, איידער דער גראף קומט צוריק. איהר ווערט דער גרעפין טהאָן די גרעסטע דינסט, ווען איהר וועט מיר צו איהר צו לאָזען. זיא וועט אייך דערפאר געוויס בעלאהנען.

עליזא וועלבע איז געריהרט געוואָרען פון דיא רייד און צודרינגליכקייט, האָט זיך אנדערש איבערלעגט און האָט געזאָגט:

— נון גוט, איך וועל דער גרעפין פרעגען אויב זיא וועט אייך צולאָזען.

אה, נעמט מיט דיעזען בריף, ער איז פון פאָטער טהאָמאס, עס שטעהט דארין וואָס איך האָב מיט איהר צו שפּרעכען. אבער גיט ניט דעם בריף צו איין אנדערער.

עליזא איז יעצט געגאנגען צוריק אין שלאָס און איז צוגעגאנגען צו איהר הערריז.

דיא גרעפין האָט געווענדעט דעם קאָפּף צו דער דינערין:

— וואו ביזט דוא געוועז?

— אך גנעדיגע פרוי גרעפין, דיא אלטע שוועמליך־קלייבערין שטעהט אין פארהויז און וויל דורכאויס שפּרעכען מיט אייער גנאדען.

— מיט מיר? — האָט דיא גרעפין געפרעגט פערוואונדערט — האָסט דוא איהר ניט געזאָגט דאָס איך בין קראנק?

— געוויס, פרוי גרעפין.

— און דאָך וואגט זיא צו פאָדערען? ·

— ענטשולדיגט, גרעפין, זיא פערלאנגט עס דורכאויס.

— וואס וויל זיא דען אייגענטליך?

— אה, זיא זאָגט אז זיא קען עס קיינעם ניט זאָגען אויסער אייך אליין. זיא האָט מיר געגעבען א בריעף וועלכען איך זאָל אייך איבערגעבען.

דיא גרעפין האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען, האט צוגענומען דעם בריעף, האָט איהם געעפענט און גענומען לעזען.

קוים האָט זיא איבערגעלעזען איינינע צייל'ען, זא איז דער בריעף ארויסגעפאַלען פון איהרע הענד און איהר געזיכט איז געוואָרען בלאס וויא דער טויט.

איינינע מינוטען האָט זיא צוגעשלאָסען דיא אויגען, דאַן האָט זיא זיך אויפגעחאפּט און האָט דעם בריף צוזאמענגעדריקט או: האָט געזאָגט:

— פיהרט אריין דיא פרוי און לאָזט אונז אליין.

עליזאָ האָט געוואָרפען איין אונרוהיגען בליק אויף דער גרעפין.

קרים אין עליזא ארויס זא איז זיא פאלשטענדיג צוזאמענגעבראכען, איהרע ליפען האבען זיך פערצויגען, וועהרענד איהרע אויגען האבען זיך פערדרעהט צו דער טהיר דורך וועלכער אורזולא האט בעדארפט אריינקומען.

3טער קאפיטעל.

פארבערייטונגען.

דער לעזער וועט געדענקען דאס מיר האבען איבערגעלאזען דעם אינטריגאנט ארטהור מענצעל אין טאניס צימער זוכענדיג איין אריינגאנג אין פרוי מענצעל'ס וואהנונג. זיין אונטערנעהמונג האט געהאט איין ערפאלג, דען אונטער דעם קליידער שראנק אין טאניס צימער האט ער געפונען א טהיר וועלכע ווער נים פערשלאסען.

פארזיכטיג האט ער אבגערוקט דעם ריגעל, אבער ער האט געפונען אז אויף דער אנדער זייט שטעהט אויך א שראנק.

— פערדאמט! — האט ער געמורמעלט — וויא זאל איך יענעם שראנק אברוקען?

ער האט אנגעפאנגען צו ארבעטען אבצורוקען יענעם שראנק, ביז עס איז איהם געלונגען צו מאכען א פלאטץ וויא זיך דורך צודריקען.

נאכדעם וויא ער האט זיך מיט מיהע דורכגעשפארט און איז אריין אין פרוי מענצעל'ס וואהנונג האט ער זיך אבגעשטעלט אום צו בעטראכטען דיא הויז.

אין א ווינקעל הויז איז געשטאנען א שרייב טיש, מיט אייניגע פערזיגעלטע קעסטלאך. אויף'ן שרייב־טיש איז געלעגען טאבאק און אנדערע זאכען צום רויכען. דיא גאנצע איינריכטונג האט בעוויזען, אז דער שרייב־טיש געהערט צו א מאנס פערזאן.

עס וואר ווירקליך דער צימער, פון רודאלף מענצעל וועלכער געפינט זיך יעצט אין געפענגניס.

הינטער דעם שרייב־טיש האט מענצעל ענטדעקט יענעם קופערט אין וועלכען מען האט אונטערגעווארפען דיא געגנביטע געלד.

יעצט האט ער נים געצווייפעלט אז ער געפינט זיך ווירקליך אין זיין אפפערס צימער.

— היער דארף איך מיך מעהר נים ארומקוקען. האט ער געמורמעלט, יעצט דארף מען געהן אין צווייטען צימער.

דיא טהיר וואס האט געפיהרט צו פרוי מענצעל'ס צימער וואר נים פער־שלאסען.

מענצעל איז אהין אריין.

ער האָט דאָרט באַלד דערזעהן איין אלט־מאָדישען שרייב־טיש נעבען א סאָפע. **אין דיעזען שרייב־טיש האָבען זיך געפונען קאסטענס און יעדע קעסטעל וואר פערזיגעלט מיט א געריכטליכען זיגעל.**

— א נאררישע זאך, — האָט מענצעל געזאָגט און האָט בעטראַכט דעם טיש וועלכער איז געווען פיעל עלטער פון איהם — אין דיעזע קאסטענס דארפען זיך געפינען דיא פּאָפּירען וועלכע איך זוך. זאָל איך אבער אויפבּרעכען דעם זיגעל?

— קיין אנדער מיטעל האָב איך ניט, — האָט ער נאך א קורצען דענקען נעזאָגט, אבער דאָך קען עס ווערען געפעהרליך. דיא פּאָליציי קען אויף דעם פאַלען און דאן...

מענצעל האָט זיך געוואָרפען אויף א שטוהל און האָט נעדענקט.

פּלוצלונג האט ער א חאַפּנעטהאָן דעם זייגער פון זיין טאשע.

— פערדאמט! האָט ער געמורמעלט. א מאל געהן דיא ווייזערס אזוי לאנגזאם דאָס יעדע מינוט נעהמט א האַלבע שטונדע, און יעצט איז אוועקגעלאָפען דיא צייט אזוי שנעל. איך מוז מיךווירקליך איילען, אָבער וויא קום איך צום שרייב־טיש? ווען איך וואָלט ביי זיך געהאט א האק — אבער מיט א האק קען איך אויך גאָרנישט טהאָן, דער לארם וועט אויפוועקען דיא איינוואָהנער.

דיא וואנד ביי וועלכער דער שרייב־טיש איז געשטאַנען האָט זיך נעגרענעצט מיט דער צווייטער הויז. דאָס האָט מענצעל שוין אויסגעפונען. עס וואר א נעמויערטע וואנד און מענצעל האָט ניט בעדארפט פירכטען דאָס מען וועט איהם אזוי לייכט אויסגעפינען.

נעבען מענצעל'ס וואָהנונג אויף דער צווייטער זייט איז געווען טאַניס צימער, טאניס צימערע ווייעדער איז אריין אין קאָרידאר, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען א פענסטער, עס איז דארום אויך ניט געווען אזא געפאהר דאס מען וועט הערען אויף דער צווייטער זייט וואס אין פרוי מענצעל'ס וואָהנונג טהוט זיך.

דאך האָט מענצעל געמוזט זיין פאָרזיכטיג, און דארום האָט ער אָבגערוקט דעם שרייב־טיש צום מיטען הויז, אום מען זאָל ניט אזוי הערען, ווען ער וועט איהם אויפבּרעכען.

דער שרייב־טיש וואר אָבער אזוי אלט און שוואך דאָס רוקענדיג זיינען איינינע ברעטער פון איהם ארויסגעפאלען.

דיא ברעטער ווארען ריכטיג פון דעם הינטערסטען זייט און דיא הינטערסטע זייטען פון דיא קאסטענס זיינען יעצט געווען פריי פאר זיין האַנד.

דאָך האָט ער ניט געקענט אַרויסשלעפּען דיעזע קאַסטענס.

ער האָט זיך דאַרום גענומען מיט זיין מעסער אַרויסצודרעהען די שרויפען פון דיא איבעריגע ברעטער, ביז איהם איז געלונגען צו עפענען דיא גאַנצע הינטער־סטע וואַנד פון שרייב־טיש.

— אהא! — האָט ער געמורמעלט! — ערסט יעצט בין איך אויף דעם ריכ־טיגען וועג.

ער האָט גענומען דאָס ליכט און האָט אַריינגעקוקט אין שרייב־טיש, און זיין בליק איז באַלד געפאַלען אויף צוזאַמענגעבונדענע פּאַפּירען.

דיא צייט איז דער ווייל געלאָפען שנעל, מענצעל האָט זיך דאָ לענגער ניט געקענט אויפהאַלטען. עס וואַר פאַר איהם אונמעגליך איבערצוקוקען אַלע פּאַפּירען.

המ! — האָט ער געמורמעלט — הייטע און מאָרגען וועלען דיא זיגלען נאָך ניט אַראָבגענומען ווערען, איך בין דאָ הייטע אויך ניט צום לעצטען מאָל.

נאָך דיעזע ווערטער האָט ער דיא פערשיעדענע פּאַפּירען אַריינגעלעגט אין זיין טאַשע, האָט צוזאַמענגעשטעלט דיא ברעטער פון שרייב־טיש אַזוי דאָס אויפ'ן ערסטען אויגענבליק זאָל מען ניט בעמערקען אַז זיי פעלען און האָט דעם שרייב־טיש צוריק צוגעשטעלט צום וואַנד. נאַכדעם וויא ער האָט זיך איבערצייגט דאָס קיינע פון דיא זיגלען זיינען צובראָכען געוואָרען און קיין זאַך איז ניט געבליבען צו בעווייזען דאָס אַ פרעמדע פּערזאָן איז דאָ געוועזען האָט ער זיך גענומען פערלאָסען דיא הויז.

בעפאָר ער איז אַרויס פון טהיר האָט ער זיך נאָך אַמאָל אַרומגעקוקט פיעל־לייכט געפינט זיך עפּעס פערדעכטיגעס, און פיעללייכט קען ער זעהן עטוואָס וואָס קען איהם נוטצען.

אויסער דעם שרייב־טיש האָט זיך אין הויז געפונען אַ פערשלאָסענער קאָמאָד, און אַ קליידער שראַנק.

אויף יעדען שלאָס איז געלעגען אַ זיגעל.

זיין בליק איז יעצט געפאַלען אויף אַ נעה־טישעל ביי אַ פענסטער וועלכער וואַר ניט פערשלאָסען און ניט פערזיגעלט.

— וואַהרשיינליך געפינט זיך דאָרט קיין זאַך, — האָט ער צו זיך געזאָגט — דאָך וועל איך אַ קוק טהאָן.

ער האָט דעם טיש געעפענט און האָט דאָרט געפונען אייניגע קנוילען פאָדעם, נאָדלען און אויך אַ שטיק וואַקס.

מיט אַ שמייכעל האָט מענצעל צוגענומען דיא וואַקס.

— דאס איז א גוטער צופאל, — האָט ער צו זיך געזאָגט. דיא וואקס וועט מיר צוניטץ־קומען.

יעצט האָט ער פערלאָסען דיא וואָהנונג.

ארויסגעהענדיג האָט ער פון אַלע שלעסער אין דיא טהירען גענומען א ריכטיגען וואקס אבדרוק, ער האָט אויך אבגעדריקט מיט וואקס דעם שלאָס וואָס פיהרט צו טאָניס וואָהנונג.

איין שווערע זאַך האָט ער נאָך געהאט. נעמליך עס וואר פאסט אונמעגליך ארויסצוגעהן און אוועקצושטעלען דעם שראנק אויף זיין ריכטיגען ארט.

אבער מענצעל האָט אין דעם אויך געוויזען א מערקווירדיגען טאלאנט. ער האט געפונען א שטריק מיט וועלכען ער האָט ארומגענומען דעם שראנק און האָט איהם צוגעשלעפט צו זיין ארט. דאַן האָט ער ווידער צוגעמאַכט דיא טהיר, האָט זיא פעררינעלט, האָט צוגערוקט טאָניס שראנק און איז ארויס פון איהר צימער.

א בליק אויף'ן זייגער האָט איהם איבערצייגט דאָס דיא צוויי שטונדען וועלכע ער האָט מיט מאקס'ן אבגערעדט זיינען שוין לאנג פאָראיבער. ער האט זיך דארום געמחט איילען, דען עס איז געלעגען אין זיין אינטערעסע נית צו לאָזען ווארטען זיינע קאמעראדען. אלס ער איז ארייגנעקומען אין דעם שענק אין וועלכען ער האָט מאקס'ן בעדארפט טרעפען האט ער זיך ריכטיג בעגעגענד מיט זיין קאמעראד.

— נון, האט מאקס געפרעגט, נאכדעם וויא ער האָט צוגענומען דעם שליסעל, — האט איהר אייער ציעל עררייכט?

— אביסעל!

— און מיין לאָהן?

— איהר האָט פאר מיר זעהר וועניג געטהאָן, איך וועל אייך דערפאר געבען בלויז פינף הונדערט מארק.

מאקס האט זיך ,געדונגען און געדונגען. ענדליך האָבען זיי זיך פעראייניגט און מענצעל האט בעצאהלט זיעבען הונדערט און פערציג מארק.

מאקס האָט צוגענומען דאָס געלד און איז אוועקגעלאפען צו זיין טאָני וועלכע האט געווארט אין גאס.

מענצעל האָט זיך אויך בעגעבען אין זיין האָטעל אום צו לעזען דיא שריפטען וועלכע ער האָט געקראָגען.

— — — — — — — — — — — — — —

מיר וועלען זיך דערווייל אומקעהרען צו לינא סאמער, דיא ווייב פון דעם פאליצייא קאמיסאר.

אלס דיעזע שעהנע פרוי האָט דערהערט פון פרוי מענצעל׳ס טויט איז זיא געוואָרען אויסער זיך.

איהר מאַן האָט איהר דיעזע נאכריכט געבראַכט און אויף מאָרגען האָבען אלע צייטונגען בעשריבען דיא גאַנצע סצענע מיט אלע איינצעלהייטען.

פון דיא צייטונגען האָט לינא געוואוסט וויא אלעס איז צוגעגאַנגען און איהר הארץ האט געבראָכען ווען זיא האָט געדענקט דאס רודאלף׳ס מוטער איז געשטאָר־בען אין זיינע ארמען אלס זיא האט געבראַכט איהר קינד א געדום פון זיין געליבטע.

זיא האט בעוויינט דיא פערשטארבענע פרוי מיט הייסע טרעהרען, ניט נור אלס דיא מוטער פון איהר געליבטען, נור אלס גוטער וועזען וואס האט זיא פריינד־ליך און ליעבליך בעהאַנדעלט.

גאַנצע טעג האט זיא געלעבט איינגעשלאָסען אין איהר צימער, זיא האט זיך פאַר איהר מאַן ניט געוויזען, ער האט געמוזט אליין עסען ביין טיש און האט מיט איהר ניט געקענט ריידען.

אויך איהר מעדכען האט זיא זעלטען צוגעלאזען צו זיך.

דעם פאליציי קאמיסאר איז דאס אויפגעפאלען און ער האט זיך געפרעגט וואס איז דיא אורזאכע פון דיעזען טרויער.

פון זיין ווייב׳ס געהיימע ליעבע האט ער ניט געוואוסט, און אזוי וויא זיין ווייב האט געהאט זעהר וועניג צו טהאן מיט דער געזעלשאפט, און האט אויך געהאט זעהר וועניג פריינד דארום האט ער זיך ניט געקענט ערקלעהרען דיא ריכטיגע אורזאכע.

איינינע טעג זיינען אזוי פערגאַנגען.

ער האט מיט אונגעדולד ערווארטעט דיא שטונדע ווען לינא וועט זיך וויעדער ווייזען אין זאאל. ניט ווייל דיא געפיהלען פון זיין הערצען האבען איהם ניט געלאזט רוהען, ניין, דיעזע האט ער קיין מאל ניט געהאט, זאנדערען ווייל ער האט געהאט אנדערע גרינדע.

אלס לינא האט צום ערסטען מאל זיך געוויזען אין שפייז צימער און האט צוזאמען מיט איהם געגעסען האט ער זיך צו איהר געווענדעט און האט געזאגט:

— הער לינא, דוא ביזט אין דער לעצטער צייט אזוי זאנדערבאר! וואס איז דיא אורזאכע דערפון?

לינא האט ניט געענטפערט.

— ביזט דוא קראַנק?

— זעהר מעגליך.

— וואס פעהלט דיר?

— לאז מיך, — האט זיא געענטפערט בייז — דוא קענסט מיר ניט העלפען.

— קען דיך פיעללייכט א דאקטאר העלפען?

— ניין.

— לינא!

— וואס ווילסט דוא?

— איז נאר אונמעגליך מיר זאלען ריידען א פערנינפטיגעןווארט?

— לאז מיך צו רוה!

— איך וויל אבער דוא זאלסט ריידען! — האט דער פאליציי קאמיסאר אויס־געשריען — דוא זאלסט מיר אויף אלעס ענטפערען. וואס איז דיר? ווארום ביזט דוא אזוי פערענדערט?

— וואס מיינסט דוא דערמיט? — האט לינא אין א גלייכגילטיגען טאן געפרעגט.

— וואס איך מיין? ווארום האסט דוא דיא גאנצע צייט אויסגעווייכט דיין מאן?

— גאנץ איינפאך, ווייל איך האב אזוי געוואלט.

— איך וויל וויסען דיא אורזאכע?

— האסט דו זיך אימער וועגען מיר געקימערט?

— נא, איך דאנק...

ער איז אָבער פלוצלינג שטיל געוואָרען, זיין ווייב האט איהם אָנגעקוקט אזוי מערקווירדיג שאַרף דאס ער האט זיך אין גאנצען פערלאָרען.

— אָה, נעאָרג, דוא שווייגסט, — האט לינא געזאָגט — דאס איז א בעוויז אויף דיין בייזען געוויסען. אָה, לאָז מיך גאנץ רוהיג אויסריידען, האב קיין פורכט דאס איך מאך דיר א סצענע, איך האב שוין לאנג אויפגעגעבען מיין רעכט צו גיל־טען פאר דיר אלס דיין ווייב; איך האב אמאל זיך געערגערט ווארום דוא קימערסט זיך ניט פאר מיר, יעצט אָבער האב איך אין גאנצען אויפגעהערט צו דענקען, אז איך בין דיין ווייב, איך וויים אז איך בין עס ניט.

— איך פערשטעה דאס ניט!

- דוא ווייכסט מיר אויס, נון גוט, אָבער טהו מיר דיא געפאלען און קימער זר וועגען מיר.

נאַרישקייט, דיא געשעפטען און דיא דיענסט זיינען וויכטיגער, ווער דיא קונצען פון ליעב האבען?

לינא איז אויפגעשפרונגען. זיא איז פון דיעזע ווערטער גערירט איהר געזיכט איז בלייך געווארען. איהר מאן האט זיא בעליידיגט.

— וואוהין ווילסט דוא געהן? — האט ער איהר געפרעגט מיט צאָרן. זיא האָט ניט געענטפערט און האט פערלאסען דעם זאאל.

— אה דיעזע ווייבער! האט דער פאליציי קאמיסאר געמורמעלט און האט געקלאפט איבער'ן טיש ביז דיא טעלער האבען געקראכט.

דא האט זיך געעפענט דיא טהיר און דיא הויז מיידעל איז אריין.

— וואס דארפט איהר דא?

— איך האב געמיינט אז איך דארף דא אויפקלייבען דיא טעלער, — האט דאס מעדכען געענטפערט און האט איהם אנגעקוקט.

דער פאליציי קאמיסאר האט עס געפונען פאר קלוג ניט צו ענטפערען. ער האט ניט געווארט אויף זיין קאפעע, זאנדערען ער איז באלד ארויס פון הויז.

ער ווער אויפגערעגט אויף זיין ווייב. דאס זיא קען גערעכט זיין מיט איהר פארוואורף, דעריבער האט ער גאר ניט נאכגעדאכט דאס זיא קען זיין גערעכט.

לינא וועלכע איז געזעסען ביין פענסטער הינטער דעם פארהאנג האט איהם נאכגעקוקט.

— ענדליך איז ער אוועק! — האט זיא געמורמעלט. אה איך קען איהם ניט פערטראגען, איך האס איהם.

זיא האט זיך יעצט ענטפער:נט פון פענסטער. איהר הארץ האט זיך געהוי־בען מיט שווערע זיפצען און איהר געזיכט איז פלוצלונג געווארען אונרוהיג.

— וואס זאל איך נור טהאָן? — האט לינא צו זיך אליין געזאגט וועהרענד זיא איז ארומגעגאנגען איבער דיא צימער'ן הין און צוריק. — עס איז מעהר קיין צווייפעל. נאך אקורצע צייט און מיין געהיימניס מוז ארויסקומען, איך קען עס לענ־גער ניט בעהאלטען.

זיא איז געזונקען אין איהר שטוהל, איהר געזיכט איז געווארען נאָך בלייכער.

— אָה, וואס פאר א גוטע צייט וואר עס ווען ער איז ביי מיר געוועזן. רודאלף, ווען דוא זאלסט ווייסען וועלכע זיסע געהיימניסע איך טראג אין מיין הערצען! א נייע מענשליכע לעבען רייזט אין הער וועלט און דיעזע נשמה איז דיינע, רודאָלף, דאס קינד וועט האבען דיין געזיכט, זיין הערץ וועט זיין דיינע, רודאָלף! רודאָלף!

אין דיעזע געדאנקען איז זיא געזונקען און איז געזעסען א גאנץ לאנגע צייט.

דער אבענד איז שוין אנגעקומען. **(Mil., 44).**

לינא האט נאך קיין ליכט ניט אנגעצונדען. זיא איז געזעסען מיט איין אראב־געלאזענעם קאפף און האט געטראכט. זיא האט געטראכט וועגען איהר צוקונפט.

זיא האט געפיהלט אז דאס געהיימניס וועלכע זיא האט געטראגען אונטער איהר הארצען וועט ניט לאנג קענען בלייבען א געהיימניס, איהר מאן מוז דאס ערפאהרען פריהער פון אלעמען.

דאן אבער מוז איהר פערקעהר מיט רודאלף׳ן בעקאנט ווערען, דען זיא איז מיט איהר מאן פון ווייטען אזוי וויא פרעמדע שוין זייט אייניגע מאנאטען. עס וואר דום איינצוריידען דעם פאליציי קאמיסאר — אז דאס קינד איז זיינע.

דאן שטעהט זיא פאר איהם אלס זינדיגע. ער וועט זיא פעראכטען, וועט זיא איבערגעבען צו דער עפענטליכער שאנדע, ער וועט זיך פון איהר שיידען. דאס האט זיא זאגאר געוואונשען, אבער דיא שאנדע!

אה וויא קען זיא זיך רעטען פון דיעזען שיקזאל!

זאל זיא אנטלויפען? אבער וואוהין זאל זיא זיך ווענדען? איהר פערמעגען איז ניט צונרויס און דערצו האט זיא געוואלט בלייבען וואהנען ניט וויט פון איהר געליבטען. רודאלף איז געזעסען אין דער בערלינער געפענגניס, זיא אטהעמט אלזא איין לופט מיט איהם, זיא קען יעדען טאג פאראיבערגעהן דיא געביידע אין וועלכער ער זיצט. דאס איז אבער אונמעגליך ווען זיא זאל אנטלויפען, דען זיא וועט שוין ניט קענען קומען צוריק.

לינא האט זעהר שווער געליטען אונטער דיעזע געדאנקען. זיא האט געמאכט נאך פלענער אבער קיין איינציגער איז איהר געפעלען געווען. ענדליך איז איהר אריינגעפאלען א שרעקליכער געדאנק. אין דרויסען איז געווארען פינסטער און אין איהרע געדאנקען וואר אויך פינסטער. איהר געזיכט האט אנגענומען א שרעקליכען אויסדרוק.

זיא איז אויפגעשפרונגען פון איהר פלאטץ און האט גענומען שרייען נאך איהר דינסט. קריסטינא, איהר דינסט מויד איז געשטאנען אין דער טהיר און האט געשפראכען מיט איין שעהנעם סאלדאט, וועלכער האט בענוצט דיא דונקעלהייט ארום צו נעהמען זיא ארום איהר טאליע און געבען זיין געליבטער אקוס נאך אקוס.

קריסטינע איז געשטאנען גאנץ רוהיג און אבוואהל זיא האט געהערט וויא איהר ווירטהין רופט זיא האט זיא זיך דאך ניט גערירהרט פון ארט. זיא האט גע־האלטען א וויכטיגען געשפרעך מיט איהר שאטץ, עס האט זיך נעמליך געהאנדעלט וועגען דעם נעכסטען זאנטאג, צו בעשטימען וואוהין צו געהן און וואו צו טאנצען.

איז רעכטען געשפרעך מיט איהר סאלדאט איז אין איהרע אויערן געקומען

חיא א האנער איהר ווירטהינס שטימע, וועלכע האט געדאנערט:

— קריסטינע.

דיא דינסט איז פערציטערט געווארען זיא האט קיין אנטווארט ניט געגעבען, זיא האט נור צו איהר געליבטען געזאגט:

— הערסט, דיא ווירטהין רופט!

— לאז זיא דיך רופען.

— איך מוז געהן אין הויז.

— קומסט דוא ווידער ארונטער?

— יא. אבער דו מוזט דא אביסעל ווארטען.

— ברענג מיר עטוואס אהער.

— דאס קען שווער געהן. מיין ווירטהין איז זעהר שלעכט אויפגעלעגט.

— אבער אין קיך קומט זיא דאך ניט.

— איך וועל זעהן.

— ווארט אבער געליבטע, דוא ווייסט אז איך רויכער?

— דער הערר שליסט יעצט איין זיינע ציגארען ער האט וואהרשיינליך עט־וואס בעמערקט.

— דאס איז נאררישקייט, לויף שנעל, איך וועל דא ווארטען.

דאס מעדכען איז ארויפגעלאפען אויף דיא טרעפ.

— וואו ביזט דוא אזוי לאנג געוועז? — האט לינא געפרעגט — זייט א האלבע שטונדע קלינג איך נאך דיר. וואו ביזט דוא געוועז?

— איך בין געגאנגען נאך זאלץ און האב געמוזט ווארטען אזוי לאנג.

— זאלץ? וואו איז דיא זאלץ.

— אך, איך האב עס פערגעסען פון גרויס איילעניש.

— זא, זא? איך גלויב אז עס איז פיעל בעסער דוא זאלסט מיר זאגען דיא וואהרהייט. צינד אן דיא לאמפען, דאס האט שיין לאנג בעדארפט געשעהן.

קריסטינע האט געשוויגען. זיא האט געזעהן דאס איהר ווירטהין איז שטארק אויפגערעגט און זיא איז א צוקלוגע דינסט אום צו ענטפערען אין אזא הייסע צייט.

זיא האט אנגעצונדען דיא לאמפען און האט איינעם פון זיי געשטעלט אין לינא'ס צימער.

לינא האט זיך באלד ווידער געזעצט אין איהר שטוהל און האט גענומען טראכטען.

ענדליך האט זיא זיך נעווענדעט צו איהר דינסט און האט נעזאגט:

— זאג מיר נור קריסטינע, איז דאס ווירקליך דאס מיר האבען מיז אין הויז?

— נעוויס, גנעדיגע פרוי. איך האב זיי אליין געזעהן.

— וואו?

— אין קיך.

— וואו נאך?

— אין אלע צימערען.

— איך האב עס אויך בעמערקט, קריסטינע, מען מוז זיי זעהן אבצושאפען.

— זאל איך געהן קויפען א פאסטקע? — האט קריסטינע געפרעגט און האט נעשטרעבט צו קריגען איין אויסרייד אום אראבצוגעהן צו איהר געליבטען.

— ניין. געה אין דער אפאטעהקע און קויף עטוואס ארסעניק.

קריסטינע האט מעהר ניט געווארט. דיא געווינשטע געלעגענהייט איז געקרמען. זיא האט זיך באלד ענטפערענט.

איידער זיא איז ארויס פון הויז האט זיא זיך אריינגעחאפט אין קיך אין האט דארט נענומען א קליינעם פעקעל פאר איהר געליבטען.

אלס זיא האט איהם אונטען געפונען האט זיא צו איהם נעזאגט:

— עס איז ניט פיעל. האפענטליך וועל איך דעם צווייטען מאל פערבעסערען.

דער סאלדאט האט גענומען דעם פעקעל און בעטראכט.

— יא, עס איז ניט פיעל, עס שיינט אז איהר אליין האט וועניג.

— דאס ניט, אבער דיא ווירטהין האט יעצט אפענע אויגען.

— דאן זוך דיר איין אנדער שטעלע? — האט דער געליבטער נעראטהען.

— דאס ניט.

— ווארום?

— ווייל איך קען ערגעץ ניט האבען אזו גוט וויא היער.

דער סאלדאט האט מעהרע ניט גערעדט. ער האט דעם פעקעל צוגענומען און האט געפרעגט:

— קענסט דוא מיך בעגלייטען?

— יא. איך האב צו געהן א קליינעם וועג.

— וואוהין?

— אין דער אפאטהעקע.

— איז דיין הערין קראנק?

— זיא שיינט צו זיין קראנק, אבער איך געה ניט נאך מעדיצין.

— נאך וואס דען?

— נאָך ארסעניק.

דיא צוויי געליבטע זיינען געגאנגען און האבען געפלוידערט ביז זיי זיינען געקר מען צו איין אפאטעהקע.

— ווילסט דוא מיך ווידער בעגלייטען צוריק?

— ניין. איך מוז אום נייען אוהר זיין אין דער קאזארמע.

— דאן גוטע נאכט.

— גוטע נאכט, קריסטינע, פערגעס ניט נעכסטען זאנטאג.

— וועסט דוא מיך ערווארטען ביין הויז טהיר?

— יא.

ביידע געליבטע האבען ניט בעמערקט דעם מאן וועלכער איז געשטאנען ניט וויט פון זיי. דיעזער מאן האט זיי שיין בעאָבאכטעט אלס זיי זיינען געשטאנען ביי דעם פאליציי קאמיסאר׳ס הויז, ער האָט זיך דארט צוגעהערט צו זייער געשפרעך און האט זיי פון דאָרט בעגלייט.

דער סאלדאט האָט זיך אָבגעזעגענד און איז אַוועק מיט שנעלע טריט יעצט איז דיעזער מאָן צוגעגאנגען צו קריסטינען.

— גוטען אבענד קריסטינע! — האט ער געזאָגט.

קריסטינע האט זיך ארומגעקוקט.

— מיין גאָטט, וויא קומט איהר אַהער, איך האָב אייך דאך גאר ניט געזעהן?

— ווייל דוא וואָרסט פערטיפט אין געדאנקען דוא שיינסט צו זיין שטארק פערליבט אין דיעזען סאָלדאט. דאך האָסט דוא מיר אַמאל פערשפראָכען צו ליעבען נור מיך און קיין אַנדערען.

— איך ליעב גאר ניט דעם סאלדאט, — האט קריסטינע געענטפערט — איך בין מיט איהם זייט לאנג בעקאַנט.

— דאס קען מען פערשטעהן, אָבער פון מיינטוועגען קענסט דוא טהאן וואָס דוא ווילסט, אויב דוא יאגסט זיך נאך איין ארימען סאָלדאט זאלסט דוא מיר עס זאָגען, איך וועל דיך דאן ניט הייראטהען.

דיעזער מאָן איז מיט קריסטינען ערסט זייט דריי טעג בעקאַנט. וויא עס האט אויסגעזעהן איז זייער בעקאַנטשאַפט געוועזן נור א צופאַל, אין דער ווירקליכקייט אָבער האט דער אַמעריקאַנער, וועלכער וואר קיין אַנדערער וויא ארטהור מענצעל דיעזעס מעדכען זעהר אפט אבגעוואַרט ביין טהיר.

ער האָט פערשטאַנען וויא אריינצוגעהן מיט איהר אין א געשפרעך, וויא צו

מאכען איהר זיינע קאָמפּלימענטען און וויא צו געווינען זיא אין א גאנץ קורצער צייט.

דאס זיא האָט שיין געהאט א געליבטען האָט ער גאנץ גוט געוואוסט, און ווען ער האָט געשפּיעלט דיא ראָלע פון אן אייפערזיכטיגען זאָ האָט ער עס נור געטהאָן אום קריסטינע זאל גלויבען אז ער ליעבט זיא ווירקליך.

ער איז שוין מיט איהר אייניגע מאָל צוזאמענגעקומען, ער האט שוין אויך נעהאט דיא געלעגענהייט צו פערשפּרעכען איהר צו הייראַטהען, ער האט זיך אויך מיט זיין געלד בעריהמט און האט איהר דער ביי געגעבען צו וויסען דאס מיט איהם וועט זיא פיהרען דעם גליקליכסטען לעבען.

קריסטינע האָט זיך דער מיט געלאָזט פערבלענדען, איהר אידעאל וואר זייט אימער צו קריגען א רייכען מאן, דיעזער נייער ליעה־באָבער איז אהן צווייפעל זעהר רייך, ער געהט דאָך אזוי פיין געקליידעט, ער האָט א גאלדענעם זייגער און א קייט און דער צו האָט ער איהר שיין געגעבען געלד.

— נון, זיי דאָך ניט אזוי אונרוהיג! — האט מענצעל געזאגט — איך וועל דיר גלויבען אז ער איז דיינער איין אלטער קאמעראד, אבער אין דער צוקונפט וועל איך דיך בעטען דוא זאלסט מיר זיין געטריי, דען איך קען ווערען שטארק אייפערזיכטיג.

קריסטינע האָט דער צו גאר נישט געזאָגט. זיא איז געגאנגען מיט מענצלען ביז זיא איז געקומען צו דער אפּאטהעקע.

— דוא ווילסט קויפען ארסעניק? — האָט ער איהר געפרעגט.

קריסטינע האָט איהם אנגעקוקט איבערראשט.

— פון וואנען ווייסט איהר דאָס?

— נון דוא האָסט עס דאך ערצעהלט דעם סאלדאט און איך האב עס צופעליג געהערט. פאַר ועמען דארפסט דוא דיא גיפט.

— פאַר דיא מייז.

— זא? גוט, דאן געה אין דער אפּאטעהקע, איך וועל אויף דיר ווארטען.

קריסטינע איז זאפאָרט אריין אין דער אפּאטהעקע.

— דער וויל איז מענצעל ארומגעגאנגען איבער'ן טראטואר הין און צוריק. זיין אונטערנעהמונג האט געפאדערט א גרויסע מהעטינקייט און ער האָט זיך אונטערנומען אריינצוגעהמען אין זיין האנד אזוי פיעל געהיימניסע וויא נור מעגליך אום צו זיין זיכערער מיט זיין פּלאן.

ער האט דערצו געהאט זעהר פיעל גליק, זעהר אפט איז איהם געקומען א צופאל וואס האט איהם זעהר פיעל געהאלפען.

נאכדעם וויא ער האט זיך בעקענט מיט דעם פּאליציי קאמיסאר, און

דעם וויא ער האט פון מאקסין בעקומען דיא פאטאגראפיע, וועלכע האט איהם זאפארט געגעבען צו פערשטעהן, אז לינא און רודאלף ליעבען זיך, האט ער גענומען מאכען פלענער וויא צו קריגען דיעזע פרוי אין זיין האנד.

צו דיעזען צוועק האט ער זיך ארומגעדרעהט ארום דעם קאמיסאר׳ס וואהנונג, באלד האט ער אויסגעפונען ווער דיא דיענסט איז און האט זיך מיט איהר זעהר לייכט בעקענט און פערליעבט.

ער איז יעצט ארומגעגאנגען איבער׳ן טראטואר און האט געדענקט וועגען דער נעכטינער נאכט, ווען ער האט בעזוכט מענצעל׳ס וואהנונג.

זעהר אויפמערקזאם האט ער איבערגעלעזען דיא פאליציי בעריכטע און האט אויך געהאט א געשפרעך מיט זיין העלפער מאקס, און ער וואר זיכער דאס דיא זיגלען זיינען נאך ניט ארונטערגענומען און דאס קיינער וויים ניט דאס מען איז געווען אין מענצעל׳ס הויז.

אבער דיא אונטערנעהמונג אליין וואר קיין גליקליכע. ער האט אלע פאפירען וועלכע ער האט פון דארט ארויסגענומען דורכגעלעזען אבער ער האט דארט ניט געפונען דיא פאפירען, וועלכע ער האט געזוכט.

ווען ער האט יענע פאפיר ניט אין זיין האנד, דאן איז דיא גאנצע מיהע וואס ער האט ביז יעצט אנגעווענדעט פערלארען. זיין קאמעראד דניאל, וועלכער האט איהם פערזיכערט דאס ער בעזיצט יענע פאפירען האט ער ניט געגלויבט.

נון מוז ער יעצט נאך אמאל דורכזוכען דיא הויז פון דער פערשטארבענער פרוי, מאקס וועט איהם דערצו געווים העלפען.

וועהרענד דיעזע געדאנקען איז דיא צייט אוועק און קריסטינע איז דערווייל ארויס פון דער אפאטהעקע.

— נון האסט דוא עס בעקומען? — האט ער איהר געפרעגט.

— ניין, — האט זיא געזאגט — מען האט פון מיר געבעטען א שיינ־צעטעל.

איבער מענצעל׳ס געזיכט האט זיך בעוויזען א געלעכטער.

— וואו געהסט דוא יעצט?

— נאך הויזע. מיין ווירטהיןווארט אויף מיר.

— ווען האסט דוא ווידער צייט.

דאס מעדכען האט זיך פערטראכט.

זיא האט מענצלען ניט געוואלט ערצעהלען דאס זיא האט נעכסטען זאנסטאג פערשפראכען צו געהן מיט דעם סאלדאט, צו דערזעלבער צייט האט זיא אבער ניט געוואלט פערלירען דעם רייכען מאן.

— איך האב וועניג צייט, צוליעב א קליינינקייט האב איך פערלאָרען מיין פרייען זאָנטאג.

מענצעל האט ווידער געלאכט. ער האט געהערט דעם געשפרעך צווישען קריסטינע און דעם סאָלדאַט און ער האט גאנץ גענוי געוואוסט, אז דאס מעדכען האט געליינט.

ער האט זיא אבער ניט פאָרגעהאלטען, ער האט מיט איהר גערעדט פער־שיעדענעס ביז ער האָט מיט איהר ענדליך איבערגערעדט צו טרעפען זיך דעם צווייטען אבענד.

– קומט צום הויז־טהיר, — האט קריסטינע געזאָגט און האט דערביי גע־פירכטעט איהר סאָלדאַט זאָל זיך דאָרט ניט געפינען צו דער צייט ווען מענצעל ועט זיא וועלען זעהן.

— ניין, — האט מענצעל געזאָגט — אין דער צווייטער גאס געפינט זיך א ויינהאַנדלונג, קום נור אהין איך וועל דיר דארט ערווארטען.

דערמיט האט ער זיך פון איהר אבגעזעגענד מיט א קוס.

מענצעל האט ניט געהערט צו יענע לייטע וואָס פערליעבען זיך אין פרויען, אבער ער האט אימער געקענט שפיעלען דיא ראָלע פון א פערליעבטען, ווען ער האט דאס בעדארפט צו זיין געשעפט.

מענצעל האט זיך ענטפערענט און קריסטינע איז אוועק צו איהר הערין.

— נון, — האט לינא געפרעגט.

— גנעדיגע פרוי, מען האט מיר דעם ארסעניק ניט געגעבען.

— וואָרום ניט?

— מען פערלאנגט א שיין צעטעל.

— האבען זיי דיך געפרעגט פאר וועמען דוא דארפסט עס האָבען?

— ניין, איך האב דאס ניט געזאָגט.

פרוי סאָמער וואר אויפגערעגט און פון פערדרוס האט זיא איהר מעדכען ווידער ארויסגעשיקט.

דא איז אין דרויסען אָנגעקלאפט געוואָרען. לינא האט זיך צוגעהערט און האט ערקענט איהר מאַנ׳ס שטימע.

דער פאָליציי־קאָמיסאר איז באַלד אריינגעקומען.

— איך האב דיך עטוואָס צו בעטען? — האט לינא צו איהם געזאנט.

— אָה, וואס וינשט דיא גנעדיגע פרוי? — האט דער קאָמיסאר געפרעגט מיט שפאָט.

— איך ווייס ניט אויב דוא האסט בעמערקט, — האט לינא געזאגט און האט זיך געמאכט ניט פערשטעהענדיג זיין שפאס, — אין אונזער הויז געפינען זיך מייז.

— מייז?

— יא.

— איך האב עס ניט בעמערקט, נור ווען דוא זאָגסט מוזט דוא דאך וויסען.

לינא איז פערציטערט געוואָרען. עס איז איהר פאָרגעקומען, אז איהר מאַן מיינט עטוואָס אנדערש דערמיט, דאך האט זיא זיך געמוזט פאסען און מאכען וויא זיא פערשטעהט ניט.

— עס איז זאָ, — האט זיא געזאָגט בעשטימט.

— ווארום ערצעהלסט דוא מיר דאָס?

— מען מוז דערצו האָבען א מיטעל.

— איך בין אויך אין דער מיינונג

— און דוא זאָלסט מיר דערצו העלפען.

— ווען איך פערשטעה דיר ריכטיג, מיינסט דוא צו פערטרייבען דיא מייז אדער זיי צו פאַנגען, וואס פאר איין ארבייט האסט דוא מיר בעשטימט.

לינא האט געביסען איהר ליפּ.

— איך גיב דיר איבערהויפט קיין ארבייט! — האט זיא געענטפערט. וואס איך בעט פון דיר איז ניט מעהר וויא איין אונטערשריפט דאס מיין מעדכען איז בערעכטיגט צו קויפען ארסעניק.

— וואצו האסט דוא בעדארפט אזוי פיעל ריידען? איך וועל דיר דיעזע אונ-טערשריפט געבען און ווען דוא ווילסט וועל איך עס זאָגאר אבזיגלען מיט דעם אפיציעלען זיגעל.

— דאס וואָלט גוט געווען! — האט לינא געזאָגט — איך האב מיין מעדכען שוין געשיקט אין דער אפּאָטהעקע, אָבער מען וויל עס איהר אָהן איין אונטערשריפט ניט געבען.

— יא, יא, מען איז זעהר פאָרזיכטיג מיט גיפט, פיעלע האָבען עס זעהר שלעכט בענוצט.

לינא איז פערציטערט געוואָרען. איהר מאַן האט עס געשפּראָכען און האט זיא דורכגעקוקט מיט שארפע אויגען — איז דאס מעגליך, דאָס ער האט געזעהן וואס ביי איהר אין הארצען געהט פאר? האט ער פיעללייכט געטראָפען איהרע געהיימע געדאַנקען?

דאך ניין, דאס איז דאך א וואהנזיניגער נעדאנק. ער וויס דאך ניט וואס אין איהר געהט פאָר, ער וויס דאך ניט איהר צושטאנד.

— ווען קען איך דיעזען אונטערשריפט קריגען? — האט זיא דאן געפרעגט.

— ווען דוא ווילסט זאגאר שוין.

— איך בעט דיך.

— גוט.

סאָמער איז אריין אין צימער. האט אויסגעשטעלט דעם שיין־צעטעל און האט עס איבערגעגעבען זיין ווייב.

— יעצט קענסט דוא פערטרייבען דיא מייז. האסט דוא נאך עטוואס צו ווינשען?

— יא, וויא שטעהט עס מיט מיין געלד?

— ווילסט דוא עס נאך אלץ אליין פערזאָרגען?

— געוויס, איך האָב עס דיר שוין איינינע מאָל ערקלעהרט.

— יא, יא, דיא דיענסט איז א שווערע, מען פערגעסט אזעלכע פוסטע זאכען.

— פוסטע זאכען רופסט דוא דאס?

— געוויס, דיא קאפריזען פון איין פרוי זיינען ביי מיר אימער פוסטע זאכען.

— איך מוז דיך בעטען דוא זאָלסטריידען אין איין אנדער טאָן. איך בין קיין קינד.

— דאָס האב איך ניט געוואָלט זאָגען. אָבער איך בלייב דערביי דאס דיין וואונש איז נור א קאפריז.

— ניין, איך האב געבעטען דאס געלד שוין איינינע מאָל, יעצט וויל איך עס האָבען.

— זעהר גוט, ענטשולדיג מיר נור איינינע מינוטען, איך וועל עס דיר געבען.

— דוא האָסט דאָס געלד ביי זיך?

— גאַנץ געוויס.

דאן פערלירסט דוא דאך דעם פראָצענט. איך האב געמיינט, אז דאס ליענט אין באנק.

— דאס האב איך ניט געטהאן.

מיט דיעזע ווערטער האט דער פאָליציי־קאמיסאר פערלאָסען דעם צימער.

אין א פאאר מינוטען איז ער צוריקגעקומען.

— היער איז דאָס געלד! — האט ער געזאגט — זיי אזוי גוט און צעהל עס איבער.

— איך וועל עס טהאן, — האט לינא געענטפערט.

זיא האט דאס געלד איבערגעצעהלט. דארט וואר דרייסיג טויזענד מארק.

— ריכטיג, — האט זיא נאכדעם געזאגט — ווילסט דוא האבען איין אונטער־שריפט?

— איך דענק!

לינא האט דאס געלד איינגעשלאסען. ער האט זיא גוט בעאָבאכטעט און האט געשמייכעלט.

ער האט געדאכט וועגען יענעם אבענד ווען ער וואר ביי׳ן אמעריקאנער און האט איהם געבעטען ער זאָל אויסבייטען דאס געלד אויף אנדערע.

דער אמעריקאנער האט עס ניט געוואָלט טהאן און דארום איז דער פאָליצייקאָמיסאר אליין געווען געניטהיגט צו אויסצובייטען דאס געלד.

דיעזעס איז ניט געשעהן אין בערלין, דען היער האט מען געוואוסט דיא נר מער׳ן פון דאס געלד, וואס איז געווען געווען דיא נומערן פון דאס געלד, וואס איז געווען געטרויבט געוואָרען ביי׳ן רודאָלף׳ס ווירטה.

סאמער האט דארום גענומען א קורצע צייט פריי און האט ארומגערייזט פערשיעדענע שטעדט אין אייראָפּא און האט איבעראל געביטען געוויסע סומען געלד ביז ער האט אין גאנצען אומגעביטען דיא געגנב׳טע געלד, וואס דער אמעריקאנער האט איהם געגעבען.

יעצט ווען זיין פרוי האט דאס געלד ערהאלטען האט סאָמער זיך עראינערט אויף דער גאנצער געשיכטע פון דאס געלד, און ניט ווילענדיג אויך אויף דעם אמע־ריקאנער.

ער איז יעצט געוואָרען נייגעריג צו וויסען אויב מר. וועלער, דער אמעריקאנער וואס האט איהם דאס געלד געשאפט איז יעצט אין בערלין. דאס האט ער זעהר לייכט געקענט אויסגעפינען אין זיין ביורא.

צוליעב דיעזען צוועק האט ער געוואָלט צו געהן צום האָטעל אין וועלכען דער אמעריקאנער האט אימער פערקעהרט אום צו ערפאהרען אויב ער איז אין בערלין.

אלס ער וואר פערטיג צום געהן האט מען אָנגעקלונגען.

— ווער קומט אהער אזוי שפעט? — האט ער זעהר בייז געזאָגט — ערוואר־טעסט דוא נאך געסט?

— ניין, — האט זיא געענטפערט.

דאס דיענסט־מעדכען איז אריינגעקומען און האט געמאָלדען, אז א ספּעציעלער בריעף־טרעגער האט געבראכט א בריעף.

— וואו איז דער בריעף?

— ער וויל איהם נור אייך אין האנד ליפערען.

סאמער איז ארויס עמפפאנגען דעם בריעף.

— ווער שיקט דיעזען בריעף? – האט סאמער געפרעגט ווען ער האט דעם יונגען מאן געגריסט.

— דאס שטעהט אין בריעף.

— איך וויל עס אבער וויסען פון אייך?

— איך קען עס ניט זאגען.

— פון וואנען קומט איהר?

— פון האטעל וואשינגטאן.

דער פאליציי־קאמיסאר האט יעצט געוואוסט, ווער עס האט דעם בריעף געשיקט.

מערקווירדיג, ערסט פאר א ווילע האט ער וועגען דעם אמעריקאנער געדענקט און יעצט האט ער פון איהם א בריעף.

האסטיג האט ער אויפגעבראכען דעם קאנווערט. דארט איז געלעגען א שטי־קעל פאפיר מיט דיא קורצע ווערטער:

— קומט זאפארט צו מיר. איך האב פאר אייך וויכטיגע נייעס.

מר. וו.

דער פאליציי־קאמיסאר האט ארומגעדרעהט דאס פאפיר אין האנד אהין און אהער, האט געדענקט און געדענקט, ענדליך האט ער געזאגט:

— געהט איהר צוריק צום האטעל?

— ניין.

— דארפט איהר ניט ברענגען אנטווארט?

— יא.

— דאן מוזט איהר דאך געהן?

דער הערר ערווארטעט מיך אין איין אנדער ארט.

— וואו?

— דאס דארף איך ניט זאגען.

— דא ניט ווייט?

דער מאן האט געשוויגען.

— ענטפערט דאך? וואוווארט ער אויף אייך? דא אונטען?

אלס דער יונגער מאן האט אלץ געשוויגען האט דער פאליציי־קאמיסאר געזאגט.

— נון גוט, זאָגט אייער הערר, אז איך וועל קומען.

— דאנקע, גוטע נאכט.

— נון, — האט לינא געזאגט אלס איהר מאן איז צוריק אריין אין הויז. וויע־ דער דיא געשעפטען פון דיין אמט?

— יא און ניין.

— געהסט דוא אוועק?

— איך מוז.

— דאן גוטע נאכט!

וויא קאלט דאס האט געקלונגען. דיא פרעמדקייט צווישען מאן און ווייב איז אימער געוואָרען קענטיגער.

לינא האט זיך אויפגעהויבען און איז ארויס פון צימער.

דער פּאָליציי־קאָמיסאר האט זיך דעריבער ניט גֶעקימערט. ער וואר יעצט צו שטארק בעשעפטיגט מיט דער פראגע וואָס דער אמעריקאנער וועט פון איהם פערלאנגען.

ער האט אנגעטהאן דעם ראָק און דיא הוט און האט פערלאסען דאס הויז. אונטען אין פאָרהויז איז ער געבליבען שטעהן.

דער מאן האט איהם געזאגט דאָס דער אמעריקאנער געפינט זיך ניט אין האטעל, וועט ער איהם יעצט דארט טרעפען?

נאך א קורצען דענקען האט ער דאך בעשלאסען צו געהן צום האטעל. אלס ער איז אהין אָנגעקומען האט איהם דער דינער איבערגענומען און האט געפרעגט:

— ווילט איהר צו מר. וועלער?

דער פּאָליציי־קאָמיסאר איז געוואָרען איבעררא׳שט.

— וואָרום פרעגט איהר דאס?

— ווייל איך געדענק, דאס זיי וואַרען דאָ איינינע מאָל צו בעזוכען דעם מר. וועלער.

— איז ער יעצט דאָ?

— יאָ, ער ערוואַרטעט אייך.

— אין זיין אלטען צימער?

— געוויס מיין הערר.

סאמער האט מעהר נישט גערעדט, ער איז ארויף דיא טרעפּ, האט לאנגזאם אָנגעקלאפּט אין טהיר און אלס מען האט איהם געענטפערט „אריין“, האט ער גע־ עפענט דיא טהיר און איז אריין.

— גוטען אבענד מר. וועלער?

— גוטען אבענד מיין העררי. זעצט אייך? ווילט איהר רויכען? אַה, איהר זיינט נעוויס נייגיעריג צו וויסען וואס איך האב אייך מיטצוטהיילען.

— גאנץ געוויס. דאך פאָרהער וואלט איך אייך וועלען זאגען דאס אייער שפינעל איז ניט ריכטיג.

— וואָס מיינט איהר דערמיט? — האט דער אַמעריקאנער געפרעגט.

— אייער באָרד האט זיך גערוקט פון אָרט.

— פערדאמט! וואס קימערט אייך מיין באָרד. דארפט איהר געלד?

— איך? ניין.

— זא? האט איהר געוואונען אין לאָטעריע? אָדער געירש'נט א זיידען? — האט דער אַמעריקאנער געפרעגט אום צו מאכען פערגעסען דעם קאָמיסאר וועגען דעם באָרד.

— וואָרום פרעגט איהר עס מיך? — האט דער קאָמיסאר מיט שטאָלץ פּראָטעסטירט.

— ווארום איך פרעג? — האט דער אַמעריקאנער געזאגט, ווייל אמאל האט איהר זיך שטארק גענויטיגט. קענט איהר עס מיר ערקלעהרען?

— נעוויס, עס איז גאנץ איינפאך.

— וויא זא? האט איהר שוין בעצאָהלט אייער ווייב איהר געלד?

— ערסטענס, — האט דערפּ אַליציי־קאָמיסאר געזאָגט—איז דיא אורזאכע וואס האט מיך דאן געמאכט נויטהיג אין געלד אָבגעשאפט, אלעס איז יעצט אין אָרדנונג.

— זא? איהר האט דאס געלד אייער ווייב אָבגעגעבען.

— יא.

— איהר האט דאך דאן געפירכטעט דאס צו טהאן?

— יא, איך האב געפירכטעט איידער איך האב דאס געלד אומגעביטען.

— דאס וואר פון אייך זעהר קלוג, אָבער איהר וועט מוזען ערקלעהרען נאך איין אורזאכע, ווען איהר ווילט איך זאָל אייך גלויבען

— דיא צווייטע און דיא ריכטיגע אורזאכע איז דאס איך האב אויפגעהערט צו שפּיעלען.

— איהר האט דיעזע ליידענשאפט אויפגעגעבען? — האט מר. וועלער געפרעגט מיט איין אונגלויביגען טאָן.

— נעוויס מיין העררי, און נור דארום אליין. ווייל איך פּאָל מעהר ניט אריין אין אייער נעץ.

— איהר רעדט זעהר ריכטיג און דארום מוז איך זיין אויפריכטיג מיט אייך. איך מוז אייך זאָגען, דאס מענשען ווערען אזוי פערשלעפט אין נעצען דאס זיי קענען קיין מאל ניט ארויסקריכען סיי זיי שפּיעלען און סיי ניט.

דער פּאָליציי־קאָמיסאר איז געוואָרען בלאָס. ער האט באלד פערשטאַנען דעם זין פון דעם אמעריקאנער'ס רייד.

— פערלירען מיר ניט אונזער צייט אין פּוסטע רעדען, — האט ער דאן גע־זאָגט אום אויסצו־ווייכען. טהיילט מיר מיט וואָרום האט איהר מיך אהער גערופען.

— גאנץ ריכטיג, ווען איהר דארפט קיין געלד וועט איהר אויך פון מיר קיין געלד ניט קריעגען.

— האָט איהר מיך געשיקט רופען, אום דאס צו זאָגען?

— ניין, דאס איז ערסט דער אָנפאנג.

— און דיא ענדע?

— דאָס איהר זאָלט פאַר מיר עטוואָס טהאָן.

— ווען איך בין עס אימשטאנדע, און ווען איך וועל עס וועלען.

— דאס איהר וועט עס וועלען צווייפעל איך ניט, און דאס איהר קענט בין איך אויך איבערצייגט, ווייל איהר מוזט עס קענען.

— מר. וועלער!

— וואָס איז?

— איהר רעדט אין אזא טאָן, וועלכען איך קען ניט פערטראָגען.

איהר קענט אדער ניט, איהר מוזט עס טהאן און איהר מוזט עס הערען ווען איך זאָל עס פון אייך פערלאנגען.

דער פּאָליציי־קאמיסאר האט זיך געביסען דיא ליפּען און האט געקלאפּט מיט'ן פוס.

— לאָזט אָב דיעזע קינדערשע שטיק! מען קען אונז הערען און דאס איז פאר ביידען פון אונז ניט גוט. איך האָב גערעדט פון א דיענסט, וועלכען איהר מוזט מיר ווייזען. דאך פריהער האב איך צו אייך א גאנץ וויכטיגע פראגע.

— ביטע.

— בעשטעהט אייער ארבייט נור וועגען גנבות!

— מייסטענס יא.

— און אנדערע זאכען האט איהר אויך צו טהאָן?

— זעהר זעלטען במעט גאָר ניט.

— ווען עס האנדעלט זיך צום ביישפּיעל וועגען גזילה?

— אזעלכע זאכען זיינען מיר נאך ניט איבערגעגעבען געווארען.

— דאס איז שלעכט. אבער איהר וועט מוזען זעהן מען זאל אייך אזעלכע זאכען אנפערטרויען.

— אום וואס האנדעלט עס זיך?

— אום א רויבער און א מעדכען, וועלכע איז פערשוואונדען געווארען.

— וואו? היער אין בערלין?

— נאטירליך.

— וואו איז דאס מעדכען?

— דאס וועט איהר מוזען ערפאהרען.

— אבער איך מוז דאך וויסען וועגען וואס דא האנדעלט זיך, ווען איך דארף דא אנוועגדען מיין אמט.

— נור רוהיג מיין הערר. דאס וועט איהר הערען מארגען, ווען איהר וועט זיצען אין אייער ביורא. וועט איהר דארט זיין?

— יא.

— קענט איהר אזוי איינארדנען, דאס איהר זאלט גראדע זיין ווען דיעזעס וועט דארט רעפארטעט ווערען?

— יא, ווען איך מוז דארט זיין, דאן העלפט ניט!

— נאטירליך מוז עס אזוי זיין!

— דאן מוזט איהר מיר זאגען פינקטליך ווען דער רעפארט וועט אריינקומען און אויב ער וועט קומען שריפטליך אדער מינדליך.

— מינדליך.

— דורך ווען?

— געוועהנליך, דורך א קרימינאל זשאנדאר.

— און ווען?

— דאס וועט איהר ערפאהרען מארגען פריה. ווען זייט איהר אין אייער ביורא?

— פון אכט אוהר מארגענס.

— איהר מוזט דארט בלייבען איבער'ן גאנצען נאכמיטאג און אזוי שנעל וויא ערט אייך געמאלדען וועט איהר שוין וויסען וואס צו טהאן.

— און דאס איז?

— דאס איז איינפאך, דאס מעדכען דארף קיין מאל ניט געפונען ווערען.

— וויא איז אבער ווען מיינע לייטע וועלען קומען אויף איהר שפור?

··· דאס איז דאך וואָס איך וויל, — האט דער אַמעריקאַנער געזאגט אונגע־דולדיג. ווייל איך וויל, אז מען זאָל דאָס מעדכען ניט געפינען מוזט איהר עס נעה־מען אין אייערע הענד.

— וויא וועט אָבער זיין ווען איך וועל דערמיט ניט פערטרויט ווערען?

— איהר מוזט שוין זאָרגען איהר זאָלט דערמיט אָנפערטרויט ווערען. און נאך איינס. איהר וועט מיר יעדען טאג שיקען בעריכטע פון דער אונטערזוכונג. עס איז זעלבסט פערשטענדליך דאס איהר דארפט זעהן און הערען נור אזעלכע זאכען וואָס זיינען וויכטיג פאר מיין פּלאַן.

דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האט זיך פערטראַכט. דעם אמעריקאַנערס וואונש וואר זעהר שווער צו ערפילען. יא, ער האט גאָר ניט איינגעזעהן וויא אזוי עס איז פאר איהם מעגליך צו האנדלען אָהן פערדאַכט.

מר. וועלער, — האט ער ענדליך געזאָגט — איך לייקען ניט דאס אונזערע פערבינדונגען לעגען אויף מיר ארויף געוויסע פּפליכטען אבער דיעזע פּפליכטען דאר־פען ניט איבערשטייגען אלע מעגליכקייטען.

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— איך מיין דאס עס איז מיר פּאָלשטענדיג אונמעגליך צו טהאן וואס איהר ווילט.

— איהר לאַכט.

— איך דענק, אז דיא לאגע איז איין ערנסטע און דא איז ניטאָ וואס צו נעהמען פאר א שפּאס.

— אָבער דאך שיינט עס מיר צו זיין א שפּאס.

— דאס מיינט איהר ניט!

— אך מיין גאטט, איהר קענט טרייבען א מענשען צום וואהנזין. איך האב אייך געזאגט, אז דאס איז אונמעגליך!

— דאס טהוט מיר לייד, — האט דער אמעריקאַנער קאלטבליטיג געזאָגט — איך מוז אייך זאגען דאס ווען מען געפינט דאס מעדכען דאן זייט איהר פערלאָרען.

— און איהר מיט מיר!

— איהר מאכט איין אירטהום, הערר קאָמער, איך האב קיין אמט, קיין שטעלע, איך בין אונבעקאנט און קיין האָהן וועט ניט קרעהען, ווען איך זאָל זאָגאר ארעטירט ווערען, איך לאך פון טייפעל אליין.

(Mil., 45).

— איהר זייט ווירקליך א שרעקליכער מענש! — האט סאַמער אויסגערופען— וואָס פאר א פערגאַנגענהייט האט איהר?

דער אמעריקאנער האט געשמייכעלט.

— דאס מאכט אייך ניט אויס, אָבער איהר האט מעהר צו ריזיקירען אַלס איך.

סאַמער האט געשוויגען. דיעזער שווייגען וואר איין הסכמה צום אמעריקאַנערס רייד.

— נון? — האט דער אמעריקאנער געפרעגט — ווער איהר עס טהאָן?

— איך האָב קיין ראטה, איך וויים ניט וויא איך זאל עס אָנפאַנגען.

— שעהמט זיך, א מאַן, וויא איהר, מען וועט אייך געוויס אנפערטרויען מיט דיעזער ארבייט אזוי שנעל וויא איהר וועט עס פערלאַנגען.

— דאס איז וואהר, אָבער דיא שאנדע דאס איך וועל מיך פרייוויליג בעטען אום א געוויסע ארבייט און וועל עס נאכדעם ניט קענען אויספיהרען.

— אָה, וועגען דעם קען איך אייך ארויסהעלפען.

— וויא זאָ? און ווען?

— אין א מאָנאט, דיא הויפטזאכע איז דאך פאר, אייך אויסצופיהרען וואס איהר וועט אונטערנעהמען, נון איך זאָג אייך דאס איך וועל אייך אם ענדע קריינגען מיט אזא ערפאָלג, דאָס אלע וועלען בעוואונדערען אייער טאַלאנט און מען וועט אייך אויפהויבען צו איין אנדער אמט.

וואס דער אמעריקאנער האט ניט געקענט ערגייכען מיט זיינע דראהונגען האט ער יעצט ערגייכט מיט דיא גוטע ווערטער. דער פאָליציי-קאָמיסאר וואר זעהר עהרע נייציג, און דער פערשפּרעכען דאס ער וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג האט איהם אין גאנצען איבערגעגעבען אין דעם אמעריקאנערס האנד.

— נון גוט,— האט סאַמער ענדליך געזאגט — איך וועל פרובירען.

— דאס איז גוט, אייער ערפאָלג איז זיכער. איהר קענט טהאָן וואס איהר ווילט, איהר קענט זיך בענוצען מיט יעדען מיטעל, איהר קענט בעשטעכען ווען איהר דארפט. געלד שטעהט פאר אייך פריי.

נאכדעם וויא דער פאָליציי-קאָמיסאר האט מיט דער אמעריקאנער, וועלכער וואר קיין אנדערער וויא מענצעל, בעשפּראָכען דעם פּלאַן אויספיהרליכער האט ער פערלאסען דעם האָטעל.

4טעס קאיטעל.

מוטער אורזולא.

מיט דער גרעסטער אונגעדולד און פורכט האט דיא אלטע אורזולא ערווארט דיא פרוי עליזא זיא זאָל קומען איהר מעלדען אויב דיא גרעפין וועט זיא עמפפאנגען.

וואס זאל זיא טהאן אין פאל ווען דיא גרעפין וויל זיא ניט אויפנעהמען? פאָטער טהאָמאס האט איהר דיא אנגעלעגענהייט אזוי געלעגט אויפ'ן הארצען זא דאס זיא האט ניט געוואוסט וויא אזוי זיא קען פון דאנען אוועק און ניט טהאן וואס ער האט איהר געהייסען.

יעצט איז ענדליך געקומען דיא קאמער־פרוי.

אורזולא איז איהר געלאָפען ענטגעגען.

— אך גוטע פרוי עליזא, ברענגט איהר מיר א גוטע נאכריכט? וויל דיא גנעדיגע גרעפין מיך עמפפאנגען?

— יא.

דיא אלטע איז נאכגעגאנגען דער קאמער־פרוי און מיט איין מאל איז זיא געשטאנען פאר דער קראנקער גרעפין.

זיא האט קוים געוואגט צו אטהמען. זיא וואר פאָל מיט פורכט.

— וואס ווילט איהר מיט דיזען בריעף? — האט דיא קראנקע געפרעגט וועהרענד איהרע אויגען האבען דורכגעקוקט דיא אלטע פרוי.

— גנעדיגע פרוי גרעפין! — האט אורזולא געשטאמעלט — איך וואר געטריי בען צו אייך, גאט איז מיין עדות דאס איך האב געוואלט נעהמען דיזע געהיימניס אין קבר, אָבער דער פאָטער טהאָמאס האט מיך אהער געטריבען.

דיא אלטע האט אָנגעפאנגען צו שלוכטצען.

— נון, וואס העלפט אייער וויינען, ערצעהלט וואס איהר דארפט אָבער מאכט עס קורץ וויא מעגליך.

— דאס קינד, — האט אורזולא לאנגזאם אָנגעפאנגען — וואס סאנט הילערא האט איבערגעגעבען מיין טאָכטער צוריק מיט 17 יאָהר איז ניט טוידט.

דיא גרעפין איז געוואָרען בלאס. מיט האלב־אָפענע אויגען האט זיא אָנגעקוקט אורזולא'ן.

עס האט געשיינט דאס זיא ווערט אויפגערעגט, נור זיא בעהעררשט זיך מיט אַלע איהרע קרעפטען און מיט א הארטער שטימע האט זיא בעפאָהלען דיא אלטע זאָל ווייטער ריידען.

— מיין טאָכטער, — האט אורזולא ווידער אנגעפאנגען — האט צונעשטימט צום בעטרוג. איהר מאן און איהר קליינע טאָכטער, פעדאָרא, זיינען געשטאָרבען אין איין צייט פון טיפוס און זיא האט געשריבען צום גייסטליכען דאס דיא קליינע גאברילא איז געשטאָרבען, אין אמת'ן איז פעדאָרא, ניט גאברילא געשטאָרבען.

— זא, זא, — האט עס געקלונגען פון דער גרעפינ'ס ליפען — דאס איז א וואונדערבארע ערצעהלונג, דאך געהט ווייטער.

— אך מיין פרוי גרעפין! — האט אורזולא געשטאמעלט — עס איז קיין אויס־געקלעהרטע ערצעהלונג, עס איז דיא וואהרהייט. מיין טאָכטער איז באלד נאכדעם געשטאָרבען און איך האב דאס קינד גענומען צו זיך, און האב עס ערצויגען וויא מיין אייגענע קינד. איך האב מיין טאָכטער געמוזט שווערען דאס איך וועל קיין מענשען ניט ערצעהלען ווער פעדאָרא איז.

— איהר זאָגט דאך, אז פאָטער טהאָמאס וויים עס?

— יא, גנעדיגע גרעפין.

— זאָ האט איהר עס איהם דאך ערצעהלט, איהר האט אייער שבועה גע־בראָכען.

— ניין, ניין, מיין טאָכטער אליין האט פאר איהר טויט ערצעהלט דעם גייסט־ליכען איהר געהיימניס.

יעצט האט מוטער אורזולא געשוויגען, זיא האט צו דער קורצער אבער וויכ־טיגער ערצעהלונג ניט געהאט וואס צו צוזעצען אויך דיא גרעפין האט געשוויגען, זיא האט געשיינט צו זיין וויא פערשטאָרבען.

אורזולא איז געוואָרען אונמוטהיג. זיא האט געשטאמעלט איין ענטשולדיגונג און האט געבעטען מען זאל איהר פערצייהען אבער זיא האט קיין אנטווארט ניט ערהאלטען פון דער גרעפין, וועלכע האט געהאלטען דיא האנד אויף'ן הארצען. אין איהרע געהירען זיינען יעצט דורכגעלאָפען פערשיעדענע געדאנקען.

מיט אָפענע אויגען האט זיא געקוקט צום פענסטער, דיא פערגאנגענהייט, וועלכע זיא האט שוין לאנג בעגראָבען איז ווידער פאר איהר אויפגעטראָטען, אָבער זיא מוז זיך יעצט ניט פערלירען, זיא מוז האנדלען גאנץ ענערגיש, קיינער אין דער וועלט דארף ניט ערפאהרען פון דיא פלעקען אויף איהר עהרע. נאכדעם וויא זיא האט געגלויבט דאס איהר זינד איז פערגעבען געוואָרען, דאס זיא קען שטארבען רוהיג דא איז פּלוצלינג פאר איהר ווידער ערשינען איהר פערגאנגענהייט מיט אלע שווארצע שאַטענס.

דער גרעפין איז יעצט אריינגעקומען א געדאנק. ליעגט דאָ פיעללייכט א

בעטרוג ? וויל מען פיעללייכט ציהען פון איהר געלד; אדער איז יענע פעדאָרא, וועל־בע מען רופט וואלד־ענגעל, ווירקליך יענע גאבריעלא וועלבע מען רעכענט פאר טויט ?

דיא גרעפין האט פעדאָרא'ן זעהר וועניג געזעהן און זיא האט זיך יעצט ער־אינערט, וויא יעדעס מאל ווען זיא האט געזעהן דאס מעדכען איז איהר בעפאלען איין מערקווירדיגער געפיהל איבער וועלכען זיא האט קיין מאָל ניט נאכגעדאַכט.

אָבער ווען עס זאָל זאָגאר זיין וואהר וואס דיא אלטע אורזולא ערצעהלט וועט זיא אויך ליעבערסט אונטערגעהן איידער איהר קינד צו אנערקענען. איהר נאָמען שטעהט פאר דער וועלט ריין און געשעצט, איהר שטיף־זאהן האלט זיא פאר עהר־ליך און בראוו. ניין, ניין, טויזענד מאָל ניין, ליעבערסט וועט זיא ליידען אלס מען זאל וויסען פון איהר פערברעכען.

אלס דיא גרעפין האט אזוי געטראַכט איז צו איהר געקומען א גליקליבער פלאן.

— איהר מיינט דאך ניט אורזולא, — האט זיא אנגעפאנגען צו זאָגען אין א קאַלטען הארטען טאָן — דאס איך זאל אייך גלויבען אָהן בעווייזע. איהר קענט גאנץ לייכט ווינשען צו מאַכען אייער אייניקעל פאר א גרעפין ? גיט מיר נור דיא פאַפּירען, איך וויל זעהן.

ציטערענד האט אורזולא צוגעטראָגען דיא פאַפּירען צו דער גרעפינ'ס בעט.

— זיינען דאָס אלע ?

— יא, גנעדיגע גרעפין, — האט אורזולא געענטפערט — עס זיינען דא געבורטס און טויף־שיינע און איינינע בריעף פון גייסטליבען.

— גענוג. וויים נאך איינער אויסער דיר און פאָטער טהאמאס ? האסט דוא דאס מעדכען אליין דערפון דערצעהלט ?

— ניין, גנעדיגע גרעפין.

— שווער מיר דאס קיינער וויים ניט פון דער געהיימניס ?

— איך שווער עס אייך גנעדיגע גרעפין. מעג מיין נשמה זיין אין גהנים ווען איך זאָג אייך ניט דיא וואהרהייט.

דיא גרעפין האט געניינט מיט איהר קאָפּ, עס האט געשיינט דאס עס איז איהר געוואָרען לייכטער אויפ'ן הארצען. אבער דאך איהר ערנסטע געזיכט האט זיא ניט געביטען און האט מיט א שטרענגען בייזען טאָן געזאָגט :

— יא, יא, איך קען עס זיך פאָרשטעלען, דיעזע פאַפּיערען האט איהר בע־האלטען אום ארויסצוגעבען אייער אייניקעל פאר גאבריעלען, וועהרענד זיא איז שוין

לאנג טוידט. איך וועל אייך ארייגזעצען אין געפענגניס, און איהר וועט אייערע לעצטע טעג פערברענגען אלס בעטריגעריןְ.

— גנעדיגע פרוי גרעפין! – האט דיא אלטע אורזולא געשלוכצט — איך, איך....

— עראינערט אייך אויף מיין מאן, ער האט אייך אמאל געכאפט גנב'נענדיג האלץ און וויא איהר דארפט נור מיר דאנקען וואס אייך איז דאן גאר נישט געשעהן. איז דאס אייער דאנק?

אורזולא האט געציטערט.

— אך גאָטט, אך גאטט, דאס איז דער שווערסטער טאג פאר מיין לעבען, איך האב צו אייך גאר ניט געוואָלט געהן, אָבער דער גייסטליכער האט מיך געטרי־בען, ער מיינט.....

אורזולא איז געבליבען שוויינען און האט געקוקט צו דער ערד.

— נון, וואס מיינט דער פרומער גייסטליכער.

— ער דענקט דאס דיא פרוי גרעפין איז קראנק.... דא....

— אָה, איהר מיינט דאס זיא קען שטארבען בעפאָר איהר קענט אויספיהרען אייער בעטרוג?

— אך גנעדיגע פרוי גרעפין, עס איז קיין בעטרוג, דאס קינד האט אויף זיך א צייכען.

— א צייכען?

— דיא גנעדיגע גרעפין וועט זיך עראינערען, אז דאס קינד איז געקומען אויף דער וועלט מיט שוועריגקייטען און דער דאָקטאָר האט געמוזט בענוצען א צוואנג. פון דיעזען צוואנג געפינט זיך א צייכען אונטער דעם רעכטען אויער. יעצט פערדעקט דאס דיא האאר, דאך ווען דיא פרוי גרעפין וויל זיך איבערצייגען — — —

דיא גרעפין איז פערציטערט געוואָרען, עס האט געשיינט דאס איהר גאנצער לעבענסקראפט איז פון איהר פערשוואונדען, דיעזע עראינערונג האט אויף איהר גע־מאכט א גוואלדיגען איינדרוק.

אבער דיא גרעפין איז ניט אומזיסט גערופען געוואָרען דיא אייזערנע פרוי. מיט א גוואלדיגער מאכט האט זיא בעקעמפפט אלע איהרע געפיהלען.

איהר רעכטע האנד האט אנגענומען אורזולא'ס ארם און מיט א פעסטער שטימע האט זיא בעפאהלען:

— גיט מיר דיא פאפירען!

ווען פריהער האט אורזולא צוגעטראָגען דיא פאפירען צו דער קראנקער׳ס בעט און האט זיי געהאלטען בערייט אויסצוליפערען, זא האט זיא יעצט עס ניט געוואָלט טהאן, אבער דער אייזערנער ווילען אין דער גרעפינ׳ס שטרענגע בליקען, ווארען צו שטארק פאר איהר און זיא האט דעם בעפעהל ניט געקענט ביישטעהען.

ווען אורזולא וואלט געווען א מענשענקענערין וואָלט זיא געזעהן וויא דיא גרעפין איז פרעהליכער געוואָרען אלס זיא האט דיא פאפירען ערהאלטען.

שנעל האט דיא קראנקע אראָבגענומען דעם שנור פון פאקעט, האט דורכ־געקוקט דיא פאפירען און האט זיי ווידער אוועקגעלעגט אויף זייער אָרט.

מיט געשפאנטע בליקען האט אורזולא בעטראכט דיא גרעפין וועהרענד זיא האט געלעזען דיא פאפירען.

איינינע מינוטען זיינען אוועק אין טיעפען שווייגען, דאן האט דיא גרעפין פלוצלינג אויסגערופען.

— רופט מיר אריין דיא קאמער־פרוי.

אורזולא האט אָבגעאטהעמט און מיט שנעלע טריט איז זיא געלאָפען צו ער־פילען דיעזען בעפעהל.

דיא גרעפין וואר אזוי אויפגערעגט דאס זיא האט ניט געזעהן וואס ארום איהר טהוט זיך און האט דארום ניט בעמערקט וויא אין דעם אנדער׳ן ארייננאנג צו איהר צימער האבען זיך גאנץ לויז געריהרט דיא גארדינען און דאס געזיכט פון א מעדכען האט זיך פון זיי ארויסגעזעהן.

דיעזעס מעדכען וואר דיא יונגע גרעפין ערנא.

זיא איז געקומען אום צו ערקונדיגען זיך וואס איהר טאנטע מאכט.

זיא איז אריין אין שלאס ניט מיט דעם הויפטגאנג, זאָנדער׳ן מיט דעם הינ־טערסטען טויער פון פארק און קיינער פון דיא דינער האט זיא דארום בעמערקט.

זיא איז דורכגעגאנגען דיא פערשיעדענע צימער׳ן אָבער וויא זיא האט עררייכט דעם צימער אין וועלכען דיא גרעפין איז געלעגען האט זיא דערהערט דעם היטציגען געשפרעך.

ניט ווילענדיג איז זיא געבליבען שטעהן ביי דיא גארדינען אום ניט צו שטערען דעם געשפרעך, און אלס זיא האט געהערט וואָס אורזולא האט ערצעהלט און דיא גרעפין האט געענטפערט איז זיא געבליבען שטעהען וויא צוגעשמידט און האט זיך ניט געריהרט.

יעצט האט זיא געהערט דעם בעפעהל פון איהר טאנטע ארייננצורופען דיא

קאמער־פרוי. ערנא האט דיעזען איינענבליק געוואָלט בענוצען צו בעגריסען איהר טאנטע.

אָבער איידער זיא האט אריינגעטראָטען אין צימער האט זיא דערזעהן וויא דיא גרעפין האט זיך מיט איין מאל אויפגעהויבען אין דער הויך און האט מיט איהר רעכטער האנד גענומען אָברוקען א קליינע לייסט פון וואנד.

באלד האָט זיך דיא לייסט געעפענט אין א קליינער שלאָס האט זיך ארויסגעזעהן איבער א קליינעם הילצערנעם טאפעל.

דער שליסעל צו דיעזען טאפעל, וואר א גאנץ קליינער, פון איין מערקווירדינען זארט. דיא גרעפין האט איהם ארויסגענומען פון אונטער איהר קישען. שנעל האט זיא איהם אריינגעשטעלט אין שלאָס און דער טאפעל האט זיך געעפענט.

א קליינער שראנק, וועלכער וואר אנגעפילט מיט פאפירען האט זיך יעצט בעוויזען.

שנעל האט זיא אריינגערוקט דיא פאפיערען וואס זיא האט גענומען פון דער אלטער אורזולא און האט עס וויעדער פערשלאסען. באלד האט זיא אויך צוגערוקט דעם לייסט און האט וויעדער פערבאָרגען דעם שליסעל.

קוים האט זיא דיעזע ארבייט געענדיגט אזוי האט זיך געעפענט דיא טהיר און אורזולא מיט דער קאמער־פרוי זיינען אריין.

ערנא האט זיך יעצט צוריקגעצויגען אונטער דעם פאָרהאנג.

דיא גרעפין איז פון דיעזער אויפרעגונג געוועזען זעהר איינגעמאטערט. דער דאָטאר האט בעפאָהלען דאס זיא מוז דורכאויס האבען רוהע. יעצט האט זיא אָבער אנגעשטרענקט איהר קערפער און איהר גייסט. מען האט געזעהן אויף איהר געזיכט וואס פאר שמערצען זיא האט געליטען. איהר געזיכט וואר שווארץ און פון איהר שטערן האט געטריפט דער שוויס.

מיט שרעק האט דיא קאמערפרוי בעמערקט דיעזען צושטאנד אויף דער גרעפין און זיא האט געוואָרפען פראגענדע בליקען אויף דער אלטער אורזולא.

— אָהנע צווייפעל איז דיעזע שולדיג אין דעם פערערגערטען צושטאנד אין דער גרעפין, — האט עליזא צו זיך געזאגט.

— גיב מיר עטוואס איינ־וואסער! — האט געזאָגט דיא גרעפין צו דער קאמער־פרוי.

עליזא האט עס איהר דערלאנגט און האסטיג האט זיא אויסגעטרונקען ביז'ן לעצטען טראָפען.

א לאנגע צייט איז דיא קראנקע געלעגען וויא רעטונגסלאָז, דאן האט זיא געזאגט מיט איהרע לעצטע קרעפטען.

— פיהרט ארויס דיעזע פערזאן, זאל זיא זיך מעהר קיין מאל ניט ווייזען אין שלאָס. זיא וועט יעהרליך קריעגען א שטיצע, אָבער ווען זיא וועט וואגען צו געהן אין געריכט אדער צו בעטרעטען דעם שלאָס דאן זאל מען זיא ארויסוואַרפען פון איהר וואָהנונג.

עליזא וואַר געוואהנט צו פאָלגען איהר הערריןן אין אלע זאכען און ניע וואָלט איהר קומען אין זינען צו פאָרשען דיא אורזאכע פון דער גרעפינ׳ס בעפעהל; זא האט זיא גענומען אורזולא׳ן ביי דער האנד און מיט א הארטער שטימע האט זיא צו איהר געזאגט:

— קומט!

וויינענדיג איז אורזולא געגאנגען נאך דער קאמער-פרוי.

עליזא האט אויף איהר קיין בליק ניט געוואָרפען, א פערזאָן וועלכער דיא גרעפין האט געלאזט ארויספיהרען האט פאר איהר קיין ווערטה ניט געהאט.

אורזולא וואר אין גאנצען געבראָכען, אין הארצען האט זיא זיך פערשאָלטען, וואָרום זיא איז אהער געקומען און ווארום זיא האט געפאָלגט דעם גייסטליכען.

פעדאָרא׳ן איז דאך גוט, זיא האט דאך קיין נויטה געליטען און זיא אליין בע- זיצט דאך נאך עטוואָס בעהאלטענע קניפעלעך צו שיטצען דאס מעדכען פון נויטה.

וואָרום זאָל גאר פעדאָרא ווערען א גרעפין? ווער וויים אויב זיא וועט איהר ערציהערין, דיא שוועמלעב-קלייבערין ניט פערינָגען פון זיך מיט פעראכטונג.

נון האט זיא בעשלאסען מעהר קיין זאך צו טהאן אין דיעזער זאכע.

מיט דיעזען בעשלוס האט זיא פערלאסען דעם שלאס.

דיא הארטקייט מיט וועלכער דיא גרעפין האט זיא בעהאנדעלט האט אור- זולא ניט פערגעסען.

דיעזע שטאָלצע גרעפין וועט פעדאָרא׳ן קיין מאל ניט אנערקענען און דארום האט זיא אייך בעשלאסען זיא זאָל פעדאָרא׳ן ניט אויסזאָגען פון וואנען זיא שטאמט. וואס קען עס דער יונגער מעדכען ניטצען, ווען זיא וועט ערפאהרען ווער איהר מו- טער איז?

א מאָמענט לאנג האט זיא געדאכט וועגען פאָטער טהאָמאס. פיעללייכט וועט איהם געלינגען צו צווינגען דער גרעפין זיא זאל אנערקענען איהר קינד.

אורזולא׳ן וואלט דאס פיעללייכט ניט שלעכט געוועז, דען דאדורך וואס פע- דארא זאל אנערקענט ווערען אלס דיא גרעפין פאָן פינקעלשטיין, וועט דיא גרעפין

אויף נוט בעלאהנען דער פרוי וואס איז דיא גאנצע צייט געווען איהר מוטער.

אין אורזולא'ס כאראקטער איז דיא ליעבע צו געלד געווען שטארקער פון אלעס און דארום האט זיא איבער דעם זעהר לאנג געדענקט.

אבער ענדליך איז זיא געקומען צו איין בעשטימטען בעשלוס. א פרוי וויא דיא שטאלצע גרעפין וועט זיך ניט אזוי לייכט לאזען איבעררריידען און פאטער טהא־מאס מיט זיין זאנפטען כאראקטער וועט געוויס ניט קענען ערדייכען איבערצורריידען דער גרעפינ'ס אייזערנעם בעשלוס.

מוטער אורזולא איז דארום געקומען א היים מיט א זעהר געפאלענעם מוטה.

זיא האט איהר קליינע וואהנונג געפונען לעער, דען פעדארא איז געגאנגען אין קירכע און האט דארט אנגענומען דיא איינלאדונג צו עסען מיט דעם גייסטליכען.

ענדליך איז פעדארא געקומען נאך הויזע. זיא האט אנגעקוקט איהר מוטער מיט פערוואונדערטע אויגען.

— פעהלט דיר עטוואס, מוטער? — האט זיא געפרעגט.

— גאר נישט? ביזט דוא געווען ביי'ן פאטער טהאמאס?

— גאנץ נאטירליך מוטער, ער וועט דא הייטע זיין?

— ער וויל מיך בעזוכען?

— יא, אין איינינע שטונדען וועט ער דא זיין.

אורזולא האט צוזאמענגעפרעסט דיא ליפען אום איינצוהאלטען דעם ווארט וואס זיא האט געוואלט ארויסריידען. דעם גייסטליכענ'ס בעזוך האט איהר הייטע בעלעסטיגט. זיא וואר הייטע אזוי בייז אויף דער וועלט דאס זיא האט געוואלט זיין איינע אליין.

— וואס איז דיר מוטער? — האט פעדארא געפרעגט — דוא האסט קיין מאל אזוי ניט אויסגעזעהן. ווילסט דוא איך זאל דיר קאכען טהעע?

— ניין, ניין, איך בין געזונד.

— אבער דיין געזיכט איז אזוי טרויעריג?

— איך האב עטוואס שמערצען אין קרייץ.

— דאן וועל איך דיך איינרייבען.

— אה, לאז דאך מיר צורוה! — האט אורזולא פון ערגעניס אויסגערופען.

— ניין, ניין, מוטער, ווען דוא האסט שמערצען מוז איך דיך איינרייבען, אזוי האט דאקטאר בער געזאגט.

מיט דיעזע רייד איז פעדארא אויפגעשפרונגען און איז געלאפען צו דער שאפע אין וועלכער עס האט זיך געפונען א קליינע פלעשעלע מיט זאלב.

אורזולא האט אויף איהר א קוק געטהאן מיט כעס, אָבער פעדאָרא האט עס ניט בעמערקט.

— קום מיין גוטע מוטער, האט זיא געזאגט און האט גענומען דער אלטער ביי דער האַנד און האט זיא גענען איהר ווילען אריינגעפיהרט אין שלאָפצימער, וואו זיא האָט איהר איינגעריבען דעם קרייץ.

— זיינען דיא שמערצען פאָראיבער? — האָט זיא געפרעגט ווען זיא איז פערטיג געוואָרען מיט דער ארבייט.

— יא.

— דאן ווער דאך עטוואָס פריינדליך, מוטער, דוא ווייסט דאס הייטע אבענד מוז איך ווידער אוועקגעהן.

אורזולא האָט גענומען פירכטען פיעללייכט וועט דאס מעדכען פערשטעהען, דארום האָט זיא געמאכט א פריינדליכערע געזיכט און האט געענטפערט.

— דוא האָסט זיך געווים געפרעהט צו קומען אהער און מיך צו זעהן.

— געווים מוטער.

— אָבער איך פיהל מיך ניט איינזאם און מיין וואונש איז צו פערבלייבען אין דיעזער היטע ביז מיין טוידט.

— דאס קענסט דוא דאך, איך וועל דיך בעזוכען אזוי אָפט וויא איך קען.

— זאָרג זיך ניט וועגען מיר, — האט דיא אלטע געזאגט — בלייב ביי דער גרעפין העדוויג פאָן מעהרען און זעה צו פערדיענען גוטעס געלד. דוא האסט אין דיין לעבען עטוואָס געלערנט, דוא שפיעלסט אויף קלאַוויר און זאָ מוזט דוא מיט דער צייט צו עטוואָס קומען.

— אָבער מוטער, דוא רעדסט הייטע גאַנץ מערקווירדיג, טהו איך דען ניט מיין פפליכט?

— איך האָף, אז דוא טהוסט וואס רעכט איז, אָבער איך בין איין ארמע פרוי, איך קען פאר דיר גאָר ניט איבערלאזען, אויך פאָטער טהאָמאָס קען פאר דיר גאָר נישט טהאָן.

— ווארום רעדסט דוא אזוי מוטער, דוא וועסט נאך לאַנג, זעהר לאַנג לעבען

— מיר זיינען אלע שטערבליך, פעדאָרא, און ווער קען וויסען אויב איך וועל איבערלעבען דיא נאכט? דוא זאָלסט אָבער נימ טרויערען, איך גיב דיר א גוטע לעהרע דוא זאָלסט זיך אימער אין לעבען פארלאָזען נור אויף זיך. איך בין דיא איינציגע צו וועלכער דוא געהערסט און ווען איך שטארב זאָ האָסט דוא קיינעם ניט אין דער וועלט.

דיזע ווערטער האבען פעדאָראַן געמאכט מעלאנכאָליש, איהרע אויגען האָבען זיך אנגעגאָסען מיט טרעהרען.

— נון ווײן דאך ניט פעדאָרא, געה אויף דיא פרייע לופט, געה שפּאַצירען, דאס וועט דיר געבען אנדערע געדאַנקען, אָבער פריהער נאמיר טרינקען קאפּעע.

ניט ווילענדיג האט פעדאָרא געמוזט דענקען פון דעם געשפּרעך צווישען איהר מוטער און דעם גייסטליכען וועלכען זיא האט געהערט ווען זיא איז אַנגעקומען.

געסטערן אבענד איז איהר אויפגעפאלען, אז זיא איז דאָס קינד וועגען וועל־כער זיי האבען גערעדט. אָבער יעצט האט זיא גדענקט דאס עס קען ניט זיין. איין אנדער קינד האבען זיי געמיינט.

נאך דיא קאפּעע איז פעדאָרא ארויס שפּאַצירען אין גארטען. דער הינטעל שפּיטץ איז איהר נאכגעלאָפען.

אָבער ניט לאנג איז זיא געבליבען אין גארטען. זיא האט געוואָלט דורכגעהן דעם וואלד, אום צו בעזוכען אלע פּלעצער, וואו זיא האט אזוי אָפט פערבראכט, און וואו עס האבען פּאסירט געוויסע זאכען וואס ליעגען איהר טיעף אין הארצען.

זיא איז דארום געקומען צום אָרט, וואו זיא האט זיך מיט דעם גראף צום לעצטען מאָל בעגעגענד.

היער ביי'ן ברעג פון טייכעל האט פעדאָרא געזעהן איין אָרט, וואו דיא גראז וואר צוטראָטען און אויף דער ערד איז געלעגען א צוריסענער קאָנווערט.

פעדאָרא האט דעם קאָנווערט אויפגעהויבען און האט איבערגעלעזען דיא אדרעסע. עס וואר דעם גראף'ס.

דער גראף מוז אלזאָ דאָ אָפט פערברענגען. אה, האט ער נאך אלעס פעדאָרא'ן פיינד?

— אך, — האט פעדאָרא ביי זיך געדאכט — מיט וואס האב איך אויפגעוועקט זיין צאָרן, איך האָט דאך קיין מאָל ניט געוואָלט קומען איהם אין וועג! זאָגאר ווען עס וואָלט איהר געפרעהט ווען זיא זאָל איהם קענען זעהן.

— וועט ער קומען הייטע אין וואלד?

פעדאָרא האט זיך ערשראָקען פון איהר אייגענעם געדאנק.

איהר הארץ האט געקלאפּט שטארקער, זיא האט גענומען גלויבען, אז דער גראף וועט געוויס באלד קומען צו דיעזען פּלאץ און זיא האט זיך ענטשלאָסען אוועקצוגעהן.

זיא האט אויפגעזוכט א ברייטען וועג אין וואלד און נאך א לאנגער וואנדע־

רונג איז זיא געקומען צו א בערגעל פון וועלכען מען האט געקענט זעהן דעם גאנצען שלאָס.

פאר דער טויער פון שלאָס זיינען געשטאַנען צוויי עקיפּאַזשען.

פעדאָרא האט געגלויבט דאס געסטע זיינען געקומען אין שלאס און זיא האט נאך שארפער און נאך ערנסטער געקוקט צום שלאָס, צו יענעם אָרט וואו דער מאַן וועלכען זיא ליעבט וואָהנט.

אלס זיא איז געשטאַנען און האט אזוי געקוקט האט זיא פּלוצלונג דערהערט דיא רעדער פון א וואָגען.

א שרעק איז איהר בעפאלען אלס זיא האט איינעם פון דיא וואָס זיינען גע־זעסען אין וואגען גאנץ זיכער ערקענט.

עס וואר דער גראף אָטטאָ פאָן פינקענשטיין.

פעדאָרא האט זיך באלד בעהאלטען הינטער א דיקען בוים אום דער גראף זאל זיא ניט זעהן, זיא האָט איהם אָבער יא געקענט זעהן.

אך וואס פאר א טרויעריגע געזיכט ער האט הייטע געהאט? מען זעהט אויף איהם דאס ער איז שטארק אונרוהיג איבער זיין מוטער׳ס צושטאַנד.

פּלוצלונג האָט דער קליינער הינטעל אָנגעפאַנגען צו בילען. פעדאָרא איז פערציטערט געוואָרען און האט איהם געוואָלט איינשטילען, אבער עס איז איהר ניט געלונגען. דער גראף איז אויפמערקזאם געוואָרען פון הונד׳ס בילען און דאדורך האט ער אויך פעדאָרא׳ן דערזעהען.

5טעם קאַפּיטעל.

אין קאַמפּף.

דער פּאָליציי־קאָמיסאר האָט זיך געפונען אין איין אויפגערעגטער לאגע, אלס ער האט דעם האָטעל וואשינגטאָן פערלאסען. סאָמער האט געפיהלט, אז דער אויגענבליק איז ניט ווייט ווען ער וועט מעהר ניט זיין אין דער לאגע צו ערפילען וואָס דער אמעריקאנער פערלאנגט פון איהם.

וואָס זאָל ער אָבער טהאָן? וועט דער אמעריקאנער איהם ניט פערפאָלגען?

דעם פּאָליציי־קאָמיסאר האָט עס געמאַכט שווינדלען. ער האָט יעצט געדאכט וועגען יענעם אבענד ווען ער האט אין דער ליידענשאפט פון זיין שפּיעלען פערלאָ־רען זיין ווייב׳ס געלד און איז אריינגעפאלען אין דיא הענד פון יענעם פערברעכער, וועלכער רופט זיך מר. וועלער.

וועהרענד דער פּאָליציי־קאָמיסאר איז מיט לאנגזאמע שריט געגאנגען א הייב האט ער ניט אויפגעהערט צו דענקען וועגען דיא מאכט, וואָס דער אמעריקאנער האט איבער איהם.

דער אמעריקאנער בעזיצט געגען איהם אזעלכע בעווייזע, וואס וועלען איהם פערניכטען ווען זיי זאָלען קומען פאר'ן געריכט.

דיא בעווייזע וואָרען צוויי אונטערשריפטען פון קאָמיסאר אויף דיא סומען געלד, וואס ער האט פון איהם ערהאלטען, פאר געוויסע וויכטיגע דינסטע וואס דער פּאָליציי־קאָמיסאר האט געלייסטעט דעם אמעריקאנער.

אָבוואהל עס איז ניט געשטאנען וואָס דיא דינסטע וואָרען, דאך וועט מען עס לייכט ערפאהרען, ווען מען וועט ערקענען וואס פאר א מענש דער אמעריקאנער איז. דיא צווייענדיגע ראָלע וואָס דער פּאָליציי־קאמיסאר האט געשפּיעלט ביי דער רובעריי, פאר וועלכער רודאָלף מענצעל איז פעראורטהיילט געוואָרען, וועט דאן ארויס אין דער עפענטליכקייט.

עס וועט ארויסקומען דאס דער פּאָליציי־קאָמיסאר האט ארעטירט דעם אונשולדיגען רודאָלף מענצעל. אָבוואהל ער האט געוואוסט, אז מענצעל איז ניט דער גנב; עס וועט אויך ארויסקומען דאס ער האָט גענומען א טהייל פון דיא גענגב'טע געלד. קורץ ווען דער אמעריקאנער זאָל ווערען זיין פיינד, זאָ איז ער פערלאָרען, ניט נור דערמיט וואָס ער וועט פערלירען זיין אמט, ניין, דיא טהירען פון געפענגנים וועלען זיך דאן פאר איהם עפענען.

סאָמער האט דיעזען צושטאנד אזוי בעטראכט און האָט זיך זיין צוקונפט אזוי שווארץ געפארבט, דאס עס איז איהם געקומען אין קאָפּ אויב עס איז ניט בעסער ער זאל זיך נעהמען דאָס לעבען איידער אריינצופאלען אין אזא שאנדע.

אָבער דאָס לעבען איז אזוי שעהן, און יעדער מענש העננט אזוי אן לעבען, דאס אין דער גרעסטער געפאהר איז שווער צו בעשליסען פאר זיך דעם טוידט.

סאָמער האָט זיך נאך געפונען אין דער בעסטער צייט פון לעבען און בעזיצט יעצט איין עהרנהאַפטע שטעלע. וואָס וועט דיא וועלט זאָגען נאך זיין טוידט, ווען מען וועט ערפאהרען דיא אורזאכע פון זיין זעלבסטמאָרד.

ער האט זיך יעצט בעשלאָסען צו קעמפפען געגען דער געפאהר, און אנשטאט צו דינען דעם אמעריקאנער זאל ער איהם בעסער זעהן צו מאכען אונשעדליך.

ער האט געוואָלט אנווענדען אלע זיינע קרעפטען און אלע זיינע פעהיגקייטען אום דעם אַמעריקאנער צו קריגען אין זיינע הענד.

— קעמפּפען! — האט ער געמורמעלט — קעמפּפען מוז איך, און דער קאמפּף פאָדערט מיין גאנצע קראפט. אבער איך מוז, איינער פון אונז מוז פאלען, איך אדער ער, קיין אנדער וועג גיבט עס ניט.

אלס ער איז צו זיין וואָהנונג געקומען האט ער געוואָרפען א בליק צום פענסטער פון זיין פרוי׳ס צימער. דיא פענסטער ווארען דונקעל, דיא גארדינען ווארען אראָבגעלאָזען, אָהן צווייפעל שלאָפט שוין זיין ווייב.

דער פּאָליציי־קאָמיסאר האט אויפגעשלאָסען דיא טהיר און איז אריין.

ער איז א ווייל׳ע ארומגעגאנגען איבער זיין צימער, דאַן האט ער זיך געזעצט ביי זיין שרייב־טיש. ער האט גענומען א טינט און פעדער גלייך וויא ער וואָלט וועלען עטוואָס שרייבען, אָבער אנשטאט דעם האט ער געקריצט אלערליי פיגורען, פון אויפרעגונג. עס האט געשיינט דאס ער ווייס ניט וואָס ער טהוט.

ענדליך האט ער זיך געלעגט אין בעט, אָבער ער האט זיך ארומגעוואָרפען אויף זיין לאַגער אהין און אהער וויא אין א העפטיגען פיבער.

ערסט געגען מאָרגען איז ער איינגעשלאָפען, אָבער ניט אויף לאנג, דען זיין דינער האט איהם צייטיג אויפגעוועקט.

ער האט אויסגעזעהן בלייך און אויפגערעגט און האט זיך מיט שווערע טריט אריינגעשלעפּט אין זיין שפּייז־צימער.

— קומט ניט מיין פרוי? — האט ער געפרעגט דער דינסט.

— דיא מאדאם שלאָפט נאך, — וואר דיא אנטוואָרט.

האסטיג האט דער פּאָליציי־קאמיסאר אויסגעטרונקען א טאסע קאפּע און איז אוועקגעלאָפען אין זיין ביורא.

דארט האט ער אויך פערבראכט איין אונרוהיגע צייט. יעדען אויגענבליק קען קומען דער רעפּאָרט, וועלכער האט דעם אמעריקאנער אזוי שטארק אינטערעסירט.

ענדליך האט מען אנגעקלאפּט אין טהיר.

א פּאָליציסט איז אריינגעקומען.

— נון, וואָס איז געשעהן?

— הערר קאָמיסאר, א יונגער מאַן וויל מיט אייך רעדען.

— אין וואָס פאר איין אנגעלעגענהייט?

— דאס זאָגט ער ניט, ער וויל נור מען זאל איהם צו אייך צולאזען.

— פיהרט איהם אריין.

דער יונגער מאַן איז אריינגעקומען. עס וואר דער זעלבער וואס האט איהם נעכטען אבענד געבראכט דעם אמעריקאנערס בריעף.

סאמער האט איהם זאפארט ערקענט.

— נון, וואס האט איהר צו זאגען?

— איך האב א בריעף.

— זא גיב איהם אהער.

דער יונגער מאן האט איהם געגעבען דעם בריעף, זיין אינהאלט ווער וויא פאלגט:

„זעהר געעהרטהער העררן!

„וועגען אונזער לעצטער אונטעררעדונג, ערלויב איך מיר צו ערינערען אייך אויף אונזער אבמאך, דען אין דיעזע שטונדע איז געקומען דיא נאכריכט.

מיט האכאכטונג וו."

— עס איז גוט! — האט דער פאליציי־קאמיסאר געזאגט נאכדעם וויא ער האט דעם בריעף איבערגעלעזען. איהר קענט געהן.

דער יונגער מאן איז אוועק.

— מען מוז צוגעבען, אז דיעזער אמעריקאנער איז זעהר פארזיכטיג און ניט אזוי לייכט וויא איין אנדערער. ווער אין דער וועלט קען דיעזען אונשולדיגען בריעף פערדעכטיגען אויף עטוואס שלעכטעס. מר. וועלער האט זיך זעהר גוט אויסגעדריקט און דיעזער בריעף קען מיר גאר ניט שאדען. איך וויל זעהן וואס איז דער רעפארט.

נאך דיעזע ווערטער האט ער זיך אויפגעהויבען איז צוגעגאנגען צום שראנק און האט דארט א לאנגע ווײלע געזוכט ביז ער האט פון דארט ארויסגענומען איין אקט. מיט דיעזען אקט האט ער זיך געוואלט ענטפערנען, אלס דיא טהיר האט זיך וויעדער געעפענט און איין העכער פאליציי בעאמטער איז אריין אין צימער.

דער קאמיסאר האט זיך גאנץ טיעף פערנייגט און האט געענטפערט דעם גערוס פון דעם אריינגעקומענעם מיט דיא ווערטער:

— גוט מארגען העררר ראט!

— מיין ליעבער סאמער, איך האב דא עטוואס פאר אייך, עס איז איין אויפגאבע וואס געהערט זאגאר ניט אין אייער דעפארטמענט, אבער עס איז מיין וואונש דאס איהר זאלט דיעזע אויפגאבע אויספיהרען.

דער פאליציי־קאמיסאר איז געווארען איבערראשט.

— ווארום, האט ער ביי זיך געקלעהרט, ווארום, איז דער ראט געקומען גראדע יעצט ווען איך וויך וויל מיך איילען צו זיין אנוועזענד ביי דעם רעפארט. וואס פאר איין אויפגאבע קען ער עס פאר מיר האבען?

שנעל וויא א בליץ זיינען דיא געדאנקען געלאפען דורך זיין קאפ. נאטירליך,

דאס ער האט זיך געהיט דער ראט זאָל ניט בעמערקען דאס ער איז אונצופריעדען און ער האט זיך ערקונדיגט וועגען דער אויפגאַבע.

— עס איז א מערקווירדיגע געשיכטע. קענט איהר א געוויסען העררין שמידט, וואָס האט א קאָנפעקטען געשעפט.

— איך קען מיך ניט עראינערען, דען איך אליין מאך קיין מאָל ניט דיא איינ־ריכטונג פון מיין הויז.

— נון, ביי דיעזען העררין שמידט איז אנגעשטעלט א מיידעל מיט דעם נאָ־מען מרים מעהרען, זיא קומט פון אויסבורג, אָדער פון מינכען.

— און דאס מעדכען ?

— איז פלוצלינג פערשוואונדען.

דער קאָמיסאר האט א טרייסעל געטהאן.

דאס וואַר דאך דיעזעלבע אנגעלעגענהייט פון וועלכע דער אַמעריקאַנער האט צו איהם געשפּראָכען. ער האט אלזאָ ניט נויטהיג צו בעטען מען זאָל איהם דער־מיט אָנפערטרויען, זאָנדערן מען האט עס איהם געבראַכט אין דיא הענד.

ער האט זיך אין הארצען געפרעהט. ער האָט ניט געהאפט דאס זיין אנגע־לעגענהייט וועט נעהמען אזא גוטע ווענדונג. יעצט קען זיין וויא עס וויל, ווען ער זאָל זאָגאר האלטען זיין וואָרט מיט דעם אמעריקאנער און זאל דיא פערשוואונדענע מיידעל ניט געפינען קומט איהם אויך קיין פאָרוואורף, דען ער האט עס דאך ניט אונטערנומען פון אייגענעם ווילען, מען האט איהם בעשטימט דערצו.

— פערשוואונדען ? גאנץ שפורלאָז פערשוואונדען ? — האט דער קאָמיסאר געפרעגט.

— יא, מען וויס זאָגאר ניט וואס מען זאָל דערפון דענקען. העררין שמידט, וועלכער האט דעם רעפּאָרט געבראַכט איז פון איין זייט פערדעכטיג אויף דער יונ־גער מעדכען, פון דער צווייטער זייט איז ער געניינט צו גלויבען, אז דא איז געשעהן א שווערער פערברעכען. נון איהר וועט שוין אליין זעהן וואס דא איז. עס איז א פערדרעהטע געשיכטע, אין פאָרצימער וואַרט נאך העררין שמידט ער וועט אייך זאָ־גען אלעס וואָס ער וויס. איך ווינש אייך פיעל גליק, מיין ליעבער העררין סאָמער.

דער פּאָליציי־קאָמיסאר האָט עטוואָס אויפגעהויבען זיין קאָפּ. דען, ווען א העכערער בעאמטער זאָגט צו איהם „מיין ליעבער העררין" איז דאס א צייכען פון העכסטער צופריעדענהייט.

(Mil., 46).

דער פּאָליציי־ראַט איז יעצט ארויס מיט שנעלע טריט און הערר שמידט איז אריינגעקומען.

— זייט איהר הערר שמידט? — האט דער קאמיסאר געפרעגט. איהר האט נאהאט א פערקויפערין מיט'ן נאמען מרים מעהרען און זיא איז פּלוצלונג פערשוואונדען?

— יא.

— נון, ערצעהלט מיר וויא דאס איז געשעהן.

הערר שמידט האט דיא אויפפאָרדערונג ערפילט. ער האט ערצעהלט וויא ער איז מיט זיין פרוי געפאהרען נאך דרעזדען און וויא ער איז אויף מארגען געקומען אהיים.

— איך האב געוואלט קומען אהיים מיט דעם זיעבען אוהר צוג. — האט ער געליינט, אָבער פּלוצלונג בין איך בעפאלען געווארען פון א פּלעצליכע קראנקהייט דאס עס וואר מיר גאנץ אונמעגליך צו פאהרען ביי נאכט.

— ווען זייט איהר הייטע געקומען?

— דריי פיערטעל צו אכט:

— זייט איהר געגאנגען דירעקט צום געשעפט?

— יא.

— און איהר האט געפונען דיא טהירען פערשלאָסען?

— געוויס.

פרייליין מעהרען האט דעם שליסעל געהאט ביי זיך?

— יא.

— האט זיא מיטגענומען דעם שליסעל אלס זיא איז נעכטען אבענד אוועק פון געשעפט?

— יא. עס איז מיר אבער אויפפאלענד געוואָרען וואס זיא האט דעם שליסעל נים איבערגעגעבען דער קעכין.

פיעללייכט האט זיא געגלויבט אז דער שליסעל איז נים זיכער בייא דער קעכין. וואס דענקט איהר פון דאס מעדכען?

— ביז יעצט בין איך מיט איהר געווען זעהר צופרידען. זיא איז פלייסיג און טהעטיג און אויך אנשטענדיג אין אלע הינזיכטען.

— איהר האט געזאגט דאס אין דער קאסע האט געפעהלט געלד, וויפיעל וואר עס?

— זעקס הונדערט מארק.

— האט געפעהלט דאס גאנצע געלד אדער עטוואס איז נאך געבליבען?

— אלעס איז פון דארט פערשוואונדען.

— און איהר גלויבט אז מרים האט דאס געלד צוגענומען און איז דער מיט אנטלאפען?

— איך מוז עס גלויבען.

— האט איהר אויך אנגעצייגט וועגען דאס געלד?

— יא. איך וואר אין קרימינאל אבטהיילונג און מען האט מיר פערשפראכען צו זוכען דאס געלד אין אלע זייטען.

— דענקט איהר פיעללייכט אז איין אנדער אורזאכע איז פערבונדען מיט דעם פערשווינדען פון אייער פערקויפערין?

— איך האלט עס פאר מעגליך, איך דענק דאס א פערברעכען איז נעגען איהר געשעהן.

— יא, יא, אזעלכע זאכען קומען אין בערלין זעהר אָפט פאָר. אבער דיא שולד פון דער גנבה מוז אימער בלייבען אויף דאס מעדכען.

— דאס האב איך דורכאויס ניט געוואלט זאגען, — האט הערר שמידט גע- ענטפערט. — עס איז גאנץ מעגליך דאס איין אנדערער האט פון איהר גערויבט דעם שליסעל און האט צוגענומען דאס געלד.

— האט זיך דיא קראם געעפענט פון דרויסען?

— ניין פון אינוועניג.

— מען האט אזוי געמוזט אריינקומען פון אינוועניג?

— געוויס. פריילין מעהרען האט אויך געהאט דעם שליסעל צום פארזאאל.

— און אויך דעם שליסעל צו דער טהיר וואס האט געפיהרט פון זאאל אין לאדען.

— אויך דיעזען שליסעל.

— המ. — האט דער פאליצייקאמיסאר געזאגט און האט זיך פער- טראכט. — דיא מעגליכקייט וואס איהר האט זיך פריהער אויסגעדריקט קען זיין גאנץ ריכטיג אבער מען מוז צוגעבען אז דיא פערזאן וואס האט גערויבט דיא שלי- סעל פון פריילין מעהרען איז געוועזן בעקאנט מיט דעם גאנצן פלאן פון הויז.

— דאס איז זיכער.

— עס פרעגט זיך דארום, מיט ווען האט דיא פערקויפערין פערקעהרט?

— מיט קיינעם.

— איז זיא אימער געגאנגען פון אייך גלייך נאך הויזע?

— איך גלויב עס.

— האט איהר עס נאכגעפרעגט אין איהר וואהנונג ?

— יא.

— און וואס האט מען אייך געענטפערט ?

— דאס פריילײן מעהרען איז ניט געקומען נאך הויזע.

— האט דאס מעדכען אויסגעזעהן צו זיין ערליך ?

— איך קען עס אנדערש ניט זאגען.

— האט איהר א בילד פון איהר ?

— יא. — האט הערר שמידט געזאגט. — פריילײן מעהרען האט זיך היער אין בערלין געלאזט פאטאגראפירען און האט איינע פון דיא בילדער געגעבען מיין פרוי.

— האט איהר דאס בילד ביי זיך ?

— היער, איך האב זיא געבראכט וויל איך האב געוואוסט אז דאס איז וויכטיג.

— איז זיא צום ערסטען מאל אין בערלין ?

— יא.

— וואס פאר א שטעלע האט זיא פריהער געהאט ?

— וויפיעל איך וויים, ווארזיא אין א דרוקעריי אין אויסבורג זיא איז א גאנץ געבילדעטע מעדכען און איך גלויב אז אונגליקליכע פאמיליען זאכען האבען איהר געטריבען צו פערדינען איהר ברויט אויף דיעזען ארט.

— וואס פאר א געהאלט האט זיא געקראגען ?

— פיערציג מארק פון אנפאנג, דען זיא האט געמוזט לערנען דאס געשעפט.

— דאס איז דאך צו וועניג אום צו לעבען!

— ערלויבט הערר קאמיסאר......

— אה, מיינט ניט דאס איך וויל קריטיקירען דיא געהאלט וואס איהר צאהלט, איך זאג עס נור איינפאך, דאס בייא אזא פערדינסט איז גאנץ נאטירליך מען זאל זוכען איין אנדער קוועלע פאר געלד.

הערר שמידט האט געשוויגען.

— האט איהר מיר נאך עטוואס מיטצוטהיילען ?

דאס איז אלעס.

— פון וואנען ווייסט איהר וויפיעל געלד עס איז גערויבט געווארען ?

— יעדע איינגאהמע ווערט פערשריבען אין א בוך און פון דיעזען בוך זעה איך וואס פאר א סומע עס האט זיך געפונען.

— האט איהר געלאָזט געלד אין קאַסע פאַר אייער אפּרייזע?

— יאָ. אומגעפעהר הונדערט מארק.

— זאָ האט איהר געסטערען איינגענומען ביז פינף הונדערט מארק?

— יאָ.

— איז דיעזע איננאַהמע געוועהנליך אדער זיינען זייא אימער גרעסער אדער קלענער?

דער דורכשניט פון דער יעצטיגער צייט איז פיעל קלענער.

— זאָ בעטראַכט איהר דיא נעכטיגע איננאַהמע פאַר אַ גאַנץ גרויסע?

— געוויס.

— גלויבט איהר דאס מרים מעהרען האט פערשריבען אלע איננאַהמען?

— נאך אַ שנעלער בעטראַכטונג אין געשעפט שיינט עס אזוי צו זיין. אָבער גענוי קען איך ניט זאָגען. איך קען עס נור וויסען בעשטימט ווען איך זאָל גאַנץ גענוי איבערעכענען מיין וואַרע.

— דאס איז דאך אויפפאַלענד וואס דאס מעדכען האט אזוי פּינקטליך און אזוי עהרליך אלעס פערשריבען אין בוך.

פאַר מיר איז דאס ניט אויפפאַלענד, — האט הערר שמידט געזאָגט. — ווען פריילין מעהרען האט זאָגאַר אליין גערויבט דאס געלד זאָ האט זיא דיעזען פּלאַן נאך פריהער ניט געמאַכט און דארום האט זיא אלעס פערשריבען.

— האט דאס מעדכען געוואוסט דאס איהר רעכענט צו קומען ביינאַכט?

— יאָ. איך האב עס איהר געזאָגט.

— זאָ ווען איהר וואלט ווירקליך געקומען צו דער בעשטימטער צייט, וואלט פאַר איהר געוועזען אונמעגליך אויס צו פיהרען דיא גנבה.

— געוויס ניט!

— נון, דער פון ווייסט זיך ארויס וואס איהר האט געזאָגט דאס זיא איז גע-וועזען פאַרזיכטיג מיט'ן בוך ווען זיא האט אייך יעדען אויגענבליק ערוואַרטעט. נור זאָגט מיר האט איהר אמאל בעמערקט דאס פריילין מעהר האט ליעב צו לעבען ברייט?

— ניין, זיא האט געלעבט זייער קאַרג און וועהרענד דער צייט וואס זיא איז דאַ געוועזען האט זיא קיין נייע קלייד געקויפט.

— האט זיא געהאַט געלד?

— ניין.

— האט זיא געהאַט אַ געליבטען?

— עס איז מעגליך דאס זיא האט פריהער איינעם געהאט. אבער היער אין בערלין האב איך קיינעם בעמערקט.

— אבער עס איז דאך מעגליך דאס זיא האט יא געהאט.

— עס איז מעגליך, אבער איך גלויב עס נימ.

פון דעם גאנצען פערהער האט געשיינט דאס הערר שמידט האט זיך בער מיהט צו זאגען אלעס וואס זאל זיין צוגינסטען פון דער אומגליקליכער מרים. דען אין הארצען האט זיך איהם נימ געגלויבט אז מרים האט גערויבט זיין געלד.

אויף דער צווייטער זייט וואר ער אזוי ערביטערט אויף דעם פערלוסט, דאס זיין דרעזדענער פערגניגען האט איהם געקאסט צו טהייער, און צוליעב דעם אליין האט ער עס רעפארטעט אין דער פאליציי.

ער האט זיין פרוי געפיהרט אין דרעזדען צוליעב דיעזער מרים, ער וואר בער שטימט איבערציינט דאס מרים וועט זיך איהם אונטערגעבען און ער האט זיך אין פאראויס געפרעהט מיט דיא אנגענעהמע שטונדען וועלכע ער וועט מיט איהר פערברענגען.

יעצט איז אלעס געוועזן אויס. דיא רייזע נאך דרעזדען האט זיך געענדיגט מיט א שאדען פון פיעלע הונדערטע, און וויא ער איז געקומען אין בערלין האט ער ערפאהרען פון נייען שאדען און אויף דיא פערזאן, וועלכע ער האט געליעבט איז פון איהם פערשוואונדען.

— איך דאנק אייך הערר שמידט! — האט דער פאליציי.קאמיסאר געזאגט נאכדעם וויא ער האט געשטעלט נאך איינינע פראגען. איך וועל קירצליך זיין אין אייער לאדען און וועל פון אלעס נעהמען א פראטאקאל. זייט אזוי פריינדליך און ערוואַרטעט מיר אין אייער הויז.

הערר שמידט האט זיך פערנייגט און האט פערלאסען דעם קאמיסארס ביורא.

דער קאמיסאר האט גענומען מרים׳ס בילד אין האנד און האט זיא אויפמערק־זאם בעטראכט.

— דיעזעס מעדכען האט דאס געלד נימ געגנב׳ט! — האט ער געמורמעלט און ווען איך וואלט נימ פון דעם אמעריקאנער ערפאהרען דאס א פערברעכען איז איבער דאס מעדכען געשעהן, זא בין איך זיכער דאס איך אליין וואלט אויך געקומען צו דיעזען בעשלוס.

נאך דיעזע ווערטער האט דער קאמיסאר פערזארגט נאך איינינע געשעפטען און איז דאן אוועק אין שמיד׳ס געשעפטס הויז.

דיא לאדען ווארען יעצט געעפענט און איינינע קויפער האבען זיך יעצט געפונען אין קראם.

אלס סאמער איז אריינגעקומען וואר דארט א דאמע וועלכע האט איינגעקויפט איינינע קליינינקייטען, נאכדעם וויא דיא פרוי איז אוועק האט דער קאמיסאר געבעטען דיא טהיר זאל געשלאסען ווערען אויף א קורצע צייט אום ער זאל ניט געשטערט ווערען.

דער קאמיסאר האט יעצט אויף גאנץ גענוי בעטראכט דיא קראם, דיא טהירען, דיא פענסטער, דיא געלד קאסע, דיא ביכער און דעם גאנצען פלאטץ. דאן האט ער אריינגערופען דיא קעכין.

דיא קעכין האט געענטפערט רוהיג אונד געלאסען אויף יעדע פראגע וואס ער האט איהר געשטעלט. סאמער איז בייא זיך באלד געווען פעסט איבערציינט דאס דיא קעכין האט קיין האנד אין דער גנבה.

וואס פאר איין איינדרוק האט פרייליין מעהרען אויף אייך געמאכט? — האט ער איהר געפרעגט. — איהר האט דאך מיט איהר אמאל געשפראכען.

— זעהר זעלטען — איך האב זיא קיין מאל ניט געהאלטען פעהיג פאר איין פערברעכען.

— וויא האט זיא זיך נעכטינען טאג בענומען?

— וויא אימער.

— וואר זיא עטוואס אויפגערעגט?

— דאס וויים איך ניט.

— האט איהר נעכטין מיט איהר געשפראכען?

— צום מיטאג עסען:

— זיא האט דא געגעסען?

— געסטערען וואר איין אויסנאהמע. אויך צום אבענד שפייז בין איך מיט איהר געווען צוזאמען.

— וויא האט זיא זיך בענומען געסטערין פריה באלד וויא דער ווירטה האט אבגערייזט?

— ניט אנדערש וויא אימער.

— אייך איז אויף איהר גאר נישט אויפגעפאלען?

— ניט דאס קלענסטע.

— ווייסט איהר נאך עטוואס וועגען איהר?

די קעכין האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אויף ווייטערע פראַגען האט זיא געענטפערט דאס זיא גלויבט ניט אַזעלכע זאכען אויף פריילין מעהרען.

זאגט מיר נור, קענט איהר פיעללייכט פערזאָנען וועלכע זיינען דא געסטערען ארומגעגאנגען הין און צוריק?

— איך האב עס ניט אויפגעפאסט. איך בין אין קיך, דאס געשעפט געהט מיר ניט אן.

זיינען אייך צופעליג בעקאנט מאנכע פערזאנען וועלכע האבען הייטע בעזוכט דאס געשעפט?

— ניין. דאך ווארט, איינעם קען איך דאס איז דער ארצט.

— וועלכער ארצט?

— דער זעלבער וואָס וואר פאָרגעסטערען בייא דער ווירטהין.

הערר שמיטד איז געבליבען שטעה'ן. וואס האט דער דאָקטאר היער געוואלט? א געפיהל פון פערדאכט איז אין איהם אויפגעשטיגען.

— דער קאמיסאר האט זיך געווענדעט צו העררין שמידט.

— וויא הייסט דער דאָקטאר?

— דאָקטאר פינדרייזען.

— איז ער אייך בעקאנט פערזענליך?

— ער האט מיין פרוי אונטערזוכט.

— האט ער זיא אָפט בעזוכט?

— נור איין מאל.

— איהר האט איהם נאַטירליך בעשטעלט?

— יא.

— אין געשעפט איז ער ניעמאלס געוועזען?

— יא, צוריק מיט א צייט, מיין פרוי האט עס מיר ערצעהלט.

— איהר אליין ווייסט דאס ניט?

— ניין.

נאכדעם וויא סאמער האט נאָטירט דעם ארצט'ס אדרעסע האט ער זיך ווידער געווענדעט צו דער קעכין.

— האט דאָקטאר פינדרייזען זיך לאַנג אויפגעהאלטען אין געשעפט?

— אויף געווים קען איך דאס ניט זאגען, אבער מיר שיינט אז ער איז געווען א היבשע ווילע.

דער פאָליציי־קאָמיסאר האט זיך ענטפערנט און האט אויפגעזוכט די פרוי בייא וועלכער מרים האט געוואהנט.

אויך דאָרט האט ער ניט געקענט ערפאהרען עטוואָס וואָס זאָל איהם געבען איין אויפקלעהרונג איבער דעם פאַל.

די ווירטהין האט זיך זעהר גוט אויסגעשפּראָכען פאר מרים'ן און האט בעמערקט, אז זיא גלויבט גאנץ בעשטימט דאס א פערברעכען איז דאָ געשעהן, דען זיא קען גאָר ניט גלויבען, אז דאס יונגע מעדכען זאָל גנב'נען. מרים איז אימער געוועזען עהרליך און שפּארזאַם.

דער פּאָליציי־קאָמיסאר האט יעצט אויסגעפרעגט וואס פאר א גאַרדעראָבע מרים האט בעזעסען און וועלכע קליידער זיא האט געסטערן געטראָגען.

דעם קליינעם קופערט וואס איז געשטאנען אין מרים'ס צימער האט דער פּאָליציי־קאָמיסאר קאנפיסקירט, אויך מרים'ס פערשלאָסענע קאמאדע האט ער פערזיעגעלט.

פון מרים'ס וואָהנונג איז ער אוועק צו דאָקטאר פינדייזען.

דער יונגער ארצט האט איהם אויפגענומען מיט א פערוואונדעטער מינע און זיין שטוינען איז נאך העכער געוואקסען, וואָס דער קאָמיסאר האט איהם ערצעהלט דעם צוועק פון זיין בעזוך.

— ווארען זיא אָפט אין געשעפט, הערר דאָקטאָר?

— אָפט? ניין.

— וויא אָפט?

— צוויי מאָל.

— איהר האט דאָרט איינגעקויפט?

— יא.

— איז אייך פריילין מעהרען עטוואָס אויפגעפאלען?

— דאס קען איך ניט זאָגען.

— וואס פאר איין איינדרוק האט זיא געמאכט.

— א גאנץ גוטען.

— ווען האט איהר זיא צום לעצטען מאָל געזעהן?

— געסטערען.

— האט איהר מיט איהר געשפּראָכען?

— גאנץ נאַטירליך.

— איך מיין אויב איהר האט אין געשפרעך עטוואס בעמערקט וואס זאל איך יעצט ערשיינען אויפפאלענד?

— ניין.

דער פאליציי־קאמיסאר האט געשטעלט נאך פערשיעדענע פראגען, אהנע עטוואס וויכטיגעס צו ערפאהרען.

אלעס וואס ער האט ביז יעצט ערפאהרען גילט נור צו בעווייזען דאס מרים האט דיא גנבה ניט געמאכט און דאס עס איז צו גלויבען, אז א געהיימער פער־ברעכען האט זיך דא אבגעשפיעלט.

סאמער וועלכער האט גאנץ גוט געקענט דאס לעבען אין בערלין האט גע־האט זעהר פיעל מיינונגען איבער דיעזער געשיכטע.

יעדענפאלס האט ער זיך בעשלאסען אנצו־ווענדען אלע זיינע קרעפטען אום צו קומען צום גרונד פון דיעזער זאכע און פיעללייכט וועט איהם געלינגען צו בע־זיעגען דערמיט דעם אמעריקאנער, וועלכער האלט איהם פעסט אין זיין האנד.

אלס ער האט דעריבער נאכגעדאכט איז איהם פלוצלונג געקומען א געדאנק, ער האט צוגערופען א דראשקע און איז אבגעפאהרען צום האטעל וואשינגטאן.

5טעס קאיטעל.

אלע זינד ווערען בעשטראפט.

אין דער דרוקעריי פון סימען עט זאהן אין אויסבורג האבען זיך דערווייל איינינע זאכען געענדערט.

שוין דאס אליין וואס מרים מעהרען האט זיך דארט מעהר ניט געפונען, האט פעראורזאכט איין אנדער צושטאנד.

ביינאהע אלע ארבייטערינען האבען געהאט א גרויסע אינטערעסע אין דער געבילדעטער און שעהנער מעדכען, וועלכע איז פון גרויסען שטאנד געפאלען אין דעם פינסטערען לעבען פון פאבריק.

ביינאהע אלע האבען מיט איהר סימפאטהיזירט, אויסער צוויי מעדכען וואס־רען איהרע פיינדע. איינע וואר אננא סיבעל, וועלכע איז געוועזן פערליעבט אין פראנץ שטאנד און דיא אנדערע וואר עליזע, דיא געליעבטע פון ווירטה'ס זאהן, ווייל זיא האט געפירכטעט, אז מרים וועט געווינען זיין ליעבע.

אבער מעהר פון אלע מעדכען אין פאבריק איז גרעטע וואלדארף געוועזן פער־אינטערעסירט אין איהר פריינדין מרים.

אלס גרעטע און מרים האבען זיך געשיידעט האבען זיי איינע דיא אנדערע

פערשפראָכען צו שרייבען איינע דיא אנדערע אפטער בריעף. אָבער ביז יעצט האבען זייביידע דעם פערשפרעכען ניט ערפילט.

מרים האט געהאט צו וועניג צייט. דעם גאנצען טאָג איז זיא געווען אין געשעפט און ווען זיא איז געקומען אבענד צו הויז, האט זיא געהאט צו טהאן ארום איהרע קליידער, אָדער מיט איהרע שפראכען און אויך מיט דער וויסענשאפט פון געשעפט און האנדעל.

דאך האט זיא זעהר אָפט געדענקט פון גרעטען און מאנכעס מאָל האט זיך איהר געוואָלט שרייבען צו איהר פריינדין, אָבער אזוי וויא גרעטע האָט פערשפראָכען זיא זאל קאָררעספאָנדענץ אנפאנגען פון איהר זייט האט מרים׳ן צוריק געהאלטען אין איהר וואונש.

דאס זעלבע האט אויך גרעטע געדאכט פון דער געוועזענער גרעפין, אָבער אויך מיט איהר האבען געטראָפען זאכען, וועלכע האבען איהר ניט ערלויבט צו האלטען איהר פערשפרעכען.

וויא דער לעזער געדענקט איז גרעטע געווען אין דער דרוקעריי ניט נור אום צו פערדיענען איהר ברויט זאָנדער׳ן אום צו געפינען דעם מאן, וואָס האט פערראטהען איהר ארמען פאטער, אָבער ביז ניט לאנג צוריק האט זיא קיין ערפאָלג געהאט.

אפט וואר גרעטע אין פערצווייפלונג זיא האט קיין אויסזיכט געזעהן וויא איהר בעשלוס אויסצופיהרען און זיא האט זיך אָפט געפרעגט אויב זיא וועט אמאָל קומען צו איהר ציעל.

איין זאך וואר איהר קלאָהר, נעמליך דאָס אויב זיא וויל אויסגעפינען דיא געהיימניסע פון מאשין מייסטער מאטהעס מוז זיא איהם קומען אין נעהענטער בעריהרונג, אָבער דיעזעס וואר ניט אזוי לייכט.

גרעטע האט זאָגאר געקענט קומען נעהענטער צו איהם אבער דאס האט איהר פערבאָטען איהר שטאָלץ, אויך האט זיא געפירכטעט דאס מאטהעס וועט דערפון ווערען פערדעכטיג, דען זיא האט דאך געפיהרט דעמזעלבען נאָמען, וואס איהר פאָטער און איהר געזיכט וואר אויך עהנליך צו איהר פאָטער׳ס געזיכט. עס האט איהר זאָגאר אָפט געוואונדערט ווארום ער איז ביז יעצט ניט געוואָרען פערדעכטיג.

זיא האט ניט געאחנט דאס מאטהעס האט שוין לאנג אויף איהר געוואָרפען איין אויג און האט זיך שטארק מיט איהר אינטערעסירט.

ווען ער האט זיך ביז יעצט נאך ניט ערלויבט צו איהר צו צוטרעטען זא וואר

עס ווייל גרעטע איז געווען בעליעבט אונטער דיא ארבייטער מע־כען און ער האט בעפירכטעט צו איהר צו צוטרעטען.

אבער זיין אינטערעסע אין גרעטען איז געוואקסען מיט יעדען טאָג, ער האט געפיהלט איין ליידענשאפטליכער פערלאנגען נאך גרעטען און דאס ער קען ניט זעהר לאנג בייזשטעהן דיעזע ליידענשאפט.

אַ לאנגע צייט האט ער געדאכט וויא אזוי ער זאָל צו איהר קענען צוטרעטען. ער האט זעהר אָפט מיט איהר פערבראכט, דאך ווען עס איז איהם געקומען צוזאָגען איהר, אז ער ליעבט זיא האט ער קיין מוטה געהאט אויסצוריידען א וואָרט.

אָבער אין אַ געוויסען טאָג האט ער זיך דאך געמאכט מוטה.

עס וואר וועהרענד דעם אבענד שפייז. גרעטע איז געזעסען אויף א הילצערנעם בענקעל און האט געגעסען איהר ברויט מיט ווארשט, אלס מאטהעס איז צו איהר געקומען אום צו צייגען איהר אַ פרוף. ניט ווילענדיג איז דיא פרוף אראָפגעפאלען פון איהר האנד אויף דער ערד.

גרעטע האט זיך איינגעבויגט זיין פרוף אויפצוהויבען און מאטהעס האט געוואָלט פערשפּאָרען איהר דיא מיהע, ער האט עס אָבער געמאכט אזוי אונפּאָרזיכטיג, דאס ער האט אראבגעוואָרפען איהר שפייז.

— אָה, וועה וואס האב איך געטהאן! — האט ער געזאגט — יעצט האט איהר ניט וואס צו עסען.

— אה, דאס מאַכט ניט! — האט גרעטע געענטפערט און א בייזע ביטערקייט האט געקלונגען פון איהר שטימע.

— אָבער איהר וועט הונגערען?

— עס איז ניט געפעהרליך, איך וועל שוין דערווארטען ביז איך וועל דארפען געהן א היים.

— איך וואלט אייך יעצט געלאדען צו מיטאָג־שפייז, אָבער דיא צייט איז קורץ. איהר ווייסט דאך אז דער ווירטה ליידעט ניט ווען מען איז ניט פּינקטליך, אבער הייטע אבענד......

— אָה ביטע, הערר מאטהעס.

אין דעם זעלבען אבענד האט מאטהעס זיא ערווארטעט אין גאַס. אלס ער איז צו איהר צוגעגאנגען האט זיא איהם אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגען.

— פערצייען זיא גרעטע, איך וואר הייטע זעהר אונפּאָרזיכטיג, יעדענפאלס בין איך אייך שולדיג שאדענערזאץ, קומט מיט מיר.

— וואוהין? — האט זיא געפרעגט.

— מיר עסען צוזאמען אבענד ברויט.

— אך ניין, הערר מאטהעס, מיין מוטערווארט אויף מיר.

— איהר דארפט זיך ניט לאנג זאמען.

נאך איין קורצען געשפרעך האט גרעטע בעשלאסען אנצונעהמען די איינלאדונג. זייא האבען זיך בעגעבען אין א רעסטאראנט און האבען דארט גענעסען צוזאמען.

מאטהעס האט געשיינט צו זיין העכסט גליקליך.

ער האט געוואלט פערשווענדען מעהר ווי זיין פערמעגען האט איהם ערלויבט. גרעטע האט עס אבער ניט ערלויבט. ווען זיא האט געוואלט מיט איהם אריין אין א פריינדשאפט אום צו ערגרייכען איהר צוועק, דאך האט זיא ניט געוואלט געהן ווייטער וויא נייטהיג.

הייטע זיינען זייא ניט געבליבען לאנג צוזאמען, מאטהעס ווער העכסט צופרידען מיט זיין ערסטען ערפאלג און פאר דעם אבשיידען זיך האט ער פון גרעטען גענומען דעם פערשפרעכען דאס דיעזער צוזאמענקונפט איז ניט דער לעצטער.

גרעטע האט געהאלטען ווארט אוןביידע האבען זיך צוזאמענגעטראפען. עס איז איהר געווען זעהר שווער צו שפילען קאמעדיע, דען זיא האט צו איהם קיין צונייגונג ניט געקענט פיהלען.

דאך האט זיא זיך געצוואונגען.

עס וואר איהר פעסטער בעשלוס אראפ צורייסען די מאסקע פון זיין געזיכט און זיא האט זיך געפרעהט מיט דער געלעגענהייט, וועלכע וואר פריהער פון איהר אזוי ווייט.

אזוי וויא גרעטע האט פון איהר מוטער קיינע געהיימניסע ניט געהאט זא האט זיא איהר מיטגעטהיילט דאס זיא איז בערייט אנצונעהמען מאטהעס פארשלאג אום זיא זאל קענען רעטען איהר פאטער.

פרוי וואלדארף וואר דער מיט העכסט אונצופרידען, זיא האט געדענקט דאס אזא פערבינדונג ווען זיא איז זאגאר ניט מעהר וויא א קאמעדיע מוז ברענגען דאס מעדכען אין אומגליק.

גרעטע וואר אבער פעסט אין איהר בעשלוס, און אלס מאטהעס האט זיא איינגעלאדען זיא זאל מיט איהם דעם נעכסטען זאנטאג אויסגעהען האט זיא די איינלאדונג אנגענומען טראטץ דעם וואס איהר מוטער האט זיא דער פון אבגערעדט און טראטץ דעם וואס די ארבייטערינען אין דער פאבריק האבען געמאכט פערקרימטע געזיכטער.

אין פאבריק איז מען צודולט געווארען פון גרעטעס איינוויליגונגען. אבער גרעטע האט זיך ניט געלאָזט אבריידען. גאנץ רוהיג און שטיל האט זיא פערפאלגט איהר ציעל, און ווען עס האט איהר גענומען לייד טהאן זאָ איז פאר איהר ערשינגען דאס בילד פון איהר ארמען פאטער וועלכער שמאכטעט אין געפענגניס אלס אָפּ־פער פון דעם שורקע מאטהעס.

גרעטע וועלכע איז איממער געוועזען אפען און וואהר האט זיך זעלבסט געוואונדערט איבער דיעזער קראפט צו פערשטעלען זיך.

נאך יענעם זאנטאגדיגען אויסגאנג זיינען געקומען איינינגע. זייא ווארען זעהער אפט צוזאמען און מאטהעס איז געווארען ליעבענסווירדיגער און צערטליכער און האט זיך געלאָזט בעווייזען דאס ער וויל דיעזעס מעדכען געווינגען פאר זיך. גרעטע וואר ניט צו ליעבליך צו איהם דאך האט זיא זיך געוויזען גלייך וויא זיא וועט אמאָל איינשטימען אויף דיעזען מאנ'ס וואונש. זיא האט געזוכט אויסצוגעפינען זיין וועזען, זיינע איינגענשאפטען און זיינע געוואהנהייטען, און דאדורך האט זיא געהאפט צו קענען צוקומען צו דיא געהיימניסע פון זיין הערצען.

ווען זיא איז נעבען איהם געזעסען אין דעם קליינעם זייטיגען ציממער פון א רעסטאָראנט און ער האט ארומגעלייגט זיין האנד ארום איהר טאַליע דאן האט איהר געשיינט גלייך וויא א גיפטיגע שלאַנג האט זיא ארומגערינגעלט און אָט לאָזט זיא איהר גיפט אין איהר געזיכט העריין. ביז יעצט האט זיא אויסגע־וויכט זיינע קיסע, אבער זיא האט יעצט געזעהן דעם מאמענט ווען דיעזעס קען מעהר ניט פערמיידעט ווערען און איהר האט דאס געשווידערט.

מיט א לאכעדיגע מינע האט זיא צוגעהערט זיינע ליעבעס ערקלעהרונגען און אין איהר הערצען האט זיא פעראכטעט און געהאסט דיעזען מאַן. אָבער ווען זיא האט זיך פאָרגעשטעלט דעם אויגענבליק ווען זיא וועט דיעזען פעררעטהער פערראטהען און וועט קענען העלפען איהר פאטער צו פרייהייט, דאַן איז איהר הארץ אנגעפילט געווארען מיט בעגייסטערונגען, איהרע אויגען האבען אויפגעלייכט און איהר בליק האט געגלאַנצט און געשימערט. מאטהעס וועלכער האט דיעזען גלאַנץ געזעהן האט געמיינט אז דאס איז דער גלאַנץ פון ליעבע צו איהם.

עס וואר א קאלטער נאָוועמבער אבענד אלס מאטהעס און גרעטע זיינען גע־זעסען אין רעסטאָראנט.

מאטהעס האט בעשטעלט שטארקען וויין, טראָטץ דעם וואס גרעטע האט פראטעסטירט, וויל זיא האט געוואלט וואס וויינינגער געניסען פון דעם מאַן וואס זיא האט פיינד וויא דעם טויט.

עס האט זיך איהר געוואלט דאס אלעס וואס זיא האט אין זיין געזעלשאפט געגאסען זאל זיא אליין בעצאהלען, אבער דאס וואר געגען יעדע זיטע, און ווען זיא האט דאס צום ערסטען מאל געוואלט טהאן האט מאטהעס דאגעגען אזוי ענער־גיש געשטרייט דאס זיא האט עס מעהר ניט געקענט טהאן. דער פאר וואר זיא בעמיהט צוגעניסען וויניג וויא מעגליך.

זא האט זיא אויך הייטע געוואלט זעהער וויניג געניסען אבער מאטהעס איז צוגעשטאנען וויא איין אייזען און אלס גרעטע האט דעם ווין געטרונקען, האט ער אויפגעהויבען זיין גלאז און האט געזאגט.

— אויף א גליקליכער צוקונפט, גרעטע!

גרעטעס הארץ האט געקלאפט, איהרע אויגען זיינען גרויס געווארען און זיא האט איהם אנגעזהן מיט א מערקווירדיגען בליק.

- ווארום ענטפערט איהר ניט? האט ער געפרעגט.

— מענשען דארפען לעבען אין דער געגענווארט, אלע האפנונגען אונד ברכות האבען קיין ווירקונג אויף דער צוקונפט װעלכע איז אבהענגיג נור אן אונזערע טהא־טען. — האט זיא איהם פהילאזאפיש געענטפערט.

— גאנץ רעכט גרעטע, דאס וויל איך אויך! — האט ער געזאגט, מיט א זיפץ, - ווען איהר װאלט וויסען וויא מאנכעס מאל טהוט מיר וועה דאס הערץ. איך האב א פרוי אבער דאך האב איך קיינע, איך פיהל מיך מאנכעס מאל פריי אבער דאך בין איך עפ ניט! איך קען זיך זאגאר שיידען מיט מיין פרוי און דאן ווידער הייראטהען, אבער דיא שיידונג אליין......

— וויל אייער פרוי אייך ניט פריילאזען?

אויף מאטהעס געזיכט האט זיך פערצויגען א שאטען.

ניין, האט ער געמורמעלט. — זיא וויל מיט מיר ניט האבען צו טהאן, זיא האסט מיך אבער פריי וויל זיא מיר אויך ניט לאזען.

וועהרענד דעם געשפרעך האט מאטהעס גענומען איהר האנד, ער האט זיא אנגעקוקט מיט אונרוהיגע בליקען און האט דאן צו איהר געזאגט

— זעהט דאך גרעטע — איך בין יעצט פערבונדען, דאך וועל איך אייך בעד־טען איהר זאלט זיך ענטשליסען צו ווערען מיינע.

— אייערע? האט גרעטע געפרעגט ערשטוינט און מיט א האלבען פארוואורף.

— איך האב עס אייך דאך געזאגט. און פון מיין בענעהמען קענט איהר זעהן וויא טיעף איך ליעב אייך.

— וויא קען איך אָבער דענקען צו ווערען אייערע, ווען איהר זיים פער־הייראטה?

— בין איך עס דען?

— נעווים, פאר דאס געזעץ זייט איהר דאָך פערהייראטה.

— וואס קימערט זיך דאס הערץ וועגען דיא געזעצע. גלויבט איהר דען דאס דיא טויטע בוכשטאבען קענען טויטען דיא הייסע ליעבע?

— נעווים גלויב איך דאס ניט; אָבער איהר דארפט ניט פערלירען אל׳ האפ־נונגען, פיעללייכט וועט אייער פרוי איינוויליגען צו שיידען זיך און דאן וועט איהר זוכען אייער גליק.

— נרעטע, וועל איך דאן ווירקליך דארפען זוכען?

— זיא האט געקוקט צו דער ערד. דיא קאָמעדיע וועלכע זיא האט בעדארפט שפילען איז איהר געוואָרען א לאסט.

— מיט וואס פאר א וויכע שטימע ער האט געשפראָכען, מיט וואס פאר וויכע טענער דיא ליפען האבען געמורמעלט. דיא זעלבע ליפען וואס האבען א מאָל פערראטהען איהר פאטער.

זיא האט יעצט געדאכט פון דיא שמערצען וואס מאטהעס האט געבראכט אויף איהר און איהר מוטער, אבער גראדע דיעזע עראינערונג האט געפיהרט דערצו דאס זיא האט אלע איהרע געפיהלען וויעדער ערשטיקט און האט פאָרטגעזעצט צו שפילען דיא קאָמעדיע, וועלכע זיא האט אָנגעפאנגען, וויל זיא האט געפיהלט דאס ער פערדינט ניט אַנדערש און זאָגאר ווען ער האט צו איהר ריכטיגע און עהרליכע געפיהלען, זאָ האט ער אויך קיין רעכט צו בעקלאגען זיך וואס זיא האט איהם גענאַרט.

מאטהעס האט נאַטירליך ניט געאהנט וואס אין איהר הארצען געהט פאָר. ער האט מיט אונגעדולד געוואַרט אויף איהר אַנטוואָרט.

אָבער גרעטע האט קיין אנטווארט נעגעבען.

דאַרף ער איהר שווייגען אַננעהמען פאר א פערשפרעכען? דארף ער האפען דאס זיא וועט ווערען זיינע, ניט אין א געזעצליכער הייראטה? דען דאס וואר דאך אזוי גוט וויא אונמעגליך, זאַנדערען אין אזא ארט וויא עס געבען בייא טויזענדע מענשען און וויא ער האט אין דיעזען מאמענט געגלויבט דאס עס קען דויערען ביז׳ן טויט. ער האט דאס מעדכען בעטראכט אבער ער האט אין איהר געזיכט קיין זאך ניט געקענט זעהן.

דער טיש ביי וועלכען זייא זיינען געזעסען איז געשטאנען אין א ווינקעל. גרעטע איז געזעסען אויף א קליינעם דיוואן, וועהרענד צו איהר לינקער זייט איז מאטהעס געזעסען.

ער האט זיך יעצט געמאכט א הארץ, ער האט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און האט זיך געזעצט נעבען איהר.

זיא האט איהם אָנגעקוקט ערשטוינט און האט זיך פון איהם אבגערוקט.

— גרעטע! — האט מאטהעס געזאגט אין א ווייכען טאָן, — ווען איך ווירק־ליך מוזען זוכען מיין גליק?

— איך וויים עס ניט!

— און איהר גרעטע?

— הערר מאטהעס ניט מיר עטוואס צייט, עס איז דאך גאר ניט לאנג זייט מיר זיינען בעפריינדעט, איך געפין מיך עטוואס אין א לאגע צו וועלכער איך מוז מיך געוואהנען, מיר מוזען זיך ביידע עטוואס בעסער בעקענען, איידער מיר קענען אננעהמען אונזערע געפיהלען פאר וואהר.

מאטהעס האט אבגעזיפצט.

גרעטעס אנטוואָרט וואר ניט אָהן האפנונג אבער דאָך וואר עס אזוי שוואך, דאס ער קען עס ניט אנגעהמען פאר זיכער.

גרעטע, — האט ער נאך א ווײלע געזאגט. — איך קען אייך פערזיכערען דאס איך האב קיין גליק געהאט אין דער וועלט אבער איך קען אייך אויך פערזיכערען דאס מיט אייך וועל איך זיין גליקליך. אדער, שטייסט איהר מיך פיעללייכט אוועק וייל איך בין ניט פריי? מיין פרוי עקסיסטירט פיר מיר ניט מעהר, זיא האט מיך פער־לאסען, האט פון מיר צוגענומען מיינע קינדער, און זיא לאזט מיך ניט גליקליך ווערען דורך א געזעצליכע הייראטה, אָבער זייט נור זיכער דאס איך וועל אונזער ליעבע בעטראכטען פאר א הייראטה וועלכע ווערט געשלאסען אויפ'ן אלטאר.

מיט אזעלכע און עהנליכע ווערטער האט ער צו איהר געשפראכען איינגע צייט.

זיא האט איהם נעגעבען נור א צערשטרייטען אנטווארט, נאך שטארקער וויא אימער האט זיא געמוזט דענקען פון יענער צייט, ווען מען האט איהר פאטער אוועק געשלעפט און פעראורטהיילט אויף דיא עדות פון דיעזען מאטהעס וועלכער זיצט יעצט נעבען איהר און ערקלעהרט איהר זיין ליעבע. זיא האָט גאנץ האסטיג אויסגעטרונקען איהר וויין און האט צוגעמאכט איהרע אויגען.

(Mil., 47).

— זיינט איהר מיעדע?

— יא.

— דאַן וועלען מיר געהן.

— איך בעט אייך דארום.

מאַטהעס האט בעצאַהלט אוןביידע האבען פערלאַסען דעם לאָקאַל.

עס וואר שוין שפּעט, דיא שטראַסע וואר זעהר ווייניג בעלעבט און מאַטהעס האט געוואָלט אַזעלכע וועגען אום וועלכע ער האט געהאַט קיין געפאהר בעמערקט צו ווערען.

ער האט גרעטען אַנגעבאָטען זיין ארם און זיא האט עס אַנגענומען. ער האט זיא געזוכט צו צודריקען צו זיך, אָבער זיא האט זיך ביסלעכווייס פון איהם אבגע־צויגען, אָבער דאס האט נאך מעהר גערייצט זיין ליידענשאַפט.

דאס וואר פיעללייכט ניט איהר אבזיכט. גרעטע וואר א צו פיינער און צו עדעלער כאַראַקטער אום צו קאָקעטירען אויף דיזען ארט. דיא קאָמעדיע וועלכע זיא האט געשפּיעלט וואר פאר איהר שווער גענוג.

— זא קאַלט! — האט ער געמורמעלט.

— איהר זייט אונצופריעדען, — האט זיא זיך בעקלאַגט — פערגעסט ניט דאס מיין נאָמען איז אין געפאהר, ווייל איך געה מיט אייך.

מאַטהעס האט זיך געביסען אויף דיא ליפּען; ער האט געמוזט צוגעבען דאס גרעטע האט רעכט, אָבער ער האט דאס ניט געוואָלט טהאָן.

שטיל איז ער געגאַנגען מיט גרעטען אונטער'ן ארם.

יעצט האט זיא פּליצלינג גענומען דאס וואָרט.

— הערר מאַטהעס, וואוהין פיהרט איהר מיך, עס איז דאך, גאָר ניט אין דעם זייט פון־מיין וואָהנונג?

ער האט זיא אַנגעזעהן מיט פינסטערע בליקען.

קומט נור גרעטע, קומט!

זיא האט גענומען ציטערען, זיא האט פערשטאַנען דעם זינען פון זיינע רייד. אבער זיא האט זיך געהיט ער זאָל ניט בעמערקען, אז זיא האט פערשטאַנען זיינע געדאַנקען.

— עס איז שפּעט, — האט זיא נאך א קורצער ווייל[ע] געזאגט — איהר זייט געווים מיעד. הערר מאַטהעס, בעגלייט מיך ניט צו מיין וואהנונג, איך וועל שוין אליין טרעפען דעם וועג.

מאטהעס האט עס נאטירליך ניט צוגעגעבען, אָבער נאך דעם וויא גרעטע האט איהם געגעבען אנצוהערען דאס זיא איז נאך ניט בערייט צו ערפילען זיין גע־היימען וואונש האט ער ענדליך איינגעוויליגט און האט זיך מיט איהר אומגעקעהרט צו איהר וואהנונג.

— ווען זעהען מיר זיך ווידער, גרעטע? — האט ער געפרעגט.

— נון, מיר זעהען זיך מאָרגען אין פאבריק.

— אָה, ניין גרעטע, דאָרט זעה איך פיעלע אנדערע; איך מיין אָבער, ווען קענען מירביידע צוזאמען זיין.

— דאָס ווייס איך ניט.

— וועט איהר עס מיר בעשטימען?

— יא, גוטע נאכט.

ער האט נאך אלץ געהאלטען איהר האנד אין זיינער, און יעצט האט ער זיא צוגעצויגען צו זיין ברוסט און האט זיא געוואָלט קוסען. אבער אזוי וויט האט זיא נאך ניט געקענט טרייבען איהר קאָמעדיע. זיא האט אָבגעריסען דעם קאָפּ צוריק און האט פערביסען דיא ליפּען צוזאמען און האט זיך אנגעשטרענגט אויסצומיידען זיין קוס.

מאטהעס האָט זיא מעהר ניט געפרעסט. ער האט געדריקט איהר האנד און האט פון איהר גענומען אבשיעד.

גרעטע האט דערווייל אויפגעשלאָסען דיא הויז טהיר, אָבער זיא איז נאך גע־בליעבען שטעהן א ווילע און האט נאכגעקוקט איהר בעגלייטער.

— וויא לאנג וועט נאך דיעזע שווערע קאָמעדיע דויערען, — האט זיא צו זיך געזאגט — וועל איך ערררייכען מיין ציעל?

וויא פראגענד האט זיא געריכטעט איהרע אויגען צו דיא שטערען אין הימעל.

יעצט איז זיא אריין אין הויז. זיא איז אריין אויף דיא שפּיץ פינגער אום ניט צו וועקען איהר מוטער.

איהר מוטער האט שוין ווירקליך געשלאָפען, און זיא איז אויך באלד געגאנ־גען אין בעט.

אבוואָהל זיא וואר מיעד פון דער ארבייט, דאך האט זיא ניט געקענט איינ־שלאפען, זיא האט אלץ געדענקט איבער דיעזער קאָמעדיע און אויב עס וועט איהר געלינגען צו ערררייכען איהר ציעל, צו בעפרייען איהר אונגליקליכען פאָטער.

זיא האט געוואוסט דאס מען קוקט אויף איהר מיט שפּאָט און פעראכטונג.

דען מאטהעס וואר פערהייראטהעט, ער האט געהאט א פרוי מיט קינדער און א פערבינדונג מיט איהם איז ניט מעהר וויא א פערברעכען.

— — — — — — — — — — — — —

אין דעם פענסטער פון א פראכטפאלען רייכען צימער איז געזעססען א פרויען־צימער.

זיא וואר שעהן און דיא קליידער וועלכע זיא האט געטראגען האבען געוויזען, אז זיא געהערט צו דער פארנעהמער קלאס.

דיא פארנעהמקייט פון איהרע קליידער ווארען ניט נאטירליך, זיי ווארען גע־קינסטעלט. דער קאלטער אויסדרוק פון איהר געזיכט וואר אויך א געקינצעלטער. דער קענער האט געזעהן דאס דיא מינען פון דיעזער מעדכען זיינען ניט וויא זיי דארפען זיין. עס וועט ווירקליך דויערען א לאנגע צייט ביז אננא סיבעל, דען דיעזע איז דיא דאמע, וועט קענען גאנץ ריכטיג איהר ראלע, וועלכע זיא שפיעלט מיט דאס געלד וואס מענצעל פערשאפט איהר.

דעם זעלבען איינדרוק האט געמאכט איהר צימער. מען האט געזעהן איהר שטרעבען צו גלענצען און דארום וואר אלעס איבערטריבען. עס ווארען צופיעל פאלמען, צופיעל מעבעל, צופיעל שפיצען. מען האט געזעהן דאס יעדען טאג ווערט עטוואס צוגעקויפט, סיי עס פאסט צו דער גאנצער איינריכטונג סיי ניט.

אננא׳ס געזיכט האט וועניג הארמאנירט מיט איהר קלייד. אונמוטהיגקייט, אונצופריעדענהייט האבען געשפראכען פון איהרע אויגען און דיא געוועזענע שעהנע געזיכט איז געוועזען פערקרימט פון אונרוהע.

זיא וואר אונצופריעדען מיט זיך און מיט דער גאנצער וועלט.

יעצט האט זיך געהערט א שטימע אין צווייטען צימער, וועלכע האט גערופען:

— אננא!

אננא האט פערצויגען איהרע ליפען און איז אוועק אין יענעם צימער וועלכער וואר א גרויסער אונטערשיעד פון דעם ערסטען צימער. דיא ביליגסטע מעבעל ווא־רען דארט אויפגעשטעלט, אלעס וואר דארט ארם, אלט, צובראכען און נאכגעלאזען.

אלס אננא איז אריין אין צימער האט איין אלטע פרוי אויפגעהויבען איהר קאפ פון א קיסען.

— ווילסט דוא עטוואס מוטער?

— עס איז מיר קאלט, דאס פייער האט געמוזט אויסגעהען.

אננא איז געגאנגען צום אויווען. זיא האט זיך ארומגעבונדען מיט א גרויסען פארטוך און האט זיך גענומען צום פייער און האט געברומט:

— דיזע ווארטס-פרוי איז אזא דומע פערזאָן, דאָס זיא פערשטעהט ניט וואָגאר וויא א פייער צו מאכען. איך וועל שוין מאָרגען נעהמען א דינסט.

אננא'ס מוטער האט זעהר שווער אבגעזיפצט און מיט א ביטערער שטימע האט זיא געזאגט:

— אך קינד ווער דאך ניט אזוי גרויסארטיג. וואס ווערסט דוא טהאן דעם גאנצען טאג ווען דוא וועסט נאך נעהמען א דינסט.

— לאָז דאס זיין מיין זאָרג. — האט אננא מיט כעס געענטפערט.

דיא מוטער האט א ווײלע געשוויגען, דאן האט אננא געהערט וויא איהר מוטער וויינט אין דער שטיל.

אננא האט יעצט גענומען איהר מוטערס האנד און האט געפרעגט:

— וואס איז דיר מוטער? האסטו ווידער שמערצען?

— ניין, איך האב מעהר קיינע שמערצען אָבער איך פיהל אז מיין ענדע איז נאהענט און איך וואלט וועלען מיט דיר ריידען איבער פערשידענע זאכען. איך געה גערן אויס דער וועלט, אָבער דאס איך מוז דיר איבערלאזען אליין אין דער וועלט אין אזעלכע פערהעלטניסע, דאס מאכט מיר גרויסען קימער.

— זארג דאך ניט פאר מיר מוטער! מיר געהט יעצט פיעל בעסער וויא עס איז מיר ווען עס איז געגאנגען איז ?עבען. האט אננא געזאגט.

— אך אננא, דוא לאזט דיך פון מיר קיין ווארט ניט זאגען, דוא ווילסט מיך ניט פאלגען. אך ווען דיין פאטער וואלט נאך געלעבט.

אננא האט זיך אויפגעהויבען. אָבער איהר מוטערס בליק האט איהר יעצט געטראפען.

— בלייב ב?יא מיר. ווער ווייס, וויא שנעל מיינע ליפען וועלען זיך שליסען און איך וועל מיט דיר מעהר ניט קענען ריידען. וויא דענקסט דוא מיין קינד צו פיהרען דיין לעבען און וואס וועט פון דיר נאך ווערען?

— נון איך וועל אזוי אימער לעבען וויא יעצט. הערר מענצעל וויל זארגען פאר מיין צוקונפט און ער וועט עס אימער טהאָן.

— וועט ער דיך ניט הייראטען?

— נ?ין, איך ליעב איהם ניט.

— און דאך ביזט דוא זיין געליבטע.

— אננא האט געשוויגען.

— אה, דאס איך מוז האבען א קינד וואס פערקויפט איהר עהרע. וויא וועל

איך קומען אויף יענער וועלט, וואו איך וועל דיין פאטער ווידער זעהן, און דאנקען איהם געבען רעכענונג פאר דיין ערציהונג.

אננא איז אויפגעשפרונגען.

— דוא ווייסט דאס איך גיב מיר צו איהם ניט איבער.

אבער ער האט דאך דיר געקויפט דיעזע אלע זאכען און שטיצט דיר מיט געלד?

אננא האט פערביסען דיא ליפען, זיא האט דאך איהר מוטער ניט געקענט זאגען דאס זיא האט דיעזע געלד געקראגען פאר דעם פרייז פון א פאלשע שבועה.

פלוצלונג איז ערשינען איין שרעקעדיגער אויסדרוק אויף איהר געזיכט.

— גלויבסט דוא דען מוטער דאס מענשען לעבען נאך זייער טויט און יעדער געניסט דארט וויא ער האט פערזעעט אויף דער וועלט?

— יא, מיין קינד, איך גלויב זעהר שטארק דארין און דארום בעט איך דיך גיב אויף דיעזען שלעכטען לעבען. אך וויא איך געדענק וויא דוא ביסט אמאל געווען אנדערש וויא יעצט און וויא גליקליך ווארען מיר ווען דוא ביזט אבענד׳ס געקומען נאך הויז. אך וויא שעהנער און גליקליכער ביזט דוא געווען אין יענעם איינפאכען קלייד.

אננא׳ס געזיכט האט אנגענומען א ווייכערען אויסדרוק.

— דוא דארפסט ניט אזוי פיעל שפרעכען. טרינק בעסער א ביסעל טאקאיער.

— ניין, ניין, מיין קינד, איך וויל ניט פון דיעזען ווין! ער קומט פון הערן מענצעל און פון איהם וויל איך ניט געניסען.

אננא איז יעצט ווידער געווארען בייז.

— ניין, אונז איז דאך יעצט בעסער וויא פריהער! — האט זיא געשריען.

— און דאך, און דאך, — האט פרוי סיעבעל געזאגט, — דאך וויא גוט וואר עס ווען דוא פלעגסט קומען פו ׳דער ארבייט און איך פלעג צוזאמענרעכענען דיא פאאר מארק וואס איך האב פערדיענט.

— נון דאך האבען מיר ניט געהאט מיט וואס אויסצוקומען! ניין מוטער איך בענק דורכאויס ניט נאך יענעם לעבען. איך וויל מעהר ניט ווערען דיא פאבריק מיידעל אננא סיבעל דיא ארבייטערין בייא סימען עט זאהן. געדענקסט דוא מוטער וויא איך האב ניט געקענט עסען פון דעם פארב און וויא דער ווינד האט געפייפט אין אונזער ענגען וואהנונג? געדענקסט דוא וויא מען האט מיר אויסגעלאכט ווען איך בין ווינטער געקומען נאקעט און דיא גוטע גרעטע האט מיר געשאנקען איהר

מוטערס יאקעל? אה, דיא שאנדע! דאמאלס האט מיר דיא נויטה געצוואונגען אנצונעהמען אזעלכע מתנות.

— נון דער יאקעל וואר ניט אזוי שלעכט. דוא האסט אין איהר אויסגעזעהן גאנץ גוט, זיא וואר נאך אזוי וויא נייע.

— נאטירליך! איך בין אין איהר געוועזן א פרינצעסין.

— האסט דוא קיין ערבארמונג וואס איך בין קראנק? ווארום ערגערסט דוא מיך?

— דאן מוזט דוא זיך ניט אננעהמען פאר גרעטען. דיזע שטאלצע מיידעל איז אליין ארם.

— יעדענפאלס האט זיא עס גוט געמיינט.

— ניין מוטער! זיא האט מיך געוואלט ערנידעריגען. נון דיזע וואך קויף איך מיר א פעלץ און איך קען איהר יעצט שיינקען מיין מאנטעל, אום צו בעצאהלען איהר פאר דעם יאקעל.

— דאס ועסט דוא ניט טהאן.

— דאך טהו איך עס.

— דאס האט גרעטע פון דיר ניט פערדינט, זיא האט דאך דיר געלערענט דיא ארבייט און זיא איז דיר אמאל געוועזן שטארק געפעלען. זיא איז אימער געוועזן איין אנשטענדיגע מיידעל.

— אזוי? האט אננא געלאכט. — זיא איז וויר־קליך אנשטענדיג ווען זיא געהט ארום מיט דעם דרוקער מאטהעס, א פערהייראטהער מאן מיט פינף אדער זעקס קינדער. און איך בין ניט לאנג געוועזן מיט מענצעל'ן אין מינכענער טהעאטער איז ניט ווייט פון אונז געזעסען גרעטעס געוועזענער געליבטער, דאס וואר ארטהור האפער. איך האב זיך מיט איהם צורעדט און האב איהם ערצעהלט אז גרעטע געהט ארום מיט א פערהייראטהעטען מאן — ער האט מיך אנגעחאפט ביין ארם און האט עס ניט געוואלט גלויבען, אבער איך האב עס איהם געהייסען נאכפרעגען אין פאבריק. דאס האט איהם אזוי צוריהרט דאס דער טהעאטער וואר איהם ניט מעהר אין זינען.

— דוא זאלסט ניט אזויריידען, אננא, איך גלויב עס ניט אויף גרעטען און דאן ווער ווייס וואס מען רעדט פון דיר.

דיא אונטערהאלטונג צווישען מוטער און טאכטער איז אונטערבראכען געווארען דורך א קלונג אין טהיר.

עס איז געקומען דער ארצט, א יונגער מאן פון מיטעלען וואוקס.

אננא האט איהם אריינגעלאזען. איהר געזיכט האט זאפארט געציינט א ווייבען זאנפטען אויסדרוק, וועלכער האט איהר געמאכט פיעל שעהנער וויא זיא איז געוועזען.

דער דאקטאר האט זיא בעטראכטעט מיט א פריינדליכער מינע. זיא איז איהם שטארק געפעלען געווארען, ווייל זיא האט זיך פאר איהם געהאלטען זעהר גוט. ווען ער האט איהר געפרעגט, ווארום ליעגט איהר מוטער אין איין ארימען צימער וועהרענד דער צווייטער ציכוער איז אזוי רייך פערפוצט? האט זיא געענטפערט דאס זיא האט ניט לאנג ערהאלטען איין אונערוואטעטע ערבשאפט. ביז יעצט האבען זיי געלעבט ארם. — דיא מוטער וויל זיך אבער ניט צוגעוואהנען צום נייען לעבען. זיא האט ליעב דיא אלטע מעבעל און וויל פון זיי ניט אבטרעטען.

אויך אננא'ן איז דער יונגער דאקטאר געפעהלען געווארען און זיא וואר צופרידען וואס ער זוכט איהר בעקאנטשאפט. זיא האט איהם ניט געליעבט, אבער געפעהלען איז ער איהר געווארען. דיא ביסעל ליעבע וואס זיא האט געהאט אין הארצען דאס האט זיא אפגעגעבען צו פראנץ שטאנד. נאך איהם האט זיא געוויינט, נאך איהם איז זיא נאכגעלאפען, בייא איהם האט זיא געבעטען ליעבע.

אבער דיא גאלד־האאריגע גרעפין האט איהם פון איהר געטריבט. זייט דאן האט אננא געוואוסט דאס זיא וועט ניט ליעבען, דאך האט זיא געוואלט געפעהלען, דאך האט זיא קאקעטירט, דאך האט זיא געוואלט דיא מענער זאלען זיך אין איהר פערליעבען אום זיא זאל זיך מיט זייא אמוזירען......זיא אליין האט אבער נאך ניט געקענט איהר הייסע ליידענשאפטליכע הארץ.

דער ארצט האט אונטערזוכט איהר מוטער און האט אראפגעלאזען דעם קאפ. ער האט ניט געגלויבט דאס דיא קראנקהייט וועט זיך אזוי שנעל פערשטארקען. ער האט פערשריבען אייניגע טראפענס און האט זיך ענטפערנט.

אלס אננא האט איהם געפרעגט איבער איהר מוטערס צושטאנד האט ער זיא געטרויסט.

— אייער מוטער וועט עס גאנץ געוויס איבערקומען. זיא מוז נור האבען רוהע און ווערען גוט אויפגעפאסט.

דאס וואר ניט דעם דאקטאר'ס אמת'ע מיינונג, אבער ער האט ניט געוואלט פערשאפען דער טאכטער דיא שמערצען צו וויסען דאס איהר מוטער איז אין לעבענס געפאהר.

עס וואר אויפ'ן צווייטען טאג. פריהשטינס פויזע בייא סימען עס זאהן איז ניט לאנג פאראיבער; דיא ארבייטער האבען גענומען ארבייטען לאנגזאם, אלס איין שרעקליכער געשריי האט זיך דערהערט דורך דעם גאנצען זאאל וואו דיא מענשען זיינען געשטאנען, און באלד האט זיך דערהערט א צווייטער געשריי.

מאטהעס, וועלכער איז שוין אזוי לאנג געוועזן בייא דיעזער ארבייט און וואר בעקאנט פאר א גוטען מאשיניסט איז ניט ווילענדיג צוגעקומען צו נאהענט צו דער מאשין, און זיין האנד איז אריינגעפאלען צווישען דיא רעדער.

דאס האט ער ארויסגעלאזען דעם ווילדען געשרייא, דען אין איין סעקונדע זיינען דיא פינגער פון יענער האנד צוקוועטשט געווארען אין שטיקלאך.

נאך איידער מאטהעס האט געוואוסט וואס פאר איין אונגליק איהם האט געטראפען איז ער געווארען דער קרבן פון א צווייטען אומגליק.

דורך דעם שרעקליכען שלעפ וואס ער האט געטהא אום ארויסצוכאפען דיא האנד פון מאשין איז ער געפאלען אויף הינטען און האט דעם קאפ אזא קלאפ געטהאן אויף איין אייזען דאס ער האט באלד גענומען בלוטען און איז געבליבען אין אונמאכט.

אלע זיינען געווארען אויפגערעגט. דיא מאשינען זיינען געבליבען שטעהן שטיל, מען איז זיך צוזאמען געלאפען, אלע האבען געשריען נאך הילפע, וועהרענד מאטהעס איז געלעגען אויף דער ערד און דאס בלוט האט געפלייצט פון זיינע וואונדען.

ער וואר בעוואוסטלאז און מען האט געקענט צווייפלען אויב ער וועט לעבען.

דיא מיידלאך זיינען צולאפען פון זאאל נור איינע איז פערבליבען, דאס וואר גרעטע.

זיא האט געקניעט צו דער ערד און האט צוגעדריקט א טוך צו דער וואונד אום צו פערהאלטען דיא בלוט.

גרעטע האט אויסגעזעהן בלייך וויא א טויטע. זיא וואר שטארק אויפגערעגט פון דער שנעלער ענדערונג אין דיעזען מאנ'ס לאגע. גאר ניט לאנג האט ער זיך געשעצט גליקליך מיט דער האפנונג דאס זיא וועט איהם ליעבען, וועהרענד זיא האט איהם געוואלט קריעגען אין איהרע הענד אום ער זאל איהר פערראטהען זיין געהיימניס.

קרעכצענדיג האט זיך געריסען דער אטהעם פון דעם שווער פערוואונדעטע, עס וואר נור א שוואכער אטהעם און גרעטע האט געגלויבט דאס זיין לעצטע שטונדע איז נאהענט.

ענדליך איז געקומען דער דאקטאר. דיא אונטערזוכונג האט זעהר וויניג גע־ דויערט. דער דאקטאר האט באלד בעשלאסען דאס מאטהעס האט געבראכען דעם שיידעל פון קאפ.

גרעטע איז נאך בלייבער געווארען. דעם דאקטאר׳ס ערקלעהרונג וואר דער טאדעס אורטהייל איבער דעם אונגליקליכען.

דיא מענער וועלכע זיינען ארום געשטאנען האבען אנגעקוקט דיעזר מעדכען און האבען זיך געוואונדערט. זיי האבען געוואוסט דאס זיא איז מיט איהם ארומ־ געגאנגען אבער זיי האבען ניט געוואוסט אז זיא נעהמט אין איהם אזא אינטע־ רעסע און דאס זיא וועט אזוי ליידען פון זיין אונגליק.

יא, גרעטע האט געליטען, אבער קיינער האט ניט געקענט אהנען וואס אין איהר הערצען געהט פאר.

איהר הארץ האט געריסען זייער שטארק, עס האט זיך איהר געגלוסט צו וויינען אבער מיט דער שטארקסטער ענערגיע האט זיא בעקעמפפט אלע איהרע געפיהלען.

— וואס זאל יעצט געשעהן? — האט איינער פון דיא מענער געפרעגט.

— דער פערוואונדעטער מוז זאפאהרט אבגעפיהרט ווערען אין האספיטאל. — האט דער דאקטאר געזאגט. מען דארף פארזיכטיג זיין ווען מען ריהרט איהם פון ארט, ער קען זעהר לייכט......

יעצט איז גרעטע פארגעטראטען.

— העדר דאקטאר, — האט זיא געזאגט מיט א שטילער, ציטערדיגער שטימע. — איך בעט מען זאל דעם קראנקען ברענגען אין מיין וואהנונג.

— זייט איהר דען מיט איהם פערוואנדעט? — האט דער דאקטאר געפרעגט.

— ניין.

— נון, וואס פאר אן אינטערעסע האט איהר אין איהם? — האט דער ארצט געפרעגט.

אין גרעטעס געזיכט זיינען אריין אלע בלוטען.

וואס זאל זיא זאגען?

נאך איינינע סעקונדען פון טיעפען שווייגען האט זיא געענטפערט מיט א לייזע שטימע:

— איך בין זיין ברויט.

— דאס איז עטוואס אנדערס, — האט דער ארצט געזאגט, — דאן האט

איהר דארויף א רעצעפט, נאטירליך ווען דער פערוואונדעטער קען ביי אייך האבען דיא נויטהיגע בעהאנדלונג.

דאס וועט איהם ניט פעהלען, העהר דאקטאר.

— זייט איהר דען ניט היער אנגעשטעלט אלס ארבייטערין?

— יא, אבער איך וועל בלייבען צו הויזע ווען זיין קריינקהייט וועט עס פאדערען.

— דאך שיינט מיר, דאס איהר זייט ניט געשאפען צו בעהאנדלען דיעזען קראנקען.

— איך בעט אייך העהר דאקטאר, ענטזאגט מיר ניט, איך בין ניט אליין, איך בין מיט מיין מוטער צוזאמען און מיר ביידע וועלען פאר איהם זארגען.

וועהרענד דער דאקטאר האט זיך ווידער געווענדעט צום קראנקען האט גרעטע געהערט וויא דיא מענערריידען איינע מיט דיא אנדערע.

— דאס וואלט איך פון דיעזער מארגארעטא ניט גערענקט, — האט איינער געזאגט, און דער צווייטער האט געענטפערט :

— שאדע דאס זיא איז גראדע אין איהם פערליבט.

— ניין זיא האט גראדע דעם מוטה אויסצוזאגען איהר ליעבע, אך ווער ווייס......

גרעטע איז געשטאנען וויא אויף קאהלען, זיא האט געפיהלט וויא דאס בלוט פליסט אין איהר הארץ, וויא זיא מוז אלעס אנווענדען אום זיא זאל ניט פערלירען איהר מוטה.

יעצט האט זיך דער דאקטאר ווידער אויפגעהויבען.

— מיין פריילין, — האט ער געזאגט אין איין ערנסטען טאָן, עס שטעהט זעהר שלעכט מיט דעם פערוואונדעטען. עס איז מיין פפליכט אייך צו זאגען דאס עס איז מעגליך ער זאל געזונד ווערען, אבער עס איז אויך מעגליך ער זאל נאך לאנגע ליידען שטארבען.

גרעטע האט געזיפצט, אבער זיא האט קיין ווארט ניט געזאגט.

— איהר נעהמט אויף זיך אליין א גרויסע פעראנטווארטליכקייט, האט דער דאקטאר ווידער געזאגט,—דען דער קראנקער דארף גוט אויפגעפאסט ווערען עס וועט אייך מוזען קאסטען פיעל געלד. איז ער ביי א פערמעגען? בעלאנגט ער צו א געזעלשאפט?

— אלס דיא מענער האבען עס געענטפערט מיט יא, האט ער דאס מערבען נאך א מאל געווארענט דאס עס קען זיין צו שווער פאר איהרע נערווען

אבער גרעטע איז געבליבען פעסט, און דער ארצט האט עס איהר ענדליך געמוזט איינוויליגען.

אלס דיא מענער זיינען אוועק מאכען פערטיג דיא בעט צו טראגען דעם קראנקען איז גרעטע אוועקגעלאפען נאך הויזע אום איבערצוריידען מיט איהר מוטער.

פרוי באלדאוף האט זיך געחאפט פאר'ן קאפ.

— אבער גרעטע, וויא קען דיר איינפאלען אריינצונעהמען דעם מאן אין אונזער הויז?

— עס מוז אזוי זיין מוטער! — האט גרעטע געענטפערט. איך בעט דיך דארום.

— ער האט מיך אפילו בלויז איין מאל געזעהן, אבער וואס וועט זיין ווען ער וועט מיך ערקענען?

— דיעזעס קען מען יעצט ניט בעטראכטען.

— אבער דיין נאמען, מיין קינד?

— אויך דאס וועט ניט שאדען ווען א טויט קראנקער איז אין אונזער הויז.

— אבער וואס רעדטסט דוא קינד! — האט דיא מוטער איינגעווענדעט. — מיר זיינען שוין פון דיעזען מאן גענוג אונגליקליך געווארען, ווילסט דוא יעצט פון זיינט־וועגען אפפערען דיין גאנצע עהרע?

— רייד דאך ניט אזוי מוטער! דיא גאנצע וועלט וועט וויסען דאס מיר פערקע־רען צוזאמען. קיינער וועט דאך ניט מיינע פלענער מען וועט עס אלזא אננעהמען פאר גאנץ נאטירליך דאס איך און דוא בעהאנדלען איהם פאר זיין טויט.

איך וויים זעהער גוט מיין קינד וואס דוא מיינסט, דוא האפסט דאס ער וועט פאר'ן טויט ערצעהלען זיין געהיימנים.

— יא, מוטער! — האט גרעטע אויסגערופען. איך בעט דיך יעצט טהו וואס איך פערלאנג, זיי זא גוט און ברייט אלעס פאר. איך וועל צוריק געהן אין דער דרוקעריי.

אלס גרעטע איז צוריק געקומען אין דער דרוקעריי ווארען זיי דארט גראדע בעשעפטיגט אוועק צולייגען איהם אויפ'ן בעט.

דאס וואר קיין לייכטע זאך, דען מאטהעס וועלבער איז דער וויל צוריק גע־קומען צו זיין בעוואוסט זיין האט ביי יעדע בעוועגונג געשריען פון ווערטאק. צו דער זעלבער צייט האט ער פון זיך אראפגעריסען דעם באנד פון קאפ און דאס בלוט האט אנגעפאנגען צו גיסען פון דאס נייע.

נור מיט נויטה און מיהע איז עס געלונגען דעם קראַנקען אוועקצולייגען אויפ׳ן בעט, דיא דעקע איז איבער איהם איבערגעלעגט געוואָרען און דאן האט זיך דער טרויעריגער צוג געלאָזט געהן נאָך גרעטעס הויז.

אַ לייזער געשריי האט זיך ארויסגעריסען פון פרוי באַלדאויף׳ס ליפּען, אַלס זיא האט דעם פערוואונדעטען דערזעהן.

דאס איז ער געלעגען דער מאן וואָס האט געשטירצט איהר מאַן אין אונגליק! אַט ליעגט ער און ראַנגעלט זיך מיט דעם טוידט.

מיט שווערער מיהע איז מאַטהעס אריינגעלעגט געוואָרען אין דער בעט וואס איז פאַר איהם פאָרבערייט געוואָרען.

יעצט האט דער דאָקטאָר נאָך אמאָל פערבונדען זיינע וואונדען, האט פער־שריבען אַ מעדיצין און איז אוועק.

גרעטע איז געשטאַנען אליין ביי דער בעט פון פערוואונדעטען אין דיעזען אור־גענבליק איז פערשוואונדען איהר גאַנצער האָס צו איהם. זיא האט אין איהם נור געזעהן דעם מענשען, וועלכער ליידעט שווער, און וועלכער דאַרף איהר הילפע.

אין איינינע מינוטען נאַכדעם וויא דער קראַנקער איז געבראַכט געוואָרען אין דיעזער הויז, האט ער ווידער פערלאָרען זיין בעוואוסט זיין און דיעזער צושטאַנד האט געהאלטען גאַנצע צוויי טעג.

ער האט זעהר פיעל פאַנטאַזירט פון א נייען לעבען וועלכען ער וועט אָנפאַנ־גען צו פיהרען, און האט פאָרגעוואָרפען זיך פאר זיינע שלעכטע טהאַטען און האט בעשולדיגט זיין ווייב, וועלכע האט איהם געבראַכט אין עלענד.

דער דאָקטאָר איז געקומען יעדען טאָג פון צוויי ביז דריי מאָל. אלס דריי טעג זיינען פאָראיבער האט ער געזאגט:

— מיין פריילין, עס איז מיין פפליכט צו זאָגען אייך, דאָס איהר וועט אייער ברויטיגאם ניט האבען אויף לאַנג.

גרעטע איז געוואָרען בלייך.

נאַכדעם וויא דער דאָקטאָר האט פערשריבען אַ בערוהיגונגס מיטעל איז ער אוועק און גרעטע האט זיך ווידער געזעצט ביי מאַטהעס בעט.

פּלוצלינג האט ער געעפענט דיא אויגען. ער האט מינוטען לאַנג אָנגעקוקט דאס מעדכען, וועלכע איז געזעסען ביי זיין בעט; ענדליך האט ער זיא ערקענט. זיין רעכטע האנד האט זיך אויסגעשטרעקט, האט אָנגענומען איהר האנד און האט זיא געדריקט.

מיט א שוואכע שטימע האט ער געבעטען גרעטע זאָל איהם ערצעהלען דעם גאנצען פאָרפאַל. ער האט נאָך אלץ ניט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך.

גרעטע האט איהם ערצעהלט וויא אלעס איז געשעהן. ער איז געוואָרען ערשראָקען און האט פערלאַנגט צו וויסען וואס דער דאָקטאָר האט געזאָגט.

גרעטע האט איהם נאטירליך ניט געזאגט אָפען, אָבער מאַטהעס האט עס פערשטאַנען, דערצו האט ער געמיינט דאס ער האט ניט צו זאָרגען נאָך'ן לעבען, דען ער וועט מוזען זא וויא זא בלייבען איין אייביגער קריפעל.

— פערלאַסט מיך גרעטע, — האט ער אָם ענד ע צו איהר געזאָגט — מען וועט אייך איבעראַל בעריידען און דאָס וויל איך ניט, איך וויל אליין טראָגען דיא לאסט פון מיין נאררישען לעבען.

זיינע אויגען וואַרען פערגלאָצט. וועהטאָקען וועלכע וואַרען אין גייסט אזוי שטאַרק וויא אין קערפער האבען זיך אויסגעפרעגט אויף זיין געזיכט.

איינגע מינוטען שפּעטער איז געקומען דער דאָקטאָר, עס וואר מיטאָגס צייט. ער האט איבערגעבונדען דיא וואונד און האט געוואָלט אוועקגעהן, אָבער מאַטהעס האט איהם צוריק-געהאלטען.

— הערר דאָקטאָר, — האט ער געזאגט — איך בעט אייך דרינגענד, זאָגט מיר וויא איז מיין צושטאַנד, וואָס האב איך צו האָפען און וואס האב איך צו פירכטען?

— נוּ, — האט איהם דער דאָקטאָר בערוהיגט — ביי גאָט איז קיין זאך ניט אונמעגליך. זייט נור רוהיג, דאָס איז דיא הויפּטזאַכע.

דער קראַנקער האט אָבער געחאפּט דעם דאָקטאָר פאַר'ן האַנד און האט געזאָגט:

— אָה, זאָגט מיר נור דיא וואַהרהייט. ווען איך האב נור א קורצע צייט צו לעבען, זאָ האב איך עטוואָס צו פערבעסערען, אום איך זאָל זיך קענען שטעלען פאַר דעם ריכטער אין הימעל.

דער דאָקטאָר איז געוואָרען זעהר ערנסט. ער האט געוואָרפען א בליק אויף דעם קראַנקען און האט דאַן געזאגט צו גרעטען:

— ביטע, געהן זיי ארויס אויף איין אויגענבליק.

אבער גרעטע האט צו איהם געזאגט אין דער שטיל:

— לאָזט מיך דאָ בלייבען, הערר דאָקטאָר, זיין פערברעכען האט געטראָפען מיין פאטער, ער האט עטוואָס בעגאַנגען פאַר וואָס מיין ארמער פאַטער מוז ליידען, דער ארצט האט ניט געוואָלט גלויבען זיינע אויערען.

— און דאך ליעבט איהר איהם? — האט ער געפרעגט אין דער שטיל.

גרעטע האט ניט געקענט ענטפערען. איהר קערפער האט געציטערט פאר דעם גדאנק, דאס מאטהעס קען שטארבען איידער ער האט ארויסגעגעבען די געהיימניס וואס קען בעפרייען איהר אונגליקליכען פאטער.

דער קראנקער האט יעצט שווער געאטהעמט. אין זיין האלז האט זיך געהערט דער נארגלען, וויא פאר'ן טוידט.

מיט דיא לעצטע קרעפטען האט ער געבעטען מען זאל פראטאקאלירען וואס ער זאגט, דען ער פיהלט אליין, אז ער געהט צו זיין ענדע.

יעצט איז אויך פרוי באלדאוף אריינגעקומען. זיא וואר שטארק געריהרט. וויא האבען זיך דיא צייטען געענדערט — וועט יעצט אלעס ווערען גוט? זיי האבען זאפארט געשיקט נאך א נאטאר מיט דער ביטע ער זאל קומען שנעל וויא מעגליך.

יעצט איז געקומען דער וויכטיגסטער אויגענבליק נאך וועלכען גרעטע האט אזוי לאנג געשטרעבט. דער אויגענבליק וואס וועט ברענגען דיא פרייהייט פאר איהר פאטער און וועט איהר צוריקגעבען איהר עהרע.

אימער, ווען גרעטע האט פון דיעזען מאמענט געדאכט, האט זיא געגלויבט, אז דיעזער מאמענט וועט פאר איהר זיין דער גליקליכסטער, איהר הארץ וועט זיין פאל מיט טריאומף. אבער וויא אנדערש איז עס יעצט געוועזן.

הייסער מיטלייד מיט דעם שטערבענדען האט ערפילט איהר ברוסט, איהרע אויגען האבען זיך אנגעפילט מיט טרערען. אויך איהר מוטער האט געוויינט.

מעהר און מעהר איז געפאלען דער שאטען פון טוידט אויף מאטהעס געזיכט, זיינע ליפען האבען זיך געעפענט, און מיט שווערע ליפען, וועלכע האבען זיך קוים געריהרט האט ער געשווארען, דאס דיא פאפירען וועלכע מען האט געפונען ביי גרעטעס פאטער, האט ער אונטערגעווארפען און דאס ער האט פאלש געשווארען אום מען זאל איהם פעראורטהיילען. ער האט ערקלעהרט דאס ער האט זיך געוואלט רעטען פון געפאהר און צוליעב זיין ווייב און קינדער איז ער דיעזען פערברעכען בע-גאנגען.

דער נאטאר איז נאך ניט געוועזן. מיט א ציטערענדע האנד האט גרעטע פערשריבען אלעס וואס ער האט ערצעהלט.

יעצט איז דער נאטאר געקומען.

— אח, שנעל, שנעל! — האט גרעטע געבעטען — שנעל איידער ער שטארבט. היער איז זיין געשטענדניס איך האב עס פערשריבען.

דער נאַטאַר האָט עס דורכגעלעזען, דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום שטער־בענדער.

— איך וועל אייך פאָרלעזען אייער געשטענדניס און איהר זאָלט מיר זאָגען אויב דאָס איז ריכטיג.

מיט א לויטער שטימע האָט דער נאַטאַר פאָרגעלעזען גרעטעס אויפשריפט און אַלס ער וואַר צו ענדע, האָט ער געפרעגט:

- איז עס וואַר וואָס איך האָב אייך פאָרגעלעזען?

— עס איז וואַהר! — האָט מאַטהעס געשטאַמעלט. — איך שווער ביי דעם אַלמעכטיגען גאָט דאָס עס איז וואַהר.

— און מיט וואָס ווילט איהר עס בעווייזען?

— דורך פּאַפּירען און דאָקומענטען.

— וואו זיינען דיעזע פּאַפּירע?

— דאָרט — — דאָרט — — איז — — איז.......

א זיפץ און אין נעכסטען מאָמענט, איידער ער האָט אַרויסגערעדט דעם לעצטען וואָרט איז ער געווען טויט. ער איז איינגעשלומערט געוואָרען איידער ער האָט געקענט זאָגען וואו דיא פּאַפּירען ליעגען.

וועט זיין געשטענדניס גענוג זיין אום צו בעפרייען גרעטעס אונגליקליכען פאָ־טער? גרעטע האָט עס ניט געוואוסט, פיעללייכט שטעהט יעצט פאַר איהר נאָך איין אויפגאַבע נעמליך צו געפינען דיא בעווייזע. וועט עס איהר געלינגען?

מיט א געריהרטע הארץ און מיט שטאַרע אויגען איז גרעטע געשטאַנען און האָט אָנגעקוקט דעם טויטען מאַן וועלכען זיא האָט אַמאָל אַזוי געהאַסט און וועל־כער האָט איהר אַזוי געליעבט, און האָט געהאָפט גליקליך צו זיין מיט דיעזער ליעבע.

גרעטע האָט געזיפצט. אויך זיא האָט אַמאָל געליבט און געטרוימט און אויך זיא האָט זיך ביטער אַבגענאַרט.

קום מיין קינד, האָט פרוי באַלדאוף געזאָגט און האָט גענומען איהר קינד פאַר'ן האַנד.

— אַך מוטער, וויא שרעקליך זעהט אויס דער קאַלטער טויט.

— ער האָט אַבגעלעגט א געשטענדניס, — האָט דיא מוטער געזאָגט, — אַך מיין קינד ווען דאָס וואָלט ניט געווען אומזיסט — און דיין פאָטער זאָל פריי ווערען.

דער נאַטאַר האָט געזאָגט.......

זיא האט מעהר ניט געשפראכען. זיא האט אנגעקוקט איהר טאכטער טעלכע איז געווארען בלאס וויא קאלך.

— ארמעס מעדכען, — האט דיא מוטער געזאגט, עס ווער צופיעל פאר דיר דוא האסט זיך צופיעל אונטערנומען.

זיא האט אוועקגעפיהרט איהר טאכטער וועלכע ווער נאהענט צום אונמאכט און האט זיא אוועקגעלעגט אויף א סאפא אין צווייטען צימער.

צוויי שטונדען שפעטער איז דער טויטער צוגענומען געווארען פון הויז און צוויי טעג שפעטער איז ער בעערדיגט געווארען.

פרוי באלדאוף האט דורך א טעלעגראמע בעריכטעט דעם פערשטארבענעם'ס פרוי ווען מאטהעס איז געשטארבען און ווען ער איז בעערדיגט געווארען.

אלס דיא בעגרעבנים איז פאראיבער האט גרעטע ערהאלטען איין איינלא-דונג צום פראקוראר פון אויסבורג.

מען האט איהר דארט פארגעלעזען מאטהעס בעקענטניס און מען האט איהר געפרעגט וואס זיא וויס דערפון צוזאגען.

זיא האט אבער ניט געוואוסט מעהר וויא עס איז געשריבען.

— ווער מאטהעס אייער ברויטיגאם ? — האט דער פראקוראר געפרעגט.

— ניין.

— איהר זייט ניט געוועז פערלאבט ?

— געוויס ניט.

— אבער איהר זייט מיט עם ארומגעגאנגען?

— נור צום שיין.

— וואס מיינט איהר דערמיט ?

איך האב געפאסט דעם בעשלוס אראפצורייסען זיין מאסקע, נור צוליעב דיעזען צוועק האבען מיר זיך בעזעצט אין אויסבורג און נור דארום בין איך מיט איהם ארומגעגאנגען, דען נור צוליעב איהם האב איך אריינגעטראטען אין דער דרר קעריי וועהרענד איך האב געקענט אין איין אנדער ארט בעסער פערדינען.

— און אזוי זייט איהר מיט איהם בעפריינדעט געווארען?

— יא, ער האט זיך צו מיר געשדכנ'ט.

— אבער דאס ווער אייער אבזיכט?

— יא, איך האב זיך באלד בענוצט מיט דער געלעגענהייט, איך האב גוט

געוואוסט דאס מיין נאמען שטעהט דא אין קאָן, אבער דיא בעפרייאונג פון מיין פאטער וואר מיר פיעל העבער.

— נון, וויא פון דיא אקטען איז צו זעהן האט אייער פאָטער געלייקענט אין דער בעשולדיגונג. דיא געשטענדניס פון דעם פערשטאָרבענעם קען איהם אלזאָ נוצען ווען זיא איז נור איין אמת׳ע.

— גלויבט איהר דאס א שטערבענדער, ווענ דיא לעצטע סעקונדען פון זיין לעבען זאָגען א ליענען?

— אזעלכע זאכען זיינען שוין אפט פאָרגעקומען, אבוואָהל איך וויל ניט בעהויפטען, אז דאָס איז יעצט ווידער געשעהן.

— געוויס ניט, הערר פראָקוראָר. מיין מוטער קען אויך בעשטעטיגען וויא שטארק מאטהעס האט זיין האנדלונג בעדויערט און אויך דער נאָטאר קען בעשטעטיגען, אז דער שטערבענדער האט ניט געמאכט דעם איינדרוק פון א ליעגנער אדער א צומישטען.

— דאָס אלעס וועט זיך האפענטליך בעווייזען. דיא הויפטזאכע איז, וואו זיינען דיא דאָקומענטען?

— איך ווייס ניט.

— האט איהר קיין בעגריף?

— ניין.

— נון, דאס געריכט האט עס גענומען אין האנד און וועט עס זעהר פאָרזיכטיג נאכזוכען.

— וואס וועט יעצט געשעהן?

— עס וועט יעצט געמאכט ווערען א נייער פראָצעס.

— ווען?

— ניט פריהער פון פערצעהן טעג. איך אליין קען פאָרלויפיג גאָר ניט טהאָן, וויל מיר פעהלען דיא בעווייזע.

— נון, איך וועל אלעס אנווענדען, אום דיא בעווייזע צו געפינען.

— טהוט דאָס פרייליין, פיעללייכט געפינט איהר עטוואָס אויס, אדער איהר קענט זיך עטוואָס עראינערען דאן לאָזט עס אונז וויסען.

נאכדעם וויא דער פראָקוראָר האט פערשפראָכען צו טהאן אלעס וואס אין זיינע קרעפטען ליעגט צו טהאָן, האט גרעטע פערלאסען זיין צימער מיט דער שווערער אויפגאבע צו שאפען דיא בעווייזע וואָס זאָלען בעשטעטיגען מאטהעס געשטענדניס.

6טעס קאַפּיטעל.

דיא וואַהרזאַגערין.

דער וואַלד־ענגעל פעדאָרא, האט געציטערט מיט איהר גאַנצען קערפּער ווען זיא האט דערזעהן דעם גראף און האט אויך בעמערקט, אז ער האט זיא ערקענט.

עס האט גענומען איינינע סעקונדען ביז זיא איז געקומען צו זיך און האט איהם בעגריסט מיט א קליינעם נייג מיט איהר קאָפּ.

דער גראף האט זיא אָנגעקוקט מיט פערוואונדערונג. ער האט געענטפערט איהר גרוס דערמיט וואס ער האט פאר איהר געצויגען זיין הוט.

זיין בעגלייטער, א בעריהמטער דאָקטאָר אין מיטעלע יאָהרען האט זיא אויך אָנגעקוקט מיט פערוואונדערונג און האט געפרעגט דעם גראף:

— ווער איז יענע יונגע, שעהנע דאַמע? איך האב זיא שוין געסטערען געזעהן געהענדיג דורך דעם וואַלד.

דער גראף האט געצויגען מיט דיא אַקסלען.

ער האט ניט געוואָלט ערצעהלען דעם דאקטאר וועגען זיין בעקאַנטשאַפט מיט דיעזער פערזאָן און האט איהם אויך ניט געוואָלט זאָגען א ליגען.

— זיא דיענט ניט ווייט פון דאַנען, און האט א לאַנגע צייט געוואָהנט אין דיעזען וואַלד. זיא ווייס ווער איך בין און דאַרום האט זיא מיך בעגריסט.

דער דאָקטאָר האט זאפארט בעמערקט, דאס דער גראף זוכט איהם אויסצור ווייכען. אין דאַרום האט ער איהם מעהר ניט געוואָלט בעלעסטיגען מיט זיינע פראַגען.

דער גראף וואר אויפגערעגט פון דיעזער בעגעגנונג, ניט ווייל ער האט פעדאָרא'ן ניט געוואָלט זעהן, נור ווייל איהם האט געערגערט, וואָרום ער האט מיט איהר ניט געקענט שפּרעכען.

עס וואָר איהם דאך אונמעגליך אריינצוגעהן אין א געשפּרעך מיט דיעזער דאָרפס־מיידעל אין דעם דאָקטאָר'ס געגענווארט, דערצו האט ער געמוזט איילען צו זיין קראַנקער שטיפמוטער. ער וואלט יעצט פון פעדאָרא'ן ניט געדאכט ווען ער וואלט זיא ניט בעגעגענד.

זיית הייטע פאָרמיטאג איז דער גרעפינ'ס צושטאנד געוואָרען פיעל ערגער און דער ארצט האט באַלד בעמערקט דאס דיא גרעפין האט געמוזט ווערען אויפגערעגט און דאַרום איז דער פיבער געוואָרען אזוי שטאַרק.

דער איינציגער וואָס צו רעטען דיא גרעפין איז געווען צו זעהען, דיא זאָל זיין

גאנץ רוהיג, זאָל זיך קיין מאָל ניט אויפרעגען און זאָל האבען דיא בעסטע בע־האַנדלונג.

— מיינט איהר ווירקליך הערר דאָקטאָר, דאס מיין מוטער האט הייטע פאָר־מיטאג געהאט איין אויפרעגונג? — האט דער גראף געפרעגט דעם דאָקטאָר ווען ער איז מיט איהם ארויס פון צימער.

— איך בין דערפון איבערצייגט.

דער גראף האט באַלד געשיקט רופען דיא קאַמער־פרוי.

— זאָגט מיר פרוי עליזא, וואָס איז דא הייטע געשעהן?

דיא קאַמער־פרוי האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען.

זיא האט דער גרעפין געגעבען דעם פערשפּרעכען זיא זאָל קיין מענשען ניט ערצעהלען פון דעם בעזוך וואס דיא אַלטע אורזולא האט איהר אבגעשטאַטעט.

— איך וויים ווירקליך ניט, הערר גראף! — האט דיא קאַמער־פרוי געענט־פערט — דיא גרעפין וואר אויפגערעגט, זיא האט געשפּראָכען פון פערגאַנגענע צייַ־טען, און האט זיך עראינערט אויף פערשיעדענע זאכען.

— איז דאָ יעמאנד געווען?

— ניין! — האט דיא קאַמער־פרוי בעשטימט געענטפערט.

דער גראף האט געקענט זיין שטיפמוטער און אויך דיא קאַמער־פרוי פאר צו גוט. ער האט געוואוסט דאס דיא קאַמער־פרוי וועט ניט פערראַטהען א וואָרט ווען דיא גרעפין האט איהר בעפאהלען צו שווייגען, און דארום האט ער מעהר ניט גע־פאָרשט.

דער נאכמיטאג איז אוועק און ווען דער אבענד איז אָנגעקומען איז פאָטער טהאָמאָס געקומען אין שלאָס אום צו ריידען מיט דער קראַנקער גרעפין.

— איך קען קיינעם ניט צולאסען אָהן דעם גראף'ס ערלויבניס, — האט דיא קאַמער־פרוי געזאָגט און האט געמאָלדען דעם גייסטליכען פאר'ן גראף.

אלס דער גראף האט איהם אויפגענומען, האט דער גייסטליכער געזאָגט:

— גנעדיגער הערר גראף, איך בין געקומען אום צו ריידען מיט דער גרעפין, איך גלויב דאס זיא פערלאנגט עטוואָס גייסטיגע הילפע.

— מיין מוטער איז בעוואוסטלאָז, ווען זיא זאָל זאָגאר קומען צום זינען איז איהר לאַגע געפעהרליך ווען זיא זאָל עטוואָס שפּרעכען.

— איך בין אָבער דער דינער פון קירכע.

— דאס איז וואהר. אָבער מיר האבען אייך ניט גערופען פערצופרייטען דיא

קראַנקע צום טוידט און איך האָף דאס עס וועט נאך לאנג דויערען ביז מיר וועלען עס דאַרפען.

דעם גראַף׳ס שטימע האט געקלונגען שאַרף און ענטשלאָסען, זא דאס דער נייסטליכער האט געענטפערט :

— איך האב געטהאן מיין פפליכט, הערר גראַף, איך וועל קומען ווען מען וועט מיך רופען.

דער גייסטליכער האט זיך ענטפערנט.

דיא גרעפין וואַר ווירקליך בעוואוסטלאָז. זיא איז אזוי געבליעבען ביז שפּעט אין דער נאכט. דאן האט זיא געעפענט דיא אויגען, אָבער איהר בליק וואַר שטאַר און אהן לעבען און עס האט געשיינט דאם איהרע שטונדען זיינען געצעהלט.

— — — — — — — — — — — — —

נאכדעם וויא דער גראַף האט געענטפערט פעדאָראַ׳ס גרוס האט זיא זיך אומגעווענדעט און איז אוועק אין וואלד.

דיא בעגעגנונג מיט׳ן גראַף האט זיא האלב ערפרעהט און האלב פערביטערט.

דער פערוואונדעטער בליק פון דעם יונגען גראַף איז איהר געוואָרען אויפּ־פאַלענד, און איהר האט עס געשיינט דאָס ער וואַר אונצופריעדען מיט דיעזער בעגעגנונג.

— ווארום קען ער עס איהר ניט פערצייען וואָס זיא ליעבט איהם ? אה, זיא וועט שוין מעהר אהער ניט קומען און וועט זעהן זיא זאָל איהם מעהר ניט אָנטרע־פען אום איהם ניט צו ערגערען.

אלס פעדאָראַ איז וויטער געגאנגען האט זיא נאכגעדאכט וועגען איהר מו־טער, וועלכע האט הייטע גערעדט עפּעס אזוי מערקווירדיג, אזוי אונדייטליך ; זיא האט אויך געדאכט פון דעם געשפּרעך וואס איהר מוטער האט געהאט מיט דע גייסטליכען פון דאָרף.

אויך פאָטער טהאָמאס וואַר הייטע גאַנץ אנדערש, זיא האט הייטע פון איהם קיין פריינדליכען וואָרט ניט געהערט, וועהרענד פריהער פלעגט ער זיא אויפנעהמען וויא איין קינד.

מיט דיעזע געדאנקען איז זיא געגאנגען דורך דעם וואלד מיט דעם וועג וואס האט געפיהרט צו איהר מוטער׳ס הויז.

פּלוצלינג איז אויפ׳ן מיט׳ן שמאָלען וועג ערשינען איין אלטע פרוי, וועלכע איז איהר געקומען ענטגעגען.

די‌א אלטע פרוי האט געטראָגען א דונקעלע קלייד, א בלויען יאַקעל און אויף קאָפּ א רויטהען טוך און א שווארצער פארטוך האט געמאכט דעם גאנצען קאָסטיום.

איהר געזיכט וואר צורונצעלט און בעוואָרפען מיט גרויע האאר. איהר אויגען האבען מערקווירדיג געפינקעלט, די‌א נאזע וואר עטוואס געבויגען. זי‌א האט ווירקליך אויסגעזעהן ווי‌א א מכשפה אין די‌א קינדערשע בעשרייבונגען.

די‌א אלטע פרוי האט געשיינט צו זיין מיעד פון וואנדערונג. אין איהר האנד האט זי‌א געהאלטען א קאָרב מיט פערשיעדענע טיכער און ווי‌א זי‌א האט בעגעגנד דעם וואלד־ענגעל האט זי‌א איהר אנגעבאָטען עטוואָס צו פערקויפען.

אבוואָהל פעדאָרא האט געוואוסט דאס איהר מוטער וועט זי‌א שילטען וואָרום זי‌א האט אויסגעגעבען געלד, דאך האט זי‌א געקויפט א דונקעלע טיכעל, אום צו ערפיכען די‌א ביטע פון דיעזער אלטער פרוי.

זי‌א האט בעצאהלט די‌א געפאָדערטע סומע, דאן האט זי‌א גענומען דעם קאָרב און האט איהם ארויפגעלעגט דער אלטער פרוי אויפ׳ן פלייצע.

יעצט האט זי‌א געוואָלט געהן איהר וועג, אָבער די‌א אלטע פרוי האט זי‌א געחאפט ביי׳ן האנד.

— אָה, נעהט דאך ניט גוטעס פריילין! — האט די‌א אלטע געזאגט — איהר מוזט דאך האבען א גוטעס הערץ, זאָנסט וואלט איהר דאך ביי מיר גאר נישט געקויפט. איך וויים דאס איהר ברויכט ניט דיעזע טוך.

פעדאָרא האט געוואָרפען איין ערשטוינענדען בליק אויף דער אלטער.

— פון וואנען ווייסט איהר דאס? — האט זי‌א געפרעגט.

— איך וויים עס און דארום וויל איך זיך ווייזען פאר אייך דאנקבאר, ווילט איהר וויסען וואס מיט אייך וועט געשעהן אין דער צוקונפט?

פעדאָרא האט איהר אָנגעקוקט. אַך וואָס פאר א גוטע זאך עס איז ווען מען קען זעהן אין דער צוקונפט, אבער וועט די‌א אלטע פרוי זיין אים שטאנדע צו וויסען וואס קיין מענש קען ניט וויסען?

— איהר גלויבט מיר ניט פריילין? — האט די‌א אלטע געזאָגט — איך פערזיכער אייך דאָס איך וועל אייך זאגען אלעס, וואס די‌א צוקונפט וועט פאר אייך ברענגען.

אהנע צו וואַרטען אויף דער מיידעלס אנטווארט האט זי‌א פון איהר טאַשע ארויסגעחאפט א פאַש קאַרטען.

די‌א פעדאָרא האט דערזעהן די‌א קאַרטען האט זי‌א אויסגערופען:

— ניין, ניין, גוטע פרוי, קאַרטען לעגען און וואהרזאגען איז א זינד.

דיא אַלטע האט זיא אנגעקוקט.

— וואס ווייסט איהר פון זינד? — האט זיא געפרעגט — איז עס דען קיין זינד וואָס מענשען פערהאסען מיך אין מיין עלענד, ווייל איך קען ניט בעטלען און בין ניט פערזאָרגט מיט רייכטהום?

— ארמע פרוי איהר מוזט שטארק ליידען, — האט פעדאָרא געזאָגט מיט מיטלייד.

ליידען! — האט דיא אלטע אויסגערופען — זייט צוואנציג יאָהר האב איך אזא רעהומאטיזמוס דאָס איך קען ניט ריהרען מיט קיין גליעד, זאָ דאָס איך בין ניט אים שטאנדע צו פערדינען מיין ברויט דורך ארבייט, אויך מיין האנדעל ווערט דאדורך געשטערט, און ווען איך קום אין א הויז לאכען מיך דיא לייטע אויס. אָה, מיין פריילייןן, דאס איז א גרויסע זינד, אָבער ניט קארטען לעגען.

דיעזע ווערטער האבען אויף פעדאָרא׳ן געמאכט איין איינדרוק. דאך האט זיא זיך נאך אלץ ניט געקענט ערלויבען.

— אך ליעבעס פריילייןן, לאָזט מיך אויסלעגען דיא קארטען, גיט מיר דער־פאר א גראָשען, דערמיט טהוט איהר געוויס א גוטע זאך.

פעדאָרא האט זיך ענדליך געלאָזט איבעררעדען, און האט אראָבגענומען דיא דריי קארטען, וועלכע זיא האט אויסגעלעגט אויף דעם באָדען פון וואלד.

אלס פעדאָרא האט דאָס געטהאן איז א שמייכעל געלעגען אויף איהר געזיכט און לאכענדיג האט זיא געזאָגט:

— נון אלטע, זאָגט מיר אבער דיא וואהרהייט.

מיט איין ערנסטען בליק האט דיא אלטע פרוי א גאנץ לאנגע צייט בעטראכט דיא קארטען דאן האט זיא געזאָגט:

— צוערשט וועל איך אייך זאָגען אייער פערגאנגענהייט, מיין פריילייןן. אָה, פון דעם ערסטען טאָג האט איהר קיין גוטעס געהאט, עס שיינט גלייך וויא עטוואָס איז פון אייך געריבט געוואָרען.... אבער זעהט נור אויף דער קאָרט, איהר האט צו ערווארטען איין פערעענדערונג. אהא, איהר האט פערלאָרען אייער הארץ, אייער לעבען וואר דאן אין געפאהר, דאן איז געקומען א קראנקהייט, איהר זעהט, דאס וויזט דיא צעהנטעלע אייבעל. און אָט זעהט דאָ, דער מאן וועלכען איהר ליעבט איז רייך און אנגעזעהן, ער ליעבט אייך אויך, אָבער, אָבער, ער ווייזט עס ניט ארויס...... איין אנדערע ליעגט נעבען אוהם, א בלאָנדע. נעהמט נור נאך דריי קאָרטען.

פעדאָרא האט ניטהאן וויא מען האט איהר געהייסען.

— אהא, דיא גרינע דאמע, אהא זיא איז פערהייראטה, מיין קינד, דיעזע ליעבע וועט אייך קיין גליק ניט ברענגען און איך ראטה אייך לאָזט איהם אָפּ, דען דער וועג צו אייער האָכצייט איז פאָל מיט דערנער.

פעדאָרא איז געווארען בלייך, איהר גאנצע געשטאָלט האט געציטערט.

— נון, נון נור ניט פערלאָרען דעם מוטה, מיין קינד, דער רייכער הערר וואָס ליעבט אייך וועט מיט אייך הייראטהען, אָבער דאס וועט נאָך דויערען און ביז דאמאלס וועט איהר נאָך פיעל ליידען.

פעדאָרא האט זיך געוואלט אויפהויבען. זיא האט געמיינט דאָס דיא אלטע איז שוין פערטיג. אָבער דיא קאַרטענלעגערקע האט באלד וויעדער געזאגט:

—ווארט נאָך, אט איז איין צווייטער יונגער מאן, ער פאָהרט אויף א שיף אבער אויף דיעזען שיף איז דאָ נאָך א געהיימניס, מיט איהם וועט איהר גליקליך ווערען. איהר האט איהם שוין געזעהן אָהנע דאס איהר זאָלט איהם קענען, ער וועט אייך ליעבען. ער איז אויך רייך, נעהמט איהם מיין פריילין, איך קען אייך זאָגען דאס ער איז בלאָנד. פון דעם דונקעלען זאָלט איהר זיך היטען.

דיא אלטע האט יעצט געשוויעגען. זיא האט צוזאמענגעלעגט דיא קאַרטען און הא[illegible] זיך אויפגעהויבען.

פעדאָרא האט איהר גטגעבען אייניגע פפעניג, האט איהר דערלאַנגט דעם קאָרב, האָט זיך מיט איהר אָבגעזעגענד און איז אוועק.

דיא אלטע פרוי האָט זיא נאכגעקוקט.

— שאדע אום דיעזער שעהנער מיידעל, — האט זיא צו זיך אליין געמורמעלט. אין איהר געזיכט שטעהט געשריבען דאס זיא וועט פאָלגען איהר ליעבע ביז צום טוידט.

פעדאָרא אליין האט זיך געפונען אין א מערקווירדיגער לאַגע.

זיא האט זיך געצוואונגען צו פערגעסען דיעזע וואהרזאגעריי, און איז אויף זיך אליין בייז געוועזן ווארום זיא האט עס זיך געלאָזט איינריידען.

ווארום וואָר זיא נור אזוי שוואך?

דיא פרוי האט איהר זאָגאר פערשפּראָכען א גלענצענדע צוקונפט, אבער זיא האט איהר געזאָגט זיא זאָל זיך היטען פון דעם דונקעלען, און דער גראָף וואָר דונקעל; ער האט געהאט שווארצע האָאר און שווארצע אויגען. אָבער זיא האט געוואָלט געהערען צו איהם זאָגאר ווען זיא זאָל דערפאר דארפען ליידען.

אָבער איז אלעס אמת וואָס דיא אַלטע האט געזאָגט? דארף זיא דארין גלויבען? דיא אלטע האט איהר געזאָגט איהר פערגאַנגענהייט און דערמיט האט זיא גאַנץ ריכטיג געטראָפען.

פעדאָרא האט גאַנץ רוהיג געלעבט אין איהר ארמער הייזעל, אָבער יעצט איז פּלוצלינג געקומען איין ענדערונג.

מיט דיעזע געדאנקען איז זיא געגאַנגען איהר וועג ביז זיא האט ערררייכט איהר הויז.

זיא האט געטראָפען איהר מוטער שוואך און אויפגערעגט, אָבער עס וואר שוין שפּעט און זיא האט זיך זאָפאָרט בעגעבען אויף איהר וועג נאך קלעאָפּאטרא.

— נון, מיין ליעבעס קינד, שוין צוריק דאָ? — ווארען דיא ווערטער מיט וועלכע דיא גרעפין העדוויג פאָן מעהרען האט זיא בעגריסט — וויא האסט דוא אַלע געפונען צו הויזע? דוא זעהסט ניט אויס וויא דוא וואָלסט דאָרט געהאט צופיעל פריידע.

— עס איז וואהר. מיין מוטער וואר יעצט צו מיר גאַנץ אַנדערש וויא אימער. אויך האב איך געהאט נאך זאכען וואָס האבען מיר פערשאַפט שמערצען.

העדוויג האט בעמערקט דאס עטוואָס האט פּאסירט. זיא האט איהר אזוי לאַנג געפרעגט ביז פעדאָרא האט ערצעהלט פון דער קאָרטענוואָרפערין.

העדוויג האט געלאַכט.

— אָי, דאס האבען זיך בעגעגענד צוויי ענגלען, איינע אַ גוטע דיא צווייטע אַ שלעכטע. ווארום האסט דוא דיא אַלטע פרוי ניט געבראַכט צו מיר?

פעדאָרא האט זיא אָנגעקוקט.

— נון, יאָ, דוא האסט זיא בעדארפט ברענגען, אויך איך וואָלט וועלען אריינקוקען אין דעם שפּיגעל פון דער צוקונפט. קען זיא אויך לעזען פון האנד?

— דאס ווייס איך ניט.

— האסט דוא זיא ניט געפרעגט?

— ניין.

— ווייסט דוא ליעבע פעדארא דאס איך האב וועגען דיר געשפּראכען מיט אונזער שטאַלמייסטער? — האט העדוויג געזאָגט.

— וועגען מיר?

— יאָ, ער זאָל דיך לערנען רייטען.

— איך זאָל רייטען? — האט זיא געפרעגט האלב ערפרייט און האלב ערשטוינט?

אבער באלד איז זיא געוואָרען בלייך. דען זיא האט געדאכט פון דער טענ־ליכקייט צו בעגעגנען זיך מיט דעם גראף פינקענשטיין.

— עס העלפט ניט! — האט דיא גרעפין געזאגט — אין דיא נעכסטע פאָאר טעג, מוזט דוא נעהמען דיא ערסטע לעקציאָן, און שנעל וועסט דוא קענען רעגירען דעם פערד. דאן וועסט דוא קענען בעזוכען דיין מוטער אויף א פערד און איך וועל דיך בעגלייטען.

גרעפין העדוויג וואר פאָלשטענדיג ערנסט מיט דיעזען פאָרשלאג און זיא האט דערצו געהאט צוויי אבזיכטען:

ערסטען האט זיא פעדאָרא'ן אזוי ליעב געקראָגען, דאס זיא האט אימער גע־וואָלט זיין מיט איהר צוזאמען, צווייטענס האט העדוויג געוואוסט דאס פראנץ שטאנד קען דא ניט בלייבען צו לאנג, ער מוז פון דאן אוועק נאך אויסלאנד, דען וואס לענגער ער איז דאָ אלס געהענטער איז ער צו דער געפאהר און וואָס פריהער ער וועט פעררייזען אלץ בעסער איז עס פאר איהם. אָבער איידער ער וועט אוועק האט זיא געוואָלט האבען איין אנדער בעגלייטער און פאר דיעזען בעגלייטער האט זיא געוועהלט איהר בעדינערין פעדאָרא.

פעדאָרא האט אָנפאנגס ניט געגלויבט דאס דיא גרעפין מיינט עס ערנסט, אָבער אויף מאָרגען האט זיא דיא גרעפין ארויסגערופען און פראנץ שטאנד איז געשטאנען מיט א פערד, וועלכען פעדאָרא האט בעדארפט בעשטייגען.

פעדאָרא האט דאס ניט געוואָלט, אָבער ענדליך האט זיא געמוזט איינוויליגען און פראנץ שטאנד האט איהר אונטעררִיכטעט וויא צו רייטען.

העדוויג האט צוגעזעהן וויא פעדאָרא לערענט זיך דיא קונסט.

פעדארא'ס האלטונג וואר שעהן און גראציעז, דאך האט זיא אביסעל נאך געפירכטעט.

דער אלטער וואָלטהער, וועלכער האט צוגעזעהן דיא לעקציאָן האט געקוואָלען פון זיין ניכטע, און אלס זיא האט גענומען דעם צוים און איז אָבגעפאָהרען א שטי־קעל וועג, האט ער אויסגערופען:

— וויא א ריכטיגע דאמע!

— ניין, — האט פראנץ שטאנד זיך אָבגערופען. וויא א מלאך.... און דער־ביי האט ער אָנגעקוקט דיא יונגע מעדכען מיט זיינע שעהנע אויגען און האט זיך עראינערט אויף זיין מרים, וועלכע איז אויך אזוי שעהן.

אך וויא גוט וואלט עס פאר איהם געווען ווען מרים וואָלט יעצט געזעסען אויפ'ן פערד און ער וואלט מיט איהר געקענט אנטלויפען אין דער ווייטער וועלט.

אבער אך, וויא קען ער זיא נאך איין מאל זעהן! אויף זיין געזיכט ליעגט געשטעמפעלט דער פערדאכט פון א שרעקליכען פערברעכען, אויך דיעזען זיכערען ארט מוז ער באלד פערלאסען, דיא גרעפין האט עס איהם שוין אנגעקינדיגט.

פון דיא געדאנקען איז פראנץ אויפגעוועקט געווארען דורך א הייטערען געלעכטער.

העדוויג האט נעמליך ארויסגענומען דעם צוים פון פראנץ'ס האנד און האט אליין פרובירט לערנען דעם וואלד-ענגעל צו רייטען, אבער זיא האט געמאכט איין אירטהום און פעדארא איז אראבגעפאלען פון זאטעל אין דיא גראז. אלע האבען זיך צולאכט, העדוויג האט זיך נאך מעהר צולאכט פון אלעמען, און וועהרענד דיעזען פרעהליכען געלעכטער, האט קיינער ניט געזעהן וויא א בלייכע געשטאלט איז געשטאנען ביי'ן אריינגאנג און האט מיט ברענענדע אויגען בעטראכט דעם אונמוטהיגען פראנץ שטאנד.

7טעס קאפיטעל.

אויף דעם באלל.

אין דעם זעלבען הויז אין וועלכען פרוי סיבעל און איהר טאכטער האבען געוואהנט, האט אויך געוואהנט א פענסיאנירטער פאסט-בעאמטער מיט זיין פרוי און טאכטער. הערר עלזנער וואר ניט מעהר יונג, ער האט זיך ערסט בעשלאסען צו הייראטהען ווען ער וואר 42 יאהר אלט.

זיינע אויגען זיינען דאן געפאלען אויף א יונגע אלמנה, זיא האט פאר איהם איינינע יאהר געפיהרט דיא ווירטהשאפט און דערביי האבען זיי זיך איינגעליעבט.

פון דיעזער הייראטה איז ארויסגעקומען א טאכטער, וועלכע איז יעצט 18 יאהר אלט.

דיא אויסערע ערשיינונג פון דיעזער מיידעל וואר ניט בעזאנדער'ס אנגענעהם. וויא איהר מוטער, אזוי איז הענריעטא געווען קליין געוואקסען, איהר טאליע וואר שמאל, איהר געזיכט וואר דאר און בלאס, איהרע אויגען ווארען קליין און גרויע און איהרע האאר וואר אש-גרוי. מען האט זיך ווירקליך געמוזט פרעגען וואס געפינט זיך אין דיעזער מעדכען וואס זאל געווינען דיא ליעבע פון א יונגען מאן.

אבער וואס וועניגער הענריעטא האט געקענט געפעלען אלץ גרעסער וואר איהר בעדערפניס צו ליעבען און אלץ גרעסער ווארען איהר אנשפריכע אן דעם מאן וועלכען זיא האט געוואלט בעגליקען מיט איהר ליעבע.

פון איהרע עלטערען וואר זיא פערצויגען און פערצערטעלט, זיא האט זעהר

זעלטען גענעסען רעגעל־מאָהל צייטען, דערפאר אבער וואָרען איהרע טאַשען מאָל מיט זיעסע נאשערייען.

איהר שטענדיגע בעשעפטיגונג וואר צו לעזען ראָמאַנען.

ראָמאַנען פלעגט זיא מייסטענס לעזען אין געהיים, דען זיא האט אימער גע־ליעבט צו לעזען דיא ערצעהלונגען וואָס איהרע עלטערען האבען פון איהר בעהאלטען.

פריינדינען האט זיא ניט געהאט. דען זיא האט אויף זיך ניט געקענט נעהמען דיא פפליכטען וואס א פריינדין דארף האבען.

דיעזע הענריעטע האט זיך גערופען מיט איהר פערצויגענעם נאָמען יעטכען.

נאכדעם וויא יעטכען האט עררייכט דיא צייט ווען זיא איז רייף געוואָרען צו הייראטהען, האט דיא מוטער זיא גענומען פיהרען אין געזעלשאפטען און צו בעלער און ניט ווילענדיג האט איהר פאָטער מיט איהר געמוזט געהן. ליידער האט יעטכען ביז יעצט געהאט וועניג גליק, ביי׳ן טאנצען איז זיא מייסטענס געבליבען זיצען אויפ׳ן באנק און וועהרענד דיא יונגע לייט האבען זיך געדרעהט ארום דיא יונגע מיידלאך איז זיא געבליבען זיצען נעבען איהר מוטער, וועלכע האט אימער געמאַכט א פרעהליכע מינע׳ אום קיינער זאָל ניט בעמערקען וויא זיא זאָרגט וועגען איהר טאָכטער׳ס צוקונפט.

פרוי עלזנער האט פאר איהר טאָכטער געהאט דאס איינציגע ניצליכע זאך: וואָס זיא איז געוועזן דורך און דורך א פראקטישע פרוי. וועלכע האט זיך אימער געקענט העלפען. אויך דארין וואר זיא אנדערש פון איהר טאָכטער, וואָס זיא איז קיין מאָל ניט געזעסען ליידיג.

גאנץ בעזאָנדערס האט זיא ליעב געהאט רייניליכקייט. דיא בעסטע שטונדען אין איהר לעבען זיינען געוועזן ווען זיא איז ארומגעגאנגען מיט דעם בעזים; זיא האט אימער געפונען עטוואָס צו רייניגען און צו קעהרען און זיא האט עס געטריבען אזוי וויט דאס זיא האט איהר מאן פון הויז ארויסגעקעהרט. העדר עלזנער איז צוליעב דעם געוועזן זעלטען אין הויז, ער פלעגט נור קומען א היים צו עסען, און דאס וואָלט ער אויך ניט געטהאן ווען אין דער פרעמד וואָלט ניט געקאסט צו טהייער.

דיא ערציהונג פון זייער קינד איז געוועזן פערנאכלעסיגט, ניט וויל זיי האבען זיך וועגען קינד ניט געקימערט, נור וויל זיי האבען ניט געקענט איינפערשטענדיגען. זיי האבען געזעהן צו בילדען איהר אויסערליכעס, וועהרענד איהר זעלע איז אין גאנצען פערנאכלעסיגט געוואָרען.

יעטכען וואר ניט גוט און ניט שלעכט, ניט פאלש אבער אויך ניט גאנץ אמת. זיא האט געהערט צו יענע סארטען מענשען, וועלכע געהן צוועלף אין א דוצענד.

ווען יעטכען איז אלט געווארען זעכצעהן יאהר האט איהר דיא מוטער ער־צעהלט דאס זיא דארף זעהן צו האבען אין זינען צו געפינען איין מאן מיט א גוטער פערהעלטניס, און זיינט דאן האט יעטכען דערפון ניט אויפגעהערט צו דענקען. אבער איהרע געדאנקען זיינען געגאנגען אזוי ווייט, ראס דער מאן וועלכען יעטכען האט זיך פארגעשטעלט וואר ניט צו געפינען צווישען שטערבליכע.

אלס פרוי סיבעל און איהר טאכטער האבען אין דיעזער הויז איינגעצאגען האט פרוי עלזנער ניט פערזאמט צו מאכען מיט זיי בעקאנטשאפט.

אננא וואר א שעהנעס מערכען, זיא האט אויך געהאט בעקאנטשאפט מיט געוויסע הערען און זיא האט דארום געקענט ברענגען נוצען פאר דער קליינער יעטכען.

אזוי האט גערעכענט פרוי עלזנער, דען זיא האט אננא׳ס פערגאנגענהייט ניט געקענט און האט אויך ניט געוואוסט פון וואנען זיא האט איהר רייכטהום.

נאטירליך איז פרוי עלזנער אויפגעפאלען דער אונטערשיעד פון דעם צימער אין וועלכען אננא וואוינט צו דעם צימער אין וועלכען אננא געפינט זיך. אבער אננא האט פערשטאנען וויא אזוי זיך צו פערענטפערען. זיא האט דיעזער פרוי גע־געבען דיעזעלבע ערקלעהרונג וואס זיא האט געגעבען דעם דאקטאר.

אננא האט זיך מיט פערגניגען אנגעשלאסען צו הענריעטעס געזעלשאפט ווייל אין איהר לעבען וואר זיא עלענד און פערלאסען פון דיא פרויען וואס האבען זיא געקענט.

אין דעם טאג וואס אננא האט געשפראכען מיט איהר קראנקער מוטער ווענן אננא׳ס צוקונפט האט הענריעטא איינגעלאדען דיעזער אננא צו א באלל. אננא האט זיך נאטירליך געפרעהט מיט דער געלעגענהייט און האט זיך גענומען פוצען. איהר מוטער האט עס צוגעזעהן מיט א זיפץ.

ווען עס איז געווארען אבענד איז אננא אריין אין איהר מוטערס צימער. זיא האט געטראגען א שעהנע, העל־גרינע קלייד, בעפוצט מיט ראזע שלייפען, וועלכע האבען צוגעגעבען א גרויסען חן צו איהר אויסזעהן. ארום איהר קאפ איז געלעגען א קראנץ בלומען. איהר גאנצער וועזען האט אויף זיך געהאט א פערפיהרערישען אויסזעהן. קיינער וואלט אין איהר יעצט ניט ערקענט דיא אמאליגע ארבייטערין ביי סימען עט סאן.

— געפעהל איך דיר מוטער? — האט זיא געפרעגט מיט א שמייכעל.

פרוי סיבעל האט זיא גאנץ ערנסט אנגעקוקט, אבער דאך איז דיא מוטער־ליעבע און מוטער שטאלץ פון איהר הארץ ניט פערשוואונדען. זיא האט זיך דאך

נעפרעהט וואָס איהר קינד וואַר אזא היבש און קען זיך אזוי רייך קליידען.

אין דיעזען אויגענבליק האָט זיא ניט געדאכט פון וואנען דער רייכטהום קומט.

— דוא געפעלסט מיר אימער! — האט פרוי סיבעל געענטפערט -- אָבער דאך......

— אָה, איך פערשטעה דאס דוא ווילסט וויעדער ריידען פון דעם ווייסען יאַקעל אין וועלכען איך האב אויסגעזעהן וויא דיא שעהנסטע אין דער וועלט.

פרוי סיבעל האט ארויסגעלאָזען א שווערען זיפץ און איהרע אויגען זיינען פייכט געוואָרען.

— ווען דוא האָסט מיך, דארפסט דוא מיך ניט אזוי ביטער ערגערען.

אין דיעזען אויגענבליק האט אין דרויסען גענומען קלינגען.

— ווער קומט אין דיעזער שטונדע, — האט אננא נעפרעגט — זאל איך עפענען מוטער?

— וויא דוא ווילסט מיין קינד.

— נון יא, קיין דינער האבען מיר ניט, מיר בלייבט קיין אנדער וועג וויא צו נעהן אין באַל־קלייד און עפענען דיא טהיר פאר א בעטלער.

מיט א בּרייטען געלעכטער איז זיא צוגעלאָפען צום טהיר.

אבער וויא זיא האט דיא טהיר געעפענט איז זיא צוריקגעשפּרונגען מיט א האלב פרעהליכען און א האלב ערשראָקענעם אויסדרוק, דען זיא האט פאר זיך דערזעהן דעם הערן מענצעל.

הערר מענצעל וועלכער איז יעצט געקומען פו ;בערלין אום צו ערלעדיגען א וויכטינען געשעפט האט געשמייכעלט ווען ער האט דערזעהן אננא'ס איבעררּאשונג.

— מיין קומען שיינט פאר אייך אונאנגענעהם?

— אָה, ניין הערר מענצעל, — האט זיא געזאָגט — איך האב אייך ניט ער־וואַרטעט, איהר האט מיר געזאָגט דאס איהר וועט זיך זאַמען אייניגע וואָכען.

— און וואוהין וועט מיין כלה יעצט געהן? זיא איז דאך אזוי שעהן גע־קליידעט?

— אייער כלה? — האט אננא געפרעגט פערוואונדערט.

הערר מענצעל האט געשמייכעלט.

— נון יא, מען דענקט דאס איהר זייט מיין ברויט, מען האט אונז געזעהן צוזאַמען און איהר לעבט יעצט גאנץ אנדערש וויא פריהער.

— געוויס הערר מענצעל, איך וואָלט נור וועלען מען זאָל מיך ניט בעטראַכ־טען אלס אייער געליבטע, אייער מאטרעסע. זאָגאר מיין מוטער —

הערר מענצעל וועלכער איז יעצט מיט איהר אריין אין צימער האט זיך אָבגערופען:

— ווילט איהר מיר דערפאר מאכען פּאָרוווירפע? איך מוז אייך דארויף אויפמערקזאם מאכען מיין פרייליין דאס איך האב ביז יעצט מיין אבמאך געהאלטען, ווען איהר האט אזוי מורא פאר דיא רייד פון זייטיגע מענשען האט איהר ניט בעדארפט אננעהמען מיין פּאָרשלאג. איהר האט געקענט בלייבען דיא איינפאכע פאבריק מיידעל. איך וואָלט מיין ציעל אהן אייך עררייכט.

אלס אננא האט געהערט וויא איהר פערגאנגענהייט ווערט עראינערט איז איבערגעלאָפּען א קעלט איבער איהר לייב? איז עס דען מעגליך דאס זיא וועט מוזען צוריקגעהן צום פריהעריגען לעבען? ניין און טויזענד מאל ניין, וואָס קימערט איהר דען ווירקליך וואָס דיא וועלט מיינט פון איהר. זיא איז יעצט בעזאָרגט, מיט דער צייט וועט זיא אויך ערווערבען א גרויסען פערמעגען, זיא וועט זיין רייך און דיא וועלט בייגט זיך דאך פאר געלד, זיא האט דארום געענדערט איהר טאָן און האט געזאגט:

— הערר מענצעל, איך האב ניט געדענקט צו מאכען אייך פּאָרווירפע, אָבער עס איז אַ פאקט דאס מען האלט מיך פאר אייער געליעבטע.

מענצעל האט געצויגען מיט דיא אַקסלען גלייך וויא ער וואָלט געזאָגט, וואצו ניצט דיעזע גאנצע פּלוידעריי. ער האט געוואָרפען זיין בליק אויף דאס מעדכען און האט זיא בעטראכט פון קאָפּ ביז דיא פיס.

זיא איז איהם הייטע גאנץ בעזאָנדערס געפעלען געוואָרען. אננא וועלכע האט עס בעמערקט האט געשמייכעלט וויא א קאָקעטע.

— געפעהלט אייך מיין קלייד? — האט זיא דאן געפרעגט.

— איך פערשטעה מיך גראדע ניט אויף פרויען־קליידער, אָבער דאך געפעהלט עס מיר זעהר.

ער האט זיא יעצט שטארקער און שטארקער בעטראכט און האט ביי זיך געדענקט דאס עס איז גאר ניט אזוי שלעכט ווען מען האלט זיא פאר זיין געליעבטע. אננא וואר ווירקליך אַ שעהנע מעדכען און אין דיעזע צירונג האט זיא אויסגעזעהן גאנץ הערליך. איהר געבלויזטער בוזים וואר פאר איהם גאנץ ענטציקענד.

אננא האט גאנץ גוט געזעהן וואס אין מענצעל'ס הארץ איז פאָרגעגאנגען און זיא האט זיך דערמיט געפרעהט, זיא האט איהם ניט געליעבט, אָבער ער האט איהר געגעבען דאס געלד און זיא האט געוואוסט דאס עס איז פיעל בעסער פאר איהרע אינטערעסען ווען מענצעל זאָל צו איהר האבען געוויסע געפיהלען.

מיט א קאָקעטישער בעוועגונג האט זיא איהם איינגעלאדען צו זעצען זיך אויף דעם דיוואן. זיא האט זיך געזעצט נעבען איהם.

— וואוהין ווילט איהר געהן? — האט מענצעל איהר געפרעגט.

— אננא האט איהם ערצעהלט דאס זיא איז געלאדען אויף א באל און האט אייך בעמערקט, דאס מען ווארט שוין דאָרט אויף איהר.

— נון, איך דארף אויך געהן.

— ווערען מיר זיך קירצליך זעהן?

— ניין.

— איהר רייזט וויעדער אב?

— יא, נאך דיעזע נאכט.

אננא האט געזיפצט.

מענצעל האט פערשטאנען וואס דיעזער זיפץ בעדייטעט און ער האט איהר געצייכען זיא זאל איהם זאָגען וואס איהר פעהלט און זיא האט איהם מיטגעטהיילט דאס איהר קאסע שעפט זיך אויס.

דאס וואר אָבער ניט וואהר, דען אננא האט אימער געזעהן צו שפּארען געלד פיעל מעגליך, און האט געקארגט דאָרט וואו זיא האט ניט בעדארפט גלאנצען. זיא האט אין דער מינכענער באנק געהאט איין אנשטענדיגע סומע, דאס האט זיא אבער ניט געוואלט ריהרען, זיא האט געוואָלט דאס מענצעל זאָל פערזאָרגען אלעס וואס זיא דארף ווייטער האבען.

מענצעל האט עס זאנאר געאהנט. ער האט געוואוסט דאס אזא געוועזענע ארימע מיידעל, איז ניט אימשטאנדע צו פערלעבען גאר דאס געלד וואס זיא האט פון איהם ערהאלטען. דאך האט ער זיך געמאכט וויא ער צווייפעלט ניט אין איהרע רייד און האט איהר געפרעגט וויא גרויס איז דיא סומע וועלכע זיא האט נעטהיג.

— דאס לאז איך איבער פאר אייך, הערר מענצעל! — האט זיא געזאגט מיט א שעהנעם שמייכעל — דער פיערטעל מיליאן איז נאך ניט פערצעהרט געוואָרען.

— געוויס ניט, מיין פרייליין. איהר דארפט זיך אָבער ניט פערגעסען דאס אייער אנשפרוך אויף דיעזער סומע וועט ערסט אויספאלען אם 14טען נאָוועמבער, 18.... ביז דאמאלס בארג איך אייך נור דאס געלד, וועלכע איהר האט גאנץ נעטהיג.

— אבער איך בין יעצט געדריקט, איך מוז האבען געלד.

— נון, געוויס, איך וועל אייך ניט לאָזען הונגערען, וועט אייך יעצט זיין גענוג טויזענד מארק?

אננאָ וואר דערמיט צופרידען, זיא האט העכסטענס געהאָפט צו קריגען טויזענד מארק

— היער מיין פריילײן זיינען פינף טויזענד מארק.—האָט מענצעל געזאָגט. — איך גיב עס אייך אָבער מיט דעם בעדינג עס זאָל פאר אייך געגוג זיין אין אויף א געווּיסע צייט.

אין איין אַנדער צייט וואָלט זיך דיעזער מענצעל ניט אויסגערופען מיט אזא גרויסע סוממע, אָבער יעצט האָט דיעזער קאַלטער אינטריגאַנט פערלאָרען זיין אַלטען האסס צו פרויען. דיא ליעבע, וועלכע ער האָט איממער בעטראַכט פאר א דומהייט איז יעצט צופלאַמט געוואָרען אין זיין הערצען און ער האָט געפאסט דעם בעשלוס צו מאַכען דיעזעס מעדכען פאר זיין געליעבטע.

דאָס זיא וועט דערצו איינשטימען האט ער קיין סעקונדע ניט געצווייפעלט. זיא איז דאָך אין זיין האַנד און מוז דאָך לעבען נור פון זיין געלד. ער האָט דארום באַלד ארומגענומען איהר טאַליע און האט צוגעדריקט א קוס אויף איהרע ליפּען, אָבער אין דעם זעלבען אויגענבליק האט ער געפיהלט וויא זיא האָט איהם פון זיך א שטויס געטאָן און איז אויפגעשפּרונגען מיט א ווילדען צאָרען.

— מיין הערר! — האָט זיא געזאָגט, — דאָס שטעהט ניט אין אונזער קאָנטראַקט.

הערר מענצעל איז באַלד געקומען צו זיך, ער איז ווידער געוואָרען דער קאַל־טער, ענטשלאָסענער אינטריגאַנט. און מיט א רוהיגען שמייכעל האט ער געזאָגט:

— ענטשולדיגען זיא, פריילײן, אונזער קאָנטראַקט איז אזוי אונדייטליך, דאס מען קען זיך מיט איהם לייכט אָבנארען, אָבער דערפאר קען מען איהם אויך לייכט אויפלעזען,ביידע קענען איהם לייכט ברעכען. אדיע.

מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויס שטאָלץ און רוהיג פון הויז.

אננאָ איז געזעסען איינינע מינוטען ביז זיא האָט זיך ווידער געקענט פאסען.

זיא וואר אויפגערעגט פון מענצעלס פרעכהייט, אָבער זיא וואר אויך צו־פרידען וואס איהר שעהנהייט האט איהם אויפגעהיצט. וואס וואר דען אזוינס דער קוס!.... אָבער ניין, זיא וואָלט עס געקענט פערצייהען יעדען מאַן אין דער וועלט נור ניט איהם, וואס דיא גאַנצע וועלט האלט איהר פאר זיין געליעבטע. ניין דאס דארף ניט זיין!.... ווען ער וואָלט נור געוועזען א ביסעל שעהנער, אָבער אַך וויא העסליך ער איז.

און וואצו, האָט זיא ווייטער געדאַכט. צו איהם דארף זיא זיך ניט פערקויפען, פון איהם מוז זיא דאס געלד ערהאלטען פאר איין אנדער דיענסט. יא, אָבער קען זיא איהם נייטהען? וואָס קען זיא איהם טהון ווען ער וועט אין א געוויסען טאָג ערקלערען דאס ער גיט איהר קיין מארק? קען זיא איהם פערקלאָגען פאר'ן גע־ריכט און ערצעהלען דאס זיא האָט פאר איהם פאלש געשוואָרען? זיא וועט זיך אליין דערמיט מאַכען אונגליקליך.

זיא איז געוואָרען אונזיכער און האָט דארום ניט געוואוסט, וויא צו דענקען פון איהר יעצטיגער האַנדלונג.

עס איז יעצט נאָך א מאָל געקלונגען געוואָרען.

אננא איז געלאָפען עפענען דיא טהיר.

פרוי עלזנער איז געשטאַנען א פערמאַטערטע, א צוהיצטע, און א בייזע און אין האסט האט זיא אַרויסגערעדט דאס דער וואָגען ווארט שוין זייט לאַנג, און עס איז שוין באַלד שפּעט צו פאָהרען.

אננא האָט זיך ענטשולדיגט און האט געבעטען צו וואַרטען איין אויגענבליק ביז זיא וועט ווינשען איהר מוטער א גוטע נאַכט.

פרוי עלזנער האט עס איהר ערלויבט.

אננא איז אַריינגעלאָפען אין איהר מוטערס צימּמער, האָט צוגערוקט דעם טישעל צו דער קראַנקער'ס בעט, האָט אָנגעגרייט דיא מעדיצין און וואסער, האָט איינגעדרייט דעם לאָמפּ און איז אַרויס. עס האָט איהר זאָגאר עטוואָס לייד געטאָן צו לאָזען דיא קראַנקע מוטער אַליין, אָבער עס וואר שוין שפּעט. זיא מוז געהן צום באַל.

— — — — — — — — — — — — —

וויא שטאַרק אננא האָט זיך געפרעהט מיט דעם באַלל, דאָך האָט זיא איינינע צייט ניט געקענט זיין גאַנץ גליקליך.

זיא האָט ניט ווילענדיג געמוזט דענקען פון איהר מוטער, וועלכע וואר שטארק קראַנק. וואר עס קיין אונרעכט פון איהר וואס זיא האָט דיא קראנקע מוטער געלאָזט אַליין אין הויז?

אויך דיא עראינערונגען אן העררען מענצעל האט געשטערט איהר פרעה־ליכקייט. זיא וואר אויפגערעגט פאר זיין בענעהמונג.

אננא האָט זאָגאר ניט געהאַט פיעל צייט צו דענקען ווענען דיא אלע זאכען וייל פרוי עלזנער האט זיא פערוויקעלט אין א געשפּרעך, וועלכען אננא האט ניט געקענט אויסווייכען.

ארום זייביידען האט געהערשט א לעבעדיגע, יום טוב׳דיגע בעוועגונג. דיא צאהלרייכע בעלייכטונגען האבען געווארפען זייערע שטראהלען אויף דיא גלענצענדע צירונג פון דיא יונגע און עלטערע דאמען. דיא טענצער זיינען פארביי געלאפען אהין און צוריק מיט שנעלע בעוועגונגען און לייכטע פיגורען.

פרוי עלזנער האט געפיהרט א שטארקען און אינטערעסאנטען געשפרעך מיט דיעזער אננא. פרוי עלזנער האט דערמיט געהאנדעלט וויא א פראקטישע מוטער, דערמיט וואס זיא האט בייא זיך געהאלטען דיא שעהנע אננא, האט זיא געמאכט דאס איהר טאכטער הענריעטא איז א ביסעל אנגעזעהען געווארען און אנשטאט דעם וואס הענריעטא פלעגט איממער אבזיצען דעם גאנצען אבענד מיט איהר מוטער, איז זיא הייטע איינינע מאל איינגעלאדען געווארען צום טאנצען.

וועהרענד אננא האט זיך אלזא אונטערהאלטען מיט פרוי עלזנער נעגען איהר ווילען, האט זיך יעטכען אמוזירט גאנץ לוסטיג, אהנע צו וויסען דאס דיא אויפמערקזאמקייט וואס מען האט איהר געגעבען געהערט ניט צו איהר נאר צו דער שעהנער אננא וועלכע איז צוזאמען מיט איהר געקומען אויפ׳ן באל. דען דיא מענער, וועלכע האבען געווארפען איין אויג אויף דער שעהנער אננא האבען געזעהן וויא פרוי עלזנער רעדט מיט אננא און האט איבער איהר א שטארקען איינפלוס און דארום האבען זיי געזוכט צו געפעהלען דער פרוי עלזנער דערמיט, וואס זיי האבען געטאנצט מיט איהר מיאוסע טאכטער.

פרוי עלזנער האט געלאכט מיט פערגניגען אלס זיא האט געזעהען וויא איהר טאכטער טאנצט איין טאנץ נאכ׳ן צווייטען. יעצט האט זיא אונטערבראכען דעם געשפרעך און אננא איז געווארען ארומגערינגעלט פון טענצער.

יעצט האט אננא ניט געדאכט פון איהר מוטער, אויך ניט פון מענצלען, זיא האט זיך אין גאנצען איבערגעגעבען דעם פערגניגען.

— גנעדיגעס פרייליין, דארף איך אייך בעטען פאר דעם נעכסטען וואלץ?

אננא האט אויפגעהויבען איהרע אויגען און האט אין דעם יונגען מאנן ער־קענט איהר פריהעריגען הערר, דעם יונגען סימען פון דער פירמע סימען עט סאן.

זיינע אויגען האבען גערוהט האלב פראגענד און האלב פערוואונדערט אויף דיעזער מעדכען. אויף זיינע ליפען האט געשוועבט א שמייכעל, וועלכער וואר מעהר שפאט אלס ליעבליכקייט.

אננא האט זיך פערנייגט און האט אנגענומען דיא איינלאדונג. ער האט איהר אנגעבאטען דעם ארם און באלד האט דיא מוזיק גענומען שפיעלען.

עס וואַר דאס ערסטע מאל, וואס אננא האט געטאנצט מיט דעם יונגען הערר סימען. זיא האט זאָגאר יעצט געלעבט אין פערהעלטניסע, וועלכע האבען איהם צו איהר געשטעלט עטוואָס גלייך. זיא איז מעהר קיין ארבייטערין ניט געוועז, האט דורך פרוי עלזנער געקראגען א צוטריט צו איינער פון דיא בעסטע געזעלשאפ־טען. — אבער דאך האט זיא יעצט געפיהלט א בעזאָנדער'ן שטאלץ, דעם שטאָלץ ־אס זיא טאנצט מיט איהר פריהעריגען ארבייטגעבער.

אלס דער טאַנץ וואַר צו ענדע האט הערר סימען איינגעלאדען זיין טענצעריז זיא זאָל איהם בעגלייטען איבער'ן זאאל. זיא האט איינגעוויליגט.

— איך בין ערפרעהט מיין פריילין צו זעהן אייך היער. איך זעה דאס איהר געפינט זיך אין גוטע לעבענס פערהעלטניסע.

— אָה, איך בין זעהר צופריעדען.

— זייט איהר פערלאבט?

— ניין.

— איהר זייט וואהרשיינליך דער ליעבלינג פון א גוטען מלאך? — האט ער געזאָגט מיט א שמייכעל — האט איהר שוין אמאל געזעהן א מלאך?

— איך פערשטעה ניט, וואס איהר מיינט, הערר סימען, וואו זעהט מען עס א מלאך.

— אה, איך האב איינעם געזעהן?

— וואס רעדט איהר!

— געוויס, קענט איהר דיא גרעפין פאָן מעהרען?

— דיא גרעפין העדוויג?

— נאטירליך, דיא צווייטע איז דאך קיין גרעפין.

— דאס האב איך באלד אין איהר ערקענט! — האט אננא געזאָגט ניפטיג.

— האט איהר עטוואָס געהערט פון מרים מעהרען? — האט הערר סימען געפרעגט.

— וויא זאָל איך פון איהר הערען. זיא קען מיך ניט אינטערעסירען.

— זאָ? נון איך האב געהערט דאס עס געהט איהר ניט גוט.

— זיא האט עס אויך אנדערש ניט פערדיענט.

— דאס קען איך אייך ניט פערדענקען. איהר מוזט דאך וויסען דאס פראנץ שטאנד איז אנטלאָפען.

— יא.

— ערלויבען זיא מיר איינע פראגע, וועלכע איז עטוואָס ניט אזוי העפליך.

— מען דארף ניט פרעגען זאכען וואס זיינען ניט חעפליך.

— דאס איז אבער אין אייער אינטערעסע מיין פריילין.

— דאס לאזט זיך הערען. נון?

— איהר האט געליעבט פראנץ שטאנד. פרעהט איהר זיך וואס ער איז אנטלאָפען.

— גאנץ נאטירליך.

— האט איהר איין אהנונג וואו ער איז?

— ניין.

— איך קען עס ניט זאָגען, אָבער איך האב מיין מיינונג דעריבער.

— נון, וואס דענקט איהר דערפון?

— איך האב פריהער גערעדט פון א מלאך.

— אָבער יעצט האט איהר גערעדט פון פראנץ שטאנד, וועלכער אינטערעסירט מיך מעהר פון אלע מלאכים.

— נון, איך האב א געוויסע אהנונג וואו פראנץ געפינט זיך.

— וואו?

— המ. עס וואָלט געוועזן מיין פפליכט דאס אנצוצייגען דער פאָליציי.

— דאס וועט איהר ניט טהאן.

— אייך צוליעב? אה, זאָגט מיר מיט וואָס וועט איהר מיר דאנקען פאר מיין שווייגען.

אננא האט זיך פערטראכט. זיא האט געזעהן דעם הערר'נס געזיכט און האט פערשטאנען וועלכען דאנק ער מיינט.

— דאנקבארקייט איז א שעהנע זאך, אבער איך דענק דאס איך וועל זיא ניט האלטען אין דיעזען פאל.

— דאן ליעבט איהר ניט פראנץ שטאנד. איבעריגענס קען איך מיך נאררען, עס איז נור מיין מיינונג.

— נון וויא איהר ווילט אייך מיין הערר, — האט אננא געענטפערט — איך וויל ניט איינדרינגען אין אייערע געהיימניסע. איהר האט ערמאנערט דיא גרעפין פאָן מעהרען, האט זיא עטוואס צו טהאן מיט דעם אנטלאָפענעם?

— גאנץ געוויס.

אננא האט אויפגעאטהעמט. זיא האט שוין לאנג געדעכענט דאס פראנץ שטאנד איז אונטער דעם שוץ פון דער גרעפין העדוויג פאָן מעהרען און ער האלט זיך אויף אין דעם האָף קלעאָפאטרא.

אין דער שטיל האט זיא ביי זיך געפאסט דעם פלאן זיא זאל בעזוכען איהר געליעבטען, וועלכער געפינט זיך יעצט זיכער ניט ווייט פון איהר.

הערר סימען האט ענדליך געענדיגט זיין אונטערהאלטונג מיט דיעזעס מעדכען אננא וואר אם ענדע ניט מעהר וויא איין ארבייטער מיידעל און עס קען איהם פיעל שאדען, ווען ער וועט זיך צופיעל אריינלאזען מיט דיעזער מיידעל.

ער האט געהאט יעצט אין אויסזיכט א גוטען שידוך פאר זיך, ער האט גע־האט א פארנעהמע און א גאנץ רייכע דאמע און דארום האט ער געמוזט זיין נאך פארזיכטיגער. ער האט באלד חרטה געהאט וואס ער האט מיט אננא סיבעל גע־שפראכען.

וואס אנבעטרעפט פראנץ שטאנד, זא האט ער אין דעם געהאט גאנץ וועניג אינטערעסע, ער האט אויך קיין מאל ניט געדענקט אין ערנסט צו שפיעלען דיא ראלע פון א פערעטהער. איבעריגענס האט ער עס ניט געוואוסט אויף קלאהר. עס וואר נור זיינע א פערמוטהונג און ווייטער ניט.

ער האט זיך פערנייגט און האט גאנץ פריינדליך בעדאנקט אננא'ן פאר דעם פערגניגען.

— איהר האט מיר געוואלט ערצעהלען פון א מלאך, הערר סימען.

— יא, יא, אבער לאזען מיר עס אויף א צווייטען מאל.

אננא האט קיין צייט געהאט פיעל צו דענקען איבער דעם געשפרעך דען באלד איז זיא ווידער גלאדען געווארען צום טאנץ און פלוצלינג האט זיא דערזעהן א העררן וועלכער האט זיא אין גאנצען פעראינטערעסירט.

עס וואר ארטהור האפער, גרעטעס געוועזענער ברויטיגאם, וועלכען זיא האט געקענט פון פריהער און האט איהם אויך ניט לאנג אנגעטראפען אין א מינכענער טהעאטער.

אויך ער האט זיא יעצט געזעהן און איז צו איהר צוגעגאנגען.

— עס פרעהרט מיך אייך צו זעהן פרייליין, — האט ער צו איהר געזאגט אין א פריינדליכען טאן. איך האב שוין געהאט דאס פערגניגען, אבער דיא צייט וואר דאן אזוי קורץ דאס מיר האבען ניט געקענט לאנג פלוידערען. האט איהר יעצט פאר מיר אייניגע איבעריגע מינוטען?

— מיט פערגניגען מיין הערר.

— ווילט איהר מיך פיעללייכט בעגלייטען אין א זייטיגען צימער, היער אין דיעזען טומעל קען מען קיין זאך ניט שפרעכען?

ער האָט איהר גערייכט דעם ארם. גאנץ פריי האָט זיא דעם ארם אָנגענומען, איז מיט איהם געגאנגען פלוידערענדיג איבערן זאאל און דאָן זיינען זיי אריין אין א זייטיגען צימער, וועלכער ווערט נור בענוצט פון אלטע הערען אָדער אלטע דאַמען, וועלכע ווילען זיך אונטערהאלטען אין א געשפרעך.

הערר האפער האָט געשטעלט א שטוהל פאר זיין דאמע און האָט איהר געפרעגט אויב זיא וועט טרינקען ווין. ווען זיא האָט עס איינגעווילגט האָט ער בעשטעלט ווין.

נאכדעם וויא זיי האבען דיא גלעזער אָנגעקלאפט האט הערר האפער אָנגעפאנגען:

— איהר האט מיר דאמאָלס ערצעהלט פון גרעטען?

— איך האָב געגלויבט, אַז דאָס וועט אייך אינטערעסירען.

— געוויס מיין פריילין. הייטע קענט איהר עס פאָרטזעצען. איך בין געקומען וועגען געשעפט נאָך אויסבורג און האָב אָנגענומען דיא איינלאדונג פון מיין פריינד צום באָלל, אָבער עס פרעהט מיך יעצט דעריבער. נון זאָגט מיר וויא געהט עס גרעטען? איהר האט מיר דערצעהלט דאָס זיא געהט ארום מיט א דרוקער? איז דאָס וואהר?

— צווייפעלט איהר אין דיא ווארהייט פון מיינע ווערטער?—האָט אננא געפרעגט מיט א פערדריסליכען טאָן.

— ניין, ניין, אָבער איהר האט דאָך געקענט מאכען אַ'ן אירטהום.

— ניין, איך האָב מיך ניט געאירט.

— און דער דרוקער איז פערהייראטה?

— יא, ער לעבט ניט מיט זיין פרוי.

— נו וואר גרעטע זיין געליעבטע?

אננא האט געצויגען מיט דיא אקסלען און האָט געשמייכעלט.

— איך ווייס ניט וואָס איך זאָל דערצו זאָגען, ווען איך דענק וויא גרעטע אי־געוועזן א מאָל און וויא זיא איז יעצט.

— נון?

— נא, איך בעט אייך, מיט א פערהייראטהען מאַן.

— דאָס קען דאָך זיין פריינדשאפט.

— נאַטירליך פריינדשאפט. איך גלויב דאָס איהר זייט נאָר פערליעבט אין דיעזער ארבייטערין.

ארטהור האפער האט געמאכט א גאנץ ערנסטע געזיכט. דיא גראָבע און

פעראכטענדע מיינונג וואס אננא האט געהאט פון גרעטען האט איהם שטארק גע־פיינט. אויב ער ליעבט נאך גרעטען? אה דאס איז ביי איהם געוויס, דאס ער האט זיא נאך ניט פערגעסען.

אך ווען ער זאל זיא קענען זעהן!

אננא, וועלכע האט ניט געוואוסט פון דעם אונגליק וואס האט דעם דרוקער מאטהעס געטראפען האט זיך צולאכט פון דיזען וואונש.

— ווארום ניט?—האט זיא געלאכט, אבער היט זיך איהר זאלט איהם ניט קומען אין וועג.

— וועמען?

— נא, איהר געליעבטען. ער איז שרעקליך אייפערזיכטיג. איך קען עס גרע־טען אויך ניט פערדענקען. שעהן איז זיא ניט, דער פערדינסט איז אויך קליין, וואס, ניט מעהר וויא א פראסטע ארבייטס מיידעל.

הערר האפער האט זיך אויפגעהויבען.

— איך דאנק אייך פאר אייערע פריינדליכע מיטטהיילונגען! — האט ער גע־זאגט,—איך האב געגלויבט דאס איהר זייט גרעטעס פריינדין.

— איך? אה בעהיטע מיך גאט!

אין דיזען אויגענבליק האט אננא געמיינט דאס זיא איז א קעניגין, וועלכע שטעהט העכער פון אלע אנדערע פרויענצימער אין דער וועלט.

האפער האט זיך פערנייגט און איז געגען געווארען וואס ער האט זיך יעצט אבגעשיידעט פון דיזער אננא. מיט שנעלע טריט איז ער אריין אין זאאל, און אלס ער איז אזוי געגאנגען האט ער זיך בעגעגענט מיט הערר סימען, וועלכען ער האט געקענט פון דער דרוקעריי.

— האללא, וויא געהט עס, הערר האפער! וויא אמוזירט איהר זיך? וויא געהט עס אייער פרוי? זיא וואר קראנק האב איך געהערט.

— ליידער איז זיא נאך ניט בעסער.

— און אייער שווינער פאטער, הערר אפענהיים?

— דאנקע, איהם געהט אימער גוט.

דיא צוויי יונגע מענער האבען געשפראכען נאך איינינע ווערטער, דאן האט הערר האפער גענומען דעם דרוקער ביין ארם און האט געזאגט:

— איינע פראגע, הערר סימען.

— ביטע?

— איהר בעשעפטיגט א מיידעל מיט'ן נאמען גרעטע באלדאוף?

— יא, זיא איז א פלייסיגע מיידעל, זיא איז ארטיג.

— הערר סימען, איך האב געוואלט עטוואס ערפאהרען, דאס מעדכען אינ־טערעסירט מיך, אבער איך מוז אייך בעטען איהר זאלט מיינע ווערטער ניט פאלש פערשטעהן.

— אה, וואס דענקט איהר! אה, איך ערראינער מיך, זא וואס פארגעסט מען ניט, איהר קענט זיין גאנץ רוהיג, פרייליין באלדאוף האט זיך גוט געהאלטען. מעגען דיא לייטע זאגען וואס זיי ווילען.

— וואס זאגען דען דיא לייטע?

הערר סימען האט געוויגט דעם קאפף און האט געזאגט:

— גרעטע האט פיינדע אדער פיינדינען, פון איינער וויים איך. איבעריגענס קימער איך מיך זעהר ווענינ אין דיא אנגעלעגענהייטען פון מיינע ארבייטערינען, וואס מען רעדט אבער פון גרעטען, דאס ווייסט איהר אויך.

— מען זאגט דאס זיא גייט ארום מיט א'ן דרוקער.

— מיט הערן מאטהעס?

— יא, זא זאל ער הייסען.

— הם. איך וויים ניט פיעל דערפון, איך האב זיא נור א מאל געזעהן געהן צוזאמען, אבער מאטהעס וואר א פלייסיגער ארבייטער און איך וועל האבען מיהע ביז איך וועל געפינען איינעם אויף זיין ארט.

— ער איז אוועק פון אייך?

— ער איז געשטארבען.

ארטהור האפער האט אויפגעאטהעמט, עס איז געוועזען גלייך וויא ער איז פריי געווארען פון א לאסט, אבער וואס קימערט איהם אייגענטליך דיא גאנצע געשיכטע ער איז דאך פערהייראטהעט.

דיאביידע מענער האבען נאך א ווילע געשפראכען, דאן האבען זיי זיך צו־שיידעט און ארטהור האפער האט באלד פערלאסען דעם באל.

אלס ער האט דעם זאאל פערלאסען איז ער ניט אוועק צום האטעל, דיא לופט אין דרויסען וואר קאלט אבער ריין, דיא שטערן האבען געגלאנצט און דער הימעל וואר לויטער.

ארטהור האפער וואר מערקווירדיג אויפגעלעגט. ער האט א קוק געטאן צו דיא שטערען גלייך וויא ער וואלט זיי וועלען פרעגען. זיין הערץ האט אנגעפאנגען צו ווערען אונרוהיג. זיינע אויגען האבען אנגעפאנגען צו ווערען פייכט, א שרעקליכע וועהטאק האט איהם בעהערשט.

ער איז געגאַנגען ווייטער, אָהן א ציעל און אָהן א בעשטימטען וואונש, און פלוצלונג איז ער געשטאַנען פאר דעם הויז אין וועלכען גרעטע האָט געוואָהנט.

ער האט זיך יעצט עראינערט אויף יענעם אבענד, ווען ער איז דאָ געשטאַנען ביי איהר הויז און האט צו איהר געזאָגט „אויף וויעדער זעהן“.

„אויף וויעדער זעהן“! — האָט ער יעצט געמורמעלט און האָט געקוקט צום פענסטער. דאָך נײן האָט ער צו זיך ווייטער געזאָגט, דיא צייטען זיינען פאָראיבער, אָבער ווער וויים — — —

ער האָט געשוויגען, זיין ברוסט האט זיך אויפגעהויבען פון זיין זיפצען. וועלכע געדאַנקען בעפאלען איהם יעצט, וואָס האט ער דאָ איבערהויפּט צו טאָן?

יעצט איז ער אָבגעגאַנגען פון הויז און איז געגאַנגען צום מיטען גאַס, אויף דעם צווייטען זייט גאַס האָט געברענט א פאָנאַר וואָס האָט געוואָרפען איהר שיין אויף דאס הויז אין וועלכער פרוי באַלדאוף מיט איהר טאָכטער האבען געוואָהנט.

— אויב גרעטע שלאָפט שוין?

אַרטהור האָט געקוקט צו דיא פענסטער, ער האט דערזעהן דעם פענסטער דורך וועלכען גרעטע פלעגט צו איהם אַרויסקוקען ווען ער פלעגט פון איהר נעהמען אָבשיעד און פלעגט איהם זאָגען „שלאָף געזונד“. אונטער דיעזען פענסטער שלאָפט אויך יעצט דאס מעדכען, וועלכע ער האט אזוי שטאַרק געליעבט. ליעבט ער זיא יעצט ניט מעהר? וואָס טהוט ער דאָ? עס איז איבערהויפּט א נאַרישקייט דאָ צו שטעהן, דארום פאָרט פון דיעזער שטעלע, וואו ער האָט גאָר ניט צו טאָהן.

אך וויא גוט וואר עס איהם אויפ׳ן הארצען, ער האט געהאט דעם געפיהל וויא א וואנדערער, וועלכער איז ענדליך וויעדער געקומען צו זיין היים. ער האט זיך דא געפיהלט וויא אין זיין היים.

— גרעטע! — האט ער געמורמעלט, — גרעטע שלאָף וואהל! — און א טרעהר האט זיך געוויעזען אין זיינע אויגען.

לאַנגזאַם איז ער פון דעם אָרט אוועק.

ענדליך האט ער זיין האטעל עררייכט, ער איז באַלד אריין אין זיין צימער און האט דארט אויפגעשריבען אייניגע צייל׳ען, דאן האט ער ארויסגענומען פון זיין טאַשע צעהן הונדערט-מאַרק און האט עס אריינגעלעגט אין א קאָנווערט אויף וועלכען ער האט אויפגעשריבען גרעטעס אדרעסע.

— זאָ, — האט אַרטהור האפער געזאגט צו זיך אַליין — איך דארף עס וואגען, עס איז פון מיין געלד. איך קען גרעטען, איך בין געגען איהר בעגאַנגען איין אונ־

רעכט, איך וויל איהר דערפאר געבען א טהייל פון דעם וואס איך האב מיר ערוואָרבען דורך א רייכע הייראטה.

א רייכע הייראטה, — האט ער וויטער געזאָגט — א גאָלדענע קייט און איך האב עס ניט געפיהלט ביז הייטע, אה, וויא גליקליך האב איך געקענט זיין, גרעטע האט מיך צוריקגעשטויסען, דאך ניין, איך בין געגען איהר אונרעכט. אָה, ווער וויים אויב זיא האט מיך נאך ניט פערגעסען !....

אויף מאָרגען איז אַרטהור האפער פריהצייטיג אויפגעשטאנען און האט פערלאסען דעם האטעל. פון זיינע פריינדע האט ער שוין גענומען אבשיעד, ער האט אין אויסבורג מעהר ניט געהאט וואס צו טהאן, ער האט בלויז בעדאַרפט פערזאָרגען דעם בריעף. דיעזען בריעף האט ער יעצט אוועקגעטראגען אין פאָסט, האט דעם רעסיט זעהר פאָרזיכטיג בעהאלטען, דאן איז ער אוועק צום וואָגזאָל אום אָבצופאָהרען מיט דעם נעכסטען צוג.

ער האט לאנג ניט בעדאַרפט וואַרטען, זיין רייזע איז געגאנגען איבער מינכען, ביז ניט וויט פון רעגענסבורג. דאָרט האט זיך געפונען זיין פאבריק, וועלכע ער האט איבערגענומען פון זיין שווינער פאטער הערר אָפּענהיים.

אימער נעהענטער איז ארטהור האפער געקומען צו זיין היים. ער האט געמוזט דענקען וויא אלעס האט זיך מיט איהם אויסגעלאָזען. וויא ער האט דאמאָלס געהייראטה אויף דעם וואונש פון זיין פאָטער, וועלכער האט עס פון איהם שטרענג פערלאנגט און ער האט קיין קראפט געהאט צו ענטזאגען זיך. עס איז איהם געווען שווער געגוג צו הייראטהען שרה אפּענהיים, וועלכע וואר מיט איהם פערוואנדעט. אבער ער האט עס איינגעווילינט. דאן איז זיין פאָטער געשטאָרבען, עס האט זיך ארויסגעשטעלט דאס ער האט פאלש ספּעקולירט און דיא ירושה אויף וועלכער ער האט גערעכענט האט זיך גאר נישט אויסגעלאָזען.

עס וואר פאר איהם א הארטער קלאפּ, ער וואר אין גאנצען אנגעוויזען אויף זיין ווייב'ס מיטלען, און זיא וועלכע האט איהם געליעבט האט דאך איהם פאָרגעוואָרפען פאר זיין פאָטער, דאס האט איהם בעליידיגט און האט געבראָכען זיין שטאָלץ און ער איז געוואָרען א גאנץ אנדערער.

מיט א פלייסיגקייט וועלכער מען האט אין איהם קיין מאל ניט געזעהן האט ער זיך געשטירצט אין געשעפט. ער האט געארבייט פון פריה ביז שפּעט אין דער נאכט און האט אין א קורצער צייט עווארבען א שעהנעם פערמעגען.

ער האט יעצט אויסגעצאהלט דאס געלד זיין ווייב און איהר פאָטער, און ער האט געהאט א גוטען געשעפט פון וועלכען ער האט געשעפט גייע רייכטהימער,

יעצט האט ער גענומען דענקען פון זיין ערסטער ליעבע. האט איהם פיעללייכט זיין שיקזאל יעצט דערצו געפיהרט, ער זאל זיך אומקעהרען צוריק צו גרעטען? איז ער פיעללייכט יעצט אים שטאנדע איהר טרייע ליעבע צו פערשטעהן און ענטפערען איהר צוריק מיט דער זעלבער טרייהייט? א נאררישע פראגע, גרעטע איז פאר איהם פערלארען, און ווען ער זאל זאגאר פרובירען צו ערווערבען א גט פון זיין פרוי, וועלבע האט נאך ביז יעצט פון איהם קיינע קינדער געהאט ווטט עס איהם אויך ניט געלינגען, אויך דארף ער דענקען דאס גרעטע ליעבט איהם ניט מעהר, דען ער האט זיא בעטראגען אין דעם צוטרויען וואס זיא האט איהם געגעבען און דארום איז יעצט אלעס, אלעס פארביי.

אבער ער קען לעבען נאך זיין נייגונג, ער קען זארגען פאר איהרע געשריפניסע און גרעטע זאל ניט ערפאהרען דאס ער זארגט פאר איהר.

— — — — — — — — — — — — —

ערסט אין דער פריה מארגענשטונדע האט זיך געענדיגט דער באלל, ביי וועלכען אננא סיבעל האט זיך געפונען.

אלע וואַרען שוין מיעד און שלעפעריג. נור אננא וואר ניט מיעד. זיא האט קיין איינציגען טאנץ ניט דורכגעלאזען, זיא וואר שטאלץ אויף דעם טריאומף וועלכען זיא האט הייטע אבענד עררייכט.

מען האט זיא בעטראכט אלס איינע וואס געהערט צו דער העכערע געזעלשאפט און מעהרערע העררען האבען זיא גערופען גנעדיגע דאמע, קיין זאך האט איהר ניט ערינערט דאס זיא איז פריהער געוועזען איין ארבייט'ס מעדכען.

נון, זיא האט דורכאוים ניט געוואלט מען זאל עס איהר ערא־נערען. יענע צייטען זיינען פאראיבער. זיי וועלען קיין מאל ניט צוריקקומען, זיא וועט ערסט ווערען א גרויסע דאמע, ווען זיא וועט ערהאלטען דעם פיערטעל מילליאן.

איין געדאנק האט איהר יעצט בעשעפטיגט, דאס וואר פראנץ שטאנד. איז ער ניט אין געפאהר ווען ער האלט זיך אויף אין קלעפפאמרא? זיא האט עס געמוזט גלויבען נאכדעם ווי העררר סימען האט איהר דערפון מיטגעטהיילט.

ווען דער טומעל אין זאאל וואר גרויס, האט זיא דערפון ניט פיעל געקענט דענקען. יעצט איז איהר אבער געקומען די ערא־נערונג אויף דאס נייע, און איהר בעשלוס איז געווארען שטארק זיא זאל עס ערפאהרען אויף זיכער.

שוין אויף מארגען האט זיא געוואלט פאהרען נאך רעגענסבורג, פון דארט וועט זיא שוין געפינען דעם האף קלעפפאמרא.

יעצט איז זיא געוואָרען אונגעדולדיג. זיא האט געוואָלט דאס אלעס זאָל שוין זיין צו ענדע.

— זייט איהר מיעד, מיין ליעבעס קינד? — האט פרוי עלזנער געפרעגט.

— יאָ.

— נון, דאן קענען מיר־געהן. יעטכען מיין קינד, דוא שלאָפסט? דאס איז ניט שעהן!

— אָה, עס איז מיר דאָ לאַנגוויילינ.

— זאָג דאס ניט מיין קינד, דוא האסט מעהר געטאנצט אלס דיין געזונדהייט ערלויבט דיר.

הענריעטא האט ניט געענטפערט. אָנפאַנגס האט זיא זיך גוט אמוזירט, אבער ביסלעכוויים האבען זיך דיא טענצער פון איהר אָבגעריסען. פון איהר זייט האט זיך דער באל שוין לאַנג געקענט ענדיגען און זא זייגען זיי יעצט אָבגעגאַנגען.

זייער וואגען איז שוין לאַנג אָבגעפאָהרען, און אזוי וויא עס וואר א שעהנע נאכט האבען זיי זיך בעגעבען צופוס נאך הויזע.

ביי דער טהיר פון עלזנערס וואהנונג, האט זיך אננא מיט זיי געזעגענד און איז אוועק צו זיך אין הויז.

עס זיינען קוים פאַראיבער אייניגע מינוטען, אלס אין עלזנערס הויז האָט מען דערהערט אַ געשריי.

— וואָס וואר דאָס? האט פרוי עלזנער אויסגערופען ערשראָקען. דער געשריי קומט פון אננא׳ס וואהנונג. הענריעטא, געה זעהן וואָס דאָרט איז געשעהן.

— אך געה דוא ליעבע מוטער! — האט דיא יונגע מיידעל געזאָגט מיט אַ נענעץ.

— דער גלאָק האט יעצט אָנגעקלונגען.

— דאָס איז אננאַ! — האָט פרוי עלזנער געזאָגט און איז געלאָפען צום טהיר.

זיא האט זיך ווירקליך ניט געאירט, דען פאר איהר איז ערשינען אננא מיט א בלייכער געזיכט און מיט טרעהרען אין דיא אויגען.

— מיין גאָטט, אננא, וואס איז געשעהן?

— אך, פרוי עלזנער, מיין מוטער......

אננא האָט ניט געקענט ווייטער ריידען, זיא האָ אָנגעפאַנגען שטארק צו שלוכצען.

— זיא רעדט דאך, איז אייער מוטער קראנק?

— זיא איז טויט! — האט דאס מעדכען געענטפערט מיט א געוויין.

פרוי עלזנער האט צוגעצויגען אננא'ן צו זיך.

— ארמעס קינד, וויא טהוט דאס מיר לייד. אבער איז אייער מוטער זיכער טויט? האט איהר זיך ניט געאיררט?

אננא האט געשאָקעלט דעם קאָפּף.

— ניין, ניין! אך מיין מוטער ווארום האב איך דיך גראדע הייטע פערלאסען!

— דאס איז בעשערט פון גאָטט! האט דיא פרוי זיא געטרייסט. קומט מיר וועלען אריינגעהן זעהן וואס איז געשעהן.

פרוי עלזנער האט אננאן בעגלייט צו איהר וואָהנונג. עס וואר א שרעקליכעס בילד וועלכע זיא האט דערזעהן. פרוי סיבעל איז געלעגען טויט אויף איהר לאגער און ארום איהר איז געווען פול בלוט.

— ארמעס קינד, — האט זיא געזאָגט צו אננא'ן, — אייער מוטער איז ווירקליך טויט, עס גיבט יעצט פאר איהר קיין רעטונג, איהר מוזט זיך טרויסטען, דען דאס איז פון גאָטט.

א שטונדע שפּעטער איז געקומען א דאָקטאָר און האט בעשטעטיגט דעם טויט, וועלכער איז געקומען פון א בלוט שטורץ. ער האָט אויסגעשטעלט דעם טאָדטען שיין און אויף מאָרגען האט אננא געלאָזט בעערדיגען איהר מוטער.

שווערע אונמוטהיגע טעג זיינען יעצט געקומען.

אָפט איז אננא געזעסען שטונדען לאנג און האט געוויינט. זיא האט געפיהלט דאס זיא איז צו איהר מוטער ניט געווען וויא זיא האט בעדארפט זיין, און דארום האט זיא יעצט זיך געמאַכט דיא גרעסטע פארווירפע.

צוויי טעג נאָך דער בעערדיגונג האט אננא צוגעשלאָסען איהר וואָהנונג און איז אוועק נעהמען אבשיעד פון פרוי עלזנער.

— איהר ווילט אונז פערלאסען?

— איך מוז עס טהאָן. איך לייד היער צו שטארק. איבעראל פעהלט מיר דאָ מיין מוטער. איך וויל אייך בעטען צונעהמען דעם שליסעל צו זיך.

— נון גליקליכער רייזע!

וואוהין האט אננא געוואָלט פאָהרען?

זיא האט זיך געוואָלט בעגעבען נאָך קלעאָפּאַטרא, וואו איהר געליעבטער געפינט זיך. זיא האט איהם געוואָלט זעהן, און האט געהאָפט צו געפינען אין איהם איהר טרייסט.

באלד האט זיא זיך געזעצט אויפ'ן באהן און האט ערדייכט רעגענסבורג.
וועט זיא איהר געליעבטען זעהן?

8טעם קאיטעל.

קרומע וועגען.

צוויי טעג נאכדעם וויא הערר שמידט איז געקומען פון באדע אנשטאלט איז אויך אנגעקומען דער אלטער גערטנער קלעמענס נאך בערלין.

ער האט זיך בעשלאָסען צו העלפען דער ארימער מרים מיט אלע מעגליכקייטען, ער האט יעצט אויך געגלויבט דאס זיא וועט אויך זיין בערייט אנצונעהמען פון איהם א געלד שטיצע. ער האט עס גערענקט וויא מרים געפינט זיך יעצט אין א לאגע, אין וועלכער זיא מוז פון אייגענער ארבייט ערנעהרען איהר קערפער. צוליעב דעם האט זיא יעצט קיין צייט צו טהאן עטוואס פאר איהר געליעבטען און דארום וועט זיא זיך ניט ענטזאגען אנצונעהמען דיא שטיצע וואס ער וויל איהר פארשלאגען.

וועגען נאך א זאך האט דער אלטער גערטנער ניט אויפגעהערט צו דענקען. נעמליך וועגען דיער געהיימניס פון מרים'ס אבשטאמונג.

ער האט זאָגאר פערשפראָכען ניט צו ערצעהלען מרים'ן דיא געהיימניס פון איהר געבורט, אָבער דאמאלס ווארען דיא פערהעלטניס גאנץ אנדערש וויא יעצט, דאמאָלס האט נאך דער גראף געלעבט און מרים וואר מיט אלעם פערזאָרגט און אלע האבען דאמאלס געגלויבט דאס מרים וועט קיין לייד ניט וויסען.

יעצט איז עס אבער גאנץ אנדערש און קלעמענס האט זיך געפרעגט אויב ער האט דאס רעכט צו זאגען מרים'ן, ווער זיא איז און וואו איהר מוטער געפינט זיך.

פערשיעדענע פלענער זיינען איהם יעצט אריין אין קאָפּ.

ווען מרים זאָל זיך יעצט אויך ענטשליסען צו ווערען א מאָנאשקע?

עס וועט געוויס ניט זיין קיין צוגרויסע שוועריגקייט דאס מרים זאל אריינטרעטען אין דעם זעלבען לעבען, וואס איהר מוטער פיהרט און זיא זאָל אלזאָ זיין נאהענט צו איהר מוטער.

דאן האט דאך מרים א שוץ, וועלכען ער האט איהר ניט געקענט געבען, דען דאן איז זיא זיכער פון יעדע געפאהר און יעדע פערפאָלגונג. אבער פון צווייטען זייט האט ער זיך ווידער בעדענקט. עדיטהא האט אָבגעשוואָרען דיא וועלט און האט זיך ענטזאגט פון אלע זאכען אין דער וועלט. **וועט זיא אלזאָ קענען זיין א מוטער צו איהר קינד?**

וואס מעהר קלעמענס האט דעריבער נעדאכט, אלס מעהר האט ער נעזעהן דאס ווען ער וועט מרים'ן ענטדעקען דיא געהיימניס פון איהר געבורט וועט ער איהר נאך מעהר ליידען פערשאפען.

אבער אונטער אלע אומשטענדען האט ער מרים'ן געוואלט זעהען. ער האט געוואלט וויסען וויא איהר געהט און וואס פאר א הילפע זיא האט נויטהיג אום זיא זאל קענען ערגרייכען צו א לעבען וואס זאל פאסען פאר איהר ערציהונג.

דאס ווארען דיא געדאנקען מיט וועלכע ער איז אראפ פון באהן. מרים'ס אדרעסע דאט ער געוואוסט און זא האט ער זיך זאפארט בעגעבען אין שמיד'ס געשעפט.

עס וואר אין דער פריה און אין געשעפט וואר נאך שטיל און רוהיג. העדר שמידט וואר אליין און האט דיעזען באיירישען מאן בעטראכט מיט פערוואונדערטע אויגען.

וואס קען דיעזער מאן דא וועלען קויפען?

דער גערטנער האט אראפגענומען דיא הוט.

— וואס ווינשט איהר? — האט העדר שמידט געפרעגט.

— איך קום צו אייך מיט א ביטע, איך האב געוואלט שפרעכען מיט מרים מעהרען.

העדר שמידט האט געווארפען איין שארפען בליק אויף דעם אלטען.

— פרייליין מעהרען? — האט ער איהם געפרעגט — זייט איהר מיט איהר פערוואנדט?

— ניין.

— עס טהוט מיר לייד, איהר קענט מיט איהר ניט ריידען.

דער גערטנער האט געמאכט גרויסע אויגען.

— ווארום ניט?

— זיא איז דא מעהר ניט דא?

— זיא האט דא ניט מעהר דיא שטעלע?

— ניין.

— אבער זיא איז דאך נאך אין בערלין?

— איך ווייס עס ניט.

— האט זיא דען קיין אנדער שטעלע.

שמידט האט געצויגען דיא אקסלען.

דער גערטנער האט געשאָקעלט מיט דעם קאָפּף, ער האט דיא אנטוואָרטען נים פערשטאנען, ער האט נים געוואוסט וואס ער זאָל דערפון דענקען.

— זאָ זאָגט מיר דאָך וואס איז מיט פרייליין מעהרען, זייט ווען איז זיא פאָרט? האָט זיא דען געקינדיגט?

הערר שמידט האט יעצט געלאכט.

אָבוואָהל ער איז אין זיין הערצען נאָך נים געוועזן איבערצייגט דאס מרים האט דאס געלד גענומען, דאך האט ער זיך יעצט געמאכט דיא מינע גלייך וויא ער וואָלט עס געוואוסט אויף זיכער.

— יא, זעהט איהר מיין ליעבער,—האט ער געזאָגט, — דאס איז א גאנץ אנ־דער זאַך. צוריק מיט דריי טעג בין איך געפאָהרען מיט מיין פרוי נאָך דרעזדען און אלס איך בין צוריק געקומען איז פרייליין מעהרען שוין נים געוועזן.

— וואו איז זיא אוועק?

— יא זיא איז פערשוואונדען. זיא וואר נים אין געשעפט און נים אין איהר וואהנונג.

דער גערטנער האט זיך ערשראָקען.

— יאָ, וויא איז דאָס מעגליך זיא מוז דאָך ערגעץ זיין, האט זיא דען קיין זאַך נים נאָכגעלאָזען, זיינען אלע איהרע שפורען פערשוואונדען?

— ביז יעצט ווייס מען נים.

— האט איהר עס געמאָלדען דער פאליציי?

— גאנץ געוויס, דאס איז דאָך מיין אייגענע אינטערעסע.

הערר שמידט האט דיעזע ווערטער געזאָגט אין אזא טאָן דאס קלעמענס איז געבליבען שטעהן וויא צומישט און א פראגע האט געשוועבט איבער זיינע ליפּען, וועלכע ער האט דערווייל נים געוואגט אויסצושפּרעכען.

— יא, זעהט איהר,—האט הערר שמידט געזאָגט.—פרייליין מעהרען האט גע־וואוסט דאס איך האב איהר אנפערטרויט מיין געשעפט און דאס ביסלעכווייז וואָלט איך איהר פערגרעסערט איהר געהאלט דאס זיא וואלט קענען מאכען איין אנשטענ־דיגען לעבען. אָבער אזוי זיינען דיא מיידלעך, ווען מען רייכט זיי א קליינעם פינגער וואָ נעהמען זיי דיא גאנצע האנד, זיא האט בעדארפט צופרידען זיין מיט וואס איך האב איהר געגעבען, אבער....

— נו?—האט דער גערטנער געזאָגט.

(Mil., 50).

— נו וואס זאָל איך אייך זאָגען, מיט פריילין מעהרען איז אויך פערשוואונדען דיא קאסע אומגעפעהר זעקס הונדערט מארק.

דער אַלטער גערטנער איז געבליבען שטעהן וויא דערשלאָגען פון א דאָנער. וואר דאס ערנסט וואס הערר שמידט האט איהם געזאָגט, — זעקס הונדערט מארק פערשוואונדען, מרים איז א גנב'טע, דאס וואר גאר ניט מעגליך, היער ליגט געוויס פאַר א שורקעריי.

ער האט זיין מיינונג אויסגעשפּראָכען אין גאנץ דייטליכע ווערטער.

הערר שמידט האט געוויעגט זיין קאָפּ אין אלע זייטען.

— יאָ, יאָ, דאס איז גאנץ גוט און שעהן און עס ווילט זיך מיר אויך ניט גלויבען, דאס פריילין מעהרען האט מיך בעגנב'ט אבער ווען איך איבערלעג עס מיר גוט מוז איך דאך דארין גלויבען זיא מוז דאך וואו זיין, מיר לעבען דאך ניט אין א צייט ווען מענשען ווערען פערשוואונדען פון אונטער דיא הענד.

— אָבער מיר לעזען זעהר אָפט אַזעלכע זאכען אין דיא בלעטער.

— באה, דאס זיינען נור נאררישע בעריכטען, וועלכע זיינען מייסטענס ניט וואהר.

— אָבער הערר שמידט דאס איז ניט וואהר, עס איז אונמעגליך, דאס פריילין מעהרען זאל זיך ערניעדריגען צו איין אונעהרליכער האנדלונג. ניין, ניין, דאס טהוט זיא ניט, איך וועט אויף דעם מיין אַלטען גראָען קאָפּ.

— עס שיינט דאס איהר האלט צופיעל פאר איהר.

— געוויס האלט איך פון איהר וויא זיא וואלט געווען מיין אייגען קינד.

— פריילין מעהרען האט פריהער געלעבט אין בעסערע אומשטענדען?

— ווען זיא האט אייך איהר לעבענס־געשיכטע ניט ערצעהלט, זא דארף איך עס אייך ניט טהאן; אָבער דאס קען איך אייך זאָגען, דאס צוריק מיט א האלב יאהר האט קיינער ניט געדאכט, דאס זיא וועט מוזען אליין פערדינען איהר ברויט. איך בעט אייך הערר שמידט ראטה מיר וואָס איך זאל טהאן, זיא מוז דאך ערגעץ זיין און איך זאָג......

דערביי האט דער אלטער מאן געגעבען אזא זעץ מיט'ן האנד איבער דעם נכעזערנעם קאסטען דאס דיא דעקעל האט זיך צובראָכען.

— ניט אזוי היציג, מיין אלטער פריינד, — האט הערר שמידט געזאָגט — זעהט דאך וואָס איהר האט דא געמאכט.

— פערצייעט מיר, איך קען דאס ניט ענדערען. זאָגט מיר וואָס קאסט דיעזע גלאז, — דערביי האט דער גערטנער ארויסגענומען זיין געלד און האט ווייטער גע־

זאָגט — איך בעצאָהל אייך דעם שאדען, אָבער איך זאָג אייך דאס פרייליין מעהרען מוז וויעדער ערשיינען, דען דא איז געשעהן א קומפּיגע זאך.

— דיא פּאָליציי טהוט אלעס וואָס זיא קען און איך דענק דאס זיא וועט אויסגעפינען דיא וואהרהייט, ביז דאן מוז איך אבער אננעהמען דאס......

— איהר קענט קיין זאך ניט אָננעהמען, דאָס זאָג איך אייך! — האט קלע־מענס אויסגערופען. — איך פערזיכער אייך אז פרייליין מעהרען איז קיין גנב און איהר דארפט עס גלויבען. איך ראטה אייך איהר זאָלט עס צו קיינעם ניט זאָגען. וואָס אנבעטריפט דיא זעקס הונדערט מארק זאָ קען איך עס אייך בעצאָהלען אום איהר זאָלט קיין שאדען ניט ליידען.

פערוואלטער קלעמענס האט אָנגעבאָטען צו בעצאָהלען דאס געלד ניט ווייל ער האט געוואָלט אויסהעלפען דעם מאָן זאָנדערן ווייל ער האָט געוואָלט איינשטי־לען דעם מאָן'ס כעס געגען מרים'ן און געווינען איהם אויף זיין זייט.

אויף העררן סמידט האט דיעזער פאָרשלאג געמאכט א גאנץ אנדער ווירקונג.

— איהר האט דאָך מיר געזאָגט, דאס איהר זייט מיט פרייליין מעהרען ניט פערוואנדעט? האט ער איהם געפרעגט.

— דאס בין איך ניט.

— וואס פעראנלאסט אייך צו געבען דאס געלד?

— דאס איז מיין זאכע.

— עס שיינט מיר דערפון, דאס איהר זייט איין האנד מיט פרייליין מעהרען.

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— אה, איך קען מיינען אז איהר האט דיא יונגע דאמע ערגעץ בעהאלטען, זיא איז געוועזען לייכטזיניג און האט פון מיר דאס געלד גערויבט יעצט אום דיא זאך צו פערשטיקען קעהרט איהר מיר אום דאס געלד.

— דער טייפעל זאָל אייך חאפּען! — האט דער גערטנער געזאָגט מיט כעס, — ווען איהר דענקט אזוי! איך האב פרייליין מעהרען שוין זייט אייניגע מאָנאטען ניט געזעהן. איך בין אהער געקומען אום זיא צו בעזוכען און גאטט זאָל אייך אויסהיטען אויב איהר וועט דאס ארמע קינד פאר מיר נאָך א מאָל פערדעכטיגען. דאס געלד האב איך אייך אָנגעבאָטען אום איהר זאָלט ניט טאָן שאדען דער מיידעל, דען איך בין פעסט איבערצייגט דאס ווען זיא וואָלט ניט געוועזען אין אייער געשעפט, וואָלט מען אייער געלד ניט געגנב'עט.

דער טאָן אין וועלכען דער אלטער גערטנער האָט געשפּראָכען און דער אויס־דריק פון זיין געזיכט האט עטוואָס אָבגעשוואַכט הערר שמידט'ס מיסטרויען צו יזען אלטען און ער האָט אָנגעפאנגען צו ריידען פריינדליכער מיט דעם אלטען מאַן אום ארויסצוקריגען פון איהם עטוואָס וועגען מרים'ס פערגאנגענהייט, אָבער דער אלטער האט אימער אויסגעוויכען.

— אָבער איך פערשטעה נאָך אלץ ניט דעם זינן פון אייערע רייד, איהר מוזט דאָך האָבען אורזאכען צו אייער חשד.

— דאס האָב איך.

— דיא זיינען?

— נא, איהר דארפט דאָך וויסען אז פריילין מעהרען איז איין העכסט אַנ־שטענדיגע פּערזאָן.

— דאס שטימט.

— יא, עס געבען לייטע, וואס ווילען זיא פערפיהרען, וואס ווילען זיא פער־דארבען. ווער וויס זאָג איך אייך, וואו דאס ארמע קינד געפינט זיך יעצט און צו וואָס מען וויל זיא יעצט צווינגען. נו מיין נאמען איז ניט קלעמענס ווען איך וועל ניט טהון אלעס וואָס עס איז נור מעגליך אום אויסצוגעפינען דיא גאנצע דונקעלע געשיכטע.

— דאס איז זעהר בראַוו פון אייך, — האט געזאָגט הערר שמידט, וועלכער איז וייכער געוואָרען דורך דיא נייע מארק שטיקע וואס דער אלטער קלעמענס האט יעצט פאר איהם געצעהלט. אין הארצען וואר ער ווירקליך צופרידען דאס אם וויינינגסטענס דיזער שאדען וועט זיך איהם אומקעהרען.

— ווען איך קען אייך מיט עטוואָס העלפען, מיין פריינד, זאָ קענט איהר גאַנץ בעשטימט אויף מיר רעכענען. וואו וואָהנט איהר היער?

— איך האב נאָך קיין וואָהנונג גענומען, — האט דער אלטער קלעמענס גע־ענטפערט. ווייסט איהר עטוואָס אין דער שטראַססע?

הערר שמידט האט זיך איבערלעגט.

— ווילט איהר איין איינפאכע לאזשי אָדער איהר ווילט איין אַנשטענדיגע גאַסט הויז.

— איין איינפאכע. איהר דארפט דאָך זעהן, אז איך מאַך קיינע גרויסע אַנשפּריכע.

— דאַן קענט איהר געפינען ניט וויט פון היער אַ גאַסט הויז מיט'ז נאָמען „צום שווארצען בער", עס איז בלויז צעהן מינוט וועג.

— צום שוואַרצען בער, איך דאנק אייך שעהן, איך וועל מיך שוין דאָרט איינ־לאָזשירען. קען איך מיך אויף אייך בערופען.

— יא, זאָגט מיר נור וויא איז אייער נאמען.

— קלעמענס, אזוי האָב איך מיין גאַנצען לעבען געהייסען.

הערר שמידט האט געמוזט לאַכען פון דיזען זאָנדערבארען אלטען מאַן.

— קען איך אייך זאָגסט מיט עטוואָס דיענען?

— נון, יא, ווען האט איהר פריילײן מעהרען צום ל״צטען מאָל געזעהן?

— וויא איך האָב אייך שוין געזאָגט, דאס צוריס מיט דריי טעג.

— און זייט דאַן ניט מעהר?

— ניין, אַלס איך בין צוריק געקומען איז זיא שוין געוועזן אוועק.

— וואר זיא דען היער גאַנץ אַליין?

— ניין, זיא וואר דאָ מיט דער קעכין, אָבער דיא קעכין וויים אויך ניט מעהר פון איהר.

— זיינען אייך בעקאַנט מאַנכע לייטע וועלכע האבען היער געקויפט?

— וויא זאָל איך קענען דיא לייטע אין דיעזער גרויסער שטאָדט. אהער קו־מען דיא קונדען פון אלע זייטען, מען פרעגט ניט ווער זיי זיינען, נור וואס זיי ווינשען.

— נו, עס איז דאָך מעגליך איהר זאָלט חאָטש איינעם פון זיי קענען?

— יא, איינער איז דאָ געווען וועלכער איז מיר צופעליג בעקאַנט.

— ווער איז דאָס?

— אַ יונגער מאַן. דאָקטאָר פינדרייזען איז זיין נאָמען.

— וואו וואָהנט ער?

שמידט האט געגעבען דיא אַדרעסע.

— האָט איהר מיט איהם שוין געשפּראָכען?

— נאָך ניט.

— נא, דאַן וועל איך איהם בעזוכען.

דער אַלטער גערטנער האָט זיך יעצט ענטפערענט.

זיין נעכסטער וועג איז געווען צו דאָקטאָר פינדרייזען.

ער האט געגלויבט אז ער קען פון איהם עטוואָס מעהר ערפאהרען.

דיא יונגע הויז האַלטערין האט דעם אַלטען מאַן עמפּפאַנגען מיט אַ פריינד־ליכע מינע און האט איהם אריינגעפיהרט צום דאָקטאָר.

— נוּ, וויא געהט עס אייך אלטער הערר האט דער דאָקטאָר געזאָגט, איהר זעהט מיר גאָר ניט אויס וויא א קראַנקער מאַנן?

— דאָס בין איך ניט.

— וואָס האט אייך געפיהרט צו מיר? — האט דער דאָקטאָר געפרעגט פאַר־וואונדערט.

דער אלטער האָט זיך געקראַצט הינטערן אויער.

— הם.—האט ער געזאָגט, איין מאָדנע אַנגעלעגענהייט, איהר זייט צוריק מיט דריי טאָג געווען אין הערר שמידט׳ס קאָנפעקטען געשעפט און איהר האט דאָרט עטוואָס געקויפט.

דער יונגער דאָקטאָר האָט בעטראכט דעם בעזוכער מיט גרויסע אויגען, אָבער דאָן איז איהם אריינגעפאַלען אין קאָפּף אז דיעזער מאַן קען זיך אינטערע־סירען מיט פרייליין מעהרען, וועלכע קומט אויך פון באירען....

דאָקטאָר פינדייזען האט געענטפערט פאָרזיכטיג:

— בעפאָר איך ענטפער אייך אויף דיעזער פראגע מוז איך וויסען ווארום איהר פרעגט עס ביי מיר?

— יא, איך פרעג עס וועגען פרייליין מעהרען, איהר קענט דאָך דאס מעדכען.

— דיא פערקויפערין אין שמידט׳ס געשעפט?

— יא, יא,—האט קלעמענס אויסגערופען אונגעדולדיג.

— זייט איהר פיללייכט איהר פאטער?

— דאס בין איך ניט, נור זאגט מיר הערר דאָקטאָר גלויבט איהר אז דאס מעדכען האט געגנב׳עט?

— ניעמאלס!

— איך קוס אייער האנד, הערר דאקטאָר, פון אייך קען נאָך עטוואָס אָרענטליכעס ווערען, איהר האט אייער הארץ אויפ׳ן ריכטיגען אָרט און איהר האט אויך א ריכטיגען בליק. נון זאָגט מיר אָבער וואָס ווייסט איהר פון דאס מעדכען, פיעללייכט קען עס אונז פיהרען צו א שפור.

דאָקטאָר פינדייזען האט סעקונדענלאנג געטראכט, דער אויסדרוק פון זיין געזיכט איז מיט יעדען אויגענבליק געוואָרען ערנסטער. וואס ער האט געוואוסט וואר ניט פיעל אבער דאָך מעהר וויפיעל ער האט דעם פאליציי קאמיסאר מיט־געטהיילט.

יעצט האט ער געדאכט, אויב ער זאל דעם אלטען ערצעהלען דיא וואהרהייט. נאך קורצען טראכטען האט ער בעשלאָסען דאָצו.

— נון, וואס איך וויים איז ניט צופיעל דאך עטוואס......

— זא שפּרעכט דאך, — האט קלעמענס געפאָדערט אונגעדולדיג — ווען האט איהר פריילייו מעהרען צום לעצטען מאל געזעהן.

— איין אבענד בעפאָר.

קלעמענס איז געבליבען שטעהן.

— אם אבענד זאָגט איהר, מיר האט מען געזאגט דאס איהר זייט דארט געוועו נאכמיטאג.

— דאס איז אויך ריכטיג, אבער אבענד'ס בין איך געגאנגען פאר דעם געשעפט.

— און דאָרט האט איהר זיא געזעהן.

— יא.

— איז אייך עטוואס אויפגעפאלען?

— גאנץ געוויס.

— נא וואס דען, רעדט דאך?

דער יונגער ארצט האט יעצט ערצעהלט אלס וואָס ער האט בעאָבאכטעט.

— קענט איהר דעם יונגען מאן?

— ניין.

— און איהר זייט איהם נאכגעגאנגען?

— נור איין שטיק. ער איז געלאָפען אזוי שנעל דאס איך האב איהם ניט געקענט נאכהאלטען.

— ווייסט איהר ווענינסטענס אין וועלכער ריכטונג ער איז געגאנגען.

— המ. נאך דער ק. שטראסע.

— איז דאס ניט וואו דער „שווארצער בער" איז?

— יא.

— דארט וויל איך מיך איינקאָזשירען. זעהט איהר הערר דאָקטאָר מיר קומט אין געדאנק, אז דער יונגער מענש זאל דאָרט וואָהנען.

— דאָס איז שוין מעגליך אָבער איך זעה ניט וויא אזוי איהר קענט עס דענקען?

— אָה, איהר רעדט וויא פון א בוך, הערר דאקטאר, אָבער וואהר איז דאס. מעהר ווייסט איהר גאָר נישט?

— ניין.

— קענט איהר מיר ניט שילדערען וויא דער מאַן זעהט אויס?

— איך וועל עס פּרובירען, — האט דער דאָקטאָר געענטפערט און האט אָב־געשילדערט דעם מאַן אזוי גוט וויא ער האט געקענט. ער איז איבערהויפּט ניט גע־שטאַנען אזוי נאהענט צום מאַן ער זאל קענען זעהן זיינע געזיכטסציגע.

— וואָס האט ער אויף זיך געטראָגען? — האט קלעמענס געפרעגט.

— איין איבערציהער.

— וויא האט ער אויסגעזעהן?

— ברוין.

— וואס האט ער נאך געטראגען?

— א ברייטע הוט.

קלעמענס האט פערצייכענט אלעס וואָס דער דאָקטאָר האט געזאָגט. דאן האט ער זיך פערניינט און איז אוועק.

דער דאָקטאָר האט איהם נאכגעקוקט.

— א נאררישער אָבער עהרליך! — האט ער געמורמעלט — איך גלויב ניט דאס עס קען איהם עטוואס נוצען.

דערווייל האט קלעמענס עררייכט דעם האטעל „צום שווארצען בער“.

ער איז אריין אין גאסטהויז, האט זיך בעשטעלט א גלאז ביער און האט צו־ערסט בעטראכט דיא געגענד, דאן האט ער צוגערופען דעם ווירטה.

— זאָגט מיר דאך, קען מען דא בעקומען א וואהנונג?

— אה, יא, אויף וויא לאַנג?

— נור אויף אַ קורצע צייט, וואס קאָסט עס?

דער ווירטה האט גענעבען א פּרייז וועלכען קלעמענס, האט באלד אָנגענומען.

— אויב עס איז אייך געפעלען, וועל איך אייך געבען דעם נומער 12.

— וואס געהט מיר אן דער נומער?

— איך מיין עס איז אין צווייטען עטאַזש, צוריק מיט א פּאָאר טעג האט דאָרט געוואהנט א פיינער יונגער מאַן.

— זאָ, האט קלעמענס געזאָגט און האט זיך געמאכט וויא ער איז גלייכגיל־טיג. וואר ער דאָ א לאַנגע צייט.

— ניין, נור א האלבען טאָג, ער איז אבענד׳ס צוריק אוועק, אָבער ער איז א לעבע מאַן.

דער אלטער קלעמענס איז געבליבען זיצען. עס איז איהם פאָרגעקומען, אז

יענער יונגער מאנן קען זיין דערזעלבער, וועלכען דער דאָקטאָר האָט געזעהן ארויס־געהענדיג פון שמידט'ס געשעפט.

— האט איהר דעם פרעמדען־בוך? — האט קלעמענס געפרעגט, — איך מוז מיך דאָך איינשרייבען.

— נאטירליך, דיא פּאָליציי פערלאנגט עס פון מיער און איך דארף עס אייך פארשלאָגען.

ביי דיעזע רייד האט דער ווירטה אוועקגעלייגט דעם פרעמדען בוך פאר'ן פרעמדען.

קלעמענס האט איינגעשריבען זיין נאמען.

— צום טייפעל! — האט ער פלוצלונג געזאָגט, — היער לעז איך דעם נאמען מענצעל. וואר דיזער מענצעל פון מינכען?

— מענצעל? יא, יא, דאס איז דאָך דער הערר פון וועלכען איך האב אייך ערצעהלט.

— דער לעבע מאן?

— יא.

— וועלכער האט געוואהנט אין נומער 12?

— יא.

— פון מינכען.

— דאָ שטעהט עס געשריבען. מען האט עס אויך געהערט אין זיין דיאלעקט.

דעם אלטען גערטנער איז בעפאלען א מעכטיגע אויפרעגונג. ער האט אויך געקענט דעם נאמען מענצעל, ער האט געוואוסט דאס איינער מיט דיזען נאמען וואר איין אייגנעהער ביי'ן גראף.

— קענט איהר דעם הערן? — האט דער ווירטה געפרעגט נייגעריג.

— ווען עס איז דער וועלכען איך מיין

— וואהרשיינליך איז עס דערזעלבער.

— וואוהין רייזט ער?

— דאס האט ער ניט געזאָגט

— וויא האט ער אויסגעזעהן, האט דער אלטער געפרעגט.

דער ווירטה האט איהם געשילדערט דאס געזיכט און דיא קליידער צווישען וועלכע עס וואר א ברוינער אָבער ראָק און א ברייטע העט.

— יא, יא דאס שטימט. דאס איז ער!

— וואס איהר קענט איהםווירקליך. אהא, ער וואר א לופטינער מאן, א דאמע איז ביי איהם אויך געוועזן.

— א דאמע! — האט קלעמענס אויסגערופען, — ער איז דאך ניט פערהייראטה!

— דאס קען זיין,—האט דער ווירטה געלאכט, דאס פריילין האט איהם בעזוכט, איך האב זיא ניט געוואלט צולאזען. ווייל איך היט מיין גאסט הויז זאל האבען א ריינעם נאמען, נור איהר ווייסט דאך, דאס א מאל מאכט מען צו איין אויג. איך בין אויך א מאל געוועזן יונג.

דער אלטער קלעמענס האט זיך ארומגערוקט אין זיין שטוהל הין און צוריק, ער האט זיין אויפרעגונג קוים געקענט בעהערשען.

— וויא האט דאס מעדכען אויסגעזעהן?—האט דער גערטנער געפרעגט.

— זיא איז בלאנד, א שעהנעס קינד, מען דארף דעם יונגען מאן ניט פערדענקען.

— וואר זיא ביי איהם א לאנגע צייט?

— ניין, נור א פיערטעל שטונדע.

— דאן איז זיא אוועק?

— זיי זיינען אוועק צוזאמען.

— ווען איז זיא געקומען?

— א פיערטעל צו ניין, אבער וואס זאל דאס איך נוטצען, דער יונגער מאן איז שוין לאנג ניטא.

דער אלטער קלעמענס האט געוויגט זיין קאפף אהין און אהער.

— איהר פרעגט וואס דאס קען מיר נוטצען? איהר וועט שוין זעהן. עס איז זעהר נוט, וואס איהר האט אלעס אזוי גענוי בעמערקט.

דער ווירטה האט אנגעקוקט זיין גאסט מיט ערשטוינען. ער איז פאר איהם פארגעקומען גאנץ נאריש.

ער האט יעצט אבגעפיהרט קלעמענס צו זיין צימער, אין דעם זעלבען צימער אין וועלכען דער יונגער מאן האט געוואהנט.

באלד וויא קלעמענס איז געוועזן אליין האט ער גאנץ שארף ארומגעקוקט אלע ווינקעלעך. ער האט געהאפט צו געפינען עטוואס וואס זאל איהם פיהרען צו א ריכטינען שפור, אבער דערמיט האט ער זיך גענארט.

עס וואר מיטאג צייט און דער ווירטה איז געקומען פרעגען אויב קלעמענס וועט נעהמען עסען.

— איך האב יעצט קיין צייט צו עסען. איך מוז באלד אוועק.

אַלס דער ווירטה איז ארוים האט זיך קלעמענס געוואָרפען אויף אַ שטוהל און האט צו זיך אליין געזאָגט:

— איז עס פילייכט געוועזען פראנץ שטאַנד אליין? עס איז מעגליך דאס ער איז געקומען נאָך בערלין אום צו זעהן זיין געליעבטע; אָבער דאַן וואָלט מרים ניט פערשוואונדען און דאס געלד וואָלט ניט געראובט ווערען. אָבער אז מרים איז זיכער געוועזען אין דיזען האָטעל, אָבער וואָס האט זיא דאָ געטאָן? זיא האט געוואָלט ריידען מיט אַ יונגען מאַן, וועלכער הייסט מענצעל? דאס עס איז ניט דער מענ־צעל וועלכען איך קען איז זיכער. קיין זאָהן האט ער ניט. וואהרשיינליך איז דאָס געוועזען אַ מאַן וואס האט זיך בענוצט מיט זיין נאָמען, זאָל עס דאַן זיין פראַנץ שטאַנד? הע, איך ווייס זאָגאר וואו מען קען זיך דעריבער ערקונדיגען, אָבער עס דויערט צו לאַנג ביז איך קום נאָך מינכען. זאָל איך טעלעגראַפירען? ניין, ניין דאָס איז געפעהרליך.

דער אַלטער האט יעצט געדאַכט און געדאַכט וואס ער זאָל טאָהן.

ענדליך האט ער דאָך געפאַסט איין ענטשלוס.

ער איז אַוועק צו הערך שמידט.

— נון, האט הערר שמידט איהם געפרעגט, האט איהר עטוואָס אויסגעפונען?

— איך ווייס שוין וואו דאָס מעדכען איז געוועזען נאַכדעם וויא זיא האט פער־לאָזען אייער געשעפט.

— נון וואו?

דער אַלטער האט יעצט דעם הערך שמידט ערצעהלט וויא ער איז געוועזען ביי הערך פינדייזען און איז פון איהם געקומען צום שפור פון אַ יונגען מאַן וועל־כער וואר אין האָטעל צום „שווארצען בער".

— יאָ, דאס איז עטוואָס, אָבער דאָך זעהר ווייניג.

— דאס איז גלייך וויא גאָר נישט! וואו איז דער יונגער מאַנן? וואו איז פריילין מעהרען?

— איהר ווערט צוגעבען הערר קלעמענס,—האט שמידט געזאָגט—דאס אייער מיטטהיילונג בעשטעטיגט מיין פערדאַכט.

— וועלכען פערדאַכט?

— דאָס מרים האט איין האַנד מיט דעם גנב.

-- אָה מאַכט זיך ניט נארריש. דיא געשיכטע איז אַנדערש, דאָס איז פערפיהרט געוואָרען.

— דאס איז א מערקווירדיגע מיינונג.

— אָבער עס איז דיא ריכטיגע.

— האט איהר א פערדאכט ווער עס האט זיא געקענט פערפיהרען?

— ניין. דאָך בלייב איך דערביי. איך האָב קיין אנדער ערקלערונג.

— וואָס דענקט איהר יעצט צו טאָהן?

— איך וועל דאס אלעס מעלדען דער פּאָליציי.

— דאס געפין איך פאר קלוג. ווענדעט זיך דירעקט צום פּאָליציי קאמיסאר סאָמער.

— וואו קען מען איהם געפינען?

— הערר שמידט האט געגעבען דעם אלטען דיא ריכטיגע אדרעססע און האט איהם געזאָגט דאס הערר סאָמער האט דיא זאכע אין זיינע הענד.

קלעמענס איז אוועק.

ער וואר שטארק צובראָכען פון דיא אלע זאכען וואָס ער האט אין בערלין ערפאהרען. וואו איז מרים? קיין געדאנק איז צו איהם ניט געקומען וואס האט איהם דאס געקענט ערקלערען.

ווער איז אויך געווען דער יונגער מאנן וועלכען מרים האט בעזוכט? קלע־מענס האט דאך ניט געוואוסט דיא אינטריגען וואס ווערען דאָ געשפּיעלט, אָבער אימער און אימער האט ער געדענקט וועגען פראנץ שטאנד.

דאס עס וואר ניט פראנץ שטאנד, וואר ער זיכער, אָבער פיללייכט וואר עס איינער וואס וואר עהנליך צו איהם? און פּלוצלונג איז איהם אריין דער געדאנק וועלכען ער האט שוין איינינע מאָל געהאט ווען ער האט געדענקט פון פראנץ'ס אונשולד. ער האט אימער צו געדאכט דאָס פראנץ שטאנד האט א דאָפּעלגעננער, א מאן וואָס זעהט אויס עהנליך צו איהם. דיעזער דאָפּעלגעננער זאָל זיין שולדיג אין יענעם פירכטערליכען מאָרד פאר וועלכען פראנץ איז פעראורטהיילט האלט געוואָרען און דיעזער איז פיעלליכט געקומען צו פערפיהרען דיא אנשטענדיגע מרים.

דאס איז געווען נאָהענט צום וועג, אָבער קלעמענס האט געזעהען אז עס קען איהם דאָך ניט פיהרען צום ציעל. יא, ווען ער וואָלט וועניגסטענס געקענט וויסען ווער דיעזער דאפּעלגעננער איז!

מיט אזעלכע געדאנקען האט ער ערררייכט דיא פּאָליציי געביידע. ער האט געפרעגט אויף קאמיסאר סאָמער אָבער ער האָט איהם ניט געטראָפען.

— ווען קומט ער? — האט ער געפרעגט.

— מיר וויסען ניט! — וואר דיא אנטוואָרט. — הייטע געווים ניט.

— האָט ער קיין שטעל־פערטרעטער ?

— יאַ.

— דאַן פיהרט מיך צו איהם.

— אין וועלכער אנגעלעגענהייט ?

— דאָס וועל איך איהם זאָגען.

— איהר מוזט אָבער זאָגען, אויך מוזט איהר געבען אייער נאמען.

— נאָ איך הייס קלעמענס, קיינער קען מיך דאָ ניט זאָ וויא זאָ.

— און אין וועלכער אנגעלעגענהייט ?

— וועגען דער גנבה ביי העררן שמידט און וועגען דאס פערשוואונדענע מעדכען.

— ווארט נור היער.

קלעמענס האט אַ לאַנגע צייט געווארט ביז מען איז צו איהם געקומען און מען האט געזאָגט :

— קומט.

אין דער טהיר, דורך וועלכער קלעמענס האט יעצט בעדארפט דורכגעהן איז געוועזן איין אויפשריפט :

„מרר. ווינטער, קרימינאַל קאָמיסאַר".

— ווינטער ? — האט קלעמענס ביי זיך געטראַכט, דיזער נאמען קומט מיר פאַר בעקאַנט- ווען ער איז עס ?

יעצט איז ער געשטאַנען פאר דעם בעאמטען, וועלכער האט איהם אָנגעקוקט.

– איהר הייסט קלעמענס ?

— צו דינען.

— זייט איהר אויס מינכען?

— יאַ, אָבער אייער געזיכט קומט מיר פאַר בעקאַנט, זייט איהר אויך אויס מינכען?

— יאַ, יאַ, איך האב מיך אַלזאָ ניט גענאַרט, איהר זייט אָנגעשטעלט ביי דעם גראף פאָן מעהרען ?

— שטימט, אָבער עס הייסט דאָס איך בין געוועזן, דען דער גנעדיגער גראף איז טויט, יעצט וויים איך אויך ווער איהר זייט, איהר זייט געוועזן אין מינכען, דער גראף....

— יאַ, דער גראף האט זיך פאר מיר אָנגענומען, איך וועל עס איהם קיין

זאָל ניט פארגעסען, אָבער יעצט וועלען מיר ריידען פון אמט, הייסט אבענד קענען מיר פלוידערען. וויא קומט איהר צו הערר שמידטס אנגעלעגענהייט, קענט איהר איהם?

— ניין.

— עס האנדעלט זיך וועגען א גנבה, האט דער קרימינאל בעאמטער גע־זאָגט און האט געקוקט אין דיא אקטען, דער פערדאכט פאלט אויף זיין פערקויפע־רין, פרייליין מעהרען.

— האט איהר פרייליין מעהרען געזעהן?

— ניין.

— אָבער איהר קענט זיא.

— איך פערשטעה אייך ניט.

— נא, איך האב צו אייך צוטרויען, ווען איהר ווילט דיא זאכע נעהמען אין אייערע הענד.

— דאס געהט ניט.

— ווארום?

— מיין קאָלעגע סאָמער האט עס שוין אין זיין האנד.

— אָבער איך מיין אז איהר קענט פריהער קומען צום ציעל.

— ווארום?

— וויל איהר קענט דיא גרעפין מרים פאן מעהרען.

— דיא גרעפין מרים פאן מעהרען? איהר מיינט אז פרייליין מעהרען און דיא גרעפין איז דיא זעלבע פערזאָן?

— יא.

— איך פערשטעה אייך ניט! — האט דער בעאמטער אויסגערופען.

— האב איך ניט דייטליך גענוג געשפראכען.

— אבער וואס איהר זאגט דא איז גאר ניט מעגליך.

— נו, ווען איך זאָל אייך זאָגען וויא דער גראף פאָן מעהרען איז ערמאָרדעט געוואָרען.

— ערמאָרדעט?

— יא, און דאן האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דיא גרעפין מרים איז גאר ניט זיין קינד און דארום קיין גרעפין —

— וואס איז זיא דען!

— דעריבער קען איך אייך יעצט ניט ערצעהלען. גענוג, איהר געליעבטער איז

פערארטהיילט געוואָרען אלס דער מערדער. ער איז יעצט אנטלאָפען, וואוהין ווייס קיין מענש. ער איז זיכער אונשולדיג, איך זאָג עס אייך אויף מיין עהרענוואָרט, דאָ איז דא א דאָפּעלגענגער וואס זעהט אויס וויא פראנץ שטאנד מרים׳ס געליעבטער.

— ערצעהלט נור ווייטער.

— אלזאָ, א מאן וואָס איז עהנליך צו פראנץ שטאנד האט דעם מאָרד בע־גאנגען און ער איז אויך דער מאַן, וואָס האט אויפגעשטעלט דיא נייע צרה.

— וויא זאָ?

קלעמענס האט יעצט ערצעהלט דעם בעאמטען אלעס וואס ער האט ער־פאהרען אין בערלין.

— דאס אלעס קלינגט וויא איין אויסגעטראכטע ערצעהלונג. ווען איך וואלט אייך ניט געקענט פערזענליך, זא וואָלט איך אייך זעהר שטארק ניט געגלויבט.

— אָבער איהר פערשפּרעכט מיר דאך צו האלטען אייער מויל? — האט קלעמענס געפרעגט.

— וועגען וואָס?

— וועגען דער גרעפין פאָן מעהרען.

— אָה, איהר ווילט עס האלטען אין געהיים. גוט, ווען אבער מיין קאלעגיע, קאָמיסאר כאָמער וועט עס ערפאהרען?

— רעדט ניט פאר איהם. איהר קענט דיא גרעפין און איהר וועט זיא זיכער געפינען.

— יא, אָבער איך דארף ניט טרעטען מיין קאָלעגע אין וועג, ער האט דיא אנגעלעגענהייט אין האנד.

— אָבער ער פיהרט דאָך גאָר נישט אויס.

— דאָס וועלען מיר זעהן. נאטירליך וועל איך הייטע טאָהן וואָס נור מעגליך.

— ווירקליך?

— געוויס!

— גאָטט זייא דאנק, אייך וועט עס שוין געלינגען, איהר זייט איממער געוועזן אזוי פעהיג. דאס האט דער גראף איממער געזאָגט, געדענקט איהר איהם?

— וואהין געהט איהר יעצט?

— אין גאסטהויז צום שווארצען בער.

— און דאַן?

— צום דאָקטאָר.

— וועץ זעהן מיר אונז?

— הייטע אבענד אכט אוהר.

— און וואו?

— אין רעסטאָראַנט.

— דאָס איז גוט.

דער אַלטער האט זיך געוואָלט ענטפערן אָבער דער קרימינאַל בעאַמטער האט איהם צוריקגעהאַלטען. ער האט פאָרגעלייגט אייניגע פראַגען וועלכע קלעמענס האט בעאַנטוואָרטעט. ער האט צו דיזען בעאַמטען געהאט א גרויסען צוטרויען, עס האט איהם געשיינט דאס דיעזער מאַן וועט געפינען ליכט אין דער דונקעלער זאַך.

— נאָך איינס, בעשטעלט דאס דיא ווירטהין פון אייער שיטצלינג זאָל זיך אויך געפינען אין גאַסט הויז צום שווארצען בער, איך מוז ביי איהר פרעגען אייניגע זאַכען. צייט געוואונען איז אַלעס געוואונען.

— דאָס איז ריכטיג, אָבער וואס טהו איך דיזרווייל, איך שטאַרב פון אונגעדולד, קען איך אייך מיט עטוואָס העלפען.

— בלייבט אין אייער וואָהנונג, דאס איעס וואָס איהר קענט טאָן, אום אכט אוהר אבענד זאָלט איהר קומען אין ראטסקעלער.

דער אַלטער האָט געדאַנקט און האט זיך ענטפערענט. ער האט זיך געפרייט וואָס ער האט הערין ווינטער דאָ געטראָפען. ער האט איהם געקענט פון מינכען, ער וואר אויך א פריינד פון זיין ערמאָרדעטען זאָהן.

דיזען ווינטער האט קלעמענס יעצט פערטרויט וואָס ער וואָלט קיין מענשען ניט ערצעהלט.

פון פּאָליציי געביידע איז קלעמענס אוועק צום יונגען דאָקטאָר און האט איהם געזאָגט דאָס ער דאַרף בלייבען צו הויזע, ווייל דער קרימינאַל בעאַמטער ווינטער וועט איהם באַלד בעזוכען. דער דאָקטאָר האָט איהם אָנגעקוקט ערשטוינט.

— ווייסט איהר שוין עטוואָס?—האט דער דאָקטאָר איהם געפרעגט.

— נאָך ניכטס, אָבער איך האָב יעצט האָפנונגען. ערצעהלט נור אַלעס דעם בעאַמטען.

פון דאָקטאָר איז קלעמענס אוועקגעגאַנגען צו מרים'ס ווירטהין, וועלכער ער האט מיטגעטהיילט זיא זאָל זיך געפינען אין האָטעל צום „שווארצען בער".

פון דאָרט האט ער זיך בעגעבען אין גאַסט הויז וואו ער האָט דעם

קרימינאל בעאמטען שוין געפונען. עס האט לאנג ניט געדויערט און דיא פרוי ביי וועלכער מרים האט געוואהנט איז אויך געקומען. הערר ווינטער האט איהר אויסגע־פרעגט וועגען דיא קליידער וואס מרים האט געטראגען און וואו זיא האט פריזירט איהרע האאר. דאן האט ער דיא פרוי ענטלאסען און האט זיך בעגעבען צום דאק־טאר פינדייזען.

ווינטער האט זיך דערמיט קיין לייכטע זאך אונטערנומען, דען ער האט גע־מוזט רעכענען אויף דער פיינדשאפט פון צווייטען קאמיסאר, וועלכער וואר בע־קאנט פאר איין עהרע־גייציגען מאן. ער וואר קלוג גענוג צו בעריכטען דיא זאכע צום העכערען בעאמטען, הערר ראטה, און האט פון איהם ערהאלטען דעם אויפ־טראג ער זאל פארלויפיג ארבייטען אין דיעזער אנגעלעגענהייט. מארגען מוז ער עס אבער וויעדער איבערגעבען דעם קאמיסאר סאמער.

אבער דאך האט ער דארין פלייסיג געארבייט. ער האט דיעזער מרים איי־ניגע מאל געזעהן. ער האט דיזע שעהנע מיידעל ניט געקענט פארגעסען. ווען ער זאל זיא געפינען וועט ער אם וויינינגסטענס אבדינען דעם גראף פאר דיא גוטעס וואס ער האט מיט איהם געטאן.

נאכדעם וואס קלעמענס האט איהם ערצעהלט האט ער אויך געגלויבט דאס פראנץ שטאנד איז אונשולדיג און איינער וואס זעהט אויס וויא דער פראנץ טרייבט דיעזע אלע זאכען.

פאר דעם קרימינאל בעאמטען זיינען דא געבליבען בלויז צוויי זאכען צו דענקען.

ענטוועדער איז מרים דיא גנב׳טע, און זיא איז מיט איהר פערבינדעטען שוין לאנג אנטלאפען. עס איז גאנץ אונמעגליך צו דענקען דאס מרים זאל ווערען א גנב׳טע, אבער עס קען זיין, אז דער יונגער מאן וואס זיא האט בעזוכט אין האטעל איז געוועזן פראנץ שטאנד, וועלכער האט בעדארפט אנטלויפען און האט ניט געהאט מיט וואס און אויס ליעבע איז זיא בעגאנגען דעם פערברעכען און מען קען דענקען דאס זיא איז מיט איהר געליעבטען אנטלאפען.

אדער מרים האט דאס געלד ניט געשטאהלען, זאנדערן דער מאן וואס איז עהנליך צו פראנץ שטאנד האט זיא פערנארט אין האטעל און האט זיא געגען איהר ווילען פערפיהרט.

ווינטער וואר געניינט צו גלויבען אין דעם צווייטען פאל. פון דעם האטעל בעזיצער האט ער נאך ערפאהרען דאס דער יונגער מאן מענצעל און מרים האבען

זיך אריינגעזעצט אין א דראָשקע. דיזע דראָשקע האט ער יעצט געוואָלט אויפזוכען.

ער איז דארום אוועק אין פאָליציי הויז און האט ארויסגעשיקט איינינע געשיקטע דעטעקטיווס זיי זאָלען אויפזוכען דיא דראָשקע.

ער אליין האט זיך אויך בעגעבען צום פלאטץ וואו דיא דראָשקעס ארום האָטעל זיינען געשטאנען. בלויז איין איינציגע האט ער דאָרט געפונען.

— זייט איהר פאָרנעסטערן אבענד דאָ געשטאנען? — האט ער געפרעגט דעם קוטשער.

— צו וועלכער צייט?

— צווישען אכט און ניין אוהר.

— יא, איך בין דאָ געווען.

— ווען האט איהר דיזען פלאטץ פערלאסען?

— נאָך אכט.

— וועמען האט איהר געפיהרט?

— א העררען און א דאמע.

— האָט איהר געזעהען פון וואנען זיי זיינען אורים.

— יא, פון דער ק. שטראסע.

— ווארען זיי יונג אָדער אלט.

— נאָך זעהר יונג.

— האָבען זיי געמאכט דעם איינדרוק פון פערליעבטע?

— יא.

— איז אייך עטוואָס אויף זיי אויפגעפאלען?

— ניין.

— האָבען זיי פיללייכט געזוכט מען זאָל זיי ניט זעהן?

— דאס האט מיר אזוי געשיינט.

— וויא האט דער יונגער מאן אויסגעזעהן?

— מיטעל גראס, מיט א שלאנקע פיגור.

— וואר ער בלאנד?

— יא.

— האָט ער א באָרד?

— יא.

— וויא וואר ער געקליידעט?

— ער האט געטראָגען א לאַנגען אייבערציהער.
— וואר זיין קראַגען אָנגעשטעלט?
— יא. ער האט אויך געטראָגען א ברייטען העט טיף אויפ'ן שטערען.
— וואר דיא דאמע בלאנד אָדער ברונעט?
— בלאָנד, זיא האט שעהנע לאָקען.
— וואר זיא פערשלייערט?
— יא, אין א שווארצען שלייער.
— איהר הוט?
— א קליינע איינפאבע הוט, נור איהר ווייסט דאָך, דאָס אזוי גענוי קען מען זיך ניט צוקוקען. איך האב אָבער דעם יונגען מאַנן צופעליג ווידער געזעהן.
— נאָך אין דערזעלבער נאַכט?
— ניין. עס וואהר אין דער פריה.
— האלט, וויא וואר דיא דאמע געקליידעט?
— יא. זיא האט געטראָגען א שווארצע קלייד און אויף איהר א ברוינעם יאַקעל. איך האב געדאכט, אז זיא מוז פריהרען.
ווינטער וואר איבערצייגט דאס דיזע פּאאר וואר מרים און דער מאַן, וואס האט זיא פערפיהרט.
— וואוהין זיינען זיי געפאָהרען?—האט ער יעצט געפרעגט.
— נאָך דער פּאָסטדאמער באהן.
— זיינען זיי געפאָהרען גלייך אהין?
— יא.
— און דאָרט?
— זיינען ביידע אויסגעשטיגען.
— האט דער יונגער מאַן בעצאָהלט פאר'ן פאָהרען אָדער נאָכן פאָהרען?
— פאר'ן פאהרען.
— וועט איהר זיי ביידע קענען ווידער ערקענען?
— איך דענקע.
— ווען זייט איהר אָנגעקומען צום באהן?
— אום דריי פיערטעל אויף ניין.
— ווארען זיי ענגסטליך אלס זיי האבען אויסגעשטיגען?
— מיר האט עס אזוי געשיינט, אָבער איך האב אויף דעם מעהר ניט גע־אַכטעט, וויל דיא מייסטען געסט זיינען אזוי.

— איהר האט געזאָגט אז איהר האט דעם יערון ווידער געזעהן?

— יא.

— ווען?

— אם פיער אוהר מאָרגענס.

— וואו?

— גראדע ביי פאסדאמער באהן.

— און ער האט אייך צוגערופען?

— יא, ער איז מיר נאָכגעלאָפען און האט מיר נאכגעשריען.

— האט ער אייך ערקענט?

— עס שיינט, אז ניט.

— אָבער איהר האט איהם זאָ פאָרט ערקענט, ניט וואהר?

— געוויס, איך קען שווערען.

— וואוהין האט איהר איהם געפיהרט?

— צום לאַנדסבורגער טויער.

— דאָרט איז ער אויסגעשטיגען? האט איהר געזעהען וואוהין ער איז אריין?

— דאס קען איך ניט זאָגען. עס וואר פינסטער און ער האט מיך ניט אינטערעסירט.

קאמיסאר ווינטער האט אראָבגענומען דעם נומער פון דיזער דראָשקע און האט דאן צו איהם געזאָגט:

— ווען אייך ווערט זיך מאכען דיעזען יונגען מאן נאָך א מאָל צו זעהן, זאָ זאָלט איהר צורופען א פאליציסט און לאָזען איהם פערהאַפטען.

יעצט איז ווינטער אוועק צום באהן און האט אויפגעזוכט דעם מאן וואָס האט פארגעסטערן אבענד אום אכט אוהר פערקויפט דיא בילעטען.

פון איהם האט ער ערפאהרען, דאס דיעזער יונגער מאנן, וועלכען ער האט פאר איהם געשילדערט, האט געקויפט צוויי בילעטען, איינעם נאָך האמבורג און איינעם נאך שפאנדוי.

פון דעם בילעט פערקויפער איז ווינטער אוועק און האט אויסגעזוכט דעם קאנדוקטאָר וואס האט צו יענער צייט געארביט אויף'ן באהן.

דעם קאנדוקטאר וואר שווער צו געדענקען דיא פאסאזשירען, אבער גראדע דיא פאאר פאָלק איז איהם געוואָרען אויפפאלענד און ווען ווינטער האט איהם געשילדערט זייער אויסזעהן האט ער זיך עראינערט, אז זיי זיינען געזעסען צוזאמען און האבען געהאט צוויי בילעטען, איינעם נאך האמבורג, דעם צווייטען יאָך

שפאנדוי. ער האט דאס געדענקט, ווייל אין דיזען וואגאָן זיינען געזעסען נור רייזענדע נאך האמבורג. דיא שפאנדויער פאססאזשירען זיינען געזעסען אין איין אנדער וואגאָן, אבער ער האט פאר זיי געמאכט איין אויסנאהמע, ווייל ער האט געדע־כענט, אז איינער בעגלייט דאָ דעם צווייטען אַ שטיק וועג, וויא עס טרעפט זעהר אָפט.

— אלס דער צוג איז אָנגעקומען אין שפאנדוי, ווער פון זיי איז אויסגעשטי־גען, דער הערר אָדער דיא דאמע?

— ביידע.

— ווייסט איהר עס גענוי?

— גאנץ בעשטימט.

— אבער איינער פון זיי איז ווידער איינגעשטיגען?

— ניין.

— פיללייכט אין איין אַנדער וואגאָן?

— דאַן וואלט איך עס געוואוסט.

— וויא אזוי?

— דער צוג בלייבט דארט אַ קורצע צייט, און זעהר ווייניג פאססאזשירען זיינען אראָפּ אין שפאנדוי אָבער קיינע זיינען דארט ארויף.

— עס איז אַלזאָ מעגליך, דאס איינער פון זיי איז געפאהרען מיט אַ שפּעט־טיגען צוג.

— דאס קען מען זאָפאָרט ערפאהרען, דען דער בעאמטער פון דער סטאציאָן מוז אויף דעם בילעט אויפשרייבען ווען דיא רייזע איז אָבגעבראָכען געוואָרען און אזוי וויא דיא בילעטען מוזען נאכדעם אבגעגעבען ווערען אין הויפּט קווארטיר זאָ קען מען אויסגעפינען אויב אזא בילעט איז אויינגעקומען אָדער ניט.

— איז אייך עטוואָס אויפגעפאלען אויף דיא צוויי פּערזאָנען?

— ניין.

— האט איהר אין זיי בעמערקט א פּאאר געליבטע?

— דאס שיינט אזוי צו זיין.

— האט איהר בעמערקט אויב זיי האבען געשפּראָכען צוזאמען?

— ניין, זיי האבען געשוויגען.

הערר ווינטער האט גענומען דעם קאנדוקטאָרס נאמען און אדרעססע און האט זיך דאן ענטפערנט.

ער איז אוועק נאך דער הויפּטקווארטיר אום נאכצוזוכען דעם בילעט, וועגען

וועלכען דער קאנדוקטאָר האט איהם ערקלערט אָבער ער האט דאָרט אזא בילעט ניט געפונען.

ער איז דארום אוועקגעפאהרען נאך שפאנדוי און דער דאָרטיגער באהן בעאַמטער האט איהם געענטפערט דאס ער האט ווירקליך אונטערשריבען א ביי־לעט, וואס איז געוועזן נאך האמבורג, נור דער פאססאזשיר האט דיא רייזע אונטערבראָכען.

— וואר עס א העררר אָדער א דאמע?

— א דאמע.

— ווייסט איהר עס גאנץ גענוי?

— גאנץ גענוי, אזא שעהנע דאמע פערגעסט מען ניט אזוי שנעל.

— וואר זיא אזוי שעהן?

— דאס געזיכט וואר פערשלייערט, אבער איהרע בלאנדע לאקען זיינען א זעלטענהייט.

נאכדעם וויא דער באהן בעאַמטער האט געשילדערט דעם גאנצען אויסזעהן פון דער דאמע האט הערר ווינטער מעהר ניט געקענט צווייפלען דאס זיא וואר מרים מעהרען.

ער האט זיך שנעל אריינגעזעצט אין א וואגאָן און איז געפאהרען, צוריק נאך בערלין און וויא ער איז נאך בערלין אָנגעקומען האט ער זיך בעגעבען אין ראטס קעלער, וואו דער אַלטער קלעמענס האט איהם ערוואַרטעט.

— שוין לאנג היער?

— געוויס. האט איהר עטוואס ערפאהרען?

דער קאמיסאר האט דעם אַלטען מיטגעטהיילט דעם רעזולטאַן פון זיין פאָרשונג.

— ווערט איהר דיזען שפור וויטער פערפאָלגען?—האט קלעמענס געפרעגט.

— דאס קען איך ניט.

— ווארום?

— צוליעב מיין קאָלעגע.

— דער טייפעל זאל דעם קאלעגע האפען, איהר האט אין איין טאג אזוי פיעל אויפגעטאָן?!

— איך קען עס אבער ניט העלפען, אָבער איהר דארפט וויסען דאס הערר האמער איז א טיכטיגער מאן, איך וועל איהם מיטטהיילען דעם רעזולטאט פון

מיין פארשונג, און איך ראטה אייך איהר זאָלט איהם אויך אלעס ערצעהלען, בע־האלט פון איהם קיין זאך, עס איז פיעל בעסער אזוי.

— נון גוט, איך וועל טאן וויא איהר ראטה מיר. איך דאנק אייך דערוויילע. האט איהר א בעגריף וואו מרים קען זיך יעצט געפינען.

ווינטער האט געצויגען מיט דיא אקסלען.

— דאס איז שווער צו זאגען און עס וואָלט אויך געווען אומזיסט צו זאגען יעצט דעריבער מיינונגען, איך קען אויך מעהר ניט טאָן דען ווען איך וועל זיך מי־שען מיין קאלעגע אין וועג וועט עס נאך שאדען.

מיט דיזע ווערטער האט ער זיך אויפגעהויבען.

— איהר ווילט שוין געהן?

— איך מוז.

— וואוהין?

— דאס קען איך אייך ניט זאגען. קומט מאָרגען פריה אום צעהן אוהר און לאָזט זיך מעלדען פאר הערען סאמער, איך וועל דאָרט אויך זיין צו יענער צייט.

— גוט, איך וועל קומען.

— דיאביידע מענער האבען זיך גערייכט דיא הענד, הערר ווינטער איז אוועק אבער קלעמענס איז נאך געבליבען זיצען ביי זיין ביער.

ענדליך האט ער זיך אויפגעאויבען און איז אוועק אין זיין האטעל, דאָרט האט ער זיך אוועקגעזעצט און האט אויפגעשריבען א בריעף צו דער גרעפין העדוויג אין קלעאָפּאטרא. ער האט עס געהאלטען פאר זיין פפליכט איהר מיטצוטהיילען פון מרים׳ס פערשווינדען, דען האט ער געהאָפט דאס העדוויג קען איהם מיטטהיילען וועגען פראנץ שטאנד.

איהם איז געווען שווער אזא בריעף צו שרייבען, ווייל ער האט געמוזט שריי־בען פערשטעלט. דאך האט ער געהאָפט דאס מרים וועט זיין שרייבען פערשטעהן.

— אך וואס וועט העדוויג צו אזא בריעף זאגען?

ער האט פאר איהר ענטדעקט אלעס וואס אין בערלין האט זיך אָבגעשפילט און האט אויך אויסגעדריקט זיין מיינונג דאס א מאן וואס זעהט אויס וויא פראנץ שפיעלט דאָ א ראָלע.

וויא ער האט דעם בריעף פערפערטיגט איז ער אוועק אויפ׳ן פּאָסט און האט דעם בריעף פערזענדעט.

עס וואר שוין שפעט, דאן וואר דאס לעבען אין דער גרויסער שטאדט נא

אין פאַלען נאַנג, קלעמענס האט זיך דארין פאראינטערעסירט און האט זיך אַרומ־געטריבען פון גאס צו גאס.

פלוצלונג איז ער געקומען צו א גרויסען געזעמעל פון מענשען.

געשרייען און קללות האבען געהילכט אין זיינע אויערען.

עס האט געשיינט, דאס א שלעגעריי נעהט פאַר און דיא פאליציי וואר וואהרשיינליך בעשעפטיגט צו פערהאפטען דיא רוהע שטעהרער.

וואס ווייטער זיינען אָנגעקומען מעהר מענשען. באלד איז דער אלטער גערטנער אויך געווען אריינגעמישט אין דער מאסע.

— נא, וואס גיבט עס דען איינענטליך?—האט ער געפרעגט א יונגען מאַן.

— א געשלעג, איהר זעהט דען ניט?—האט דער יונגער מאַן געענטפערט.

פלוצלונג האט א יונגער מאַן גענומען מאכען א וועג דורך דער מאסע. ער האט געשיינט ניט צו געהערען צו דיא וואס האבען זיך בעטהיילינט אין געשלעג, ער איז אויך פערשלעפט געוואָרען מיט דעם פובליקום.

יעצט איז ער גראדע צונעפאלען צו קלעמענס און האט איהם מיט דער האסט געגעבען אזא זעטץ דאס קלעמענס האט ניט ווילענדיג אויסגעשריען פאר וועהטאַג.

קלעמענס האט געהאט חשק צו חאפען דיזען יונגען מאַן און אָברעכבענען זיך מיט איהם, אָבער וויא דער יונגער מאַן האט איהם דערזעהן האט ער זיך גע־נומען שפארען מיט מעהר קראפט.

— פערדאמט!—האט קלעמענס געמורמעלט, דיזער יונגער מאַן קומט'מיר פאַר זעהר בעקאנט.

ער האט איהם יעצט גענויער בעטראכט, ריכטיג. א דונקעלער הערבסט איבערציהער, א שווארצע ברייטע העט, בלאנדע האאר. צום טייפעל, עס איז דער זעלבער, דער......

— האלט! האלט! האלט! האט קלעמענס געשריען און האט זיך געלאָזט לויפען נאָך דעם יונגען מאַן אין דעם גרויסען געדיכטען פובליקום.

דער יונגער מאַן, וועלכער האט אויסגעזעהן ריכטיג וויא דער וואס האט פער־פיהרט מרים מעהרען, לויט דיא שילדערונג פון דאקטאר פינדייזען און דעם האטעל בעזיצער, האט יעצט גענומען נאָך שטארקער לויפען. ער האט געשטויסען דיא מענשען רעכטס און לינקס, ביז ער האט זיך אין גאנצען בעפרייט און יעצט איז ער געלאָפען מיט אלע קרעפטען.

קלעמענס איז געלאָפען הינטער איהם.

— האלט! האלט?—האט ער געשריען מיט אלע קרעפטען. א דיעב!

דיזע געשרייען האבען ארויסגערופען נאך מענשען, וועלכע האבען זיך בעטהייליגט אין דעם געלאף.

קלעמענס האט זיך אין קיין זייט ניט אומגעקוקט, ער האט געהאלטען זיינע אויגען אויף דעם מאן. פלוצלונג האט ער זיך אבער פערטשעפעט און איז געפאלען צו דער ערד.

קלעמענס האט ניט בעמערקט וויא א פיין געקליידעטער מאן, וועלכער איז מיט איהם נאכגעלאפען, האט אונטערגעשטעלט א פוס אום קלעמענס זאל פאלען.

ביז קלעמענס האט זיך אויפגעהויבען איז דער מאן פערמישט געווארען אין דעם פובליקום און איז אריין אין א רעסטאראנט איידער דער אלטער האט זיך ארומגעקוקט.

אלס ער איז יעצט געזעסען ביין טיש און האט געטרונקען דיא ביער, האט געשוועבט א שמייכעל איבער זיין געזיכט.

— צום טייפעל—האט ער צו זיך אליין געמורמעלט, — ווער האט דאס היער ערווארטעט דעם אלטען קלעמענס? וואס האט איהם געקענט בריינגען נאך בערלין, אבער מיט וואס האט ער ערקענט מיין קאמעראד? נא ער איז שוין גליקליך אנטלאפען אבער איך מוז יעצט זיין פארזיכטיג. דיזער אלטער קען ערקענען א מענשען זאגאר ווען ער איז גוט פערקליידעט! איך בין נייגעריג צו וויסען אויב ער האט ערפאהרען אז מרים איז פערשוואונדען. אה איך פערשטעה, דער האטעל בעזיצער האט געמוזט אויספלוידערן און דיא פאליציי האט זיכער א שפור. גוט, מען מוז יעצט זיין פיעל פארזיכטיגער.

דער מאן וואס האט דיעזעס גערעדט וואר קיין אנדערער וויא דער אמעריקאנער מר. וועלער, וואס האט זיך גערופען ארטהור מענצעל, אבער וואס האט אין אמת'ן געהייסען הערזאלכע. ער האט בעצאהלט פאר זיין ביער און איז אוועק.

וויא מענצעל האט ריכטיג בערעכענט, איז אטטא באלקע, דער מאן וועמען דער גערטנער קלעמענס האט פערפאלגט ווירקליך אנטלאפען.

קלעמענס האט פרובירט דורכלויפען איינינע גאסען אבער באלד האט ער זיך איבערצייגט, אז זיין מיהע איז אומזיסט און ער האט אויפגעגעבען דיא יאגד.

איין זאך ווארד איהם יעצט זיכער, דאס דער יונגער מאן וואס האט מרים'ן פערפיהרט געפינט זיך נאך אין בערלין.

מיט א מיעדען קערפער און איין אויפגערעגטע הארץ איז ער אוועק אין זיין האטעל און האט זיך געלייגט שלאפען.

אויף מאָרגען איז ער אויפגעשטאנען בעצייטענס און האט זיך בעגעבען אין פאָליציי הויז.

ער איז באלד פאָרגעפיהרט געוואָרען צום פאליציי קאמיסאר סאמער, וועלכער איז געזעסען צוזאמען מיט דעם קאמיסאר ווינטער.

— מיין קאלעגע האט מיר ערצעהלט פון אלעס! — האט סאמער געזאָגט. נור איינינע פראגען וואָלט איך אייך וועלען שטעלען. האט דיא געוועזענע גרעפין פאן מעהרען א צייכען אויף איהר קערפער.

— ניין.

— דאס איז איהר פאָטאָגראפיע, ניט וואהר?

— יא.

— ווען איז פראנץ שטאנד אנטלאָפען?

— אומגעפעהר פאר אכט טאג צוריק, זאָ גענוי קען איך עס ניט וויסען.

— איהר דענקט דאס ער איז אהער געקומען אום פרייליין מעהרען צו בעזוכען?

— ניין דאס גלויב איך ניט, אָבער איך גלויב אז אנאנדערער, איינער וואס זעהט אויס וויא ער, איז דאָ געוועז.

— יא, יא, מיין קאלעגע האט מיר אלעס ערקלעהרט, דאס קלינגט אָבער צו ראָמאנטיש, אָבער מעגליך איז עס יא. איך וועל דיא זוכונגען פאָרטזעצען אין דער ריכטונג וואס מיין קאלעגע האט אָנגעפאנגען. האט איהר מיר נאָך עטוואָס מיטצוטהיילען?

— יא. איך האב איהם געזעהן.

— וועמען?

— מרים׳ס פערפיהרער.

— ווען?

— נעכטען אבענד.

— וואו?

— אין דער שטראסע.

— אין וועלכער?

— דאס קען איך אייך ניט זאָגען, איך בין דאָ א פרעמדער.

— דאס איז שווער, אָבער ערצעהלט מיר וויא איז דאס אלעס געשעהן.

קלעמענס האט אלעס ערצעהלט, וועהרענד סאמער האט גענומען נאטיץ פון

אלעס, וואס ער האט איהם ערצעהלט.

— וויא לאנג וועט איהר זיך אויפהאלטען אין בערלין?

— ביז איך וועל וויסען וואס מיט פרייליין מעהרען איז געשעהן.

— איהר וואהנט אין שווארצען בער?

— יא.

— גוט, אזוי שנעל וויא איך וועל עטוואס ערפאהרען וועל איך עס אייך מיטטהיילען. יעצט איז עס פערטיג.

דער אלטער האט פערשטאנען אז ער דארף געהן. ער האט זיך פערנייגט און איז אוועק.

אונצופרידען איז קלעמענס אוועק צוריק אין האטעל. הערר סאמער איז איהם ניט געפעלען געווארען. אויך העררווינטער איז הייטע געוועז אנדערש וויא נעכטען.

צוויי טעג זיינען אוועק און קלעמענס האט פון מרים'ן גארנישט געהערט.

ער האט גאנץ ערנסט אנגעפאנגען צו ווערען אונרוהיג. אויך פון קלעאפאטרא האט ער קיין אנטווארט ערהאלטען.

זאל דיא גרעפין זיין איין האנד מיט דיא פערפיהרער?

אלס דער דריטער טאג איז אוועק און קיין אנטווארט איז נאך אלץ ניט געקומען, האט ער זיך בעשלאסען צו דעפעשירען.

נאך א מאל האט קלעמענס געמוזט דענקען אז העדוויג איז פערמישט אין דעם סקאנדאל. ניט ווילענדיג האט ער אויך גענומען דענקען פיללייכט איז אטטא, העדוויגס געליעבטער אין דעם אויך פערמישט.

קלעמענס האט געוואוסט דאס העדוויג האט א געליעבטען, א געוויסען אטטא. ער האט זייביידען א מאל געזעהן אין גארטען. אטטא'ס געזיכט האט ער נ ט גוט געקענט ווייל עס ווער נאכט. אבער ער האט געהערט וויא זיא האט איהם ערופען ביי דיינזען נאמען.

וויא איז ווען דיזער אטטא איז דער דאפעלגענגער פון פראנץ שטאנד? — האט ער זיך געפרעגט.

אבער באלד האט ער דיזען געדאנק אוועקגעווארפען. עס האט געשיינט צו זיין צו פיעל פאנטאסטיש.

אלס ער האט אזוי געטראכט, האט זיך געעפענט דיא טהיר און א בריעף טרעגער איז ערשינען.

קלעמענס האט זיך געפרייט. ענדליך האט ער דעם אנטווארט, אבער באלד

איז זיין פריידע פערשוואונדען, דען עס וואר קיין אנטוואָרט פון דער גרעפין, זאָנ־דערן זיין בריעף, וועלכען ער האט צו איהר געשיקט איז צוריק געקומען.

דער בריעף טרעגער האט איהם באַלד ערקלערט דיא אורזאכע. דער בריעף וואר אדרעסירט א׳ן דער גרעפין העדוויג פאן מעהרען, קלעאָפּאטרא, בייערן: און דער פּאָסט איז ניט בעקאנט אזא אָרט וויא קלעאָפּאטרא.

קלעמענס האט זיך געביסען דיא פינגער. ענדליך האט ער בעשלאָסען אויפ־צושרייבען אויף דיעזער אדרעסע דעם וואָרט רעגענבסבורג.

אָבער באַלד האט ער חרטה געהאט. קלעמענס וואר אבערגלויביש, ער האט אין דעם נעזעהן א צייכען דאס ער דארף ניט שיקען דעם בריעף און דאס העדוויג דארף ניט וויסען וואס דאָ איז געשעהן.

ער האט דעם בריעף פערשלאָסען אין זיין רייזענטאאש וואו ער האט געהאַל־טען זיין טאָגעבוך און איז געבליבען ווארטען אויף א נאכריכט פון קאמיסאר כאָמער......

עס זיינען אוועק איינינע טעג.

אַלס קלעמענס האט קיין נאכריכט נעהאָט פון פּאַליציי קאמיסאר איז ער אַליין צו איהם אוועק.

העדר סאמער האט איהם אויפגענומען גאנץ קאַלט. ער האט איהם ערצעהלט דאס אלע נאכפאָרשונגען ווארען אָהן ערפאָלג און דאס דיא מיינונג אז מרים איז פערפיהרט נעוואָרען גענען איהר וואונש וועט צו קיין רעזולטאַט ניט פיהרען.

— וויא מיינט איהר דאס ?—האט קלעמענס געפרעגט.

— איך מיין אז מרים מעהרען האט גע׳גנב׳עט דאס געלד.

— וויא ?—האט דער אַלטער אויסגעשריען. — איהר וואגט צו פערדעכטיגען דיא געוועזענע גרעפין.

העדר סאמער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל.

— האַלט זיך דאָ אנשטענדיג! איך האָב אייך דאָך געזאָגט דאס מען וועט אייך בענאַכריכטען, ווען מען וועט עטוואָס ערפאהרען.

— דער טייפעל זאָל ווארטען, ניט איך! — האט קלעמענס אויסגערופען. — ווען איהר ווילט ניט טאָן אייער פפליכט דאַן דארף עס איין אנדערער טהאָן.

— העדר קלעמענס!

— יא, אזוי הייס איך! אייער קאַלענע האט אין איין טאָג מעהר אויפגע־טאָן אַלס איהר אין אַכט טאָג. אַזעלכע קאַליקעס וויא איהר גיבען גענוג אין בערלין.

— דאס איז פאר מיר צו שטארק!

— שטארק אָדער ניט, איך פערלאַנג מיין רעכט!

הערר סאמער איז געוואָרען בלייך וויא קאַלך, ער האט געפיהלט דיא בע־ליידיגונג פון דעם באַירישען פראָסטען מאַן, דען ער האט דערביי עטוואָס אַנדערש פערשטאַנען.

— געהט אייך אייער וועג. איהר זייט ענטלאסען!

— איהר האט מיך גאָר נישט צו ענטלאסען! — האט דער אַלטער מאַן געשריען.

— נעהט אייך!

— ניין איך געה ניט!

יעצט איז הערר סאמער אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צום טהיר.

— סאַנטער!

אַ פּאָליציי דינער איז ערשינען.

— הערר קאַמיסאר?

— פיהרט אָב דיזען מאַן אין קעלער.

סאַנטער האט זיך יעצט געווענדעט צום גערטנער.

— קומט מיט מיר, עס העלפט ניט, איהר מוזט געהן.

קלעמענס האט ווירקליך איינגעזעהן דאס ער קען זיך ניט שטעלען געגען דעם פּאָליציסט און ער איז דארום מיט איהם געגאַנגען.

נאָך עטליכע שטונדען האט זיך דיא טהיר פון זיין צעלע געעפענט און קלע־מענס איז פאָרגעפיהרט געוואָרען פאר אַ העכערען בעאַמטען.

— הערר סאמער האט אָנגעצייגט דאס איהר האט זיך געגען איהם זעהר אונאַנשטענדיג אויפגעפיהרט. היער איז דיא קלאַגע געשריבען, האט איהר עטוואָס צו זאָגען דאגעגען? — האט דער בעאַמטער איהם געפרעגט.

— נו, וואס זאָל איך אייך זאָגען, דער מאַן האט מיך אויפגערייצט.

— מיט וואס?

— דערמיט וואָס איך ווארט פון טאָג צו טאָג אויף אַ נאַכריכט פון דיזען קאַמיסאר און דערמיט וואס איך זעה דאָס דער בעאַמטער טהוט ניט וואָס ער דאַרף.

— דאָס איז ניט פאר אייך צו אורטהיילען. איהר האט קיין רעכט געהאַט צו בעליידיגען דעם בעאַמטען, איך וועל אייך דערפאַר בעשטראָפען מיט אַכט טאָג

ארעסט. זייט איהר דערמיט צופרידען אָדער איהר פערלאַנגט א פראָצעס?

— קען איך עס ניט אָבמאַכען מיט געלד?

— ניין.

— און ווען איך נעהם עס ניט אָן?

— דאַן בלייבט איהר אין האפט ביז דיא געריכט וועט ענטשיידען. איהר האט אליין געזאָגט דאס איהר האט היער קיין היים און דארום קען איך אייך ניט ענטלאַסען פון געפענגנענשאפט.

קלעמענס האט זיך געביסען דיא ליפען. נאָך א לאַנגען טראַכטען האט ער אָנגענומען דיא שטראפע און האט נור געבעטען צו מעלדען דעם ווירטה פון זיין גאַסט הויז ער זאָל פאר איהם האַלטען זיין צימער.

דאָס וואַרען פאר איהם אכט שווערע טעג.

ענדליך וואר דיא שטראפע צו ענדע. קלעמענס איז בעפרייט געוואָרען. אלס ער האט פערלאַסען דיא פאָליציי הויז האט ער בעגעגענט דעם הערן ווינטער.

דיזער האט איהם געגריסט.

— האט איהר א שטונדע צייט, הערר קלעמענס? — האט דער בעאַמטער איהם געפרעגט.

— גאַנץ געוויס. אין ראַטס קעלער?

— גאַנץ רעכט. ווארט דאָרט אויף מיר.

קלעמענס איז אהין אַוועק און האט געוואַרט. הערר ווינטער איז געקומען צו דער ריכטיגער צייט.

— נא, דאס וואר א שעהנע געשיכטע! מען האט מיך איינגעשפארט אייף אכט טאָג!

ווינטער האט געשמייכעלט.

— איהר זייט געוועזן אונפאָרזיכטיג. א מאַן וויא איהר דארף וויסען וואס א פאָליציי הויז איז. עס איז אָבער פאָראיבער, איהר האט גאַנץ קלוג געטאָן וואס איהר האט אָנגענומען דיא שטראפע אָהן פראָצעסען. עס האט געקענט זיין ערגער.

— וואָס נאָך ערגער?

— געוויס. דאס געריכט האט פון דיא אכט טאג געקענט מאכען דריי וואָכען און דערצו געבען אייך צו בעצאָהלען דיא קאָסטען. האט איהר געשפראָכען מיט מיין קאָלעגע סאָמער?

— מיט איהם? — האט קלעמענס אויסגערופען מיט פערהאַכטונג, מיט איהם זאָל איך רעדען?

— ער האט עס אָבער אין זיין האַנד.

— ניט איין איינציגען שריט וועל איך מאַכען צו דיזען פושער! איהר זייט אַ גאַנץ אַנדער מענש! נו איהר מוזט דאָך וויסען וואס עס הערט זיך.

— ליידער.

— איהר האט נאָך גאָר נישט אויסגעפונען?

— ניכטס!

— ווייסט איהר דאס איך געטרוי ניט דעם הערן סאַמער.

— שטיל מיין פריינד, איהר דאַרפט אַזאַ זאַך ניט זאָגען און ווען איהר זייט ניט פאָרזיכטיג קענט איהר דערפאר שווער בעשטראַפט ווערען.

— אָבער מיר קומט אַלעס פערדעכטיג פאָר!

— נאַררישקייט, מען קען מיט גוואַלד קיין זאַך ניט מאַכען.

— איך בלייב דאָך דערביי. איהר זייט געווען פיעל פעהיגער דערצו. קענט איהר עס איבערנעהמען?

— ניין.

— אָבער וואָרום ניט?

— איך האב אייך שוין געזאָגט, דאס הערר סאָמער איז דערמיט אַנפער־טרויט געוואָרען און איך קען עס דארום פון איהם ניט צונעהמען.

— פיללייכט קענט איהר עפּעס טאָן אין געהיים?

— דאָס געהט ניט. עס איז געגען דיא שבועה וואס מיר גיבען.

— אָבער איהר זעהט דאָך, דאס אייער קאָלעגע קען גאָר נישט אויפטאָן.

— מעגליך דאס איך וואָלט אויך קיין ערפאָלג געהאַט.

— ניין איך בין זיכער, אַז איהר וואָלט שוין לאַנג געפונען די אַרמע מעדכען. עס זיינען שוין פערצעהן טאג פאראיבער זייט מרים איז פערשוואונדען. קענט איהר ווירקליך גאָר נישט טהאָן?

— ניין, איך קען ניט און איך דאַרף ניט!

— אָבער איך זאָג אייך, אַז עטוואָס מוז געשעהן.

— נאַ, איך האב אַ געדאַנק.

— וואס איז דאָס?

— איך האב איין אויסגעצייכענטען דעטעקטיוו.

— אַ פּריוואַט?

— יאַ. ווען איהם זאָל ניט געלינגען דיא זאכע צו געפינען דאָן איז עס איבערהויפּט אונמעגליך.

— ווילט איהר איהם דערמיט פערטרויען?

— ניט איך, נור איהר. איך וועל אייך צושיקען דעם מאַן. זייט איהר איינ־פערשטאַנדען?

דער גערטנער האט זיך בעדענקט. ער האט עפּעס געפיהלט ניט ערענטליך געגנוג צו בעדינגען זיך מיט א דעטעקטיוו. דען פאר איהם איז א שפּיאָן געווען א ניעדעריגער מענש מיט וועלכען מען טאָר ניט האַנדלען.

ער האט אָבער איינגעזעהן. דאס דעם וועג וועלכען ווינטער האט איהם אָנ־געצייגט איז דער איינציגער וואס קען איהם פיהרען צום ציעל.

— נון, פון מיינטוועגען, — האט ער געזאָגט נאך א קורצען נאָכדענקען — שיקט צו מיר דעם הערן, וויא איז זיין נאָמען?

— ענאָן זענדיג, ער האט שוין אויסגעפיהרט זעהר שווערע זאכען. זיין פּרייז איז קיין קליינער, אָבער איך בין צופריעדען צו געבען א טהייל פון דיא קאָסטען.

— איך דאנק אייך. איך וועל בעצאָהלען יעדען מארק. טויזענדע טהאָלארס דארף עס ניט קאָסטען.

— עס קאָסט טהייער.

— פיעל?

— צוויי טויזענד מארק פאר זיין מיהע, טויזענד מארק אויף אויסגאבען. איהר פערשטעהט דאָס ער דארף האבען אלערליי קליידער און דארף ניט שפּאָרען קיין געלד.

— נאַטירליך.

— און ווען דאס געלינגט. מוז מען איהם געבען א הויפּט סומע.

— וויא גרויס?

— זאָגען מיר דריי טויזענד מארק.

— זעקס טויזענד צוזאַמען! המ. א שעהנע סומע געלד, נא, ווען איך זאָל זאָגאר מוזען געהן בעטלען, טהו איך פאר מרים'ן אלעס וואָס מעגליך. — זאָגאר ווען איך זאל דארפען געהן בעטלען? זעקס טויזענד מארק איז נאך ניט מיין לעצטעס פערמעגען.

— ווען קען איך איהם זעהן? — האט דער אַלטער גערטנער געפרעגט.

— מאָרגען, ערווארט איהם אום איינס אוהר נאַכמיטאג.

— אין גאַסטהויז?

— יאָ, ערצעהלט איהם אַלעס וואָס איהר ווייסט, דען דיא קלענסטע זאך קען דאָ זיין העכסט וויכטיג.

— וועט איהר מיט איהם פריהער ריידען?

— איך וועל איהם צו אייך שיקען, דאָס איז אַלעס.

קלעמענס האט בעמערקט וויא הערר ווינטער ווינקט צו איהם מיט די אויגען און ער האט פערשטאַנען וואָס דאָ בעדייטעט. דער קאָמיסאַר וואר ערגעבען און ערנסט אין זיין וואונש צו געפינען די פערשוואונדענע מרים, אָבער זיין פפליכט איז איהם געשטאַנען אין וועג.

א געפיהל פון זיכערהייט איז יעצט געקומען צום גערטנער. ער האט גענומען האפּען אויף איין ערפאָלג. די ביידע מענער האבען נאך אייניגעס בעשפּראָכען און דאן איז הערר ווינטער אויפגעשטאַנען צום געהן.

— איך מוז יעצט געהן. איך האב אייך שוין געזאָגט איהר זאָלט דעם דעטעקטיוו אַלעס פערטרויען. איך גלויב, אַז איהם וועט געלינגען צו געפינען וואָס איהר זוכט.

— זאָגט מיר אָבער אָפען ארויס, וואָס דענקט איהר דערפון?

הערר ווינטער האט געצויגען די אַקסלען.

— עס איז בעסער איך זאָל מיין מיינונג פערשווייגען, עס איז מעגליך דאָס מיין מיינונג זאָל שטימען מיט דער מיינונג וואס הערר זענדיג וועט האבען.

הערר ווינטער האט דיזע ווערטער געשפּראָכען אין א מערקווירדיגען טאָן און קלעמענס האט דערפון פערשטאַנען דאס ער האט שוין גערעדט מיט דעם דעטעקטיוו, און ער האט דערמיט רעכט געהאט.

די צוויי פריינדע האבען געטרונקען נאך א גלאָז ביער און זיינען אוועק.

אין גאַסטהויז צום „שווארצען בער" איז קלעמענס אויפגענומען געוואָרען מיט פריידע.

— נו, וואס האט איהר דען געטהאן? — האט דער ווירטה געפרעגט — א פּאָליציי־מאַן איז דאָ געוועזען.

— איך וויים, האט יעמאַנד איין אנדערער וועגען מיר געפרעגט?

— קיין מענש.

— איז א בריעף געקומען?

— ניין.

— אבער מיין צימער האט איהר דאך אימער געהאלטען פעסט פערשלאָסען?

— נאַטירליך, היער איז דער שליסעל.

— דאַנקע.

(Mil., 48).

דער אַלטער איז אריין אין זיין צימער. זיין ערסטער בליק איז געפאַלען אויף דעם קליינעם האַנד קופערט. ער איז געשטאַנען אויף דעם זעלבען פּלאַטץ וואו ער איז פריהער געשטאַנען, און דער שטויב האט געצייגט דאס ער איז ניט גע־רירט געוואָרען פון אָרט.

דאך האָט ער איהם אויפגעשלאָסען. דער טאָג בוך דיא וויכטיגסטע און דיא הייליגסטע זאַך וואָס ער האט בעזעסען, וואר נאך דאָרט, אויך דאס געלד און דיא איבעריגע זאכען.

קלעמענס האט לייכטער אויפגעאטהעמט. יעצט איז געפאַלען זיין בליק אויף דעם בריעף וועלכען ער האט צו העדוויגען געשיקט און וועלכער איז צוריקגעקומען.

ער האט דעם בריעף ארומגעדרעהט אין זיין האַנד אהין און צוריק און האט גענומען טראַכטען אויב ער זאָל איהם אבשיקען, און האט ענדליך בעשלאָסען דאס עס איז בעסער העדוויג זאָל וויסען פון אַלעס.

ער האט זיך יעצט געזעצט און האט אויפגעשריבען נאך אַ בריעף אין וועלכען ער האט דער גרעפין מיטגעטהיילט וואָס מיט דעם בריעף און מיט איהם אליין האט פּאַסירט און איז דאַן אוועק קויפען אַ גרויסען קאָנווערט.

יעצט האט ער בעדאַרפט אויפשרייבען דיא אדרעסע, אָבער וויא?

ענדליך האט ער בעשלאסען צו בעטען אַ לאַנדקארטע פון באַיערען און האט גענומען זוכען דיא דערפער ארום רעגענסבורג.

ענדליך האט ער געפונען דעם דאָרף פינקענשטיין און האט זיך דערמאָנט אַז דאס איז דער ריכטיגער פּלאַטץ. דאַן האט ער געבעטען דעם יונגען מאַן פון גע־שעפט ער זאָל פאַר איהם אויפשרייבען דיא אדרעסע אין קלאהרע און גרויסע בוכ־שטאבען. דער יונגער מאַן האט עס געטאָן און קלעמענס האט איהם דערפאַר הערצליך בעדאַנקט.

יעצט האט ער זיך בעגעבען וויעדער צום פּאָסט און האט דעם בריעף אָב־געשיקט.

גלייך אויף מאָרגען האט קלעמענס ערהאַלטען אַ טעלעגראַממע מיט פאָל־גענדען אינהאַלט:

„דאָפּעלגעננער מוז דאָ זיין, איך קום מאָרגען נאך בערלין“.

ה. פ. מ.

דער אַלטער האט דיא דעפּעשע אייניגע מאָל דורכגעלעזען. דיא בוכשטאבען האבען געטאַנצט פאַר זיינע אויגען. ער וואר פאָל מיט אויפרעגונג. ער האט זיך אַלזאָ ניט גענאירט. אַ דאָפּעלגעננער איז אַלזאָ דער מאַן וואס האט מרים'ן פער־

פיהרט. ער האט אָבער ניט געאהנט דאס העדוויג איז מיט דיעזען דאָפּעלגענגער פערזענליך בעקאַנט.

— גאט זיי דאַנק, ענדליך וועלען מיר קומען צום ריכטיגען וועג. באַלד וועט הערר זענדיג קומען זאָל איך איהם ווייזען דיא טעלעגראַממע?

וועהרענד ער האט אַזוי געדאַכט האט דער ווירטה איהם געמאָלדען, דאס אַ לאַנד׳ס מאַן וויל איהם זעהן!

קלעמענס איז געוואָרען איבעררא‍שט: וועלכער לאַנדסמאַן קען עס איהם דארפען. ער האט געהייסען מען זאָל דעם מאַן אַריינלאָזען.

דער ווירטה איז אַוועק. איינינע מינוטען שפּעטער איז אַריין אַ מאַן אין צימער, וועלכער וואַר איין עכטער באַיירישער בויער.

— גריסט אייך גאָטט, לאַנדסמאַן!—האט ער צום גערטנער געזאָגט.

— ווער זייט איהר?—האט קלעמענס געפרעגט.

דער בויער האט זיך אַרומגעקוקט, דאַן איז ער צוגעגאַנגען צום גערטנער און האט געזאָגט:

— מיין נאַמען איז זענדיג. איך בין בערייט אייך צו דיענען.

9טעם קאַיטעל.

דער בלייכער שאַטען.

פערוועלקטע בלעטער! פערוועלקטע בלעטער!

דער שטורם יאָגט זיי פון זיך און רייסט דיא לעצטע פון דיא ביימער אין דעם האף פון גראף פאָן מעהרען. פערוועלקטע בלעטער, דער בילד פון טויט.

דיא גרעפין פאָן מעהרען איז אַרומגעגאַנגען צווישען דיא בוימער. זיא וואַר בלייך און נערוועז. עטוואָס פירכטערליכעס איז געלעגען אין איהרע בעוועגונגען. איהר געשטאַלט וואַר אַרומגערינגעלט מיט אַ מאַנטעל און איהר בלאַסע געזיכט וואַר אַרומגערינגעלט מיט אַ טוך. ווער עס האט זיא אַזוי געזעהן וואָלט זיא גע־קענט שעצען מיט צוואַנציג יאהר עלטער וויא זיא איז.

גרעפין לאָרא איז ווירקליך אין דיעזער קורצער צייט געוואָרען איין אַנדערע.

דיא געוועזענע לוסטיגע, קאָקעטע דאַמע איז יעצט געוועזן אַ ווייב וואָס וואַר מיעד מיט איהר לעבען.

אה, וועלכע ליידען האט זיא געהאַט זייט איהר לעצטען געשפּרעך מיט איהר טאָכטער.

דאַמאַלס האט זיא געריזט נאך ריצאַ מיט דער האָפנונג דאס דאָרט וועט

זיא איינשטילען איהרע אויפגערעגטע נערווען. זיא האט נעהאָפּט אז אין איין אַנדער געגענד, צווישען אַנדערע מענשען וועט זיא פריי ווערען פון דיא ליידען אין איהר הארצען, אָבער דאָס וואר גאַנץ אומזאָנסט.

זיא האט זיך אומגעקעהרט צוריק, אָבער זאָגאר דיא האָפנונג צו זעהן ווידער איהר קינד איז ניט ערפיהלט געוואָרען. העדוויג איז פון איהר געבליבען ווייט. זיא האט זאָגאר צו איהר ניט געשריבען. זיא האט אין גאַנצען פערגעסען איהר מוטער, וועלכע האט שווער געזינדיגט אָבער פון איהר קינד'ס וועגען.

אָפט האט זיך אין איהר געפיהל אויפגעוועקט א שטאָלץ. וויא קומט דיא יונגע אונערפאהרענע מיידעל צו ווערען איהר מוטער'ס ריכטערין? פּאול ראַדאָוו האט אין איהר דיזען געדאַנק אימער אויפגעוועקט. אָבער דאס וואר ניט איהרע איינציגע ליידען, נאָך עטוואס האט איהר פערפאָלגט וויא טאג אזוי נאכט, דאָס וואר א בלייבער, פינסטערער שאטען, דער שאטען פון דעם ערמאָרדעטען.

יעצט איז דיא גרעפין געבליבען שטעהן און האט געקוקט מיט פינסטערע בליקען אויף דיא פערוועלקטע בלעטער און אויף דעם לייכטען שנעע וואס איז געפאלען.

— דער ערשטער שנעע?—האבען איהרע ליפּען געמורמעלט.—אויך אויף זיין קבר פאלט דער שנעע. אָך וויא וואר עס צוריק מיט א יאָהר! דאמאָלס האב איך נאָך געהאט א מאן, איך האב איהם ניט געליעבט. אבער ער וואר מיר א טרייער פריינד. איך האב אויך געהאַט א קינד.... און יעצט?....

— אה, ווען איך וואָלט דיא עראינערונג געקענט פערטרייבען! אה, וואו איז דיא צייט ווען איך וואר נאָך ריין פון יענעם שרעקליכען פערברעכען! אָבער מיט פלאַמען איז עס איינגעשריבען אין מיין זעעלע און וואוהין איך זאָל מיך ווענדען זעה איך אלץ דעם בלייכען שאטען. און וואס האט מיך דערצו געפיהרט? די ליעבע...

— אה, פלוך איבער דיזע אונגליקליכע פערבלענדונג, האט עס געקלונגען פון איהרע ליפּען. פלוך איבער מיין ליעבע צו איהם. הא, וויא בין איך א מאָל נעוועזן און וויא בין איך יעצט! אה, ווארום האָב איך זיך אזוי שפּעט ארומגעזעהן וויא ביטער איך האב מיך אין איהם גענארט. ער האט מיך ניעמאלס עהרליך געליעבט. ניין, ניין!

פּלוצלונג האבען זיך דערהערט טריט הינטער איהר. זיא האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן דעם פערוואלטער הינטער זיך.

— אין דיזען וועטער, לאָרא?—האט ער געפרעגט. — קימערסט דוא זיך ניט פאר דיין געזונד?

זיא האט געשאָקעלט איהר קאָפּ.

— זאָ דענק דאָך ווייניגסטענס פון דיין עהרע. וואס וועלען דיא דינער פון דיר דענקען? קום לאָרא.

ער האט זיך ארומגעקוקט אויב קיינער זעהט ניט און האט זיא ארומגענומען.

— דוא ציטערסט לאָרא, דיזער וועטער, דער שנעע, דיא נאסקייט, דאס קען דיך קראנק מאכען.

ער האט איהר יעצט אויסגעשטרעקט זיין ארם, און זיא האט איהם אָנגענומען.

— דוא זאָרגסט זיך שטארק וועגען מיר, — האט זיא געזאָגט.

— דארף איך עס ניט?—האט ער געפרעגט.

לאָרא האט אראָפּגעלאָזען איהר קאָפּ.

— האָב איך קיין רעכט דערצו?

זיא האט ווידער ניט געענטפערט.

— קום לאָרא, איך וואָלט מיט דיר עטוואָס שפּרעכען, קום מיט מיר אין פּאוויליאָן.

שווייגענד האבען זיי זיך בעגעבען צום פּאוויליאָן.

— דוא מאכסט מיך שטארק אונרוהיג, טהייערע. ווארום געהסט אימער אליין שפּאצירען?—האט ער געפרעגט ווען זיי האבען זיך געזעצט.

זיא האט געצויגען מיט דיא אָקסלען און האט קיין וואָרט געענטפערט.

— דער נייער גערטנער האט מיר ערצעהלט דאס דוא ביזט הייטע ארומגע־גאנגען דיא גאנצע נאכט אין פּארק. ווארום טהוסט דוא דאָס, לאָרא?

— דוא פרעגסט? ווייסט דוא ניט וואס מאכט מיר אזוי אונרוהיג!

— לאָרא! טהייערע!

— שטיל פּאול, דיא שולד, לאָזט מיך ניט רוהען. דער בלייכער שאטען וועלכער פערפאָלגט מיך אויף שריט און טריט, דער גייסט פון דעם ערמאָר־דעטען!

זיא האט א ווילע געציטערט, דאן האט זיא ווייטער געזאָגט:

— אה פּאול, מיר האבען געלעבט אין זינד, דער גראף האט ניט געוואוסט און האט ניט געאהנט, אָבער דאן פּאול, גיב מיר מיין פרעהליכע אונשולד צוריק, אך, דוא קענסט עס ניט, און דאָס רופסט דוא ליעבע?

ווילסט דוא לייקענען דאָס איך האב דיך געליעבט און ליעב דיך נאָך יעצט.

— אָה שטיל פּאול, פּאול, שטיל, דער אמת'ער ליעבהאָבער וועט זיין געליעב־

טע ניט מאכען פאר א פערברעכערין. דוא האסט מיר געגעבען גליק, דאס איז וואהר, אָבער איך האב עס דיר אויך געגעבען, און יעצט וואס קענסט דוא מיר נאָך געבען? אהַ איין עלענדען לעבען!

זיא האט צוזאמענגעדריקט דיא הענד און האט געשווידערט.

פאול ראדאָוו האט זיא אָנגעקוקט.

עס האט איהם געשיינט, אז ער האט געהערט א שטילען גערויש הינטער זיך.

— וואס איז דאָס?—האט דיא גרעפין געפרעגט.

— ניכטס! ניכטס!

— ווארום קוקסט דוא זיך אזוי פירכטערליך אום, פאול?

— זיי רוהיג, דער ווינד האט געקלאפט אין פענסטער.

— דאָס וואר דער בלייכער שאטען!

דער פערוואלטער האט פערביסען דיא ליפען.

— רייד דאָך ניט אזוי, לארא!

— אה, פאול,—האט זיא געוויינט, גיב מיר צוריק מיין רוהע. דוא אליין ביזט דארין שולדיג פאול. דוא האסט מיך ניעמאלס געליבט.

— דוא ביזט אונגערעכט לאָרא! וואס האט מיר געטריבען צו דעם ווען ניט דיא הייסע ליידענשאפטליכע ליעבע צו דיר. איך האב געוואָלט דעם גליק פון אונזער קינד, דאס דארפסט דוא ניט פארגעסען, און דארום דארפסט דוא ארויסטרייבען פון קאָפּ אלע טרויעריגע געדאנקען.

לארא האט געשוויגען.

דער פערוואלטער האט זיא געוואָלט ציהען אין זיינע ארמען אָבער זיא האט זיך פון איהם אָבגעווענדעט, איהר געזיכט איז געוואָרען נאָך בלייכער און איהרע אויגען האבען געקוקט מיט שטארע בליקען, איהר האט געשיינט אז נאָך א פערזאָן געפינט זיך אין פאוויליאָן, דער ערמאָרדעטער גראף, זיין בלייכער שאטען, וועלכער בעגט זיך יעצט צו איהר און וויל זיא ערווערגען.

דיא גרעפין איז פערציטערט געוואָרען.

— ריהר מיך ניט אָן!—האט זיא אויסגערופען, דוא טראָגסט אויף זיך קיַן'ס צייכען אויף דיין שטערן.

— ביזט דוא וואהנזיניג?

— יאָ, איך בין עס, איך מוז עס זיין, אוועק פאול, אוועק.

דער פערוואלטער האט פערביסען זיינע ליפען, ער האט דיא גרעפין נאך ניד־מאלס געזעהן אין אזא אויפרעגונג.

— איז דאס דיין ליעבע!—האט ער אויסגערופען מיט כעס. איז דאס דיא ליעבע, וועלכע דוא האסט ערקלעהרט דאס בעסער מיט מיר צו שטארבען איידער מיט יענעם צו לעבען, איך בין קיין קין, דיא ליעבע און דיא זארג פיר אונזער קינד האט מיך געטריבען צו דער טהאט.

— דיא טהאט, אָה, ווען איך זאָל זיא קענען פערבעסערן!—האט דיא גרעפין געמורמעלט.

— וואס העלפט יעצט דיא חרטה! זיי דאך קלוג לארא, מיר קענען ניט ענדערן וואס עס איז שוין געשעהן.

דער פערוואלטער האט יעצט געשפראכען מיט א וויכען טאָן און פון זיין שטימע האט געקלונגען א געוויסע בעוועגונג.

לארא האט אָבער ניט געהערט וואס ער האט געשפראָכען. זיא איז געזעסען מיט איין אראבגעלאזענעם קאפ און האט געזיפצט.

— האסט דוא ערהאלטען א נאכריכט פון אונזער קינד? — האט ער געפרעגט.

— ניין.

— דוא דארפסט זיא צוריק ברענגען אהער.

— ווארום?

— דוא פרעגסט נאך! דיא לייטע שפרעכען פערשידענעס. בערעכען דאס זיא איז א יונגעס מעדכען און וואס קען זיא אין דיעזער צייט טהאן אין א יאנד שלאס? ווען עס וואלט געווען זומער וואלט עס געווען אנדערש.

— זיא האט איהר אייגענעם ווילען. וואס העלפט עס ווען איך זאל איהר שרייבען?

— דאן פערגעס ניט דיא נארישע געשיכטע מיט קלעאפאטרא, וואס העד־וויג האט א נאמען געגעבען איהר שלאס.

דיא גרעפין האט געזיפצט.

— דוא ווייסט דאס איך האב קיין מאכט איבער העדוויג, זיא טהוט וואס זיא וויל.

— פרוביר עס!

— עס נוצט ניט. אה פאול, אויך מיין קינד האב איך פערלארען.

א טרעהר האט זיך געוויזען אין איהרע אויגען.

— דאַן װעל איך מיט איהר ריידען אַ שטאַרקען װאָרט.

— דוא, מיט העדוויג?

— יא. בין איך ניט איהר פאטער?

— דאָך װעט זיא דיך ניט פאָלגען. איך בין מיעד, פאול, מיעד צום שטאַרבען.

האַלב אונמעכטיג האט זיא אַרױפגעלעגט איהר קאָפּ אויף זיין שולטער.

אַ פויזע האט יעצט געהערשט. פאול ראַדאָװ איז געװאָרען אויפגערעגט.

— לאָרא!

דער גרעפינס ליפּען האבען זיך גענומען בעװעגען און מיט אַ געבראָכענער מיעדער שטימע האט פון זיי געקלונגען:

— דונקעל און טרויעריג ליגט פאר מיר דאָס לעבען. מיר פעהלען דיא זיעסע ליכט פון דער זאָנע און דיא ליכט פון ליעבע און האָפנונג.

דער פערוואַלטער האט זיך געמוזט אָנשטרענגען אום צו בעהערשען זיין אונגעדולד.

— דוא רעדסט אימער פון דעם איינציגען געדאַנק און פערגעסט וויא װעה דוא טהוסט מיר. לאָרא זיי דאָך פערנינפטיג וויא דוא ביזט אימער געװעזען. נאָמיר אָנפאַנגען אַ נייען לעבען.

— אַ נייען לעבען?—האט דיא גרעפין איבערגעפרעגט, אַ נייען לעבען אויפ'ן שװעל פון קבר?

— איך בלייב דערביי. װאס רעסט דוא פון קבר? דוא ביזט נאָך יונג, שעהן, און קענסט נאָך מיט מיר גליקליך זיין. לאָרא מיר מוזען נאָך אַנדערע פערהעלטניסע שאַפען.

יעצט האט זיא אויפגעהויבען איהר קאָפּף.

— אַנדערע פערהעלטניסע? װאס מיינסט דוא דערמיט?

— איך מיין דוא זאָלסט אין גאַנצען געהערען צו מיר. אויך פאר דער װעלט זאָלסט דוא זיין מיינע. מיר דאַרפען זיין גליקליך און דוא זאָלסט מעהר פון איהם ניט דענקען.

— איך פערשטעה דאָך ניט, װאס מיינסט דוא דערמיט,— האט דיא גרעפין געזאַגט.

— אַלס מיין װייב. לאָרא!

דיא גרעפין האט געמאַכט אַ מינע אויפצוהייבען זיך.

— דאס װעט ניעמאַלס געשעהן!—האט זיא געזאָגט.

— ווארום ניט ?

— דער טויטער שטעהט צווישען מיר און דיר, דער טויטער און דאס פערברעכען.

— דוא ליעבסט מיך ניט ! — האט דער פערוואלטער אויסגערופען. — דוא האסט מיך ניעמאלס געליעבט. אה אלס דיין געליעבטער, דאס וואר איך פאר דיר גוט גענוג. אבער פאר דער וועלט שעהמסט דוא זיך מיט מיר. נאטירליך, איך בין איין איינפאכער פערוואלטער, יא, ווען איך וואלט געוועזן פון אדעל, דאן וואלט עס אנדערש געוועזן.

ער האט ארומגעכאפט איהר ארם, אבער זיא איז אויפגעשפרונגען און האט געשריען :

— לאז מיך פריי.

— לארא, — האט ער געבעטען, — האסט דוא קיין אנטווארט אויף מיין פראגע?

— איך האב זיא דיר געגעבען.

— דאס קען דיין לעצטערווארט ניט זיין.

— איז דיין געדעכגיס אזוי שוואך, פאול, דער בלייכער שאטען שטעהט צווי־שען אונז, ער וועט ניעמאלס צוגעבען איך זאל זיין דיין ווייב. פאול קענסט דוא אראפנעהמען דיא שווערע לאסט וואס דיין פערברעכען האט אויף מיר ארויפ־געלייגט.

ער האט איינינע מאל געאטהעמט שווער און האסטיג. וואס זאל ער איהר ענטפערן אויף דיעזער פראגע, וואר ער דער מאן צו לעזען אזא אויפגאבע? דאן האט ער געענטפערט :

— יא לארא, איך קען עס, דארום מוזט דוא ווערען מיין ווייב.

טרויעריג האט זיא איהם אנגעקוקט.

— פאול, האט זיא געזאגט מיט א ווייכער שטימע, לאמיר בעסער תשובה טהאן אויף אונזער זינד, פיללייכט וועט דאן אוועק דער בלייכער שאטען. עראינער זיך אויך אויף דער ארמער מרים.

ער האט זיך צולאכט.

— וואס קימערט דיך דער ממזר ?

— דוא ביזט אונגערעכט, זיא האט איהר שיקזאל ניט פערדיענט.

— דאך, דאך, ווארום איז זיא געוועזן אזוי אונשולדיג, ווארום האט זיא ניט גענומען דאס געלד וואס איך האב איהר אנגעבאטען ?

זיא האט געשאָקעלט דעם קאָפּ.

— אה, פּאול, דער בלייכער שאטען, פיהלסט דוא איהם ניט? ער רויבט מיר דעם שלאָף, דיא רוהע, דיא לוסט צום לעבען.

— לאָרא, רייד מעהר קיין וואָרט דערפון. דאס זיינען בילדער פון דיין קראנקער פאנטאזיע. איך וועל דיר שיקען א דאָקטאָר, דוא ביזט קראנק.

— ניין, ניין, האט דיא גרעפין געענטפערט און האט געשאָקעלט איהר קאָפּ.

— איך בין ניט קראנק. מיינסט דוא אז דער דאָקטאָר וועט בערוהיגען מיין נעוויסען און וועט פערטרייבען דעם בלייכען שאטען?

— לאָרא, געליעבטע, איך בעט דיר אין נאמען פון אונזער קינד, גיב אויף דיזע געדאנקען. בעדענק נור וואָס עס קען זיין ווען איינער זאָל זיך צוהערען. ווילסט דוא מיר זאָלעןביידע געהן אין געפענגניס? זאָל אונזער הערצוויג בלייבען אין דער וועלט ארעם און פ ... זנכ

דיא גרעפין איז פערציטערט געוואָרען.

— אה רייד ניט אזעלכע שרעקליכע ווערטער, פּאול! דוא צורייסט מיר דאס הארץ, אך פּאול ווען איך זאָל נור קענען פערטרייבען יענע געדאנקען פון מיין קאָפּ. אה, ווען דוא ליעבסט מיך, זאָ העלף מיר איך זאָל עס פערגעסען.

— דוא וועסט עס פערגעסען, לאָרא, אזוי שנעל וויא דוא וועסט ווערען מיין טרייע פרוי.

זיא האט איהם אָנגעקוקט.

— אה רייד ניט מעהר דערפון פּאול, דאס קען ניט געשעהן, ניין, ניין, דאָס קען ניט און דאָס וועט ניט געשעהן.

— ווייז מיך ווייניגסטענס ניט אָב אין גאַנצען, לאָרא, פיללייכט שפּעטער, ווען דוא וועסט רוהיגער ווערען.

דיא גרעפין האט אראָבגעלאָזען איהר קאָפּ.

— דער טרויער יאהר איז זאָ וויא זאָ נאָך ניט פאָראיבער,—האט דער פּערוואלטער ווייטער געזאָגט.—נור רויב מיר ניט יעדע האָפנונג. לעב אין דיא געדאנקען פון א גליקליכע צוקונפט און פערגעס ניט דאָס איך בין דער מאַן וואס שעצט דיך און ליעבט דיך. ערלויב מיר איך זאָל דיך יעצט צוריק פיהרען, עס איז קאלט, אין דיינע צימערן וואר אויך קאלט, אָבער איך האב זיי געלאָזט הייצען.

ער האט יעצט גענומען איהרע עדעלע ווייסע הענד וועלכע וואָרען קאלט וויא אייז און האט זיי געוואָרעמט מיט זיין האוך.

זיא האט עס געלאָזט געשעהן.

— נון קום געליבטע.

זיא האט גענומען זיין ארם ביז ער האט זיא געבראכט צו הויז.

ביים טהיר איז ארויס איהר קאמערפרוי.

— פיהרט אריין דיא גנעדיגע פרוי אין הויז, האט ער געזאגט און מאכט פאר איהר טהעע.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו דער גרעפין און האט געזאגט :

— איך ווינש אייך א פערבעסערונג, גנעדיגע פרוי. ווען איהר וועט מיר ערלויבען וועל איך קומען זעהן וואס איהר מאכט.

זיא האט גענייגט מיט איהר קאפ און איז דאן אוועק מיט איהר קאמער פרוי.

דער פערוואלטער האט איהר נאכגעקוקט.

— וויא מיעד זיא געהט, האט ער צו זיך געזאגט. איך וואלט ניט געגלויבט אז זיא וועט אין אזא קורצע צייט פערענדערט ווערען. עס וואלט געווען בעסער אז איך וואלט איהר ניט ערצעהלט.

ער איז יעצט אוועק און האט זיך בעגעבען אין זיי צימער.

זיין געשפרעך מיט דער גרעפין האט איהם מעהר אויפגערעגט אלס ער האט איהר געצייגט. מיט גרויסע שריט איז ער ארומגעגאנגען איבער'ן צימער.

— וויא שוואך דיזע פרוי איז געווארען, האט ער געמורמעלט. אבער גראדע דיזע שוואכקייט ווערט מיר געפעהרליך. עס איז א גאנץ אנדערע, ניט לארא, מיט וועלכער איך מוז קעמפפען. זאל זיא צושטערען מיינע פלענער ? אהה, איך בין נאך דער הערר איבער דער לאגע. דער פערברעכען אליין בינדט אונז פעסטער פון אלעס. זיא מוז מיך הייראטהען. זיא קען מיך ניט איינריידען מיט דיא נארישע זאכען פון א בלייבען גייסט, דער טויט איז שטיל, פאר איהם פירכטע איך ניט ! נור דער שטארקער קומט צום ציעל, דאס איז א געזעץ אין דער נאטור, דער וואס פערשטעהט צו ערווערבען פערמעגען מיט געוואלד דער בעזיצט דיא וועלט, און איך בין דער שטארקערער.

ער האט זיך צולאכט.

ווען דיא גרעפין וואלט איהם יעצט געזעהן וואלט זיא זיך פון איהם אבגעווענדעט מיט אבשיי.

לארא וואר נאך דיא איינציגע אין הויז וואס האט פון איהם געהאלטען.

אלע אנדערע האבען איהם געהאסט דען ער האט אלעמען זעהר שלעכט בעהאנדעלט.

אלע דינער וואס האָבען נעדינט פאר'ן גראף זיינען איינציגוויז אָבגעשאפט געוואָרען און איבעראל האט מען געזעהען נייע געזיכטער. דיא גרעפין האט קיין מוטה געהאט צו זאָגען א וואָרט געגען דעם.

ער אליין האט זיך געפיהלט זיכער.

קיין געוויסענסביסע איז איהם בעפאלען. ער וואר רוהיג און מוטהיג.

נאָך זיינע לעצטע געדאנקען האט ער זיך פערראיכערט א סיגאר און האט איהם גערויכערט מיט פערגניגען. ער האט געדאכט פון דער צייט ווען לאָרא וועט ווערן זיין ווייב.

ווערענד פאול ראדאָוו האט זיך געלעבט אזוי רוהיג, איז דיא גרעפין געלעגען אין איהר בעט און איהרע ליפען האבען געמורמעלט:

— דער בלייכער שאטען! אה, ער וועט מיך טייטען.

10טעם קאפיטעל.

נייע פערוויקלונגען.

עס זיינען אוועק איינינע מינוטען איידער קלעמענס האט זיך ערהאָלט פון זיין איבערראשונג.

וויא פערוואונדערט ער איז געוועזען פון זיין לאנדסמאנס בעזוך, דעסטאָ מעהר האט ער זיך פערוואונדערט ווען ער האט געהערט דאס דיעזער לאנדסמאַן איז דער דעטעקטיוו עגאן זענדינ.

וויא קינצליך דער דעטעקטיוו האט פערשטאנען צו שפילען דיא ראָלע פון א באיער. נון, דיזער מאן האט געוויס דיא פעהיגקייט אויסצופיהרען דיא ארבייט וואָס קלעמענס וויל איהם אנפערטרויען, און מיט א פרייליכע מינע האט ער איהם גע־רייכט זיין האנד.

— זייט ווילקאָמען, הערר זענדינ! — האט ער געזאָגט, — הערר ווינטער האט מיר ערצעהלט, דענקט איהר דאס איהר וועט קענען געפינען וואו מרים געפינט זיך?

— נאטירליך דענק איך, אזוי, נאמיר גאנץ שטיל ריידען, דען דיא ווענד האבען אויערן.

— גאנץ רעכט, האט איהר אָבער שוין א מיינונג, הערר זענדינ?

דיזער האט געצויגען מיט דיא אקסלען.

— וואס הייסט א מיינונג! געוויסהייט — דאס איז דיא הויפטזאכע. ער לויבען זיא מיר צו פרעגען וואס דענקט איהר, וואו געפינט זיך פראנץ שטאנר?

קלעמענס האט איהם אנגעקוקט איבערראשט.

— ווארום דיזע פראגע, וואס האט דאס צו טאן מיט טרים'ן?

דער דעטעקטיוו האט זיך צולאכט.

— נון, רעכט, איהר האט פיללייכט קיין צוטרויען צו מיר, אבער דאן איז דאס בעסטע איך זאל זיך ניט קימערן וועגען אייערע אנגעלעגענהייטען.

— דאס האב איך ניט געזאגט. ווען איך וואלט צו אייך קיין צוטרויען גע־האט וואלט איך הערדן ווינטער ניט געבעטען ער זאל אייך שיקען, אבער וואס אן פראנץ שטאנד אנבעטריפט —

— פערטרויט איהר מיר אדער ניט?

— אבער איך האב עס אייך געזאגט, דאס איך געטרוי אייך געוויס.

— דאן זאגט מיר וואס ווייסט איהר פון פראנץ שטאנד?

דער אלטער האט זיך פערטראכט.

— עס איז ניט מיין געהיימניס,—האט ער געזאגט,—איך ווייס ווירקליך ניט אויב איך זאל עס פערראטהען.

— זא, איהר ווילט עס ניט טהאן זאגאר ווען מען דארף איהם וואכען?

דער גערטנער האט זיך ערשראקען.

— ווייס מען זיינע שפורען?

— יא, — האט דער דעטעקטיוו געענטפערט.

— פון דאנען?

— איהר פרעגט צופיעל און מעהר וויא איך דארף און קען ענטפערען. אום צו מאכען עס קורץ בין איך אליין אנפערטרויט געווארען צו פערפאלגען פראנץ שטאנד, מען האט פון בערלין אנגעפרעגט אין מינכען און דיא אנטווארט וואס מען האט דארט געשיקט האט בעוואגען דער היגער פאליציי צו בעשטעלען מיך צו פער־פאלגען דיעזען פראנץ שטאנד. צוליעב א געשפרעך וואס איך האב נעכטען מיט איינעם געהאט האב איך דיעזען אויפטראג צוריק אבגעגעבען. איך בין יעצט אלזא פריי, קען טהאן וואס איך וויל, דארף אבער ניט ענטדעקען א ווארט וואס איך האב ערפאהרען פון מיין אמט.

— אבער מען האט געפונען א שפור?

— וויפיעל איך ווייס, האט מען נאך קיין שפור. וועט איהר מיר ענטפערען מיין פראגע?

— ווען זא, וועל איך עס געוויס טהאן, ווייל פראנץ שטאנד, נור האלט — —

דער גערטנער האט זיך פלוצלינג אונטערבראכען און האט דעם בעזוכער אנגעקוקט מיט שארפע און דורכדרינגענדע בליקען. דאן האט ער אבער געפרעגט:

— זייט איהר ווירקליך עגאן זענדיג? פון וואַנען וויים איך, אז איהר זייט ווירקליך דער מאַן פאַר וועלכען איהר גיט זיך אוים?

— דאָס רוף איך פאָרזיכטיג! — האט דער דעטעקטיוו געענטפערט — נו, איך קען אייך געבען דיעזען שרייבען פון הערר ווינטער.

דער אלטער האט האסטיג גענומען דעם בריעף וועלכען דער דעטעקטיוו האט איהם איבערגעגעבען און האט איהם דורכגעלעזען. דער בריעף האט ענטהאלטען נור איינינע צייכען אין וועלכע דער קאָמיסאר ווינטער האט איהם מיטגעטהיילט, דאס קלעמענס קען דיעזען הערר זענדיג אין אלעם געטרויען.

— נון יעצט קען איך עס אייך זאָגען, — האט קלעמענס אויסגערופען — פראַנץ שטאנד געפינט זיך אין דעם שוץ פון דער גרעפין העדוויג פאָן מעהרען.

— וואס פאר איין אינטערעסע האט זיא אין דעם?

— עס שיינט מיר, אז זיא זעהט איין דאס מען האט געגען מרים'ן ניט עהר־ליך געהאנדעלט. אָבער דיא גרעפין וועט מאָרגען דא זיין, איך האב פון איהר א טעלעגראמע.

— ווען האט איהר עס ערהאלטען?

— צוריק מיט צוויי שטונדען.

דער דעטעקטיוו האט געלעזען דיא דעפע...

— אָה, ביי איהר איז ער אלזאָ בעהאלטען. דאך איז ער אין געפאהר, זיא פאָהרט געוויס הייטע אָב, טעלעגראַפירט איהר.

— וואָס זאָל איך טעלעגראַפירען?

— איהר זייט גערעכט, איהר מוזט זיין פאָרזיכטיג,ווארט איך וועל אייך זאָגען וואָס איהר זאָלט טעלעגראַפירען.

דער גערטנער האט גענומען פאַפיער און פעדער און האט געשריבען וואס דער דעטעקטיוו האט איהם געזאָגט:

— דעפעשע ערהאלטען. פר...... אקציאָן ווערען פערלאנגט. זאָ פאָרט אָב פערטיגען. געפאהר אין האלטען.

קלעמענס.

— זאָ, — האט הערר זענדיג געזאָגט — יעצט דיא אדרעסע, איך דענק דאס דיא גרעפין וועט פערשטעהן וואס דאס מיינט.

— נו, מיר וועלען האפען.

— יעדענפאלס, איז עס געפעהרליך ווען מען זאָל שרייבען עטוואָס דייטליכער און א בריעף קען פיעללייכט קומען צושפעט.

— קלעמענס האט זיך ערשראָקען.

— איז מען שוין אזוי נאהענט צו איהם?

— פיעללייכט.

— גענוי ווייסט איהר עס ניט?

— גוטער פריינד, ווען איך זאָג אייך פיעללייכט זאָ קענט איהר אין דעם געפינען א בעשטימטע זאך? יעצט נאמיר געהן צו אונזער אנגעלעגענהייט. איך געה גלייך און אָפען צום ציעל. הערר ווינטער האט אייך געזאָגט מיינע בעדינגונגען.

— יא.

— און איהר זייט דערמיט איינפערשטאַנדען?

— יא.

— היער איז א פּאַפּיער וועגען אונזערע בעדינגונגען און איך בעט אייך איהר זאָלט עס אונטערשרייבען, —האט דער דעטעקטיוו געזאָגט און האט איהם פאָר־געלעגט א פּאַפּיער.

דער גערטנער האט דאס פּאַפּיער דורכגעלעזען פאָרזיכטיג, דאן האט ער עס אונטערשריבען.

דיא צוויי מענער האבען יעצט בעשפּראָכען דיא אנגעלעגענהייט. קלעמענס האט געשטוינט וויא דער דעטעקטיוו האט שוין אלעס געוואוסט.

זיין פערטרויען איז געשטיגען פון מינוט, און ווען דער דעטעקטיוו איז אוועק וואר קלעמענס איבערצייגט, דאָס איהם וועט געלינגען אויסצוגעפינען אלע געהיימ־ניסע. ער האט זיך דערוייל בעגעבען צום טעלעגראף ביורא, האט דאָרט אָפּגע־שיקט דיא טעלעגראמע און גלייך אין זעלבען אבענד האט ער ערהאלטען דיא אנטוואָרט:

— פר...... אקציען פערזיכערט. רייז יעצט אב.

דיא דעפּעשע וואר געשיקט פון רעגענסבורג. דער אלטער קלעמענס האט שוין דערפון געזעהן דאס דיא גרעפין איז שוין אויפ'ן וועג.

ער האט דיא טעלעגראמע גענומען צו זיך און איז אוועק אין א ווינקעלער, וואו דער דעטעקטיוו האט איהם בעשטעלט. אלס הערר זענדיג האט דיא טעלע־גראמע געלעזען, האט ער געזאָגט:

— עס וואר גוט וואָס איהר האט טעלעגראפירט.

— קומט מאָרגען דיא גרעפין?

— יא.

— דאן ברענגט זיא אהער.

— וואוהין אין לאָקאַל?

— נאַטירליך!

— איך וויים ניט אויב זיא וועט וועלען.

— אה זיא וועט.

— אָבער איהר קליידונג און איהר ערשיינונג וועט דאָך דאָ אויפפאַלען?

— געוויס מוז זיא קומען אהער פערקליידעט אלס אן ארבייטס מעדכען, אלס אייער טאָכטער אָדער ניכטע. יעצט מיין הערר מוזען מיר זיך שיידען, איך מוז נאָך הייטע עטוואָס טהאָן.

— אין אונזער אנגעלעגענהייט?

— יא.

— זאָ האט איהר דאָך א שפור.

— פילייכט יא און פילייכט ניט! ווערט ניט אונגעדולדיג, מיין פריינד, מען מוז ארבייטען און ווארטען ביז מען ערהייכט א ציעל. אדיע.

— — — — — — — — — — — — — — —

ווען אננא סיבעל'ס כאראקטער וואר אין פיעלע זאכען ניט פאָלשטענדיג, אָבער אין איין זאך וואר ער אויסגעבילדעט, נעמליך אין ענטשלאָסענהייט און ענערגי מיט וועלכע זיא האט איהרע פלענער אויסגעפיהרט.

דאס האט זיך געצייגט ביי איהר בעשלוס אויפצווכען דיא שפורען פון פראנץ שטאנד.

וויא מיר האבען שוין ערצעהלט האט זיך פראנץ שטאנד אויפגעהאלטען אין קלעאָפאטרא און דיא אנדייטונגען פון דעם יונגען סימען האבען איהר פערזיכערט דאָס דאָרט איז דער פלאטץ וואו מען קען איהם געפינען. אויסער דעם וואס זיא האט איהם געוואָלט זעהן האט זיא אויך געזאָרגט, דאָס ער איז דאָרט ניט זיכער און דארום האט עס איהר געטריבען דאָס אזוי שנעל וויא איהר מוטער איז בעערדיגט געווארען זאָל זיא פאָהרען נאָך רעגענסבורג.

דאס הערץ האט איהר געקלאפט צום צערשפרינגען אלס זיא האט גענומען דעם וועג צום דאָרף פינקענשטיין וועלכען מען האט איהר דייטליך בעשריבען. עס וואר שוין נאכמיטאג און זיא איז אָנגעקומען אין דאָרף אם אבענד. זיא איז גע־נאנגען אין נאָסט־הויז און האט זיך בעשטעלט עטוואָס עסען, דער וועג האט זיא אויסגעהונגערט און אין דער אויפרעגונג פון דער לעצטער שטונדע האט זיא אזוי וויא נאָר ניט געגעסען.

אלס זיא האט פאר איהר עסען בעצאָהלט האט זיא דעם ווירטה געפרעגט:

— זאָגט מיר, מיין הערר, געפינט זיך ניט אין דיזער נאכבארשאפט א האָף?

— הם, מיינט איהר דעם האָף קלעאָפּאטרא?

— דיזען נאמען וויס איך ניט, האט אננא געענטפערט ווייל זיא האט ניט געוואָלט פערראטהען אז זיא איז בעקאַנט מיט דיא פערהעלטניכע,—איך וויס נור דאס דער האָף געהערט צו א גרעפין.

— דאָס איז שוין ריכטיג, דער האָף קלעאָפּאטרא געהערט דער גרעפין פאָן מעהרען.

— האט זיא פיעל דינער?

— זיא האט א דינער, א קאַמער מעדכען און א שטאל מייסטער, וועלכער איז א נעפע פון איהר דינער. ווילט איהר דאָרט זוכען א שטעלע?

— יא.

— נא, איך גלויב ניט דאס איהר וועט עס דאָרט קריגען.

— איך וועל עס אָבער פּרובירען.

— פון מיינט וועגען. ווילט איהר היימע אבענד אהין געהן?

— יא.

— דיא גרעפין וועט אייך אָנקוקען. איך האב נאָך אין מיין לעבען ניט געהערט דאס מען זאָל קומען ביי נאכט זוכען א שטעלע. אָבער מיר איז עס גאַנץ גלייך.

— ווילט איהר מיר בעשרייבען דעם וועג?

— עס איז ניטאָ פיעל צו בעשרייבען,—האט דער ווירטה געענטפערט. געהט דורך דעם דאָרף, דאַן דעם וואַלד ביז איהר קומט צום וועג. דאַן ווענדט איהר זיך לינקס און דאַן קומט איהר גלייך אין האָף.

— דאַנק אייך, וויא הייסט דיא גרעפין?

— גרעפין פאָן מעהרען, פיעל גליק.

אננא האט בעצאָהלט און איז אוועק מיט דעם וועג וואס דער ווירטה האט איהר געשילדערט, און האט באַלד דערזעהן דעם יאגד שלאָס.

דאָס הערץ האט איהר אימער געקלאפּט שטארקער. יעצט האט זיא דעם שלאָס עררייכט, זיא איז געבליבען שטעהן ביין אריינגאנג אין גארטען. עס וואר שוין נאכט אָבער דער מאנד האט געשיינט העל.

אננא האט געהערט שטימען אין גארטען, זיא האט געזעהען וויא פעדאָרא

נעהמט אונטערריכט צום רייטען. זיא האט געזעהן וויא דער וואלד ענגעל איז אראבגעפאלען און העדוויג האט זיך צולאכט.

און דארט, אין דיא קליידער פון א שטאל מייסטער איז געשטאנען פראנץ שטאנד.

טראטץ דיא פאלשע בארד וואס ער האט געטראגען האט זיא איהם ע־־ קענט. זיא האט געפיהלט וויא דאס בלוט איז אריין אין איהר הארצען, וויא איהרע אדערן האבען געציטערט, און וויא איהר געזיכט איז געווארען הייס און קאלט.

אננא האט געקעמפפט מיט איהר ענטשלוס, וואס זאל זיא טהאן, זאל זיא זיך לאזען ערקענען ?

ווען זיא וויל אויספיהרען איהר בעשלוס צו ווארנען דעם אנטלאפענעם, זא בלייבט איהר קיין אנדער מיטעל, אבער עס וואר איהר שווער און דער פערברעכע־ געגען דיעזען מאן איז געלעגען וויא א שטיין אויף איהר הארץ.

האט זיא געפיהלט געוויסענביסע ?

געוויס ניט !

זיא האט נור געדאכט וויא זיא זאל זיך פאר איהם קענען פערענטפערן, און וויא זיא האט איהם געזעהען נאהענט פון זיך זא האט איהר ליעבע זיך נאך מעהר צופלאמט און זיא האט זיך געמוזט זאגען דאס זיא האט זיך גענארט ווען זיא האט געמיינט אז זיא ליעבט איהם ניט מעהר.

— ער וועט מיר פעראכטען און וועט מיר פון זיך פערטרייבען,—האט אננא געמורמעלט. און דאך מוז איך איהם זעהן, מוז מיט איהם שפרעכען, איך מוז איהם ווארנען. מוטה! מוטה! איך דארף אויף קיין פאל דיא ווארהייט ניט זאגען, זאנסט בין איך פערלארען. גיין, און נאך א מאל ניין איך דארף איהם דיא וואהרהייט ניט זאגען, פראנץ שוועבט אין געפאהר און דארום וועל איך איהם יעצט ווארנען, זאל ער אנטלויפען אין דער ווייטער וועלט, איך וועל איהם בעגלייטען, מיט מיין געלד וועל איך איהם פאנגען און דאן וועל איך געווינען זיין ליעבע.

— זאל איך אנקלינגען?

וויא איין אנטוואָרט אויף דער פראגע, האט איהר פערהילכט דיא בילעריי פון א הונט וועלכער האט זיך צו איהר געלאזט לויפען.

דער גרויסער הונד האט בעמערקט דעם פרעמדען און איז צו איהר געלאפען.

— איך גלויב דאס א פרעמדער איז דא,—האט פראנץ געזאגט און איז גע־ לאפען צום טויער. באלד איז ער געלאפען צוריק, ער האט אננא'ן דערזעהן.

פראנץ האט אָנגעקוקט דאס מעדכען, וואס וויל זיא דאָ?... איז זיא געקומען איהם אויפ'ס נייע צו פערדארבען?

ער האט ניט געוואלט צוגעהן צו איהר. ער האט זיך באלד אומגעקעהרט און האט געזאָגט איינִיגע ווערטער דער גרעפין אין אויער.

העדוויג האט זיך ערשראָקען, אבער באלד האט זיא זיך געפאסט.

— פעדאָרא—האט זיא געזאָגט,—דער אונטערריכט איז פיר הייטע צו ענדע געה אין צימער, ווען איך וועל דיך דארפען וועל איך דיך רופען.

פעדאָרא איז איבערראשט געוואָרען פון דיזען בעפעהל. אבער זיא האט גע־פאלגט און איז אוועק אין איהר צימער. זיא האט פערשטאנען אז עטוואָס איז דאָ פאָרגעקומען און דאס עס האט עטוואס א צוזאמענהאנג מיט דעם שטאלמייסטער. פעדאָרא האט בעמערקט דאס דער שטאלמייסטער איז ניט קיין געוועהנליכער דיי־נער, אבער זיא האט ניט געוואוסט ווער ער קען זיין.

יעצט האט זיא ווידער גענומען טראכטען וועגען איהם. זיא האט אָנגעצונדען א לאָמפּ און האט גענומען א בוך צום לעזען.

א לאנגע צייט האט זיא געלעזען. זיא האט אָפט געקוקט צום טהיר. וואו קען עס זיין דיא גרעפין אזוי שפּעט? פעדאָרא האט ניט געקענט דענקען צו געהן שלאָ־פען איידער זיא האט דיא גרעפין געזעהן, אָבער וואו זאמט זיא זיך אזוי שפּעט? פעדאָרא האט געווארט און געווארט, ענדליך איז איהר בעפאלען דער שלאָף און זיא האט געשלאָסען איהרע אויגען.

ערסט אויף מאָרגען פריה האט זיך געעפענט דיא טהיר און העדוויג איז אריין אין צימער.

אין דעם מאָמענט וואס פראנץ האט העדוויגען געזאָגט ווענען ער האט דאָ דערזעהען האט זיך העדוויג בעשלאסען וואס דאָ איז צו טהאן. גלייך וויא זיא האט געשיקט פעדאָרא'ן אין איהר צימער, האט זיא צוגערופען דעם דינער וואלטהער און האט איהם געהייסען אריינפיהרען דעם פערד אין שטאל און אריינגעהמען פראנץ'ן אין זיין צימער.

— דוא ווייסט וואלטהער וואס עס איז צו טאהן אין דער צייט פון א גרויסער געפאהר?

— יא גרעפין.

— דיזע געפאהר שטעהט יעצט נאָהענט. פערזאָרג זיך מיט אלעם וואס איז נעטהיג.

דער אלטער האט גענייגט מיט'ן קאפ. אין איין אויגענבליק איז דער פערד געווען אין שטאל און ער איז מיט פראנץ'ן אוועק.

העדוויג האט געווארט איניגע מינוטען. אלס זיא האט געגלויבט, אז פראנץ שטאנד איז שוין זיכער האט זיא זיך בעגעבען צום טהיר פון גארטען.

אננא סיבעל איז דארט נאך אימער געשטאנען. זיא האט יעצט געזעהן דעם מאן וועלכען זיא ליעבט, זיא האט גזעהן וויא ער האט זיך פאר איהר ערשראקען און איז אנטלאפען צו דער גרעפין. זיא האט אויך געזעהן דיא האסטיגע בעוועגונג אין דער געפאהר און זיא האט באלד פערשטאנען אז מען רעכענט אז זיא איז געקומען מיט א שלעכטער אבזיכט.

טראטץ דיא אויפרעגונג וואס אננא האט געהאט וואר זיא נאך ביי איהרע געדאנקען זיא זאל זיך אויף דעם ניט וואונדערן. זיא האט גאר קיין אנדער אויפנאהמע ניט בעדארפט ערווארטען. יעצט האט זיא געזעהען וויא דיא גרעפין קומט צו איהר.

העדוויג איז גאנץ רוהיג צוגעגאנגען צום טהיר און האט געפרעגט:

— ווער איז דארט?

אננא האט געענטפערט:

— גנעדיגע גרעפין, איך בין א מעדכען וואס ווילווארנען א מענשען פון א געפאהר.

העדוויג האט אויף איהר געווארפען א דורכדרינגענדען בליק. זיא האט אננא'ן געזעהן אין געריכט. שוין דאמאלס איז איהר אויפפיהרונג געווען פערדעכטיג. זיא האט שוין דאמאלס געגלויבט אז אננא שווערט פאלש און וואס פראנץ שטאנד האט איהר נאכדעם ערקלעהרט האט עס איהר בעשטעטיגט. קען זיא דען גלויבען, דאס דיזע מעדכען איז יעצט געקומען ווארנען דעם מאן וועלכען זיא האט פערר־אונגליקט מיט איהר פאלשער שבועה?

— וויא הייסט איהר? — האט העדוויג געפרעגט.

— אננא סיבעל.

— ריכטיג, איך ערינער מיך דאס איך האב אייך א מאל געזעהן, זייט איהר דא אליין?

— יא.

— האט איהר פיללייכט קאמעראדען. איהר דארפט זיך ניט וואונדערן ווען איך קען אייך ניט געטרויען.

אננא האט אראבגעלאָזען איהרע אויגען, מיט א לייזען טאָן האט זיא גע־ענטפערט :

— איך בין געקומען גאנץ אליין און מיין איינציגעס אבזיכט איז, פראנץ שטאנד צו ווארנען.

— קומט אריין.

אננא האט אָנגענומען דיא איינלאדונג וועלכע וואר ניט אין א זעהר פריינד־ליכעז טאָן. נון יעצט זאָל זיא אריינגעהן אין דאס הויז וואו פראנץ שטאנד געפינט זיך. וועט זיא איהם קענען זעהן ?

אלסביידע האבען זיך געפונען אין דער גרעפינס צימער האט העדוויג אָנגע־וויזען א שטוהל אויף וועלכען אננא האט זיך געזעצט.

— נון זאגט מיר צו ערשט ווער האט אייך אהער געבראכט ! — האט דיא גרעפין אָנגעפאנגען מיט א שטאָלצען טאָן.

— איך האב אייך שוין געזאָגט, גנעדיגע גרעפין, פראנץ שטאנד.

— נון ער איז דאָך אנטלאָפען און ווען איהר ווילט איהם ווארנען דארפט איהר דאָך וויסען וואו ער איז ?

— ער איז דאָ ביי אייך !

— וויא קומט איהר צו דיזער נאררישער מיינונג ?

— עס איז קיין מיינונג, עס איז געוויס, איך אליין האב איהם ערשט געזעהן.

— וואו?

— אין אייער גארטען.

— פון וואנען האט איהר עס געוואוסט ?

— איך האב עס אימער גערענקט, אָבער ניט לאנג צוריק איז עס מיר בע־שטעטיגט געוואָרען, האט אננא געענטפערט און האט ערצעהלט וויא זיא האט זיך בעגעגנט מיט העדוויגס קאמערמעדכען און וואס הערר סימען האט איהר גע־זאגט. דיא גרעפין האט אלעס אויסגעהערט, זיא האט איינגעזעהן דאס עס נוצט ניט צו לייקענען, דאָך האט זיא בעשלאָסען דאָס עס לאהנט ניט זיא זאָל עס צוגעבען.

— ואס איהר זאָגט דאָ קלינגט ניט מעהר וויא ראָמאנטיש, — האט העדוויג געזאָגט איך ערראינער מיך דיא ראָלע, וואס איהר האט געשפיעלט אין גריכט. אָה, איהר ווערט בלייך, דאָס בעווייזט, אז איהר פיהלט אייער שולד, נון ווען איך דענק דעריבער זאָ גלויב איך, אז מען קען אייך ניט גלויבען !

— אָה, גרעפין !

— דאָך וועל איך אייך דיעזען מאל גלויבען און ווען איך וועל האבען דיא געלעגענהייט זאָ וועט פראנץ שטאנד ערפאהרען, וואס פאר אן אינטערעסע איהר נעהמט אין זיין לאגע, אויב ער וועט אייך דאנקען ווייס איך ניט. איהר זייט נאָך יונג און איהר האט נאָך א געוויסען. וויא וואָלט עס געווען ווען איהר זאָלט זיך בעגעבען צום פּראָקוראָר?

— צום פּראקוראָר?—האט אננאַ גרפרעגט.

— נון יא, האט דיא גרעפין געענטפערט און האט דאס מעדכען אָנגעקוקט.

— צו איהם דארפט איהר געהן און איהם דארפט איהר זאָגען, דאס פראנץ שטאנד וואר דער קרבן פון א פאלשע שבוע, וועלכע אננאַ סיבעל האט אָבגע-געבען.

— גרעפין! וואס רעדט איהר?

העדוויג האט זיא גאנץ רוהיג אָנגעקוקט.

— וויא קונסטפאָל איהר האט געשפּיעלט דיא ראָלע אין געריכט האט איהר מיך נאָך אלץ ניט גענארט. איך האב ריכטיגע בעווייזע אויף אייער שולד און ווען דיזע בעווייזע זיינען נאָך ניט געבראכט געוואָרען זאָ איז עס וויל מיר האבען נאָך ניט דעם ריכטיגען מערדער. אבער איהר זעהט דאָס אייער שיקזאל ליגט אין מיין האנד.

א מאָמענט לאנג וואר אננאַ צומישט, אָבער באלד האט זיא זיך ארומגעזעהן דאס זיא דארף ניט מודה זיין אז זיא האט פאלש געשוואָרען. זיא וואָלט דאָך גע-ווען פערלארען. זיא האט זיך דארום בעשלאָסען און האט געזאָגט:

— גרעפין, איך בין געקומען ווארנען דעם אנטלאָפענעם, ניט צו הערען אייער אנקלאגע. דער צוועק פון מיין רייזע איז ערפילט, איך קען אלזאָ געהן.

— אה, איהר ווילט געהן?

— יא.

— וואוהין צום פּראָקוראָר?

— איך האב מיין אורזאכע.

העדוויג האט זיך אויפגעהויבען און איז צו אננאַ'ן צוגעגאנגען.

— מעדכען, ווילט איהר לייקענען דאס איהר האט דורך א פאלשע שבועה פראנץ שטאנד פעראונגליקט?

— יא, איך לייקען עס.

— טראטץ מיינע בעווייזע?

— איהר האט קיינע בעווייזע.

— ווען איך וועל אייך איבערליפערען צו דעם פּראקוראָר, ווען איך וועל אייך דאָ לאזען פערהאפטען?

אננאַ איז געווארען בלייך.

איהרע ליפּען האבען געציטערט און איהרע צייהן האבען געקלאפּט. זיא האט ניט געקענט געבען קיין אַנטווארט.

— נון, האט דיא גרעפין געפרעגט.

— האט איהר יעצט נאָך דעם מוטה צו לייקענען? איך דארף אייער געשטענדניס ניט האבען, אבער עס איז פאר אייך בעסער, איהר זאָלט זיך אליין מודה זיין.

— לאָזט מיך געהן, גרעפין!—האט אננאַ געזאגט און האט זיך געזוכט צו שטארקען.—איך קימער מיך ניט פאר אייערע דראהונגען? ווען איהר ווילט מיך פערהאפטען, דאן זאלט איהר ניט פארגעסען דאס דער אנטלאָפענער האט זיך ביי אייך געפונען און געפינט זיך נאָך יעצט. יעצט אדיע, איך האב ערפילט מיין פפליכט און פראנץ שטאנד וועט מיר א מאל דאנקען וואס איך האב איהם יעצט געווארנט.

אננאַ האט זיך יעצט געווענדעט צו געהן.

— האלט! וואוהין ווילט איהר יעצט געהן. — האט דיא גרעפין אויסגערופען.

— נאָך הויזע.

— איהר האט א ווייטע רייזע פאר זיך, עס איז אויך נאכט, איהר וועט דעם וועג ניט געפינען. מען וועט אייך דארום בעגלייטען צום באהן, ביי נאכט פאָהרט זיך שלעכט, מארגען פריה געהט אויך א צוג און ביז דאַן זייט איהר מיין גאסט.

אננאַ האט פערשטאנען דעם געלעכטער פון דיזע רייד, זיא האט אויך געוואוסט וואס דיא גרעפין מיינט דערמיט. זיא האט אָנגעפאנגען צו פיהלען א נייע פיינדשאפט.

— אה, איך בעדאנקע.

— ניין, ניין, פרייליין סיבעל. איהר וועט ביי מיר בלייבען. עס קען דאָך אָבער זיין, דאס איהר וועט דאס הויז פערלאסען אין געהיים, דארום לאד איך אייך איין צו געהן מיט מיר אין יענעם צימער.

דיא גרעפין האט עס געשפּראָכען מיט אזא בעשטימטען טאָן דאס אננאַ האט אין ערסטען מאָמענט ניט געוואגט צו ווידערשפּרעכען. ניט ווילענדיג איז זיא

מיט דער גרעפין געגאנגען אין צווייטען צימער און האט זיך געזעצט אויף דער סאפא, וועלכע איז דארט געשטאנען.

— איהר וועט זיך געגען מיר ניט דארפען בעקלאגען — האט דיא גרעפין געזאגט.—איהר דארפט איינזעהן דאס איך האנדעל געגען אייך וויא געגען איינער וואס שווערט פאלש. וואר עס אבער אייער ערנסטער וואונש צו ווארנען פראנץ שטאנד?

אננא איז אויפגעשפרונגען פון איהר פלאטץ.

איהרע אויגען האבען יעצט געגליהט, איהר בוזים האט זיך געהויבען אין דער הויך.

— גרעפין!—האט זיא אויסגערופען, איך שווער אייך אז דאס וואר מיין איינציגע אבזיכט.

— אה, אייער שבועה!

— גרעפין!

— נון בלייבט רוהיג, ווען איהר האט מיר געזאגט דיא וואהרהייט זא דארפט איהר פון דאנען ניט אנטלויפען. עס איז יעדענפאלס שפעט, איהר זייט מיעד און הונגעריג.

— איך דאנק אייך, גרעפין.

— נון, מען זאל ניט זאגען, דאס איך בין ניט גאסטפריינדליך,—האט העדוויג געזאגט און האט אנגעקלונגען.

וואלטהער איז ערשינען.

העדוויג האט איהם צוגעווארפען א פארשענדען בליק וועלכען ער האט געענטפערט מיט א שטומען צייכען. דאס אלעס איז געשעהן אזוי שנעל דאס אננא האט עס ניט בעמערקט.

— ברענג שפייז און וויין פאר דיזער דאמע.

דער דינער איז אוועק און אין איניגע מינוטען האט ער געבראכט שפייז און א פלאש רויטהע וויין מיט צוויי גלעזער, וועלכע ער האט אנגעפילט און איז אוועק.

— נון, פריילין סיבעל, עסט, טרינקט און רוהט זיך אויס. איהר מוזט זיך בעגוגענען מיט דעם געלעגער אויף דיזער סאפע. עס איזווארם אין צימער און דיא נאכט וועט שנעל אוועקגעהן.

נאך איניגע ווארטען איז העדוויג צוגעגאנגען צום פענסטער. דרויסען וואר א שטערן־קלאהרע נאכט.

אננא איז געזעסען פערטראכט.

זיא האט געקוקט אויף דיא שפייזען און האט בײ זיך געפרעגט אויב זיא זאל אננעהמען דער גרעפין'ס איינלאדונג.

העדוויג האט זיך דערווייל אָבגעקעהרט פון פענסטער.

— נון ?—האט העדוויג געזאגט אין א גלייכגילטיגען טאָן,—איהר עסט דאָך ניט, פריילײן סיבעל ?

— איך מוז אייך דאנקען.

— וויא איהר ווילט, פיללייכט וועט איהר שפּעטער קריגען הונגער, — איהר האט דאָך פאר זיך א ווייטען וועג. איך מוז אייך איבעריגענס פערלאסען, נור פון גרעסערער זיכערהייט וועל איך פערשליסען דיא טהיר. דער האָף איז דאָך אזוי איינזאם !

— אה איך האב קיין מורא.

— ווען מען האט א גוטען געוויסען זאָ קען מען פאר קיין זאך ניט פירכטען, אָבער אלס ווירטהין וויס איך מיינע פפליכטען. מאכט זיך בעקוועם וויא נור מעג־ליך, איהר געפינט דאָ אלץ וואס איהר דארפט, ווען איהר וועט עטוואס ווינשען זאָ דריקט צוויי מאל דעם קנאָפּ.

נאך דיזע ווערטער איז העדוויג ארויס פון דעם צימער.

אננא האט געקוקט צום טהיר. זיא האט געמורמעלט אלס זיא האט גע־הערט וויא דער שליסעל דרעהט זיך צוויי מאל איבער אין שלאס. אננא האט יעצט ניט געצווייפעלט אז זיא איז דאָ א געפאנגענע.

מינוטען זיינען אוועק. יעצט האט אננא געהערט וויא דיא לאָדען ווערען אין דרויסען געשלאָסען. א געדאנק איז יעצט דורכגעלאָפען איהר קאָפּ. וויא וועט זיין ווען זיא זאל לויפען דורך'ן פענסטער, זיא איז צוגעלאָפען צו דיא לאָדען, אָבער זיא האט זיך באלד איבערצייגט אז זיי עפענען זיך ניט פון אינוועגדיג.

אננא האט איינגעזעהן דאס זיא דארף זיך איבערגעבען איהר שיקזאל, דארף זיא דען ווירקליך אנטלויפען ? זיא האט אייגענטליך ניט פערשטאנען וואָרום האט מען זיא דאָ געפאנגען.

וויל דיא גרעפין זיא פערראטהען און דארום וויל זיא זיכער זיין דאס זיא וועט ניט אנטלויפען. אבער וועלכע אינטערעסע קען האבען דיא גרעפין זיא צו פער־ראטהען ?

דיא גרעפין האט געשפּראכען פון בעווייזע, אָבער אננא האט דאָך ניט גע־גלויבט דאס אזעלכע בעווייזע עקזיסטירען. דאס וואר זיכער נור אוב איהר צו שרע־

קען. דיא גרעפין מוז איהר ניט געטרויען, זיא וויל וואהרשיינליך בעהאלטען דעם אנטלאָפענעם פראנץ שטאנד און ביז דאן וויל זיא אננא׳ן פערשליסען.

זיא האט געקריצט מיט דיא צייהן. העדוויג׳ס בעהאנדלונג האט זיא געמאכט בייז. ווען זיא וואלט דאָך ליעבערס אהער ניט געקומען. אבער וויא מערקווירדיג, זיא און דער אנטלאָפענער זיינען יעצט אונטער איין דאָך. אה, ווען זיא וואָלט איהם נור געקענט זעהן. אבער וויא קען זיא זיך פאר איהם בעווייזען. זיא האט געפיהלט דיא לאסט פון איהר פארברעכען. און דאָך האט זיא עס ניט בעדויערט. איהר צוועק האט זיא ערפילט, מרים און פראנץ זיינען צושיעדען, האָפענטליך פיר אימּמער.

דיא צייט איז געלאָפען. אננא איז ארומגעגאנגען א לאנגע צייט איבער איהר צימער און האט זיך ענדליך ווידער געזעצט אויף דער סאפע. אויף דעם טיש זיינען נאָך געשטאנען דיא שפייזען, אננא האט געהונגערט, ווארום זאל זיא דאס ניט עסען? זיא איז דאָך דאָ דיא געפאנגענע און דארום דארף זיא דאָ אויך עסען. דער רויטהוויין איז דאָך געווים פון בעסטען זארט, איין גלאז וועט איהר געבען נייען מוטה, און זיא האט גענומען עסען און טרינקען און האט זיך ענדליך געלעגט אויף דער סאפע און איז איינגעשלאָפען.

— — — — — — — — — — — — —

אזוי שנעל וויא דיא גרעפין העדוויג האט אננא׳ן פערלאסען האט זיא צוגע־שלאָסען דיא לאָדען אום צו פערהינדערען אננא׳ס פלוכט, דאן האט זיא זיך בע־געבען צו פראנץ שטאנד.

זיין צימער ווער לעער, אויף׳ן טיש האט געברענט א לאָמפּ.

אויף העדוויגס געזיכט האט זיך בעוויזען א שמייכעל אלס זיא האט געקוקט אויף דעם קליידער שראנק. זיא האט געעפענט דיא טהיר, האט דיא מאשינע בע־וועגט און האט אין דער שטיל געזאָגט:

— פראנץ שטאנד!

— גרעפין?

דער אנטלאָפענער האט זיך בעוויזען.

— דיא לופט איז יעצט ריין, האט דיא גרעפין געזאָגט. אבער דאָך זייט איהר דאָ מעהר ניט זיכער. וויא לייד עס טהוט מיר פאר אייך, דאָך מוזט איהר וואָפארט פון דאנען אוועק.

פראנץ׳ס געזיכט איז בלייבער געוואָרען. ער האט אימער גערעכענט דאס אין א געוויסען טאָג וועט ער דיזע היימאטה מוזען פערלאסען, אבער דאָך יעצט

ווען עס איז געקומען דיא צייט האט ער זיך געפיהלט שלעכט. ער האט ביז יעצט געהאט א היים, יעצט האט ער עס ניט מעהר. ער מוז געהן אין דער פרעמדער קאלטער וועלט, פליהען מוז ער פון אָרט צו אָרט און הינטער איהם זיינען דיא פערפאָלגער.

— האט איהר מיט אננא'ן געשפּראָכען? — האט ער געפרעגט אין דער שטיל.

— יא.

— וואס וויל זיא?

— זיא וויל אייך ווארנען פון געפאהר, איך בין געניינט איהר צו גלויבען; דאָך ווער איך פאָרזיכטיג און האב זיא דאָ איינגעשלאָסען. זיא וועט דיזע נאכט דעם האף ניט פערלאסען. איבעריגענס צייגט זיא ניט דעם קלענסטען שפּור פון חרטה, זיא האַלט דיא אייפערזוכט פאר איהר רעכט און זיא גלויבט דאס זיא האט געהאט דאס רעכט צו האנדלען וויא זיא האט געהאנדעלט. זיא האט אויך ניט געוואָלט מודה זיין איהר שולד אבוואהל איך האָב געזאָגט דאס איך וועל זיא פערהאפטען.

— האָט איהר דאס געטאָהן?

— איך האָב עס געמוזט מאָהן פון אייערט וועגען, מען קען ניט וויסען, אננא סיבעל איז א ליידענשאפטליכע מיידעל, מען מוז זיך פון איהר זיכערן אויך אין דער צוקונפט. יעצט אבער האנדעלט זיך וויא אייך צו ברענגען אין זיכערהייט.

א לייזער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון פראַנץ'ס ברוסט. וואס וועט יעצט מיט איהם געשעהן? און מרים? זיין מרים? וועט ער זיא ווידער זעהן? וויא קען עס איהר געהן?

— מאכט זיך פערטיג צו דער רייזע, — האט דיא גרעפין ווייטער געזאָגט, איך וועל דערוויל פארבערייטען אלע אנדערע זאכען. אין איינינע שטונדען פאָהרט אָב דער צוג.

— וואוהין זאָל איך מיך ווענדען?

— איך האב צו ערשט געדאכט וועגען אמעריקא, אבער דאס איז צו ווייט, מען וויים ניט וואס צווישען קען געשעהן. צוערשט פאָהרט נאָך וויען. דארט האב איך א פריינדין, זיא איז פערהייראטה, זיא הייסט באראָנין וואלי פאן שפּעכטריץ. איך האב א מאָל פאר איהר עטוואס געטאהן און דערפאר דארף זיא מיר יעצט אָבדינען. מען וועט אייך דאָרט גערען געבען א היים, דאס הייסט פאָרלויפיג, ביז איך בין זיבער אויב פאר אייך שוועבט קיין געפאהר.

— גרעפין, האט פראנץ געזאגט אין דער שטיל.—איהר האט פאר מיר זעהר פיעל געטאָן און יעצט בלייב איך אייך זעהר פיעל שולדיג.

— וואס איך טהו געשעהט אין מרים׳ס נאמען. איך דענק דאס איהר וועט יעצט פון מיר אננעהמען דעם קליינעם דינסט, ניט וואהר?

פראנץ שטאנד האט זיא אָנגעקוקט, ער האט געזעהן א טרעהר אין הער־ווינס אויגען און ער האט ניט געקענט וויסען דיא אורזאכע פון דיזע טרעהרען.

— יא, איך נעהם עס אָן !—האט ער געזאָגט. איך ווינש איך זאָל אייך קענען דאנקען פאר דיזע אלע זאכען.

— איהר זייט מיר קיין דאנק ניט שולדיג, אבער דיא צייט געהט שנעל. עס איז פראקטיש איהר זאָלט אָבפאָהרען אין דיא קליידער פון א שטאלמייסטער. מען קען קיין זאך ניט וויסען, ווען איהר קומט אין וויען טהוט איבער דיזע קליידער און געהט גלייך צו דער באראָנין. איך בין זיכער דאס מען וועט אייך דאָרט גוט עמפּ־פאנגען, דיא באראָנין האט א גרויסען איינפלוס, זיא קען אייך פיללייכט מעהר נוט־צען וויא מיר רעכענען. איך וועל יעצט געהן אום צו שרייבען דעם בריעף.

דיא גרעפין איז אוועק. זיא איז אוועק אין דעם צימער, וועלכער וואר נעבען אננא׳ס צימער.

אויף דיא שפּיטץ פינגער האט זיא זיך גערוקט צום טהיר. דאָרט האט זיא געהערט וויא דיא גלעזער קלאפּען און דער גאָפּעל מיט דעם מעסער ארבייטען.

העדוויג איז יעצט צוגעגאנגען צו איהר שרייב טיש און האט אויפגעשריבען דעם בריעף צו איהר פריינדין דיא באראָנין וואלי פאן שפּעכטריץ. דאס וואר קיין לייכטע ארבייט. מען האט דערצו בעדארפט שכל, דען דער בריעף האט געמוזט זיין אזוי קונציג געשריבען דאס דיא באראָנין זאָל וויסען וויא וויכטיג דאס איז און אויף דער צווייטער זייט האט דער שרייבען ניט בעדארפט פערראטהען דיא גע־היימניסע.

ענדליך איז העדוויג געוואָרען פערטיג מיט דעם בריעף. זיא האט איהם נאָך א מאָל דורכגעלעזען.

— זאָ איז עס געשעהן,—האט זיא ענדליך געזאָגט און איז ארויס פון צימער אזוי שטיל וויא זיא איז אריין. זיא איז אוועק האט אויפגעזוכט דעם דינער וואלט־הער און האט מיט איהם געהאט א לאנגען געשפּרעך. דאן איז זיא אוועק צו פראנץ שטאנד.

— היער, מיין פריינד, איז דער בריעף. איך האָף פון איהם דאס בעסטע נאטירליך גיב איך אייך א סומע געלד אום איהר זאָלט ניט דארפען צו פיעל אָנ־

קומען צו דער באראָנין. היער זיינען דריי טויזענד מארק, נעהמט דאס געלד צו זיך. עס קען א מאָל זיין דאס איהר וועט דארפען פערלאסען וויען אום נאך אַמעריקא צו געהן. היער זיינען אויך אייערע פאפירען. זיי זיינען אויסגעשטעלט אויף דעם נאמען פון וואלטהער'ס שוויגערזאָהן. ער האט געלעבט אין רוסלאנד און איז דאָרט געשטאָרבען, אבער וואלטהער האט דיא פאפירען. אייער נאמען איז דארום פעטער סישקין. ווענען מרים זאָ וועל איך זעהן צו געפינען איהר אדרעסע און זיא זאָל וויסען וואו איהר זייט און וויא אייך געהט. לאָזט דאס אלעס איבער פאר מיר, עס גיבט דערביי שוויריגקייטען, וועלכע מען מוז דערביי בעקעמפפיין.

נאָך דיזע ווערטער האט זיא גערייכט פראנץ'ן איהר האנ,

לעבט וואָהל, הערר שטאנד, האט עס געקלונגען פון איהרע ליפען, שרייבט ניט ביז איהר וועט פון מיר הערען. איך מוז מיך פריהער איבערצייגען אויב דיא לופט איז דאָ ריין אָדער אויב מען האט דאָ געגען מיר א פערדאכט. גליקליכע רייזע!

פראנץ שטאנד וואר אזוי געריהרט, דאס ער האט קיין וואָרט ניט געקענט ריידען. ענדליך האט ער ווידער געקראָגען זיין פאסונג. ער האט געדריקט דער גרע־פינס האנד און האט זיא ענדליך צוגעטראָגען צו דיא ליפען.

— וויא דאנק איך אייך גרעפין! — האט ער געזאָגט מיט א פיבערענדער שטימע. — איך קען עס ניט ארויסריידען מיט ווערטער. איהר האט מיר אזוי פיעל געטאָן, מעג עס אייך דער גוטער גאָט בעלאָהנען.

אין זיינע אויגען האבען געגלאנצט טרעהרען. ער האט צוזאמענגעדריקט דיא ליפען און איז ארויס.

העדוויג איז געבליבען שטעהן אין טהיר און האט איהם נאָכגעוואונקען מיט דער האנד א גליקליכען וועג. עס וואר דונקעל אין קאָרידאָר, פראנץ שטאנד האט ניט געקענט זעהן וויא זיא וויינט.

אלס דער אנטלאָפענער און וואלטהער, וועלכער האט איהם איבערגענומען זיינען אוועק, האט זיא צוגעשלאָסען דיא טהיר, דאן איז זיא צוגעלאָפען צום פענס־טער און האט געזעהן וויא דער וואָגען מיט דיא מענער איז אבגעפאהרען.

— גליקליכע רייזע! — האט העדוויג געמורמעלט און האט זיך אָבגעצייגען פון פענסטער. מיט לייזע שריט האט זיא זיך בעגעבען אין איהר צימער, אויף דעם שרייב־טיש איז נאך געשטאנען דער לייכטער מיט דיא ברענענדע ליכט, העדוויג האט זיי אויסגעלאָשען, דער צימער וואר העל געגוג בעלויכטען פון לאָמפ.

זיא האט גענומען פלאַץ אויף דער סאָפע, אין צווייטען צימער וואר רוהיג,

אננא איז געווים געגאנגען שלאָפען. נון דאס איז בעסער, האפענטליך דאָס זיא שלאָפט שוין יעצט. דיא גרעפין האט געדאכט וועגען פעדאַראַ'ן, וועלכע וואַרט געווים אויף איהר, דאס האט איהר לייד געטהאן און זיא האט געוואָלט פעדאַראַ'ן אויפזוכען און איהר הייסען געהן שלאָפען, אָבער זיא האט זיך בעהערשט. דען איידער וואלטהער האט זיך אומגעקעהרט און זיא איז זיכער, אז פראַנץ שטאַנד האט גליקליך אָבגערייזט זאָל זיא פון דאנען ניט אבטרעטען און זאָל מיט פעדאַראַ'ן ניט ריידען, ווייל מען קען ניט ווייסען וואָס פאר פערוויקלונגען עס קען נאך ארויס.

מיט אונגעדולד האט העדוויג געוואַרט אויף דעם דיענער. זיא האט גענוי בערעכענט ווען וואָלטהער קען דא צוריק זיין און כמעט מיט דער מינוט איז וואָל־טהער ערשינען.

העדוויג האט דערהערט וויא דער וואגען איז צוגעפאָהרען. זיא האט זיך אויפ־געהויבען און איז ארויסגעגאנגען.

— נון, האט אלעס געגליקט? — האט העדוויג געפרעגט.

— יא, גרעפין.

— האט איהר דעם בילעט גענומען?

— געווים, וויא איהר האט עס מיר געהייסען.

— זיינען פיעלע מענשען געפאָהרען?

— נו, מיר האבען געהאט גליק. איין איינציגער פאסאזשיר איז ארויס און נור צוויי אדער דריי זיינען ארויסגעפאָהרען, אָבער נור אויף ניט ווייטע שטרעקען. און וואָס העררן שטאַנד אַנבעטרעפט . .

— שטיל אלטער! ערוואַנערט ניט מעהר דיעזען נאָמען, עס איז אייער נעפע, פעטער סישקין און קיין אַנדערער.

— נו, געווים, נו וואס האב איך געוואָלט זאָגען, ער האט גליק, קיין איינציגער פאסאזשיר וואר מיט איהם אין וואגאָן.

— האט מען בעמערקט אייער אבשיעד?

— איך גלויב ניט, מיר האבען זיך צוזעגענט אויפ'ן וועג, אָבער אויפ'ן וואָגזאל האבען מיר קיין קאָמעדיע ניט געשפּיעלט, נאר עס וואר אונז שווער צו שיידען זיך, אָבער עס העלפט ניט.

— ווען געהט אָב דער מאָרגען צוג נאך מינכען?

— זעקס אוהר.

— זיי בערייט צו פאָהרען צו דיעזען צוג, דוא ווייסט שוין ווען.

— נאַטירליך, פונקט פינף אוהר וועט שטעהן דער וואָגען ביי'ן טהיר. יעצט

וועל איך אבער פיהרען דיא פערד צום שטאל, זיי קענען אביסעל רוהען.

— און דוא אויך אלטער?

— המ. איך וועל ניט קענען צולאנג רוהען, נור עס מאכט ניט, מארגען איז נאך א טאג, ברר. עס איז היער אין דרויסען קאלט, דיא גרעפין קען זיך נאך פערקעלטען.

דער אלטער מאן האט זיך זא וואס געמענט ערלויבען, דען ער וואר געאכטעט ביי העדוויג׳ן און העדוויג האט געוואוסט, אז זיא קען איהם געטרויען.

וועהרענד וואלטהער האט אויסגעשפאנט דיא פערד און האט זיי אריינגעפיהרט אין שטאל האט זיך העדוויג וויעדער אומגעקעהרט אין שלאס. יעצט האט זיא עס געהאלטען אין דער צייט צו בעזוכען פעדארא׳ן. גאנץ שטיל האט זיא אנגעקלאפט אין טהיר. פעדארא איז געזעסען אויף דער סאפא אין איהרע קליידער און האט געדרעמעלט. אה, וויא זאנפט זיא שלאפט, אויף איהר געזיכט וואר א שמייכעל, זיא מוז געוויס טרוימען. יעצט בעוועגט פעדארא דיא ליפען, זיא רעדט ארויס א נאמען, העדוויג האט צוגעבויגען דעם קאפ, אבער זיא האט דאך ניט געקענט הערען דעםווארט וואס איז ארויס פון פעדארא׳ס ליפען. אה, ווען העדוויג וואלט קענען טרוימען. יענע שטונדען זיינען פיעללייכט שוין אויף אימער אוועק. זיא זיא וואר נור א ווילע גליקליך אין איהר ליעבע, דער גליק איז אבער פון איהר שנעל אנטלאפען און אלעס ארום איהר איז יעצט טרויעריג.

דיעזע שלאפענדע מיידעל מוז גליקליך זיין, וועניגסטענס אין טרוים, העדוויג האט זיא באלד מקנא געוועזן.

דאך פארט מיט דיעזע געדאנקען, עס נוצען ניט דיעזע אלע זאכען, מען מוז שטארק זיין, מען מוז האנדלען, ניט טראכטען

זיא איז צוגעגאנגען און האט ארויפגעלעגט איהר האנד אויף פעדארא׳ס שטערן.

דער וואלד ענגעל האט געעפענט דיא אויגען.

— גרעפין!

— דוא האסט זיך נאך ניט געלעגט שלאפען, טראץ דעם וואס עס איז אזוי שפעט? געה אין בעט, עס איז שוין נאך האלבע נאכט.

נאך האלב שלעפעריג האט זיך פעדארא לאנגזאם אויפגעהויבען, זיא האט געקוקט אויף אלע זייטען און א שמייכעל האט געשוועבט אויף איהרע ליפען, זיא האט נאך ניט פערגעסען איהר טרוים......

— — — — — — — — — — — — —

באַלד האט זיך העדוויג אומגעקעהרט צוריק אין איהר צימער און האט דאָרט פערבראַכט ביז פינף אוהר. זיא וואַר מיעד, אָבער זיא האט בעקעמפפט דיעזע מיעדיגקייט, ווייל זיא האט ניט געוואָלט פערשלאָפען דיא צייט.

אלס דיא צייט איז געקומען איז דיא גרעפין אריין אין צווייטען צימער. זיא האט דיא טהיר געעפענט און צוגעמאַכט מיט אזא גערויש דאס אננא האט זיך באַלד אויפגעכאפט. זיא איז אויפגעשפרונגען פון דער סאָפאַ, האט זיך געריבען דיא אויגען און האט סעקונדען לאַנג אָנגעקוקט דער גרעפין.

— פריילין סיבעל! — האט העדוויג געזאָגט אין א קאלטען טאָן — מאַכט צורעכט אייערע קליידער אין איינינע מינוטען וועט איהר פון דאנען אבפאָהרען.

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— גאַנץ איינפאַך, איהר וועט צוריק פאָהרען נאך אויסבורג.

— דאָס איז ניט מיין אבזיכט! — האט אננא געזאָגט מיט א גערייצטען טאָן.

— אייער אבזיכט קימערט מיך ניט! — האט העדוויג געענטפערט — איהר ווייסט דאס איהר זייט אין מיין האנד. עס איז מיר גאַנץ לייכט צו פערקלאַגען אייך פאר דער פאלשער שבועה און דאס וועט געשעהן אזוי שנעל וויא איהר וועט ניט טהאן וואָס איך ווינש. יעדענפאַלס האַלט איך אייך פאר צו קלוג איהר זאָלט עס זוכען. מאַכט אייך פערטיג, מיין דינער וועט אייך פיהרען צום באַהן. איך וויל אייך נאך זאָגען, דאס איהר זאָלט ניט וואַגען צו מאַכען איין פיינדליכען שריט געגען פראַנץ שטאַנד אָדער מרים'ן, אויב איהר ווילט ניט פעראורטהיילט ווערען פאר אייער פערברעכען.

— גרעפין!

— קיין וואָרט ווייטער. איהר ווייסט וואָס איהר האט צו טהאן, עס איז איין ערניעדערונג פאר מיר איך זאָל זיך מיט אייך אריינלאָזען אין א פערהאַנדלונג.

דערמיט איז העדוויג ארויסגעלאָפען פון צימער און האט געלאָזט דיא טהיר אָפען. איינינע שטונדען שפעטער האט וואלטהער געמאָלדען, דאס דער וואָגען איז פערטיג.

העדוויג איז צוגעגאַנגען צום טהיר.

— פריילין סיבעל!

— איך קום גלייך.

— מאַכט עס שנעל!

אננא איז ערשיענען.

יעצט האט זיך העדוויג געווענדעט צום אלטען דיענער און האט געזאָגט:

— פיהרט דיעזעס פריילײן צום באהן, נעהמט פאר איהר א בילעט און ווארט ביז דער צוג איז אָבגעגאנגען. ווען זיא וועט ניט וועלען טהאן וויא איך האב געהייסען, דאן ווייסט איהר וואָס איהר האט צו טהאן. דיא דאָקומענטען האסט דוא ביי זיך.

— יא, גרעפין.

— בעהאלט זיי גוט, איהר זאָלט זיי ניט פערלירען, יעצט פאָהרט שנעל, פערזאמט ניט דעם צוג.

— קומט מיין פריילײן,—האט וואלטהער געזאגט צו אננא'ן.

אננא האט געוואָלט צוגעהן צו דער גרעפי', אָבער העדוויג האט צו איהר געווענדעט דעם רוקען און אָהנע צו בעהערען אננא'ן מיט א בליק איז זיא ארויס פון צימער.

אננא האט פערביסען דיא ליפען, איהרע אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרעהרען פון צאָרן, נור מיט מיהע האט זיא זיך בעהערשט, זיא ד'אט געזעהען דאך זיא איז אין א לאגע ווען זיא קען זיך ניט העלפען, זיא מוז נור טהאָן וואס מען הייסט און דארום האט זיא זיך געלאָזט געהן נאָך דעם דינער. אין איהר הארץ האט אָבער געקאָכט און געברענט, און זיא האט זיך געשוואָרען צו נעהמען ראכע פאר דיזע בעליידיגונג.

אננא איז אריין אין אָפענעם וואָגען און וואלטהער האט אָנגעטריבען דיא פערד. אין א שטונדע צייט האבען זיי עררייכט דעם באהן.

וואלטהער האט באלד גענומען א בילעט דירעקט ביז אויסבורג. ער האט דערביי ניט אראָבגענומען איין אויג פון אננא'ן, וועלכע האט גאָר אין געדאנקען ניט געהאט צו טהאָן עטוואָס אנדערש וויא מען האט פון איהר פערלאנגט.

אננא האט יעצט געדאכט פון ראכע, אָבער זיא האט נאָך קיין בעשטימטען פלאן ניט געהאט. זיא האט דורכאויס געוואָלט בעצאָהלען דער גרעפין פאר דער בעליידיגונג, און עס האט איהר ניט געקימערט ווען צוליעב איהר ראכע וועט זיא זאָגאר מוזען שאדען איהר געליעבטען פראנץ.

דער אלטער דינער האט אבער פון איהר ניט אָבגעטראָטען, ביז זיא האט זיך אריינגעזעצט אין וואגאָן. זיא האט אויך געזעהען וויא ער איז געשטאנען הארט ביין צוג און האט זיך ניט געריהרט ביז דער צוג איז אָבגעגאנגען.

(Mil., 54).

— ער איז גוט אָנגעלערענט געוואָרען!—האט אננא געמורמעלט אין א בר־טערען טאָן.— ער שיינט צו היטען אַלעס וואס מען האט איהם געהייסען.

זיא האט זיך געפונען אַליין אין וואגאָן און האט געקענט גאַנץ רוהיג דענקען איבער איהר ערפאהרונג.

זאָ פיעל ווער פאר איהר קלאָר דאס פראנץ שטאנד איז יעצט ניטאָ מעהר אין קלעאָפּאטרא, דען נור אום ער זאָל קענען זיכער אוועק פון דאָרט האט מען זיא געהאלטען געפאנגען דיא גאנצע נאַכט.

וואוהין האט ער זיך אָבער געקענט ווענדען?

אננא האט דעריבער לאַנג ניט געדאַכט. איהר אונטערנעהמונג איז איהר אויף אַזוי פיעל געלונגען דאס זיא האט פראנץ שטאנד געווארנט און האט פער־אורזאַכט ער זאָל פון דאַנען אַנטלויפען. יעצט קען זיא אויך פריי דענקען וועגען איהר ראַכע פון דער גרעפין.

נאָך לאַנגען טראַכטען וועגען איהר ראַכע האט זיא אויך געפונען א פּלאַן. זיא האט זיך אַזוי פערטיפט אין דיזען פּלאַן דאס זיא האט אין גאַנצען פערגעסען אָן פראנץ שטאנד.

ליעבט זיא איהם נאָך?

דיא ליעבע האט איהר אָהן צווייפעל געבראַכט נאָך קלעאָפּאטרא, זיא האט איהם געוואָלט ווארנען, זיא האט איהם געוואָלט שיטצען, אָבער שענדליך האט מען זיא בעהאנדעלט! זיא האט ניט געוואָלט בעדענקען דאס זיא האט אזא בע־האנדלונג פערדינט, דאס זיא האט גאָר קיין אנשפּרוך אויף צוטרויען.

— עס קען זיין וואס עס איז!—האט זיא געמורמעלט, — איך לאַך פון דער גרעפין'ס דראָהונגען. באַה, איך וואר נארריש גענוג צו לאָזען מיך פון איהר ער־שרעקען. זיא קען מיר גאָר נישט בעווייזען, גאָר נישט!

אַזוי האט זיא געדענקט און געפּלאַנט ביז דער צוג איז אָנגעקומען אין מינכען.

ביז דער באַהן וועט געהן נאָך אויסבורג האט געדויערט נאָך א שטונדע, דיזע צייט האט אננא געוואָלט בענוצען פאר איהר פּלאַן.

זיא איז אויסגעשטיגען, האט גענומען א דראָשקע און איז אָבגעפאָהרען ביז דער קאפּעע מאקסימיליאן.

דאָרט האט זיא זיך גאַנץ אָפט בעגעגענט מיט דעם הערר מענצעל, מען האט זיא דאָרט געקענט און זיא וואר זעהר גוט בעפריינדעט מיט דעם קאסיר מיט וועלכען זיא האט אָפט קאָקעטירט.

ווינצענט, אזוי האט געהייסען דער יונגער מאַן, האט זיא בעגריסט מיט א בּזונדערער פריינדליכקייט, און זיא האט איהם צוגערופען צו איהר טיש.

— ווילט איהר מיר טאָן א פריינדשאפט?

— נאטירליך. ווארום פרעגט איהר עס?

— האט איהר היער פאפיר?

— מיט דער פירמא?

— ניין, אָהן דער פירמע.

— איך קען עס האבען.

— דאן ביטע, ברענגט עס מיר מיט טינט.

— איך וועל עס אייך גלייך שיקען.

— אָה איך האב צו אייך נאָך א ביטע.

— און דאָס איז?

— איהר מוזט מיר שרייבען.

— אה, א ליעבעס בריעף? זעהר גוט.

— ניין א טעלעגראם, איך בין געפאלען, האב פערוואונדעט מיין האנד, און קען ניט ארונטערנעהמען דיא האנדשוה.

— נון, פון מיינט וועגען! ווארט נור א ביסעל.

ווינצענט איז פערשוואונדען. נאָך א קורצע צייט האט ער זיך אומגעקעהרט מיט שרייב מאטעריאל.

עס וואר נאָך פריה און ווענינ מענשען האבען פערקעהרט אין קאפעע הויז, דארום האט ווינצענט געקענט ערפילען אננא׳ס פערלאנג.

— נו, פריילין, וואס זאָל איך שרייבען?

— א טעלעגראם צום פראָקוראָר פון מינכען. דיא טעלעגראם דארף זיך לעזען אזוי:

„דער אנטלאָפענער פראנץ שטאנד איז פערבאָרגען ביי דער גרעפין פאָן מעהרען, אין האף קלעאָפּאטרא, דאָרף פינקענשטיין, ביי רעגענסבורג. סימען פון דער דרוקעריי אין אויסבורג וויים פיעל דערפון“

— המ. און דיא אונטערשריפט? — האט דער קאסירער געפרעגט נאכדעם וויא ער האט אויפגעשריבען וואס אננא האט דיקטירט.

— דאָס וועל איך שוין אליין פערזאָרגען,—האט אננא געענטפערט. נאטירליך ערווארטע איך איהר זאָלט האלטען דעם מויל.

— דאָס פערשטעהט זיך.

יעצט האט אננאַ געשיקט רופען אַ דינער און האט איהם געגעבען דעם אויפטראג ער זאָל זאָ פאָרט געהן און פערשיקען דיזען טעלעגראַם.

— זאָל איך עס בעצאָהלען ?—האט דער דינער געפרעגט.

— נאטירליך. היער איז געלד.

— וואו ווארט איהר אויף מיר?

-- אין וואקזאל, ערשטע קלאסע.

דער דינער איז אַוועק און אננאַ איז אָבגעפאָהרען צוריק צום באַהן. אָבער ניט אום צו פאָהרען נאָך אויסבורג, זאָנדערן זיא האט גענומען אַ גאַנץ נייען בילעט נאָך איין אַנדער סטאציאָן.

— — — — — — — — — — — — — —

אָבוואָהל העדוויג האט פערבראכט דעם גרעסטען טהייל פון דער נאכט אין ניט שלאָפען דאָך איז זיא אויך שפּעטער ניט געגאַנגען שלאָפען ביז וואלטהער האט זיך אומגעקעהרט פון באַהן.

— נון, ביזט דוא געקומען אין דער ריכטיגער צייט ? — האט זיא דעם דינער געפרעגט.

— יא. איך האב זיא ריכטיג פערפּאקט. זיא איז שוין ווייט פון דאַנען.

דער אַלטער האט געשיינט צו זיין גוט אויפגעלעגט. אָבער העדוויג איז עס ניט געוועזן. זיא האט נאָר געשפּיעלט אַזוי דיא ראָלע פאר אַננאַ'ן אָבער אין הארצען האט זיא מורא געהאט. זיא האט ערקענט אַננאַ'ס כאראַקטער און האט געוואוסט דאס דיא אינטריגאַנטין מיינט עטוואָס בייזעס. זיא האט זיך אבער ניט געקענט העלפען. זיא האט געטאָהן וואס זיא האט געקענט און פראַנץ שטאַנד איז דאָ אויך מעהר ניטאָ.

יעצט איז זיא געגאַנגען שלאָפען. זיא האט געגעבען דעם בעפעהל מען זאָל פעדאָראַ'ן ניט וועקען, ווייל זיא איז אויך שפּעט געגאַנגען צו בעט.

פּלוצלונג איז העדוויג פערציטערט געוואָרען.

אין גארטען טהיר אין דרויסען איז געצויגען געוואָרען דער גלאָק, אָבער אַזוי שטאַרק און אַזוי לויט דאס עס האט געשיינט צו זיין אַ גאַנץ אונגעוועהנליכע זאַך.

דיא רוהע וואס העדוויג האט דיזע נאכט געוויזען וואר אַ געמאַכטע, יעצט איז דיזע רוהע פון איהר פערשוואונדען. זיא וואר נערוועז, אויפגערעגט, און ווי זיא האט דערהערט דעם קלונג פון גלאָק איז זיא אויפגעשפּרונגען פון בעט.

דער גלאָק האט יעצט גענומען קלינגען שטאַרקער און שטאַרקער.

— וועט דען קיינער ניט עפענען? — האט זיא נעמורמעלט און איז נעמאָרען בייז.

מען האט נעקלונגען א דריטען מאָל.

— איך מוז שוין אליין עפענען. דער אלטער שלאָפט, פעדאָרא שלאָפט אויך. קיינער פון זיי הערט דעם גלאָק.

העדוויג האט יעצט דערהערט לייכטע טריט אין דרויסען. זיא איז צוגעלאָפען צום פענסטער און האט ערקענט פעדאָרא׳ס שאָל.

באַלד נאכדעם האט מען אָנגעקלאָפּט אין טהיר.

— ווער איז דאָרט?—האט העדוויג געפרעגט.

— איך.

דיא גרעפין האט ערקענט פעדאָרא׳ס שטימע און האט זאָפאָרט געעפענט דיא טהיר.

— אך עס איז שוין שפעט, גרעפין, א בריעף טרעגער האט מיך אויפגעוועקט, דאָ איז איין עקסטרא בריעף פאר אייך.

העדוויג האט געוואָרפען אן איבערראשענדען בליק אויף דעם בריעף.

— וויא פון בערלין? זאָל עס פיללייכט זיין פון ..... לאָז מיך אליין פעדאָרא, איך וועל דיך רופען.

מיט נערוועזע הענד האט זיא געעפענט דעם בריעף און מיט דער גרעסטער איבערראשונג האט זיא איהם דורכגעלעזען.

אלס זיא וואר צו ענדע האט זיא אָנגעקלונגען. פעדאָרא איז ערשינען.

— איז דיין אָנקעל וואך?

— יא.

— רוף איהם.

פעדאָרא האט געוואָרפען איין ערשטוינטען בליק אויף איהר ווירטהין. וויא אנדערש איז דיא גרעפין געוואָרען זייט געסטערן אבענד? אָבער פעדאָרא וואר צו עהרליך צו פאָרשען וואס מען בעהאַלט פון איהר.

זיא האט אויפגעזוכט איהר אָנקעל און האט איהם געזאָגט דאס דיא גרעפין וויל איהם זעהן.

אלס וואלטהער איז ערשינען ווער העדוויג פאָלשטענדיג אָנגעקליידעט.

דער אלטער האט באַלד ערקענט, אז עטוואָס וויכטיגעס איז געשעהן, דען נאָך ניעמאלס האט העדוויג אזוי אויסגעזעהן.

מיט אויפגערעגטע טריט איז העדוויג אומגעגאנגען איבער׳ן צימער.

איהר בוזים האט זיך בעוועגען, דיא אויגען האבען געבליצט.

— וואס איז געשעהן ?

— הערר וואלטהער, - האט העדוויג געזאגט, — איך האב דיר עטוואס מיטצוטיילען.

— גנעדיגע גרעפין.

— לאז דאס אב, איך בין הייטע זעהר אונגנעדיג. דיא ערייגניסע מאכען מיך ווילד. דוא ווייסט דאס איך האלט פראנץ שטאנד פאר אונשולדיג.

— יא, איך ווייס.

— און וויא האב איך דיר ערקלערט, וואלטהער, ווארום איז פראנץ פער־אורטהיילט געווארען ?

— הם. איהר דענקט דאס א דאפעלגעננער—

— נו ?

— איך האב דארין ניט שטארק געגלויבט.

— דאן האלסט דוא פראנץ'ן פאר א מערדער!

— גאט זאל מיך היטען!

— נון, איך האב א בעוויז דאס פראנץ האט א דאפעלגעננער.

— א בעוויז ?

— יא.

— וויא זא ?

— נא לעז דיזען בריעף.

וואלטהער האט מיט דער גרעסטער איבערראשונג געלעזען דעם בריעף און איינגע מינוטען זיינען אוועק ביז ער האט זיך אויפגעחאפט פון זיין ערשטוינען.

העדוויג האט איהם אנגעקוקט.

— נון ?

— איך ווייס ווירקליך ניט וואס איך זאל דענקען.

— אין בריעף שטעהט דאך דייטליך וואס איהר דארפט דעריבער דענקען. איך מוז אהין פאהרען.

— נאך בערלין ?

— גאנץ געווים.

— אבער בערענקט אייך גרעפין.

— איך דענק דאס פריהער פון אלעם איז עס מיין פפליכט צו העלפען טרים'ן

מען מוז זיא זוכען און מען וועט זיא געפינען. גיבט עס אין דיזען דאָרף אַ טעלע־גראַף סטאַציאָן?

— יאַ.

— זאָטעל דעם פערד און פאָהר אהין אום צו טעלעגראַפירען.

העדוויג האט געשפּראָכען אין אַ טאָן וואָס האט געוויעזען דאס יעדער וויע־דערשפּרעך, יעדע איינוועגדונג וועט דאָ ניט העלפען.

וואלטהער האט זיך ענטפּערענט. אלס ער איז צוריקגעקומען האט איהם העדוויג איבערגעגעבען דיא דעפּעשע צום אלטען קלעמענס.

אלס וואלטהער איז צוריק געקומען וואָר דיא גרעפין שוין פערטיג אנגעקליי־דעט. פעדאָראַ האט זיך ביי איהר געפונען. העדוויג האט איהר מיטגעטהיילט דאָס זיא פעררייזט און דאס זיא מוז דערוויל האַלטען דאָס הויז צוזאמען מיט דעם אַל־טען וואָלטהער.

— איך וואָלט דיך מיטגענומען! — האט זיא איהר געזאָגט — אָבער דאָס געהט ניט. זאָלסט זיך אָבער דאָ ניט פערגעסען וואָס דוא האסט מיר געשוואָרען. מען קען דיך פרעגען, דוא זאָלסט נור ענטפערען דאס דוא ווייסט פון גאָר ניט.

יעצט האָט דיא גרעפין ארומגענומען דעם וואלד־ענגעל און האט זיך מיט [illegible] דאן איז זיא ארויס מיט וואלטהער'ן און איז אריין אין דעם וואָג[illegible] וועלכען ער האט פאַר איהר איינגעשפּאַנט.

— איך פאָהר יעצט נאָך מינכען! — האט זיא איהם געזאָגט — איך קום אבער פאַר נאכט צוריק נאך רעגענסבורג, פון רעגענסבורג פאָהר איך גלייך מיין וועג. זיי דא צו דער ריכטיגער צייט, מעגליך דאס מיר וועלען האבען וואס צו בעשפּרעכען.

— ווען אַ טעלעגראַם וועט קומען?

— זאָ ברענג עס מיט.

דיא גרעפין איז אָבגעפאָהרען נאָך מינכען.

אָבוואָהל זיא האט דעם אַלטען קלעמענס דעפּעשירט דאס זיא וועט זאָפאָרט פאָהרען נאָך בערלין, דאך האט זיא אין איין פונקט געוואָלט ערפאהרען אויף געוויס.

זאָפאָרט וויא זיא האט געלעזען קלעמענס בריעף איז איהר דער געדאנק גע־קומען דאָס מרים׳ס פערפיהרער איז קיין אנדערער וויא אָטטאָ באַלקע.

זיא האט געקעמפפט געגען דיעזען געדאנק מיט אלע ארגומענטען וואָס אַ ליעבענדעס הערץ קען קעמפּפען, וויל העדוויג האט איהם נאָך אלץ געליעבט, אָבער זיא וואָר דאָך צו קלוג צו לאָזען זיך אליין נאררען זיא האט געוואוסט דאָס אטטאָ

דער מאַן וועלכען זיא האט געליעבט און ליעבט נאָך יעצט, דער מאַן וועמען זיא האט זיך איבערגעבען, דיזער מאַן האט דורך זיינע פריהעריגע טהאטען בעוויזען דאס ער איז פעהיג אַלעס שלעכטעס צו טאָהן.

זיא האט געוואָלט בעקעמפּפען אין זיך דעם געדאַנק דאס אטטא איז דאַרין פערמישט אָבער דאַן האט זיא זיך געמוזט זאָגען דאס קיין אַנדער ערקלערונג גיט דאָ ניט.

א שטארקער וועהטאָג איז אריין אין איהר הארצען. זיא האט פון זיך פער־שטויסען איהר געליעבטען ווייל זיא האט געהאָפט, אז דיא ליעבע צו איהר וועט זיין שטארק גענוג אום איהם אָבצוהאַלטען פון נייע פערברעכען.

נון יעצט שיינט עס אַז ער האט זיך נאָך ניט פערבעסערט. זיא מוז זיך אַלזאָ איבערציינען אויף זיכער אויב אטטא איז פערמישט אין דעם נייעם סקאַנדאַל.

וויא זיא איז אָנגעקומען אין מינכען האט זיא זיך בעגעבען נאך אטטא'ס וואָהנונג.

זיא האט אָנגעקלונגען, דיא ווירטהין האט געעפענט. העדוויג האט געפרעגט אויף אטטא באַלקע.

— ער איז ניטאָ צו הויז.

— ווען קען מען איהם זעהן ?

— דאס וויים איך ניט. ער איז נאָך ניט צוריק געקומען.

— זאָ, ער איז פעררייזט ?

— יא,

— ווייסט איהר פיללייכט וואוהין ?

דיא ווירטהין איז געווען איין האַנד מיט פאול ראדאָוו. זיא האט דיעזע גרע־פין געקענט, אבוואהל העדוויג האט עס ניט געוואוסט. דארום האט זיא געענטפערט :

— דאס וויים איך ניט.

— וויא לאַנג איז אטטא באלקע פעררייזט ?

— אה שוין לאַנג, שוין באַלד דריי וואָכען.

— ניט ער אייך קיין נאַכריכט ?

— ניין.

העדוויג האט איינגעזעהן דאס זיא וועט דאָ קיין גענויעס ערפאַהרען, דען דיא

ווירטהין ווייס קיין זאך אָדער זיא איז איין האנד מיט אטטאין. זיא האט זיך דאָרום בעדאנקט און איז אוועק.

ביז דער צוג וועט געהן צוריק נאך רעגענסבורג וואר גענוג צייט. העדוויג האט געהאט א געדיכטען שווארצען שלייער איבער איהר געזיכט זאָ דאס זיא איז זיכער געוועזן דאס מען וועט זיא ניט ערקענען. זיא איז אוועק דורך דיא גאסען פון שטאָט ביז זיא איז געקומען צום גראף'ס פאלאסט. א הייסע געפיהל צו זעהן איהר מוטער האט אין איהר ערוואכט.

אָבער העדוויג האט אונטערדריקט דיזען געפיהל. זיא האט שוין לאנג אָבגעבראָכען מיט דיזען הויז; איהר מוטער וועט זיא זעהן איין צווייטען מאָל. איהר הארץ קלאפט איהר יעצט צו שטארק. זיא האט זיך ווירקליך ניט גענארט, אטטא'ס אבוועזענהייט בעשטעטיגט זיין שולד.

און זיא וואר נאָך אזוי נארריש צו דענקען אימער פון איהם! זיא מוז דאָך זיך אליין פערא..טען ווען זיא האט נאָך אליז געדאנקען וועגען דיזען פערברעכער. „אך איך קען איהם צוטרעטען וויא א וואָרים״!—האט זיא געמורמעלט און האט געקלאפט מיט דיא פיס איבער דער ערד.

עס וואר געגען אָבענד אלס זיא איז ווידער אָנגעקומען אין רעגענסבורג. אלס זיא איז ארויס פון וואגאָן האט זיא דערזעהן וויא וואלטהער געהט איהר ענטגעגען. ער איז געגאנגען וויא אימער אין זיין שווארצען ראָק און ווייסען האלז טוך.

— נון, האט דיא גרעפין געפרעגט און האט איהם אָנגעקוקט, האט עטוואס פאסירט?

— יא, א דעפעשע איז אָנגעקומען.

— האָסט דוא זיא מיט זיך?

— יא.

דער אלטער האט איהר גערייכט א טעלעגראם וועלכע זיא האט האסטיג געעפענט. עס וואר דיא דעפעשע וועלכע קלעמענס האט געשיקט אויף דעם ראטה פון דעטעקטיוו.

העדוויג האט זיך א ווייל פערטראכט, ווייל אין ערסטען אויגענבליק האט זיא ניט פערשטאנען דעם זינען פון דיא ווערטער.

— אהא, געפאהר, לעז עס וואלטהער, וואס זאָגסט דוא דערצו?

— איך מיין דאס עס וואר דיא העכסטע צייט צו פערשיקען דעם מאַן יעך וויען.

— דוא האסט רעכט. וויא מערקווירדיג דאס איז, מיר דארפען באלד דאנ־

קען דער אננא סיבעל, דען צוליעב איהר האָבען מיר אזוי שנעל אבגעשיקט דעם מאַן אין א זיכערען אָרט. איז נאָך עטוואָס געשעהן?

— ניין.

— וואס טהוט פעדאָרא?

— זיא האט געוואָלט אויספאָהרען, נון, האט דער אלטער געזאָגט לאבענדיג איך האב עס איהר ערלויבט, ווייט וועט זיא ניט אבפאָהרען.

דיא גרעפין האט דעם אלטען געגעבען נאָך איינינע אנווייזונגען און האט איהם אָנגעלערענט ער זאָל זיך פערהאלטען קלוג און פעסט ווען דיא פאָליציי וועט קומען.

דערווייל איז אָנגעקומען דער שנעל צוג מיט וועלכען העדוויג האט בעדאַרפט פאָהרען נאָך ניערענבערג, פון דאָרט נאָך לייפציג און נאָך בערלין.

— גרים פעדאָרא'ן, ווען זיא וויל בעזובען איהר מוטער קען זיא עס טאָהן, איך לאָז עס אין גאנצען איבער פאר דיר.

— דענקסט איהר באלד צו קומען צוריק?

— איך האָף.

— און וואוהין זאָל איך שיקען דיא בריעף?

— דוא ביזט דאָך א מאָל געוועזן אין בערלין, גיב מיר אָן א האָטעל.

— האָטעל וואשינגטאָן.

— פון מיינט וועגען זאָל עס זיין דאָרט. איך וועל אהין פערפאָהרען, ווען איך וועל ענדערען דעם האָטעל זאָ וועל איך דיר טעלעגראפירען.

— זאָל איך אייך שיקען געפעס?

— ניין. איך וועל דאָרט קויפען וואס איך דאַרף.

דער סיגנאל איז געגעבען געוואָרען. העדוויג האט זיך בעדאַרפט היילען אריינצוגעהן אין וואגאָן. באלד איז דער שנעל צוג אבגעגאנגען.

וועהרענד דער רייזע האט העדוויג געהאט צייט נאָכצודענקען. זיא וואר בעשלאָסען אָנצוואוועגדען אלע איהרע קרעפטען פאר מרים'ן. אזוי ווענינ סימפאטהיע וואס זיא האט פריהער געהאט פאר דער שטיפשוועסטער אזוי האט זיא יעצט פאר איהר געזארגט און אזוי האט זיא יעצט פערעהרט מרים'ס כאראקטער וועלכער האט זיך ארויסגעוויזען.

איז אטטא נאָך אין בערלין?

ווען זיא וועט איהם זעהן וואס וועט זיא טאָהן? פערדינט ער ניט דאס זיא זאָל איהם איבערגעבען אין געריכט? געוויס וועט זיא עס טאָהן, דיזער פערברע-

בער פערדינט קיין גנאדע, אָבער ווען זיא וועט איהם פערפאָלגען וועלען ניט ארויס אנדערע פערברעכען? וועט דען אטטא שוויינען, וועט ער ניט ארויסגעבען דיא איבריגע וואס זיינען מיט איהם פערבונדען אין דיא געהיימניס, און איהר מוטער וועט זיא דאן ניט פערלאָרען געהן? און וואס וועט זיין מיט איהר אליין. וועט זיא ניט ווערען דיא אונגעזעצליכע קינד פון א מערדער און א מערדערין? אה דיעזער געדאנק האט זיא געמאכט העכסט אונגליקליך.

שנעל איז געלאָפען דער צוג. דיא רייזענדע האבען גערעדט און געפּלוידערט, גאנץ אָפט האט מען זיא בעטראכט, אבוואהל זיא איז געזעסען ווייט אין א ווינקעל. אה, יעצט וויינט זיא, דיזע שווארצע געקליידעטע דאמע. טרויערט פיליכט נאָך איהר געליעבטען אָדער זיא פאָהרט צו בעגלייטען איהר מוטער צו דער עוויגער רוהע.

ענדליך איז דיא גרעפין געקומען אין בערלין.

זיא איז זאָפאָרט געפאָהרען אין א דראָשקע צום „שווארצען בער". קלעמענס וואר ניט אין הויז און זיא האט דארום אָנגעזאָגט דאס זיא וועט באלד צוריק קומען.

דאן איז זיא אוועקגעפאָהרען אין האָטעל וואשינגטאָן. דאָרט האט זיא גענומען צוויי צימער, איינעם צום וואהנען דעם צווייטען צום שלאָפען. דער צופאל האט עס גראדע געוואָלט דאס איהר שלאָפצימער איז גראדע געווען נעבען דעם צימער אין וועלכען עס האט זיך געפונען מענצעל, אָדער וויא ער וואר דאָרט בעקאנט אלס דער אמעריקאנער מיסטער וועלער.

11טעם קאפּיטעל.

ליעבע און האסס.

נאָך דעם ערסטען באל וואס דער גראף פאן ערלען האט געגעבען צו עהרע זיין ווייב איז געמאכט געווארען נאָך איין צווייטער. ער האט זיין אדא'ן געליעבט מיט דער גרעסטער ליעבע וואס א מאן איז נור פעהיג צו ליעבען, ער האט זיין ווייב קיין זאך ניט געקענט ענטזאגען.

דער זאאל האט געלויכטען אין א הערליכען גלאנץ. עס ווארען טענץ, מוזיק אונד קאנצערטען און אין אלע זייטיגע צימערן זיינען געשטאנען בופעטען, ארום וועלכע עס האבען זיך געפונען גרופּען וואס האבען געשפּראָכען אלערליי זאכען און הויפּטזעכליך פון דער שעהנער ווירטהין אדעלענא.

די צווייטע פּערזאָן וואס וואר אויפפאלענד אין באלל וואר די יונגע ערנא.

קיינער האט ניט געוואוסט וואס אין דער ברוסט פון דער יונגער גרעפין איז פאָרגעקומען. ביז ניט לאַנג צוריק וואר זיא נאָך פאל מיט האָפנונג דאס איהר גראָספאטער וועט איינשטימען צו איהר הייראטה מיט ארנאלד, זיא האט אויך פון אדאַ'ן געהאט דעם פערשפּרעכען דאס זיא וועט אנוועגדען אלע איהרע קרעפטען אום אויסצואווירקען דעם גראף'ס צושטימונג.

אָבער עס וואר אומזיסט. גראף בערנשטיין האט ערקלערט דאס ער וועט צו דיזער פערבינדונג זיין איינשטימונג קיין מאָל ניט געבען, און אויב ערנא דענקט אויסצופיהרען א מאָל איהר אייגענעם וואונש זאָ זאָל זיא וויסען, אז ער וועט זיך פון איהר אין גאַנצען ענטזאגען.

אַרנאָלד האט זיך געמוזט אונטערוואַרפען זיין שיקזאל. ער האט זיך ביז יעצט אויפגעהאלטען אין זיין ווייב'ס הויז. אדא האט איהם געראטהען ער זאָל פאָרלויפיג אָבפאָהרען, אָבער ער האט עס ניט געוואָלט, די ליעבע צו ערנא האט געשלאָגען טיעפע וואָרצלען אין זיין ברוסט און ער האט דורכאויס געוואָלט בעזיצען דיזע יונגע מעדכען.

אדאַ האט זיך געפיהלט זעהר אונבעקוועם פון זיין געגענוואַרט. זיא האט אימער געפירכטעט ער זאָל זיא ניט פערראטהען, אָדער ער זאָל פון איהר ניט פאָדערן זיין רעכט אלס מאַן.

ענדליך איז געקומען איין אונערוואַרטעטע הילפע פאר אדא'ס געפאהר. איהר מאַן האט געקויפט א שטיק לאַנד ניט וויט פון בודאפעסט און האט פאָרגעלעגט דאס ארנאָלד זאָל איבערנעהמען די פערוואלטשאפט. און אַרנאָלד, וועלכער האט קיין בעסערע שטעלע ניט געקענט ווינשען האט עס אנגענומען.

נעסטערן איז אַרנאָלד אבגעפאהרען נאָך אונגאַרען, אדאַ וואר דארום פון איהם פריי און דארום האט זיא גענאָסען פון הייניגען באל פיעל מעהר פארגניגען אלס מען האט ערוואַרטעט.

אונטער די געסט האט זיך אויך געפונען אפּענהיים זאָ וויא זיין טאָכטער שרה און איהר מאַן ארטהור האפער, וועלכע זיינען געלאדען געוואָרען אויף אדא'ס פּערזענליכען פערלאנג.

אדאַ האט גע־אסט הער'ן אפּענהיים און זיין פאמיליע, אָבער זיא האט פאר איהם געפירכטעט, און זיא האט געמוזט ערפילען זיין וואונש צו לאדען איהם און זיין פאמיליע צום באל.

אך ווען זיא זאל נור האבען א געטרייען פריינד וואס זאל זיא בעפרייען פון דיעזען אפענהיימער?

אך, זיא וואלט גערען אלעס ערצעהלט איהר מאן, אבער זיא האט איהם געקענט. זיא האט געוואוסט, אז ביי איהם איז דיא עהרע פון זיין נאמען העכער פון זיין גליק. ווען ער וועט ערפאהרען איהר פערגאנגענהייט וועט ער זיא פון זיך זיכער פערשטויסען. ניין, ניין דאס דארף ניט געשעהן, ניט זיא און ניט איין אנדערער דארף איהם ערצעהלען דיא געהיימניס פון איהר פערגאנגענהייט.

אבער וויא זאל זיא דאס פערהינדערען? ביז יעצט האט אפענהיימער געשוויעגען, ער האט איהר געשטעלט דיא בעדינגונגען פאר וועלכע ער זאל ווייטער שוויינען, אבער קען זיא דיא בעדינגונגען נאכקומען? און וואס וועט זיין ווען זיא וועט ערפילען זיין הייסען וואונש פון ליידענשאפט, וועט ער נאכדעם שוויינען?

און ווידער האט זיא געדאכט דערפון וואס זיא האט אויף דער גאנצער וועלט קיין פריינד פאר וועמען זיא זאל קענען עפענען איהר הארץ.

וועהרענד זיא האט עס געדענקט איז גראף פינקענשטיין אריין אין זאאל.

ער האט זיא בעגריסט און האט איהר געדאנקט פאר דעם פערגניגען וואס זיא האט איהם פערשאפט.

— וועלכען פערגניגען, העררר גראף?

— אייער פראגע בארא‏נין בעווייזט מיר וויא ווענינ איהר קענט זיך אליין, אבער איך בין ניט בערייט צו זאגען אייך וואס איהר האט הייטע שוין הונדערט מאל געהערט און וואס איז אזוי קלאהר פאר יעדען וויא דיא שיין פון דער זאנע,— האט דער גראף איהר געזאגט.

— אה, שמייכלער.

— איך שמייכעל ניעמאלס! — האט ער געזאגט.

אדא האט געשמייכעלט און האט מיט איהם פערשיעדענעס געשפראכען, אבער דער גראף האט באלד איינגעזעהן דאס זיא רעדט וויא געצוואונגען, דאס איהרע געדאנקען שוועבען ערגעץ אנדערש.

— איהר זייטווירקליך צערשטרייט! — האט דער גראף געזאגט אין א טאן, דורך וועלכען עס האט געקלונגען א פערדרוס. אבער בארא‏נין, ערלויבט צו זאגען, וואס איך פיהל......

אדא האט אויפגעהויבען איהר קאפ.

דער אויסדרוק פון איהר געזיכט איז געוועזען וויא געוועהנליכע נייגירדע אבער אין איהרע אויגען האט עס געפלאמט.

אָבער דער גראף איז געבליבען שטיל. ער האט זיך ארומגעזעהן דאס ער וויל געהן צו ווייט מיט זיין ערקלעהרונג. ער האט געקוקט אויף אדא'ס געזיכט און האט געוואָלט זעהן וואס פאר איין איינדרוק דאס האט אויף איהר געמאכט.

אָבער אדא האט אראָבגעלאָזען איהר קאָפּ און האט ווידער געטראכט.

וואס מיינט דער גראף? ליעבט ער זיא? איז זיין ליעבע איין ערנסטע אָדער דאס איז ניט מעהר וויא דיא קאמפּלימענטען פון דיא אנדערע קאוואליערען, וועלכע בעוואונדערן איהר שעהנקייט אָבער האבען קיין אינטערעסע אין איהר פּערזאָן!

האט זיא פילייכט געפונען א פריינד אין דעם גראף?

זיא האט איהם געוואלט ענטפערען, אבער זיא האט זיך אבגעהאלטען, ווייל זיא האט ניט געוואוסט אויב גראף פינקענשטיין איז ווירקליך דער מאן וואס קען אמת ליעבען און אמת פריינדליך זיין.

ענדליך האט זיא אויפגעהויבען איהר קאָפּ און האט געזאָגט:

— וואס קענען מיר וויסען וואס איין הערץ פיהלט צו דער צווייטער? און ווער קען אונז זאָגען וויא שטארק און וויא ריין דיזע געפיהלען זיינען.

— איהר קענט עס וויסען, דען אייער שעהנהייט פאנגט יעדעס הערץ און אייער גייסט און פערשטאנד קען אייך אימער שיטצען פון איין אירטהום.

— איהר זייט א שמייכלער! — האט אדא געענטפערט אויף דיזע קאמפּלימענטען.

— באראָנין, איך שמייכעל אייך

— אָבער, הערר גראף, איהר זייט דאָך איין דאמען פיינד!

— דאס בין איך ניט מעהר.

— זייט ווען?

— זייט איך האב ערקענט א פרוי וואס האט קיין צווייטע צו זיך, א פרוי וואס איז איין אידעאל אין איהר שעהנקייט, טוגענדהאפט אין איהר כאראקטער און גייסטפאָל אין איהר אונטערהאלטונג.

אדא איז רויטה געוואָרען.

זיא האט עטוואס געוואָלט ענטפערען אָבער דיא ווערטער האבען איהר געפעהלט, זיא האט געפיהלט דאס דער גראף איז ניט פעהיג צו שמייכלען.

זיא האט אבער אויך ניט געהאט וואס צו ענטפערן אויף זיינע ווערטער, און זיא האט זיך פערטראכט אלס זיא האט דערזעהן וויא איהר מאן געהט צו איהר צו.

זיא האט זיך באלד אויפגעהויבען און האט געזאָגט צום גראף.

— פערצייעט מיר, מיין מאַן קומט!

דער גראַף האט זיך פערנייגט און איז דאן אַבגעגאַנגען אַן א זייט. ויינע בליקען האבען גערוהט אויף אדא'ס געשטאלט. וויא שעהן זיא וואר!

וויא האט ער זיך געפרעהט מיט דעם היינטיגען אבענד. צוריק מיט אכט טאג האט ער געגלויבט דאס ער וועט ניט בייוואָהנען דיזען פעסט צוליעב זיין שטיף־מוטער.

אָבער אונטער דער צייט האט זיך איהר צושטאנד פיעל פערבעסערט און זיא האט פון איהם פערלאַנגט ער זאָל געהן אויפ'ן באל.

זיא איז זייט איהר קראנקהייט געווארען א גאַנץ אַנדערע. זיא איז געווארען נאָך שטילער, נאָך פערביסענער. ער האט געדענקט אַז דאס איז דער רעזולטאט פון איהר קראנקהייט. ער האט ניט געוואוסט, אַז זיא האט א שווערע געהיימניס אויף איהר הארצען.

דער גראף איז אַלץ געזעסען און האט פון ווייטען געקוקט וויא אַדאַ געהט אַרום מיט איהר מאַן. ער האט דיזען מאַן בענײדעט, ער האט איהם אָנגעפאַנגען צו האסען.

ענדליך איז אַדאַ צו איהם צוריק געקומען. זיא האט איהם איינגעלאַדען צו דער פיאַנאָ און האט איהר געבעטען ער זאָל איהר בעגלייטען. פינקענשטיין האט זיך געזעצט שפּילען און אַדאַ האָט אָנגעפאַנגען צו זינגען:

איך קען דיר עס קיין מאָל זאָגען
וויא איך האב דיך ליעב,
אין הערצען וועל איך עס טראָגען
וועל שטום זיין וויא דיא גרוב.

קיין זאך זאָל דיר פערקינדען
פון מיין ליעבעס גליק
דוא אַליין זאָלסט עס פינדען
דוא זעלבסט אין מיין בליק.

און קענסט דוא עס ניט לעזען
וואס דיא אויג שפּריכט
זאָ איז דאס א טרוים געוועזען
דעם טרוים פערגעס איך ניכט?

דאס וואר א געזאנג וועלכען גראף אטטא האט נאך קיין מאל ניט געהערט. ער האט וועהרענד דעם גאנצען געזאנג קיין אויג פון איהר ניט אראבגענומען און עס האט איהם געשיינט, אז איהר גאנצער קערפער פיהלט דיזעס ליעד.

דער איינדרוק פון איהר געזאנג וואר אזוי שטארק דאס דער גאנצער זאאל האט פערקלונגען פון בראוואָ און אלע האבען ארומגערינגעלט דער זינגערין.

גראף פינקענשטיין האט איהר גערן געוואלט זאגען וואס פאר איין איינדרוק דיזעס ליעד האט אויף איהם געמאכט, אבער וואס ער האט איהר געוואלט זאגען האבען אנדערע ניט בעדארפט הערען. ער איז דארום געשטאנען פון ווייטען און האט געווארט.

יעצט איז צוגעלאפען אפענהיימער מיט א גרויסען בוקעט פון פראכטפאלע בלומען.

— גנעדיגע באראָנין !—האט ער געזאגט, — איהר האט איבערטראפען יעדע ערווארטונג, איהר זייט א וואהרע גאט בעגאבטע קינסטלערין !

גראף פינקענשטיין האט דאס אלעס צוגעהערט און האט פערביסען דיא ליפען. ער איז געשטאנען און האט געווארט צו זעהן ווען וועט דיא זינגערין בלייבען אליין.

ענדליך האט ער דיזע געלעגענהייט געפונען. ער האט אנגענומען איהר האנד און האט זיא געקוסט.

— נעהמט מיין איניגסטען דאנק פאר דעם גענוס וואס איהר האט אונז פערשאפט !—האט ער געזאגט,—אה עס וואר קיין גנוס פון קונסט, עס וואר .... אבער זאגט מיר וויא קענט איהר עס אזוי ריהרענד זינגען ?

— ווייל יענע טענער ווארען דער קלאנג פון מיינע געפיהלען.

— אה ! האט דער גראף אויסגערופען. — אייערע ווערטער גיבען מיר דעם בעוויין אז איך האב ריכטיג פערשטאנען.

— וואס מיינט איהר דערמיט הערר גראף ?

— איך מיין דאס אייער ליעד וואר ניט א קונסט ליעד, נור איין ערקלעהרונג !

— עס קען זיין !

דער גראף האט געפיהלט וויא א הייסער שטראם וואלט איהם דורכלויפען.

ער האט ווידער אנגענומען איהר האנד און האט עס געוואלט קוסען, אבער זיא האט עס האסטיג אויסגעריסען און האט געזאגט :

— מען בעאבאכטעט אונז, הערר גראף ! אפענהיימער און זיין טאכטער געהען פון אונז קיין אויג ניט אראב.

עס וואַר אויך אמת. אפּענהיימער האט פון איהר קיין אויג ניט אראָבגענומען אויך אייפערזוכט און זיין טאָכטער שרה אויס קנאה, ווארום דיא שעהנע אדאַ געווינט אזא בייפאל.

ענדליך איז דער באל געקומען צו איין ענדע.

דער גראף האט געזוכט צו האָבען נאָך איין אונטעררעדונג מיט דער שעהנער ווירטהין אָבער ער האָט ווידער קיין געלעגענהייט דערצו געפונען.

ענדליך האָט איהם געשיינט דאָס דיא צייט איז געקומען.

ער האָט געזעהן וויא אדאַ געהט אין אַ צימער וואָס פיהרט צום ווינטער גאַרטען.

דער גראף האָט זיא נאָכגעקוקט און עס האט איהם געשיינט וויא זיא האט אַ וואונק געטאָן, און ער האָט בעשלאָסען איהר נאָכצוגעהן.

ער האָט יעצט ניט געדאַכט דאָס אדאַ איז דיא פרוי פון זיין בלוט פער־וואַנדטען און בעסטען פריינד. ער האָט אויך ניט געדאַכט דערפון דאס צוויי שאַרפע אויגען קוקען איהם נאָך, נעמליך דיא אויגען פון שרה האפער. דיא פפליכטען, דיא געזעצע, דיא מאָראַל, דיא פאָרזיכטיגקייט, אַלעס, אַלעס איז פון איהם פערשוואונ־דען. ער וויל נור איין מאָל האַלטען דיא געליבטע פרוי אין זיין אָרם און דאַן קען זיין וואָס עס וויל.

מיט שטילע טריט איז ער געגאַנגען צו דער טהיר דורך וועלכער אדאַ איז פערשוואונדען. זיין הארץ האָט איהם געקלאַפּט. אָך, ערשט ניט לאַנג האָט ער גע־גלויבט דאס ער קען קיין פרוי ניט ליעבען, אָבער וויא האט ער זיך גענאַרט!

פאָרווערטס און פאָרווערטס איז ער געגאַנגען אין דעם גאַרטען, ביז ער איז געקומען צו איין גרויסען בלומען בוים מיט לאַנגע צווייגען. הינטער דיזען בוים האט ער דערזעהן דיא פערזאָן וועלכע ער זוכט.

ער איז צו איהר צוגעגאַנגען. זיא איז געשטאַנען אָנגעלעהנט אויף די צווייגען און האָט געטראַכט.

— באַראָנין!

זיא האָט זיך ניט געריהרט אָבער אין איהרע אויגען האָט עס געלויכטען.

יעצט וואָר דער גראף הארט ביי איהר, ער האָט זיך צו איהר צוגעבויגען און פון זיינע ליפּען זיינען ארויס דיא ווערטער.

— אדאַ קענט איהר מיר פערצייען וואָס איך האָב געוואגט אייך דאָ צו בע־זוכען? מיט געוואַלד האָט עס מיך אהער געצויגען, איך וויים אַליין ניט וואָס איך

טהו, איד ווייס נור דאס איך דארף ביי אייך זיין און דאָס איך מוז אייך זאגען וואָס עס דריקט מיין הערץ.

אדאַ האָט איהם אַלץ ניט געענטפערט.

— אדאַ זאָגט מיר אויב איך האָב ריכטיג געלעזען אין אייערע אויגען, ווען איהר האָט געזונגען יענעם ליעד ?

איהרע אויגען זיינען יעצט געלעגען אויף זיין געזיכט, אָבער איהר מויל האָט קיין וואָרט אויסגערעדט.

— אה, געליבטע !—האט דער גראף יעצט אויסגערופען,—גיט עס אין אייער הערץ אַ וואונש נאָך מיר? אדאַ, איך געהער ניט צו יענע מענער וואָס ווילען זיך טהיילען דיא ליעבע מיט אַ צווייטען מאַן. איך פערלאנג פון אייך איהר זאָלט זיין נור מיינע. עס איז אונמעגליך איהר זאָלט צופריעדען זיין מיט אַ מאַן וועלכער איז אזוי פיעל עלטער פון אייך. אדאַ לעזט אויף דעם בונד וואס קען אייך ניט גליקליך מאַכען און זייט מיינע, נור מיינע !

אדאַ איז פערציטערט געוואָרען.

דער גראף האָט זיא אָבער צוגעצויגען צו זיך און האָט זיא געוואָלט קוסען, אָבער פּלוצלונג האט ער דערזעהן וויא בלייך זיא איז געוואָרען.

אדאַ האט פון ווייטען דערזעהן איהר מאַן. זיא האט עס אָבער דעם גראף ניט געזאָגט, זאָנדערן זיא האָט זיך פון איהם אויסגעריסען און האָט אויסגערופען :

— וואָס רעדט איהר דאָ, הערר גראף ? פערגעסט ניט דיא גאסט-פריינדשאפט וואס מיין מאַן האָט צו אייך געוויזען.

דער גראף איז געבליבען שטעהן. ער האָט ניט פערשטאַנען וואס פאר אַ קאמעדיע אדאַ שפּיעלט. אָבער איידער ער האט זיך ארומגעקוקט האט אין זיינע אויערען געקלונגען דער וואָרט :

— שורקע !

דער גראף איז אָבגעשפּרונגען און האָט פאר זיך דערזעהן דעם בלאסען אויפגערעגטען באראָן, אדאַ׳ס מאַן.

— שורקע !—האט דער באראָן ווידער געזאָגט,—איך האָב געהערט וואס מיין ווייב האָט צו אייך געזאָגט. יעצט זאָגט מיר, אויב איהר האט דעם מוטה, וואָס איז דאָ געשעהן?

גו׳אף פינקענשטיין האָט געציטערט. ער האָט געוואוסט וואָס דאָ וועט געשעהן. ער האָט זיך אָבער געשטארקט און האָט געענטפערט :

— דיין ווייב האָט מיך ריכטיג פערקלאגט.

— גיט אויף דעם וואָרט „דוא“, און ערוואַרטעט מיינע סעקונדאַנטען. **דאָרט איז דיא טהיר!**

דער גראַף איז געוואָרען בלייך.

— איך געה, הערר באראָן, — האט ער געענטפערט, — **איך ערוואַרט אייערע** סעקונדאַנטען, איך בין בערייט צום דועל.

12טעס קאַפּיטעל.

פריי.

האָפנונג און פורכט האבען ערפילט מארגארעטעס הערץ אַלס זיא **איז אוועק** פון פראָקוראָר און האט זיך אומגעקעהרט צו איהר מוטער. דער פראָקוראר האט איהר געגעבען האָפנונג אבער ער האט איהר ניט פערזיכערט דאָס איהר פאָטער ועט זיכער בעפרייט ווערען, ווייל עס פעהלען נאך דיא בעווייזע וואס **זאָלען בע**שטעטיגען מאַטהעס רייד פארן טוידט.

אום צו זוכען נאך דיא בעווייזע מוז זיא האבען געלד, אָבער וואו **זאָל זיא עכ**נעהמען? זיא איז דארום געזעסען מיט איהר מוטער און האט געזיפצט.

פלוצלינג האט זיך געעפענט דיא טהיר און אַ בריעף־טרעגער **מיט אַ געלד** בריעף צו גרעטען איז אריינגעקומען.

גרעטע וואַר איבערראשט. זיא האט דעם בריעף צוגענומען האט **איהם בע**טראַכט פון אַלע זייטען און האט געניצהען דער מוטער צו ערקענען **דיא האנדשריפט** אויף דער אדרעסע.

ביידע פרויען האבען אָבער דיא האנדשריפט ניט ערקענט. **עס האט זיי אויס**געזעהן, אז דאס איז אַ פרויען האנד.

ענדליך האבען זיי געעפענט דעם בריעף און צעהן הונדערט מארק **נאָטען איז** דאָרט געלעגען. דערצו וואַר אַ בריעף מיט פאָלגענדע ווערטער:

„געעהרטע פריילין.

„אַ ווייטע פערוואַנדטע פון אייך, וועלכער איהר קענט יעצט ניט, אָבער וועלכע קען אייך זעהר גוט און וויים וויא איהר פלאָגט זיך אום צו ערנעהרען **אייער** גוטע מוטער, שיקט אייך דיעזע סומע אום איהר זאָלט זיך קענען מאכען **אַ געשעפט** פון וועלכען איהר זאָלט זיך עהרליך ערנעהרען. שפּעטער וועט איהר **פון איהר מעהר** הערען“.

קיין אונטערשריפט איז צו דעם בריעף ניט געווען.

מוטער און טאָכטער האבען א לאַנגע צייט געדענקט ווער דיעזע פערוואַנדטע קען זיין, אבער זיי האבען ניט געקענט טרעפען. ווען גרעטע וואָלט געהאט דיא קלענסטע אהנונג, אז ארטהור האפער האט איהר דאס געלד געשיקט זא וואָלט זיא עס אויף קיין פאל ניט אָנגענומען.

יעצט האבען זיי זיך גענומען בעראַטהען וואָס זיי זאָלען טהאן מיט דאָס געלד. ענדליך איז בעשלאָסען געוואָרען דאָס גרעטע זאָל פאָהרען נאך נירענבערג צו שפרעכען מיט מאַטהעס ווייב און נאכפרעגען אויב זיא האט בעווייזע פון איהר מאַנ׳ס פעררעטה. נאכדעם זאָלען זיי זיך בעזעצען אין מינכען אום צו מאַכען פאַר זיך א געשעפט.

נאכדעם וויא זיי האבען איינגעריכטעט א הויז־ווירטהשאפט צוזאמען מיט דעם געשעפט וועלכען זיי האָבען געקויפט, האט זיך גרעטע געווענדעט צו איין אַדוואָקאַט וואס זאָל איהר העלפען צו בעפרייען איהר פאָטער ביי דעם נייעם פראָצעס, וואס וועט קירצליך געמאכט ווערען.

דער אַדוואָקאַט האט איהר געראַטהען זיא זאָל ניט פאָהרען נאך נירענבערג און האט איהר איבערהויפט געבעטען זיא זאָל אלעס איבערלאָזען אין זיינע הענד. זיא זאָל זיצען רוהיג אין הויז און וואַרטען אויף זיין נאכריכט.

ווען גרעטע איז געקומען נאך הויזע האט זיא געפונען איין איינלאַדונג צום פּראָקוראָר אין אויסבורג און אויף מאָרגען האט זיך גרעטע צו איהם בעגעבען.

דער פּראָקוראָר חאט איהר מיטגעטהיילט דאס איהר פאָטער וועט אין צעהן אָדער פופצעהן טעג ערהאַלטען דעם נייעם פּראָצעס וועלכער וועט פאָרקומען אין מינכען. ער האט איהר אויך מיטגעטהיילט, דאס זיא און איהר מוטער וועלען פיעללייכט פאָרגערופען ווערען אלס צייגע.

גרעטע וואר גליקליך מיט דיעזער נאכריכט, און איז באַלד צוריקגעפאָהרען נאך מינכען וואו זיא האט מיט פריידע מיטגעטהיילט אלעס וואס זיא האט געהערט. דיא האָפנונג פאר דעם פאָטער׳ס בעפרייאונג איז געוואָרען גרעסער.

דיא צוויי פרויען האבען זיך יעצט גענומען צו זייער נייעם געשעפט און האבען מיט אונגעדולד ערוואַרטעט דעם פּראָצעס.

אונטערדעסען האט דאָס געריכט געשיקט פערטרעטער נאך נירענבערג אום צו האלטען א הויז־זוכונג און צו פערהערען דיא פרוי מאַטהעס.

דיא אלמנה וועלכע האט זיך ניט געקימערט וועגען איהר מאַן האט דיא בעאַמטע ערצעהלט דאס זיא וויים פון איהר מאַנ׳ס פערברעכען, וויא זיא האט

אליין געהערט וויא ער האט מיט איינעם דעריבער געשפראָכען. אָבער זיא האט קיינע דירעקטע בעווייזע.

דיא זוכונג אין הויז וואר אָבער מיט איין ערפאָלג.

צווישען דיא באַלקען׳ס פון הויז האט מען געפונען א פאקעט, און אַלס מען האט איהם געעפענט האט מען אין איהם געפונען פערשיעדענע פאפירען און א פערצייכנונג פון דיא מיטגליעדער אין דעם פערברעכערישען קלאַב.

אלע פאפירען זיינען אַבגעשיקט געוואָרען נאך מינכען, וואו דער פראָצעס האט בעדארפט פאָרקומען.

ענדליך איז דער פראָצעס געקומען. דיא פערהאנדלונג וואר א קורצע דער פראָקוראָר אליין האט בעאויפטראגט מען זאָל דעם פערהאפטעטען בעפרייען, וויל מאטהעס געשטענדניס און דיא געפונענע דאָקומענטען בעווייזען דיא אונשולד פון דיעזען געפאנגענעם.

דיא ריכטער האבען זאָפאָרט ארויסגעשפראָכען דיא בעפרייאונג.

הערר באלדאָף האט גאנץ רוהיג צוגעהערט דעם אורטהייל, ער האט גע־וואוסט, דאס איהם איז יעצט נור געגעבען געוואָרען וואס מען האט פון איהם גערויבט.

זיינע אויגען זיינען יעצט געפאלען צום אָרט, וואו זיין ווייב און זיין טאָכטער זיינען געזעסען און זיין הערץ איז געוואָרען פאל מיט פריידע.

ער איז באלד צו זיי צוגעלאָפען און אין געריכט האט זיך אָבגעשפיעלט א סצענע וועלכע האט יעדען געריהרט.

דער פראָקוראָר איז געקומען גראטולירען דעם בעפרייטען. דער אדוואָקאט וועלכער האט דעם פראָצעס אזוי גליקליך געפיהרט האט אויך ניט געפעהלט.

ענדליך זיינען פאָטער, מוטער און טאָכטער אוועק נאך הויזע, וואו זיי האבען דיא בעפרייאונג געפייערט מיט פאראד.

איין גליקליכער צופריעדענער לעבען האט זיך פון יעצט אנגעפאנגען פאר דער גאנצער פאמיליע.

— — — — — — — — — — — — —

נאכדעם וויא העדוויג האָט זיך עטוואָס היימיש געמאכט אין דעם האטעל וואשינגטאָן איז זיא ווידער אוועק צום גאסטהויז, וואו קלעמענס האט געוואהנט.

יעצט האט זיא דעם אלטען קלעמענס געפונען.

— זאָגט מיר צוערסט גנעדיגע גרעפין, איז פראנץ שטאנד זיכער? — וואר קלעמענס ערסטע פראגע.

— יא.

— און זייט ווען?

— זייט פאַרגעסטערען.

— און ביז דאַן וואר ער אין אייער הויז?

- יא.

— זא איז עס אונמעגליך דאַס ער וואר אין בערלין?

— געוויס.

— זאַ גלויבט איהר אויך דאס אַ מאַן וואס זעהט אויס וויא פראנץ איז דאַ געוועזן און ער האט מרים'ן פערפיהרט.

— איך גלויב עס,—האט העדוויג געענטפערט.

קלעמענס האט איהר יעצט ערצעהלט פון דעם דעטעקטיוו עגאן זענדיג.

— דריי טויזענד מארק האט איהר איהם פערשפּראָכען? — האט העדוויג געפרעגט.

— יא.

— איך וועל דיעזע סומע איהם פון מיין טאַשע בעצאָהלען וויא אויך דאַס געלד וואס איהר האט ביז יעצט אויסגעגעבען. איך בעדאנק אייך אויך וואָס איהר האט הערר'ן שמידט אומגעקעהרט זיין שאדען. איבעריגענסט פערשטעה איך ניט ווארום איהר זייט פון מיין מוטער אוועק?

— ווייל פּאול ראדאָוו האט מיך אוועקגעשיקט.

— מיין מוטער מוז דערפון ניט וויסען.

— איך וויים נוט, יעדענפאלס וואלט איך דאַרט מעהר ניט געוועזן. זייט דער גראף איז געשטארבען איז אלעס אנדערש. ווער וויים וואס דארט האט זיך אָבגעשפּיעלט!

העדוויג האט איהם בעטראַכט. זיא וואַר נייגעריג צו וויסען אויב ער וויים דיא געהיימניס פון דעם מאָרד? אויב ער וויים ווער דער מערדער איז געוועזן?

קלעמענס האט עס געוואוסט. ער האט נור ניט געוואוסט, אז אָטטא באלקע האט דארין אַ גרויסען טהייל. ער האט אָבער געמוזט שווייגען, ווייל ער האט דעם אלטען גראף געשוואָרען ער זאָל דעם נאָמען מעהרען ניט שענדען.

העדוויג האט אָבער געפירכטעט דאָס קלעמענס וויים מעהר וויפיעל ער וויל זאָגען.

— קלעמענס, — האט זיא פּלוצלינג געזאָגט — קומט צו מיר אין דינסט.

— צו אייך?

— יא, פריהער מוזען מיר נאטירליך געפינען אונזער מרים. דאן אָבער וויל איך אייך האָבען אין קלעאָפּאטרא. דער גארטען איז דאָרט פערנאכלעסיגט.

— איהר זייט זעהר גנעדיג, גרעפין, אָבער איך פיהל מיך צו אַלט צו ערפיה־לען מיינע פפליכטען, און דערצו האָבען מיר נאָך ניט אונזער מרים.

— איהר האט רעכט. איך בין צוליעב איהר אהער געקומען. מיין מוטער וואר צו הארט צו איהר. איך וויל טאָן וואס מיינע קרעפטען וועלען מיר ערלויבען. ווען קענען מיר זעהן דעם דעטעקטיוו?

— הייטע אבענד.

— און וואו וועלען מיר זיך טרעפען?

קלעמענס האָט איהר אָנגעגעבען דעם אָרט און האט געזאָגט דאס זיא דאַרף זיך פערקליידען אין איינפאכע קליידער.

דערפון איז העדוויג געווען צופרידען. זיא איז באַלד אוועק און האָט געקויפט דיא נויטיגע זאכען און האט זיך בעגעבען אין איהר האָטעל.

אַלס דיא שטונדע איז געקומען איז זיא מיט קלעמענס אוועק צום בע־שטימטען אָרט.

דאָרט האבען זיי זאָפאָרט געטראָפען דעם דעטעקטיוו.

— פריהער פון אַלעס וויל איך אייך ערקלעהרען – האָט העדוויג געזאָגט — דאס אַלעס וואס איהר האָט אבגעמאכט מיט העררן קלעמענס נעהם איך אויף זיך. איך וועל אייער לאָהן פערגרעסערען, אין פאַל ווען מרים וועט ארויס אונ־בעשעדיגט......

— דאס וועל איך זעהן.—האט דער דעטעקטיוו געענטפערט. — קענט איהר מיר מיטטהיילען וועגען פראנץ שטאנד?

— ער וואר ניט אין בערלין.

— קענט איהר מיר שאפען א בילד פון דיזען פראנץ?

— צו וואס?

— צוליעב דעם דאָפּעלגענגער.

— אבער עס האנדעלט זיך דאָך ניט וועגען איהם, נור וועגען מרים'ן?

— יא, אָבער ווען מען איז זיכער וועגען איהם איז לייכטער צו פאָרשען וועגען מרים'ן.

העדוויג האט אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ. זיא האָט יעצט געקעמפפט וועגען איין בעשלוס.

אַסטאַ'ס בילד וועלכער איז עכט וויא דאס בילד פון פראנץ שטאַנד האט

זיא נענומען נאָך בערלין. זאָל זיא דיזעס בילד נעבען ? קען זיא ניט ווערען דיא פעררעטעריין פון דיזען מאן ? אבוואהל ער פערדינט ניט דיא קלענסטע ערבאַרמונג, אָבער דיא עראינערונג דאס ער איז נעלעגען אין איהר הארצען, און דיא נעפאהר וואס דאָס קען ברייננען פאר איהר מוטער.

— איהר האט זיך פעררענקט, גרעפין, איך נעהם דאריבער אָן, דאס איהר האט זיין בילד.

— און ווען יא ?

— זאָ וועל איך זיא בעטען.

— איך האָב אָבער א בעדיננונג.

— און דאָס איז ?

— מרים׳ס פערפיהרער דארף אוועק אונבעשטראָפט.

דער דעטעקטיוו האט פערביסען דיא ליפּען.

— איך האָב קיין רעכט צו פרעגען ווארום איהר שטעלט דיזע בעדיננונג, אָבער איך מוז אייך זאָגען דאס אייער פערלאַנגען איז שווער צו ערפילען.

— עס מוז אזוי זיין ! איבעריגענס איז דאָך אונזער זאכע נור צו נעפינען דיא פערפיהרטע מרים, דאס איז אַלעס.

— המ. ווען איהר בעשטעהט דורכאויס אויף אייער פערלאַנגען, דאן וועל איך עס ערפילען.

— גיט מיר אייער וואָרט, הערר זענדינג.

— דאס גיב איך אייך.

העדוויג האט נאָך א מאָל א קוק נעטאָן דעם דעטעקטיוו אין נעזיכט, דא האָט זיא איהם איבערגענעבען דאס בילד.

— זאָ האט פראַנץ אויסגעזעהן ?

— יא.

— גוט, איך האב יעצט נאָך איין אנהאלט. איך מוז מיך יעצט עמפפעהלען, גרעפין, האָב נאָך הייטע צו טהאָן, גוט נאכט.

הערר זענדינג האט זיך אויפגעהויבען.

באַלד נאָך איהם האט זיך אויך אויפגעהויבען א יונגער מאן וואס איז נעזע־סען ביי א טיש וואס וואר פערשטעקט אין א ווינקעל. דער יונגער מאן האט נע־טראָגען א פאלע בלאָנדע באָרד. דיא צוויי מענער און העדוויג האָבען איהם ביז יעצט ניט בעמערקט.

יעצט האט איהם העדוויג בעמערקט. אלס זיא האט זיין נעזיכט דערזעהן פון

זייט, איז זיא ערשראָקען געוואָרען. זיא האט איהם פערפאָלגט מיט איהרע בליקען ביז ער איז פערשוואונדען.

— קענט איהר דיזען העררן ?—האט קלעמענס געפרעגט.

— ער איז מיר עטוואס בעקאנט. זיין געזיכט איז מיר פרעמד דאָך שיינט מיר אז איך האב א מאָל געזעהן זיינע אויגען.

— קען ער אייך !

— ווער ווייס ? פילייכט האט ער געהערט דעם געשפּרעך, מען קען ניט זיין צו פאָרזיכטיג.

יענער העררן פון וועלכען עס וואר דיא רעדע האט זיי אלעמען געקענט. עס וואר דער אמעריקאנער.

— דאס רוף איך, א גליקליכען צופאל ! — האט דער אמעריקאנער געזאָגט צו זיך אלס ער וואר אויף דער שטראסע. אלזאָ דיזע העדוויג איז אין בונד מיט דעם אלטען קלעמענס צו זוכען דער מרים. לעבערליך ! אָבער וויא קו-ען זיי צום דעטעקטיוו ? ער קען מיר געפעהרליך זיין. ער ווייס זיכער מעהר אלס ער וויל זאָגען, און סאמער קען מיך פון איהם ניט שיטצען. אָבער אה, ער מוז עס טאָהן !

דער אמעריקאנער, וועלכער איז דער בעקאנטער ארטהור מענצעל, איז אוועק צו א טעלעגראַף סטאציאָן און האט אָבגעשיקט א טעלעגראמע, דאן איז ער אוועק צו זיך אין האָטעל.

צו ערסט האט ער אריינגעקוקט אין בוך פון האָטעל און האט דאָרט וויר-ליך געפונען דעם נאמען גרעפין העדוויג פאן מעהרען. אלזאָ זיא וואהנט מיט איהם אין איין האָטעל און מוז פאר איהר פארזיכטיג זיין.

— הימעל און העלע ! — האט ער צו זיך געזאָגט. — דיזער זענדיג איז אימ-שטאנדע צו פערדאָרבען מיין גאנצען פּלאן. אה, א מילליארד, פּיללייכט מעהר, פּיללייכט ווייניגער ווינקט פאר מיר. דער בעשלוס איז דארום איינפאך. אלעס וואס שטעהט מיר אין וועג מוז אָבגעשאפט ווערען. דיעזע מרים מוז פאלען, זיא דארף ניט שטארבען אָבער דערפאר דארף זיא זינקען, און דאן קריג איך דיא ירושה. פראנץ שטאנד דארף מען דאָ ניט רעכענען. ווער הינדערט מיך יעצט אין מיין פּלאן, דער דעטעקטיוו ? אה, ווארום זאָל ער בלייבען לעבען ? אָבער ווען בענוץ איך דערצו ? אמטא ? ניין ער פאסט ניט דערצו. מאקס ? יא, ער איז פעהיג אָבער ער קען מיר ווערען געפעהרליך. ניין, ניין, נור איינער קען עס טאָהן און דיזער איינער איז העררן סאמער.

אלס ער האט אזוי געקלעהרט איז דער פּאליציי קאמיסאר, העררן סאמער

ערשינען. דער קאמיסאר ווער בלייך און פערצערט, ווייל טאג און נאכט איז ער ארומגעגאנגען מיט דעם געדאנק וויא ער זאָל פטור ווערען פון דעם געפעהרליכען אמעריקאנער.

דער אמעריקאנער האט איהם בעטראכט און האט איהם געבעטען זיטצען.

— איהר האָט מיר טעלעגראפירט ?

— יא. ווען איך וואָלט עס ניט געטאָן וואָלט איהר דאָך ניט געווען.

— איך וואָלט דאָ זאָ וויא זאָ געווען.

— האט איהר וואס מיטצוטיילען ?

— יאָ. איך ווייס וואו זיא איז.

— אה, איהר האט עס אויסגעפונען.—האט דער אמעריקאנער געזאָגט.—איך גראטוליר אייך. וואו איז דאס מעדכען ?

— דאס ווייכט איהר בעסער פון מיר.

— איך וואָלט עס אָבער וועלען הערען פון אייך, אלזאָ ?

— וואצו זאָל איך אייך זאָגען, וואס איהר ווייסט אליין, אָבער איך בין אין פערלעגענהייט, מען פאָדערט פון מיר א בעריכט.

— איך קען אייך ניט העלפען. איהר מוזט שווייגען, — האט דער אמעריקאנער געזאָגט. וואס איך האָב אייך גערופען איז נעמליך צו פרעגען אויב איהר קענט א געוויסען דעטעקטיוו מיט'ן נאמען זענדיג.

— געוויס.

— דענקט איהר דאס ער איז א מאַן וואס קען אויספיהרען וואס ער אונטערנעהמט ?

— אָהן א צווייפעל.

— דענקט איהר דאס ער וועט דאס מעדכען געפינען ווען מען דינגט איהם דערצו ?

— גאָר קיין פראגע.

— נון, מען האט עס איהם איבערגעגעבען.

סאמער איז געוואָרען בלאס.

— איז עס מעגליך, ווייסט איהר עס גענוי ?—האט ער געפרעגט.

— גאנץ גענוי.

— דאן זיינען מיר פערלאָרען !

— דארום מוז זענדיג אונשעדליך געמאכט ווערען.—האט דער אמעריקאנער געזאָגט.

— אָבער וויא זאָ? דאס מוזט איהר אליין פערזאָרגען און צוואר איהר מוזט דאס מעדכען אָבשאפפען פון דער גענענד, זיא מוז צוגענומען ווערען פון יענעם הויז, זיא מוז אוועק פון בערלין.

— דאס איז אונמעגליך!—האט דער אמעריקאנער געזאָגט,—מרים מוז בלייבען וואו זיא איז. איהר, הערר סאמער, איהר, ניט איך דארף דאָ עטוואס טהאָן.

דער אָמעריקאָנער איז צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם אריינגערעדט אין אויער.

— מיין הערר, · · האט ער צו איהם געזאָגט, — ווען דער דעטעקטיוו לעבט איבער דיזע נאכט דאן זייט איהר פערלאָרען, דען אין דיזע נאכט געפינט ער איהר שפור. ווען דאס מעדכען ווערט געפונען דאן זייט איהר פערלאָרען. מיר איז עס גאנץ גלייך.

— זאָגט עס ניט! — האט הערר סאמער געזאגט, — איהר זייט דאן אויך פערלאָרען.

— דאס מאכט ניט!—האט דער אָמעריקאָנער אויסגערופען. — איהר ווייסט וואס איהר האט יעצט צו טאָן. איך גיב אייך איינינע מינוטען צו איבערלייגען זיך.

— און ווען איך וויל ניט!

— זאָ פערלאסט איהר דיזען צימער אלס געפאנגענער!

— און איהר מיט מיר!—האט סאמער אויסגערופען.

— איך לאך דערפון. נו איך גיב אייך א ווייל'ע צייט, בעדענקט אייך.

סאמער האט אראָבגעלאָזען דעם קאָפף און האט געשוויגען.

נאָך א קורצע צייט האט דער אמעריקאנער אויסגערופען.

— נון, האט איהר זיך בעשלאָסען?

— יא. עס וועט געשעהן, ווייל איך זעה אז דאס מוז געשעהן,—האט ער געענטפערט און וואר בלייך וויא דער טויט.

— דאס מוז אבער הייטע געשעהן.

— איך וועל עס פרובירען.

— דאָן קומט צוריק און גיט מיר אייער בעריכט. איך וועל ווארטען ביין פענסטער ביז איהר קומט צוריק.

— גוט. אָבער איך מוז זיך פערקליידען.

— דאס קריגט איהר ביי מיר. איך גיב אייך א באָרד און קליידער. געהט מיט גלייך און אין לעצטען אויגענבליק זאָלט איהר ניט פערלירען אייער מוטה, דאס מוז געשעהן, דער דעטעקטיוו דארף דיא נאכט ניט איבערלעבען.

ווי א צומישטער איז הערר סאמער ארויס אין גאס. וואס וואר ער בערייט צו טאָהן? קען ער ניט חרטה האבען איידער עס איז שפּעט? ניין, ניין, עס וואר קיין אנדער וועג. ער מוז געהן אויף דעם וועג פון פערברעכען אָדער ער איז פערלאָרען.

— אָבער ווען איך בין שוין יא אזוי ווייט געזונקען, ווען איך בין געצוואונגען צו בעגעהן א מאָרד, ווארום זאָל איך בעסער ניט מאָרדען דיזען אמעריקאנער, אום פון איהם אין גאנצען בעפרייט צו ווערען?—האט ער ביי זיך געקלעהרט און האט זיך געשלעפּט דורך די גאסען ביז ער איז געקומען צו זיין וואהנונג.

גאנץ שטיל האט ער זיך ארויפגעשלעפּט אויף די טרעפּ. גאַנץ שטיל האט ער אויפגעשלאָסען די טהיר צו זיין צימער. זיין בייזער געוויסען האט איהם שוין יעצט געפּייניגט. עס וואר איהם אלס ווי א ער האט דעם פערברעכען שוין בעגאנגען.

זיין פרוי און די דיענסט ווארען ניט צו הויזע. דאס איז גאנץ גוט. קיינער דארף איהם ניט זעהן.

נאכדעם ווי א ער האט די טהיר פון זיין צימער פערשלאָסען, האט ער אָנ־געצונדען דעם לאָמפּ. דאָרט האט ער אין שפּיגעל פּרובירט די קליידער וואס דער אמעריקאנער האט איהם געגעבען.

די צייט איז געלאָפען שנעל. סאמער האט געהאט נאָך געוויסע פּאָרבע־רייטונגען צו מאכען. ער האט דארום נאך א מאָל צורעכט געמאכט זיינע קליידער האט זיך איבערגעוואָרפען מיט א שווארצען מאנטעל און איז ארויס.

אונבעמערקט און אונגעזעהן איז ער געקומען צו דער הינטערסטער טהיר און איז אריין אין גארטען.

מיט שנעלע און שטילע טריט איז ער געלאָפען אין גארטען ביז ער איז גע־קומען צום ביידעל.

— דאס איז גוט!—האט ער צו זיך געמורמעלט. אין דיזער ביידעל וועל איך לאָזען מיין מאנטעל.

ביי דיזער צייט פון יאהר וואר אונמעגליך צו דענקען דאס יעמאנד געפינט זיך אין דיזער ביידעל. ער איז דארום אריין, האט אויסגעטאָן דעם מאנטעל און האט איהם בעהאלטען אונטערן באַנק.

יעצט איז ער ארויס פון גארטען, האט צוגעשלאָסען די טהיר און איז אוועק.

דורך פערשידענע קרומע גאסען האט ער ערדייכט דעם פערברעכער קוואַר־טאַל פון בערלין.

סאמער האט דיזען קווארטאל געקענט. ער וואר היער אָפט צו פאנגען פער־ברעכער, צו זוכען געהיימניסע. הייטע אבער איז ער אהער געקומען אום צו געפינען א קאמעראד וואס זאָל איהם העלפען אויספיהרען א פערברעכען.

אך וויא עס בייטען זיך דיא צייטען!

ביי דער טהיר פון א שענק איז ער געבליבען שטעהן.

וואס וויל ער טהאָן?

ער וויל מאכען איין האנד מיט דיא לייטע וועלכע ער בעקעמפפט. ער, דער וועכטער פון געזעץ געהט ווערען א פערברעכער? גיט עס דען קיין אנדער וועג וויא ארויס צו געהן פון דער פאסטקע וואס דער אמעריקאנער האט פאר איהם געשטעלט?

ער האט אָבער קיין אנטוואָרט אויף דער פראגע ניט געפונען. ניין, ער מוז טאָהן וואס ער האט געפלאנט. קיין אנדער וועג גיט עס ניט. איך אָדער ער. איינער מוז פאלען.

ער איז אריין אין שענק.

דיא פערברעכער וועלכע ווארען פערטהאָן אין טרינקען און שפרײַבען זיינען גע־בליבען שטיל און האבען איהם אָנגעקוקט. קיינער פון זיי האט איהם ניט געקענט.

אבוואהל דיא געסטע האבען זיך געמאכט גלייכגילטיג, דאך האבען זיי פאר איהם געפירכטעט. ווער קען ער זיין? וואס קען ער דאָ פערלאנגען!

לאנגזאם איז דער פאליציי קאמיסאר געגאנגען דורך דיא רייהען, זיינע אויגען האבען געקוקט אין אלע זייטען. ענדליך איז ער געקומען צו א ווינקעל וואו עס זיינען געזעסען דריי מענער, וועלכע ער האט געקענט. צוריק מיט צוויי יאהר האט ער זיי אין דעם זעלבען פלאטץ פערהאפטעט.

סאמער איז צוגעגאנגען און האט זיך נעבען זיי געזעצט.

דיא דריי מענער ווארען ווילדע געשטאלטען דער מאָן וואס איז געזעסען ביי זיין רעכטער האנד, וואר לאנג וויא א בוים, מיט לאנגע פיס, לאנגע הענד און לאנגע, דינע פינגער.

מען האט איהם גערופען דער ווערגער.

ער פלעגט זיך דערמיט אויסצייכנען וואס ער פלעגט אונטערנעהמען גרויסע גנבות און ווען מען פלעגט איהם זיך שטעלען אין וועג, פלעגט ער ווערגען זיין געגנער.

געגען איהם איז געזעסען דער „טויט שלעגער", א מאָן מיט א פעסטען קער־פער, ברייטע שאַלטערן און שטאַרקע ארמען. זיין געזיכט וואָר דונקעל און זיינע [illegible] ווארען שווארץ.

דער רריטער פון זיי וואר דער „חכם". ער וואר קליין, דאר, שוואך, מיט רויטע האאר און בלויע ליפען. אָבער ער איז געווען דער ראטה געבער פון דיא פערברעכער, און פיעלע ריזיגע אונטערנעהמונגען ווארען דורכאויס געפיהרט נאָך זיין פלאַן און ראטה.

סאמער, וועלכער האט אלע דריי געקענט האט זאָפאָרט געוואוסט צו וועמען ער דארף זיך ווענדען.

— איך האב פאר אייך א געשעפט, חכם, האט ער זיך געווענדעט צום רויטהען.

— איהר קיינט מיר ?—האט דער רויטהער געפרעגט.

— געוויס.

— נו וואס ווילט איהר פון מיר?

— איך וויל אייך שיקען צו איין אמעריקאַנער.

— וואו איז דאָס?

— אין האטעל וואשינגטאָן, נומער צוועלף.

— און אונזער לאָהן?

— אלעס וואס איהר וועט דאָרט קריגען. איך וויל נור דיא פאַפּירען וועלכע האבען פאר אייך קיין ווערטה.

— אָבער פון וואנען קענט איהר אונז?

— אה, איך ווייס ווער איהר זייט און וואס איהר האט אויפגעטאָן. איך בין איין אַלטע פויגעל. זאָגט ווילט איהר מיט מיר מאַכען א געשעפט?

— וויפיעל געלד קענען מיר דאָרט קריגען? — האט דער חכם געפרעגט.

— פונפציג טויזענד מאַרק.

— האָט ער זיי ביי זיך אין האָטעל?

— יא.

— פון וואנען ווייסט איהר דאָס?

— דוא פרעגסט מעהר אלס איך וויל דיר ערצעהלען. גענוג איז ווען איך זאָג אייך אז איהר קריגט דאס גאנצע געלד.

— אָבער ווארום ווילסט דוא קיין חלק?—האט דער חכם איהם געפרעגט.

— ווייל איהר האט דאָ עססטרא ארבייט. דער אמעריקאַנער מוז געהן אויף יענער וועלט און דיא פאַפּירען דארף איך האָבען. זיי וועלען מיר מיט דער צייט ברענגען מיין פּראָפיט.

— זאָ האב איך דיא הויפּט ארבייט!—האט דער ווערנער געזאָגט.

— נעווים.

דער פאליציי קאמיסאר האט געענדעט ווײן און שנאפס אין דיא חברה האט געטרונקען.

— ווען דארף מען עס אפטאהן?—האט דער טויט־שלעגער געפרעגט.

— צווישען צוויי און דריי אוהר.

— געהסט דוא מיט אונז?

— נעווים. איך געה פאראויס. איהר געהט נאך מיין שאטען. דער אמעריקא־נער וועט ארויסגעהן צום פענסטער. מעגליך דאס מיר וועלען שפרעכען. דיא איבע־ריגע וועלען מיר שוין בעשפרעכען. אבער פארזיכטיג. ער איז פורכטבאר אונ־גלויבינ.

דיא צייט איז אוועק. אלס האלבע נאכט איז פאראיבער, און מען איז געקר מען נאהענט צו דער ערסטער שטונדע, האט זיך דער קאמיסאר אויפגעהויבען. דיא דריי זיינען איהם נאכגעגאנגען.

דורך פערשידענע קרומע וועגען און פינסטערע גאסען זיינען זיי געקומען צום האטעל וואשינגטאן.

אלס דער פאליציי קאמיסאר איז צוגעגאנגען צום האטעל האט עס געשלא־גען צוויי אוהר.

ער האט אריינגעקוקט אין פענסטער פון דעם האטעל אין וועלכען דער אמעריקאנער האט געוואהנט.

דיא פענסטער וואר געשלאסען, אבער באלד האט עס זיך געעפענט. מר. וועלער האט ארויסגעשטעקט זיין קאפ.

ער האט דעם פאליציי קאמיסאר אזוי שנעל ניט ערקענט, ווייל ער האט געטראגען דיא פרעמדע קליידער, אבער ענדליך האט ער ערקענט דיא בארד וועל־כע ער האט איהם געבארגט.

— נו?—האט ער געפרעגט דורכ'ן פענסטער,—געלונגען?

— נאך ניט!

— וועט עס געלינגען?

— יא. אין א שטונדע.

— בעשטימט?

דער פאליציי קאמיסאר האט איהם געגעבען א צייכען צו פערשליסען דיא פענסטער. דער אמעריקאנער האט עס געטאהן.

דערווייל זיינען דיא דריי פערברעכער צוגעקומען.

— נו ?—האט געפרעגט דער חכם.

— שנעל אריין,—האט דער פאליציי קאמיסאר געזאגט, דיא טהיר איז נאך אפען, אבער קיין גערויש.

— באה !—האט געזאגט דער ווערגער, אונז הערט ער ניט, אין גרעסטען פאל קענען מיר איהם פערטיג מאכען.

סאמער איז פערציטערט געווארען. זאל ער נאך נעהמען אויף זיין געוויסען א צווייטען מארד ? אבער עס קען מעהר ניט העלפען. דיא ארבייט מוז פארטגעזעצט ווערען.

— גוט !—האט ער געזאגט,—זא מאכט אייך אהין אריין, בעהאלט אייך וויא קינסטלער. דער צימער איז נומער 12, הערט איהר. אין א שטונדע וועט דער אמעריקאנער ווידער ארויסגעהן צום פענסטער און יענעם מאמענט מוזט איהר בענוצען, פערשטאנדען ?

— זעהר גוט.

— נון, נעהמט זיך צו דער ארבייט.

הערר סאמער האט זיך יעצט בעגעבען צום צווייטען זייט פון דער גאס אום פון דארט צו זעהן וואס עס וועט געשעהן.

ער איז געשטאנען און האט געווארט מיט שרעק אויף דער בעשטימטער צייט. וויא וועט זיין ווען דאס וועט ניט געלינגען ? וועט דען דער אמעריקאנער איהם פערצייען ? עס איז אבער פערפאלען, אלעס איז יעצט אין גאנג, צוריק קען מען קיין זאך ניט נעהמען.

באלד האט געשלאגען דריי.

לאנגזאם איז ער צוגעגאנגען צום האטעל און האט זיך געשטעלט גענגען פענסטער. ער האט געזעהן וויא דער אמעריקאנער עפענט דיא שויב און בייגט ארויס דעם קאפ.

סאמער האט איהם געגעבען א צייכען צו שווייגען און האט זיך געלאזט געהן צום פענסטער.

— נון ?—האט דער אמעריקאנער געפרעגט אין א שטילען טאן.

— גלייך !—האט ער איהם געענטפערט.

יעצט האט דער קאמיסאר געזעהן וויא א שאטען נעהערט זיך צום פענסטער. וויא נאך איהם קומט א צווייטער, דאן א געשריי פון דעם אמעריקאנערס טויל, באלד א קליינער גארגלען און אלעס איז געווארען שטיל.

סאמער איז צוריק געשפרונגען און האט זיך בעהאלטען אונטער א צווייטע

טויז. א פערטעל שטונדע שפעטער איז דער טויער פון האטעל געעפענט געווארען די דריי באנדיטען, דער ווערגער, דער טויטשלעגער, און דער חכם זיינען ארויס.

יעדער פון זיי האט געהאט א פעקעל אין האנד.

— נו? — האט געפרעגט דער פערקליידעטער פאליציי־קאמיסאר.

— עס איז געלונגען.

— און דאס געלד?

— עס וואר נים אזוי פיעל וויא דוא האסט געזאגט, אבער עס געהט אן, היער זיינען דיא פאפירען.

— איז דאס דען אלעס?

— נאטירליך.

— האט איהר אלעס דורכגעזוכט?

— פערשטעהט זיך. מיר ארבייטען שנעל.

— דא פעהלט דיא בריעף־טאשע.

— א בריעף־טאשע האבען מיר נים געפונען.

— פערדאמט, איך מוז זיא האבען.

— זא גיעה און נעהם זיא.

דער „חכם" האט עס געזאגט מיט א פעסטער שטימע, דאן האט ער געגעבען זיינע בעגלייטער איין וואונק און זיי אלע האבען זיך ענטפערענט אהנע צו ריידען נאך א ווארט.

איינינע סעקונדען איז סאמער געשטאנען און האט נים געהאט קיין ראטה.

— וואס זאל ער יעצט טאהן?

דיעזע פעקלעך אין זיין האנד האבען געוויס א גרויסען ווערטה, דאך דיא הויפטזאכע, דיא בריעף־טאשע וואו עס געפינט זיך דער פאפיר מיט זיין אונטערשריפט—דאס פעהלט.

זאל ער אהין אריינגיין?—אך וואס פאר א משוגענער געדאנק. פיללייכט געפינט זיך דיא פאפיר אין דיעזען פעקעל.

ער איז יעצט געלאפען נאך הויזע. פינסטער און שטיל ווער אין הויז, קיינער האט איהם נים געזעהען, קיינער האט איהם נים געהערט. אין פאוויליאן האט ער איבערגעטאהן זיינע קליידער און איז אריין אין וואהנונג.

אויף דיא שפיטץ פינגער איז ער אריין אין זיין צימער, דארט האט ער אוועק־

געלייגט דעם פעקעל אויפ'ן טיש, ער האט געוואָלט יעדע שטיקעל פאפידורכזועהן.

וויא הייס איהם איז געוועזן! זיינע שלייפען האבען געברענט און געהאמערט דער פאליציי קאמיסאר איז צוגעגאנגען צום עק טיש אויף וועלכען עס איז געשטאנען א קאראפין וואסער און א גלאָז.

ער וואר צו אויפגערעגט אום צו זעהן וויא דיא גלאָז איז געוועזן העלפט מיט וואסער. דער פאליציי קאמיסאר האט זיא אָנגעגאָסען פול און האט זיא אויסגעטרונקען מיט איין אטהעם.

פלוצלונג האט ער זיך געחאפט פאר'ן מאָגען. זיין געזיכט איז פערענדערט געוואָרען.

א פורכטבארער ווייטאָג האט געהערשט אין זיינע איננענוויד. זיינע ליפען האבען זיך געעפענט און א לייזער געשריי האט זיך פון איהם אויסגעריסען. סאמער איז צוזאמענגעפאלען.

נאָך א קורצען, אָבער שטארקען קאמפף, דיא קרעפטען האבען איהם פערלאָזען, זיין קערפער האט זיך פערדרעהט, דאן א קרעכטץ, סאמער איז געשטאָרבען.

אייניגע מינוטען שפעטער איז דיא טהיר גאנץ שטיל געעפענט געוואָרען.
א פרויענצימער איז אריין. זיא וואר בלייך, זעהר בלייך.
עס וואר לינא.

אלס זיא האט דערזעהן דעם טויטען אויף דער ערד איז זיא פערציטערט געוואָרען. זיא האט צוגעדריקט דיא האנד צום הארצען און דאן האט זיא זיך אָבגעקעהרט פון איהם. אין איהר ווייסער נאכט העמד האט זיא אויסגעזעהן וויא דער מלאך פון טויט.

ביסלעכווייז האט זיא זיך ערהאָלט פון איהר ערשטען שרעק און האט זיך צוגעבויגען צו איהם.

— ער איז טויט! מיין עהרע איז גערעטעט!

אלס לינא האט דיזע ווערטער אויסגעשפראָכען האבען איהרע אויגען געגומען לייכטען און דיא פארב האט זיך אומגעקעהרט אין געזיכט.

— נו האב איך געליטען!—האט זיא צו זיך געזאָגט. — ער וואר איין אויסוואורף, איך בין יעצט פריי! אָ, רודאלף, דוא וועסט א מאָל אויף פריי ווערען אזוי, דאן, אה דאן!......

פלוצלונג איז זיא פערציטערט געוואָרען.

— הימעל, איך שטעה דאָ, בין איך דען פון זינען ?

זיא איז צוגעלאָפען צום טיש אויף וועלכען דיא קאראפין איז געשטאנען, און האט דאָרט אוועקגעלעגט אַ קליינע קעסטעלע מיט אַרסעניק. איהר בליק איז געפאלען אויף דיא פּאפּירען וועלכע ווארען אויסגעלעגט איבער'ן טיש. פלוצלונג האט זיא דערזעהן אַ קעסטעלע פון רויטהען סאפיאן. לינא האט עס געעפענט. איהר בילד האט זיך דארין געפונען. האסטיג האט זיא גענומען דאט בילד צו זיך און איז אוועק אין איהר צימער. זיא האט זיך געלעגט און האט געוואָלט שלאָפען. אָבער דיא געדאנקען וועגען דעם מאָרד וואס זיא איז בעגאנגען האבען זיא ניט געלאָזט שלאָפען.

אונטער דיזער צייט איז דער מאָרד וואס איז געשעהן אין האטעל וואשינגטאָן ענטדעקט געוואָרען.

נאָך אין דערזעלבער נאכט איז דיא פּאליציי געקומען צום אָרט פון מאָרד. זיא האט בעשלאָסען דאס הערר וועלער איז בעפאלען געוואָרען פון הינטען, איז געווערגט געוואָרען פאר'ן האלז און געטויטעט געוואָרען דורך אַ קלאפּ אין דיא שלייפען.

דיא אויפגעבראָכענע קאסטענס און דאס פערשווינדען פון דיא צירונג און נאָר דאס געלד האבען דייטליך בעוויזען דאס עס וואר אַ מאָרד צו ליעב רויב.

אָבער דיעזער בעשלוס איז באלד געענדערט געוואָרען. מען האט געפונען ביי דעם ערמאָרדעטען זיין בריעף־טאַשע און אין איהר דיא בעקענונג פון פּאליציי קאָמיסאר סאָמער ; דאס האט נאטירליך געפיהרט צום בעשלוס אז סאמער איז בעגאנגען דעם מאָרד צו ליעב דיזער בריעף־טאַשע און דארום האט דער פּאליציי פּרעזידענט געהייסען מען זאָל איהם זאָ פאָרט פערהאפטען.

לינאַ איז ניט לאנג געלעגען אין בעט, אַלס מען האט אין דרויסען גענומען קלאפען שטארק אין טהיר.

לינאַ איז פערציטערט געוואָרען.

וואס זאָל דאס בעדייטען ?

האט מען איהר פינסטערע טהאט ערפאהרען ? איז מען געקומען אום זיא צו ארעסטען ?

— מוטה ! האט זיא צו זיך אַליין געזאָגט, און האט געשיקט איהר דיענסט צו עפענען.

באלד איז דיאַ דיענסט געקומען צוריק און האט געזאָגט :

— מאדאם, דיא לייטע ווילען זעהן דעם קאמיסאר, אבער ער עפענט ניט דיא טהיר. ווילט איהר זיך צו זיי בעמיהען?

— איך וועל קומען.

לינא האט צוזאמענגענומען איהר גאנצען מוטה, זיא האט זיך איינגעריבען דיא שלייפען און האט אויף זיך אנגעטהאן א שיינע מארגען קלייד. דאן האט זיא זיך בעגעבען אין זאאל. זיא האט ערקענט דעם פאליציי ליטענאנט.

— גנעדיגע פרוי, מיר זיינען לײדער געניטהיגט אויפצוטרעטען געגען אייער מאן.

— געגען מיין מאן?—האט לינא אויסגערופען און האט זיך בעמיהט צו בע־האלטען איהר פריידע.

— עס איז געשעהן א מארד און דארט האט מען געפונען פאפירען וואס בע־וויזען דאס הערר סאמער האט אין דעם א האנד. ווילט איהר רופען אייער מאן?

— מוז איך עס טאן? איך, זיין ווייב?

— וויא איהר ווילט!—האט דער לייטענאנט געזאגט און האט געהייסען אויפברעכען דיא טהיר וואס האט געפיהרט צום קאמיסאר׳ס צימער.

וויא דיא טהיר האט זיך געעפענט, אזוי האבען אלע גלייך דערזעהן, וויא דער קאמיסאר ליגט אויף דער ערד און איז טויט!

— ער האט זיך אליין בעשטראפט!—האט דער ליטענאנט געמורמעלט.

13טעס קאפיטעל.

ד ע ר ד ו ע ל.

נאך דעם וויא דער באראן האט ארויסגעטריבען דעם גראף פינקענשטיין האט ער גענומען זיין ווייב אונטערן ארם און איז מיט איהר אריין אין זאאל וואו אלע געסט ווארען פערזאמעלט.

דער באראן האט דעם ארקעסטער געהייסען שפילען און איז מיט זיין ווייב צוועק טאנצען. דיא איבעריגע געסט האבען עס איהם נאכגעטאן.

אונטערדעסען איז גראף פינקענשטיין געפאהרען נאך הויזע.

ער האט געטריבען דיא פערד מיט דער גרעסטער איילע, ווייל ער האט גע־האפט צו געפינען אין זיין הויז דיא רוהע וועלכע ער דארף האבען.

אין שלאס האבען שוין אלע געשלאפען. גראף פינקענשטיין איז אריין אין זיין צימער און איז ארומגעגאנגען מיט איין ארא בגעלאזענעם קאפ. ער האט געדענקט פון דעם טרויעריגען טאג און וואס זיינע פאלגען וועלען זיין.

ער האט איבערלעגט דיא לאנגע אין וועלכער ער האט זיך געפונען. זיא וואר ערנסט, זעהר ערנסט. דיא גליקליכע מינוטען וואס ער האט פערבראכט אין גארטען וועלען פיללייכט קאסטען דאס לעבען פון א מענשען.

דער גראף האט בעטראכט זיין האנדלונג און האט זיך מודה געווען אז ער האט ניט ריכטיג געהאנדעלט. איז ער דען ניט געווען דעם באראן'ס גאסט? האט ער אזוי בעדאנקט דיא גאסט-פריינדשאפט.

און אדא?

האט ער ניט פון איהרע בליקען, פון איהרע ווערטער און פון איהר [illegible] בענעהמען פערשטאנען אויף געוויס דאס דא ליעבט איהם? און יעצט איז דא גע־ווארען זיין פעררעטהעריין!

זיין בלוט האט געקאכט אין זיינע אדערן אלס ער האט געדאכט וויא זיא האט איהם פון זיך פערשטאסען, וויא זיא האט איהם פערקלאגט פאר איהר מאן! אך פרויען, פרויען! וויא פאלש און וויא שלעכט איהר זייט!

יעצט איז דער גראף ווידער געווארען דער פינסטערער פרויען פיינד, וויא ער איז א מאל געוועזען.

אין דער טהיר האט מען יעצט געקלאפט. א דינער איז ערשינען.

— וואס ווילסט דוא?

— הערר גראף, א מאן איז ערשט געקומען און בעט מיך איך זאל אייך אב־געבען א קארטע.

— יעצט אין דער נאכט?

— איך האב עס איהם געזאגט, אבער ער דענקט דאס איהר וועט איהם אריינרופען אזוי שנעל וויא איהר וועט דיא קארטע זעהן.

— גיב עס אהער.

דער דינער האט איהם איבערגעגעבען א פערשלאסענעם קאנווערט אין וועל־כען דיא קארטע איז געלעגען. דיא קארטע האט זיך געלעזען וויא פאלגט:

באראן פאן ל. בעט אין אויפטראג פון באראן פאן ערלען איהר זאלט מיט איהם נאך דיעזע נאכט אונטערהאנדלען.

— פיהר דעם העררן צו מיר! — האט געזאגט דער גראף, — איך ער־ווארט איהם.

באלד נאכדעם איז דער געמעלדעטער אריין אין זאאל.

דיא צוויי העררען האבען זיך גאנץ קאלט בעגריסט.

— איך פון אייך בעטען אום ענטשולדיגונג וואס איך בין געקומען אין דיזער

שטונדע, איך וואָלט דעם באראָנ׳ס וואונש ניט ערפילט ווען ער וואָלט מיר ניט פערזיכערט דאס איהר ווילט עס אויך ערלײדינען.

— זײט איהר בעאויפטראגט מיך אויפצופאָדערן?

— יא.

— און דיא בעדינגונגען?

— דער באראָן, ווינשט דער דועל זאָל מאָרגען פריה שטאטפינדען.

— דאָס איז אויך מיין וואונש, אָבער איך האב נאך קײנע צײגע. איך וואלט וועלען מיר זאָלען זיך דריי מאָל שיסען אײנער אויף דעם אנדערען.

— דאס זעלבע ווינשט דער באראָן.

דיא בײדע הערען האבען יעצט בעשפראָכען דיא בעדינגונגען און נאכדעם וויא דאָס איז פערשריבען געוואָרען האט עס דער באראָן און דער פערטרעטער פון זיין געגנער אונטערשריבען.

יעצט האט דער גראף אוועקגעשיקט א רײטער נאך רעגענסבורג אום אײנ־צולאדען זײנעם א פריינד, ער זאל דינען אלס סעקונדאנט אין דעם דועל.

זײנע נערווען ווארען אויפגערעגט, פון שלאָפען געהן וואר קײן רעדע. דער גראף האט זיך געאָרדערט א קאלטע באָד און אנדערע קרעפטיגונגס מיטלען און דאן האט ער זיך געזעצט שרײבען דיא גאנצע נאכט אום אײנצואָרדנען זײנע געשעפטען.

אם ענדע האט ער אויפגעשריעבען פאָלגענדען בריעף צו דער גרעפין:

„טהײערע מוטער!

„אין דיעזען אויגענבליק געפין איך זיך צווישען טוידט און לעבען. עס האנ־דעלט זיך וועגען מיין עהרע, וועלכע איך קען רײנוואשען נור מיט וואפען און דארום בין איך געצוואונגען צו געהן אין קאמפף

„דוא מיין מוטער, נעהם מיין טיעפסטען דאנק פאר דיין פריינדשאפט צו מיר. איך ווייס דאס דוא וועסט מיר פערצײיען, דען העבער פון אלעס שטעהט בײ מיר דיא עהרע.

„יעצט האב איך צו דיר א ביטע.

„דוא, קענסט דיא טאָכטער פון דער אלטער אורזולא. זיא הײסט פעדאָרא. דיעזע מערכען איז אין געפאהר און איך בעט דיך דוא זאָלסט זיא שיצען. איך ווײס, אז דוא וועסט מיר דיעזע ביטע ניט ענטזאגען. מיין פערזענליכען פערמעגען פער־טרוי איך דיר, פערווענד עס נאך דײן פערשטאנד צו גונסטען פון דער פעדאָרא,

ווייל איך בין איבערציינט דאס זיא פערדינט א בעסערען שיקזאל וויא דעם וואס זיא האָט יעצט.

„לעב וואָהל מוטער.

דיעזען בריעף ווערט מען דיר ברענגען ווען איך וועל פאלען טוידט. ווייז ניט נאך מיר.

אָטטאָ״.

דער גראף האט דעם בריעף נאך אמאל דורכגעלעזען, דאן האט ער איהם פערזינגעלט אין א קאָנווערט.

ביז דער בעשטימטער צייט צום דועל וואָרען נאך אייניגע שטונדען. ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט זיא געעפענט נאך פרישען לופט.

אין א שטונדע שפעטער האט ער פערלאסען דעם שלאָס, ער האט מיט־געטראָגען צוויי פיסטאָלען און דיא אנדערע נויטהיגע זאכען.

קיינער אויסער זיין קאמערדינער האט געוואוסט פון דעם גראפס בעשלוס און דיזען האט דער גראף בעפאָהלען צו שווייגען ביז ער וועט פון איהם ערהאלטען א נאכריכט.

לאנגזאם איז דער גראף געגאנגען דורך׳ן וואלד. דיא זאננע איז ביסלעכווייז געשטיגען אין דער הויך. דער גראף האט עס ניט בעמערקט ער האט נור געדאכט וועגען זיין קאמפף, וועלכען ער מוז אויספעכטען צוליעב א פרוי.

— — — — — — — — — — — — —

עס וואר אין דעם זעלבען פריהמאָרגען. פעדאָרא דער וואלד ענגעל איז אויפ־געשטאנען און איז ארויס בעטראכטען דעם וועטער אין דעם האף קלעאָפאָטרא. זיא האט דעם פריהמאָרגען זעהר געליעבט און האט זיך געלאָזט געהן שפאצירען אין וואלד, ווייל זיא האט דיא ווילדע נאטור געליעבט בעסער פון אלעס אין דער וועלט.

זיא איז געגאנגען א לאנגע צייט, פון ווייטען האט זיך שוין געזעהן דער שלאָס פינקענשטיין, און פעדאָרא האט מיט נייגיעריגקייט געקוקט אין אלע זייטען.

הא וואס איז דאס? דארט אין א טהאָל שטעהן אייניגע מענער. איינער האט איהר געשיינט צו זיין בעקאנט. ער זעהט אויס וויא גראף פינקענשטיין.

זיא איז געגאנגען נעהנטער און האט זיך בעסער צוגעקוקט. עס וואר ווירק־ליך דער גראף.

פעדאָרא איז פערציטערט געווארען אלס זיא האט אין זיין האנד געזעהען א

רעוואָלווער. — ווילען דיא העררען שיסען? יא, יא, א צווייטער הערר שטעהט אויך מיט א רעוואָלווער. א דועל מוז דאָ געפאַכטען ווערען!

פעדאָרא האט אהין געוואָלט לויפען אום דעם דועל צו פערהינדערן. אָבער באלד האט זיא דערהערט א שאָס און האט געזעהען וויא גראף פינקענשטיין פאלט צו דער ערד.

אייניגע הערערן זיינען צוגעגאנגען און האבען זיך צו איהם צוגעבויגט. דעם גראף'ס געגנער איז געבליבען שטעהן וויא געליימט. פעדאָרא איז אויפגעשפרונגען מיט א געשריי.

— אלמעכטיגער גאָטט, לאָז איהם ניט שטאַרבען.

און מיט דעם געדאנק צו העלפען דעם פערוואונדעטען איז זיא צו איהם גע־לאָפען. א צווייג האט אראָבגעריסען איהר טוך און צוואוואָרפען איהרע האאר, אָבער פעדאָרא האט עס ניט געפיהלט.

— נור שנעל, איידער עס איז שפעט! — האט זיא צו זיך געזאָגט.

שנעל איז זיא אראָבגעלאָפען פון בארג און באלד איז זיא געשטאַנען צווישען דיא מענער.

וויא א ראבע געטין איז זיא געשטאַנען פאר דעם באראָן פאן ערלען או: האט געשריען:

— איהר האט איהם ערמאָרדעט! איך האב עס געזעהן! גאָט וועט אייך דערפאר שטראָפען.

באלד האט זיא זיך געוואָרפען צום פערוואונדעטען און האט גענומען העל־פען דעם דאָקטאָר.

— ווער זיים איהר? — האט דער דאקטאר געפרעגט.

— פעדאָרא הובער.

— קענט איהר דעם גראף?

— אָה יא. ער האט מיין מוטער פיעל גוטעס געטאָהן, לאזט מיך דאָ ביי איהם. זאגט מיר הערר דאָקטאָר ער וועט ניט שטארבען?

דער דאקטאר האט געצויגען מיט דיא אַקסלען.

— ווען איך זאָל נור קענען ארויסנעהמען דיא קויל. ער האט פערלאָרען פיעל בלוט. מיר קענען איהם פון דאנען ניט ריהרען, ווען מען זאָל איהם נור קענען אריינגעהמען אין א נאָהענטען אָרט.

— נעהמט איהם אין דעם האף קלעאָפאַטרא, דיא גרעפין פאן מעהרען איז

פרדייזם, זיא זאָלט עס אָבער אליין אויך ערלויבט. מיין אָנקעל און איך וועלען דעם גראף ביהאנדלען,—האט פעדאָרא האסטיג געזאָגט.

דיא הערצען האבען זיך בעראַטהען.

דיא בלוט האט דערווייל אָלץ געשטראָמט פון דעם פערבאנד.

— ווירד ער לעבען ?—האט באראָן פאן ערלען יעצט געפרעגט דעם ארצט מיט א לייזער שטימע.

— איך האָף עס, ווען מיר זאָל נור געלינגען ארויסצונעהמען דיא קויל פון זיין קערפער. עס וואָלט געווען דאס בעסטע מיר זאָלען אָננעהמען דעם פאָרשלאג פון דיזער פריילין. ווילט איהר אונז פיהרען, פריילין הובער ?

— יא, איך וועל לויפען פאראוים. מיין אנקעל וועט שאפען א טראָגבעט.

פעדאָרא איז האסטיג אנטלאָפען.

-- א זעלטענע מיידעל !—האָבען דיא סעקונדאנטען געזאָגט—עס איז א נר טער צופאל, זיא וועט דעם קראנקען זעהר גוט בעהאנדלען.

באראָן פאן ערלען האט זיך יעצט אָבגעזעגענד און איז אוועק צו זיין וואָגען. ער האט זיך געפיהלט שטארק בעטריבט. ער האט בעדויערט ווארום ער האט ארויסגערופען דעם דועל.

פארביי פאָהרענדיג האט ער געזעהען וויא פעדאָרא מיט איהר אָנקעל האבען געטראָגען א בעטעל.

דער באראָן האט זיא נאכגעקוקט.

דיזעס מעדכען האט איהם גערופען מערדער, נאך איהר בעגריף איז א דר על געווים א מאָרד.

אין זיין שרעק האט זיך איהם געדאכט דאס אדא שטעהט פאר איהם. וויל דיזעס מעדכען האט דיא זעלבע לאנגע האאר וויא אדא. אה, ער האט געוואָלט וויסען אויב אדא האט זיין בריעף ערהאלטען, און דארום האט ער געטריבען דעם קוטשער, ער זאָל פאָהרען שנעלער.

— — — — — — — — — — — — —

דערווייל האט פעדאָרא מיט איהר ברודער ערדייכט דעם פלאטץ פון דעם דועל.

מען האט דעם פערוואונדעטען אוועקגעליינט אויף דער בעטעל און געטראָגען לאנגזאם און שטיל.

באלד וויא מען איז געקומען אין האף קלעאָפאטרא האט פעדאָרא איינגע־ ריכט איהר צימער פאר דעם קראנקען.

דער דאָקטאָר האט זיך באלד גענומען צו דער אפעראציאָן און האט ארויס־ גענומען דיא קויל. דער קראנקער איז דאַן געקומען צו זיין בעוואוסט זיין.

פעדאָרא האט דעם גראף געהאלפען מיט אלעס וואס זיא האט געקענט.

דער דאקטאר איז ענדליך אוועק און פעדאָרא איז געבליבען ביי דעם קראנקען.

זיא איז געזעסען ביי זיין בעט דעם גאנצען טאג און דיא גאנצע נאכט. דער גראף וואר אין פיבער. ער האט ניט אויפגעהערט צו שילטען דיא פרויען און האט אויך געוואָלט שפרינגען פון בעט.

אלס דער טאג איז געקומען איז וואלטהער ערשיענען אום איבערצובייטען זיין ניכטע. זיא האט אבער בעהויפּטעט, אז זיא איז ניט מיעד און קען נאָך בלייבען נאָך א פּאאר שטונדען.

שפּעטער איז געקומען דער דאקטאָר, ער האט געפונען דעם קראנקען פיעל בעסער וויא ער האט ערווארטעט און האט פערשריבען מעדיצין וועלכען פעדאָרא זאָל קויפען אין דער אפּאטהעקע.

פעדאָרא האט זיך שנעל בעגעבען אין וועג און האט צו איהר גרויסער פרייד געטראָפען איהר פריינד דאקטאר בער אין דער אפּאטהעקע.

נאָך פריינדליכע בעגריסונגען האט פעדאָרא אָנגענומען דעם דאקטארס האנד און האט געזאָגט:

— אך ליעבער, גוטער דאקטאר בער. עס פרעהט מיך וואס איך האב אייך הייטע דאָ געטראָפען, איך וואָלט מיט אייך וויכטיגעס געשפּראָכען ווען איהר וואָלט געוועזען אזוי גוט צו בעגלייטען מיך אביסעל.

דאקטאר בער האט זיך ערקלערט בעריית און ביידע זיינען אוועק פון דער אפּאטהעקע. אלס זיי זיינען געקומען צום וואלד, האט זיך פעדאָרא אָבגערופען:

— ליעבער הערר דאָקטאָר פערשפּרעכט איהר מיר ניט צו זאָגען צו קיין מענשען וואס איך וועל אייך יעצט זאָגען?

— אך, דאנערוועטער! ווילסט דוא מיר פיללייכט ערקלעהרען ליעבע! — האט דער פריינדליכער דאָקטאָר געזאָגט לוסטיג.

פעדאָרא האט איהם אין קורצען ערצעהלט פון דעם דועל און דערפון וואס זיא בעדינט יעצט דעם קראנקען.

— אבער קינד, וואס זאָל איך דערביי טהאן? — האט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— איהר זאָלט איהם ווידער געזונד מאכען. איך האב קיין צוטרויען צו יענעם ארצט. ווען איהר וואָלט נור געקומען אָנקוקען דעם קראַנקען.

דאקטאר בער האט זיא א ווײלע בעטראַכט, דאַן האט ער געזאָגט:

— דוא נעהמסט אין איהם א גרויסע אינטערעסע! המ. ער האט דיך א מאָל פערוואונדעט און יעצט בעלאָהנסט דוא איהם דערמיט וואס דוא בעדינסט איהם.

פעדאָרא איז רויטה געוואָרען אין דער שטיל האט זיא געזאָגט:

— ער האט שמערצען און א פיבער ...

— אָבער ווארום האט ער זיך [illegible]? — האט דער דאקטאר געפרעגט.

— ער האט געוויס דעם דועל ניט געקענט פערמיידען. אך, ער איז יעצט אזוי קראַנק!

— נון, איך וועל דיר צוליעב אהין געהן און זעהן אויב עס איז נאָך ניט פערדאָרבען, וועלען מיר איהם צוריק שטעלען אויף דיא פיס.

וויא ער איז געקומען אין האף קלעאָפּאטרא האט ער אונטערזוכט דעם קראַנקען און האט בעטראַכט דיא מעדיצין. באַלד האט ער צוריסען דיא רעצעפּטען אין קליינע שטיקלאך און האט פערלאַנגט אייז און א געוויסען טהעע.

ווען ער האט דעם קראַנקען אײנגעגעבען דעם טרונק האט ער זיך געווענדט צו פעדאָראַ'ן און האט געזאָגט:

— זיי מוטהיג, פעדאָרא, ער וועט ניט שטאַרבען. ער האט פערלאָרען א סך בלוט, אבער ווען ער וועט זיך אויסרוהען וועט עס צוריק קומען. גיב איהם קיין מעדיצין. מאָרגען קום איך ווידער. אבער שטרענג זיך ניט אָן אזוי שטאַרק פעדאָרא, דען מען וועט דיר דערפאַר ניט דאַנקען.

— — — — — — — — — — — — — —

וועהרענד דער צייט פון דועל איז דיא קראַנקע גרעפין גאבריעלא געשטאַנען ביים פענסטער און האט אַרויסגעקוקט. ווארום איז גראַף אטטא נאָך ניט געקומען ער איז דאך שוין געוויס לאַנג פון דעם באַל?

דיא גרעפין וואר יעצט ווירקליך אלט, איהרע האאר ווארען גרוי און איהר גאַנג איז געווארען א שווערער. נור אין איהרע אויגען האט נאָך געשיינט עטוואָס ענערגי און הויב־מוטה.

יעצט האט זיא אַרײנגערופען איהר קאמער פרוי.

— זאָלסט הייטע צו מיר קיינעם ניט מעלדען. איך וויל מיט קיינעם ניט

שפרעכען, אויסער מיט מיין זאהן. זאָג מיר נור, עליזע, וואר דיא אלטע אורזולא ווידער אין האף?

— דיא גנעדיגע גרעפין האט עס איהר פערבאָטען.

— דאס איז גוט. האָסט דוא איהר געשיקט דיא האַלץ און געלד?

— איך האב עס איהר אליין אוועקגעטראָגען. דיא אלטע פרוי וואר אויסער זיך פון פריידע, בעזאָנדערס ווען איך האב איהר געזאָגט, דאס דיא גרעפין דענקט נאָך עטוואָס צו שיקען.

— יעט. היער. טראָג איהר דאס אוועק.

ביי דיזע ווערטער האט דיא גרעפין ארויסגענומען איינינע גאָלד־שטיקע און האט עס איהר געגעבען.

עליזא האט זיך ענטפערנט.

אלס דיא גרעפין וואר אליין, איז זיא צוגעגאנגען צום טאפעל איבער איהר בעט, האט פון דאָרט ארויסגענומען א געהיימע קעסטעלע און האט אויסגעלעדיגט דיא פאפירען אויף א טישעלע.

געלע בלעטער זיינען געפאלען אין איהרע הענד, אויך איינינע טרוקענע שטיקלאך בלומען און א קליינע גאָלדענע הערץ איז פון דאָרט ארויסגעפאלען.

דיא גרעפין האט עס געפרעסט צו איהרע ליפען און אין איהרע אויגען האבען זיך בעוויזען טרעהרען.

— עס וואר דאָך דער שעהנסטער טאג פון מיין לעבען, — האט זיא אין דער שטיל צו זיך געזאָגט. — אך וויליאם ווען דוא וואָלסט זיך דאן פון מיר געשיידעט. אָבער איך וואר שוואך און האב געאָפּפערט מיין עהרע פאר מיין ליעבע. נון, איך האָב טהייער בעצאָהלט, און דער ציינע פון מיין פערזעהן — מיין טאָכטער לעבט נאָך!

— אך, מיין געליעבטער וואר גליקליכער פון מיר. ער איז געשטאָרבען אין דער מיינונג, אז אונזער קינד איז טויט. וועהרענד איך האב דערלעבט צו וויסען דאס זיא לעבט און איך קען זיא ניט אנערקענען פאר מיין קינד! וואס וועט מען פון מיר דענקען? מען וועט אויף מיר דייטען מיט דיא פינגער און מען וועט זיא אליין פעראכטען. נאָך מיין טויט זאָל זיא פערזאָרגט זיין. אויף איהר ערציהערין, דיא אלטע אורזאלא וועל איך פערזאָרגען. איך וועל צו דיזען צוועק א בערלאָזען א סומע געלד ביין פאטער טהאָמאס.

באלד האט זיא אנגעקלונגען נאָך איהר קאמער־דיענערין און האט זיא אָבגעשיקט צום פאָטער טהאָמאס, מיט דער ביטע ער זאָל זאָפאָרט קומען.

דיא קאמער־פרוי האט זיך באלד בעגעבען צום גייסטליכען און אין א קורצע צייט שפעטער איז פאטער טהאמאס נעשטאנען פאר דער גרעפין.

— זייט מיר נעגריסט! — האט דיא גרעפין געזאגט פריינדליך — איך האב אייך געשיקט רופען, ווייל איך וויל איבערגעבען מיין לעצטען ווילען אין אייער האנד.

— איך־שטעה בערייט צו טהאן, וואס איהר ווינשט גרעפין.

— גוט, דיא אלטע אורזולא איז ביי מיר געווען.

— איך וויים עס.

— זיא האט מיר מיטגעטהיילט א געהיימניס!

— דאס איז מיר בעקאנט.

— מיר ווען דערפון ניט שפרעכען. איך האב בעשלאסען צו לאזען א טהייל פון מיין פערמעגען פאר פעדארא'ן.

— פרוי גרעפין, איך בעט איהר זאלט געדענקען דאס פעדארא....

— קיין ווארט דערפון, אויב איהר דעקנט דאס דיא אלטע אורזולא ערצעהלט דעם אמת, זייט איהר אין אירטהום. עס גיבט קיין בעוויז.

— אבער פרוי גרעפין! — האט דער גייסטליבער אויסגערופען — איך אליין וויים דערפון.

— איהר טהוט שאדען דער שעהנער פעדארא, ווען איהר בעשטעהט אויף אייער בעהויפטונג. איך וויל דאס ניט הערען. איך בין בערייט צו לאזען פאר פע־דארא'ן א פערמעגען פון פופציג טויזענד מארק און דער אלטער אורזולא צעהן טויזענד. ווילט איהר עס נעהמען אין אייער האנד? איך האב דאס געלד פארבע־רייט, נעהמט עס פון מיר און צאהלט עס זייביידען אויס נאך מיין טויט. נאך מיין טוידט וועט איהר אין מיין טעסטאמענט געפינען, וואס איך האב געלאזען פאר דער קירכע. איך בין איבערציינט דאס איהר וועט דיער גאנצע זאך האלטען אין געהיים.

— אין פעדארא'ס נאמען דאנק איך אייך. זאל דער שיקזאל איהר אומקעה־רען דיא מוטער, וועלבע האט זיא פון זיך פערווארפען פאר'ן לעבען און האט זיך ווענען איהר ערגאינערט פאר'ן טוידט.

דער גייסטליכער האט צוגענומען דאס געלד און האט פערלאסען דיא גרעפין וועלכע איז געבליבען זיצען מיט איין אראבגעלאזענעם קאפ.

14טעם קאַפּיטעל.

ד נ י א ל.

גוסיס אויפרעגונג האט געהערשט אין האָטעל וואשינגטאָן. עס וואר אונ־ערהערט, דאָס מערדער זאָלען בעפאַלען אין דיעזען הויז און זאָלען בעגעהן אזא מאָרד.

ווער וואָרען דיא מערדער?

אָבוואָהל מען האט ביי דעם ערמאָרדעטען געפונען פאַפּירען, וואָס וואַרפען א פערדאַכט אויף דעם פּאָליציי קאָמיסאר סאָמער, דאך האט מען געצווייפעלט דאס ער אַליין איז דעם מאָרד בעגאַנגען, אויך האט מען שווער געגלויבט דאס ער האט דיא מערדער געדונגען.

דערצו איז געקומען וואס דאס געלד האט געפעהלט, עס האט געהאט אלע צייכענס צו בעווייזען דאס א רויב מאָרד איז דאָ געשעהן.

זעלבסטפערשטענדליך דאס דיא צימער אין וועלכע דער אמעריקאַנער האט געוואָהנט זיינען זעהר שטאַרק דורכגעזוכט געוואָרען, און מען האט דערביי ערפאַהרען דאס דער נאָמען וועלער, איז א פאַלשער, און זיין ריכטיגער נאָמען איז ארטהור מענצעל פון אויסבורג.

דיא פּאָליציי האט אויך באַלד אויסגעפונען דאָס דער ערמאָרדעטער וואר א פערברעכער, וויל זיין בילד האט זיך געפונען אין דער בערלינער פערברעכער גאַלעריע.

דיא פאָרשער האבען זיך דאַן בעגעבען ביז אויסבורג, און דיא פערהעלטניס צווישען ארטהור מענצעל און אננאַ סיבעל איז מעהר קיין געהיימניס ניט געווען.

אננא האט זיך שטאַרק ערשראָקען אלס מען האט זיא געלאַדען אין פּאָליציי הויז און מען האט איהר דאָרט מיטגעטהיילט דאָס ארטהור מענצעל איז ערמאָר־דעט געוואָרען.

וואס זאל זיא יעצט אָנפאַנגען צו טהאָן?

זיא האט זיך איינגעוואָהנט צום לעבען פון זיעסען רייכטהום. דערצו האט זיא זיך איינגערעדט דאס גאַנץ קירצליך וועט זיא בעזיצען א גרויסען פערמעגען און יעצט זעהט זיא, אז דאס איז אלעס נור א טרוים.

אננא האט זאָגאר געהאט בעהאַלטען איניגע טויזענדער, אָבער זיא האט פון דעם ניט געדאַכט, זיא האט בעדויערט דעם גרויסען פערמעגען, וועלכען זיא האט ערוואַרטעט צו קריעגען פון ארטהור מענצעל'ס האנד.

זיא איז דארום געשטאנען וויא א צומישטע, אלס דער פאליציי־בעאמטער האט צו איהר געזאגט:

— פריילייןן סיבעל, איך האב אייך געלאדען אום צו שטעלען אייך איינינע פראגען. איהר זייט געווען א געליעבטע פון דעם ערמארדעטען מאן?

אננא האט געצעגערט מיט איהר אנטווארט אויף דער פראגע. זיא האט זיך אבער עראינערט דאס זיא האט ביי דעם פראצעס פון פראנין שטאנד געזאגט, דאס מענצעל איז איהר געליבטער און דארום האט זיא עס יעצט אויך געמוזט זאגען.

— האט ער אייך געוואלט הייראטהען?

— דערפון האבען מיר ניט געשפראכען.

— האט איהר עס ערווארטעט?

— איך ווייס אליין ניט.

— זא, ער האט אייך בלויז אויסגעהאלטען?

אננא האט געניינט מיט איהר קאפ. עס ווער איהר זעהר אונמוטהיג אויפ'ן הארצען, זיא האט געמוזט ערקלעהרען זיך אליין פאר איין אונאנשטענדיגע פערזאן.

— האט ער אייך געגעבען געלד?

— יא.

— וואס ווערט איהר יעצט אנפאנגען?

— איך וועל זוכען א בעשעפטיגונג.

— און ווען איהר ווערט עס ניט געפינען?

— אה, איך וועל עס געפינען. איך האב אביסעל געלד געשפארט, און האב פיעל פרעזענטען פון מיין געליבטען.

— איהר ווערט מוזען זוכען א בעשעפטיגונג, וואס ווערט אייער מאראל ניט שאדען, — האט דער פאליציי בעאמטער געזאגט אלס פריינדליכער בעל־עצה.

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— גאנץ איינפאך, א מיידעל וואס לאזט זיך אויסהאלטען פון א יונגען מאן, האט א געוועהנליכע ענדע. זיא זינקט פון שטופע צו שטופע. ווען איהר דענקט, אז איהר ווערט מיך נאררען זא האט איהר איין אירטהום. מיר וועלען אויף אייך האלטען א שארפע אויג.

אננא איז געווארען בלייך. דיעזע ווערטער האבען זיא שטארק געריהרט. זיא וואר דאך נאך ריין, קיין מאן האט זיא נאך ניט בעריהרט. אבער זיא האט עס אליין געזאגט און וויא קען זיא עס צוריקנעהמען. ניין, עס געהט ניט. איהר פרייהייט שטעהט אין קאן. זיא קען לייכט אריינפאלען אין געפענגניס פאר איהר פאלשער

שבועה. ניין, בעסער וועט זיא פערלירען איהר עהרע, אלס צו געהן אין געפענגניס. וואס קימערט איהר איבערהויפט וואס דיא וועלט וועט פון איהר דענקען.

— וויא געזאגט! —האט דער אנדער פאליציי בעאמטער געזאגט.—ווען איהר ווילט פערקויפען אייער ליעבע פאר געלד צו פערשידענע מענער, דאן......

— אבער איך וויל עס ניט! —האט אננא אויסגעשריען.

— נא, נא, עס שיינט מיר אבער אז איהר וועט שוין קיין מאל ניט ארביי־טען. איהר שטעהט אונטער אונזער אויפזיכט פריילין סיבעל און ווען עס וועט נור איין מאל פארקומען דאס איהר וועט זיך פערקויפען פאר געלד דאן ווערט איהר פערהאפטעט און בעשטראפט.

אננא סיבעל האט געציטערט אין איהר גאנצען קערפער! וואס זאל זיא ענטפערן דעם פאליציי קאפיטאן? זיא איז יעצט פעראורטהיילט אלס עפענט־ליכע פרוי.

— האט איהר דעם הערין מענצעל שוין לאנג געקענט? —האט דער פאליציי בעאמטער געפרעגט און האט אונטערבראכען איהרע געדאנקען.

— ניין.

— האט איהר געוואוסט וויא גרויס וואר זיין פערמעגען?

— ער האט צו מיר געשפראכען פון א מיליאן.

— האט ער אייך געגעבען פערשפרעכונגען?

— יא.

— אויף וויפיעל?

— אויף א פיערטעל מיליאן.

— ווייסט איהר וואו ער האט זיין געלד געהאט?

— ניין.

— אין זיין וואהנונג?

— איך ווייס עס ניט.

— ווייסט איהר וואו ער האט דאס געלד גענומען?

— ניין.

— האט ער אייך א מאל פערטרויט מיט זיינע פלענער?

אננא איז פערציטערט געווארען. מיינט דער פאליציי בעאמטער יענע פלע־נער וועלכע האבען איהר מיט איהם צוזאמענגעפיהרט. ווייס מען דיזע פלענער פיל־לייכט פון א געפונענע פאפיר? און ווען דיזעס זאל זיין דער פאל וויים מען פיל־לייכט וואס פאר א ראלע זיא האט דערביי געשפיעלט?

זיא האט זיך בעמיהט צו בעהאלטען דיא פורכט וועלכע איז אין איהר געשטיגען. איהר האנד האט אָנגענומען פעסט דעם שטוהל, וועלכען זיא האט האלטען און איהרע ליפּען האבען געמורמעלט:

— וואס זיינען דאס פּאָר פלענער?

— דאס פרעג איך אייך.

— איך וויים ניכטס דערפון.

דער בעאמטער האט דאס מעדכען שארף אָנגעקוקט. עס האט געשיינט דאס ער וויל אריינקוקען טיף אין איהר הארצען.

— זאָגט בעסער דיא ווארהייט?

— איך זאָג קיין ליגען!—האט אננא פערזיכערט, מיט איהר שטארקען ווילען.

— האט ער אייך געזאָגט, דאס ער ערווארטעט געלד?

— געוויס!

— האט ער אייך נים מיטגעטהיילט דיא נעהערע פלענער?

— ניין.

— ווייסט איהר זיין ריכטיגען נאמען?

— נון ער האט זיך גערופען מענצעל, קיין אנדער נאמען האב איך ניט געוואוסט.

— האט איהר געוואוסט דאס ער וואר אין בערלין?

— ער האט עס מיר געזאָגט.

— האט איהר געוואוסט זיין דאָרטיגע אדרעסע?

— ניין.

— נון אייער געוועזענער געליעבטער האט אין דער ווירקליכקייט ניט געהייסען מענצעל, נור זאלכע. אין בערלין האט ער געלעבט אלס אמעריקאנער אונטער דעם נאמען מר. וועלער. האט איהר דערפון ניט געוואוסט?

— ניט דאס קלענסטע.

— מיר האבען בעווייזע דאס ער האט זיין פערמעגען ערוואָרבען דורך פערברעכען. איהר זייט פערדעכטיג אלס זיין העלפערין אין זיינע פלענער. האט ער איי־ נעגעבען געלד צו בעהאלטען?

ניין.

ייכט פאפּירען, דאקומענטען?

(Mil., 57).

— דאס אויך נים.

— מיר וועלען זיך נאטירליך אליין דערפון איבערציינגען. מיר וועלען אויסזוכען אייער הויז.

א בעאמטער פון דער פאליציי וועט אייך בעגלייטען.

— מיך בעגלייטען?—האט אננא אויסגעשריען ערשראקען.—וואוהין?

— נאך אייער וואהנונג.

אננא האט פרובירט צו פראטעסטירען, אבער דער פאליציי קאפיטאן האט ערקלעהרט דאס ער מוז אזוי האנדלען. זיא מוז געהן מיט א פאליסמאן אין איהר הויז און נאכדעם ווא דיא הויזזוכונג וועט געמאכט ווערען מוז זיא מיט איהם קומען צוריק.

דיא טהיר האט זיך געעפענט און א פאליציסט אין ציוויל קליידער איז אריינגעקומען.

— נעהט מיט איהם פריילין צו אייער וואהנונג איך וועל באלד אהין קומען מיט דעם פראטאקאל שרייבער.

אננא איז מיט דעם פאליציסט אוועק נאך איהר וואהנונג.

באלד נאך זיי זיינען געקומען דיא איבעריגע פאליציסטען.

— — — — — — — — — — — — —

נאך אין דערזעלבער נאכט, ווען דער מארד אויף דעם אמעריקאנער איז געשעהן איז דער אבער קעלנער פון האטעל וואשינגטאן אוועק צום טעלעגראף סטאציאן און האט טעלעגראפירט נאך מינכען אויף דער אדרעסע פון אלטען דניאל.

דיא טעלעגראמע האט געלויטעט: טויט. קומט זאפארט. זעהר דרינגענד.

דניאל איז דער מאן וואס האט זיך אונטערנומען ארויסצורייסען א טהייל פון דער גרויסער ירושה דורך דיא איבעריגע פאפירען וועלכע ער האט געהאט. ער איז געזעסען אין מינכען און האט אימער געארבייט צו דעם צוועק.

אלס ער האט דיא דעפעשע ערהאלטען האט ער געשמייכעלט. זיין בליק איז געבליבען ליגען אויף דעם ווארט „זאפארט"!

ער האט געאהנט וואס דאס בעדייטעט און איז מיט דעם ערשטען צוג אבגעפאהרען נאך אויסבורג.

ער איז אנגעקומען נאך אויסבורג איידער עס וואר טאג, און ער האט זיך זאפארט בעגעבען צו מענצעל'ס וואהנונג. דען דיא שליסלען פון דיזען וואהנונג האט ער אימער געהאט ביי זיך.

פארזיכטיג איז ער אריין אין מענצעל'ס הויז, ער האט צו זיך אליין געשמיי־

כעלט אלס ער האט זיך עראינערט אַז יענער נאכט ווען ער איז אריין אין מענצעל׳ס צימער און האט איהם פאַרגעלייגט זיינע בעדינגונגען. יעצט איז מענצעל טויט. יעצט גיבט נור נאָך איינער וואס וויים פון דיא אלע זאכען, דיזער איינער איז אפּענהיימער, אָבער מיט איהם וועט ער פערטיג ווערען.

באלד וויא ער איז אריין אין מענצעלס הויז האט ער זיך גענומען זוכען, און האט ווירקליך געפונען דיא צוואה און דיא איבעריגע דאקומענטען וועלכע ער האט בעדאַרפט האבען.

באלד וויא ער האט דיא דאָקומענטען געפונען איז ער ארויס פון הויז און האט זיך בעגעבען צום באהן אום זאָפאָרט צו פאָהרען נאך בערלין וואו דער גאנ־צער שליסעל פון דער אינטריגע ליגט בעהאלטען. דניאל האט געוואוסט וואו מרים געפינט זיך, דען מענצעל האט עס איהם געשריבען. ער האט אויך געוואוסט פון מאקס׳ן און טאַנאַ׳ן און אלע אנדערע וואס מענצעל האט בענוצט צו זיין צוועק, און ער האט בעשלאָסען איבערצונעהמען דיא פיהרונג פון דער גרויסער אינטריגע אין זיינע הענד און צו קומען שנעל צום ציעל.

דניאל האט אויך געוואוסט דאָס רודאָלף מענצעל איז פערפאַקט און גע־פעננגים פאר דעם בילבול אז ער האט בעגנב׳ט זיין ווירטה׳ס קאסע. ער האט אויך געוואוסט וואס פאר א ראָלע דער פאליציי קאמיסאר סאמער האט אין דעם געשפּיעלט. ער האט אָבער ניט געוואוסט, אז דער זעלבער סאמער וועלכען מענ־צעל האט בענוצט צו זיינע צוועקען האט געדונגען מערדער צו מאכען איין ענדע פון זיין פערפיהרער און איז נאכדעם געשטאָרבען פון דיא גיפט וואס זיין ווייב האט איהם אריינגעגעבען.

דערווייל איז אין בערלין אלעס געגאנגען דעם ריכטיגען וועג. אזוי שנעל וויא מען האט דעם פאליציי קאמיסאר געפונען טויט אין זיין צימער האט קיינער ניט גע־צווייפעלט אז ער האט ערמאָרדעט דעם אמעריקאנער. אין סאמערס צימער איז געמאכט געוואָרען א הויז-זוכונג און דאָרט האט מען געפונען דיא פאפּירען וואס האבען בעלאנגט צום ערמאָרדעטען אויך א קאפּיע פון סאמער׳ס געשטענדניס און דארום האט מען מעהר ניט געקענט צווייפלען.

וועהרענד סאמער איז פערדאמט געוואָרען אלס פאלשער בעאמטער, אלס מערדער און זעלבסט מערדער, איז זיין אלמנה בעדויערט געוואָרען פון אלע זייטען.

וואס פאר א טראגישער שיקזאל עס האט ליידער געטראָפען דער ווייב פון דיזען מערדער און זעלבסטמערדער! און וויא געפאסט זיא טראָגט איבער איהר שיקזאל!

קיינער האט נים געאהנט וויא שווער לינא האט געליטען, וויא זיא איז גע־פייניגט געווארען פון איהר געוויסען, וויא אָפט זיא האט ערוואכט פון שלאָף און האט געמיינט אז דער גייסט פון איהר ערמאָרדעטען מאַן שטעהט פאר איהרע אויגען....

לינא סאמער האט געפירכטעט זיא זאָל נים ווערען וואהנזיניג. זיא האט איהר מאַן ניט געקענט פערגעסען.

דיא בעערדיגונג האט שטאטגעפונען אָהן געזאנג און אָהן קלאנג. דיא אלמנה האט זיך ערקלעהרט פאר צו שוואך בייצואוואהנען דיא בעערדיגונג.

וועט זיא גאָר קיין מאָל נים קענען געפינען איהר רוהע?

האט זיא דארום בעגאַנגען דיא שרעקליכע טהאט אום צו פאלען אין וואהנזין און לײדען?

לינא האט איינגעזעהען דאס זיא מוז זיך ארויסרייסען פון דיזע געדאנקען, רען ווען ניט מוז זיא געהן צו גרונדע

יעצט האט זיא געדאכט וועגען רודאָלף מענצעל.

— אך וויא געהט עס דעם אָרימען אין זיין געפאנגשאפט. און ער איז דאָך אונשולדיג. זיא וויים דאָך.

א געדאנק איז יעצט דורכגעלאָפען איהר קאָפּ.

איהר בילד, דאס זעלבע בילד וואס זיא האט געשאָנקען איהר געליעבטע; האט זיא געפונען ביי איהר מאַן, צווישען דיא פאפירען וואס ער האט געריבט ביי דעם ערמאָרדעטען. נור דורך א צופאל האט זיא עס געפונען. אָבער וויא אזוי קומט דיעזעס בילד צום אמעריקאנער?

זיא האט דעריבער געדענקט און געדענקט ביז זיא איז געקומען אויף דעם געדאנק, דאס דער אמעריקאנער האט געמוזט איינדריננגען אין רודאָלף מענצעל'ס קופערט אום דיזעס בילד פון דארט צונעהמען. וואס האט ער געקענט זוכען אין רודאָלף'ס קופערט? אה, געוויס האט ער דארט ניט געוואלט נעהמען, נור דאָרט אוועקלייגען דאס געגנב'עטע געלד, וועלכע מען האט ביי דעם אונשולדיגען געפונען. יא, געוויס איז דער אמעריקאנער דער גנב פון דאס געלד. זיא וויים דאָך דאס רודאָלף איז אונשולדיג. געוויס האט איהר מאַן אויך דערפון געוואוסט.

— אך וויא קען זיא איהר געליעבטען בעפרייען? וויא קען זיא דעם געריכט ערקלעהרען, אז רודאָלף איז אונשולדיג און זאל דערביי ניט דארפען געשטעהן דאָס רודאָלף וואר ביי איהר יענע נאכט?

אלס לינא האט אזוי געטראכט האט איינער אנגעקלונגען אין טהיר.

דאָס מערכען האט געפרעגט אויב זיא זאָל עפענען.

— פון מיינטוועגען! געה ארויס און זעה ווער דאָרט איז.

דאס מערכען איז ארויס און איז געקומען צוריק מיט דער מעלדונג, אז איין עלטערער הערר מיט'ן נאָמען דניאל וויל זיא זעהן.

— דוא האסט איהם דאָך געזאָגט, אז איך בין קראַנק! קען קיינעם ניט זעהן.

— יאַ, אָבער ער פערלאַנגט דורכאויס מיט אייך צו שפרעכען. ער זאָגט דאָס ער האט צו אייך איין וויכטיגע נאכריכט.

לינאַ האט געהייסען ער זאָל אריינקומען.

דאס מערכען איז אוועק און דניאל איז באלד ערשינען.

ער האט זיך טיעף פערנייגט.

— מיין נאָמען איז דניאל, גענעראל אגענט פון דער לעבענס־פערזיכערונג געזעלשאַפט, — האט ער זיך פאָרגעשטעלט.

— און וואָס פיהרט אייך צו מיר?

דניאל האט זיא אָנגעקוקט גלייך וויא ער וואָלט זיא ניט פערשטאַנען.

— דיא אנגעלעגענהייט? עס האנדעלט זיך וועגען אייער מאַנ'ס טוידט.

לינאַ איז געוואָרען בלייך. א שווערער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון איהר ברוסט.

— מיין גאַנצע סימפאטהי איז מיט אייך, — האט ער געזאָגט — איך בעט אייך איהר זאָלט זיך פאַסען. דיאַ אנגעלעגענהייט וואָס פיהרט מיך צו אייך איז אזוי וויכטיג, דאָס עס קען ניט אָבגעלעגט ווערען.

— רעדט! — האט דיא אלמנה געזאָגט.

— גנעדיגע פרוי, עס וועט אייך בעקאַנט זיין, דאס אייער מאַן האט זיין לעבען פערזיכערט אין צעהן טויזענד מאַרק.

— געוויס.

— ווייסט איהר אונזערערע געזעצע?

— איך האב זיי געלעזען.

— אונזערע געזעצע זאָגען דאס אין פאַל פון א זעלבסטמאָרד ווערט דאָס געלד אויס:עצאָהלט נור ווען דיא איינצאַ־לונגען דעקען א האלבע סומע פון דער [illegible]ערזיכערונג.

— איך ווייס עס.

— [illegible]ייער מאַן האט דיעזע העלפט בעצאָהלט.

— [illegible]

— מאכט איהר איין איינשפרוך אויף דאָס געלד?

— ווארום ניט?

— ווייל מיין געזעלשאַפט מאכט שוועריגקייטען.

— וועלכע?

— מיין געזעלשאַפט צווייפעלט אויב די אורזאכע פון אייער מאַנ׳ס טוידט, וואָר ריכטיג אנגעגעבען.

— וואָס? דאס מיין מאַן איז ניט געשטאָרבען פון גיפט?

— אָה, יאַ, דאס צווייפעלט מען ניט. ער איז געווים געשטאָרבען פון ארסע־ניק. אָבער וועהרענד איהר בעהויפּטעט, דאָס ער האט זיך אליין פערגיפטעט, בעהויפּטען מיר דאס מען האט איהם פערגיפטעט.

— מיין הערר! — האט לינא אויסגערופען.

— זייט נור ניט אויפגערעגט, מיין ווערטהע דאַמע, מיר ווייסען דאס זיין פאמיליענלעבען וואר קיין גליקליכער,

— ווער האט עס אייך געזאָגט?

— איך אליין זאָג עס, און איהר דארפט וויסען דאס די געזעלשאַפט האט נאך קיין אהנונג דערפון. איך בין דער איינציגער וואָס זאָגט עס אייך בעשטימט.

— הערר דניאל, וואס פאר א שפּראַכע פיהרט איהר דאָ?

— וואס איהר הערט. אויב איהר פערשטעהט מיך ניט, וועל איך זאָגען דייטליך דאָס איהר אליין האט אייער מאַן פערגיפטעט.

לינאַ איז אויפגעשפּרונגען.

איהר געזיכט איז געוואָרען בלייך וויא דער טוידט.

— נעהמט צוריק דיעזען פורכטבארען ווארט! — האט זיא ארויסגעשטאַמעלט.

דניאל האט געשמייכעלט.

— פרוי סאָמער, — האט ער געזאָגט שארף, — גיט אויף דיא קאָמעדיע. איך וויים אלעס און דאנקט גאָט דאס איך בין אהער געקומען איידער דער פּראָקוראָר. זאגט מיר אָפען ארויס, דאס איהר זייט דיא מערדערין פון אייער מאַן.

— מיין הערר, נעהמט אייער וואָרט צוריק.

— דאָס טהו איך ניט. נור ווען איהר ווילט קען איך געהן.

לינא האט קיין וואָרט מעהר ניט געזאָגט. איהר בוזים האט זיך בעוואגען ארויף און אראָפּ און איהרע אויגען וואָרען פערוואָלקענט מיט טרעהרען.

— נו, זאָל איך געהן?

— בלייבט היער! — האט זיא ענדליך געזאָגט.

— איך וואלט נענען אייך ניט נעמאכט אזא בעשולדיגונג ווען איך וואָלט ניט געהאט דיא בעווייזע. צוערסט האט איהר געשיקט קויפען ארסעניק! אָה, איהר ווערט בלייך, דאס אליין ווייזט אייער שולד! איהר האט מיט אייער מאן גע־לעבט אונגליקליך, איהר האט געליעבט איין אנדערען, איך קום פון איהם און ברייננ אייך א גערוס.

לינא איז פערציטערט געוואָרען.

— א גרוס פון וועמען?

— פון רודאָלף מענצעל.

— הערר דניאל!

עס װאר א געשריי וואס האט זיך אויסגעריסען פון איהרע ליפען. זיא האט זיך נעחאפט ביי'ן הארצען.

— יא איך װאר ביי איהם. ער זיצט אין געפענגניס, ער דענקט וויא טאג אזוי נאכט נאך אייך. איהר זייט געוואָרען א מערדערין ווייל איהר זייט געוואָרען זיין געליעבטע. איהר האט איהם געקענט רעטען, אָבער איהר האט עס ניט געטאָן, ער וועט יעצט איבערקומען זיין שטראפע און ער האָפט דאן צו לעבען מיט אייך צוזאמען, אָבער מערקט אייך פרוי סאמער, דאס קען נור געשעהן אונטער איין בעדינגונג......

לינא האט איהם אָנגעקוקט.

— וועלכע בעדינגונגען?

— דאס איהר זאָלט קיין מאָל ניט ווערען זיין פרוי.

— ווארום?

— דאס איז מיין זאכע, איהר דארפט ניעמאלס ווערען זיין פרוי און איהר טהאָרט קיין מאָל ניט בעווייזען .יין אונשולד.

לינא האט געשווידערט.

— איך פערשטעהע אייך ניט הערר דניאל!

— איהר האט מיך ניט וואס צו פערשטעהן. איך וויים אלעס אזוי קלאָהר וויא דער טאג. איך קען אייך באלד איבערגעבען צום פראקוראָר, איך וויל אבער איהר זאָלט מיר שווערען, דאס איהר וועט קיין מאָל ניט העלפען צו בעווייזען רודאָלף׳ס אונשולד. טהוט איהר דאס ניט זאָ גיב איך אייך איבער צום פראקוראָר, און אייער טויט איז געוויס.

לינא האט זיך צו־וויינט. זיא האט איהם ניט געקענט ענטפערן. דניאל האט געזעהן דאס זיינע רייד האבען געמאכט דיא געוואונשטע ווירקונג, אבער דאס עס

איז בעסער ער זאָל איהר געבען צייט, אום זיא זאָל מיט א פאלען בעשלוס איבער־נעהן אין זיינע הענד.

— נון, מאדאם, איך וועל אייך יעצט פערלאָסען, אין א פּאאר טעג קום איך צוריק צו הערען אייער אַנטוואָרט. איהר דאַרפט אבער ניט פערגעסען דאס איהר זייט פאַלשטענדיג אין מיין האַנד. ווען איהר טהוט וואס איך פערלאַנג דאַן קענט איהר לעבען גליקליך און רוהיג; טהוט איהר עס אבער ניט, דאַן שטאַרבט איהר אין שאַנדע אויפ'ן עשאַפאָט. אַדיע.

און דניאל האט ניט געוואָרט, ער איז באַלד ארויס פון הויז.

נאָך דיעזע ווערטער איז דניאל אַרויס אין גאַס.

— איך וועל זיא האבען אין מיין האַנד!—האט ער צו זיך געזאָגט. זיא וועט מיר העלפען צו עררייכען מיין ציעל דען זיא איז דיא מערדערין פון איהר מאַן. עס איז גוט, וואס מענצעל האָט מיר אימער געשריבען וואס ער האט אויפגעטאָהן אין בערלין. פון זיינע בריעף וויים איך אז פרוי סאמער ליעבט דעם יונגען רודאָלף מענ־צעל, וועלכען מיר האבען פערפאקט אין געפעגנגניס, און דאס זיא האט געשיקט איהר דיענסט קויפען אַרסעניק. דאס האט דאָך דיא דיענסט אַליין ערצעהלט, ווען ער האט זיא בעגלייט צום אפּאטהעקע. מענצעל איז יעצט געשטאָרבען. דיא פעלד איז אויך בעארבייט. מרים א יורש'טע פון דיא מילליאַרדען ליעגט פערפאקט, רודאָלף זיצט אין געפעגנגניס פאר א פערברעכען, איך האב אין מיין האַנד דיא נויטהיגע פאַפּירען און איך וועל זיעגען. מיין איינציגע מורא איז נור פאר דיא פּאַ־פּירען וואס דיא פּאָליציי האט געפונען אין סאמער'ס הויז. פּיללייכט געפינט זיך דאָרט עטוואס פערדעכטיגעס. אָבער איך וועל דאס אויך בעקומען, איך האב דיא מיטעל צו אַלעס. יעצט מוז מען נור געהן זעהן וואס איז געשעהן מיט דער מרים.

נאָך דיזע ווערטער האט דניאל גענומען א דראָשקע און איז געפאָהרען צו דער הויז, וואס איז געלעגען אין איין אָבגעלעגטען ווינקעל.

דניאל האט אָנגעקלונגען.

א יונגעס מעדכען מיט בלייכע באַקען און מיעדע בליקען האט דיא טהיר געעפענט.

— איז פרוי סימפּסאָן צו הויזע?

— יא.

— איך וואָלט זיא וועלען זעהן.

דאס מעדכען האט אויף איהם געוואָרפען א פערדעכטיגען בליק.

— וויא זאָל איך אייך מעלדען?

— דניאל.

דאס מעדכען איז פערשוואונדען און באלד איז זיא געקומען מיט דער מעל־דונג דאס פרוי סימפסאָן ערווארטעט איהם.

דאס מעדכען האט איהם דורכגעפיהרט א שמאָלע גאנג וואו ער האט גע־זעהען פערשידענע טהירען און איז ענדליך אריינגעפיהרט געווארען אין איין עמפ־פאנגס צימער.

אין זעלבען מאָמענט וואס ער איז אריבער דעם שוועל האט זיך געעפענט א צווייטע טהיר אין דעם זעלבען צימער און א דאמע איז אריינגעקומען. זיא וואר אומגעפעהר פינף און צוואנציג יאהר אלט, און וואר געפארבט און געפודערט.

דניאל האט זיך פאר איהר פערנייגט.

— פרוי סימפסאן,—האט ער געזאָגט,—איך בין דניאל פון מינכען, מיין נאמען דארף אייך בעקאנט זיין.

— פון וועמען?

— פון מר. וועלער.

— יא, יא, איך האב אבער שוין א פאָר טעג פון איהם ניט געהערט.

— דאס גלויב איך. ער איז טויט!

— טויט! וואס זאָגט איהר? פון וועמען?

— ערמאָרדעט. אזעלכע זאכען קומען אָפט פאָר אין אייער גרויסער שטאָט, איך בין דאָ וועגען א געשעפטס אנגעלעגענהייט.

— איהר ווילט געוויס זעהן דאס מעדכען? — האט פרוי טימפסאן געפרעגט.

— יא. אָבער פריהער וויל איך וויסען וואס טהוט דיא געפאנגענע?

— אה זיא איז זעהר וויעדערשפענסטיג.

— המ. איהר פערזאמעלט דאָ געסטע יעדען אבענד?

— געוויס. מאנכע זיינען פון דער בעסטער געזעלשאפט, און אנדערע זיינען גאנץ דונקעלע מענשען.

— דאס פערשטעהט זיך אליין. לעבע־מענער און דאמען?

— יא.

— שפיעלט מען דאָ ביי אייך?

— גאנץ נאטירליך.

— פיהרט מען דאָ ליעבעס?

— וויא זשע דען, אהער קומען הערען וואס פארשטעהן דעם ווערטה פון מיינע מיידלאך.

— און וואו פערזאמלען זיך אייערע געסטע?

— אין זאאלל.

— אין זאאל?—האט דעניעל געפרעגט ערשטוינט.

— יא, מיין הערר, קומט איך וועל אייך פערטרויען מיין געהיימניס.

פרוי סימפסאן איז געגאנגען פאראויס, דניאל איז איהר נאכגעגאנגען. זיי זיינען געגאנגען דורך איינינע צימערן ביז זיי האבען עררייכט א שמאלען גאנג, און פון דארט אין א שמאלען פינסטערען צימער.

דארט האט פרוי סימפסאן א דריק געטאן א געהיימען קנאפ און באלד האט זיך געעפענט א שטיק וואנט.ביידע זיינען דורך דיזער עפענונג אריין אין א גרויסען, שעהנעם זאאל און באלד האט זיך דיא וואנט הינטער זיי ווידער פערשלאסען.

דער זאאל אין וועלכען זיי זיינען אריין וואר זעהר רייך אויפגעפוצט, און דניאל האט עפענטליך אנערקענט דיא חכמה פון דיזער געהיימער טהיר.

— איהר דארפט אויך וויסען, האט פרוי סימפסאן געזאגט, דאס מיר געפינען זיך יעצט אין א גאנץ אנדער הויז.

— ווילט איהר מיר יעצט צייגען דעם הויפט זאאל?—האט דניאל געפרעגט.

— מיט פערגניגען, איך ערווארטע אייך הייטע אבענד.

— איך וואלט אבער וועלכען זעהן דאס מעדכען?

— זיא איז אין מיין הויז.

— ווייס מען פון איהר אנוועזענהייט?

— יא. פאר מיינע מיידלאך דארף איך זיא ניט בעהאלטען, ווייל זיי זיינען אלע אויף מיין זייט.

— ווער האט אייך איבערגעגעבען דאס מיידעל?

— א געוויסער יונגער מאן, וועלכען דער אמעריקאנער האט גערופען אטמא.

— האלט איהר דאס מעדכען געפאנגען?

— גאנץ געוויס.

— איהר ניט איהר גענוג עסען?

— נון געוויס. זאגאר גוטע קליידער, אבער דיא נאררישע בעשעפעניש ענטזאגט זיך פון אלעס, זיא נעהמט נור זאפיעל ברויט זיא זאל ניט שטארבען פון הונגער.

— וויא בענעהמט זיא זיך?

— רוהיג. אַנפאנגס וואר זיא זעהר אויפגערעגט אָבער נאכדעם וויא איך האב איהר אָבגעצעהלט עטליכע טרוקענע קלעפּ איז זיא געוואָרען רוהיג.

— איז זיא איינגעפיהרט אין אייער געזעלשאַפט?

— נאך ניט, נור ווען איהר דענקט זאָ קען עס געשעהן. קיינער וועט מיך ניט פערראטהען.

— דאַן וועל איך דאָ זיין הייטע אבענד אום צו זעהען דיא געפאנגענע. יעצט פיהרט מיך צוריק,—האט דניאל געזאָגט.

פרוי סימפּסאן האט דעם בעזוכער צוריק ארויסגעפיהרט אין גאס.

ער האט זיך פאָרזיכטיג אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען. דאָרט ניט ווייט פון איהם איז געגאַנגען א מאַן איינגעבויגען אין דרייען, זיין געזיכט אַרומגערינגעלט מיט א ווייסען באָרד, ער האט זיך מיטביידע הענד געהאַלטען ביי זיין שטעקען און האט זיך קוים וואס געריהרט. דיזער מאַן וואר זעהר ליידענד. דניאל האט זיך ווע־גען איהם גאָר ניט געקימערט.

דער אַלטער מאַן האט אבער מיט זיינע אויגען געקוקט אין אלע זייטען און האט געשמייכעלט אין זיך.

— דאס איז שוין עטוואס!—האט ער געמורמעלט. — עס איז א גליק וואס סאמער קען מעהר ניט פארדארבען אונזערע פּלענער. זיין קאַלטע ווינטער איז אונ־זער בעסטער קאמעראד. אָן דאָרט געהט ער.

און ווירקליך, דער קרימינאַל קאמיסאר איז צו איהם צוגעגאַנגען.

— גוטען טאג, הערר ווינטער.

— גוטען טאג, הערר זענדיג.

— פון וואנען קענט איהר מיך?—האט דער אלטער מאַן אויסגערופען.

— שרעקט אייך ניט, אייער פערקליידונג איז פאָרטרעפליך, איך וואָלט אייך ניט ערקענט ווען איך וואָלט אייך ניט געזעהן ארויסגעהענדיג פון אייער הויז. איך האב אייך וואס מיטצוטיילען.

— און דאס איז?

— דאס איך בין ערוועהלט געוואָרען צו פיהרען דיא אַנגעלעגענהייט פון דער פערשוואונדענער מעדכען, וועלכע סאמער האט געהאט אין האנד.

— דאס איז מיר גוט. נאטירליך ארבייטען מיר האנד אין האנד.

— גאַנץ געוויס. איך האב שוין ענטדעקט זעהר פיעל. איך בין אויפ'ן ריכ־טיגען וועג. מיר שיינט דאס מרים געפינט זיך אין בערלין און צוואר אין א הויז ניט ווייט פון דיזען אָרט.

— מיינט איהר א געוויסע פרוי סימפסאן ?—האט סענדיג געפרעגט.
דער קרימינאל בעאמטער האט איהם אנגעקוקט.

— פון וואנען ווייסט איהר דאס ?

— אה, גאנץ איינפאך. אין האטעל וואשינגטאן איז אנגעקומען א מערקווירדיגע פערזאן, וואס שיינט צו זיין פעראינטערעסירט אין מרים׳ס פערשווינדען. ער האט א לאנגע צייט געשפראכען מיט דעם אבער קעלנער, וועלכער שיינט צו זיין זיין מיטהעלפער. דיזער מאן הייסט דניאל, און איך האב איהם נאכגעשפירט ביז פרוי סימפסאן׳ס הויז.

— דאס שיינט צו זיין ריכטיג. — האט הערר וויטנער געזאגט. — דורך דיא פאפירען וואס מען האט געפונען ביי דעם ערמארדעטען מענצעל און דעם פערגיפטעטען סאמער בין איך יעצט אויף דעם וועג צו א גרויסער ענטדעקונג. עס שיינט מיר דאס איך וויים יעצט דיא אורזאכע ווארום מרים איז פערפיהרט געווארען, עס שיינט מיר אויך דאס דיא אינטריגאנטען אין מרים׳ס שיקזאל שפילען א גרויסע ראלע אין דעם שיקזאל פון א געוויסען בערלינער יונגען מאן, וואס איז ניט לאנג פעראורטהיילט געווארען פאר גנבה. איינער פון דיא הויפט אינטריגאנטען איז געוען דער ערמארדעטער זאלבע, וועלבער האט זיך גערופען ארטהור מענצעל צוליעב א געוויסען צוועק.

— צוליעב דעם מילליארד וואס ליגט אין דעם באנק אף ענגלאנד!—האט זיך זענדיג אבגערופען.

— איהר ווייסט דיא געהיימנים ?—האט ווינטער געפרעגט.

— יא. איך בין אויך אויף דיא שפורען. אויב איהר האט ניט פערגעסען איז דער בערלינער רודאלף מענצעל א מאל בעפאלען געווארען אין לאנדאן און בערויבט געווארען פון זיינע דאקומענטען וואס האבען בעוויזען זיין רעכט אויף דער גרויסער סומע געלד אין דער באנק אף ענגלאנד. איך בין צו יענער צייט בעאויפטראגט געווארען צו ארבייטען אין דער אנגעלעגענהייט. יעצט האב איך אבער א גרונד צו גלויבען אז זאלבע וואר דער רויבער פון דיא פאפירען און האט זיך א נאמען גענעבען מענצעל אום דיא ירושה צו פאדערן. וויא אזוי מרים מעהרען איז מיט דער ירושה פערבונדע וויים איך נאך ניט. דער אלטער קלעמענס קען פיללייכט וויסען דעם סוד, אבער מיר שיינט קלאהר דאס זאלבע, אדער מענצעל האט זיא געזוכט אבצוראמען פון זיין וועג, אונד איך וויים קיין אנדער ציעל אויסער דיעזען.

— בראווא!—האט ווינטער אויסגערופען.—איהר האט מיך געבראכט אויפ׳ן ריכטיגען וועג. מיין פארשונג האט בעוויזען, דאס פראנץ שטאנד, דער אנטלאפע־

נער מערדער איז דער יורש פון דעם ביללארד און דערפאר האט מען איהם פערוויקעלט אין א מארד פראצעס. עס האט זיך מיר אויך בעוויזען דאס מענצעל שפיעלט א גרויסע ראלע אין דעם מארד. מיר האט אבער נור געפעהלט דער שליסעל צו וויסען וויא אזוי זאלבע קומט צום נאמען מענצעל, און ווארום ער בעטהייליגט זיך אין דער אינטריגע. יעצט איז עס מיר קלאהר וויא דער טאג. דיזער זאלבע האט בערויבט דעם נאמען און דיא רעכטע פון רודאלף מענצעל, וועלכער האט א טהייל אין דער ירושה, און אזוי וויא ער האט געוואלט האבען דיא גאנצע פאר זיך, האט ער געזוכט אבצושאפען פראנץ שטאנד און זיין געליעבטע מרים מעהרען. אויף דיזער ליניע דארפען מיר יעצט ארבייטען, און מיט איהר קענען מיר קומען צום גרונד. דיזער דניאל מוז האבען אין זיין האנד דיא איבעריגע שליסלען צו דער געהיימניס. איך בין בעשלאסען צו קריגען איהם אין מיין האנד. פארלויפיג האב איך טעלעגראפירט נאך אויסבורג און האב געלאזט פערהאפטען א געוויסע אננא סיבעל, מענצעל'ס א פאלשע עדות.

— וועלען מיר זיך טרעפען אין פרוי סימפסאן'ס הויז? — האט זענדינג געפרעגט.

— אויב עס איז נור מעגליך אהין אריינצוקומען.

— דאס דארפען מיר זעהן. איך בין באלד איבערצייגט אז דארט געפינען מיר דיא מרים. עס איז גוט וואס סאמער איז געשטארבען. דער פעלד פון אונזער טהעטיגקייט איז ריין.

נאכדעם וויא ווינטער און זענדינג האבען אבגערעדט וואו זיי זאלען זיך טרעפען, האבען זיי זיך צוזעגענד און זיינען אוועק אין בעזונדערע וועגען.

15טעם קאפיטעל.

ג ע ר ע ט ע ט.

וויא גליקליך וואר מרים מעהרען ווען דער מאן וועלכען זיא האט געהאלטען פאר איהר געליעבטען איז גאר אונערווארטעט געשטאנען פאר איהר? מיט וועלכער אונגעדולד האט זיא געווארט אויף דעם אויגענבליק ווען זיא וועט דאס געשעפט שליסען. זיא האט דיזען אויגענבליק קוים דערווארט און איז געלאפען וויא מיט פליגלען צום האטעל אום איהר געליעבטען ווידער צו זעהן, און איהם אויף דאס נייע פערזיכערען דאס זיא ליעבט איהם און דאס זיא איז איהם געטריי.

דאך, אלס זיא איז ארויף אויף דיא טרעפ פון גאסט הויז איז איהר פלוצלונג

דאס הערץ פערקלעמט געוואָרען און דער געדאנק זיא זאָל זיך אומקעהרען איז אין איהר אריין.

זיא האט דיא טהיר געעפענט און האט געוואָלט צוריק געהן, אָבער צוויי הענד האבען זיא אריינגעצויגען אין צימער, וועלכער וואר דונקעל.

א געפיהל פון שרעק איז איהר בעפאלען.

— ווארום ברענט דאָ קיין פייער ?—האט זיא געפרעגט אלס זיא איז איבער־געגאנגען דעם שוועל.

— דאס געהט ניט. בעדענק מיין געפעהרליכע לאגע. מיר װעלען פאָהרען צום באהן. עס וואר שוין גענוג געוואגט ווען איך האב דיך בעזוכט. אבער מיין וואונש דיך צו זעהן ... און ער האט אויסגעשטרעקט ביידע הענד און זיינע ליפען האבען גערוהט אויף איהרע ; אד וויא מערקווירדיג ער קוסט ! א טומעל איז איהר בעפאלען. דען גאנץ אנדערש האט זיא דיעזען ווידערזעהן אויסגעמאלט. דער יונגער מאן איז געוואָרען עטוואס אונהעפליך, זיא האט זיך עטוואס געוועהרט און האט איהם אָנגעקוקט מיט בעטענדע אויגען, אבער ער האט דעם אויסדרוק אין איהרע אויגען ניט געזעהן, און דארום האט זיא געשפראָכען אין דער שטיל :

— ניט ארטהור, לאָז מיך !

— פערגיב מיר !—האט ער געענטפערט. יא, יא, איך האב אויף דיר קיין רעכט. איך בין איין אנטלאָפענער, א פעראורטהיילטער !

— אה געליבטער, איך בעט נאָט פאר דיר !

— מיר מוזען אוועק געליבטע, מיר שיינט אז דיא ערד ברענט אונטער מיינע פיס. קום שנעל.

דיזער מאן וועלכער וואר אטטא באלקע האט זיין ראָלע זעהר גוט געשפיעלט ער האט זיא גענומען אונטער'ן ארם און האט מיט איהר פערלאסען דעם צימער אין דרויסען זיינען זיי צוגעגאנגען צו דער דראָשקע נומער 599.

מרים איז צוערשט איינגעשטינען. זיא האט געציטערט. וואס וואר זיא נור אזוי שרעקענדיג. צווייפעל איז אין איהר אריין. זיין שטימע האט געקלונגען עטוואס אנדערש, אָבער זיא האט ניט געוואגט צו לאָזען דיזען געדאנק ער זאָל זיך אויסברייטען.

שווייגענד זיינען זיי ווייטער געפאָהרען. ער האט זיא ארומגענומען ארום טאליע און זיא האט אָנגעלעהנט איהר קאפ אויף זיין שולטער.

ענדליך איז דער וואגען געבליבען שטעהן. ביידע זיינען זיי אויסגעשטיגען און זיינען אריין אין וואקזאל.

אטטא האט דאָרט געקויפט צוויי בילעטען איינעם נאך האמבורג און דעם צווייטען נאך שפאנדאו

— מרים!—האט ער געזאָגט און האט זיא אָבגעפיהרט אַ א זייט,—ווילסט דוא מיר ווייזען נאָך איין פריינדשאפט ווער וויים ווען מיר וועלען זיך זעהן.

— וואס זאָל איך טהאָן?

— בעגלייט מיך ביז שפאנדוי.

מרים האט זיך ערשראָקען.

— איך מוז דאָך מאָרגען פריה זיין אין געשעפט.

דאס קענסט דוא ווען דוא ביזט נור בערייט צו אָפּפערן פאר מיר איינינע שטונדען פון דיין שלאָף.

— וויא קענסט דוא נור אזוי רעדען?

— זעהסט דוא, א שטונדע נאך דעם וויא דוא קומסט אין שפאנדאו געהט א צוג נאך בערלין. ווילסט דוא מיך בעגלייטען?

ער האט גערעדט אזוי זאנפט און אזוי בעטענד, אבער דאָך האט זיא גע־ציינערט.

— עס איז אויך וועגען מיין זיכערהייט. איך ווער געוויס פערפאָלגט, אָבער קיינעם וועט ניט אריין אין קאָפּ אז איך פאָהר אין דער געזעלשאפט פון א דאמע.

דיזער ארגומענט האט געווירקט. עס האט זיך געהאנדעלט צו פערהיטען דעם געליעבטען פון געפאהר און דארין האט זיא ניט בעדאָרפט צעגערען.

נאך א קורצע צייט איז דער צוג אָבגעגאנגען. אטטא און מרים האבען זיך אריינגעזעצט אין א וואגאָן וואו פאססאזשירען זיינען געזעסען. דאס וואר איהם אנגענעהם, דאס מעדכען וועט זיך צו איהם ניט אזוי גוט צוקוקען.

אין שפאנדאו זיינען זיי ארויס.

— קום,—האט אטטא געזאָגט—נאמיר זיך זעגענען. איך פאָהר נאָך מיט דיזען צוג נאך האמבורג.

ער האָט זיא אָבגעפיהרט אין איין שטילען ווינקעל און האט געזאָגט:

— מרים, דאָ דארפען מיר זיך שיידען.

זיא האט איהם ארומגענומען און האט זיך צו וויינט, ער האט זיא געקוסט און צוגעדריקט צו זיך.

יעצט האט עס גענומען קליננען.

— הימעל!—האט אטטא געשריען,—יעצט געהט אָב דער צוג און איך......

מרים איז בלייך געווארען, זיא האט זיך בעשולדיגט דאס זיא האט איהם פערהאלטען.

— וואס וועסט דוא טהאָן ?—האט זיא איהם געפרעגט.

ער האט זיך פערטראכט.

— איך מוז פאָהרען מיט דעם נעכסטען צוג. נעה צום בעאמטען און בעט ער זאָל דיר אונטערשרייבען דעם בילעט.

מרים האט איהם אָנגעקוקט. ווארום וויל ער אליין ניט געהן ?

— זעהסט דאָרט דעם פאליציסט ? נעה מרים, איך קען ניט וואגען צו געהן.

— וועסט דוא דאָ ווארטען ?

— ניין, איך נעה אימער פאָראוים. אזוי וויא דוא קריעגסט עס אונטערשרייבען ווענדעסט ו'וא זיך צום צווייטען זייט, פערשטעהסט דוא ? דאָרט טרעפסט דוא מיך. איך פירכטע דאָ צו ווארטען. גנה מרים.

ער האט דאס מעדכען פון זיך א שטויס געטאָן, זאָ דאס זיא האט קוים צייט געהאט נאכצודענקען.

נאכדעם וויא דער בילעט איז אונטערשריבען געווארען איז מרים אוועק מיט דעם וועג וואס ער האט איהר אָנגעוויזען.

עס וואר א פינסטערער וועג. מרים האט געשווירערט ניט פון דער קעלט נור פון דער לאגע אין וועלכער זיא געפינט זיך. זיא איז געווארען אונזיכער און פלוצ־לונג איז איהר אריין א גדאנק:

איהר געליבטער האט איהר זעהר גוט בעשריבען דעם וועג. פון וואנען וויים ער עס ? ער איז דאָך דעם ערשטען מאָל אין דיזען געגענד ?

אבער דאָך איז זיא געגאנגען ווייטער און ווייטער אין דעם פינסטערען געגענד.

— מרים ?!—האט זיא פלוצלונג געהערט שטיל אין איהרע אויערען.

— איך בין עס.

— אין דיזען מאָמענט איז זיא פלוצלונג געחאפט געוואָרען פאר ביידע ארמען, זיא האט געוואלט שרייען, אבער א פערשטיקטער גערוף איז אריין אין איהר גזיכט און זיא איז געווארען בעוואוסטלאָז.

אלס מרים איז ווידער געקומען צו איהר בעוואוסטזיין האט זיא זיך געפונען אין א פינסטערען צימער. וואו וואר זיא ? עס וואר אזוי פינסטער דאס זיא האט ניט געקענט זעהן איהר איינענע האנד.

איינינע שטונדען איז זיא געזעסען און האט גאָר ניט געוואוסט וואס אָנצו־פאנגען צו טראַכטען.

ענדליך האט זיא דערזעהן וויא א ליכט בעוועגט זיך פון אויבען ארונטער און געהערט זיך צו איהר.

פאר דעם שיין פון ליכט האט מרים ערקענט א פרויענצימער וועלכע קריכט פון א לייטער צו איהר. דיא פרוי איז יעצט געשטאַנען פאר איהר און האט זיא אָנגעקוקט מיט א האַלב שפּאָטישען, האַלב נייגיעריגען בליק. דאַן האט זיא געזאָגט.

— קומט!

— וואוהין?

— דאס וועט איהר זעהן.

— איך וויל אָבער וויסען וואס געהט דאָ פאָר, וואס האט דאס אַלעס צו בעדייטען?

— ווילט איהר פיללייכט בלייבען דאָ אונטען? פיללייכט היער צו פער־שמאַכטען?

מרים׳ס אויגען האבען זיך אָנגעפילט מיט טרעהרען.

— זייט ווער איהר זייט!—האט זיא געזאָגט מיט טרעהרען און האט אויפגע־הויבען דיא הענד אין דער הויך,—זאָגט מיר איך בעט אייך וואו בין איך, וואס וויל מען מיט מיר טאָהן?

— איהר וועט דאס אַלעס ערפאהרען, יעצט קומט נור אויבען.

מרים האט איינגעזעהן דאס עס איז גאַנץ אומזיסט זיא זאָל ניט פאָלגען וואס מען זאָגט. זיא האט געפאָלגט און איז ארויף אויפ׳ן לייטער. דיא פרוי, וועלכע וואר פרוי סימפסאָן, איז איהר נאכגעגאַנגען.

אַלס מען וואר אויבען האט פרוי סימפסאָן געזאָגט:

— יעצט וועט איהר נעהמען א באָד און וועט אָנטאָן אַנדערע וועש און קליידער.

מרים האט יעצט געפיהלט איהר אייגענעם ווילען אזוי געבראָכען דאס זיא ־ט נעטאָהן אַלעס וואס פרוי סימפסאָן האט געהייסען.

נאכדעם וויא זיא האט זיך ארומגעוואשען און האט אָנגעטאָהן דיא נייע און איז צוריק ארויס האט פרוי סימפסאָן זיא איבערגענומען און האט זיא פון קאָפּ ביז דיא פיס.

(Mil., 58).

— נים מיאוס !—האט זיא דאן געזאגט, — דיא קלייד זיצט אויף אייך גוט. איהר וועט שטארק אויסנעהמען.

מרים האט זיך דערווייל עטוואס געפאסט און איז מוטהיג צוגעטראטען צו דער פרוי.

— פריהער פון אלעס בעט איך אייך איהר זאלט מיר זאגען וואו בין איך ?!

— אי, אזוי האסטיג ? נו גוט, איהר מעגט עס וויסען, איהר זייט מיין געפאנגענע.

— אייער געפאנגענע ?

— יא, מיין פריילייו, און איהר ווערט עס זיין ביז איהר ווערט בערייט זיין צו טהאן וואס איך הייס אייך.

— אייער ווונש דארף איך ערשט ערפאהרען,—האט מרים געזאגט און האט זיך בעמיהט צו זיין רוהיג וויא ווייט מעגליך,—אבער צו ערסט וויל איך וויסען וויא קום איך אהער ?

— אזוי איז דאס גוט, מיין קינד. וואס רוהיגער איהר ווערט זיין אלץ בעסער איז עס פאר אייך. איהר ווילט וויסען וויא איהר זייט אהער געקומען ? נון, מען איז אייך בעפאלען אלס איהר האט געוואלט געפינען אייער פראנץ שטאנד.

מרים איז בלאס געווארען.

דער לעצטער צווייפעל. דאס יענער יונגער מאן ווער נים פראנץ שטאנד איז פון איהר יעצט פערשוואונדען. ווער האט אבער געקענט זיין יענער יונגער מאן וואס האט זיא געקענט אזוי פערפיהרען ? און פלוצלונג איז איהר אריין אין זינען, א דאפעלגעננער פון איהר געליעבטען, א דאפעלגעננער וואס איז זיכער אויך בעגאנגען דעם מארד.

אה, וויא האט זיא געקענט זיין אזוי בלינד ! איז זיא נים געווארענט געווארען פון איהרע אייגענע געפיהלען ? אך וואס פאר א שרעקליכע שפיעל מען האט געטריבען מיט איהרע הייליגע געפיהלען. אבער ווער זיינען דאס איהרע פיינדע ? יענער דאפעלגעננער אליין געוויס נים, מיט איהם שטעהט געוויס נאך איינער אין בונד. און מיט זיי איז אויך דיעזע פרוי.

פיעלע געדאנקען זיינען יעצט אריינגעפאלען אין איהר קאפ. זיא האט אראבגעלאזען איהרע אויגען און האט געטראכט.

— יענער יונגער מאן, וואר נים שטאנד ! — האט זיא ענדליך געזאג אין א שטילען אבער בעשטימטען טאן.

— גאנץ ריכטיג, ער וואר ניט פראנץ שטאנד, דען ער זיצט נאך אין גע־פעננגיס. הערר מענצעל האט זיין פערשפרעכען נאך ניט אויסגעפיהרט.

— הערר מענצעל? איהר קענט איהם?

— ווארום ניט, איך קען זעהר פיעל לייטע אויף דער וועלט. מען האט גע־האט איין אינטערעסע צו ליפערען אייך אין מיינע הענד, איהר וועט דא אָבער קיין נויטה ניט ליידען ווען איהר וועט מיר העלפען אין מיין אונטערנעהמען.

— אין אייער אונטערנעהמען? וואס מיינט איהר דערמיט?

— איך בעשעפטיג אַ גרויסע צאָהל שניידער מעדלעך צו וועלכע איהר וועט אויך געהערען.

— איך בין קיין שניידערין.

— אָה, דאָס איז נור פון לייטענס וועגען. איך וועל עס אייך אויסלערנען. אבענדס קומען אהער גראפען און באראָנען, וועלכע שפיעלען פערשיעדענע זאכען און זיי מוזען אויפגעמונטערט ווערען צום שפיעל. דיעזע ארבייט וועט איהר אויף זיך האבען.

מרים איז געוואָרען בלייך.

— וואָס פאר איין שענדליכע ראָלע שלאָגט איהר מיר פאָר? וויא קענט איהר איבערהויפט וואגען צו האלטען מיך געפאנגען, לאזט מיך זאָפאָרט פריי, אָדער....

— אָדער וואָס?

— אָדער איך שריי נאך הילפע.

מיט דיעזע ווערטער איז מרים צוגעלאָפען צום פענסטער וואס איז ארויס אין האף.

אבער אין זעלבען אויגענבליק איז פרוי סימפסאן צו איהר צוגעלאָפען און האט זיא מיט קראפט אַ שלעפ געטהאן צוריק.

— וואגט עס ניט! דען איך האב גענוג מיטעל אייך צו בעשטראפען. יעצט מארש צוריק אין קעלער.

— וואָס האב איך אייך געטהאן וואס איהר בעהאנדעלט מיך אזוי שלעכט! האט מרים געבעטען — לאָזט מיר פריי. איך וויל דאָ ניט בלייבען.

— איך וועל אייך צווינגען.

מיט דיעזע ווערטער האט פרוי סימפסאן אנגעקלונגען.

באלד איז אריינגעקומען אַ מיידעל, וואָס האט אויסגעזעהן שלעכט, פערדארבען און תארט.

— פרוי סימפסאן? — האט דאס מיידעל געזאגט.

— פיהר אראפ דיזע בעשעפענעש אונטען אין קעלער, זאל זיא זיך דארט איבערלעגען.

מרים איז געבליבען שטעהן מיט איין אראבגעלאזענעם קאפ. זיא האט נעדאכט וואס צו טהאן. ענדליך האט זיא געזעהן דאס זיא קען ניט קעמפפען און איז דארום אוועק מיט דאס מיידעל.

וויא זיי זיינען געקומען אונטען אין קעלער, האט מרים אנגענומען דאס מיידעל ביי דער האנד און האט געזאגט:

— פריילין, איך בעט אייך, זאגט מיר וואו בין איך?

— נון, ביי פרוי סימפסאן.

— אבער וואס איז דא פאר איין ארט?

— אה, קיין שלעכטער ארט. אייך וועט דא זיין וויא אונז אלעמען און מיר פיהרען דא א גאנץ גוטען לעבען. מיר ערהאלטען א גוטען לאהן, גוטען שפייז און אבענדס האבען מיר דא א לוסטיגע געזעלשאפט. איהר דארפט ניט מורא האבען, צוריק מיט צוויי יאהר בין איך אהער געבראכט געווארען פונקט אזוי וויא איהר. מיין שטיפפאטער האט מיך געשלאגען יעדען טאג, ווארום איך האב ניט געוואלט הייראטהען דעם מאן, וואס ער האט פאר מיר בעשטיממט, איך בין געווען פערליבט אין א יונגען שעהנעם מאן. גענוג מען האט מיך פערפיהרט, מען האט מיך געמאכט בעוואוסטלאז און אלס איך האב ערוואכט האב איך מיך געפונען אין דיזען הויז.

- און וואס האט איהר געטהאן?

— איך האב מיך אונטערווארפען דעם שיקזאל. אבער איך וויל אייך זאגען דאס איהר בריכט זיך ניט צו פערלירען. איהר דארפט נור זיין פריינדליך צו דיא הערען יא, עטוואס ליעבענסווירדיג, איהר דארפט זיי אויפמונטערן צום טרינקען און שפילען און זיך ווייזען גלייך וויא ביי אייך איז אלעס רעכט. דאס איז אלעס און דערפאר ווערט איהר גוט בעלאהנט, וועהרענד מיט בייזען וועט אייך דא געהן זעהר שלעכט. מען וועט אייך דא שלאגען און שמייסען.

— וואס? — האט מרים אויסגערופען — און מען קען גאר ניט אנטלויפען פון דאנען, מען קען גאר ניט רופען דיא פאליציי?

— ניין, איהר קענט עס ניט. איך האב אבער פאר אייך מעהר קיין צייט. איך מוז געהן אויבען. איבערלעגט זיך אליין וואס פאר אייך איז בעסער.

פיעלע טעג זיינען נאכדעם אוועק, אלע פערשטעלונגען, אלע דראהונגען זיינען

אננעוועגדעט נעוואָרען נעגען מרים'ן, אָבער עס וואר שווער צו מאכען זיא זאָל שפּיעלען דיא ראָלע וואָס מען האט פאר איהר פאָרבערייט.

ענדליך האט געפּלאַצט דיא געדולד פון דער פרוי סימפּסאן און זיא האט בעשלאָסען צו נעהמען זיך צו דיא שטרענגערע מיטלען.

פרוי סימפּסאן וואָלט שוין לאַנג בענוצט יענע מיטלען, ווען ניט דער אמע־ריקאנער, וועלכער האט זיא טעגליך בעזוכט און האט איהר געהייסען צו זיין גע־דולדיג ווייל עס איז נאך צייט צו ברענגען דיא געפאנגענע צום שענדליכען לעבען, און ווייל עס איז פאר איהם בעסער, דאס מרים זאָל אליין איינשטימען צו טהאן וואס מען הייסט איהר.

מרים איז דערווייל געקומען צום בעשלוס דאס מענצעל שפּיעלט א גרויסע ראָלע אין איהר לאַגע און ענדליך האט זיא אָנגעפאנגען צו טראַכטען אויב ער איז אויך ניט פערמישט אין דעם מאָרד, פאר וועלכען איהר געליעבטער איז פעראור־טהיילט געוואָרען.

איהר לאַגע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרען פערצווייפעלטער, דער געדאנק צו אנטלויפען איז שוין לאַנג פון איהר אַוועק. זיא האט אויך אויפגעגעבען דיא האָפ־נונג צו געווינען איינע פון דיא מיידלאך פאר זיך.

זיא וואר אָהן מיטלען, אָהן האָפנונגען אהן פריינד און אהן אויסזיכטען. זיא זיצט פערשפּאַרט אין א פינסטערען נאַסען קעלער, וואו קעלט און ווערים פער־צעהרען איהר לייב און טוידטען איהר זעעלע.

ענדליך איז געקומען דיא צייט ווען פרוי סימפּסאן האט ערפילט איהר וואָרט און האט גענומען פלאגען דיא אונגליקליכע מיט ריטער און מיט שטריק.

יעדע צוויי דריי שטונדען פלעגט קומען דיעזע פרוי מיט איהרע העלפער און פלעגען שטעלען דער אונגליקליכער דעם בעדינג צו טהאן וואס מען וועט איהר הייסען, און אלס מרים האט עס ענטזאגט האבען זיי זיא געשלאָגען ביז זיא איז געבליבען אין אונמאכט.

דיעזע מארטערייא האט ענדליך געווירקט. מרים האט זיך ערקלעהרט בערייט צו טהאן וואס מען וועט פון איהר פערלאַנגען.

— יעצט האָב איך אייך צו זאגען אייער פּפליכט! — האט פרוי סימפּסאָן געזאָגט נאכדעם וויא זיא האט ארויסגעקראָגען דעם פערשפּרעכען — דיא ערסטע זאך איז, איהר זאָלט קיין זאך ניט ערצעהלען.

— דאס פערשטעה איך אליין.

— און גיין, זאָגט עס ניט, דיא הערדען זייגען נייגעריג און זיי פרעגען אַלערליי

פראגען. וועה וועט זיין צו אייך ווען איהר וועט פערראטהען איין ווארט. דאן מוזט איהר זיין פריינדליך און ליעבעס ווירדיג. איך זאג אייך נים דאס איהר דארפט דערביי פערלירען אייער אונשולד. דיא הערדען זיינען אנשטענדיג און קיינער וועט אייך ניט צווינגען, איהר דארפט זיי אבער ניט צייגען קיין בייזעס געזיכט. איהר האט פריהער געלעבט אלס גרעפין און דאס איז מיר גענוג צו גלויבען אז איהר ווייסט וויא מען דארף זיך בענעהמען. יעצט וועל איך אייך זאגען וואס איך וועל אייך דערפאר געבען: איהר וועט האבען הונדערט מארק א מאנאט, פרייע קעסט און צוויי פרייע טעג יעדע וואך. זייט איהר מיט דיזע בעדינגונגען צופרידען?

— יא.

— איך דענק אז איהר דארפט צופרידען זיין און איך האף דאס איהר וועט פערשטעהן וויא צו דינען מיר טריי. אויסער דעם וועט איהר זיין דיא איינציגע פון אלע מיידלאך וואס וועט ערהאלטען א פראצענט פון געווינס.

— פון וועלכען געווינס?

— נון, מיין הויז איז א געמבלינג הויז. איהר דארפט וויסען דאס דיא הערדען שפילען ליידענשאפטליך ווען זיי זיינען בערוישט פון א פרויענצימער און דאן קימערען זיי זיך ניט ווען דיא קארטען פאלען ניט צו זייער זייט.

— זאל איך דאן אויך שפילען?

— נאטירליך! איהר דארפט שפיעלען, און שפיעלען שטארק. מיר וועלען אייך דא אויסלערנען דיא פערשידענע שפילערייען. יעצט קומט מיין פריילין, אונטערשרייבט דעם קאנטראקט.

פרוי סימפסאן האט איהר פארגעלעזען א קאנטראקט אין וועלכען עס ווער געשריבען דאס מרים האט זיך מיט נוטען צו איהר געווענדעט און האט זיך פערפפליכטעט צו טהאן וואס מען האט אבגערעדט.

מרים האט נאטירליך ניט געוואלט אונטערשרייבען דיזען קאנטראקט, אבער ווען זיא האט געזעהן דאס זיא קען ניט העלפען, האט זיא עס אונטערשריבען.

— זא, יעצט וועל איך אייך וויזען אייער צימער! — האט פרוי סימפסאן געזאגט אין א מילדען טאן — קומט.

אלס מרים האט זיך געפונען אין איהר צימער איז זיא צוגעגאנגען צום פענסטער, וועלכע איז אויך ארויס צום האף.

זיא האט געוואלט שרייען, אדער שפרינגען דורכ'ן פענסטער, אבער זיא האט זיך ארומגעזעהן, אז דאס וועט איהר ניט העלפען, דען זיא ווערט בעאבאכטעט און מען וועט זיא געוויס פערשטיקען.

באלד האט בעדארפט קומען דיא שטונדע ווען זיא וועט גלייך מיט דיא ארבעריגע דארפען אויפטרעטען אין דער ראָלע פון איין לוסטיגע מיידעל, דאס בלוט האט געקאָכט אין איהר הארץ און דער געדאנק איז איהר געקומען זיא זאָל אין לעצטען אויגענבליק ניט פאָלגען וואס מען פערלאנגט פון איהר.

עס איז איהר אויף אריינגעקומען א האָפנונגס שטראהל.

דיא בעזוכער זיינען דאך פון דער לעבע וועלט. פיעללייכט וועט זיין איינער צווישען זיי וועמען זיא קען זיך פערטרויען און ער וועט זיא בעפרייען פון דיעזען הויז.

נייע האפנונגען זיינען אריין אין איהר זעעלע און ווען זיא האט פריהער געפירכטעט פאר יענער שטונדע האט זיא יעצט אויף איהר געווארט מיט אונגעדולד. זיא וועט זעהן מענשען, הערען וואס שטאמען פון יענע קרייזען צו וועלכע זיא האט אמאל געהערט. פיעללייכט וועלען דיעזע מענשען פאר איהר עטוואס טהאן.

— מוטה! מוטה! — האט זיא צו זיך אליין געזאָגט.

יעצט האט מען אָנגעקלאפט אויף איהר טהיר
אך, וויא העפליך מען איז פלוצלינג געווארען געגען איהר.
א מיידעל איז אריינגעקומען און האט געבראכט א זיידענע קלייד.

— וואָס איז דאָס? — האט מרים געפרעגט.

— אונזער הערין האָט אייך געשיקט דיעזע קלייד איהר זאלט זיא הייטע טראָגען. אך זעהט, עס איז פון העלבלויען זייד, עס איז געמאכט נאך אייער אלטער קלייד, טהוט עס אָן אום איך זאָל קענען זעהען אויב זיא וועט אייך פאסען.

מרים האט געצענערט. אָבער דאָס מוז דאך געשעהן, עס וועט דאך ניט העלפען ניט צו פאָלגען.

זיא האט דאס קלייד אנגעטהאן.

— גיט א קוק אין שפיענעל! — האט דאס מערכען אויסגערופען מיט ענטציקען — דאס קלייד פאסט אייך וויא אָנגעמאסטען.

— זאָ, זאָ?

— פרעהט איהר זיך גאָר ניט? איהר זעהט דאך אויס וויא א קעניגין. אך ווען דער גראף וועט אייך זעהן?

— וועלכער גראף?

— גראף פאָן פיינדרענבערג, ער שפיעלט זעהר הויך.

— וויא איז אייער נאָמען? — האט מרים געפרעגט דאס מערכען.

— מאלווינא, איז מיין נאָמען.

— זייט איהר אויף הייטע אבענד דא?

— נעווים.

— אך, איהר קענט מיך אביסעל אונטערשטיצען! — האט מרים געזאגט — מיר זיינען דיא הערדען פרעמדע, און עס וועט מיר אויך גוט זיין, ווען איהר וועט מיך לערנען וואס איך האב צו טהאן.

— איך בין בערייט, — האט מאלווינא געזאגט — אבער איך בעט אייך איהר זאלט זיך היטען פון פרוי סימפסאן, זיא האט ניט ליעב דיא מיידלאך זאלען זיין איין האנד. זיא וויל ניט מיר זאלען זאגאר צווישען זיך ריידען.

— ווערט איהר ניט געהאלטען געפאנגען?

— אה, ניין!

— איהר קענט דאס הויז פערלאסען ווען איהר ווילט?

— מיר האבען אונזערע פרייע טעג.

— האט פרוי טימפסאן קיין פורכט איהר זאלט ניט אויספלוידערען וואס ביי איהר געהט פאר.

— אה, ניין! — האט דאס מעדכען געזאגט — איהר מוזט וויסען דאס אונז איז פריהער זעהר שלעכט געגאנגען. מיר האבען געארבייט אין קאנפעקטען געשעפ־טען און אונז איז קיין אנדער וועג ניט געבליבען אלס צו הונגערן אדער צו פער־קויפען זיך. דא זיינען מיר פון ביידע זאכען געשיצט, דא איז אונז טויזענד מאל בעסער וויא פריהער.

מרים האט זיך פערטראכט.

— יא, — האט דאס מעדכען געזאגט — איך האב פערגעסען צו זאגען, דאס איהר מוזט אייער האאר גאנץ אנדערש קאמען.

— וואָרום?

— ווייל איהר זעהט אזוי אוים זעהר אונשולדיג. מיר טראגען אלע דיא האאר געקאמט אין דער הויך, און דיא פריזור מוז קומען געשניטען.

מרים האט אנפאנגס ניט פערשטאנען וואס דאס זאל בעדייטען. באלד אבער זיינען איהרע באקען בעדעקט געוואָרען מיט א רויטהקייט.

— נון, — האט זיא געזאגט — איך וועל דאס אויך פערזארגען.

— אויב איהר פערשטעהט ניט דיא ארבייט קען איך אייך העלפען.

— זעהר גערן.

מאלווינא האט גאנץ פלייסיג פריזירט מרים׳ם האאר אויף דעם שטיינער פון ריעזען הויז און איז דאן אוועק.

באלד איז פרוי סימפסאָן אריינגעקומען. אויף איהר געזיכט איז געלעגען א זיעסער שמייכעל.

— אך פרייליין מעהרען, — האט זיא געזאגט — איהר זעהט אויס גאַנץ רייצענד. דאס קלייד איז אויף אייך וויא אויסגעגאָסען אָבוואָהל זיא איז ניט געמאָסטען געוואָרען, יעצט קומט. איהר זאָלט אָבער וויסען דאס איהר טאָרט אייער פאלען נאמען קיינעם ניט זאָגען. איהר הייסט מיסס מארי און ניט מעער. איהר זייט איין ענגלענדערין. איהר רעדט דאך ענגליש?

מרים האט זיך איין מאָל בעשלאָסען צו פאָלגען וואס מען זאָגט איהר אום זיא זאָל קענען געפינען א האָפנונג בעפרייט צו ווערען. זיא האט געפאָלגט אלעס וואס מען האט איהר געזאָגט.

זיא האט מיט פרוי סימפסאָן פערלאָזען דעם צימער, איז מיט איהר דורכגעגאנגען דעם קאָרידאָר, דאַן אין דעם געהיימען צימער, דורך וועלכען מען איז דורך א געהיימער טהיר אריין אין באדוּאר.

מרים האט געשטוינט ווען זיא האט געזעהן דעם געהיימען גאנג און ענדליך דעם גרויסען באדואר.

— יעצט זאָלט איהר וויסען, — האט פרוי סימפסאָן געזאָגט — דאס מיין נאמען איז בעראָנין פאָן אלטען. איהר דארפט זיך היטען צו רופען מיך פרוי סימפסאָן. קענט איהר טאַנצען?

— יא.

— שפיעלען קלאַוויר?

— יא.

— גוט, דאס אלעס וועט אייך נוצען. יעצט ווארט דאָ איין ווײלע. באלד וועל איך אייך אריינפיהרען אין זאאל.

מיט דיעזע ווערטער איז דיא באראָנין אוועק.

דער זאאל איז ביסלאכוויים אנגעפילט געוואָרען מיט געסט, צווישען זיי וואר אויך דניאל, וועלכער איז געקומען אלס גראף פאן וואלאס.

דיא אונטערהאנדלונגען האבען אָנגעפאנגען זייער גאנג. דיא יונגע מיידלעך מיט בעשטימטע נעמען אלס פראנצויזען, איטאַליענער, פאלען, וויענער און זאָ ווייטער זיינען ערשינען און האבען בעדינט דיא מענער מיט וויין און אנדערע געטרענקע עס איז געפלוידערט און געלאכט געוואָרען.

דיא לוסטיגסטע פון אלע וואר מאלווינא, וועלכע האט נעבען זיך געהאט א לוסטיגען מאן.

— טאנצט איהר באראָן? — האט זיא געפרעגט.

— טאנצען? אה, ווען —

דיא באראָנין איז יעצט צו זיי צוגעגאנגען.

— איך האב געהערט, אז איהר רעדט פון טאנצען. יא, הייטינער אבענד זאָל זיין א קליינער באַלל.

דיא באראָנין האט יעצט געגעבען א צייכען צו דער מאלווינא, וועלכע איז אוועק און האט איבערגעלאָזען איהר הערר מיט דער באראָנין.

פּלוצלינג איז אונטער דיא הערען געוואָרען א בעוועגונג. א נייער שטערן איז אויפגעגאנגען.

מרים איז ערשינען מיט מאלווינאַ'ן אין זאאל און איהר ערשיינען האט געמאכט א גאנצע סענזאציאָן.

— מיס מארי! — האט דיא באראָנין זיא פאָרגעשטעלט — מיינע א פערוואנדטע, וועלכע איז געקומען צו גאסט.

דיא הערען האבען זיך פערניינט און מרים האט געענטפערט גראציעז.

אין איין מינוט האט זיך ארום איהר געבילדעט א קרייז פון הערען, מען האט איהר געזאָגט זעהר פיעל קאָמפּלימענטען. יעדער האט בעמערקט דער גרויסען אונטערשיעד צווישען דער נייער מיידעל מיסס מארי און דיא געוועהנליכע, וואס ווארען דא זייט א געוויסע צייט.

מרים האט אלעס צוגעהערט און האט מיט דיא אויגען געזוכט צווישען דיא הערען, פיעללייכט וועט זיא געפינען איינעם וועלכען זיא קען זיך אָנפערטרויען. אבער זיא האט זיך גענארט. עס ווארען דורכאויס אבגעלעבטע מענער, וואס האבען אהנע צווייפעל קיין הארץ אין זייער קערפּער.

מאלווינא וועלכע האט איהר באראָן ניט אבגעלאָזען האט איהם יעצט ווידער צוגעטראָגען וויין, דער באראָן האט דעם וויין גענומען און האט איהם געטרונקען אויף מיסס מארי'ס געזונדהייט.

דיא לוסט צום טאנצען איז יעצט אין גאנצען פערגעסען געוואָרען. דיא באראָנין, וועלכע וואר פון איין זייט צופריעדען, וואס מען האט דיא מיסס מארי אזוי אויפגענומען, האט דאך ניט געוואָלט, אז אלעס זאָל צוליעב איהר פערגעסען ווערען, זיא האט דארום מרים'ן אויפגעפאָדערט צו שפּיעלען איינינע טענץ, אום דיא הערען זאָלען זיך פון איהר אבשיידען.

דיא מיידלאך ווארען דערמיט צופריעדען.

מרים איז ארײן אין צװײטען צימער, האט זיך געזעצט בײ דער פּיאנאָ און האט אָנגעפאנגען צו שפּיעלען, פריהער מעלאנכאָליש, דאן װיכטיגער און לוסטיגער ביז זיא איז געקומען צו א װאלץ. זיא האט געשפּיעלט אײניגע טענץ.

װען זיא האָט געװאלט אָנפאנגען צו שפּיעלען א נײען װאלץ, איז דניאל צו איהר צוגענאנגען און האט זיך פערנײגט.

— ערלויבט מיר, מיסס מארי איך זאָל מיך פאר אײך פאָרשטעלען! — האט ער געזאָגט העפליך — איך בין גראף פאָן װאלאס.

זיא האט זיך עטװאָס פערנײגט און האט געװאָרפען א בליק אויף דיעזען הערן. זײן געזיכט האט אויסגעזעהן אנשטענדיג אָבער זײנע אויגען זײנען איהר ניט געפעהלען געװאָרען.

— איהר האָט זיך זעהר פיעל געאָפּפערט פאר דער געזעלשאפט, — האט ער געזאָגט — ערלויבט מיר איך זאל אײך פיהרען צוריק אין זאאל.

מרים האט געשמײכעלט.

— דיא הערשאפטען װעלען אײך װעניג דאנקען, הערר גראף, — האט מרים געזאגט מיט א שמײכעל.

— אין געגענטהײל, מיסס מארי, דיא הערען װעלען זיך גליקליך שעצען מיט אײך צו טאנצען. איך װעל דערװײל שפּיעלען פאר אײך אויף דער פּיאנא.

דניאל האט זיא צוגעפיהרט צום שװעל פון זאאל און האט זיך צוריקגעצויגען.

באלד האָבען זיא דיא הערען װיעדער ארומגערינגעלט און פון אלע זײטען האט מען איהר געדאנקט פאר איהר שפּיעלען.

אין דיעזען אויגענבליק האט זיך פון דער פּיאנאָ װיעדער געהערט א װאלץ און יעצט האט מען מרים׳ן פון אלע זײטען געלאדען צום טאנץ. יעדער האט געזוכט צו קומען פריהער פאר׳ן צװײטען.

ענדליך איז דער טאנץ געװען צו ענדע.

איבעראל האָבען זיך געבילדעט גרופּען פון הערען און דאמען. מען האט געגעסען, געטרונקען, געשטיפט און אײנצעלנע הערען האָבען זיך געזעצט ארום שפּיעל-טיש אום צו שפּיעלען קארטען און אנדערע זאכען.

מאלװינא װעלכע האט געדינט טרײ איהר הערין האט פערשטאנען װיא צו פערפיהרען איהר באראָן אין אײן אָבגעלעגטען װינקעל װאו מען האט געשפּיעלט האזארד.

דיא באנק האָט געהאלטען א הערר מיט א װײסען לאנגען באָרד, אײן עהר-װירדיגע ערשײנונג אויף זײן ערנסטער געזיכט איז איבער׳ן אויג געלעגען א שװאר-

צער פלאסטער. ער וואר אין זיין ערשיינונג וויא אין זיין גאנצער בענעהמונג איין עכטער שפיעלער.

מיט דער גרעסטער געלאסענהייט האָט ער דיא קארטען אבגעצויגען, האט צוזאמענגעקליבען דיא געווינסען און האט אויסגעצאָהלט דיא פערלוסטען. בערג מיט גאָלד און פאפיער געלד זיינען געלעגען ארום איהם, אט איז דער בארג גע־וואָרען קלענער, אָט ווידער גרעסער, ארום און ארום האט מען געזעהן, אז ער שפיעלט גליקליך.

ארום דעם שפיעל־טיש האבען זיך געקליבען מעהר און מעהר הערען. דיא ליידענשאפט צו ברעכען דיא באנק איז יעדען בעפאלען. און ביסלעכוויים האבען אלע פערלאָרען דיא אינטערעסע אין דיא פרויען, זאָגאַר אין מרים'ן.

מרים האט דיעזען מאָמענט בענוצט ארומצוגעהן ארום זאלאן אום צו בע־טראכטען דיא צימערען. איהר ציעל האט מרים קיין אויגענבליק ניט פערלאָרען. זיא האָט זיך צוגעקוקט צו יעדען הערר, בעזאנדערס אָבער אויף צוויי. איינער וואר דער פראנצויזישער גראף, דער צווייטער וואר מאלווינא'ס באראָן.

זיא האט געזעהן דאָס זאָגאר ביי'ן שפיעלען קוקט אויף איהר דער באראָן. זיא האָט פערשטאנען דאָס זיא האָט אויף איהם געמאכט איין איינדרוק און זיא האָט געהאָפט דאָס זיא וועט איהם קענען געווינען פאר זיך אזוי פיעל דאָס ער וועט איהר העלפען צו אנטלויפען פון דיעזען הויז.

קען זיא פיעללייכט יעצט דאָס הויז פערלאסען? וועט מען פיעללייכט יעצט ניט בעמערקען וויא זיא געהט אוועק?

אבער ניין, אין דיעזע קליידער קען זיא ניט ארויס אין גאס. דיא קליידער און דיא צירונג זיינען דאָך אויך פרעמדע. זיא קען דאָך ניט גנב'נען.

אבער דאך, זיא האט א געלעגענהייט וואָרום זאָל זיא עס ניט בענוצען. זיא שטעהט יעצט ביי'ן פאָרהויז, ווען זיא עפענט דיא טהיר, דאן איז זיא פריי.

מרים האט זיך דאָך ענטשלאָסען און האט געמאכט א פאָאר שריט פאָר־ווערטס, אָבער פלוצלינג איז זיא געבליבען שטעהן.

דאָרט ביי דער טהיר, האט זיך בעוועגט א שווארצע זאך און באלד האט זיך דערהערט א צאָרענדיגער בילען פון א הונד.

וויא פערשטיינערט איז זיא געבליבען שטעהן. זיא וואר אזוי ערשראָקען דאָס זיא האט ניט געוואוסט וואוהין צו געהן.

ביסלאכוויים איז זיא געקומען צו זיך. זיא האט איינגעזעהן דאָס זיא קען ווייטער ניט געהן און דארום האט זיא זיך גענומען שארען צוריק.

פלוצלינג איז פאר איהר ערשינען דיא פרוי סימפסאָן.

— וואוהין ווילט איהר געהן? — האט זיא געפרעגט אין א שטילען טאָן.

— ערגעץ ניט! — האט מרים געענטפערט.

— נון, איהר האט דאך געמוזט האבען א ציעל?

— יא, איך האב געוואָלט בעטראכטען דיא צימערען.

— דאָס איז גאַנץ איבעריג. ווען איהר וואָלט געגאַנגען א שריט ווייטער וואָלט אייך דער הונד צוריסען. נון יעצט געהט צוריק אין זאאל.

מרים האט זיך אומגעקעהרט, וועהרענד פרוי סימפסאָן איז אריין אין איין אנדער צימער.

אויף דעם וועג צוריק האט מרים בעגעגענד דעם הערר דניאל, וועלכער איז זיך לאַנגזאם געגאַנגען דורך דיא צימער'ן. אלס ער האט מרים'ן דערזעהן איז ער צו איהר צוגעגאַנגען און איז מיט איהר אריין אין א געוועהנליכען געשפרעך.

דיעזער מאַן האט זיא זעהר מערקווירדיג אינטערעסירט.

פון איין זייט האט זיא פאר איהם עטוואָס געציטערט, עס האט איהר גע־שיינט, אז זיא מוז זיך פון איהם היטען, פון צווייטען זייט האט זיין געזיכט אויף איהר געמאכט איין גוטען איינדרוק.

אימער און אימער איז איהר געקומען דער געדאַנק דאָס דיעזער מאַן קען זיין איהר רעטער אין נויטה.

דניאל האט איהר אָנגעבאָטען זיין ארם און זיא האָט איהם אָנגענומען, זא זיינען זיי געגאַנגען, און האָבען געפּלוידערט.

— האָט איהר שוין געזעהן וויא מען שפּיעלט?

— יא.

— וואָס דענקט איהר דערפון?

— אך, יעדער אמוזירט זיך וויא ער וויל. דאָס שפּיעל רעגט אויף.

— דערצו געווינט מען דאך!

— אָבער מען פערליערט אויך, הערר גראף.

— עס איז ריכטיג, אָבער אין דער באַנק שפּיעל ליעגט א בעזאָנדערע צו־ציהונג. הערט איהר וויא זיי שרייען. אך, מען וועט אויף דער דאמע הערץ, דאָס איז דעם באראָנ'ס שטימע.

מרים האט געלאכט.

— ווילט איהר ברענגען גליק דעם באראָן? ער וועט אייך דאַנקען.

— אָה, איך פערלאַנג קיין דאַנקבארקייט.

— דאך פיעללייכט.

מרים איז געבליעבען און האט אויף דניאל׳ן געווארפען א שטרענגען בליק.

— הערר גראף!

— אה איך בעהויפטע נאך מעהר!

— וואס וועל איך מוזען הערען?

— דאס איהר וועט מיר קענען דאנקבאר זיין.

— אייך הערר גראף?

— געוויס, גנעדיגעס פריילין.

— פאר וואס?

— אה, פאר אייער וואונש, וועלכען איהר ערווארטעט איך זאל איהם ערפילען.

מרים׳ס געזיכט איז געווארען ערנסט. איז דיעזער גראף א געדאנקען-לעזער, אדער איז ער אזא דורכגעטריבענער וועלט מענש, דאס ער האט שוין פון איהרע מינען געלעזען דאס זיא וויל זיך בעפרייען פון דיעזען הויז.

— יא, גנעדיגעס פריילין, — האט דער גראף ווייטער געזאגט — איך האף, אז איהר וועט מיך געבען דיא געלעגענהייט אייך צו בעווייזען דאס איך האב רעכט.

יעצט נאמיר געהן אין שפיעל-זאאל.

— שפיעלט איהר אויך?

— ווען איהר וועט מיר ערלויבען.

מרים האט זיך פערנייגט. אלסביידע זיינען אריינגעגאנגען איז דאס שפיעל געוועזען אין פאלען גאנג. א גאנצע צאהל פערזאנען האבען זיך אין דער שפיעל בעטהייליגט. הערען און אייניגע פון דיא מיידלעך, צווישען זיי מאלווינא, וועלכע האט גענומען פון איהר באראנ׳ס געלד און האט געשפיעלט און פערלארען.

— איך האב מיט אייך הייטע קיין גליק! — האט דער באראן אונצופריעדען געזאגט.

— בייט אום דיא קארטע.

— קלייבט איהר אויס.

— קעניג קרייץ.

— פון מיינטוועגען.

דער באראן האט געזעצט א סומע געלד און האט זיא פערלארען, ער האט דיא סומע פערדאפעלט און אויך פערלארען.

— זאל איך וועטען?

— פרובירט איהר נאך אמאל דאס גליק.

— וויפיעל, הערר באראָן?

דער באראָן האט געשמייכעלט. ער האט זאָגאר שוין פיעל פערלאָרען. אָבער ער האט ניט געוואָלט שפּיעלען דיא ראָלע פון א קארגען.

— איך וועל שמעלען טויזענד מארק!

דער באראָן האט זיך ערשראָקען. זאָפיעל האט ער גאָר ניט געהאט.

— וואו זאָל איך עס נעהמען?

— אָ׳ה, אייער עהרענוואָרט איז גוט וויא געלד. און ווענדענדיג זיך צום באנ־קיר האט זיא אין א הויכער שטימע געזאָגט—טויזענד מארק אויף דעם באראָנ׳ס עהרענוואָרט. אויף דעם קעניג קרייץ.

דיא איבעריגע הערען, אָבוואָהל זיי ווארען פערקאָכט אין שפּיעל זיינען זיי איבערראשט געוואָרען, ווען זיי האבען דערהערט דיא סומע. אזא סומע האט נאָך קיינער ניט געוואגט. אין דיעזען שפּיעל האבען זיך אלע בעטהייליגט. יעדער האט זיך געפיהלט פערפּפליכטעט ניט צו בלייבען וויית הינטער דעם באראָן.

אויף קעניג סרייץ האבען גזעצט נאך פינף הערען.

דער באנקיר האט דיא קארטען אָבגעצויגען. קעניג קרייץ איז געפאלען אויף זיין זייט. גאנץ געלאסען האט ער צו זיך צוגעשארט דאָס געלד, וועהרענד דעם באראָן האט ער צוגעשארט א בלאנקען וועקסעל.

— שטעלט איין צוויי טויזענד מארק,—האט א לייזע שטימע אריינגערעדט אין באראָנ׳ס אויער.

ער האט זיך אומגעווענדעט און האט הינטער זיך דערזעהן דיא שעהנע מיסס מארי.

— אך מיסס מארי, איהר ראטה מיר זווירקליך צו וועטען?

— אויף קעניג קרייץ?

— אויף איין אנדער קאָרט.

— זא זאָגט איהר וועלכען?

— נון, נעהמט דאמע פּיק.

— אויך מיט דיעזער קארטע איז מיר ניט געגאנגען. נון איך וועל אייך פאָלגען.

נאך דיעזע ווערטער האט ער אויסגעפילט דעם וועקסעל אויף דריי טויזענד מארק און האט אויסגערופען:

— דאמע פּיק, צוויי טויזענד מארק.

דער באנקיר וועלכער האט געמישט דיא קאָרטען איז געבליבען שטעהן.

— מיין הערר, איהר שפּיעלט זעהר הויך, עס איז גענען אונזער געוואָהנהייט.

— אָה, זאָל שוין זיין.

— ווילט איהר עס דורכאויס?

— גאַנץ געוויס.

— נון, ווער שטעלט אויף דאמע פיק?

דיא מייסטען העררען און דאמען האבען יעצט געשטעלט אויף דיעזער קאַר־טע, זאָ דאָס פאר דעם באַנקיר איז געשטאַנען א גרויסע סומע אין קאָן.

נאַטירליך וואָרען אויך יעצט דיא שאַנסען פאר איהם זעהר גרויס, ווייל אלע איבעריגע קאָרטען וואָרען ניט איינגעשטעלט.

געלאַסען האט דער אַלטער הערר אָבגעצויגען דיא קאַרטען. א טויטע שטיל־קייט האט געהערושט. אלע אויגען זיינען געלעגען אויף דיא קאַרטען. מאַנכעס מאָל איז געפאַלען א בליק אויף מיסס מארי, מען וואָלט וועלען וויסען אויב זיא וועט ברענגען גליק.

מרים איז געשטאַנען וויא צומישט. זיא האט נור אונגערן דעם באַראָן אויפ־געפאָדערט איינצושטעלען דיעזע סומע, אָבער דניאל האט עס איהר געהייסען טהאָן און מרים האט געפיהלט, אז זיא דאַרף איהם פאָלגען.

מיט איין אָטהעמלאָזער אונגעדולד האבען אלע ערוואַרטעט צו זעהן דיא ענדע פון דיעזער שפּיעל. עס זיינען נור וועניג קאַרטען געבליבען דעם באַנקיר אין האַנד.

יעצט האט ער נאָך אַמאָל אָבגעצויגען א קאַרטע. זיא האט געהערט צו דיא שפּיעלער און עס וואר דיא קאַרטע אויף וועלכער אלע האבען געוואַרט.

דער באַנקיר האט דיעזען מאָל פערלאָרען.

דעם באַראָן האט אפילו זאַך ניט געוואָלט ארויס וויזען זיין צופריעדענ־הייט, אָבער זיין לייכטען אָטהמען האט ער דאָך ניט געקענט אונטערדריקען.

ער האט הייטע מעהר געשטעלט אין קאָן אלס זיינע פערהעלטניסע האָבען עס איהם ערלויבט, און ער וואר העכסט צופריעדען וואס ער האט ניט נור דעם וועקסעל, נור אויך טויזענד מארק מעהר געקראָגען אויסגעצאָהלט.

דער באַראָן האט זיך פאר מרים'ן פערנייגט.

— איהר האט מיר געבראַכט גליק און איך האב לוסט צו וועטען נאָך אַמאָל.

— טהוט עס ניט.

— אך, וואָרום ניט?

— ווייל איך ברענג נור איין מאָל גליק.

— קומט דאָס גליק אזוי צוגעמאָסטען?

— יאָ.

מרים האט געמאכט א שריט צוריק דאן האט זיא זיך געווענדעט צו דניאל'ן.

— הערר גראף.

— מיסס מארי.

— איך ביטע אייער אָרם.

ווי א גאלאנטער הערר האט דניאל איהר אָנגעבאָטען דעם ארם און ביידע האבען פערלאָסען דעם זאאל.

דיא מענער האבען איהר נאכגעקוקט. יעדער פון זיי וואָלט מיט איהר אזוי גערן פערזוכט זיין גליק, אָבער זיא האט דעם באראָן אזוי בעשטימט אבגעזאגט דאָס קיינער האט ניט געהאט דעם מוטה פאָרצולעגען איהר זיין געלד.

— איהר האט א גליקליכע האנד, — האט צו איהר דניאל געזאגט אלס זיי האבען ביידע דעם צימער פערלאָסען, איהר האט בעדארפט שפיעלען אויפ'ן אייגענעם רעכנונג.

— איך אליין געוויס ניט.

— ווער עס ווייסט געווינט. אָבער שפיעלט איהר שאך?

— אָה, יאָ.

— דאַרף איך בעטען מיט מיר איין פארטיי צו שפיעלען.

— מיט פערגניגען.

ביידע האבען זיך בעגעבען אין א קליינעם צימער, וואו עס וואר צום שפיעלען שאך.

נאכדעם וויא דניאל האט דיא פיגורען אויסגעשטעלט האט ער געפרעגט.

— אויף וואס געהט עס?

— בעשטימט איהר דעם פרייז.

— אויף אייער פרייהייט.

מרים האט איהם אָנגעקוקט. וואָס בעדייטען דיעזע ווערטער?

— הערר גראף איך פערשטעה אייך ניט.

— האט צו מיר צוטרויען. מיסס מארי, איהר זייט א פריילין מיט פערשטאנד, איהר האט שוין געוויס געפאסט איבער מיר איין אורטהייל.

— איך גיב צו, אז איך האָב עס פרובירט.

— נון, נאָמיר ריידען אָפען, איהר ווילט ארויס פון דיעזען הויז?

— ווער זאָגט עס!

— שטיל, איך ווייס מעהר וויא איהר דענקט. איין קליינינקייט בעפרייט אייך דיא באראָנין איז אין מיין האנד, איך קען זיא לייכט נאררען אָה, איהר קענט נאך ניט דעם לעבען אין בערלין. עס איז ניט מינכען.

— מינכען? — האט מרים געפרעגט איבערראשט.

— וואונדערט דאָס אייך?

— געוויס.

— נון, דאן ארונטער מיט דער מאסקע, פערלאָזט זיך אויף מיר.

— יאַ, איך געטרוי אייך.

— דאס מאכט מיר עהרע און וועט אייך גליקליך מאכען. פרוי סימפּא זעהט איהר, איך ווייס ווער זיא איז, זיא האט מיך געהאלטען פאר איהר פריינד דאס בין איך אויך געוועזען ביז איך האב ערקענט איהר כאראקטער. דער צופאל האט מיך מיט איהר און מיט אייער שפור צוזאמענגעפיהרט.

— מיט מיין שפור?

— אָה, יאַ גרעפין, איך מיין פרייליין מעהרען.

מרים'ס ערשטוינען איז געוואקסען. ער קען איהר נאָמען. וואר ער ווירקליך דער עהרענמאן פאר וועלכען ער האט זיך אויסגעגעבען?

— איהר קענט מיך? — האט זיא געפרעגט — האט איהר אויך געקענט דע גראף?

— אויב איך האב איהם געקענט? — האט ער געזאָגט מיט א ווינענדער שטימע — אָה, מרים, דער גראף וואר מיין בעסטער פריינד....

דיא טהיר איז יעצט געעפענט געוואָרען און איינינע העררען און דאמען זיינע אריין, צווישען זיי האט זיך געפונען דער באראָן און מאלווינא.

— אָה, איהר שפיעלט שאך, איך ווינש אייך פיעל גליק. עס איז א לאנג־ווייליגע שפיעל.

מיט אזעלכע בעמערקונגען איז דיא געזעלשאפט ווייטער פאראיבער.

מרים האט א קוק געטהאן אויפ'ן באראָן. ער וואר בלייך, וואהרשיינליך האט ער ווידער געשפיעלט און פערלאָרען.

— נאָמיר שפיעלען דעם שאך, — האט דניאל געזאָגט — מיר קענען דערביי ריידען. אָבער פאָרזיכטיג, ווען מיין פלאן געלינגט זאָ זייט איהר נאך היינטע פריי פון אייער געפאנגנשאפט.

— פון וואָנען ווייסט איהר, אַז איך בין געפאנגען?

— ווייל פרייוויליג וועט איהר דא ניט זיין.

— דאס איז וואהר. איך זעה אָבער ניט איין וויא איהר קענט מיך בעפרייען.

— לאָזט דאָס איבער פאַר מיר.

— ווייסט איהר שוין לאַנג, אז איך בין דאָ?

— בעשטימט ווייס איך עס פון דעם אויגענבליק, וואָס איך האב אייך דאָ געזעהן, אָבער געאהנט האב איך עס זייט דריי וואָכען. ארמעס קינד, וויא האט איהר דאָ געמוזט ליידען. אָבער גענוג יעצט דערפון. געהט צוריק אין זאאל, און מאכט אייך גאַנץ רוהיג וויא בעפאר.

מרים איז אוועק אין זאאל און דניאל האט זיך צוריק אָנגעלעהנט אויף זיין שטוהל און האט זיך געריבען דיא הענד.

דאס וואר א זיעג! איך וועל מרים'ן נאך הייטע אָבפיהרען. אה, מען וועט זיא דאָרט נאך בעסער היטען אלס דאָ,—האט ער געזאָגט מיט פריידע.

— זענקט איהר דאָס?

— דיעזע פראַגע האט געקלונגען פון א זייטען-טהיר, וועלכע האט זיך יעצט געעפענט און פרוי סימפסאָן איז ערשינען.

— מיינט איהר עס ווירקליך? אך מען קלינגט. מיינע געסטע קומען.

מיט דיעזע ווערטער איז פרוי סימפסאָן ארויסגעלאָפען און האט געעפענט דיא טהיר.

צוויי העררען זיינען געשטאנען אין דרויסען.

זיי האבען זיך פאר איהר טיעף פערנייגט, און איינער, דער דעטעקטיוו זענדינג האט אין געבראָכענעם דייטש געזאָגט:

— קען איך שפרעכען מיט דער באראָנין פאָן אלטען היער איז מיין קארטע.

— קומט אריין.

דער דעטעקטיוו און דער פאָליציי-קאָמיסאר ווינטער זיינען אריין. נאכדעם וויא זיי האבען זייערע פעלצען אראפגענומען האט דיא באראָנין זיא גוט בעטראכט.

זיי האבען געמאכט דעם איינדרוק פון פאָלשטענדיגע דזשענטעללייט.

יעצט האט העררר ווינטער גענומען ריידען.

— אונזער פריינד, וועלכער האט זיך ניט לאַנג אומגעקעהרט נאך רוסלאנד, האט אונז אהער רעקאָמענדירט.

— אָה, איך ערא‎ינער מיך, א רוססישער קאוואליער האט מיך אָפט בעזוכט, וויא האט מען איהם גערופען.

— איך ביטע אום ענטשולדיגונג, איך דארף זיין נאמען ניט ערינערען. ער וואר א רעוואלוציאָנער.

— אָה, יא, דאס וואר ער.

— אלזאָ ערלויבען זיי, מיר זאָלען זיך פאָרשטעלען, — האט חברד ווינטער געזאָגט — מיין נאָמען איז גראף פאָן איכטען, מיין פריינד איז פירסט פּאָניאטאָווסקי.

— אָה, א פּאָליאק.

דער פירסט האט זיך פערניינט. ער האט געטראָגען א שווארצען אנצוג, און א ווייסען באָרד.

פרוי סימפסאָן וואר יעצט גאנץ רוהיג.

— און אייער פריינד האט אייך געגעבען מיין אדרעסע?

— יא, און מיר זיינען איהם דערפאר דאנקבאר.

נאך דיעזען קורצען געשפרעך האט זיא געעפענט א טהיר און האט דיא געסטע געלאדען אין זאאל.

נאכדעם וויא פרוי סימפסאָן האט זיי פאָרגעשטעלט פאר דיא איבעריגע געסט, האט זיך פירסט פּאָניאטאָווסקי צו איהר געווענדעט, און איז מיט איהר אריין אין א געשפרעך איבער פערשיעדענע זאכען און אויך איבער פּאָלען. ער האט דעם געשפרעך געפיהרט אזוי וויט דאס פרוי סימפסאָן האט איינגעווילינט צו זינגען דיא בעקאנטע פוילישע נאציאָנאל ליעד, „יעסטשאָ פּאָלסקא ניע סגיניעלאָ“.

נאך איז פוילען ניט פערלאָרען,
העלדען קינדער אין דיא שפּאָרען,
לאָב און כבוד צו בעזיצען
ועלען אונזערע פיינדע שטירצען.

זיי עס עסטרייך, זיי עס פרייסען
זיי עס דער צאר פון אלע רייסען;
„ניעדער מיט דעם בייזען פיינד“,
שליסט אונז אימער האנד אין האנד.

נעהמט דיא ביקס, נעהמט דעם שווערד
פוילען׳ס בלוט פארבט רויטה דיא ערד
קעמפפט העלדען אין דיא שפּאָרען
נאך איז פוילען ניט פערלאָרען!

פרוי סימפסאָן האט דאס ליעד געזונגען אין פויליש.

דער פוילישער פירסט האט איהר געדאנקט און די באראָנין האט פאר איהם פאַרגעשטעלט איהרע מיידלאך.

ווי מרים איז פאר זיי פאַרגעפיהרט געוואָרען זיינען זיי איבערראשט געוואָרען. דער דעטעקטיוו און דער בעאמטער האבען זיא ערקענט.

עס איז זיי ניט שווער געווען צו געפינען א געלעגענהייט ווי מיט דיעזער מיסס מאריע אריינצוגעהן אין א געשפרעך און אָבצוטרעטען אי א ווינקעל פון זאאל.

פרוי סימפסאָן האט עס בעמערקט. זיא האט זיך געווענדעט צו דניאל'ן און האט געזאגט:

— איך האפע, אז דיעזעס מעדכען וועט אונז ברענגען שווערעס געלד. דיעזער פוילישער פירסט איז אין איהר שוין פערליעבט. זיא ווערט מיט איהם בעפריינדעט. זעהט ווי זיי שפרעכען דאָרט.

ענדליך איז באראָן פאן איכטען ארויס פון דער קאָמפּאניע. מיט א שנעלער בעוועגונג האט ער פון זיך אראָבגענומען זיין פאלשע באָרד, האט ארויסגענומען זיין פאָליציי־מעדאל, און מיט א לויטער שטימע, האט ער אויסגערופען:

— פרוי סימפסאן אין נאמען פון געזעץ ערקלעהר איך אייך פערהאפטעט.

פון אלע זייטען האט מען אָנגעפאנגען צו שרייען, אָבער אין דעם גערויש האט זיך געהערט ווינטערס שטימע:

— קיינער זאָל ניט וואגען צו אנטלויפען, דאָס גאנצע הויז איז בעזעצט מיט פאָליציי.

אין דיעזען אויגענבליק האט זיך פלוצלינג פערלאשען דאס ליכט און דער גאנצער זאאל איז געוואָרען פינסטער.

16טעס קאפּיטעל.

פעדאָראַ און גאַבריעלאַ.

דער גראף פאָן פינקענשטיין איז מיט יעדען טאָג געווארען בעסער. אבוואהל ער האט דיא בעט ניט געקענט פערלאזען, ווייל ער וואר דורך דיא בלוט פערלוסט זעהר שוואך, דאך דיא וואונד האט זיך שנעל געהיילט, דען פעדארא האט איהם זעהר גוט בעהאנדעלט.

אלס פעדארא איז אין א געוויסען טאג געקומען צו איהם אום צו געבען איהם טהעע, האט ער איהר געפרעגט אויב זיא קען פאר איהם געהן אין שלאס, אום דער גרעפין פינקענשטיין איבערצוגעבען א בריעף, וועלכען ער וועט אויפשרייבען.

פעדאָרא האָט זיך ערקלעהרט בערייט. זיא האט געבראכט שרייב־געצייג און האט פאר איהם געמאכט פלאץ אויפ'ן בעט צו שרייבען. ניט ווילענדיג האט זיא דערביי אנגעריהרט זיין האנד, און זיא האט דערביי געפיהלט גלייך וויא איין עלעק־טרישער שטראם איז איהר האַרץ דורכגעלאָפען.

דער גראף האט זיא א לאנגע צייט אָנגעקוקט.

— נון, פעדאָרא, איהר זייט ווירקליך א גוטער מלאך, — האט ער צו איהר געזאָגט — איהר האט מיך, וועלכער האט אייך אמאָל פערוואונדעט, אזוי טריי בע־האנדעלט. מיט וואס קען איך אייך דאנקען?

ביי דיעזע ווערטער האט ער זיא גענומען ביי'ן האנד און האט זיא געהאלטען פעסט. פעדאָרא האט געשוויגען, אָבער זיא איז רויטה געוואָרען.

— נון, וואס פאר א פרעזענט ווינשט איהר פאר זיך?

פעדאָרא האט נאך אלץ געשוויעגען, זיא האט ניט געוואוסט, וואָס זיא זאָל זיך אין דיעזען אויגענבליק ווינשען, דען עס וואר איהר יעצט זעהר גוט אויפ'ן הארצען.

— נון, איהר מוזט דאך עטוואָס ווינשען, א זאך וואס קען אייך ווייזען מיין דאנקבארקייט.

— אך, העדר גראף, איך האב ווירקליך קיין וואונש, מיר איז עס ווירקליך אזוי גוט ביי דער גרעפין פאָן מעהרען און איך בין שוין גליקליך דערמיט וואס איך בין דיא פערזאָן, וואָס האט אייך געקענט העלפען.

פעדאָרא האט דיעזע ווערטער אזוי אמת און אזוי הערצליך געשפראָכען, דאס זיא האט גאָר ניט געדענקט, אז דערמיט פערראטה זיא איהרע געדאנקען. זיא האט אויפגעהויבען דיא אויגען און האט אנגעקוקט דעם גראף. עס האט אויף איהם מערקווירדיג געווירקט. פעדאָרא איז פאר איהם פאָרגעקומען וויא א ליליע, אזוי שעהן, אזוי ריין, ער האָט אין דיעזען מאָמענט געפיהלט וויא בעצויבערענד דיעזע מיידעל איז. אין איהרע אויגען וואר קיין פאלשקייט, קיין קאָקעטעריי.

דיעזעס מעדכען האט ניט בערוישט דיא געדאנקען וויא אדעלינא, פאר וועל־כען ער האט זיך דועלירט. נור דיא אונשולד און דיא שעהנקייט פון איהר געזיכט האבען איהם גענומען געפאנגען לאנגזאם אָבער זיכער.

גראף פינקענשטיין האט עס יעצט געפיהלט. ער האט אָנגענומען איהרע הענד און האט זיא צוגעטראָגען צו זיינע ליפען.

זיא האט געוואָלט אויסרייסען דיא האנד און האט צו דערזעלבער צייט אָנ־

געקוקט דעם גראף מיט ערשטוינען; אָבער נור א סעקונדע, דאן האָט זיא איהם אָנגעקוקט מיט איין אונבעשרייבליכען פערגניגען.

אין דיעזען אויגענבליק איז אריין דער אלטער וואלטהער. דער געוועהנליכער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף זיין געזיכט, אלס ער האט דערזעהן פעדאָרא׳ן מיט דעם גראף אין א פריינדליכען צושטאנד.

דער גראף האט איהם דערזעהן און האט האסטיג ארויסגעלאָזען פעדאָרא׳ס האנד. דאן האט ער זיך איבערגעבויגען איבער דעם פאפיר אום עטוואס צו שרייבען.

דער אלטער וואלטהער האט זיי בעגריסט און האט דאן געהייסען פעדאָרא׳ן זיא זאָל געהן בעזאָרגען איינינע זאכען. פעדאָרא האט דאן געזאָגט איהר אָנקעל, אז זיא מוז געהן אין שלאָס.

פעדאָרא האט זיך ראש אָנגעטהאן און איז באלד ערשינען נאך דעם בריעף.

דער גראף האט איהר דעם בריעף איבערגעגעבען מיט דעם אויפטראג זיא זאל דעם בריעף אבגעבען דער גרעפין אין האנד.

פעדארא איז אוועק.

אלס זיא איז ערשינען אין וואלד איז איהר געווען אזוי גוט אויפ׳ן הארצען דאָס זיא האט געוואלט טאנצען פון פריידע.

זיא האט גענומען דעם בריעף און האט איהם געקוסט.

— ער איז זאגאר ניט צו מיר געשריבען, אָבער זיין האנד האט איהם בע־ריהרט, — האט זיא צו זיך אליין געזאָגט — אך וויא גליקליך בין איך, ער האט גע־קוסט מיין האנד און איך האב אריינגעקוקט טיעף אין זיינע אויגען.

מיט דאנקבארקייט האט זיא אויפגעהויבען דיא הענד צום הימעל און האט מיט דער מינע פון א געבעט געזאגט:

— דוא גרויסער גאט! וואס פאר א גרויסען גליק האסט דוא מיך הייטע געמאכט פיהלען, וואס פאר א זעליגקייט ליעגט יעצט אין מיין הערצען. מיר שיינט, אז דיא זאָנע שיינט הייטע ליכטיגער, יעצט שיינט דער וואלד פיעל שעהנער.

אלס זיא איז אָנגעקומען אין שלאָס האט זיא בעגעגענד דיא פרוי עליזא, דער גרעפינס קאמער־פרוי. דיא קאמער־פרוי האט זיא אָנגעקוקט מיט אינטערעסע, דען זיא האט פעדארא׳ן ווענינ געקענט.

— נון, ליעבעס קינד, גיט מיר דעם בריעף, איך וועל איהם זאפארט געבען דער גרעפין, ווען זיא וועט ארויס פון איהר צימער. איהר גטהט דערווייל אין קיך, דען דיא הויזהעלטערין קען אייך גוט און וועט זיך געוויס פרעהען ווען זיא וועט אייך זעהן. געהט עס אייך גוט אויף אייער שטעלע?

— עס געהט מיר זעהר גוט. מיין ווירטהין איז איין ענגעל; ווענען דעם בריף זאָל איך זאָגען, דאָס איך מוז איהם פערזענליך אָבגעבען דער גרעפין.

— פון וואנען קומט דער בריעף?

— פון גנעדיגען העררן.

— פון גראף פינקענשטיין?

— יא.

— דאָרט קומט דיא גרעפין. וואַרט איין אויגענבליק דאן קומט אריין אין דיעזען צימער.

דיא גרעפין וואר געסליידעט אין שווארצען, איהר מינע וואר פאָל מיט זאָרג. זיא האט נאָך ניט געוואוסט פון דועל, דען דער סעקונדאנט וואס האט איהר דער־פון בעדאַרפט בעריכטען האט זיין פפליכט נאָך ניט ערפילט.

לאַנגזאם, מיט שווערע טריט, וויא נאָך א שווערער קראנקהייט איז דיא גרע־פין געגאַנגען דעם וועג. דיא קאמער־פרוי איז איהר געקומען ענטגעגען און האט צו איהר געזאָגט:

— עס איז געקומען א מעדכען, מיט א בריעף פון גנעדיגע גראף. זיא וויל דעם בריעף נור דער גנעדיגער גרעפין אין האנד געבען.

— וואו איז דאָס מעדכען? — האט דיא גרעפין האסטיג געפרעגט.

— אין פאָרצימער.

דיא גרעפין האט געוואָלט עפענען דיא טהיר פון פאָרצימער, אלס עליזא האט איהר ארייננערעדט אין אויער:

— עס איז פעדאָרא, דיא טאָכטער פון דער אלטער אורזולא.

דיא גרעפין איז געבליבען שטעהן וויא געליימט.

— זאָל עס דער גראף וויסען?...... האט זיך ניט ווילענדיג ארויסגערעדט פון איהרע ליפען. אָבער זיא האט זיך מיט גוואלד בעהעררישט. גרעפין גאברילא האט געוואָלט ערפאהרען אום וואָס דא האנדעלט זיך, איידער צו לעבען אין צווייפעל.

ראש האט זיא געעפענט דיא טהיר און באלד איז פעדאָרא געשטאַנען פאר איהרע אויגען.

פעדאָרא האט זיך ערשראָקען פון דעם בליק וואָס דיא גרעפין האט אויף איהר געריכטעט.

דער גרעפינ׳ס געזיכט האט אויסגעזעהן וויא קאַלטער ווייסער מארמאָר און איהרע אויגען האבען דורכגעקוקט דאס מעדכען.

פעדאָרא האט מערקווירדיג שלעכט געפיהלט פון דיעזע בליקען.

— גיט מיר דעם בריעף! — האט דיא גרעפין געזאגט מיט א הערשענדען טאָן.

פעדאָרא האט איהר איבערגעגעבען דעם בריעף.

דיא גרעפין איז בלייך געוואָרען אלס זיא האט דעם בריעף געלעזען, דאן האט זיא רייכטער אָבגעאטהעמט. א לאנגער בליק איז יעצט געפאלען אויף פעדאָראן. וואס לענגער זיא האט געקוקט אלס מעהר האט זיא זיך ערשראָקען, דען זיא האט זיך ניט פאָרגעשטעלט, דאס פעדאָרא איז צו איהר אזוי עהנליך. זיא האט יעצט געדאכט א פון בילד, וועלכען זיא האט צו איהר 16טען יאָהר געלאָזט מאכען. דיעזעס בילד איז געווען עכט וויא פעדאָרא זעהט יעצט אויס.

— וואָס פאר איין צופאל האָט דעם גראף געטראָפען? — האט זיא געפרעגט.

— אָה, דער הערר גראף איז שוין פיעל בעסער.

— איך פרעג וואָס פאר א סיבה האט איהם געטראָפען, — האט דיא גרעפין נאך אמאל געפרעגט.

פעדאָרא האט געשוויגען, ווייל דער גראף האט איהר אזוי געהייסען.

— וואָרום ענטפערט איהר מיר ניט?

— גנעדיגע פרוי גרעפין. דער גראף האט מיך אהער געשיקט אום דיעזען בריעף אבצוגעבען און דער פרוי גרעפין צו פערזיכערען, דאס דער גראף בעפינדעט זיך פיעל בעסער. ערלויבען זיי מיר יעצט צו געהן?

— גוט, דאן זאָגט דעם גראף דאס איך וועל נאך הייטע אבענד קומען איהם בעזוכען. נאך איינס, דער האָף „קלעאָפּאטרא“ איז דאָך דער זעלבער ארט וואס האט פריהער געהייסען ווירדזשיניא, ניט וואהר? — האט דיא גרעפין געפרעגט.

— יא, עס איז דערזעלבע.

— יעצט קענט איהר געהן.

פעדאָרא האט געוואָרפען נאך א בליק אויף דער גרעפין, וועלכע האט זיך יעצט בעגעבען צום פענסטער און האט זיך געמאכט גלייך וויא זיא זעהט זיא ניט מעהר. פעדאָרא האט דערפון געליטען.

דיא ערסטע גליקליכע געפיהלען, זיינען יעצט פערשוואונדען און ביטערקייט איז אָנגעפילט געוואָרען אין איהר הארצען. עס איז איהר יעצט קלאָהר געוואָרען וויא ווייט זיא שטעהט פון איהר געליעבטען. זיא איז דאָך ניט מעהר וויא דיא טאָכטער פון דער שוועמלעך קלייבערין, וועלכע לעבט אויף דער גרעפינס גנאדען.

— אך, ווען איך זאָל נור אזוי פיעל פערדיענען, דאס מיין מוטער זאָל ניט נויטהיג האָבען צו לעבען אן דיא נדבות פון אנדערע, — האט פעדאָרא צו זיך געזאָגט:

פעדאָרא האָט זיך יעצט עראינערט אויף איהר מוטער און זיא האט בעשלאָסען, זיא זאָל זיא בעזוכען. שנעל איז זיא געגאנגען פאָרווערטס. זיא האט אבער געפונען איהר מוטערס הויז פערשלאָסען.

לייכט האט זיא איבערגעקלעטערט דעם צאם פון גארטען, און פון דאָרט איז זיא געקומען צו א טהירעל, וועלכע וואר פון אינווענינ פערשפארט מיט א שוואכען רינעל. פעדאָרא האט דיעזע טהיר מיט איין קוועטש געעפענט און איז אריין אין הויז.

דיעזע הויז מיט דיא שווארצע ווענד האט יעצט אויסגעזעהן פיעל ארמער וויא געוועהנליך, ווייל עס איז ניט געפוצט און גערייניגט געוואָרען זייט זיא האט עס פערלאסען.

פעדאָרא האט זיך ארומגעקוקט אין הויז. איהרע אויגען זיינען געבליבען אויף א בילד, וואָס האט זיא פאָרגעשטעלט פאר דער הייליגער סיציעליא דורך דעם בליק אויף דיעזען בילד האט זיא געקראָגען נייע געדאנקען. צוריק מיט איינינע יאָהר האט זיא אין וואלד אנגעטראָפען א יונגען מאן, וועלכער האט געצייכענט דיא לאנדשאפט. זיא איז אין דעם פעראינטערעסירט געוואָרען און זיא האט זיך אריינגעלאָזען אין א געשפרעך מיט דיעזען מאן. דער יונגער מאן האט זיך מיט איהר אונטערהאלטען און האט זיא בעגלייט צו איהר הויז. איהר שעהנהייט האט דעם יונגען מאן אזוי פעראינטערעסירט דאס ער האט ענדליך געמאכט א בילד פון דיעזער שעהנער פרויענצימער.

עדמונד פאָגעל, אזוי האט געהייסען דער מאלער, האט באלד געפונען א טיעפע נייגונג פאר פעדאָרא'ן. ער האָט זיא איניג געליעבט. ער האט בעשלאָסען אנצו־ווענדען אלע זיינע קרעפטען צו ווערען א גרויסער קינסטלער אום נאכדעם צו בעטען פעדאָרא'ס האנד. ער האט אָבער געהאלטען פאר איין אונרעכט צו זאָגען צו איהר איין וואָרט פון זיין ליעבע, איידער ער איז פאָלשטענדיג ענטוויקעלט.

אלס ער האט זיך פון איהר געזעגענד, האט ער איהר פערשפראָכען נעכסטען יאָהר ווען ער וועט קומען פון דער שוהלע ווידער זיא צו בעזוכען. ער האט איהר צום אנדענקען געשאנקען א רינג אויף וועלכען עס וואַרען דיא ווערטער „גאָט מיט דיר“.

— דער גוטער עדמונד! — האט זיא יעצט געזאָגט — ווען ער זאָל נור ווידער קומען. איהם וואָלט איך געקענט אלעס פערטרויען, איהם וואָלט איך געקענט ער־

צעהלען מיין ליעבע צום גראף. ווארום קומט ער אבער ניט, אך ער האט מיך געוויס פערגעסען און איך האב איהם דאך ליעב וויא א ברודער.

נאך דיעזע ווערטער איז זיא אויפגעשטאנען, האט אנגעשריבען אייניגע ווער־טער אויף א צעטעלע, וועלכען זיא האט געלאזט ליעגען אויפ'ן טיש און האט זיך וויעדער ענטפערענט דורך דער גארטענטהיר.

וועהרענד פעדארא האט דער גרעפין איבערגעגעבען דעם בריעף איז דיא אלטע אורזולא ערשיענען אין האף קלעאפאטרא, אום איהר טאכטער און איהר ברודער צו בעזוכען. צו איהר גרויסען פערדרוס האט זיא ערפאהרען דאס גראף פינקענשטיין געפינט זיך קראנק אין דעם שלאס. זיא איז געווארען בייז און האט איהר ברודער געפרעגט:

— האט ער געוואנט צו נעהערען זיך צו דאס מערכען און צו זאגען איהר פריינדליכע ווערטער?

— ער איז דאך שווער פערוואונדעט.

— פעדארא האט איהם ביז יעצט בעהאנדעלט? זיא ואר אפט מיט איהם אליין?

— דאס מערכען איז דאך נאך אונשולדיג, זיא האט נאך גאר קיין אהנונג פון אזעלכע געפיהלען. יעדענפאלס האט דער גראף מיט איהר זעהר וועניג געשפראָ־כען, ער איז דיא גאנצע צייט געלעגען אין פיבער, ערסט הייטע פריה......

— וואס ואר הייטע פריה? — האט אורזולא געפרעגט מיט בליצענדע אויגען.

דער אלטער וואלטהער האט געשאקעלט דעם קאפ און האט געענטפערט.

— אך, עס ואר ניכטס. ער האט נור געקוסט איהר האנד, וואהרשיינליך פון דאנקבארקייט.

— ער האט געקוסט איהר האנד? דער גראף?

— נו, וואס איז דען דארין?

— וואס דא איז, פערגעסט דוא? מיט דער מיללערראזעלע האט עס זיך אויך אזוי אנגעפאנגען; דוא ווייסט אבער וויא אזוי זיא אין מיט דעם רייכען מאן דורכגעקומען און איז געקומען עלענד און ניעדעריג, זא דאס זיא האט זיך געווארפען אין טייך. דוא האסט געזעהן וויא דער רייכער הערר האט געקוסט איהר האנד נאכדעם וויא זיי האבען געטאנצט. עס איז דאס בעסטע איך זאל פעראראָ'ן אב־פיהרען נאך מינכען, אדער אויסבורג און דארט זיא אוועקשטעלען אין דינסט. איך דענק עס הייטע שוין צו טהאן.

— זיי ראַך פערנינפטיג, שוועסטער! פעדאָרא'ן איז דא גאַנץ גוט און דער גראַף וועט אין אייניגע טעג פון דאַנען אוועק. פעדאָרא איז יעצט ביי דער גרעפין אום אָבצוגעבען איהר א בריעף.

— זיא איז ביי דער גרעפין פאָן פינקענשטיין? — האט דיא אלטע געפרעגט מיט א נייען שרעק.

— וואס איז דען אייגענטליך מיט דיר הייטע שוועסטער?

— אך גאָט, אך גאָט, מיר שרעקט דאס הארץ. איך האב דיעזע נאכט גע־האט א שלעכטען חלום. מיר האט זיך געחלומ'ט, אז דיא גרעפין גאברילא האט מיך ארויסגעטריבען פון מיין הויז.

— נאררישער אבערגלויבען! וואס האט מיר שוין ניט געטרוימט.

— אה, איך גלויב אין טרוים. אָבער עס איז שוין שפעט, איך מוז געהן וואלטהער, זאָג מיר וועניגסטענס דאָס דוא וועסט האבען איין אויג און וועסט פע־דאָרא'ן ווארנען, ווען עס זאל זיין נויטהיג.

מיט דיעזע ווערטער איז אורזולא אוועק.

נאך א קורצער ווייל איז פעדאָרא געקומען. אלס זיא איז אריין אין גראַף'ס צימער האט זיך איהר בוזים געהויבען און פון איהרע אויגען האט געשטראהלט א וועלט מיט ליעבע. דער גראַף האט זיך עטוואָס אויפגעריכטעט און האט געפרעגט:

— איהר האט זיך לאַנג געזאמט, פעדאָרא. נו, וויא האט אייך דיא גרעפין אויפגענומען?

— דיא גרעפין האט זיך אָנפאנגס ערשראָקען, דאַן האט זיא מיך געפרעגט וואָס אייך האט געטראָפען.

— און וואס האט איהר געענטפערט?

— איך האב געשוויגען.

— וואָס האט זיא מיר געשיקט זאָגען?

— דיא פרוי גרעפין וועט הייטע אבענד דא זיין.

— ערסט הייטע אבענד? און דיא צייט געהט אזוי לאַנגזאם.

— זאָל איך אייך עטוואס פאָרלעזען?

דער גראַף האט געלאַכט.

— און וואָס וועט איהר מיר פאָרלעזען?

פעדאָרא איז געוואָרען פערלעגען, זיא האט אליין ניט געוואוסט, וואס זיא זאָל לעזען. זיא האט געדאכט וועגען דער דראמא קלעאָפאטרא.

גראַף אָטטאָ האט זיא אָנגעקוקט מיט ערשטוינען, דאַן האט ער געזאָגט:

— יא, דיעזע דיכטונג וואָלט איך פון אייך זעהר גערן געהערט. זיא נעפעלט מיר.

פעדאָרא האט זיך געזעצט ביי׳ן פענסטער און האט אָנגעפאַנגען צו לעזען.

דער גראף האט זיא געמוזט בעטראַכטען. זיא האט געלעזען מיט א מעלאַ־דישער שטימע, און האט יעדען וואָרט ריכטיג בעטאנט, און וועהרענד זיא האט געלעזען האט זיך אלעס אָבגעשפּיעגעלט אויף איהר געזיכט.

גראף פינקענשטיין האט זיא בעוואונדערט.

עס איז ביסלעכוויים געוואָרען דונקעל אלס פון דרויסען האט מען שטארק געקלונגען.

דער גראף און פעדאָרא האָבען עס אבער געהערט. דער אלטער וואלטהער האט געעפענט דיא טהיר און האט אריינגעפיהרט דיא גרעפין, אין דעם גראף׳ס צימער.

אָהנע אָנצוקלאַפּען איז דיא גרעפין אריין אין צימער, אבער זיא איז באַלד צוריקגעשפּרונגען, אלס זיא האט דערזעהן וויא דער גראף ליעגט אין בעט און פעדאָרא לעזט איהם פאָר.

17טעס קאַפּיטעל

דאָס בילד פון דאָפּעלגענגער.

אייניגע סעקונדען לאנג איז אלעס געווען שטיל אין דעם זאאל פון פרוי סימפּסאָן, באַלד אבער האבען זיך דערהערט שטימען און שווערע טריט.

דער דעטעקטיוו זענדינג, האָט אָנגענומען מרים׳ס האנד אזוי שנעל וויא עס איז געוואָרען פינסטער און האט צו איהר געזאָגט אין דער שטיל

— קומט, פרייליין מעהרען. וואָס פריהער איהר וועט ארויס פון דיעזען הויז אַלץ בעסער איז עס פאר אייך.

זענדינג האט זיך שוין פריהער געלאָזט ערקענען פון מרים׳ן ווער ער איז און דארום האט זיא זיך אויף איהם געקענט פערטרויען.

זיא וואר גליקליך צו קענען פערלאסען דיעזעס הויז. איהר האפנונג האט זיך דאָך ענדליך פערווירקליכט.

זענדינג האט זאָגאר געהאט מיט וואָס צו מאכען פייער, אָבער ער האט עס ניט געוואָלט. פאר איהם וואר בעסער ער זאָל ארויספיהרען דאָס מעדכען אין דער פינסטער פון דיעזען הויז.

אלס דעטעקטיוו וואר ער פעהיג צו געפינען איין אויסגאַנג זאָגאר אין דער פינסטער. בעזאָנדער׳ס ווען ער האט זיך גוט אריינגענומען אין זינען יעדען וועג פון

דעם הויז. ער איז דארום אהן שטערונג געקומען צום טהיר, האט א פייף געטהאן און איינינע פאָליציסטען זיינען צו איהם צוגעלאָפען.

נאכדעם וויא דער דעטעקטיוו האט אָבגעפערטיגט דיא פאָליסליטע, האָט ער מרים׳ן ארויסגעפיהרט אין דער שטראָסע.

— זאָ, האט ער געזאָגט, יעצט איז אלעס געשעהן. פרוי סימפּסאָן וועט זיך וואונדער׳ן, ווען דיא פאָליציי וועט פון אלע זייטען ערשיינען. אָבער איהר מוזט פריהרען פריילין, אייער קלייד איז זעהר לייכט.

מרים האט ווירקליך געטרייסעלט פון קעלט. אויך דער דעטעקטיוו האט גע־פראָרען, דען ער האט זיין אָבערמאַנטעל און זיין הוט געלאָזען אין הויז, ער אליין איז ארויס אין זיין שווארצען אנצוג.

אומקעהרען זיך נאך זיין מאנטעל און הוט האט זענדיג געהאלטען פאר ניט פּראַקטיש. עס וואר אויך שפּעט צו קענען עטוואָס קויפען אין גאס.

— מיין פריילין! — האט ער געזאָגט — עס איז פאר אייך אונמעגליך אזוי צו געהן. איך מאך אייך דעם פאָרשלאַג צו פאָהרען מיט מיר דירעקט צום האָטעל.

— פון וועלכען האָטעל רעדט איהר?

— האָטעל וואשינגטאָן, דאָרט שטעהט א דראָשקע, עס איז ווירקליך קאלט.

זענדיג האט צוגערופען דיא דראָשקע, האט געגעבען דיא אדרעסע צום האטעל וואשינגטאָן און האט דעם קוטשער געהייסען פאָהרען אזוי שנעל וויא מעגליך.

איינינע מינוטען זיינען ביידע געזעסען שטיל. מרים האט זיך ערסט בעדארפט ארומזעהן אין וואָס פאר א לאגע זיא געפינט זיך. זיא האט זיך ערסט בעדארפט געוואהנען מיט דעם געדאנק, אז זיא איז פריי.

אין הארצען האט ביי איהר געהערשט דיא פראגע, וואָס וועט שפּעטער זיין? זיא האט געוואוסט, אז אין קאָנפעקטען געשעפט, ביי סמיטה האט זיא שוין איהר שטעלע פערלאָרען, אָבער דאך האט זיא זיך געפיהלט גליקליך, וואס זיא איז ארויס פון איהר געפאנגשאַפט.

— מיין הערר! — האט זיא ענדליך געזאָגט — איך האב נאך ניט דיא עהרע צו קענען אייער נאָמען.

— פירסט פּאָניאטאָווסקי, — האט דער דעטעקטיוו געענטפערט מיט א שמייכעל.

— אָה, דאס וואר נור דיא מאסקע אונטער וועלכער איהר זייט אהין אריין.

— איהר האט רעכט. מיין נאָמען איז אייזשען זענדיג, דעטעקטיוו.

— הערר זענדינג, ערלויבט מיר אייך צו דאנקען, — האט זיא געזאגט און האט איהם געריכט איהר האנד. איהר האט מיך בעפרייט פון א העלע און דערמיט האט איהר מיך געמאכט פאר אייער דאנקבארע.

— זאגט דאס ניט פריילין! — האט זענדינג געענטפערט — וואס איך האב געטהאן, איז אין נאמען פון אנדערע, וועלכע האבען מיר דערפאר בעצאהלט. איך בין אבער צופריעדען וואס מיין אונטערנעהמונג איז מיר געלונגען.

— איהר ענטזאגט דעם דאנק?

— אה ניין, אייער דאנק ענטזאג איך ניט, אבער ער קומט מיר ניט אזוי שטארק וויא איהר דענקט.

— איהר זאגט דאס אנדערע האבען אייך געגעבען דעם אויפטראג?

— דאס איז זא.

— און ווער זיינען יענע פערזאנען?

— צוערשט וויל איך אייך געבען דעם נאמען פון אלטען קלעמענט.

— וויא? קלעמענס? איז ער אין בערלין? אבער פון וואנען וויים ער....

— דאס וועל איך אייך אין קורצען ערצעהלען. קלעמענס איז אבער ניט דער איינציגער.

— ווער נאך?

— דיא גרעפין.

מרים׳ס געזיכט איז פערוואלקענט געווארען.

— דיא גרעפין העדוויג פאן מעהרען? — האט זיא געזאגט מיט א לייזער שטימע.

— יא, זיא! זיא האט זאפארט אונטערנומען אלע קאסטען אויף זיך. דיא גערעכטינקייט פאדערט אבער מיר זאלען נאך א דריטען ערמאינערען. דאס איז דער קרימינאל בעאמטער ווינטער.

— דער נאמען קומט מיר פאר בעקאנט.

— דאס גלויב איך. דער פערשטארבענער גראף האט דעם העררן ווינטער אמאל געשטיצט. איהר קענט איהם געוויס פון יענער צייט. הערר ווינטער האט מיר יעצט אין אלעם געהאלפען. איך קריעג זעהר גוט בעצאהלט פון דער גרעפין און איין עקסטרא בעלאהנונג. איהר זעהט דאס איך בין א מענש וויא טויזענד אנדערע.

זענדינג האט איהר יעצט ערצעהלט, וויא ער האט זיך בעקענט מיט קלעמענס און האט ערפאהרען אלע איינצעלהייטען און האט איהר אויך געזאגט זיין מיינונג דאס עס מוז געבען נאך א מאן וואס זעהט אויס פונקט וויא פראנץ שטאנד.

— עס איז קיין צווייפעל, אז יענער דאָפּעלגענגער האט געשפּיעלט א ראָלע אין דעם מאָרד!

— דאָס איז אויך מיין מיינונג! — האט מרים געזאגט — אָך ווען איך וואָלט אייך קענען שילדערן וויא קונסטפאל דער מאן שפּיעלט זיין ראָלע. איך וואר אזוי פערבלענדעט צו גלויבען, אז ער איז פראנץ שטאנד, ווערענד מיין אונגליקליכער געליעבטער זיצט איינגעשלאָסען אין געפענגניס.

— פון וואנען ווייסט איהר דאָס? — האט זענדיג געפרעגט.

— פרוי סימפּסאן האָט עס מיר געזאגט.

— אה, איך קען אייך אבער טרייסטען דאס פראנץ שטאנד איז ווירקליך אנטלאָפען.

— וואוהין?

— איך וויים ניט וואו ער געפינט זיך יעצט, אָבער דיא גרעפין, וועלכע האט זיך פאר איהם אָנגענומען קען עס אייך ערקלעהרען.

מרים האט איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינען.

— דיא גרעפין האט זיך פאר איהם אָנגענומען?

דער דעטעקטיוו האט בעמערקט וויא מרים איז דערמיט איבערראשט און דיא מיינונגען וואס ער האט זיך געמאכט איבער דעם מאָרד זיינען דאדורך שטאר־קער געוואָרען. ער האט זיך אָבער געהיט צו געבען עטוואס צו בעמערקען.

— יא, — האט ער געזאָגט — ווייסט איהר דעם האף קלעאָפּאטרא?

— מיר איז עס ניט בעקאנט.

— זיא ליעגט ניט וויים פון רעגענסבורג און געהערט צום גראף פינקענשטיין.

— אָה, דיעזען האָף, איך געדענק איהם, הערוויג האט געמוזט בייטען דעם נאָמען אויף קלעאָפּאטרא. וואָס איז דערמיט?

— אין קלעאָפּאטרא האט זיך דיא גרעפין בעזעצט, דארט האט זיא אויך געהאלטען בעהאלטען דעם אנטלאָפען פראנץ שטאנד, אבער דיא גרעפין אליין וועט אייך אלעס ערצעהלען.

— דאָך וואלט איך אייך געוועזן דאנקבאר ווען איהר זאלט מיר קענען געבען א גענויערע בילד.

— זעהר גערן.

זענדיג האט איהר יעצט ערצעהלט אלעס וואס ער האט געוואוסט, און מרים האט איינגעזעהן, אז הערוויג האט ווירקליך געטהאן מעהר וויא מען האט פון איהר ערוואַרטעט.

דאך האט מרים ניט געקענט אונטערדריקען דעם געפיהל פון אונצופריעדענהייט. דען וויפיעל זיא האט געגלויבט אין מענשען, וויפיעל זיא וואר בערייט צו אנערקענען זייערע גוטע טהאטען, דאך וואר איהר שווער צו גלויבען, אז הערדוויג טהוט אלעס פון גוטהערציגקייט.

אבער זיא האט געקעמפפט געגען דיעזען געדאנק. זיא האט זיך גערופען אונדאנקבארע, דאך האט עס איהר ניט געהאלפען, אימער און אימער איז דער צווייפעל געווארען גרעסער.

זענדיג האט יעצט אויך ערצעהלט וויא אננא זיעבעל איז געקומען מיט א בעזוך אין קלעאפאטרא און וויא זיא האט נאכדעם אבגעשפיעלט א פערראטה, אויך דאס זיא איז גערופען געווארען פון דער פאליציי נאך בערלין אין דער אנגעלעגענהייט פון מענצעל׳ס טודט, און וויא הערדוויג וו״ל זיא פערקלאגען פאר דער פאלשער שבועה, וואס זיא האט אבגעגעבען געגען פראנץ׳ן.

מרים האט איהם אויך ערצעהלט, אז זיא איז זיכער, אז אננא זיעבעל האט פאלש געשווארען, ווייל זיא איז איבערצייגט אין פראנץ׳ס אונשולד.

— האט איהר פראנץ׳ס דאפעלגענגער זייט יענעם אבענד געזעהן?

— ניין.

— נון, ער האט אונז אבער ניט ווילענדיג געהאלפען צו געפינען אייער געפעננניס. צוערסט האט אונז א געוויסער ארצט געבראכט אויף א שפור. איהר קענט איהם, ער האט אייך אין יענעם טאג געווארענט.

— אה, איך עראינער מיך.

— נון, דיעזער ארצט און דער ווירטה פון האטעל האבען אונז בעשריבען וויא אייער פערפיהרער זעהט אויס. דאך א פאטאגראפיע האט אונז דערצו נאך מעהר געהאלפען.

— וועלכע פאטאגראפיע?

— דיא פאטאגראפיע פון פראנץ שטאנד.

— זא האט מען מיין קאסטען געעפענט?

— אה, ניין.

— אבער וואו האט איהר גענומען דאס בילד?

— דיא גרעפין האט עס מיר געגעבען.

— דיא גרעפין?

(Mil., 60).

מרים האט עס אויסגעשריען אהן איין אטהעם, און דער געשיקטער דעטעקטיוו האט דערפון געמאכט א נייע קאמבינאציאן.

— האט איהר דאס בילד ביי זיך? — האט מרים געפרעגט.

— ניין, איך האב עס הייטע צוריקגעגעבען דער גרעפין.

— און איהר מיינט, אז דאס ווארפראנץ שטאנד'ס בילד?

— גאנץ געוויס.

— זוכט איהר נאך יעצט דעם דאפעלגענגער?

— פארלויפיג האט מען עס מיר ניט געהייסען, אבער זעהט מיר זיינען שוין ביי'ן האטעל.

דער וואגען איז געבליבען שטעהן און מרים האט מעהר קיין געלעגענהייט גע־האט אויסצופרעגען דעם דעטעקטיוו, אלעס וואס זיא האט געוואלט וויסען.

זענדיג איז ארויסגעשפרונגען פון וואגען, דאן האט ער געהאלפען מרים'ן ארויסצושטייגען, און האט זיא ארויפגעפיהרט אויף דיא טרעפ.

— ווילט איהר איין מאמענט ווארטען? — האט ער איהר געפרעגט — איך וויל דער גרעפין פארבערייטען אויף אייער ערשיינונג.

קוים אבער האט זענדיג אנגעקלאפט אין טהיר, אלס דיא גרעפין איז ארויס־געלאפען און האט אויסגערופען.

— ענדליך! ברענגט איהר מיר מיין שוועסטער!

מרים האט א שוידער געטהאן. שוועסטער רופט זיא מיך! אבער לאנג האט זיא ניט געקענט נאכדענקען, דען העדוויג איז צו איהר צוגעלאפען און האט זיא אנגענומען פארביידע הענד.

— ענדליך מרים! זיי מיר הערצליך ווילקאמען!

דיעזע ווערטער האבען געקלונגען אזוי פריינדליך, אזוי טיעף גערירהט, דאס מרים האט אין דיעזען מאמענט פערגעסען אלעס וואס זיא האט ערסט צוריק מיט א ווײלע געדענקט. זיא האט געענטפערט אויף העדוויג'ס גרוס און האט זיך געלאזט קוסען אויפ'ן מויל.

— ארמעס קינד! — האט העדוויג געזאגט — קום דאך אריין. דער אלטער קלעמענס ווארט מיט אונגעדולד אויף דיר.

ביי דיעזע רייד האט זיא ווידער געעפענט דיא טהיר און האט מרים'ן אריינ־געפיהרט אין צימער, וואו קלעמענס איז איהר געלאפען ענטגעגען.

העדוויג האט דיא ביידען איבערגעלאזען אין געשפרעך און אליין האט זיא זיך געווענדעט צום דעטעקטיוו.

— הערר זענדיג איהר האָט געהאנדעלט וויא איהר האט היער נעהמט וואס אייך קומט.

— אָה, גרעפין, דאס האט נאך צייט איינינע טעג.

— ניין מיין הערר, מיר רייזען מאָרגען אָב, היער איז וואָס מען האט אָבגע־רעדט און דאך בלייב איך אייער דאנקבארע.

— נון איהר שעצט צו גרויס מיין דינסט. איך דאנק אייך גרעפין, לעבט וואָהל.

זענדיג האט אריינגעשטעקט דאָס געלד אין דער טאַשע און איז אוועק. דיין טהעטיגקייט האט זיך דאך געענדיגט אזוי שנעל וויא ער האט מרים'ן געבראכט צו דער גרעפין. מעהר האט ער ניט וואס צו טהאן.

— פריהער פון אלעם דארפסט דוא זיך בעקוועם מאכען! — האט העדוויג געזאָגט אזוי שנעל וויא דער דעטעקטיוו איז ארויס — אויף איינינע מינוטען מוזט דוא אונז לאָזען אליין, קלעמענס!

דער אלטער גערטנער האט געמורמעלט איינינע ווערטער און האט פערלאסען דעם צימער.

— זאָ מרים, דיעזעס קלייד געהערט דאך ניט דיר? דערווייל מוזט דוא זיך מיט דיעזע זאכען בעגנוגענען, אָבער מאָרגען פריה וועלען מיר אלעס איינקויפען. ארמע מרים, דוא זעהסט אויס אזוי בלייך. קום איך וועל דיר העלפען.

העדוויג האָט ווירקליך גענומען בעדינען דיא שוואַכע מרים, וועלכע האט מיט זיך אלעס געלאָזט געשעהן. זיא האט אויך לייכטער אָפּגעאָטהעמט אלס זיא האט פון זיך אראָבגענומען דיא זאכען וואס פרוי סימפסאן האט איהר געגעבען.

— דוא מוזט האָבען הונגער? — האָט העדוויג געפרעגט.

— ניין, איך בין זאט.

— אָבער וואָרום ביזט דוא אזוי בלייך. ביזט דוא קראַנק?

— ניין.

— אָבער דוא האָסט זיך אזוי פערענדערט, מיין שוועסטער!

— שוועסטער! — האט מרים געמורמעלט — אך וויא שעהן קלינגט דיעזער וואָרט.

— און איך האָף, אז עס וועט דיעזען קלאנג פאר דיר אימער האבען. אָבער דוא ציטערסט! מיין גאָט, ערסט יעצט דענק איך דאס דוא ביזט אהער געקומען אין דיינע קליידער. דוא האָסט דיך ערקעלטעט, אָבער א גלאָז ווין וועט דיך ער־וואָרמען, און דאן געה שלאָפען. קלעמענס!

דיא טהיר האט זיך געעפענט, דער גערטנער איז וויעדער, ערשינען, און העדוויג האט איהם געהייסען בעשטעלען א גלאז וויין און א ווארימען צימער פאר איהר שוועסטער.

אלס דיא צוויי מעדכען זיינען וויעדער אליין געבליעבען האט העדוויג ארומגעלעגט איהרע ארמען ארום מרים'ס האלז און האט זיא אנגעקוקט מיט לייכטענדע בליקען. אבער מרים האט אראבגעלאזט איהרע אויגען צו דער ערד און איהר געזיכט האט געצייגט דעם אויסדרוק פון אונרוהע.

מרים! האט זיך אויפגעהויבען מיט א גרויסער בעוועגונג.

— ווייסט דוא ווארום איך האב דיין הויז פערלאסען? — האט זיא געפרעגט.

— איך ווייס עס.

— און דוא גלויבסט, אז איך קען ביי דיר עסען דעם ברייט פון גנאדע! דיין מוטער — — —

— פערצייהע איהר מרים. זיא בעדויערט געווים איהר הארטקייט.

— אה, דיא גרעפין האט נעהאט איהר רעכט און ווען זיא איז גענען מיר געוועזען שולדיג זא וועל איך עס ניט פערוועגדען גענען איהר טאכטער. דוא האסט דיך פאר מיר אנגענומען. איך בין דיר דאנקבאר, אבער גלויב מיר, דאס דיעזער דאנק איז מיר שווער, ווייל איך האב ניט מיט וואס צו בעצאהלען.

— דוא ביסט מיר גאר נישט שולדיג, מרים. ווארום ביזט דוא אזוי פערביטערט. דוא זעהסט אבער דאס איך וויל אלעס צוריק גוט מאכען וויא ווייט עס איז מיר מעגליך. וויא קענסט דוא ריידען פון גנאדען ברויט? און דאן, מרים, דארפסט דוא וויסען דאס דער הוידפערוואלטער......

— פאול ראדאוו?

— יא.

— רייד ניט פון איהם העדוויג. איך בעט דיך.

— אבער מרים.

— ערלויב מיר א ביטע העדוויג.

— דיין ביטע איז פאראויס בעשטימט.

— גיב מיר דאס בילד.

— וועלכעס בילד מיינסט דוא?

— דאס בילד וואס דוא האסט גענעבען דעם דעטעקטיוו זענדיג, עס איז דאס בילד פון פראנץ שטאנד.

העדוויג האט איהר האלטונג ניט פערלארען. זא מרים האט שוין געוואוסט

פון דאס בילד. העדוויג האט דאס בילד ארויסגעגעבען פון האנד, ווייל זיא האט געוואלט אלעס טהאן פאר מרים׳ס בעפרייאונג. אבער זיא האט עס שוין איינינע מאל בעדויערט, און יעצט האט זיא נאך קלעהרער איינגעזעהן וויא אונקלוג זיא האט געהאנדעלט.

— אבער ווארום פרעגסט דוא אויף דאס בילד? הערר זענדיג האט זיא געהאלטען פאר פראנץ שטאנד׳ס.

— גאנץ געוויס!

— ווילסט דוא אויך מיר ערצעהלען, אז פראנץ האט דיר דאס בילד געגעבען?

— לאז דאך דאס, דוא ביזט אזוי אויפגערעגט.

— ניין, איך וועל שפרעכען, — האט מרים געזאגט אין א שטילען טאן — וואס איך האב שוין פריהער געדאכט איז בעשטעטיגט געווארען אין דעם אבענד ווען איך בין פערפיהרט געווארען אין מיין געפענגניס. פראנץ שטאנד האט א דאפעלגענגער. און דאס בילד וואס דוא האסט געגעבען דעם דעטעקטיוו איז דאס בילד פון דעם דאפעלגענגער. אה, איך זעה יעצט דייטליך דיא גאנצע ראליע. האב פאר מיר קיין פורכט, העדוויג, דוא האסט געטהאן אלעס וואס דוא האסט געקענט, איך וועל דיר קיין אונאנגענעהמליכקייטען פערשאפען, אבער ערווארטע ניט דאס איך זאל אנגעהמען פריינדשאפט פון דיר, וועלכע קען דעם דאפעלגענגער, און וויס דיא פורכטבארע געהיימניס פון דעם גראף׳ס טוידט.

מרים האט געשוויגען. העדוויג איז געבליבען שטעהן וויא דערשלאגען. זיא האט קיין ווארט ניט געקענט ארויסריידען.

נאך א קורצע ווייל האט מרים ווייטער געזאגט:

— איך וויל געגען דיר ניט זיין אונגערעכט. דוא ליידעסט געוויס זעהר פיעל, און ניט אלע האבען דיא קראפט צו קעמפפען געגען שיקזאל, מיין וועג איז מיר פארגעצייכענט, עס איז מיין פפליכט צו פערדיענען מיין ברויט און צו רעטען דיא עהרע פון מיין געליעבטען, ווען איך וועל געהערען ביז צום טוידט. דוא פערשטעהסט העדוויג דאס מיין וועג מוז זיין א גאנץ אנדערער אלס דיינער און דארום מוזען מיר זיך שיידען. זיי בעדאנקט פאר אלעס וואס דוא האסט געטהאן פאר מיר בעזאנדערס פאר פראנץ׳ן. אלס איך האב דיך הייטע ווידער געזעהן, האב איך אן דיינע מינען געזעהן, אז דוא ביזט געווארען א גאנץ אנדערע און א גאנץ בעסערע. איך וויס, אז דוא וועסט מיך פערשטעהן, דאך פערזיכער איך דיר דאס דוא דארפסט פאר מיר ניט פירכטען, איך בעקלאג דיין שיקזאל אונטער וועלכען דוא

לעבסט, און פון ועלכען קיין זאך קען דיך ניט בעפרייען. זאָגאר דיא פעלזען פון קלעאָפּאטרא, אויב דוא ווערסט זיך אליין ניט בעפרייען.

העדוויג האט געקוקט וויא א צודולטע. איהר געזיכט איז געוואָרען בלייך וויא קאַלך און מיט דיא הענד האט זיא זיך געהאַלטען ביי'ן הארצען.

שטיל וואר אין צימער, אונטען אין דער שטראסע זיינען איינינע מענער פאָר־איבערגעגאנגען, דאס האָט עטוואס אויפגעוועקט דער פערטראכטער העדוויג.

— לעב וואהל! — האט זיא געזאגט אין דער שטיל — זיי גליקליך.

מיט דיעזע ווערטער איז העדוויג אוועק צום טהיר. דארט האט זיא זיך א ווײלע אבגעשטעלט, גלייך וויא זיא וואלט נאך עטוואס געוואָלט זאָגען, אָבער זיא האט חרטה געהאט און איז ארויס.

אלס זיא איז אריין אין קאָרידאָר איז דער אַלטער גערטנער איהר געקומען ענטגעגען. ער האט געטראָגען א טאַץ מיט דריי גלעזער וויין.

— דא בין איך! — האט ער געזאָגט — איהר האט געוויס צו לאנג געווארט, גנעדיגע גרעפין. יא, וויא זעהט איהר אויס.

— איך פיהל ניט גוט. האט איהר בעשטעלט א צימער?

— נעבען מיין צימער?

— ניין, דאָס וואר אונמעגליך, ווייל דער צימער וואר ניט ריין און ניט ווארם. דער דריטער צימער פון איך, נומער 17.

— איז ער געהייצט?

— יא.

— זא טראָגט אהיי דעם וויין, איינס פאר זיך און פאר מרים'ן און איינס אין מיין צימער. פיהרט מרים'ן אין איהר צימער, איך וועל שפּעטער אונטערקומען.

קלעמענס האט זיא אנגעקוקט מיט איין ערשראָקענע מינע. וואָס וואר דאָס? היער האָט עטוואָס נעמוזט פארפאלען.

— אלזאָ, איך זאָל פיהרען מרים'ן נאך דעם נומער 17?

— יא, קומט אָבער נאך אמאל אריין צו מיר. איך האָב אייך וואס צו זאָגען.

— גוט, איך וועל קומען.

וועהרענד העדוויג איז אראָפּ פון דיא טרעפּ איז קלעמענס אריין צו מרים'ן. ער האט אוועקגעשטעלט דעם וויין אויפ'ן טיש, דאן האט ער מרים'ן בע־טראַכט.

— פרייליין מעהרען, איהר זייט אזוי טרויעריג?

— איך בין ערנסט, דאס איז אלעס.

— איך דאַרף זאָגאַר ניט פרעגנען, מעהר וויא מען ערצעהלט, אָבער איך פערשטעה, אז דא איז עטוואָס פּאַרגעקומען.

— פרעגט ניט מיין פריינד. יעצט אם וועניגסטען זאלט איהר ניט פרעגען. האט איהר מיט דער גרעפין געשפּראָכען?

— יא, איך זאל אייך פיהרען אין אייער צימער.

מרים האט זיך אבגעזיפצט.

— אָה, דאס איך דאַרף דיעזע גנאַדע אָננעהמען! נור הייטע האָב איך קיין אנדער וועג. קומט קלעמענס.

דער אלטער האָט גענומען צוויי גלעזער ויין און איז מיט מרים'ן אוועק אין נומער 17.

— איך מוז נאך אמאָל געהן צו דער גרעפין, — האָט ער געזאָגט — ווילט איהר איך זאָל נאך הייטע אריינקומען, אָדער מאָרגען פריה. יא, יא, איהר דאַרפט שלאָפען. נאָמיר טרינקען צום גליק, פריילין מעהרען.

— רופט מיך מרים.

— גוט צום וואהל זיין מרים.

— צום וואהל זיין.

— אָבער איהר מוזט אויך טרינקען, דאס מאכט ווארעם.

— ווען איהר פערלאַנגט.

— ווען זאָל איך צו אייך קומען?

— ווען אייך ועט פּאַסען.

— אום ניין אוהר?

— יא.

— גוטע נאכט פריילין...... ניין מרים וויל איך זאָגען.

זיא האט איהם גערייכט איהר האַנד און איידער זיא האט זיך ארומגעקוקט האט דער אלטער זיא געקוסט. זיא האָט געפיהלט וויא א טרעהר איז אויף איהר האַנד געפאלען, און זיא האָט איהם געדאַנקט מיט א פינסטערן בליק.

— אויף וויעדערזעהן קלעמענס.

— אויף וויעדערזעהן מרים.

דער אלטער איז ארויס. אין דרויסען איז ער געבליעבען שטעהן און האט זיך געווישט דיא אויגען.

אלס ער איז אריינגעקומען צו העדוויגען האט ער זיא געפונען זיצענדיג ביי'ן טיש, דעם עלענבאָגען אָנגעשפארט אויפ'ן ברעג און דעם קאָפּ אין דיא הענד.

זיא וואר פערזונקען אין טיפע געדאנקען. קלעמענס איז דארום געבליבען שטעהן ביי'ן טהיר און האט געווארט ביז העדוויג וועט צו איהם נעהמען ריידען. אלס עס איז א היבשע ווייל פאַראיבער אָהנע דיא גרעפין זאָל איהם דערזעהן האט ער זיך גענומען בעוועגען.

העדוויג האט זיך ערשראָקען און האט זיך אומגעקוקט.

— אך, איהר זייט עס קלעמענס, קומט אביסעל נעהענטער און זעצט זיך. איך האב א גרויסע ביטע צו אייך און איך האף דאס איהר וועט עס מיר ניט ענטזאגען.

— געוויס גרעפין, ווען עס איז נור מעגליך.

— איך פערלאנג קיין אונמעגליכעס. איהר האט אימער געצייגט פריינדשאפט צו מרים'ן און איך האף, אז איהר וועט עס בלייבען.

— מיט לייב און זעלע.

— ווילט איהר זיך פאר איהר אָננעהמען אין אלע הינזיכטען?

— געוויס.

— נון גוט. מיר געהען ליידער אויף פערשיעדענע וועגען. פיעלע זאכען וואס איך האב פאַרגענומען מוז איך אויפגעבען. היער איז א סומע געלד, פינף הונדערט מארק מעהר האב איך ניט ביי זיך, פערווענדעט דאס געלד אין מרים'ס אינטערעסע. ווילט איהר דאָס פאר מיר טהאן?

— זעהר גערן, ווען נור —

— וואס נור?

— ווען מרים וועט עס נור אָננעהמען

— איך האף עס! אים איבעריגען איבערלאס איך עס פאר אייער קלוגשאפט. שיצט מרים'ן פון מאנגעל און ליידען, העלפט איהר מיט וואס איהר קענט. דאס איז וואס איך בעט פון אייך, ווילט איהר עס מיר טהאן?

— יא, דאָס וועל איך טהאן, — האט דער אלטער געענטפערט.

— איך דאנק אייך פאר דיזען פערשפרעכען. יעצט וויל איך נאך איינס, דאס געלד וואס איך האב אייך געגעבען וועט לאנג ניט האלטען, שרייבט מיר אָפט איך וועל אייך שיקען נאך געלד. וויא לאַנג בלייבט איהר נאך היער?

— דאס ווייס איך ניט!

— נון איהר בלייבט דאך נאך איינינע טעג?

— איך גלויב אזוי.

— נו מיר וועלען זעהן. איך פערלאס נאך דיעזע נאכט דיעזען האָטעל.

— איהר ווילט אוועק? — האט קלעמענס געפרעגט.

— איך בלייב פאָרלויפיג אין בערלין. איך וועל אייך שיקען נאכריכטען אין אייער וואהנונג צום שווארצען בער. ווען איהר פערלאזט בערלין זאָלט איהר דאָרט איבערלאָזען דיא אדרעסע.

— גוט, — האט קלעמענס געענטפערט — אָבער ערלויבט מיר גרעפין צו פרעגען אייך עטוואָס.

— פרעגט וואָס איהר ווילט.

— יא, ווען איהר וועט מיר ערלויבען, דען דאס איז אייער פריוואט אינ־טערעסע.

— איך קען מיר פאָרשטעלען וואס איהר ווילט מיר פרעגען, נאמיר עס אָבער לאָזען.

דיא גרעפין האט זיך אויפגעהויבען און האט איהם גערייכט איהר האנד.

— נעהמט אין פאָראויס מיין דאנק. איך האב געהאפט צו האָבען אייך נע־בען מיר, אָבער דאס געהט ניט. גוטע נאכט קלעמענס.

דער אלטער גערטנער וואר אָנגעגריפען. ער האט בעמערקט, וויא העדוויג קעמפפט מיט איהרע געפיהלען. מיט איין אראָפּגעלאָזטען קאָפּ האט ער פערלאסען דעם צימער און אויך דעם האָטעל.

אלס העדוויג איז געווען אליין האט זיך א זיפץ אויסגעריסען פון איהר ברוסט. זיא האט געקוקט מיט שטאַרע אויגען, וויא אנדערש האט זיך אלעס אויסגעלאָזט.

אבער באלד האט זיא אויסגעווישט דיא טרעהרען פון דיא אויגען און האט אנגעקלונגען.

דער דינער פון האָטעל איז אריין און זיא האט איהם געהייסען בעשטעלען א וואָגען און געבען דעם רעכענונג.

— וואוהין ווילט איהר פאָהרען גנעדיגע?

— נאך דעם אנהאַלטער באהנ־האָף.

דער דינער האט געוואָרפען א פערדעכטיגען בליק. דען אין דיעזער צייט פון נאכט איז קיין באהן ניט געגאנגען. אָבער ער האט קיין רעכט געהאט צו פרעגען און איז אוועק ערפילען דעם בעפעהל.

א פערטעל שטונדע שפעטער איז העדוויג שוין געווען אויף איהר וועג.

19טעס קאפיטעל.

פראנץ שטאנד.

עס איז נויטהיג מיר זאָלען זיך אביסעל אומקעהרען צוריק מיט א קורצער צייט אין אונזער ערצעהלונג.

באלד וויא פראנץ שטאנד איז אָנגעקומען אין וויען, האט ער זיך בעגעבען אין קאפפע הויז, וואס האט זיך געפונען נעבען דער באראָנין פאָן שפרעכניץ. פון דאָרט האט ער אבגעשיקט העדוויג'ס בריעף צו דער באראָנין.

ער האט געווארט א גאנצע שטונדע ביז דער דינער האט זיך אומגעקעהרט. ער האט איהם געבראכט א וויזיט קארטע. פון איין זייט איז געווען דער אויפשריפט „וואלי פאָן שפרעכניץ", און פון דער צווייטער זייט איז געווען מיט א צאַרטער אבער דאך מיט איין שעהנער פרויענהאנד געשריבען:

„איך ערווארטע אייך הייטע אבענד, 9 אוהר".

פראנץ שטאנד האט לייכטער אויפגעאטהעמט. ער האט דאך געפונען א היים. אויף וויא לאנג האט ער ניט געוואוסט.

אם אבענד איז ער גאנץ פינקטליך געקומען צו דער באראָנין.

א מעדכען האט איהם געעפענט.

— קען איך שפרעכען מיט דער באראָנין?

— וויא איז אייער נאָמען?

— פעטער שישקין.

— אך, דער נייער שטאלמייסטער!

— יא, מיין פריילין.

— קומט אריין, מיין הערין ערווארטעט אייך.

אין דער נעכסטער מינוט איז פראנץ געשטאנען פאר א דאמע, וואס וואר מערקווירדיג שעהן.

זיא האט געהאט א גרויסע, שלאנקע פיגור. איהרע קליידער ווארען פון דינעם זייד און האבען פיעלפאך פערדאָפפעלט איהר שעהנקייט.

פראנץ שטאנד האט באלד בעמערקט דיעזע שעהנקייט. בעזאָנדערס וואונדערבאר שעהן זיינען איהם א'פגעפאלען די רענעלמעסיגקייט פון איהר געזיכט.

— הערר שישקין? — האט די באראָנין אנגעפאנגען — אייער נאָמען איז פראנץ שטאנד?

— יא, גנעדיגע באראָנין.

— דיא גרעפין פאַן מעהרען האט אייך צו מיר רעקאָמענדירט. זייט מיר הערצליך ווילקאָמען.

מיט דיעזע ווערטער האט זיא איהם גערייכט איהר צאַרטע האנד.

— דיא גרעפין האט מיר פערטרויט אייער שיקזאַל. איך בעדויער אייך פון הערצען. זייט איהר א קויפמאַן?

— יאַ.

— עס טהוט מיר לייד וואס איך קען אייך ניט אויפנעהמען אין מיין הויז נאך אייער בילדונג. דיא לאגע אין וועלכער איך געפין מיך, פאָדערט גרויסע פאַר־זיכטינקייט פאר אייך. אָבער אבוואָהל איהר וועט פון לייטענס וועגען דינען אלס שטאַלמייסטער און וועט דערביי אויך עטוואָס מוזען ארבייטען, דאך פערזיכער איך אייך דאס איך וועל אייך פערזענליך אי‌ער אכטען, וויא דיא גרעפין פאַן מעהרען האט מיך געבעטען.

— גנעדיגע פרוי, דער שיקזאַל וואס איז פאר מיר בעשטימט געוואָרען מאַכט מיך צו פערטראגען אַלע אויסערליכע ראָלען. איך בין אייך העכסט דאנקבאר דאָס איך האב אין אייער הויז געפונען א היים.

— זאָל אייך דא נור גוט געהן. איך האָף, אז מיר וועלען גוט אויסקומען. דיא גרעפין שרייבט מיר, דאס איהר וועט זיך דא ניט לאנג אויפהאלטען.

— איך וועל געוויס אייער גאסטפריינדשאפט....

— אָה, בלייבט אזוי לאנג, וויא איהר ווילט און קענט, — איז דיא באַראָנין אריינגעפאלען איהם אין וואָרט — איהר ווילט רייזען נאך אמעריקא?

— דאס וועט פאר מיר זיין דאס בעסטע.

— ארמער יונגער מאַן, עס טהוט מיר זעהר לייד וועגען אייך. איהר דארפט מיר קיין זאך ניט זאָגען, ווען איהר וואָלט ניט געוועזן אונשולדיג וואָלט אייך דיא גרעפין ניט בעשיצט.

נאך דיעזען פריינדליכען געשפרעך האט דיא באַראָנין איהם איבערגעגעבען זיין אמט, האט פאר איהם אויך בעשטימט א געהאלט, וועלכער וואר זעהר הויך, פאר א שטאַלמייסטער.

נור איין זאך איז פראַנץ שטאַנד אויפגעפאלען. דיא באַראָנין האט ניט ער־אינע‌ט איהר מאַן. אָבער פיעללייכט האט זיא דערצו איהרע גרינדע וועלכע ער האט ניט דאס רעכט נאכצופאָרשען.

דיא באַראָנין האט איהם אויך אָנגעוויזען א שעהנע וואהנונג און האט דאן בעפאהלען צו ברענגען איהם אבענד־ברויט.

פראַנץ שטאַנד האט געגלויבט דאס ער טרוימט.

ווען ער האט אויך געהאָפט אויף אַ פריינדליכע אויפנאַהמע דאָך אויף אַזאַ אויפנאַהמע האט ער ניט געוואַרט.

— וויא גוט דיעזע בראָנין וואַר, זיא איז גוט וויא שעהן. יאַ, וואָלי פאַן שפּרעכניץ וואַר ווירקליך שעהן. זיא וואַר נאָך מעהר וויא שעהן זיא האט בערוישט דעם זינען פון יעדען מאַן. ווען פראַנץ שטאַנד האט פון איהר גֶעדענקט האט ער געפיהלט וויא זיין הערץ ריהרט זיך.

וואס איז דאָס נור אַזוינס?

געפיהלען זיינען אויף איהם געקומען, געפיהלען וועלכע ער האט גאַר קיין מאָל ניט געהאַט. ער האט זיך געצוואונגען צו געבען זיינע געדאַנקען איין גאַנץ אַנדער ריכטונג. אָבער עס וואַר פאַר איהם שווער.

ענדליך האט זיך דיא טהיר געעפענט און דאָס מעדכען איז אריינגעקומען מיט דעם שפּייז.

זיא האָט געבראַכט קאַלטען שפּייז און אַ פלאַש וויין.

— איך ווינש אייך גוטען אַפּעטיט, הערר שישקין!

— איך דאַנק אייך מיין פריילײן, וויא הייסט איהר דען?

— בעצי, מיין הערר. אָבער זאָגט מיר איהר האט דאָך אַ קאָמישען נאָמען?

— איז דאָס קאָמיש?

— געוויס, עס איז דאָך גאָר קיין דייטשער נאָמען.

— איך בין קיין דייטש. איך בין אַ רוססישער.

— ווירקליך! אַ רוססע! ווילט איהר נאָך וויין?

— איך דאַנקע.

דאס מעדכען האָט געוואָלט געהן. אין מיטען צימער איז זיא געבליבען שטעהן און האט זיך צו איהם געווענדעט.

— ווייסט איהר הערר שישקין, אונזער גנעדיגע פרוי איז שעהן, ניט וואַהר?

פראַנץ האט ניט געענטפערט. בעצי האָט אָבער ווייטער געזאָגט:

— און זיא איז אַזוי ליעבליך! אַזוי ליעבליך!

ער האט זיא אָנגעקוקט פערוואונדערט. וואס מיינט זיא דערמיט.

— יאַ, — האט ער געענטפערט — איך בין איבערצייגט, אַז דיא בּאַראָנין איז זעהר גוט.

— יאַ, דאס איז זיא, אָבער ליידער איז זיא ניט גליקליך.

— ניט גליקליך?

אָבער באַלד האט ער זיך אונטערבראָכען. ער האט פיעללייכט שוין צופיעל געשפּראָכען. וואָס קימערט איהם אין וועלכע אומשטענדען דיא באַראָנין לעבט. עס איז דאך געוויס פון איהם איין אונרעכט צו ריידען מיט דיא דינסטען איבער דער פּערזאָן, וואס האט איהם אזוי פריינדליך אויפגענומען אין איהר הויז.

ער האט גענומען דעם מעסער אין גאָפּעל און האט אָנגעפאנגען צו עסען, און האט געהאפט צו מאכען דערמיט איין ענדע צום געשפּרעך.

דאס מערכען איז יעצט אוועק.

מיט גוטען אפּעטיט האט ער אויפגעגעסען זיין מאָהלצייט. אויך דער וויין האט איהם גוט געשמעקט. נאך זיין מאָהלצייט איז ער אוועק שלאָפען.

ער וואר מיעד און האט באַלד געשלאָסען דיא אויגען. אָבער קוים האט ער דיא אויגען צוגעמאכט, אלס חלומות און פערשיעדענע בילדער זיינען פאַר איהם פאָרגעקומען, און אין אלע בילדער האט ער געזעהן דאס בילד פון דער רייצענדער שעהנער באַראָנין.

דיא חלומות האבען אויף איהם געהאט א שטארקע ווירקונג און מאָרגען אלס ער איז ווידער געשטאַנען פאר דער באַראָנין, האט ער דיא נאכט בילדער ניט געקענט פערגעסען. יא, זיא וואַר א שעהנהייט, ער האט א צווייטע וויא זיא נאך ניט געזעהן.

דיא באַראָנין האט אויף איהם געוואָרפען א לאנגען און א דורכדרינגענדען בליק. זיא האט בעמערקט וויא ער איז אויפגערעגט און זיא האט געשמייכעלט וויא מיט א זיעג.

הייטע האָט זיא געטראָגען א רייט־קאָסטיום, וואָס האט נאך מעהר פער־גרעסערט איהר שעהנהייט. פראַנץ שטאַנד האט אליין ניט געוואוסט, וואס ער טהוט, אלס ער האט אויף דער געשטאלט געקוקט מיט פייערדיגע, הונגעריגע אויגען.

— איך דענק אויסצורייטען! — האט דיא באַראָנין געזאָגט מיט א מעלאָדי־שער שטימע. איז אייך וויען בעקאַנט?

— ניין גנעדיגע פרוי! — האט פראַנץ געענטפערט — איך בין צום ערשטען מאָל אין דיעזער שטאָדט.

— נו, איך וועל מיט אייך מאכען א רייזע און וועל אייך ווייזען דיא שטאָדט.

זיא האָט דעם דינער געהייסען זאָטלען צוויי פערד און באַלד זיינען זייביידע ארויסגעפאהרען פון טויער.

דער שטאַלמייסטער איז נאך דער זיטע געפאָהרען עטוואס הינטער דער

רייטערין. דאס האט איהם געגעבען דיא מעגליכקייט נאך מעהר צו בעטראכטען דיא רייטערין.

א שעהנע רייטערין! וויא גראַציעז זיא איז געזעסען אין זאָטעל און וויא פעסט וויא גלייך.

עס וואר א שעהנער טאָג. דיא זאָנע האט געשיינט און האט ארויסגעבראכט פיעלע מענשען אין דער שטראַסע. דיא באראָנין האט איהם אָנגעוויזען אויף געביידען און געגענדען, וועלכע זיינען ווערטה צו זעהן.

ענדליך האט מען עררייכט דעם וועג פאר דיא שפּאַציר־רייטער.

— זעהט איהר הערר שישקין, יענע דאַמע, מיט דעם רויטהען נאָז? — האט דיא באראָנין געפרעגט.

— אין דעם עקיפּאַזש מיט פיער פערד?

— יאָ, איהר פעלץ קאָסט צוויי טויזענד גולדען און איהרע ברילליאַנטען זיינען ווערטה א פערמעגען.

— זיא מוז געווים רייך זיין! — האט שטאנד געזאָגט.

— זיא רייך? חאָ, חאָ, חאָ! יאָ, זיא איז ניט ארם. אָה, דאָרט קומט ערן!

— ווער גנעדיגע באראָנין?

— מיין פריינד, דער מאן וואס רייט אויף דעם יונגען פערד.

— א שעהנער פערד! — האט פראַנץ בעמערקט.

— אָה, דער רייטער אליין איז אויך ניט מיאוס. זעהט איהר, יעצט פאָהרט ער צו יענער דאַמע. דאס איז צום לאכען, ווירקליך צום לאכען!

אין דיעזען ארט האט דיא באראָנין איהם אָנגעצייגט זעהר פיעל פּערזאָנען, און האט איהם ערצעהלט זעהר פיעל זאכען פון דיא ווינער.

נאך איינינע שטונדען האבען זיי זיך אומגעקעהרט צוריק צום פּאַלאַסט.

— נון, וויא געפעהלט אייך, אונזער שפּאַציר? — האט זיא געפרעגט ווען זיי זיינען אראָפּ פון דיא פערד.

— אָה, עס האט מיך שטארק אינטערעסירט.

— אָה, עס איז ווירקליך שעהן. שאַדע וואָס איך קען אייך ניט ארייננבּרענגען אין יענער געזעלשאַפט. איהר זייט א שעהנער קאַוואַליער, אָבער אייער געהיימניס מיר מוזען זיך שטארק היטען.

פראַנץ האט געזיפצט.

— האָט איהר א געליעבטע?

פראַנץ איז געוואָרען רויטה און האט אראָבגעלאָזט זיין קאָפּ. ענדליך האט ער געענטפערט.

— יא, גנעדיגע באַראָנין.

— און דאָס מעדכען ליעבט אייך אויך. איז זיא אייך געבליעבען טריי?

— אָה, זיא איז איין ענגעל. איך האב זיא זייט מיין פערצווייפלונג ניט געזעהן, אָבער איך ווייס, אז זיא איז מיר טריי.

— וואו איז זיא יעצט?

— איך ווייס עס ניט.

— וויא, איהר ווייסט ניט?

— אך פרוי באַראָנין, עס איז א לאַנגע געשיכטע און איך האב מורא איהר וועט איינגעמאַטערט ווערען.

— נון, איך וויל ניט אריין אין אייער געהיימניס. געהט אייך געזונדערהייט צו אייער נאַכטלעגער.

פראַנץ האט זיך פערנייגט און איז אוועק.

נאַכדעם וויא ער האט געגעסען און געטרונקען איז ער אוועק אין זיין צימער און האט זיך געלעגט שלאָפען.

אבער ער האט ניט געשלאָפען. זיינע געדאַנקען וואַרען פול. ער האט גע-דענקט פון פיעלע זאַכען. פאר איהם איז געשטאַנען דיא שעהנע בילד פון דער באַראָנין און אין זיין הערץ האט גערופען א שטימע נאָך זיין מרים.

שטונדען לאַנג איז ער געלעגען אויף זיין געלעגער און האָט ניט געקענט איינשלאָפען.

פּלוצלינג האט ער עטוואָס דערהערט. וואָס וואַר דאָס?

דיא טהיר פון צימער איז לייכט געעפענט געוואָרען.

פראַנץ האט געגלויבט, אז ער טרוימט. דאך ניין, עס וואר דיא ווירקליכקייט און טראָץ דיא פינסטערניס, האט ער דאך געקענט זעהן וויא א געשטאַלט איז אריין אין צימער.

עס וואר דיא געשטאַלט פון א פרוי.

יעצט איז זיא געקומען נעהענטער. וויא אויף דיא שפּיצען פינגער איז זיא געגאַנגען.

פראַנץ שטאַנד האט ניט געוואוסט וואס ער טהוט, אלס ער האט דיא אויגען געשלאָסען און האט זיך געמאַכט שלאָפעריג.

יעצט האט זיא ערדייכט זיין לאגער. זיא האט זיך איבער איהם צוגעבוינט, האט איינינע סעקונדען זיך צוגעהערט און דאן האט זיא איהם א קוס געטהאן אויפ'ן מויל.

איבערראשט האט פראנץ געעפענט דיא אויגען און מיט גרויס ערשטוינען זאט ער אויסגערופען:

— באראָנין!

20טעם קאפיטעל.

דיא גרעפין אַנערקענט איהר טאָכטער.

איינינע מינוטען איז דיא גרעפין געבליבען שטעהן אויפ'ן שוועל פון טהיר און האט מיט איבערראשונג געקוקט אויף דעם קראנקען גראף און דיא שעהנע פעדאָ־ רא, וועלכע האט איהם ניט געוואָלט פערלאסען. זיא האט געפיהלט וויא איהר הארץ ווערט צוזעצט, וויא זיא וויל וויינען, אָבער זיא האט זיך געשטארקט און האט געגעבען א צייכען צו פעדאָראַ'ן, זיא זאָל ארויס פון צימער

פעדאָרא האט אויפגעהויבען איהר קאָפּ און האָט אָנגעקוקט דיא גרעפין מיט א שארפען בליק. אין דיעזען מאָמענט איז דעם גראף אויפגעפאלען וויא עהנליך פעדאָרא זעהט אויס צו דער גרעפין. אין פאקט עס איז געוועזן איין געזיכט, דער אונטערשיעד איז נור אין דיא יאָהרען, אין דיא אַלטקייט.

אזוי שנעל וויא דיא גרעפין איז געבליעבען אליין מיט דעם גראף, האט זיא ארויסגעוויזען איהר שרעק און אויפרעגונג.

— מיין זאָהן, דוא ביזט פערוואונדעט? — האט זיא געפרעגט.

— אָה, שרעקט אייך ניט אזוי שטארק, איך פיהל מיך יעצט בעסער.

— וואָרום האָסט דוא מיר אזוי לאנג ניט בענאכריכטעט? וואָס פאר איין אונגליק האט עס דיר געטראָפען.

— איך בין געפאלען אין א דועל.

— אין א דועל? מיט וועמען און פארוואָס?

— פאר א פרוי.

— אָה, און ווער וואר יענע פרוי?

— דיא באראָנין פאָן ערלען! — האט דער גראף געענטפערט.

— עס וואר אלזאָ דיא פרוי פון דיין פריינד. דיעזע פרוי מיט דיא גיפטיגע אויגען און פון נידעריגען שטאם. זיא וואר עס, וועלכע האט דיך געצויגען צום באַ־ ראָן פאָן ערלען. איך האָב געגלויבט, אז דאָס איז דיא יונגע ערנא.

— פערצייעט גרעפין, עס טהוט מיר וועה וואָס איך האָב אייך דיעזע צרות פערשאפט. די באָראָנין האָט מיך בעצויבערט, איך האָב געמיינט, אז דאָס איז זי. מיט קאקעטעריי האָט מיך די באָראָנין געפיהרט ביז צום וואהנזין. דאָס איז פּאָרגעקומען אין איין אויגענבליק ווען איך בין היגגעריסען געוואָרען דורך איהר שעהנהייט. אין דיעזען אויגענבליק איז ערשיענען דער גראף. דער דועל איז דארום געווען ניט אויסצומיידען. מיר האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען, איך בין פערוואונדעט געוואָרען אין רעכטען שולטער. מען האָט מיך אהער געבראכט, און צו פערדאנקען די אויפפּאסונג פון דער גוטער פעדאָרא, ווער איך יעצט וויעדער געזונד.

דער גראף האָט פערבאָרגען זיין געזיכט אין קישען, גלייך ווי ער וואָלט געוויינט פאר שאנדע.

— נון, מיין קינד, רענק ניט מעהר דערפון. עס וואר א פערזעהן און דו האָסט דערפאר בעצאהלט מיט דיין בלוט. קיינער פון אונז לעבט אויף דעם ריכטיגען וועג. איך האָב געבראכט א וואגען. פיהלסט דו זיך שטארק גענוג צו פאָהרען?

— ניין, ניט יעצט, איך פיהל מיך שוואך. איך דענק דאָ צו פערבלייבען נאָך אייניגע טעג.

— וואָס טהוט דאָ אורזולא׳ס טאָכטער?

— זי איז די קאמערמעדכען פון דער גרעפין פאָן מעהרען.

— עס פּאסט ניט דאָס מעדכען זאָל דיך בעהאנדלען, איך וועל דיר אהער שיקען מיין קאמער־פרוי.

— אָה, מוטער, דאָס איז איין אונרעכט געגען פעדאָרא׳ן. זי האָט מיך אזוי טריי און אזוי פלייסיג בעדיענט.

— אָבער דו דארפסט ניט אננעהמען איהר דיענסט.

— ווארום?

— דאָס קען איך דיר ניט זאָגען.

— אָה, מוטער, דו ווייסט פיעלייכט ווער פעדאָרא׳ס עלטערען זיינען? אורזולא איז געוויס ניט איהר מוטער, ווייל אורזולא איז צו אלט צו זיין איהר מוטער.

די גרעפין איז פערציטערט געוואָרען. זי האָט זיך אָנגענומען אן דעם ראָס פון בעט אום ניט צו פאלען. איהר האָט געשיינט, אז ער וויים אלעס.

— וואָס איז דיר ליעבע מוטער, ווארום ציטערסט דו אזוי.

— ניכטס מיין קינד.

— אָבער מיר שיינט, אז דיא עראינערונג אן פעדאָרא'ס עלטערען מאַבעי דיך צִיטערען.

— ניין, ניין. אורזולא איז ווירקליך ניט דיא מוטער, נור דיא גראָסמוטער פון דיעזער פעדאָרא. איך האב זיך זעהר וועניג וועגען זיי אַלעמען געקימערט. זיי לעבען פון דאס געלד וואס איך שיק זיי צו יעדען מאָנאט.

— און וואו איז פעדאָרא'ס מוטער?

ביי דיעזער פראגע, איז דיא גרעפין געבליבען וויא צומישט. איהר הארץ איז אויפגעריהרט געוואָרען פון דיעזער פראגע. אין איהרע אויערען האט יעצט געקלונגען גלייך וויא ער וואָלט איהר געזאָגט „דוא ביזט דיא מוטער פון דיעזען מעדכען“.

— פעדאָרא'ס מוטער איז טוידט! — האט דיא גרעפין נאך א קורצער ווייל געענטפערט.

— טוידט, זיא איז א יתומה. איין עלענדע אין דער וועלט! אך מוטער, ווען דוא וואָלסט וויסען וויא צארט און וויא גוט דיעזע פעדאָרא איז. זיא האט א שעהנע געשטאלט אָבער נאך א שעהנערע זעעלע. זיא האט פעהיגקייטען, וואָס פאסען פאר א קינד פון איין אנדער שטאם.

דיעזע אונשולדיגע רייד האבען געטראָפען דער גרעפין וויא מיט האמער'ס. דיא געפיהל פון א מוטער האט זיא צופלאקערט אין הערץ און דאָס געהיימניס וואָס זיא האָט אזוי לאנג געהאלטען פערשלאָסען איז יעצט געשטאנען אין געפאהר ענטדעקט צו ווערען.

דיא גרעפין האט עס געפיהלט, און אום צו פערהיטען זיך האט זיא זיך געשטארקט און האט געזאָגט צום גראף.

— דרינגענדע געשעפטען ווארטען פאר מיר אין הויז. איך וועל יעצט פאָהרען, מאָרגען פריה וועל איך צו דיר ווידער קומען. איך האָף, אז ביז דאן ועסט דוא זיין אימשטאנדע צו פאָהרען נאך הויזע.

— פיעללייכט, פאָרלויפיג פיהל איך נאך מיעד, און איך וואָלט פון דיר פערלאנגען, מוטער, דוא זאָלסט וויזען פריינדשאפט צו דער פעדאָרא. אה, זיא איז דאך אזא גוטעס קינד, ווארום פעראַכטעסט דוא זיא?

דיעזע לעצטע ווערטער האבען עררייכט דעם העכסטען ציעל.

— גענוג אָטטא, גענוג! — האט דיא גרעפין אויסגערופען — פעדאָרא האט הינטער זיך א געשיכטע, וועלכע איך קען דיר ניט ערצעהלען. רייד ניט צו מיר דערפון. אדיע.

אהנע צו ווארטען אויף זיין אנטווארט איז די גרעפין ארויס פון צימער. מיט לאנגע בליקען האט דער גראף איהר נאכגעקוקט. וואס זאל דיעזעס בעדייטען? האט די גרעפין פיעליייכט איין בעזאנדערע אינטערעסע אין דיעזער פעדארא? עס האט איהם געשיינט, אז דא מוז עטוואס זיין. בעזאנדערס, האט ער ניט געקענט פערגעסען, די עהנליכקייט צווישען דיעזע צוויי פרויען.

א ווילע שפעטער איז פעדארא אריין אין גראף'ס צימער און האט איהם געפרעגט אויב ער האט עטוואס נויטהיג. דער גראף האט זי גענומען ביים האנד און האט צו איהר געזאגט:

—יעצט ווען איהר זייט ביי מיר, פעהלט מיר קיין זאך; אבער פריהער, ווען איהר זייט ארויס מיט איין אונצופריעדענע מינע האט מיר געשיינט, אז די גאנצע וועלט איז פון מיר אוועק.

— האב איך אייךווירקליך געפעהלט, העיר גראף? — האט פעדארא אונשולדיג געפרעגט — ווארום האט איהר מיך ניט אריינגערופען.

— אה, פעדארא, איך וועל באלד געזונד ווערען און וועל פון אייך אוועקפאהרען! — האט דער גראף מיט שמערצען געזאגט, וועט איהר מיך אם וועניגסטען עראינערען, אלס אייער פריינד?

— איך, איך וועל אייך ניעמאלס פערגעסען! — האט פעדארא געענטפערט און האט אראפגעלאזען איהרע אויגען.

אין דיעזען אויגענבליק האט זיך די טהיר געעפענט און דער אלטער ווי אלטהער האט פעדארא'ן ארויסגערופען.

דער גראף איז געבליעבען אליין. ער האט נאכגעדענקט איבער אלעס וואס מיט איהם איז געשעהן.

— אך, ווי אנדערש איך בין געווארען זייט איך האב דיעזען ענגעל ערקענט! האט ער צו זיך געברומט — איך וואר א פיינד פון אלע פרויען, האב זייער געגענווארט ניט געקענט איבערטראגען. אבער זייט מיין קויל האט געטראפען דאס פלייש פון דיעזער פעדארא, איז מיין הארץ גאנץ אנדערש. א נייער געפיהל האט זיך אויפגעוועקט אין מיינע אדערען.

יא, איך ווייס יעצט, אז מיינע ליידענשאפטען צו דער באראנין פאן ערלין זיינען די קינדער פון דיעזע געפיהלען. אבער די באראנין איז א פאלשע קאקעטקע. צוליעב אזעלכע ווי זי קומט דער האס צו פרויען.

אנדערש גאנץ אנדערש איז פעדארא! זי איז איין ענגעל, א וואהרער, ריינער ענגעל און איך פיהל, אז איך ליעב זי, איך פיהל אז אין איהר געגענ־

וואָרט זיינען מיינע געדאַנקען גאַנץ אַנדערע. זי בעגייסטערט מיך. זי היילט מיין נשמה, פונקט ווי זי האָט געהיילט מיין קערפּער.

— אָבער ווי קען איך עס איהר זאָגען ? זי איז דאָך אַזוי ריין, אַזוי אונשולדיג ! אַך ווי וועט זי ליידען, ווען זי וועט וויסען, אַז איך ליעב זי און אַז איין אייזערנע וואַנד שטעהט צווישען אונז ביידען. מיין שטיפמוטער, די וועט ניט ערלויבען דער גראַף זאָל זיך אַרונטערלאָזען צו אַ דיענסט.

אויף אַזעלכע געדאַנקען האָט דער גראַף פערבראַכט די גאַנצע נאַכט. מיט אונגעדולד האָט ער ערוואַרטעט דעם טאָג, ווען די גרעפין וועט צו איהם וויעדער קומען. ער האָט זי געוואָלט בעטען, צו נעהמען פעדאָראַ'ן צו זיך און האַלטען זי ווי איהר קינד . . . .

אויך די גרעפין האָט ניט געקענט שלאָפען. די צווייטע בעגעגעניש מיט איהר קינד און דער שאַרפער בליק וואָס פעדאָראַ האָט אויף איהר געוואָרפען איז איהר געשטאַנען פאַר די אויגען.

אַך ווי האָט יעצט געבראָכען איהר מוטער הארץ ! מיט די גאַנצע שטאַרקייט פון איהר כאַראַקטער האָט זי דיעזען געפיהל ניט געקענט בייִשטעהן.

איהר קינד, איהר פלייש און בלוט ! פעדאָראַ איז דאָס בילד פון איהרע יונגע יאָהרען. און דיעזעס קינד דיענט אין אַ פרעמדע הויז, רעכענט די אַלטע אורזולאַ פאַר איהר מוטער, און רעכענט עס פאַר איין עהרע, ווען זי קען בעדיענען דעם גראַף.

דער גראַף ליעבט זי. דאָס איז קיין צווייפעל ! זי האָט עס פערשטאַנען פון זיינע אויגען און האָט עס געדרונגען פון זיינע פראַגען. אַך, ווי ליעבענסווירדיג איז איהר קינד פעדאָראַ. ווארום זאָל זי, די מוטער דאָס קינד פון זיך פערשטויסען.

אָבער וואָס וועט די וועלט זאָגען ? ווי וועט זי דער גראַף בעטראַכטען ? וועט ער דען ליעבען דאָס מעדכען, וואָס זיין פאָטער'ס פרוי האָט געבראַכט מיט זינד אויף דער וועלט ?

ניין, ניין. דאָס מוז בלייבען אַ געהיימניס, ביז איהר טוידט.

אָבער איז ניט איהר פפליכט צו שטאַרבען פאַר איהר קינד ? דאַרף זי ניט פערריכטען איהר אַמאָליגע זינד מיט איהר לעבען ! יאַ, דאָס שיינט דער איינציגער וועג ווי אַזוי צו רעטען איהר טאָכטער און זיך.

אין אַזעלכע געדאַנקען האָט זי פערבראַכט די גאַנצע נאַכט. זי האָט געפיבערט, זי האָט געציטערט. זי איז שוואַך געוואָרען ווי אַ קינד. דער געדאַנק: שטאַרב פאַר דיין קינד, שטאַרב פאַר דיין זינד איז פון איהר ניט אָבגעטראָטען.

ענדליך איז געקומען דער פריהמארגען.

דיא גרעפין האט זיך אויפגעהויבען פון בעט און האט אנגעשריעבען איניגע צייל֒ען, וועלכע זיא האט פערזיגעלט אין א קאנווערט און האט אבגעשיקט צו איהר שטיף־זוהן דורך איהר געטרייע קאמער פרוי.

באלד איז זיא ווידער געבליעבען אליין.

איניגע מאל איז זיא ארומגעגאנגען איבער איהר צימער, וויא איינע וואס איבערלעגט א לעצטען שריט.

ענדליך האט זיא זיך בעשלאסען.

זיא האט זיך ווידער געזעצט ביי'ן טיש, האט גענומען איניגע בלעזער פאפיר און האט אויף זיי געשריעבען און געשריעבען.

א פאאר שטונדען וואר זיא בעשעפטיגט מיט דעם שרייבען ווען איהר ארבייט איז געווען פערטיג, האט זיא זיך אויפגעהויבען, האט ארא־בגענומען דעם שליסעל פון איהר האלז און האט אויפגעשלאסען דיא געהיימע קלאפע איבער איהר בעט. פון דארט האט זיא ארויסגענומען א קליינע פלעשעלע.

זיא האט מעהר ניט געטראכט, זיא האט דיעזע פלעשעלע צוגעטראגען צו איהר מויל און האט אויסגעטרונקען דיא פליסיגקייט וואס דארט איז געוועזען.

אבער איידער זיא האט צייט געהאט ארויסצונעהמען דעם געטראנק פון מויל האט זיך דיא טהיר פון איהר צימער געעפענט און גראף אטטא אנגעלעהנט אויף פעדארא'ן און דער קאמער־פרוי עליזא זיינען אריין.

— האלט! מוטער! האלט! — האט דער גראף אויסגערופען אלס ער האט דערזעהן וויא זיין שטיפמוטער טרינקט פון דאס פלעשעלע.

עס שיינט אבער צו זיין צו שפעט. דיא פלעשעלע וואר לעער און דיא גרעפין איז געפאלען אויף איהר שטוהל.

— שנעל איין ארצט! — האט דער גראף געשריען — דיא גרעפין איז פערגיפטעט! אה מוטער, וואס האסט דוא געטהאן!

אויך פעדארא איז געווארען בלאס און האט געשריען מען זאל לויפען נאך א דאקטאר.

עליזא האט קיין אויגענבליק ניט געווארט און איז ארויסגעלאפען פון הויז צו ברענגען א דאקטאר.

אין דיעזער פערצווייפלונג האט זיך פלוצלינג געעפענט א פארהאנג און דיא גרעפין ערנא איז ערשיענען אויף דער סצענע

— שרעקט אייך ניט! — האט זיא אויסגערופען — דיא גרעפין איז בלויז ער-שראָקען און איבערראשט, אבער ניט פערניפטעט.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס? — האט גראף אטטאָ געפרעגט.

— ווייל זיא האט געטרונקען וואסער ניט גיפט?

— ערקלעהרט זיך דייטליכער!

— נאָמיר צוערשט אָפמינטערען דיא גרעפין, דען זיא איז בלויז אין אָנ-מאכט, נאכדעם וועל איך אייך אלעס ערצעהלען.

אלע דריי האבען זיך גענומען בעשעפטיגען ארום דער גרעפין, וועלכע וואר גליקליכער ווייזע ניט מעהר, ויא מאכטלאָז.

— וואו בין איך? — האָט דיא גרעפין געפרעגט צומישט ווען זיא האט גע-עפענט דיא אויגען — לעב איך?

— יאָ, מוטער! — האָט דער גראף אויסגערופען.

— דאָס ביסט דוא אָטטא? — האָט דיא גרעפין געפרעגט.

— איך, דיין פריינד, וואָס פערצייעט דיר אלעס.

— און יענע דאָרט, איז זיא פעדאָרא?

— יאָ.

— און ווער איז דיא דריטע?

— איך ערנא, וועלכע האָט געגען אייך געזינדיגט, אָבער דערמיט גערעטעט אייער לעבען.

— וויא זאָ?

— דערמיט וואס איך האָב אומגעביטען דיא גיפט אויף וואסער.

— וויא קומט איהר צום גיפט?

— איך האב עס געפונען אין דעם געהיימען אָרט.

— זאָ! — האָט דיא גרעפין אויסגערופען — איהר ווייסט אלזאָ מיין געהיימניס.

— יאָ, גרעפין, איך בעט אייער פערצייאונג, — האט ערנא געענטפערט — איך בין גראדע געוועזען אין צווייטען צימער, ווען דיא אלטע אורזולא האָט מיט אייך גערעדט, איך האָב אלעס געהערט. ניט ווילענדיג האב איך אויך געזעהען וויא איהר האט בעהאלטען דיא דאָקומענטען אין דעם געהיימען אָרט. דאָס האָט מיך נייגעריג געמאכט. איך האָב זיך פערשאפט א שליסעל און האָב דיא קלאַפע געעפענט ווען איהר זייט אוועקגעפאָהרען בעזוכען דעם גראף. דאָרט האָב איך אלעס אויסגעפונען. איך האָב דאָרט אויך געזעהען אייער טאָגע-בוך און פון איהם האָב איך געוואוסט,

אז דיא פלעשעלע ענטהאלט גיפט. איך האב דיא גיפט צוגענומען און האב דיא פלעשעלע אָנגעפיהלט מיט וואסער.

— אַלזאָ דוא ווייסט אַלעס! — האט דיא גרעפין געזאגט — דוא ווייסט, אז דיעזע פעדאָרא איז מיין טאָכטער!

פעדאָרא האט ביי דיעזען וואָרט א שוידער געטהאָן.

— וואָס האט איהר געזאגט, מוטער? — האט דער גראף מיט איבערראשונג געפרעגט.

— וואס? — האט פעדאָרא אויסגערופען — דיעזע פרוי איז מיין מוטער? אה, יעצט פערשטעה איך אַלעס.

— יא, מיינע קינדער! — האט דיא גרעפין געענטפערט און האט בעהאלטען איהר געזיכט — איך האב אייך געשריבען איהר זאָלט זאָפאָרט קומען אום צו געפינען מיין טוידטען קערפער. דארט אויפ'ן טיש ליעגט א בריעף צום גראף, און וועלכען אלעס ווערט אין קורצען ערצעהלט. מיין פלאן איז מיר ניט געלונגען און איך מוז איבערלעבען דיעזע שאנדע, וועלכע איך האב אזוי לאנג, אזוי גליקליך בעהאלטען. יא, פעדאָרא איז מיין טאָכטער. דיא זינדיגע מוטער האָט דאָס געוואָלט פערלייקענען אבער עס איז אונמעגליך.

— זייט איהר מיין מוטער! — האט פעדאָרא געזאָגט און איז געפאלען אויף דיא קניע פאר דער גרעפין — און איך האב פאר אייך אזוי פיעל מורא געהאט.

— דוא ביזט מיין קינד! דיא קינד פון מיין ליעבע, — האט דיא גרעפין געענטפערט און האט זיך צרוויינט — אך, וויא וויל איך שטארבען. אין מיין בריעף האב איך דעם גראף געבעטען, ער זאל דיך שיצען וויא זיין שוועסטער, ליידער איז דער סוד ארויס און דע. גראף וועט אונז ביידען פעראכטען!

— דאָס וועט ניט געשעהן! — האט דער גראף אויסגערופען — אין דער קורצער צייט האב איך געלערענט, אז יעדער מענש קען אמאָל פערבלאָנדזשען. מיר זיינען קיין מאָל ניט אין אונזער האנד. איך וועל ניט בעשולדיגען דיא טאָכטער אין איהר מוטער'ס אונגליק, און וועל ניט בעשולדיגען דיא פרוי, וואס פאלט איין אָפפער פון א פאלשען מאן, וויא איך קען ניט בעשולדיגען דעם מאן, וואס ווערט איין אָפפער פון א פאלשער קאָקעטע. דיא וואונד אין מיין לייב לערענט עס מיך. מוטער איך וויל דיר יעצט זאָגען, אז פעדאָרא וועט זיין מיין שוועסטער, זיא וועט זיין מיין פרוי!

— מיין גאָט! — האָט פעדאָרא אויסגעשריען — וואָס פאר א טאָג האב איך דערלעבט. א נייע מוטער איז מיר יעצט געגעבען געוואָרען. א מוטער וועלכע האט

מיך און זיך פערוואָרפען, האט מיך יעצט אנערקענט. דאס שיינט צו זיין ווענינ פאר מיין שיקזאל. עטוואָס בעסערעס איז פאר מיר בעשטימט!

— איז דאָס דיין ערנסט אָטטאָ? — האָט דיא גרעפין געפרעגט.

— דאס איז מיין ערנסט, מוטער! איך ליעב דיעזע פעדאָרא, זיא איז איין אמת'ער ענגעל.

— אָבער איהר אבשטאַמונג?

— דאָס קימערט מיך ניט. מענשען איררען זיך! דיא שולד פון דער מוטער פאלט ניט אויפ'ן קינד. איך האָף, אז פעדאָרא'ס אָבשטאַמונג וועט בּרייבּען א געהיימניס פאר דער גאנצער וועלט. ערנא וועט אונז ניט פערראַטהען!

– ביי גאָט, איך וועל אייך ניט פערראַטהען! — האט ערנאַ געשוואָרען — איך וועל נור פערלאַנגען איין לאָהן, געמליך, איהר זאָלט מיר העלפען צו הייראַטהען דעם מאַן, וועלכען איך ליעב.

דיעזער פערשפּרעכען איז ערנא'ן געגעבען געוואָרען.

דיא גרעפין האט דאַן ארומגענומען איהר קינד און האָט זיא געקוסט.

— יעצט זאָלסט דוא זיין געבען מיר! — האָט זיא געזאגט — דוא זאָלסט זיין דאס קינד פון מיין הערצען, אָבער פאר דער וועלט זאָלסט דוא זיין מיין קינד דורך דיין הייראַטה מיט דעם גוטען, אדעלען גראַף.

פעדאָרא'ס פריידע וואר אונבעשרייבּליך. זיא איז ניט געווען גליקליך צו זיין דער גרעפינ'ס טאָכטער; אָבער דער גרעפינ'ס שנור, דאס וואר איהר גליק.

אין איהר העכסטען גליק, האָט זיא ניט פערגעסען, איהר מוטער אורזולא, וועלכע האט איהר אזוי גוט און עהרליך ערצאָגען. זיא האט פערלאַנגט, אז איהר ערציהערין זאָל זיין נעבען איהר.

נאך א לאנגער בעראַטהונג איז געבליעבען בעשטימט דאס דער גראַף און פעדאָרא, וויא אויך אורזולא זאָלען אָברייזען נאך פּאַריז אזוי שנעל וויא דער גראַף וועט געזונד ווערען. דאָרט זאל פעדאָרא זיך אויסבּילדען. אין איינינע יאָהר זאָלען זיי צוריקקומען און זאלען הייראַטהען.

דיעזער פלאַן איז קיין מאל ניט געשטערט אדער געענדערט געוואָרען.

21טעס קאַפּיטעל.

אין פּאָליציי=הויז.

אין דער גרויסער בערלינער פּאָליציי־הויז איז מען שטארק בעשעפטיגט. עס איז אויף מאָרגען נאך דעם איבערפאל אין מאדאם סימפּסאָנ'ס הויז און צוויי וויכטיגע זאכען וערען יעצט פערהאַנדעלט.

אננא זיעבעל, דיא געליבטע פון ארטהור מענצעל איז געבראכט געווארען פון אויסבורג און זיא ווערט פערהערט אין דער אנגעלעגענהייט פון מענצעל'ס טויט אויך לינא דיא פרוי פון דעם טוידטען פאליציי־קאמיסאר סאמער, איז געלאדען געווארען צום פערהער און מאדאם סימפסאן און איהרע געסט זיינען אויך געשטעלט געווארען צו דער אונטערזוכונג.

דיא אלע פערזאנען האבען זיך געפונען אין איין זאאל. דער קרימינאל קאמיסאר ווינטער, האט זיי אלעמען פארבערייט צו דער אונטערזוכונג און דער דעטעקטיוו זענדיג, צוזאמען מיט דער אונגליקליכער מרים מעהרען ווארען אויך ביי דער האנד אום אויפצוטרעטען אלס עדות.

ווער וואלט עס געגלויבט, אז דיא אלע פערזאנען אין פאליציי־הויז, וועלכע קענען וועניג איינע דיא אנדערע, זיינען פערבונדען דורך איין אינטריגע, וואס איז אויסגעפלאכטען געווארען פון איין פערזאן, נעמליך דיא פערזאן, וועלכע איז ערמארדעט געווארען אין האטעל וואשינגטאן—ארטהור מענצעל.

דער שיקזאל האט עס געוואלט דאס דיעזע אלע זאלען צוזאמענקומען אום דיא שרעקליכע מערדערייען און גוואלטיגע אינטריגען צו בערויבען בערעכטיגטע יורשים פון זייער רעכט זאלען ארויס.

צוערשט זיינען פערהערט געווארען דיא פערזאנען אין דעם מארד פון ארטהור מענצעל.

אלס ערסטע איז אויפגערופען געווארען אננא זיבעל.

נאכדעם וויא דיא געוועהנליכע צערעמאניען פון נאמען, אדרעסע א. ז. וו. איז אבגעפערטיגט געווארען, האט זיך ווינטער געווענדעט צו דער ערשראקענער אננא מיט דער פראגע:

— ווען האט איהר זיך בעקענט מיט ארטהור מענצעל?

— איך געדענק ניט! — האט אננא געענטפערט.

— האט איהר נאך דאמאלס געארבייט אין פאבריק?

— יא.

— און איהר האט איהם שוין דאן געליעבט?

— יא, — האט אננא געענטפערט און האט אראבגעלאזען איהר קאפ.

— אבער דיא דעטעקטיוו'ס וואס האבען בעזוכט אויסבורג, האבען אויסגעפונען, אז צו יענער צייט האט איהר געליעבט א געוויסען פראנץ שטאנד. אזוי האט איהר געשווארען אין געריכט?

— איך האָב געשוואָרען דיא וואהרהייט? — האט [illegible] און האט זיך געהיט איהר בליק זאָל ניט פאַלען אויף מרים׳ן.

— האָט איהר געלעבט בײדע צוזאמען?

— יאָ......

— וויא קומט עס דאס אזוי שנעל, וויא פראַנץ שטאַנד איז אויף אייער עדות פער׳משפט געוואָרען זייט איהר ארויס פון פאַבריק און האט אנגעפאַנגען פיהרען א רייכען לעבען?

— דאס קומט...... דאָס קומט — האָט אננא געשטאַמעלט און האט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען — דאָס קומט דערפון וואס ארטהור מענצעל איז פריי געוואָרען פון קאָנקורענט און דארום האט ער מיר געגעבען געגוג געלד.

— דאָס שיינט אלזאָ, אז מענצעל האט געהאט איין אינטערעסע פראַנץ שטאַנד זאָל פעראורטהיילט ווערען, אום ער זאָל אייך האבען אין גאַנצען פאַר זיך, און אז איהר האט פראָפּעטירט פון פראַנץ׳ס פאַל.

— דאס ווייס איך ניט, — האט אַננא געענטפערט און האט אין הארצען גע־נומען דענקען, אז מענצעל איז בעגאַנגען דעם מאָרד פאַר וועלכען פראַנץ איז פערמשפט געוואָרען.

— אָבער איהר ווייסט עס אויף זיכער! — האט דער קרימינאל בעאַמטער געדאָנערט — דען איהר האט געוויזען געוויסענסביסע, נאכדעם וויא פראַנץ איז אנטלאָפען פון געפענגניס.

— איך? קיין מאל!

— און אייער בעזוך אין קלעאָפּאַטרא? — האט דער בעאַמטער געפרעגט מיט א וואונק.

— אָה, דאָס איז פאַר ראַכע.

— פרייליין, — האט דער קרימינאל בעאמטער אויסגעשריען — איך וויל פון אייך דיא וואהרהייט. עס וועט אייך געהן שלעכט ווען איהר וועט אונז אויך לייקענען. מיר האבען א דאָקומענט, וועלכען מיר האבען געפונען ביי דעם ערמאָרדע־טען מענצעל, דאס איהר האט זיך פערדונגען צו זאָגען פאַלשע עדות און אז אייער פרייז דערפאַר איז געוועזן א פיערטעל מילליאָן. איהר האט צייט צוריקצונעהמען אייער פאַלשע שבועה אום ארויסצוגעהן פריי פון דיעזער געביידע.

— איך.... איך...... איך האב געזאָגט דיא וואהרהייט.

— איהר לייגט! ארטהור מענצעל האט ערמאָרדעט דעם גראַף פאָן מעהרען און איהר האט איהם געהאָלפען אין דעם!

— איך ? ! — האָט אננאַ אויסגעשריען מיט שרעק — ניין, דאָס איז ניט וואהר.

— אָבער אזוי ציינגען די בעווייזע ! — האָט דער קאָמיסאר געזאָגט — מענצעל האָט זיך פאר אייך ניט געקימערט ביז די נאַכט וואָס דער גראַף איז ערמאָרדעט געוואָרען. ער האָט אייך פערשפּראָכען א רייכטהום אין פאַל ווען איהר וועט זאָגען עדות געגען פראַנץ שטאַנד. עס איז פאר אונז קלאָהר, אז אַרטהור מענצעל האָט פערשאַפּט די שטעלע אין מינכען צו פראַנץ שטאַנד. דאָס פיהרט אונז צו גלויבען, אז ער האָט איהם געשיקט נאָך מינכען אום אויף איהם צו מאַכען דעם בלבול. קענט איהר עס לייקענען ?

— יא ! — האָט אננאַ ענטשלאָסען געענטפערט.

— איהר זייט געווען מענצעל'ס געליעבטע, — האָט דער קאָמיסאר אָנ־געפאנגען מיט גוטען — איהר האָט אַלזאָ בעדאַרפט וויסען, ווער קען זיין דער מענש וואָס זאָל איהם וועלען נעהמען דאָס לעבען ?

— ניין.

— האָט איהר איהם אמאָל געהערט ריידענדיג פון א פּאָליציי קאָמיסאר סאָמער ?

— ניין.

— אין דעם ערמאָרדעטענס טאַשען האָבען מיר געפונען פּאַפּיערען וואָס בעלאַנגען צו א געוויסען רודאָלף מענצעל. קענט איהר אונז זאָגען, אויב אייער געליעבטער האָט געהאַט א ברודער מיט אזא נאָמען ?

— איך ווייס ניט.

— האָט איהר געזעהען דעם טוידטען ?

— יא.

— ערקענט איהר איהם פאר אייער געליעבטען ?

— יא.

— וואו האָט ער געדאַרפט קריגען דאָס געלד, וואָס ער האָט אייך פער־שפּראָכען ?

— איך ווייס ניט.

— האָט איהר געוואוסט, אז מענצעל לעבט אין בערלין מיט דעם נאָמען מר. וועלער ?

— ניין.

— ווייסט איהר ניט, וואָס פאר א געשעפט האָט מענצעל געפיהרט ?

— ניין.

— איז אייך קיין מאָל ניט אויפגעפאַלען פון וואַנען ער האט אזוי פיעל געלד?

— ניין.

— קענט איהר מרים מעהרען?

— יא.

— האט איהר געשוואָרען צו נעהמען פון איהר ראַבע?

— יא, זיא האט פון מיר צוגענומען מיין געליבטען.

— קענט איהר דעם מאַן וואָס האט זיא פערפיהרט אין איין שלעכטע הויז?

— ניין.

— איז דאָס ניט געווען א פלאַן פון אַרטהור מענצעל צו ערפילען אייער וואונש צו פערדאַרבען דיא געוועזענע גרעפין?

— איך וויים ניט.

— קענט איהר א מאַן וואָס זעהט אויס, וויא פראַנץ שטאַנד?

— ניין.

— דאָס איז אַלעס! — האט דער קאָמיסאַר געזאָגט און האט געגעבען א צייכען מען זאָל דיא מיידעל אָפפיהרען.

דיא גאַנצע צייט פון פערהער איז אננא געווען האַרט וויא א שטיין. זיא האט זיך געהאַלטען ביי איינס און האט געענטפערט קורץ אויף יעדע פראַגע.

קוים האט מען זיא אָבגעפיהרט פון קאָמיסאַרס געזיכט און זיא איז געווען אליין אין איהר צעלע, האָט זיא אַנדערש גענומען דענקען.

— איך בין א געפאַנגענע! — האט זיא צו זיך געזאָגט — פון דעם קאָמי־סאַר'ס רייד האָב איך געהערט, אז איך וועל געהאַלטען ניט נור פאַר א פאַלשער עדות, נור אויך פאַר א מערדערין. ווער וויים צו וואס דיא געשיכטע קען זיך ענט־וויקלען. איך האָב געזעהן מרים'ן אין געריכט. איך האָב געזעהן א סך פערזאָנען, ווער וויים פיעללייכט ווערט דאָ געגראָבען א קבר פאַר מיר. יא, פיעללייכט איז מענצעל ווירקליך געווען דעם גראַף'ס מערדער? נור וואָס קימערט מיר דער מער־דער, איך וויים, אז פראַנץ שטאַנד איז אונשולדיג. אך אננא, אננא צו וואס דוא ביזט געזונקען.

און זיא האט זיך צו־וויינט. איהר האַרץ, וועלכע האט לאַנג גענומען פיהלען געוויסענסביסע איז יעצט אין גאַנצען צובראָכען געוואָרען. זיא האט געזעהן איהר סוף. פערראַטעט פון דער גאַנצער וועלט, מיט א שווערע לאַסט אויף איהר געוויסען, דיא האָפנונג אויפ'ן פערטעל מיליאָן פערשוואונדען זיצט זיא דא געפאַנגען און אין איהרע אויערען קלינגען דיא שאַרפע אַנקלאַגען פון שטרענגען קאָמיסאַר.

— וואס האב איך נאך צו זוכען? — האט זיא געפרעגט — מיין ראליע איז אויסגעשפיעלט. אך, ווען איך וואלט נור קענען ארויס פריי פון דיעזען הויז, איך וואלט באלד פערלאזען דייטשלאנד. נאך אמעריקא, נאך אמעריקא, אהין וואלט איך געלאפען.

אבער זיי ווען מיך דא האלטען! זיי וועלען מיך בעשולדיגען אין אלע חטאים. איך וועל פון דאנען ניעמאלס ארויס.

אך, ווען איך ווייס, אז מיין ערצעהלען דיא גאנצע וואהרהייט וועט פאר מיר עפענען דיעזע טהירען און לאזען א געלעגענהייט צו אנטלויפען ווייט פון דיעזען לאנד.

וועהרענד אננא האט אזוי געטראכט איז אין פאליציי־הויז דיא אונטערזוכונג פארטגעזעצט געווארען. אלס נעכסטער עדות איז גערופען געווארען לינא סאמער.

דיעזע שעהנע פרוי איז אין דער קורצער צייט אין גאנצען פערענדערט געווארען. דער קאליר פון איהר געזיכט איז פערשוואונדען. זיא וואר מאגער, בלאס און שוואך.

— מאדאם, — האט דער קרימינאל קאמיסאר געזאגט — האט איהר א מאל געזעהן אין אייער הויז דעם ערמארדעטען אמעריקאנער, אדער וויא מיר קענען איהם יעצט אונטער דעם נאמען ארטהור מענצעל?

— ניעמאלס! — האט לינא געענטפערט מיט א שוואכען קול.

— קענט איהר אונז זאגען וואס פאר א געשעפטען אייער מאן האט געהאט מיט דעם ערמארדעטען?

— מיין מאן וואר אימער קאלט און גלייכגילטיג צו מיר. ער האט מיר זיינע געשעפטען ניעמאלס פערטרויט.

— האט איהר איהם אמאל געהערט ריידענדיג פון א געוויסען מר. וועלער, אדער הערר מענצעל.

— קיין מאל גיט.

— אין דעם ערמארדעטענ׳ס טאשע האט מען געפונען דאקומענטען, אז ער, מענצעל איז בערעכטיגט צו א גרויסע ירושה אין פאל ווען ער וועט קיין מאל ניט פעראורטהיילט ווערען פאר א פערברעכען. איז אייך פיעללייכט בעקאנט, אז דיזער מענצעל און אייער מאן ווארען פערבונדען אין א פערברעכען, וואס האטביידען געהאלטען איינע אן דיא אנדערע.

דיעזע פראגע האט געעפענט דיא אויגען פון דער שוואכער פרוי. א נייע ליכט

איז איהר אויפגענאנגען. און וויא איינע וואס געפינט א שליסעל צו א גרויסע געהיימניס איז זיא אויפגעשפרונגען פון אָרט און האט מיט פייער אויסגערופען.

— הערר ווינטער, וואָס צווישען מיין מאַן און דעם ערמאָרדעטען איז פאָרגעקומען איז מיר אונבעקאַנט, אבער אייער לעצטע מיטטהיילונג האט מיר געבראַכט צו איין אידעע.

— און דאָס איז?

— דאס איז פאָלגענדעס: היער אין בערלין האט זיך געפונען א יונגער מאַן מיט'ן נאָמען רודאָלף מענצעל. דיעזען יונגען מאַן האב איך געקענט. ער האט געהאט אַללבע דאָקומענטען אויף א ירושה מיט דיעזעלבע בעדינגונגען. אלס דיעזער רודאָלף מענצעל, איז אַמאָל געפאָהרען נאך לאָנדאן אום צו ערפאהרען וועגען זיין ירושה, וואס ליעגט אין דער באַנק אָף ענגלאַנד איז ער בעפאלען און בערויבט געוואָרען. דערזעלבער רודאָלף מענצעל איז נאכדעם אונשולדיג פעראורטהיילט געוואָרען פאר א גנבה, וועלכע ער האט ניט בעגאַנגען און יעצט שמאַכטעט ער אין געפענגניס. איך שליס דערפון, דאס דער ערמאָרדעטער אַמעריקאַנער און מיין מאַן האבען געמאַכט דיא פערשווערונג צו בערויבען יענעם אונגליקליכען פון זיין גרויסען טהייל אין דער ירושה.

— און פון וואנען ווייסט איהר, אז רודאָלף מענצעל איז אונשולדיג פעראורטהיילט געוואָרען?

לינא איז רויט געוואָרען. עס האט זיך יעצט פאר איהר געהאנדעלט צו געשטעהן איהר זינד און פערפלעקען איהר עהרע אלס פרוי. זיא האט אראבגעלאָזען איהרע אויגען, צו דער ערד. ענדליך האט זיא אין דער שטיל געזאגט:

— ווייל איך וויים, וואו רודאָלף מענצעל האט זיך געפונען אין דער צייט וואס דיא גנבה איז געשעהן.

— וואו?

— ווען דאס וועט זיין נויטהיג וועל איך עס זאָגען אין געריכט. פאָרלויפיג גיב איך אייך דיעזען וועג. פאָרשט איהם נאך; זוכט אויס דיא אנגעלעגענהייט פון דער ירושה און איהר וועט קומען צו דער געהיימניס פון מאָרד.

דיא בעאַמטע און דיא דעטעקטיוו'ס האבען זיך אנגעקוקט. דער נייער וועג אין דער אונטערזוכונג איז פאר זיי ערשינען צו זיין דער ריכטיגער. זיי האבען דא יעצט דערזעהן, א טיעפערע און א גרעסערע געהיימניס אלס זיי האבען פריהער געדענקט.

ויי האבען צווישען זיך בעשפראָכען דאס עס לאהנט ניט צווינגען יעצט דיעזע פרוי, זיא זאל ענטדעקען דיא גאנצע געהיימניס. עס איז בעסער מען זאל פריהער צוזאמענקלייבען אלע פעדים פון דער אינטריגע.

לינא איז דארום ענטלאַסען געוואָרען. און באלד זיינען אריינגעבראכט געוואָרען דיא פערזאָנען וואס זיינען פערהאפטעט געוואָרען אין מאדאם סימפסאָנ'ס הויז.

— איהר האלט איין געמבלינג-הויז ? — האט דער קאָמיסאר ווינטער זיא געפרעגט ?

— דאָס האט איהר דאך געזעהן. — האט פרוי סימפסאָן געענטפערט.

— אויך איין אונאנשטענדיגע הויז פאר מענער ?

— ניין.

— וואס טהוען אין אייער הויז אזוי פיעל מיידלאך ?

— ניט מעהר וויא צו בעגייסטערען דיא מענער אין קארטען.

— און וויא קומט מרים מעהרען אין אייער הויז.

— זיא איז פריי־ווילינ געקומען !

— ליעגען ! — האט ווינטער אויסגעשריען — ליעגען ! פרוי סימפסאן איך וואָרען אייך. א שווערער פערברעכען ליעגט אויף אייער קאָפּ און איך בין אים שטאנדע צו שטעלען אייך פאר'ן געריכט און פערשיקען אייך אויף לאנגע יאָהרען אין געפענגניס. נון, איך גיב אייך א וועג וויא אבצוקומען מיט א לייכטער שטראפע. ערצעהלט מיר ווער האט אייך געבראכט דאס מיידעל אין הויז און וואס וואר דיא אבזיכט וואס מען האט זיא ביי אייך איינגעשפארט.

— און וואס וועל איך דאן האבען ? — האט פרוי סימפסאָן געפרעגט אין א געשעפטליכען טאָן.

— איהר וועט האבען דעם לאהן פון א מסור. נעמליך, אייער פרייהייט.

— וועט איהר מיר פערשפרעכען צו בעשיצען מיך פון דיא פיינדע ?

— יא. דען אלע וואס זיינען בעטהייליגט אין דעם פערברעכען, וועלען פערהאפטעט ווערען.

— און מיך וועט איהר לאזען פריי ?

— יאָ, נאכ'ן פראָצעס.

פרוי סימפסאָן, וועלכע האט אויף זיך געהאט שווערע פערברעכען האט לאנג נים געוואַרט. זיא האט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און האט געזאָגט :

— אלזאָ זאָלט איהר וויסען, דאס א שווערע אינטריגע איז דא אויפגעשפיעלט.

עס איז איין אינטריגע פאר מיללִיאָנען. פריילין מעהרען אָך איהר געליעבטער פראנץ שטאנד זיינען דיא יורשים פון דיא מיללִיאָנען פון איין צד און א געוויסער רודאָלף מענצעל פון בערלין איז פון צווייטען צד. דיעזע יורשים קענען ניט קומען צו זייער רעכט ווען אויף זיי ליעגט א פערברעכען. דאס איז דער סוד ווארום פראנץ שטאנד איז פעראורטהיילט געוואָרען פאר מאָרד, ווארום רודאָלף מענצעל איז פערשיקט געוואָרען פאר גנבה און ווארום מרים מעהרען איז געבראכט געוואָרען אין מיין הויז.

דיא פאָליציי לייטע האבען זיך אָנגעקוקט איינע דיא אַנדערע.

— און ווער זיינען דיא פערשווערער צו בערויבען דיעזע יורשים?

— דיא פערשווערער ווארען דריי. יעצט זיינען זיי נור צוויי.

— און ווער ווארען זיי?

— איינער וואר מיין מאַן. ער האט זיך גענומען דעם נאָמען ארטהור מענצעל.

— ארטהור מענצעל, דער ערמאָרדעטער פון קאָמיסאר כאָמער?

— יא, דיעזער מענצעל. זיין נאָמען איז גאַנץ אַנדערש, אָבער ער האט גע־קראָגען פאפירען און דאָקומענטען נאָך וועלכע ארטהור מענצעל איז דער נעכסטער יורש נאָך רודאָלף מענצעל. דיעזע פאפירען האט ער געקראָגען דורך איין איבערפאַל אויף רודאָלף מענצעל אין א לאָנדאָנער האָטעל.

— און רודאָלף מענצעל איז ניט בעגאַנגען די גנבה אין דעם געשעפט, וואו ער וואר אנגעשטעלט?

— ניין.

— ווער איז דען בעגאַנגען יענע גנבה?

— מיין מאַן און א געוויסער מאַקס.

— און ווי קומט עס צום שליסעל וואָס איז געלעגען אין רודאָלף'ס קליי־דער און ווי קומט דאָס געלד אין רודאָלף'ס קאַסטען.

— דאָס איז לייכטע זאכען. א מיידעל וואָס האָט געדיענט אין מענצעל'ס הויז און איז פערליעבט אין מאַקס'ן האָט אין דיעזער קלייניגקייט געהאָלפען.

— אך זאָ! און וואָס האָט כאָמער דערמיט געהאט צו טהאָן.

— כאָמער? ער האָט געוואוסט ווער דער אמת'ער גנב איז. ער האָט אויך גענומען א טהייל פון דאָס געלד, צוואר אין פאַלשע סיגנאַציעס.

— זאָ, זאָ. און ווער האָט געבראכט מרים'ן אין אייער הויז?

— ווער, מיין מאַן.

— און ווער ווער דער מאן וואס האט פערפיהרט דאס מיידעל פון איהר

— דער זעלבער וואס האט געשפיעלט פראנץ שטאנד'ס ראלע אין דער ערתג פון גראף פאן מעהרען.

— און ווער האט ערמארדעט דעם גראף פאן מעהרען?

— דאס ווייס איך נים.

— און וויא הייסט דיעזער מאן,

— אטטא באלקע.

— און וואו קען מען איהם געפינען?

— היער אין בערלין.

— און ווער האט ארויסגענומען דאס געלד אין שמידטה'ס קאנפעקטורען עפט?

— מיין מאן און מאקס.

— און ווער זיינען דיא איבעריגע אין דער פערשווערונג?

— א געוויסער דניאל, וועלכער איז יעצט אין אייער האפט, און א געוויסער יימער.

— וואו איז דניאל'ס אדרעסע.

— היער אין בערלין וואוינט ער אין האטעל וואשינגטאן.

— זייט איהר בערייט צו שווערען, אז איהר ערצעהלט דיא וואהרהייט?

— ווען איהר וועט עס אויפזוכען און אויספארשען וועט איהר דיא וואהרהייט אליין געפינען.

— וועט איהר עס וויעדערהאלען אין געריכט?

— ווען איהר וועט מיך אבשיקען בעשיצט נאך אמעריקא.

— דאס וועלען מיר גערן טהאן, נור פארלויפיג מוזט איהר זיין אונזער געפאנגענע, ביז דעם פראצעס.

דיא געפאנגענע איז ארויסגעפיהרט געווארען, און דיא פאליציי לייטע מיט דיא דעטעקטיוו'ס האבען זיך צוריק געצויגען אין זייער פריוואט צימער צו בעראטהען זיך וואס דא זאל געטהאן ווערען.

צוערשט איז בעשלאסען געווארען דאס אטטא באלקע און מאקס און זיין געליעבטע זאלען פערהאפטעט ווערען.

דאן איז בעשלאסען געווארען, אז זענדינג זאל פאהרען נאך מינכען אום דארט

(Mu., 62).

צו געפינען דיא געהיימניס פון מאָרד און ענטדעקען דעם מערדער. און ווינסער זאָל זיך נעהמען אויספאָרשען וועגען דער ירושה פון דעם מיללייארד און זאָל זעהן וואס פאר א בעווייזע עס גיעבען פיר דיא אמת׳ע יורשים.

דיא אונערוואַרטעטע ענטדעקונג וואס איז געמאכט געוואָרען דורך דעם צופאל פון ארטהור מענצעל׳ס טוידט און דעם ארעסט אין מאדאם סימפסאנ׳ס הויז האט דיא דעטעקטיוו׳ס אזוי בעגייסטערט צו דער ארבייט, דאס יעדער פון זיי האט זיך געוואָרפען צו דער ארבייט מיט׳ן גאנצען פלייס.

זענדיג׳ס ערסטער וועג איז געווען צום אלטען קלעמענס.

ער האט דיעזען אלטען געפונען אין זיין צימער אין האָטעל.

קלעמענס איז ארומגעגאנגען איבער זיין צימער אהין און צוריק און וואר פערזונקען אין טיעפע געדאנקען.

ער האט דאך געוואוסט דעם סוד פון דעם מאָרד. ער האט דאך געוואוסט נאך מעהר וויא דאָס: ער האט געוואוסט ווער מרים איז און וואו איהר מוטער, דיא פירסטליכע טאָכטער געפינט זיך.

זאָל ער ברעכען זיין שבועה און זאָל אלעס ארויסזאָגען אום צו העלפען מרים׳ן אין איהר נויטה?

ניין, ניין, דאס קען ער ניט. ער קען ניט ברענגען דיא שאנדע אויפ׳ן גראף׳ס נאָמען. ער האט דאך דאס געשוואָרען. ער קען אויך ניט ברעכען דאס הערץ פון פיעלע אונשולדיגע. ער קען אויך ניט ארויסגעבען דאס געהיימניס פון מרים׳ס מרטער, וועלכע אלע רעכענען פאר טוידט.

אין דיעזע געדאנקען וואר ער פערטיעפט אלס דער דעטעקטיוו קלעמענס איז צו איהם אריינגעקומען.

דעם דעטעקטיוו׳ס שארפע אויגען האבען באלד בעמערקט, אז עטוואס וויכטיגעס געהט יעצט פאָר אין דעם אלטען גערטנערס קאפּ און ער האט בעשלאָסען צו בענוצען דיא געלעגענהייט און צו נעהמען דעם אלטען מיט שטורם.

— גוט מאָרגען, ליעבער קלעמענס! — האט ער אויסגערופען מיט פריידע.

— אָה, הערר זענדיג, דאס זייט איהר!

— יא, און איך האב גוטע נאכריכטען פאר אייך.

— גוטע נאכריכטען? וועלכע?

— פראנץ שטאנד איז אונשולדיג.

— וואס, איהר ווייסט דעם סוד?

— יא. איך פאָהר באלד נאך מינכען.

— אום גאָטעס נאָמען! — האָט קלעמענס אויסגערופען — לאָזט דיא גרעפין צורוה. זיא איז זא וויא זא פעררירקט פון געוויסענסביסע, און זיא איז דאָך ניט אין אלעס שולדיג. איהר געליעבטער פּאול ראַדאָוו, איז דער מערדער!

קלעמענס האָט ניט געוואוסט, אַז דער דעטעקטיוו האָט איהם אויסגענאַרט און האָט פון איהם נעקראָגען דיא גאַנצע געהיימניס.

— דאָס ווייס איך! — האָט זענדיג גאַנץ גלייכגילטיג געזאָגט — איך וועל אויך בעשיצען דיא גרעפין צוליעב איהר טאָכטער העדוויג. אָבער פּאול ראַדאָוו מוז זיין שטראָפע ערהאַלטען, דאָס איז נויטהיג צוליעב פראַנץ שטאַנד׳ס פרייהייט.

— איהר האָט רעכט, איהר האָט רעכט! איך דאַנק גאָט וואָס דער סוד איז ארויס אָהן מיר.

— יאָ, — האָט זענדיג געזאָגט און האָט איהם שאַרף אַנגעקוקט — אָהן אייך האָבען מיר אויך ערפאַהרען ווער מרים איז און וואָס פאַר איהר איז פאָרבערייט.

— וואָס רעדט איהר? — האָט קלעמענס אויסגעשריען — האָט איהר פיעל־לייכט ארויסגעקראָגען מיין טאָגע בוך!

— דאָס ניט! — האָט דער דעטעקטיוו קלוג געזאָגט — אָבער דעם גראַף פאָן מעהרען׳ס טאָגע-בוך איז אין אונזער האַנד. אונז שיינט אָבער, אַז אייער בוך האָט מעהר איינצעלהייטען.

— דאָס איז אונגלויביג! דער גראַף האָט אַזאַ בוך ניט געשריעבען.

— אָבער איהר זעהט דאָך. אַ בעוויז איז דאָס מרים שטאַמט פון אַזאַ אָרט, דאָס פאַר איהר ליגען יעצט מילליאָנען ירושה!

דיעזע לעצטע ווערטער האָבען געטראָפען אין ציעל. קלעמענס וועלכער האָט געוואוסט, אַז מרים שטאַמט פון אַ פירסטליכער הויז, האָט אין דעם געזעהען אַ וואַהרהייט. ער וואַר יעצט איבערציינט, אַז דער דעטעקטיוו זאָגט דיא וואַהרהייט און מיט ענטציקען איז ער ארויפגעפאַלען אויף זיין האַלז און האָט זיך צו־וויינט.

— אָה פריינד, איהר זייט מיין רעטער. דיא צוויי געהיימניסע האָבען געדריקט מיין אַלטעס הערץ. איך האָב ניט געוואָגט צו ברעכען מיין שבועה. אָבער אַז איהר ווייסט אַלעס, וועל איך פערשפּאַרען דיא מיהע צו ערצעהלען אייך דיא געשיכטע. אַלעס וואָס איך ווייס איז דאָ אין מיין טאָגע בוך. היער איז ער.

וויא אַ הונגעריגער אַזוי האָט זענדיג אַ חאַפּ געטהאָן דעם בוך וועלכען קלעמענס האָט איהם געוויזען, און ביידע זיינען אוועק אין פּאָליציי־הויז. זענדיג האָט בלויז געפיהלט, אַז ער טראָגט אַ גרויסע געהיימניס אונטער זיין אָרם, ווערהענד קלעמענס איז גאָבגעגאַנגען ווייל ער האָט זיך און בוך ניט געקענט שיידען.

22טעס קאַפּיטעל.

ער איז דאָ.

באַלד וויא זענדיג האט געקראָגען דעם טאַגעבוך וואס קלעמענס האט גע־שריבען האט ער זיך מיט איהם בעגעבען צום פּאָליציי־הויז און האט אויפגעזוכט דעם קרימינאַל קאָמיסאַר ווינטער.

קלעמענס האט פון איהם ניט אָבגעטראָטען און טראָץ יעדע ווארנונג איז ער מיט דעם דעטעקטיוו אריין אין קאָמיסאַר׳ס פּריוואט צימער.

דער קאָמיסאַר איז יעצט געזעסען ביי זיין שרייב-טיש און האט דורכגעקוקט א פּאַק מיט פּאַפּירען, צווישען וועלכע עס איז געלעגען א גאַנץ דיקער געשריבענער בוך. ער וואַר אזוי פערטיעפט אין דיא פּאַפּירען דאס ער האט ניט געזעהן וויא דיא טהיר האט זיך געעפענט און דיא צוויי מענער זיינען אריינגעקומען.

– וואָס לעזט איהר יעצט, הערר קאָמיסאַר? — האט דער דעטעקטיוו געפרעגט.

— אָה, הערר זענדיג! — האט ווינטער אויסגערופען — גוט וואס איהר זייט געקומען. איך האב ערסט געמאכט איין איבערפאַל אויף דעם צימער, וועלכען דניאל האט בעוואָהנט אין האָטעל וואשינגטאָן און האב פון דאָרט צוגענומען דיעזע פּאַ־פּירען. עס שיינט, אז דורך דיעזע פּאַפּיערען וועלען מיר קומען צום שליסעל פון דער געהיימניס.

— האט איהר שוין איינינע פּאַפּירען דורכגעלעזען? — האט דער דעטעקטיוו געפרעגט.

— יא, היער האב איך געפונען א קאָפּיע פון א צוואה, וועלכע איז אַלט 101 יאָהר. נאך דיעזער צוואה פאַלט א גרויסער פערמעגען, ביינאהע א מילליארד אויף דיא קינדער וואס שטאמען פון א געוויסען יוסטיס פאָן בראַנד, אָדער אויף דיא קינדער פון א געוויסען נאָטליעב ליעבערעכט שענעבאָרען. מיר שיינט אז דאס איז דיא ירושה פון וועלכער מיר האבען געהערט ביי דער פערשוועורונג.

— און וואס האט איהר נאך געזעהן? – האט זענדיג געפרעגט.

— איך האב דא געפונען א שטאם בוך, וועלכער פיהרט צו בעווייזען דאס א געוויסע אירענע, איין קינד פון דער קעניגין עליזאבעטהא און דעם גראף פון עסעקס׳ס איז דיא מוטער פון א געוויסער אנגעליקא, דיעזע אנגעליקא איז וויעדער דיא מוטער פון איין אנדער קינד, איין מעדכען און איין מאַן, א געהיים־ראַטה יוסטיס פאָן בראַנד, דאס מוז זיין דיזעלבער יוסטיס פאָן בראַנד, וואס זיינע קינדער

זיינען בערעכטיגט צו דער גרויסער ירושה. פון דיעזען פונקט אָן צוטהיילט זיך דער שטאם בוך אין צווי צווייגען. איין צווייג זיינען דיא קינדער פון גערהיים־ראטה, וועלכע קומען ביז א געוויסען באראָן פאָן ערלען. דיעזער באראָן פאָן ערלען האט צווי קינדער, א זאָהן, אטאמאר פאָן ערלען און א טאָכטער וועלכע וואר דיא פרוי פון א געוויסען פירסט פאָן קאראראַ אין איטאַליען......

— מיין גאָטט! — דאס איז מרים'ס גראָססמוטער! — האט קלעמענס ביי דעם לעצטען וואָרט אויסגעשריען און איז באַלד געפאַלען אין אונמאכט.

— מענש! — האט ווינטער אויסגעשריען — וויא קומט מרים מעהרען צו זיין דער אייניקעל פון א פירסטין?

— וויא? לעזט מיין טאנע בוך. דאן וועט איהר עס אויסגעפינען — האט קלטמענס געשריען — מיין גאָטזעליגער הערר גראף פאָן מעהרען האט געלעבט דער עדיטהאָן, דיא טאָכטער פון פירסט קאַראַראַ, און מרים איז איהר טאָכטער!

— איז דאס מעגליך? איז מרים, דעם גראף פאָן מעהרענ'ס א קינד?

— ניין! ניין. זיא איז א קינד פון איין אנדערן. אבער דער גראף האט זיא גענומען צו זיך אום זיא צו ערציהען. לעזט מיין טאגע בוך איהר וועט עס וויסען. דער סוד מוז יעצט ארויסקומען, וויל מרים מיז קומען צו איהר ירושה!

וועהרענד קלעמענס און ווינטער האבען צווישען זיך אזוי געשפראכען זיינען זענדיג'ס אויגען ארומגעגאנגען צווישען דיא פאפירען אויפ'ן טיש. זיי האבען זיך אבגעשטעלט אויף א דיקען געשריבענעם בוך, וועלכען ער האט גענומען בלעטערען.

עס וואר דערזעלבער בוך, וועלכען מיר האבען שוין אמאל געלעזען צוזאמען מיט דניאל'ן עס וואר דער בוך וואס האט געשילדערט דיא שרעקליכע סצענען אויפ'ן "הארם קאסטעל" וואו אירענע וואר געפאנגען ביי א געוויסער ליסי, א פינסטערע פרוי וואס האט געוואָלט נעהמען ראכע פון דער קעניגין עליזאבעטהא עס וואר דערזעלבער בוך וואס האט ערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע, וואו א מיליאָן פונט שטערלינג איז אריינגעלעגט געוואָרען אין דיא באנק אָף ענגלאנד אום עס זאל פערטהיילט ווערען צו דיא יורשים נאך א צייט פון 101 יאהר.

וויא זענדיג האט נור דורכגעבלעטערט דעם בוך האט ער פערשטאנען זיין אינהאלט און האט עס ערצעהלט דעם קאָמיסאר.

— איידער מיר געהן ווייטער! — האט דער קאָמיסאר געזאגט — דענק איך, אז מיר ווערען פיעל פראָפעטירען, ווען מיר וועלען דורכלעזען דיעזען בוך. מיר שיינט אז דער טאגע בוך פון דיעזען הערר'ן קלעמענס, וועט זיין איין ערגיעצונג צו דיעזען בוך.

— זעהר ריכטיג! — האט דער דעטעקטיוו געענטפערט — נאָמיר איהם לעזען.

— איך בין אויך נייגיעריג צו הערען! — האט קלעמענס געזאגט — ערלויבט מיר צו זיצען דאָ.

— מיט פערגניגען! — האט ווינטער געזאָגט און האט זיך גלייך גענומען לעזען אויפ'ן קול דעם אינהאַלט פון דיעזען בוך וועלכער איז אונזערע לעזער בעקאַנט.

דיא ריהרענדע סצענען האבען געווירקט אויף דיא הארטע הערצער פון דיא פּאָליציי־בעאַמטען און ער האט געלעזען פלייסיג ביז ער איז געקומען צו דער שטעלע, וואו עס ווערט בעשריבען וויא דאס געלד איז אוועקגעלעגט געוואָרען אין באַנק אָף ענגלאַנד, און וואו עס ווערט ערקלעהרט, וויא אזוי באַראָן פאָן ערלען איז דער ערבע פון איין זייט און רודאָלף מענצעל איז דער ערבע פ̊ צווייטען זייט.

ווען זיי וואָרען צו ענדע, האט זיך קלעמענס אויפגעהויבען און האט געזאָגט:

— מיינע הערען יעצט לעזט מיין טאַגע־בוך און איהר וועט זעהן וויא מרים מעהרען איז דאס קינד פון עדיטהא, דיא טאָכטער פון פירסט פאָן קאַראַראַ, וועלכער האט געהייראַטה דיא עלטערע טאָכטער פון באַראָן פאָן ערלען.

— גוט, מיר האפען אז דער בוך בעווייזט עס דייטליך גענוג! — האט דער דעטעקטיוו געזאגט — אָבער וואו געפינען מיר א בעוויז, דאס פראַנץ שטאַנד איז אויך איין יורש אויף דאס געלד אום צו פערשטעהן און צו ערקלעהרען דעם מאָרד בלבול אויף איהם?

— דאס איז דיא איינציגע געהיימנים וואס שטעהט אונז אין וועג! — האט זענדינג געהאט — דיא אינטריגע איז פאר אונז יעצט קלאָהר און דייטליך. דער גראַף פאָן מעהרען איז ערמאָרדעט געוואָרען אום מרים זאָל קומען צו א שט:פע, ווען מען וועט זיא קענען פערפיהרען און פראַנץ שטאַנד זאל זיצען אין געפענגניס אלס מערדער. אזוי וויא זיי מוזען זיין דיא איינציגע יורשים וואס שטאַמען פון געהיים־ראַטה יוסטיס פאָן בראַנד, וועט פאַלען דיא ירושה פאר דיא קינדער פון שענבאָרען. זיין לעצטע קינד איז רודאָלף מענצעל. רודאָלף איז דארום בעשולדיגט געוואָרען אין גנבה אום ער זאל אָבגעשאַפט ווערען פון וועג און דער זאָגענאַנטער ארטהור מענצעל, וועלכער האט בערויבט זיינע דאָקומענטען זאָל זיין דער איינציגער יורש. דאָס איז דיא גאַנצע אינטריגע אין עטליכע ווערטער. יעצט מוזען מיר ארבייטען אין דיעזען ליין: ערסטען מוזען מיר פעסט שטעלען דיא אונשולד פון רודאָלף מענצעל. דאס קען לייכט געשעהן, ווען טאַני, דיא אונגארישע מעדכען וואס האט ביי זיי געדיענט און איהר געליעבטער מאקס זאָלען פערהאַפטעט ווערען. דאן מוזען מיר אויסגעפינען דעם אמת'ן מערדער פון גראַף פאָן מעהרען, אום פראַנץ שטאַנד זאָל

ארויס ריין און זאָל אונז ערצעהלען פון וואַנען ער שטאַמט. אום דיעזעס צו טהאָן מוזען מיר צום ערסטען ארויסקריעגען איין געשטענדניס פון דער מיידעל אננא סיבעל און מיר מוזען אויך בעזוכען מינכען, דעם אָרט וואו דער מאָרד איז געשעהן, נאך מינכען וועל איך פאָהרען, דיא איבעריגע ארבייט ליעגט אויף אייך, העררר ווינטער און העררר קלעמענס.

קלעמענס האט געוואָלט ארויסשפּרינגען מיט לשון. ער האט יעצט געוואָלט ערצעהלען, וואס ער ווייס פון מאָרד אליין, אָבער ער האט זיך ערַאינערט אויף זיין שבועה צום גראַף און האט געשוויעגען.

דער קרימינאַל קאָמיסאַר האט איינגעשטימט צום דעטעקטיוו׳ס פּלאַן.

נאך אין דערזעלבער שטונדע איז זענדיג אבגעפאָהרען נאך מינכען, וועהרענד קאָמיסאַר ווינטער און קלעמענס זיינען געגאַנגען בעזוכען פריילייין מרים מעהרען.

אויפ׳ן וועג צו מרים׳ן האט קלעמענס געבעטען דעם קאָמיסאַר ווינטער ער זאָל פּאָרלויפיג קיין וואָרט איהר ערצעהלען, ווייל דיא געהיימניס פון איהר געבורט איז נאך פון איהר אויך פערבּאָרגען און דיא אונערוואַרטעטע נאַכריכט קע שאַדען פאר איהר שוואַכען קערפּער.

קאָמיסאַר ווינטער האט איינגעשטימט.

זיי האבּען אָנגעקלאַפּט אין מרים׳ס טהיר און מרים האט זיי געעפענט.

זיא וואַר בלאַס און איהרע אויגען וואַרען פֿייכט.

— איהר האט געוויינט! — האט קלעמענס געזאָגט מיט מיטלייד — אך ארמעס מעדכען איהר האט ווירקליך זעהר פיעל געליטען. אָבער יעצט זיינען אייערע ליידען צו ענדע. איך, דער אלטער קלעמענס וועל אייך בעשיצען.

— איך בין אייך זעהר פיעל דאַנקבאר מיין גוטער פריינד, — האט מרים גע־ענטפערט — אבער דארף איך דען צו לאסט פאלען אויף איין אלטען מאַן וויא איהר זייט? ניין העררר קלעמענס, איך מוז זיך אליין פערזאָרגען.

— דאס האט נאך צייט! — האט קלעמענס געענטפערט — פאָרלויפיג ערלויבט מיר אייך פאָרצושטעלען, אונזערביידענס פריינד, קרימינאַל קאָמיסאַר ווינטער!

— אָה, עס פרעהט מיר אייך צו זעהן, העררר קאָמיסאַר! — האט מרים גע־זאָגט — איך בין אייך שולדיג מיין דאַנק פאר אייער גרויסער פריינדשאַפט.

— אָה, ניין, פריילייין. איהר זייט מיר קיין דאַנק ניט שולדיג. וואס איך האב געטהאן איז ניט מעהר וויא מיין פפליכט אלס קרימינאַל קאָמיסאר און אלס פריינד צום נאָטזעלינען גראף פאָן מעהרען.

— אָה, דער נאָטזעלינער גראף! ער וואַר דאך אזא גוטער מאַן, וואָרום

האבען זיי איהם ערמאָרדעט! — האט מרים אויסגעבראָכען אין א געוויין.

דיא צוויי מענער האבען אראָפּגעלאָזט זייערע קעפּ. מרים האט געפיהלט, אז עס איז ניט אנשטענדיג צו וויינען פאר דיא געסט און זיא האט זיך אומגעדרעהט צום פענסטער, וועלכער האט זיך געפונען צום גאס.

מיט איהר ווייסע טוך האט זיא פערהאלטען איהרע טרעהרען.

אלס זיא האט דיא אויגען אויסגעווישט און האט א קוק געטהאן אין גאס, האט זיא א שפּרונג געטהאן צוריק. איהר געזיכט איז געוואָרען בלאס, און אלע איהרע גליעדער האבען געציטערט.

— וואס איז מיט אייך געשעהן! — האט קלעמענס געפרעגט.

מרים האט דעם אלטען גערטנער געחאפּט פאר'ן האנד און האט איהם א שלעפּ געטהאן צום פענסטער.

— זעהט איהר דאָרט! דאס איז ער!

— פראַנץ! — האט קלעמענס אויסגערופען.

— וואס? — האט ווינטער געפרעגט מיט איבערראשונג.

— פראַנץ שטאַנד! — האט קלעמענס געענטפערט — איך ערקען איהם פון דאס בילד, וואס איך האב געזעהן.

— דאס איז ניט פראַנץ, נור זיין דאָפּעלגענגער — האט מרים אויסגערופען. ער איז עכט וויא פראַנץ. צוויי טראָפּען וואסער קענען ניט זיין עהנליכער, אָבער פראַנץ איז דאָ ניטאָ!

— געוויס ניט! — האט ווינטער בעשטעטיגט — דאס איז אייער פערפיהרער, און אויך דער מערדער. ווארט היער איין אויגענבליק באלד איז ער פערהאַפטעט!

ביי דיעזע ווערטער האט זיך דער קאָמיסאַר א שליידער געטהאן צום טהיר.

— האלט! — האט מרים אויסגעשריען — דיעזער באנדיט קען ניט פערהאפטעט ווערען!

— וואָרום? — האט ווינטער געפרעגט.

— ווייל.... ווייל איך וויל ניט ארויסברענגען דיא פערזאָנען, וואס זיינען מיט איהם פערמישט.

— דאס איז קיין אורזאכע! — האט ווינטער געענטפערט און איז ארויסגעלאָפען אין גאס.

— אָה, מיין גאָט! — האט מרים געזאגט ציטערענדיג, אלס זיא איז ווידער צוגעגאנגען צום פענסטער — ער האט שוין אויף איהם געלעגט זיין האנד! ער האט

איהם שוין פערהאפטעט. אָט פיהרט ער איהם צוריק אהער! אה, וואס וועט העדוויג זאגען!

— העדוויג? — האט קלעמענס געפרעגט מיט איבערראשונג — העדוויג האט דא קיין שלעכטעס ...... איהר מיינט געוויס העדוויג׳ס מוטער!

— העדוויג׳ס מוטער איז איין אנדער זאך. אבער העדוויג אליין! קלעמענס, איך פערשטעה פון אלעס וואס דא האט זיך געהאנדעלט. אז דיעזער מאן פראנץ שטאנד׳ס דאָפּעלגענגער איז העדוויג׳ס געליעבטער.

— אך, יעצט ווערט מיר ליכטיג אין דיא אויגען. איך פערשטעה יעצט דיא רעטעניש פון העדוויג׳ס האנדלונג.

— אָבער זיא איז ניט שולדיג! — האט מרים שנעל פערהאפט — זיא איז נעהים אריינגעפאלען מיט דיעזען שלעכטען מאן, יעצט וויל זיא פערבעסערן וואס ער האט פערדאָרבען. אך, איך האב נאך נעכטען פערשטאנען, אז העדוויג האט דאס בילד פון דאָפּעלגענגער! איך האב נעכטען געוואוסט, אז העדוויג ווייס אלעס, דארום האבען מיר זיך צושיידעט, דארום האב איך זיא ניט געקענט אננעהמען פאר מיין שוועסטער עס טהוט מיר אָבער לייד וואס דיעזע געהיימניס וועט יעצט ארויס.

באלד האט זיך דיא טהיר געעפענט און דער קאָמיסאר מיט צוויי פאָליציילייט האבען אריינגעפיהרט דעם ארעסטאנט.

מרים׳ס בליקען זיינען געפאלען אויף דעם מאן. עס וואר איהר אליין שווער צו זאגען אויף זיכער דאס דיעזער איז ניט איהר געליעבטער פראנץ שטאנד.

איהר הארץ האט איהר אביסעל געקלאפּט. אָה נאָט, פיעללייכט איז עס ווירקליך ער, און זיא אליין האט איהם פערראטהען.

— קענט איהר דיעזעס פרייליין? — האט קאָמיסאר ווינטער דעם ארעסטאנט געפרעגט.

— דער ארעסטאנט האט אויפגעהויבען [illegible] ן האט געענטפערט:

— ניין.

— זייט איהר וועו געוועזען אין מינכען?

— ניין.

— האט איהר זיא בעזוכט אין שמידט׳ס געשעפט?

— וועלכער שמידט?

— זייט איהר מיט איהר געפאָהרען אויף א דראשקע?

— ניין.

— נו, וויא איז אייער נאָמען?

— ארטהור מענצעל.

— ארטהור מענצעל ? — האט דער קאָמיסאר געפרעגט מיט איבערראשונג. ארטהור מענצעל איז דאך דא ערמאָרדעט געוואָרען. זייט איהר פיעללייכט דער טוידטער.

וויא א דאָנער האבען דיעזע ווערטער געטראָפען דעם ארעטירטען. ער איז געוואָרען בלאס און צומישט, זיין גאנצער קוראזש איז פון איהם אוועק.

— וואס...... — האט ער געשטאמעלט — ארטהור מענצעל טוידט ?...... איך בין דאך ארטהור מענצעל.

— דאס איז א ליעגען, וועלכען דוא ועסט באלד צוריקנעהמען — האט ווינ־טער געזאָגט — מיר וועלען שוין דיין נאָמען וויסען. זאָג מיר נור וואָס זוכסט דוא ארום דיעזען האָטעל ? ביזט דוא געקומען טוידטען דיעזעס פריילין ?

— איך קען ניט דיעזעס פריילין ! — האט דער פערהאפטעטער געזאגט — איך בין אהער געקומען זוכען מיין פריינד מר. ווע‎לער פון אמעריקא.

— חא, חא, הא ! — האט ווינטער אויסגערופען אין א געלעכטער ··מיסטער וועלער איז דער זעלבער וואס ארטהור מענצעל דער ערמאָרדעטער.

יעצט האט דער ארעטירטער דערזעהן, אז עס איז אויסגעשפיעלט און ער האט אראָפגעלאָזען זיין קאָפּ.

יעצט האט זיך ווינטער געווענדעט צו מרים'ן.

— קענט איהר פריילין דיעזען מאָן ?

— איך קען איהם ניט, — האט זיא געענטפערט.

— האט איהר איהם אמאל געזעהן ?

— זאָ שיינט מיר. אָבער ער וואר דאן פערוויקעלט און פערשטעלט.

— האט ער אייך ארויסגעפיהרט פון בערלין ?

— אזוי שיינט עס מיר.

— האט איהר איהם שוין פריהער געזעהן ?

— ניין.

— דאס איז גענוג. דער יונגער ארצט, וואס האט איהם געזעהן אריינגע־הענדיג אין שמידט'ס געשעפט און דער סוטשער וואס האבען אייך געפיהרט צום באהן וועלען איהם ערקענען. איך דענק אויך, אז מען וועט איהם ערקענען אין מינ־בען, אלס דער מאן וואס האט געבראכט דעם קופערט אין האָטעל און האט גענו־מען א דראָשקע צו פאָהרען צום גראף'ס הויז. ער איז זיכער דער דאָפּעלגענגער וואָס האט געמאכט, אז דער מאָרד זאָל פאלען אויף פראנץ'ס קאָפּ. דיא געהייטנים

ווערט באלד אויפגעלעזט. אננא סיבעל דארף נאר געשטעהן, אז זיא האט פאלש געשוואָרען און פראנץ שטאנד ווערט פריי. אלע בעווייזע גענען איהם צופאלען אזוי שנעל וויא עס איז מעגליך צו בעווייזען אין געריכט, אז איין דאָפעלגעגנער עקזיס־טירט. אויב אונזערע בעווייזע ווערען שוואך זיין צו לעגען דעם מארד אויף דיעזען שורקישען קאָפּ, ווערען זיי דאך שטארק גענוג זיין אראָפּצונעהמען יעדע שולד פון פראנץ שטאנד. יעצט אין פאָליציי הויז!

נאך דיעזע רייד האט ווינטער געהייסען דיא פאָליציי לייט, זיי זאָלען אב־פיהרען דעם געפאנגענעם אין פאָליציי־הויז און זאָלען איהם איינשליסען אין געפענג־ניס. ער אליין איז נאכגעגאנגען פון הינטען.

23טער קאפיטעל.

פראַנץ געפינט אַ ברודער און אַ ש יפשוועסטער.

— וואלי! — האט פראנץ נאך אמאל אויסגערופען און האט זיך אויפגעהוי־בען פון בעט.

ער האט מעהר ניט געקענט ליעגען אויף זיין אָרט. דער געדאנק דאס דיא שעהנע באראָנין פאָן שפרעכביץ האט איהם געקוסט האט אין גאנצען צופלאקערט זיינע בלוטען.

— וואס קען דאס בעדייטען? — האט ער איינינע מאל זיך געפרעגט — זאָל וואלי מיך ליעבען? יא, דיא דינסט האט מיר ערצעהלט, אז דיא באראָנין ליעבט נים איהר מאַן...... אבער ניין, דיעזע דאמע וואלט זיך ניט ערלויבט צו קומען אין מיין צימער און קוסען מיין געזיכט, ווען דא וואָלט ניט געווען עטוואס אנדערש וויא ליעבע.

ער האט בעשלאָסען צו ערפאהרען, זאָגאר ווען ער זאָל דארפען פרעגען דיא גרעפין אָפען און שארף.

ער האט דערווארט דעם פריהמאָרגען און איז ארויס פון זיין צימער. פון דיא דינערשאפט האט ער ערפאהרען, אז דיא באראָנין שפאצירט אין איהר גארטען און ער איז אוועק אום צו קומען איהר ענטגעגען.

— גוט מאָרגען, פרוי באראָנין! — האט ער געזאגט און האט זיך טיעף פער־נייגט אזוי שנעל וויא ער איז געקומען דער גרעפין ענטגעגען.

— גוט מאָרגען, מיין פריינד? — האט דיא באראָנין געענטפערט — וואס זייט איהר אזוי בלאס, אָה, איהר זעהט אויס שרעקליך.

— איך האב ניט געשלאפען דיעזע נאכט! — האט פראנץ געענטפערט.

— אך זא ? און וואָרום ?

— באַראָנין איך האב ניט געשלאָפען ! — האט ער נאך א מאל געזאגט און האט איהר געגעבען צו בעמערקען, אז ער וויס ווער עס האט איהם געקוסט.

— דאס פרעהט מיך ! — האט דיא באַראָנין געענטפערט צו זיין איבערראַשונג — איך ווער יעצט זיין געצוואונגען ארויסצוזאָגען אייך, וואָס עס דריקט מיין הארץ זייט איך האב אייך דערזעהן צום ערסטען מאָל.

— באַראָנין ! — האט פראַנץ אויסגערופען ווייל ער האט געמיינט אז זיא וועט איהם ערקלעהרען איהר ליעבע.

— שרעקט אייך ניט, מיין הערר, האט דיא באַראָנין געענטפערט, וואס איך וועל אייך יעצט זאָגען איז ניט מעהר וויא פאַמיליען־אנגעלעגנהייטען.

פראַנץ איז געוואָרען בלאַס. דעם וואָרט פאַמיליען־אַנגעלעגנהייט האט איהם נאך מעהר ערשראָקען, דען ער האט זיין פאַמיליע ניט געוואָלט עראינערען.

— וואס זייט איהר בלאַס ? דאס פערראַטה אייך נאך מעהר אין מיינע אויגען. איך האב באַלד געהאט א פערדאַכט אז איהר זייט מיין שטיעף־ברודער, יעצט בין איך אין דעם נאך מעהר איבערציינגט.

— וואָס ! איך...... אייער שטיעף־ברודער ?.... האט פראַנץ געשטאַמעלט און האט זיך אָנגעחאפט אן א בוים.

— יא ! — האט דיא באַראָנין געענטפערט פעסט — זייט איהר קיין מאל ניט געוועזן בעקאַנט מיט דער קליינער, שעהנער וואלי ?

— וואלי ? — האט פראַנץ געשטאַמעלט — זייט איהר עס יענע וואלי ?

— יא, איך בין עס ! — האט דיא באַראָנין אויסגערופען און האט זיך געוואָלט ווארפען אויף זיין האלז, אָבער זיא האט מורא געהאט עס זאָל ניט ווערען אויפפאַלענד.

— זייט איהר דיעזעלבע וואלי, מיין שוועסטער ? אך, איך געדענק עס אלעס נור וויא דורך א חלום. איך געדענק ווען איך בין געוועזן א קנאַבע פון 8 אָדער 10 יאָהר און האב געשפיעלט מיט א שעהנער וואלי אין בלומען און גערטנער. אָבער פלוצלינג בין איך פערוואָרפען געוואָרען ערגעץ ווייט אין עלענד; א פריינד האט מיך צוגענומען און ערצאָגען. מיין מוטער, מיין שטיף־שוועסטער, מיין ברודער האב איך מעהר ניט געזעהן. אלעס איז פאר מיר דונקעל. — האט פראַנץ געזאָגט און זיך געחאַפט ביי'ן שטערן גלייך וויא ער האט עטוואָס געוואָלט זיך עראינערען.

— יא, איך בין דיעזעלבע און איך קען עס אייך עראינערען — האט דיא

באראָנין געזאגט — ווייל איך ווייס דערפון פיעל מעהר, ווייא אירגענד : ז אין דער וועלט.

— ערצעהלט מיר באראָנין! דיא געהיימניסע פון אייגענער אבשטאמונג האט מיך אימער געפלאגט. איך וואלט גערן געגעבען א העלפט פון מיין לעבען אום דיעזען סוד צו וויסען.

דיא באראָנין האט אָבגעפיהרט איהר שטיף־ברודער אין א לאָובע און ווען ביידע האבען זיך דאָרט געזעצט האט זיא איהם פאָלגענדעס ערצעהלט:

„אין א גוט, ניט ווייט פון מינכען האָט אמאָל געלעבט דער באראָן פאָן ערלען, וועלכער האט געהאט צוויי טעכטער און איין זאהן. זיין זאהן איז געווען דער פאָטער פון דעם יעצטיגען באראָן אטטאמאר פאָן ערלען, וואס וואָהנט נאך יעצט אין יענעם גוט. זיינע צוויי טעכטער האבען געהייראטה אין אויסלאנד. איין טאָכטער האט געהייראטה דעם פירסט פאָן קאראראַ. זא איז געשטאָרבען און האט נאך זיך געלאָזען צוויי טעכטער. איינע פון זיי איז געשטאָרבען אין איטאַליען און דיא צווייטע האט געהייראטה דעם גראף פאָן מעהרען, העדוויגס פאָטער. זיא איז גע־שטאָרבען און האט נאך זיך קיין קינד ניט געלאָזען.

„דיא צווייטע טאָכטער פון באראָן פאָן ערלען, האט געהייראטה אין וויען מיט דעם באראָן פאָן שטאנד, וועלכער וואר איין אלמן, מיט א קינד, א מערכען פון זיין ערסטער פרוי.

„דיא הייראטה פון דער באראָנעסא פראנציסקא פאָן ערלען מיט דעם באראָן פאָן שטאנד וואר אָנפאנגס א גליקליכע. זיא איז געווען א מוטער צו זיין טאָכטער, וועלכע האט געהייסען וואלי און האט איהם בעשאָנקען מיט צוויי זיהן, וועלכע זייר נען געבאָרען געוואָרען א צווילינג. אכט יאהר איז דאס גליק ניט ארויס פון הויז. באראָן פאָן שטאנד איז געווען אן אידעאלער פאָטער און מאן.

„אָבער אין איין פינסטערען טאָג איז דער באראָן איבערציינט געוואָרען פון א געוויסען מאן מיט'ן נאָמען אָפענהיימער פון באיערען, אז זיין ווייב פראנציסקא איז איהם קיין מאָל ניט געווען געטריי, און אז דעם צווילינג האט זיא איהם גע־באָרען ניט פון איהם. נור פון א געליעבטען, וועלכען זיא האט געהאט נאך פאר דער חתונה. דיעזע איבערציינונג האט דעם גראף אזוי געערגערט דאס ער האט ארויסגעטריבען זיין ווייב מיט איהרע צוויי זיהן: אטאמאר און פראנץ.

„דיא אונגליקליכע פרוי האט זיך געשעהמט אומצוקעהרען זיך צו איהר פאַ־מיליע. זיא האט געוואנדערט און געוואנדערט אין דער ווייטער וועלט. קיין מענש האט ניט געוואוסט וואס פון איהר מיט איהרע קינדער איז געוואָרען.

„אם ענדע פון א לאנגער צייט האט באראן פאן שטאנד ערפאהרען, אז זיין ווייב איז פון איהם אומזיסט פערטריבען געווארען איהר זינד איז געוועזען נור אויסגעטראכט פון בייזע מענשען און איהר צווילינג זיינען זיינע זיהן. דאס האט איהם געערגערט און געטריבען צום טוידט. ער האט פערשווענדעט א פערמעגען צו זוכען דיא אונגליקליכע, אבער דאס איינציגע וואס ער האט ערפאהרען איז געוועזען, דאס זיין ווייב האט פערלארען איהרע צוויי קינדער אזוי שנעל, וויא זיא איז ארויס פון זיין הויז, מערדער זיינען זיא בעפאלען אין וואלד און האבען דיא קינדער פון איהר אוועקגעשלעפט און זיא טרייבט זיך ארום אין דער וועלט עלענד און ארם. איהר לעבען מאכט זיא פאן פערקויפען ביליגע וואארע און פון לייגען קארטען.

„דיעזע ערפאהרונג האט געטריבען דעם גוטען מאן צום טוידט. ער האט קיין אנדער יורש אויסער זיין טאכטער פון דער ערסטער ווייב ניט געהאט. דיעזע טאכטער האט ער צו זיך צוגערופען פאר זיין טוידט און האט צו איהר געזאגט:

— מיין קינד, דוא ירשנסט פון מיר דעם פערמעגען וואס געהערט צו מיינע צוויי זיהן, אטאמאר און פראנץ, דיא קינדער וואס איך האב ארויסגעטריבען. וויסען זאלסט דוא דאס אויסער מיין פערמעגען ליעגט פאר זיי פארבערייט איין רייכטהום אין דיא באנק אף ענגלאנד, וועלכען זיי דארפען טהיילען מיט זייער אנקעל אטאמאר פאן ערלען. דען דער פאטער פון דיעזען אטאמאר איז געוועזען דער פאטער פון מיין פערטריבענע ווייב, און אויף איהם פאלט א ירושה פון א מילליארד ו אס ליעגט אין באנק אף ענגלאנד. ווען עס וועט קומען דער טאג פון דיא 101 יאהר, ווען דיא ירושה וועט פערטהיילט ווערען, וועט דיעזער אטאמאר און דיא צוויי זיהן פון זיין שוועסטער פראנציסקא בערעכטיגט ווערען צום געלד. דער באראן וויים נאך ניט פארלויפיג וואס איהם ערווארטעט, ווייל זיין פאמיליע האט שוין לאנג פערלארען דעם שטאם בוך; איך גיב דיר דארום איבער אלעס וואס איך בעזיץ אויף דער וועלט, אבער מיט דעם בעדינג, דוא זאלסט קיין מאל ניט אויפהערען צו זוכען מיינע צוויי קינדער, וואס זיינען בערעכטיגט צום געלד פון זייער מוטער׳ס צד, און זאלסט אויך ניט פערראטהען דעם סוד פון דער ערבשאפט ביז דוא וועסט געפינען מיינע זיהן.

„דיא טאכטער האט עס איהם געשווארען. נאך זיין טוידט האט זיא געהייראטה און האט צוזאמען מיט איהר מאן גענומען זוכען דיא יורשים. מיט שווערע קאסטען האבען זיי ערפאהרען, דאס דיא צוויי זיהן זיינען פערלארען געגאנגען פון זייער מוטער. איינער פון דיא זיהן האט זיך גענומען דעם נאמען אטטא באלקע

און דער צווייטער איז ערגעץ פערשוואונדען. אָטטאָ באַלקע געפינט זיך געגענווערטיג אין מינכען.

„באַלד וויא דיעזע ערפאַהרונג איז געמאַכט געוואָרען האט זיך דיא פערשוואָרענע באראָנין בעגעבען נאך מינכען צו זעהן דיעזען אָטטאָ. זיא האט איהם געזעהן, אָבער זיא האט איהם קיין זאך ניט געוואָלט ענטדעקען ביז זיין ברודער פראנץ וועט געפונען ווערען.

„דיעזע טעג איז צו דער פערשוואָרענער טאָכטער פון באראָן פאן שטאנד געקומען א יונגער מאן. זיין ערשיינונג האט זיא איבערראשט. ער וואר דער לעבעדיגער אָטטאָ באלקע, קיין האאר האט ניט געפעהלט. אנפאנגס האט זיא געגלויבט, אז איהר שטיף-ברודער אָטטאָ שטעהט פאר איהר, אָבער וויא ער האט איהר געזאָגט דעם נאָמען פראנץ שטאנד, האט זיא פערשטאנען, אז דער צופאל האט געבראכט אין איהר הויז דעם מאן, וואָס זיא האט אזוי לאנג געזוכט".

פראנץ שטאנד האט דיא גאנצע ערצעהלונג אויסגעהערט מיט א רוהיגקייט פון א שטארקען, ענטשלאָסענעם מאן. אָבער וויא זיא האט ארויסגערעדט זיין נאָמען צום לעצטען מאָל האט ער זיך מעהר ניט געקענט בעהערשען און האט אויסגעשריען:

— אלזאָ דאס בין איך? איך בין דאס דער פראנץ שטאנד וועלכען איהר האט געזוכט און איהר זייט עס דיא וואלי, דיא טאָכטער פון מיין פאָטער, דיא שעהנע ענגעל מעדכען, וועלכע איז מיין שטיף-שוועסטער! אה, איך בין עס דער ערבע פון א טהייל אין דעם מילליארד וואָס ליעגט שוין הונדערט יאהר אין באנק אָף ענגלאנד! מיין קאָפּ ווערט מיר צומישט. איך בעגרייף עס ניט! איך קען עס ניט איבערטראָגען!

— יא, דאס זייט איהר — האט וואלי געענטפערט — און יעצט וועט איהר וויסען ווארום מען האט אויף אייך געמאַכט דעם מאָרד בלבול. אין דער צוואה שטעהט, דאס דיא יורשים פון דעם מילליארד טאָרען גיט זיין פעראורטהיילט פאר א פערברעכען. פערזאָנען, וואָס האבען אינטערעסע אין דאס געלד האבען אייך פערמישט אין דעם מאָרד.

— אָה, יעצט געהט מיר אויף א ליכט אין דיא אויגען! — האט פראנץ אויסגערופען און האט זיך געהאפּט פאר'ן קאָפּ — אָבער ווער קענען זיין דיעזע פערזאָנען?

— איך וויים, — האט וואלי געענטפערט — צו דיעזער ירושה זיינען דא יורשים פון א צווייטער ליניע. דיעזע יורשים האבען געוואָלט רויבען אייער רעכט.

— און וויא הייסען יענע יורשים.

— זיי שטאמען פון דער פאמיליע שענבארן און זיער נאמען איז יעצט מענצעל !

— מענצעל ! — האט פראנץ אויסגערופען וויא א שלאנג וואלט איהם געביסען — אה, יעצט זעה איך עס קלאהר. א געוויסער מאן מיט'ן נאמען ארטהור מענצעל האט מיך געשיקט נאך מינכען אין דער נאכט, ווען דער מארד איז דארט געשעהן.

— ארטהור מענצעל האט אייך אהין געשיקט? — האט וואלי אויסגערופען — יעצט ליעגט אלעס אויפ'ן האנד. אבער וויא בעווייזט מען אייער אונשולד?

— יא, וויא בעווייזט מען מיין אונשולד?

ביידע האבען דיעזע פראגע וויעדערהאלט און האבען אראבגעלאזען זייערע קעפ אין טיעפען טרויער. דיא שולד אלס מערדער, וואס ליעגט אויף פראנץ שטאנד וואר צונרויס, אום מען זאל זיך צולאנג קענען פרעהען מיט דער ירושה, וועלכע איז דאדורך פערפאלען אדער מיט דער שטיף־שוועסטער, וועלכע קען נאר ניט זיך געבען צו ערקענען אין דער עפענטליכער וועלט.

א לאנגע צייט זיינען זיי געזעסען פערטראכט און האבען קיין ווארט ניט געשפראכען. דיא נייע ענטדעקונג וואס פראנץ האט יעצט געמאכט האט בעשאפען טויזענדע געדאנקען אין זיין קאפ. ער האט זיך ערא־ינערט אויף זיין פערגאנגענהייט, אויף דיא קינדישע יאהרען וואס זיינען אימער געשטאנען וויא א חלום פאר זיינע אויגען און ער האט קיין מאל ניט געקענט ערקלעהרען וואס דאס בעדייטעט. ער האט זיך עראינערט אויף דעם שווערען קאמפף וואס ער האט דורכגעמאכט און ענדליך אויף זיין מרים, זיין עדעלע און פיינע מרים, וועלכע פלאגט זיך און מאטערט זיך ערגעץ אין דער וועלט.

אך וויא קען ער קומען צו זיין רעכט? וויא קען ער בעווייזען זיין אונשולד? וויא קען ער אויפטרעטען און פאדערען זיין ירושה אום צו פיהרען נאכדעם א גליקליכען און פרעהליכען לעבען מיט זיין געליעבטער און מיט זיין געטרייער?

וועהרענד זיי זיינען אזוי געזעסען איז צום טויער פון גארטען צוגעגאנגען א מאן אין דיא קליידער פון א שטאל־קנעכט און האט אנגעקלונגען.

דיא קאמער־מעדכען, וועלכע האט זיך געפונען ניט וייט פון טויער האט איהם געעפענט און האט געפרעגט וואס ער בעגעהרט.

— איך בין איין מינכענער — האט דער מאן געזאגט — איך בין א שטאל־קנעכט פון מיין פראפעסיאן און איך זוך ארבייט. קענט איהר מיך ניט פיהרען צו אייער גנעדיגער בעראנין?

— א שטאל־קנעכט ? — האט דיא קאמערמעדכען געפרעגט — אָה, מיר האַבען דא ניט לאנג אריינגענומען א שטאלמייסטער, ער איז א רוססישער און הייסט מיט דעם קאָמישען נאָמען שישקין.

— שישקין ? - האט דער מאַן געפרעגט - אה, איהם קען איך גוט. ער וועט מיך געוויס אנשטעלען ווען ער וועט מיך נור זעהן.

— דאן קומט אריין אלטער הערר ! — האט דיא קאמער־מעדכען געזאָגט — דיא באראָנין איז דא אין גארטען, איך וועל זיא פאר אייך אויפזוכען און וועל איהר מעלדען.

— טהוט עס, גוטעס פרייליין ! — האט דער שטאַלקנעכט, געבעטען — טהוט עס, איך וועל אייך דאנקבאר זיין, ווען איהר וועט מיך פיהרען צו דער באראָנין.

דיא קאמער־מעדכען איז אוועקגעלאָפען. זיא איז דורכגעגאנגען יעדען וועג און יעדע לאָבע אין גארטען ביז זיא איז געקומען צו דער לאבע, וואו פראַנץ שטאנד און דיא באראָנין זיינען געזעסען.

— וואס ווינשט דוא ? - האט דיא באראָנין געפרעגט מיט כעס אלס זיא האט דערזעהן דאס מעדכע אין טהיר פון דער לאָבע.

— א מאַן וואס שטעלט זיך פאר אלס שטאַלקנעכט און זאָגט, אז ער קען דעם הערן שישקין, ווינשט צו שפּרעכען מיט דער גנעדיגער באראָנין ?

פראַנץ איז געוואָרען בלאס אויך דיא באראָנין האט גענומען ציטער'ן.

— וואס? — האָט פראַנץ געשטאמעלט — א מאן וואָס קען מיך, וויל מיך זעהן?

— יא, ער זאָגט אז ער קומט פון מינכען.

— פון מינכען ! — האט פראַנץ אויסגעשריען.

פראַנץ און דיא באראָנין האבען זיך אָנגעקוקט.

— געה, זאָג דעם מאַן ! — האט דיא באראָנין געזאגט — ער זאָל אריינגעהן אין הויז. איך וועל איהם דאָרט באלד עמפפאַנגען.

דאָס מעדכען איז אוועק.

— גנעדיגע באראָנין איך בין אין געפאהר ! — האט פראַנץ אויסגערופען אזוי שנעל וויא דיא קאמער־מעדכען איז ארויס.

— שרעקט אייך ניט, מיין ברודער ! — האט דיא באראָנין איהם געטרייסט— אין מיין הויז זאָל אייך קיין אונגליק ניט טרעפען. זיצט דאָ אין דער לאָבע. איך

וועל געהן זעהן דעם מאַן. אויב ער איז ווירקליך געפעהרליכער וועט ער ניט ארויס פון מיין הויז, ביז איהר וועט זיין ווייט פון וויען.

— איך דענק, אז איך דארף קיין מינוט ניט פערליערען, — האט פראַנץ פייער צווייפעלט געזאָגט — דער מענש וואס זאָגט, אז ער קען דעם שטאַלמייסטער שייש קין פון מינכען איז זיכער אַ שפּיאָן וואָס האט מיך דאַ געפונען.

— דאָס איז מעגליך! — האט די באַראָנין געענטפערט — אָבער עס איז אויך מעגליך, אז עס איז אַ געשיקטער פון אונזער פריינדין העדוויג. איידער איהר אנטלויפט מוז איך מיט איהם ריידען.

— איך וועל אייך פאָלגען. אבער זייט פאָרזיכטיג באַראָנין.

די באַראָנין איז אוועק און האט געלאָזט דעם צושראָקענעם אליין.

איינינע מינוטען שפּעטער איז די באַראָנין געזעסען אויף אַ שטוהל אין איהר עמפּפאַנגס צימער און דער שטאַלקנעכט איז פאַר איהר ערשיענען.

ער האט זיך פאַר איהר טיעף פערנייגט און איז געבליעבען שטעהן ביי׳ טהיר.

— ווער זייט איהר? — האט די באַראָנין געפרעגט.

— גנעדיגע פרוי קענט איהר מיך ניט?

— געוויס ניט!

איידער די באַראָנין האט צייט געהאט צו ענטפערען איז די לאַנגע ב... און די דיקע וואנצע פון שטאַלקנעכט אראָבגעפאַלען.

— אָה, הערר זענדיג! – האט די באַראָנין אייסגעשריען — הערר זענ... דער בעריהמטער דעטעקטיוו פון בערלין, וואס טהוט איהר דאָ?

— איך בין געקומען צו אייך! — האט זענדיג געענטפערט — איהר האט מיך אמאל בעשעפטיגט צו זוכען פאַר אייך די פערטריבענע קינדער פון אייער פאָטער באַראָן פאָן שטאַנד. צו יענער צייט איז די ארבייט געגאַנגען שווער. אבער איך האב אייך געזאָגט, דאס זענדיג מוז עס געפינען.

— נו, האט איהר וואס ערפאַהרען?

— אלעס!

— לעבען די יורשים?

— יאָ.

— און וואו זיינען זיי?

— איינער איז פערהאַפטעט אין בערלין און דער צווייטער איז בעהאַלטען אין אייער הויז.

— אין מין הויז? — האט דיא באראָנין געזאָגט מיט א מינע וויא זיא וואָלט קיין זאך ניט געוואוסט.

— יא, פראנץ שטאנד איז אין אייער הויז און ער איז אייער שטיף־ברודער, וועלכען איהר האט געזוכט.

— און פון וואנען ווייסט איהר דאס?

— איך האב דאָקומענטען, — האט דער דעטעקטיוו געענטפערט — איך בין יעצט געוועזן בעשעפטיג אויסצוגעפינען א מיידעל, וועלכע איז פערפיהרט געוואָרען. וועהרענד איך האב דאס געזוכט בין איך געקומען צו א שטאם בוך אין וועלכען עס איז עראינגערט אייער גאָטזעליגע שטיפמוטער אלס דיא צווייטע יורש׳טע פון א מילליארד דאָלאר. איך האב מיך דאן עראינערט, אז איהר האט אמאָל געזוכט דיעזע יורשים, און פון געוויסע אומשטענדען, פון דעם מאָרד בלבול וואס איז געמאכט געוואָרען אויף פראנץ שטאנד, און פון דיא פערזאָנען, וועלכע וואָרען בעטהייליגט אין דעם בלבול און פון אלעס וואָס דאריין איז פערפלאָנטערט בין איך געקומען צום בעשלוס, אז פראנץ שטאנד און א געוויסער אָטטאָ באלקע זיינען דיא צווילינגס ברידער, וואס זיינען בערעכטיגט צוזאמען מיט דיא איבעריגע צו דער גרויסער ערבשאפט.

— און פון וואנען ווייסט איהר, אז פראנץ געפינט זיך ביי מיר? — האט דיא באראָנין געפרעגט.

— איך ווייס, וויל פראנץ איז פריהער געוועזן בעהאלטען ביי דער גרעפין העדוויג פאָן מעהרען און דיא גרעפין האט איהם אָבגעשיקט צו אייך! איך האב עס ערפאהרען פון העדוויגען זעלבסט, וועלכע איז יעצט אין בערלין.

— און איהר זייט געקומען בעריכטען מיר פון אייער ערפאהרונג? — האט דיא באראָנין געפרעגט.

— ניט גראדע דאס, איך בין געקומען אום צו שפרעכען מיט הערן פראנץ שטאנד און נעהמען איהם נאך מינכען.

— נאך מינכען? דאָרט וואו מען זוכט איהם פון געפענגניס.

— יא, גראדע דאָרט מוז ער זיין. עס זיינען דאָ בעווייזע, אז ער איז אונשולדיג אין מאָרד. ער וועט געוויס קריגען א צווייטען פראָצעס אויף וועלכען אלעס וועט ענטדעקט ווערען, און אין וועלכען ער וועט ארויס פריי און ריין. איך וויל דאראום ער זאָל זיך פרייוויליג מעלדען צום געפענגניס וועכטער, אום דיא זינד פון זיין אנטלויפען זאל פון איהם אויף אראָפּ. איך פאָהר גראדע יעצט נאך מינכען, און

איך וויל איהם אהין פיהרען, אום דיא פאליציי זאל איהם ניט איבערנעהמען איידער ער ניט זיך אליין איבער.

נאך דיעזער ערקלעהרונג וועלכע איז מייסטענס ניט געוועזן קיין גרויסע נייעס פאר דער באראנין, האט זענדיג ווידער אנגעטהאן זיין באָרד און זיין וואנצע און איז ווידער געווארען דער שטאלקנעכט פון פריהער.

דיא באראנין איז דאן פערזענליך אוועק צוריק אין גארטען און האט פארגע־שטעלט דעם דעטעקטיוו פאר דעם אנטלאפענעם פון געריכט.

מיט א קלאפענדער הארץ און מיט פייכטע אויגען האט פראנץ אויסגעהערט דיא גאנצע געשיכטע וואס דער דעטעקטיוו האט איהם ערצעהלט. ער האט געמוזט וויינען ווען ער האט געהערט פון דיא ליידען וואס זיין געליעבטע מרים איז אויסגע־שטאנען, ער האט זיך געמוזט פרעהען ווען ער האט געהערט, אז זיין אונשולד ווערט בעוויעזען.

דער קלוגער דעטעקטיוו האט איהם אבער נאך ניט ערצעהלט, אז מרים, זיין געליעבטע, איז א טאכטער פון א פירסטין און איז אויך איין ערבין צום פערמעגען.

נאך א לאנגען בעראטהען זיך האט פראנץ אנגענומען דעם דעטעקטיוו׳ס עצה און איז מיט איהם אוועקגעפאהרען נאך מינכען, אום צו מעלדען זיך פאר דעם געפענגניס דירעקטאר.

דיא באראנין וואלי פון שפרעכניץ האט איהם בעגלייט.

24טעס קאפיטעל.

דער גרויסער פראצעס.

גאנץ דייטשלאנד איז אויפגערעגט. אין אלע צייטונגען, אלע קלאבס און אין אלע פלעצער ווערט בעשפראכען דער גרויסער מארד פראצעס, וואס געהט פאר אין מינכען. דען אין קיין געריכט הויז איז פארגעקומען אזא פראצעס וואס ענטדעקט אזעלכע פערוויקעלטע געהיימניסע וויא דער פראצעס.

אין מינכען אליין איז יעצט פאל. אלע גרויסע אדוואקאטען פון אייראפא זיינען צוזאמענגעפאהרען בייוואהנען דיא פערהאנדלונג. צייטונג שרייבער פון דער גאנצער וועלט זיינען צוזאמענגעלאפען אום צו רעפארטען דיא נייעס צו זייערע מיל־ליאנען לעזער.

ארום געריכט-הויז ליעגען הונדערטע מענשען. כמעט אלע פון זיי זיינען פער־אינטערעסירט אין דער פערהאנדלונג. זיי זיינען עדות, דעטעקטיוו׳ס און פערוואנדע־טע צו דיא פראצעסירטע.

אין א קליין צימער ביי דער זייטע פון קרימינאַל געריכט זיינען געזעסען צוויי מענשען. דיא לעזער קענען זיי ביידען ערקענען. איינער וואר איין אדוואָקאט און דער צווייטער איז געווען דער דעטעקטיוו זענדיג.

— דענקט איהר, הערר זענדיג, דאס מיר וועלען קענען בעווייזען, אז פאול ראדאָוו איז דער מערדער?

— גאַנץ געוויס, ווען דיא אלטע גרעפין פאָן מעהרען וועט נור געבראַכט ווערען אין געריכט וועט זיא ערצעהלען דיא וואהרהייט, זיא איז האַלב פעררי‌קט. דעם גראַף'ס בלייבער גייסט פערפאָלגט זיא. איך האב עס אויסגעפונען אויף זיכער. איך אליין האב זיך פערקליידעט אין ווייסען און בין אריין אין איהר צימער. זיא איז אויפגעשפרונגען און האט גענומען שרייען, אז ניט זיא, נור ראדאָוו האט איהם ערמאָרדעט. איך בין אויך זיכער, דאָס ווען אָטטאָ באלקע וועט זיך זעהן אין פערלעגענהייט וועט ער מודה זיין דיא גאַנצע געהיימנים.

— דאן געהן מיר אין געריכט. אלעס איז פערטיג. דיא גרעפין איז אונטער ארעסט.

—ביידע זיינען אריין אין געריכטס הויז.

עס וואר דער זעלבער ארט, וואו פראַנץ איז פעראורטהיילט געוואָרען פאר'ן מאָרד.

— זייט איהר פערטיג? — האט דער געריכטס־פרעזידענט דעם פראָקוראָר געפרעגט.

— יא, מיין הערר.

— דאַן פיהרט אריין דעם פראַצעסירטען.

פראַנץ שטאַנד איז אריינגעפיהרט געוואָרען. אָבער ער וואר ניט דערזעלבער פראַנץ פון ערסטען פראָצעס. יעצט וואר ער ניט טרויעריג, וואר ניט בלייך; ער וואר וויא א מאַן וואס ערוואַרטעט זיין טריאומפף.

ער האט געזוכט אין פובליקום פיעללייכט וועט ער זעהן זיין געליעבטע. אך, וויא אנדערש וואָלט געווען דיעזע בעגעגניש פון דעם אבשיעד. אבער דיא וואס האבען פאר איהם געפיהרט דעם פראָצעס האבען געפונען פאר נויטהיג ניט צו ברענגען מרים'ן אין געריכט. אָבוואָהל זיא האט זיך געפונען אין מינכען.

— פראַנץ שטאַנד, איהר זייט שוין אמאָל פראָצעסירט געוואָרען פאר מאָרד און געפונען געוואָרען שולדיג. ערקענט איהר זיך נאך אלץ פאר אונשולדיג? — האט דער ריכטער געפרעגט.

— יא! — האט פראַנץ געענטפערט.

Mil

— דער אָבער-גערישטס האט אייך בעוויליגט א נייעם פראָצעס און איך כ׳ויז אייך ערקלעהרען פאר דיא געשוואָרענע אלס אונשולדיג ביז זיי וועלען וויעדער איבער אייך אורטהיילען. וואָס האט איהר צו בעווייזען, אויף אייער אונשולד?

— מיינע בעוויזע זיינען דאס אלע אויסזאגען וואס וואָרען געמאכט געגען מיר זיינען פאלש. איך וואר ניט אין מינכען, ווען דער מאָרד איז געשעהן. איך וואר ניט אויף יענעם וואגען וואָס איז געפאָהרען צום גראף׳ס הויז און האב איבערהויפט קיין אנטהייל גענומען אין דעם פערברעכען.

— און וויא ערקלעהרט איהר, וואָס מען האט אייך געזעהן ארום דעם גראף׳ס הויז און אין דעם גאסטהויז, וואו מען האט געפונען דעם גראף׳ס געלד? — האט דער ריכטער געפרעגט.

— איך ערקלעהר דאס א דאָפּעלגענגער האט מיך פאָרגעשטעלט.

— קענט איהר איהם בעווייזען?

— אויב דיא בערלינער פאָליציי האָט איהם אהער געבראכט.

— גוט, — האָט דער ריכטער געענטפערט — איז הערר ווינטער, דער קרימינאל קאָמיסאר פון בערלין דאָ מיט דעם אַרעטירטען?

באלד האט זיך געעפענט א טהיר און ווינטער איז ערשינען. נאך איהם איז געפיהרט געוואָרען אָטטאָ באָלקע, געשמידט אין קעטען.

— איז דאָס דער מאַן, וועלכען איהר ערקלעהרט פאר אייער דאָפּעלגענגער? האט דער ריכטער געפרעגט און האט זיך אליין געוואונדערט אויף דיא עהנליכקייט פון דיא צוויי פערזאָנען.

— דאס קענען דיא הערען ריכטער אליין זעהן, — האט פראנץ געענטפערט.

— ברענגט אָטטאָ באָלקע צום טיש.

דער בעפעהל איז ערפילט געוואָרען. דיא געשוואָרענע האבען געקוקט אויף דיא צוויי יונגע לייט און האבען ניט געקענט ערקענען פון איינעם צום צווייטען.

— פיהרט אריין דעם קוטשער פעפי, — האט דער ריכטער בעפאָהלען.

פעפי איז אויפגעטראָטען.

— וועמען פון דיא צוויי האסט דוא געפיהרט אין דער נאכט ווען דער גראף פאָן מעהרען איז ערמאָרדעט געוואָרען? — האט דער ריכטער געפרעגט.

דער קוטשער האט געקוקט אויףביידע יונגע לייט אזוי שארף וויא ער האט נור געקענט.

— איך קען ניט ערקענען, הערר ריכטער, — האט ער געזאגט – ביידע זיינע וויא צוויי וואסער טראָפּען. איך קען ניט שווערען, ווער איז ווער.

דיזעלבע סצענע איז געשפיעלט געוואָרען מיט בעזיצער פון גאָלדענעם שטערן און מיט דיא איבעריגע וואָס האבען אין ערסטען פּראָצעס געשוואָרען, אז זיי האָבען געזעהען פראַנץ שטאַנד אין מינכען.

קיינער האט ניט געקענט ערקענען, איינעם פון צווייטען.

— דיא בעווייזע, דאס פראַנץ שטאַנד איז געווען אין מינכען יענע נאכט זאָלען געשטריכען ווערען פון פּראָטאָקאָל! — האט דער ריכטער געזאגט — דיא עדות קענען ניט ערקענען איינעם פון צווייטען אין דעם פּראָצעסירטען קומט אימער דער בענעפיט פון א צווייפעל.

זיין בעפעהל איז ערפילט געוואָרען.

— יעצט מוז דער פערקלאַגטער בעווייזען, דאס ער וואר ניט אין מינכען אין יענע נאכט און דאָס אננא זיבעל, דיא צייגין געגען איהם האט פאלש געשוואָרען. קען דאס בעוויזען ווערען?

— יא, — האט פראַנץ'ס אדוואָקאט גענטפערט — אננא זיבעל איז דא און זיא איז בערייט צו געשטעהן דיא וואהרהייט.

— פיהרט זיא אריין!

בלייך, צובראָכען און פערצווייפעלט איז אננא ערשינען אין געריכט. איהרע אויגען וואַרען געזונקען צו דער ערד. זיא האט ניט געקענט פערטראָגען דעם בליק פון אלע אנוועזענדע.

— אננא זיבעל, האט דער ריכטער אין א שטרענגען טאָן געזאָגט - איהר האט דא אמאָל געשוואָרען, דאס איהר האט בעגלייט דעם פערקלאָגטען צום באהן נאָך מינכען. יעצט הער איך, אז איהר רופט צוריק יענע עדות. איך בין געצוואונ־גען צו מאכען אייך אויפמערקזאם, אז פאר פאלשע עדות ווערט אין אונזער געריכט בעשטראַפט. דאך איז בעסער אבצוקומען אזא זינד מיט א שטראַפע, איידער צו טראָגען אויף זיך דיא לאַסט פון אזא שרעקליכען פערברעכען. וואס האט איהר צו זאָגען?

— דאָס — איך — האב — פאלש געשוואָרען! — האט אננא אין א געבראָ־כענעם טהאָן געזאגט.

— וואס וואר אייער מאָטיוו צו זאָגען דאן א ליגענע און וואס האט אייך גע־בראכט צו זאָגע יעצט דיא וואהרהייט.

— אייפערזוכט און דער שטרעבען צו רייכטהום! — האט אננא געענטפערט איך וואר אייפערזיכטיג אויף פראַנץ שטאַנד. און א מאַן, מיט דעם נאָמען ארטהור מענצעל האט עס ערפאהרען. ער האט מיר אנגעבאָטען א פיערטעל מיליאָן, ווען

איך וועל איהם העלפען מיט מיין פאַלשער שבועה צו פעראורטהיילען דעם מאַן, וואָס האט נעגעבען זיין הארץ צו איין אנדער מיידעל. ער האט מיר פערשפּראָכען, אז מיין געליעבטען וועט קיין בייז געשעהן. איך האב באַלד חרטה געהאט, אָבער עס וואַר צו שפּעט. פראַנץ איז אנטלאָפען פון געפענגניס און מענצעל האט מיר גע־געבען געלד צו שווייגען. אָבער זייט דאַן האב איך קיין רוהע. מיין מוטער האט מיר פאַר איהר טוידט געווארענט. איהר גייסט שטעהט פאַר מיר. דיא פּאָליציי האט מיך אונטער איהר אויפזיכט, וויא איין אויסגעלאַסענע. מענצעל איז געשטאָר־בען, דער חלום אויפ׳ן פיערטעל מיליאן איז פערשוואונדען. דיא פּאַפּירען וואָס מען האט ביי מיר געפונען האבען מיך געמאכט פאַר א געפאַנגענע אין דער פּאָליציי. מיינע ליידען זיינען גרויס, געוויסענסביסע און פערפאָלגונג מאַטערען מיך. איך זעה, אז דיעזע זינד קאָסט מיך דאס לעבען. דערצו הער איך, אז פראַנץ וועט זיין אונ־שולד בעווייזען און וועט הייראַטהען זיין געליעבטע. איך וויל ניט ער זאל אויף מיר קוקען מיט פעראַכטונג און דאַרום האב איך בעשלאָסען מודה צו זיין דיא וואהר־הייט. איך בין בערייט צו ליידען פאַר דער פאַלשער שבועה, איידער צו טראָגען אויף מיין הערץ דיא אייביגע לאַסט.

— דאס איז ריכטיג! — האט דער ריכטער געזאָגט — וואס האט ווירקליך געטראָפען צווישען אייך און פראַנץ׳ן אין יענער טרויעריגער נאַכט.

— דיא וואהרהייט איז, דאס פראַנץ האט מיר ניט פערשפּראָכען צו הייראַטהען, דאס ער האט זיך פאַר מיר ניט פערענטפערט פאַר זיין ליעבע צו מרים מעהרען, דאס ער האט זיך מיט מיר ניט געזעגענד אום 9 אוהר, און דאס איך האב איהם ניט געזעהן אפּפאָהרען אום 9 אוהר. איך האב איהם גראדע געזעהן אפּפאָהרענדיג אום 1 אוהר, אָבער ארטהור מענצעל האט מיר בעפאָהלען צו זאָ־גען 9 אוהר.

— איז דיעזע אויסזאָגען אייער וואהרהייט?

— אזוי וואהר וויא איך וויל תשובה טהאן אויף מיין פעהלער.

— ווייסט איהר פיעללייכט ווער דער אמת׳ער מערדער איז?

— ניין.

—ווילט איהר אויף דיא אלע זאכען שווערען.

— יאָ.

— פיהרט אפּ דיעזע אננא זיעבעל. נאָך דעם פראָצעס וועל איך זיא אור־טהיילען פאַר איהר ערכטע פאַלשע שבועה.

מיט א געבראָכענעם געמיטה איז אננא ארויס פון געריכט.

— הערר ריכטער! — האט דער אדוואָקאט וואס האט פערטהיידיגט מאקס'ן געזאָגט — דיא בעוויזע וואס זיינען יעצט פאָרגעפיהרט געוואָרען בעווייזען צוויי וויכטיגע פונקטען. ערסטען בעווייזען זיי דאָס פראַנץ שטאַנד האט ניט געקענט זיין אין מינכען ווען דער מאָרד איז בעגאַנגען געוואָרען. אויב ער איז דאָרט זאָגאַר געוועז איז אויך מעגליך דאס זיין דאָפּעלגענגער, ניט ער איז דעם מאָרד בעגאַנגען. דארום פערלאַנג איך דאס מיין קליענט זאָל פריי געשפּראָכען ווערען.

— דאס קען מען ניט טהאָן! — האט דער פּראָקוראָר געענטפערט — דיא אויסזאַגען פון אננאַ זיעבעל זיינען פאָר אונז שוואַך אין ביידע זייטען. מיר גלויבען איהר ניט מעהר וואס זיא האט געזאָגט אין ערסטען פּראָצעס און מיר גלויבען איהר ניט וואָס זיא האט יעצט געזאָגט. פאָר אונז ליעגט דארום פאָר דער פערדאַכט אויף דיא צוויי פּערזאָן, וועלכע זיינען עהנליך איינע צו דיא אנדערע, ווייל דער קוטשער און דער גאַסטהויז בעזיצער, זיינען זיכער דאס איינער פון זיי איז געוויס דער מערדער, זיי ווייסען אבער ניט, וועלכער פון זיי. דארום מוזען מיר זיי ביידען האלטען אין אונטערזוכונגס האפט.

— דער גאַנצער פערדאַכט איז ריין געוואָרען פון מיין קליענט פראַנץ שטאַנד! האט דער אדוואָקאַט געזאָגט — ער וואר ניט אין מינכען ווערהענד דעם מאָרד, דאס האט זיין כלה מרים, געזאָגט ביי'ן ערסטען פּראָצעס און דאס בעשטעטיגט יעצט אננאַ סיבעל. אבער אטטאָ באַלקע וואר אין מינכען צו יענער צייט און נור ער דאַרף פּראָצעסירט ווערען אָדער פערדעכטיגט ווערען. איך בין אויך אימשטאַנדע צו ברענגען בעוויזע, דאָס אָטטאָ באלקע איז געוועזן דער מאַן, וואָס איז אריין אין צימער און דאס ער וואר איין האנד מיט ארטהור מענצעל, א געוויסען דניאל און אָפּענהיימער צו וואַרפען דיא שולד אויף פראַנץ שטאַנד. הערר ריכטער, קיין אינטריגע אין דער וועלט איז נאָך ניט אזוי אויסגעוועבט געוואָרען וויא דיעזע אינטריגע. עס וואר אַן אינטריגע פאר אַ מילליארד דאָלאַר. אום צו בעווייזען דעם געריכט דעם מאָטיוו פון דעם גאַנצען פערברעכען בעט איך דאס געריכט זאָל מיר ערלויבען פאָרצולייגען דיא זאַכע אין קורצע ווערטער.

— גאַנץ געוויס, דער מאָטיוו מוז בעוויזען ווערען צו יעדען פערברעכען, — האט דער ריכטער געענטפערט — רעדט.

— דיא זאַכע איז דיא! — האט דער אדוואָקאט אָנגעפאַנגען.

„צוריק מיט הונדערט און איין יאָהר, האט געלעבט א פרוי, וועלכע האט געערבט פון א געוויסער אירענע, דיא טאָכטער פון דער קעניגין עליזאַבעטא א גרויסע סומע געלד, וועלכע זיא האט דעפּאָנירט אין באַנק אָף ענגלאַנד, צוזאַמען מיט

א קאָפּיע פון איהר טעסטאַמענט. דער טעסטאַמענט לויטעט, דאס דיא קינדער פון איהר ברודער געהיים־ראַטה יוסטוס פאָן בראַנד, זאָלען ערבען דאס געלד נאָך 101 יאָהר. ווען דיעזע יורשים וועלען פעראורטהיילט ווערען פאַר א פערברעכען, אָדער ווען איהר ברודער וועט נאָך זיך קיינע יורשים לאָזען, דאַן זאָל דאס גאַנצע געלד איבערגעהן צו דיא קינדער פון איהר אָנקעל גאָטלאַב־ליעברעכט־שענבאָרן. נון האבען מיר איין שטאַם בוך און עדות צו בעווייזען, דאָס פראַנץ שטאַנד איז א יורש צו דאס געלד פון דיא סינדער וואָס שטאַמען פון געהיים ראַטה יוסטוס פאָן בראַנד. דיעזעס געלד האבען געוויסע דריי שווינדלער, איינער מיט׳ן נאָמען צאַלקע, א צווייטער מיט׳ן נאָמען דניאל און א דריטער מיט׳ן נאָמען אָפּענהיימער געוואָלט נעהמען צו זיך. זייער ערשטער פּלאַן איז געווען צו קריגען א פּרעטענזיע צו דער ירושה. צאַלקע, וועלכער איז איין רויבער און מערדער איז בעפאַלען א געוויסען רודאָלף מענצעל פון בערלין, וועלכער איז א דירעקטער יורש פון שענבאָרן און האט פון איהם גערויבט דיא פּאַפּירען. איהם אליין האט ער פערפּאַקט אין געפענגניס. זאָ איז צאַלקע געוואָרען ארטהור רודאָלף מענצעל, פון דער פאַמיליע גאָטלאַב ליעברעכט שענבאָרן. יעצט האט זיך געהאַנדעלט צו פערהיטען זיך פראַנץ זאָל ניט קומען צו זיין ירושה. דאס האָט מען נור געקענט ערדרייכען דורך א מאָרד בלבול. דער גורל איז געפאַלען צו ערמאָרדען דעם גראַף פאָן מעהרען, צוליעב אורזאַכען וועלכע זיינען פאַר אונז אויך קלאָהר. דער גראַף פאָן מעהרען האט ביי זיך ערצויגען א געוויסע מיידעל מיט׳ן נאָמען מרים, א קינד פון דער פירסטין עדיטהאַ, דיא טאָכטער פון פירסט אָף קאַראַראַ. עדיטהאַ׳ס מוטער און דיא מוטער פון פראַנץ שטאַנד וואַרען שוועסטער, און מרים מעהרען איז אַזוי בערעכטיגט צו דער ירושה וויא פראַנץ. דער גראַף פאָן מעהרען האט געהאַט דאָקומענטען, וואָס האבען בעוויזען מרים׳ס אָבשטאַמונג. אום דיעזע דאָקומענטען צו רויבען האט מען געמוזט ערמאָרדען דעם גראַף, און אום פראַנץ זאָל פערלירען זיין רעכט האט מען געמוזט וואַרפען דעם בלבול אויף איהם. וויא האָבען זיי דאָס געקענט דורכפיהרען? גאַנץ איינפאַך: זיי האָבען געפונען דעם עלענדען אַטטאַ באַלקע, פראַנץ׳ס דאָפּעלגענגער און האבען איהם געדונגען צו בעגעהן דעם מאָרד און געהן אין גאַסטהויז צום „גאָלדענעם שטערן" און פאָהרען מיט דעם קוטשער פעפי. דיא קאַסטען וואס מען האט געפונען אין גאַסט־הויז געהערט ווירקליך צו פראַנץ שטאַנד, אָבער זיא איז פון איהם געגנב׳ט געוואָרען צו דיעזען צוועק. דיא אינטריגע איז געמאַכט געוואָרען גוט. אום צו פערזיכער׳ען זיך האט מען געדונגען אננאַ סיבעל זיא זאָל זאָגען פאַלשע עדות און פראַנץ איז פער־אורטהיילט געוואָרען. אָבער מיינע הערדען דער אמת׳ער

מערדער איז אָטטאָ באַלקע און צו מיין בעדויערען האָב איך צו בעווייזען, אז אטטאָ איז א לייבליכער ברודער צו פראַנץ שטאנד!

— וואָס! — האָט אטטא אויסגעשריען מיט דיא ווילדעסטע קולות — פראַנץ מיין ברודער! אָה, דאס ערקלעהרט מיר דער סוד פון אונזער עהנליכקייט. העדר ריכטער, איך בין דעם מאָרד ניט בעגאַנגען!

— לײדער ביזט דוא זיין ברודער! — האט דער אדוואָקאַט שארף געזאָגט — יא זיין צווילינגס-ברודער. היער אין געריכט געפינט זיך דיא באַראָנין וואלי פאָן שפּרעכניץ, וועלכע האט אַלע בעווייזע דערצו. און איך האב בעווייזע, דאס דוא אָטטאָ ביזט בעגאַנגען א מאָרד און האסט עס געוואָרפען אויף דיין אייגענעם ברודער!

— מיין גאָט! דאָס איז אונמעגליך! — האט אָטטאָ געשריען פערצווייפעלט — אבער ניט איך בין דעם מאָרד בעגאַנגען. יאָ, איך בין זיך מודה, אז איך האב גע-האָלפען צו בעשולדיגען פראַנץ שטאנד. איך האב אויך געהאָלפען צו פערפיהרען זיין געליעבטע אין בערלין און מאבען זיא פאר א גנב, אָבער איך האב ניט ערמאָר-דעט. דעם מאָרד איז בעגאַנגען איין אנדער פערזאָן. נעמליך, דער הויז-פערוואלטער, פּאול ראַדאָוו.

דיא אלע ענטדעקונגען פון דער גרויסער ירושה און דיא גאַנצע אינטריגע צו געווינען דאס געלד האט דיא אנוועזענדע אין געריכט ניט אזוי איבערראשט וויא דיא לעצטע ווערטער פון אָטטאָ באַלקע. דיא ריכטער און דער פּראָקוראָר און אלע געשוואָרענע האבען געשיינט ניט צו גלויבען וואס זיי האבען געהערט.

בלויז צוויי זיינען ניט איבערראשט געוואָרען. נעמליך, דער אדוואָקאט און דעטעקטיוו זענדיג.

— וואס פאר איין אורזאבע האט פּאול ראַדאָוו געהאט צו בעגעהן דיעזען מאָרד? — האט דער פּרעזידענט פון געריכט געפרעגט.

— א גרויסע, — האט אטטאָ געענטפערט — ער איז דער גרעפין פאָן מעה-רענס אלטער געליעבטער און העדוויג איז דיא טאָכטער פון דיעזער ליעבע. דער דער פערוואַלטער האט געוואָלט הייראטהען דיא גרעפין און האט אויך געוואָלט פערהיטען דער גראף זאָל ניט אדאָפּטירען מרים'ן פאר זיין קינד, דארום איז דער מאָרד געשעהן א טאָג פאר דעם גראף'ס געבורטסטאָג.

— האט דיא גרעפין געוואוסט פון דעם מאָרד? — האט דער ריכטער געפרעגט.

—

— האט זיא געהאָלפּנן ?

— ניט דירעקט.

— וואַר זיא איינפערשטאנדען ?

— פון אָנפאנג יא.

- און וואָס פאַר א ראָלע האט איהר אין דעם געשפּיעלט ?

— איין קליינע, איך האב בלויז געגעבען מיין פּערזאָן צו ווארפען דעם בלבול אויף פראַנץ שטאַנד. אך, ווער האט עס געקענט וויסען, אז איך האב געהאָלפען צו פערגליקען מיין אייגענעם ברודער! מיין שאַנדע איז זעהר גרויס. איך האָף אָבער, אז דאס געריכט וועט מיר פערצייען, ווייל אלעס וואס איך האב געטהאָן איז געוועז אום צו רעטען דיא עהרע פון מיין געליעבטער, העדוויג פאָן מעהרען!

— דאס איז אַ ליעגען! — האט אַ שטימע אויסגעשריען פון פּובליקום און אַ יונגע דאמע אין אַ שלייער האט זיך אויפגעהויבען פון אָרט — עס איז אַ ליעגען.

— ווער איז דיעזע דאַמע ? — האט דער ריכטער געפרעגט.

— העדוויג פאָן מעהרען! — האט דיא דאַמע אויסגעשריען און האט אראָפּ־געריסען איהר שלייער — ניט פון מיינטוועגען איז דאָס אלעס געשעהן. איך האב קיינעם עס ניט געבעטען. ווען איך האב ערפאהרען דעם פערברעכען, האב איך געוואָלט אלעס אויסגעבען דעם געריכט, אָבער איך האב געאַכטעט מיין אונגליק־ליכע מוטער. איך האב דארום געזוכט צו פערריכטען דיא פעהלער וועלכע מען קען פערריכטען. איך האב געשיצט פראַנץ'ן, און האב געראַטעט מרים'ן. יעצט אָבער ווען אלעס איז ארויס, מיין מוטערס שאַנדע איז בטאַוסט פאר דער וועלט, אַ מערדער ווערט מיר צוגעשריבען אלס פאָטער און איין שורקע מיין געליעבטער דאן שטעה איך אויף פאר דעם ריכטער און בעשטעטיג היער, דאס פראַנץ איז אונשולדיג, וויא זיין געליעבטע מרים, אָטטאָ איז ניט ווירדיג צו זיין זיין ברודער ווייל ער, אָטטאָ איז בעגאַנגען נאָך גנובות אין אנדערע שווינדלען. און איך העדר ריכטער, איך האב מיר גענומען דעם נאָמען קלעאָפּאַטרא, און וויא יענע עגיפּטישע פּרינצעסין, וועלכע איז געשטאָרבען פון גיפט אזוי שטאַרב איך. אדיע!

— חאַפּט זיא. שנעל, לאָזט זיא ניט אויסטרינקען דאס גיפט! — האט דער ריכטער געשריען, ווייל העדוויג האט גענומען אַ פלעשעלע אין מויל.

אבער עס וואַר שפּעט. איידער מען האט זיא געקענט אננעהמען האט זיא דיא ביטערע טראָפּענס אויסגעליידיגט און איז געפאַלען, בלאַס אין איהר פּלאַץ.

עס וואַר אַ שארפער גיפט וואס ווירקט שנעל. דיא דאָקטוירים, וואָס זיינען גערופען געוואָרען האבען זיא ערקלעהרט פיר טויט.

באלד איז העדוויג׳ס קערפער ארויסגעטראָגען געוואָרען פון געריכט און די פערהאנדלונג האט ווידער אנגעפאנגען צו געהן, גלייך וויא קיין אונגליק וואָלט דאָ געטראָפען.

אָטטאָ, וועלכער איז געזעסען אויפ׳ן שטוהל פון דיא עודת, האט פון ווייטען צוגעקוקט דעם טוידט און דעם סוף פון זיין געליעבטע, אָבער ער האט ניט געמאכט קיין בעוועגונג און קיינע מינע, וואס זאָל וועיזען, אז דאס קימערט איהם. זיינע געדאנקען וואָרען יעצט אין איין אנדער וועלט, נעמליך, ביי דעם מיליאָרד וועלכען זיין ברודער וועט געוויס ירשנ׳ן.

— אלזאָ, — האט זיך דער ריכטער געווענדעט צום אָטטאָ — איהר זייט זיך מודה, אז איהר האט געשפיעלט דיא ראָליע פון פראנץ שטאנד, אום צו מאכען דעם מאָרד בלבול אויף איהם. איהר זייט אויך מודה, אז איהר און מענצעל האָבען אונטערגעקויפט דעם אויפזעהער פון געריכט צו העלפען פראנץ זאָל אנטלויפען, איהר זייט אויך מודה, אז איהר האָט זיך פערשטעלט פאר פראנץ אום צו נארען זיין געליעבטע און צו פערפיהרען זיא אין איין שענדליכע הויז. דאס אלס מאכט אייך פאר א קרימינעלען מענשען און איהר וועט געהאלטען ווערען אונטער דעם פערדאכט פון מאָרד, צוזאמען מיט פאול ראדאָוו, ביז עס וועט בעשטעטיגט ווערען ווער פון אייך איז דער מערדער.

אָטטאָ האט אראָפגעלאָזען זיין קאָפּ. ער האט קיין וואָרט ניט געקענט ריידען. שטום און מעבאניש האט ער זיך געלאָזט אָפּפיהרען פון געריכט אין געפענגניס.

ווען דיא געפענגניס וועכטער זיינען נאך געגאנגען מיט דעם געפאנגענעם דורכ׳ן געריכט, האט זיך פראנץ׳ס אדוואָקאט אויפגעהויבען און האט געזאָגט :

— געעהרטהער ריכטער. דיא בעווייזע זיינען יעצט קלאָהר, דאס פראנץ שטאנד איז אין גאנצען אונשולדיג אין דיעזער קלאגע און דארום בעט איך פון אייער עהרע צו בעפעהלען דיא געשוואָרענע זיי זאָלען איינשטימיג ערקלעהרען זיין אונשולד און ער זאָל זאָפאָרט פריי געשפראָכען ווערען.

— דאָס וועט באלד געשעהן! — האט דער ריכטער געענטפערט — מיר מוזען אָבער פריהער בעשטעטיגען דיא אויסזאגען פון אָטטאָ באלקע. איהר ווייסט דאך דאס קיין מענש קען ערקלעהרט ווערען א מערדער אויף דיא אויסזאגען פון א פערברעכער וויא אָטטאָ. מיר מוזען דייטליך בעווייזען, אז פאול ראדאָוו איז דעם מאָרד בעגאנגען, אום פראנץ שטאנד זאָל אין גאנצען בעפרייט ווערען, קענט איהר ברענגען נאך איינעם, וואס זאָל בעשטעטיגען אָטטאָ׳ס ווייד?

— יאָ, — האט דער אדוואָקאט געזאָגט — דיא גרעפין פאָן מעהרען אליין איז אין צווייטען צימער, אלס פטרהאפטעטע צייגין. אויך פּאול ראדאָוו איז אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי.

— פיהרט זיא אריין !

אין געריכט איז געוואָרען שטיל. מיט דער גרעסטער שפּאַנונג האבען אלע ערווארטעט דיא גרעפין, דיא דאמע וואָס האט געשפּיעלט אזא גרויסע ראָליע אין דעם געגענד און איז יעצט אזוי ניעדעריג געפאלען.

דיא טהיר האט זיך געעפענט.

אַ דאמע דאר און בלאס, מיט דעם וואהרען אויסזעהן פון אַ סקעלעט, און מיט איינען וואָס זיינען דיא עדות פון משוגעת, איז אין זאאל אריינגעפיהרט געוואָרען. זיא וואר אנגעלעהנט אויף דעם אקסעל פון אַ פּאָליציימאן און איז געגאַנגען מיט שווערע טריט צום שטוהל, אויף וועלכען זיא האט זיך אוועקגעזעצט וויא איינע וואס ווערט בעוועגט אויף אַ ספּרוזשינע.

מען האט דייטליך געזעהן, אז זיא וויים ניט וואָס ארום איהר טהוט זיך. זיא זעהט ניט דיא מענשען ארום איהר, און דענקט ניט וועגען זיך.

— פרוי גרעפין ! — האט דער ריכטער געזאָגט — דאָס געריכט האָט ענטדעקט אלעס וואָס איהר האט ביז יעצט געהאלטען פאר אַ געהיים. זייט איהר מודה, אז פּאול ראדאָוו איז אייער געליעבטער ?

— שאט — — זאָגט עס ניט הויך — — דער בּלייכער שאטען — האט דיא גרעפין געזאָגט גלייך וויא זיא וואָלט וועלען איהר פערברעכען זאָל בעהאלטען ווערען פון אַ געוויסע פּערזאָן.

— ווער איז דער בּלייכער שאטען ? — האט דער ריכטער געפּרעגט

— איהר זעהט איהם ניט ? דער ערמאָרדעטער ! ער, דער גראַף, וואס געהט מיר נאָך און זאָגט : וואָס האב איך דיר געטהאן ? ווארום האָסטו מיין עהרע בעליידיגט און מיין לעבען גערויבט ?

— האט איהר ערמאָרדעט אייער מאָן ?

— יאָ, יאָ, — האט דיא גרעפין געענטפערט — איהר זעהט ניט דעם בלייכען שאטען.

— האט איהר איהם מיט אייערע הענד געטוידטעט ?

— יאָ, יאָ, איך האב איהם פערשפּראָכען צו הייראטהען און דארום האט ער אריינגעשפּריצט דיא גיפט אין זיין קערפּער.

— ווער ?

— פאול ראדאָוו!

— און וואו האָט ער דאס גיפט נעקראָגען?

— שאט — — דאס איז א סוד. מענצעל האט עס פערשאפט.

— און איהר האט געוויסענסביסע! — האט דער ריכטער געפרעגט.

דיעזע פראגע האט געמאכט א מערקווירדיגע ווירקונג אויף דער גרעפין. זיא האט זיך צרוויינט וויא א קינד.

— ער, ער, דער בלייכער שאטען, אָה, לאָזט איהם ניט צו מיר! ער ווערגט מיך! ער הייסט מיר אָפּגעבען מרים'ן איהרע דאָקומענטען...... זיא איז א פירס־טינ'ס א קינד...... איין ערבין פון מילליארדען...... אָבער מענצעל...... מענ־צעל...... ער האט זיי. אוועק, בלייכער שאטען.... אה, ער שטיקט!

— נעהמט, זיא אוועק! — האט דער ריכטער געזאָגט דאָקטוירים דארפען אונטערזוכען איהר פערשטאנד. איך זעה אָבער דאס דיא גאנצע קלאגע געגען פראנץ שטאנד איז איינגעפאלען. איך עמפפעל דיא געשוואָרענע זיי זאָלען איהם ערקלעהרען פאר אונשולדיג.

ווערענד דיא גרעפין פאָן מעהרען איז אָבגעפיהרט געוואָרען, האבען דיא געשוואָרענע אונטערשריבען דעם אורטהייל.

פראנץ שטאנד איז דאן ווידער צוגעפיהרט געוואָרען צום ריכטער:

— באראָן פראנץ פאָן שטאנד! — האט דער ריכטער יעצט געזאָגט אין א הויכע, קלינגענדע שטימע. עס פרעהט מיך, דאָס דער אורעכט געגען אייך איז פערריכט. דיעזעס געריכט האט אייך אמאָל פעראורטהיילט. יעצט ווערט איהר דאָ ערקלעהרט פאר אונשולדיג און איך לאָז אייך פריי מיט עהרע. דער ציעל פון דיא אינטריגאנטען איז געווען צו בערויבען אייער רעכט. אייער אייגענער ברודער, וואָס האט ניט געוואוסט, ווער איהר זייט האט דארין געהאָלפען. נון, באראָן, איהר וועט זיך אומקעהרען צו אייער עהרע, אייער טיטעל, און אייער רעכט. אייער ברודער אטטאָ וועט אלעס פערלירען. זייט גליקליך, באראָן, און פערגעסט ניט צו נעהמען א ביישפיעל פון אייער שיקזאל, דאָס ניט אלע וואס זיינען בעשולדיגט, זיינען ווירק־ליך שולדיג. אייער הילפע זאָל אימער גערייכט ווערען צו פערזאָנען וואָס ווערען דיא קרבנות פון אינטריגאנטען און באנדיטען. איהר זייט פריי און צוריק ביי אייער עהרע.

א בראוואָ און הורראַ האָט פערקלונגען דעם זאאל. פראנץ איז בעגריסט געוואָרען פון אלע זייטען. ער האט אָבער קיין צופיעל צייט געהאט.

— צו מיין מרים! צו מיין מרים! — האט ער געשריען צו זיינע בעגלייטער - צו מיין מרים. איך וויל זיא זאָפאָרט אומאַרמען. איך וויל זיא זעהן. איך וויל זיא זעהן!

האסטיג איז ער ארויסגעלאָפען פון געריכט, און האט זיך גאר ניט אומגעקוקט אויף זיינע בעגלייטער און דער פובליקום וואס איז איהם נאָכגעלאָפען.

דאָס געריכט האָט זיך אָבער נאך ניט געשלאָסען. דער פראָקוראָר האָט פערטיג געמאַכט דיא קלאגע פון מאָרד געגען פאָול ראַדאָוו און פון העלפען אין מאָרד און שווינדעל געגען אָטטא באלקע, דיא גרעפין פאָן מעהרען, דניאל און אָפענהיימער.

— — — — — — — — — — — — — —

אין דערזעלבער צייט וואָס אין מינכען איז פערהאנדעלט געוואָרען דיעזער פראָצעס און דיא געהיימנים פון דער ירושה איז ארויס אין דער עפענטליכקייט, איז אין בערלין פאָרגעקומען א קלענערער פראָצעס.

עס וואר דער צווייטער פראָצעס וואס איז בעווילינט געוואָרען פיר רודאָלף מענצעל, וועלכער האט געשמאַכטעט אין געפענגניס.

לינא סאָמער, האָט אָבגעגעבען א שבועה אין וועלבער זיא האט מודה געווע איהר גאַנצע זינד. זיא האט מודה געווען, אז רודאָלף האט ביי איהר פערבראַכט אין דער נאַכט ווען דיא גנבה איז געמאַכט געוואָרען. זיא האט אויך מודה געווען, אז זיא האָט פערגיפטעט איהר מאַן, אום צו פערדעקען איהר שאַנדע.

טאָני דיא אונגארישע דינסט-מיידעל, וועלכע האט אויסגעפונען, אז איהר מאקס איז א גנב און האט זיא נור פערפיהרט, האט אויך מודה געווען, אז זיא האט געגעבען דעם שליסעל צו רודאָלף׳ס צימער, און דאָס דיעזען שליסעל האט מאַקס בענוצט צו אונטערוואַרפען דיא גנבה אין מענצעל׳ס קופערט, ווייל דער אמעריקאַנער האט איהם געדונגען דאָס צו טהאָן.

אויף דיעזע בעווייזע איז רודאָלף פריי־געשפראָכען געוואָרען פון געפענגניס, וועהרענד לינא סאָמער איז פערארורטהיילט געוואָרען צו איינינע יאָהר געפאַנגענשאַפט פאר איהר מאַנ׳ס טוידט.

24טעס קאפיטעל.

אין באַנק אָף ענגלאַנד:

איינינע וואָכען נאָך דיעזע געריכטליכע פערהאנדלונגען איז דיא גאַס אין לאָנדאָן, וואו דיא באנק אָף ענגלאנד געפינט זיך געווען געפּאַקט מיט נייגיערינע מענשען. אין דיעזען טאָג האט דיא באנק אויסגעצאָהלט דיא גרעסטע סומע וואס

איז אמאָל געגעבען געוואָרען צו יורשים. עס איז געוועזן א סומע פון א מיליארד דאָלאַר.

פאַר דעם באַנק פּרעזידענט זיינען געשטאַנען באַראָן פראַנץ שטאַנד, מיט זיין יונגע פרוי פירסטין מרים פאָן קאַראַרא, אַלס דיא ערשטע פּרעטענדאַנטען. נאָך זיי איז געשטאַנען באַראָן אַטאַמאַר פאָן ערלען און זיין פרוי אַדעלינאַ. הינטער זיי איז געשטאַנען רודאָלף מענצעל פון בערלין, און נאָך זיי איז געוועזן דער אַלטער קלעמענס, וועלכער איז געשטאַנען מיט א נאָנע, דער דעטעקטיוו זענדיג און דיא באַראָנעסא פאָן שפּרעכביין.

דער באַנק-פּרעזידענט האט אַרויסגענומען זיינע אויגען פון א פּאַק פּאַפּירען, וועלכע וואַרען אַלט, און געלב און אויך נייע און פערזאָרגט מיט נייע זיעגלען פון געריכט און האט זיך געשטעלט געגען דיא יורשים.

— מיינע געעהרטע אַנוועזענדע, — האט ער געזאָגט — איך האב גוט אונטערזוכט דיא פּאַפּירען און דאָקומענטען און בין געצוואונגען צו אַנערקענען דעם אורטהייל פון וויענער געריכט זאָ וויט, וויא דאס האַנדעלט זיך וועגען פראַנץ פאָן שטאַנד און אַטאַמאַר פאָן ערלען. דיא צוויי זיינען זיכערע יורשים וואָס שטאַמען פון געהיימראַטה יוסטוס פאָן בראַנד. דיא פּאַפּירען און דיא דאָקומענטע וואס פיהרען צו בעווייזען, אַז עדיטהאַ, פירסטין פאָן קאַראַרא איז איין ערבין, זיינען אויך עכט און בעשטעטיגט. ליידער אָבער קען איך ניט איינשטימען, דאס מרים פאָן שטאַנד איז דאָס קינד פון פירסטין עדיטהאַ פאָן קאַראַרא. דער איינציגער בעוויז דערצו איז נור דער טאָגע-בוך פון גערטנער קלעמענס, וועלכער לעזט זיך וויא איין פאַנטאַזיע ניט וויא א ווירקליכקייט. ווען דיא פירסטין עדיטהאַ וואָלט יעצט געלעבט, און וואָלט קענען אויפטרעטען צו ערקענען איהר קינד, דאַן וואָלט דיא ירושה געוועזן צו אויסצאָהלען.

— איהר גלויבט ניט מיין טאָגע בוך? — האט קלעמענס אויסגעשריען מיט כעס.

— ליידער! — האט דער באַנק פּרעזידענט העפליך געענטפּערט — איך קען איהם ניט גלויבען ביז ער וועט בעשטעטיגט ווערען.

— דאַן גוט, איך האב דיא בעשטעטיגונג. דיעזע נאָנע איז מיין עדות.

אַלע האבען מיט איבערראַשונג אָנגעקוקט דיא נאָנע, וועלכע איז פאָרגעטראָטען.

— ווער זייט איהר? — האט דער פּרעזידענט געפרעגט.

— עדיטהא! — וואר דיער שטילער אנטוואָרט.

— מיין מוטער! — האט מרים אויסגעשריען מיט אַלע קרעפטען און האט זיך א וואָרף געטהאן צו דער כאַנע. אָה, יעצט ערקען איך דיך! דוא ביזט עס געוועזן דיא גוטע פרוי וואָס פלעגט קומען צום גאָרטען בעטען ביי מיר בלומען. ניט אומזיסט האב איך דיך געליעבט חאטש איך האב דיך ניט געקענט.

— מיין קינד! — האט עדיטהא געזאָגט מיט טרעהרען — מיין קינד, וויא האסט דוא געליטען! אָבער דיין לאָהן וועט ניט פערלאָרען געהן. דיין מוטער אנערקענט דיך פאר דער וועלט, און דיין רעכט וועט דיר געגעבען ווערען.

— און מיט וואָס קענט איהר בעווייזען, אז איהר זייט עדיטהא, דיא טאָכטער פאָן קאראראַ? — האט דער פרעזידענט פון באנק געפרעגט.

— היער!

דערביי האט זיא איהם דערלאַנגט א פעקעל דאָקומענטען, וואָס בעשטעטיגען איהרע ווערטער. דיא דאָקומענטען וואר צייגניסע פון איטאליען, און פון דעם מאָנאסטיר אין וועלכען זיא האט זיך פערשלאָסען פון דער וועלט.

אלע דאָקומענטען האבען געשטימט מיט דער בעשרייבונג אין קלעמענטאָגע בוך.

דער פרעזידענט האט זיא בעטראכט, דאַן האט ער געזאָגט:

— איך גראטוליר יעצט אויך אלעמען. אָהן דיעזע דאָקומענטען וואלט דיא ירושה געמוזט ווייטער בלייבען ליעגען אין באנק. יעצט איז אָבער אלעס פערטיג. דיא צוטהיילונג פון דאס געלד מוז אלזא געמאכט ווערען אין פיער טהייל, פאר דיא פיער יורשים וואס געפינען זיך פון דער ערשטע ליניע. דיעזע יורשים זיינען: פראנץ פאָן שטאנד, אָטטאָ פאָן שטאנד, עדיטהא פאָן קאראַרא און אטאַמאר פאָן ערלען. אָטטא שטאנד פערלירט זיין טהייל, ווייל ער זיצט אין מינכענער געפענגניס פיר שווינדעל און בעטהייליגונג אין מאָרד. זיין טהייל קומט נאַטירליך זיין ברודער פראנץ. האט איהר איינצואווענדען געגען דיעזער פערטהיילונג?

אלע האָבען געשוויעגען. אבער פראנץ איז ארויסגעטראָטען און האט געזאָגט:

— איך האב איין אנווענדונג צו מאכען. איך וויל ניט נעהמען דעם טהייל פון מיין זינדיגען ברודער, וועלכער האט פערלאָרען זיין רעכט. פערקעהרט, איך וויל פון מיין טהייל בעשטימען פאר איהם א סומע, אויף וועלכער ער זאָל קענען לעבען רוהיג, נאכדעם וויא ער וועט ארויס פון געפענגניס און וועט וועלען פיהרען איין עהרליכען לעבען. דיעזען טהייל, וואס קומט מיר, גיב איך אָפּ צו רודאלף מענצעל, דער יורש פון דער צווייטער ליניע. דיעזער רודאלף האט געמוזט ליידען פון דער

זעלבער אינטריגע וואס מיר האבען געליטען. עס וואלט געווען איין אונרעכט, ער זאל אוועק אהן א טהייל.

אלעמען איז געפעלען געוואָרען דיעזע גוטהערציגקייט און עהרליכקייט פון פראנץ שטאנד. מרים האט איהם פאר אלעמען א קוס געטהאן אין שטערען, ווייל דיא גוטהערציגקייט וואר ריכטיג נאך איהר וואונש.

אבער מעהר פון אלעמען איז עס געפעלען דער פירסטין עדיטהא. זיא איז צו איהם צוגעגאנגען און האט צו איהם געזאָגט:

— מיין זאָהן. עס איז מיין העכסטע גליק צו זעהן מיין קינד מרים אלס דיא געליעבטע פרוי פון א מאן וויא דוא. קיין אנדער גליק דארף איך ניט. געלד איז מיר איבעריג. איך האב מיין לעבען געווידמעט צום מאָנאסטיר און דאָרט וויל איך פערברענגען מיינע עלטערע יאָהרען. אלס לאהן פאר דיין גוטהערציגקייט צום יורש פון דער צווייטער ליניע, און אלס מיין נדן צו דיין הייראטה מיט מיין טאָכטער, וועלכע איז דיין קוזינע, שענק איך דיר מיין טהייל פון דער ערבשאפט, וועלכער וואלט נאך מיין טוידט זא וויא זאָ איבערגעגאנגען צו מיין קינד, מרים.

יעצט וואר דיא רייהע אן רודאָלף מענצעל צו דאנקען פראנץ'ן פאר זיין גרויסען געשאנק. אָבער רודאָלף וואר אזוי איבערראשט, דאָס ער האט נור געקענט רייבען זיין האנד און פערלירען א טרעהר.

דער מילליארד איז יעצט אויסגעצאָהלט געוואָרען. יעדער איינער פון דיא יורשים האט ערהאלטען פון באנק א בוך מיט א פיערטעל מילליארד אויף זיין נאָמען. פראנץ האט אָבער געקראָגען צוויי ביכער.

מיט לוסטיגע געזיכטער האבען אלע יעצט פערלאסען דיא באנק.

— צו דער האָכצייט! — האט באראָן פאָן ערלען קאָמענדירט, ווען זיי האבען ערוייכט דיא עקיפאזשען.

— צו וועלכער האָכצייט? — האט פראנץ געפרעגט.

— אָה, איהר ווייסט ניט? הייטע ווערט דא געפייערט דיא חתונה פון גראף אטטא פאָן פינקענשטיין מיט זיין געליעבטע פעדאָרא. זיי האָבען אויסגעקליבען לאנדאן פאר זייער היים.

— אך, זא, דער וואלד־ענגעל! — האט פראנץ געזאָגט — נו געווים. זיא האט מיך פריינדליך גענוג בעהאנדעלט, ווען זיא וואר העדוויג'ס קאמער מעדכען און איך דער אנטלאָפענער. איך מוז זיא גראטולירען אין דעם טאָג, וואס איך בין געוואָרען דער פיעלפאכער מיללאָנער און זיא דיא גליקליכע פרוי פון גראף פינקענשטיין.

אלע האבען איינגעשטימט, און דיא גאנצע געזעלשאפט איז אוועק צו דער האָבצייט.

אין דעם גרעסטען האָטעל פון לאָנדאָן, אין א זאאל וואָס ווערט געהאלטען נור פאר דיא העכסטע אריסטאָקראטען פון יענער שטאָדט איז געפייערט געוואָרען דיא האָבצייט פון וואלד־ענגעל מיט איהר געליבטען. פעדאָרא האט אויסגעזעהן איין וואָהרער ענגעל. גליק און פריעדען האט זיך אויסגעדריקט אין איהרע אויגען, וועלכע האבען אימער געקוקט אויף דעם ברויטיגאם, דער גראף אָטטאָ פאָן פינקענשטיין.

אין דעם גרויסען זאאל, צווישען אלע געסט איז ארומגעגאנגען א פאאר פאָלק. דער מאָן וואר שוין אין מיטעלע יאָהרען, אָבער דיא דאמע וואר נאך האלב־קינדיש. דער מאָן וואר דער בעקאָנטער ארנאָלד, דער ניט געגט'ער מאָן פון אדעלינא, דיא ווייב פון באראָן פאָן ערלען און זיין דאמע וואר דיא יונגע, שעהנע ערנא, וועלכע האט זיך אין איהם איינגעליבט מיט א קינדישע ליעבע.

ארנאָלד האָט געשיינט צו זיין גליקליך מיט זיין יונגע געליעבטע. אָבער דאָך אזוי שנעל וויא דיא טהירען האבען זיך געעפענט און דיא שעהנע אדעלינא איז ערשינען מיט איהר מאָן, האבען זיך אין איהם ערוועקט אלע אמאָליגע ליידענשאפטען און אויפערזוכטען. בעזאָנדערס האט ער זיך מתקנא געווען אויף דיא מיליאָנען וואס אדא וועט יעצט בעזיצען, וועהרענד ער, בלייבט איין ארימאָן.

דיא קנאה און דיא אייפערזוכט האט זיך אין איהם אזוי צושפיעלט, דאס ער האט פערלאסען דיא קאָנטראָלע איבער זיך. וויא א פערריקטער, האט ער געלאָזט שטעהן דיא שעהנע ערנא און איז צוגעגאנגען צום באראָן פאָן ערלען.

— מיט וועלכען רעכט, — האט ער קורץ און שארף געזאָגט — שפאצירט איהר ארום מיט מיין ווייב?

— מיט אייער ווייב? — האט דער באראָן איבערראשט געפרעגט.

— יא, יא, אדא איז מיין ווייב, זיא האט זיך מיט מיר קיין מאָל ניט געשיידעט. איך האב מיט איהר אויך א קינד. איך האב זיא אייך געבאָרגט, יעצט וויל איך זיא אדער א טהייל פון אייערע מיליאָנען.

דער באראָן פאָן ערלען האט ביי דיעזער ערסטע ערקלעהרונג פערשטאנען, אז עטוואס אונגעוועהנליכעס ערווארטעט איהם. ער האט ניט געוואָלט ליידען דיא עפענטליכע שאנדע און האט אויך ניט געוואָלט פערשטערען זיין פרייגדס חתונה, דארום האט ער געענטפערט אין א שטילען טאָן.

— הערר ארנאָלד. אויב איהר האט צו מיר טענות וועגען מיין ווייב, איז ניט דאָ דער פּלאַץ. ווארט ביז מאָרגען.

— ניין, מיין געדולד האט געפּלאַצט.

— דאַן קומט אין אַ הינטערסטען צימער פון האָטעל.

ביידע זיינען אוועק.

און וועהרענד אין זאאל האט מען געטאַנצט און געזונגען זיינען דיא צוויי געזעסען אין אַ הינטערסטען צימער און האבען גערעדט. ארנאָלד האָט אויסגערעדט זיין גאַנצע הארץ, ער האט ערצעהלט וויא אדא, האט איהם פערוואונדעט אין איהר האָכצייטס נאכט מיט דעם באראָן און וויא זיא האט איהם געוואָלט פערשליסען דעם מויל מיט ערנא׳ס ליעבע. ער האט פאר איהם ערצעהלט אדא׳ס גאנצע ביאָגראַפיע און האט אָנגעוויזען דיא קוועלען, וואו דער באראָן קען דאס אויסגעפינען. דיא הויפּט קוועלע איז נאַטירליך געוועזען ביי אָפּענהיימער, וועלכער זיצט יעצט אין געפענגניס פאר דעם גרויסען ירושה שווינדעל.

ווען דיא רייד זיינען געקומען צו איין ענדע, זיינען ביידע ווידער אריין אין זאאל. אדא האט געטאַנצט מיט איינינע הערען. זיא האט זיך ניט געלאַנגווייליט אָהן איהר מאַן. אָבער ערנא איז געוועזען אליין און פערלאַסען.

באראָן פאָן ערלען האט אויפגעזוכט זיין ווייב.

— אדא, — האט ער צו איהר געזאָגט אין דער שטיל — פערלאָס זאָפאָרט דעם זאאל. זאָג, אז דוא ביזט קראנק און פאָהר אוועק. מיך זאָלסט דוא מעהר אין דיין לעבען ניט זעהן. איך וויים אלעס.

— אלעס? — האט זיא געפרעגט און איז געוואָרען בלייך.

— יא, אלעס. ארנאָלד האט מיר ענטדעקט דיא געהיימניסע. דוא ביסט ניט מיין ווייב. אום אויסצומיידען א סקאנדאל פאר אונז ביידען, גיב איך דיר א געוויסע סומע און דוא ווער קראנק. פאָהר אוועק אין אמעריקא און בלייב דאָרט אייביג. דוא ווייסט אליין, אז א סקאנדאל וועט דיר קאָסטען דיין פרייהייט. אָבער מאך עס שנעל, דען ארנאָלד וויל דיך טוידטען.

— טוידטען? — האט זיא געפרעגט און האט זיך אָנגעלעהנט אן א שטוהל — אָה, איך פיהל ניט גוט! איך בין קראנק, פיהרט מיך ארויס, איך פאל אין אנמאכט.

זיא האט באלד גענומען שפּיעלען דיא קאָמעדיע. אלע האָבען געגלויבט, אז זיא איז קראנק געוואָרען און דארום האט זיא פערלאַסען דעם האָטעל.

דיא חתונה איז ווידער פאָרטגעזעצט געוואָרען מיט דער זעלבער לוסטיגקייט.

נור צוויי וואָרען טרויעריג. באראָן אטטאָמאר פאָן ערלען און זיין פערוואונדעטע

ערנא, וועלכע האט ניט געוואוסט, וואס מיט איהר געליעבטען ארנאלד איז געשעהן. ער איז אויף א ווילע ארוים פון זאאל און איז מעהר ניט געקומען.

אין איינינע טעג ארום האט זיא דאס געהיימניס ערפאהרען. באראן פאן ערלען האט איהר פערטרויט דעם סוד, דאס ער האט איהם געגעבען א געוויסע סומע געלד ער זאל אוועק מיט זיין ווייב, אדעלינא נאך אמעריקא.

דיעזע סצענע ביי דער חתונה איז געווען דער לעצטער שאטען אויף דעם גליק פון דער גאנצער פאמיליע. אלע וואס האבען געירשנ'ט דעם מילליארד לעבען נאך יעצט גליקליך און צופריעדען און לאזען אויף דער וועלט געניסען פון זייער רייכטהום. פראנץ שטאנד און זיין פרוי מרים זיינען יעצט בעריהמטע פילאנטראפען. מרים פערברענגט איהר גאנצע צייט צו פערבעסערען דיא לאגע פון דיא פאבריק־מעדכען און פראנץ צו העלפען דיא געפאנגענע. באראן פאן ערלען האט ארויסגענומען פון געריכט א שיידונג פון זיין ערסטע פרוי און האט געהייראטה מיט זיין פערוואנדטע ערנא, וויא עס וואר שוין לאנג דער וואונש פון זיין אנקעל. און רודאלף מענצעל איז געבליעבען איין אונפערהייראטהער. זיין גאנצעס געלד פערשווענדעט ער צו לערנען יונגע לייט מאראל און רעספעקט פאר דעם פאמיליען־פריעדען וואס ער אליין האט אין דער יוגענד ניט געאכטעט.

אלע וואס וואַרען פערבונדען אין דער אינטריגע צו בערויבען דיא מילליארדעז זיצען אין געפענגניס. פאול ראדאו איז געשטארבען אויפ'ן עשאפאט און דיא גרעפין פאן מעהרען זיצט אין א משוגעים הויז.

דער אלטער קלעמענס ווערט פון מרים'ן געהאלטען וויא א פאטער און דער דעטעקטיוו זענדינג און קרימינאל קאמיסאר ווינטער, פיהרען יעצט דיא גרויסע אונטערנעהמונגען פון פראנץ שטאנד'ס מיליאנען.

דיא גערעכטיגקייט האט געזיעגט, דיא אונגערעכטע זיינען געפאלען. פאר אומזיסטע ליידען איז געקומען דיא פערדיענטע גליקזעליגקייט.

ע נ ד ע.

ראטהשילד.

א בעשרייבונג פון ר׳ מאיר אַנשעל ראָטהשילד אויס פראַנקפורט, וועלכער איז געוועזן דער פאטער פון דער איבעראַל בעוואוסטע רייכע פאַמיליע ראָטהשילד.

— פון נ. מ. שייקעוויטש. —

כמעט יעדער איד האט געהערט, אז דיא בעריהמטע פאמיליע ראָטהשילד איז דיא רייכסטע אין דער גאנצער וועלט, אָבער זעהר וועניג ווייסען וויא אזוי זייא זיינען געקומען צו אזא אונגעהייער רייכטהום.

אין דיעזען בוך ווירד ערצעהלט אלעס גענוי אונד פינקטליך וויא

ר׳ מאיר אנשיל ראטהשילד,

דער גרינדער פון דיא באנק־הייזער ראָטהשילד, א בית־המדרש איננעל האט זיך דורך פלייס אונד ארבייט, אונד איבערהויפט דורך עהרליכקייט זיך ארויפגעארבייט אויף א רייכע באנק־הויז, אונד איז ענדליך געוואָרען דיא רייכסטע באנק־געשעפט אין דער וועלט.

יעדער איד וואס אינטערעסירט זיך צו וויסען דיא געשיכטע פון זיין פאָלק, דארף דיעזען בוך לעזען, ווייל אויסער וואס זיא איז זעהר שפאנענד אונד אינטערעסאנט, איז זיא אויך בעלעהרענד אונד דערצעהלט אייך א שטיק אידישע געשיכטע וואס מיט אידען האט פאסירט צו יענער צייט.

דאס בוך ראָטהשילד איז פול מיט דיא מערקווירדינסטע אונד איבערראשענדע פאסירונגען אונד צייגט אייך דעם קאמפף פון עהרליכקייט געגען פערדאָרבענהייט, פון מאָראל געגען אויסגעלאסענהייט אונד איז נור דורך עהרליכקייט אונד דערבייא פלייס אונד ארבייט קען מען קומען צו דעם לייטער פון הצלחה.

פרייז 10 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען און צייטונג־סטענדס, וויא אויך בייא

HEBREW PUBLISHING CO., 50-52 Eldridge St., New York.

הערמאַלין׳ס זשורנאַליסטישע שריפטען (עדיטאָריאלס)

אַן אויסוואַהל פון די בעסטע צייטונגס אַרטיקלען, וועלכע מר. הערמאַלין האָט געשריעבען אין די לעצטע עטליכע יאָהר.

הערמאַלין׳ס „זשורנאַליסטישע שריפטען" זיינען זעהר אינטערעסאַנט און בעלעהרענד, און יעדער איינער דאַרף עס ניט פערפעהלען צו לעזען.

הערמאַלין׳ס „זשורנאַליסטישע שריפטען" זיינען איינגעטהיילט אין ...ינף אָבטהיילונגען און בעהאַנדלען די פאָלגענדע געגענשטענדע.

אידען און אידישקייט.
פרויען און מענש.
עלטערן און קינדער.
איבער דעם מענשען׳ס אויפפיהרונג.
דאָס לעבען אין בילדער.

הערמאַלין׳ס „זשורנאַליסטישע שריפטען" ענטהאַלט 510 זייטען און איז זעהר שעהן געדרוקט און פיין געבונדען.

פרייז בלויז 75 סענט

(פּאָרטא פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
50-52 Eldridge St., New York.

ל. קאָבּרין'ס שריפטען

זיינע בעסטע ערצעהלונגען און בילדער פון דעם אידישען לעבען
אין רוסלאנד און אין אמעריקא, צוזאמענגעקליבען און ארויסגעגעבען
אין א גרויסע סייז בוך־פאָרם וועלכע ענטהאלט ביינאהע

1000 פיידזשעס

איינגעטהיילט אין די פאָלגענדע טהיילען:

1 ליעבע
2 פאמיליען־לעבען
3 פון אידישען קינסטלער־לעבען
4 צייט און מענשען
5 קאָמישעס
6 פערשיעדענעס.

דאס בוך איז שעהן געדרוקט
און פראכטפאָל געבונדען.

פרייז בלויז $1.50

(פאָרטא פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

זט איז ערשיענען פון דרוק דער בעריהמטער ראמאן

פריהלינג שטראמען

— פון —

א. טורגעניעוו

איבערזעצט פון לעאן קאברין

„פריהלינג שטראמען” איז איינע פון די בעסטע ווערק וואס דער גרויסער רוסישער שרייבער א. טורגעניעוו האט געשאפען. אין דיעזע ווערק גיט ער אונז א בילד פון איין עלטערען אונפערהייראטען מאן, וועלכער בערייעט זיין אויסגעלאסענעם און פרייליכען לעבען אין דער יוגענד; ערשאינערונגען קומען איהם אין קאפ אזוי ווי פריהלינג-שטראמען, זיי לאזען איהם ניט רוהען און פערפאלגען איהם ווי שווארצע שאטענס, ער דערמאהנט זיך ווי ער האט אמאל געלעבט, געליעבט און האט געקענט פיהרען א גליקליכען פאמיליען-לעבען און האט עס אליין צושטערט און פערניכטעט צוליעב זיינע דומע און רייצענדע פאנטאזיעס. אט דיעזע געדאנקען דערטרינקט ער אין בערוישענדע געטרענקע.

„פריהלינג-שטראמען” איז א מייסטערהאפטע שילדערונג. איהר זעהט ווי אין א שפיגעל אלעס וואס די ריינע פאנטאזיע פון פערפאסער האט געוואלט ארויסברייננגען, און איהר ווערט בעגייסטערט לעזענדיג.

„פריהלינג שטראמען” איז געדרוקט אויף א שעהנעם פאפיער און געפאסט אין א פראכטפאלען קאווער.

פרייז: בראשירט 25 סענט, געבונדען 40 סענט.

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

טוביה חייקעל שלים־מזל.

א בוך פול מיט הומאר.

פון א. ד. אגוז.

דער פערפאסער פון „חנה פעסיל'ס מענה־לשון", האט אונז יעצט מזכה געווען מיט א נייע ווערק וועלכע הייסט „טוביה חייקעל שלים־מזל". אין דיעזע ווערק גיט ער אונז א טיפ פון א רוהיגען און געלאסענעם מענשען, וועלכער איז צופריעדען מיט גאָט'ס וועלטעל און מיט אַלעס וואס אויף איהר איז, און אויף אלע אונגליקען און פורעניות'ן וואס אויף איהם קומט, זאגט ער „גם זו לטובה". ער שרעקט זיך פאר קיין זאך ניט אָפּ און ווערט אויך פון קיין זאך ניט איבערראשט; ער קוקט אויף אלעס גלייכגילטיג, ער איז ניט פערזאָרגט און ניט פערהאַוועט, ער איז ניט קיין אָץ להעשיר, ער וויל ניט נעהמען דאס גליק מיט גוואלד, ער טהוט זיין ארבייט און פיהרט זיין ביזנעס גאנץ געלאסען, טרייעט זיין בעסט אויף א נאטירליכען וועג צו מאכען אַן ערפאָלג, און ווען עס געהט שלים־מזל'דיג ווערט ער ניט פערצווייפעלט און זוכט עפּעס אנדערש. ביי איהם איז ניט דאס, איז יענעס, איז ניט היינט, איז מארגען, איז ניט היי־יאהר, איז איבער א יאָהר. ער גיט קיין מאָהל זיין האפנונג ניט אויף.

„טוביה חייקעל שלים־מזל"

האט זיין נאמען „שלים־מזל" כשר פערדיענט, ווייל ער איז נעבאך א שלים־מזל פיעלייכט אייגער אין דער וועלט, עס איז גאר זיין גלייכען ניטאָ. צו וואס ער נעהמט זיך און וואס ער טהוט און עס דוכט זיך אז אָט, אָט ווערט ער שוין אַן עושר, לאזט זיך דערפון אוים א בוידעם, ער טהוט — דוכט זיך — גלייך און עס לאָזט זיך אוים קרום, עס פאלט אלעס ביי איהם מיט די פוטער אראָפּ.

„טוביה חייקעל שלים־מזל"

איז א בוך פול מיט הומאָר און וויטץ, אבער אין דער זעלבער צייט איז דאָס אויך א קריטיק איבער אונזערע איינגעוואנדערטע ברידער, וועלכע האפּען זיך אלע וויילע צו אנדערע פרנסות.

קויפט און לעזט דיעזען בוך און איהר וועט זיך גוט אמוזירען, אויב איהר האט הנאָה געהאט פון דעם פערפאסערס ערשטען בוך „חנה פעסיל'ס מענה־לשון", וועט איהר יעצט מעהר הנאה האבען פון זיין צווייטען בוך „טוביה חייקעל שלים־מזל".

פרייז 30 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען ווי אויך ביי די פערלעגער:

50-52 Eldridge St., New York

דער אשמדאי

— פון —

לעאניד אנדרעיעוו

איבערזעצט פון מ. קאטץ.

דיזע דראַמאַ איז די גרעסטע קונסט־ווערק וואָס איז בעשאפען נע־
וואָרען אין דיזען יאהר־הונדערט. עס איז אַ ווערק צו לערנען און שטודי־
רען ערהאַבענע געדאַנקען, פילאָזאָפישע אָבהאַנדלונגען און אירדישע נ־
גונגען, און אַלעס איז ווי מיט אַ שלייער פערדעקט אום דער לעזער אָדער
דער צושויער זאָל ניט מיט אַמאָל פערבלענדעט ווערען פון די גלענצענדע
און שטראַהלענדע הערליכקייט וואָס ליענט אין דיזער ווערק.

דער אשמדאי ויעט פון אָנפאַנג פיר דעם לעזער זיין אַביסעל
שווער צו פערשטעהן אָבער אז ער וועט האָבען דורכגעלעזען די ערשטע
סצענעס פאָרזיכטיג וועט ער דאַן שטופּענווייז אָנפאַנגען צו פערשטעהן
און בעגרייפען די גוואַלדיגע קונסט און קריטיק וואָס ליענט בעהאַלטען
אין דיזער ווערק, און אַזוי ווי אַ מאַגנעטישע קראַפט וועט איהם ציהען צו
לעזען אַלץ ווייטער און ווייטער צו דערגרייכען די טיעפסטע געדאַנקען
וואָס דער פערפאַסער האָט געוואָלט דורכפיהרען.

דער אשמדאי איז ערשט מיט אַ יאָהר צוריק ערשיענען פון
פערפאַסער'ס פעדער און אין דיזער קורצער צייט איז עס שוין איבער־
זעצט געוואָרען אין אַלע וועלט־שפּראַכען און האָט געמאַכט די גרעסטע
סענסיישאַן אין אַלע וועלט טהעאַטערן, עס איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין
די גרעסטע טהעאַטער־טעמפּלען און איבעראַל האָט עס געמאַכט דעם
גרעסטען ערפאָלג.

דער אשמדאי וועט אויך קירצליך אויפגעפיהרט ווערען אויף
דער אידישער בּיהנע פון די ל י פ צ י ן ט ה ע א ט ע ר ק אָ מ פּ א נ י
און וועט אויך זיכער האָבען דעם זעלבען ערפאָלג.

דער אשמדאי איז פיין געדרוקט אויף אַ שעהנעם פּאַפּיער און
נעפּאַסט אין אַ פּראַכטפאָלען קאָווער.

פּרייז 25 סענט.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

געקליבענע שריפטען

— פון —

אַנטאָן טשעכאָוו

איבערזעצט פון לעאָן קאָברין

אין 4 פראַכטפאָלע בענדער

אינהאלט פערצייכניס פון די פיער בענדער:

1טער באַנד

1. די נקמה.
2. וואָס אַן אַנגעקלאָגטער האָט דערצעהלט.
3. אַ בעקאַנטער מאַנספּאַרשוין.
4. אַ גליקליכער מענש.
5. אַ רפואה געגען שכרות.
6. אַ טהעאַטער דירעקטאָר אונטער אַ זאָפע
7. די ענגלענדערין.
8. דער אויסרופונגס־צייכען.
9. דער רעדנער.
10. אַ קונסט־ווערק.
11. דער נצחון פון אַ זיעגער.
12. דער ממזר.
13. אַן עלענדע בעשעפניס.
14. אַ טהייערער קינד.
15. אויס די שריפטען פון אַ אויפּ־גערעגטען מענשען.
16. זומער געסט.
17. אַ רעטהזעלהאַפטע נאַטור.
18. דער טוידט פון אַ בעאַמטען.
19. די מכשפה.
20. נערוועז.
21. דאָס איז געווען זי.
22. איבערגעזאַלצען.
23. איבעריגע מענשען.
24. דער שלעכטער אינגעל.
25. אַ מעשה מיט אַ שוהל־אינגעל.
26. אַ שריפטשטעלער.
27. אַן אונגעוועהנליכער מענש.
28. דער קרומער שפּיעגעל.
29. אַ פאַמיליען־פאָטער.
30. אַ גוטער סוף.
31. אין באָד 1.
32. אין באָד 2.
33. דאָס לעזען.
34. דער ערשטער ליעבהאָבער.
35. די פּאַסירונג.
36. דער פּאַססאַזשיר פון דעם ער־שטען קלאַס.
37. אונפאָרזיכטיגקייט.
38. דער קלוגער וועכטער.
39. די שטיוועל.

2טער באנד

1. דער אנטלאָפענער.
2. א בלבול.
3. פינסטערניש.
4. לעבעדיגע סמנים.
5. דעם קאפיטאַן'ס יוניפאָרם.
6. דער מאַן.
7. די פאלאטע נומער זעקס.
8. אַן אונגליק.
9. די אַרומשפּרינגערקע.
10. אריאדנא
11. גנבים
12. נו, פובליקום !

3טער באנד

1. די ליידענדע
2. די דאמען
3. אין דער פּאָסט אבטהיילונג
4. ביים בארבער
5. דער שפיעגעל
6. די שכנים
7. דער אונטערזוכונגס־ריכטער
8. שונאים
9. די דאמע מיט'ן הינטעל
10. א צרה
11. ווייבער
12. א פאל פון פראקטיק
13. וואָלאָדיא דער גרויסער און וואָלאָדיא דער קליינער
14. שטארקע געפיהלען
15. שווערע מענשען
16. אננא אויף דער האלדז
17. א נערוועזער אָנפאל
18. קלייניגקייטען פון לעבען

4טער באנד

1. וואינקא
2. שלאָפען ווילט זיך
3. אניוטא
4. וואָס זי האָט דערצעהלט
5. דער געבורטס־טאָג
6. די פויערים
7. וואלאדיא
8. נשמה'ניו
9. אָהן א נאָמען
10. דער פאָטער
11. קעסטניקעס
12. די אפטהעקערקע
13. דאָס ווייב
14. די מוהמע
15. די כאָריסטקע
16. די פארבלאָנדזשעטע
17. בענקעניש
18. אגרעסען

פרייז בלויז 2 דאלאר

(פּאָרטא פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., NewYork.

געקליבענע שריפטען

פון דעם גרעסטען דייטשען דיכטער

י. וו. געטהע

אין פיער פראכטפאלע בענדער.

ענטהאלטען פאלגענדע ווערקע:

1. געטהע׳ס ביאגראפיע.
2. ווערטהער׳ס ליידען.
3. דאס מערכען.
4. פאוסט.
5. עגמאנט.
6. די משוגעת פון א פער־ליעבטען.
7. די וועטטע.
8. געטץ פון בערליכענגען מיט דער אייזערנער האנד.
9. קלאוויגא.
10. דער בירגער גענעראל.
11. די אויפגערעגטע.

געטהע׳ס ווערק זיינען די פערל פון דער וועלט־ליטעראטור. עס איז כמעט ניטא א שפראך אין וועלכער עס זאל ניט זיין איבערזעצט געטהע׳ס ווערק און עס איז אויך ניטא איין ציוויליזירטער מענש, וואס זאל ניט האבען געלעזען געטהע׳ס ווערק.

געטהע׳ס גרויסקייט ליעגט אין דעם, וואס זיינע טיפען און בילדער זיינען פול מיט פילאזאפישע געדאנקען און ערהאבענע אידעען.

געטהע האט געהאט בכח אריינצודרינגען אין די טיעפעניש פון דער מענשליכער נשמה און מאהלען אזעלכע בילדער, וועלכע זאלען מאכען א גרויסען איינפלוס אויף דער מענשליכער געזעלשאפט.

די 4 בענדער געקליבענע שריפטען פון י. געטהע

וועלכע מיר האבען יעצט ארויסגעגעבען אין אידיש, זיינען די בעסטע, וועלכע זיינען ארויס פון זיין פעדער און וועלכע האבען צו יענער צייט, ווען זיי זיינען ערשיענען, אויפגעשטורעמט די גאנצע וועלט.

פרייז בלויז 2 דאלאר

(פארטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

א פראכט אויסגאבע פון

גראף לעאָ טאָלסטאָי'ס

געוועהלטע ווערקע

אין צוויי דיקע פראכטפאלע בענדער.

ענטהאלטען פאלגענדע ווערקע:

1. טאָלסטאָי'ס ביאָגראפיע.
2. די קרייצער סאָנאטא.
3. איך און מיין מאַן.
4. מיין פריינד'ס פרוי.
5. איוואַן איליאיטש'עס טויט.
6. צוויי דורות.
7. פאָליקושקא.
8. אננא קארענינא.
9. דער נסיון.
10. די פערפיהרונג.
11. איוואַן דער נאר.
12. מיין ווידוי.
13. קריעג און פריעדען.

גראף טאָלסטאָי איז געווען דער גרעסטער רוסישער שרייבער און זיינע ווערק זיינען איבערזעצט געוואָרען אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען און זיינען איבעראַל פערקויפט געוואָרען אין די מיליאָנען; עס איז כמעט ניטאָ איין ציוויליזירטער מענש, וואָס זאָל ניט האָבען געלעזען טאָלסטאָי'ס ווערק.

טאָלסטאָי'ס גרויסקייט ליעגט אין דעם, וואָס ער גיט איבער זיינע הויכע אידעאַלען און פילאָזאָפישע געדאנקען אין אינטערעסאַנטע און שפּאַנענדע ראָמאַנען. און אז מען לעזט זיינעם א ראָמאַן איז אויסער וואָס מען איז זעהר שטאַרק פעראינטערעסירט אין די ערצעהלונג, לערנט מען אויך דערביי פיעלעס וועגען געוויסע פראגען אין לעבען.

טאָלסטאָי'ס געוועהלטע ווערק זיינען געדרוקט אויף טהייערען פּאַפּיער און פראַכטפאָל געבונדען.

א פראכט־אויסגאַבע פון „טאָלסטאָי'ס געוועהלטע ווערק" אין אידיש איז א ציערונג צו האָבען אין הויז.

פרייז בלויז 2 דאלאַר

(פּאָרטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.